STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05590

DER IDISHER VELT-ALMANAKH

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דער אידישער

וועלט־אלמאנאך

1926

יאהר־בוך פאר סאציאליסטישער, אידישער און אלגעמיינער
געשיכטע, סטאטיסטיק און אינפארמאציע

צוזאמענגעשטעלט און רעדאקטירט פון
ד. שוב

THE

JEWISH WORLD ALMANAC

A YEAR BOOK OF VALUABLE INFORMATION, CHRONOLOGY AND STATISTICS

Edited by D. SHUB

Published by
FARLAG "WECKER"
175 East Broadway, New York, N. Y.

Copyright 1926
by Verlag "Wecker"

200
אפ-טו-דייט פרינטינג קא., 195 קאנאל סטריט, ניו יארק.

די

אַמאַלגאַמייטעד באַנק

אין אַ נייער היים

מיר לאַדען איין אלע אונזערע פריינד און סימפאַטייזערס פון דער ארבעטער באוועגונג צו באַזוכען אונזער נייע, פיל-פארגרעסערטע באַנק וואָס זיי האָבען געהאָלפען שאַפען און זעהן וואס פאר א שעהנע, באקוועמע מאָדערנע פינאַנס-אינסטיטוציע די אַמאַלגאַמייטעד האָט אויפגעבויט.

דאָס אריבערקלייבען זיך פון דער „אמאלגאמייטעד באנק” אין דער נייער גרויסער בילדינג אויף יוניאָן סקווער, איז א סימן פון דעם גרויסען ערפאָלג פון דער באנק וואס די ארבייטער באוועגונג האָט געשאַפען, און וואָס האָט געוואונען דעם צוטרויען פון אלעמען.

11-15
יוניאַן
סקווער
קאָר. 15טע סט.
(וועסט סייד פון
יוניאָן סקוועור)

נאָהענט צו זיבען מיליאָן דאָלאַר דעפּאָזיטס

אין די קנאפע דריי יאָהר פון איהר עקזיסטענץ האָט די „אמאלגאמייטעד באנק” אריינגענומען נאָהענט צו 7 מיליאָן דאָלאַר דעפּאָזיטס — א זעלטענער רעקאָרד, וואָס ווערט באוואונדערט אין אלע פינאנס-קרייזען. די ארבייטער באוועגונג קען אָנווייזען מיט שטאָלץ אויף דיזען קאָלאָסאלען ע ר פ אָ ל ג.

15 מיליאָן דאָלאַר

אַריבערגעשיקט קיין רוסלאנד, פוילען, ליטע, לאטוויאַ און אז. וו.

די „אַמאַלגאמייטעד באנק” האָט אריבערגעשיקט אין דריי יאָהר צייט 15 מיליאָן דאָלאר קיין אייראפּא און אַנדערע וועלט טיילען מיט דער גרעסטער שנעלקייט און פּינקטליכקייט און געצאָהלט אין אמעריקאנער דאָלארס. גרויסע אמעריקאנער בענק האָבען זיך באַנוצט מיט דער אַמאַלגאַמייטעד באנק” אויף אריבערצושיקען געלט קיין רוסלאנד.

אונזער 4% אָפּטיילונג

נאָהענט 10 טויזענד דעפּאָזיטאָרס שפּאָרען זייער געלט אין דיזער אָפּטיילונג.

אין דער נייער היים וועט די שעהנערע, גרעסערע און באקוועמערע „אַמאַלגאמייטעד באנק” נאָך מעהר קענען דורכפיהרען איהר אויפגאבע צו היטען די אינטערעסען פון די טויזענטער פריינד און צו פארוואלטען געטריי און עהרליך די שווער אָפּגעשפּאָרטע געלדער פון די פאָלקסמאסען.

THE AMALGAMATED BANK

11-15 UNION SQUARE, cor. 15th Street, NEW YORK CITY
(West Side of Union Square)

ווערט א שטענדיגער סובסקרייבער פון

„וועקער"

דער „וועקער" איז דער וועכענטליכער אָפיציעלער אָרגאַן פון דעם אידישען סאָציאַ-ליסטישען פאַרבאַנד, די איינציגע וועכענטליכע סאָציאַליסטישע צייטונג אין אַמעריקא.

אין „וועקער" באַטייליגען זיך אלס שטענדיגע מיט-אַרבייטער די בעסטע סאָציאַליסטישע שריפטשטעלער פון אייראָפּע און פון די פאַראייניגטע שטאַטען.

דער „וועקער" דרוקט יעדע וואָך ארטיקלען וועגען די וויכטיגסטע פּאסירונגען אין דער אידישער ווי ניט-אידישער ארבייטער באַוועגונג פון די פאַראייניגטע שטאַטען.

אין „וועקער" געפינט איהר יעדע וואך אַן אויספיהר-ליכען איבערבליק איבער דער סאָציאַ-ליסטישער, קאָמוניסטישער און טרייד-יוניאָניסטישער באַוועגונג אין דער גאַנצער וועלט.

אין פאַרלויף פון לעצטען יאָהר זיינען, צווישען אנדערע, ערשינען אין „וועקער" ארטיקלען און קאָרעספּאָנדענצען פון:

דוד איינהאָרן, ר. אַבראַמאָוויטש, דזשיימס אָ'ניעל, ס. איוואַנאָוויטש, מ. איוועגסקי, עדוארד בערנשטיין, ב. באָטווינִיק, פּ. גארווי, מאָרים הילקוויט, ש. הורוויץ, ב. וולאדעק, י. וויליאצער, ב. וויינשטיין, מאָרים זיסקינד, נ. כאַנין, ה. לאנג, ק. לעמבערג, יעקב לעשצינסקי, א. ליטוואק, ב. מיימאָן, דוד מייער, ס. סאָלאָ-וויטשיק, ל. פאָגעלמאַן, ב. פייגענבוים, א. פעלדמאַן, אב. קאַהאַן, קאַרל קאָוטסקי, אַלעקסאַנדער קאַהן, ד. שוב, דר. י. שאַצקי, א. שאַפּראנאָוויטש, און אַנד.

דער סובסקריפּשאָן פּרייז פון „וועקער":

$2.50 אַ יאָהר ; $1.25 פאר 6 מאָנאַטען.

אדרעס פון רעדאַקציע:

„דער וועקער", 175 א. בראָדוויי, ניו יאָרק

אינהאַלט־פאַרצייכניס

פאָרוואָרט — — — — — — — — — — — — — — — — 7

וועלט־קאַלענדאַר — — — — — — — — — — — — — — 9

וויכטיגע דאַטען פון דער סאָציאַליסטישער, אידישער און אַלגעמיינער געשיכטע
טאָג פאַר טאָג)

די וועלט און די מענשהייט — — — — — — — — — — — 25

(וואַסער און יבשה. — די טיילען פון דער וועלט. — פלאַכלענדער און הויכלענדער.—
די אָקעאַנען און ימים. — די גרעסטע ים־דורכגוסען. — די גרעסטע אָזיערעס. —
די גרעסטע אינזלען. — די גרעסטע האַלב־אינזלען. — די העכסטע שפּיצען פון די
וויכטיגסטע בערג־קייטען. — די וויכטיגסטע טייכען. — די באַפעלקערונג פון ערד־
קוגעל לויט די ראַסען, שבטים, גרופּירונגען און פעלקער. — די מלוכות, זייער שטח
און באַפעלקערונג. — די גרעסטע שטעדט אין דער וועלט. — די רייכטום פון דער
גאַנצער וועלט פאַר דער מלחמה. — שטעדט אין די אַלטע צייטען. — די שטעדט
אין מיטעלאַלטער)

דאָס יאָהר 1925.

(איבערזיכטען)

הלל ראָגאָף. — די פאַראייניגטע שטאַטען — — — — — — — — — 37

ס. סאָלאָווייטשיק. — וואוהין געהט אייראָפּע — — — — — — — — 43

יעקב לעשצינסקי. — דאָס אידישע לעבען אין אייראָפּע אין יאָהר 1925 — — 51

ל. פאָגעלמאַן. — דאָס אידישע לעבען אין די פאַראייניגטע שטאַטען אין יאָהר
1925 — — — — — — — — — — — — — — — — — 67

ה. לאַנג. — מיט וויליאַם גרין ביים רודער — — — — — — — — — 74

(די אַמעריקאַנער אַרבייטער באַוועגונג אין יאָהר 1925)

וויליאַם מ. פייגענבוים. — די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי אין יאָהר 1925 — — 89

י. באַסקין. — דער אַרבייטער רינג היינט צו טאָג — — — — — — — — 93

א. ליטוואַק. — די אידישע ליטעראַטור אין יאָהר 1925 — — — — — — 99

יעקב רייך. — די אידישע יוניאָנס אין 1925 — — — — — — — — — 107

ב. באָטווינִיק. — דער אידישער טעאַטער אין דעם סיזאָן 1925—1926 — — 115

נ. כאַנין. — דער אידישער סאָציאַליסטישער פאַרבאַנד אין יאָהר 1925 — — 120

ס. איוואַנאָוויטש. — די קאָמוניסטישע באַוועגונג אין אייראָפּע און אין אַמעריקא 126

די גרויס פון די אַרמייען אין פאַרשידענע לענדער אין 1925 — — — — — — 136

ר. אַבראַמאָוויטש. — אַכט יאָהר באָלשעוויסטישע רעוואָלוציע — — — — — 137

קאַרל קאָוטסקי. — דער ערשטער סאָציאַליסטישער אינטערנאַציאָנאַל — — 154

עמיל וואַנדערוועלדע. — דער צווייטער אינטערנאַציאָנאַל — — — — — 159

פרידריך אַדלער.—דער נייער סאָציאַליסטישער אַרבייטער אינטערנאַציאָנאַל — 165

דער סאָציאַליזם און דער קאָמוניזם אין ציפערען — — — — — — — — 168

(די צאָהל מיטגלידער פון די פּאַרטייען אין אַלע לענדער, די צאָהל שטימען וואָס זיי
האָבן באַקומען אין די לעצטע וואַהלען און די צאַל דעפּוטאַטען אין די פּאַרלאַמענטען)

די צאָהל אַרבייטער וואָס זיינען אָרגאַניזירט אין טרייד־יוניאָנס פון פאַרשידענע ריכטונגען אין אַלע לענדער — 177
די אַמעריקאַן פעדערייששאָן אָוו לייבאָר אין ציפערען — 181
ק. אַבערוטשעוו. — די קאָאָפּעראַטיווע באַוועגונג אין אייראָפּע און אין אַמעריקע — 183
די צאָהל אידען אין דער גאַנצער וועלט אין יאָהר 1925 — 192
דר. יעקב שאַצקי. — די געשיכטע פון דער אידישער קאָלאָניזאַציע אין רוסלאַנד — 193
דוד מייער. — די אידישען שולען אין אייראָפּע — 205
חיים קאַנטאָראָוויטש — אידישע ערציהונג אין אַמעריקא — 213
וואָס די אַמעריקאַנער אידען האָבען געטאָן פאַר די נויטליידענדע אידען פון יענער זייט ים — 221
די אידישע אַרבייטער באַוועגונג אין פּאַלעסטינע — 223
ווער האָט ענדעקט אַמעריקע — 229
די פאַראייניגטע שטאַטען — 234
(דער שטח און די באַפעלקערונג פון די באַזונדערע שטאַטען און די נעמען פון זייערע הויפּט־שטעדט. — די באַפעלקערונג פון די גרויסע אַמעריקאַנער שטעדט אין יאָהר 1925. — די ווייטקייט צווישען די אַמעריקאַנער גרויסע שטעדט. — די פּרעזידענטען פון די פאַראייניגטע שטאַטען. — די פּרעזידענט־וואַהלען אין די פאַראייניגטע שטאַטען. — געזעצליכע יום־טובים אין די פאַראייניגטע שטאַטען)
מ. איוועגסקי. — דער עקאָנאָמישער צושטאַנד פון די פאַראייניגטע שטאַטען — 242
א. פעלדמאַן. — קונסט אין די פאַראייניגטע שטאַטען — 253
די וויכטיגסטע אימיגראַנטען־גרופּען אין די פאַראייניגטע שטאַטען — 265
(זייער צאָהל, זייער ראָלע אין עקאָנאָמישען און געזעלשאַפטליכען לעבען פון לאַנד און וואו זיי געפינען זיך)
די וויכטיגסטע אַמעריקאַנער אינדוסטריען — 278
(זייער פאַרמעגן, די צאָל אַרבייטער, וואָס זיי באַשעפטיגען און וואו זיי געפינען זיך)
די פּאָליטישע און סאָציאַלע לאַגע פון פרויען אין די פאַראייניגטע שטאַטען 290
(דער קאַמף פאַר פרויען־שטימרעכט. — פרויען אין אינדוסטריע און פּראָפעסיעס. — שוץ פאַר אַרבייטערינען. — די אַרבייטס־שטונדען פאַר פרויען)
די קוואָטאַס פאַר'ן יאָהר 1926 — 296
(וויפיל עמיגראַנטען פון יעדען לאַנד קענען אַריינקומען אין די פאַראייניגטע שטאַטען)
ווי אַזוי אַראָפּצוברענגען קרובים אין אַמעריקע? — 297
(די וויכטיגסטע פונקטען פון אימיגראַציאָנס־געזעץ מיט אַלע נויטיגע ערקלערונגען)
ס. פּ. קרעמער. — ווי צו ווערען אַן אַמעריקאַנער סיטיזען — 302
(אַלע נויטיגע אינפאָרמאַציעס און די פראַגען און אַנטוואָרטען, וואָס מען שטעלט יעדען וואָס וויל ווערען אַ בירגער)
קליינער ענציקלאָפּעדישער ווערטער־בוך — 315
אידישע אָרגאַניזאַציעס אין די פאַראייניגטע שטאַטען מיט אָפּטיילונגען איבער'ן לאַנד און וואו זיי געפינען זיך — 335
מעדיקאַל דעפּאַרטמענט פון אַרבייטער רינג — 339
דירעקטאָרי פון אַרבייטער רינג ברענטשעס — 341
דירעקטאָרי פון אידישע אַקטיאָרען און קינסטלער — 347
דירעקטאָרי פון אידישע יוניאָנס — 370
דירעקטאָרי פון „פאַרבאַנד" ברענטשעס — 377
דאָס לעבען אויף די פּלאַנעטען — 388
אַנאָנסען.

פֿאָרוואָרט

צוליב אַ רייהע טעכנישע אורזאַכען, וואָס זיינען ניט געווען אָפּהענגיג פון דער רעדאַקציע, ערשיינט דער „אידישער וועלט־אַלמאַנאַך" מיט צוויי מאָנאַטען שפּעטער, ווי ער האָט געזאָלט ערשיינען. דער באַשלוס ארויסצוגעבען דעם אַלמאַנאַך איז אָנגענומען געוואָרען פון דער עקזעקוטיווע פון אידישען סאָציאַליסטישען פאַרבאַנד ענדע יולי 1925. עס האָט גענומען עטליכע מאָנאַטען צייט ביז וואַנען מיר האָבען זיך געשטעלט אין פאַרבינדונג מיט אונזערע מיטאַרבייטער אין איירָאָפּאַ און באַקומען פון זיי די נויטיגע אַרטיקלען און מאַטעריאַלען פאַר'ן אַלמאַנאַך. איינינע וויכטיגע אַרטיקלען, וועלכע מיר האָבען באַשטעלט ביי קאָמפּעטענטע זשורנאַליסטען און סטאַטיסטיקער האָבען מיר ניט געקענט באַקומען, ווייל די צייט איז געווען קורץ.

דער „אידישער וועלט־אַלמאַנאַך" איז אַ נייעס אויף דער אידישער גאַס. די אַלע אידישע יאָהר־ביכער און אַלמאַנאַכען וואָס זיינען ביז איצט ערשינען אין אַמעריקע האָבען מיט זיך פאָרגעשטעלט זאַמלונגען פון צופעליגע אַרטיקלען און אינפאָרמאַציע, וואָס זיינען אויסגערעכענט געוואָרען אויף אַ באַשטימטען באַגרעניצטען לעזער־קרייז. אָדער אויסשליסליך אויף דעם סאָציאַליסטישען לעזער אָדער נאָר אויף דעם לעזער פון דער קאָנסערוואַטיווער באַלעבאַטישער פרעסע. דער „אידישער וועלט־אַלמאַנאַך" איז דער ערשטער פאַרזוך צו שאַפען אַ יאָהר־בוך, וואָס זאָל ענטהאַלטען אַלע נויטיגע ידיעות ניט נאָר וועגען דער סאָציאַליסטישער און אַרבייטער באַוועגונג פון דער גאַנצער וועלט, נאָר אויך וועגען דעם אידישען לעבען אין אַלע לענדער, און איבערהויפּט אַ רייכע אינפאָרמאַציע וועגען דעם פּאָליטישען, עקאָנאָמישען און קולטורעלען צושטאַנד פון אונזער נייער היימאַטה, פון די פאַראייניגטע שטאַטען פון אַמעריקאַ.

צוליב די אויבענדערמאָהנטע טעכנישע שוועריגקייטען זיינען אין דעם אַלמאַנאַך ניט אַריין איינינע וויכטיגע אָפּטיילונגען, וועלכע מיר האָבען פריהער בדעה געהאַט אַריינצוגעבען. מיר האָפען אָבער, אַז „ד ע ר א י ד י ש ע ר ו ו ע ל ט ־ א ל מ א נ א ך" וועט ווערען אַ שטענדיגע אינסטיטוציע אויף דער אידישער גאַס און מיר וועלען אין די שפּעטערדיגע אויסגאַבען קענען איינפיהרען אַ סך נייע אָפּטיילונגען ווי אויך אויסבעסערן די אַלטע.

אַ פּאָר ווערטער וועגען די פאַרשידענע אָפּטיילונגען, וואָס זיינען אַריין אין דעם „וועלט־אַלמאַנאַך". דער גרעסטער טייל פון דער אינפאָרמאַציע וועגען די פאַראייניגטע שטאַטען איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרען פון י. ק י ס י ן. ער האָט אַליין געזאַמעלט דעם גאַנצען מאַטעריאַל און האָט איהם אויך אַליין באַאַרבייט.

דעם „וועלט קאַלענדאַר" האָב איך אין יאָהר 1913 צוזאַמענגעשטעלט פאַר דעם „אידישען יאָהר־בוך", וועלכען די אידישע סאָציאַליסטישע פעדעראַציע האָט אין 1914 אַרויסגעגעבען. די פאַרשידענע יאָהר־ביכער און אַלמאַנאַכען, וואָס זיינען שפּעטער ערשינען אין אַמעריקאַ האָבען איהם אַלע נאָכדעם איבערגעדרוקט מיט איינינע קליינע ענדערונגען. איך האָב איצט יענעם קאַלענדאַר איבערגעאַנדערשט און דערפיהרט איהם ביז'ן יאָהר 1926. ש. ה ו ר ו ו י ץ האָט מיר אַרויסגעהאָלפען אין דיזער אַרבייט.

דער „קליינער ענציקלאָפּעדישער ווערטער־בוך" איז אויך איבערגעדרוקט פון דעם „אידישען־יאָהר־בוך" פון 1914. דער פאַרפאַסער פון דעם ווערטער־בוך איז געווען דער פאַרשטאָרבענער מ. ט ע ר מ א ן. ש. הורוויץ האָט דעם אַלטען ווערטער־בוך אויסגעבעסערט און האָט אויך צוגעגעבען אַ רייהע נייע ווערטער. ש. הורוויץ האָט אויך איבערזעצט און בעאַרבייט אַ טייל פון די אַרטיקלען און טאַבעלען, וואָס זיינען אַריין אין דעם „וועלט־אַלמאַנאַך".

די אַלע אונטערגעשריבענע אַרטיקלען, מיט דער אויסנאַהם פון די דריי אַרטיקלען וועגען דעם סאָציאַליסטישען אינטערנאַציאָנאַל, זיינען געשריבען געוואָרען ספּעציעל פאַר'ן „אידישען וועלט־אַלמאַנאַך" און זיינען ערגעץ אַנדערשוואו ניט געדרוקט געווען.

ד. שוב,

רעדאַקטאָר פון „אידישען וועלט־אַלמאַנאַך".

1926

טעג	יאנואר	פעברואר	מערץ	אפריל	מאי	יוני
זונטאג	3 10 17 24 31	7 14 21 28	7 14 21 28	4 11 18 25	2 9 16 23 30	6 13 20 27
מאנטאג	4 11 18 25	1 8 15 22	1 8 15 22 29	5 12 19 26	3 10 17 24 31	7 14 21 28
דינסטאג	5 12 19 26	2 9 16 23	2 9 16 23 30	6 13 20 27	4 11 18 25	1 8 15 22 29
מיטוואך	6 13 20 27	3 10 17 24	3 10 17 24 31	7 14 21 28	5 12 29 26	2 9 16 23 30
דאנערשט.	7 14 21 28	4 11 18 25	4 11 18 25	1 8 15 22 29	6 13 20 27	3 10 17 24
פרייטאג	1 8 15 22 29	5 12 19 26	5 12 19 26	2 9 16 23 30	7 14 21 28	4 11 18 25
שבת	2 9 16 23 30	6 13 20 27	6 13 20 27	3 10 17 24	1 8 15 22 29	5 12 19 26

טעג	יולי	אויגוסט	סעפטעמבער	אקטאבער	נאוועמבער	דעצעמבער
זונטאג	4 11 18 25	1 8 15 22 29	5 12 19 26	3 10 17 24 31	7 14 21 28	5 12 19 26
מאנטאג	5 12 19 26	2 9 16 23 30	6 13 20 27	4 11 18 25	1 8 15 22 29	6 13 20 27
דינסטאג	6 13 20 27	3 10 17 24 31	7 14 21 28	5 12 19 26	2 9 16 23 30	7 14 21 28
מיטוואך	7 14 21 28	4 11 18 25	1 8 15 22 29	6 13 20 27	3 10 17 24	1 8 15 22 29
דאנערשט.	1 8 15 22 29	5 12 19 26	2 9 16 23 30	7 14 21 28	4 11 18 25	2 9 16 23 30
פרייטאג	2 19 16 23 30	6 13 20 27	3 10 17 24	1 8 15 22 29	5 12 19 26	3 10 17 24 31
שבת	3 10 17 24 31	7 14 21 28	4 11 18 25	2 9 16 23 30	6 13 20 27	4 11 18 25

אידישע יום טובים.

פורים — דעם 28טען פעברואר.
פסח — 30טען מערץ ביז 6טען אפריל.
שבועות — 19טען און 20טען מאי.
ראש־השנה — 9טען און 10טען סעפ.

יום כפור — דעם 18טען סעפטעמבער.
סכות — סעפט. 28 ביז אקטאבער 1.
חנוכה — 1טען ביז 8טען דעצעמבער.

וועלט־קאַלענדאַר

וויכטיגע דאטען פון סאָציאַליסטישער, אידישער און אלוועלטליכער געשיכטע טאָג פאַר טאָג.

יאַנואַר

1 1881—געשטאָרבען דער באַרימטער פראַנצויזישער רעוואָלוציאָנער בלאַנקי.

1863—בטל געוואָרען די שקלאפעריי אין די פאַראייניגטע שטאַטען פון אַמעריקע.

2 1889—די גרינדונג פון דער עסטרייכישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פאַרטיי.

1906—מאַסען־היגריכטונגען פון רעוואָלוציאָנערען אין מאָסקווע.

3 1906—ערשינען אין ווילנא די ערשטע אידישע טעגליכע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע צייטונג „דער וועקער”.

1922—אין דער מאָסקווער טורמע בוטירקי האָבען די אַרעסטירטע סאָציאַל־דעמאָקראַטען אָנגעהויבען אַ הונגער־סטרייק.

1919—פראָקלאַמירט די סאָוועטישע רעפובליקען פון ווייס־רוסלאַנד.

4 1786—געשטאָרבען דער אידיש־דייטשער פילאָזאָף מענדעלסאָן.

1909—אזעוו ווערט דערקלערט אלס א פראָוואָקאַטאָר.

5 1892—ערשינען דער ערשטער נומער „צוקונפט” אין ניו יאָרק.

6 1919—דער ספאַרטאַקוס אויפשטאַנד אין בערלין.

8 1642—געשטאָרבען דער באַריהמטער אַסטראָנאָם גאַלילײ.

9 1905—געשטאָרבען די באַריהמטע פראַנצויזישע פרייהייטס־קעמפערין לואיזע מישעל.

1923—געשטאָרבען וולאדימיר מעדעם.

10 1920—ראַטיפיצירט דעם ווערסאַילער פרידענס אָפמאַך

12 1848—אויפשטאַנד אין פאַלערמא.

1893—געגרינדעט געוואָרען די ענגלישע אינדעפענדענט לייבאָר פאַרטיי.

1912—די דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פארטיי קריגט 4½ מיליאָן שטימען ביי די רייכסטאגס־וואהלען.

1922—קאָנגרעסמאַן מאיר לאָנדאָנ׳ס ביל, אז באַנקראָטירטע פירמעס מוזען פריהער פון אלץ אויסצאָהלען שכירות צו די ארבייטער, גע׳חתמ׳עט פון דעם פרעזידענט.

13 1825—אָפשאַפונג פון שקלאַפעריי אין מעקסיקא.

1898—עמיל זאָלא טרעט ארויס מיט זיין באַרימטען בריף „איך באשולדיג”, וועגען דעם דרייפוס פראָצעס.

14 1839—די ערשטע פעטיציע פון די ענגלישע טשאַרטיסטען פאָרגעבראַכט אין פאַרלאַמענט.

1394—אַרויסגעטריבען די אידען פון פראַנקרייך.

1924—געשטאָרבען דער אידישער קריטיקער דר. א. ע ל י אַ ש ע ו ו (בעל־מחשבות).

15 1911—אויסגעבראָכען דער סטרייק פון די טעקסטיל־אַרבייטער אין לאָרענס,

1919—קאַרל ליבקנעכט און ראָזע לוקסעמבורג, פיהרער פון ספאַרטאַקען־אויפשטאַנד אין דייטשלאַנד, ערמאָרדעט פון מאָנאַרכיסטישע אָפיצערען.

16 1885—ערשינען די ערשטע סאָציאַליס
טישע בראָשורע אין אידיש — „יהי
אור" פון מ. ווינטשעווסקי.
17 1706—געבאָרען געוואָרען בענדזשאַמין
פרענקלין.
18 1875—די ערעפענונג פון ערשטען נאַצי־
אָנאַלען טרייד־יוניאָן קאָנגרעס אין
ענגלאַנד.
1918—די רוסישע גרינדונגס פאַרזאַמ־
לונג אין פעטערבורג איז צוטריבען
געוואָרען פון די באָלשעוויקעס.
19 1865—געשטאָרבען דער פראַנצויזישער
סאָציאַליסט פרודאָן.
20 1910—געשטאָרבען דער איטאַליענישער
סאָציאַליסט אַנדרעאַ קאָסטאַ.
21 1793—לודוויג דער 16טער, קעניג פון
פראַנקרייך, הינגעריכטעט.
1924—געשטאָרבען וולאַדימיר אוליאַנאָוו
(לענין), דער פיהרער פון דער באָל־
שעוויסטישער רעוואָלוציע אין רוס־
לאַנד און דער דיקטאַטאָר פון סאָוועט־
רוסלאַנד.
1879—געשטאָרבען דער רוסישער שריפט־
שטעלער - סאָציאַליסט אַלעקסאַנדער
הערצען.
22 1905—אָנפאַנג פון דער ערשטער רוסי־
שער רעוואָלוציע; טויזענטער אַר־
בייטער דערשאָסען אין פעטער־
בורג.
1908—די קאָנווענשאָן פון דער ענגלי־
שער לייבאָר פאַרטיי אין הול ערקלערט
זיך פאַר סאָציאַליזם.

1924—די ענגלישע לייבאָר פאַרטיי
נעמט איבער די רעגירונג אין ענג־
לאַנד מיט מעקדאָנאַלד'ן אין דער
שפיץ.
23 1863—זיך אָנגעפאַנגען דער אויפשטאַנד
אין פוילען.
24 1468—יאָהאַן גוטענבערג, דער ערפינדער
פון בוך־דרוקעריי, געשטאָרבען.
1910—געשטאָרבען דער אַמעריקאַנער
סאָציאַליסט בען הענפאָרד.
1911—12 יאַפּאַנעזישע רעוואָלוציאָנערען
(קאָטאָקו און גענאָסען) הינגעריכטעט
25 1871—געשטאָרבען דער דייטשער אַרבײ־
טער קאָמוניסט ווייטלינג.
27 1756—געבאָרען געוואָרען דער באַריהמ־
טער קאָמפּאָזיטאָר וו. מאָצאַרט.
1814—געשטאָרבען דער באַריהמטער
דייטשער פילאָזאָף י. פיכטע.
1878—אָנגעפאַנגען ערשיינען די דייטשע
סאָציאַליסטישע „ניו יאָרקער פאָלקס־
צייטונג".
1837—דערשאָסען אויף א דועל דער
גרעסטער רוסישער פּאָעט, פושקין.
29 1906—די ענגלישע לייבאָר פאַרטיי ער־
וועהלט 29 דעפּוטאַטען אין פאַרלאַמענט.
30 1649—הינגעריכטעט דער ענגלישער קע־
ניג קאַרל דער ערשטער.
1912—געשטאָרבען דער אַמעריקאַניש־
דייטשער סאָציאַליסט אַלעקסאַנדער
יאָנאַס.
31 1911—געשטאָרבען דער דייטשער סאָ־
ציאַליסטישער פיהרער פאול זינגער.

פעברואַר

1 1789—וואַשינגטאָן צום 1טען מאָל ער־
וועהלט פרעז. פון די פאר. שטאַטען.
1924—די סאָוועטישע רוסלאַנד ווערט
אָנערקענט פון ענגלאַנד.
2 1868—געשטאָרבען דער פראַנצויזישער
סאָציאַליסט לעדרו ראָלען.
1883—געשטאָרבען דער באַריהמטער
אַמעריקאַנער רעדנער און קעמפער פאַר
דער נעגער־באַפרייאונג ווענדל פיליפּס.
1904—געשטאָרבען דער טעאָרעטיקער
פון די איטאַליענישע סאָציאַליסטען
אַנטאָניאָ לאַבריאָלאַ.

1906—פּאָגראָם אויף אידען אין האָמעל.
1918—אין רוסלאַנד ווערט אַריינגעפירט
דער נייער סטיל (צייט־רעכענונג).
3 1908—דער אַמעריקאַנער סופרים קאָורט
ערקלערט באָיקאָט פאַר א פאַרברעכען.
1919—ערעפענט דעם ערשטען נאָך דער
מלחמה אינטערנאַציאָנאַלען סאָציאַ־
ליסטישען קאָנגרעס אין בערן.
1924—געשטאָרבען וואודראָ ווילסאָן.
4 1839—די ערעפענונג פון דער ערשטער
קאָנווענשאָן פון די ענגלישע טשאַר־
טיסטען.

5 79 נאָך קריסטוס'ן — דער חורבן פון פּאָמפּיי און הערקולאַנום נאָך אַ וואולקאַנישען אויסברוך פון וועזואווי.
1880—אַ דינאַמיט־אויפרייסונג אינ'ם צאַר'ס פּאַלאַץ.
1918—אין רוסלאַנד ווערט אָפּגעטיילט די קירכע פון דער מלוכה.

6 1878—די רוסישע רעוואָלוציאָנערקע וועראַ זאַסוליטש שיסט אויף גענעראַל טרעפּאָוו.

7 1649—אָפּגעשאַפט די מאָנאַרכיע אין ענגלאַנד.
1840—געגרינדעט געוואָרען דער ערשטער קאָמוניסטען־קלוב אין לאָנדאָן.
1900—געשטאָרבען דער רוסישער געלערנטער סאָציאַליסט פּעטער לאַווראָוו.

8 1904—דער אָנהויב פון דער רוסיש־יאַפּאַנעזישער מלחמה; רוסלאַנד'ס ערשטע נידערלאַגע.
1921—געשטאָרבען דער באַריהמטער רעוואָלוציאָנער פּעטער קראָפּאָטקין.

9 1600—דער איטאַליענישער פריידענקער דזשאָרדאַנאָ ברונאָ פאַרברענט אויפ'ן שייטערהויפען.
1912—סאָציאַליסטישער וויס־פּרעזידענט ערוועהלט אין דייטשען רייכסטאַג.

10 1842—אָנגענומען דער געזעץ וועגען 10־שטונדיגען אַרבייטס־טאָג אין ענגלאַנד

11 1873—רעפּובליק פּראָקלאַמירט אין שפּאַניען.
1919—פרידריך עבערט, דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פיהרער, ערוועהלט אַלס פּרעזידענט פון דער דייטשער רעפּובליק.

12 1804—געשטאָרבען דער פילאָזאָף אימאַנועל קאַנט.
1809—געבאָרען געוואָרען טשאַרלז דאַרווין; געבאָרען געוואָרען איברעהעם לינקאָלן.
1837—געשטאָרבען דער אידיש דייטשער שריפטשטעלער לודוויג בערנע.

13 1883—געשטאָרבען דער באַריהמטער קאָמפּאָזיטאָר ריכארד וואַגנער.
1882—געשטאָרבען אין טורמע די באַוואוסטע אידיש־רוסישע רעוואָלוציאָנערקע העסיע העלפמאַן.

15 1564—געבאָרען געוואָרען דער אסטראָנאָם גאַלילעי.

16 1870—אידען קריגען גלייכע רעכטע אין שוועדען.

17 1827—געשטאָרבען דער באַריהמטער פּעדאַגאָג פּעסטאַלאָצי.
1856—געשטאָרבען היינריך היינע.
1905—גרויספירסט סערגעי דער'הרג'עט אין מאָסקווע פון אַ באָמבע דורך קאַלאַיעוו.

18 1546—געשטאָרבען דער רעליגיעזער רעפאָרמאַטאָר מאַרטין לוטער.

19 1473—געבאָרען געוואָרען דער אַסטראָנאָם קאָפּערניקוס.

20 1907—דער ערשטער אַרבייטער־דעפּוטאַט ערוועהלט אין טראַנסוואַל (אַפריקאַ).

21 1677—געשטאָרבען דער אידישער פילאָזאָף ברוך שפּינאָזאַ.
1919—געטויט געוואָרען קורט אייזנער, דער סאָציאַליסטישער מיניסטער פּרעזידענט פון דער בייערישער רעפּובליק.

22 1732—געבאָרען געוואָרען דער ערשטער פּרעזידענט פון די פאַראייניגטע שטאַטען, דזשאָרדזש וואַשינגטאָן.
1840—געבאָרען געוואָרען דער באַריהמטער דייטשער סאָציאַליסט אָוגוסט בעבעל.
1846—אויפשטאַנד אין קראַקוי.
1882—ארעסטירט געוואָרען די רוסישע רעוואָלוציאָנערקע וועראַ פיגנער.

23 1506—געשטאָרבען קריסטאָפאָר קאָלומבוס.
1848—דער אָנהויב פון דער רעוואָלוציע אין פראַנקרייך .

24 1848—רעפּובליק פּראָקלאַמירט אין פראַנקרייך.
1925—געשטאָרבען דער פיהרער פון דער שוועדישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, היאַלמאַר בראַנטינג.

26 1802—געשטאָרבען דער פראַנצויזישער שריפטשטעלער וויקטאָר הוגאָ.

27 1901—באָגאָלעפּאָוו, רוסישער בילדונגס־מיניסטער, דערשאָסען פון קאַרפּאָוויטש.
1917—דער אָנהויב פון דעם גרויסען סטרייק אין פּעטערבורג.

28 1925—געשטאָרבען דער סאָציאַליסטישער פּרעזידענט פון דער דייטשער רעפּובליק, פרידריך עבערט.
1924—געשטאָרבען דער בונדיסטישער פיהרער פּ. ראָזענטאַל (פּ. אַנמאַן).

מערץ

1 1898—גרינדונגס־צוזאַמענפאָהר פון דער רוסישער סאָציאַל ־ דעמאָקראַטישער אַרבייטער־פּאַרטיי אין מינסק.
1919—ערשטער קאָנגרעס פון קאָמוניס־טישען אינטערנאַציאָנאַל אין מאָסקווע.

2 1492—אַרויסגעטריבען די אידען פון שפּאַניען.

3 1861—אָפּגעשאַפט לייב־אייגענשאַפט אין רוסלאַנד.

4 1849—רעליגיאָנס־פרייהייט פּראָקלאַמירט אין עסטרייך.

5 1901—רוסישער סינאָד לעגט אַריין אין חרם לעוו טאָלסטאָי.

6 1877—געשטאָרבען דער אידיש־דייטשער פרייהייט־קעמפער יאַקאָבי.
1900—די גרינדונגס קאָנווענשאָן פו דער אַמעריקאַנער ס. ד. פּ.

7 1890—ערשינען די ערשטע אידישע סאָ־ציאַל־דעמאָקראַטישע וואָכענבלאַט אי ניו יאָרק, „די אַרבייטער צייטונג“

9 1793—דער פראַנצויזישער רעוואָלוציאָנער דאַנטאָן גרינדעט דעם רעוואָלוצי אָנערען־טריבונאַל.

10 1872—געשטאָרבען דער איטאַליענישער רעוואָלוציאָנער מאַדזיני.
1913—געסעטעלט געוואָרען דער גרויסער שניידער סטרייק אין ניו יאָרק.

11 1912—רעפּובליק פּראָקלאַמירט אין כינע.
1917—דער אָנהויב פון דער צווייטער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד וואָס האָט זיך געענדיגט מיט דער שטירצונג פון דער מאָנאַרכיע.

13 1848—רעוואָלוציע אין וויען.
1881—צאַר אַלעקסאַנדער דער 2טער היני־געריכטעט פון רעוואָלוציאָנערען.
1917—די גרינדונג פון דער צייטווייי־ליגער רעגירונג אין רוסלאַנד.

14 1883—געשטאָרבען קאַרל מאַרקס.

15 1917—צאַר ניקאָלאַי זאָגט זיך אָפּ פון טראָן.

17 1906—געשטאָרבען יאָהאַן מאָסט.

18 1848—רעוואָלוציע אין בערלין.
1871—פּראָקלאַמירט די פּאַריזער קאָמונע.
1876—געשטאָרבען דער דייטשער פריי־הייטס־פּאָעט פרייליגראַט.
1908—געשטאָרבען גריגאָרי גערשוני.

19 1906—לייטענאַנט שמידט, דער פיהרער פון סעוואַסטאָפּאָלער פּלאַטען־אויפ־שטאַנד, הינגעריכטעט.
1917—אַן אַלגעמיינע פּאָליטישע אַמנעס־טיע אין רוסלאַנד.

20 1852—ערשינען ביטשער סטאָ׳ס בוך „אַנקעל טאַמ׳ס קעבין“, וועלכער האָט פיל בייגעטראָגען צו דער באַפרייאונג פון די נעגערס.

21 1871—ערעפענט געוואָרען דער ערשטער דייטשער רייכסטאַג.
1917—געוועזענער רוסישער צאַר ניקאָ־לאַי ראָמאַנאָוו אַרעסטירט אין מאָהי־לעוו.
1919—קאָמוניסטישע רעוואָלוציע אין אונגאַרן.

22 1794—הערבערט, קלוטס און אַנדערע קאָמוניסטען גילאָטינירט אין פראַנק־רייך.
1832—געשטאָרבען געטע, דער בארימ־טער דייטשער דיכטער און דענקער.

24 1881—געשטאָרבען דער אידיש־רוסישער קאָמפּאָזיטאָר אַנטאָן רובינשטיין.

25 1911—טרייענגעל קאַטאַסטראָפע אין ניו יאָרק; 146 אַרבייטער פאַרברענט.
1917—די צייטווייליגע רעגירונג אין רוסלאַנד שאַפט אָפּ טויט־שטראָף.

26 1827—געשטאָרבען דער קאָמפּאָזיטאָר בעטהאָווען.

27 1917—פּעטראָגראַדער סאָוועט פון אַרביי־טער־דעפּוטאַטען, וואָס איז געפיהרט געוואָרען פון די מענשעוויקעס און עס־ער׳ען, שיקט אַרויס אַן אויפרוף צו די פעלקער פון דער וועלט פאַר אַ שלום אָהן אַנעקסיעס און קאָנטרי־בוציעס.

29 1826—געבאָרען געוואָרען דער סאָציאַ־ליסטישער פירער ווילהעלם ליבקנעכט.
1912—ענגלישער פּאַרלאַמענט נעמט אָן דאָס געזעץ וועגען אַ מינימאַל־לוין פאַר מיינערס.

30 1898—לאַפאַרגאַ, קאַרל מאַרקס אינגסטע טאָכטער, באַגאַנגען זעלבסטמאָרד.

31 1881—ערשטע פאַרלענגערונג פון דעם אַנטי־סאָציאַליסטען געזעץ אין דייטש־לאַנד.

אַפּריל

1 1789—ערשטע רעפּרעזענטאַנטען - הויז אין ניו יאָרק ארגאַניזירט.

2 1743—געבאָרען געוואָרען טאָמאַס דזשעפערסאָן.

1791—געשטאָרבען דער באַריהמטער פראַנצויזישער רעוואָלוציאָנער מיראַבאָ.

1917—די צייטווייליגע רעגירונג אין רוסלאַנד פּראָקלאַמירט רעליגיעזע און נאַציאָנאַלע פרייהייט.

3 1906—מילוואָקי ערוועהלט 12 סאָציאַליסטישע אָלדערמען.

1915—געשטאָרבען י. ל. פּרץ.

4 1704—ערשינען די ערשטע צייטונג אין אַמעריקא.

1892—געגרינדעט געוואָרען דער 1טער ברענטש פון אַרבייטער רינג אין ניו יאָרק.

1923—געשטאָרבען דער באַריהמטער פיהרער פון די רוסישע מענשעוויקעס ל. מאַרטאָוו (צעדערבוים).

5 1794—די באַריהמטע פראַנצויזישע רעוואָלוציאָנערען דאַנטאָן און קאַמיל דעמולען גילאָטינירט.

1889—געשטאָרבען דער דייטשער ארבייטער פילאָזאָף יאָזעף דיצגען.

1911—ריזיגע טרויער דעמאָנסטראַציעס אין ניו יאָרק צו עהרע פון די טרייענגעל אָפּפער.

1920—פּאָגראָם אויף אידען אין ירושלים.

6 1875—געשטאָרבען דער אידיש־דייטשער סאָציאַליסט מאָזעס העסס.

1917—אַמעריקא ערקלערט קריג דייטשלאַנד.

7 1871 — די פראַנצויזישע קאָמונאַרען פאַרברענען די גילאָטינע.

1919—סאָוועטען־דיקטאַטור פּראָקלאַמירט אין בייערן.

1875—געשטאָרבען דער דייטשער סאָציאַליסטישער פּאָעט הערוועג.

9 1865—ענדע פון דעם אַמעריקאַנער בירגער־קריג.

10 1848—גרויסע טשאַרטיסטען - דעמאָנסטראַציעס אין לאָנדאָן.

1907—געשטאָרבען דער דייטשער סאָציאַליסט איגנאַץ אָוער.

11 1825—געבאָרען געוואָרען פערדינאַנד לאַסאַל.

1903—די ענגלישע ס. ד. פּ. שליסט אויס די „אומפּאָסיביליסטען”.

12 1905—געשטאָרבען דער בעלגישער סאָציאַליסטישער סקולפּטאָר קאָנסטאַנטין מעניע.

14 1865—פּרעזידענט לינקאָלן ערמאָרדעט.

15 1902—רוסישער מיניסטער סיפּיאַגין דערשאָסען פון רעוואָלוציאָנער באַלמאַשאָוו.

16 1881—די רוסישע רעוואָלוציאָנערען סאָפיאַ פּעראָווסקאַיאַ, זשעליאַבאָוו און אַנדערע אויפגעהאַנגען.

1917—לענין און אַנדערע באָלשעוויסטישע פיהרער אָנגעקומען פון אויסלאַנד קיין פּעטראָגראַד.

17 1790—געשטאָרבען בענדזשאַמין פרענקלין.

1866—1טער אַטענטאַט (קאַראַקאַזאָוו'ס) אויף אַלעקסאַנדער דעם צווייטען.

1912—סאָלדאַטען דערשיסען 270 סטרייקער אין לענאַ גאָלד־גרובען פון סיביר.

18 1888—די שווייצאַרישע רעגירונג פאַרוועהרט צו דרוקען דעם אָרגאַן פון דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע „סאָציאַל־דעמאָקראַט” אין דער שווייץ.

19 1882—געשטאָרבען טשאַרלז דאַרווין.

1903—פּאָגראָם אויף אידען אין קישענעוו.

1775—אָנפאַנג פון דער אמעריקאַנער רעוואָלוציע.

1849—אויפשטאַנד אין דרעזדען מיט'ן אַנטייל פון באַקונין.

21 1481—פילע אידען פאַרברענט אויף'ן שייטערהויפען אין סעוויל.

1910—געשטאָרבען מאַרק טוויין.

1919—פּוילישע סאָלדאַטען מאַכען אַ פּאָגראָם אויף אידען אין ווילנא. אידישער שריפטשטעלער א. ווייטער ערמאָרדעט.

22 1856—איינגעפיהרט דעם 8־שטונדיגען אַרבייטס־טאָג אין אויסטראַליע.

22 1897—ערשינען דער ערשטער נומער פון ניו יאָרקער אידישען „פאָרווערטס“.

1914—אין שלאַכט צווישען דער מיליציע און די סטרייקער אין די קוילען־גרובען פון קאָלאָראַדאָ ווערען דערהרג'עט 45 מענשען און פילע פאַרוואונדעט.

23 1564—געבאָרען געוואָרען דער גרויסער ענגלישער שריפטשטעלער וויליאַם שעקספיר.

1792—רוזשע דע ליל פארפאסט די מארסעליעזע.

1898—שפאַניען ערקלערט קריג די פאַראייניגטע שטאַטען.

24 1910—75 סאָציאַליסטען ערוועהלט צום פראַנצויזישען פאַרלאַמענט.

25 1792—די גילאָטינע צום ערשטען מאָל באַנוצט.

26 1920—באַלפור פּראָקלאַמירט זיין דעקלאַראַציע וועגען פּאַלעסטינא אַלס אַ נאַציאָנאַלע היים פאַר אידען אונטער ענגלאַנד'ס מאַנדאַט.

1921—די אַרעסטירטע סאָציאַל־דעמאָקראַטען אין דער מאָסקווער טורמע בוטירקי ווערען צושלאָגען און אַריבערגעפיהרט אין אַנדערע טורמעס.

27 1909—טערקישער סולטאַן אַבדול האַמיד אַראָפּגעזעצט פון טראָן.

29 1912—גרויסע פּראָטעסט־דעמאָנסטראַציע אין רוסלאַנד געגען לענאַ'ר הריגה.

30 1789—וואַשינגטאָן אַיינגעשוואָרען אַלס פּרעזידענט.

מאַי

1 1890—דעם ערשטען מאָל געפייערט דעם אינטערנאַציאָנאַלען אַרבייטער יום־טוב.

2 1436—ערשינען דאָס ערשטע געדרוקטע בוך.

3 1669—אַ פּאָגראָם אויף אידען אין לעמבערג, אויפגעהעצט פון די יעזואיטען.

1791—איינגעפירט קאָנסטיטוציע אין פוילען.

1882—איינגעפיהרט די „טשערטאַ אָסעדלאָסטי“ אין רוסלאַנד.

4 1798—אויפשטאַנד אין אירלאַנד.

5 1789—די ערעפענונג פון די גענעראַל־שטאַטען אין פראַנקרייך.

1821—געשטאָרבען נאַפּאָלעאָן דער ערשטער.

1818—געבאָרען געוואָרען קאַרל מאַרקס.

6 1786—געבאָרען געוואָרען דער אידיש־דייטשער שריפטשטעלער ל. בערנע.

7 1890—ערשטער קלאָוקמאַכער לאָק־אַוט אין ניו יאָרק.

1905—פּאָגראָם אויף אידען אין זשיטאָמיר.

1915—די שיף „לוסיטאַניאַ“ געזונקען פון אַ דייטשער סאָבמאַרין.

8 1878—געשטאָרבען דער גרויסער פּאָליטישער עקאָנאָם דזשאַן סטואַרט מילל.

9 1805—געשטאָרבען דער דייטשער דיכטער שילער.

10 1906—ערעפענונג פון דער ערשטער רוסישער דומא.

11 1914—געשטאָרבען דער באַרימטער אַמעריקאַנער סאָציאַליסט דעניעל דעליאָן.

1899—היסטאָרישער פּולמאַן באָהן־סטרייק, געפיהרט פון יודזשין וו. דעבס.

13 1907—צוזאַמענפאָהר פון דער רוסישער ס. ד. פּ. אין לאָנדאָן.

1913—געשטאָרבען דער אידישער שריפטשטעלער שלום־עליכם.

14 1907—איינגעפיהרט אַלגעמיינע שטימרעכט אין שוועדען; עסטרייכישע סאָציאַל־דעמאָקראַטען ערוועהלען 87 דעפּוטאַטען אין פּאַרלאַמענט.

15 1910—קאָנווענשאָן פון דער אַמעריקאַנער ס. פּ. אין שיקאַגאָ.

16 1902—רוסישער רעוואָלוציאָנער באַלמאַשאָוו אויפגעהאַנגען פאַר טויטען דעם מיניסטער סיפּיאַגין.

17 1852—די לעצטע קאָנווענשאָן פון די ענגלישע טשאַרטיסטען.

18 1804—נאַפּאָלעאָן דער ערשטער פּראָקלאַמירט זיך אַליין אַלס אימפּעראַטאָר פון פראַנקרייך.

1902—דער אידישער שוסטער, דער בונדיסט הירש לעקערט, שיסט אויף דעם ווילנער גובערנאַטאָר פאָן־וואַל.

19 1825—געשטאָרבען דער פראַנצויזישער אוטאָפּיסטישער סאָציאַליסט סען סי־מאָן.
20 1876—אהרן ליבערמאַן גרינדעט דעם ערשטען אידישען אַרבייטער פאַראיין אין לאָנדאָן.
21 1871—לעצטע זיצונג פון דער פאַריזער קאָמונע.
22 1370—אידען פאַרברענט אין ברוסעל.
1863—גרינדונג פון דעם אַלגעמיינעם דייטשען אַרבייטער פאַראיין.
1898—געשטאָרבען עדוארד בעלאַמי.
23 1905—אויפגעהאַנגען דער רוסישער רע־וואָלוציאָנער קאַלאַיעוו פאַר טויטען דעם גרויספירסט סערגעי.
1915—איטאַליען וואַרפט זיך אַריין אין דער אלוועלטליכער מלחמה.
24 1241—הריגה אויף אידען אין פראַנק־פורט אַם מיין.
25 1871—דער פראַנצויזישער קאָמונאַר דע־ליקליז דערשאָסן אויף די באַריקאַדען.

26 1879—אויפגעהאַנגען דער באַריהמטער רוסישער רעוואָלוציאָנער וואַלעריאַן אָסינסקי.
27 1679—פאַרעפענטליכט דעם „האבעאס־קאָרפּוס אַקט" אין ענגלאַנד.
1797—ערשטער פראַנצויזישער סאָציאַ־ליסט באַבעף הינגעריכטעט.
28 1871—ענדע פון דער פאַריזער קאָמונע, אויסשלאַכטונג פון 30,000 קאָמונאַ־רען אויף דעם פלאַץ פער־לאַשעז, אין פאַריז.
29 1912—גרינדונגס צוזאַמענפאָהר פון דער אידישער סאָציאַליסטישער פעדעראַציע אין אמעריקע.
30 1778—געשטאָרבען דער פראַנצויזישער פילאָזאָף וואָלטער.
1925—אַ ריזיגע סטודענטען־דעמאָנ־סטראַציע אין שאַנכאַי (כינע) געגען דער ערמאָרדונג פון סטרייקענדע כי־נעזישע טעקסטיל אַרבייטער, דורך דער ענגלישער פאָליציי.

יוני

1 1925—אַן אַלגעמיינער סטרייק אין שאַנכאַי.
2 1868—ערשטער טרייד־יוניאָן קאָנגרעס אין ענגלאַנד.
1882—געשטאָרבען דער איטאַליענישער רעוואָלוציאָנער גאַריבאַלדי.
1921—לאָק־אוט פון 60 טויזענט שניי־דער אין ניו יאָרק ענדיגט זיך מיט אַ זיג פון די אַרבייטער.
3 1900—געגרינדעט די „אינטערנעשאָנאַל ליידיס גאַרמענט וואָרקערס יוניאָן פון אַמעריקאַ".
1908—סאָציאַל־דעמאָקראַטען צום 1טען מאָל ערוועהלט אין פּרייסישען לאַנד־טאַג.
5 1908—ענגלישע מיינער באַשליסען אָנ־צושליסען זיך אָן דער לייבאָר פּאַרטיי.
1918—געשטאָרבען דער באַריהמטער פיה־רער און לערער פון די רוסישע סאָ־ציאַל־דעמאָקראַטען געאָרגי פלעכאַנאָוו.
6 1747—זעקס טויזענט אידען אויסגע־שאָכטען אין נעמיראָוו פון כמעלניצ־קי'ס קאָזאַקען (גזירות ת"ח).

7 1765—די ערעפענונג פון ערשטען אַמע־ריקאַנער קאָנגרעס.
1905—נאָרוועגיע ערקלערט זיך זעלבסט־שטענדיג.
8 1809—געשטאָרבען דער אמעריקאַנער רעוואָלוציאָנער און פריי - דענקער טהאָמאַס פּעין.
1922—אין מאָסקווע האָט זיך אָנגעהוי־בען דער פּראָצעס פון די אַרעסטירטע סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען מיט אַ. גאָץ אין דער שפּיץ.
9 1870—געשטאָרבען דער ענגלישער שריפטשטעלער טשאַרלז דיקענס.
10 1617—די האָלענדער לאַנדען אין ניו יאָרק.
1924—ערמאָרדעט דעם סאָציאַליסטישען דעפּוטאַט פון איטאַליענישען פּאַרלאַ־מענט, מאַטעאָטי.
11 1878—אויפגעלעזט דעם דייטשען רייכס־טאג צוליב די אַטענטאַטען אויף דעם דייטשען קייזער.
13 1908—גרויסע דעמאָנסטראַציע פאַר פרויען־רעכט אין לאָנדאָן.

14 1839—די ערשטע פעטיציע פון די ענגלישע טשאַרטיסטען פאָרגעלעגט אין פּאַרלאַמענט.
1906—פּאָגראָם אויף אידען אין ביאַליסטאָק.
16 1836—געגרינדעט געוואָרען די וואָרקינג מענס אַסאָסיאיישאָן פון לאָנדאָן.
1907—שטאַטס-איבערקערעניש אין רוסלאַנד, ארעסטירט די סאָציאַל - דעמאָקראַטישע דעפּוטאַטען פון דער 2טער דומאַ.
1917—געעפענט אין פּעטערבורג דעם צוזאַמענפאָהר פון די רוסישע סאָוועטען פון אַרבייטער, פּויערים און סאָלדאַטען.
17 1810—געבאָרען געוואָרען דער דייטשער פּאָעט און רעוואָלוציאָנער פרייליגראַט.
18 1911—זעקס סאָציאַליסטען ערוועהלט אין בולגאַרישען פּאַרלאַמענט.
1815—נאַפּאָלעאָן פּאַרלירט די שלאַכט ביי וואַטערלאָ.
1911—ערשטער סאָציאַליסטישער מיטינג אין ליסאַבאָן, פּאָרטוגאַל.
1925—דער רייזענדער אַמונדסען קערט זיך צוריק פון זיין עראָפּלאַן־רייזע צום נאָרד־פּאָל.
19 1911—ערשטע זיצונג פון דער פּאַרטוגעזישער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג.
1909—געשטאָרבען דער אידישער דראַמאַטורג יעקב גאָרדין.
20 1911—גרויסער זיג פון די עסטרייכישע סאָציאַליסטען אין די פּאַרלאַמענטס־וואַהלען.
21 1802—ערשטער פאַבריק־געזעץ אָנגענומען אין ענגלאַנד.
22 1805—געבאָרען געוואָרען מאַדזיני.
23 1848—אויפשטאַנד פון דעם פּאַריזער פּראָלעטאַריאַט.
1892—אַלעקסאַנדער בערקמאַן'ס אַטענטאַט אויף דעם מיליאָנער פריק.
24 1440—בוך־דרוקער קונסט ערפונדען.
25 1864—טשערנישעווסקי, דער רוסישער סאָציאַליסטישער דענקער, פּאַראורטיילט צו קאַטאָרגע.
1906—1טע סאָצ.־דעמאָקראַטישע פראַקציע געגרינדעט אין רוסישער דומאַ.
26 1856 — געשטאָרבען דער אינדיווידואַליסט־אַנאַרכיסט מאַקס שטירנער.
1893—שוואַב, פיעלדען און ניבע, פון שיקאַגער אַנאַרכיסטען פּראָצעס, באַגנאַדיגט פון גאָווערנאָר אַלטגעלד.
1920—פרויען־שטימרעכט איינגעפיהרט אין די פאַראייניגטע שטאַאַטען.
27 1896—ערשטע קאָנוועושאָן פון דער סאָשעליסט טרייד און לייבאָר אַלייענס אין ניו יאָרק.
28 1905—אויפשטאַנד פון די מאַטראָסען אויף דער רוסישער קריגס־שיף „קניאז פּאָטיאָמקין".
1910—די ערעפענונג פון ערשטען אינטערנאַציאָנאַלען ראַסען־קאָנגרעס אין לאָנדאָן.
1914—עסטרייכישער קרוין פּרינץ מיט זיין פרוי דערשאָסען פון אַ סערביער אין סאַראַיעוואָ.
1919—אונטערגעשריבען דעם ווערסאַילער אָפּמאַך.
29 1925—ערד־ציטערניש אין דרום־קאַליפאָרניע (סאַנטאַ־באַרבאַראַ).
30 1837—אָפּגעשאַפט דעם שאַנד־קלאָץ אין ענגלאַנד.

יולי

1 1876—געשטאָרבען דער רוסישער אַנאַרכיסט מיכאַאיל באַקונין.
2 1798—געשטאָרבען דער פראַנצויזישער פילאָזאָף זשאַן זשאַק רוססאָ.
3 1869—רעליגיעזע פרייהייט פּראָקלאַמירט אין דייטשלאַנד.
1908—רעוואָלוציע אין טערקיי.
4 1776—אומאפהענגיגקייט ערקלערונג פון די אַמעריקאַנער קאָלאָניעס.
1807—געבאָרען געוואָרען דער איטאַליענישער פאָלקס־העלד און רעוואָלוציאָנער דזשוזעפּע גאַריבאַלדי.
1874—געגרינדעט געוואָרען די ערשטע אַמעריקאַנישע פּאָליטישע אַרבייטער פּאַרטיי, די „סאָשעל־דעמאָקראַטיק וואָרקינגמענס פּאַרטי".
1904—געשטאָרבען דר. הערצל, דער פיהרער פון די ציוניסטען.

5 1893—געשטאָרבען דער פראַנצויזישער שריפטשטעלער מאָפּאַסאַן.

1905—געשטאָרבען דער פראַנצויזישער געאָגראַף אַנאַרכיסט עליזע רעקליו.

6 1415—דער פריידענקער יאָהאַן הוס פאַרברענט אויפ'ן שייטערהויפען.

7 1894—סאָלדאַטען שיסען אין סטרייקענדע באַן־אַרבייטער אין שיקאַגאָ.

8 1894—באַלאַגערונגס צושטאַנד ערקלערט אין שיקאַגאָ.

1924—געשטאָרבען דער אידישער סאָצ. עקאָנאָמיסט פובליציסט י. א. הורוויטש.

9 1902—געשטאָרבען דער אידישער סקולפּטאָר מאַרקוס אַנטאָקאָלסקי.

10 1894—דעבס פאַרהאַפטעט אין שיקאַגאָ.

11 1885—געגרינדעט געוואָרען דער 1טער לאָנדאָנער „אַרבייטער פריינד“.

12 1781—דער גרויסער „אָראַנדזש ראַיאָט“ אין ניו יאָרק.

13 1688—רעוואָלוציע אין ענגלאַנד.

1793—דער באַריהמטער פראַנצויזישער רעוואָלוציאָנער מאַראַט דערשטאָכען פון שאַרלאָטע קאָרדע.

14 1789—די שטירצונג פון דער באַסטיליע אין פּאַריז.

1889—ערשטער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער קאָנגרעס אין פּאַריז.

15 1809—געשטאָרבען דער פראַנצויזישער סאָציאַליסט פּ. פּרודאָן.

1839—אויפשטאַנד פון די טשאַרטיסטען אין בירמינגהאַם, ענגלאַנד.

1876—ליבערמאַן לאָזט אַרויס זיין סאָציאַליסטישען מאַניפעסט צו די אידישע אַרבייטער.

16 1877—גרויסער אייזענבאַן סטרייק אין אמעריקע.

1883—ווינטשעווסקי און אַנדערע גרינדען די ערשטע אידישע טרייד־יוניאָן אין לאָנדאָן.

1918—צאַר ניקאָלאַי און זיין פאַמיליע געטויט אין יעקאַטערינבורג.

17 1906—די ערשטע אינטערפּאַרלאַמענטאַרישע סאָציאַליסטישע קאָנפערענץ אין לאָנדאָן.

1910—גענעראַל סטרייק פון 60 טויזענט קלאָוקמאַכער אין ניו יאָרק.

18 1874—ערעפענונג פון קאָנגרעס פון די דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטען אין גאָטהא.

19 1870—פראַנקרייך ערקלערט קריג פּרייסען.

1907—וויקטאָר גרייסאָן ערוועהלט אין ענגלישען פּאַרלאַמענט אַלס אַן אויסגעשפּראָכענער סאָציאַליסט.

20 1808—נאַפּאָלעאָנ'ס מאַניפעסט וועגען אידען.

21 1906—צוטריבען די ערשטע רוסישע דומא.

22 1877—אייזענבאַן ראַיאָטס אין פּיטסבורג.

1906—קאָנסטיטוציע איינגעפיהרט אין פּערסיען.

23 1906—די געוועזענע דעפּוטאַטען פון דער ערשטער דומאַ לאָזען אַרויס אין וויבאָרג אַ מאַניפעסט צום פאָלק.

1912—אָרגאַניזירט געוואָרען די אידישע סאָציאַליסטישע פעדעראַציע פון אַמעריקאַ.

1914—עסטרייכ'ס אולטימאַטום צו סערביען.

24 1716—פּאָגראָם אויף אידען אין פּאָזען.

1884—ווינטשעווסקי גרינדעט אין לאָנדאָן די ערשטע אידישע סאָציאַליסטישע צייטונג „דער פּוילישער אידעל“.

26 1825—פּעסטעל, רילעעוו און אַנדערע רוסישע רעוואָלוציאָנערען (דעקאַבריסטען) אויפגעהאַנגען.

1898—מאַסען־אַרעסטען פון בונדיסטען אין ליטע און פּוילען. אַרעסטירט די אונלעגאַלע דרוקעריי פון דער „אַרבייטער שטימע“ אין באָברויסק.

1896—אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער קאָנגרעס אין לאָנדאָן.

27 1656—ברוך שפּינאָזא אַרויסגעלעגט אין חרם.

1830—רעוואָלוציע אין פּאַריז.

1882—אָפּגעהאַלטען די ערשטע אידישע סאָציאַליסטישע פאַרזאַמלונג אין ניו יאָרק, אַדרעסירט פון אַב. קאהאַן.

1794—דער פראַנצויזישער רעוואָלוציאָנער ראָבעספּיער גילאָטינירט.

28 1904—פאָן פּלעווע דער'הרג'עט פון א באָמבע דורך יעגאָר סאַזאָנאָוו.

28 1903—צווייטער צוזאמענפאהר פון דער רוסישער סאָצ.-דעמאָקראַטישער פּאַר־טיי געשפּאָלטען אויף „באָלשעוויקעס" און „מענשעוויקעס".

1914—עסטרייך ערקלערט סערביען קריג און דערמיט פאנגט זיך אָן די גרוי־סע אַלוועלטליכע מלחמה.

29 1922—געשטאָרבען דער פיהרער פון די פראַנצויזישע סאָציאַל-דעמאָקראַטען, זשול געד.

31 1914—זשאַן זשאָרעס דערשאָסען פון אַ פראַנצויזישען נאַציאָנאַליסט.

1914—דייטשלאַנד ערקלעהרט קריג רוס־לאַנד.

אויגוסט

1 1834—שקלאַפעריי אָפּגעשאַפט אין די ענגלישע קאָלאָניעס.

1909—אויפשטאַנד אין באַרצעלאָנאַ.

1914—דייטשלאַנד וואַרפט זיך אַריין אין דער אַלוועלטליכער מלחמה.

2 1789—אַריסטאָקראַטיע אָפּגעשאַפט אין פראַנקרייך.

3 1909—גענעראַל סטרייק אין שוועדען.

4 1884—געגרינדעט געוואָרען די ענגלי־שע ס. ד. פ.

1889—הריגה אויף די פּאָליטישע פאַר־שיקטע אין יאַקוטסק, סיביר.

1919—געפאַלען די קאָמוניסטישע דיק־טאַטור אין אונגאַרן.

5 1853—געלייגט געוואָרען דער טראַנס־אַטלאַנטישער קייבעל.

1895—געשטאָרבען פרידריך ענגעלס.

1914—ענגלאַנד ערקלערט דייטשלאַנד קריג.

6 1893—אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליס־טישער קאָנגרעס אין ציוריך, שווייץ.

1914—עסטרייך ערקלערט רוסלאַנד קריג.

7 1900—געשטאָרבען ווילהעלם ליבקנעכט.

1922—די באָלשעוויקעס פאַר'משפּט'ן די אַרעסטירטע ס.-ר.'ן צום טויט.

8 1884—דער אַנאַרכיסט שטעלמאַכער אויפגעהאַנגען אין ווינ, עסטרייך.

1924—ענגלאַנד שליסט אַ האַנדעלס-אָפּ־מאַך מיט סאָוועט-רוסלאַנד.

9 1906—אינטערנאַציאָנאַלער פרויען-קאָנ־גרעס אין קאָפּענהאַגען.

10 1792—דער קעניג לואי דער 16טער אַנט־לאָפען פון פּאַריז.

12 1917—צאַר ניקאָלאַי מיט זיין פאַמיליע ווערען פאַרשיקט קיין טאָבאָלסק, סיביר.

13 1849—רוסישע מיליטער אונטערדריקען די רעוואָלוציע אין אונגאַרן.

1913—געשטאָרבען אויגוסט בעבעל.

14 1904—אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטי־שער קאָנגרעס אין אַמסטערדאַם.

15 1889—גרויסער דאָק-אַרבייטער סטרייק אין ענגלאַנד.

1892—געגרינדעט געוואָרן די איטאַליע־נישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי.

16 1885—געגרינדעט געוואָרען די בעלגישע אַרבייטער פּאַרטיי.

1891—אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטי־שער קאָנגרעס אין ברוסעל.

17 1878—גענעראַל מעזענצעוו דערשטאָכען אין פּעטערבורג פון סטעפּניאַק. ער־שטער אַרעסט פון סאָציאַליסטען אין רוסיש-פּוילען.

1911—אָנהויב פון אייזענבאַן סטרייק אין ענגלאַנד.

1919—געשטאָרבען דער אידישער שריפט־שטעלער יעקב דינעזאָן.

18 1907—אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטי־שער קאָנגרעס אין שטוטגאַרט.

19 1875—פאַראייניגונגס-קאָנגרעס פון די דייטשע סאָציאַליסטען אין גאָטהאַ.

20 1851 — קאָנסטיטוציע אָפּגעשאַפט אין עסטרייך.

1866—קאָנווענשאָן פון דער נעשאָנאַל לייבאָר יוניאָן אין באַלטימאָר.

21 1886—7 אַנאַרכיסטען פאַראורטיילט צום טויט אין שיקאַגאָ.

22 1400—גרויסע הריגה אויף אידען אין פּראַג.

1484—אידען פאַרברענט אויפ'ן שייטער־הויפען אין טורנאָו.

23 1305—ווילליאַם וואַלאַס, שאָטלענדישער פרייהייטס-קעמפער, הינגעריכטעט.

23 1914—האָט געזאָלט שטאַטפינדען דער צעהנטער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער קאָנגרעס, דאָס האָט געזאָלט זיין די פייערונג פון 50-יאָהריגען יובילעאום פון דעם אינטערנאַציאָנאַל.

24 1572—די באַרטהאָלאָמעי בלוט-באַד אין פּאַריז.

1833—דאָס וואָרט „סאָציאַליזם" צום ערשטען מאָל געברויכט אין ענגלאַנד.

25 1867—ערשינען „קאַפּיטאַל" פון קאַרל מאַרקס.

1830—רעוואָלוציע אין בעלגיען.

1900—געשטאָרבען דער דויטשער דיכטער און דענקער פרידריך ניטשע.

27 1924—דער אויפשטאַנד אין גרוזיע געגען דער באָלשעוויסטישער דיקטאַטור.

28 1864—פערדינאַנד לאַסאַל פאַרוואונדעט אין א דועל.

1910—אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער קאָנגרעס אין קאָפּענהאַגען.

29 1897—ערשטער ציוניסטישער קאָנגרעס אין באַזעל.

30 1918—די סאָציאַליסטקע דאָרא קאַפּלאַן שיסט אויף לענינ'ען.

31 1864—געשטאָרבען פערדינאַנד לאַסאַל.

סעפּטעמבער

1 1923—גרויסע ערד-ציטערניש אין טאָקיא, יאַפּאַן.

2 1867—צווייטער קאָנגרעס פון דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבייטער אַסאָציאַציע אין לאָזאַן.

1872—פינפטער קאָנגרעס פון דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבייטער אַסאָציאַציע אין האַאַג.

1910—סעטעלמענט פון גרויסען קלאָוקמאַכער סטרייק אין ניו יאָרק.

1919—שפּאַלטונג אין דער אַמעריקאַנער ס. פּ. קאָמוניסטען גרינדען אַ באַזונדערע פּאַרטיי.

1921—שפּאַלטונג אין דער אידישער סאָציאַליסטישער פעדעראַציע. געגרינדעט געוואָרען דער אידישער סאָציאַליסטישער פאַרבאַנד פון אַמעריקא.

3 1866—ערשטער קאָנגרעס פון דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבייטער אַסאָציאַציע אין זשענעוואַ.

4 1870—פּראָקלאַמירונג פון דער דריטער רעפּובליק אין פראַנקרייך.

1900—געגרינדעט געוואָרען דער אַרבייטער רינג.

5 1869—פערטער קאָנגרעס פון דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבייטער אַסאָציאַציע.

1916—געשטאָרבען דער אידיש-רוסישער פּאָעט ש. פרוג.

1905—די סאָציאַליסטישע קאָנפערענץ אין צימערוואַלד.

1918—די באָלשעוויקעס גיבען אַרויס דעם דעקרעט וועגען רויטען טעראָר.

6 1868—דריטער קאָנגרעס פון דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבייטער אַסאָציאַציע אין ברוסעל.

1901—פּרעזידענט מעקינלי געשאָסען.

7 1891—געשטאָרבען דער אידישער היסטאָריקער הירש גרעץ.

1898—מאַסען-אַרעסטען פון בונדיסטען אין רוסלאַנד.

1920—סאָוועט-רוסלאַנד שליסט דעם אָפּמאַך מיט פּוילען.

8 1906—פּאָגראָם אויף אידען אין סיעדלעץ, רוסיש-פּוילען.

10 1898—קייזערין עליזאַבעטה פון עסטרייך דערשאָסען.

1921—ערשינען דער ערשטער נומער פון „וועקער", אָרגאַן פון אידישען סאָצ פאַרבאַנד אין אמעריקא.

11 1823—געשטאָרבען דער אידיש-ענגלישער נאַציאָנאַל-עקאָנאָם דאַוויד ריקאַרדאָ.

1848—רעוואָלוציע אין אונגאַרן.

1903—פּאָגראָם אויף אידען אין האָמעל.

1905—גענעראַל סטרייק אין וואַרשאָ.

13 1872—געשטאָרבען דער דויטשער פילאָזאָף לודוויג פייערבאַך.

1911—אינטערנאַציאָנאַלער היט-אַרבייטער קאָנגרעס אין בערלין.

14 1906—געשטאָרבען דער אידיש-רוסישער סאָציאַליסט מיכאַיל גאָץ.

1911—רוסישער פּרעמיער - מיניסטער סטאָליפּין דערשאָסען.

1917—אין רוסלאַנד ווערט פּראָקלאַמירט אַ רעפּובליק.

1829—מעקסיקאָ שאַפט אָפּ שקלאַפעריי.

15 1900—גרויסער קוילען־גרעבער סטרייק אין פּענסילווייניא.

16 1394—אַרויס אַ באַפעל אַרויסצוטרייבען די אידען פון פראַנקרייך.

1866—קאַראַקאָזאָוו געהאַנגען פאַר אַן אַטענטאַט אויף אַלעקסאַנדער דעם 2טן.

17 1871—גענעראַל קאָנפערענץ פון דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבייטער אַסאָציאַציע אין לאָנדאָן (ערשטער אינטער־נאַציאָנאַל).

1787—קאָנסטיטוציע פון פאראייניגטע שטאַטען אָנגענומען אין פילאַדעלפיא.

1913—געשטאָרבען דער ענגלישער סאָציאַל־דעמאָקראַט הערי קוועלטש.

18 1904—גענעראַל סטרייק אין איטאַליען.

1919—סטרייק פון 400 טויזענט שטאָל־אַרבייטער אין אַמעריקא.

19 1914—„האָום־רול“ אָנגענומען פאַר אירלאַנד.

1917—טשכעאידזע, צערעטעלי, גאָץ און אנדערע פיהרער פון די מענשעוויקעס און עס־ער׳ען טרעטען ארויס פון פע־טערבורגער סאָוועט.

20 1870—ענדע פון דער וועלטליכער הער־שאַפט פון רוימישען פּאַפּסט.

21 1792—אָפּגעשאַפט די מאָנאַרכיע אין פראַנקרייך.

1922—דייטשע אונאָפּהענגיגע סאָציאַ־ליסטען פאַראייניגען זיך מיט דער מעהרהייטס־פּאַרטיי.

22 1792—איינגעפירט דעם רעוואָלוציאָנע־רען קאַלענדאַר אין פראַנקרייך.

23 1863—קאָנפערענץ פון דער אינטערנאַ־ציאָנאַלער אַרבייטער אַסאָציאַציע אין לאָנדאָן.

1900—אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליס־טישער קאָנגרעס אין פאריז.

24 1908—געזעץ וועגען פענסיע פאַר אַלטע לייט אַריין אין קראַפט אין ענגלאַנד.

25 1899—גרויסער הונגער אין אינדיען.

26 1846—טשאַרטיסטן פראָצעס אין לאָנדאָן.

1915—געשטאָרבען דער פיהרער פון די ענגלישע סאָציאַליסטען דזשיימס קיר האַרדי.

27 1791—אידען באַקומען גלייכבאַרעכטי־גונג אין פראַנקרייך.

1825—ערעפענונג פון דער ערשטער אַיי־זענבאַן אין ענגלאַנד.

28 1864—די גרינדונג פון דער אינטער־נאַציאָנאַלער אַרבייטער אַסאָציאַציע אין לאָנדאָן (אינטערנאַציאָנאַל).

29 1868—רעוואָלוציע אין שפאַניען.

1902—געשטאָרבען עמיל זאָלאַ.

30 1890—אָפּגעשאַפט געוואָרען דער אנטי־סאָציאַליסטען געזעץ אין דייטשלאַנד.

אָקטאָבער

1 1789—פראַנצויזישער קאָנווענט פראָק־לאַמירט מענשען־רעכטע.

1807—פולטאָן ערפינדעט דעם ערשטען דאַמפף־שיף.

1912—פראָצעס געגען אַרבייטער־פיהרער אין אינדיאַנאַפּאָלים.

2 1656—טויזענטער אידען אויסגעשלאַכ־טעט פון קאָזאקען אין לובלין.

1833—די ערשטע אַייזענבאַן אין אַמע־ריקא.

1882—אָנגעפאַנגען צו ערשיינען קאַוט־סקי׳ס זשורנאַל „נייע צייט“.

3 1896 — געשטאָרבען דער ענגלישער שריפטשטעלער סאָציאַליסט וויליאַם מאָררים.

4 1830—בעלגיען׳ס אומאָפּהענגיגקייטס־ערקלערונג.

1862—גלייכבאַרעכטיגונג פון די אידען אין באַדען.

1910—רעפּובליק פּראָקלאַמירט אין פּאָרטוגאַל.

5 1908—בולגאַריען ערקלערט זיך פאַר אַ זעלבסטשטענדיג קעניגרייך.

7 1908—עסטרייך אנעקסירט באָסניע און הערצעגאָווינאַ.

8 1837—געשטאָרבען שאַרל פוריע.

1848—אויפשטאַנד אין וויען.

1894—ערשטער גענעראַל סטרייק פון די קלאָוקמאַכער אין ניו יאָרק.

1897—געגרינדעט געוואָרען דער אַלגע־מיינער אידישער אַרבייטער בונד פון רוסלאַנד, ליטא און פוילען („בונד“).

1913—אָנפאַנג פון דעם ביילים עלילת־דם פראָצעס אין קיעוו.

9 1888—געגרינדעט די פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען אין ניו יאָרק.

10 1911—פרויען שטימרעכט איינגעפיהרט אין קאַליפאָרניאַ.

12 1845—ערשטער נאַציאָנאַלער קאָנגרעס פון אַמעריקאַנער יוניאָנס אין ניו־יאָרק.

1907—קאַרל ליבקנעכט פאַראורטיילט צו טורמע פאַר זיין בוך „אַנטי־מיליטאַריזם“.

13 1909—פראַנציסקאָ פערער דערשאָסען.

1924—געשטאָרבען דער פראַנצויזישער שריפטשטעלער און סאָציאַליסט אַנאַטאָל פראַנס.

14 1863—לאַסאַל׳ס אויפרוף צו די בערלינער אַרבייטער.

1891—דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פאַרטיי־טאָג אין ערפורט.

1894—ערשינען דער ערשטער נומער פון דער ערשטער אידישער טעגליכער סאָציאַליסטישער צייטונג אין ניו יאָרק „אַבענדבלאַט“.

1914—געגרינדעט געוואָרען די אַמאַלגעמייטעד קלאָדהינג וואָירקערס אָוו אַמעריקאַ.

15 1817—געשטאָרבען דער פוילישער רעוואָלוציאָנער קאָסטיושקאָ.

16 1725—ערשינען די ערשטע צייטונג אין ניו יאָרק.

1793—פראַנצויזישע קעניגין מאַריאַ אַנטואַנעט גילאָטינירט.

17 1892—געשטאָרבען דער אידישער פרייהייטס־דיכטער דוד עדעלשטאַדט.

18 1918—טשעכאָ־סלאָוואַקיע ערקלעהרט זיך אומאָפּהענגיג פון עסטרייך.

19 1878—אָנגענומען געוואָרען דער אַנטי־סאָציאַליסטען געזעץ אין דייטשען רייכסטאַג.

20 1906—איינגעפיהרט אַן אַרבייטס־מיניסטעריום אין פראַנקרייך.

21 1916—פרידריך אדלער שיסט דעם עסטרייכישען פרעמיער שטורק.

1918—דייטשלאַנד נעמט אַן ווילסאָנ׳ס וואַפענשטילשטאַנד באַדינגונגען.

23 1905—אָנגעפאַנגען זיך דער גענעראַל־סטרייק אין רוסלאַנד.

1917—דער צענטראַלער קאָמיטעט פון די באָלשעוויקעס באַשליסט אָנצוהויבען דעם אויפשטאַנד געגען דער צייטווייליגער רעגירונג.

24 1879—די פראַנצויזישע אַרבייטער פאַרטיי געגרינדעט פון געד און לאַפאַרג.

1407—פאָגראָם אויף אידען אין קראָקוי.

25 1878—פאַרבאָטען דעם צענטראַל אָרגאַן פון דער דייטשער ס. ד. „פאָרווערטס“.

1918—רעוואָלוציע אין עסטרייך־אונגאַרן.

26 1909—געשטאָרבען פ. זאָרגע, דער סעקרעטאַר פון אינטערנאַציאָנאַל.

27 1882—אויפשטאַנד אין ליאָן, פראַנקרייך, אָנגעפירט פון קראָפאָטקין און אַנד.

28 1905—ריזיגע דעמאָנסטראַציע אין ווין פאַר אַלגעמיינע וואַהלרעכט.

29 1811—געבאָרען געוואָרען דער באַריהמטער פראַנצויזישער רעוואָלוציאָנער, בלאַנקי.

1897—געשטאָרבען דער אַמעריקאַנער רעפאָרמער הענרי דזשאָרדזש.

1919—דער געזעץ וועגען פּראָהיבישאָן אין די פאַראייניגטע שטאַטען אריין אין קראַפט.

30 1889—געשטאָרבען דער רוסישער סאָציאַליסטישער דענקער טשערנישעווסקי.

1905—קאָנסטיטוציע פּראָקלאַמירט אין רוסלאַנד.

31 1905—פאָגראָמען אויף אידען אין פילע שטעדט אין רוסלאַנד.

נאָוועמבער

2 1918—אָנפאַנג פון דער רעוואָלוציע אין דייטשלאַנד.

3 1394—אידען אַרויסגעטריבן פון פּאַריז.

1640—ערעפענט דער לאַנגער פּאַרלאַמענט אין ענגלאַנד.

1903—פּאַנאַמאַ ערקלערט זיך אומאָפּהענגיג.

1914—מאיר לאָנדאָן, ערשטער סאָציאַליסטישער קאָנגרעסמאַן פון ניו יאָרק, ערוועהלט אויף דער אידישער איסט־סייד.

4 1480—פילע אידען פאַרברענט אויפ׳ן עשאַפאָט אין סעוויל.

4 1830—אויפשטאַנד פון טשאַרטיסטען אין ניופּאָרט, ענגלאַנד.

6 1887—פּאַטיע, קאָמפּאָזיטאָר פון „אינ־טערנאַציאָנאַל", געשטאָרבען.

7 1899—זיצונג פון אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער ביוראָ אין ברוסעל

1907—ערשטער סטרייק אין טערקיי.

1917—די באָלשעוויסטישע איבערקערע־ניש אין פּעטערבורג. פּראָקלאַמירט די סאָוועטען רעפּובליק אין רוסלאַנד.

1918—די דייטשע פלאָטע רעוואָלטירט.

1919—ערמאָרדעט דעם סאָציאַליסט הוגאָ האַאַזע.

8 1910—ערשטער סאָציאַליסט, וויקטאָר בערגער, ערוועהלט אין אַמעריקאַנער קאָנגרעס.

1920—געשטאָרבען דער אידיש־רוסישער שריפטשטעלער ש. אַנסקי.

9 1905—ערשינען די ערשטע סאָציאַל דעמאָקראַטישע טעגליכע צייטונג אין פּעטערבורג.

1910—26 סאָציאַליסטען און אַנאַרכיס־טען פאַראורטיילט אין טאָקיאָ.

1918—קייזער ווילהעלם זאָגט זיך אָפּ פון טראָן.

11 1887—געזעצליכע ערמאָרדונג פון די שיקאַגאָער אַנאַרכיסטישע מאַרטירער.

1918—געשטאָרבען דער גרינדער און פיהרער פון דער עסטרייכישער סאָ־ציאַל־דעמאָקראַטיע, וויקטאָר אַדלער.

1918—דייטשלאַנד שרייבט אונטער דעם וואַפענשטילשטאַנד.

12 1912—שפּאַנישער פּרעמיער־מיניסטער דערשאָסען.

1918—רעפּובליק פּראָקלאַמירט אין עסט־רייך און אין אונגאַרן.

13 1909—מיין עקספּלאָזיאָן אין טשעררי, איל. 300 טויטע.

14 1831—געשטאָרבען דער דייטשער פילאָ־זאָף העגעל.

1922—דער זיג פון דער לייבאָר פּאַרטיי אין ענגלאַנד. ערוועהלט 141 דעפּו־טאַטען מיט מעקדאָנאַלד'ן אין דער שפּיץ.

15 1881—קאָנווענשאָן פון אַמעריקאַן פעדערייש־אָן אָוו טרייד און לייבאָר אָר־גאַניזיישאָנס.

1905—גענעראַל סטרייק אין פּעטערבורג.

16 1491—פאַרברענט פילע מאַראַנען אין אווילאַ.

1848—אויפשטאַנד אין רוים.

17 1858—געשטאָרבען דער ענגלישער או־טאָפּיסטישער סאָציאַליסט ראָבערט אָוען.

1912—סאָציאַליסטישע אַנטי־מלחמה דע־מאָנסטראַציעס אין גאַנץ איירעפּאַ.

19 1904—ערשער זעמסטוואָ־קאָנגרעס אין מאָסקווע פאָדערט אַ קאָנסטיטוציע.

20 1880—געשטאָרבען אהרן ליבערמאַן. דער ערשטער וואָס האָט אָנגעפאַנגען פּרע־דיגען סאָציאַליזם צווישען אידישע מאַסען.

1899—דער אַנטי־סטרייק געזעץ פּראָיעקט דורכגעפאַלען אין דייטשען רייכסטאַג.

1910—געשטאָרבען לעוו טאָלסטאָי.

21 1831—הונגער אויפשטאַנד אין ליאָן, פראַנקרייך.

22 1800—געשטאָרבען דער אידישער פילאָ־זאָף שלמה מיימאָן.

1863 — פערדינאַנד לאַסאַל פאַרהאַפטעט אויף דער קלאַגע פון האָף־פּאַראַט.

1895—יודזשין וו. דעבס אַרויסגעלאָזען געוואָרען פון געפענגניש.

23 1891—קייזער ווילהעלם דער צווייטער האַלט אַ רעדע פאַר סאָלדאַטען און הייסט זיי שיסען אין זייער פאָטער און מוטער, אויב ס'וועט נויטיג זיין.

1924—די אַשעס פון זשאַן זשאָרעס באַ־ערדיגט אין פּאַנטעאָן.

24 1924—געשטאָרבען דער אידישער סאָצי־אַליסטישער פּובליציסט מ. באַראַנאָוו.

1912—אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטי־שער אַנטי־מלחמה־קאָנגרעס אין באַזעל.

25 1783—ענגלענדער פאַרלאָזען ניו יאָרק.

26 1910—25 אַרבייטערינען פאַרברענט אין אַ נואַרקער פעקטאָרי.

27 1905—מאַטראָסען און סאָלדאַטען אויפ־שטאַנד אין סעוואַסטאָפּאָל.

1911—פּאָול לאַפאַרג און זיין פרוי לאַורא מאַרקס באַגעהען זעלבסטמאָרד.

1922—געשטאָבען דער אידישער סאָצ. זשונאַליסט פיליפּ קראַנץ.

28 1820—געבאָרען געוואָרען פרידריך ענגעלס.

29 1830—דער אָנהויב פון דער רעוואָלוציע אין וואַרשאַ.

1847—דער „קאָמוניסטען פאַראיין" באַאויפטראָגט קאַרל מאַרקס און פרידריך ענגעלס אנצושרייבען דעם „קאָמוניסטישען מאַניפעסט".

30 1900—געשטאָרבען דער ענגלישער שריפטשטעלער אָסקאַר ווײלד.

1924—דער סאָציאַליסטישער פּרעזידענט פון מעקסיקאָ, קאַיעס, פאַרנעמט זיין פּאָסטען.

דעצעמבער

1 1879—אַייזענבאַן אַטענטאַט אויף אַלעקסאַנדער דעם צווייטען.

1906—אַיינגעפירט דאָס אַלגעמיינע וואַהלרעכט אין עסטרייך.

2 1851—מלוכה איבערקערעניש פון נאַפּאָלעאָן דעם דריטען אין פראַנקרייך.

1859—דזשאָהן בראַון אויפגעהאַנגען.

1881—געשטאָרבען דזשעני מאַרקס, די פרוי פון קאַרל מאַרקס.

3 1905—גרויסע דעמאָנסטראַציע פאַר אַלגעמיינע וואַהלרעכט אין זאַקסען.

1917—געשטאָרען דער אידישער שריפטשטעלער מענדעלע מוכר ספרים.

4 1803—שפּאַנישע אינקוויזיציע אונטערדריקט פון נאַפּאָלעאָן דעם ערשטען.

5 1751—געשטאָרבען דער קאָמפּאָזיטאָר וו. א. מאָצאַרט.

1879—די ערשטע פּראָקלאַמאַציע פון דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ".

6 1213—הריגה אויף אידען אין ערפורט.

1882—געשטאָרבען דער פראַנצויזישער סאָציאַליסט לואי בלאַן.

1905—אָפּגעטיילט די קירכע פון שטאַט אין פראַנקרייך.

1907—מינען קאַטאַסטראָפע אין וועסט ווירדזשיניע, 550 טויטע.

1918—דער ספּאַרטאַקוס אויפשטאַנד אין בערלין.

1921—אירלאַנד ווערט אַנערקענט פון ענגלאַנד אַלס אַ פרייע רעפּובליק.

7 1886—געגרינדעט געוואָרען די אַמעריקאַן פעדעריישאָן אָוו לייבאָר.

8 1889—געגרינדעט געוואָרען די ערשטע קלאָוקמאַכער יוניאָן אין ניו יאָרק.

9 1905—אַרעסטירט דער פאַרזיצענדער פון „פּעטערבורגער ראַט פון די אַרבייטער דעפּוטאַטען", כרוסטאַליאָוו.

10 1895—אָפּגעשאַפט דאָס אַלגעמיינע וואַהלרעכט אין זאַקסען.

1910—סאַזאָנאָוו, דער סאָציאַליסט־רעוואָלוציאָנער, וואָס האָט דער'הרג'עט פּלעווע'ן, באַגעהט זעלבסטמאָרד אויף קאַטאָרגע.

11 1905—בורנס, געוועזענער ענגלישער סאָציאַל־דעמאָקראַט, טרעט אַריין אין ליבעראַלען מיניסטעריום.

12 1906—טראַנסוואַל באַקומט אַ קאָנסטיטוציע.

13 1204—געשטאָרבען דער אידישער פילאָזאָף משה מיימאָנידעס (רמב"ם).

1349—הריגה אויף אידען אין דייטשלאַנד.

1799—געבאָרען געוואָרען דער אידיש־דייטשער פּאָעט היינריך היינע.

1924—סעמועל גאָמפּערס, פּרעזידענט פון אַמעריקאַן פעדעריישאָן אָוו לייבאָר, געשטאָרבען אין סאַן־אַנטאָניאָ, טעק.

14 1799—געשטאָרבען דזשאָרדזש וואַשינגטאָן.

1907—סאָציאַל־דעמאָקראַטישע דומאַ־דעפּוטאַטען פאַראורטיילט צו קאַטאָרגע אין סיביר.

1911—דער נאָרוועגישער רייזענדער, אַמונדסען, אַנטדעקט דעם דרום־פּאָל.

15 1905—אָפּגעשטעלט די סאָציאַליסטישע צייטונגען אין פּעטערבורג.

1909—מינען קאַטאַסטראָפע אין יאַפּאַן. 762 טויטע.

1917—די באָלשעוויקעס שרייבען אונטער דעם וואַפענשטילשטאַנד מיט די צ ע נ ט ר אַ ל - מלוכות אין ברעסט־ליטאָווסק.

16 1773—דאָס פאָלק פון באָסטאָן וואַרפט אַריין אין ים די ענגלישע טהע.

17 1659—300 אידען אויסגעשלאַכטעט אין בוכאָוו.

18 1862—אָפּגעשאַפט די נעגער שקלאַפעריי אין די פאַראייניגטע שטאַטען.

1878—די ערשטע פּאָליטישע גאַסען־דעמאָנסטראַציע אין פּעטערבורג. פּלעכאַנאָוו אַדרעסירט די דעמאָנסטראַציע.

1907—איבער 300 מיינער אומגעקומען אין פּענסילוויניא.

19 1890—געשטאָרבען דער בעלגישער סאָציאַליסט צעזאַר דע פּאַפּ.

1915—געשטאָרבען דער פיהרער פון די פראַנצויזישע סאָציאַליסטען, עדואַרד וואַיאַן.

20 1860—די סאַוטהערן סטייטס טיילען זיך אָפּ פון דער „יוניאָן".

21 1895—דער רוסישער שריפטשטעלער רעוואָלוציאָנער סטעפּניאַק (קראַווטשינסקי) דער'הרג'עט געוואָרען פון אַ טריין אין לאָנדאָן.

22 1905—אויפשטאַנד אין מאָסקווע.

23 1908—גאָמפּערס, מיטשעל און מאָריסאָן פאַראורטיילט צו געפענגניש פאַר „קאָנטעמפּט אָוו קאָורט".

24 1496—אידען אַרויסגעטריבען פון פּאָרטוגאַל.

1921—דעבס און קאָלדוועל באַגנאַדיגט.

25 1907—פּראָצעס פון די געוועזענע רוסישע דעפּוטאַטען, וועלכע האָבען זיך געחתמ'עט אונטער וויבאָרגער מאַניפעסט.

26 1825—דער אויפשטאַנד פון די דעקאַבריסטען אין פּעטערבורג.

27 1907—קאָנגרעס פון די אָטאָמאַנישע רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען אין פּאַריז.

1908—אַ גרויסע ערד־ציטערניש אין סיציליע. 200,000 טויטע.

28 1869—געגרינדעט געוואָרען די „נייטס אָוו לייבאָר".

1912—38 יוניאָן באַאַמטע פאַראורטיילט אין אינדיאַנאַפּאָליס צו 113 יאָהר געפענגניש.

29 1905—אונטערדריקט דעם אויפשטאַנד אין מאָסקווע.

30 1893—הונגער ראַיאָט אין סיציליע.

1912—אויסגעבראָכען דער סטרייק פון 100000 מענער־שניידער אין ניו יאָרק.

31 1911—טעקסטיל אַרבייטער לאָקאַוט אין ענגלאַנד.

דער וואוקס פון דער באַפעלקערונג אין די גרעסטע אייראָפּעאישע לענדער אין פאַרלויף פון 500 יאָהר

אין גאַנץ אייראָפּא

אין יאָהר 1350 — — — — — 100 מיליאָן
אין יאָהר 1700 — — — — — 110 מיליאָן
אין יאָהר 1750 — — — — — 140 מיליאָן
אין יאָהר 1800 — — — — — 187 מיליאָן
אין יאָהר 1850 — — — — — 267 מיליאָן

אין יאָהר 1880 — — — — — 334 מיליאָן
אין יאָהר 1890 — — — — — 365 מיליאָן
אין יאָהר 1900 — — — — — 406 מיליאָן
אין יאָהר 1910 — — — — — 443 מיליאָן
אין יאָהר 1920 — — — — — 449 מיליאָן

די נעמען פון די לענדער	די צאָהל פון דער באַפעלקערונג, אין טויזענטער, אין די יאָהרען:					
	1480	1580	1680	1780	1880	1920
ענגלאַנד — — —	3,700	4,600	5,532	9,561	35,004	47,605
פראַנקרייך — —	12,600	14,300	18,800	25,100	37,400	39,210
פּרויסען — — —	800	1.000	1,400	5,460	27,279	37,485
רוסלאַנד (אייראָפּא)	2,100	4,300	12,600	26,800	84,440	101,410
איטאַליע — —	9,200	10,400	11,500	12,800	28,910	38,836
שפּאַניען — —	8,800	8,150	9,200	9,960	16,290	21,338

די וועלט און די מענשהייט

וואסער און יבשה

דער גאנצער ערד־קוגעל פארנעמט א שטח פון 510,000 קוואדראט קילאָמעטער; פון דעם קומט אוים:

אויף דער יבשה — — — 146,500 קוו. קיל. אויף וואסער — — — — — 363,500 קוו. קיל.

די טיילען פון דער וועלט

	קוו. קיל.
איירָאפּא פארנעמט א שטח פון	10,066
אַזיע	44,093
צפון אַמעריקא	25,702
דרום אַמעריקא	18,185
אַפריקא	30,027
אויסטראַליע	8,960
דער דרום פּאָלאַרער געגענד	9,417

פלאַכלענדער און הויכלענדער

די טיילען פון דער וועלט	שטח פון ביז 200 מעטער איבער'ן ים	שטח פון 200-500 מעטער איבער'ן ים	שטח פון 500-1000 מעטער איבער'ן ים	שטח העכער פון 1000 מ. איבער'ן ים	דער דורכשניטליכער הויך פון לאנד איבער'ן ים
איירָאפּא — —	5,200	2,400	900	700	300
אַזיע — — —	10,400	6,800	9,000	15,600	940
צפון אַמעריקא	6,400	6,400	9,600	4,400	730
דרום אַמעריקא	7,000	4,600	3,000	3,000	580
אַפריקא — —	3,600	10,000	7,800	7,000	670
אויסטראַליע —	2,300	5,000	300	100	360

דער שטח אין טויזענטער קוואַדראַט קילאָמעטער

די העכסטע טייל פון דער וועלט איז אַזיע, די נידעריגסטע איז איירָאפּא.

די אָקעאַנען און ימים

דער גאַנצער שטח וואסער אויפ'ן ערד־קוגעל ווערט איינגעטיילט אין דריי גרויסע אָקעאַנען. אין איינינע פאלען רעכענען מיר צו די אָקעאַנען די געהעריגע ימים און

איינגוסען, וואָס שנײדען זיך אַריין אין דער יבשה. מיר גיבען פריהער דעם שטח פון די אָקעאַנען אָהן די געהעריגע ימים, נאָכדעם ברענגען מיר דעם שטח פון אַלע ימים און איינגוסען צוזאַמען און איניגע ימים באַזונדער.

די אָקעאַנען און ימים	דער שטח אין טויזענטער קוואַדראַט קילאָמעטער	די גרעסטע טיפ־קייט אין מעטער	די דורכשניט־ליכע טיפקייט אין מעטערן
דער גרויסער אָקעאַן — — —	166,000	9,400	4,900
דער אַטלאַנטישער אָקעאַן— —	82,000	8,300	3,855
דער אידנדישער אָקעאַן — —	73,000	6,200	3,924
אַלע ימים און איינגוסען —	40,000	6,400	1,180
אַלע וואַסערען — — — —	361,000	9,400	3,680
דער מיטעללענדישער ים — —	2,963	6,400	1,435
דער באַלטישער ים — — —	431	427	67
דער שוואַרצער ים — — —	412	2,636	1,200

די גרעסטע ים־דורכגוסען

די דורכגוסען	די ברייט אין קילאָמעטערן	די לענג אין קילאָמעטערן	די דורכגוסען	די ברייט אין קילאָמעטערן	די לענג אין קילאָמעטערן
גיבראַלטאַר — — — —	90	14	קאַריינער דורכגוס — — — —	120	140
דער גרויסער בעלט — —	120	16	מאַלאקער דורכגוס — —	780	36
דער קליינער בעלט — —	180	0,6	בערינגס דורכגוס — —	60	35
דער זונד — — — —	110	4	פלאָרידער דורכגוס — —	300	80
דוּאוור — — — — —	56	33	מאַגלאַנער דורכגוס — —	600	33
באַספאָר — — — — —	30	0,7	באַב־על־מאַנדעב דורכגוס	50	17,5
דאַרדאַנעלען — — — —	71	1,3	קוקס דורכגוס — — —	110	85
מעסינער דורכגוס — —	42	3,5			

די גרעסטע אָזיערעס

דער שטח אין טויזענטער קוואַדראַט קילאָמעטער

דער קאַספּישער ים — — — — —	438	טאַנגאַנאַיקא (אַפריקא) — — — —	35
אויבערשטע אָזיערע (צפון אַמעריקא)	83	באַיקאַל (אַזיע) — — — — — —	35
וויקטאָריאַ־ניאַנצא (אַפריקא) — —	69	ניאַססא (אַפריקא) — — — — —	31
אַראַלער אָזיערע (אַזיע) — — — —	69	די בערען אָזיערע (צפון אַמעריקא)	29
יוּראָן (צפון אַמעריקא) — — —	60	די שקלאַפען אָזיערע (צפון אַמעריקא)	29
מישיגען (צפון אַמעריקא) — — —	68	אירי (צפון אַמעריקא) — — — —	26

וויניפּעג (צפון אַמעריקא)	25
באלכאש (אַזיע)	21
אָנטאַריאָ (צפון אַמעריקא)	19
לאַדאָגער (אייראָפּא)	18
טשאַד (אַפריקא)	16
מאַראַקאַאיבער אַזיערע	14
אניעגער (אייראָפּא)	9
רודאלפס (אַפריקא)	8
ניקאַראַגואַ (סענטראַל אַמעריקא)	8
אטאבאסקא (צפון אַמעריקא)	7
איסיק־קול (אַזיע)	6
וואן (אַזיע)	3,7
סאימא (אייראָפּא)	1,8
ציוריכער (אייראָפּא)	0,1
אילמען (אייראָפּא)	0,9
דער טויטער ים (אַזיע)	0,9
ושענעווער (אייראָפּא)	0,6
באדענער (אייראָפּא)	0,5

די גרעסטע אינזלען

דער שטח אין טויזענטער קוואַדראַט קילאָמעטער

גרענלאַנד (אַמעריקא)	2,170
ניי־גווינעא (אויסטראַליע)	775
בארנעאָ (אַזיע)	755
מאַדאַגאַסקאַר (אַפריקא)	586
סומאַטראַ (אַזיע)	435
ניי־זעלאַנד (אויסטראַליע)	265
גרויס־בריטאַניע (אייראָפּא)	229
ניפּאָן (אַזיע)	226
צעלעבעס (אַזיע)	180
יאַוואַ (אַזיע)	126
קובאַ (אַמעריקא)	120
ניי־פאַונדלענד (אַמעריקא)	111
ליוצאָן (אַזיע)	106
איסלאַנד (אייראָפּא)	104
מינדאַנאַאָ (אַזיע)	96
יעססאָ (אַזיע)	94
די נייע־ערד (אייראָפּא)	92
אירלאַנד (אייראָפּא)	84
האַאיטי (אַמעריקא)	77
סאַכאַלין (אַזיע)	75
טאַסמאַניאַ (אויסטראַליע)	68
ציילאָן (אַזיע)	66
שפּיצבערגען	65
די פייער־ערד (אַמעריקא)	48
קיאו־סיאו (אַזיע)	36
פאָרמאָזע (אַזיע)	35
באַינאַן (אַזיע)	34
וואַנקואווער (אַמעריקא)	33
סיציליע (אייראָפּא)	26
סאַרדיניע (אייראָפּא)	24
שיקאָקאָ (אַזיע)	18
ניי־קאַלעדאָניע (אויסטראַליע)	17

די גרעסטע האַלב־אינזלען

דער שטח אין טויזענטער קוואַדראַט קילאָמעטער

אַראַביע (אַזיע)	2,730
אינדיע (אַזיע)	2,088
לאַבראַדאָר (אַמעריקא)	1,300
סקאַנדינאַווער האַלב־אינזעל	800
פּירענייער האַלב־אינזעל	584
קליין אַזיע (אַזיע)	506
באַלקאַנער האַלב־אינזעל	468
קאַמטשאַטקאַ (אַזיע)	264
מאַלאַיער האַלב־אינזעל	237
יאָרסקער האַלב־אינזעל (אויסטראַליע)	195
קאָרעאַ (אַזיע)	152
אַפּענינער האַלב־אינזעל (אייראָפּא)	149
קאַליפאָרניע (אַמעריקא)	143
סאַמאָיעדער האַלב־איזעל (אַזיע)	133
קאָלאַ (אייראָפּא)	120
פלאָרידאַ (אַמעריקא)	110
יוקאַטאַן (אַמעריקא)	73
קאַטיאַוואַר (אַזיע)	60
סינאַיער האַלב־אינזעל (אַזיע)	69
טשוקאָטער האַלב־אינזעל (אַזיע)	49
ניי־שאָטלאַנד (אַמעריקא)	44
יוטלאַנד (אייראָפּא)	39
שאַן־דון (אַזיע)	29
קרים (אייראָפּא)	26
ברעטאָן (אייראָפּא)	24
פעלאָפּאָנעס (אייראָפּא)	22
קורליאַנדער (אייראָפּא)	18
דעלאַווער (אַמעריקא)	16
גאַאַכירער האַלב־אינזעל (אַמעריקא)	14
קאַלאַבריע (אייראָפּא)	14
קאַנינער האַלב־אינזעל (אייראָפּא)	10
אַליאַסקאַ (אַמעריקא)	6

די העכסטע שפּיצען פון די וויכטיגסטע בערג־קייטען

דער נאָמען פון שפּיץ־באַרג	דער נאָמען פון באַרג־קייט	דאָס לאַנד	די הויך אין מעטערן
אייראָפּא			
פּיקאָ־דע־מוליהאַסען	סיעררא־נעוואַדאַ	שפּאַניע	3,481
מאָן־בלאַן	אַלפּען	ביים גרעניץ פון פראַנקרייך און איטאַליע	4,810
מאָנטע־ראָזאַ	אַלפּען	ביים גרעניץ פון איטאַליע און דער שווייץ	4,638
דאָם	אַלפּען	שווייץ	4,554
ווייסהאָרן	אַלפּען	שווייץ	4,512
מאַטערהאָרן	אַלפּען	שווייץ	4,505
עטנאַ		סיציליע	3,313
אָלימפּ		גריכענלאַנד	2,985
טשאַטיר־דאַג	יאַילאַ	רוסלאַנד־קרים	1,526
אַזיע			
עלבּרוס	קאַווקאַז	רוסלאַנד	5,631
קאַזבעק	קאַווקאַז	רוסלאַנד	5,044
אַררט		קליין־אַזיע	5,211
טיראַטש־מיר	הינדוקוש	אינדיע	7,750
האַאוריזאַנקאַר	הימאַלאַי	ביים גרעניץ פון נעפּאַל און טיבעט	8,840
כאַן־טעקוש	טיאַן־שאַן	ביים גרעניץ פון רוסלאַנד און כינע	7,320
ביעלוכאַ	אַלטאַי	רוסלאַנד	4,540
פוזי־יאַמאַ		יאַפּאַן	3,792
צפון אַמעריקא			
מאַק־קינליי	פּיק־וויקטאָריאַ	פאַראייניג. שטאַטען פון אַמעריקא	6,010
דער הייליגער אליהו	אַלאַסקער בערג	פאַראייניג. שטאַטען פון אַמעריקא	5,517
ציטלאַטעפּעטל	אַלאַסקער בערג	מעקסיקא	5,582
דרום אַמעריקא			
אַקאָנקאַגואַ	אַנדען	אַרגענטינא	7,035
אַפריקא			
מעקסיקאַנער הויכלאַנד	קעניאַ	ענגלישע קאָלאָניע	5,600
קיבאָ	קילימאַנדזשאַראָ	ענגלישע קאָלאָניע	6,010
פּיק מאַרגאַרעט	קילימאַנדזשאַראָ	ענגלישע קאָלאָניע	5,065
דזשעבעל־אַזדזשעאַט	אַטלאַס בערג	פראַנצויזישע קאָלאָניע	4,478
אויסטראַליע			
אַטטאַ	ביסמאַרק בערג	נײַ גווינייע	5,000
מאַונט מעלבורן	נײַ־זעלאַנדער אַלפּען	וויקטאָריאַ	4,500
קאַרסטענאַ		נײַ־גווינייע	5,000

די וויכטיגסטע טייכען

די לענג פון אייניגע טייכען איז אָנגעגעבען נאָר בערך, ווייל פיל טייכען זיינען גענוי ניט אויסגעמאָסטען געוואָרען

נאָמען פון טייך	לענג אין קילאָמעטער
אייראָפּאַ	
וואָלגאַ	3,600
דונאַי	2,860
דניעפּר	2,150
דאָן	1,860
צפון דווינאַ	1,780
פּעטשאָראַ	1,580
אוראַל	1,550
דניעסטר	1,371
ריין	1,225
עלבע	1,165
ווייכסעל	1,050
לואַראַ	1,002
ניעמאַן	910
אָדער	905
ראָנאַ	810
וועזער	712
סענע	705
פּאָ	650
טוימז	322
אַזיע	
יעניסיי	6,220
אירטיש־אָב	5.300
ליענאַ	4,600
אַמור	4,480
כואַנ־כע	4,150
אינד	3,180
גאַנג	3,000
יעפראַט	2,780
אַמו־דאַריאַ	2,200
אַמעריקאַ	
מיסורי־מיסיסיפּי	6,730
אַמאַזאָנאַ	5,570
אַטאַקעסקאַ־מאַקענזי	4,600
סט. לאָורענס ריווער	3,820
לאַ־פּלאַטאַ	3,700
יוקאָן	3,280
ריאָ־גראַנדע־דעל־פּארטע	2,800
קאָלאָראַדאָ	2,700
אָרינאָקאָ	2,250
קאָלומביאַ	2,250
אַפריקאַ	
ניל	6,500
קאָנגאָ	4,640
ניגער	4,170
זאַמבעזי	2,660
אָראַנזשען טייך	2,050
לימפּאָפּאָ	1,600
סענעגאַל	1,430
אויסטראַליע	
מוררעי־דאַרלינג	3,490

די באַפעלקערונג פון ערד־קוגעל לויט די ראַסען, שבטים־גרופּירונגען און פעלקער

נאָמען פון טייך	אין מיליאָנען	דער % טייל פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג
די ווייסע ראַסע	920	50,5
די מאָנגאָלער ראַסע	615	33,8
די מאַלאַיער ראַסע	60	3,3
די אינדישע ראַסע	40	2,2
נעגערען	116	6,4
די פעלקער פון אומבאַשטימטער ראַסע	70	3,9

די מלוכות, זייער שטח און באַפעלקערונג

דער נאָמען פון דער מלוכה	דער שטח אין טויזענטער קוואַדר. קילאָמ.	די צאָל פון דער באַפעלקערונג אין טויזענטער	די געדיכטקייט (די צאָהל איינ־וואוינער אויף יעדען קוו. קיל.)
אייראָפּאַ			
ס. ס. ס. ר. (רוסלאַנד) — —	4,603	101,410	22,03
דייטשלאַנד — — — — — — —	472	59,853	126,80
ענגלאַנד און אירלאַנד — —	315	47,657	151,29
פראַנקרייך — — — — — —	551	39,210	71,16
איטאַליע — — — — — —	313	38,901	124,28
פּוילען — — — — — — —	386	27,179	70,32
שפּאַניע — — — — — — —	505	21,338	42,24
רומעניע — — — — — — —	316	17,393	55,02
טשעכאָ־סלאָוואַקיע — — —	142	13,611	96,89
יוגאָ־סלאַוויע — — — — —	249	12,017	48,26
אונגאַרן — — — — — — —	93	7,981	86,08
בעלגיע — — — — — — —	30	7,462	245,15
האָלאַנד — — — — — — —	43	6,865	200,73
עסטרייך — — — — — —	84	6,655	79,23
פּאָרטוגאַל — — — — — —	92	6,033	65,61
שוועדען — — — — — — —	410	5,904	14,38
גריכענלאַנד — — — — — —	148	5,536	37,50
בולגאַריע — — — — — —	103	4,861	47,11
שווייצאַריע — — — — —	41	3,886	94,10
פינלאַנד — — — — — — —	388	3,365	8,67
דענעמאַרק — — — — — —	43	3,268	75,97
נאָרוועגיע — — — — — —	310	2,650	8,56
ליטע — — — — — — — —	48	2,300	39,60
טערקיי — — — — — — —	28	1,900	67,44
לאַטוויע — — — — — — —	66	1,860	28,30
עסטלאַנד — — — — — — —	48	1,110	21,05
אַלבאַניע — — — — — — —	34	877	25,79
דאַנציג — — — — — — —	2	357	186,38
לוקסעמבורג — — — — — —	3	261	100,84
איסלאַנד — — — — — — —	103	95	0,92
מאָנאַקאָ — — — — — — —	0,02	22	1,054,86
פאַראָיער אינזלען — — —	1,4	21	15,26
סען־מאַרינאָ — — — — —	0,06	12	203,39
ליכטענשטיין — — — — —	0,16	11	67,40
אַנדאָראַ — — — — — — —	0,5	5	11,48

די מלוכות, זייער שטח און באַפעלקערונג

דער נאָמען פון דער מלוכה	דער שטח אין טויזענטער קוואדר. קילאָמ.	די צאָל פון דער באַפעלקערונג אין טויזענטער	די געדיכטקייט (די צאָהל איינוואוינער אויף יעדען קוו. קיל.)
אזיע			
ס. ס. ס. ר. (רוסלאַנד) — —	16,291	29,889	1,83
כינע — — — — — — — —	11,081	439,000	39,60
יאַפּאַן — — — — — — — —	386	55,963	145,16
קאָרעאַ — — — — — — — —	221	17,264	78,21
סיאַם — — — — — — — — —	505	9,221	18,25
פּערסיע — — — — — — — —	1,627	9,000	5,53
טערקיי — — — — — — — —	453	8,000	17,66
אַפגאַניסטאַן — — — — — — —	558	6,000	10,75
נעפּאַל — — — — — — —	140	5,600	40,00
ענגלישע קאָלאָניעס — —	5,540	328,000	——
פראַנצויזישע קאָלאָניעס —	861	21,924	——
האָלענדער קאָלאָניעס — —	1,915	49,161	——
פאַראייניגטע שטאַטען — —	298	10,991	——
יאַפּאַנישע קאָלאָניעס — —	75	4,428	——
פּאָרטוגעזער קאָלאָניעס —	23	1,041	——
אַפריקא			
עגיפּטען — — — — — —	900	13,065	14,51
אַביסיניע — — — — — —	800	11,500	14,38
ליבעריאַ — — — — — — —	95	2,000	20,96
ענגלישע קאָלאָניעס — —	9,200	60,900	——
פראַנצויזישע קאָלאָניעס —	10,702	36,247	——
בעלגישע קאָלאָניעס — —	2,356	7,153	——
פּאָרטוגעזישע קאָלאָניעס —	2,057	6,674	——
איטאַליענישע קאָלאָניעס —	2,003	1,857	——
געוועזענע דייטשע קאָלאָניעס	2,707	11,455	——
שפּאַנישע קאָלאָניעס — — —	3,026	800	——
אויסטראַליע			
ענגלישע קאָלאָניעס — —	8,265	7,000	——
פראַנצויזישע קאָלאָניעס —	35	149	——
געוועזענע דייטשע קאָלאָניעס	245	643	——
פאַראייניגטע שטאַטען — —	17	277	——

1. די ווייסע ראַסע

צווישען די פעלקער פון דער ווייסער ראַסע שיידען מיר אויס דריי גרויסע גרופּען:

א) אינדאָ-גערמאַנער (אַריער) — 858 מיליאָן
ב) סעמיטען — — — — — — — 40 מיליאָן
ג) כאַמיטען — — — — — — — 22מיליאָן

א) צווישען די אינדאָ גערמאַנער פעלקער אונטערשיידען מיר:

1) די מזרח אַרישע פעלקער (256 מיליאָן), צו וועלכע עס געהערען די אינדוסען (230 מיליאָן), איראַנער (18 מיליאָן), קאַווקאַזער פעלקער (7 מיליאָן), ציגיינער (0,8 מיליאָן).

2) די מערב אַרישע פעלקער (602 מיליאָן), די פאָרשטעהער פון דער מערב׳דיגער, אייראָפּעאיש-אַמעריקאַנישער קולטור.

צו די מערב-אַרישע פעלקער געהערען:

1) די גערמאַנישע פעלקער (268 מיליאָן), ענגלענדער און ענגלענדער-אַמעריקאַנער (139 מיליאָן), דייטשען (89 מיליאָן), סקאַנדינאַווער פעלקער (14 מיליאָן) א. א.

2) די ראָמאַנער פעלקער (164 מיליאָן), שפּאַניער און קרעאָלען (6 מיליאָן), פראַנ-צויזען (45 מיליאָן), איטאַליענער (43 מיליאָן), פּאָרטוגעזער (20,5 מיליאָן), רומינער (12.5 מיליאָן), און אַנדערע.

3) סלאַווישע פעלקער (154 מיליאָן) — גרויס-רוסען (76 מיליאָן), אוקראַינער (33 מיליאָן), פּוילען (19 מיליאָן), טשעכען און סלאָוואַקען (10 מיליאָן), סערבען, קראָאַטען און סלאָווענער (10,7 מיליאָן), באָלגאַרען (5,2 מיליאָן).

4) גריכען (6,5 מיליאָן), אַלבאַנער (1,4 מיליאָן), קעלטען (1,7 מיליאָן), לעטען און ליטווינער (3,6 מיליאָן).

ב) צו די סעמיטען געהערען: אַראַבער (20 מיליאָן), אידען (13,6 מיליאָן), אַביסיניער און נוביער (5,5 מיליאָן))און אַנדערע קלענערע שבטים.

ג) צו די כאַמיטען געהערען די אַפריקאַנער פעלקער: די בערבערען, קאָפּטען, סאָמאַלער און אַנדערע.

2. די מאָנגאָלער ראַסע

צווישען די פעלקער פון דער מאָנגאָלער ראַסע אונטערשיידען מיר פינף גרופּען:

א) די מאָנגאָלער פעלקער — — 510 מיליאָן
ב) יאַפּאַנעזער און קאָרעער — — 80 מיליאָן
ג) פינען און אונגאַרען — — 16 מיליאָן
ד) טיבעטיאַנער — — — — — 8 מיליאָן
ה) די צפון פּאָליאַרער שבטים — 1 מיליאָן

די מאָנגאָלער פעלקער צוטיילען זיך אויף צוויי אונטער-גרופּען:

1) אוראַל-אַלטאַיער פעלקער (45 מיליאָן) — קאַלמיקען, בוריאַטען, טונגוסען, יאַקוטען, קירגיזען, טאָטערען, טערקען.

2) דרום-מאָנגאָלער פעלקער (465 מיליאָן); דעם ערשטען אָרט צווישען דיזע פעלקער פאַרנעמען די כינעזער.

3. די מאַלאַיער ראַסע

צו דער ראַסע געהערען די פעלקער פון די פּאָלינעזישע אינזלען: די מאַלאַיער (אויף סומאַטראַ און מאַלאַקקאַ), די טאַגאַלען (אויף די פיליפּינער אינזלען), די יאַוואַיער (אויף יאַוואַ), די דאַיאַקען (אויף באָרנעאָ און צעלעבעס) און אַנדערע.

4. די אינדישע ראַסע

די אַלטע באַפעלקערונג פון אַמעריקא, אַן ערך 15 מיליאָן אינדיאַנער (אין דרום און צענטראַל אַמעריקא) און 25 מיליאָן מעטיסען, וואָס שטאַמען פון געמישטע הייראַטען צווישען אינדיאַנער און אייראָפּעער.

5. נעגערען

א) די נעגערען אין צפון־מערב'דיגער און צענטראַלער אַפריקא — 61 מיליאָן.
ב) באַנטו, קאַפּרען, זולוסען און אַנדערע שבטים אין צפונ'דיגער און צפון־מזרח'דיגער אַפריקא — 28 מיליאָן.
ג) אַמעריקאַנער נעגערען און מולאַטען — 25 מיליאָן.
ד) פּאַפּואַסען און מעלאַנעזיער אין נײַ־גווינעאַ, נײַ־קאַלעדאָניאַ און שכנ'ישע אינזלען — 1,5 מיליאָן.
ה) פּאָלינעזיער, אויסטראַליער, מאַארי — אַ האַלבער מיליאָן.

6. די פעלקער פון אומבאַשטימטער ראַסע

די אוראַלטע איינוואוינער פון פאָדערשטער אינדיע און צײלאָן: דראַווידען, טאַמילער — 66 מיליאָן, סענעגאַלער — 3 מיליאָן, האָטענטאָטען און בושמענער — 150,000, און די באַסקען אין די מערב'דיגע פּירינעען — 600,000.

די פאַרשפּרייטונג פון די הויפּט־שפּראַכען

ביים פעסטשטעלען די פאַרשפּרייטונג פון יעדער שפּראַך אונטערשיידען מיר די צאָהל פון דער באַפעלקערונג, וואָס רעדט אויף דער שפּראַך, באַנוצט זיך מיט איהר, ווי מיט איהר מוטער־שפּראַך, און די צאָהל מענשען אויף דער גאַנצער וועלט, וואָס פאַרשטעהען דיזע שפּראַך.

לויט דער צאָהל מענשען וואָס פאַרשטעהען

דעם ערשטען אָרט פאַרנעמט די כינעזישע שפּראַך (435 מיליאָן) און אינדוסער שפּראַך (230 מיליאָן). ווייטער געהען די שטאַרק פאַרשפּרייטע אייראָפּעאישע שפּראַכען — ענגליש (163 מיליאָן), דייטש (91 מיליאָן), שפּאַניש (80 מיליאָן), רוסיש (70 מיליאָן), פראַנצויזיש (45 מיליאָן), איטאַליעניש (41 מליאָן), אוקראַיניש (35 מיליאָן), פּאָרטוגעזיש (32 מיליאָן), פּויליש (22 מיליאָן), רומעניש (12,5 מיליאָן).

פון די אַנדערע ניט אייראָפּעאישע שפּראַכען איז מעהר ווי אַנדערע פאַרשפּרייט: יאַפּאַנעזיש און קאָרעאיש (80 מיליאָן), די אַלט־אינדישע (66 מיליאָן), אַפריקאַנישע (62 מיליאָן), מאַלאַאיש־פּאָלינעזישע (60 מיליאָן), טיבעטיש (40 מיליאָן), טורקאָ־טאַטעריש (25 מיליאָן).

לויט דער צאָהל מענשען וואָס ריידען

פאַרנעמט דעם ערשטען אָרט כינעזיש און אינדוסיש. רוסיש פאַרנעמט דעם פערטען אָרט (170—110 מיליאָן) און געהט גלייך נאָך ענגליש (220—160 מיליאָן). נאָך רוסיש געהט דייטש (100 מיליאָן), ווייטער — פראַנצויזיש (80 מיליאָן), איטאַליעניש (50 מיליאָן). פון אַנדערע אייראָפּעאישע שפּראַכען זיינען אויסער אייראָפּאַ פאַרשפּרייט האָלענדיש (12 מיליאָן), גריכיש (8 מיליאָן).

דער רייכטום פון דער גאנצער וועלט פאר און נאך דער מלחמה.

גענוי פעסטשטעלען דעם סכום פון די רייכטימער פון דער גאנצער וועלט איז זעהר שווער. נאר כדי צו געבען אן ענטפער אויף די וויכטיגסטע פראגען פון דער וועלט ווירטשאפט, ווי צום ביישפיל, די פראגע פון די עקאנאמישע פאלגען פון דער מלחמה, די רעפאראציאנס צאהלונגען, איז אומבאדינגט נויטיג צו באשטימען לערך דעם סכום פון די רייכטימער.

דער נאמען פון לאנד	פאר דער מלחמה	נאך דער מלחמה	דער דיפערענץ
	אין מיליארדען דאלארען		
ענגלאנד	80	67,5	— 12,5
פראנקרייך	65	45	— 20
רוסלאנד	60	25	— 35
איטאליע	25	20	— 5
בעלגיע	15	12,5	— 2,5
דייטשלאנד	95	60	— 35
עסטרייך	40	25	— 15
סך־הכל	380	255	— 125
פאראייניגטע שטאטען פון אמעריקא	205	285	+ 80
יאפאן	20	25	+ 5

די ציפערען באווייזען אונז, אז די מלחמה האט פאראָרעמט אייראפא. פארקערט, אמעריקא און יאפאן זיינען באדייטענד רייכער געווארען.

דער איטאליענישער פינאנסיסט מאריא אלבערטי שטעלט אונז פאר די ענדערונגען אינ'ם צושטאנד פון די רייכטימער פאר דער צייט פון דער מלחמה. ער נעמט אין אכט די אינטערנאציאנאלע חובות און די רעפאראציאנס צאהלונגען לויט דעם לאנדאנער פראיעקט אין יאהר 1921.

לויט די אויסרעכענונגען פון מאריא אלבערטי האט יעדער מענש פארמאגט:

דער נאמען פון לאנד	פאר דער מלחמה	אהן די רעפאראציאנס צאהלונגען	לויט'ן לאנדאנער רעפאראציאנס פראיעקט אין 1921
	אין דאלארען		
ענגלאנד	1,550	1,431	1,670
פראנקרייך	1,657	1,211	1,726
איטאליע	630	487	567
בעלגיע	1,494	1,274	1.596
דייטשלאנד	1,240	966	436

לויט דעם איבענגעבראכטען חשבון באַטרעפט דער סכום פון פֿאָלקס־ווירטשאַפט:

דער נאָמען פון לאַנד	פֿאַר דער מלחמה (אין דאָלארען)	אָהן די רעפּאַראַציאָנס (אין דאָלארען)	צאָהלונגען לויט'ן לאָנדאָנער רעפּאַראַציאָנס פּראָיעקט אין 1921 (אין דאָלארען)
פּאַראייניגטע שטאַטען פון אַמעריקא —	204,000	382,000	392,000
ענגלאַנד — — — — — — — —	70,000	68,000	79,000
פראַנקרייך — — — — — — — —	65,000	47.000	67,000
איטאַליע — — — — — — — —	24,000	19,000	22,000
בעלגיע — — — — — — — — —	11,000	9,200	11,000
דייטשלאַנד — — — — — — —	85,000	85,000	26,000

שטעדט אין די אַלטע צייטען

דער נאָמען פון שטאָדט	די צייט	די צאָהל פון דער באַפעלקערונג
פיווי — — — —	אין 4טען יאָהרהונדערט פאַר קריסטוסען	50,000
צור — — — —	אין 4טען יאָהרהונדערט פאַר קריסטוסען	40,000
אַטהען — — —	אין 4טען יאָהרהונדערט פאַר קריסטוסען	150,000
פאַלערמאָ — —	אין 3טען יאָהרהונדערט פאַר קריסטוסען	27,000
אַלעקסאַנדריע —	אין 1טען יאָהרהונדערט פאַר קריסטוסען	500,000
רוים — — — —	אין 1טען יאָהרהונדערט נאָך קריסטוסען	900,000

די שטעדט אין מיטעלאַלטער

די באַפעלקערונג פון 15 גרעסערע שטעדט אין ענגלאַנד אין 14טען יאָהרהונדערט

לאָנדאָן — — — — — — — — —	35,200	קענטערבערי — — — — — — — —	4,700
יאָרק — — — — — — — — —	11,400	קאָלטשעסטער — — — — — — — —	4,500
בריסטאָל — — — — — — — —	9,200	נויקעסטל — — — — — — — —	4,500
פלימוט — — — — — — — —	7,300	אָקספאָרד — — — — — — — —	3,800
קאָווענטרי — — — — — — — —	7,100	גלאָסטער — — — — — — — —	3,400
נאָרוויטש — — — — — — — —	6,300	לייסטער — — — — — — — —	3,200
לינקאָלן — — — — — — — —	5,500	שרעפסבורי — — — — — — — —	3,000
לין — — — — — — — — —	5,200		

די גרעסטע שטעדט אין דער וועלט.

אין יאהר 1920

אייראפא

דער נאמען פון שטאט	די צאהל פון דער באפעלקערונג (אין טויזענטער)
בערלין	3,804
האמבורג	986
קעלן	634
מינכען	631
לייפציג	604
לאנדאן	4,483
בירמינגהאם	919
ליווערפול	803
מאנטשעסטער	731
גלאזגא	1,034
פאריז	2,906
מארסעל	586
ליאן	562
נעאפעל	770
מילאן	701
רוים	637
טורין	502
ווארשא	931
בוקארעשט	348
מאדריד	729
בארצעלאנא	705
פראג	676
בודאפעשט	926
בריוסעל	756
אמסטערדאם	642
ראטערדאם	511
וויען	1,841
ליסאבאן	486
סטאקהאלם	419
אטהען	293
סאפיא	154
ציוריך	207
זשענעווע	135
העלסינגפארס	198
קאפענהאגען	561
בריסטיאניע	258
ריגע	185
קאנסטאנטינאפאל	1,200

אזיע

דער נאמען פון שטאט	די צאהל פון דער באפעלקערונג (אין טויזענטער)
כאנקאו	1,320
קאנטאן	900
פעקין	850
טיאנדזין	800
שאנכאי	1,000
נאנקין	377
פוטשאו	624
טאקיא	2,137
אסאקא	1,253
קאבע	609
קיאטא	591
יאקאהאמא	423
באמביי	1,176
קאלקוטא	908
מאדראס	527
האידעראבאד	404
דעלי	304
סמירנא	375
טעהעראן	220
באנגקאק	629
סינגאפור	424
בגדד	225
דמשק	169

אפריקא

דער נאמען פון שטאט	די צאהל פון דער באפעלקערונג (אין טויזענטער)
קאאיר	791
אלעקסאנדריע	945
יאהאנעסבורג	288
אלזשיר	207
טוניס	172
מאראקא	140

אויסטראליע

דער נאמען פון שטאט	די צאהל פון דער באפעלקערונג (אין טויזענטער)
סידניי	899
מעלבורן	767

די פאַראייניגטע שטאַטען אין יאַהר 1925

פון הלל ראָגאָף

.1

דאָס יאָהר 1925 האָט זיך ניט אויסגעצייכענט מיט קיין וויכטיגע פּאַסירונגען אין דעם עקאָנאָמישען און פּאָליטישען לעבען פון לאַנד. עס איז געווען אַ שטילער יאָהר. אָדער, בעסער געזאָגט, אַ פוילער יאָהר. דער קולידזש־גייסט האָט אַזוי ווי אָנגעשטעקט דאָס גאַנצע לאַנד — דער גייסט פון צופרידענעם קאָנסערוואַטיזם, פון זאַטע גלייכגילטיגקייט, פון פוילקייט, פון פוילקייט צו זיין אונצופרידען.

קולידזש איז פאַר פּרעזידענט געלאָפען אויף אַ שטרענג קאַפּיטאַליסטישען פּראָגראַם. זיין פּאָליטישע פילאָזאָפיע באַשטעהט פון צוויי הויפּט פּרינציפּען: ערשטענס, אַז די רעגירונג דאַרף צורוה לאָזען פּריוואַט־ביזנעס, דאַרף איהר ניט טשעפּען, טאָר ניט מאַכען קיין געזעצען וואָס זאָלען בינדען די הענט פון די ביזנעסלייט, אָדער זיי מאַכען אונבאַקוועם אויף אירגענד וועלכען אופן. צווייטענס, אַז די רעגירונג אַליין טאָר ניט אַריינגעהן אין קיין ביזנעס־אונטערנעמונגען, ווייל אַלעס צו וואָס די רעגירונג נעמט זיך אויפ׳ן עקאָנאָמישען פעלד איז אַ דורכפאַל. די רעגירונג טויג ניט אויף צו פיהרען געשעפטען. זי מוז דאָס אין גאַנצען איבערלאָזען צום פּריוואַט־בירגער, צו פּריוואַט־קאַפּיטאַל.

אין אָט דעם גייסט האָט קולידזש אָנגעפיהרט זיין אַדמיניסטראַציע דעם ערשטען יאָהר וואָס ער איז אין מאַכט געווען. ער האָט געגעבען די גרויסע טראָסטס און קאָרפּאָריישאָנס פּאַקטיש אַ פרייע האַנט. אין די רעגירונגס קאָמיסיעס, וועמענס אויפגאַבע עס איז צו היטען אַז די טראָסטס און קאָרפּאָריישאָנס זאָלען ניט באַנוצען אומגעזעצליכע מעטאָדען, אַז זיי זאָלען ניט זיין אונמענשליך צו זייערע קאָנקורענטען און צו זייערע קאָסטימער — האָט ער אַריינגעזעצט מענשען, וועלכע זיינען באַוואוסט אַלס פריינד פון גרויס־קאַפּיטאַל, און וועלכע האַלטען אויך פאַר אַ פּרינציפּ אַז מען דאַרף גרויס־קאַפּיטאַל און גרויס־ביזנעס צורוה לאָזען. מאַנכע סענאַטאָרען, די פּראָגרעסיווע, פאַרשטעהט זיך, האָבען פּראָטעסטירט געגען אַזאַ עפענטליכע פאַרלעצונג פון דעם געזעץ, געגען אַזאַ עפענטליכען טרעטען מיט די פיס אויף דעם געזעץ. אָבער קיינער האָט קיין אויפמערקזאַמקייט צו די פּראָטעסטען ניט געשענקט. סענאַטאָר נאָררים, איינער פון די פיהרער פון דער פּראָגרעסיווער גרופּע אין סענאַט, האָט געפּרובירט זיין פּראָטעסט געגען דער האַנדלונג פון פּרעזידענט כאָטש פאַרעפענטליכען אין דער פּרעסע. אָבער די גרויסע קאַפּיטאַליסטישע צייטונגען האָבען זיך אָנטזאָגט עס צו דרוקען. ער האָט זיך געמוזט באַנוגענען מיט פאַרעפענטליכען די פאַקטען אין אַ ליבעראַלער וואָכענשריפט. און דאָס האָט נאַטירליך געמאַכט אַ גאַנץ קליינעם רושם אויף דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג פון לאַנד.

אין דעם זעלבען גייסט האָט די קולידזש־אַדמיניסטראַציע זיך באַצויגען צו אַלע אַנדערע וויכטיגע פּראָבלעמען. זי האָט זיך אָנטזאָגט צו טאָן עטוואָס ממשות׳דיגעס צו העלפען די אָרימע פאַרמערס אין די וועסט און אין די סאַוטה. אין יענע סטייטס

זיינען פאראן מיליאנען פארמערס, וואס זיינען פאר'משכנ'ט פון קאפ ביז די פיס ענטוועדער צו די באנקירען אדער צו די לאנד־באראנען. א גרויסע צאהל פון די פארמערס האבען זאגאר ניט קיין אייגענע ערד. זיי זיינען „טענאנטס" ביי אנדערע. די אמת'ע באלעבאטים פון דער ערד זיינען די גרויסע קאפיטאליסטען וואס וואוינען אין פאלאצען אין גרויסע שטעדט. די טענאנטס־פארמערס ארבייטען פאר זיי, אזוי ווי די פויערים פלעגען ארבייטען פאר די פריצים אין מיטעל־אלטער. און אפילו צווישען די וואס האבען שוין אייגענע לאנד זיינען דא טויזענדער און טויזענדער פארמערט וואס זיינען איינגעטונקט אין חובות, פארשולדיגט צו די באנקירען, און קענען פון די חובות קיינמאל ניט ארויסקריכען דערפאר, וואס די אייזענבאהן־קאמפאניעס און דער שפייז־טראסט צאפען פון זיי ארויס יעדען סענט. די לאגע זייערע איז אין די לעצטע יאהרען געווארען אזוי אונערטרעגליך, אז זיי האבען פארלאזען מאסענווייז זייערע פארמס און גענומען לויפען אין שטאדט אריין.

די פארשטעהער פון די פארמערס האבען געבעטען הילף ביי דער רעגירונג. זיי האבען געפאדערט, אז עפעס זאל געטאן ווערען צו פארלייכטערען די מעגליכקייטען צו קריגען הלואות; אז עפעס זאל געטאן ווערען איינצוהאלטען די רויבערישע הענט פון די שפייז־טראסטס און פון די אייזענבאהן־קאמפאניעס; אז עפעס זאל געטאן ווערען צו קאנטראלירען די פרייזען פון די פארם־פראדוקטען. אבער קולידזש האט זיך אנטזאגט אפילו צו טראכטען וועגען די אלע פאדערונגען, ער האט זיך געהאלטען פעסט ביי זיין פרינציפ, אז ערשטענס, טאר די רעגירונג ניט שטערען גרויס־קאפיטאל אין זיינע פריוואט־געשעפטען, און צווייטענס, אז די רעגירונג טאר ניט אונטערנעמען קיין געשעפטען. ער האט זיך געהאלטען פעסט ביים פרינציפ, אז מען דארף לאזען אלעס לויפען ווי עס געהט; אז אין דעם אינדוסטריעלען לעבען פון לאנד זאל קאפיטאל האבען אן אבסאלוט פרייע האנט.

דער גרעסטער אויפטו פון דער אדמיניסטראציע אין דעם פארגאנגענעם יאהר איז געוועזען צו שאפען א שטימונג אין לאנד, אז די טעקסעס (שטייערען) אויף די רייכע מוזען געשניטען ווערען. גלייך ווי קולידזש איז אין אמט אריין, האט ער געמאכט א פארזוך דעם אינקאם־טעקס אויף גרויסע פראפיטען מיט אמאל ארונטערצושניידען. דאס האט זיך איהם ניט איינגעגעבען. ער האט אבער זיין אגיטאציע פארטגעזעצט. ביי יעדער געלעגענהייט וואס ער האט געהאט האט ער „באוויזען" מיט אלערליי ארגומענטען און סטאטיסטיקס, אז דאס לאנד ליידעט שרעקליך דערפון וואס די רייכע ווערען געצוואונגען צו צאהלען הויכע שטייערען. ער האט אזוי לאנג אגיטירט, ביז וואנען ער האט געבראכען די הויפט אפאזיציע — די דעמאקראטישע פראקציע אין קאנגרעס. די דעמאקראטען האבען זיך „אונטערגעגעבען". זיי האבען „איינגעזעהן", אז ער איז גערעכט, און נאך איידער דער קאנגרעס האט זיך געעפענט אין דעצעמבער פון לעצטען יאהר, האבען די פארשטעהער פוןביידע פארטייען זיך געאייניגט אויף א פראגראם וועלכער שניידט די טעקסעס פון די רייכע אויף א קלענערען ציפער ווי קולידזש האט פארלאנגט מיט א יאהר פריהער.

.2

די פראגרעסיווע און ראדיקאלע באוועגונגען האבען אין דעם יאהר ארויסגעוויזען ווייניג סמנים פון לעבען, פון טעטיגקייט. די נידערלאגע וואס די לאפאלעט פארטיי האט געהאט אין די וואהלען פון 1924, דער אונערווארטעטער גרויסער זיעג וואס

קולידזש האט געהאט — דאס, ווייזט אויס, האט געווירקט אוועקצונעמען דעם מוט, אפהענגיג צו מאכען די פראגרעסיווע און ראדיקאלע גרופען. דאס האט אויך גע־ווירקט אז די דעמאקראטען אין קאנגרעס זאלען זיך אפקערען פון די פראגרעסיווע קאנגרעסלייט און סענאטארען. אין די פריהערדיגע קאנגרעסען זיינען די דעמאקרא־טען אין די וויכטיגסטע פעלע געגאנגען האנט אין האנט מיט די פראגרעסיסטען. עס האט דאמאלסט אויסגעוויזען, אז די פראגרעסיסטען האבען א גרויסע נאכפאלגער־שאפט אין די וועסט, און אז זייער מאכט האלט אין וואקסען. די דעמאקראטען האבען געהאפט ,אז דורך דעם וואס זיי וועלען שטעהן אפט אויף דער זייט פון די פראגרעסיסטען, וועלען זיי געווינען אנערקענונג און פרעסטיזש אין יענע געגענדען; וואו די פראגרעסיווע באוועגונג איז שטארק. דער דורכפאל אבער פון דער פראגרע־סיווער באוועגונג אין די פרעזידענט וואהלען האט „געעפענט די אויגען" פון די דעמאקראטען. זיי האבען דערזעהן אז דער געשעפט לוינט זיך ניט, און זיי האבען באשלאסען אפצוברעכען זייער פריינדשאפט מיט די פראגרעסיווע גרופען.

און ווייל די פראגרעסיווע גרופע איז אזוי שוואך אין קאנגרעס, ווערט זי איינ־פאך געטראטען מיט די פיס פון די רעפובליקאנער הערשער. דאס וואס איז מיט זיי געטאן געווארען ביי דער ערעפענונג פון קאנגרעס אין דעצעמבער האט זעלטען־ווען פאסירט פריהער. מען האט זיי ארויסגעזעצט פון קאמיטעס; מען האט ביי זיי אוועקגענומען די פלעצער וואס זיי האבען געהאלטען אין די פאריגע יאהרען; מען האט ביי זיי אוועקגענומען אלע געוועהנליכע פריווילעגיעס וואס קאנגרעסלייט און סענאטארען האבען אין פארבינדונג מיט רעקאמענדאציעס וועגען אפאינטמענטס, א. ז. וו. מען האט אלץ געטאן זיי צו מאכען אונבאדייטענד אין דער ארבייט פון דעם קאנגרעס.

די קאנסערוואטיווע פיהלען, אז זיי קענען באלעבאטעווען אונגעשטערט. טראץ די אלע פראטעסטען אין דער אלגעמיינער פרעסע, זאגאר אין די קאפיטאליסטישע צייטונגען, געגען דער שענדליכער האנדלונג אין דער קאראלי־קייס, האט די אדמי־ניסטראציע זיך אנטזאגט איהר שטעלונג צו ענדערען. פארקעהרט, זי איז נאך געגאנ־גען א שריט ווייטער אויף דעם שענדליכען וועג. אין דעם ערשטען פאל האט זי זיך באנוצענט מיט פארווערען גראף קאראלי צו ריידען דא וועגען פאליטיק, וועגען אונגארישע פאליטיק. אריינגעלאזען אין לאנד האט זי איהם אבער יע. אין צווייטען פאל האט זי זיך שוין אנטזאגט מאדאם קאראלי אינגאנצען אהער אריינצולאזען. עס האבען ניט געהאלפען די שתדלנות פון פראמינענטע בירגער, מאנכע פון זיי זאגאר הייסע אנהענגער פון דער אדמיניסטראציע. עס האבען ניט געהאלפען די פראטעסט־געשרייען פון די צייטונגען, מאנכע פון זיי די קאנסערוואטיווסטע אין לאנד. פאר דער אדמיניסטראציע איז גענוג געווען אז די בלוטיגע רעאקציאנערע אונגארישע רעגירונג האט ניט געוואלט אז די קאראליס זאלען האבען די מעגליכקייט אין אמעריקא צו דערצעהלען דעם אמת וועגען דאס וואס קומט פאר אין אונגארן, — און זי האט די מאדאם קאראלי ניט אריינגעלאזען.

דער רעאקציאנערער גייסט פון דער קולידזש־אדמיניסטראציע האט זיך פילייכט אם־קלארסטען אפגעשפיגעלט אין דער האנדלונג פון דעם לייבאר דעפארטמענט אונטער סעקרעטערי דייווים.

דיזער דעפארטמענט האט אלס זיין הויפט אויפגאבע צו דינען די אינטערעסען

פון די ארבייטער מאסען. אויף דעם איז ער געשאפען געווארען. אלס א זייטיגע אויפ־
גאבע האט ער אויך צו רעגולירען די אימיגראציע אנגעלעגענהייטען. די רעגולירונג פון דער
אימיגראציע איז בלויז א צווייג פון דער הויפט-ארבייט וואס דער דעפארטמענט
דארף טאן.

ווי אזוי האט אבער דער דעפארטמענט איינגעטיילט זיין טעטיגקייט אונטער
דער יעצטיגער אדמיניסטראציע? וואס האט ער געטאן פאר די ארבייטער מאסען?
אין וואס פאר א הינזיכט איז ער זיי באהילפיג געווען? אין דעם פארגאנגענעם יאהר
איז געווען איין גרויסע געשעהעניש אין דער אמעריקאנער ארבייטער וועלט אין
וועלכע די אדמיניסטראציע האט פיל געקאנט טאן די ארבייטער צו העלפען. דאס איז
געווען דער צוזאמענשטויס צווישען די מאינערס און זייערע באלעבאטים. עס איז
קלאר געווען פאר יעדען, אז די קוילען־בעראנען האבען אויסגענוצט די געלעגענהייט
ארויפצוצווינגען א סטרייק אויף די ארבייטער, ווייל זיי האבען אויסגערעכענט אז
דעם מאל וועלען זיי קענען די ארבייטער באזיגען. די ארבייטער האבען דעם סטרייק
ניט געוואלט. די באלעבאטים אבער האבען אזוי געהאנדעלט, אז עס איז פאר די
מאינערס קיין אנדער ברירה ניט געבליבען ווי צו ווארפען די ארבייט און ערקלערען
קריג.

האט דער לייבאר־דעפארטמענט עפעס געטאן צו העלפען די ארבייטער קריגען
גערעכטיגקייט? און דא איז ניט געווען בלויז א פראגע פון ארבייטער. עס איז געווען
א ברענענדע פראגע פאר די אלגעמיינע ארימע מאסען פון לאנד, ווייל פון דעם סטרייק
ליידען גראד אממעהרסטען די ארימע מאסען. עס איז געווען די אויפגאבע פון דעם לייי־
באר דעפארטמענט ספעציעל, און פון דער קולידזש־אדמיניסטראציע אין אלגעמיין,
ארונטערצורייסען די מאסקע פון די באלעבאטים, ארויסצושטעלען זיי אין זייער
ריכטיגען שווארצען געשטאלט פאר'ן לאנד, און זיי צווינגען צו קומען צו אן אויס־
גלייך מיט די ארבייטער. זיי האבען דאס אבער ניט געטאן. די גאנצע פראגע איז
זיי ניט אנגעגאנגען. דער לייבאר דעפארטמענט האט געהאט וויכטיגערעס צו טאן.

וואס איז די וויכטיגערעס? צו העצען געגען די אימיגראנטען, צו אגיטירען
פאר נייע גזרות געגען אימיגראנטען, צו זאמלען פאקטען און ציפערען וועגען אימי־
גראציע, און דערנאך די פאקטען און די ציפערען אזוי אויסטייטשען, אזוי אויס'־
פשט'לען, אז זיי זאלען דינען אלס באווייז דאס נייע גזרות געגען די „געפעהרליכע"
אימיגראנטען זיינען אבסאלוט נויטיג.

3.

אביסעל פרעהליכער איז די לאגע אין דעם געזעלשאפטליכען לעבען פון לאנד.
ווי עס ווייזט אויס, איז די פינסטערע באוועגונג פון דעם „קלען" אין פארלויף פון
דעם פארגאנגענעם יאהר באדייטענד שוואכער געווארען. פון די פארשיידענע בא־
ריכטען, וואס זיינען פארעפענטליכט געווארען אין דער פרעסע, ווייזט אויס אז דער
„קלען" שטארבט אפ אין די סאוטה, דארטען וואו ער איז פון אנפאנג געבארען
געווארען און וואו ער איז אין פארלויף פון די ערשטע יאהרען געווען אונגעהייער
מעכטיג. זיין הויפט קראפט איצטער איז אין די מיטעל־וועסט, אין עטליכע פארמער־
סטייטס. דער סטייט אינדיאנא שטעהט אינגאנצען אונטער זיין קאנטראל. ער איז
אויך נאך גאנץ שטארק אין די קליינע שטעדטלאך און דערפער פון ניו־דזשוירזי, און
אין מאנכע געגענדען פון ניו יארק. עס איז אבער זיכער, אז קיין פארטשריט מאכט

ער דארטען אויך ניט. אויב ער ווערט דארטען ניט שוואכער, ווערט ער אבער זיכער ניט שטארקער.

און נאך וויכטיגער איז דער פאקט, וואס דער „קלען", אפילו דארטען וואו ער איז נאך א מאכט, פיהרט ער זיך איצט אויך אנדערש ווי אין די ערשטע יאהרען. ער זוכט צו זיין אנשטענדיגער. מען הערט ניט מעהר פון אזוינע בארבארייען, פון אזוינע געוואלד־טהאטען ווי די וואס דער „קלען" האט אפגעטאן אין די יאהרען ווען ער האט געפיהלט אז ער נעמט איין דאס לאנד. די פארשטעהער זיינע ריידען שוין ניט מעהר מיט אזא חוצפה וועגען אידען, קאטאליקען און אימיגראנטען, ווי זיי האבען עס געטאן פריהער. מאנכע פון זיי געפינען זאגאר פאר נויטיג דעם „קלען" ריינצוואוואשען, איהם צו פארענטפערען פון „בלבולים" וואס ווערען אויף איהם געמאכט.

דעם גרעסטען קלאפ האט דער „קלען" געקראגען אין די לעצטע נאוועמבער וואהלען, ווען ער האט פארלארען דעם קאמפיין אין דער שטאדט דעטראיט. מישיגען איז א שכן־סטייט צו אינדיאנא. זי איז איינע פון די מידעל־וועסט סטייטס וואו דער „קלען" האט זיך שטארק באפעסטיגט, וואו ער האט איצטער זיין גרעסטע מאכט. אין דער שטאדט דעטראיט האט דער „קלען" זיך ספעציעל שטארק ענטוויקעלט. פאר א יאהרען האט זיין קאנדידאט דארטען געצויגען א ריזיגע צאהל שטימען גאר אונערווארטעט, אהן אנצופיהרען אירגענד וועלכען קאמפיין. דער „קלען" האט אלזא באשלאסען איינצונעמען דעטראיט דעם יאהר, און אז דאס זאל דינען אלס אן אנפאנג פאר'ן „קלען" צו ערוועהלען זיינע קאדידאטען אין אלע גרויסע שטעדט פון לאנד. ער האט אנגעשטרענגט אלע זיינע כחות אין די דעטראיטער וואהלען צו געווינען, און די אויסזיכטען זיינען געווען אזוי גלענצענד פאר'ן „קלען", דאס ער האט מיט עטליכע טעג פאר די וואהלען געמאכט אלע פארבערייטונגען פאר א גרויסע פייערונג פון דעם זיעג אין דער נאכט פון די וואהלען.

און דאך האט דער „קלען" פארלארען. און פארלארען האט ער צו א קאנדידאט, וועלכער איז א קאטאליק. א היבשע מאיאריטעט פון די דעטראיטער בירגער האבען בעסער ערוועהלט א קאטאליק, איידער א „קלעניק". אויף אזא מפלה האט זיך דער „קלען" ניט געריכט.

דאס וואס האט פאסירט אין דעטראיט איז א סימן אז זאגאר אין דער מיטעל־וועסט, וואו דער קלען האט אזא ריזיגע מיטגלידערשאפט, איז ער ניט אזוי שטארק ווי מען שטעלט זיך פאר. אדער, אז אפילו דארטען הויבט זיין מאכט אן צו געהן בארג־אראפ.

נאך א באווייז, אז דער „קלען" געהט אויף צוריק איז געווען א פאליטישע פאסירונג קורץ נאך די וואהלען אין ניו יארק. דער ערוועהלטער טעמעני קאנדידאט וואקער. וועלכער איז א קאטאליק, איז איינגעלאדען געווארען אלס אן עהרען־גאסט פון דער דעמאקראטישער ארגאניזאציע אין דזשארדזשיא סטייט. אטלאנטא, דזשארדזשיא, איז די געבורטסשטאדט פון דעם „קלען". דער פיהרער פון דער דע־מאקראטישער ארגאניזאציע אין דזשארדזשיא איז איינער פון די וויכטיגסטע פאר־שטעהער פון דעם „קלען" אין די סאוטה. ער איז געווען דער הויפט־קעמפער געגען גאווערנאר סמיטה ביי דער דעמאקראטישער פרעזידענט־קאנווענשאן, און באקעמפט סמיטה'ן האט ער אין נאמען פון דעם „קלען", ווייל סמיטה איז א קאטאליק. נו, האט דער זעלבער „קלעניק" איצטער איינגעלאדען צו זיך דעם קאטוילישען מעיאר פון ניו־

יארק זיך דורכצורײדען מיט איהם וועגען נאציאנאלע פאליטיק. און די גאנצע פרעסע פון לאנד האט אויסגעטייטשט די איינלאדונג אלס אן אנצוהערעניש אז די דעמאקראטען פון די סאוטה און די „קלעניקעם" פון די סאוטה ווילען מעהר ניט באקעמפען דעם קאטויליק סמיטה דערפאר וואס ער איז א קאטויליק. דאס הייסט, די דעמאקראטישע „קלעניקעם" פון די סאוטה האבען אנערקענט די מאכט פון די דעמאקראטישע קאטויליקען פון די נארט, און אז זיי זיינען ווילינג מיט זיי שלום צו שליסען.

די פאליטישע נידערלאגע וואס דער „קלען" האט געקראגען אין דעם לעצטען קאמפיין האט איהם געצוואונגען צוצוגעבען, אז ער קען ניט ווערען קיין פאליטישע מאכט, אז ער קען זיך פאליטיש, וועניגסטענס, ניט פארמעסטען געגען די קאטאליקען, אידען, נעגערס און אויסלענדער.

4.

וואס פאר אן עפעקט האט אויפ'ן לאנד געהאט דער באריהמטער דעיטאן טרייעל? דאס איז א פראגע וועלכע קען נאך איצט ניט פארענטפערט ווערען. הינטער דעם טרייעל איז געשטאנען די פינסטערע מאכט פון דער פרומער קירכע. אבער אין דער עפענטליכקייט איז די מלחמה געפיהרט געווארען ניט פון א גלח, נאר פון א פאליטישען — פון וויליאם דזשענינגס ברייען. עס איז געווען א קאמף פון דער קירכע געגען וויסענשאפט. אין טענעסי סטייט האט די קירכע דורכגעפיהרט א געזעץ צו פארבאטען די לעהרע פון עוואלוציע אין די סקוהלס און אין די העכערע שולען. דער טרייעל איז געווען א פארזוך פון אויפגעקלערטע מענשען דעם געזעץ מבטל צו מאכען. דער פארזוך האט זיך ניט איינגעגעבען. די דזשורי האט גע'פסק'ענט אז דער געזעץ בלייבט אין מאכט. ער האט אבער געהאט א ריזיגען עפעקט אויף דער עפענטליכער מיינונג פון לאנד. די פראגע איז: ווי ווייט דאס ווירקען אויף ווייטער?

ווען ברייען האט געלעבט, האט מען געוואוסט וואס די פראגראם פון די גלחים און פרומאקעס איז. ברייען האט ניט מורא געהאט די פראגראם אפען פארצולייגען פאר'ן לאנד. ער האט ערקלערט אז ער וועט ווידמענען אלע זיינע כחות און זיין גאנצע צייט צו עטאבלירען די מאכט פון דער קירכע אין אלע סטייטס. ער האט זאגאר געגעבען אנצוהערעניש וועגען דער מעגליכער גרינדונג פון א פאליטישער פארטיי וואס זאל שטעהן אויף די פרינציפען פון די „פונדאמענטאליסטען", דאס הייסט, פון די פינסטערסטע עלעמענטען אין דער קריסטליכער קירכע.

ברייען איז אבער געשטארבען. ער איז געשטארבען אויף א דראמאטישען שטייגער — באלד נאכ'ן טרייעל און פלוצלונג. די גלחים און די פרומאקעס האבען פארשטאנען ווי אויסצונוצען דיזע פאסירונג. זיי האבען גלייך פון ברייען'ען געמאכט א מארטירער. ער איז געפאלען, הייסט עס, קעמפענדיג פאר דער הייליגער קירכע. דער שפאט און דער חוזק פון די אפיקורסים האט איהם דער'הרג'עט. עס איז דערפאר די אויפגאבע פון די פרומע אמעריקאנער ארייגצוווארפען זיך אין קאמף פאר ברייען'ס הייליגע פרינציפען, פארטצוזעצען זיין ארבייט נאך מיט מעהר איבערגעבענהייט ווי בשעת ברייען האט געלעבט.

האט דיזע אגיטאציע פון די גלחים געווירקט? אויף דער פראגע איז, ווי געזאגט, איצט נאך אונמעגליך צו געבען א באשטימטען ענטפער. זינט ברייען איז געשטארבען, האט נאך ניט פאסירט עטוואס אויף דעם פאליטישען געביט, פון וועלכען מען זאל קענען אורטיילען צי די מאכט פון די גלחים איז שטארקער אדער שוואכער

געוואָרען. מיר ווייסען אָבער, אַז די חברה איז אונגעהייער שטאַרק אָרגאַניזירט; אַז זיי האָבען אונגעהייערע גרויסע מיטלען, און אַז זיי פיהרען אָן זייער ארבייט כמעט אונטער־אירדיש. זייער הויפּט מאַכט ליגט אין די קליינע, פּאַרוואָרפענע שטעדטלאַך און דערפער. זיי דרינגען אריין אין די היימען, פיהרען אָן זייער פּראָפּאַגאַנדע אין געהיים, שטרענג פּריוואַט, און דאַן, ווען זיי פיהלען זיך מעכטיג גענוג, קומען זיי ארויס אין דער עפענטליכקייט. דאַן ערשט דערזעהט מען ווי שטאַרק זיי זיינען און וויפיל זיי האָבען אויפגעטאָן אין די שטילע טעג, ווען זיי האָבען זיך גאָר ניט אָנגעזעהן. קיינער האָט ניט פאַרדעכטיגט אַז זיי טוען עפּעס.

געוויס, האָבען די גלחים זיין ברייען'ס טויט ניט גערוהט. געוויס האָבען זיי זייער פּראָפּאַגאַנדע פאַרטגעזעצט, אָט אויף דעם שטילען אונבאַמערקטען אופן. ווי וויט אָבער זייער פּראָפּאַגאַנדאַ דערגרייכט, — דאָס וועט מען ערשט קענען וויסען ווען זיי וועלען אָנפאַנגען די עפענטליכע ארבייט, ווען עס וועלען ווידער געמאַכט ווערען פאַרזוכען דורכצופיהרען אַזוינע פינסטערע געזעצען ווי דער, וואָס איז דורכ־געפיהרט געוואָרען אין דעם פאַרגאַנגענעם יאָהר אין טענעסי סטייט, און וועלכער האָט געמאַכט אַמעריקאַ צו שאַנד אין די אויגען פון די ציוויליזירטע מענשען איבער דער גאַנצער וועלט.

וואוהין געהט איירָאפּאַ?

פון ס. סאָלאָוויטשיק

דעם 31טען אָקטאָבער, 1925 איז אין פּאַריז פאָרגעקומען א גרויסאַרטיגער באַנ־קעט פון דער פראַנצויזישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי לכבוד דעם אריינגענומענעם „הונדערט און צעהן טויזענדטען" מיטגלידער פון דער פּאַרטיי, אויף דעם באַנקעט זיינען געווען פילע פּראָמינענטע אויסלענדישע סאָציאַליסטען. איינער פון די געסט, דער בעלגישער סענאַטאָר דע־ברוקער האָט געהאַלטען זעהר אַן אינטערעסאַנטע רעדע אין וועלכער ער האָט זעהר ריכטיג כאַראַקטעריזירט דעם איצטיגען פּעריאָד פון דער איירָאָ־פּעאישער געשיכטע: „מיר זיינען איצט אריינגעטראָטען, האָט געזאָגט דע־ברוקער, אין דעם פּעריאָד, ווען די אַלטע וועלט קאָן נאָך ניט שטאַרבען, און די נייע — קאָן נאָך ניט געבוירען ווערען".

און דאָס איז טאַקע ריכטיג. וואָס פאַר א לאַנד מיר זאָלען ניט נעמען אין איירָאָפּאַ זעהען מיר דאָרטען די סימנים פון דעם איבערגאַנגס פּעריאָד, וואָס באַשטע־טיגט די מיינונג פון דעם בעלגישען סאָציאַליסט.

דער דאָזיגער איבערגאַנגס פּעריאָד איז אָנגעמערקט געוואָרען שוין מיט עטליכע יאָהר צוריק פון קאַרל קאַוטסקי: דער ארבייטער קלאַס און די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען זיינען שוין אַזוי שטאַרק, אַז אָהן זייער צושטימונג קאָן מען לאַנג ניט רע־גירען. ער איז נאָך אָבער אויף אַזוי פיל ניט גענוג שטאַרק, אַז ער זאָל קאָנען אי־בערנעהמען אין זיינע הענד די גאַנצע מאַכט. דע־ברוקער און קאַרל קאַוטסקי געהען זיך צונויף אין דער פראַגע פון קאָאַליציע. איינינע פאַקטען פון

איירָאפּעאישען פּאָליטישען לעבען וועלען אונז קלאָר מאַכען די ריכטיגקייט פון דעם ווערדאַנק.

קיין פּרינציפּיעלע געגנער פון קאָאַליציע האָבען מיר איצט ניט צווישען די אָנפיהרענדע סאָציאַליסטישע קרייזען אין איירָאפּאַ, מיט דער אויסנאַם פון עטליכע „הארטנעקיגע", וועלכע האָבען אַ קנאַפּע ווירקונג אין פּראַקטישע פּאָליטישע פראַגען. דערפאַר אָבער האָט זיך פאַר דער לעצטער צייט פאַרשטאַרקט די אַגיטאַציע געגען קאָאַליציע פון דער רעכטער זייט. אויב פריהער האָט אַ באַדייטענדער און איינפלוסרייכער טייל פון די סאָציאַליסטען ענטשידען אָפּגעוואָרפען די אידעע פון קאָאַליציע מיט די בורזשואַזע עלעמענטען, זעהען מיר איצט, ווי אַ באַדייטענדער און איינפלוסרייכער טייל פון די בורזשואַזע פּאָליטיקער אין אַלע לענדער זיינען געוואָרען אויסגעשפּראָכענע געגנער פון אַ קאָאַליציע מיט די סאָציאַליסטען, זיי שטרעבען צו אַ פאַראייניגונג פון אַלע בורזשואַזע פּאַרטייען געגען די סאָציאַליסטען.

בולט'ער ווי אומעטום באַמערקען מיר דיזע טענדענץ אין דייטשלאַנד. דער איצטיגער דייטשער רייכסטאַג, וואָס איז אויסגעוועהלט געוואָרען דעם 7טען דעצעמבער, 1924טען יאהר, באַשטעהט פון 130 סאָציאַל־דעמאָקראַטען, 115 נאַציאָנאַליסטען, 68 פון קאַטוילישען צענטער, 50 פון דער פּאָלקס־פּאַרטיי (שטרעזעמאַנס), 45 קאָמוניסטען, 32 דעמאָקראַטען, 19 פון דער בייערישער פּאָלקס־פּאַרטיי, 17 פון דער ווירטשאַפטליכער פּאַרטיי און 14 אַנטיסעמיטען.

וואָס־זשע פאַר אַ קאָמבינאַציעס זיינען מעגליך כדי צו שאַפען אַ קאָנסאָלידירטע רעגירונגס מעהרהייט?

1. אַ בלאָק פון די סאָציאַליסטען מיט די ליבעראַלע, דעמאָקראַטישע און מעסיגע בורזשואַזע פּאַרטייען און אין דער אָפּאָזיציע בלייבען די נאַציאָנאַליסטען, אַנטיסעמיטען פון איין זייט און די קאָמוניסטען פון דער צווייטער זייט.

2. אַ בלאָק פון אַלע בורזשואַזע פּאַרטייען, אויסער די אַנטיסעמיטען, פון איין זייט, און די סאָציאַליסטען און קאָמוניסטען פון דער צווייטער זייט.

קיין אַנדער קאָמבינאַציע איז ביי די געגעבענע באַדינגונגען ניט מעגליך.

עס איז גאַנץ נאַטירליך, אַז באַלד נאָך די וואַהלען האָט זיך פאַרשטאַרקט די אידעע פון אַ בורזשואַזען בלאָק. איינער פון די הייסטע אָנהענגער פון אַ בורזשואַזער קאָאַליציע איז געווען דער לידער פון דער פּאָלקס־פּאַרטיי, שטרעזעמאַן. ער איז שטאַרק געשטיצט געוואָרען פון די גרויסע אינדוסטריעלער און גוטבאַזיצער. זייער „קאַמפּס־רוף" איז געווען: „נידער מיט'ן סאָציאַליזם". דיזעלבע מענשען, וועלכע האָבען אָט דאָ ניט לאַנג אַזוי פיל געאַרבייט פאַר דער „נאַציאָנאַלער איינינקייט", האָבען איצט זיך באַמיהט צו דערוויינען, אַז די סאָציאַליסטען זיינען, איבערהויפּט, ניט פעהיג צו פיהרען אַ געזונטע, ניכטערע שטאַאַטס־פּאָליטיק, און אַז די „נאַציאָנאַלע איינינקייט" מוז פאַרווירקליכט ווערען אויסער די סאָציאַליסטען. די סאָציאַליסטען האָבען ביי די לעצטע וואַהלען באַקומען זיבען מיליאָן שטימען. זיבען מיליאָן מענשען, הייסט עס, שטעהען מחוץ פון דער „נאַציאָנאַלער מחנה."

די גרויסע „נצחונות" פון בורזשואַזען בלאָק באַווייזען, אַז איצט קאָן מען ניט רעגירען אין איירָאפּאַ געגען די סאָציאַליסטען. נאַטירליך ריידען מיר דאָ פון דער אַלגעמיינער טענדענץ, און ניט פון איינצעלנע צופאַלען, וועלכע קאָנען נאָך באַשטעטיגען די אַלגעמיינע טענדענץ.

מוסאָליני, האַרטי און דע־ריוועראַ רעגירען געגען די סאָציאַליסטען. אויך סטאַלין און זינאָוויעוו רעגירען אין מאָסקווער קרעמל געגען די סאָציאַליסטען. דאָס זיינען אָבער אַלץ לענדער, וואָס האָבען זיך נאָך ניט באפרייט פון די גרויזאַמע פאָלגען פון דער מלחמה. מיר ריידען אָבער דאָ וועגען די לענדער, וואָס דערנעהנטערען זיך שוין צו מעהר אָדער ווייניגער נאָרמאַלע באַדינגונגען.

וואָס-זשע זיינען עס די סיבות, וואָס האָבען געשטערט צו פאַרווירקליכען דעם „בורזשואַזען בלאָק" אין דייטשלאַנד? פריער פאַר אַלץ דאָס, וואָס די בורזשואַזע פאַרטייען כמעט אין גאַנץ אייראָפּאַ פעהלט איינינקייט. דער וואוקס פון סאָציאַליזם אין דעם גרעסטען טייל מערב־אייראָפּעאישע לענדער האָט געשאַפען די לאַגע, אַז אַנטקעגענשטעלען זיך די סאָציאַליסטישע פאַרטייען קאָנען נאָר אַלע בורזשואַזע פאַרטייען צוזאַמען. ווען פון דעם „בורזשואַזען בלאָק" שפּאַלט זיך אָפּ אַפילו איין גרופּע פאַרלירט דער בלאָק די מעהרהייט. גאַנץ באַדייטענדע עלעמענטען פון דער מערב־אייראָפּעאישער בורזשואַזיע, אמת, דערוייל נאָך אַ קליינע מינדערהייט, האָבען שוין אויפגעהערט צו גלויבען אין דער „אייביגער פעסטקייט" פון דער בורזשואַזער אָרדנונג. אָט די דאָזיגע עלעמענטען קומען אַלץ מעהר צו דעם געדאַנק, אַז דורך דער מיטאַרבייטשאַפט מיט'ן עוואָלוציאָנערען סאָציאַליזם וועלען זיי מאַכען דעם איבערגאַנג צו דער סאָציאַליסטישער אָרדנונג ווייניגער קרענקליך.

אָט די נייע שטימונגען אין אַ באַדייטענדען טייל פון דער מערב אייראָפּעאישער בורזשואַזיע האָבען עס צושטערט דעם „בורזשואַזען בלאָק" אין דייטשלאַנד. די דעמאָקראַטען האָבען זיך אָפּגעזאָגט אַריינצוטרעטען אין „בורזשואַזען בלאָק". אָהן די דעמאָקראַטען וואָלט דער „בורזשואַזער בלאָק" געקאָנט זיך האַלטען נאָר דאַן, ווען ער נעמט אַריין די קעמפענדע אַנטיסעמיטען פון לודענדאָרפס און היטלערס חדר, אָדער ווען ער שטיצט זיך אויפ'ן גאַנצען קאַטוילישען צענטער. אַרייננעמען די אַנטי־סעמיטען האָט מען ניט געקענט, ווייל לודענדאָרף'ס פאַרטיי איז אַ „רעוואָלוציאָנערע" פאַרטיי, וועלכע פאַרדאַמט די רעפּובליקאַנישע אָרדנונג ניט נאָר טעאָרעטיש, נאָר זי קעמפט אַקטיוו געגען דער אָרדנונג דורך טעראָריסטישע מאָרדען, אויפשטאַנדען, פּוטשען. שטיצען זיך ווידער אויפ'ן גאַנצען קאַטוילישען צענטער האָט מען אויך ניט געקענט, ווייל דאָרטען איז פאַראַן אַ באַדייטענדע גרופּע, וואָס האָט אַ נאָהענטע שייכות מיט דער אַרבייטער באַוועגונג: דאָס איז די גרופּע פון געוועזענעם קאַנצלער ווירט, אין וועלכער עס געהען אַריין די פאָרשטעהער פון די קאַטוילישע יוניאָנס. אמת, זיי זיינען ניט קיין סאָציאַליסטען, זיי זיינען אָבער ענג פאַרבונדען מיט דער אַרבייטער מאַסע...

אַזוי אַרום איז אַנטשטאַנען אין דייטשלאַנד ליוטערס רעגירונג, פון אָנהויב אָן איז דאָס געווען אַ רעגירונג פון אַ פּאַרלאַמענטאַרישער מינדערהייט, וועלכע איז געווען ענג פאַרבונדען נאָר מיט די נאַציאָנאַליסטען און מיט שטרעזעמאַנס פאָלקס־פּאַרטיי. דער קאַטוילישער צענטער האָט נאָר געדולדעט די „קאָאַליציאָנס"־רעגירונג. דער זעלבער קאַטוילישער צענטער האָט אָבער ענערגיש אונטערשטיצט אין פּרייסען די לינקע קאָאַליציע פון די סאָציאַל דעמאָקראַטען, דעמאָקראַטען און צענטער. דער פאַקט האָט געהאַט אַ גרויסען איינפלוס אויף דער אַנטוויקלונג פון פּאָליטישען לעבען אין דייטשלאַנד. אונטערשטיצען די לינקע קאָאַליציאָנס־רעגירונג פון דעם סאָציאַל-

דעמאקראט בראון האט געהייסען אונטערשטיצען דעם פרייסישען מיניסטער פון אינערען, דעם סאציאליסט סעווערינג. פאקטיש האט עס געהייסען, אז דער גאנצער פאליציייאישער אפאראט פון דעם גרעסטען דייטשען שטאט געפינט זיך אין די הענט פון סאציאליסטען. און אפילו איצט, פאר דעם פרעזידענט הינדענבורג, איז דער שעף פון דער פאליציי אין בערלין, דער געוועזענער פארזיצער פון דער מעטאליסטען יוניאן, דער סאציאליסט גרזשעשינסקי.

די אלע פאקטען זיינען גענוג כאראקטעריסטיש פאר'ן איבערגאנגס פעריאד, וואס איירא־פא לעבט איבער, און וואס ווייטער ווערט די לאגע אלץ קלארער. ליוטערס נייע רעגירונג איז א קאאליציאנס־רעגירונג פון די ליבעראלע פארטייען אהן די נאציא־נאליסטען. זי ווערט אבער אויך ניט באקעמפט פון די סאציאליסטען.

די לאקארנא־קאנפערענץ און די גרויסע מעגליכקייטען, וועלכע זי עפענט פאר איירא־פא געפינען זיך אין א טיפען ווידערשפרוך מיט די רעוואנש אידעען פון וועלכע עס האבען זיך נאך ביז'ן היינטיגען טאג ניט אפגעזאגט די דייטשע רעאקציאנערע פאטריאטען.

פאר דייטשלאנד זיינען געבליבען צוויי וועגען: אדער א פרידליכער צוזאמענ־לעבונג און דערנענטערונג מיט איירא־פא און פריער פאר אלץ מיט פראנקרייך, אדער די נאציאנאליסטישע פאליטיק פון רעוואנש. די בלוטיגע אינטערעסען פון דער דייטשער ווירטשאפט און אינדוסטריע פאדערען א פארשטענדיגונג. ניט אומזיסט האט דער פארבאנד פון די דייטשע אינדוסטריעלער קאטעגאריש גענומען פאדערען פון דער רעגירונג, וואס ווערט פון זיי סובסידירט, אז זי זאל אויפהערען צו פיהרען א קאמפיין געגען לאקארנא. די פארשטענדיגונגס פאליטיק איז אבער מעגליך נאר ביי דער מיטארבייטערשאפט פון די מעסיגע בורזשואזע פארטייען מיט די סא־ציאליסטען. דאס איז דער לעסאן פון דעם איצטיגען פאליטישען קריזיס אין דייטשלאנד.

וועגען דער לאקארנא קאנפערענץ האט מען שוין אזויפיל געשריבען. איך וואלט דא געוואלט בלויז אנמערקען איין כאראקטעריסטישען שטריך פון דער היסטארישער בארצטונג: זי איז פארגעקומען אין דעם מאמענט, ווען די אי־דעע פון „פאראייניגטע שטאאטען פון איירא־פא", אן אידעע, וואס איז ביז אהער געפרעדיגט געווארען פון א היפעלע אידעאליסטען, ווערט דער אני מאמין פון די פאר־אנטווארטליכסטע שטאאטסלייט.

מיר ווילען דא אנמערקען די ענטוויקלונגס־פאזען, וואס די אידעע האט דורכגעמאכט. פריהער האט זיך אנגעהויבען פון רעזאלוציעס אויף די סאציא־ליסטישע צוזאמענפאהרען און קאנפערענצען, נאכדעם האט מען גענומען ריידען וועגען דעם אלס א ווירטשאפטליכע נויטווענדיגקייט פאר דער פאראימטער רו־אינירטער איירא־פא, אלס א מיטעל צו לינדערען די גרויזאמע פאלגען פון די אלע פרידענס אפמאכען, וואס האבען צוברעקעלט און צופיצעלט איירא־פא, ארויס־געריסען צום לעבען נייע שטאאטס־ארגאניזמען, בלוט־ארימע, פארקריפעלטע, וואס קאנען ניט לעבען און ניט שטארבען.

דער ערשטער, וואס האט גענומען ריידען וועגען די „פאראייניגטע שטאאטען פון איירא־פע" איז געווען דער ווינער גראף קודענראף־קאלערזשי. פאר א יאהרען

האָט מען געשמייכעלט, מאַלע וואָס אַ גראַף קאָן זיך פּאַרגלוסטען. איצט אָבער זעהען מיר, אַז מ׳רעדט שוין וועגען דעם מיט דעם גרעסטען ערנסט, און ניט אַבי ווער, הערריאָ און בריאַן פון איין זייט און דער ניכטערער פּאָליטיקער שטרעזעמאַן פון דער צווייטער זייט.

ווי לאַנג אָבער וועט געדויערען דער פּראָצעס? ווען וועלען די „אייראָפּעאישע פאַראייניגטע שטאַאַטען" ווערען אַ געשעהענער פאַקט? וועט נאָך דער איצטיגער דור דערלעבען צו דעם? שווער צו ענטפערען אויף אַזוינע פראַגען. די לאָקאַרנאָ קאָנפערענץ איז אָבער אַ וויכטיגער עטאַפּ אויף דעם וועג.

מ׳דאַרף נאָך אָנווייזען אויף דעם, אַז איינער פון די וויכטיגסטע מאָמענטען אין דער פראַגע פון דער פאַראייניגונג פון אייראָפּאַ איז איהר פינאַנציעלע אָפּהענגיגקייט פון אַמעריקע. די גרעסטע אייראָפּעאישע לענדער זיינען אַמעריקאַ׳ס בעלי־חובות. זיי זייען אַלע שטאַרק אָפּהענגיג פון וואָל־סטריט. עס געהט ניט דורך כמעט קיין איין חודש, אַז מיר זאָלען זיך ניט דערוויסען, אַז די אָדער יענע לאַנד האָט געמאַכט אַ נייע הלואה ביי די אַמעריקאַנער באַנקירען. די דאָזיגע לאַגע האָט אין אַ באַדייטענדער מאָס געשאַפען די שטימונג. צי וועט אָט די נייע באַוועגונג געווענדעט זיין געגען אַמעריקע איז אָפּהענגיג פון דעם, ווי אַזוי דער סכסוך וועגען די מלחמה חובות וועט געלייזט ווערען.

אָבער כדי די אידעע פון די „פּאַראייניגטע שטאַאַטען פון אייראָפּאַ" זאָל זיך ענטוויקלען און באַפעסטיגען, איז אומבאַדינגט נויטיג בייצוקומען די נאַציאָנאַליסטישע טענדענץ אין די גרעסטע אייראָפּעאישע לענדער. די בורזשואַזע פּאַרטייען אַליין קאָנען עס ניט דערגרייכען. ווייל כמעט אין גאַנץ אייראָפּאַ זיינען פּאָליטיש איינפלוסרייך נאָר די בורזשואַזע פּאַרטייען, פאַר וועלכע די דעמאַגאָגישע שפּיל אויף די נאַציאָנאַליסטישע סטרונקעס, איז דערווירקזאַמסטער מיטעל צו דערגרייכען אַן ערפאָלג.

אין דייטשלאַנד איז די שטאַרקסטע בירגערליכע פּאַרטיי — די נאַציאָנאַליסטישע. דער ערפאָלגרייכער קאַמף געגען די פּאַרטייען, וואָס פּרעדיגען מענשען־האַס און אומטאָלעראַנץ, איז מעגליך נאָר מיט דער הילף פון די סאָציאַליסטען. די „פּאַראייניגטע שטאַאַטען פון אייראָפּאַ" קאָנען ניט פאַרווירקליכט ווערען אָהן אַ קאָאַליציע פון די מעסיגע און לינקע פּאַרטייען פון דער אייראָפּעאישער בורזשואַזיע מיט די סאָציאַליסטען.

אין פראַנקרייך איז די לאַגע כמעט די זעלבע, ווי אין דייטשלאַנד. אין פּאַרלאַמענט זיינען מעגליך נאָר צוויי קאָמבינאַציעס: אַ בלאָק פון אַ טייל פון די בורזשואַזע פּאַרטייען מיט די סאָציאַליסטען אָדער אַ בלאָק פון אַלע בורזשואַזע פּאַרטייען געגען די סאָציאַליסטען. די וואַהלען פון 11טען מאַי, 1924, האָבען געגעבען פאָלגענדע רעזולטאַטען: 127 ראַדיקאַל־סאָציאַליסטען, 101 סאָציאַליסטען, 39 רעפּובליקאַנער סאָציאַליסטען (פּענלעווע׳ס גרופּע), 34 לינקע ראַדיקאַלען (לושער׳ס גרופּע), 92 לינקע רעפּובליקאַנער (דער לינקער פליגעל פון נאַציאָנאַלען בלאָק), 137 רעכטע רעפּובליקאַנער, 11 מאָנאַרכיסטען, 26 קאָמוניסטען, 3 סאָציאַליסטען־קאָמוניסטען (אַ קליינע גרופּע, וואָס האָט זיך אָפּגעריסען פון די קאָמוניסטען).

אַזוי אַרום זעהען מיר, אַז די ראַדיקאַלע פּאַרטייען אָהן די סאָציאַליסטען האָ־

בען ניט קיין מערהייט. דער רעכטער פליגעל — דער געוועזענער נאציאנאלער בלאק — האט אויך ניט קיין מערהייט אהן א טייל פון די לינקע פארטייען.

די לאגע אין פראנקרייך איז איצט נאך פיל קאמפליצירטער צוליב דעם פי־נאנציעלען קריזיס. דייטשלאנד האט א דאנק דער סטאביליזאציע פון איהר וואַ־ליוטע באפרייט זיך פון איהר גרויסען אינערליכען חוב. אין פראנקרייך אבער באטרעפען איצט בלויז די פראצענטען אויפ׳ן אינערליכען חוב צוויי דריטעל פון איהר גאנצען בודזשעט. אלע פארשטעהען, אז די שרעקליכע לאגע פון די פראנ־צויזישע פינאנצען פאדערען גרויסע קרבנות. פראנקרייך קאן ניט פטור ווערען פון איהר אומגעהייער גרויסען אינערליכען חוב (מיר רעדען שוין ניט פון די ריזיגע אויסלענדישע חובות) מיט דיזעלבע מיטלען, ווי דייטשלאנד. מוז מען זוכען אנ־דערע מיטלען. די סאציאליסטען טאקע האבען ארויסגעשטעלט א פאדערונג צו באשטייערען דעם גרויסען קאפיטאל. די רעכטע האבען אויפגעהויבען א געוואלד, אז מ׳וויל אומגליקליך מאכען דאס לאנד, עס שמעקט זיי גאר ניט דער איינציגער ראַ־דיקאלער מיטעל צו ראטעווען דאס לאנד פון א פינאנציעלען צוזאמענברוך. דער פאליטישער קריזיס אין פראנקרייך איז ענג פארבונדען מיט דער הויפט־פראגע פון איצטיגען פינאנציעלען קריזיס, וואס ווערט אלץ קאמפליצירטער פון טאג צו טאג.

אזוי ארום זעהען מיר, אז אויך אין פראנקרייך זיינען מעגליך נאר צוויי וועגען: אדער א „בורזשואזער בלאק" געגען די סאציאליסטען, אדער א פארשטענדיגונג פון א טייל בורזשואזע פארטייען מיט די סאציאליסטען. קיין דריטער וועג איז ניטא. די לאגע איז כמעט דיזעלבע, ווי אין דייטשלאנד.

די אלטע וועלט איז נאך ניט אפגעשטארבען, די נייע — איז נאך ניט גע־בארען געווארען.

די לאגע אין ענגלאנד איז מיט איהרע הויפט שטריכען עהנליך צו דער לאגע אין דייטשלאנד. אמת, די קאנסערוואטארען אדער דער בורזשואזער בלאק האבען אן אבסאלוטע מערהייט אין פארלאמענט. אבער די דאזיגע מערהייט איז דאך, אייגענטליך, א צופעליגע, דאס איז א רעזולטאט פון דער אייגענארטיגער שטימונג, וואס האט באהערשט די ענגלישע געזעלשאפט אין דער צייט פון די וואהלען צום פארלאמענט אין 1924טען יאהר אין צוזאמענהאנג מיט׳ן באריהמטען „זינאָוויעוו־בריף". און אפילו די איינציגע אייזענפעסטע רעגירונג הייבט זיך שוין אן צו וואק־לען, צו פארלירען דעם באדען אונטער די פיס. אויף דער בראיטאנער קאנפערענץ פון די קאנסערוואטארען האט מען אפען גערעדט, אז עס מוז קומען צו א שפאלטונג צווישען דעם מעסיגען באלדווינגען און דעם מיניסטער פון אינערען, דזשאנסאן היקס. אויך אין ענגלאנד, איז די ווירקונג און דער פאליטישער איינפלוס פון דער אר־בייטער פארטיי אזוי גרויס, אז אפילו די אויסגעשפראכענע קאנסערוואטיווע רעגירונג איז זעהר פארזיכטיג אין איהר „קאמף געגען סאציאליזם".

עס באקומט זיך אן אייגענארטיגער צושטאנד פון גלייכגעוויכט אין פאליטישען לעבען פון אייראפא. דארטען, וואו ס׳קומט צו דער מאכט א לינקע רעגירונג, הייבט זיך אויף די שטימונג פון די אנהענגער פון דער לינקער רעגירונג, דער עולם מיינט, אז אט איז שוין געקומען די גאולה, ווי דאס האט פאסירט מיט מעקדאנאלד׳ען אין ענגלאנד, הערריא אין פראנקרייך, מיט די רעגירונגען אין דייטשלאנד, אין וועלכע עס

האָבען אנטייל גענומען די סאָציאַלדעמאָקראַטען. די דאָזיגע האָפענונגען לאָזען זיך אויס מיט גאָרנישט. די „לינקע" רעגירונג איז געצוואונגען צו פיהרען כמעט די־זעלבע פּאָליטיק, ווי די „רעכטע" רעגירונג. און ווען עס קומט צו דער מאַכט אַ „רעכטע" רעגירונג איז זי ווידער געצוואונגען צו געהן אין די פוס־טריט פון דער לינקער, און אזוי כסדר. הינדענבורג — די האָפענונג פון דער דייטשער רעאַקציע, איז נעבאך געצוואונגען אונטערצושרייבען דעם לאָקאַרנאָ אָפּמאַך.

עס איז קיין צווייפעל ניט, אז די ענגלישע קאָנסערוואַטיווע פּאַרטיי איז דער איינציגער ביישפּיל פון דער עקזיסטענץ פון אַ „בורזשואַזען בלאָק", אַ „בלאָק" — ווייל אין דעם צוזאַמענשטעל פון דער קאָנסערוואַטיווער פּאַרטיי געהן אַריין עלעמענטען, וואָס זיינען אזוי פאַרשידענאַרטיג, ווי די שטרעזעמאַנער און נאַציאָנאַליסטען אין דייטשלאַנד. אויב עס וועט מקוים ווערען די נביאות פון איינעם פון די פּאָרזיכטיגע פיהרער פון דער אַרבייטער פּאַרטיי אין ענגלאַנד, פון פיליפּ סנאָו־דען, וועגען דער מפּלה פון באַלדווינ'ס רעגירונג, וועט דעמאָלט קלאָר ווערען פאַר אַלע־מען, אז אין דער איצטיגער אייראָפּא איז אונמעגליך אַ „בורזשואַזער בלאָק", וואָס זאָל רעגירען געגען די סאָציאַליסטען.

די בעלגישע קאָאַליציאָנס־רעגירונג פון פּולע־וואַנדערוועלדע איז געשאַפען געוואָרען נאָך אַ לאַנג־דויערנדען קריזיס. אין בעלגיע איז די לאַגע געווען אזוי: אַ בורזשואַזער בלאָק פון די קאַטוילקען מיט די ליבעראַלען איז געווען אונמעג־ליך, ווייל דער לינקער פליגעל פון די קאַטוילקען, די אזוי גערופענע „קריסטליכע דעמאָקראַטען" האָבען ניט געוואָלט מסכים זיין אויף אַ אַנטי־סאָציאַליסטישע רעגי־רונג. אַ ריין סאָציאַליסטישע רעגירונג איז אויך געווען אונמעגליך, ווייל די סאָציאַ־ליסטען האָבען ניט קיין מערהייט אין פּאַרלאַמענט. דער איינציגער אויסוועג איז די קאָאַליציע פון די סאָציאַליסטען מיט אַ טייל פון דער בורזשואַזיע. די אַלע נאַכריכטען וועגען דעם, אז אין בעלגיע האַלט שוין ווידער ביי אַ נייעם רעגירונגס קריזיס, באַווייזען, ווי שווער עס שלאָגט זיך דורך אַ וועג דער געדאַנק, אז ביי דעם איצטיגען וואוקס פון סאָציאַליזם, וועלכער קאָן נאָך אַליין ניט רעגירען און איז שוין גענוג שטאַרק, אז מ'זאָל געגען איהם רעגירען — איז מעגליך די נאָרמאַלע אנטוויקלונג פון די מערב אייראָפּעאישע לענדער נאָר דורך אַ קאָאַליציע.

די לאַגע אין דענמאַרק און אין שוועדען איז אייגענטליך דיזעלבע. פאָרמעל רע־גירען דאָרט די סאָציאַליסטען — סטאַונינג און סאַנדער. אָבער די רעגירונגען קאָנען בלייבען ביי דער מאַכט נאָר אַ דאַנק דער אונטערשטיצונג פון די לינקע בורזשואַזע גרופּען.

גאָר אַ באַזונדערען אָרט פאַרנעמען די לענדער, וואו עס הערשט די דיקטאַטור — די שווארצע און די רויטע — רוסלאַנד, איטאַליע, אונגאַרן, שפּאַניע. מיר וועלען זיך דאָ אָבער מיט די „אייגענאַרטיגע" לענדער ניט פאַרנעמען.

און איצט נאָר אַ פּאָר ווערטער וועגען די לענדער, וואו דער סאָציאַלער מאָמענט ווערט צוריקגעשויסען, און עס ווערט אַרויסגערוקט אויבענאָן דער נאַציאָנאַלער מאָמענט. דאָס זיינען לענדער מיט אַ פאַרשידענאַרטיגען נאַציאָנאַלען צוזאַמענשטעל. אַ גרויסע ראָלע שפּילט די אָנגעוועהטיגטע פראַגע פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטען. מעקדאָנאַלד האָט דאָ ניט לאַנג, אונטער דער ווירקונג פון דעם אַלעמען, וואָס ער

האט אליין געזעהן אין מיטעל־אייראפא, זיך אויסגעדריקט, אז ס'איז אן אפענע וואונד, וואס צעפרעסט גאנץ אייראפא. דאס פאליטישע לעבען אין די דאזיגע לענדער איז פארקריפעלט, דאס פיהרט צו אזוינע משונה'דיגע פאליטישע קאמבינאציעס. הויפט־זעכליך ליידט פון דעם פוילען. דער געדאנק אז אין פוילען מוז די פאליטישע מאכט געהערען נאר די פאליאקען, האט געבראכט צו דעם, אז דארטען שטימען גאנץ אפט די פוילישע סאציאליסטען צוזאמען מיט די רעכטע נאציאנאל־דעמאקראטען געגען די פארשטעהער פון די נאציאנאלע מינדערהייטען — אידען, אוקראאינער, ווייס־רוסען, דייטשען.

עטוואס בעסער איז די לאגע אין טשעכא־סלאוואקיא. אויך דא האט די רעגירונג זיך שטענדיג געשטיצט אויף דער „נאציאנאלער מעהרהייט" געגען די דייטשען. פאר דער לעצטער צייט אבער האבען זיך די באציהונגען צווישען דער טשעכישער מערהייט און דער דייטשער מינדערהייט באדייטענד פארבעסערט. די נאציאנאלע רייבונגען וועלען סוף כל סוף פארלירען זייער שארפקייט.

מיט איין ארטיקעל קאן מען ניט אויסשעפען די גאנצע פארשידענארטיגקייט פון די פאליטישע קאמבינאציעס פון דער איצטיגער אייראפא. דאס איז ניט געווען אונזער ציל. מיר האבען געוואלט בלויז אנמערקען די אלגעמיינע טענדענצען אין דער אנטוויקלונג פון פאליטישען לעבען אין דער מאדערנער אייראפא.

דער ענגסטער טייל פון ניו יארק

כמעט 69 פראצענט פון דער גאנצער באפעלקערונג פון ניו יארק וואוינט אויף א שטח פון ווייניגער ווי 10 פראצענט פון דער גאנצער שטאדט.

די ענגסטע, געדיכטעסטע טייל פון ניו יארק געפינט זיך צווישען דער 3טער און 9טער סטריטס און צווישען די עוועניו „בי" און „די". דארט וואוינען 650 מענשען אויף יעדען אקער לאנד. א נארמאלער שטאדט־אקער דארף ניט אנטהאלטען מעהר ווי 100 מענשען. ווען די צאהל דערגרייכט ביז צו 300 מענשען פער אקער, ווערט דער געגענד באצייכענט אלס אן „ענג (קאנדזשעסטעד) ארט".

עס פארשטעהט זיך, אז וואס ענגער א געגענד, אלץ אומגעזונטער איז ער. אבער עס איז מערקווירדיג, אז גראד דער ענגסטער געגענד אין ניו יארק, פון דער 3טער ביז דער 9טער סטריטס און פון די עוועניוס „בי" ביז „די", איז דער געזונטסטער. דארט שטארבען בלויז 6 מיט א דריטעל מענשען פון יעדע טויזענט אלע יאהר. אין יענעם געגענד וואוינען מעהרסטענס אידען.

אין 73 דיסטריקטען (אינגאנצען איז די שטאדט איינגעטיילט געווארען אין 3,247 צענזוס־דיסטריקטען) וואוינען איבער 300 מענשען אויף אן אקער לאנד, און פון די אלע 73 דיסטריקטען איז פאראן בלויז איינער, וואו די מעהרסטע איינוואוינער זיינען ווייסע אמעריקאנער געבוירענע, וואס זייערע עלטערען זיינען אויך דא געבוירען געווארען.

אין משך פון די לעצטע 30 יאהר איז די באפעלקערונג פון ניו יארק געוואקסען אויף גאנצע צוויי מיליאן נפשות.

די באפעלקערונג פון ניו יארק איז איצט גרעסער ווי די גאנצע באפעלקערונג פון די פאראייניגטע שטאטען איז געווען אין דעם יאהר 1800.

דאָס אידישע לעבען אין אייראָפּאַ אין יאָהר 1925

פון יעקב לעשצינסקי

אַ טרויעריג יאָהר געווען — ביז גאָר אַ ביטער יאָהר. אמת, חוץ עטליכע גאַנץ פּיינע פּאָגראָמען אין רומעניען און עטליכע אָנפאַלען פון עסטרייכישע פאַשיסטישע סטודענטען אויף זייערע אידישע קאָלעגען האָבען מיר היינטיגס יאָהר ניט צו פאַרשרייבען אין אונזער רויטען ספר־הזכרונות קיינע בלוט־געשעהענישען; און ס'וועלען זיך אפשר געפינען ביי אונז מענשען, וואָס וועלען זאָגען: „גם זו לטובה!" נאָך יאָהרען פון אַזוי פיל פּאָגראָמען, פון אַזוי פיל בלוט־צאַפּען פון אידען, האָבען מיר ענדליך אַ יאָהר, דאַכט זיך, דאָס ערשטע יאָהר פון נאָכ'ן קריג אָן, ווען אין די צוויי לענדער מיט די גרעסטע אידישע מאַסען אין אייראָפּאַ — אין רוסלאַנד און פּוילען — האָבען מיר ניט געהאַט קיין גאַסען־אָנפאַלען אויף אידען. אָבער מען האָט אונז היינטיגס יאָהר געוויזען און דערוויזען, אַז ס'זיינען פאַראַן שטילע פּאָגראָמען, וואָס קאָסטען אַ סך טייערער, ווי אָפענע; אַז ס'איז פאַראַן אַ באַהאַלטען בלוט־צאַפּען, וואָס שוואַכט אַ סך מעהר אָפּ דעם גוף און די נשמה פון פאָלק, ווי אָפענע הריגות און רציחות.

מיר וועלען אָנהויבען פון דעם לאַנד, וואו די שטילע פּאָגראָמען זיינען געוואָרען אַ סיסטעם, אַ שיטה, וואָס האָט שוין הינטער זיך אַ געשיכטליכע טראַדיציע און גוט־אויסגעאַרבייטע מעטאָדען — מיר וועלען אָנהויבען פון פּוילען.

וויל מען כאַראַקטעריזירען דעם עקאָנאָמישען צושטאַנד פון די פּוילישע אידען, ריכטיגער, די עקאָנאָמישע פאַרצווייפלונג, וואָס האָט ארומגעכאַפּט אַלע קלאַסען פון פּוילישען אידענטום, איז גענוג צו זאָגען, אַז די זעלבסטמאָרדען פון נויט און דחקות האָבען אָנגענומען אַזאַ מאָס, אַז די רבנים האָבען ארויסגעלאָזט אַן אויפרוף געגען די זעלבסטמערדער. דער דאָזיגער דאָקומענט וועט בלייבען דער טראַגישסטער עדות פון דער יאוש־צייט, וואָס די פּוילישע אידען לעבען איבער. דער אויפרוף שטעמפּעלט די זעלבסטמערדער ווי פּשוט'ע מערדער, וויל זיי באַגעהען אַ מאָרד־טאַט איבער ווייב, קינדער און משפּחה; ער רופט, מען זאָל זיי ניט מאַכען קיין לויות בייטאָג, ס'זאָלען ניט געהן נאָך די לויות קיין סך מענשען, אויפ'ן בית־החיים זאָל מען זיי געבען אַ באַזונדער קבר און ניט צווישען נאָרמאַלע נפטרים, קיין שבעה זאָל מען נאָך זיי ניט זיצען, און דער אויפרוף ענדיגט:

„חזקו ואמצו! אַל תיראו ואַל תחתו, בני עם ואל חי! באַהערשט אייך אין אייער נויט, פאַרלירט ניט די האָפנונג אין דער השגחה פּרטית; דום לה' והתחולל לו! נישט פאַרפלעקט מיט בלוט דעם קלאָר־ווייסען דגל מחנה ישראל! פאַרשעמט ניט אייערע אומשולדיגע פרויען און דורות מיט אַן אייביגען פּגם; רייסט ניט אָפּ פון לעבען אייער גוף מיט אייער נשמה, איבער וועלכער נאָר זייער הימלישער באַשעפער ב"ה האָט צו זאָגען!"

פאַרשטעהט זיך, אַז דער דאָזיגער אויפרוף האָט די זעלבסטמאָרדען ניט אָפּגעשטעלט — אידען פון אַלע קלאַסען, דירעקטאָרען פון בענק, גרויסע הורט־סוחרים און

פאבריקאנטען, לערער און קינסטלער, בעלי-מלאכות און ארבייטער, אלע קלאסען ברענגען קרבנות אויפ'ן מזבח פון אבסאלוטער פארצווייפלונג, פון האפנונגסלאזער צוקונפט. די פויליש-אידישע מאסען האט פאר'סמ'ט א פסיכאז, וואס האט געקאסט היינטיגס יאהר אין שטאדט ווארשא ניט ווייניגער פון 200 מענשען; באגעהען אבער צוויי הונדערט מענשען זעלבסטמארד, איז א סימן, אז טויזענטע און אפשר צעהנדליגע טויזענטע טראגען דעם דאזיגען גיפט אין זייערע נשמות און אין זייערע מוחות — און דאס איז דאס שרעקליכסטע! שרייבט דאך אן ארבייטסלאזער אין א בריף פאר'ן באגעהן זעלבסטמארד: „פון אומזיסטען ארומזוכען ארבייט פארלירט זיך די מענשליכע ווירדע, סיי ביי זיך, סיי ביי יענעם, און איך קום צום אויספיהר, אז ס'לוינט ניט מעהר צו לעבען". און ער באטראכט דעם טויט ווי א גליק: „זיך באפרייען פון אזוי פיל ליידען — צי הייסט דאס ניט א באפרייאונגס-טאט?" פונ'ם סטיל און אינהאלט פון בריף זעהט מען, אז דאס איז א באוואוסטזיניגער און אינטע-ליגענטער אידישער ארבייטער, וואס האט ניט נאר פארלארען די האפנונג אויף מאטעריעלען ברויט, נאר איז אויך פסיכיש איינזאם, אפגעלאזט, פארלארען און קאן ניט געפינען קיין טרייסט אינ'ם קאמף פון זיין קלאס אדער פון זיין פאלק פאר א בעסערע און ליכטיגערע צייט.

דער זעלבסטמארד-פסיכאז איז דערגאנגען דערצו, אז גרופעס נעמען זיך צונויף און נעמען און באשליסען ווענען מאכען א סוף צו דעם דאזיגען מיאוס'ן לעבען, וואו „מען לויפט ארום טאג-איין, טאג-אויס צו קריגען עפעס ארבייט און מען בא-קומט איבעראל א שפאטישען אפשטויס" — צוואנציג אידישע מיידלאך האבען אפ-געהאלטען אזא מין זעלבסטמארד-בעראטונג און זיינען איינשטימיג געקומען צום שלום, אז איין און איינציגער וועג איז געבליבען — דער וועג צום קבר, צום איינ-זאמען, פארווארפענעם קבר פון א זעלבסטמערדער! און ס'איז גאר ניט וויכטיג, צי בעראטען זיי זיך, צי ניט — א פסיכיש שטיל צוזאמענרעדען, וואס שטאמט פון איינע און די זעלבע סבות, עקזיסטירט צווישען טויזענטע און צעהנדליגע טויזענטע, פון וועלכע הונדערטע פילען אוים די געהיימע פסיכישע אפמאכען און ווארפען זיך פון פערטען אדער פינפטען שטאק און ווערען גע'הרג'עט אויפ'ן ארט. ניינציג פראצענט פון די אידישע זעלבסטמערדער, אויב ניט נאך מעהר, ווארפען זיך פון די הויכע עטאזשען אויף דער ערד, ווארפען זיך מיט'ן קאפ אראפ און בלייבען טויט אויפ'ן ארט — און דאס איז נאך א באוויז, אז די דאזיגע ערשיינונג טראגט אן עפידעמישען פסיכאז-כאראקטער. א געזעלשאפטליכער פסיכאז אבער האט תמיד אונטער זיך א מאטעריעלען באדען, האט תמיד עקאנאמישע סבות — און ביים פוילישען אידענטום ליגט די זאך קלאר: דער עקאנאמישער קריזיס האט דעם פסיכאז ארויסגערופען; די פאליטישע אפאטיע און אפגעלאזענקייט האבען געשאפען די גינסטיגע אטמאספערע פאר דער אנטוויקלונג פון דער עפידעמיע.

אין וואס באשטעהט דער עקאנאמישער קריזיס?

די טראגעדיע פונ'ם מזרח-אידענטום בכלל, אלזא פון די פוילישע, רוסישע, רומענישע, ליטווישע און לעטישע אידען, באשטעהט אין דעם, וואס זיי לעבען אין אגרארישע-לענדער, אין אפגעשטאנענע לענדער; אין מלוכות, וואו ערשט נאך דער וועלט-מלחמה האט מען זיך גענומען לעזען סאציאלע פראגען, וועלכע זיינען אין מערב-אייראפא שוין לאנג פארענטפערט געווארען; אין מלוכות, וואו די נאציאנאלע

געגענזאצען פּאָלען אָפּט צוזאמען מיט די סאָציאַלע, וואו דעריבער די סאָציאַלע קאמפען נעמען אָן א סך א שאַרפערען און בלוטיגערען כאַראַקטער, וואו די נאַציאָנאַלע באַפרייאונג טראָגט אָפּט דעם כאַראַקטער פון א סאָציאַלער באַפרייאונג און גיסט זיך אויס אין נקמה־אַקטען און שעפּט באַגייסטערונג אין קנאה־האַס. אינ׳ם דאָזיגען פאַרפלאָנטערטען קנויל פון סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע געגענזאצען און קאָנפליקטען, מלחמות און צוזאמענשטויסען האָט זיך אויף א מאָדנעם אופן אריינגעפלאָכטען דאָס מזרח־אידענטום, און זיין גורל איז געוואָרען טראַגיש און אָפטמאָל א סך מעהר ווי טראַגיש — א פּאַסיווער קרבן אויף אַלע מזבחות, אַן אומשולדיגער באַשולדיגטער אין אַלע אומגליקען, דער פּאַסיגסטער אָביעקט פאר אַלע קלעפּ, פון וואָס פאר א זייט זיי זאָלען ניט פליהען.

אינ׳ם אומגעהויערען גראַנגעל פון קלאַסען און פעלקער, וואָס האָט זיך צו־פּלאָקערט אין מזרח־אייראָפּא און וואָס האָט זיך ווייט נאָך ניט אינגאַנצען פאַר־ענדיגט, האָבען די אידען, די אַם ווייניגסטען פאַראינטערעסירטע, א סך מעהר גע־ליטען פון די דירעקטע באַטייליגטע אינ׳ם קאַמף. דאָס אידישע לעבען איז געוואָרען מעהר דעזאָרגאַניזירט, מעהר צוטרייסעלט און א סך מעהר רואינירט, ווי דאָס איז געווען ביי די הערשער־פעלקער. די אידען זיינען געאָגראַפיש קאָנצענטרירט אויף די שליאַכען פון די פעלקער־מלחמות און אין די העכסטע סאָציאַלע און פּאָליטישע אָרגאַנען — אין די שטעדט; די אידען פאַרנעמען די צווישען־קלאַסענדיגע שפּאַלטען און פאַרמיטלען צווישען פעלקער און קלאַסען; זיי זיינען געווען מעהר אָביעקט, ווי סוביעקט אין די שטורמיש־בלוטיגע געשעהענישען — און צוליב דעם אַלעם האָבען זיי געמוזט ברענגען מעהר פיזישע און סאָציאַלע קרבנות, ווי אַלע ארומיגע פעלקער. און צוליב די אייגענע סבות האָט זיך געמוזט באַקומען, אַז די אידען זאָלען האָבען די קלענסטע געווינסען פון דעם פעלקער־ און קלאַסען־קאַמף, אַז די אידען זאָלען באַ־קומען די שווערסטע נאָכוויהעניש און די טרויעריגסטע ירושות, אַז די אידען זאָל אָנקומען שווערער ווי אַלע דאָס קומען צו זיך נאָכ׳ן שטורם און דאָס צופּאַסען זיך צו די ניי־געשאַפענע, פּאָליטישע און סאָציאַלע באַדינגונגען. וואָס מעהר קרבנות און וואָס ווייניגער געווינסען — אָט דאָס איז געווען דער גורל פון די מזרח־אידען.

פאַרשטעהט זיך, אַז ס׳זיינען פאַראַן געוויסע חילוקים צווישען דער לאַגע פון די אידען אין די פאַרשידענע אויבען־אויסגערעכענטע לענדער — די געגעבענע אָבער כאַראַקטעריסטיק פון דער אַלגעמיינער לאַגע פּאַסט פאר אַלע. מיר קערען זיך אום צו פּוילען.

מען דאַרף אונטערשיידען אינ׳ם קריזיס,וואָס די אידען לעבען איבער אין פּוילען, צווייערליי סבות: 1) אַזעלכע, וואָס שטאַמען פון דער געענדערטער פּאָליטישער לאַגע, פון דעם, וואָס ס׳איז געבילדעט געוואָרען א נייע מלוכה, וועלכע איז צוזאמענגעשטעלט פון דריי טיילען, וואָס האָבען פריהער געהערט צו דריי גרויסע מלוכות; 2) אַזעלכע, וואָס ליגען אינ׳ם כאַראַקטער פון דער פּאָליטישער אָרדנונג און אינ׳ם אַנטיסעמיטיזם פון דער געזעלשאַפט און פון דער רעגירונג.

פּוילען איז צונויפגעשטעלט פון דריי טיילען: פונ׳ם געוועזענעם רוסישען, עסטרייכישען און דייטשישען. אַלע דריי טיילען זיינען געווען עקאָנאָמיש אָרגאַניש שטאַרק צונויפגעוואַקסען מיט די גרויסע מלוכות, צו וועלכע זיי האָבען געהערט. רוסיש־פּוילען האָט געהאַט אַן אַנטוויקעלטע מאַנופאַקטור־ און גאַלאַנטעריי־אינדוסט־

ריע, וואָס פלעגט אין א גרויסער מאָס פאַרקויפען איהרע אויסגעאַרבייטע סחורות קיין רוסלאַנד און אין די ווייטע אזיאַטישע מלוכות, צו וועלכע מען קאָן צוקומען דורך רוסלאַנד, ווי פערסיע, בוכארא וכדומה. רוסיש-פּוילען פלעגט, למשל, פאַר דער מלחמה ארויספיהרען קיין רוסלאַנד פאַר צוויי הונדערט מיליאָן גאָלד-רובעלס נאָר מאַנופאַק-טור אַליין און אין יאָהר 1924 האָט דער גאַנצער עקספּאָרט פון פּוילישער טעקסטיל-אינדוסטריע באַטראָפען סך-הכל קרוב צו 55 מיליאָן גאָלד-רובעל, אומגעפער א פערטעל פון'ם פאַר-מלחמה'דיגען רוסישען פדיון אַליין. ביי רוסלאַנד האָט פּוילען געהאַט פדיון אין גאַנצען יאָהר 1924 פאַר אַזעלכע דריי מיליאָן גאָלד-רובעל און אין לעצטען יאָהר, ווען די באַציהונגען האָבען זיך שוין א ביסעל פאַרבעסערט, האָט דאָך פּוילען געלייזט ביי רוסלאַנד סך-הכל 12 מיליאָן רובעל, פון וועלכע בערך די העלפט פאַלט אויף מאַנופאַקטור — מאַכט אַלזאָ אויס דער פדיון פאַר פּוילישער מאַנופאַקטור אין רוסלאַנד אין יאָהר 1925 פערצעהן מאָל ווייניגער, ווי פאַר דער מלחמה.

די טיילען, וואָס זיינען געווען באַהעפט צו דייטשלאַנד, זיינען רייך מיט ברויט, קוילען און אייזען — און די דאָזיגע אַלע פּראָדוקטען האָבען געהאַט פאַר זיך דעם פעטען און רייכען פאַר-מלחמה'דיגען דייטשישען מאַרק; גאַליציע האָט געהאַט פאַר איהרע אַגראַר-פּראָדוקטען די גרויסע עסטרייכישע מלוכה. פון די דאָזיגע אַלע טיילען האָט זיך געבילדעט די איצטיגע פּוילישע מלוכה, א רייכע מיט פעלדער און וועלדער, מיט נאַפט, קוילען און אייזען, אָבער מיט אָרימע אין קאַפּיטאַלען, מיט אָפּגענוצטע און פאַראַלטעטע מאַשינען און אינסטרומענטען, מיט א שלעכטען מלוכה-אַפּאַראַט, אָהן קרעדיט אין דער וועלט, מיט א חרוב'ען רוסלאַנד פון איין זייט און מיט א רואינירטען דייטשלאַנד פון דער צווייטער זייט, שכנים, וועלכע סטאַרען זיך דערצו נאָך, צוליב פּאָליטישע מאָטיווען, וואָס ווייניגער קויפען ביי פּוילען, מיט א בודזשעט, וואָס געהט אוועק אויף א גאַנצער העלפט אויף אויסצוהאַלטען מיליטער, מיט א יונגען שאָוויניסטישען בעאַמטענטום, וואָס שטיצט זיך איינצייטיג אויף די געגענזייטליכסטע קלאַסען-אינטערעסען — הכלל א רייך אין נאַטור לאַנד, נאָר אָן אָרימס אין עקאָנאָמישער און פּאָליטישער קולטור. דאָס אָרגאַנישע צונויפוואַקסען פון די דאָזיגע דריי פאַרפרעמדעטע און אָפּגעשניטענע פון אַנדערע קערפּערס אברים; דאָס צופּאַסען זיך צום רוסישען און דייטשישען מאַרק, ווי צו אויסלענדישע; דאָס אויפשטעלען פון א געוויסען גלייכגעוויכט צווישען די קלאַסען און צווישען די פעלקער, וואָס באַוואוינען דאָס איצטיגע פּוילען; די אויסקריסטאַליזירונג פון פּאָ-ליטישע פּאַרטייען, וואָס זאָלען זיין פעהיג ניט נאָר האַלטען שאָוויניסטישע דרשות און טאַפּען דעם נאַציאָנאַלען דופק ביי דער באַפעלקערונג, נאָר אויך אָנפיהרען מיט'ן לאַנד און עס אָרגאַניזירען; דאָס באַנייען פון דעם אינדוסטריע-אַפּאַראַט און מלוכה-אַפּאַראַט — דאָס אַלץ איז א קרענקליכער און שמערצליכער פּראָצעס, וואָס וועט דויערען צעהנדליגע יאָהרען און וועט איינשלינגען א סך, גאָר א סך קרבנות. און די אידען, אַלס שטאָדטישע איינוואוינער, אַלס פאַרנומענע אין די פּראָפעסיעס, וואָס הענגען דער עיקר אָפּ פון מאַרק, וואָס זיינען באַזונדערס פיהלבאַר צו יעדער ענדערונג און אומרוהיגער שטימונג — די אידען מוזען זיך ריכטען אויף גרויסע קרבנות אין פּוילען. א געוויסער טייל פּוילישע אידען וועלען מוזען עמיגרירען, וועלען מוזען פאַרלאָזען דאָס לאַנד און זוכען ערגעץ-וואו א מקום מנוחה — און דער גורל פון די איבערגעבליבענע איז אין א גאַנץ גרויסער מאָס אָפּהענגיג פון דעם, ווי שנעל און אין

וואָס פאר א מאַסשטאַב די עמיגראַציע וועט אָנהויבען אויפשטעלען דעם גלייכגעוויכט צווישען דעם פארשמעלערטען סאָציאַלען פּלאַץ פאר אידישע פּרנסות און צווישען די פאראַנענע פּרעטענדענטען אויף אַזעלכע פּרנסות. ס'איז לעבערליך צו טרעפען, וואָס פאר א פּראָצענט פּוילישע אידען מוזען עמיגרירען פון דאָרטען — מיר זיינען נאָך ניט דערגאַנגען אין דער סאָציאַלער וויסענשאַפט צו דער מדרגה פון אָפּוועגען אָדער אָפּמעסטען ערשיינונגען; מען קען שאַצען בערך און אָנגעבען, אַז די צאָהלען זיינען גאַנץ גרויסע, גרייכען געוויס ביז עטליכע הונדערט טויזענט און די זאַך הענגט אָפּ אין א גרויסער מאָס פון דעם, ווי שנעל פּוילען בכלל וועט זיך איינגעבען צו פארענטפערען די אויבען־אויסגערעכענטע שווערע פּראָבלעמען.

חוץ די אָנגעצייכענטע, אזוי צו זאָגען, געשיכטליכע סבות, זיינען אָבער פאראַן גענוג אַנדערע אורזאַכען, וואָס רואינירען דאָס אידישע לעבען און מאַכען עס חרוב. די איצטיגע פּוילישע רעגירונג פיהרט אָפען א פּאָליטיק פון רואינירען די שטאָדט, פון מאַכען לעבען דאָס דאָרף אויפ'ן חשבון פון שטאָדט, פון פארשמעלערען דעם ווערט און די באַדייטונג פון אינדוסטריע און מסחר און פארוואַנדלען פּוילען אין א ריין אגראַר לאַנד. דער מיניסטער גראַבּסקי האָט עס גאַנץ אָפען געזאָגט א דעפּוטאַציע פון ביאַליסטאָקער פאבריקאַנטען, ווען ער האָט דערקלערט, אַז פאר פּוילען איז גענוג א דריטעל פאבריקאַנטען און די איבעריגע צוויי דריטעל מעגען אונטערגעהן. זעצט מען איבער די דאָזיגע עקאָנאָמישע ווערטער אויף פּאָליטישען לשון, הייסט עס: וואָס מעהר פאבריקען אין פּוילען, אַלץ מעהר אָפּהענגיגקייט פון רוסישען מאַרק; מיר ווילען ניט די גליקען פון פדיון אין רוסלאַנד און ווילען ניט זיין אָפּהענגיג פון'ם דאָזיגען אַלטען שונא פון פּוילען.

און מען פיהרט דורך א קלאָרע פּאָליטיק — די שטאָדט צאָהלט דריי מאָל אזוי פיל שטייערען, ווי דאָס דאָרף; אין שטאָדט פארקויפט מען דאָס לעצטע קישעלע ביים סוחר אָדער פאבריקאַנט, וואָס קען ניט צאָהלען צו דער צייט, און אין דאָרף מאַכט מען גרינגער דאָס אויסצאָהלען.

צו דער דאָזיגער אַלגעמיינער עקאָנאָמישער פּאָליטיק פון דער רעגירונג קומט אָבער צו א הוספה, וואָס איז שוין ספּעציעל פאר אידען — אויף וויפיל האַנדעל און פאבריקאַציע זיינען נויטיג פאר'ן אינוועניגסטען געברויך און פאר'ן פארקלענערטען עקספּאָרט, מוזען זיי זיין אין ריין־פּוילישע הענט; און דאָ הויבט זיך שוין אָן א סדרה פון ספּעציעלע רדיפות אויפ'ן אידישען סוחר און אויפ'ן אידישען פאבריקאַנט. די שטייער־קאָמיסיעס אין די שטעדט ווייסען זעהר גוט די נאַציאָנאַליטעט פון יעדען שטייער־צאָהלער, און דאָ געהט אַזאַ אומפארשעמטע אָפענע רויבעריי פון אידישע שטייער־צאָהלער, וואָס איז נאָך אין דער וועלט ניט געהערט געוואָרען. און איבער די גאַסען פון די אידישע קוואַרטאַלען אין די פּוילישע שטעדט פאָהרען ארום צוויי עגלות: די עגלה פון אידישען בית־עולם, וואָס נעמט צו די זעלבסטמערדער, און די עגלה פון שטייער־אַמט, וואָס נעמט צו דאָס לעצטע ביסעל האָב און גוטס פון די אידישע הייזער.

די פּוילישע רעגירונג מאָנט אָבער ניט נאָר שטייערען, נאָר זי מאָנאָפּאָליזירט אויך גאַנצע צווייגען פון אינדוסטריע, און דאָ ווייזט זי ערשט ארויס איהר אמת'ן פּנים — טויזענטער אידישע פאַמיליעס ווערען פּשוט ארויסגעוואָרפען אויפ'ן גאַס אויף הפקר. צוריק מיט עטליכע חדשים האָט די פּוילישע רעגירונג מאָנאָפּאָליזירט

דעם טאַבאַק־האַנדעל און איבערגענומען אַלע טאַבאַק־פאַבריקען. גראָד די טאַבאַק־פּראָדוקציע האָט געהאַט אין פּוילען גאָר אַ גרויסען פּראָצענט אידישע אַרבייטער — אין איינִיגע גאָר גרויסע פאַבריקען ביז 80 פּראָצענט אידישע אַרבייטער. און די רעגירונג האָט אָנגעהויבען קירצען — און מעהר פון צוויי טויזענט אַרבייטער, כמעט אויסשליסליך אידישע, זיינען אַרויסגעוואָרפען פון די פאַבריקען, וואו זיי האָבען געאַרבייט צעהנדליגע יאָהרען, וואוהין זיי זיינען אָנגעקומען נאָך קינדער, וועלכע זיי האָבען אָפּגעגעבען זייערע בעסטע יאָהרען און זייער גאַנצען געזונט. אין נאָוועמבער פון פאָריגען יאהר האָט די רעגירונג ווידער פאָרגענומען א קירצונג און פון 700 אָפּגעזאָגטע אַרבייטער זיינען גאַנצע 600 אידישע.

אָט ווי ס'באַשרייבט די „פאָלקס־צייטונג" די לאַגע און די שטימונגען צווישען די גראָדנער אידישע טאַבאַק־אַרבייטער:

„עס זיינען ביים טויער געשטאַנען דריי דורות אידישע טאַבאַק־אַרבייטער — זיידעס, טאַטעס און אייניקלאַך. זיי האָבען די פאַבריק געבויט, צעהנדליגע יאָהרען געפּראַצעוועט. איצט זיינען זיי אַרויסגעשמיסען געוואָרען אין גאַס.

דער 65 יאָהריגער שמעון ווערבלינסקי איז אויך געווען צווישען עולם. איינער פון די אַרבייטער האָט באַמערקט, אַז דער שמעון טראָגט זיך אָפּ פון עולם און הויבט זיך אויף אויף די טרעפּ פון פאַבריק. ער האָט איהם נאָכגעשפּירט. דער אַלטער איז אַרויף אויפ'ן בוידעם, אַרויסגעשלעפּט פון בוזעם אַ שטריק און אָנגעהויבען מאַכען אַ תליה פאַר זיך. ער האָט דעם שטריק אָנגעבונדען אין קלאָץ פון דאַך און זיך אָפּגעזעגענט מיט דער וועלט... — אָנשטאָט צו געהן אין די הייזער אויף דער עלטער... אויפ'ן בוידעם האָבען זיך אַרויפגעכאַפּט עטליכע אַרבייטער און באַוויזען איהם אַראָפּצונעמען נאָך אַ לעבעדיגען — מיט'ן שטריק אויפ'ן האַלז..."

און די פּוילישע רעגירונג האָט אויך מאָנאָפּאָליזירט די שוועבעלאַך־פאַבריקאַציע און דעם ספּירט־האַנדעל — און טויזענטער אידישע פאַמיליעס געהען אַרום מיט'ן שטריק אויפ'ן האַלז...

און דער עקאָנאָמישער קריזיס וואַקסט און וואַקסט.

פון אַן אַנקעטע, וואָס איז דורכגעפיהרט געוואָרען אין אָנהויב יאָהר 1925 אין וואַרשאָ, האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז פון 400 וואַרשטאַטען פון דער לעדער־בראַנזשע זיינען 45 פּראָצענט געשלאָסען, מחמת זיי האָבען קיין אַרבייט ניט; אין 200 שאַכטעל־פאַבריקען, וואָס זיינען אונטערזוכט געוואָרען, איז די פּראָדוקציע געפאַלען אויף 80 פּראָצענט אין פאַרגלייך מיט'ן פאַרגאַנגענעם יאָהר; דאָס זעלבע האָט זיך אַרויסגעוויזען ביי די קאַמאַשען־מאַכער; ביי די מעכאַנישע שוסטער האָט זיך אַרויסגעוויזען אין די 300 באַזוכטע וואַרשטאַטען, אַז אַלע ליידען אַ קיילאַכיג יאָהר פון אַרבייטסלאָזיגקייט; אין די אונטערזוכטע 100 דרוקערייען איז די פּראָדוקציע געפאַלען אויף 25 פּראַצענט; פון 43 וואַרשטאַטען פון גאָלדשמידעריי זיינען אַ דריטעל אינגאַנצען געשלאָסען, מחמת ס'איז ניטאָ קיין אַרבייט און ס'לוינט ניט צאָהלען פאַר אַ פאַטענט.

דאָס זיינען אַלץ בראַנזשעס, אין וועלכע די אידישע אַרבייטער מאַכען אויס אָדער אַלע 100 פּראָצענט אָדער 95 פּראָצענט — און מען קען זיך שוין פאָרשטעלען, וואָס פאַר אַן אַרבייטסלאָזיגקייט ס'הערשט. ביי די שניידער, למשל, דערגרייכט די אַרבייטסלאָזיגקייט ביז 80 פּראָצענט; און די, וואָס אַרבייטען, זיינען באַשעפטיגט

נאָר אַ האַלבע וואָך. און מיר קערען זיך אום צו די גאָר אַלטע צייטען, ווען קיין ווארשטאַטען מיט 10—8 ארבייטער זיינען נאָך ניט געווען, און דער מייסטער פלעגט ארבייטען אַליין אָדער מיט אַ לערן־אינגעל און, פארשטעהט זיך, אַז מען ארבייט 16 שעה און 18 שעה אין מעת־לעת און מען פארקויפט זיך אָון די גאַנצע פאַמיליע פאַר אַ טרוקען שטיקעל ברויט. אַ גרויסע צאָהל ארבייטער, ארומגעהענדיג יאָהרען אָהן ארבייט, ווערען „זעלבסטשטענדיגע" מייסטער, ד. ה. ארבייטען ביי זיך צוויי מאָל אַזוי פיל צייט פאַר אַ קלענערען פּרייז, ווי זיי האָבען געארבייט ביי זייערע בעלי־בתים. און די וואקסענדיגע צאָהל „כאַלופּניקעס", ווי זיי הייסען אין פּוילען, אָדער „קוסטאַרען", ווי מען רופט זיי אין רוסלאַנד, מאַכען אַזאַ קאָנקורענץ די נאָך געבליבענע ארבייטער, אַז די בעלי־בתים רייסען ארונטער די פּרייזען, וויפיל זיי ווילען נאָר, און פארלענגערען די ארבייטס־צייט, וויפיל זייער הארץ גלוסט נאָר.

און אויב אין אָנהויב קריזיס האָבען די צייטונגען געמאָלדען מעהרסטענטיילס וועגען זעלבסטמאָרדען צווישען די העכערע קלאַסען — דירעקטאָרען פון בענק אָדער גרויסע סוחרים, וועלכע האָבען זיך פארפּלאָנטערט אין גרויסע געשעפטען און האָבען זיך ניט געקענט ארויספּלאָנטען צוליב'ן מאַנגעל אין מ ז ו מ ן ג ע ל ט, האָבען זיי שפּעטער אָנגעהויבען רעגיסטרירען אַלץ מעהר זעלבסטמערדער צווישען די מיטעלע קלאַסען, וועלכע האָבען פארלאָרען זייער פארמעגען און זיינען פלוצים געבליבען מיט דינסטען אין שטוב און מיט משרתים אין געשעפט, נאָר אָהן ברויט פאַר די קינדער און אָהן געלט פאַר'ן שטייער־אַמט, און אין די גאָר לעצטע וואָכען געהט שוין אַ סדרה זעלבסטמאָרדען צווישען ארבייטסלאָזע, צווישען די דאָזיגע קנעכט פון דער קאַפּיטאַ־ליסטישער געזעלשאַפט, וואָס פארמאָגען נאָר די פּאָר הענט און ווען ס'איז ניטאָ קיין קונה אויף די דאָזיגע הענט, מוז מען מאַכען אַ סוף צום לעבען.

און כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם פּוילישען באַאַמטענטום איז דאָס, וואָס די שטייער־עגלה, וואָס נעמט צונויף די אידישע קישעלאָך, ארבייט ענערגישער און ווילדער וואָס מעהר די בית־עולם־עגלה האָט זעלבסטמערדער אוועקצופיהרען — אַ קשיא אויף אידען, זיי זיינען דאָך פעהיג פון שנאה צו דער פּוילישער מלוכה בערד־אויף יענער וועלט זיך אָפּטראָגען, אבי קיין שטייער ניט צאָהלען...

די אויבען כאַראַקטעריזירטע עקאָנאָמישע פּאָליטיק פון קלעמען די שטאָדט און שאַנעווען דאָס דאָרף ווערט גלייך דורכגעפיהרט אין אַלע איבעריגע מזרח־לענדער, וואו ס'וואוינען געדיכטע אידישע מאַסען און גראָדע דער עיקר אין די שטעדט. די דערמאָנטע אָבער אַנטיסעמיטישע הוספה נעמט אין ערגעץ ניט אָן אַזאַ אויסגעשפּראָ־כענע און שאַרפע פאָרם, ווי אין פּוילען. דאָס דערקלערט זיך דערמיט, וואָס אין פּוילען איז דאָ אַ סך אַ גרעסערע און שטאַרקערע נאַציאָנאַלע בורזשואזיע, וואָס קאָנ־קורירט מיט'ן אידען און אויך אַ סך אַ שטאַרקערע און גרעסערע נאַציאָנאַלע פּראָפעס־סיאָנאַלע אינטעליגענץ — די דאָזיגע שוין שטאַרק אויסגעוואַקסענע פּוילישע שטאָד־טישע קלאַסען גיבען צו דעם קאַמף פאַר דעם שטאַרק פארשמעלערטען פּרנסה־קוואַל אין שטאָדט אַ באַזונדער שאַרפען כאַראַקטער. און אַזוי ווי דאָס באַאַמטענטום שטאַמט אין זיין גרעסטער מאָס פון די דאָזיגע צוויי שטאָדטישע פּוילישע קלאַסען, פיהרט עס דורך סיסטעמאַטיש און אכזריות'דיג די אַנטיסעמיטישע פּאָליטיק פון ארויסשטויסען דעם אידען פון די שוואַכע פּאָזיציעס, אויף וועלכע ער האַלט זיך נאָך.

אין אַלע נייַ־אויפגעקומענע מלוכות פיהלט זיך אַ שטאַרקער דראַנג פון פּויערשע

עלעמענטען צו שטאָדטישע פרנסות, באזונדערס צו פּראָפעסיאָנאַלער אינטעליגענץ און צו באַאַמטענטום — און אויך אין ליטע און לעטלאַנד נעמט שוין אָן דער קאַמף פאר אַן אָרט אין שטאָדט שאַרפערע פאָרמען, און דער אַנטיסעמיטיזם האלט אין איין וואַקסען. בכלל באַשטעהט דאָס באַאַמטענטום אין די דאָזיגע אַלע דריי לענדער — פּוילען, ליטע און לעטלאַנד — אויסשליסליך פון נאַציאָנאַלע עלעמענטען, און חוץ דעם, וואָס דאָס אַליין איז אַ גרויסער קוואַל פון פרנסה, האַלט דאָס באַאַמטענטום פּאַקטיש דאָך די מאַכט אין די הענט. אין לעטלאַנד זיינען, למשל, צווישען 22 טויזענט באַאַמטע פאַראַן סך-הכל דריי אידען — און אין פּוילען און אין ליטע איז נעוויס ניט בעסער. און דאָס דאָזיגע באַאַמטענטום ספּעציאַליזירט זיך שטאַרק אויף צו פאַר'סמ'ען אידען דאָס לעבען ביי יעדער געלעגענהייט. מיר האַלטען דעריבער, אַז דער קאַמף פאַר אָנגענומען ווערען אויף מלוכה-שטעלעס דאַרף פאַרנעמען אַ בכבוד'יג אָרט אינ'ם קאַמף פון די אידען פון די דאָזיגע לענדער פאַר גלייכבארעכ-טיגונג. די מלוכה-שטעלע דאַרף מען ניט אָפּשאַצען נאָר לויט איהר הכנסה, נאָר אויך לויט דעם גרויסען ווערט, וואָס זי האָט אינ'ם קאַמף פאַר דער עקזיסטענץ בכלל, ווייל דאָס באַאַמטענטום שפּילט אין די דאָזיגע ניי-אויפגעקומענע מלוכות גאָר אַ באַזונדערס וויכטיגע ראָלע.

ביי אַזאַ מין עקאָנאָמישער פאַרצווייפלונגס-לאַגע איז שוין גאַנץ נאַטירליך, אַז די אידישע פּאָליטיק אין פּוילען זאָל אויך טראָגען אַ יאוש-כאַראַקטער. און מיר באַטראַכטען טאַקע אי דאָס קריכען אויף אַלע פיר פון דער „קאָלאָ", די אַזוי טרויעריג באַריהמט געוואָרענע „פאַרשטענדיגונגען", אי דעם שאָס פון באַטווינניק'ן אין לעמבערג אַלס יאוש-אַקטען, אַלס רעזולטאַט פון דער דערשלאָגענקייט און דער געפאַלענקייט, וועלכע הערשען אין פּוילישען אידענטום. און נאָך אַ באַווייז, אַז די דערשלאָגענקייט האָט דערגרייכט איהר העכסטע מדרגה — מען הערט כמעט ניט אין פּוילישען אידענ-טום קיין אַנדערע שטימען, וואָס זאָלען קלינגען מיט מוט, וואָס זאָלען רופען צו קאַמף, צו סיסטעמאַטישען און רעוואָלוציאָנערען קאַמף געגען דער ווילדער אַנטי-סעמיטישער כוואַליע, וואָס די רעגירונג פיהרט מיט איהר אָן און וואָס דראָהט צו רואינירען ביז'ן גרונט אַלע קלאַסען פון פּוילישען אידענטום.

מען מוז דאָך מודה זיין, אַז די שטים פון „בונד" קלינגט איצט אין פּוילען גאַנץ שוואַך און האָט אַ קליינעם אָפּקלאַנג אין אידישען לעבען — דער אידישער אַרבייטער קלאַס איז אין צאָהל קלענער געוואָרען און נאָך מעהר איז ער אָפּגעשוואַכט קוואַלי-טאַטיוו, ווייל ער איז צוזאַמגעפאַלען און צוברעקעלט איבער אַזעלכע קליינינקע וואַר-שטאַטלאַך, ווי דאָס איז געוועזען צוריק מיט אַ האַלבען יאָהרהונדערט; און דאָס אידישע קליינבירגערטום, וואָס פאַרפּלייצט די אידישע גאַס, איז געוועזען ראַדיקאַל נאָר ביז ס'איז געלעגען אונטער דער בייטש פונ'ם צאַרישען רעזשים, אָבער ביי אַ כלומר-שטען פרייען פּאָליטישען רעזשים האָט זיין פּאָליטישע נשמה באַקומען איהר קליינ-בירגערליכען תיקון און האָט גענומען דינען איהרע אמת'ע יאוש-געטער: ציוניזם און „אוגאַנדאַ", אַנטלויפען און אויסבעטלען רחמים ביי די הערשער, ווייט-פאַר-כמאַרעטע אילוזיעס און נדבות אויפ'ן אָרט, אַ שעהנער שטאָלצער חלום אין דער ווייטער צוקונפט און דערווייל זיך בויגען אין דרייען און קושען די האַנט פאַר אַ שמייכעל און אַ נדבה פון פריץ.

ווי שטאַרק ס'איז ניט פאַרכמאַרעט דער פּויליש-אידישער הימעל, מוזען מיר

דאָך אָנוויייזען אויף אַ פּאָר שטערען אויפ'ן דאָזיגען שוואַרצען הימעל — שטערען, אמת, זעהר בלאַסע און קוים באַמערקבאַרע, אַבער דאָך אַ ליכטיגער שטראַהל.

די אידישע קרעדיט־קאָאָפּעראַציע אַנטוויקעלט זיך, לאַנגזאַם, מיט גרויסע מאַטער־נישען, אָבער דאָך געהט זי פאָרווערטס. זי פאַרמאָגט איצטער מעהר פון 50 טויזענט מיטגלידער; מיט די פאַמיליעס־גלידער קען מען רעכענען, אַז די צאָהל נפשות, וואָס האָבען אַ שייכות צו דער קאָאָפּעראַציע, דערגרייכט העכער 200 טויזענט. צווישען די מיטגלידער מאַכען אויס: די קרעמער — 45 פּראָצענט, די בעלי־מלאכות — 38 פּראָצענט און די איבעריגע — פאַרשידענע. דער פאַר־קאַפּיטאַל באַטרעפט ביי 800 טויזענט זלאָטעס, אָדער קרוב צו 150 טויזענט דאָלער; די איינלאַגען און די לויפענדיגע רעכענונגען באַטרעפען ביז 300 טויזענט דאָלער; די דורכשניטס־הלואה, וואָס איין מיטגליד האָט באַקומען, באַטרעפט בערך 20 דאָלער.

מיר ווילען דאָ פאַרצייכענען נאָך איין פּאָזיטיווע ערשיינונג — דעם צוזאַמענ־פאָהר פון די פּויליש־אידישע האַנדווערקער. ביי טויזענט דעלעגאַטען, וועלכע שטעלען פאָר 500 אָרגאַניזאַציעס און ביז 100 טויזענט מיטגלידער, זיינען זיך צונויפגעפאָהרען און האָבען באַהאַנדעלט זייערע נויטען און באַדערפעֿנישען. דער צוזאַמענפאָהר האָט ניט אַרויסגעוויזען קיין גרויסען פּאָליטישען מוט אָדער אַ פאַרשטאַנד פאַר ברייטערע עקאָנאָמישע פאָדערונגען — ער האָט זיך קאָנצענטרירט אויף די רעאַלע פּראָפעסיאָ־נעלע נויטען. אָבער אין דעם פּרט האָט ער אַרויסגעוויזען אַ גענוג גוטע באַקאַנטשאַפט מיט דער לאַגע פון אידישען בעל־מלאכה, און אפשר וועט זיך דער ניי־געשאַפענער אָרגאַניזאַציע איינגעבען עפּעס אויפטאָן אויף צו פאַרגרינגערען די קרעדיט־נויט און אויף אויפצוהויבען די קוואַליטעט פון דער אַרבייט.

מיר האָבען ניט גערעדט וועגען דער אידישער אַרבייטער באַוועגונג און ניט וועגען דער קולטורעלער טעטיגקייט ביי די פּוילישע אידען, ווייל אויף די דאָזיגע טעמעס וועלען זיין ספּעציעלע אַרטיקלען; מיר האָבען אָבער אפילו אָהן די דאָזיגע צוויי צווייגען ניט אַרויסגעשעפּט אַלע פראַגען — אָט האָבען נאָך גאָר ניט געזאָגט וועגען די שמד־קונצען, וואָס די פּוילישע רעגירונג באַנוצט, כדי ניט דערלאָזען אידען צו העכערער בילדונג און מאַכט דערביי אַ פּנים פאַר דער וועלט, אַז זי איז גאָט די נשמה שולדיג; מיר האָבען ניט אָנגעריהרט די חלוצים־באַוועגונג אין פּוילען, וואָס נעמט אַרום אַ יוגענד פון מעהר פון צעהן טויזענט מענשען און מוז באַוואונדערט ווערען, ווי איינע פון אונזערע טיפסטע און באַגייסטערטסטע אָנשטרענגונגען איבער־צוגעהן צו אַרבייט און דער עיקר צו ערד־אַרבייט; מיר האָבען דורכגעלאָזט נאָך אַ סך וויכטיגע פראַגען, אָבער מיר מוזען איבערגעהן צום רוסישען אידענטום.

געהט מען איבער פון פּוילען צו רוסלאַנד, אָטעמט מען פריי אָפּ. ניט ווייל אין רוסלאַנד לעבט זיך אידען שוין אַזוי גוט, נאָר ווייל דאָרטען פעהלט די אַנטי־סעמיטישע אַטמאָספערע, אין וועלכער מען ווערט אין פּוילען ממש דערשטיקט. אין רוסלאַנד פיהלט זיך ניט דער איד פאַר קיין אויסנאַם, פאַר וועלכען מען האַלט אין איין צוטראַכטען דערנער און שפּילקעס; פאַרקערט, ער פיהלט, אַז פאַר דער רעגירונג איז ער אַ גלייכבאַרעכטיגטער בירגער, און אויב זיין לעבענס־וועג איז פאַרזייט מיט מעהר דערנער, ווי ביי דער אַרומיגער באַפעלקערונג, איז דאָס אַ רעזולטאַט פון אַן אַלגעמיינע סיסטעם און ניט פון אַ ספּעציעל געשאַפענער צוליב אידען און נאָר פאַר אידען. די אויסנאַם־לאַגע — דער באַליידיגענדסטער מאָמענט אינ'ם אַנטי־

סעמיטיזם — פעהלט אין רוסלאנד אינגאנצען, ווען אין פוילען פיהלט מען איהם אויף יעדען טריט און שריט, אומעטום, אין אלע רעגירונגס-אינסטיטוציעס, אויפ'ן גאס, אין טעאטער און אין קאפע, אין טראמוויי און אין באהן, אפילו אין סיים און אין סענאט.

ס'איז דא נאך א פסיכאלאגישער מאמענט, וואס שפילט ניט קיין קליינע ראלע: ס'איז א חילוק, ווען דו זעהסט, אז א רעגירונג איז פארכאפט פון א הויכער אידעע, זאל זיין פון אן אוטאפישער, פון א שעדליכער אין געגעבענעם מאמענט, וועלכע ווערט דורכגעפיהרט מיט פארברעכערישע מיטלען, אבער פארט א גרויסע אלגע־מיינע אידעע, און ווען דו פיהלסט, אז פון שיפענדיגער שנאה צום אידען איז א רעגירונג גרייט דאס אייגענע לאנד חרוב צו מאכען, אבי זיך אנזעטיגען מיט נקמה-האס.

און דערמיט איז שוין געזאגט אין א גרויסער מאס דאס, וואס מען קען זאגען וועגען דער פאליטישער לאגע פון די אידען אין רוסלאנד — זיי זיינע אבסאלוט גלייכ־בארעכטיגט סאי צו גוטען און סאי צו שלעכטען. אידען בעאמטע האבען מיר שוין אפשר צופיל אין רוסלאנד; אידען אויף אנפיהרענדיגע מלוכה-שטעלעס אויך איבער גענוג. נאר מען מוז מודה זיין, אז אין זינען פון נאציאנאלער גלייכבארעכ־טיגונג, פון געבען די אידישע מאסען אמת'ע פאקטישע מעגליכקייטען זיך פיהלען גלייך אין אלע פרטים, איז פאר'ן לעצטען יאהר פיל אויפגעטאן געווארען. אידישע ראטען אין די ערטער מיט א אידישער מעהרהייט; אידישע געריכטען אין א סך שטעדט; אידישע שולען, וואס נעמען שוין ארום ביז 25 פראצענט פון אלע אידישע שול-קינדער; אידישע פראפעסיאנעלע שולען און ביבליאטעקען; אידישע טעלע־גראמעס און אידישע אדרעסען און א סך אנדערע רעכט פאר דער שפראך פון די אידישע מאסען — דאס אלץ האט א קאלאסאלען פאליטישען ווערט, דאס אלץ ער־ציהט גאר א נייעם אידישען דור, וואס הויבט אן זיך פיהלען באמת גלייך מיט אלע ארומיגע, גלייכווערט און גלייכבארעכטיגט, גלייך ניט נאר בירגערליך, נאר אויך נאציאנאל; גלייך ניט נאר אויף פאפיר, נאר טאקע אין לעבען.

אמת, דאס אלץ ווערט נאכגעטאן — ס'געהט אן אן אוקראיניזאציע, ווייס־רוסיזאציע, מאלדאוויזאציע, מוז מען אויך פיהרען א אידישיזאציע; וואלט דאס אלץ ארויסגערופען געווארען פון איננוועניגסטער אנטוויקלונג פון די אידישע מאסען גופא און געבוים אויף זעלבסט-טעטיגקייט פון די דאזיגע מאסען, וואלט דאס געגעבען א סך מעהר און א סך בעסערע פרוכטען. אבער פאקטען, אפילו געשאפענע דורך דעקרעטען, אפילו טיילוויז אנגעהאנגענע און אנגעווארפענע, האבען זייער אינוועניגסטע לאגיק און זייער אייגענעם ווערט—און פאקטען פון אמת'ער און פולער פאליטישער און נאציאנאלער גלייכבארעכטיגונג ווערען געוויס געשאפען אין א גרויסער צאהל. און דאס האט אויך א גרויסען ווערט און גאר א וויכטיגע באַ־דייטונג — ניט קיין איינצעלנע אפגעריסענע פאקטען, ניט קיין איינצעלנע ווינקלען פון אידישען לעבען ווערען גלייך געמאכט מיט דעם ארומיגען לעבען, נאר אלע זייטען ווערען ארומגענומען, אלע ווינקעלאך פון געזעלשאפטליכען לעבען ווערען ארומגע־כאפט. און ס'באקומט זיך א גאנצער בנין, א סטיל פון א אידישער אויטאנאמיע, א מוסטער פון נאציאנאלען פרייען אויסלעבען זיך אין א פרעמדער מעהרהייט. אמת, דער בנין איז נאך ווייט ניט אויסגעבויט; מען טראגט ערשט ציגל צו איהם, מען

זוכט ערשט וועגען און מעטאָדען, ווי בעסער דעם בנין אוועקשטעלען און דערביי קומט אָן יעדער טריט מיט גרויסע מאַטערנישען, מעהר פון אינוועניגסטער שוואַכקייט, ווי פון דרויסענדיגען ווידערשטאַנד, אָבער אין פּערספּעקטיוו זעהט זיך אַ גאַנצע זאַך פון אַ געוויסען נוסח.

אויך אין עקאָנאָמישען פּרט איז געוואָרען די לאַגע אַ סך גרינגער — די סאָוועטען־מאַכט האָט זיך אין לעצטען יאָהר אַבסאָלוט אָפּגעזאָגט פון קאַמף מיט דער אַנטוויקלונג פון פּריוואַטען קאַפּיטאַל; בכלל האָט די דאָזיגע מאַכט איבערגעטראָגען דעם שווערפונקט פון איהר *קאָמוניסטישער* טעטיגקייט אויפ'ן קולטורעלען און פּאָליטישען געביט און אין עקאָנאָמיק, פאַרקערט, האָט זי געלאָזט פריי זיך אַנטוויקלען אַלע כחות, אויך די פּריוואַטע כחות, אין דאָרף און אין שטאָדט, און האָט זיך געסטאַרעט יורידיש געבען די דאָזיגע פּריוואַטע כחות וואָס מעהר מעגליכקייטען פון פרייער אַנטוויקלונג. פאַרשטעהט זיך, אַז רוסלאַנד נויטיגט זיך אין פולשטענדיגער פּאָליטישער פרייהייט, כדי די אַנטוויקלונג פון לאַנד זאָל ווירקליך קענען אָננעמען די גרויסע מאָס, וואָס ס'איז נויטיג, אָבער מען מוז מודה זיין, אַז אין פאַרגלייך מיט'ן מיליטערישען קאָמוניזם פון יאָהר 1920 און מיט'ן קדחת־קאָמוניזם פון יאָהר 1924, זיינען די מעגליכקייטען פאַר פּריוואַטער איניציאַטיוו און פאַר פּריוואַטער אונטערנעמעריי קאָלאָסאַל אויסגעוואַקסען. און אין דעם שטעקט דער סוד פון דער פאַרהעלטניסמעסיגער צופרידענקייט פון דער באַפעלקערונג אין רוסלאַנד — נאָך דער פאַר'סמ'טער לופט, וואָס האָט געוואָרגען ביז דערשטיקט צו ווערען אין די פריהערדיגע יאָהרען, פאַרשאַפט דער איצטיגער *טראָפּען* פרישע פרייע לופט אַזאַ גרויסע פרייד, אַז מען איז צופרידען; וואָס מעהר אָבער מען וועט זיך געוואוינען צו דעם דאָזיגען טראָפּען, אַלץ מעהר וועלען וואַקסען די אַפּעטיטען און אויך די פאָדערונגען.

און דאָס זעלבע קען מען זאָגען וועגען דער עקאָנאָמישער לאַגע פון די אידישע מאַסען — נאָך דער פאַרצווייפלונגס־לאַגע פון יאָהר 1924, ווען מען איז ממש געפאַלען אין גאַס פון הונגער און נויט, ווען דער חורבן האָט געדראָהט מיט פיזישען אונטערגאַנג, איז אין יאָהר 1925 אַ סך גרינגער; אָבער אין תוך אריין איז נאָך איצט אויך די לאַגע פון די גאָר גרויסע מאַסען *זעהר ביטער און זעהר שווער.*

מען האָט אויפגעהערט צו רודפ'ן דעם מיטעלען און רייכען קרעמער און מען האָט פאַרבאָטען דער טשעקאַ צו מאַכען פאַר אַ קבצן יעדען רוסישען איינוואוינער, וואָס דערוועגט זיך וויזען פאַר לייטען אין אַ גוטען קאָסטיום; מען האָט ערלויבט די מלוכה־בענק און די מלוכה־פאַבריקען אויסלייהען געלט און פאַרקויפען סחורה אויף קרעדיט פּריוואַטע קרעמער; דעם קליינעם קרעמער האָט מען גאָר אָנגעהויבען באַטראַכטען, ווי אַן אָרימען מענשען, פאַר וועלכען מען דאַרף זאָרגען, און מען קלייבט זיך אפילו געבען דעם דאָזיגען קליינעם קרעמערל וואַהל־רעכט אין די סאָוועטען און איהם איבערפיהרען אין ראַנג פון האָראָפּאַשניק; דער בעל־מלאכה, וואָס האָט ביז דריי אַרבייטער, איז ניט נאָר געוואָרען אויס בורזשוי, נאָר איז געוואָרען אַ גרויסער מיוחס, ביי וועלכען מען טאָר ניט נעמען קיין גרויסע שטייערען, וועלכען מען דאַרף ניט שטעלען קיין הויכע פּרייזען פאַר ליכט און גאַז, פאַר מעדיצינישע הילף און פאַר שכר־למוד און וועלכער האָט רעכט אויסגעקליבען צו ווערען אין די פאַרוואַלטונגען פון די קאָאָפּעראַטיווע קאַסעס; דער קוסטאַרניק, דער בעל־מלאכה מיט לערן־אינגלאַך

און אָהן לוין-ארבייטער, איז בכלל אויסגעגליכען כמעט אין אַלע רעכט מיט'ן ארבייטער. אין דאָרף האָבען די קוסטאַרניקעס און די קליינע קרעמערלאך באַקומען נאָך גרעסערע פּריווילעגיעס און פאַרלייכטערונגען — דאָס אַליץ האָט טאַקע געמאַכט אַ סך גרינגער די לאַגע פון די אידישע מאַסען.

איצטער פאַרדינט נאָך אויך דער אידישער קוסטאַר אין רוסלאַנד פון 20 ביז 25 רובעל אַ חודש, ד. ה. פון 10 ביז 12 דאָלער, אָבער אין יאָהר 1924 פלעגט ער פון דעם דאָזיגען געלט אָראָפּגעבען מעהר פון אַ פערטעל אויף פאַרשידענע שטייערען, ווען איצט בלייבט עס אינגאַנצען כמעט פאַר אייגענע באַדערפנישען. און נאָך איין חילוק — אין יאָהר 1924 האָט דער אידישער קוסטאַר געהאַט ארבייט אין בעסטען פאַל אויף דריי טעג אין וואָך און איצטער — אויף פינף, אָדער אפילו אויף אַלע זעקס טעג. די ארבייטער האָבען אויך איצטער מעהר ארבייט ווי אין יאָהר 1924 און דער לוין האָט זיך אַ ביסעל געהויבען, נאָר פונדעסטוועגען האָבען נאָך איצט אויך די אידישע פאַכען, ווי שניידעריי און שוסטעריי, ניט ווענינגער פון 25 פּראָצענט ארבייטס-לאָזע. די אידישע יוגענד געהט נאָך איצט אויך ארום פּוסט און פּאַס, ווייל אין די פאַבריקען איז ניטאָ קיין פּלעצער, און די בעלי-מלאכות זאָגען זיך אָפּ אָנצונעמען לערן-אינגלאך. מען האָט פאַר'ן לעצטען יאָהר געמאַכט גאָר אַ סך פאַרלייכטערונגען די בעלי-מלאכות, אבי זיי זאָלען נעמען אינגלאך צום לערנען אַ מלאכה — מען האָט זיי באַפרייט פון צאָהלען פאַרזיכערונגס-געלט, מען האָט זיי ערלויבט צו שאַפען זיך מיט די לערן-אינגלאך אפילו אין שטוב ניט ביי דער ארבייט, מען האָט זיי באַפרייט פון יעטווידער אָפּצאָהל און ס'האָט דאָך ווענינ געהאָלפען, ווייל ס'איז נאָך געבליבען דאָס געזעץ, אַז דאָס לערן-אינגעל מוז באַקומען אַ באַשטימטען לוין. און אייניגע שטעדט האָבען זיך שוין אונטערגעגעבען אויך אין דעם פּרט און האָבען גאָר אָפּגעגעבען די לערן-אינגלאך אויפ'ן חסד פון בעל-הבית, אבי די יוגענד זאָל עפּעס האָבען וואָס צו טאָן און ניט אַרומדרעהען זיך ליידיג.

לאָמיר נעמען אַ פּאָר בילדער פון אידישען לעבען אין אוקראַינע פון דער סאַמע לעצטער צייט. „דער שטערן", נומער 139 פון 2טען אָקטאָבער, 1925, באַשרייבט אַזוי דאָס לעבען אין ראַקיטנאָ (בעלאָ-צערקאָווער קרייז):

„ראַקיטנאָ צעהלט איצט 1,900 אידישע נפשות. קיין פּראָדוקציע איז אין שטעדטעל ניט פאַראַן, אויב ניט רעכענען די צוויי דאַמף-מילען; דעריבער איז אַזוי קליין די צאָהל אידישע ארבייטער — ביי 50 פאַראיין-מיטגלידער, הויפּטזעכליך שניידער. אינ'ם צוקער-זאַוואָד, וואָס אין דער ארבייטס-צייט זיינען פאַרנומען טויזענט מענשען, איז קיין אידישע ארבייטער ניט פאַראַן. די קוסטאַר-געזעלשאַפט כאַפּט אַרום 79 מענשען, פאַראַן אויך אַזוי פיל קוסטאַרען ניט אָרגאַניזירטע. הענדלערס מיט פאַררעגיסטרירטע פּאַטענטען איז פאַראַן 157. דאָס שטעדטעל לעבט פון די יאַרידים, וואָס שטעלען זיך דאָ איין מאָל אין צוויי וואָכען, און פון די פּויערים".

„דער שטערן", נומער 137, פון 27טען אָקטאָבער, 1925, שרייבט:

„לויט די ידיעות פון אָדעס זיינען איצט דאָרטען פאַראַן איבער פינף טויזענט ארבייטסלאָזע יוגענד. די ארבייטסלאָזיגקייט צווישען דער יוגענד האַלט אין איין וואַקסען און מען רעכענט, אַז צום סוף יאָהר וועט דערגרייכען ביז 6,500".

„דער שטערן", נומער 138, פון 28טען און 29טען אָקטאָבער, 1925, באַשרייבט דאָס לעבען פון אַ טיפּיש שטעדטעל אין אָדעסער ראַיאָן:

„זאַכאַריעווקע איז אַ ראַיאָנישער צענטער פון אָדעסער קרייז. די אוקראַינער און מאָלדאַוואַנער באַשעפטיגען זיך מיט ערד־אַרבייט, און די אידישע באַפעלקערונג באַשטעהט דער גרעסטער טייל (65 פּראָצענט) פון הענדלער, 110 פאַמיליעס קוסטאַרען, 29 משפּחות ערד־אַרבייטער, 60 מיטגלידער פון פּראָפעסיאָנעלען פאַראיין צווישען זיי 30 ראַטען־אַנגעשטעלטע, די איבעריגע — דאָס שטעדטעלדיגע אָרימקייט. פון דער יוגענד זיינען פאַרנומען אויף אַרבייט איינגאַנצען אַ מענשען 50 (10 ביי די קוסטאַרען און 40 אויף סעזאָן־אַרבייט), אויסער נאָך אַ קליינער טייל (ביי 20 מאַן), וועלכע אַרבייטען ביי זייערע עלטערען קוסטאַרען. די איבעריגע יוגענד, סיי די קוסטאַרישע, סיי די נעפּישע, געהען אַרום פּוסט און פּאַס".

דער מחבר פון דער באַשרייבונג ענדיגט זיין קאָרעספּאָנדענץ אַזוי:

„דאָס איז, אַזוי צו זאָגען, אַ מאָמענטאַלע פאָטאָגראַפיע פון'ם צושטאַנד פון איינע פון די אידישע שטעדטלאַך פון אָדעסער קרייז. לויט די לעצטע אויספאָרשונגען איז כמעט דאָס זעלבע בילד, אויב ניט נאָך ערגער, אין אַלע שטעדטלאַך פון אָדעסער און פון אַ פולע אַנדערע קרייזען".

צו די דאָזיגע בילדער פון אידישען לעבען אין די שטעדטלאַך פון אוקראַינע פאַרשפּאָרט מען צוגעבען אַ סך פּירושים — דער דלות שרייט פון אַלע ווינקעלאַך; חוץ דעם, וואָס די אָרימקייט איז געוואָרען גרעסער, פאַרצווייפעלטער, האָפנונגסלאָזער, איז קיין שום רעוואָלוציע אין אידישען עקאָנאָמישען לעבען ניט פאָרגעקומען. די צאָהל קרעמער איז געוואָרען נאָך גרעסער; די צאָהל אַרבייטער נאָך קלענער; אין צוקער־זאַוואָד זיינען קיין אידישע אַרבייטער ניטאָ; די 29 משפּחות ערד־אַרבייטער און די 30 סאָוועטען־אַנגעשטעלטע — אָט דאָס זיינען די איינציגע צוויי געווינסען פון'ם קאָמוניזם און ס'איז אַ ספק, צי דעקען זיי די קרבנות, וואָס די אידישע באַפעלקערונג האָט געבראַכט אויפ'ן מזבח פון'ם עקאָנאָמישען קאָמוניזם.

אין די גרעסערע שטעדט איז די לאַגע אַ ביסעל בעסער, אָבער ניט קיין סך — ערשטענס, איז אין די גרעסערע שטעדט די צאָהל אידישע אָנגעשטעלטע הן אין די מלוכה־אַנשטאַלטען און הן אין די מלוכה־אונטערנעמונגען אַ סך גרעסער פּראָפּאָרציאָנעל, ווי אין די קליינע שטעדטאַך; צווייטענס, האָט זיך איי אַ פּאָר שטעט, ווי יעקאַטערינאָסלאַוו, אָדעס און אַנדערע, איינגעגעבען אידישע אַרבייטער אַריינטרעטען אין די גרעסערע פאַבריקען, דערווייל נאָך גאָר אין אַן אומבאַדייטענדער צאָהל, אָבער די אייזערנע וואַנט, מיט וועלכער די גרויס־פאַבריק איז געווען אָפּגעצוימט פון אידישען אַרבייטער, איז אַ ביסעל דורכגעבראָכען; דריטענס, געהט אויך דער האַנדעל, הן דער כשר'ער און הן דער טריפה'ר, אין די גרעסערע שטעט אַ סך לעבעדיגער און אינטענסיווער און ס'זיינען שוין אויפגעקומען אין די דאָזיגע שטעדט ביי דער הערשאַפט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי ניט ווייניג עלעמענטען, וועלכע פאַרדינען לייכט אַ קערבעל, לעבען גאַנץ ברייט און האָבען גאַנץ פיין הנאה פון עולם הזה, הגם זיי האַלטען ניט פון'ם פּסוק „בזיעת אפיך תאכל לחם". דאָס בילד פון אידישען לעבען אין די גרויסע שטעדט איז ניט מעהר קאָמוניסטיש, ווי אין די קליינע שטעדטלאַך.

מען האָט דאָס לעצטע יאָהר אויפגעהויבען אַ שטאַרקען טומעל אַרום דער קאָלאָניזאַציע־פראַגע אין רוסלאַנד. געהט מען צו צו דער דאָזיגער פּראָבלעם פון שטאַנד־

פונקט פון עקאנאמישע וואונדען און נויטען פון די ברייטע אידישע מאסען, קען די קאלאניזאציע אין רוסלאנד און בכלל קיין שום קאלאניזאציע אין דער וועלט ניט געבען קיין שתובה אויף זיי. — קאלאניזאציע איז א צו לאנגזאמע און טייערע אונ־טערנעמונג, אז זי זאל קענען פארענטפערען די באדערפענישען אין נייע פרנסות פון מיליאנען אידען, וועלכע האבען פארלארען דעם באדען אונטער די פיס. די אידישע עקאנאמישע פראבלעם שטעהט טאקע אזוי שארף און טראגיש — מיליאנען אידען אין מזרח־איירעפא זיינען ארויסגעשטויסען פון די אלטע פאזיציעס און מוזען זוכען נייע וועגען אין לעבען, אבער ב ר י י ט ע וועגען און ניט קיין שמאלע סטעזשקעלאך פון קאלאניזאציע. די דאזיגע ברייטע וועגען מוזען זיין אין איין צייט צווייערליי: ע מ י ג ר א צ י ע א ו ן א י ב ע ר ג א נ ג צ ו פ א ב ר י ק ־ א ר ב י י ט א י ן ד י א ל ט ע ע ר ט ע ר. און אפילו די קאמוניסטישע פרעסע, וועלכע האט אזוי גוט און קלוג אויסגענוצט פאר איהרע פאליטישע צוועקען די קאלאניזאציע־באוועגונג, האט געמוזט די לעצטע צייט אנהויבען רעדען וועגען אריינציהען די אידישע מאסען אין דער פאבריק און אין גאר די לעצטע טעג האט זי געמוזט דערקלערען, אז די קאמו־ניסטען פארשטעהען זעהר גוט, אז א געוויסער טייל אידען וועט מוזען עמיגרירען פון רוסלאנד. און ערשט צוריק מיט א קליינער צייט האט מען באשולדיגט אין קאנטער־רעוואלוציע יעדען, ווער ס'האט גערעדט וועגען עמיגראציע פון רוסלאנד.

צו דער קאלאניזאציע קען אבער זיין אן אנדער צוגאנג. — פאר דער אידישער שטאדטישער נשמה איז זעהר נויטיג א ביסעל דארפישע פרישקייט, א ביסעל ערד־בלוט, א ביסעל פעלד־זאפט, און אזוי ווי די קאלאניזאציע באדינגונגען אן רוסלאנד זיינען די בעסטע און ביליגסטע, מוז מען באגריסען די דאזיגע אונטערנעמונג. אויף וויפיל אבער מען האט מיט'ן דאזיגען טומעל אפגעצויגען די גאנצע געזעלשאפטליכע אויפמערקזאמקייט און מען האט אינגאנצען פארלאזט די ב ר י י ט ע ו ו ע ג ע ן פון זוכען ענטפערס אויף די אידישע עקאנאמישע פראבלעמען, מוז מען מודה זיין, אז דאס האט געבראכט גרויסען שאדען.

אז די קאלאניזאציע באדינגונגען זיינען אין רוסלאנד די בעסטע און ביליגסטע, פארשפארט מען א סך באווייזען: אומזיסטע גוטע פעטע ערד; מאטעריעלע און מאראלישע שטיצע פון דער רעגירונג; קליינע הוצאות אויף איינארדנען זיך; נאהענט צו די וואוין־ערטער פון די אידישע מאסען; מעגליכקייט צו באארבייטען אליין די ערד, ווען די משפחה איז נאך אין שטעדטעל און ציהט חיונה פונ'ם אלטען מקור; איין גוטע גערעטעניש גענוגט אויף שטעלען זיך אויף די אייגענע פיס און ניט נויטיגען זיך מעהר אין שטיצע; די מעגליכקייט נאך צווייער אדער דריי גערעטענישען אומקערען די געבארגטע געזעלשאפטליכע סומע, אט די דאזיגע אלע מעלות טובות פון דער קאלאניזאציע אין רוסלאנד האבען געוואונען פאר איהר סימפאטיעס פון די ברייטסטע און וויטסטע שיכטען פון אידישען פאלק. און דערצו דער ערפאלג פון לעצטען יאהר — אין איין יאהר האבען זיך באזעצט אויף ערד קרוב צו 5,500 משפחות, כמעט 30 טויזענט נפשות, צוויי מאל אזוי פיל ווי אין פאלעסטינא אין 45 יאהר און אזוי פיל ווי אין ארגענטינא אין 30 יאהר.

אין רוסלאנד האט זיך פאר'ן לעצטען יאהר אויך שטארק אנטוויקעלט די אידישע קרעדיט־קאאפעראציע. צום סוף יאהר 1925 איז שוין געווען נאר אין אוקראינע 159 קאאפעראטיווע קאסעס, וועלכע האבען געצעהלט מעהר פון 55 טויזענט מיט־

גלידער. די קאַסעס זיינען נאָך זעהר אָרים; פאַרמאָגען גאָר קליינע קאַפּיטאַלען און לעבען מעהרסטענטיילס פון די געלדער, וואָס זיי באַקומען פונ׳ם „דזשאָינט״ און פון יק״א, אָבער זיי אַנטוויקלען זיך צו ביסלאַך און שטעלען זיך אויף די פיס. אַזוי האָבען 83 קאָאָפּעראַטיווע קאַסעס אין אוקראינע פאַרמאָגט שוין פאַר־געלט 222 טויזענט רובעל. ווי באַקאַנט, קענען זיין מיטגלידער אין די קאַסעס נאָר אַרבייטענדיגע עלעמענטען, און זיי מאַכען טאַקע אויס אין די קאַסעס מעהר פון 90 פּראָצענט. פאַרשטעהט זיך, אַז די דאָזיגע קאַסעס זיינען נאָך גאַנץ ווייט פון דער מדרגה, צו וועלכער די אידישע קרעדיט־קאָאָפּעראַציע האָט דערגרייכט פאַר דער מלחמה, אָבער די אומאויפהערליכע אַנטוויקלונג פון די איצטיגע קאַסעס גיט אַ האָפנונג, אַז די זאַך וועט זיך פאַרפעסטיגען.

וויל מען אונטערפיהרען אַ שטיקעל סך־הכל פון דער לאַגע פון די אידישע מאַסען אין פּוילען און אין רוסלאַנד, מוז מען זאָגען, אַז אין ביידע לענדער איז זי גענוג טראַגיש און פאַרצווייפעלט, אין ביידע לענדער האָט די פּאַרארימקייט דערגרייכט אַ מדרגה, וואָס גרענעצט מיט פיזישען אויסשטאַרבען, אָבער ס׳איז דאָך פאַראַן אַ טיפער חילוק צווישען די דאָזיגע צוויי לענדער: אין רוסלאַנד האָט די מלוכה אָנערקענט, אַז די עקאָנאָמישע לאַגע פון די דריי מיליאָן אידען איז אַ מלוכה־פראַגע און מוז פאַרענטפערט ווערען פון דער מלוכה; אין פּוילען איז מען צו דעם דאָזיגען באַוואוסטזיין נאָך ניט געקומען און מען האַלט זיך נאָך אַלץ ביי די מעטאָדען פון פאַרמאָרען און רואינירען די אידישע באַפעלקערונג.

אין די וועגען פון פּוילען געהט אויך ליטע. — אויך דאָ הערשט אַ שטאַרקער געזעלשאַפטליכער און נאָך מעהר אַ רעגירונגס־אַנטיסעמיטיזם. אויך דאָ ווערט דער שטייער־פּרעס אויסגענוצט, כדי צו פאַרשווערען דעם אידען די קאָנקורענץ מיט׳ן ליטווינער. אויפ׳ן אידען ווערט אַרויפגעלעגט דריי מאָל און פיר מאָל אַזוי פיל שטייער, ווי אויפ׳ן ליטווינער פונ׳ם אייגענעם צושטאַנד. און די אידישע באַפעלקערונג קרעכצט אונטער׳ן יאָך פון דעם דאָזיגען פּרעס — זוכט וועגען אויף עמיגרירען, נאָר ס׳איז ליידער ניטאָ וואוהין צו פאָהרען; דערהערט מען וועגען גליקען עפּעס אין אַ ווייט לאַנד, איז מען גרייט גלייך ליקווידירען אַלע געשעפטען און פליהען ערגעץ אין אַ ניי לאַנד מיט נייע האָפנונגען, וויל מען האָט לחלוטין פאַרלאָרען דעם גלויבען אין בעסערע צייטען אויף די אַלטע ערטער.

אין פּאָליטישען לעבען פון ליטווישען אידענטום האָט געווילדעוועט די ערגסטע רעאַקציע — די רעגירונג האָט צוטריבען דעם נאַציאָנאַל־ראַט און האָט ליקווידירט די אויטאָנאָמע קהלות. די ציוניסטען און די אָרטאָדאָקסען, וועלכע האָבען געהאַט די אויבער־האַנט אין די אויטאָנאָמע אינסטיטוציעס, האָבען ניט באַוויזען צו מאַכען טייער דער אידישער באַפעלקערונג די דאָזיגע נאַציאָנאַלע געווינסען, און די ליקווידאַציע איז אַראָפּ כמעט אָהן פּראָטעסטען. און ווי באַקאַנט, האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז ווען ס׳איז געקומען צום בויען דעם בנין פון קולטורעלער אויטאָנאָמיע, האָט ניט געסטאַיעט קיין באַגייסטערונג און קיין פּאַטאָס ניט נאָר ביי די קליינבירגערליכע דעמאָקראַטישע מאַסען, נאָר אויך ביים אידישען אַרבייטער. צו אַליין און איינזאַם האָט זיך געפיהלט דער אידישער אַרבייטער אין די נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמע אינסטיטוציעס, און ער האָט זיין שוואַכקייט און איזאָלירטקייט געוואָלט קאָמפּענסירען מיט ראַדיקאַלער פראַזעאָלאָגיע און מיט באַיקאָטירען די טרויעריגע אידישע ווירקליכקייט —

די קולטורעלע אויטאָנאָמיע איז פּלוצלונג ערקלערט געוואָרען פאַר א רעאַקציאָנערע זאַך, געגען וועלכער דער אידישער פּראָלעטאַריאַט דאַרף גאָר קעמפען.

די דאָזיגע פּאָזיציע פון איין טייל פון אידישען ארבייטער־קלאַס און די שוואַכע באַגייסטערונג פאַר דער אויטאָנאָמיע פון צווייטען טייל האָבען אויך ניט ווייניג גורם געווען אין דעם, וואָס אין לעטלאַנד איז ניט פארווירקליכט געוואָרען די אידישע אויטאָנאָמיע. די אָביעקטיווע באַדינגונגען זיינען גראַדע אין לעטלאַנד געווען ניט קיין שלעכטע — א בלאָק פון אַלע נאַציאָנאַלע מינדערהייטען מיט די לעטישע סאָציאַל־דעמאָקראַטען וואָלט געהאַט א מעהרהייט אין סיים. די אידען זיינען אָבער צוריסען אויף פילע פראַקציעס, וועלכע קענען זיך בשום אופן ניט צונויפרעדען. ווי שטאַרק די רעאַקציע האָט פארכאַפּט די אידישע מאַסען, זעהט מען פון די לעצטע וואַהלען אין סיים. פון 37,828 אידישע שטימען האָבען געהאַט:

1)	אגודה	13,465	35,3%	63,3%
2)	מזרחי	10,544	28,0%	
3)	צעירי־ציון	6,402		17.0%
4)	„בונד"	5,731		15,1%
5)	ציוניסטען	963		2,5%
6)	אסימיליאַטאָרען	723		2,1%
	סך הכל	37,828		100,0%

כמעט צוויי־דריטעל אידישע שטימען האָבען צונויפגענומען די אָרטאָדאָקסישע פּאַרטייען; לעגט מען צונויף אַלע ציוניסטישע פּאַרטייען אינאיינעם — מזרחי, צעירי־ציון און סתם־ציוניסטען — זעהען מיר, אז זיי האָבען כמעט א העלפט שטימען. אַלע ציוניסטישע שטימען מיט אגודה מאַכען אויס 82,5 פּראָצענט פון אַלע שטימען. אז ניט די ציוניסטען און ניט די פרומע אגודה'ניקעס זיינען ניט און קענען ניט זיין קיין קעמפער פאַר אידישע אויטאָנאָמיע, איז קלאָר. און די איינציגע אידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי האָט באַקומען סך־הכל 15,1 פּראָצענט שטימען.

מיר וואָלטען זיך אזוי לאַנג ניט אָפּגעשטעלט אויף די וואַהלען אין קליינעם לעטלאַנד, ווען די פארהעלטעניש׳ען צווישען פארשיידענע ריכטונגען אין אידענטום, וואָס האָבען באַקומען זייער אויסדרוק אין די דאָזיגע וואַהלען, וואָלטען ניט געווען טיפּיש אויך פאַר פּוילען און ליטע. די דערשלאָגענקייט און פארצווייפלונג פון עקאָנאָמישער דחקות און נויט האָבען אויך פּאָליטיש דערשלאָגען די אידישע מאַסען און האָבען זיי געוואָרפען אין די אָרעמס פון די פרומע פּאַרטייען.

יאָ, א שווער יאָהר, א ביטער יאָהר האָבען מיר איבערגעלעבט אין מזרח־אייראָפּאַ.

דאָס אידישע לעבען אין די פאַר־ אייניגטע שטאַטען אין יאָהר 1925

פון ל. פאָגעלמאַן

אין דעם אידישען לעבען אין אַמעריקע קומען פאָר טיפע ענדערונגען, אָבער די ענדערונגען זיינען שטילע, לאַנגזאַמע, כמעט אומבאַמערקבאַרע פאר׳ן אויג. ווען מיר פארגלייכן דעם אידישען לעבען אין אַמעריקע מיט דעם לעבען אין אייראָפּע, קען זיך אונז אויסדאַכטען, אַז דאָס אידישע לעבען דאָ, אין אַמעריקע, איז איצט אומבאַוועגליך, פארגליווערט, ווייל אין די אייראָפּעאישע לענדער האָט זיך די אידישע לאַגע פאַר די לעצטע יאָהרען געענדערט האַסטיג, ראַשיג, קאַטאַסטראָפאַל...

דאָרטען איז פאָרגעקומען אַ פולשטענדיגע איבערקערעניש. אַ שטורם האָט זיך דורכגעטראָגען איבער דעם אידישען לעבען אין רוסלאַנד, אין פּוילען און אין אַנדערע קלענערע לענדער און האָט איהם אויפגערודערט ביז׳ן גרונט. דאָרטען האָט זיך, צוליב דעם, געשאַפען אַן אמת׳ע שוידערליכע פאָלקס־טראַגעדיע.

אין פאַרגלייך מיט דעם דאָרטיגען לעבען איז דאָ ביי אונז שטיל, רוהיג, כמעט אַן אידיליע.

אָבער ווען מיר געהען ניט צו מיט דער אייראָפּעאישער מאָס צו אונזער היגען לעבען, באַמערקען מיר אויך דאָ ביי אונז באַוועגליכקייט און אינטערעסאַנטע ענדערונגען. וועלכע גיבען צו נייע קאָלירען צו דעם אויסזעהן פון דער אַמעריקאַנער אידישער גאַס.

ערשט שפּעטער, ווען די ענדערונגען וועלען ווערען בולט׳ער און קלאָרער, וועלען מיר דערזעהן מיט באַוואונדערונג, אַז מיר האָבען דאָ פאַר זיך גאָר אַן אַנדער סאָרט לעבען, ווי אַמאָל; אַז דער אַמעריקאַנער איד איז גאָרניט דער זעלבער, וואָס מיט יאָהרען צוריק.

עס ענדערט זיך דער גאַנצער אינהאַלט פון דעם אַמעריקאַנעם אידישען לעבען: עס בייט זיך דער עקאָנאָמישער באָדען פון די מאַסען, עס ענדערט זיך אויך זייער גייסטיגער צושטאַנד.

די פריהערדיגע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס ווערען ביסלעכווייז פארלאָזען און פאַרביטען דורך אַנדערע, דורך נייע; נעהמט, צום ביישפּיל, אַזאַ ספּעציעל אידישע באַשעפטיגונג, ווי שניידעריי: ביז די לעצטע יאָהרען איז זי געלעגען כמעט אויסשליסליך אין אידישע הענט, איצט גליטשט זי זיך אַרויס ביסלעכווייז פון די זעלבע הענט און געהט איבער צו אַנדערע.

אין דער זעלבער צייט דרינגען אַריין די אידען אין נייע צווייגען פון דער אינדוסטריע, וועלכע זיינען פאַר זיי פריהער געווען אינגאַנצען פרעמד. אַלס אַ ביישפּיל לאָמיר דאָ נעהמען די בוי־אינדוסטריע, אָדער ווי מען רופט זי אין ענגליש די „בילדינג־טרייד". מיר קענען איצט געפינען אַ היבש ביסעל אידישע אַרבייטער באַשעפטיגט ביי בויען הייזער, אין דער צייט, ווען פריהער האָט דער איד זיך דערמיט זעהר ווייניט פארנומען.

דער איבערגאַנג פון איין באַשעפטיגונג צו אַ צווייטער, איז איינע פון די כאַ־

ראקטעריסטישע זייטען פון דעם אמעריקאנער אידישען לעבען. די אידישע ריהרעווי־דיגקייט, די היסטארישע פעהיגקייט פון דעם אידען צו קענען זיך צופאסען צו די נייע אומשטענדען פון לעבען — העלפט פיל ארוים די ברייטע אידישע מאסען ארויסצוגעהן פון די שווערסטע עקאנאמישע קריזיסען.

און אזעלכע קריזיסען זיינען פאקטיש פאראן דא גאנץ אפט. אפילו איצט, ווען עס ווערט אזוי ברייט פראקלאמירט די אזוי גערופענע „פראספעריטי", קומט פאר א שווערער קריזיס אין איניגע אינדוסטריען, וואו עס איז באשעפטיגט דער אידישער ארבייטער.

אבער אין פארגלייך מיט דער אידישער לאגע אמאל לעבט זיך דעם אמעריקאנער איד איצט פיל בעסער. ווער רעדט, ווען מען פארגלייכט דעם היגען לעבען מיט דעם לעבען פון אונזערע ברידער אויף יענער זייט ים, קומען מיר גלייך צום באשלוס, אז מיר זיינען דא עקאנאמיש פעסט און זיכער.

דער אידישער ארבייטער לעבט דא פיל רייכער, באקוועמער און צופרידענער, ווי אין די אייראפעאישע לענדער. דאס איז א פאקט, וועלכען מען קען ניט אפלייקענען, ווען מיר טראכטען זיך אריין אין דער לאגע.

א טיפע ענדערונג האבען אריינגעטראגען אין דעם היגען אידישען לעבען די באגרענעצונגען פון דער אימיגראציע.

דער שטענדיגער פרישער שטראם פון נייע אימיגראנטען פלעגט מאכען פליסיגער, ריהרעוודיגער און אנגעשטרענגטער דעם אידישען לעבען אין אמעריקע. דאס אידישע לעבען פלעגט זיך קיינמאל ניט קענען בארוהיגען, איינשטעלען, סטאביליזירען. דער נייער אימיגראנט פלעגט צוגעבען א באזונדערען, אן אייראפעאישען קאליר צו דעם היגען לעבען: ער איז געווען דער לעבעדיגער נערוו, וואס פלעגט פארבינדען דעם אמעריקאנער איד מיט דעם אייראפעאישען.

איצט איז דער נערוו אפגעשוואכט געווארען דורך דעם נייעם געזעץ, אזוי, אז ער פיהלט זיך שוין כמעט ניט: דער אימיגראנט הערט אויף ביסלעכווייז צו שפילען די פריהערדיגע ראלע אין דעם היגען לעבען.

די אויסערליכע באציהונגען צווישען דעם אמעריקאנער איד און דעם אייראפעאישען האבען זיך דורך דעם געזעץ שטארק געענדערט. כמעט אלעמאל, און נאכמעהר פאר די לעצטע יאהרען, האט מען אין אייראפע געקוקט אויף דעם אמעריקאנער איד, ווי אויף א רייכען פעטער, פון וועלכען עס איז א מצוה צו נעהמען געלט. און דער אמערי־קאנער איד האט זיך קיינמאל ניט אפגעזאגט צו שטיצען זיינע אייראפעאישע קרובים.

אבער איצט האט זיך געשאפען א לאגע, וועלכע איז נאך קיינמאל ניט געווען אויף דער אידישער גאס. דער אמעריקאנער איד איז פארבאריקאדירט, אפגעצאמט פון אייראפע מיט די הויכע אייזערנע צאמען פון דעם געזעץ; זיין הויז איז איצט מעהר ווי אלעמאל באלאגערט פון די ארימע אייראפעאישע קרובים, אבער צווישען זיין הויז און צווישען די הונגעריגע מאסען ליגט א גרויסער ים און שטעהען הויכע פאר־שלאסענע טויערען, וועלכע לאזען קיינעם ניט אריין.

פון ווייטען זעהען זיך פארצווייפעלטע בליקען פון אונזערע אומגליקליכע קרובים. עס ציהען זיך צו אונז אין דער לופטען זייערע אויסגעדארטע הענט. און מיר, פון איבער'ן טויער, פון איבער'ן ים, ווארפען זיי ארוים פון צייט צו צייט אביינדעל.

עס איז באמת א שוידערליכע, א טראגישע לאגע. און מיר קענען ניט, מיר טארען

ניט זיין ביי אַזעלכע אומשטענדען קיין אָנהענגער פון וועלכע ס׳איז באַגרענעצונגען אין דער אימיגראַציע, ווען פאַר אונז גופא, פאַר אונזער היגען אידישען לעבען, פאַר אונזער ארבייטער־באַוועגונג, פאַר אונזער אַנטוויקלונג און פאַר אונזער צוקונפט זאָלען אַזעלכע באַגרענעצונגען זיין אפילו נוצליך, נויטיג און צוועקמעסיג.

די אידישע מאַסען אין אייראָפּע לעבען איצט איבער אַן עקאָנאָמישען פּאָגראָם, פון וועלכען זיי לויפען זיך ראַטעווען, וואוהין די אויגען טראָגען, און מיר האָבען קיין רעכט ניט צו פאַרהאַקען די טיר.

איך זאָג דאָס צוליב דעם, ווייל ביי אַ געוויסען טייל פון די אַמעריקאַנער אידען איז פאַראַן אַ נייגונג צו באַרעכטיגען די באַגרענעצונגען פון אימיגראַציע; און אפילו ביי דעם אַנדערען טייל, וועלכער איז ניט גרייט צו שטעלען זיך אָפען אויף אַזאַ שטאַנדפונקט, ליגט באַהאַלטען טיף אין הארצען, ערגעץ אין אַ פאַרבאָרגענעם ווינקעל, אַ טריפה׳נער געדאַנק: „נאָך אַלעמען איז דאָס ניט שלעכט — וויניגער קאָנקורענטען, בעסערע אומשטענדען פאַר אונז”...

און אין אַ געוויסען זין איז אָט דער טריפה׳נער געדאַנק אַ באַרעכטיגטער: אין אונזער היגען לעבען האָט די אימיגראַציע געשפּילט אַ צווייזייטיגע ראָלע — אַ פּאָזיטיווע און אַ נעגאַטיווע, אַ גוטע און אַ שלעכטע.. איינינגע שוואַכע זייטען פון אונזער ארבייטער־באַוועגונג וואָלטען פיליכט לאַנג פאַרשוואונדען, ווען דער שטראָם פון אימיגראַציע וואָלט ניט געווען אין פאַרלויף פון יאָהרען אַזאַ האַסטיגער, אַזאַ אומאָרגאַניזירטער. אָבער די שוואַכע זייטען פון דער שטענדיגער עמיגראַציע וואָלטען געקענט פאַרשווינדען נאָר דאַן, ווען דער שטראָם שטילט זיך איין אויף אַ נאַטירליכען אופן, פון זיך אַליין, אָהן זייטיגע קינסטליכע מיטלען, ווען אין דער אַלטער היים וואָלטען זיך איינגעשטעלט נאָרמאַלע מענשליכע לעבענס־באַדינגונגען, מען זאָל ניט דאַרפען לויפען פון דאָרטען, ווי פון אַ מגפה.

איצט אָבער, ווען דער שטראָם איז אָפּגעשטעלט געוואָרען קינסטליך, דורך דער גרויזאַמער האַנט פון געזעץ, קען דאָס ניט ווירקען גוט אויף אונזער היגען לעבען. מיר קענען דאָ רוהיג און נאָרמאַל ניט איינאָרדנען אונזער לעבען, ווען אַרום אונז ברויזט די בייזע נויט, ווען אָן אונזערע ווענט שלאָגען זיך אָן די כוואַליעס פון דעם אייראָפּעאישען עלענד און פאַרצווייפלונג, ווען צו אונז דערגעהט דער פאַרצווייפעלטער רוף פון אונזערע ברידער פון יענעם זייט ים.

אונזער גאַנצער איצטיגער לעבען איז דאַריבער פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין איין גרויסען מעכטיגען ד ר י י ו ו.

דאָרט אַ וועלט פון אומגליקליכע שנאָרער, דאָ אַ וועלט פון זאַטע געלט־זאַמלער און געלט־געבער — אָט דאָס איז דאָס איצטיגע אידישע לעבען אויף דער און אויף יענער זייט ים.

ניטאָ איצט ביי אונז קיין שום שאַפונג, קיין שום גייסטיגער לעבען, קיין אַנדערע העכערע אינטערעסען אין דעם אידישען לעבען, ווי געבען און נעהמען געלט. פילאַנטראָפּיע אָנשטאָט געזעלשאַפטליכען לעבען.

דער דרייוו האָט פאַרשלונגען כמעט אונזער גאַנצען לעבען, אָפּגעשטויסען אַלץ אָן אַ זייט, אַ תל געמאַכט פון אונזערע פּאַרטייען, באַוועגונגען, אידעאַלען און פון אונזער גאַנצען געזעלשאַפטליכען לעבען.

רעליעף־אַרבייט איז געווען דער גאַנצער אינהאַלט פון דעם אידישען לעבען פאַר

די לעצטע יאהרען, זי האט זיך דערנאך אביסעל איינגעשטילט, און איצט, אין דעם לעצטען יאהר, האט זי ווידער אויפגעבליהט, ווידער פארנומען אלע פלעצער אין אונזער געזעלשאפטליכען לעבען.

דאס מיינט, חלילה, ניט, אז מען דארף די ארבייט ניט טאן: מיר מוזען, מיר זיינען געצוואונגען, מיר זיינען פארפליכטעט דאס צו טאן,. און איצטער נאכמעהר ווי אלעמאל. אבער מיר מוזען דאך זיך אליין אפגעבען א קלארען חשבון, וואו מיר האלטען אין דער וועלט; מיר מוזען דאך באגרייפען די גייסטיגע ארימקייט, אין וועלכער מיר לעבען, און מיר דארפען זיך אליין ניט פארטומלען מיט די קלאנגען פון דער אייביגער צדקה־פושקע, וועלכע הערשט איבער דער אידישער גאס.

„צדקה תציל ממות" — קלאפט די פושקע. אבער אונזער רעליף־ארבייט ראטעוועט אונז אליין ניט פון טויט, פון גייסטיגען דלות.

יעדע באוועגונג אויף דער אידישער גאס אין אמעריקע איז פארוואנדעלט געווארען אין רעליעף־קאמיטעטען, אין רעליעף־אגענטורען, וועלכע פיהרען פארשידענע דרייווס, אנהויבענדיג פון דער עקסטרעם־לינקער באוועגונג ביז דער עקסטרעם־נאציאנאליסטישער; און וואס עקסטרעמער די באוועגונג איז, אלץ העכער קלינגט די פושקע, אלץ הילכיגער איז דער געשריי: „צדקה תציל ממות!"...

די קאמוניסטען האבען ניט געגעבען זייערע אנהענגער קיין איין מינוט אפצוראטעמען פריי: זייערע קרבנות האבען געהאלטען אין איין זאמלען און געבען, געבען און זאמלען, און איין דרייוו האט ביי זיי געיאגט א צווייטען, ווי, להבדיל, אויף „רייסעס".

אויך מיר האבען ניט וועניג געמאנט ביי אונזערע גענאסען און האבען אהן אויפהער געוועקט זיי דורך פארשידענע וועקערס... און אויך ביי אונז האבען די „דרייווס" פארביטען פיל פון אונזער נויטיגער ארבייט, וועלכע איז דורך דעם פארנאכלעסיגט געווארען. איך ווייס, אז עס איז פאראן אויף דעם א גוטער ענטפער; איך קען איהם, איך ווייס איהם גוט, צו גוט. אבער דער שבת איז דאך פארט פאר דעם מענשען, און ניט דער מענש פאר'ן שבת...

וואס אנבאלאנגט דעם ציוניזם, איז ער אלעמאל אין אמעריקע געווען מעהר א דרייוו, א קאמפיין, איידער אן אמת'ע פאלקס־באוועגונג. און אזוי טאקע האט דער אייראפעאישער ציוניסט, דאכט זיך, שטענדיג געקוקט אויף דעם אמעריקאנעם: דו האסט א מטבע, גיב; אבער די דעה־זאגער זיינען מיר, די, וועלכע שאפען די אמת'ע באוועגונג, וועלכע גיבען די חלוצים, דעם אידעאליזם, דעם ציוניסטישען געדאנק...

דער אמעריקאנער ציוניזם האט ניט איינמאל שוין רעוואלטירט: ער וויל אויך האבען די דעה, וויבאלד ער גיט די מטבע. דער אמעריקאנער רעוואלט איז איינער פון די אינטערעסאנטע בלעטער אין דער געשיכטע פון ציוניזם. ער האט זיך דערוויל פארענדיגט מיט געוויסע קאמפראמיסען, אבער אייראפא איז דערוויל פארבליבען די גייסטיגע פיהרערין אין דעם ציוניזם, כאטש די ציוניסטישע דרייווס מאכט מען דא אין אמעריקע. וויצמאן און סאקאלאוו זיינען די הויפט־פיגורען, און ניט די אמעריקאנער קאמפיין־פרעזידענטען.

אויב דער ציוניזם דא שטורעמט אויף צייטענווייז מיט אויפרעגונג, מיט באווע־

גונג, איז דאָס נאָר, ווען עס שטעהט די פראַגע, ווי אזוי צו זאמלען געלט פאר דעם אָדער יענעם פאָנד, אָדער ווי אזוי די געלט אמבעסטען צוטיילען.

אָבער אלס א באוועגונג, אלס א אידעאליסטישע שטרעבונג, ציהט דער ציוניזם זיין שפייז פון דעם אייראָפּעאישען קוואל: דאָרט לעבט ער איבער זיינע קריזיסען און זיינע אויפגאבען; דאָרט לעשען זיך אויס און פלאקערען אויף זיינע האָפנונגען; דאָרט וואקסען אויס די יונגע טרוימער, וועלכע לאָזען זיך כמעט צו־פוס צום הייליגען לאַנד... און וואָס מעהר פארצווייפלונג דאָרטען, אלץ שטאַרקער זיינען די האָפנונגען און אלץ מעהר טרוימער זיינען פאראַן. דאָ אָבער איז עס נאָר א דרייוו, מיט בעסערע אָדער ערגערע רעדנער, מיט „סטאַרס" אָדער אָהן „סטראַס", אָבער שטענדיג טרוקען, ווי א זייטיגע זאך, ווי אונזער אידישער לעבען דאָ. אפילו די היציגע רעדעס פון טאלאנטפולע רעדנער קענען ניט אָנוואַרימען די היגע ציוניסטישע קאלטע לופט: מען גיט נאָר געלט, אָבער ניט קיין חלוצים...

דאָס קען מען אמבעסטען זעהן פון די היגע קאָנפערענצען און קאָנגרעסען, וועלכע זיינען דאָ פאָרגעקומען אין פארשידענע צייטען און אין פארשידענע ערטער היינטיגעס יאָהר: אין פילאדעלפיא, אין באלטימאָר א. אז. וו. פארשידענע קאָמבינאציעס, חשבונות, געלונגענע און אומגעלונגענע מאַנעווערעס, געהיימע און אָפענע זיצונגען, קאָקוסען און הינטער־קוליסען־אונטערהאנדלונגען — אָבער אלץ צוליב איין פראַגע: ווי אזוי צו זאמלען און צו טיילען געלט...

דאָס איז דער גאנצער אינהאלט פון דער היגער באוועגונג.

היינטיגעס יאָהר איז אָט די „באוועגונג" געווען אביסעל שווערער, ווייל צום ציוניסטישען קאמפיין האָט זיך אריינגעמישט, ווי א הוסט אין א קרענק, דער „קאָמפיין" פון דער אידישער קאָלאָניזאציע אין רוסלאנד, וועלכען עס פיהרט אָן דער „דזשאָינט". ס'איז אוועק א סדרה „קאָקוסען" און „פאָקוסען". די פעהיגסטע און און אומפעהיגסטע קעפּ האָבען געאַרבייט איבער דער פראַגע, ווי אזוי צו טיילען די פעל פון דעם בער, וועלכען מען האָט נאָך ניט דערשאָסען. און מען האָט, דאַנקען גאָט, זיך צוטיילט אין א גוטער מזל'דיגער שעה: געפונען מיט גליק אזא פיפיגע פאָרמולע, אז אי די ציג זאָל זיין גאנץ, אי דער וואָלף זאט...

און ווער וועט ענדליך דאָס געלט קריגען, וועלען מיר זעהן שפּעטער, אויב מיר וועלען לעבען.

אויף דער סעפּטעמבער רעליעף־קאָנפערענץ, אין פילאדעלפיא, איז באשלאָסען געוואָרען צו זאמלען אין פארלויף פון דריי יאָהר א פאָנד פון 15 מיליאָן דאלאר, וואָס זאָל געהן פאר דער אידישער קאָלאָניזאציע אין רוסלאנד און פאר הילף אין אנדערע מזרח־אייראָפּעאישע לענדער. פאר דער קאָלאָניזאציע אין רוסלאנד, דענקט דער „דזשאָינט" אוועקצוגעבען וויניגער ווי א דריטעל פון די 15 מיליאָן דאלאר.

דאָס האָט געגעבען א געלעגענהייט דעם היגען „איקאָר", וואָס קלייבט אויך געלט פאר דער אידישער קאָלאָניזאציע אין רוסלאנד (כאָטש אָהן ערפאָלג), שטאַרקער צו קלאַפּען מיט דער פּושקע: „גיט אונז, מיר וועלען אוועקגעבען די גאנצע הונדערט פראָצענט פאר דער קאָלאָניזאציע!"

ווי אזוי דער ברייטער עולם וועט זיך אָפּרופען אויף די „קאמפּיינס", קען מען איצט ניט פאָראויסזאָגען. דערווייל אָבער איז די סאָוועטען־מאַכט דאָ ארויסגעטראָטען אין א נייער אומגעוועהנליכער ראָלע — אין דער ראָלע פון א בויערין: זי

נעהמט זיך איצט בויען דאס, וואס זי האט ביז איצט צושטערט; פריהער האט זי די אידישע מאסען אין רוסלאנד פארוואנדעלט אין ארימע לייט, איצט זאגט זי צו די זעלבע ארימע לייט צו פארוואנדלען אין פויערים. די ערשטע ארבייט איז איהר פולשטענדיג געלונגען, אבער צי עס וועט געלינגען די צווייטע — וועט באווייזען די צוקונפט. אין דער נייער ראלע פאזירט דערוויל די סאוועטען־מאכט ניט שלעכט: זי מאכט גאנץ ברייטע זשעסטען — טיילט ערד, זאגט צו געלט און פריווילעגיעס צו די צוקונפטיגע אידישע פויערים. און אייניגע היסטערישע אידען דא ביי אונז אין אמעריקע זיינען דערביי אריינגעפאלען אין אזא התפעלות און זיינען דערגאנגען צו אזעלכע נאאיווע איבערטרייבונגען, אז עס שווינדעלט ממש אין די אויגען.

היסטערישע מענשען האבען אפט א שלעכטען זכרון, אבער מענשען מיט נאר־מאלע חושים ווילען זיך באציהען גאנץ ניכטער צו די מעגליכקייטען, וועלכע דאס רו־סישע לעבען שאפט פאר די אידען. דער „קאמפיין" ווערט אונטערשטיצט פון די ברייטע אידישע מאסען, און מען קען זיכער זיין, אז ווען די סאוועטען־מאכט וואלט אין דער זעלבער צייט געשאפען גינסטיגע נארמאלע פאליטישע און עקאנאמישע אומ־שטענדען אין לאנד, ווען זי וואלט דערצו אראפגענומען פון דעם געזעלשאפטליכען לעבען איהר שווערע דריקענדע האנט, וואלטען די אידישע מאסען ביסלעכווייז דאר־טען, ווי עס איז, געקומען צו זיך, און אונזער הילף וואלט גיכער דערגרייכט איהר ציל.

אבער דאמאלס וואלט אונזער גאנצע הילף שוין ניט אזוי נויטיג געווען...

ווען מען קערט זיך אפ אויף א ווייל פון די אלע דרייווס און קאמפיינס, און מען פארטראכט זיך וועגען דעם גייסטיגען צושטאנד פון די אידען אין אמעריקע, וועגען דעם אינווייניגסטען אינהאלט פון אונזער היגען לעבען, דערזעהט מען גאר אנדערע ערשיינונגען, וועלכע וואַרפען זיך ניט לכתחילה אין די אויגען.

הינטער דעם געקינסטעלטען הוהא פון די קאמפיינס, הינטער דעם היסטערישען איבערטריבענעם קאמף צווישען „רעכטע" און „לינקע" אויף דער אידישער גאס באמערקט זיך גאר אן אנדער פראצעס, א שטילער, אבער טיפער און דויערענדער פרא־צעס: דאס איז די טיפע שפאלטונג צווישען דעם יונגען און אלטען דור. דער יונגער דור געהט אוועק פון דעם אלטען, ניט איבערנעהמענדיג ביי איהם די גייסטיגע ירושה, איבערייסענדיג כמעט אלע פעדים, וואס פארבינדען איהם מיט אונזער־פארגאנגענהייט און אויך מיט אונזערע איצטיגע שטרעבונגען.

צוליב דער שטענדיגער היסטעריקע, וואס עס הערשט אויף דער אידישער גאס, קוקען מיר זיך ניט ארום אויף דער וויכטיגער און ערנסטער ערשיינונג. און מיט היסטעריקע איז פול אונזער גאנצער לעבען. היסטעריקע איז געווארען אונזער צווייטע נאטור. מיר ריידען ניט, נאר מיר שרייען; מיר געהען ניט, נאר מיר לויפען. שריי־ענדע ווערטער נעהמען מיר אפט אן פאר טאטען, און אונזער אומרוהיגע לויפעניש און האוועניש — פאר רעוואלוציעס.

אונזער לעבען דא איז דערוויל זעהר א שוואכער באדען פאר סאציאליסטישער און רעוואלוציאנערער ארבייט, אבער אונזערע היסטערישע שרייער ווילען אונז קינסט־ליך שאפען די אילוזיע פון אזעלכע שטימונגען, וועלכע זיינען פרעמד פאר'ן היגען לעבען.

און צוליב דער אילוזיע דערזעהען מיר ניט, אז דאס אלץ איז צייטווייליג,

אַז קיין באָדען איז ניטאָ אונטער די פיס, ווייל דער יונגער דור געהט אוועק איננאַנצען פון אונזער לעבען מיט אונזער קאַמף. דער יונגער דור, וואס איז דאָ געבאָרען געוואָרען, קערט זיך אָפּ פון אונז מיט׳ן פּנים צו אַן אנדער סאָרט לעבען; און כאָטש ער באַגעגענט ניט דאָרט אַלעמאָל אַ פריינדליכע אויפנאַהמע, פונדעסטוועגען איז ער מיט יענער זייט מעהר, ווי מיט אונז... דער יונגער דור קערט זיך אָפּ פון דעם אַלטען. אין דער אַלטער היים פלעגט ער זיין ראַדיקאַלער, ווי דער אַלטער, דאָ — איז פאַרקערט. דער אידישער ראַדיקאַליזם איז ניט געבויט אויף דעם יונגען דור. דער עקסטרעמער ראַדיקאַליזם אויף דער אידישער גאַס האַלט זיך טיילווייז אויף די אומצופרידענע און אומגעדולדיגע פון דעם אַלטען דור און טיילווייז אויף דער אָקאַרשט אריבערגעקומענער יונגוואַרג, וועלכע לעבט נאָך מיט די סענטימענטען פון יענער זייט ים.

די צייט אָבער וועט אָפּקיהלען אַט די צוהיצטע מוחות. און וואָס וועט דערנאָך פאַרבלייבען?...

עס וואָלט געדאַרפט זיין די ערשטע און וויכטיגסטע אַרבייט אויף דער אידישער גאַס צו געפינען דעם וועג צו דעם יונגען דור, צו בויען אַ בריק איבער דעם תהום, וואָס טיילט אָפּביידע דורות. אויף אַזאַ אַרבייט ווערט, ליידער, געלייגט זעהר וויניג אויפמערקזאַמקייט. דער אינווייניגסטער אויפגעבלאָזענער קאַמף צווישען פאַרשידענע ריכטונגען, דאָס שטענדיגע פּאָכען מיט׳ן שווערד באַהאַלט פון אונזערע אויגען די אמת׳ע געפאַהר, די געפאַהר פון גייסטיגען באַנקראָט און פון אונטערגאַנג...

די היסטאָרישע געשרייען פאַרטומלען די היסטאָרישע אויפגאַבען, און אַן ערנסטע וואָרנונג וועגען דער אמת׳ער געפאַהר קלינגט, ווי אַ קול אין אַ מדבר: קיינער הערט זיך ניט צו. אין בעסטען פאַל פּרואווט מען דעם טיפּוז חהים צו פאַרשיטען מיט אַ ביסעל זאַמד: איינער מיט אַ ביסעל זאַמד פון ארץ־ישראל ערד — מיט אַ פרומער ישיבה, דער צווייטער — מיט אַ אידישער שולע...

אָבער ביידע שטעהען איינזאַם ביים אָפּגרונט און קענען ניט בויען דעם נויטיגען בריק.

די צאָל פון דער באַפעלקערונג אין דער רוימישער אימפּעריע.

אין 14טען יאָהר נאָך קריסטוס

אין איטאַליע — — — —	6,000.000
אין שפּאַניע — — — —	6.000 000
אין גרירענלאַנד — — —	6.000 000
אין גאַלליע — — — —	3,400,000
אין די איבעריגע אייראָפּעאישע פּראָווינצען — —	4,600,000
סך־הכל אין אייראָפּא —	23.000.000
סך־הכל אין אזיע — —	19.500.000
סך־הכל אין אַפריקא — —	11,500,000
סך־הכל אין דער גאַנצער אימפּעריע — — — —	54,000,000

די פאַרשפּרייטונג פון די הויפּט־רעליגיעס.

אויפ׳ן גאַנצען ערד־קוגעל צעהלט זיך:

קריסטען — — — — —	650 מיליאָן

אין דער צאָהל געהען אריין:

קאַטאָליקען — — — — —	300 מיליאָן
פּראָטעסטאַנטען און ליוטעראַנער — — — — —	230 מיליאָן
פּראַוואָסלאַווגע — — —	120 מיליאָן

פון אנדערע רעליגיאָנען צעהלט מען:

בודדיסטען — — — —	570 מיליאָן
מאַחמעדאַנער — — — —	250 מיליאָן
געצענדינער און שאַמאַניסטען	90 מיליאָן
בראַמינער — — — — —	235 מיליאָן
אידען — — — — —	13.65 מיליאָן

מיט וויליאם גרין ביים רודער

(דער יאָהר 1925 אין דער אמעריקאַנער ארבייטער באַוועגונג)

פון ה. לאַנג

— איז דאָס געווען א שטראהל־און שאָטען־שפּיל פון לעבען און טויט?

— איז דאָס געווען א זיג פון לעבען איבער'ן טויט?

נאָך א לעבען פול מיט לעגענדע און דראמא, טרוים און טאַט, האָט סעמועל גאָמפּערס, דער בויער פון דער ארבייטער באַוועגונג אין אמעריקע, און פאַר א האַלבען יאָהרהונדערט איהר פיהרער, דערפיהלט, אז דער טאָג פארגעהט, די אייביגע נאַכט קומט אָן, און ער האָט באַשלאָסען זיך צו געזעגענען — אויף צוויי אופנים, דורך א וואָרט, צו געדענקען; און דורך א מענשען, וואָס האָט איהם אלע מאָל פאַרשטאַנען.

ביי דער לעצטער קאָנווענשאָן פון דער אמעריקאַן פעדערײשאָן אָף לייבאָר אין על־פּאַזא, טעקסאס, האָט גאָמפּערס ארויסגערופען אויף דער טריבונע וויליאם גרין, פון די קויהלען־גרעבער, צו לעזען א צוגעגרייטען שריפט — דאָס לעצטע וואָרט זיינס, אַן אָנזאָג, איידער די נאַכט נעהמט איהם צו.

די קאָנווענשאָן, אויפ'ן גרענעץ פון די פאראייניגטע שטאַטען און מעקסיקא, האָט געהאַט א ספּעציעלען כאַראַקטער. עס איז געווען א שיף מיט אַן אינטערנאַציאָנאַלער פאָהן. אויסער פאַרשטעהער פון מעקסיקא, און פונ'ם גאַנצען אמעריקאַנער קאָנטינענט, זיינען אויך געווען פאַרטרעטער פון ענגלאַנד און דייטשלאַנד; אויך געסט פונ'ם אמסטערדאַמער אינטערנאַציאָנאַל; די ארבייטער באַוועגונג פון דער וועלט איז געווען פאַרזאַמעלט. און עס איז אויסגעקומען, ווי פון ערגעץ וואָלט זיך צו דער וועלט אויסגעשטרעקט א האַנט מיט אַן אָנווייז:

„דיזער מענש, וואָס וועט דאָ לעזען גאָמפּערס'עס לעצטען וואָרט, וועט זיין דער, וואָס וועט זעגלען די שיף אַלע ווייטער און ווייטער — — —"

די נאַכט האָט גאָמפּערס'ן צוגענומען — און וויליאם גרין איז ביים רודער פון דער שיף.

ווען גרין האָט אָנגעטאָן זיין קאַפּיטאַן־מאַנטעל, האָט דאָס לאַנד געקוקט אין וואונדער.

ווי וועט ער פיהרען די שיף?

גאָמפּערס האָט געוואוסט אלע וואַסערען. יעדער ברום פון א ווינט איז איהם געווען באַקאַנט. קיין שטורם האָט איהם שוין ניט געשראָקען. שטורעמס האָבען געקאַרבט זיין פּנים, אָבער געקרעפטיגט זיין האַרץ. יעצט איז דער אַלטער קאַפּיטאַן מעהר ניטאָ. די שיף קען אריינבלאָנדזשענען אין זאַווערוכעס. ים־שדים וועלען געהן א טייוואָלים־טאַנץ. ער וועט אודאי זיין הילפלאָז, דער יונגער קאַפּיטאַן...

גרין האָט אויף דאָס בייזע טראַכטען ניט געענטפערט. מיט עהרפורכט צום אָנדענק פון אַלטען קאַפּיטאַן, און פליכטס־געטריי צו דער גרויסער אויפגאַבע, האָט ער זיך געשטעלט ביים רודער, שטיל און ענטשלאָסען.

„איך האָב דעם קאָמפּאָס אין האַנט" — האָט מען געקענט אָראָפּלעזען פון זיין פּנים.

די אַרבייטער באַוועגונג האָט דאַן געוואוסט, אַז זי איז באַשיצט. —

דער קאָמפּאַס, מיט וועלכען גרין פיהרט די שיף פון דער אַמעריקאַנער אַר־בייטער באַוועגונג, איז טאַקע דאָס לעצטע וואָרט פון גאָמפּערס'ן, וואָס דערזעלבער גרין האָט געלעזען פון דער טריבונע אין על־פּאַזאָ, טעקסאַס — דאָס וואָרט, וואָס ערקלעהרט די גאַנצע אייגענאַרטיגקייט פון דער אַמעריקאַנער אַרבייטער באַוועגונג; ער איז דער שליסעל צו דעם גאַנצען געדאַנקען־גאַנג, און צו יעדען שריט אין פּראַקטישען לעבען, פון דער אַמעריקאַנער יוניאָן־וועלט.

„ווען נאָר די אַרבייטער באַוועגונג האָט זיך פאַרנומען אויף אַ וועג צו באַהער־שען איהרע איינצעלנע טיילען, און באַצווינגען אַנדערע געזעלשאַפטליכע גרופּען, איז זי געוואָרען אַ דורכפאַל; ווען נאָר די אַרבייטער באַוועגונג האָט געהאַט אין זי־נען דעם פרייען שפּיל פון קרעפטען אַרום איהר און אין איהר, איז זי געוואָרען אַ דינסט צו דעם פּראָגרעס פון דער וועלט. זעכציג יאָהר אויפ'ן שלאַכטפעלד פון אַרבייטער קאַמף האָט געלערענט, אַז דער פּרינציפּ פון פרייוויליגקייט, מענשליכע פאַרשטענדיגונג, און דעמאָקראַטישער צוזאַמענאַרבייטען, זאָל אָנגעווענדעט ווערען סיי אינ'ם עקאָנאָמישען לעבען — מיט זיין געבורט און ענטוויקלונג פון אינדוס־טריען; סיי אויף דער פּאָליטישער סצענע — מיט איהר אויפשוואונג פון פּאַר־טייען און באַוועגונגען; סיי איבער די כוואַליעס פון אַלע געזעלשאַפטליכע שטראָ־מען — מיט זייער רייכען געקלאַנג און וואונדערליכען פאַרבען־שפּיל; און סיי אין אינטערנאַציאָנאַלע, אַלגעמיין־וועלטליכע באַציהונגען — מיט זייער גאַנצער פעלקער־פאַרשידענאַרטיגקייט. אַן אַרבייטער באַוועגונג געבויט אויף אַזאַ פּרינציפּ, און באַ־זעעלט מיט אַזאַ גייסט, קען אפשר אויסקוקען ווי אַ „שטריק פון זאַמד"; דערפאַר וועט זי אָבער ניט האָבען אויף איהר געוויסען הערשאַפטס־לוסט, געגען וועלכער עס רעוואָלטירט יעדע פרייע מענשליכע נשמה. די אַמעריקאַנער אַרבייטער באַוועגונג האָט אַלס איהר ציל פרייהייט און מענשליכען וואוילזיין אין פולסטען, ברייטסטען און טיפסטען זינען; איהר פונדאַמענט איז צוזאַמענגעצעמענטעוועט פון דעם פריי־הייטס־פּרינציפּ פון זעלבסט־באַשטימונג, און פון דעם גרויסען מאָראַלען כח פון פרייהייטליכער צוזאַמענאַרבייטונג; די ווייטערע עטאַזשען פון איהר געביידע דאַרפען פונקט אַזוי געבויט ווערען."

דאָס איז דער תמצית פון גאָמפּערס'עס לעצטען וואָרט; און דאָס איז דער קאָמפּאַס, וואָס גרין האַלט פאַר זיין בליק. זיין יעדער שריט ביז איצט, האָט גע־וויזען, אַז ער וועט זוכען גאָמפּערס'עס וואָרט מעהר און מעהר צו באַלעבען, און שטענדיג וועט ער איהם האַלטען דערפרישט.

ניט מחמת דעם, וואָס גאָמפּערס איז אַ „קולט". גרין'ס פּערזענליכקייט איז גראַד אַ קעגענזעצליכע נאַטור געגען פאַרהייליגטע טראַדיציעס, נאָר דערפאַר, ווייל זיי זיינען טראַדיציעס. מעהר ווי איין מאָל האָט זיך עס געזעהן אין זיין אַרבייט אין דער אַרבייטער באַוועגונג ביז איצט. אַזוי איז ער אויפ'ן פּלאַטפאָרמע, אַזוי אין עקזעקוטיוו־צימער, און אַזוי אין פאַרקעהר צווישען חברים. „גאָמפּערסיזם" פאַר

גרין'ען, מיינט אָבער רעאַליזם; אַן אָפּשפּיגלונג, אַן ארויסשטראַהל, פון דער אמערי-
קאנער ווירקליכקייט — און עס איז רעאַליזם, וואָס כאראקטעריזירט די אמעריקאנער
ארבייטער באוועגונג, און עס איז דיזען רעאַליזם, וואָס גרין זוכט איצט, דורך וואָרט
און טאַט, צו ענטשפּרעכען.

עס וואָלט געווען ניט-נאַטירליך, ווען עס וואָלט אנדערש געווען. עס וואָלט
געווען צום געלעכטער, ווען עס וואָלט אַנדערש געווען. געווים פעהלט ניט דער
אמעריקאַנער ארבייטער באוועגונג טרוים, און פאַנטאַסטישע שפּילעוודיגקייט. און
דאָס איז אודאי ניט קיין חסרון. טרוים און פאַנטאַסטישע שפּילעוודיגקייט ארום
א געזונטען רעאַליזם צויבערען אָן די פאַרשטעלונגס-קראַפט, און זאַפטיגען די ענער-
גיע. יעדע באוועגונג מוז זי האָבען; אידעאַליסטישע באוועגונגען אודאי. זיי
האָבען דאָס, צי מען וויל, צי מען וויל ניט. הויכער שטרעבען האָט אין זיך טרוים.
דער סאָציאַליזם איז א געוועב פון ווירקליכקייט און טרוים. די אַמעריקאַנער אר-
בייטער באוועגונג האָט זיך איהר טרוים, און איהר שפּילעוודיגקייט, אזוי ווי יעדע
ארבייטער באוועגונג פון דער וועלט. צי די ארבייטער באוועגונג איז מעהר טרייד-
יוניאַניסטיש, צי מעהר פּאָליטיש — דער ארבייטער-אידעאַל, דער וועלט-טרוים איז
אין איהר דאָ. שאַרף האָט זיך וועגען דעם ארויסגעזאָגט טאַקע די לעצטע קאָנווענ-
שאָן פון דער אמעריקאַן פעדערישאָן אף לייבאָר אין אַטלאַנטיק סיטי. אין כמעט
אַלע דעבאַטען איז דיזער געדאַנק געהאַלטען געוואָרען אין „פּראָנט". אנדרעי פיורי-
סעטה, פון די מאַטראָזען, האָט עס אויסגעדריקט אויף זיין כאַראַקטעריסטישען שטיי-
גער, ווען ס'איז אָנגעגאַנגען די דעבאַטע וועגען פאָדערן אנערקענונג פאַר רוסלאַנד. אָנ-
געצאָרענט פון דער רעדע, וואָס פוירסעל, פון ענגלאַנד, האָט געהאַלטען א פּאָר טעג
פריהער, וועגען חבר'ן זיך מיט די קאָמוניסטען, האָט פיוריסעטה געוואָרפען אָפּגע-
האַקטע געדאַנקען. אין אייראָפּא הערשט די אידעע, אז די רעגירונג קען טאָן אַלעס,
און אז דאָס פאָלק קען נאָר טאָן, וואָס די רעגירונג ערלויבט; אין אייראָפּא הייבט
זיך אָן די געזעצגעבונג אין לאַנד-פּאַרלאַמענט, און זי פאַרציהט אונטער זיך דאָס
קלענסטע טיילכעלע פון לאַנד; אויף וויפיל אמעריקא האָט גע'ירש'נ'ט דעם גייסט
פון געזעצגעבונג פון ענגלאַנד, איז אין אמעריקא אויך דאָ אזא טענדענץ; דער „סו-
פּרים קאָורט" איז אונזער „קעניג", און די ארבייטער באוועגונג פיהרט א קאַמף
געגען איהם; אָבער די שטאַטען מיט אַן אויטאָנאָמיע וואָס רעגירען זיך אַליין, גי-
בען פּאָרט אמעריקא אַן אנדער פּאָליטישע פאַרב; באָלשעוויסטישע צענטראַליזאַ-
ציע דאַרטען, דעמאָקראַטישע, פרייהייטליכע דעצענטראַליזאַציע דאָ; אימפּעריא-
ליזם אין אייראָפּא, איז אפילו אינ'ם בלוט פון פרייהייטליכע מענשען; דאָס עקאָ-
נאָמישע לעבען דיקטירט דאַרטען אזוי, און אויך, ווייל עס איז אינ'ם געדאַנקען
ביי אַלעמען צו וועלען זיין א הערשענדער קלאַס; דער באַהערשטער קלאַס זוכט
צו ירש'ענען דעם הערשענדען קלאַס, און ווערען אַליין א הערשענדער קלאַס; אַן
אנדער געזעלשאַפט דאָרטען, אַן אנדער פּאָליטיק, אַן אנדער קולטור; אידעאַלען
ווערען דאַרטען געבוירען אין שטודיר-צימערען, דאָ אויפ'ן שלאַכטפעלד פון פאָלקס-
לעבען; אמעריקא און אייראָפּא — צוויי וועלטען, צוויי גלויבענס, אנדערע טרוימען,
אנדערע לעבענס; די אמעריקאַנער ארבייטער באוועגונג קען נאָר זיין אַן ארויס-

שטראהל פון אמעריקאנער לעבען, און קען זיך נאָר לאָזען דיקטירען פונ׳ם אמערי־קאנער לעבען...

פיוריסעטה׳ס גערדאנקען־שפּליטערונג קען אפשר דאָ און דאָרט זיין אן אָפּ־גלאַנץ פון זיין אייגענעם פיהלען; זיין לעבען צווישען ים און יבשה האָט איהם געמאכט פאר א מענשען מעהרער אין זיך; אָבער שארף־בלאנקענדיגע אמת׳ן האָט ער ארויסגעזאָגט. וויליאם גרין דענקט ניט אין אזעלכע צוואוואָרפענע ביל־דער; ער דענקט מעהר דירעקט. ער קוקט מיט בדייט־צועפּענטע אויגען אויף דער ארבייטער באוועגונג פון יעדען לאנד באזונדער, און דערפאר איז ער נאָך זיכערער ביי זיך, אז וואָס איז שייך דער ארבייטער באוועגונג אין אמעריקא, דארף זי, און מוז, קודם כל ענטשפּרעכען די היסטאָרישע, סאָציאלע, און עקאָנאָמישע באדינגונגען פון אמעריקא.

און זי טוט עס.

אויף דריי וועגען דארף מען נאָכגעהן די אמעריקאנער ארבייטער באוועגונג, אום צו זעהן, וואס זי האָט מיט זיך פארגעשטעלט אין דעם יאהר, וואס פאר־שווינדט איצט.

מען דארף זעהן:

איהר ארבייט ארום זיך.

איהר באציהונג צו לאנד־פראגען.

איהר בליק אויף דער וועלט.

אויף וויפיל מ׳קען דאָס באטראכטען אין די ראהמען פון איין ארטיקעל, וועלען מיר זיך מוזען באנוגענען מיט קורצע שטריכען.

א וואונדערליכער שאפונגס־פּראצעס האָט זיך אָנגעהויבען אין דער אמערי־קאנער ארבייטער באוועגונג. די פיהרער־גרופּע פון דער אמעריקאן פעדערייישאָן אָף לייבאָר האָט זיך אלע מאָל אויסגעצייכענט מיט לערנען פון די ארומיגע אומ־שטענדען. דערפאר איז די אמעריקאן פעדערייישאָן אָף לייבאָר קיינמאָל ניט גע־שפּרונגען איבער זיך אליין. איצט האָט איהר פיהרער־גרופּע דערכאפּט דאָס גרעס־טע, דאָס וויכטיגסטע פּראָבלעם, וואס איז פאר איהר געשטאנען די לעצטע עט־ליכע יאהר; און זי מייסטערוועט ארום דעם מיט א מערקווירדיגער שאפונגס־לוסט — מיט אזא אינטעליגענץ, אז פריהער אדער שפּעטער וועלען מוזען זיין רעזולטאטען, און היסטאָרישע רעזולטאטען.

די לעצטע קאָנווענשאָן פון דער אמעריקאן פעדערייישאָן אָף לייבאָר האָט גערעדט וועגען א נייעם „ארגאניזאציאנס קאמפּיין". די, וועלכע קוקען אריין אין דער ארבייטער באוועגונג נאָר דורך צופעליגע פּרעס־באריכטען, מיינען אודאי, אז דאָס איז דער געוועהנליכער פליכטס־רוף צו די ניט־אָרגאניזירטע ארבייטער צו קומען אונטער׳ן דאך פון דער ארבייטער באוועגונג; אז דאָס איז אן „אָרגאני־זאציאנס־קאמפּיין", אויפ׳ן אלטען „סטייל", לויט דעם געוועהנליכען יוניאן־אגיטא־טאָרישען שניט. דאָס איז אָבער ניט אזוי. גרין לייגט אין דעם אריין א נייעם אינהאלט. עס איז אין איהם אן אומרוהע, און ער זוכט אן ענטפער אויף דעם פאקט, וואס מיט דעם גאנצען וואוקס און אויסגעשפּרייטקייט פון אמעריקאנער־

יוניאן־לעבען, מיט אלע גרויסע און קליינע יוניאן־קאמפען, און מיט די לאנגע רייהען
מארטירער, וואס די קאמפען האבען איבערגעלאזען אויף אלע וועגען, און אונטער
אלע בערג פון אמעריקא, זיינען בלויז פינף־זעקס אינדוסטריען געבליבען גהעריג
ארגאניזירט. מ׳קען זיי דאך איבערצעהלען אויף די פינגער — די בילדינג טרייד׳ס,
די אייזענבאהן און בכלל טראנספארט־ארבייטער, די קויהלען־גרעבער, די
פרינטינג־טריידס, די טעאטער־ארבייטער, און לאמיר שוין אויך צורעכענען אונ־
זערע נאדעל טריידס. עס זיינען א מאל געווען גוט ארגאניזירטע יוניאנס פון אלער־
ליי ארבייטער אין די מעטאל מיינס, וואס זיינען פון די גרויסע רייכטימער אין
דער אמעריקאנער ווירשטאפט. דאס איז געווען די אמאליגע „וועסטערן פעדע־
ריישאן אוו מיינערס“. אבער „ראדיקאלע“ מחלוקת, אויפ׳ן שטייגער ווי מיר האָ־
בען עס אין אונזערע אידישע יוניאנס, די דעמאגאגישע העצערייען פון דער „אי־
דאבעליו־דאבעליו“ האבען דיזע ארגאניזאציע צובראכען. עס איז בלויז געבלי־
בען א שאטען פון איהר. עס האט זיך אבער ביי דעם ארויסגעוויזען א מערקווירדיגע
לאגע. וועהרענד די „וועסטערן פעדעריישאן אוו מיינערס“ (איצט די „מיין, מילל,
און סמעלטערס יוניאן“) איז געבליבען א קליינער ארבייטער־פארבאנד, זיינען אבער
די ארבייטער ניט אינגאנצען צואווארפען געווארען. איבער די שטאאטען, וואס
בילדען דעם „מיינינג דיסטריקט“ פון גאלד, זילבער, און מעטאל אין אלגעמיין, זיי־
נען צושפרייט מאסען טרייד־און שטאט־לאקאלס, וואס זיינען איבער דעם „ראדי־
קאליזם“ אנטלאפען פון דער אלגעמיינער ארגאניזאציע, אבער זיינען געבליבען אר־
גאניזאציעס פאר זיך. זיי האבען זיך פארוואנדעלט אין האלב־יוניאנס, האלב־
פאראיינען מיט אנדערע אויפגאבען. הונדערטע ארבייטער־שטעטלאך זיינען דא
ארום די מעטאל־מיינס, און זיי זיינען כמעט הונדערט פראצענט ארגאניזירט,
אבער אהן א צובונד צו דער אלגעמיינער באוועגונג. זיי פיהרען זיך אן אייגע־
נעם, און אויך אן אינטערעסאנטען, ארגאניזאציאנס־לעבען. זיי האבען אייגענע
קאאפעראטיווען אויפ׳ן קאסום־געביט, אלס קויפער פון פראדוקטען, אלס בכלל
מענשען מיט מענשליכע באדירפענישע, ניט דוקא אלס פראדוצירער. פאראן אפילו
אין מאנכע שטעדטלאך קאנצערט־האלס און „מואווינג־פיקטשור“ הייזער, געפיהרט
קאאפעראטיוו. אין מאנכע שטעדטלאך געהען ארוים זייערע אייגענע צייטונגען,
מיט די ארבייטער ארגאניזאציעס אלס זייערע „שער־האלדערס“. זייערע קלובען
און ארבייטער־כארען זיינען מוסטערהאפט. זיין אין אזעלכע שטעדטלאך, מיינט
זיין אין ארבייטער־צענטערס, וואס שלאגען מיט אן אייגענארטיגען לעבען. עס
איז דאך פארשטענדליך, אז אין שטעדט ארום די מעטאל־גרובען זיינען אויך דא
אנדערע ארבייטער; בילדען אלזא אלע צוזאמען אן אייגענארטיגען צוזאמענגע־
גאסענעם לעבען מיט די פארשידענארטיגסטע ארבייטער־אינסטיטוציעס. פאר
וואס־זשע זאל מען ניט קענען זיי צוריק ארייננברענגען אין דער ארגאניזירטער אר־
בייטער באוועגונג, און דערמיט האבען אן אלגעמיינע ריזיגע מעטאל־מיין קערפער־
שאפט, אזוי ווי עס איז דא אן אלגעמיינע ריזיגע קוילען־מיין קערפערשאפט? אז
מען וואלט זיי געקענט צוציהען צו דער אלגעמיינער ארבייטער באוועגונג, האט
טיילווייז געוויזען זייער ספעציעלער אינטערעס צו די פארשטעהער פון מאנכע וועס־
טערן „סענטראל לייבאר יוניאנס“, וועלכע זיינען אין פארלויף פון לעצטען זומער

געקומען אהין מיט קאָנגרעס־און סטייט־קאָמיסיעס, צו רעגירונגס־פארהערען וועגען נייע באהן־ליניעס אין די נאָך לעדיגע וועסטערן שטאאטען.

אָבער דאָס איז נאָר אן איינצעל־שטריך אין דעם טראכטען פון גרין׳ס אדמיניסטראציע וועגען אויסבילדען די ארבייטער באוועגונג העכער, ברייטער, און טיפער. וואס איז שייך אריינציהען דאָס מעטאל־מיינער־לעבען אין דער ארבייטער באוועגונג שטיצט די אמעריקאן פעדערײשאָן אף לייבאָר דעם „זילבער ביל״, וואס ליגט איצט פאר׳ן קאָנגרעס. דער „זילבער ביל״ דארף ברענגען מעהר ארבייט, און א גרעסערען ארבייטס־פרייז פאר די ארבייטער ארום די מעטאל מיינס. די ארבייטער זיינען, פארשטעהט זיך, פאר דעם מיט לייב און לעבען, און אָפּשעצענדיג די דינסטע פון דער ארבייטער באוועגונג, וועלען זיי איהר באלוינען מיט ווערען קינדער פון איהר משפחה. עס איז אָבער דאָ נאָך א נייערע ווענדונג, וואס איז שייך פארגרעסערען די ארבייטער באוועגונג. די פיהרער־גרופּע פון דער אמעריקאן פעדערײשאָן אף לייבאָר שטודירט פלייסיג דעם נייעם גאנג פון אמעריקאנער אינדוסטריע, און זי זוכט מיטצוגעהן אין די נייע אָנגעצייכענטע טריט. די ערפאהרונג האָט איהר געלערנט, אז אין גרויסע אינדוסטריען, אין צעהנדליגע טריידס און אין הונדערטע פאבריקען אויף אלע וועגען פון אמעריקא, גרייכט ניט די געוועהנליכע יוניאן־אגיטאציע. די ארבייטער אין דיזע פאבריקען זיינען ניט אזעלכע „שקלאַפען״, אום צו ווערען פארכאַפּט פון א באפרייאונגס־ווארט. אין פילע אזעלכע טריידס, איז די ארבייטס־צייט ניט גרעסער, און דער „וויידזש־סטענדארד״ ניט קלענער, ווי עס איז אין מאנכע אָרגאניזירטע טריידס. נאָך מעהר — פארהאן אן אָרגאניזאציאנס־לעבען אין דיזע טריידס. זיי האָבען אלערליי ארבייטער־קלובען, און שאפּ־אָרגאניזאציעס. אין מאנכע פאבריקען רופען זיי זיך „טרייד קאונסעלס״, אין אנדערע „טרייד אסאָסיאיישאָנס״, און אין גאר אנדערע „טרייד קאָנגרעסען״. זיי האָבען פארטרעטער, „סעקשאָן־טשערלייט״ און „שאפּ טשערלייט״. און די פירמעס האנדלען מיט זיי ניט ערגער, ווי אנדערע פירמעס האנדלען מיט רעגעלע יוניאן פארטרעטער.

„קאָמפּאני יוניאנס״, אלזא — און עס איז א פּראָבלעם; אן אונגעהייערער פּראָבלעם, ווייל זיי פארשפרייטען זיך אלץ מעהר און מעהר. אזוי פיל זיינען זיי דאָ, און אזוי טיף זיינען זיי אריין אין די טריידס, און אזא פּלאַץ פארנעמען זיי אין׳ם פאבריק־לעבען, אז מ׳קען קוקען אויף זיי, ווי אויף א מין באוועגונג, ארויסגערופען פון ספּעציעלע אומשטענדען. זיי ווערען נאָך דערצו געשטארקט פון „גרופּען אינשורענס״, וואס פאבריקען פיהרען איין; פון „באָנוסעס״, וואס פאבריקען גיבען ענדע יאהר; פון „שערס״, וואס די „קאָרפּאָריישאָנס״ פון די פאבריקען פארקויפען, און דורך די שאפּ־אָרגאניזאציעס קריגט מען זיי פאר ביליגער.

קוקען אלזא אויף דעם מיט דעם אלט־מאָדישען בליק, אז דאָס איז א „רעאקציאנערע באוועגונג״, קינסטליך געשאפען פון בעלי־בתים, אום צו „פארטויבען די ארבייטער״ און זיי אָפּצוציהען פון רעגעלע יוניאנס, און פון „קלאסען־קאמף״, וועט עס אין ערגעץ ניט ברענגען. גיכער איז דאָס טאקע א מין „דעמאָקראטיזירונגס־פּראצעס״, וואס האָט זיך אָנגעהויבען אין אמעריקאנער אינדוסטריעלען לעבען, פאראורזאכט פון דעם גרויסען אויפשוואונג פון אמעריקאנער אינדוס־

טריע אויפ'ן וועלט־מארק. מאָדערנע עקאָנאָמיסטען, ווי פּראָפעסאר ריפּלי און פּראָ־
פעסאר קאמינס, וועלכע זיינען פריינד פון דער ארבייטער באוועגונג, און וואלטען
אין אייראָפּעאישע לענדער געהערט צו דער סאָציאַליסטישער אינטעליגענץ, ריידען
לעצטענס זעהר שטארק וועגען דיזען סאָרט „דעמאָקראַטיזירונג" פון אמעריקאנער
„קאפּיטאל". יעדענפאלס, איז זיכער, אז מיט אַן אָפּשפּרוך, אָדער מיט אַן „אַלטען
פּסוק" פון יוניאן־אַגיטאציע, אָדער מיט א קללה אויף די קאפּיטאליסטען, וועט מען
דאָ גאָר ניט העלפען. געהט אמעריקא איבער פון אַן אַגריקולטור לאַנד צו א האלב,
אָדער דריי־פערטעל אינדוסטריעלע לאַנד, ווי עקאָנאָמיסטען ווייזען, און דאָס לעבען
באשטעטיגט עס — דאַן מוז די אַרבייטער־באַוועגונג קריגען אַן אָנשפּאַר אין יעדער
אינדוסטריע וואָס גיכער; אַריינטראָגען איהרע צילען אין יעדען טייל פון אַן אינדוס־
טריע וואָס אינטעליגענטער; מיט איין וואָרט, געהן מיט איהרע אידעאַלען אין דעם
פולען פּראָצעס פון דער נייער אינדוסטריעלער ענטוויקלונג.

און דאָ האָט זיך פאר דער ארבייטער באוועגונג אויך באוויזען א נייע פּסי־
כאָלאָגישע ערשיינונג אין דער אמעריקאנער אינדוסטריע. אזוי ווי געטריבען פון
אַן אינערליכער קראפט בייט אינדוסטרי איהרע פּארוואלטונגען. דער נייער טיפּ
פיהרער פון אינדוסטריען, איז אַן אוניווערזיטעטס־מענש. ער האָט דורכגעמאכט
עקאָנאָמישע קורסען. ער האָט א ידיעה אין סאָציאַלע וויסענשאפט. די אוניווער־
זיטעטען מעגען זיך זיין „בורזשואזנע". אָבער אמת'ען ווערען דאָרט ניט דערשטיקט אינ־
גאנצען. א חוץ דעם, איז ביי דעם געבילדעטען אינדוסטרי־פיהרער א ברייטערער
לערנס־האָריזאָנט. ער קען „היומען נייטשור", ער רעכענט זיך מיט דער „מענש־
ליכער נאַטור". און דאָס איז ביי איהם א וויכטיגער פּונקט אין זיינע פּארוואלטונגס־
פּלענער. ער ווייסט, אז די ארבייטער בילדען א צד אין דער אינדוסטריע, און האָט
ברייטע און ווייטגעהענדע רעכטע, אלס א צד. ער דארף פּראָדוקציאָן, און ער וויל
אז די ארבייטער זאָלען נעמען אויף זיך פליכטען פאר דער אינדוסטריע, איז ער גרייט
זיי צו געבען רעכטע. ער זוכט ניט קיין פּראָפיט דוקא אויפ'ן חשבון פון אַרבייט,
נאָר גיכער אין דער פעהיגקייט פון ברענגען זיינע פּראָדוקטען אויפ'ן מארק. ער איז
אַלזא אַן אינדוסטריעלער פיהרער, מיט וועמען די ארבייטער באַוועגונג קען זיך באַ־
געגענען ביי א קאָנפערענץ־טיש, באשפּרעכען ארבייטער־פּראָבלעמען, און אויסברייי־
טען און באַפעסטיגען ארבייטער־רעכטע. די ארבייטער באוועגונג האָט אזוי געפונען
דעם וועג צוצוקומען צו דעם פּראָצעס פון אינדוסטריעלער ענטוויקלונג. און אין איהר
איצטיגען אָרגאַניזאציאָנס־קאמפּיין איז דאָ דער שטרעבען איינצושטעלען, דאָס, וואָס
מאָדערנע עקאָנאָמיסטען רופען „אינדוסטריעלע פּאַרלאמענטען".

דיזער נייער אינהאלט אין די וויטערע בוי־פּלענער פון דער אַרבייטער באַווע־
גונג איז אייגענטליך נאָר אַ באנייאונג פון דער ביז־איצטיגער מעטאָדע פון „קאָלעק־
טיוו בארגיינינג"; און די פיהרער־גרופּע פון דער אמעריקאן פעדעריישאָן אָף לייבאָר
באשטעהט אויף דעם, אז אזוי זאָל עס פארשטאנען ווערען; אָבער אזעלכע „באַ־
נייאונגען" איז דאָך יעדער נייער געדאנק. קיין צווייפעל ניט, אז דער אמעריקאנער
טרייד יוניאָניזם ווערט דאָ דערפרישט, שוין ניט צו ריידען פון דעם, וואס דערמיט
זוכט זיך אויף א לייזונג צוצוקומען צו די „קאמפּאַני יוניאָנס", און „טרייד אסאָסי־
איישאָנס". אַריינברענגען אין די ביז איצט נאָך ניט אָרגאַניזירטע אינדוסטריען אַזעל־

כע „אינדוסטריעלע פאַרלאַמענטען", מיט דער ארביטער באוועגונג אלס זייער היטערין, מיינט אויך אינדאַסטריאליזירען מעהרער די איינצעלנע פאך־יוניאַנס, כדי צו קענען אויפהאלטען די אינדוסטריעלע גאנצקייט אין די פאבריקען. דער שאפונגס־פראצעס אינ'ם אַמעריקאנער טרייד יוניאניזם פארנעמט זיך דאָ אויף ברייטע ליניעס.

א זינגענדיגע בלוט אין דער אמעריקאנער ארבייטער באוועגונג. עס קלאפט אין איהר אמעריקא'ס אויפשוואונג. ציהט זיך אין איהר אריין א נייער קלאנג, לאָזט זי קיין איין ביי־טאָן ניט פאַרפאַלען ווערען. איהר קלאַנג איז פול און גאנץ. אין אמעריקאנער פאבריקען איז אפילו דער שטויב א טייל פון דער אינדוסטרי. אין דעם טראכטען פון דער אמעריקאנער ארבייטער באוועגונג ווערט גענומען אין אכט יעדער געדאנקען־שפּליטער. מען זאָגט, אז אַמעריקאנער ארבייטער פיהרער זיינען ניט קיין טעאָרעטיקער. עס ווענדט זיך וואס מען רופט „טעאָריע". אויב „טעאָריע" איז צונויפגעזאמעלטע פּראקטיק, זיינען אמעריקאנער ארבייטער פיהרער גאָר גרויסע טעאָרעטיקער. זיי פארשרייבען ניט זייער צונויפגעזאמעלטע פּראקטיק אין ביכער, באנוצען זיי דאָס דערפאר מעהרער אין זייער טעגליכער ארבייט. זיי האָבען דערכאפּט די אינדוסטריעלע וועגדונגען און נייגונגען פון דער לעצטער צייט, האָבען זיי אויף זייער גאנג צו זיי דערזעהן, אז עס איז אויך נויטיג צו רעווידירען דעם אלטען לאָזונג:

„עי פעיר דעי'ס ווידזש פאָר עי פעיר דעי'ס וואָרק" — א גוטער טאָג פארדינסט פאר א גוטען טאָג ארבייט.

האָבען זיי דאָס געטאָן מיט א פולען באוואוסטזיין.

ברייט און גאנץ גענוי האט די אלגעמיינע פרעסע איבער'ן לאנד דיסקוטירט דיזען אויפטו פון דער לעצטער קאָנווענשאָן פון דער אמעריקאן פעדעריישאָן אָף לייבאר. אין די פינאנץ־זשורנאלען איז דאָס געווען די לעבעדיגסטע טעמא פון יאהר. איצט ווערט וועגען דעם דיסקוטירט אין די עקאָנאָמישע קורסען פון די סטייט אוניווערזיטעטען. ניטא מעהר דער אלטער לאָזונג. איצט הייסט שוין —

„ווידזשעס פון ארבייטער זאָלען זיין לויט דעם ווערטה, וואס אן אינדוסטרי שאפט און פארמאָגט."

אין א ברייטען זינען נעמט עס ארום אלץ. ארבייטס־צייט און ארבייטסלאָזיגקייט. דאָס פּראבלעם פון באַרייכערען אינדוסטריען מיט מאשינען און ארבייטער זאָלען דערפון ניט ליידען, דאָס שטייגען און פאלען פון לעבענס־קראפט, און בכלל די פּראדוקציאנס־קראפט און קויף־קראפט אין לאנד.

די אמעריקאנער ארבייטער באוועגונג געפינט אלע מאָל איהרע ווערטער, און דערפאר שרעקט זי זיך ניט צו שטעלען איהרע טריט. אזוי אוועקשטעלען די ווידזש־פראגע האט געווים איז זיך א סאָציאליסטישע אויפפאסונג; וויליאם גרין האט אבער וועגען דעם דיסקוטירט מיט פיהרער פון מאנכע אינדוסטריען איז טערמינען פון אמעריקאנער לעבענס־סטענדארדס, און ווען מען האָט איהם געפרעגט —

„איז דאָס ניט א צו־ראדיקאלע אויפפאסונג?"

האָט ער געענטפערט:

„דאס איז א קאנסערוואטיווע אויפפאסונג, ווייל דאס ענטשפרעכט די לעבענס-פראקטיק."

אזא „קאנסערוואטיזם" איז א געבענשטער און די ארבייטער באוועגונג מעג מיט איהם געהן אומעטום.

און זי געהט טאקע. די אמעריקאן פעדערייישאן אף לייבאר זוכט צו ווירקען, אז האנדעלס-מיניסטער הואווער זאל צונויפבערופען א גרויסען אינדוסטריעלען קאנ-פערענץ, כדי אלע אינדוסטריען פון לאנד זאלען זיך באקענען מיט איהרע נייע אויפ-פאסונגען און נייע טריט. ווי יעדע געזונטע ארבייטער באוועגונג פון א לאנד, איז די אמעריקאן פעדערייישאן אף לייבאר ניט געוואוינט צו וואַרימען איהרע רע-זאלוציעס אין ענגע דיסקוסיאנס-צימערלאך. זי טראגט זיי ארויס אין דער ברייטער וועלט. ווען די ארבייטער באוועגונג אין ענגלאנד האט מיט א פאר יאהר צוריק, גלייך נאך דער מלחמה, געזוכט פאפולער צו מאכען דאן נייע „פאליסים" פאר איהר, האט זי געזוכט אזא אינדוסטריעלען קאנפערענץ דורכ'ן ענגלישען פארלא-מענט. אין אמעריקא איז די עפענטליכע מיינונג אפט מעהר ארומגערינגעלט ארום א קאבינעט-מיטגליד, ווי ארום דעם קאנגרעס. די אמעריקאנער ארבייטער בא-וועגונג געהט אין אמעריקאנער שריט...

דאס זיינען אלץ שטריכען פונ'ם איצטיגען אויסזעהן פון דער אמעריקא-נער ארבייטער באוועגונג, וואס איז שייך איהר ארבייט ארום זיך; אבער דאס בילד וועט ניט זיין גאנץ, ווען מען זאל אויסלאזען די אטמאספערע פון אינטעליגענץ, וואס די ארבייטער באוועגונג זוכט ארום זיך צו שאפען. די אטמאספערע שאפט זיך אייגענטליך פון זיך אליין. עס קומט פאר א געגענזייטיגע דערנעהנטערונג פון דער אינטעליגענץ צו דער ארבייטער באוועגונג, און פון דער ארבייטער באוועגונג צו דער אינטעליגענץ. ביידע ווערען געטריבען פון אומשטענדען — ווידער כא-ראקטעריסטיש-אמעריקאנישע.

ווען די ארבייטער באוועגונג האט געמוזט אויף א פרימיטיווען שטייגער שרייען צו די הימלען נאך גערעכטיגקייט, איז געווען גענוג די מאסען-פלאטפארמע מיט'ן מאסען-אגיטאטאר. עטליכע דורות-לאנג האט אזוי אנגעהאלטען. די ארבייטער בא-וועגונג האט זיך געריסען סיי צו דער אינדוסטרי, און סיי צום געזעלשאפטליכען לע-בען, אזוי ווי די פיאנירען האבען זיך געריסען אין די אמעריקאנער נאטור-וויל-דערנישען. און פונקט ווי די „קאווערד-וועגאן"-פאמיליען, אנגעקומענע פון אלע לענדער פון דער וועלט, האבען געמוזט בראדזשענען איבער טייכען, און מיט די הענט רייסען בערג, אזוי האט די אמעריקאנער ארבייטער באוועגונג, אין א צוזא-מענשטעל פון אלערליי נאציאנאליטעטען, געמוזט זיך שלאגען מיט פויסטען, אום צו דערגרייכען פאזיציעס. די אמעריקאנער ארבייטער באוועגונג האט דערפאר גע-האט א ספעציעלע פארב. זי איז געווען „טעראריסטיש", ווייל דער אויפגעקומענער קאפיטאל האט איהר באגעגענט מיט דינאמיט. זי איז געווען די „פראלעטאריש-סטע" ארבייטער באוועגונג צווישען אלע ארבייטער באוועגונגען פון דער וועלט, ווייל צוליב איהר שטענדיגען שלאכטפעלד-לעבען האט זיך ארום איהר קיין אינטע-ליגענץ ניט געדרעהט. די אויפגעקומענע אינטעליגענץ אין אמעריקא, די כאראק-

טעריסטישע קאַלעדזש־אינטעליגענץ, סיי די פּראָפעסיאָנעלע, און סיי די מעהר גייס־
טיגע, האָט געקוקט אויף די ארבייטער, ווי אויף „שלים־מזל׳ס", וואס קענען זיך ניט
„ארויפארבייטען". די ארבייטער האָבען דערפאר ניט געהאט קיין צוטרויען צו
דער אינטעליגענץ, און געזוכט אליין צו זיין אפילו די קאָמאַנדירען פון זייערע
מלחמות. אָבער אַ בענקשאַפט נאָך מענשען פון גייסט, אַ ציהען־זיך נאָך קול־
טורעלע פיינקייט, איז אין דער ארבייטער באוועגונג אַלע מאָל געווען. איינע פון די
אורזאכען, פאר וואס גאָמפּערס׳עס וואָרט איז אָפט געווען אַ געזעץ פאר אַלע טיי־
לען פון דער ארבייטער באוועגונג, איז געווען זיין אונערמידליך שטודירען, זיין
פאָרשען, זיין שטענדיגער פיינערען פון זיין אייגענעם גייסט, און זיין זוכען אַ קול־
טור־אטמאָספערע פאר זיינע חברים ארום איהם. ער האָט קיינמאָל מיט דעם ניט
פּאראדירט, אָבער די ארבייטער באוועגונג איז געווען גרייט צו נעמען אַלץ, וואס
ער זאָגט, ווייל —

„סעם וויסט" — דאָס איז געווען דאָס ווערטעל, וואס איז געגאַנגען
פון אויער צו אויער פון יעדען, וואָס האָט געאָטעמט אויפ׳ן ארבייטער־שלאַכטפעלד
פון אמעריקא.

„סעם וויסט" — די ארבייטער באוועגונג האָט אימער געשטרעבט צו
דער צייט, ווען „וויסען" זאָל זיין דער גרויסער עמבלעם אויף איהר פאָהן.
און ווען די ענטוויקלונג פון אינדוסטריעלען לעבען האָט געבראַכט דערצו, אַז אַר־
בייטער־פאָדערונגען זאָלען זיין באגלייט מיט עקאָנאָמישער פאָרשונג, און אויך דער־
צו, אַז די אינטעליגענץ זאָל אין דער ארבייטער באוועגונג דערזעהן אַ געזעלשאַפט־
ליכע קראַפט, האָבען די יוניאָנס געעפענט טיר און טויער פאר מענשען מיט קולטור.

עס איז ניט געווען קיין צופאַל, וואָס קאָנווענשאָנס פון דער אמעריקאַן פעד־
דערײשאָן אָוו לייבאָר האָט זיך אָנגעהויבען באשעפטיגען מיט בילדונגס־פּראָבלע־
מען, און וואָס די געגרינדעטע „לייבאָר עדיוקיישאָן ביוראָ" איז געווארען אַן אָרגאַ־
נישער טייל, אַ דעפּאַרטמענט צווישען אנדערע דעפּאַרטמענטס, פון דער אמעריקאַן
פעדערײשאָן אָוו לייבאָר. וויליאם גרין האָט אין פאַרלויף פון יאָהר באַזוכט אַ רייהע
אוניווערזיטעטען האַלטענדיג לעקציעס פאר סטודענטען פון עקאָנאָמישע קורסען; די
ווירקונג איז געווען, אַז די דעבאַטאַנטען־גרופּען (דעבייטינג טיעמס), וואס איין או־
ניווערזיטעט שיקט צו אַ צווייטען, האָבען אָנגעהויבען נעמען ארבייטער פראַגען, אַלס
אַ טייל פון זייערע טעמעס. די העכערע אינטעליגענץ פון איהר זייט איז אויך ניט
געזעסען לעדיג. עס האָט זיך געשאַפען אַ גאַנצע שוהלע אויפ׳ן געביט פון גע־
שיכטע פון דער ארבייטער באוועגונג, און פון עקאָנאָמישע פאָרשונגען אין איינקלאַנג
מיט טאָג־טעגליכע פאַסירונגען אין דער ארבייטער באוועגונג. אַ שוהלע שאַפט זיך
אויך ארום די פאָרשונגען פון יוניאָן־אגרימענטס אין פאַרשידענע טריידס. דיסער־
טאַציעס פון סטודענטען איבער פּראָבלעמען אין דער ארבייטער באוועגונג מיט אַן
אויסבליק דערמיט צו גראַדואירען זייערע שטודיומס זיינען געווארען אַן אָפטע ער־
שיינונג. די צאָהל פון „לייבאָר עקספּערטען" ארום די קאָלעקטיווע אגרימענטס
צווישען יוניאָנס און פאַבריקאַנטען וואַקסט און וואַקסט. זיי ברענגען אריין אַ
נייעם קאָליר אינ׳ם יוניאָן־לעבען. ווען דזשאָהן מיטשעל האָט אין יאָהר 1902
אונטערגענומען דעם ערשטען גרויסען קאַמף פון די קויהלען־גרעבער אויף די „האַר־

טע" קויהלען-פעלדער פון פענסילוויינא, האט ער געזוכט מיט ליכט הילף פון דער אינ־טעליגענץ. עס איז וועגען דעם דא א כאראקטעריסטישע געשיכטעלע. סעמועל גאמפערס איז דאן עטליכע טעג געלעגען אין דער קאנגרעס-לייברערי פון וואשינגטאן; איז ניט ארויס פון דארטען אויף א מינוט; האט ניט געגעסען; איז געלעגען איבער ביכער וועגען מאין-פראבלעמען און האט אזוי צוזאמענגעשטעלט א ליסטע פון ארגומענטען צו באקרעפטיגען די יוניאן-פאדערונגען; און די אנגעזאמעלטע פאקטען פון א טאג פארשונגען, פלעגט מיטשעל, וואס איז געווען אין די מיינער-שטעדטלאך פון פענסילוויינא, איבערנעמען ביי איהם, ביינאכט, דורך א „לאנג-דיסטאנס"-טעלעפאן. איצט, ווען דזשאהן לואיס פיהרט די מיינער-סטרייקס אויף דיזעלבע קויהלען-פעלדער, אין יאהר 1925, זיינען שוין דא ארום איהם גענוג אינטעלעקטועלע קרעפטען. לואיס אליין, און מיט איהם א גאנצע רייהע ארבייטער פיהרער, האבען זיך ערווארבען א סך וויסען, און בילדען אן ארבייטער אינטעליגענץ. אין די אייזענבאהן יוניאנס זיינען אמאל בלויז לאיערס געווען זייערע אינטעליגענטע ווארט-פיהרער. איצט איז די קולטור-אטמאספערע א פיל ברייטערע. שוין דער פאקט, וואס אין די זשורנאליסטישע קלאסען פון מאנכע אוניווערזיטעטען גיט מען א ספעציעלען קורס אין ארבייטער-זשורנאליזם רעדט א סך. דערצו האט זיך אין פארגאנגענעם יאהר אויך ארויסגעוויזען דאס פאלגענדע:

די אידעאליסטישע ליבעראלע אינטעליגענץ, וואס האט אין דער ווילסאן־אדמיניסטראציע געשפילט א גרויסע פאליטישע ראלע, ספעציעל אין די מלחמה־יאהרען, איז ניט געבליבען אהן א באווירקונג פון דער ארבייטער באוועגונג, וואס איז אויך דאן אין פאליטישען פראנט געשטאנען. דער רעפארמער-טיפ פון פרעדריק האו, און די גרופע, וואס זוכט נאציאנאליזירטע אינדוסטריען אין אמעריקא, און איז געווען ארומגערינגעלט ארום גלין פלאמב, אזוי גוט, ווי די איריש-אמעריקאנישע אינטעליגענץ, וואס האט אין די מלחמה יאהרען אנגעפיהרט א פארצווייגטע איריש-נאציאנאליסטישע באוועגונג אין אמעריקא — דיזע אינטעליגענץ איז נאך דעם צוזאמענברוך פון דער ווילסאן אדמיניסטראציע אוועק צו א נאך-מעהר פאליטיש-פראגרעסיווען צירקעל. ענטוישט אין לאנד-פאליטיק, האבען זיי געוואנדערט מיט רעפארם-אידעען אין שטאדט-און שטאאט-פארוואלטונגען. די לא־פאלעט-באוועגונג, פאר א יאהרען, האט זיי ווידער א ציה געטאן צו לאנד-פאליטיק. איצט ריידען זיי מיט א באזונדער אפענהערציגקייט, אז די ארבייטער באוועגונג איז די איינציגע קאנסטרוקטיווע קראפט, וואס איז ווערט זייער טרוים און זייער טאט, זייער מיטשטרעבען און זייער מיטארבייטערשאפט. ביי די קאנפערענצען, וואס זיינען אין פארלויף פון זומער געהאלטען געווארען אין א רייהע וועסטערן שטאאטען וועגען פראבלעמען ארום די נאך ניט ערשעפטע נאטור-רייכטימער אין דער וועסט, זיינען זיי געגאנגען האנט אין האנט מיט די יוניאן-פארשטעהער. ווען די אנגעזעהענע פון דיזער אינטעליגענץ זיינען זומער געלאדען געווארען צו דעם קאנגרעס פון פאסיפישען אינסטיטוט, וואס איז פארגעקומען אין האנאלולו, האבען זיי פאר'ן פאהרען אהין, געהאט באראטונגען מיט „סענטראל לייבאר יוניאנס" וועגען די ארבייטער פראבלעמען אויפ'ן פאסיפיק קאוסט; אויך וועגען דער שטעלונג פון דער ארבייטער באוועגונג צו פאלקס באוועגונגען אין אריענט. זיי האבען

נאָכדעם דורכגעפיהרט ביים אינסטיטוט, אז ארבייטער־דעלעגאטען זאָלען זיין די אויטאָריטעטען איבער ארבייטער פּראָבלעמען. עס איז אזוי אויך געקומען צו דעם, אז די ווענדונג פון וויליאם גרין צו פּרעזידענט קולידזש, ווענען כינא, וואס איז געווען דורכגעדרונגען מיט א ברידערליכען גייסט צום כינעזישען פאָלק, און וואס האט געאָטעמט מיט פּראטעסט געגען אימפּעריאליזם, איז פונ׳ם פּאסיפישען אינ־סטיטוט געשטיצט געווארען — און ביים קאָנגרעס פון פּאסיפישען אינסטיטוט זיינען געווען וויכטיגע פּערזענליכקייטען פון דער אינטעליגענץ פון א רייהע לענדער אויפ׳ן אָריענט.

קיין צווייפעל ניט, אז עס וועבט זיך א ברייטע קולטור־אטמאָספערע ארום דער אר־בייטער באוועגונג — און ביידע וועלען פון דעם פּראָפיטירען; די אינטעליגענץ וועט האָבען א געזונטען באָדען פאר איהר גייסטיגען זאָמען, און די ארבייטער באוועגונג וועט האָבען דורך וועמען צו טרוימען איהר וועלט־טרוים...

צוויי ארויסטרעטונגען כאראקטעריזירען די שטעלונג פון דער ארבייטער־באַ־וועגונג צו די נאַציאָנאַל־פּאָליטישע פראגען אין לאַנד.

איינס — איהר קלאָרער וואָרט ווענען דעם אנטי־טראָסט געזעץ. אין דעם האָט די ארבייטער־באוועגונג א פּראקטישען מאָמענט־שטאנדפּונקט, און א היסטאָרישען שטאנדפּונקט. די ארבייטער־באוועגונג איז דערפאר, אז דער אנטי־טראָסט געזעץ זאָל בטל ווערען. אויסער, וואָס ער פאלט אויך שווער אויף יוניאנס, און אויך יוניאנס ווערען אָפּט אָנגענומען פאר „טראָסטס" פון סחורה (די ארבייטס־קראפט פון די ארבייטער), און מיט דעם שפּייזען זיך „אינדזשאָנקשאָנס", און דער סופרים־קאָורט קען האלטען קאָנפיסקירט יוניאָן־אייגענטום, ווייל די ארבייטער־באוועגונג זעהן א פרייען שפּיל פון קרעפטען אין אינדוסטריע און אין האנדעל. די ארבייטער־באוועגונג האָט א טיפען גלויבען אין זיך. זי גלויבט, אז איהרע צילען זיינען אזעלכע אלגעמיין־מענשליכע, און איהרע שטרעבונגען זיינען אזוי וויט־געהענד פאר׳ן אלגעמיינעם פאָלקס־וואוילזיין, אז אָהן רעגירונגס־אריינמישונג וועט זי, מיט דער הילף פון פאָלקס־באוועגונגען, קענען באמת צאהמען די אפּעטיטען פון די טראָסטס. א חוץ דעם, זיינען טראָסטס א „נאטירליכע" ערשיינונג אין דער איצטיגער גרויס־קאפּי־טאליסטישערווירטשאפט, און דער געזעץ העלפט סיי־ווי ניט. דיזע שטעלונג פון דער ארבייטער באוועגונג איז, פארשטעהט זיך, נאָר איין טריט אין איהר אלגע־מיינעם פּראָגראם פאר מעהר פרייהייט און ווייניגער קאָנצענטרירטע געזעץ־הערשאפט. ביי די פארהערען פון די קאָנגרעס־קאָמיסיעס לאָזט די ארבייטער באַ־וועגונג ניט דורך קיין געלעגענהייט צו לאָזען וויסען איהר שטאנדפּונקט. און מיר קומען דאָ צו א צווייטען וויכטיגען שריט.

עס איז געפאלען דער גורל אויף דער ארבייטער באוועגונג צו ווערען די באַ־שיצערין פון די דעמאָקראטישע אינסטיטוציעס אין לאַנד.

די פּאָליטיש־פּראָגרעסיווע באוועגונג, וואס ווערט אָפּט אָנגערופען „לאפאָלע־טיזם", אָבער וואס איז אין דער אמת׳ען אן אלגעמיין־פרייהייטליכער שטראָם ווענען פונדאמענטאלע פראגען, גיט שטארקע קלעפּ דעם אמעריקאנישען „קעניג", דעם סופרים קאָורט. אין דער באוועגונג פאר וואס־ווייניגער מאכט דעם סופרים־קאָורט,

און וואס מעהר מאכט דעם קאנגרעס, איז די ארבייטער באוועגונג אימער געווען אין דער פאדערשטער רייהע. דער לאפאלעט-קאמפיין איז אויך געווען געפיהרט אויף דיזער ליניע. עס האט זיך דערפאר פון רעאקציאנערען לאגער אנגעהויבען א פראצעס צו אטאקירען דעם קאנגרעס, אויסלאכען איהם, און אזוי פאר'מיאוס'ען איהם אין די אויגען פון די פאלקס-מאסען. דער רעאקציאנערער לאגער האט זיך דא גענומען צו א הויך-דעמאגאגישען מיטעל. וויסענדיג, אז די פאלקס-מאסען זיפצען אפט דורך די האנדלונגען פון קאנגרעס, האט ער איהם גענומען אטאקירען אין נאמען פון די פאלקס-מאסען. איז דא געקומען די ארבייטער באוועגונג מיט א געשריי: „ניין! אונז מעג טאקע ניט געפעלען זיינע האנדלונגען, אויך ניט זיינע „רולס", אבער דער קאנגרעס איז די דעמאקראטישע אינסטיטוציע פון לאנד, און אלס דעמאקראטישע אינסטיטוציע טאר ער ניט פאר'מיאוס'ט ווערען."

מיט אזא רעזאלוציע אנגענומען ביי דער לעצטער קאנווענשאן פון דער אמערי-קאן פעדעריישאן אוו לייבאר, האט די ארבייטער באוועגונג געוויזען, אז זי לאזט זיך ניט אפנייגען פון איהרע אידעאלען פאר דעמאקראטיע.

דעמאקראטיע אין ברייטסטען אויסטויש און טיפסטען זינען, איז דער אויס-גאנגס-פונקט פון דער גאנצער פילאזאפי פון דער אמעריקאנער ארבייטער באוועגונג. דאס באשטימט ניט נאר איהר אייגענעם לעבענס-אינהאלט, און איהרע באציהונגען צו לאנד-פראגען, נאר אויך איהר אינטערנאציאנאלע פאליטיק. די אמעריקאן פעדע-ריישאן אוו לייבאר, כאטש איינע פון די גרינדערס פונ'ם אמסטערדאמער אינטער-נאציאנאל, איז זי פון איהם ארויסגעטראטען. די אמעריקאן פעדעריישאן איז לייבאר וויל אין א טרייד יוניאן אינטערנאציאנאל האבען דיזעלבע פרייהייט, וואס זי גיט אירע אייגענע טיילען. ווען דער עקזעקוטיוו קאונסיל פון דער אמעריקאן פעדעריי-שאן אוו לייבאר באשליסט, צום ביישפיל, געגען „פארטייאישע פאליטיק", און געגען א לייבאר פארטיי, אינדארסירט די אינטערנעשאנעל לידיס גארמענט ווארקערס יוניאן די סאציאליסטישע פארטיי, און ארבייט פאר א לייבאר פארטיי — און די אינטערנעשאנאל ווערט דערפאר ניט צענזורירט. די אמעריקאן פעדעריישאן אוו ליי-באר וויל אזא פרייהייט אין אן אלוועלטליכען ארבייטער פארבאנד. די אלע רייד, אז די אמעריקאן פעדעריישאן אוו לייבאר האט מורא פאר'ן סאציאליזם פון אמ-סטערדאמער אינטערנאציאנאל, זיינען ניט מעהר ווי פלאפלעריי. אויף וויפיל דער אמסטערדאמער אינטערנאציאנאל האט געוואלט ארויפצווינגען אויף דער אמעריקאן פעדעריישאן אוו לייבאר אייראפעאיש-סאציאליסטישע דעקלאראציעס, האט זיך די אמעריקאן פעדעריישאן אוו לייבאר ענטזאגט זיי אנצונעמען. זי וואלט זיך אבער-פונקט אזוי ענטזאגט אנצונעמען, ווען דער אמסטערדאמער אינטערנאציאנאל וואלט געזוכט אויף איהר ארויפצווינגען באלשעוויסטישע, אדער פאשיסטישע רעזאלוציעס. אינטערעסאנט איז, וואס די ארגאניזאציאנס-פארם און די עקזעקוטיוו-רעכטע פונ'ם סאציאליסטישען אינטערנאציאנאל זיינען קלעהרער און צוגענגליכער פאר אמעריקאנער ארבייטער פיהרער, ווי די ארגאניזאציאנס-פארם און עקזעקוטיוו-רעכטע פון אמסטערדאמער אינטערנאציאנאל.

אויסער גרינ'ס ווענדונג צו קולידזש'ן ווע:ען כינא, האט די אמעריקאנער אר-

בייטער באוועגונג גערעדט אינטערנאציאנאליסטיש וועגען אמעריקא׳ס מאהנען די מלחמה־חובות פון אייראפעאישע לענדער. איהר שטאנדפונקט איז געווען עקאנאמיש געזונט, און אין איינקלאנג מיט די בעסטע אינטערעסען פון די אייראפעאישע פעלקער. פאראורזאכען גרויסע שטייערען אויף די אייראפעאישע פעלקער מיינט הרג׳ענען דעם אייגענעם אמעריקאנישען האנדעלס־מארק, וואס דארף א גרעסערע קויף־קראפט ארום זיך; גרויסע שטייערען אין די אייראפעאישע לענדער מיינט בכלל האלטען די פעל־קער צודריקט און צושלאגען. פאר פארעפענטליכען איהר שטאנדפונקט, אין דער צייט, ווען דא איז געווען די פראנצויזישע קאמיסיע, און נאכדעם, ווען דא איז געקומען די איטאליענישע קאמיסיע, און אויך אין דער צווישען־צייט, ווען אין וואשינגטאן זיינען געווען די אינטערפארלאמענטארישע זיצונגען, פארדינט די אמע־ריקאן פעדערייזשאן אוו לייבאר א ספעציעלען קאמפלימענט.

די אמעריקאנער ארבייטער באוועגונג איז געווען און איז איצט פון די כוחות אין לאנד, וואס שטעהען פאר אמעריקא׳ס אנשליסונג אן דער „ליג אוו ניישאנס". זי איז אפילו גרייט צו שטיצען קולידזשעס „וועלט־געריכט", אבי אמעריקא זאל ניט שטעהן אפגעזונדערט פון די איצטיגע פרידענס־שטרעבונגען פון דער וועלט. אבער איבער אלץ, איבער וואס די אמעריקאנער ארבייטער באוועגונג רעדט, איז עס מיט א ׳שטים, וואס קומט פון א פרייער ארבייטער־הארץ; אומעטום זוכט זי דעם אר־בייטער־אינטערעס. דערפאר, וואס זי קוקט אויף דער וועלט דורך איהרע אייגענע פענסטער, דורך איהר היים, דורך אמעריקא׳ס אויסשפרייטונג איבער׳ן וועלט־מארק, מיינען מאנכע, אז דאס איז א מין „נאציאנאליזם" ביי איהר, אדער אן „ענגער פראקטיציזם". מען וואלט עס געקענט זאגען, ווען די אמעריקאנער ארביי־טער באוועגונג וואלט געהאט אויף איהר געוויסען יענעם אימפעריאליזם, וואס אפילו די ארבייטער באוועגונג פון ענגלאנד איז ניט פריי פון איהם. ניט דורך דעם, וואס מען זעהט אן אויס־געשטרעקטע ברודער־האנט צו ווייטע לענדער, זאל מען אורטיילען דעם אינטערנאציאנאליזם פון אן ארבייטער באוועגונג, נאר דורך דעם, ווי זי בא־האנדעלט לענדער ביי איהרע גרענעצען, וועלכע מוזען אנקומען צו איהר טיש. די אמעריקאן פעדערייזשאן אוו לייבאר האט דורכ׳ן יאהר ניט נאר אנגענומען א דעקלא־ראציע וועגען טרייד־יוניאן אויפלעבונג אין אינדיען, וואס דאס איז אפשר מעהר אן ענין פאר דער ארבייטער באוועגונג אין ענגלאנד, נאר וואס איז שייך לענדער מעהרער ביי די ברעגען פון פאסיפישען ים, האט זי קודם כל פארשטארקט איהר ברודער־בונד מיט די סאוט און סענטראל אמעריקאנער רעפובליקען. די אמעריקאנער ארבייטער באוועגונג קוקט דורך איהרע אייגענע פענסטער, ניט דערפאר, ווייל זי וויל זיין מיט זיך, נאר דערפאר, ווייל אזוי זעהט זי בעסער וואוהין אמעריקאנער קאפיטאל פארנעהמט זיך, און זי ווייסט באלד וואס צו טאן אין די אינטערעסען פון די קרבנות פון אמעריקאנער קאפיטאל. עס איז אלגעמיין באקאנט, וואס פאר א קראפט די אמעריקאן פעדערייזשאן אוו לייבאר איז געווען און איז איצט, פאר דעם אויפבוי, און פאר דעם ווייטערען בויען, פון א פרייער מעקסיקא. אזא באציהונג איז דורכ׳ן יאהר אויך געווארען צווישען דער אמעריקאן פעדערייזשאן אוו לייבאר און האאיטי און סאנטא דאמינגא. מיט מעקסיקא, אלס א טיר צו א נייער וועלט, האט די פאראייניגטע שטאאטען דערזעהן א נייע פעלד פאר עקספלואטאציע. אמע־

ריקאנער מיליטערישע עקספעדיציעס האבען זיך גענומען באווייזען אין האיאיטי און סאנטא דאמינגא, וואו מען קען קולטיווירען טויזענטער פלאנטאציעס. דורך דער פאן-אמעריקאן פעדערייזשאן אוו לייבאר האט צו דער אמעריקאנער ארבייטער באוועגונג דערגרייכט דער קרעכץ פון האיאיטי און סאנטא דאמינגא. מיט דעם איז געקומען דער הארצענס-ציטער פאר דער געשיכטע פון דיזע רעפובליקען — א געשיכטע, וואס איז רייך מיט געפייניגטע פאלקס-העלדען, ווען אלטע ענגלישע און אלט-שפאנישע דיקטאטארס האבען דארטען געהערשט; און רייך מיט דראמא, ווען שווארצע שקלאפען דארטען, האבען אין נאפאלעאנ׳ס צייטען, באפרייאונגס-מלחמות מיט פראנצויזישע הערשער געפיהרט. און די אמעריקאן פעדערייזשאן אוו לייבאר האט גלייך געענטפערט ברידערליך און בראוו. דער ספעציעלער צוזאמענקונפט פון אלע ארבייטער באוועגונגען פון די פאן-אמעריקאנער רעפובליקען, וואס גרין האט צונויפגערופען אין מאנאט אויגוסט אין וואשינגטאן, האט געבראכט רעזולטאטען. דער וואשינגטאנער סטייט דעפארטמענט ווייסט, אז א ווארט פון דער געביידע פון דער אמעריקאן פעדערייזשאן אוו לייבאר אין באצוג צו די סאוט און סענטראל אמעריקאנער רעפובליקען איז א ווארט פון די פעלקער דארטען.

אפילו איהר אימיגראציאנס-„פאליסי" ציהט אוים די אמעריקאן פעדערייזשאן אוו לייבאר לענגער און ברייטער, ווען עס קומט צו מעקסיקא און אנדערע סאוט און סענטראל אמעריקאנער רעפובליקען. דורכ׳ן יאהר איז וועגען דעם געשאפען געווארען א ספעציעלע געמיינשאפטליכע קאמיטע פון דער ארבייטער באוועגונג אין מעקסיקא און דער ארבייטער באוועגונג אין די פאראייניגטע שטאאטען. איך האב אלע מאל געהאט א געפיהל, אז די אידישע ארבייטער באוועגונג וואלט זיך געקענט לייכט צונויפרעדען מיט דער אמעריקאנער ארבייטער באוועגונג וועגען אידישער אימיגראציע; נאר די אידישע ארבייטער באוועגונג דיסקוטירט נאך היינט צו טאג, צי די אמעריקאנער ארבייטער באוועגונג איז אן ארבייטער באוועגונג. מ׳האט עס דיסקוטירט מיט 25 יאהר צוריק, און מ׳דיסקוטירט עס היינט. די אמעריקאנער ארבייטער באוועגונג, פארשטעהט איהר מיך, פארגרייזט פסוקים פונ׳ם ארבייטער-חומש, וועלכען די אידישע ארבייטער באוועגונג האט געלערענט... און עס איז דאך שוין אן אלטער כלל, אז אונזער „חומש" איז דאס גרעסטע, און דאס העכסטע, פאר אלע צייטען און אלע דורות, פאר אלע לענדער און אלע פעלקער...

מיט וויליאם גרין ביים רודער, האט זיך די אמעריקאנער ארבייטער-שיף ניט פאראנקערט אויף א מינוט, ווען די נאכט האט איהר אלטען קאפיטאן צוגענומען. כוואליעס ווארפען און שלאגען; ווינטען שרייען און ברומען; אבער די שיף געהט און געהט — — —

די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי אין 1925

פון וויליאַם מ. פייגענבוים

דאָס יאָהר 1925 איז פאר דער סאָציאַליסטישער פּארטיי געווען א יאָהר פון חשבון הנפש מעהר ווי א יאָהר פון אמת'ע דערגרייכונגען.

דאָס מיינט ניט, אז די סאָציאַליסטען האָבען פארנאַכלעסיגט די פּראפּאגאנדע ארבייט פאר די וואהלען, די בילדונגס ארבייט צווישען די וואהלען, אדער קאָאָפּעראציע מיט די אָרגאַניזירטע ארבייטער אין זייערע קאמפען אנטקעגען דעם קלאס בעלי בתים.

דאָס מיינט אבער יע, אז מעהר ווי אין פאָריגען יאָהר האָבען די סאָציאַליסטען פארווענדט זייער ענערגיע אויף אנדערע טעטיגקייטען, חוץ פּראפּאגאנדע.

עס איז, פארשטעהט זיך, געטאָן געוואָרען גענוג פּראָפּאַגאנדע ארבייט. גענאָסע דעבס האָט געפייעט זיין 70טען געבורטסטאָג, און דעם 50-יאָהריגען יובילעאום פון זיין טעטיגקייט אין דער ארבייטער באוועגונג, און געפייערט האָט ער דאָס מיט איינעם פון די גרעסטע פּראפּאַגאנדע טורס זיינע איבער'ן לאַנד.

וואו נאָר עס זיינען געווען וואהלען, האָבען די גענאָסען ענערגיש געארבייט. די אָרגאַנייזערס זיינען געווען אין אַלע טיילען פון לאַנד און האָבען אומעטום אָנגעפיהרט פּראָפּאַגאנדע ארבייט. עס זיינען געמאַכט געוואָרען פּלענער פאר א גרויסער סאָציאַליסטישער טעגליכער ציימונג.

די פארשידענע נאַציאָנאַלע סעקציעס פון דער פארטיי, באזונדערס דער אידישער פארבאנד און די איטאַליענישע סאָציאַליסטישע פעדעראציע, זיינען געווען באַזונדערס אקטיוו. א צאָהל באריהמטע אויסלענדישע גענאָסען האָבען געמאַכט טורס איבער'ן לאַנד.

אָבער נאָך אַלעמען איז די גרעסטע און וויכטיגסטע ארבייט פאר'ן יאָה דאָך געווען דער חשבון הנפש פון דער פארטיי.

ביים אָנהויב פון יאָהר 1925 איז געשטאַנען איין גרויסע פּראָבלעם, דאָס פּראָבלעם פון אן ארבייטער פארטיי. דער לאַפאָלעט קאמפּיין איז געווען א באזונדערער אינצידענט אין דער סאָציאַליסטישער געשיכטע.

ניט דאָ איז דער פּלאַץ פאר דער געשיכטע פון קאמפּיין, אָבער עס איז וויכטיג אָנצומערקען דאָ איינינע רעזולטאטען. יאָהרען לאַנג האָבען די סאָציאַליסטען געפּרעדיגט די נויטיגקייט פון אן ארבייטער פארטיי. צוליב געוויסע אורזאכען האָבען די אייזענבאַן יוניאָנס פּלוצלונג אויפגענומען דעם לאָזונג פון אומאָפּהענגיגער פּאָליטישער טעטיגקייט. צו זיי זיינען צוגעשטאַנען אַנדערע יוניאָנס, באזונדערס די, וואָס זיינען געשטאַנען אונטער סאָציאַליסטישען איינפלוס, אינאיינעם מיט נאָך אַנדערע, וואָס האָבען געהאַלטען פאר א גרויסען זיג די נאָמינאציע פון א „פריינדליכען" קאַנדידאט פון די אַלטע פּאַרטייען.

אין יוני און יולי, 1924, האָט די באוועגונג דערגרייכט איהר העכסטען פּונקט. די סאָציאַליסטישע פארטיי האָט גערן קאָאָפּערירט מיט איהר, און ווען סענאטאָר לאַפּאָלעט איז נאָמינירט געוואָרען, האָט איהם די פארטיי אויך נאָמינירט פאר איהר קאַנדידאט.

די שוועריגקייטען, וואָס זיינען דערנאָך אנטשטאַנען איבער די לאָקאלע און שטאַטליכע טיקעטס, זיינען געווען דער ערגסטער אינצידענט אין דעם קאַמפּיין. אין א סך דיסטריקטען האָבען די לאַפאָלעט מענשען געשטיצט קאָנגרעס-קאַנדידאַטען אויף דעמזעלביגען טיקעט מיט קולידזש און דייווים, און די סאָציאַליסטישע קאַנדידאַטען פאַר קאָנגרעס זיינען אָפּטמאָל באַקעמפט געווארען פון דער אָרגאַניזאַציע, וואָס איז באַשאַפען געווארען צו שטיצען דעם זעלביגען פּרעזידענט-טיקעט, וועלכער איז גלייכצייטיג אויך געווען דער סאָציאַליסטישער טיקעט.

די אַלטע „לייבאָר פּאָליטיקעל קאָמיטעס", וואָס זיינען געווען געוועהלט צו אינדאָרסירען קאַנדידאַטען פון אַלטע פּאַרטייען, האָבען כלומר'שט אינדאָרסירט לאַפּאָלעט'ן און איהם דערנאָך מיאוס פאַרראַטען, אָפּגעבענדיג מאַסען שטימען פאַר קולידזש'ען אָדער דייווים'ען, און שטיצענדיג גערן לאָקאַלע קאַנדידאַטען פון די אַלטע פּאַרטייען, אַלס „פריינד" פון ארבייט.

צווישען די „פריינד פון ארבייט", וואָס זיינען אויף אזא אופן געשטיצט אין דערוועהלט געווארען, זיינען טאַקע געווען מענשען, וואָס האָבען גוט גערינט די אינטערעסען פון ארבייט, ווי, למשל, סענאַטאָר ברוקהארט און קאָנגרעסמאַן דזשייקאָבשטיין, און געוויסע אַלטע שקלאַפעריי רעאקציאָנערן פון דער סאוט, ווי דער באַריהמטער קאָל בליז, וועמעס דערוועהלונג אויף איין טיקעט מיט דייווים'ן איז באַגריסט געווארען אַלס א „פּראָגרעסיווער" זיג!

א חודש נאָך אָט דער דעמאָנסטראַציע פון פּאָליטישער צומישטקייט, איז פּרעזידענט גאָמפּערס אָפּגעפאָהרען קיין מעקסיקא, כדי צו העלפן דאָרטען אין דער איינשוועררונג פון א פּרעזידענט, וועמעס דערוועהלונג עס איז געווען א טריאומף פאַר אַליז, וואָס גאָמפּערס האָט באַקעמפט אין פאַרלויף פון פערציג יאָהר. אינמיטען פון דער פייערונג פון דעם זיג פון אומאָפּהענגיגער פּאָליטישער אקציע איז ער געשטאָרבען.

באַלד נאָך זיין טויט האָבען זיינע פּאָליטישע יורשים גענומען פאַרשפּרייטען מעשיות, איז ער איז געווען געגען דער אינדאָרסירונג פון לאַפּאָלעט, אז די א. פ. אָוו ל. האָט געשטיצט לאַפּאָלאַט'ען נאָר דערפאַר, ווייל גאָמפּערס איז שוין געווען אַלט און שוואך, און אז איצט, נאָך זיין טויט, וועט די ארגאַניזאַציע זיך אומקערען צו איהר אַלטער טאַקטיק פון „קיין שום קאָמפּראָמיסען" מיט פּאַרטייען פון איהר אייגענעם קלאַס און „דילס" מיט די פּאַרטייען פון דעם געגנערישען קלאַס.

ביי אזא שטימונג האָט זיך פאַרזאַמעלט אין שיקאַגא די קאָנפערענץ פאַר פּראָגרעסיווער פּאָליטישער אַקציע, אין פעברואַר, 1925. די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי האָט אָפּגעהאַלטען איהר קאָנווענשאָן אין דער זעלביגער צייט אויך אין שיקאַגאָ. די פיהרער פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי ביי דער קאָנפערענץ זיינען געווען: מאָריס הילקוויט און יודזשין וו. דעבס.

פון אָנהויב אָן האָט מען אויפגעהויבען די פראַגע וועגען אומאָפּהענגיגער ארבייטער פּאָליטיק. דעבס און הילקוויט האָבען געגעבען שטאַרקע און איבערצייגענדיגע ארגומענטען, אז פאַר אָן אָנהויב, און געמענדיג אין באַטראַכט די אַפּאַטיע פון יאָהר 1924, איז א וואוט פון פינף מיליאָן אן אמת'ער זיג. עס האָט אָבער ניט געהאָלפען. די יוניאָנס האָבען זיך צוריקגעצויגען פון דער קאָנפערענץ. די עקזעקוטיווו קאָמיטע פון דער אַמעריקאַן פעדערייששאָן אָוו לייבאָר האָט אָפּגעהאַלטען א באַראַטונג

אין מיאַמי און האָט זיך אַרויסגעזאָגט קעגען אומאָפּהענגיגער פּאָליטישער אַקציע, און די מיטעל־קלאַס דעלעגאַטען אין שיקאַגאָ, וואָס האָבען זיך גערופען פּראָגרעסיווען, האָבען אָרגאַניזירט אַ „פּאַרטיי".

די סאָציאַליסטישע קאָנווענשאָן האָט באַשלאָסען, אַז דער איינציגער גרונט, פאַרוואָס זי האָט דאָס מאָל אָפּגעטראָטען פון איהר שטענדיגער טאַקטיק פון באַזונדערער פּאָליטישער טעטיגקייט איז געווען דער פאַקט, וואָס די ארבייטער ארגאַניזאַציעס זיינען געשטאַנען הינטער לאַפאָלעט'ן. אָבער וויבאַלד די יוניאָנס האָבען זיך צוריקגעצויגען, איז פאַר איהר ניט קיין אָרט אין אַ מיטעל־קלאַס ניט־סאָציאַליסטישער רעפאָרם „פּאַרטיי".

דאָס איז געווען דער סוף פון דער לאַפאָלעט באַוועגונג, און דאָס איז אויך געווען דער סוף פון דעם ערשטען אַרויסטריט פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי פון די גרעניצען פון אָרטאָדאָקסיע.

אויף דער שיקאַגאָ'ער קאָנווענשאָן איז ערוועהלט געוואָרען די פאָלגענדע עקזעקוטיוו קאָמיטע: דזשאָרדזש ע. ראַוער, מאַסאַטשוזעטס; דזשאָזעף וו. שאַרטס, אָהייאָ; מאָרים הילקוויט, ניו יאָרק; וויקטאָר ל. בערגער, וויסקאָנסין; דזשאַן מ. קאָלינס, אילינאָי; דזשיימס ה. מאַורער, פּענסילווייניאַ; ליע מ. האַרקינס, ניו דזשוירזי, און יודזשין וו. דעבס, נעשאָנאַל טשערמאַן.

עס איז באַשלאָסען געוואָרען, אַז אַ רייהע נאַציאָנאַלע קאָנווענשאָנס זאָלען אָפּגעהאַלטען ווערען אין פאַרשידענע טיילען פון לאַנד, אַז גענאָסע דעבס זאָל רעדען אין די אַלע ערטער, אַז אַזוי, שנעל, ווי עס וועט זיין געלט, זאָל מען אנהויבען אַרויסגעבען אַ וועכענטליכע צייטונג מיט'ן נאָמען „די אַמעריקען אַפּיעל", מיט דעבס'ען אַלס הויפּט־רעדאַקטאָר, און אַז פּראָפּאַגאַנדע זאָל אָנגעפיהרט ווערען ווי געוועהנליך.

די קאָנווענשאָנס האָבען זיך פאַרוואַנדעלט אין אַ רייהע ריזיגע מאַסמיטינגס, באַנקעטען, רעספּשאָנס און דעמאָנסטראַציעס. זיי זיינען געהאַלטען געוואָרען אין קליוולאַנד, מינעאַפּאָליס, סאַן פראַנציסקאָ, סט. לואיס, ניו יאָרק און באָסטאָן. באַנקעטען זיינען געהאַלטען געוואָרען אין די מעהרסטע שטעדט אין לאַנד. און אין אָקטאָבער און נאָוועמבער האָבען זיך אין די באַנקעטען און מיטינגען באַטייליגט אַזעלכע באַריהמטע אויסלענדישע גענאָסען, ווי אַרטור הענדערסאָן, ריס דזש. דייווים, מאָרגאַן דזשאָנס, בען ריילי, בעני סמיט, פאָול לעבע, קורט ראָזענפעלד.

דער רעזולטאַט איז געווען אַ ריזיגע פּראָפּאַגאַנדע ארבייט, און אַ באַדייטענדיגע סומע איז געזאַמעלט געוואָרען אנצופיהרען דעם „אַמעריקען אַפּיעל". עס איז דערביי ווערט צו באַמערקען, אַז דער אידישער „פאָרווערטס" האָט באַוויליגט $15,000 און האָט צוגעזאָגט אויפצוזאַמלען נאָך $10,000 פאַר דעם צוועק. גענאָסע מורעי קינג פון מינעאַפּאָליס איז באַשטימט געוואָרען אַלס מענעדזשינג עדיטאָר אונטער דעבס'ען.

אויך דאַרף מען דאָ באַמערקען, אַז גענאָסין בערטאַ הייל ווהייט, וואָס איז זייט פעברואַר, 1924, געווען סעקרעטאַר, האָט רעזיגנירט פון איהר אַמט. דער אַמט ווערט צייטווייליג פאַרנומען פון דזשאָרדזש ר. קוירפּעטריק, ביז אַ נייער סעקרעטאַר וועט ערוועהלט ווערען.

די קאָמוניסטישע באַוועגונג איז פולשטענדיג באַנקראָט, חוץ פינאַנציעל. זי

איז אָבער גענוג שטאַרק צו קאָנען פאַרטרייבען זעהר גוטע סאָציאַליסטען פון זייער ארבייט. וואו דער קאָמוניזם האָט געוואונען צעהן סאָציאַליסטען פאַר זיין משוגענעם פּראָגראַם, האָט ער ניין פון זיי פאַרלאָרען, און האָט דערביי פאַרטריבען הונדערט מענשען פון א באוועגונג, וואס ווייזט א סך וואוילמיינענדיגע מענשען אוים ווי האָפנונגסלאָז צוטיילט און צושפּליטערט.

דערווייל האָבען א סך סאָציאַליסטען זיך גענומען פרעגען, צי אונזער יו־ניאַן טאַקטיק איז געווען א ריכטיגע. ניט דאָ איז דער אָרט צו דיסקוטירען וועגען דעם קאַמף אין דער אינטערנעשאָנעל לײדיס גאַרמענט וואירקערס יוניאָן. עס איז א פאַקט, אז טויזענטער גענאָסען האָבען אויסגעדריקט זייער מיינונג פריוואַט, אז די פּאַרטיי, אַלס גאַנצע, האָט באַדאַרפט זיך באַטייליגען אין דעם שטרייט. זיי האָבען ארגומענטירט, אז ווען די קאָמוניסטען אלס א פּאַרטיי זיינען אריין אין דער יוניאַן, כדי זי צו צושטערען, און ווען א סך ניט-סאָציאַליסטישע קאָנסערוואַ־טיווע יוניאַן בעאַמטע זיינען אַטאַקירט געוואָרען פון די חוצפה׳דיגע קאָמוניסטען און זיינען פאַרטיידיגט און געשטיצט געוואָרען פון סאָציאַליסטען, האָט די פּאַרטיי, א ל ס א פּ א ר ט י י, געדאַרפט זיך באַטייליגען אין דעם און פאַרטיידיגען די יוניאַן אַנטקעגען די כוליגאַנישע אַטאַקעס.

דאָס זעלביגע אויך מיט די פּאָריערס און די אנדערע יוניאַנס, וואָס זיינען אַטאַקירט געוואָרען.

אן אנדער פראַגע, וואָס איז שטאַרק דיסקוטירט געוואָרען אין די רייהען פון דער פּאַרטיי, איז אויב פאַר אונזערע אמעריקאַנער באַדערפעניסען איז צום בעסטען צוגעפּאַסט די פאָרם פון אונזער אָרגאַניזאַציע, וואָס איהר באַזיס איז א פּאָליטישע איינטיילונג, און וואָס הענגט אָפּ פון פּאָליטישער ארבייט אלס איהר הויפּט טעטיגקייט. שטאַרק פאַרשפּרייט איז געווען די מיינונג, אז א סך מענשען ווערען באַרירט פון אונזער בילדונג פּראָפּאַגאַנדע, און זיי זיינען גאָר ניט פאַראינ־טערעסירט אין אסעמבלי דיסטריקט ברענטשעס.

אן אנדער מיינונג איז געווען, אז דער אידישער פאַרבאַנד האָט אָנגעוויזען דעם ריכטיגען וועג. א קליינע גרופּע מענשען פיהרען אָן א בילדונג־פּראָפּאַגאַנדע מיט שריפט און וואָרט, און די ארבייט שטייגט ווייט אריבער די צאָהל מיטגלידער פון דער אָרגאַניזאַציע.

מיט דעם מיינען זיי צו זאגען, אז עס איז גאָר ניט נויטיג פאַר א סאָציאַליסט צו זיין דוקא א מיטגליד פון דער פּאַרטיי, אז עס איז גאָר מעגליך, אז אין דער צוקונפט וועלען מיר האָבען אן אָרגאַניזאַציע, וואָס זוכט גאָר ניט אריינצונעמען א מאַסע סאָציאַליסטען אין איין פּאָליטישער קערפּערשאַפט.

נאָך א סך אנדערע פראַגען זיינען ברייט ארומגערעדט געוואָרען פון די פּאַרטיי מיטגלידער. די באַריכטען פון די גענאָסען הילקוויט, פּענקין, קאַהאַן און די אנ־דערע דעלעגאַטען צו דעם אינטערנאַציאָנאַלען סאָציאַליסטישען קאָנגרעס אין מאַר־סעל, זיינען געווען דער באַזיס פון ערנסטע דיסקוסיעס סוף לעצטען זומער, פּונקט ווי אזעלכע פראַגען, ווי די אייראָפּעאישע געשעהענישען, דער אמעריקאַנער אימפּע־ריאַליזם און מיליטאַריזם, די קוילען סיטואַציע, א. אז. וו.

דאָס יאָהר 1925 איז געווען א יאָהר פון ערנסטער, כאָטש שטילער דיסקוסיע. דער אמעריקאַנער סאָציאַליזם איז צוליב דעם געוואָרען שטאַרקער.

דער ארבייטער רינג היינט צו טאג

פון י. באסקין

די ענטשטעהונג און די ענטוויקלונג פון א. ר. איז ענג פארבונדען מיט דעם אינערליכען לעבען פון די אידישע ארבייטער מאסען אין אמעריקא. דער פונדאמענט פון אר. רינג איז געווען די עקאנאמישע און גייסטיגע נויטען פון אט די מאסען און זיין ענטוויקלונג שפיגעלט אין זיך אפ די נשמה און די גייסטיגע ענטוויקלונג פון די ברייטע אידישע מאסען. דאריבער איז פארשטענדליך, ווארום דער ארבייטער רינג איז געווען געצוואונגען אפצורופען זיך אויף אלע פאדערונגען פון אידישען לעבען און רעאגירען אויף אלע געשעהענישען, אויף אלע פאסירונגען, אין וועלכע די אידישע ראדיקאלע מאסען און די גאנצע ראדיקאלע באוועגונג בכלל האבען געשפילט אן אומגעהויערע ראלע.

אבוואהל דער הויפט געדאנק און דער לייטענדער מאטיוו אין דער טעטיגקייט פונ'ם ארב. רינג איז געווען די געגענזייטיגע שטיצע און געגענזייטיגע הילף פאר די מיטגלידער פון דער ארגאניזאציע גופא, האט זיך דער ארבייטער רינג אבער ניט באנוגענט מיט דעם אליין. די שטיצע, וואס ער האט געגעבען די אידען פון אנדערע לענדער און דער סאציאליסטישער און ארבייטער באוועגונג סאי פון אמעריקא, סאי פון אייראפא, האט איהם געשאפען א גרויסען נאמען איבער דער גאנצער וועלט. אט דער שטריך פון זיין טעטיגקייט האט צוגעגעבען דעם א. ר. דעם וואונדערבארען צויבער, דעם חן, וועלכער באצירט איהם און האט איהם אוועקגעשטעלט אין א פאזיציע פון א הויכען טורעם, וועלכער פארשפרייט ליכט און ווארימקייט אין אלע פינסטערע ווינקלאך.

דער סך הכל פון זיין טעטיגקייט איז אונטערגעפירט געווארען ביי זיין 25 יעריגער קאנווענשאן, וואס איז אפגעהאלטען געווארען לעצטען מאי אין ניו יארק. די קאנ־ווענשאן איז פארבליבען איינע פון די הערליכסטע אין ארב. רינג. דער בארימטער מיטינג אין מעדיסאן סקווער גארדען, וואו די קאנווענשאן האט זיך געעפענט, וועט אויף אימער פארבלייבען אין זכרון ביי די צעהנדליגע טויזענטער מיטגלידער, וועלכע זיינען זיך צוזאמענגעקומען צו פייערען די 25־יעריגע עקזיסטענץ פון דעם א. ר. אזא מאניפעסטאציע האט נאך קיין אידישע ארבייטער ארגאניזאציע ניט ביינעוואוינט און קיין אנדערע אידישע ארבייטער ארגאניזאציע האט ניט געהאט צו פארצייכענען אזא ערפאלג אויף אלע געביטען פון איהר טעטיגקייט, ווי דער ארבייטער רינג.

דער ארבייטער רינג איז א פראטוירנאל ארגאניזאציע און אלס אזעלכע האט זי פאר איהר אויפגאבע צו באזארגען די דירעקטע נויטען און באדערפענישען פון די איינענע מיטגלידער און דאס הייסט — פארזיכערען די בענעפיט־פאנדס, זעהן, אז די בענעפיטס צו וועלכע די מיטגלידער זיינען בארעכטיגט, זאלען זיין גאראנטירט, זאלען זיין געזיכערטע. און פארזיכערען אט די בענעפיטס קען מען נאר דאן, ווען עס זאלען געשאפען ווערען די נויטיגע פאנדס. די פאנדס פון א פראטוירנאל ארגאני־זאציע אבער, נעמען זיך פון די צאהלונגען פון די מיטגלידער גופא, ווייל מיר האבען דא ניט צו טאן מיט א קארפאריישאן, וועלכע פארקויפט שערס אדער טוט אנדערע

ביזנעס און מאכט זייטיגע פראפיטען. די פאנדס קענען געזיכערט ווערען נאר דאן, ווען די מיטגלידער וועלען צאלען די פאסענדע אפצאלונגען צו די פארשידענע פאנדס. דעריבער איז דער א. ר. געוועז איינער פון ערשטע גרויסע אידישע ארדענס, וואס האט איינגעפירט א וויסענשאפטליכע סיסטעם פון צאלונגען צו דעם טויטען־בענעפיט־פאנד. דער סיסטעם האט געבראכט דערצו, אז היינט צו טאג איז דער א. ר. געזיכערט מיט גאנצע 115 פראצענט אין זיין טויטען בענעפיט פאנד. דאס הייסט, אז ער וועט האבען גענוג אויסצוצאהלען בענעפיטס פאר טויטען פעלע צו אלע בענעפישערים, וואס זיינען דערצו בארעכטיגט און עס וועט נאך בלייבען א געוויסער פראצענט מעהרער וויפיל מען דארף. היינט צו טאג באטרעפט דער פאנד אריבער 3 מיליאן דאל. עס איז ניטא קיין אידישער ארדען, וואס זאל זיך קענען פארגלייכען מיט דעם א. ר. אין דער הינזיכט. דאס איז אבער נאר איין טייל פון די בענעפיטען.

דער ארבייטער רינג צאלט אויך קראנקען בענעפיט און קאנסאמפשאן בענעפיט. ווען א מיטגליד, וועלכער איז אפגעווען דריי מאנאטען אין דעם א. ר., ווערט קראנק, איז ער בארעכטיגט צום קראנקען בענעפיט פון אכט דאלאר א וואך און ניט ווייניגער ווי 15 וואכען א יאהר. עס פארשטעהט זיך, אז אויך דער פאנד דארף געדעקט ווערען פון די צאהלונגען פון די מיטגלידער. די מיטגלידער צאהלען צו דעם פאנד ארום 4.80 דאלאר א יאהר. די פראקטיק צייגט, אז אין פארלויף פון יאהר זיינען פאראן אריבער 10,000 מיטגלידער, וועלכע ציען קראנקען בענעפיט און די סומע וואס ווערט ארויסגעצויגען באטרעפט אריבער 300,000 דאלאר. מיט אנדע־ע ווערטער הייסט דאס, אז וויפיל די מיטגלידער צאהלען איין פאר דעם יאהר צו דעם פאנד, ציען זיי ארויס. קיין סורפלוס פון דעם פאנד בלייבט ניט. די לאגע האלט שוין אן פאר די לעצטע צוויי, דריי יאהר. עס איז אבער דא א סורפלוס פון די פריהערדיגע יאהרען, וואס באטרעפט ארום 200,000 דאלאר. אבער די טוער פון דער ארגאניזאציע זיינען גאנץ שטארק באשעפטיגט מיט דער פראגע, ווייל זיי פארשטעהען גאנץ גוט, אז ווען א פאנד הויבט אן צו פארשלינגען זיינע סורפלוסען, איז עס ניט קיין געזונטער צו־שטאנד און עס דארפען אנגענומען ווערען מיטלען די דאזיגע אומנארמאלע לאגע צו ענדערען. עס איז גאנץ מעגליך, אז צו דער נעקסטער קאנווענשאן פון א. ר. זאל די פארוואלטונג קומען מיט א פארשלאג, אז מען זאל איינפיהרען אויך וויסענשאפטליכע צאהלונגען צו דעם קראנקען בענעפינט פאנד אזוי, אז דער פאנד זאל זיין געזיכערט צו יעדער צייט.

דער קאנסאמפשאן בענעפיט פאנד איז אייגענטליך א טייל פון דעם סאניטאריום פאנד. אלע וויסען, אז דער א. ר. פארמאגט אן אייגענעם סאניטאריום אין ליבערטי, נ. י. דער ארבייטער רינג איז אן ארבייטער ארגאניזאציע, און ווער ליידט נאך אזוי פיל פון דער מגפה וואס טראגט דעם נאמען „קאנסאמפשאן" (שווינדזוכט), ווי דער ארבייטער קלאס? דאס אומגעזונטע לעבען אין די שעפער און די אומבאקוועמליכע באדינגונגען פון הויז גופא, ברענגען דערצו, אז צווישען די ארבייטער זאלען זיך געפינען די מערסטע צאהל קרבנות פון טובערקולאזיס. און ווען אן ארבייטער ווערט אנגעגריפען פון דער חולאת, האט ער זיך ניט וואוהין צו ווענדען. די פיהרער פון א. ר. האבען איינגעזעהן, אז אונטער אלע אומשטענדען, ווי ארים די ארגאניזאציע זאל ניט זיין, מוז זי צום ערשטען זיך באזארגען מיט אן אינסטיטוציע, וואו די טובער־קולאזע מיטגלידער זאלען קענען געפינען א פלאץ אוועקצולייגען דעם קאפ און אויסרוהען די צולעכערטע לונגען.

אַרום איז געווען דער א. ר., ווען דער געדאַנק צו גרינדען א סאַניטאַריום איז ארויפגעקומען ביי דער קאָנווענשאָן אין נוארק, אין יאָהר 1907. קליין איז דאן געווען די צאָהל פון זיינע מיטגלידער און מאָגער איז געווען זיין קאַסע. אָבער רייך איז ער געווען אין ענטוזיאַזם און אין זיינע אידעאַלען. באַגייסטערט איז ער געווען פאַר יעדע נאָבעלע טאַט און די רייכקייט פון אידעאַליזם האָט געבראַכט דערצו, אַז דער א. ר. זאָל בויען אן אייגענעם סאַניטאַריום. מעהר ווי 15 יאָהר זיינען פאַריבער ווי דער סאַניטאַריום עקזיסטירט און הונדערטער און הונדערטער מיטגלידער זיינען דורכגעגאַנגען זיינע טויערען. זיי זיינען אריינגעקומען אהין אויסגעמאַטערטע, דער־שלאָגענע, צואווייטיגטע און זיינען ארויס פון דאָרט מיט שטאָלצע קעפּ, מיט לייכ־טענדע פּנים׳ער, ווייל דאָרטען האָט מען זיי באַהאַנדעלט ווי פריינד — ווי אייגענע מענשען, מיט צערטליכקייט און מיט ליבע. זיי האָבען זיך אומגעקערט אַלס געזונטע מענשען צוריק צו זייער פאַמיליע, צו זייערע אייגענע און האָבען צוריק פאַרנומען דעם פּלאַץ אין די רייהען פון דער ארבייטער באַוועגונג, אין די יוניאָנס, אין די סאָ־ציאַליסטישע פּאַרטייען, אין דעם ארבייטער רינג און מיט מעהר מוט און ענערגיע ארבייטען זיי פאַר דעם אידעאַל, פאַר וועלכען זיי האָבען אַזוי פיל אָפּגעגעבען אין זייער לעבען.

דער סאַניטאַריום האָט ניט געהאַט פון אָנפאַנג אַלע באַקוועמליכקייטען, וואָס א מאָדערנער סאַניטאַריום דאַרף האָבען, אָבער ביסלעכווייז, טריט ביי טריט, מיט דעם וואוקס פון דער אָרגאַניזאַציע און מיט דער ערפינדונג פון מאָדערנע מיטלען, איז דער סאַניטאַריום פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין א ווירקליך מאָדערנער אינסטיטוציע, מיט אַלע אויסבעסערונגען, וועלכע די צייט האָט געפאָדערט. אין גאַנצען צאָהלט א מיטגליד צו דעם סאַניטאַריום פאָנד, אריינרעכענענדיג אויך דעם קאָנסאָמפּשאָן בע־נעפיט פאָנד, 2.20 דאָלאַר א יאָהר. אָבער וואָס פאַר א ווערדע האָט דאָס אין פאַר־גלייך מיט די בענעפיטען און די באַקוועמליכקייטען, וואָס א מיטגליד, וואָס נויטיגט זיך אין סאַניטאַריום, קריגט דאָרטען? מען קען גאָר מיט געלט ניט אָפּשאַצען אַזא בענעפיט. די פאַרוואַלטער טוען אַלץ, וואָס איז נאָר מעגליך, צו שאַפען וואָס מעהר באַקוועמליכקייטען פאַר די פּאַציענטען: געבען זיי פון די בעסטע און רייכסטע שפּייז, שאַפען פאַר זיי פאַרווייל ונגען, קאָנצערטען און אַנדערע אונטערנעמונגען און איצט טרעט די פאַרוואַלטונג אינגיכען צו צו בויען נייע קאַטעדזשעס און פּאַוויליאָנען, לויט די לעצטע ערפינדונגען. די נייע געביידעס וועלען אויך געבען א מעגליכקייט אריינצונעמען מעהרער פּאַציענטען, ווייל עס דאַרף דאָ דערמאָנט ווערען, אַז די ברייטהאַרציגקייט פון די א. ר. מיטגלידער האָט זיך אויסגעדריקט אין דעם, וואָס ביי א קאָנווענשאָן מיט א יאָהר 5—6 צוריק איז אָנגענומען געוואָרען א באַשלוס, אַז ניט נאָר זאָלען מיטגלידער אליין אין פאַל פון טובערקולאָזיס האָבען א מעגליכקייט צו באַנוצען זיך מיט דעם סאַניטאַריום פון א. ר., נאָר אויך זייערע נאָענטע קרובים, ווי צום ביישפּיל, זייערע פרויען, קינדער (איבער 16 יאָהר אַלט), עלטערען אָדער ברידער און שוועסטער, זאָלען פאַר א מינימאַלע געצאָלט (25 דאָלאַר א וואָך) קענען געניסען פון דעם א. ר. סאַניטאַריום.

דורך דער גאַנצער עקזיסטענץ פון סאַניטאַריום, זיינען דורכגעגאַנגען דורך זיינע טויערען איבער 2000 פּאַציענטען און מעהר ווי 80 פּראָצענט פון דער צאָהל זיינען ארויסגעגאַנגען פולשטענדיג געזונט. עס איז קיין צווייפעל ניט, אַז ווען דער א. ר. וואָלט קיין אַנדער זאַך ניט אויפגעטאָן, ווי נאָר די איינפיהרונג פון דעם סאַניטאַריום

און זיין אויפהאלטונג, וואָלט ער דערמיט אליין געדארפט פארדינען דעם גרעסטען קרעדיט און פארנעמען א בכבוד'יגען פּלאַץ צווישען די עקזיסטירענדע ארבייטער אינסטיטוציעס. עס דארף דאָ אויך באמערקט ווערען, אז די אַנדערע פּאָלקס אינסטיטוציעס פאר טובערקולאָזע, וועלכע געפינען זיך אין דענוועד און לאָס אנדזשעלעס, קריגען די גרעסטע שטיצע פון דעם א. ר., סאי דירעקט פון דעם גענעראל אָפיס און סאי דורך דער ברייטער מיטגלידערשאפט פון דער אָרגאניזאציע, וואָס געפינט זיך אין גאנץ אַמעריקא און קענעדע. אין פילע פון די אינסטיטוציעס, זיינען די הויפּט טוער און פיהרער די ארטיגע טוער פון דעם א. ר.

לעצטען יאָהר האָט די סאַניטאריום־פארוואלטונג געמאכט אַ פילם און אויף דעם לייוועגט ווערט ארויסגעבראכט דאָס גאנצע לעבען פון פּאַציענט אין סאַניטאריום, זיינע פארוויילונגען זיין היילונג, א. א. וו.

מיר האָבען פריהער גערעדט וועגען דער מאַטעריעלער שטיצע, וואָס דער א. ר. גיט צו זיינע מיטגלידער. ווען מיר רעדען וועגען דער שטיצע פון א. ר. מיינען מיר געוויינליך די שטיצע וואָס מען גיט דירעקט פון גענעראל אָפיס. עס וואָלט אָבער פאר אונז געווען אוממעגליך אויסצורעכענען די אומגעהויערע שטיצע, וואָס די לאָקאלע ברענטשעס גיבען צו זייערע מיטגלידער, וואָס געפינען זיך אין אַ נויט. מיר גלויבען קוים אויב עס איז דאָ אַן אַנדער אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל זיך קאָנען פארגלייכען אויף דעם געביט מיט די ברענטשעס פון א. ר. מיר ווייסען פון פעלע, וואו ברענטשעס האָבען געזאמעלט הונדערטער און אַמאָל טויזענטער דאלאר אום אוועקצושטעלען אַן איינעם מיטגליד אויף די פיס. די ברענטשעס האָבען זייערע אייגענע שפּאָר־און־ליי־קאַסעס און כמעט יעדער ברענטש האָט אַ באַזונדערען לאָקאלען פאָנד פאר קראנקען בענעפיט. דאָס הייסט, אז ווען אַ מיטגליד ווערט קראנק, צאָהלען זיי, חוץ דעם גענעראל אָפיס, אויך אייגענע קראנקען בענעפיט צו דער פאַמיליע. די פאָנדס פון איניגע ברענטשעס דערגרייכען אין די טויזענטער און עס איז אַ באַוואוסטער פאַקט, אז די אַלע לייבאָר לייסעאומס און אַנדערע אינסטיטוציעס, וועלכע פארשידענע ברענטשעס אין פארשידענע שטעט בויען, ווערען אויפגעהאלטען דירעקט פון די מיטגלידער דורך ספּעציעלע טעקסעס אָדער אַנדערע פאָרמען פון אָפּצאָהלונגען, וואָס די ברענטשעס פיהרען דורך.

וואָס אַמבאַלאַנגט די עדיוקיישאָנאַל ארבייט, די אויפקלערונגס טעטיגקייט פון דעם א. ר., קען מען זאָגען, אַז קיין אידישע ארבייטער אָרגאַניזאַציע קען זיך מיט דעם א. ר. אויף דעם געביט ניט פארמעסטען. דער גענעראל אָפיס האָט אַ פאָנד פאר בילדונגס־ארבייט. דער פאָנד איז פארהעלטענמעסיג ניט גאָר קיין גרויסער, אומגעפער 15—16 טויזענט דאלאר א יאָהר. דער פאָנד געהט אויף צו העלפען די ברענטשעס דורכפיהרען געוויסע אונטערנעמונגען אויף דעם געביט פון אויפקלערונג און בילדונג, העלפען אַראַנזשירען פאָרומס, לעקטשורס, א. ד. ג. די אויסגאַבען פון די לעקטאָרס גופא פאַלען אויף די פּלייצעס פון די ברענטשעס אליין און צעהנדליגער טויזענטער דאלארס ווערען אויסגעגעבען יעהרליך פון די ברענטשעס פאר דער ספּעציעלער ארבייט. די א. ר. טוער האָבען געוואוסט פון אָנפאנג אָן, ווי אָפּצושאַצען די וויכטיגקייט פון אויפקלערונגס ארבייט צווישען די מיטגלידער פון דער ארגאַניזאַציע. זיי האָבען פארשטאַנען, אַז די מאַטעריעלע שטיצע אליין צו די מיטגלידער איז ניט גענוג. דער א. ר. דארף אַוועקשטעלען אַלס זיין הויפּט אויפגאַבע די אויפקלערונג און בילדונג פון די מיטגלידער, ווייל אויפקלערונג און בילדונג זיינען די

שטארקסטע וואפען אין דעם קאמף פאר דער באפרייאונג פון די אונטערדריקטע און עקספלואטירטע. וואס מעהרער די מאסען וועלען פארשטעהען און באגרייפען, וואס מעהר זיי וועלען וויסען און לערנען, אלץ לייכטער וועט זיין זיי צו ארגאניזירען. וועגען דעם איז ביי קיינעם קיין צווייפעל ניט געווען און ביים סאמע אנפאנג פון דער גרינ־דונג פון א. ר., האבען שוין די ברענטשעס אליין גענומען דורכפיהרען אויף זייערע אייגענע קאסטען פארשידענע פארומס, דיסקוסיעס, דעבאטען, א. א. וו.

דער בילדונגס־דעפארטמענט איז געשאפען געווארען אין א. ר. אין יאהר 1910. דער געדאנק איז געווען צו קאנצענטרירען די גאנצע בילדונגס־אקטיוויטעט; צו פיהרען די ארבייט דורך איין קאנאל, אויף א מעהר סיסטעמאטישען אופן.

אזוי ווי די אימיגראציע האט זיך אפגעשטעלט, און קיין נייע מיטגלידער פון די מיטעלע און עלטערע עלעמענטען קענען ניט מעהר אריינקומען, איז די לעצטע צייט די הויפט אקטיוויטעט געווידמעט אויף דעם יונגען דור, אויף די קינדער פון די אימיגראנטען. עס איז ארויסגעוואקסען א פארלאנג צו גרינדען אידישע ראדיקאלע שולען פאר די קינדער. ביי דער קאנווענשאן פון 1916, איז אנגענומען געווארען א באשלוס וועגען דעם. דאן איז געגעדט געווארען וועגען דער נויטווענדיגקייט צו באקענען דעם יונגען דור מיט דעם לעבען און שטרעבען פון זייערע עלטערען, מיט דער ליטעראטור און שפראך פון זייערע עלטערען. עס איז דאן אנגעצייגט געווארען, אז א גרויסער טייל פון די אידישע ארבייטער־מאסען שיקען זייערע קינדער אין די תלמוד־תורה׳ס און דאס גלייכען, ווייל עס איז דא א דרינגענדער פארלאנג צווישען די אידישע ארבייטער מאסען צו לערנען זייערע קינדער אידיש, צו באקענען זיי, דעם יונגען דור, מיט דער סביבה אין וועלכער זייערע עלטערען האבען געלעבט, מיט דער שפראך וועלכע זיי רעדען און אויב מיר, ראדיקאלען, ווילען אפציהען דעם שטראם פון דער יוגענד צו די תלמוד־תורות, מוזען מיר האבען אייגענע שולען, וואו די קינדער זאלען לערנען די זעלבע שפראך אבער זאלען קריגען א גאנץ אנדערע ערציהונג — זיי זאלען ווערען דורכגעדרונגען מיט אונזער ראדיקאלען גייסט און קריגען א בליק אויף זאכען, ווי די עלטערען וואלטען דאס וועלען, ווי זייערע טראַ־דיציעס וואלטען דאס געפאדערט. פון דאן אן, האט דער א. ר. גענומען איינפיהרען אידישע שולען פאר קינדער. דער פראגראם איז א גאנץ ברייטער און א ראדיקאלער און ענטשפרעכט די פאדערונגען פון דער מאדערנער ערציהונג.

די שולען האבען זיך גענומען פארשפרייטען איבער׳ן גאנצען לאנד און ארום דיזע שולען האט זיך ענטוויקעלט א ברייטע און א פארצווייגטע טעטיגקייט. שטעטלאך וועלכע זיינען געווען כמעט טויט, אהן קיין שום לעבען, אהן קיין שום באוועגונג, זיינען געווארען מיט אמאל פול מיט אקטיוויטעט. א פיבערהאפטע ארבייט ווערט אנגע־פירט פון די ארטיגע טוער און א מערקווירדיגער אידעאליזם באגייסטערט זיי.

דער בילדונגס־דעפארטמענט האט אין גאנצען א פאנד פון 30 טויזענד דאלאר פאר דעם צוועק צו סובסידירען די שולען. דאס איז אבער ניט מעהר ווי א טראפען אין ים אין פארגלייך מיט די גרויסע אויסגאבען, מיט וועלכע די אויפהאלטונג פון די שולען איז פארבונדען. אין פארלויף פון לעצטען יאהר איז אויף אויסהאלטען די שולען אויסגעגעבען געווארען כמעט א פערטעל מיליאן דאלאר. היינטיגען יאהר איז דער פאנד פון עדיוקיישאנאל דעפארטמענט פארגרעסערט געווארען מיט 15 טויזענט דאלאר, וואס דאס וועט געבען א מעגליכקייט דעם נאציאנאלען בילדונגס

קאָמיטעט צו פארגרעסערען די סובסידיעס אין אייניגע פּלעצער, וואו זיי נויטיגען זיך אם מייסטענס.

אין פארבינדונג מיט דער שול אַקטיוויטעט איז אויך געוואַקסען די אקטיוויטעט פון דער עדיוקיישאַנאַל קאָמיטע אויף דעם געביט פון ארויסגעבען קינדער־ליטעראַטור און אויך שאַפען א ספּעציעלע אויסגאבע פון דער אידישער געשיכטע, צוגעפּאסט פאר די קינדער, וועלכע לערנען זיך אין די א. ר. שולען. אין אייניגע שטעדט זיינען אויך געגרינדעט געוואָרען מיטעל־שולען פאר די קינדער פון 14 יאָהר און עלטער. די ניו יאָרקער א. ר. שולען, ווי אויך די שולען פון שיקאַגאָ, האָבען געגרינדעט ספּע־ציעלע קינדער קעמפּס. אין צייט פון וואַקיישאַן, דעם גאנצען זומער, פארברייננגען די קינדער, וואָס לערנען זיך אין די א. ר. שולען אין דיזע קעמפּס, וואו א גרויסע טייל פון דעם טאָג ווערט אװעקגעגעבען צו לערנען ליטעראַטור, צייכענונגען, מאַהלע־ריי, געזאנג און טענץ. די קינדער ווערען אויף אזא אופן ארויסגענומען פון דער אַטמאָספערע פון גאס און ווערען אריינגעצויגען אין אן אַטמאָספערע פון גייסטיגער ראַדיקאַלער ערציהונג.

געוויס איז די פּראָבלעם פון קריגען די פּאסענדע לערער א זעהר דרינגענדע און ליידער זיינען נאָך היינט צוטאָג ניטאָ גענוג אינטעליגענטע לערער, וועלכע זאָלען קענען אויספילען אָט די אויפגאבע, וועלכע די מאָדערנע שולע לייגט אויף זיי ארויף. די נאַציאָנאַלע עדיוקיישאַנאַל קאָמיטע פון ארבייטער רינג האָט דעריבער באשלאָסען צו עפענען א ספּעציעלען לערער־סעמינאר. די רעזולטאטען פון דיזער נייער אינסטי־טוציע זיינען נאָך ניט באקאנט, אָבער ס'איז דאָ א גרויסע האָפענונג, אז א באדיי־טענדער טייל פון די סטודענטען פון דיזען לערער סעמינאר וועט קענען אויספילען דעם מאַנגעל אין לערער.

צוזאמען מיט דער ענטוויקלונג פון דער אידישער ראדיקאלער שולע אין דעם ארבייטער רינג, שווימט ארויף די פראגע וועגען א מאָדערנער שולע אין דער ענגלישער שפּראַך. פילע מיטגלידער פון ארבייטער רינג, וועלכע זיינען ניט באגייס־טערט פאר דער אידישער ערציהונג, וואָלטען אויך וועלען, אז זייערע קינדער זאָלען ניט אָפּגעריסען ווערען פון זייערע, די עלטערענ'ס טראדיציעס, אז זיי זאָלען ניט אָפּגעפרעמדט ווערען פון זיי און זיי גלויבען, אז מאָדערנע ענגלישע שולען פאר קינדער וואָלטען געווען דער פּאסענדסטער מיטעל צו דערנעהענטערען די ביידע עלעמענטען. די פראגע שטעהט יעצט אויפ'ן טאג־אָרדענונג פון דער פארוואלטונג און וואַרשיינליך וועט זי קריגען די געהעריגע אויפמערקזאמקייט.

עס פארשטעהט זיך, אז אין א קורצען איבערבליק איז אוממעגליך אויסצורעכענען די גאַנצע אַלזייטיגע טעטיגקייט פון אזא פארצווייגטער אָרגאניזאציע ווי דער ארב. רינג. מיר האָבען אָבער געפּרובירט אָנצייגען נאָר אין קורצע שטריכען אויף דער אַלגעמיינער טעטיגקייט פון דיזער אָרגאניזאציע און איהרע אויפטואונגען פאר די מיטגלידער. מיר קענען זיך אָבער דאָ ניט אָפּשטעלען אויף דער טעטיגקייט פון ארב. רינג אין געזעלשאפטליכען לעבען, סיי אין תיגען, סיי אין פארבינדונג מיט דער ארבייטער באוועגונג אין גאנץ אייראָפּא. ס'איז גענוג נאָר צו דערמאָנען, אז פאר די לעצטע עטליכע יאָהר איז דער ארבייטער רינג כמעט געווען די איינציגע אידישע ארגאניזאציע אין אמעריקא, וועלכע האָט געלייסטעט הילף צו די אידישע

ארבייטער מאסען אין אייראפא און איבערהויפט צו זייערע קולטורעלע אינסטיטוציעס.

לעצטען יאָהר האָט דער ארבייטער רינג איינגעפיהרט א פריוואַליגען טעקס פון צעהן סענט פער קווארטאל פאר א מעמבער צו העלפען די אידישע קינדער שולען אין אייראפא און די לעצטע קאָנווענשאָן האָט אויך באשלאָסען אזא טעקס צו האָבען פאר דעם יאָהר. דיזער טעקס וועט אריין אין קראפט דעם 1טען יאַנואַר, 1926, און וועט אריינברענגען ארום 30 טויזענט דאָלאר.

עס דארף דאָ אויך דערמאָנט ווערען, אז ביי דער לעצטער קאָנווענשאָן איז צוטיילט געווארען אריבער 50 טויזענט דאָלאר שטיצע צו פארשידענע אינסטיטוציעס. פון דעם האָט דער „פאָרווערטס" געקראָגען 8 טויזענט דאָלאר; די „אָזע" — 5 טויזענט דאָלאר; די אידישע ארבייטער אָרגאַניזאַציעס פון פוילען, רוסלאַנד, רומעניע, לאַטוויא, און אז. וו. — 6 טויזענט דאָלאר, און די איבעריגע סומע איז צוטיילט געווארען צווישען אמעריקאַנער אינסטיטוציעס און ארגאניזאציעס.

דער ארבייטער רינג צעהלט איצט 85 טויזענט מיטגלידער, וואָס זיינען צוטיילט אין 710 ברענטשעס איבער די פאראייניגטע שטאַטען און קענעדע. זיין גראָס-פארמעגען באטרעפט קנאפע 4 מיליאָן דאָלאר.

אָט דאָס איז דער רעקאָרד פון דער גרויסער אידישער ארבייטער ארגאניזאציע, וואָס האָט איצט אָפּגעשלאָסען א פערטעל יאָהרהונדערט פון איהר געשיכטע.

די אידישע ליטעראַטור אין יאָהר 1925

פון א. ליטוואַק

דער קריזיס אויפ'ן אידישען ביכער-מארק איז נאָך ניט אריבער, הגם ער איז עטוואָס שוואַכער געווארען און די צאָהל ניי-ארויסגעגעבענע ביכער איז אין פאָריגען יאָהר געווען עטוואָס גרעסער, ווי אין 1924. ווען מ'זאָל נעהמען דעם גאַנצען סכום אידישע ביכער אין אַלע לענדער, וואו עס לעבט דאָס אידישע וואָרט, וועט דער צוואוקס זיין ניט קיין גרויסער: אין 1924 — 213 נעמען מיט סאָוועטען-רוסלאַנד, אין 1925 — 243 אָהן סאָוועטען-רוסלאַנד; און מיר זיינען נאָך ווייט הינטערשטעליג פון 1922, ווען אין דער גאַנצער וועלט, סאָוועטען-רוסלאַנד אריינגערעכענט, זיינען ארויס 425 נייע אידישע ביכער. אין צוויי איינצעלנע לענדער אָבער איז דער צו-וואוקס באדייטענד. דאָס איז אמעריקא, וואו אין 1924 זיינען ארויס בלויז 18 נייע נעמען, 6,6% פון דעם סכום נייע אידישע ביכער אין גאָר דער וועלט, און אין 1925 — 36 נעמען, גאַנצע 26%. (זעה די ביבליאָגראַפישע טאַבעלען פון נחמן מייזעל אין די ווארשעווער „ליטעראַרישע בלעטער", נומער 87). דאָס צווייטע לאַנד, וואו דער צוואוקס איז נאָך באדייטענדער, איז סאָוועטען-רוסלאַנד. אויב מ'זאָל גלויבען די ידיעות, וואָס דער סעקרעטאר פון צענטראַל-ביוראָ פון די יעווסעקציעס, ז. בורשטיין, האָט פארעפענטליכט אין „עמעס", זיינען דאָרט אין פאָריגען יאָהר ארויס 136 אידישע ביכער, וואָס אנטהאַלטען צוזאַמען 874 דרוק-בויגען, אין 510,500 עקזעמפּליארען.

אָבער אויף די ציפער וועגען רוסלאנד איז שווער צו בויען, ווייל מיר ווייסען ניט קלאָר, צי האָבען מיר דאָ צו טאָן בלויז מיט ניי־ארויסגעגעבענע ביכער אָדער מיט איבערגעדרוקטע אַלטע אויך. פאר די אַנדערע לענדער זיינען אָנגעגעבען בלויז די ניי־ארויסגעגעבענע; ווען מ'זאָל אין יענע לענדער רעכענען די איבערגעדרוקטע אויך, וואָלטען די באַטרעפענדע ציפער געווען א סך גרעסער.

אין רוסלאנד קומט אוים אויף יעדען בוך דורכשניטליך העכער 3,750 עקזעמפּליארען. אין אַנדערע לענדער איז די צאָל עקזעמפּליארען פון יעדען בוך געווען א סך קלענער. די לעצטע יאָהרען איז אין פּוילען כמעט א כלל, אז אן אויפלאַגע באַטרעפט זעלטען ווען מעהר פון טויזענט עקזעמפּליארען.

ווי אין די פאָריגע יאָהרען, שטעהט פּוילען אויף'ן ערשטען אָרט צווישען די לענדער, וואָס פּראָדוצירען אידישע ביכער. ווען מ'זאָל רעכענען אַלע לענדער אויסער רוסלאַנד, פאַלט אויף פּוילען העכער צוויי־דריטעל פון אַלע ארויסגעגעבענע ביכער. און אפילו אין פארגלייך מיט די 136 ביכער, וואָס ווערען אָנגעגעבען פאַר סאָוועטען־רוסלאַנד, פארנעהמט פּוילען מיט איהרע 163 נייע נעמען אויך א העכערען אָרט. און דאָס איז אין 1925, אין יאָהר פון שווערסטען עקאָנאָמישען קריזיס. דאָס ערקלערט זיך ניט מיט דעם אַליין, וואָס אין פּוילען ווערט א אידיש בוך מעהר געלייענט. די וויכטיגסטע סיבה איז דאָ, וואָס פּוילען פיהרט ארוים אידישע ביכער מעהר ווי זי פיהרט אריין. די פּראָדוקציע פון אידישע ביכער אין פּוילען איז אויסגערעכענט אויף רוסלאַנד, אַמעריקא, ארגענטינע, רומעניען און ד. גל. דעם ערשטען האַלב יאָהר פון 1925 האָבען די אידישע ביכער־לאַגערן אין פּוילען געמאַכט שלעכטע געשעפטען; דער פארקויף איז געווען גאָר א שוואַכער. אין הערבסט איז דער פארקויף געוואָרען א סך שטאַרקער, צוליב די „בילינגע וואָכען", וואָס זיינען אָרגאניזירט געוואָרען פון פאַרלאַג ב. קלעצקין, פון דער „קולטור־ליגע" און שפּעטער פון פאַרלאַג ב. קלעצקין בשותפות מיט'ן פאַרלאַג „צענטראַל". אין אַמעריקא האָבען דעם פאָריגען יאָהר א סך מיטגעהאָלפען צו פארשפּרייטען דאָס אידישע בוך די סיילס (אויספאַרקויפען), וואָס זיינען אָרגאניזירט געוואָרען פון פארשידענע פּאַרטיי־גרופּירונגען. א גרויסען ערפאָלג האָבען געהאַט די „סיילס", וואָס זיינען אָרגאניזירט געוואָרען פונ'ם סאָציאַליסטישען פאַרלאַג „וועקער". די „בילינגע וואָכען" און אויספאַרקויפען באַווייזען, אז מ'דאַרף ניט וואַרטען, ביז דער לעזער וועט אַליין קומען צום בוך, נאָר מ'דאַרף אָננעהמען מיטלען איהם צו צוציען, ווענדען זיין אויפמערקזאַמקייט, ווירקען אויף זיין ווילען. עס וואָלט געווען גוט צו באַנייען א מנהג, וואָס איך האָב דאָ געטראָפען אין 1915-17. דעמאָלט פלעגט דער פּאָרזיצער אויף אונזערע פארזאַמלונגען אָדער לעקציעס איידער ער האָט געגעבען דאָס וואָרט דעם רעדנער, אויסרופען די נייע ביכער, וואָס זיינען דעם אָוועגט פאראַן צו פארקויפען אין זאַל, זאָגען וועגען זיי א פּאָר וואַרימע ווערטער, איבערגעבען אין קורצען די טעמע, וואָס זיי באַהאַנדלען; ער פלעגט אפילו געבען צייט א קאָמיטע פון 2-3 חברים, זיי זאָלען געהן צווישען די רייהען און פארקויפען די אויסגערופענע ביכער דעם פארזאַמעלטען עולם.

ווי אין די פריהערדיגע יאָהרען, געהערט די גרעסטע צאָל ארויסגעגעבענע ביכער צו דער אָפּטיילונג בעלעטריסטיק — 89 נעמען, דערפון 59 אָריגינעלע און 30 איבערגעזעצטע; און בעלעטריסטיק גיט די דיקסטע ביכער, זיי ווערען דאָס רוב אויך געדרוקט אין א גרעסערער צאָל עקזעמפּליארען, ווי ביכער פון אַנדערע אָפּטיילונגען,

אויסער לערן־ביכער. צווישען די אַרויסגעגעבענע בעלעטריסטישע ווערק דאַרף מען אויסטיילען: שלום אש — „די מוטער" און „טויט־שטראָף" („עלעקטריק־טשער"), ביידע אין פאַרלאַג „קולטור־ליגע"; פריהער זיינען די דאָזיגע ראָמאַנען געדרוקט געוואָרען אין ניו יאָרקער „פאָרווערטס" און אין וואַרשעווער „היינט"; אַפּאַטאָשו — „1863" (צווייטער טייל פון די „פּוילישע וועלדער"); טיילען פון דעם דאָזיגען ראָמאַן זיינען פריהער געדרוקט געוואָרען אין די העברעאישע זאַמעל־ביכער „התקופה", פאָריגען זומער האָט ער זיך געדרוקט אין וואַרשעווער „מאָמענט", דערנאָך איז ער אַרויס אין אַ בוך־פאָרם אין פאַרלאַג ב. קלעצקין; דער זעלביגער פאַרלאַג האָט אויך אַרויסגעגעבען אַפּאַטאָשו'ס אַ נייע זאַמלונג פון נאָוועלען „אַרום די חורבות". י. י. זינגער — „אויף פרעמדע ערד", ערצעהלונגען, 278 זייטען; פאַרלאַג ב. קלעצקין. אין דער דאָזיגער זאַמלונג איז אַריין איינע פון די בעסטע נאָוועלען זינגער'ס — „אַלט־שטאָט" („פּאַביאַן"), וועלכע איז פריהער געדרוקט געווען אין „וואַרשעווער אַלמאַנאַך" און אין ניו יאָרקער „צוקונפט". א. מ. פוקס — „אונטער דער בריק", פאַרלאַג „קולטור־ליגע", וואַרשא. אַלע נאָוועלען, וואָס זיינען אַריין אין דער דאָזיגער זאַמלונג זיינען פריהער געדרוקט געוואָרען אין פאַרשידענע פּעריאָדישע אויסגאַבען. פון דוד בערגעלסאָן איז פאָריגען יאָהר, דוכט זיך, קיין נייע ווערק אין אַ בוך־פאָרם ניט אַרויס. און זאָל דאָ פאַרשריבען ווערען אויך ז. סעגאַלאָוויטש'עס נייער ראָמאַן „דאָס אַנאַרכיסטישע מיידעל" (צווייטער ראָמאַן פון דער סעריע „זעליג'ס יונגע יאָהרען"; דער ערשטער האָט געטראָגען דעם נאָמען „אייביג איינזאַם"), פאַרלאַג בזשאָזא, וואַרשא. ווי מיר זאָלען ניט קוקען אויף סעגאַלאָוויטש'עס ראָמאַנען, אָבער עס איז אַ פאַקט, אַז דער אידישער עולם לייענט זיי, אַפּט מעהר ווי די ווערק פון אונזערע אָנערקענטע קינסטלער. צי איז דאָס סעגאַלאָוויטש'עס כוח אָדער די שוואַכקייט פון אונזער דורכשניטליכען לעזער — אַלץ איינס, דער פאַקט מוז פאַרצייכענט ווערען.

אין 1925 זיינען אַרויס אין נייע אויפלאַגען זאַמלונגען פון אונזערע עלטערע שריפטשטעלער. די קולטור־ליגע דרוקט ווייטער שלום אש'ס געזאַמעלטע שריפטען. דער פאַרלאַג ב. קלעצקין דרוקט די שריפטען פון י. ל. פּרץ און שלום־עליכם. פאָריגען יאָהר האָט דער פאַרלאַג ב. קלעצקין אַרויסגעגעבען אַ זאַמלונג פון אַן אַלטען מחבר, וואָס פאַרדינט דערמאָנט צו ווערען באַזונדער, סאַי צוליב דער וויכטיגקייט פונ'ם מחבר, סאַי צוליב דעם, וואָס ביז אהער האָבען מיר געהאַט פון איהם אין דרוק נאָר איינצעלנע צעוואָרפענע זאַכען, און איצט האָבען מיר צום ערשטען מאָל אַ פולע זאַמלונג. איך מיין „אַלע כתבים פון דר. שלמה עטינגער" מיט אַ גרויסער ליטעראַטור־היסטאָרישער הקדמה פון אונזער יונגען פילאָלאָג דר. מ. וויינרייך. די זאַמלונג האַלט העכער 700 זייטען און איז אַ שעהנע מתנה פאַר די עלטערע תלמידים פון די אידישע גימנאַזיעס און לערער־סעמינאַרס, ווי אויך פאַר אַלע, וועלכע ווילען גרינדליך שטודירען די אידישע ליטעראַטור, וואָס אויב איהר זיידע איז געווען מענדעלע, איז איהר עלטער־זיידע געווען דר. עטינגער.

פון די איבערזעצונגען, וואָס זיינען פאָריגען יאָהר אַרויס, דאַרף מען פאַרצייכענען: גאָגאָל — „טאַראַס בולבאַ", אידיש פון יוסף טורקאָ, וואַרשאָ, פאַרלאַג גאָלדפאַרב; טורגעניעוו — „די ערשטע ליבע", „קלאַראַ מיליטש" און „סטוק, סטוק, סטוק", אידיש פון אַ. זאַק, וואַרשאָ, פאַרלאַג בזשאָזאַ; קנוט האַמסון — „די ברכה פון דער ערד"

(געקרוינט מיט'ן נאבעל־פּרייז), אידיש ש. שניידער, 586 זייטען, ווארשא, פארלאג קולטור־ליגע; ראמען ראלאן — „די שוועסטער (אנעט און סילוויא), אידיש פון בערגמאן, פארלאג יאנקאוויטש, ניו־יארק; סטעפאן זשעראמסקי — „ערב פרילינג", ראמאן אין 3 טיילען, אויטאריזירטע איבערזעצונג פון יצחק טורקאוו, 386 זייטען, ווארשא, פארלאג בזשאזא; וולאדיסלאוו ריימאנט — „פויערים" (געקרוינט מיט דער נאבעל־פּרעמיע), אידיש פון שלמה ראזענבערג, 1טער באנד, פארלאג אריענט, ווארשא; וו. ווערעסאיעוו — „אין טעמפען ווינקעל", ראמאן פונ'ם נייעם לעבען אין רוסלאנד. ווערעסאיעוו שטעהט אליין נאהענט צו די קאמוניסטען און זיין בוך איז אין רוסיש געדרוקט אין רוסלאנד גופא, דאך גיט ער א געטרייע בילד פון דער באל־שעוויסטישער צייט. אידיש פון ד. רויכל, 340 זייטען, פארלאג ב. קלעצקין; גוסטאוו מערינק — „דער גולם", ראמאן, 330 זייטען, אידיש פון מ. זילבורג, פארלאג ב. קלעצקין; א. י. גנעסין — „אפרים מרגליות" (אצל), איבערזעצט פון העברעאיש י. מייזיל, פארלאג ב. קלעצקין; פיער בענוא — „אטלאנטידא", פאנטאס־טישער ראמאן, אידיש פון זאקס, פארלאג בזשאזא. דאס רוב איבערזעצונגען זיינען געמאכט שלעכט. אונזערע פארלעגער זוכען ביליגע איבערזעצער, אדער זיי גיבען איבער די מלאכה צו זייערע קרובים און באקאנטע. די איבערזעצער קאנען דאס רוב ניט די שפראך פון אריגינאל, ניט די אידישע שפראך, פארמאגען ווייניג חוש פאר בעלעטריסטיק; און עס איז א גרויסער רחמנות אויפ'ן אידישען לעזער, וועלכער באקומט די פרעמד־שפראכיגע ווערק אין א פאראדרבענער, צושעדיגטער פארם. צו די ווייניגע אויסנאמען צו גוטען געהערט מ. זילבורג'ס איבערזעצונג פון מערינק'ס „גולם". פאר א מוסטער פון די פילע שלעכטע איבערזעצונגען קאן דינען יצחק טורקא'ס איבער־פיהרונג פון גאגאל'ס „טאראס בולבא", וואו „שליאפּנוטסיא" ווערט פארטייטשט — זיך פארשלומפערען, פון דעם אוקראינישען ליד „נאראדנאיא דומא" ווערט א פאלקס־ראט און טאראס מיט זיינע זיהן עסען ברויט מיט חלב. ניט פיל בעסער איז איבער־געזעצט ראמען ראלאנ'ס „שוועסטער": דער איבערזעצער נעמט ווערטער און ווענ־דונגען פון רוסיש, דייטש, ענגליש, די פראזע האט ביי איהם ניט קיין בעלעטריסטישען ריטם און שלעפט זיך ווי א ניט געשמירטער וואגען.

פון פאעזיע זיינען ארויס 29 ביכער. אבער רעדט מען וועגען פאעזיע, איז ניט גענוג צו פארצייכענען די לידער זאמלונגען פון דעם אדער יענעם איינצעלנעם דיכטער. אין אמעריקא איז פאראן א רייע ניט־פעריאדישע זאמעל־ביכער און זשורנאלען ווי די „פעדער", „1925" וכדומה, וועלכע זיינען מעהר ווי אלץ פול מיט לידער און מיינונגען וועגען לידער. עהנליכעס באמערקט זיך אויך אין ארגענטינע און אפילו אין פוילען — אין לאדז. בכלל איז ביי אונז א צו גרויסע עשירות אין געמאסטענע שורות. דאס רוב אנפאנגער שרייבען לידער און די צאהל פון פאעטען שטייגט ביי אונז ווייט אריבער די צאהל פון פראזאאיקער. אבער אויסער איינציגע גליקלאכע אויסנאמען איז דאס אלץ טאנדעט, גראפאמאניע אדער פרעטענציעזע מיטעלמעסיגקייט. טאנדעט איז בכלל א שלעכטע זאך, אבער אויב אין פראזע קען א מיטעלמעסיגקייט אמאל נאך עפּעס געבען: א באאבאכטונג, א שטויס זיך צו פארטראכטען, איז פאר טאנדעטנע לידער בעסער, זיי זאלען גאר ניט געבארען ווערען. דאס רוב לידער ווערען ביי אונז געלייענט נאר פון די פאעטען אליין, אדער פון דעם הייפעל חסידים, וואס ווארימען זיך אין זייער גרויסקייט. און דאס רוב לידער, איבערהויפּט אין פוילען און רוסלאנד,

זיינען געשריבען אין אַ געקינצעלטער שפּראַך, ווייט אָפּגעריסען פון דעם פאָלקס מויל; אפילו אַן אינטעליגענטען לעזער שטעלען זיי זיך צווישען די ציין, פאַר אַ לעזער פון פאָלק זיינען זיי תרגום.

זאָל דאָ פאַרצייכענט ווערען לייוויק׳ס זאַמלונג „אונטער׳ן שלאָס" — לידער פון טורמע און סיביר, אויך דער ציקל „אין שניי", וואָס איז לעצטענס ארויס אין וואַרשאַ אין קלעצקין׳ס פאַרלאַג און וועט אין גיכען ארויס אויך אין רוסלאַנד. פאַר אַמעריקאַ איז עס קיין נייס ניט, אָבער אין איירָאָפּאַ האָט מען לייוויק׳ס לידער פון זיין ערשטען שאַפונגס-פּעריאָד ביז אָהער כמעט ניט געזען.

דראַמע-ביכער זיינען דעם יאָהר ארויס אין גאַנצען 8, אין דעם — סעקלער׳ס דראַמאַטישע ווערק אין 2 בענדער (ניו יאָרק), און יעקב פּראַגער׳ס דראַמאַטישע מעשה׳לע „דער נסיון", וואַרשאַ, פאַרלאַג קולטור-ליגע. אין 1924 זיינען ארויס דראַמען-ביכער צוויי מאָל אַזוי פיל, ווי אין 1925. אין דעם האָט זיך אָפּגעשפּיגעלט דער שווערער קריזיס, וואָס דאָס אידישע טעאַטער אין פּוילען האָט דעם לעצטען יאָהר איבערגעלעבט. פון ליטעראַרישער קריטיק זיינען פאַריגען יאָהר ארויס ניט מעהר ווי 8 ביכער, 3 איבערגעזעצטע און 5 אָריגינעלע. זעהר ווייניג. ווען מ׳זאָל ריידען ניט וועגען ליטעראַרישער קריטיק אין ענגען זינען, נאָר וועגען דער געשיכטע פון ליטע-ראַטור און קונסט, מוז מען פאַרצייכענען: פּ. קאַגאַן — „געשיכטע פון די מערב-איירָאָפּעאישע ליטעראַטורען", צוויי בענדער, אַן ערך 700 זייטען, אידיש פון פּ. האַלפּערין, פאַרלאַג ב. קלעצקין. דאָס איז אַ קאָמפּילאַציע מיט אַ סך חסרונות, אָבער פאַר לעזער, וועלכע זיינען מיט דעם געגענשטאַנד ניט באַקאַנט, קאָן עס זיין נוצליך. די איבערזעצונג איז אַ גאַנץ אַנשטענדיגע. חוץ דעם, צוויי זעלבסטשטענדיגע פאָר-שונגען: 1) דר. יצחק שיפּער — „געשיכטע פון אידישער טעאַטער-קונסט פון די עלטסטע צייטען ביז 1750, באַנד 2, 290 זייטען, מיט 22 בילדער, פאַרלאַג קולטור-ליגע; 2) מאַקס עריק — „דער אַלט-אידישער ראָמאַן און נאָוועלע אין 14טען און 16טען יאָהרהונדערט", אָפּהאַנדלונגען וועגען אַלט-אידישען ראָמאַן (אויספיהרען און השערות), ארייַנפיהר צו דעם בבא בוך און דאָס בבא בוך, אַרטוס ראָמאַנען, מעשה-בוך און אַנדערע. אינ׳ם בוך ווערען צום ערשטען מאָל פאַרעפענטליכט אַ סך אַלטע טעקסטען. וואַרשאַ. פון דער סעריע „דער וועג צום וויסען".

פון געשיכטע און מעמוארען — 14 ווערק: 12 אָריגינעלע און 2 איבערגעזעצטע, אין דעם: חיים שויס—„אידישע געשיכטע", פּערטער באַנד, ניו יאָרק; הלל ראָגאָף— „די געשיכטע פון די פאַראייניגטע שטאַטען", צוויי בענד, ניו יאָרק; א. ש. זאַכס — „די געשיכטע פון ארבייטער רינג", צוויי בענד, ניו יאָרק; ש. אגורסקי — „דער אידישער ארבייטער אין דער קאָמוניסטישער באַוועגונג, 1917—21", מינסק, 186 זייטען; זרובבל — „בער באָראָכאָוו", אַ מאָנאָגראַפיע וועגען דעם פאַרשטאָרבענעם אידישען פילאָזאָף, באַגרינדער און פיהרער פון די פּועלי ציון, 160 זייטען, פאַרלאַג „ארבעטער-היים"; וויערא פיגנער—„מעמואַרען" (וועגען דער זעמליא אי וואָליא, נאַ-ראָדנאַיאַ וואָליא, שליסעלבורגער פעסטונג), אידיש פון מ. אַשעראָוויטש, 3 בענד, העכער 1000 זייטען, ניו יאָרק, פאַרלאַג „וועקער"; א. פרידקין — „דוב בער גאָט-לאָבער און זיין עפּאָכע לויט פאַרשידענע קוועלען", ווילנע, פאַרלאַג ב. קלעצקין, 384 זייטען. זעהר אינטערעסאַנט אינ׳ם דאָזיגען בוך זיינען די צוגעפיגעקליבענע און איבערגעזעצטע זכרונות פון גאָטלאָבער׳ן אליין, וואו פרידקין שעפּט פון אַנדערע קוועלען.

וואו ער וויל אליין שילדערען א בילד פון דער עפאכע, דארטען איז ער שוואך און אויבערפלעכליך. אברהם קאטיק — „דאס לעבען פון א אידישען אינטעליגענט", 259 זייטען, ניו יארק, פארלאג טויבענשלאג. די דאזיגע זכרונות העלפען פארשטעהן דאס לעבען און טעטיגקייט פון די פיאנערען פון דער אידישער רעוואלוציאנערער און ראדיקאל-קולטורעלער באוועגונג אין די לעצטע צוואנציג יאהר פון פאריגען יאהר-הונדערט. לעאן קאברין — „עראינערונגען פון א אידישען דראמאטורג", צוויי בענד, ניו יארק. דאס בוך איז זעהר וויכטיג פאר יעדען, וואס וויל באקאנט ווערען מיט דער געשיכטע פונ'ם אידישען טעאטער אין אמעריקא. אברהם רייזוויין — „דער איד אין קאנאדע", טאראנטא; א. ראזבורי — „די געשיכטע פון דער ענגלישער ארבייטער באוועגונג", 300 זייטען, ניו יארק, פארלאג „וועקער".

א שאד, וואס די מעמוארען-ליטעראטור איז ביי אונז אזוי קליין. די לעצטע 40 יאהר איז די אידישע גאס געווען רייך מיט פארשידענע באוועגונגען, געשעהענישען, אינטערעסאנטע געשטאלטען. דאס טאר ניט פארלארען געהן פאר אונזער געשיכטע. און מ'מוז זיך צוטיילען. אונזערע פיאנערען פונ'ם סאציאליזם און פון אידישער מאסען-קולטור געהען איינער נאכ'ן אנדערען אוועק פון דער וועלט און אויב ניט איצט, טא ווען?

זעהר ארעם איז דעם פאריגען יאהר געווען די אפטיילונג פון וויסענשאפט. אין גאנצען 5 ביכער. פון נאטור-וויסענשאפט מוז מען אויסטיילען פראפעסאר טימיריאזעוו'ס אויסגעצייכנעטען בוך „דאס לעבען פון געוויקס", מאסקווע. דאס בוך איז געשריבען געווארען מיט עטליכע צעהנדליג יאהר צוריק, עס איז נאך אבער פריש, ווי אקארשט אנגעשריבען. עס איז פאפולער און גרינדליך און בארייכערט דעם לעזער. די איבערזעצונג געהערט צו די בעסערע. פון געזעלשאפטליכע וויסענשאפט האבען מיר כמעט גאר ניט וואס אויסצוטיילען, ניט קיין זעלבסטשטענדיגע פארשונג, ניט קיין גרונטאוונע איבערגעזעצטע ווערק. מיר האבען נאך עד היום ניט קיין גרעסערע ווערק אפילו וועגען דער יוניאן-באוועגונג. דאס איז א גוואלדיגער חסרון פאר אונזער קולטור און פאר די מאסען, וואס זיינען אויף איהר אנגעוויזען. איך קען דא אויסטיילען נאר דעם נומער 5 פון די „בלעטער פאר אידישע דעמאגראפיע, סטאטיסטיק און עקאנאמיק". רעדאקציע: פראפעסאר ב. ברוצקוס, יעקב לעשצינסקי און דר. יעקב סעגאל. בערלין, יוני, 1925. דאס איז א גרויס בוך פול מיט רייכען מאטעריאל. באזונדערס אינטערעסאנט זיינען די ארבייטען פון יעקב לעשצינסקי: „די אידישע באפעלקערונג פון גאר דער וועלט" און „די עקאנאמישע לאגע פון אידען". ליידער האט מען זיך ביי אונז צו ווייניג פאראינטערעסירט מיט אט דעם העכסט וויכטיגען וויסענשאפטליכען זשורנאל און, ווי עס ווייזט אויס, איז זיין פינפטער נומער געווען דער לעצטער.

לאמיר פאר איין גאנג פארצייכענען דעם זשורנאל פאר אידישער פילאלאגיע, וואס ווערט ארויסגעגעבען אין ווארשא ביי דעם פארלאג קולטור-ליגע אונטער דער רעדאקציע פון דר. מ. וויינרייך, נח פרילוצקי און ז. רייזען.

פארהעלטניסמעסיג רייך איז די אפטיילונג פון פובליציסטיק — בראשורען און ביכער, וואס באהאנדלען פארשידענע פאליטישע און געזעלשאפטליכע פראגען. אין רוסלאנד זיינען ארויס גאנצע 56 נעמען פון אט דער אפטיילונג, העכער צוויי פינפטעל פון גאר די אידישע בכיער, וואס זיינען פאריגען יאר אין יענעם לאנד ארויס; דאס זיינען

דאָס רוב איבערגעזעצטע אַרטיקלען פון לענין, זינאָוויעוו, בוכאַרין, סטאַלין א. ד. ג. אין בערלין זיינען אַרויס צוויי ווערק פון׳ם באַוואוסטען לינקען סאָציאַליסט-רעוואָלוציאָנער (געוועזן קאָמיסאַר פון יוסטיץ גלייך נאָך דער באָלשעוויסטישער אָקטאָבער-איבערקערעניש) י. נ. שטיינבערג: 1) „דער מאָראַלישער פּנים פון דער רעוואָלוציע", איבערגעזעצט פון רוסיש דורך שמואל פרידמאַן, פאַרלאַג „נייע געזעלשאַפט" (שיקאַגאָ). בערלין, 352 זייטען; 2) „דער מאַקסימאַליזם אין דער אידישער וועלט", געשריבען דירעקט אין אידיש, 66 זייטען, בערלין. אין בערלין איז אויך אַרויס יעקב לעשצינסקי׳ס בראַשור: „דער אמת וועגען די אידען אין רוסלאַנד". אין פּוילען גיבען דער בונד און די פּועלי ציון פון צייט צו צייט אַרויס קליינע אַגיטאַציע-בראָשורען. צו דער ערנסטער פּובליציסטיק דאַרף מען אויך צורעכענען דאָס בוך פון חיים קאַנטאָראָוויטש: „אין ליכט פון מאַרקסיזם", הויפּט פאַרקויף מאַקס מייזעל, ניו יאָרק. דער מחבר, א געוועזענער לינקער פּועל ציוניסט, שטעהט צווישען די קאָמוניסטען מיט די סאָציאַל-דעמאָקראַטען, ער ווערט אָבער וואָס ווייטער אַלץ נעהענטער צו די לעצטע.

די אָפּטיילונג קינדער-ליטעראַטור, לערן-ביכער און פּעדאַגאָגיק איז דעם פאַריגען יאָהר געווען זעהר אָרעם. דאָס איז א גרויסער שאָדען. אונזער קינדער-ליטעראַטור שטעהט אָפּ אין איהר וואוקס פון אונזערע שולען; אונזערע קינדער פילען א מאַנגעל אין לערן-ביכער, אין גוטען לעזע-שטאָף, אונזערע לערער און ערציהער — אין פּעדאַגאָגישער ליטעראַטור. פאַרצייכענען מיר אויף דעם דאָזיגען געביט: ישראל רובינ׳ס פּסיכאָלאָגישע סטודיע "קינד און דערוואַקסענער", 246 זייטען, פאַרלאַג ב. קלעצקין; ח. ש. קאַזשדאַן און י. פּאַט — „מיין אידיש בוך", א כרעסטאָמאַטיע פאַר׳ן צווייטען לערן-יאָהר, וואַרשאָ, פאַרלאַג קולטור-ליגע. א גוט בוך פאַר דער יוגענד איז „זכרונות לבית דוד", אידישע געשיכטע אין ראָמאַנען און דערציילונגען לויט הערמאַן ריקענדאָרף און א. ש. פרידבערג. 6 בענד, מיט בילדער, 1600 זייטען.

דער סך הכל פון יאָהר איז אַן אָרימער; קיין נייע באַדייטענדע ערשיינונג, קיין נייע ליניע. אין אַמעריקא האָט דער ווייט גרעסטער טייל פון די 12 טויזנט אידישע פּאָעטען אויפגעהויבען די פאָהן פון ריינער קונסט, קונסט לשם קונסט און אונטער דער דאָזיגער פאָהן האָט מען אויפגעהויבען א קאַמף געגען געזעלשאַפטליכע פּראָבלעמען אין די שאַפונגען פון ה. לייוויק און ביי דעם גרעסטען טייל פון די אידישע דיכטער אין פּוילען און רוסלאַנד. אָבער די דאָזיגע פאָהן איז שוין אַלט און מ׳הויבט זי אויף יעדעס מאָל, ווען אין דער געזעלשאַפט הערשען מידיגקייט און אַפּאַטיע. און עס איז דאָך א פאַקט, אַז דער גרויסער טומעל איז ביי אונז איצט נאָר אויפ׳ן אויבער-פלאַך, אין די טיפענישען איז אַלץ שטיל און נידערגעשלאָגען.

אין פּוילען איז א טייל פון די אידישע שריפטשטעלער נאָך פאַרפלייצט פון מבול אָנגעבלאָזענע מליצות און צוקראָכענער מאַניריערטקייט, וואָס האָט זיך דאָרטען אָנגעהויבען צו גיסען נאָך מיט עטליכע יאָהר צוריק. א סך וואָס די פּאָעטען און פּראָזאיקער פון דעם מין שרייבען איצט, איז שוין א מין אָץ קוניץ, וואָס מ׳דאַרף אָפּט האָרעווען ביז מ׳פאַרשטעהט עס און ווען מ׳האָט שוין פאַרשטאַנען, זעהט מען זיך אַרום, אַז עס האָט ניט געלוינט די האָרעוואַניע. די מאָסקווער באַריהמטע זיך, אַז זיי האָבען א נייעם נאָך ניט געהערטען וואָרט, זיי קומט די העגעמאָניע אין דער אידישער ליטעראַטור, זיי ווילען אונז מיט די היטלען פאַרוואַרפען. ווי מיר זעהען אָבער פון זייערע זאַמעלביכער („נייע ערד", „אָקטיאַבער", „דער שטערן") באַמערקען זיך דאָרטען

דערוויל קיין נייע באַדייטענדע טאַלאַנטען ניט, און וואָס איז שייך צו דער פאָרם, האָבען זיך זייערע יונגע בעלעטריסטען אומגעקערט צו דער אַלטער קליינער שטייגער־באַשרייבונג, מעהר ניט וואָס די שפּראַך איז ביי זיי געקינצעלט און פּאַסט ניט צו זשאַנער־מאַלעריי; די פּאָעטען מאַכען בלינד נאָך די רוסישע פוטוריסטען און אימאַזשיניסטען, און זייער הויף־קריטיקער י. דאָברושין קאָן נאָר שרייען הידד און הושענא, און הגם ער גיט זיך אויס פאַר'ן נביא פון אַ נייעם גייסט, איז דאָך יעדע שורה זיינע פול מיט מאַנערירטער בטלנות פון אונטער'ן אויווען אַרויס.

נאָר אויף איין געביט איז אין רוסלאַנד די לעצטע פּאָר יאָהר אַ פּנים געשאַפען געוואָרען מעהר ווי אין פּוילען און אַמעריקא: דאָס איז דער געביט פון לערן־ביכער און קינדער־ליטעראַטור.

אויפ'ן חשבון פון דער אידישער ליטעראַטור אין 1925 מוז מען אויך פאַרשרייבען אַ פּאָר פאַקטען, וואָס האָבען צו טאָן ניט אַזוי מיט דער ליטעראַטור דירעקט, ווי מיט איהרע שעפער. דאָס איז פריהער פאַר אַלץ דער צעהנטער יאָהרצייט נאָך י. ל. פּרץ, וועלכער איז פאַריגען פּסח געפייערט געוואָרען אין אַלע שטעט און שטעטלאַך פון פּוילען; געפייערט געוואָרען פון קינדער און דערוואַקסענע און איז געוואָרען אַ גרויסע מאַניפעסטאַציע פאַר אונזער נייער אידישער מאַסען־קולטור. אין אַ סך אַ קלענערען מאַסשטאַב אָבער אַן עהנליכען כאַראַקטער טראָגט אויך דער 60־יאָהריגער יובילעאום פון דר. ח. זשיטלאָווסקי, וועלכער איז פאָריגען דעצעמבער געפייערט געוואָרען אין ניו יאָרק און ווערט נאָך איצט געפייערט אין פאַרשידענע שטעדט פון די פאַראייניגטע שטאַטען. און לאָמיר אויך זאָגען, אַז אַן עהנליכען כאַראַקטער האָט אויך געטראָגען דער פייערליכער קבלת פּנים, וואָס מ'האָט אין פּוילען געמאַכט דעם דיכטער ה. לייוויק, אַ געשעהעניש, וואָס האָט אַרויסגערופען אַזוי פיל בייז בלוט ביי אַ טייל פון זיינע חברים־פּאָעטען דאָ אין אַמעריקא. אַ גרויסען חלק פון דער דאָזיגער פייערליכקייט דאַרף מען אָהן ספק פאַרשרייבען אויפ'ן חשבון פון לייוויק'ס טאַלאַנט און לייוויק'ס פּערזענליכקייט, אָבער מעהר ווי אַלץ איז עס געווען אַ דעמאָנסטראַציע פאַר דער נייער אידישער ליטעראַטור בכלל. וואָרים וואָס־וואָס — די צוגעבונדענקייט פון די אידישע מאַסען צו דער אידישער ליטעראַטור, דער קולט פאַר דאָס אידישע וואָרט־קונסט איז אין פּוילען געוויס אויסגעוואַקסען. און דאָס איז אַ גרויסער געווינס, אַ באַדייטענדיגע דערגרייכונג.

די העכסטע געביידען אין ניו יאָרק

וואולוואָירט, בראָדוויי און פּאַרק פּלייס — —	56 שטאָק,	798 פוס	00 אינטשעס הויך
מעטראָפּאָליטאַן — — — — — — — — —	50 „	700 „	3 „ „
סינגער, בראָדוויי, ביי ליבערטי סטריט — —	41 „	612 „	1 „ „
מיוניסיפּאַל, סענטער סטריט און פּאַרק ראָו —	24 „	560 „	1 „ „
עקוויטייבעל, בראָדוויי, פּיין און נאַסאַו סטס.	37 „	485 „	9 „ „
ווהייטהאָל, 17 בעטערי פּלייס — — — —	32 „	424 „	00 „ „
טיימס, בראָדוויי און 42טע סטריט — — —	28 „	419 „	9 „ „
אַמעריקאַן עקספּרעס, 65 בראָדוויי — — —	32 „	415 „	00 „ „
היידעלבערג, בראָדוויי און 42טע סטריט --	30 „	410 „	00 „ „
וועסט סטריט בילדינג — — — — — —	19 „	404 „	00 „ „
וועסטערן יוניאָן, בראָדוויי און דעי סטריט —	28 „	403 „	6 „ „
ליבערטי טאַוער, נאַסאַו און ליבערטי סטס.	32 „	400 „	00 „ „

די אידישע יוניאָנס אין יאָהר 1925

פון יעקב רייך.

דער לעצטער יאהר איז געווען איינער פון די זאָנדערבארסטע אין דער געשיכטע פון דער אידישער ארבייטער באוועגונג אין אמעריקע. וואס איז שייך די באציהונגען מיט די בעלי־בתים, איז דער יאָהר געווען איינער פון די שטיקסטע וואס די יוניאנס האָבען לעצטענס געהאט. דערפאר איז ער אָבער געווען דער סאמע שטורעמדיגסטער וואס אמבאלאנגט אינערליכע ארגאניזאציאנס פראגען. אין פארלויף פון דיזען יאהר זיינען פאָרגעקומען אפענע צוזאמענשטויסען מיט די קאָמוניסטען אין דריי פון די גרעסטע יוניאנס, און אין די אנדערע יוניאנס זיינען די קאָמוניסטען אויך געווען טעטיג מעהר ווי ווען עס איז בעפאר. די דריי יוניאנס זיינען: די אינטערנעשאָנעל לײדיס גארמענט ווארקערס יוניאן, די אמאלגאמייטעד קלאָדינג ווארקערס אוו אמעריקע און די פאָר ווארקערס אינטערנעשאָנעל יוניאן.

דער קאמף מיט די קאָמוניסטען און די אָנהענגערשאפט וואס זיי האָבען געפונען צווישען די מיטגלידער זיינען אזוי דורכגעבונדען און צוזאמענגעקניפּט מיט די באדינגונגען פון די טריידס און די אינערליכע פיהרונגען פון די ארגאניזאציעס אז מען קאָן די זאכען ניט פאנאנדערטיילען. אין דעם באשרענקטען פּלאץ, וואס איך פארמאָג דאָ וועל איך פּרואווען געבען אן איבערבליק וועגען דער „רעוואָלוציע" וואס איז פאָרגעקומען דעם לעצטען יאָהר. לאָמיר אָנפאנגען מיט דער אינטערנעשאָנאל.

די אינטערנעשאָנאל לײדיס גארמענט ווארקערס יוניאָן.

אין דער אינטערנעשאָנאל זיינען די קאָמוניסטען אלע מאָל געווען פיל מעהר טעטיג ווי אין די אנדערע יוניאנס. זייערע אטאקעס זיינען אין דיזער יוניאן אלעמאָל געווען ביטערער און מעהר עקסטרים ווי אין די אנדערע אָרגאָניזאציעס. איינע פון די אורזאכען וואס ווערט אָנגעגעבען דערפאר איז ווייל די קלאוק און דרעס טריידס, וועלכע האָבען מעהר געליטען און זיינען מעהר צושפּליטערט געווארען אין פארלויף פון די לעצטע עטליכע יאהר ווי די אנדערע טריידס. אין ערגעץ, צום ביישפּיל, איז די סיסטעם פון דזשאבערס און קאָנטראקטאָרס אזוי ניט ענטוויקעלט ווי אין די קלאוק און דרעס טריידס.

עטליכע ווערטער וועגען דעם: נאָך פאר דער מלחמה האָט זיך אָנגעהויבען צו מערקען א נייער סאָרט ביזנעס־מאן אין קלאוק־טרייד. דער מאנופעקטשורער, וועלכער האָט פריהער אָנגעהאלטען א גרויסען שאפּ מיט סיילס־לייט און די אנדערע מכשירים פון א ביזנעס אונטערנעמונג, האָט זיך אויפגעהערט צו פארנעמען מיט דער פּראדוקציאנס זייט פון זיין געשעפט, דאָס הייסט, מיט דעם צושניידען און נייען פון קליידער, נאָר ער האָט זיך אָפּגעגעבען אויסשליסליך מיט דער האנדעלס זייט פון די ביזנעס. ער האָט געלאָזט אנדערע מאכען זיינע קליידער אין האָט געמעלדעט זיינע קאָסטאָמער, אז ער קאָן זיי צושטעלען זייער ווארע ווען נאָר זיי פארלאנגען עס. זיי דארפען נישט ארדערען אין פאָראויס, נאָר זיי קאָנען קומען, אדער צושיקען זייער אָרדער צו איהם אין ווער־הויז און ער וועט גלייך קאָנען צושטעלען די פארטיגע גארמענטס. אָנגעפאנגען האָט זיך דיזע סיסטעם אויף א זעהר באשרענקטען און באשיידענעם אופן. ביסלעכווייז האָט זיך עס, אָבער, אזוי ענטוויקעלט, אז דער גרעסטער פּראצענט פון די ביזנעס ווערט געטאָן פון דזשאבערס, וועלכע לאָזען נייען זייער ווארע אין קאָנטראקטינג שעפּער. די דזשאבערס, וועלכע זיינען די אמת'ע בעלי־הבתים פון דער אינדוסטריע, האָבען זיך דורך דיזער סיסטעם באפרייט פון אירגענד וועלכער פאראנטוואָרטליכקייט פאר די ארבייטס־באדינגונגען.

זיי שיקען אַרויס שניטוואַרגס צו קאָנטראַקטאָרס, וועלכע האַלטען מערסטענס קליינע שעפּער, יענע לאָזען עס אויפנייען און ברענגען עס פאַרטיג צו דעם דזשאַבער. די אַרבייטס־פּרייזען ווערען איבערגעלאָזען כמעט אויף הפקר. דער דזשאַבער איז פאַראינטערעסירט צו קריגען וואָס אַ ביליגערען פּרייז. דער קאָנטראַקטאָר פּרוּווט אַרויפהייבען דעם פּרייז, אָבער צוליב דער שאַרפער קאָנקורענץ וואָס עס גערט אָן אין טרייד איז דער קאָנטראַקטאָר געצוואונגען צו נעמען אָרדערס פאַר די ביליגסטע פּרייזען.

די לעצטע עטליכע יאָהר האָבען זיך די ביזי סיזאָנס אָנגעפאַנגען אַלץ שפּעטער און שפּעטער. די סיזאָנס זיינען געוואָרען אַלץ קירצערע. די אורזאַכע דערפון איז אַ פיל־פאַרצווייגטע, אָבער איך וועל עס אָנמערקען בלויז אין עטליכע ווערטער. ערשטענס, זיינען די סטיילס געוואָרען אַלץ איינפאַכער און גרינגער צו מאַכען, און פאַר איינפאַכע אַרבייט דאַרף מען, פאַרשטעהט זיך, האָבען ווייניגער אַרבייטער. צווייטענס, ווערט אַ באַדייטענדער טייל פון דער אַרבייט אַרויסגעשיקט אין די קלענערע שטעדטלאַך. באַזונדערס איז דאָס דער פאַל אין דרעס טרייד און אין די טריידס אין וועלכע עס פאָדערט זיך נישט קיין באַזונדערע געניטקייט. דריטענס, האָבען די דזשאַבערס איינגעוואוינט די סטאָר קיפּערס צו דעם געדאַנק, אַז זיי קאָנען קריגען פאַרטיקע וואַרע ווען נאָר זיי שיקען אַריין דעם אָרדער. די סטאָרקיפּערס איילען זיך דערפאַר נישט מיט די אָרדערס און די סיזאָנס הויבען זיך דאַרום אָן זעהר שפּעט. פון דעם וואָלט געקענט זיין געדרונגען, אַז די סיזאָנס וועלען דערפאַר געדויערען לענגער, אָבער די דזשאַבערס האָבען זיך אַנגעגרייט מיט אַזוי פיל קאָנטראַקטאָרס, אַז ווען די ביזי הויבט זיך שוין אָן, געדויערט עס אָן אַכט אָדער צעהן וואָכען, די ביזי ברענט איבער, און די גאַנצע אַרבייט פון אַ סיזאָן ווערט פאַרענדיגט. דער אמת איז אויך, אַז אין דער פּראָספּעריטי צייט זיינען אַריינגעקומען אין טרייד אַ היבשע צאָהל מעהר אַרבייטער ווי דער טרייד קאָן באַשעפטיגען. די פּראָספּעריטי איז פאַרשוואונדען, אָבער די אַרבייטער זיינען געבליבען.

אָבער אחוץ די אַלע טרייד־פּראָבלעמען האָבען זיך נאָך געמאַכט אינערליכע אָרגאַניזאַציאָנעלע שוועריגקייטען. צוליב די שטענדיגע אַטאַקעס פון די „לינקע“ און די קאָמוניסטען, איז געלונגען מאַנכע בעאַמטע צוצושרייבען זיך צום „רעכטען“ לאַגער, און פאַרבלייבען אין אַמט לאַנג נאָכדעם ווי זייער פעהיגקייט פון איין זייט אָדער זייער עהרליכקייט פון צווייטען זייט האָט זיי באַרעכטיגט דערצו. מענשען, וועלכע וואָלטען אין געוועהנליכע צייטען באַזייטיגט געוואָרען אונטערן דרוק פון דעם געזונטען עלעמענט אין דער יוניאָן, האָבען צוליב די קריגערייען און די שאַרפע צוטיילונג פון „רעכטע“ און „לינקע“ געהאַט אַ מעגליכקייט צו בלייבען אין אַמט און פאַרנעמען אפילו דעם אויבען־אָן אין דער אָרגאַניזאַציע. אָפענהערציג גערעדט, איז אַ לאַנגע צייט געווען געַנוג, אַז אַ בעאַמטער זאָל אַרויסטרעטען אַלס אַ „רעכטער“, און אַלע זיינע חסרונות און אפילו פאַרברעכענס זאָלען פאַרגעסען ווערען. די וואָס האָבען פּראָטעסטירט געגען אַזאַ בעאַמטען זיינען גלייכצייטיג פאַרשריבען און פאַרשריען געוואָרען אַלס „לינקע“, און זייערע פּראָטעסטען זיינען ניט געאַכטעט געוואָרען. ניט איין טעטיגער מעמבער איז פאַרטריבען געוואָרען אין דעם „לינקען“ לאַגער צוליב דער גלייכגילטיגקייט און דער געגנערשאַפט פון אָט די „רעכטע“, די עהרליכע טרייד־יוניאָניסטען האָבען דאָס די גאַנצע צייט געפיהלט און פאַרשטאַנען, אָבער זיי האָבען ווייניג וואָס געקענט אויפטאָן, ווייל אַזוי שנעל ווי זיי פלעגען זיך נעמען רייניגען זייערע אייגענע רייהען, פלעגען זיי די קאָמוניסטען באַפאַלען מיט נייע אַטאַקעס און פרישע העצעס. זיי האָבען ניט געקענט מאַכען צו רעכט זייער הויז, ווען אין די פענסטער זיינען געפלויגען שטיינער און שמוץ. ווען די „רעכטע“ האָבען יאָ גענומען זיך צו דער רייניגונגס אַרבייט, און האָבען יאָ באַזייטיגט געוויסע בעאַמטע, זיינען זיי אַזוי אָפּגעשוואַכט און צוריסען געוואָרען אין זייער אייגענעם לאַגער, אַז זיי האָבען ניט געקענט געבען קיין ריכטיגען ווידערשטאַנד, ווען דער אָפענער קאַמף געגען די קאָמוניסטען האָט זיך אָנגעפאַנגען.

עטליכע ווערטער וועגן דיזען גרויסען ברודער־קאַמף, וואָס איז אָנגעגאַנגען דעם

גאנצען זומער פון יאהר 1925. אָנגעפאנגען האָט ער זיך אין דער צייט, ווען די אונטערזוכונגס־קאָמישאָן וואס גאָווערנאָר סמיטה פון ניו יארק האָט באשטימט, האָט געהאַלטען ביים ארויסגעבען איהרע רעקאָמענדאציעס. דיזע קאָמישאָן האָט אַ לאַנגע צייט פארהאנדעלט די פארשידענע פאָדערונגען פון דער קלאוקמאכער יוניאָן, — באזונדערס די פאָדערונג צו באשרענקען די צאָהל קאָנטראקטאָרס וואס א דזשאבבער זאָל באשעפטיגען און די פאָדערונג פאר אַ גאַראַנטירטע צאָל וואָכען ארבייט דורכ'ן יאָהר. די פיהרער פון דער יוניאן האָבען פאָרגעלעגט, אז די גאַראַנטי זאָל זיין 32 וואָכען ארבייט דורכ'ן יאָהר; די קאָמוניסטען און די „לינקע" האָבען געזאָגט, אז מען האָט געדארפט פאָדערען 36 וואכען. מיט אזעלכע אישום האָבען זיי אגיטירט צווישען די מיטגלידער און געהעצט געגען די פיהרער. אין דרעס טרייד האָבען זיי געהאט אַן אנדער טענה: פארוואָס דער דזשאָינט באָארד צווינגט ניט די בעלי־בתים אפצוהיטען אַלע פונקטען פון דעם אגרימענט וואס די יוניאן האָט געוואונען. כאָטש אויף דער געגען־טענה פון דעם דזשאינט באָארד, פארוואס די לינקע פיהרער פון דעם דרעססמאכער לאָקאַל טוען אליין גאָרניט אויף דיזען געביט, האָבען זיי ניט געהאַט קיין ענטפער. אַ תירוץ האָבען זיי יאַ געהאַט, — „מען לאָזט ניט." ווען די הויפּט־פיהרער האָבען באשלאָסען אָנצופאנגען אַן אָפּענעם קאמף געגען די קאָמוניסטען, האָט דער דזשאָינט באָארד סוספענדירט, און דערנאָך ארויסגעשלאָסען די עקזעקוטיוו באָארדס פון די לאָקאלס 2, 9 און 22, — די דריי גרעסטע לאָקאלס אין דער אינטערנעשאָנאל.

אין דיזען קאמף איז די לינקע און די קאָמוניסטען געלונגען צו געווינען די סימפאטיע פון דעם גרויסען עולם אויף זייער זייט. ערשטענס האָבען די „רעכטע" פארדונקעלט די אמת'ע אורזאכען אונטער אַ נעפּעל פון קאַזיאָנע קלאָגעס, וועלכע די גרויסע מיטגלידערשאפט האָט ניט געקענט נעמען ערנסט, און צווייטענס האָבען די לינקע ארויסגעבראכט אַ שפּאָגעל נייע אישו, — די פראגע פון דיוס. מיט אַ קורצער צייט פאר דעם קאמף האָט דער דזשאינט באָארד געהאַט געהעכערט די דיוס פון 35 אויף 50 סענט אַ וואָך. גלייכצייטיג האָט דער דזשאינט באָארד געהעכערט דעם געהאלט פון די בעאמטע און אָנגעשטעלטע. ביידע זאכען זיינען באַקעמפט געווארען פון אַ באדייטענדער צאָהל „רעכטע" אין דער יוניאָן, און די ארט און ווייזע ווי אזוי דאָס איז דורכגעפיהרט געווארען איז אויך קריטיקירט געווארען פון פּרעזידענט זיגמאן, אָבער די „לינקע" און די קאָמוניסטען האָבען דאָס אויפגעכאַפּט אלס זייער אייגענע ספּעציעלע אישו. ווען דער ברודער־קריג האָט זיך אָנגעפאנגען האָבען זיי געהייסען די מעמבערס ניט צאָהלען קיין דיוס, און די מעמבערס האָבען געפאָלגט.

דער קאמף האָט זיך געצויגען פילע וואכען, און צום סוף איז ער שוין געווען כמעט אַ געוואונענער פאר די „רעכטע". די קאָמוניסטען און די לינקע, וועלכע האָבען געגרינדעט אַ „דזשאינט עקשאָן קאָמיטע", האָבען אלס אַ סאמע לעצטען מיטעל דורכגעפיהרט אַ דזשענעראַל סטאָפּעדזש, אין וועלכען ארום 10 טויזענד מעמבערס האָבען זיך באַטייליגט. די באָסעס האָבען גע'טענה'ט אז די וואָס זיינען ארונטערגעגאנגען אין דעם סטאָפּעדזש האָבען געבראכען דעם אגרימענט און האָבען פארלאָרען זייערע רעכטע לויט דעם אגרימענט. ווען פילע מיטגלידער זיינען אפּגעזאגט געווארען פון דער ארבייט, האָבען זיי זיך געווענדעט צו דער עקשאָן קאָמיטע זי זאָל זיך אָננעמען פאר זיי. די עקשאָן קאָמיטע האָט גאָרניט געקענט אויפטאָן, און די יוניאָן האָט זיך דאַן אָנגענומען פאר דיזע געקריוודעטע מיטגלידער. די גאנצע שוואכקייט פון דער עקשאָן קאָמיטע האָט זיך מיט דעם ארויסגעוויזען, און זי האָט אָנגעהויבען זוכען אַן אויסוועג ווי ארויסצודרעהען זיך פון דעם קאמף. אָבער דאָ האָט זיך געמאכט אז געוויסע באזייטיגטע פיהרער האָבען אָנגעהויבען באנוצען זיך מיט דער געלעגענהייט אום אָפּצורעכענען זיך מיט די, וועלכע עס האָבען זיי באזייטיגט, און באזונדערס מיט פּרעזידענט זיגמאן. זיי האָבען געפונען אַ געוויסע אנהענגערשאפט צווישען די „רעכטע" פיהרער וואס האָבען געזאָלט שטעהן אייניג אין קאמף. ווען דיזע פיהרער האָבען געלאָזט דורכפיהרען

א רעזאלוציע ביי א געוויסען לאקאל עקזעקוטיוו באארד, אין וועלכער זיי האבען געפאדערט, אז פרידען זאל גלייך געשלאסען ווערען, איז געווארען קלאהר, אז די „רעכטע" ארמיי איז צושפליטערט. עס האט ניט גענומען לאנג נאך דיזען צופאל און פרידען איז געשלאסען געווארען.

דער „פרידען" איז ווייט ניט קיין פאלקאמער. די קאנווענשאן וואס די אינטערנעשאנאל האט געהאלטען מיט זעקס מאנאטען פאר דער געוועהנליכער צייט, האט באוויזען אז די קאמוניסטען וועלען זיך ניט איינשטילען ביז וואנען זיי וועלען האבען די גאנצע אינטערנעשאנאל אין זייערע הענט. אויף דער קאנווענשאן האבען זיי געשטורעמט און געקיארעמט געגען די „רעכטע" פיהרער, דורכגעפיהרט גאלעריע דעמאנסטראציעס און האבען זאגאר אויף צוויי זיצונגען אפגעשפאלטען זיך פון דער קאנווענשאן.

נאך דער קאנווענשאן איז די צוטיילונג געווארען זעהר א קלאהרע: די קאמוניסטען און די לינקע האבען איצט דעם קאנטראל איבער'ן דזשאינט באארד; די „רעכטע" — איבער דער אינטערנעשאנאל ארגאניזאציע.

ווען איך שרייב דיזען ארטיקעל קען מען שוין אונטערציהען א סך הכל פון דער נייער פארוואלטונג אין דזשאינט באארד. לויט ווי איך זעה עס, בויען איצט די קאמוניסטען א גוואלדיגע מאשין אין דזשאינט באארד. זיי רינגלען זיך ארום מיט מענשען פון זייער חדר, וועמען עס זאל עקאנאמיש לוינען זיך צו בלייבען אויף זייער זייט אונטער אלע אומשטענדען. איך מיין דערמיט אז דער פארצוג אויף דזשאבס געהט צו די קאמוניסטען; אין דער ארגאניזיישאן ארבייט קריגען קאמוניסטען גוט באצאלט; אלע אמטען ווערען, ווי ווייט מעגליך, פארנומען פון קאמוניסטען. פון דער אנדער זייט ווערען ניט־קאמוניסטען, אפילו „לינקע", ביסלעכווייז באזייטיגט, און „רעכטע" ווערען כמעט ווי פארפאלגט.

וואס איז שייך די באציהונג צו די מעמבערס, האט זיך די לאגע געענדערט, — אבער בלויז צום ערגערען. זעלטען ווען בעפאר האבען די מעמבערס באקומען אזוי ווייניג בענעפיט און באשיצונג פון דער יוניאן אין די שעפער ווי איצט, אונטער דער הערשאפט פון די קאמוניסטען. זעלטען זיינען די יוניאן באדינגונגען אזוי געטראטען געווארען מיט די פיס, ווי אין דער לעצטער צייט. שולדיג איז, פארשטעהט זיך, צום גרויסען טייל, דער ברודער־קריג וואס האט אפגעשוואכט די יוניאן. אבער גאר א גרויסען חלק פון דער שולד פאלט אויף דער נייער אדמיניסטראציע פון דזשאינט באארד, וועלכע וויל בשום אופן ניט צולאזען פעהיגע מענשען פון דעם ניט־לינקען לאגער.

זאל דא נאך פארשריבען ווערען דער פאלגענדער פאקט, און איך וועל מוזען ענדיגען מיט דער אינטערנעשאנאל: דער געשריי מיט די דיוס איז געווען א דעמאגאגישער. די „לינקע" האבען דאס פאקטיש אליין צוגעגעבען ווען זיי האבען דורכגעפיהרט א טעקס פון 20 דאלער, נאכדעם ווי זיי האבען מיט א צייט פריהער געלאזט פארקלענערען די דיוס צוריק אויף 35 סענט. די פיהרער פון די לינקע זאגען איצט גאנץ אפען, אז מיט 35 סענטיגע דיוס קען די יוניאן ניט האדעווען זיך אפילו אונטער א לינקער אדמיניסטראציע, און דערפאר האט מען דורכגעפיהרט א טעקס פון 20 דאלער.

די פאריערס.

אין א קלענערען מאסשטאב האט זיך ביי די פאריערס אפגעשפיגעלט כמעט דיזעלבע געשיכטע ווי ביי די קלאוק און דרעסמאכער. אויך דא זיינען פארשידענע זאכען באגאנגען און גערולדעט געווארען צוליב „רעכטע" און „לינקע" קריגעריי. די קאמוניסטען האבען אויסגענוצט די לאגע און זיי האבען זיך פאראייניגט מיט דער גרופע אין דזשאינט באארד פון וועלכער ה. סארקין איז געווען דער פיהרער. די לאגע אין טרייד ביי די פאריערס איז געווען א פיל בעסערע ווי ביי די קלאוק און דרעס מאכער, אבער דערפאר זיינען די רייסערייען אין דזשאינט באארד צווישען פרעזידענט מארים קאופמאנ'ס אנהענגער און סארקינ'ס אנהענגער

געווען גרעסערע ווי אין דער אינטערנעשאָנאל. דער „פּאראייניגטער פראָנט" פון די קאָמוניסטען מיט סאַרקינ'ס גרופּע האָט ארונטערגעוואָרפען דעם אלטען דזשאינט באָארד, באזייטיגט אלע געגנער דורך פאבריצירטע קלאגען, און האָט דורכגעפיהרט נייע עלעקשאָנס געגען די געזעצען פון דער אינטערנעשאנאל יוניאָן. ביסלאכווייז האָבען די קאָמוניסטען באזייטיגט אויך די סאַרקין מענשען פון קאָנטראָל אינ'ם דזשאינט באָארד. איצט האָבען דארטען די קאָמוניסטען א מאיאריטעט פון 13 געגען 7 דעלעגאטען. וויכטיגער ווי דיזער ציפער איז דער אופן ווי אזוי די קאָמוניסטען האָבען באקומען די מאיאריטעט. די אטאקעס וואס זיי האָבען געמאכט אויף זייערע פריהערדיגע שותפים אין דעם קאמפּיין געגען פּרעזידענט קאופמאן, האָבען נאָך אמאל באוויזען אז א „פּאראייניגטער פראָנט" ביי די קאָמוניסטען איז בלויז אזוי לאנג פאראייניגט, ביז די קאָמוניסטען באקומען די אויבערהאנד. דאן איז אויס פאראייניגונג און אויס „פראָנט".

דער מזל האָט די קאָמוניסטען גוט צוגעשפּילט, ווייל ערשטענס האָבען זיי געהאט אן אויסגעצייכענטען סיזאָן אין טרייד; צווייטענס האָבען זיי איבערגענומען א שטאַרקע יוניאן מיט א רייכער קאַסע, און דריטענס האָבען זיי געעפענט די טירען פאר א סך אָנפאנגער, וועלכע זיינען שוין ממילא געוואָרען זייערע אָנהענגער.

אויף דער קאָנווענשאָן אין באָסטאָן, וועלכע איז געהאלטען געוואָרען מיט 7 מאָנאַטען פאר דער געוועהנליכער צייט האָבען די „רעכטע", און באזונדערס פּרעזידענט קאופמאן געהאט א מאָראלישען זיג אין דעם שעהנסטען זין פון ווארט. טראָץ דעם וואס די קאָמוניסטען מיט'ן דזשאינט באָארד בלאק האָבען געהאט א מאיאריטעט שטימען, האָבען זיי זיך צוריקגעהאלטען פון שטימען וועגען די טרייד און אָרגאניזאציאָנס פּאָליסים פון דער אינטערנעשאנאל. נאָך אלע זייערע אטאקעס און העצעס האָבען די קאָמוניסטען צוגעגעבען אז אם ווייניגסטענס אין אדמיניסטראציאָנס פראגען, און אין טרייד פראגען, זיינען די „רעכטע" פעהיגער, געניטער און מעהר גערעכט.

אויף דער קאָנווענשאָן איז ערוועהלט געוואָרען א נייע אינטערנעשאנאל אדמיניסטראציע צו וועלכער בלויז צוויי קאָמוניסטען זיינען צוגעלאזען געוואָרען אלס וויים-פּרעזידענטען. דאָס האָט אזוי דערצאָרענט די קאָמוניסטען, אז ווען זיי זיינען געקומען צוריק אין ניו יארק האָבען זיי פאררופען א מיטינג אין קופּער יוניאן און גערופען סאַרקינ'ען מיט זיינע אנהענגער „פאררעטער", ווייל זיי האָבען ניט געשטימט פאר די קאָמוניסטען.

ווען איך שרייב דיזע שורות האלט עס ביי א דזשענעראל סטרייק אין פאר טרייד. די הויפּט פאדערונגען זיינען גלייכע צוטיילונג פון דער ארבייט, א 40-שטונדיגע ארבייטס-וואָך, און ארבייטסלאָזע אינשורענס באצאָלט פון די באלעבאטים און פארוואלטעט פון דער יוניאָן. ווי עס שיינט האָט די קאָמוניסטישע פּארטיי באשלאָסען, אז די פאָריערס מוזען האָבען דעם סטרייק כדי אויסצופּרובירען די מאכט פון די קאָמוניסטען. די קאָמוניסטישע פיהרער פון דער יוניאָן זיינען אבער ניט געווען שטאַרק באגייסטערט פאר דיזען פּלאן און זיי האָבען פארגעשלאָגען קאָמפּראָמיסען צו די באָסעס, וועלכע זיי וואלטען אין די אלטע צייטען זיכער פארשריען אלס „פאררראט". די באָסעס האָבען אָבער ניט אָנגענומען די קאָמפּראָמיסען.

די אמאלגאמייטעד.

די אמאלגאמייטעד איז ארויסגעקומען דעם יאהר א פּאָלשטענדיגע זיגעריז, סיי אויפ'ן אָרגאניזאציאָנעלען געביט און סיי אויפ'ן אינדוסטריעלען. אין פארלויף פון דיזען יאהר האָט די אמאלגאמייטעד דורכגעלעבט די סאמע שווערסטע און געפעהרליכסטע אטאקע וואס אן איינצעלנע פירמא האָט ווען אָנגעפיהרט געגען א אידישער יוניאָן. די אייגענטימער פון דער אינטערנעשאָנאל טיילאָרינג קאמפּאני און די דזשיי. על. טיילאָרס, — א שטיין-רייכע פירמע — האָבען זיך אונטערגענומען פטור

צו ווערען פון דער אַמאַלגאַמייטעד אין זייערע שעפּער אין ניו יארק און שיקאַגאָ.
צוערשט האָבען זיי מאַנעוורירט אין שיקאַגאָ אַז די מאַנופעקטשורערס זאָלען דאָרטען
ניט באַנייען דעם אַגרימענט מיט דער יוניאָן. פּרעזידענט הילמאַנ'ען איז אָבער
געלונגען צו קריגען אַן אַגרימענט אין ראָטשעסטער, און דאַן האָבען שוין די שיקאַ־
גאָ'ער באָסעס זיך געלאָזט ריידען, ווייל זיי האָבען ניט געקענט אַפּאָרדען אַ סטרייק,
ווען זייערע קאָנקורענטען אין ראָטשעסטער וועלען ארבייטען. די שיקאַגאָ'ער באָ־
סעס האָבען דערפאַר אונטערגעשריבען דעם אַגרימענט, און די אינטערנעשאָנאַל טיי־
לאָרינג קאָמפּאַני האָט זיך צוריקגעצויגען פון דער אַסאָסיאיישאָן און באַשלאָסען
אליין אָנצופיהרען דעם קאַמף געגען דער יוניאָן. דער לאָקאַוט־סטרייק איז געווען
איינער פון די ערנסטסטע און ביטערסט־געפאָכטענע וואס די יוניאָן האָט ווען דורכ־
געלעבט. דער סוף איז געקומען, ווען אפילו די פּאָרלייט, די סאַמע אַנפּאַרטרויטסטע
פּערזאָנען פון דער פירמאַ, האָבען פאַרלאָזען זייערע שעפּער. די קאָמפּאַני האָט
דערזעהען אַז זי האָט ניט מיט וועמען אָנצופיהרען דעם קאַמף און זי האָט גלייך
נאָכדעם אויפגעגעבען דעם קאַמף און געסעטעלט אויף די אַלטע יוניאָן באַדינגונגען.

דער צווייטער גרויסער אויפטו פון דער אַמאַלגאַמייטעד איז געווען צוריק אויפ־
צובויען די יוניאָן אין ניו יארק. צוליב פּאָליטיקס אין דעם דזשאָינט באָארד, צו־
ליב די קריגערייען אינוועניג, אין דער אָרגאַניזאַציע, באַזונדערס צווישען די קאַטערס
און די אַנדערע טיילען פון דער יוניאָן, איז די אָרגאַניזאַציע אין נויארק צושוואַכט
געוואָרען און די ארבייטער האָבען שרעקליך געליטען אין די שעפּער. מען האָט גע־
שניטען ווייזשעס, אַרונטערגעשיקט פון דזשאָבס, אַוועקגעשיקט ארבייט אין אַלערל־יי
לעבער און סקעב שעפּער אין ניו יארק און אויסער ניו יארק. עס האָט געשיינט, אַז
די אַמאַלגאַמייטעד איז הילפלאָז אין דער ניו יארקער לאַגע.

ענדליך האָט גענומען אַ סוף צו דיזע פּאָליטישע רייסערייען. גענאָסע אַב.
בעקערמאַן איז באַשטימט געוואָרען מענעדזשער, און ער האָט זיך גענומען ארבייטען
אויף אַ באַשטימטער פּאָליסי און פּראָגראַם, וואס איז אויסגעארבייט געוואָרען פון
דעם דזשענעראַל עקזעקוטיוו באָארד. איינינקייט איז איינגעשטעלט געוואָרען צווי־
שען אַלע טיילען און פאַכען פון דעם ניו יארקער טרייד; די טשילדרען קלאָדינג
דזשאָינט באָארד איז צוזאַמענגעשמאָלצען געוואָרען מיט דעם מענער־קליידער
דזשאָינט באָארד; די יוניאָן האָט זיך געשטעלט פעסט געגען אַלע רעדאָקשאָנס, גע־
גען אַרויסשיקען די ארבייט אין נאָן־יוניאָן שעפּער און אוט־אָוו־טאַון. די ארביי־
טער האָבען דערפיהלט די אויפלעבונג אין דער יוניאָן, און זיי האָבען זיך אָפּגערופען
מיט נייער געטרייהייט און איבערגעבענהייט צו דער אָרגאַניזאַציע.

אַ דריטער גרויסער געווינס איז געווען די יוניאָניזירונג פון דעם נעש טיילאָרינג
שאַפּ אין סינסינעטי. דאָס איז דער גרעסטער שאַפּ פון זיין סאָרט אין דער וועלט,
און עס האָט זיך געפאָדערט ניט ווייניג טאַקט צו געווינען דיזען שאַפּ אויף דער
זייט פון דער יוניאָן. מיט דע געווינס פון דיזען שאַפּ איז געשאַפען געוואָרען אַ
מעגליכקייט צו יוניאָניזירען דעם גאַנצען מאַרקעט אין סינסינעטי און דאָס וועט
וואַרשיינליך גאַר אין גיכען דורכגעפיהרט ווערען.

איינער פון די וויכטיגסטע רעזולטאַטען פון דער נייער אויפלעבונג אין דזשאָינט
באָארד איז דאָס, וואס די קאָמוניסטען און זייערע אָנהענגער זיינען דאָרטען אינ־
גאַנצען אָפּגעטויטעט געוואָרען. די ראָלע, וואס די קאָמוניסטען האָבען געשפּילט אין
פאַרלויף פון דעם סטרייק געגען דער אינטערנעשאָנאַל טיילאָרינג קאָמפּאַני און אין
צייט פון די פאַרהאַנדלונגען מיט די באָסעס אין שיקאַגאָ, איז געווען איינע פון
די שענדליכסטע אין דער געשיכטע פון דער ארבייטער באַוועגונג. ווען עס האָט
געשיינט אַז אַלע באָסעס אין שיקאַגאָ האָבען געשלאָסען אַ בונד געגען דער יוניאָן,
זיינען די קאָמוניסטען געקומען אין שיקאַגאָ, אויפצורייצען די מעמבערס געגען דער
אָרגאַניזאַציע און פאַרבייגעהענדיג מעלדען די באָסעס אַז זיי מעגען שוין טאָן וואס
זיי ווילען. די שיקאַגאָ'ער אָרגאַניזאַציע איז געווען בכוח גענוג צו פאַרכאַפּען דעם
מאַסמיטינג וואס די קאָמוניסטען האָבען אַראַנזשירט, און די קאָמוניסטישע „חברים"
האָבען זיך אָפּגעטראָגען פון דאָרטען.

די קאָמוניסטען האָבען דאן קאָנצענטרירט אלע זייערע כוחות אויף ניו יארק. אין צייט פון סטרייק האָבען זיי אגיטירט אז מען זאָל איבערגעבען דעם גאנצען אינטערנעשאָנאל קאמף צו זיי אין די הענט. זיי האָבען אויך אגיטירט געגען דעם סטרייק אסעסמענט. ווען די אמאלגאמייטעד האָט, טראָץ דעם אלעמען, געוואונען דעם סטרייק, האָבען די קאָמוניסטען עס באטראכט פאר א קלאפ פאר זיך אליין, און האָבען זאגאר ניט געוואלט באריכטען וועגען דיזען ווירקליכען זיג אין זייער צייטונג.

ווען דער דזשאָינט באָארד האָט זיך פאראייניגט, האָבען זיי געפּרואווט דורכפיהרען א דעמאָנסטראציע געגען דער נייער פיהרערשאפט אָבער זיי זיינען דערביי מיאוס דורכגעפאלען. גלייך נאָכדעם האָט זיך זייער עקשאָן קאָמיטע אויפגעלייזט און די קאָמוניסטען האָבען זיך צוריקגעצויגען פון טעטיגקייט אויף א שטיקעל צייט.

ווען דיזער ארטיקעל ווערט געשריבען, פעברואר, 1926, געפינט זיך די יוניאָן אין א פיל געזונטערען צושטאנד ווי ווען עס איז בעפאר.

די קעפּ און מילינערי יוניאָן.

ביי די קעפּמייקערס און מילינערי ארבייטער איז די פראגע פון „רעכטע" און „לינקע" קיינמאָל ניט געווען אזא שארפע ווי אין די אנדערע יוניאנס. די פּאָליסי פון די פיהרער פון דיזער יוניאן איז אלעמאָל געווען צוצולאָזען יעדען איינעם צו טעטיגקייט, וועלכער האָט נאָר געוויזען פעהיגקייט דערצו. א חוץ דעם האָט אלעמאָל עקזיסטירט א נאָהענטערע צוגעבונדענקייט צווישען די מיטגלידער און די הויפּט בעאמטע פון דיזער יוניאָן. יעדער מעמבער האָט פערזענליך גוט געקענט זיינע פיהרער און די ווילדע אטאַקעס פון די קאָמוניסטען האָבען ניט געקענט האָבען קיין ווירקונג אויף די ארבייטער.

טראָץ דעם אלעמען האָבען אבער די קאָמוניסטען ניט אָפּגעזאָגט זיך פון זייערע העצעס אפילו אין דיזער יוניאָן. אויף דער קאָנווענשאָן פון דער אינטערנעשאָנאל יוניאָן אין מאי האָבען זיי אויסגעשאָסען אלעס וואס זיי האָבען נאָר געקענט געגען דער אדמיניסטראציע. באזונדערס שטארק האָבען זיי אויפגעבלאָזען די אישו פון דיוס. ווען עס איז אבער געקומען צו א רעפערענדום, זיינען זיי דורכגעפאלען און די מעמבערס האָבען גוטגעהייסען די העכערונג פון דיוס. וועגען דער קאָנווענשאָן איז אינטערעסאנט צו באמערקען אז כאָטש פּרעזידענט מאקס זאריצקי איז אָפּען ארויסגעטראטען אלס געגנער פון די קאָמוניסטען, פון דעסטוועגען האָבען די קאָמוניסטישע דעלעגאטען ניט געשטימט געגען איהם, ערקלעהרענדיג אז אונטער די אומשטענדען איז ניטאָ קיין פּאסענדערע פּערזאָן צו פיהרען די אָרגאניזאציע. פּרעזידענט זאריצקי האָט מיט עטליכע מאָנאטען שפּעטער רעזיגנירט פון אמט, אנגעבענדיג קראנקהייט אלס די אורזאכע פון זיין רעזיגנאציע.

דער קאפּען-טרייד איז גוט אָרגאניזירט איבער'ן גאנצען לאנד, אָבער לעצטענס איז דער טרייד פיל ארימער געווארען. די גרויסע שעפּער פארשווינדען און קליינע קאָנטראקטינג שעפּער פארנעמען זייער פּלאץ. אויך וואקסט די געפאהר פון די קאונטרי שעפּער, און די יוניאן זוכט פּלענער ווי צו לייזען דיזע פראגע.

די מילינערי יוניאן פיהרט די גאנצע צייט אָן אן ענערגישען אָרגאניזירונגס־קאמפּיין. די ארבייט ברענגט זעהר גוטע רעזולטאטען אין ניו יארק, וואו דער הויפּט צענטער פון דער אינדוסטריע געפינט זיך. אויסער ניו יארק האָט נאָך די יוניאָן זעהר א שווערע אָרגאניזירונגס אויפגאבע פאר זיך. דער מילינערי טרייד האָט די לעצטע עטליכע סיזאָנס שטארק געליטען פון דעם נייעם סטייל העטס, וואס עס האָט זיך פארשפּרייט. די העטס זיינען געמאכט פון פעלט, פּונקט ווי מענערשע העטס. אויף פעלט העטס פאדערט זיך פיל ווייניגער מילינערי ארבייטער ווי אויף די געוועהנליכע סילק און שטרוי העטס. אויך אין מילינערי טרייד איז פאראָן די פּראבלעם פון די קליינע קאונטרי שעפּער, וואס כאפּען אויס די יוניאָן־ארבייט פון ניו יארק.

די פּאַקעט־בוק מאַכער יוניאָן.

די פּענסי לעדער גודס אַרבייטער האָבען געהאַט אַ גוטען יאָהר, וואָס אַנבאַלאַנגט אַרבייט אין טרייד. די סטיילס ווערען אָפט געביטען אין דיזען טרייד און פּענסי־לעדער גודס איז אַ גאַנגבאַרער אַרטיקעל. די יוניאָן האָט אָבער אַ גרויסע אַרבייט פאַר זיך, צו אָרגאַניזירען די מאַרקעטס אויסער ניו יאָרק. אין פאַרלויף פון'ם יאָהר איז געלונגען אַריינצוברענגען די יוניאָן אין דער אַמעריקאַן פעדערײשאַן אָוו לייבאָר, אַלס אַ פעדעראַל לאָקאַל, מיט דזשורידיקשאָן אין ניו יאָרק, דזשוירזי סיטי, באָסטאָן און פילאַדעלפיאַ. די קאָמוניסטען האָבען געשפּילט אַ גאַנץ קליינע ראָלע אין דיזער יוניאָן ביז די סאַמע לעצטע צייט, ווען דער מענעדזשער, אָסיפּ וואָלינסקי, וואָס האָט אַזוי פיל אויפגעטאָן צו בויען די יוניאָן, איז געפאַלען אונטער אַ חשד, אַז ער איז געווען צופיל חבר מיט איינעם פון די גרעסטע באָסעס אין טרייד. נענאָסע אַ. י. שיפּלאַקאָף איז ערוועהלט געוואָרען אַלס דער נייער מענעדזשער פון דער יוניאָן, אין אַנפאַנג 1926.

די נעקווער מייקערס און קאַטערס.

צוויי אינטערעסאַנטע אידישע יוניאַנס זיינען די נעקווער מייקערס און די נעקווער קאַטערס, וועלכע באַלאַנגען צו דער אַ. פ. אָוו ל. אַלס באַזונדערע פעדעראַל לאָקאַלס, אָבער זיי אַרבייטען צוזאַמען ווי איין יוניאָן. זיי געפינען זיך ביידע אונטער אַן ערפאַהרענער פאַרוואַלטונג פון סאָציאַליסטען. דער אַגרימענט, וואָס זיי האָבען געשלאָסען אין 1925, האָט פיל פאַרבעסערט די אַרבייטער'ס באַדינגונגען אין די שעפּער. די נעקווער אַרבייטער שטאָלצירען מיט דעם, וואָס זיי האָבען אויסגעראָטעט די קאָנטראַקטינג פעסט פון זייער טרייד. די גרויסע אויפגאַבע וואָס דיזע יוניאַנס האָבען פאַר זיך, איז צו אָרגאַניזירען די גרעסערע מאַרקעטס אויסער ניו יאָרק. דער טרייד איז איצט איז אַ גוטען צושטאַנד צוליב דעם, וואָס די סטיילס און קאָלירען פון די נעקווער האַלטען זיך אין איין בייטען.

די בעקער יוניאָן.

די אידישע בעקער יוניאַנס האָבען דורכגעלעבט אַ שווערען יאָהר. אַרבייטס־לאָזיקייט איז נאָך אַלץ גרויס, צוליב דעם, וואָס די אימיגראַנטען־באַפעלקערונג וואַקסט ניט און דער עולם געוואוינט זיך צו צו די ווייכע אַמעריקאַנער ברויטען. אַלערליי גרויסע און קליינע באָסעס האָבען זיך דעם יאָהר פאַרמאָסטען געגען דער יוניאָן, נאָר די ענערגישע און אָפּפערווילינגע שטעלונג פון די אַרבייטער, האָט צוריקגעשטויסען די אַלע אַטאַקעס. די בעקער לאָקאַלס האָבען אין פאַרלויף פון יאָהר געזוכט מיטלען ווי צו אַרבייטען מעהר איינינג און מיט מעהר פּלאַן צווישען זיך. אַן אַגיטאַציאָנס קאָמיטע איז געגרינדעט געוואָרען צו פאַרשפּרייטען דעם יוניאָן לייבעל. דיזע געמיינשאַפטליכע קאָמיטע האָט אויך איבערגענומען מאַנכע פון די טעטיגקייטען פון אַ דזשאָינט באָאַרד.

די פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען.

זעהר ווייניג מענשען אין די גרעסערע יוניאַנס באַגרייפען וואָס פאַר אַ גרויסע און ניצליכע אַרבייט די געווערקשאַפטען טוט פאַר די צעהנדליגע קליינע יוניאַנס און האַלב־אָרגאַניזירטע טריידס. אַזעלכע טריידס ווי די מצה־בעקער, צום ביישפּיל, די סיילסליים, און ענליכע קענען ניט אויסקומען אָהן די געווערקשאַפטען. די געווערקשאַפטען האָט זעהר פיל אויפגעטאָן אין דעם יוניאָן־לייבעל קאַמפּיין פון די בעקער. זי האָט געהאָלפען מאַס־מיטינגען, אַראַנזשירט קאָנפערענצען פאַר די בעקער און האָט געטאָן ענליכעס אויך פאַר די אַנדערע יוניאָן לייבעל־טריידס. די געווערקשאַפטען איז פאַרטראַטען אויף דעם סענטראַל טריידס און לייבאָר קאָונסיל, און אויף אַלע געמיינשאַפטליכע אַרבייטען פון די יוניאַנס. דער סעקרעטאַר פון די געווערקשאַפטען איז איצט מאָריס פיינסטאָון.

דער אידישער טעאַטער אין דעם סיזאָן 1925־1926

פון ב. באַטווינִיק

דער אידישער טעאַטער אין אַמעריקא אין דעם סיזאָן 1925־1926 שטעהט אַלס געשעפט אויף זעהר א הויכער שטופע. זעקס־און־צוואנציג אידישע שטענדיגע טעאַטערע זיינען דאָ איבער'ן לאַנד — אין די פאַראייניגטע שטאַטען און קאַנאַדע. דערצו זיינען פאַראַן א סך אַרומפאָהרענדיגע טרופּעס, וועמעס צאָל איז אַלעמאָל אַן אומבאַשטימטע. די מעהרסטע טעאַטערס האַלטען אויס זייערע אויסגאַבען; אייניגע שפּילען אויפ'ן באַזיס פון פּראָפיטען און עטליכע מאַכען גאָר גלענצענדע געשעפטען.

די פראַגע איז אָבער אויף וואָס פאַר א גייסטיגער שטופע עס שטעהען די זעקס און צוואנציג אידישע טעאַטערס?

עס איז די מאָדע פון אידישע אינטעליגענטען, הויפּטזעכליך פון די האַלבע אינטעליגענטען, אַרונטערצורייסען אינגאַנצען דעם קולטורעלען ווערט פון דעם אידישען טעאַטער. אַם שטאַרקסטעןריידען מיט גיפט און גאַל געגען דעם אידישען טעאַטער די האַלבע אינטעליגענטען, וועלכע געהען גאָר ניט כמעט אין אידישען טעאַטער. דער טעאַטער איז שלעכט און פאַרדאָרבען; דאָס ווייסען זיי פון די אַרטיקלען וואָס זיי לעזען אין די אידישע צייטונגען. אין די אידישע צייטונגען זיינען די מעהרסטע אַרטיקלען געגען די אידישע טעאַטערס. די דאָזיגע באַהויפּטונג וועט קלינגען מאָדנע אין די אויערען פון די מעהרסטע לעזער, אָבער אַזוי איז דאָס.

און דאָס איז אַזוי ניט דערפאַר וואָס די אידישע צייטונגען זיינען געגען די אידישע טעאַטערס. פאַרקעהרט, די אידישע צייטונגס־אַרויסגעבער זיינען שטאַרק פאַראינטערעסירט, אַז די אידישע טעאַטערס זאָלען זיין א פינאַנציעלער ערפאָלג. דער פינאַנציעלער ערפאָלג פון אידישען טעאַטער איז ענג פאַרבונדען מיט דעם ערפאָלג פון די געשעפטען פון די צייטונג־אַרויסגעבער. די צייטונגען האָבען ספּעציעלע רעפּאָרטערס, וואָס שרייבען אומזיסט פאַר די טעאַטערס די בעסטע און גרעסטע רעקלאַמעס. די אינטעליגענטע און האַלב אינטעליגענטע לעזער הערען זיך ניט צו צו די רעקלאַמעס, נאָר זיי נעהמען דעם וואָרט פון די קריטיקער. און טעאַטער־קריטיקער האָבען מיר א סך, און כמעט אַלע קריטיקער האָבען נאָר צו זאָגען שלעכטס וועגען די אידישע טעאַטערס.

פאַר וואָס זיינען די אידישע קריטיקער געגען די אידישע טעאַטערס?

עס דוכט זיך, אַז ס'איז לייכט צו פאַרענטפערען די פראַגע מיט דעם, וואָס די טעאַטערס זיינען גייסטיג געזונקען. אָבער דאָס וועט ניט זיין דער גאַנצער אמת.

לויט דער מאָס פון אַן אינטעליגענטען לעזער, איז די אידישע פּרעסע אויף דער גאַנצער וועלט אויך נישקשה'דיג געזונקען, פּונקט ווי די טעאַטערס. יעדע קולטורעלע אינסטיטוציע, וואָס איז צו דערזעלבער צייט אויך א ביזנעס, מוז זיין

א היבש ביסעל געזונקען, ווייל זי מוז זיך יאגען נאך פינאנציעלען ערפאלג. די קריטיקער וועט קיין מאל אבער ניט איינפאלען ארונטערצורייסען די אידישע פרעסע אינגאנצען, פון אויבען ביז אראפ. יעדער קריטיקער זעהט די גוטע און די שלעכטע זייטען פון דער פרעסע. ער קען אבער קיין מאל ניט זעהן די גוטע זייטען פון דעם גאנצען אידישען טעאטער. דער טעאטער איז כסדר שלעכט, שלעכט און שלעכט.

די פארביסענקייט צום אידישען טעאטער איז אונטערגעלאטעט מיט מאטע־ריעלע אינטערעסען.

וועמען גיט מען שרייבען וועגען טעאטער אין א אידישער צייטונג? מען גיט שרייבען וועגען דעם טעאטער אזעלכע, וואס האבען א באקאנטשאפט מיט'ן טעאטער. ווער האט א באקאנטשאפט מיט'ן אידישען טעאטער? דער וואס האט אנגעשריבען אדער איבערזעצט פיעסען פאר דעם אידישען טעאטער. דאס רוב טעאטערס האבען זייערע אייגענע פיעסען־בעלי־מלאכות און זיי קויפען ניט קיין פיעסען ביי די אידישע שרייבער, וואס זיינען פארבונדען מיט די אידישע צייטונגען. עס זיינען בכלל דא א טויזענד פיעסען אויף יעדער איין פיעסע וואס האט א געלע־גענהייט אויפגעפיהרט צו ווערען. עס איז דאך נאטירליך, אז יעדער שרייבער זאל פיהלען, אז זיין פיעסע איז דאס בעסטע ליטעראַרישע ווערק. אז זיין פיעסע ווערט ניט אויפגעפיהרט, נאר אנדערע פיעסען, און טאקע ביליגערע ווי זיין פיעסע איז, קען ער שוין ניט שרייבען קיין קריטישען ארטיקעל וועגען טעאטער, נאר אן ארטיקעל פול מיט גיפט און גאל מוז ארויסקומען פון זיין פעדער. די דאזיגע ארטיקלען, וואס ווערען געשריבען פאר יאהרען און יאהרען, האבען געמוזט פאר־טרייבען פון אידישען טעאטער דעם אינטעליגענטען אידישען עולם. אלס דער שטענדיגער אידישער טעאטער עולם האבען געמוזט פארבלייבען די פארגרעבטע מענשען, וועלכע לעזען ניט קיין ארטיקלען, וועלכע אינטערעסירען זיך ניט מיט קריטיק איבער קונסט. דאס האט נאך דעם אידישען טעאטער נידעריגער ארונ־טערגעזעצט גייסטיג, און די פאר קריטיקער, וואס שרייבען ניט קיין פיעסען און וואלטען אין זיך ניט געהאט אזוי פיל ביטערניש, פאר דעם אידישען טעאטער, מוזען שוין אויך נעמען א טאן פון א געגנער, צוליב דעם וואס דער טעאטער האט ניט קיין אינטעליגענטען עולם, פאר וועמען צו שטעלען א בעסערע פיעסע, און ווידער איז שוין אזוי פאר'סמ'ט די אידישע האלב־אינטעליגענטישע אטמאספערע געגען טעאטער, אז ס'איז א געפאהר פארשריען צו ווערען אלס אן עם הארץ, אלץ אן אפּאס־טאל פון שונד, ווען מען זאל ארויס מיט א גוט ווארט וועגען דעם אידישען טעאטער.

דער אמת איז אבער, אז די אידישע טעאטער דירעקטארען זיינען אזוי גערן צו מאכען פראפיטען, דאס ביי זיי איז רעכט צו שטעלען אפילו א ליטעראַרישע פיעסע, אויב זי וועט נאר ברענגען פראפיטען, אויב דער עולם וועט נאר קומען.

ארויסגעהענדיג פון דעם שטאנדפונקט, פיהל איך אז עס האט ניט קיין זין און ס'איז אויך שעדליך צוצולעגען נאך א לאפּעטע ביטערניש איף דעם אידישען טעאטער, וואס איז פונקט אזוי שלעכט און אזוי גוט ווי די טעאטערס פון אלע פעלקער. איך וויל דעריבער אין דעם ארטיקעל בלויז געבען אינפארמאציע וועגען יעדען אידישען טעאטער אין אמעריקע. לויט דעם כאראקטער פון יעדען טעא־טער, וועט דער דענקענדער לעזער זיך אליין שאפען א באגריף וועגען דער מאס גוטעס און שלעכטס, וואס דער אידישער טעאטער אין אמעריקע ענטהאלט אין זיך.

פיר פון די ניו יארקער טעאַטערס שטעלען מיט זיך פאָר די דריי הויפּט־כאַ־ראַקטערען פון דער אידישער ביהנע אין אמעריקע.

דער סאַמע אויסגעהאַלטענסטער אין זיין פּראָגראַם, איז דער שונדיסטישסטער גאַביל טעאַטער, און דער סאַמע ניט־אויסגעהאַלטענסטער, אַ טעאַטער גאָר אָהן אַ פּראָגראַם איז דער בעסטער אידישער טעאַטער — שוואַרץ'ס קונסט־טעאַטער.

גאַביל'ס טעאַטער, וועלכער געפינט זיך איצט אין פּיפּעל'ס טעאַטער, שטעלט מיט זיך פאָר דעם גייסט פון דעם איינפאַכסטען המון פון דער אידישער אמע־ריקע. דער דאָזיגער עולם איז טעאַטראַל ניט ערצויגען, און פּשוט גייסטיג ניט ערצויגען. דאָס איז אַן עולם אַ קינדערשער, וואָס נעמט אַלע נאַרישקייטען ערנסט און אַלע ערנסטקייטען אַלס אַ שפּאַס. אין גאַביל'ס טעאַטער קען זיך פּלוצלונג אויפ־הייבען איינער פון פּובליקום און נעהמען זידלען דעם אינטריגאַנט אויף דער ביהנע למאי ער, דער אינטריגאַנט, מאַכט אַן גרויסע צרות דער איידעלער, גוטער נשמה, דער ליבהאָבערין.

אַט פאַר דעם דאָזיגען עולם שפּילט מען אין גאַביל'ס טעאַטער אבסאָלוט אויס־געהאַלטען. יעדע פּיעסע, וואָס ווערט געשטעלט, איז אויסגעהאַלטען מיט אַלע אונ־גלויבליכע שונד געשיכטעס, מיט די אַלערליי קינדערשע שפּיצלעך, מיט דעם אַלט־מאָדישען אינטריגאַנט, מיט דעם אַלט־באַקאַנטען גוטען מלאך, וואָס ליידט און זיגט סוף כל סוף, בעת דער אינטריגאַנט, דער באַנדיט, דער פאַרפיהרער, כאַפּט אַ וויסטע מפּלה. אין אידישען טעאַטער קומען ווייבער ווייגען; אין גאַביל'ס טעאַ־טער וויינען ניט נאָר די ווייבער; דער מענער־פּובליקום פון גאַביל'ס טעאַטער איז אויך אַ ווייבערשער.

זייט גאַביל מיט זיין קאָמפּאַני שפּילט טעאַטער, איז ער נאָך ניט אַרונטער פון דעם דרך הישר פון שונד. צי האָט ער זיך געפונען אין אַ קליינעם טעאַטער, אדער אין אַ גרויסען, צי אַפּטאַון אדער דאַון טאַון, גאַביל האָט שטרענג געהאַלטען זיין פּראָגראַם. טאָמער האָט גאַביל גענומען אַ ליטעראַרישע פּיעסע פון דייטש אדער רוסיש, האָט ער עס געמאַכט מיט אַלע קנייטשעלעך, עס זאָל פּאַסען זיין גאַביל פּראָגראַם. דער גאַנצער גאַביל רעפּערטואַר איז אויסגעגאָסען פון איין שנים. דערפאַר טאַקע האָט גאַביל זעלטען ווען אַ דורכפאַל מיט זיינע פּיעסען. ס'איז אַ טעאַטער מיט אַ פּראָגראַם, מיט'ן פּראָגראַם פון עקסטרעמען שונד און דער אידי־שער עולם, דער גאַביל עולם האַלט זיך ביי זיין טעאַטער.

ווייל גאַביל מאַכט כמעט אַלע יאָהר גוטע געשעפטען, אַנגאַזשירט ער אָפּט אמת גרויסע קענסטלער אין זיין קאָמפּאַניע. אבער דער אמת איז, אַז ער דאַרף ניט קיין גוטע אַקטיאָרען. ער אַנגאַזשירט גוטע אַקטיאָרען, ווייל ער וויל געבען דעם עולם אַ „טריט", אַ מתנה. דער גאַביל עולם קומט אָבער ניט זעהן קיין ביהנע־קינסטלער; ער קומט זעהן די גוואַלדאָוונע געשיכטע, וואָס קען פּאַסירען אויף דער וועלט מיט אַ ליבע, מיט אַ פאַרפיהרערשאַפט, מיט צרות און שפּאַס. די צרות, וואָס קומען פאָר אין די גאַביל פּיעסען טאָרען ניט זיין קיין נשמה צרות. נשמה צרות איז ניט דער אַרטיקעל, וואָס דער גאַביל עולם דאַרף. עס מוזען זיין ליידען פון קראַנקהייט, פון צו'גנב'עט ווערען, פון פאַרלירען דעם זכרון, און ניט דערקענען דער אייגענער מאַמען און דער אייגענער געליבטער; און די צרות מוזען קומען דורך אַ באַנדיט, וואָס שפּילט אין דער טעאַטער קאָמפּאַני. אַט די אַלע זאַכען מוזען

כסדר זיין און ווערען דערלאנגט מיט א פולער מאָס אין געביל׳ס פּיעסען. דאָס איז געביל׳ס פּראָגראַם, און דאָס איז געביל׳ס עולם.

פון געביל׳ס שונד פּראגראם מוז מען באַטראַכטען דעם צווייטען עקסטרעם אידישען טעאַטער, דעם ליטעראַרישען טעאַטער, אדער ווי ער הייסט אָפּיציעל, דעם קונסט טעאַטער. דער קונסט טעאַטער, אונטער דער דירעקציע פון מאָרים שווארץ, עקזיסטירט שוין זיבען יאהר. מען מוז זאגען, אז וואס אנבאלאַנגט באַציהונג צו שפּילען טעאַטער זיינען די כמעט זיבען יאהר פון שווארץ׳ס קונסט טעאַטער די ליכטיגסטע יאהרען פון דער אידישער ביהנע אין אמעריקע. סאַי די פּיעסען, וואס שווארץ האָט געשטעלט, און סאַי דאָס שפּילען, וועט פארבלייבען אין דער געשיכטע פון אידישען טעאַטער אלס גרויסע אויפטואונג פאַר דער פיינערער ביהנע קונסט.

אָנגעפאַנגען האָט שווארץ זיין קונסט טעאַטער, אין אורווינג פּליים טעאַטער. א פּאָר יאָהר שפּעטער איז ער אריבער אין דעם גאַרדען טעאַטער פון דעם געוועזענעם מעדיסאַן סקוועער גאַרדען. איצטער, אז די מעדיסאַן סקוועער גאַרדען געביידע איז פאַרנאַנדערגענומען געוואָרען, בויט מען פאַר שווארץ׳ן א טעאַטער אויף דער צווייטער עוועניו. דערווייל, ביז דער טעאַטער וועט פאַרטיג ווערען, שפּילט שווארץ אידיש טעאַטער אויף דער גויאישער בראָדוויי.

דעם סיזאָן מאַכט דערווייל שווארץ׳ס קונסט טעאַטער שלעכטע געשעפטען.

אין די זיבען יאהר וואס דער קונסט טעאַטער עקזיסטירט האָט מען זיך גענוג געמוטשעט פינאַנציעל, און אויך גענוג געמאַכט גרויסע געשעפטען. ארום און ארום האָט דער קונסט טעאַטער באַוויזען, אז אין ניו יארק איז דאָ א גענוג גרויסער עולם פאַר א ליטעראַרישען אידישען טעאַטער. געביל׳ס פּיעסען האָבען ניט מאָנאָפּאָליזירט דעם אידישען עולם. ס׳איז דאָ גענוג עולם פאַר ליטעראַטור. אָבער־וועהרענד געביל האָט זיין פּראָגראַם אָן אויסגעהאַלטענעם און דערמיט האָט ער שטענדיג זיין אויסגעהאַלטענעם עולם, איז דער קונסט טעאַטער אינגאַנצען אָהן א פּראָגראַם. ס׳איז א צושוואָומענער טעאַטער. מען שטרעבט צוצושטעלען בעסערע פּיעסען, אָבער מען שווימט, מען טאַפּט אין דער פינסטער. די בעסערע פּיעסע איז ווי א גורל. מען פּרואווט טרעפען. אָבער מען טרעפט זעלטענער ווי מען טרעפט ניט.

עס איז א צושוואָומענקייט סאַי אין דעם אינהאַלט פון די פּיעסען, סאַי אין דער פאָרם פון׳ם שפּילען. אַמאָל כאַפּט מען זיך צו א פרעמדער, א גוי׳שער פּיעסע, און אַמאָל גיט מען אָן עכט אידישע, חסידישע פּיעסע. אַמאָל איז גאָרקי, און אַמאָל איז גאָלדפאַדען, אַמאָל איז „קוני לעמעל", אַמאָל איז „אנאַטעמאַ." אַמאָל איז אָרטשאַרד סטריט לעבען, אַמאָל איז פּאַריזער לעבען; אַמאָל איז א כינעזער, אַמאָל איז א טאָטער; אַמאָל איז די רעזשי פון דער עכט רעאַליסטישער שולע, און אַמאָל איז די אולטרא מאָדערנע שולע מיט איבערגעקעהרטע בוידעמס, מיט בלויע בערד און מיט נעזער אויף די שטערנס.. מען צוטומלט דעם עולם; מען צושרעקט און צוספּוזשעט דעם שוואַכען האַלבען אינטעליגענט, און דער עולם ווערט פאַרלאָרען און ווייסט סתם ניט וואָס עס איז ליטעראַטור און וואָס ניט.

און ניט נאָר דער עולם, נאָר די דירעקציע פון טעאַטער איז אויך צוספּוזשעט. די דירעקציע פון טעאַטער ווייסט אייגענטליך ניט, וואָס איז ליטעראַטור און וואָס ניט. זי טרעפט לויט די נעמען פון די שרייבער. און בעונותינו הרבים איז דראַמע א גלי-

טשיגע זאַך. אַ טאָלסטאָי אין ערצעהלונגען קען שאַפען אַ ניט-געלונגענע דראַמאַ, און אַ יונגערמאַן אַ רויהער אין ערצעהלונגען, אַ שרייבער וואָס האָט נאָך ניט קיין טשע-כאָוו-נאָמען, קען שאַפען דוקא אַ ליטעראַרישע דראַמאַ. אָבער, אַז ס'איז ניטאָ ווער עס זאָל וויסען גענוי, וואָס עס איז דראַמאַטיש-ליטעראַריש, און ליטעראַטור מוז מען דאָך שטעלען, טאַפּט מען און מען זוכט צו טרעפען לויט דעם ליטעראַרישען נאָמען פון דעם שרייבער.

דאָס זעלבע איז מיט דער פאָרם פון שפּילען. קיין שולע פון טעאַטער־שפּיל האָט ניט דער קונסט־טעאַטער. הערט מען ,אַז סטאַניסלאַווסקי שפּילט רעאַליזם, שפּילט מען רעאַליסטיש. הערט מען, אַז ס'איז גאָר אין דער מאָדע דעקאַדענטישע פאָרמען, גרימירט מען די אַקטיאָרען די בלויע בערד, מיט גרינע ברעמען, מיט דייזשעס אָנ-שטאָט קאַפּעליושען. מען דינגט אַ מאַלער, וואָס מאָלט אויף אַ לייטער אָהן פלעק-לאַך, אַ קרומע טיר, אַ שוועל אויפ'ן דאַך, און מען איז ליטעראַריש, מאָדערן. נאָך אַזאַ וואַרפען זיך, נאָך אַזאַ טאַפּען אין דער פינסטער, פאַרטרייבט מען אַמאָל דעם סאָרט עולם, אַמאָל יענעם סאָרט עולם, און אַזוי ווייסט שוין ניט דער עולם און עס וויסען ניט די אַקטיאָרען, וואָס עס איז יע ליטעראַטור און וואָס ניט, וואָס איז אַלט-מאָדיש, און וואָס איז מאָדערנע.

האָבען מיר אין ניו יאָרק אַן עקסטרעמען שונד טעאַטער מיט אַ באַשטימטען אויסגעהאַלטענעם פּראָגראַם, און אַן אמת'ען סימפּאַטישען קונסט-טעאַטער אָהן איר-גענד וועלכען פּראָגראַם.

צווישען דעם קונסט-טעאַטער און גאָבּיל'ס טעאַטער שטעהען די צוויי אָפּערעטען-טעאַטערס — נעשאָנאַל און סעקאָנד עוועניו טעאַטער.

ווען מען זאָל קוקען אויף די צוויי אָפּערעטען-טעאַטערס ניט מיט דעם שאַבּלאָנעם בטלניש-„קיקערישען" בליק, מוז מען צוגעבען, אַז די צוויי אָפּערעטען-טעאַטערס האָ-בען געמאַכט אַן ערפרעהענדען פּראָגרעס. דער אינהאַלט פון די מעהרסטע אָפּערעטען איז נאַריש, אַז גאָט זאָל שומר ומציל זיין. אָבער די אויסשטאַטונג, דער שפּילען, די אַקטיאָרען און די מוזיק איז דאָס לעצטע וואָרט אין אָפּערעטע. עס איז אַנגענעהם פאַר'ן אויער, שעהן פאַר'ן אויג און דער העכסטער אינטעליגענט קען זיך לייכט און זאָרגלאָז אַמוזירען. מען דאַרף ניט פאַרגעסען צו דערמאָנען, אַז די ביליגע וויצען זיינען אין גאַנצען אַרויסגעוואָרפען געוואָרען פון די היינטיגע אָפּערעטעס. עס איז עלעגאַנט, איידעל און ראַפינירט.

דאָס זיינען די דריי סאָרטען טעאַטער־שפּילערייען ביי אידען אין אַמעריקאַ. אַלע איבעריגע טעאַטערס אין די פאָרשטעט פון ניו יאָרק און אין די ווייטע שטעט פון די פאַראייניגטע שטאַטען און קאַנאַדע זיינען אַ געמישאַכץ פון אַלע דריי צו-זאַמען. אַלע אַנדערע טעאַטערס שפּילען אַ טאָג פון גאָבּיל'ס סאָרט פּיעסען, אַ פּאָר טעג פון אָפּערעטע-רעפּערטואַר, און אַמאָל פון דעם רעפּערטואַר פון קונסט-טעאַטער. אין די אַלע אַנדערע טעאַטערס איז געמישאַכץ פון אַלעם. דאָך טיילען זיך אויס די אַלע טעאַטערס מיט באַזונדערע כאַראַקטערען. אַן אַנדער טעאַטער שפּילט אָפּערעטען און שטוקעוועט דאָס אונטער מיט דעם גאָבּיל סאָרט מעלאָדראַמאַ. אַמאָל גיט מען אַ כיבוד די פּאָר אינטעליגענטען פון שטאָט און מען שטעלט אַ פּיעסע פון קונסט-טעאַטער רעפּערטואַר. אַנדערע טעאַטערס שפּילען אין איין אָוונט ביי איין פּיעסע אי מעלאָ-דראַמאַ אי אָפּערעטע.

וואו ניט וואו געפינען זיך יונגע אַקטיאָרען, וואָס שטרעבען צו שטעלען גאָר אַפּטעמאָל פּעם פון דעם רעפּערטואַר פון קונסט-טעאַטער. די ליטעראַרישע אַקטיאָרען סטאַרען זיך צו שפּילען ערנסט און געטריי, אויף וויפיל זיי האָבען די מעגליכקייט. נאַטירליך גיט זיך זיי ניט איין צו פּעול'ן ביי די דירעקטאָרען צו שטעלען א קונסט-פּיעסע שבת אָדער זונטאָג. די קונסט מוז געשפּילט ווערען אינדערוואָכען. שבת און זונטאג מוז מען האַלטען יום-טוב מיט דער שונד-פּיעסע.

דעם סיזאָן איז אויך דאָ א ספּעציעלער אידישער טעאַטערל אין עק שטאָט, אזש ביים בראָנקס פּאַרק. דאָס איז דער שילדקרויט טעאַטער, וועלכער האָט אין גאַנצען א פּאָר הונדערט פּלעצער.

אין דעם שילדקרויט טעאַטערל, אין עק שטאָט, שפּילט דער באריהמטער רודאָלף שילדקרויט. שילדקרויט, דאָס איז גאָר א באזונדערע קונסט-אינסטיטוציע. מען דאַרף ניט פרעגען וואָס און ווי ער שפּילט. ס'איז שילדקרויט. ווען ער שפּילט, איז ליכטיג אין די אויגען, ווארים אויפ'ן הארצען. דאָס וואָס שילדקרויט שפּילט איז קונסט פון העכסטען סאָרט, מעג עס זיין געשריבען ווי שונד.

אגב, האָט טאקע שילדקרויט אויפגעפיהרט פּיעסען, וואָס זיינען טאקע געשריבען געוואָרען מיט א פיינעם געשמאַק.

דער אידישער סאָציאַליסטישער פאַרבאַנד אין יאָהר 1925

פון נ. כאַנין

דער אידישער סאָציאַליסטישער פאַרבאַנד איז געגרינדעט געוואָרען אין סעפּטעמבער, 1921, גלייך נאָך דער שפּאַלטונג פון דער אידישער סאָציאַליסטישער פעדעראַציע. די גאַנצע פעדעראַציע האָט צו דער צייט פון דער שפּאַלטונגס-קאָנווענשאָן פאַרמאָגט ארום 300 גוטשטעהענדע מיטגלידער, און פון דיזע 300 זיינען מעהר ווי א העלפט אוועק צו די קאָמוניסטען. דער פאַרבאַנד האָט, אלזאָ, ביי זיין גרינדונג געהאט ניט מעהר ווי א הונדערט מיטגלידער. אָבער שוין אין דעם ערשטען יאָהר פון זיין עקזיסטענץ האָט דער אידישער סאָציאַליסטישער פאַרבאַנד אריינגעצויגען אין זיינע רייהען הונדערטע אידישע סאָציאַליסטען, וואָס האָבען אָדער צו דער פריהערדיגער סאָציאַליסטישער פעדעראַציע גאָר קיינמאָל ניט באַלאַנגט, אָדער אַזוינע, וואָס זיינען פון איהר מיט א צייט פריהער אוועק. ביי דער פילאַדעלפיער קאָנווענשאָן אין מאַי, 1924, האָט דער אידישער סאָציאַליסטישער פאַרבאַנד שוין געצעהלט ארום 900 מיטגלידער און זייט דאַן האַלט דער פאַרבאַנד בסדר אין וואַקסען, סאַי אין מיטגלידער, סאַי אין איינפלוס.

דער פאַרגאַנגענער יאָהר 1925 איז געווען דער סאַמע לעבעדיגסטער און ערפאָלגרייכסטער אין דער קורצער געשיכטע פון דעם אידישען סאָציאַליסטישען פאַרבאַנד.

אָנגעפאַנגען האָט זיך די טעטיגקייט פון פאַרבאַנד אין יאָהר 1925 מיט דעם טור פון ר. אבראַמאָוויטש, דעם באַוואוסטען פיהרער פון „בונד" און פון דער רוסלענדער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע, ווען די נאַציאָנאַלע עקזעקוטיווע פון פאַרבאַנד

האָט ספּעציעל אויסגעשריבען אָהער צו באַקענען די אידישע ארבייטער מאַסען פון אַמעריקא מיט דער לאַגע אין רוסלאַנד און מיט דעם צושטאַנד פון דער סאָציאַליס־טישער באַוועגונג אין אייראָפּא. אבראַמאָוויטש'עס טור האָט אויפגעשטורעמט דאָס גאַנצע לאַנד. ער האָט באַזוכט די וויכטיגסטע אידישע צענטערס פון די פאַראייניגטע שטאַטען און האָט אָפּגעהאַלטען 51 פאַרזאַמלונגען, וועלכע זיינען באַזוכט געוואָרען פון צעהנדליגע טויזענטער ארבייטער. די אַלע שטערונגען און סקאַנדאַלען, וואָס די קאָמוניסטען האָבען געמאַכט ביי יעדער פאַרזאַמלונג פון אבראַמאָוויטש'ען, האָבען געווירקט, אַז פילע וועלכע האָבען פריהער סימפּאַטיזירט מיט די קאָמוניסטען, זאָלען זיך פון זיי אָפּקעהרען און דערנעהענטערען זיך צו דעם אידישען סאָציאַליסטישען פאַרבאַנד.

אבראַמאָוויטש'עס טור האָט אויך אריינגעבראַכט ארום 10 טויזענט דאָלאַר פאַר דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי.

גלייכצייטיג מיט אבראַמאָוויטש'ען איז אויך געווען אויף אַ טור אין אַמעריקא פאַר דעם אידישען סאָציאַליסטישען פאַרבאַנד דער באַוואוסטער אידישער פּאָעט און זשורנאַליסט ד ו ד א י י נ ה א ר ן. אויך ער האָט באַזוכט עטליכע און דרייסיג אַמעריקאַנער שטעדט און שטעדטלאַך, וואו ער האָט אָפּגעהאַלטען איבער 40 לעקציעס איבער פאַרשידענע געגענשטאַנדען. אויך איינהאָרנ'ס טור האָט פיל געהאָלפען צו פאַרשטאַרקערען דעם מאָראַלען פּרעסטיזש און איינפלוס פון דעם אידישען סאָציאַ־ליסטישען פאַרבאַנד.

אויסער די טורס פון די צוויי אייראָפּעאישע געסט האָט דער פאַרבאַנד אָרגאַ־נזשירט פאַר'ן יאָהר עטליכע קורצע און לענגערע אַגיטאַציאָנס און לעקציע טורס מיט היגע פּראָמינענטע סאָציאַליסטען, ווי אב. קאַהאַן, רעדאַקטאָר פון „פאָרווערטס“, ב. וולאַדעק, פּראָפ. א. גאָלאָצקי, ש. לעוויטאַס, פ. דעמביצער, א. א. אַזוי האָט צ. ב. ש. פּראָפ. גאָלאָצקי באַזוכט 68 שטעדט, ד. ה. כמעט אַלע שטעדט און שטעדטלאַך פון די פאַראייניגטע שטאַטען און קאַנאַדע, וואו עס איז נאָר דאָ אַ מעהר אָדער ווייניגער באַדייטענדע אידישע באַפעלקערונג. אין פילע שטעדט האָט ער אָפּגעהאַלטען צו עטליכע לעקציעס און פאַרזאַמלונגען. ש. לעוויטאַס, דער נאַציאָנאַלער אָרגאַניזער פון אידישען סאָציאַליסטישען פאַרבאַנד, האָט אויסער לעקציעס אין יעדער שטאָדט, וואָס ער האָט באַזוכט, אויך אָפּגעהאַלטען אָרגאַניזאַציאָנס־פאַרזאַמלונגען און געזוכט צו פאַרשטאַרקערען די שוין עקזיסטירענדע ברענטשעס פון פאַרבאַנד, ווי אויך גרינדען נייע.

אין הערבסט 1925 האָט דער שרייבער פון דיזע ציילען געמאַכט אַ לענגערען טור איבער די פאַראייניגטע שטאַטען, וועלכער האָט אָנגעהאַלטען 9 וואָכען. איך האָב באַזוכט 38 שטעדט און האָב אָפּגעהאַלטען ארום 60 פאַרשידענע פאַרזאַמלונגען און אָרגאַניזאַציאָנס־מיטינגען.

אין ניו יאָרק פאַרמאָגט איצט דער פאַרבאַנד 13 ברענטשעס מיט אַ מיטגלידער־שאַפט פון איבער 400. אין די ווינטער־מאָנאַטען ווייזען זיי ארויס אַ צופרידענ־שטעלענדע טעטיגקייט. זיי האַלטען אָפּ אָפּען־פאָרומס, לעקציעס, דיסקוסיעס און פאַרשידענע אַנדערע אונטערנעמונגען. אין די זומער־מאָנאַטען אָבער ווערט זייער ארבייט אינגאַנצען פאַראַליזירט. דער עולם פאָהרט זיך פונאַנדער און עס איז אומ־

מעגליך די מיטינגען אפצוהאלטען, און ווען עס קומט דער ווינטער, מוז מען אנהויבען די ארבייט פון דאס ניי. עס איז פאר'ן פארבאנד אלע מאל געווען זעהר א שווערע פראבלעם, ווי אזוי מען קען אנהאלטען די מיטגלידער דורך די זומער-מאנאטען און זעהן, אז זייער טעטיגקייט זאל ניט איבערגעריסען ווערען. די עקזעקוטיווע פון דעם פארבאנד האט דערום באשלאסען צו עפענען א זומער-קעמפ, וועלכער זאל געבען די אידישע ארבייטער פון ניו יארק א מעגליכקייט פאר א קליינעם פרייז צו האבען א וואקאציע און אין דער זעלבער צייט זאל מען דארטען קענען פארטזעצען אונזער סאציאליסטיש-קולטורעלע טעטיגקייט. בשותפות מיט'ן הארלעמער סאציאליסטישען צענטער האט דער אידישער סאציאליסטישער פארבאנד געקויפט אין דעם שעהנסטען פלאץ פון ניו יארק סטייט 119 אקער לאנד און דארטען אופגעבויט א קעמפ. איבער 3,000 מענשען האבען דעם קעמפ באזוכט. און אויף קומענדען זומער ווערען געמאכט פלענער צו פארוואנדלען דעם קעמפ אין א זומער קאלעדזש פאר סאציאליסטישע פראפאגאנדע און אגיטאציע.

נאך אין אנפאנג פון 1924 האט דער אידישער סאציאליסטישער פארבאנד אנגעפאנגען א קאמפיין צו שאפען שטיצע פאר די פאליטישע געפאנגענע אין סאוועט-רוסלאנד. דער קעמפיין האט זיך פארענדיגט אין 1925 און האט אריינגעבראכט 6,000 דאלאר, וועלכע זיינען איבערגעשיקט געווארען דורך דער אויסלענדישער דעלעגאציע פון דער רוסישער סאציאל-דעמאקראטיע צום רוסישען רויטען-קרייץ. אין די 6,000 דאלאר געהען ניט אריין די טויזענט דאלאר, וועלכע זיינען דורך דער איניציאטיווע פון פארבאנד געגעבען געווארען פון דער אינטערנעשאנאל לײדיס גארמענט בארקערס יוניאן אויף איהר באסטאנער קאנווענשאן, ווי אויך ניט די געלדער, וואס עס האבען בייגעשטייערט די פאריערס אינטערנעשאנאל און דער ארבייטער רינג. ארום און ארום איז דורך דער אנגעשטרענגטער ארבייט פון פארבאנד פאר פאליטישע ארעסטירטע אין סאוועט רוסלאנד געשאפען געווארען ארום 9,000 דאלאר.

אין פארבינדונג מיט דער דאזיגער אקציע האט דער אידישער סאציאליסטישער פארבאנד אויך, לויט דעם פארלאנג פון פריץ אדלער, סעקרעטאר פון סאציאליסטישען ארבייטער אינטערנאציאנאל, ארויסגעגעבען דעם מעמאראנדום פון דעם סאציאליסטישען אינטערנאציאנאל וועגען דער לאגע פון די ארעסטירטע און פארשיקטע סאציאליסטען אין סאוועט-רוסלאנד און אין גרוזיען, אין 5,000 עקזעמפלארען און א גרויסע צאהל פון זיי איז שוין פארקויפט געווארען.

דער אידישער סאציאליסטישער פארבאנד האט אויך דורך דער נאציאנאלער עקזעקוטיווע און דורך זיינע ברענטשעס איבער'ן לאנד געשטיצט דעם „בונד" אין פוילען. א דאנק הויפטזעכליך די הילף פון די מיטגלידער פון אידישען סאציאליסטישען פארבאנד האט דער פארשטעהער פון „בונד" אין פוילען געזאמעלט אויף זיין טור אין די פאראייניגטע שטאטען ארום 20 טויזענט דאלאר פאר דער ווארשעווער „פאלקס-צייטונג".

דער אידישער סאציאליסטישער פארבאנד האט אויך גענומען א טיכטיגען אנטייל אין דעם דרייוו פאר די אידישע ארבייטער-שולען אין אייראפא און ער באטייליגט זיך אויך אין דעם 15 מיליאן דאלאר דרייוו, וואס די „דזשאינט" האט אונטערנומען פאר דעם אידישען רעליף אין אייראפא.

דער „וועקער", דער אָפיציעלער וועכענטליכער אָרגאַן פון פאַרבאַנד, האָט אין פאַרלויף פון פאַרגאַנגענעם יאָהר איבערגעלעבט אַ שווערען פינאַנציעלען קריזיס, טראָץ דעם, וואָס די צאָהל לעזער זיינע האָט זיך פאַר'ן יאָהר באַדייטענד פאַרגרעסערט. דאָס איז דערפאַר, וואָס אַ וואָכענבלאַט באַצאָהלט זיך איבערהויפט ניט אין אַמעריקאַ, און ספּעציעל אַ פּאַרטיי-זשורנאַל. אָבער ווען דער „וועקער" האָט אַרויסגעלאָזען דעם רוף פאַר הילף און די נאַציאָנאַלע עקזעקוטיווע פון פאַרבאַנד האָט ערקלערט, אַז זי קען ווייטער דעם „וועקער" ניט אַרויסגעבען, אויב עס וועט ניט געשאַפען ווערען לכל הפחות 10 טויזענט דאָלאַר אויף צו דעקען דעם דעפיציט, וואָס האָט זיך אָנגעקליבען פון די פריהערדיגע יאָהרען, איז אין פאַרלויף פון אַ פּאָר מאָנאַטען צייט די סומע פון 10 טויזענט דאָלאַר פאַר'ן „וועקער" געשאַפען געוואָרען פון זיינע צאָהלרייכע לעזער און פריינט איבער'ן לאַנד. פינאַנציעל איז די לאַגע פון „וועקער" איצט נאָך אויך אַ שווערע, אָבער זיין מאָראַלישער איינפלוס איז פאַר'ן יאָהר שטאַרק געשטיגען.

דער פאַרלאַג „וועקער" האָט זיך פאַר'ן יאָהר צייט אויך באַדייטענד פאַרגרעסערט. אין פאַרלויף פון פאַרגאַנגענעם יאָהר האָט דער פאַרלאַג „וועקער" אַרויסגעגעבען אַזוינע גרויסע ווערק ווי וואַראַ פיגנער'ס „מעמוארען" אין דריי בענדער, אַ. ראָזענבוים'ס „די געשיכטע פון דער ענגלישער אַרבייטער פּאַרטיי" און ה. לאַנג'ס „אויף אַמעריקאַנער וועגען" (ערצעהלונגען און בילדער פון דער אַמעריקאַנער אַרבייטער באַוועגונג). דער פאַרלאַג „וועקער" האָט אויך אָפּגעקויפט אַ רייהע וויכטיגע ביכער פון אַנדערע פאַרלעגער, ווי הילקוויט'ס „די געשיכטע פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין אַמעריקאַ", קאַרל קאַוטסקי'ס „די אַנטוויקלונג פון סאָציאַליסטישען געדאַנק", יצחק אייזיק הורוויטש'עס „די אַנטוויקלונג פון דער אַמעריקאַנער דעמאָקראַטיע", באָגדאַנאָוו'ס „פּאָליטישע עקאָנאָמיע" און אַנדערע. דער פאַרלאַג „וועקער" האָט אויך אין פאַרלויף פון לעצטען יאָהר אָרגאַנזירט איבער'ן לאַנד גרויסע ביכער סיילס און פאַרקויפט ביכער פאַר 20 טויזענט דאָלאַר. דאָס איז געווען אַן אומערוואַרטעטער ערפאָלג פאַר אַלע אידישע פאַרלעגער.

דער פּאָליטישער איינפלוס פון דעם אידישען סאָציאַליסטישען פאַרבאַנד האָט זיך פאַר'ן יאָהר פיל פאַרשטאַרקט. אין דעם קאַמף, וואָס קומט די לעצטע צייט פאַר אין אַרבייטער רינג, האָט דער פאַרבאַנד געשפּילט אַ גרויסע ראָלע. די קאָמוניסטען האָבען אין פאַרלויף פון די לעצטע פיר יאָהר געטאָן אַלץ אין זייערע מעגליכקייטען צו קעפּטשורען דעם אַרבייטער רינג פאַר זייערע קאָמוניסטישע צוועקען. זיי האָבען געשריבען וועגען דעם אַרבייטער רינג אַזוינע רכילות, געוואָרפען אַזוינע בלבולים, וואָס קיינער האָט עס זיך ביז זיי קיינמאָל ניט ערלויבט. ניט קוקענדיג אויף דעם איז די מיטגלידערשאַפט פון אַרבייטער רינג ניט פאַרכאַפּט געוואָרען פון דער קאָמוניסטישער פראַזע. דער אַרבייטער רינג האָט אָפּגעהיט זיין זעלבסטשטענדיגקייט און זיך פון קיינעם ניט געלאָזען קאָנטראָלירען, און פאַר דעם וואָס דער אַרבייטער רינג איז געבליבען געטריי זיין סאָציאַליסטישען גייסט, האָט מען צו פאַרדאַנקען אויך די אָנגעשטרענגטע אַרבייט פון אידישען סאָציאַליסטישען פאַרבאַנד. די לעקטשורער און רעדנער פון אידישען סאָציאַליסטישען פאַרבאַנד זיינען שטענדיג געווען די פאַרטיידיגער פון אַרבייטער רינג. דער „וועקער" האָט צייטענווייז אויסגעזעהן ווי אַן אַרבייטער רינג זשורנאַל. פון איהם האָבען די מיטגלידער פון אַרבייטער רינג איבער'ן

גאַנצען לאַנד געקראָגען די נויטיגע אינפאָרמאַציע וועגען די קאָמוניסטישע אוואַנ־טיורעס אין דעם אַרבייטער רינג און אויך אין אַנדערע אַרבייטער אָרגאַניזאַציעס.

אין אַ גאַנץ אַנדער לאַגע האָבען זיך געפונען די אידישע יוניאָנס. פאַר די לעצטע פינף־זעקס יאָהר וואָס נאָך דער מלחמה זיינען פאָרגעקומען שטאַרקע ענדערונגען אין די אידישע טריידס. די מאַנופעקטשורערס פון דער נאָדעל־אינדוסטריע זיינען ניט צופרידען מיט וואָך־אַרבייט, זיי זיינען אויך ניט צופרידען מיט די אַנדערע רעפאָרמען, וואָס אונזערע יוניאָנס האָבען דורכגעפיהרט אין דער צייט פון גרויסער פּראָספּעריטי. זיי האָבען אָבער מורא אָפען אַרויסצוגעהן אין קאַמף געגען די יוניאָנס, ווייל אַלע לאָקאַוטס, וואָס זיי האָבען געמאַכט ביז איצט, האָבען זיך פאַר זיי געענדיגט מיט אַ דורכפאַל. דערפאַר האָבען די מאַנופעקטשורערס איצט אָנגעווענדעט אַ שטילען מיטעל אין קאַמף מיט די אָרגאַניזירטע אַרבייטער. זיי פיהרען אַרויס די טריידס פון די גרויסע אידישע צענטערס, פאַרשלעפּען זיי אין די קליינע שטעדטלאַך, זעצען אַוועק ביי דער אַרבייט קריסטלאַכע מיידלאַך, וועלכע עס איז זעהר שווער צו אָרגאַניזירען. דערפאַר געהען אַרום די אידישע אַרבייטער פון ניו יאָרק, שיקאַגאָ און פילאַדעלפיא אָהן אַרבייט. די נויט צווישען די אַרבייטער איז גרויס, און די יוניאָנס זיינען מאַכט־לאָז צו געפינען אַ גיכע רפואה פאַר דער שרעקלאַכער מכה. די קאָמוניסטען האָבען די נויט פון די אַרבייטער אויסגענוצט פאַר זייער דעמאַגאָגישער פּאָליטיק אין די יוניאָנס. בעת דער גאַנצער טרייד איז דעמאָראַליזירט געוואָרען אַ דאַנק דעם, וואָס די אַרבייט פאַרשווינדעט פון די גרויסע שטעדט, האָט די קאָמוניסטישע אָפּאָזיציע קיין איין פראַגע ניט געמאַכט די לאַגע צו פאַרבעסערען. זייער אַבזיכט דאָ אין אַמעריקאַ, ווי אין אַנדערע לענדער פון דער וועלט, איז צו באַשאַפען אַן אומצופרידענהייט צו די פיהרער פון די אָרגאַניזאַציעס אום דורך דעם צו קענען אַריינכאַפּען די יוניאָנס אין זייערע הענט און אויסנוצען זיי פאַר זייערע פּאָליטישע צוועקען.

עס מוז דאָ אָבער גלייך געזאָגט ווערען, אַז אַ גרויסע צאָהל באַאַמטע, וועלכע זיינען אַריינגעטראָטען אין די יוניאָנס מיט די בעסטע אידעאַלסטע מאָטיוון, זיינען אין פאַרלויף פון זייער לאַנג יאָהריגער טעטיגקייט דעמאָראַליזירט געוואָרען, זיי האָבען אויפגעהערט צו באַטראַכטען דעם אַרבייטער אַלס אַ מענש פון זייער גלייכען און זיך אַליין אַלס אָנגעשטעלטע, וועלכע דינען די אינטערעסען פון די אַרבייטער; זיי האָבען זיך אָנגעהויבען צו באַטראַכטען אַלס די בעלי־בתים פון אַ געשעפט, וואָס באַלאַנגט צו זיי און קיינער קאָן דאָס פון זיי ניט אַוועקנעמען. דער אידישער סאָציאַ־ליסטישע פאַרבאַנד האָט געפיהלט די שלעכטע, דעמאָראַליזירענדע לאַגע. די טוער פון פאַרבאַנד האָבען אָפּגעהאַלטען אַ גאַנצע רייהע קאָנפערענצען מיט אַ גרויסער צאָהל אַקטיווע סאָציאַליסטישע טוער אין די יוניאָנס. אָבער די קאָנפערענצען האָבען צו קיינע פּראַקטישע רעזולטאַטען ניט געפיהרט. אַ געוויסע צאָהל סאָציאַליסטען אין די יוניאָנס זיינען געווען פאַר'שכור'ט פון מאַכט און זיי האָבען ניט געקאָנט זעהן די כוואַליע פון אומצופרידענהייט, וועלכע געהט געגען זיי און נאָר אַ דאַנק דעם איז געשאַפען געוואָרען די איצטיגע לאַגע אין אייניגע אידישע יוניאָנס. די לעצטע קאָנ־ווענשאָן פון פאַרבאַנד, וואָס איז אָפּגעהאַלטען געוואָרען אָנפאַנג 1926, האָט אויס־געאַרבייט אַ קאָנסטרוקטיווע פּאָליסי, ווי אַזוי אָנצוגעהן מיט דער סאָציאַליסטישער

אַרבייט אין די יוניאָנס, און עס איז קיין צווייפעל ניט, אַז די אַרבייט פון די אידישע סאָציאַליסטען אין די יוניאָנס וועט אויף ווייטער געקרויינט ווערען מיט מעהר ערפאָלג.

אין פאַרלויף פון לעצטען יאָהר זיינען געשאַפען געוואָרען צוויי סטייט ביוראָס, וועלכע פיהרען אָן מיט דער אַרבייט פון אידישען סאָציאַליסטישען פאַרבאַנד אין די באַטרעפענדע שטאַטען. דאָס איז די סטייט ביוראָ פון ניו־ענגלאַנד, וועלכע האָט אין פאַרלויף פון יאָהר אָפּגעהאַלטען צוויי ערפאָלגרייכע קאָנווענשאָנס, דורכגעפיהרט טורס א. א. וו. די צווייטע איז אין ניו דזשוירזי, וועלכע האָט אויך אָפּגעהאַלטען צוויי קאָנ־פערענצען, אָבער זי איז ניט געווען אַזוי אַקטיוו ווי די ניו־ענגלאַנד ביוראָ.

אין ניו יאָרק און אין שיקאַגאָ עקזיסטירען אויך סיטי קאָמיטעס, וועלכע פיהרען אָן די אַלגעמיינע אַרבייט אין שטאָדט; זיי פיהרען דורך סאָציאַליסטישע זונטאָג פאָרומס, וואו עס ווערען אַרומגערעדט און דיסקוטירט די פאַרשידענע טאָג־פּראַגען פון פּאָליטישען און געזעלשאַפטליכען לעבען. די אָפּען פאָרומס זיינען אַ גרויסער ערפאָלג. אין ניו יאָרק ווערען זיי אָפּגעהאַלטען אין ברוקלין, איסט סייד, האַרלעם און בראָנקס אַלע זונטאָג אין דער פריה.

אַ דאַנק אָט דער אָנגעשטרענגטער אַרבייט האָט זיך די צאָהל מיטגלידער פון פאַרבאַנד פאַר'ן יאָהר באַדייטענד פאַרגרעסערט. לויט די באַריכטען פון די פינאַנס־סעקרעטאַרען פון די ברענטשעס איבער'ן לאַנד האָט דעם 31טען דעצעמבער, 1925, דער אידישער סאָצ. פאַרבאַנד געצעהלט איבער 2,000 מיטגלידער. די אַרבייט אויפן געביט פון פאַרגרעסערען די מעמבערשיפ איז זעהר אַ שווערע. די אידישע אַרבייטערשאַפט לעבט דורך אַ שווערע צייט. אין דער צייט פון אַפּאַטיע און אַנטוישונגען זוכען די ברייטע מאַסען אָפט לאַזונגען, וועלכע זאָלען זיי אָפּנאַרען, פאַרשלעפערען אין גוטע חלומות. די סאָציאַליסטישע אַרבייט איז אַ צו ניכטערע, אַ צו אויפריכטיגע, אַז זי זאָל אין דעם מאָמענט קענען האָבען צווישען די מאַסען אַ צו גרויסען ערפאָלג. דער איינפלוס פון דעם אידישען סאָציאַליסטישען פאַרבאַנד האָלט אָבער בסדר אין וואַקסען און ער דרינגט וואָס ווייטער אַלץ טיפער און טיפער אַריין אין אַלע ווינקעלאַך פון דעם אידישען אַרבייטער לעבען פון אַמעריקאַ.

די קאָמוניסטישע באַוועגונג אין אייראָפּאַ און אין אַמעריקאַ

פון ס. איוואַנאָוויטש

די קאָמוניסטישע באַוועגונג איז אַ רעזולטאַט פון דער עקאָנאָמישער און מאָראַלער צופאַלונג, וואָס די מלחמה האָט אריינגעטראָגען אין די רייהען פון אַלוועלטליכען פּראָלעטאַריאַט.

1. די עקאָנאָמישע אוןווירטשאַפטליכע צופאַלונג האָט זיך אויסגעדריקט אין פאָלגענדעס. עס האָט זיך גרינדליך געענדערט דער צוזאַמענשטעל פון דעם פּראָלעטאַריאַט גופא. אַ באַדייטענדער טייל פון די אַלטע קוואַליפיצירטע ארבייטער איז אַוועק אויפ׳ן פראָנט, צעהנדליגער טויזענטער פון זיי זיינען אומגעקומען אויפ׳ן שלאַכטפעלד און אין די שוצגריבער, די איבעריגע זיינען מאָראַליש געזונקען אין דער בלוטיגער מלחמה־אַטמאָספערע. די ניי אנטשטאַנענע מלחמה־אינדוסטריע האָט איינגעזאַפּט אין זיך גרויסע מחנות פון די רואינירטע פאָלקס־מאַסען, פּויערים, פרויען, מינדעריעהריגע קינדער, די אַלע, וואָס האָבען זיך אויסבאַהאַלטען פון מיליטערישער דינסט, און די אַלע אַנדערע עלעמענטען, וואָס זיינען אינגאַנצען פרעמד דער אַרבייטער־באַוועגונג און דעם אָרגאַניזאַציאָנעלען און קולטורעלען איינפלוס, וועלכען עס האָט אויסגעאיבט אויפ׳ן פריהערדיגען דור פּראָלעטאַריער דער מעכאַניזם פון די גרויסע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען. די נויטווענדיגע באַדערפעניש פון דער ניי־אנטשטאַנענער מלחמה־אינדוסטריע האָט געצוואונגען די רעגירונגען צו איינגעהן אויף אַלע פאָדערונגען פון די ניט־אָרגאַניזירטע ארבייטער־מאַסען, אויסצאָהלען זיי גאַנצענע בערג פּאַפּירלאַך, וועלכע האָבען פון טאָג צו טאָג פאַרלאָרען אין זייער ווערט.

דאָס איז זיי אָנגעקומען אָהן קיין שום קאַמף, אָהן קיין שום אָנשטרענגונג. דאָס האָט ארויסגערופען די פאַלשע פאָרשטעלונג פון זייער קראַפט, פון זייער מאַכט, דעם „רעוואָלוציאָניזם“ פון די ניט אָרגאַניזירטע אַרבייטער־מאַסען, וועלכע זיינען לחלוטין אומפעהיג צו וועלכער עס איז אָרגאַניזאַציאָנעלער סיסטעמאַטישער טעטיגקייט.

2. די מאָראַלע ירידה פון די מאַסען איז אַ רעזולטאַט פון דעם עקאָנאָמישען חורבן, וואָס די מלחמה האָט ארויסגערופען אין אַלע לענדער. די ווילדע ספּעקולאַציע פון דער מלחמה־צייט, די ביליגקייט פון מענשליכען לעבען, די גרויזאַמקייט און בלוט־דורשטיגקייט, וואָס איז דערצויגען געוואָרען אין פאַרלויף פון יאָהרען אין די שוצגריבער, די גרייטקייט צו טויטען און געטויט צו ווערען אין יעדען מאָמענט, דער וואוקס פון פּראָסטיטוציע און פאַרברעכערישקייט, דאָס צופאַלען פון פאַמיליען־לעבען — דאָס אַלץ צוזאַמענגענומען — האָט זעהר שלעכט געווירקט אויף די רויהע אַרבייטער־מאַסען, וואָס זיינען געזונקען גייסטיג און מאָראַליש אַלץ טיפער און טיפער. דער פּרעסטיזש פון שטאַאַט איז געפאַלען, דער מאַכט־אַפּאַראַט פון די רעגירונגען אין די לענדער, וואָס האָבען אין פאַרלויף פון פיר יאָהר געבלוטיגט אין דער מלחמה, איז אָפּגעשוואַכט געוואָרען. די דאָזיגע אומשטענדען

האָבען ארויסגערופען די פּרימיטיווע ווילדע פאָרמען פון סאָציאַלען און פּאָליטישען פּראָטעסט, דאָס האָט נאָך מעהר פארשטאַרקט דעם באַוואוסטזיין פון זייער אָל־מעכטיגקייט. מיליאָנען מענשען, וואָס האָבען אין פארלויף פון לאַנגע יאָהרען זיך געבאָדען אין בלוט, חרוב געמאַכט גאַנצע לענדער, האָבען זיך איינגעגלויבט, אַז נאָר מיט׳ן כח פון געוועהר קאָן מען אַלץ דערגרייכען, אַז דאָס איז דער איינציגער ווירקזאַמער מיטעל אין סאָציאַלען און פּאָליטישען קאַמף.

אויף דעם דאָזיגען באָדען איז אויסגעוואַקסען דער ווילדער „קאָמוניסטישער" געוויקס, די אומשטענדען האָבען געשאַפען די פּראַקטיק און טעאָריע פון דער קאָמוניסטישער באַוועגונג.

אָבער וואָס ווייטער מיר געהען אַוועק פון דעם בלוטיגען פּעריאָד, וואָס מעהר עס ווערען פארשוואונדען די נאָכוועהעניִשען פון דער מלחמה, וואָס שטאַרקער עס ווערט די עקאָנאָמישע און ווירטשאַפטליכע אויפלעבונג פון די אינדוסטריע־צווייגען, וואָס די מלחמה האָט אָפּגעטויט, אַלץ מעהר פארפעסטיגט זיך די דעמאָקראַטיע, אַלץ שוואַכער און שוואַכער ווערען די כחות פון דער קאָמוניסטישער באַוועגונג.

דער קאָמוניזם זשיפּעט נאָך, ער האַלט זיך נאָך וואו ניט וואו אַ דאַנק דעם, וואָס די בלוטיגע וואונדען פון דער מלחמה זיינען נאָך ניט אינגאַנצען פארהיילט געוואָרען, אַ דאַנק דעם, וואָס די אינדוסטריע האָט זיך נאָך ניט אומעטום גע־שטעלט אויף די פיס, אַ דאַנק דעם, וואָס די פרידענס־אָפּמאַכען פארהאַלטען די ווירטשאַפטליכע אויפלעבונג פון באַזונדערע לענדער, טראָגען אין זיך די געפאַהר פון נייע בלוטיגע צוזאַמענשטויסען.

אין רוסלאַנד איז פון „קאָמוניזם" כמעט ווי גאָרנישט געבליבען. און דאָס האָט פּאַסירט מחמת דעם, וואָס די באָלשעוויקעס האָבען דאָרטען פארכאַפּט די מאַכט. כדי איינצוהאַלטען די מאַכט האָט מען געמוזט איינפיהרען אָרדנונג, אויפ־לעבען די אינדוסטריע, אויסראָטען אַלע פאָרמען פון פּראָטעסט. ווען די באָלשע־וויקעס האָבען שוין פארכאַפּט די מאַכט, האָבען זיי גלייך פארשטאַנען, אַז דער סאָציאַלער און פּאָליטישער ראַדיקאַליזם, וועלכען זיי האָבען געפּרעדיגט, איז גוט נאָר פאַר דער צייט איידער מ׳האָט אריינגענומען די מאַכט, ער טויג אָבער אויף כפּרות נאָך דעם, ווי מ׳האָט שוין אריינגענומען די מאַכט. דעריבער האָט זיך אין רוסלאַנד פארפעסטיגט דער גרויזאַמער פּאָליצייאישער רעזשים, די ברוטאַלע אונטערדריקונג פון אַרבייטער־קלאַס, וואָס האָט ניט זיין גלייכען אין קיין רעאַק־ציאָנערען רעזשים אין אייראָפּאַ, סיידען אין די פארצייטיגע אַזיאַטישע דעספּאָטיעס.

דער קאָמוניזם אַלס אַן אַרבייטער־באַוועגונג, אַלס אַ באַזונדער מעטאָד פון סאָציאַלען און פּאָליטישען קאַמף איז אין רוסלאַנד פארשוואונדען לחלוטין.

דער קאָמוניזם אַלס אַ באַזונדער מעטאָד פון סאָציאַלען און פּאָליטישען קאַמף איז פארבליבען אין די איינצעלנע לענדער, וואו די קאָמוניסטישע פּאַרטיי ווערט פארפאָלגט. דאָרטען זיינען נאָך פאַראַן אַרבייטער־מאַסען, וואָס גלויבען אין דער ריכטיגקייט און נוצליכקייט פון די מעטאָדען, וועלכע האָבען אין רוסלאַנד גע־בראַכט צו דער פאָלשטענדיגער פארשקלאַפונג פון פּראָלעטאַריאַט און פון גאַנצען פאָלק דורך אַ הייפעלע קאָמוניסטישע מאַכט־האָבער.

אָבער אויך אין די לענדער ווערט דער קאָמוניזם פון טאָג צו טאָג אַלץ שוואַ־כער און שוואַכער, ער פארלירט דעם באָדען אונטער די פיס, ער פארלירט זיך אין דעם מעכטיגען שטראָם פון דער אַלגעמיינער ארבייטער־באַוועגונג.

די לעצטע סטאַטיסטישע ציפערען, וואָס זיינען פארעפענטליכט געוואָרען וועגען דעם צושטאַנד פון די קאָמוניסטישע פאַרטייען אין פארשיידענע לענדער, גיבען אונז דעם פאָלגענדען בילד:

די צאָהל מיטגלידער אין די קאָמוניסטישע פאַרטייען

	1921	1922	1924
דייטשלאַנד	360,000	266,000	350,000
פראַנקרייך	130,000	78,828	50,000
איטאַליע	70,000	24,638	12,000
טשעכאָ־סלאָוואַקיע	360,000	170,000	130,000
ענגלאַנד	10,000	5,116	3,000
נאָרוועגיע	97,000	48,000	16,000
שוועדען	15,000	12,143	12,000
דענמאַרק	1,200	1,200	,700
האָלאַנד	4,000	2,500	1,700
שווייץ	6,000	5,200	4,000
שפאַניע	10,000	50,000	6,000
פוילען	—	10,000	5,000
בעלגיע	1,000	517	590
סך הכל	1,064,000	67,142	590,990
פראָצענטועל	100	63.4	55.4

אזוי ארום זעהען מיר, אז אין די 13 אויבענדערמאָנטע לענדער האָט זיך די צאָהל פון די קאָמוניסטען פון 1921 ביז 1924 פארקלענערט אויף 473,010, אָדער אויף 44½ פראָצענט.

ווען מיר זאָלען פון דער צאָהל קאָמוניסטען אין די 13 לענדער אויסשליסען דייטשלאַנד, וואָס פארמאָגט מעהר ווי א העלפט פון דער אַלגעמיינער צאָהל — 59.2 פראָצענט — דאַן באקומט זיך אזא בילד:

די אַלגעמיינע צאָהל קאָמוניסטען:

	1921	1922	1924
	704,000	408,142	240,990
פראָצענט	100	58	34.2

אזוי ארום זעהען מיר, אז פון יאָהר 1921 ביז 1924 זיינען פון די קאָמוניס־טישע רייהען אין די 12 לענדער ארויסגעטראָטען 464,000 מיטגלידער, אָדער פון יעדער הונדערט מיטגלידער זיינען ארויסגעפאַלען 66.

מיר האָבען געמאַכט דעם חשבון אָהן דייטשלאַנד בכיון. דייטשלאַנד האָט מעהר ווי אַלע אַנדערע לענדער געליטען פון דער מלחמה און איהרע פאָלגען. נאָך ביז דאָ ניט לאַנג איז אַ באַדייטענדער טייל פון דער דייטשער טעריטאָריע באַ־

זעצט געווען פון די פראַנצויזען און ענגלענדער, נאָך ביז איצט איז די לופט דאָרטען פאַר'סמ'ט מיט שאָוויניסטישע קריגערישע שטימונגען. און ס'איז קיין וואונדער ניט, אַז גראָדע אין דייטשלאַנד, וואו די מלחמה האָט איבערגעלאָזען אַזוינע טיפע שפּורען, האָבען זיך לענגער, ווי אומעטום געהאַלטען די קאָמוניסטען.

און אפילו ווען מיר נעמען שוין אַלע 13 לענדער, זעהען מיר, ווי נישטיג עס איז אין אייראָפּאַ די קאָמוניסטישע באַוועגונג. עס איז גענוג אָנצואווייזען, אַז די קאָמוניסטישע ארמיי אין די אַלע 13 לענדער איז מיט 30 טויזענט מיטגלידער קלענער, ווי די צאָהל מיטגלידער פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער פּאַרטיי אין אַזאַ קליינער לאַנד, ווי בעלגיע.

אָבער די פּאָליטישע מאַכט פון אַ פּאַרטיי קאָן ניט געמאָסטען ווערען בלויז לויט דער צאָהל מיטגלידער, נאָר לויט די פּאָלקס-מאַסען, וואָס געפינען זיך אונטער איהר איינפלוס, וואָס פאָלגען איהר נאָך אין די פּאָליטישע קעמפּיינס. לאָמירזשע נעמען די וואהל-סטאַטיסטיק. לויט די ידיעות פון סאָציאַליסטישען ארבייטער-אינטערנאַציאָנאַל, וואָס זיינען באַגרינדעט אויף די קאָמוניסטישע אָפיציעלע מעלדונגען, זעהען מיר, אַז ביי די לעצטע וואהלען האָבען געשטימט פאַר די

	סאָציאַליסטען	קאָמוניסטען	פּראָצענט
דייטשלאַנד	7,802,000	1,851,000	23.7
ענגלאַנד	5,550,000	55,486	0.9
פראַנקרייך	1,700,000	800,000	47.0
עסטרייך	1,311,000	22,164	1,7
איטאַליע	780,000	268,000	34.3
בעלגיע	820,000	34,147	4.1
דענעמאַרק	470,000	6,219	1.3
האָלאַנד	706,000	36,786	52.0
סך-הכל	19,139,650	3,073,802	16.0

אַזוי אַרום זעהען מיר, אַז אין די אויבענדערמאָנטע לענדער האָבען די סאָציאַליסטען באַקומען איבער 19 מיליאָן שטימען, די קאָמוניסטען איבער 3 מיליאָן, אויף 16 מיליאָן שטימען ווענינער. דאָרטען, וואו די סאָציאַליסטען האָבען באַקומען 100 שטימען, האָבען די קאָמוניסטען באַקומען נאָר 16 שטימען.

אויף אַזאַ אופן זעהען מיר קלאָר, אַז אין גאַנצען און גרויסען באַטרעפען די קאָמוניסטען בלויז אַ נישטיגען טייל פון דער ארבייטער-באַוועגונג אין אייראָפּאַ. אין די לענדער, וואו די ארבייטער-באַוועגונג איז מעכטיג, פאַרשווינדען ביסלאַכווייז די קאָמוניסטען אינגאַנצען. אין ענגלאַנד האָבען זיי באַקומען בלויז איין פּראָצענט פון דער צאָהל שטימען, וואָס זיינען אָפּגעגעבען געוואָרען פאַר דער ארבייטער-פּאַרטיי, אין בעלגיע 4 פּראָצענט, אין עסטרייך 1,7 פּראָצענט און אַז. וו.

נאָך גאַנץ באַדייטענד איז די צאָהל שטימען, וואָס די קאָמוניסטען באַקומען אין דייטשלאַנד און פראַנקרייך. אויך אָבער אין די לענדער ווערט זייער איינפלוס

פון טאג צו טאג קלענער. אין דייטשלאנד האבען ביי די אלגעמיינע וואהלען די קאמוניסטען באקומען:

4טען מאי 1924 — 3,746,643 אדער 12.7 פראצענט.

7טען דעצעמבער 1924 — 2,708,176, אדער 9 פראצענט.

29טען מערץ, 1925 — 1,801,176, אדער 7 פראצענט.

דאס הייסט, אז אין פארלויף פון עלף מאנאטען האבען די קאמוניסטען פארלארען 1,875,436 שטימען, אדער א העלפט פון דער פריהערדיגער צאהל.

די קאמוניסטען באריהמען זיך, אז זיי באקומען די ארבייטער־שטימען, בעת פאר די סאציאל־דעמאקראטען שטימען די קליינבירגער. אבער די באהויפטונג איז דורכאוים פאלש. גראדע אין די אינדוסטריעלע געגענדען, וואו די ארבייטער־באפעלקערונג באטרעפט 90 פראצענט פון דער אלגעמיינער צאהל האבען, נעבאך, די קאמוניסטען געליטען א שרעקליכע מפלה. ווען מיר נעמען די שטעדט בערלין, האמבורג, מיטעל־דייטשלאנד, דעם ריין און רור געגענד זעהען מיר, אז די קאמוניסטען האבען דארטען פארלארען 39.3 פראצענט שטימען, און די סאציאל־דעמאקראטען האבען געוואונען 47.6 פראצענט שטימען. זעהר אינטערעסאנט זיינען די פארלוסטען פון די קאמוניסטען אין ריין און רור־געגענד. דא האט זיך די ארטיגע באפעלקערונג א לענגערע צייט געפונען אונטער דעם שווערען יאך פון פרעמדער אקופאציע. דא האט, אייגענטליך, די מלחמה ניט אויפגעהערט און דארט, וואו ס'הערשט נאך דער מלחמה־גייסט, פארשטארקט זיך דער קאמוניסטישער איינפלוס. דעריבער טאקע האבען די קאמוניסטען אין מאי, 1924, באקומען דארטען מעהר שטימען, ווי די סאציאל־דעמאקראטען. אבער זינט ס'האבען אנגעהויבען בלאזען אנדערע ווינטען, זינט ס'איז מעגליך געווארען א פארשטענדיגונג צווישען דייטשלאנד און פראנקרייך, ס'זיינען באפרייט געווארען איינציגע טיילען פון דער אקופירטער געגענד און דייטשלאנד האט אפגעאטעמט א ביסעל פרייער, האבען די קאמוניסטען גלייך פארלארען זייער איינפלוס און די צאהל קאמוניסטישע שטימען ווערט אלץ קלענער און קלענער.

אויב אין די אויבענדערמאנטע געגענדען האבען די קאמוניסטען אין מאי, 1924, באקומען מיט הונדערט טויזענט שטימען מעהר פאר די סאציאל־דעמאקראטען, האבען זיי אין מערץ, 1925, באקומען מיט 1,200,000 שטימען ווייניגער פאר די סאציאל־דעמאקראטען. דער מלחמה־גייסט לעבט אויף די קאמוניסטען, דער שלום־גייסט טויט זיי. אין מאי, 1924, האבען מיר אויף הונדערט קאמוניסטישע — הונדערט און זעכציג סאציאל־דעמאקראטישע שטימען, אין דעצעמבער 1924 — אויף הונדערט קאמוניסטישע, צוויי הונדערט איין און נײַנציג סאציאל־דעמאקראטישע שטימען, אין מערץ, 1925, אויף הונדערט קאמוניסטישע, שוין פיר הונדערט זיבצעהן סאציאל־דעמאקראטישע שטימען.

כמעט דאס זעלבע זעהען מיר אויך אין פראנקרייך. די הויפט־פעסטונג זייערע אין פראנקרייך איז פאריז און אומגעגענד. אין דער פראווינץ איז זייער איינפלוס א נישטיגער. אין מאי, 1924, האבען די קאמוניסטען באקומען ביי די וואהלען צום פארלאמענט אין פאריז 125,407 שטימען. עס איז אוועק א יאהר. ביי די וואהלען צו דער שטאדט־פארוואלטונג אין יאהר 1925 האבען די קאמו־

ניסטען באַקומען אין פּאַריז שוין בלויז 95,587 שטימען, דאָס הייסט, זיי האָבען פאַרלאָרען דרייסיג טויזענט שטימען. מיר קאָנען ניט פאַרגלייכען דעם וואוקס פון די סאָציאַליסטישע שטימען, ווייל ביי די פּאַרלאַמענט־וואַהלען אין יאָהר 1924 זיינען די סאָציאַליסטען געגאַנגען אויף די ליסטעס פון לינקען בלאָק. ביי די וואַהלען צו דער שטאָדט־פאַרוואַלטונג האָבען די סאָציאַליסטען קיין בלאָק מיט קיינעם ניט געשלאָסען, און דאַן האָבען זיי צונויפגענומען מיט 19,613 שטימען מעהר פאַר די קאָמוניסטען. זייערע שטימען האָבען די קאָמוניסטען גראַדע באַקומען ניט אין די אַרבייטער־ראַיאָנען. גראַדע אין די אַרבייטער־קוואַרטאַלען זיינען די סאָציאַליסטען געגאַנגען די ערשטע. אָט דאָ האָבען מיר די רעזולטאַטען פון די דריי פּראָלעטאַרישע וואַהל־דיסטריקטען אין פּאַריז.

18טער דיסטריקט: סאָציאַליסטען 21,201, קאָמוניסטען 12,201.

19טער דיסטריקט: סאָציאַליסטען 12,908, קאָמוניסטען 7,109.

20טער דיסטריקט: סאָציאַליסטען 18,400, קאָמוניסטען 8,628.

סך הכל: סאָציאַליסטישע שטימען 52,509, קאָמוניסטישע — 28,723.

אזוי אַרום זעהען מיר, אַז אין די דריי דיסטריקטען האָבען די קאָמוניסטען באַקומען מיט 23,786 שטימען ווייניגער פאַר די סאָציאַליסטען. אין דער זעלבער צייט האָבען די קאָמוניסטען אין גאַנץ פּאַריז צונויפגענומען בלויז מיט 19,613 שטימען ווייניגער פאַר די סאָציאַליסטען. וואָס באַווייזט דיזער אונטערשייד? עס באַווייזט, אַז די קאָמוניסטען האָבען געליטען אַ מפּלה גראַדע אין די אַרבייטער־דיסטריקטען, און האָבען זיך אַ ביסעל ארויפגעכאַפּט אין די קליין־בירגערליכע דיסטריקטען. אַז די קאָמוניסטען האָבען אַ באַדייטענדען טייל פון זייערע „אָנ־העננער" אין די בירגערליכע שיכטען פון דער באַפעלקערונג, באַווייזען אונז די רעזולטאַטען פון די מוניציפּאַלע וואַהלען אין די אינדוסטריעלע שטעדט:

שטראַסבורג: סאָציאַליסטען — 116,069, קאָמוניסטען — 40,100.

ליל: סאָציאַליסטען — 17,549, קאָמוניסטען — 2,680.

לימאָזש: סאָציאַליסטען — 12,054, קאָמוניסטען — 1,501.

אַמיען: סאָציאַליסטען — 6,146, קאָמוניסטען — 1,259.

טור: סאָציאַליסטען — 6,126, קאָמוניסטען — 2,040.

סך־הכל: סאָציאַליסטישע שטימען 161,946, קאָמוניסטישע 47,580.

אין די פינף שטעדט, וואו די סאָציאַליסטען האָבען ארויסגעשטעלט זייערע אייגענע ליסטען, האָבען די קאָמוניסטען באַקומען מיט 114,366 שטימען ווייניגער פאַר די סאָציאַליסטען.

ווען מיר נעמען פּאַריז צוזאַמען מיט'ן סענאַ און סען־אואַזער דעפּאַרטמענט, וואָס גיסען זיך צונויף מיט'ן פּאַריזער אינדוסטריעלען ראַיאָן, זעהען מיר, אַז ביי די פּאַרלאַמענט־וואַהלען אין 1924 האָבען די קאָמוניסטען באַקומען אַן ערך 300,000 שטימען ווייניגער פאַר די סאָציאַליסטען. וואָס באַווייזט דיזער אונטערשייד? עס 200,000 שטימען, דאָס הייסט, אַז זיי האָבען פאַרלאָרען 100,000 שטימען, אַ דריטעל פון דער פריהערדיגער צאָהל.

אין ענדע אָקטאָבער 1925 האָבען די קאָמוניסטען געוואָלט באַווייזען זייער מאַכט און האָבען ערקלערט אַן איינטאָגיגען פּראָטעסט־סטרייק געגען דער מלחמה אין מאַראָקאָ. זיי זיינען אָבער אויף אַ מיאוס'ען אופן דורכגעפאַלען. אין די

נרעסערע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען האבען געסטרייקט פון 3 ביז 10 פראָ־צענט ארבייטער. די טראמווייען, באהנען, וואסער-לייטונג, עלעקטרישע סטאנציעס האבען געארבייט, ווי געוועהנליך. בלויז די אויטאָמאָביל-שאָופערס, אלטע קאָמוּ־ניסטישע חסידים, זיינען ניט ארויס צו דער ארבייט. דאָס האָט קלאָר באוויזען, אז די קאָמוניסטען האבען ניט קיין איינפלוס אויף׳ן פראנצויזישען פּראָלעטאריאט.

אין ענגלאנד האבען די לעצטע צייט די קאָמוניסטען גענומען אביסעל טומלען. אָבער דאָס איז מעהר ניט ווי א בלאָף. אין 1922 האָט די ענגלישע קאָמוניס־טישע פּארטיי ארויסגעשטעלט זעקס קאנדידאטען צום פּארלאמענט און האָט צו־נויפגעקליבען 44,948 שטימען. ביי די וואהלען אין 1923 האָט זי ארויסגעשטעלט ניין קאנדידאטען און האָט צונויפגעקליבען 66,504 שטימען. און ענדליך אין יאָהר 1924 האָט זי ארויסגעשטעלט אכט קאנדידאטען אויף דער קאָמוניסטישער ליסטע, און האָט באקומען שוין בלויז 52,000 שטימען. אין דער זעלבער צייט האָט די ארבייטער-פּארטיי אין ענגלאנד באקומען אין יאָהר 1922 — 4,236,753 שטימען, אין יאָהר 1923 — 4,348,379 שטימען און אין יאָהר 1924 — 5,551,000 שטימען. מיר זעהען, אז די קאָמוניסטען האָבען א קנאפּען איינפלוס אויף די ענגלישע ארבייטער-מאסען.

אנדערע ווידער מיינען, אז דער קאָמוניסטישער ערפאָלג אין ענגלאנד האָט זיך אנגעהויבען נאכדעם, ווי מעקדאנאלד׳ס קאבינעט איז געפאלען, און די ענגלישע ארבייטער-מאסען האבען זיך ענטוישט אין דער פּאָליטיק פון דער ארבייטער־פּארטיי. אָבער באלד נאָך דעם זיינען פארגעקומען אין ענגלאנד די מוניציפּאלע וואהלען, און די קאָמוניסטען זיינען מיאוס דורכגעפאלען. די ארבייטער-פּארטיי האָט געהאט אן אומגעהייער גרויסען ערפאָלג, זי האָט געוואונען נייע 88 פּלעצער. די קאָמוניסטען האָבען אפילו קיין איין קאנדידאט זייערען ניט דורכגעפיהרט. אלע זיבען ארבייטער-דיסטריקטען אין לאָנדאָן האָבען איצט סאָציאליסטישע פאר־וואלטונגען און קיין איין קאָמוניסט איז דאָרט ניטאָ. אין גאנץ ענגלאנד האָט די ארבייטער-פּארטיי געוואונען נייע 190 פּלעצער.

אָט דאָס איז דער גרויסער קאָמוניסטישער „ערפאָלג" אין ענגלאנד. אמת, צווישען די ארבייטסלאָזע פארשטארקען זיך די לינקע שטרעמונגען, די סימפּאטיעס צו סאָוויעט רוסלאנד. אָבער דאָס איז דאָך ניט קיין קאָמוניזם. די פּעהלערען פון דער ארבייטער-פּארטיי אין ענגלאנד און די מיאוס׳ע באָלשעוויסטישע דעמאָ־גאָגיע האָט פארשטארקט דעם גלויבען און די האָפנונגען פון די ארבייטסלאָזע מאסען, אז ענגלאנד קאָן באקומען פון רוסלאנד ביליג רויהע שטאָפען, אז די ענג־לישע אינדוסטריע קאָן געראטעוועט ווערען פונ׳ם גרויסען רוסישען מארקעט.

אָבער דער בלאָף איז דאָך שוין לאנג פארשוואונדען. ביי דער היי-יאָהריגער גרויסער געדעטעניש אין רוסלאנד זיינען די פּרייזען אויף ווייץ אין צפון-קאווקאז די זעלבע ווי אין לאָנדאָן. איצט ווען מיר זאָלען צורעכענען די הוצאות פון עקספּאָרט זעהען מיר, אז די רוסישע ווייץ קאָסט פיל טייערער, ווי די ווייץ, וואָס ענגלאנד ברענגט פון איהרע קאָלאָניעס. נאָך דעם גרויסען טומעל מיט דער היי־יאָהריגער געדעטעניש האָט מען ביז ענדע נאָוועמבער ארויסגעפיהרט פון רוסלאנד בלויז 26 מיליאָן פּוד ווייץ. קאָן דען רוסלאנד טאַקע ראטעווען די ענגלישע אינ־

דוסטריע, אריינפיהרען צו זיך אין לאַנד די טייערע פּראָדוקטען פון דער ענגלישער אינדוסטריע אויפ'ן חשבון פון איהר „גרויסען" עקספּאָרט...

יעדענפאַלס איז דער „קאָמוניזם" פון ענגלישען פּראָלעטאַריאַט זעהר א צווייפעלהאַפטער, ער האָט קיין שום שייכות ניט מיט דער „פּראָלעטאַרישער רעוואָ-לוציע" פון מאָסקווער קאָמאינטערן. דער פּאָליטישער איינפלוס פון די קאָמו-ניסטען איז א נישטיגער. דער קאָנגרעס פון די טרייד-יוניאָנס האָט טאַקע אָנגע-נומען א רעזאָלוציע וועגען א „פּאַראייניגטען פראָנט", אָבער די זעלבע ארבייטער האָבען אויפ'ן קאָנגרעס פון דער ארבייטער-פּארטיי אין ליווערפּול מיט א גרויסער מערהייט באַשלאָסען צו באַזייטיגען די קאָמוניסטען פון די אָרגאַניזאַציעס פון דער ארבייטער-פּארטיי.

צולעצט א פּאָר ווערטער וועגען אמעריקא. די אמעריקאַנער קאָמוניסטען האָבען זעהר וועניג מיטגלידער, דערפאַר א סך צייטונגען. א טומעל קאָנען זיי מאַכען א גרויסען, אָבער קיין ממשות האָט עס ניט. זיי האָבען ניט קיין וואָרצלען אין דער אמעריקאַנער ארבייטער-באַוועגונג.

כמעט א העלפט פון דער קאָמוניסטישער פּארטיי אין אמעריקע באַשטעהט פון די פינלענדישע עמיגראַנטען — 6,803.

אין אפּריל, 1923, האָט די וואָירקערס פּארטיי באַריכטעט אז זי האָט 20,000 מיטגלידער. דאָס איז אונגעפעהר א העלפט פון דער צאָהל מיטגלידער וואָס די פאַרשיידענע קאָמוניסטישע אָרגאַניזאַציעס האָבען פאַרמאָגט אין יאָהר 1919. פון דיזע 20,000 געהערען צו די ענגליש-שפּרעכענדע ברענטשעס נאָר 1,500 מיט-גלידער. דער „שיקאַגאָ דיילי וואָרקער" פון 28טען אויגוסט, 1924, האָט באַריכ-טעט, אז אין די ערשטע זעקס מאָנאַטען פון יאָהר 1923 זיינען אריינגעקומען אין דער וואָירקערס פּארטיי דריי טויזענט נייע מיטגלידער און אז אין פאַרלויף פון די ערשטע זעקס מאָנאַטען פון 1924 זיינען אריינגעקומען פינף טויזענט נייע מיט-גלידער.

דער אמעריקאַנער דעלעגאַט צו דעם מיטינג פון דער „פּאַרגרעסערטער עקזע-קוטיווע" פון קאָמוניסטישען אינטערנאַציאָנאַל האָט אין אפּריל, 1925, באַריכטעט, אז די וואָירקערס פּארטיי האָט בלויז 20,000 מיטגלידער, פון וועלכע 2,000 גע-הערען צו די ענגליש-שפּרעכענדע אָרגאַניזאַציעס". דיזער סטייטמענט צייגט, אז אָדער קיין נייע מיטגלידער זיינען אין דער פּארטיי נישט אריינגעקומען זינט 1923, אָדער די אַלטע מיטגלידער פאַרלאָזען פונקט אזוי שנעל די פּארטיי ווי די נייע קומען אריין. אָבער די וויטערדיגע דאַטע צייגט, אז די ווירקליכע צאָהל מיט-גלידער פון דער פּארטיי איז נאָך קלענער. אויף דער נאַציאָנאַלער קאָנווענשאָן פון דער וואָירקערס פּארטי, וואָס איז אָפּגעהאַלטען געוואָרען אין אויגוסט 1925, זיינען אנוועזענד געווען 54 דעלעגאַטען, וועלכע האָבען פאַרטראָטען 16,577 מיט-גלידער. דאָס צייגט, אז פון אפּריל 1925 ביז אויגוסט האָט די קאָמוניסטישע פּארטיי פאַרלאָרען א באַדייטענדע צאָהל מיטגלידער.

אין דער זעלבער צייט פאַרמאָגט די קאָמוניסטישע פּארטיי מיט איהרע קנאַפּע 17,000 מיטגלידער 14 טעגליכע צייטונגען, 8 וועכענטליכע, 7 מאָנאַטליכע.

אזוינע נישטיגע נאציאנאלע גרופען, ווי די איטאליענישע (319), די אונגארישע (359), די פוילישע (245) פארמאגען זייערע אייגענע צייטונגען!

פון וואנען נעמען זיך די מיטלען אויף די צייטונגען, אויף די אומגעהייער גרויסע ארגאניזאציאנעלע אויסגאבען (אין יאהר 1923 140,000 דאלאר), אויב די מיטגלידס-אפצאהלונגען באטרעפען בלויז 40,000 דאלאר, און די צייטונגען זייערע האבען א שטענדיגען דעפיציט? אזוי ארום קומען מיר אין דער מלוכה פון דעם „געניאלען" זינאוויעוו...

דער אמעריקאנער קאמוניסטישער בלאף האלט זיך נאר א דאנק די מאסקווער טשערוואנצעס. די אמעריקאנער סאציאליסטען וועלען אבער סוף כל סוף מאכען אן ענדע מיט דער קאמוניסטישער לעגענדע, ס'וועלען ניט העלפען די טשערוואנצעס, וואס ווערען דעליווערט פון מאסקווע צוליב די הייליגע צילען פון דער „אלוועלטליכער" רעוואלוציע.

דער קאמוניזם הויכט אויס זיין לעצטען אטעם. ער פוילט און צופאלט זיך אין דער גאנצער וועלט. אמת, עס זיינען נאך פאראן פראלעטארישע מאסען, וואס גלויבען אין די צילען און מעטאדען פון קאמוניזם. זייער גלויבען איז בלויז א געוועהר אין די הענט פון די מאסקווער דעספאטען אין דער אינטערנאציאנאלער פאליטיק. דער קאמאינטערן און די קאמוניסטישע פארטייען האבען זיך פאר־וואנדעלט אין דער אגענטור פון דער רויטער ארמיי און פון דעם מיניסטעריום פון אויסערליכע ענינים פון דער באלשעוויסטישער רעגירונג.

צום גליק אבער קאן מען שוין ניט בלאפען מיט דער „סאציאלער רעוואלוציע" אין די פארטגעשריטענע לענדער. אין דייטשלאנד האבען זיך די קאמוניסטישע פוטשען פארענדיגט מיט א מיאוס'ען דורכפאל, די קאמוניסטישע רייהען צופאלען זיך. אויף קיין גרויסען ערפאלג האפט מען שוין ניט...

דערפאר אבער האבען זיך די קאמוניסטען אין יאהר 1925 גענומען פאר די קלענערע לענדער. דער קאמוניסטישער פוטש אין עסטאניע האט אומגעבראכט הונדערטער ארבייטער, די קאמוניסטישע אוואנטיורע אין בולגאריע האט אומ־גליקליך געמאכט טויזענטער מענשען. קיין „סאציאלע רעוואלוציע" האט מען ניט געמאכט, דערפאר אבער האט מען פריי געמאכט דעם וועג פאר דער סאמער פינ־סטערער רעאקציע...

שפעטער האבען די קאמוניסטען אריבערגעטראגען זייער טעטיגקייט אין די מזרח-לענדער. דער פיהרער פון די האלב-ווילדע ריפיאנער, אבד-על-קרים, זאל ווערען דער טרעגער פון קאמוניזם. די מלחמה אין מאראקא װאלט זיך שוין לאנג פארענדיגט, ווען ניט די מאכינאציעס פון די מאסקווער און פאריזער קאמוניסטען.

אין כינע האט דער קאמאינטערן אויך אריינגעשטעלט א פוס. דא קומט פאר א בורזשואזע נאציאנאליסטישע באוועגונג מיט אן אויסגעשפראכענער רעאק־ציאנערער טענדענץ, פול מיט האס און שנאה צו די אויסלענדער. דער קאמף פון כינע פאר איהר פאליטישער און עקאנאמישער זעלבסטשטענדיגקייט איז טאקע א גערעכטער. אבער די מאסקווער קאמוניסטען מיינען בלויז זייערע ביזנעס, די זעלבע אימפעריאליסטישע פאליטיק פון דער געוועזענער צארישער רעגירונג בא־פארבט מיט קאמוניסטישע פראזען. אבער וואו נאר זיי מישען זיך אריין וועט שוין קיין גוטס ניט ארויסקומען. זיי האבען פיל שאדען געבראכט די כינעזישע

פֿאָלקס־מאַסען, האָבען ארויסגערופען אַ בירגער־קריג כדי אָפּצורעכענען זיך מיט ענגלאַנד.

מיט פאַרבענקטע בליקען קוקט דער קאָמוניזם אויפ'ן ווייטען מזרח. טאָמער וועט פון דאָרטען קומען די הילף. מ'שטרענגט זיך אָן מיט אַלע כחות, מ'בלאָזט פאַנאַנדער דעם פייער. מעגליך, אַז זיי וועט געלינגען צו צובלאָזען די וועלט־שׂרפה. אָבער אין דעם פלאַם־פייער וועט פאַרברענט ווערען די סאָוועטישע מאַכט אָן צוזאַמען מיט איהר אַלע איהרע קאָמוניסטישע אַגענטורען. געבאָרען אין פייער פון דער מלחמה, וועט דער קאָמוניזם פון מלחמה אומקומען.

דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליזם דאַרף אָננעמען אַלע געהעריגע מיטלען געגען דער געפאַהר. מ'דאַרף איינצאַמען דעם כח, וואָס טרייבט צו דעם אומ־זיניגען זעלבסטמאָרד, צו דער פאַרניכטונג פון דער מענשליכער ציוויליזאַציע און קולטור. וואָס שנעלער דער קאָמוניזם וועט פאַרשווינדען אין די לענדער פון אייראָפּאַ און אַמעריקאַ, אַלץ קלענער ווערט די געפאַהר, וואָס טראָגט זיך פון ווייטען מזרח. צוזאַמען מיט דער געפאַהר פון אַ נייער מלחמה וועט פאַרשוואונדען ווערען יעדער שפור פון קאָמוניזם. די מלחמה האָט איהם געבאָרען, דער שלום וועט איהם טויטען.

ווען אפילו די באָלשעוויקעס זאָלען זיך ציטוויליג פאַרפעסטיגען אין אַזיע, וועלען זיי אָבער סוף כל סוף ליידען אַ מיאוס'ע מפּלה. אַ ביישפּיל קאָנען מיר נעמען פון טערקיי. די דאָרטיגע נאַציאָנאַלע באַוועגונג געגען די פרעמדע אונטערדריקער האָט זיך פון אָנהויב געשטיצט אויף מאָסקווע. קעמאַל־פּאַשאַ איז אויך געוועזען אַ . . . „קאָמוניסט". נאָכדעם אָבער ווי די טערקישע נאַציאָנאַליסטען האָבען געזיגט האָבען זיי ביי זיך אינדערהיים גענומען אויסברענען דעם קאָמוניזם מיט פייער. פון דער פריהערדיגער ליבע צווישען מאָסקווע און אַנגאָראַ איז קיין סימן ניט געבליבען. דאָס זעלבע וועט אויך פאָרקומען אין כינע.

נאָך די מיאוס'ע מפּלות אין אייראָפּאַ און אין אַמעריקע וועט דער קאָמוניזם האָבען אַ „טערקישע" מפּלה אויך אין אַזיע. אפשר וועט זיך דער „קאָמוניזם" שפּעטער אריבערכאַפּען אין דער ווייטער אַפריקע. אפשר וועט ער זוכען פאַר זיך אַ מקום מנוחה אין די סאַמע פינסטערע ווינקעלאַך פון דער וועלט. מעגליך. אָבער די צוקינפטיגע „סאָציאַלע רעוואָלוציע" צווישען די האָטענטאָטען און זולוסען איז אַזוי קאָמפּליצירט און אייגענאַרטיג, אַז מיר קאָנען וועגען דעם גאָרנישט זאָגען און מוזען זיך דאָ אָפּשטעלען.

די אַרמייען פון די גרויסע מלוכות אין יאָהר 1925

די אַרמייען פון די אייראָפּעאישע גרעסערע מלוכות זיינען איצט קלענער איידער זיי זיינען געווען אין 1913.

די פּראָפּאָרציע פון די פאַרשידענע אַרמייען צו דער גאַנצער איצטיגער מיליטערישער מאַכט פון אייראָפּא איז: פראַנקרייך — 24 פּראָצענט, רוסלאַנד — 21, ענגלאַנד — 19, פּוילען — 9, איטאַליע — 8, יאַפּאַן — 8, און שפּאַניע — 7. די אומנאָרמאַל גרויסע שפּאַנישע אַרמיי ערקלערט זיך מיט דעם, וואָס דער קריג אין מאַראָקא האָט זיך אַזוי לאַנג געצויגען.

כדי צו פאַרגלייכען די מיליטערישע מאַכט פון די פאַרשידענע מלוכות, דאַרף מען געדענקען, אַז לויט די וואַשינגטאָנער אָפּמאַכען, זיינען די פלאָטען פון די גרויסמאַכטען איינגעשטעלט געוואָרען אין אַזאַ מין פּראָפּאָרציאָנעלער פאַרהעלטניש: ענגלאַנד — 5, פאַראייניגטע שטאַטען — 5, יאַפּאַן — 3, איטאַליע — 1.75, און פראַנקרייך — 1.75. פאַר דער מלחמה איז די פאַרהעלטניש פון מיליטערישע כחות געווען אַזאַ: רוסלאַנד — 28 פּראָצענט, פראַנקרייך — 20, דייטשלאַנד — 19, עסטרייך-אונגאַרן — 10, ענגלאַנד — 10, איטאַליע — 6, און יאַפּאַן — 6.

לויט די גאַר לעצטע און זיכערסטע ידיעות, ווערען געגעבען די פאָלגענדע צאָהלען פון סאָלדאַטען, וואָס שטעהען אונטער'ן ביקס, ניט רעכענענדיג די אָפיצערען און די רעזערוועז:

	1913	1925
אייראָפּא (חוץ קאָלאָניאַלע אַרמייען)	4,160,000	2,623,000
אפריקא (חוץ עגיפּטען, אביסיניע, לעמיע)	200,000	350,000
נאָרט אַמעריקא (חוץ מעקסיקא)	100,000	127,000
זיד אַמעריקא	125,000	136,000
אַזיע (חוץ כינע, טערקיי, סיאם און פּערסיע)	534,000	494,000
די קאָלאָניאַלע אַרמייען פון די אייראָפּעאישע מלוכות	513,000	662,000
צוזאַמען די אייראָפּעאישע אַרמייען, איינשליסענדיג די קאָלאָניעס	4,679,000	3,285,000
איצטיגע אַרמייען פון גרויסמאַכטען, איינשליסענדיג די קאָלאָניעס		
דייטשלאַנד	815,000	95,000
רוסלאַנד	1,200,000	562,000
פראַנקרייך	837,000	641,000
ענגלאַנד	422,000	424,000
איטאַליע	275,000	230,000
יאַפּאַן	254,000	216,000
פאַראייניגטע שטאַטען	94,000	124,000

עסטרייך-אונגאַרן האָט פאַר דער מלחמה געהאַט אַן אַרמיי פון 450,000. די איצטיגע אַרמייען פון דעם קליינעם אַנטאַנט און פּוילען צוזאַמען זיינען 598,000. צוגעבענדיג אָט די ציפערען, באַקומען מיר אַ סך הכל פאַר אייראָפּא: אין 1913 — 4,383,000, און אין 1925 — 2,890,000.

דערביי איז אינטערעסאַנט, אַז אַ גרויסער טייל פון די אַרמייען פון פראַנקרייך און ענגלאַנד זיינען קאָלאָניאַלע. די פראַנצויזישע היימישע אַרמיי, למשל, איז 404,000, און איהר קאָלאָניאַלע אַרמיי איז 237,000. די בריטישע היימישע אַרמיי צעהלט 142,000, און די אַרמייען אין איהרע אַלע קאָלאָניעס צעהלען 282,000 סאָלדאַטען.

פון 1922 האָט ענגלאַנד פאַרקלענערט איהר היימישע אַרמיי פון 214,000 ביז 142,000, דערפאַר אָבער האָט זי פאַרגרעסערט איהר קאָלאָניאַלע אַרמיי פון 201,000 ביז 282,000.

פראַנקרייך האָט פון 1922 פאַרקלענערט איהר היימישע אַרמיי פון 465,000 ביז 404,000, דערפאַר אָבער האָט זי איהר קאָלאָניאַלע אַרמיי פאַרגרעסערט פון 190,000 ביז 237,000.

אַכט יאָהר

פון ר. אבראַמאָוויטש

דער פּראָלעטאַריאַט און פּויערים־קלאַס אין דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע.

1

„דאָס ערגסטע, וואָס עס קען זיך טרעפען מיט א פיהרער פון א רעוואָלוציאָנערער פּארטיי, איז, ווען ער איז געצוואונגען אריינצונעמען די מאכט אין זיינע הענט אין א צייט, ווען די באוועגונג (די רעוואָלוציאָנערע — ר. א.) איז נאָך נישט גענוג רייף, כדי זיין קלאַס זאָל קענען הערשען... ער וועט זיין געצוואונגען צו פארטרעטען נישט זיין אייגענע פּארטיי, נישט זיין אייגענעם קלאַס, נאָר יענעם קלאַס, פאר וועמעס הערשאפט די רעוואָלוציע איז שוין יאָ רייף געווארען. ער וועט מוזען דעריבער צוליב די אינטערעסען פון דער באוועגונג פארטיידיגען די אינטערעסען פון אָט דעם פ ר ע מ ד ע ן קלאַס, און זיין אייגענעם קלאַס וועט ער מוזען אָפּ׳פּטר׳ן מיט פראזען, צוזאָגען און פארזיכערונגען, אז די אינטערעסען פון דעם פרעמדען קלאַס זיינען זיינע אייגענע אינטערעסען. ווער עס איז אריינגעקומען אָט אין די פאַלשע לאַגע, יענער איז אינגאנצען פארלאָרען“...

אזוי שרייבט פ ר י ד ר י ך ע נ ג ע ל ס אין זיין בארימטער הקדמה צו דער געשיכטע פון די פויערישע רעוואָלוציעס אין דייטשלאַנד. עס איז קיין שום צווייפעל נישטאָ, אז אָט די טיפע אונטערזוכונג איז גילטיג נישט נאָר פאר די פארגאַנגענע צייטען, נאָר אויך פאר דער היינטיגער צייט; און ניט פאר די רעוואָלוציעס פון בורזשואזע קלאסען, נאָר אויך פאר דער רעוואָלוציאָנערער באוועגונג פונ׳ם ארבייטער־קלאַס. און ווער עס האָט אין דעם געצווייפעלט, יענער זאָל פּרואווען פון ענגעלס׳עס שטאַנדפּונקט צוקוקען זיך צו דער ענטוויקלונג פון דער באָלשעוויסטישער רעוואלוציע פאר די 8 יאהר פון 1917 אָן ביז צום היינטיגען טאָג.

מען קען זיך באַציהען ווי מען וויל, צו דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע פון אָקטאָבער 1917, אָבער איין זאך איז קלאָר פאר אַלעמען: אז איהר געשיכטע איז א מסור השכיל פאר יעדער צוקונפטיגער פּראָלעטארישער רעוואָלוציע; דורות און דורות וועלען זיך מוזען לערנען, ווי אזוי א רעוואָלוציע דארף נ י ש ט געמאכט ווערען, און ווי אזוי א ריכטיגע פּראָלעטארישע טאַקטיק וואָלט יאָ געמוזט אויסזעהן.

איך וויל זיך דאָ נישט אַמפּערען מיט יענעם שטאַנדפּונקט, אויף וועלכען עס שטעהען געוויסע סאָציאַליסטען, וואָס לייקענען פאָלשטענדיג יעדען פּראָלעטאריש־

סאציאליסטישען עלעמענט אין דער באלשעוויסטישער באוועגונג פונ׳ם 1917טען יאהר און באטראכטען איהר אינגאנצען, אלס א קאנטער־רעוואלוציאנערע באוועגונג פונ׳ם ערשטען טאג אן. דאס וואלט מיך פארפיהרט צו ווייט, און ניט דאס בין איך אויסען אין מיין היינטיגען ארטיקעל. ווער עס האט אליין דורכגעמאכט די רעוואלוציע פון 1917טען יאהר און האט געהאט די מעגליכקייט אביעקטיוו צוצוקוקען זיך צו דעם צושטאנד פון דעם ארבייטער־קלאס פון יענער צייט, יענער וועט מוזען צוגעבען, אז די טיילען פונ׳ם ארבייטער־קלאס וואס זיינען אין יענער צייט געגאנגען מיט די באלשעוויקעס, זיינען געווען באגייסטערט מיט רעוואלוציאנער־פראלעטארישען מאקסימאליזם און אוטאפיזם, וועמעס טרעגער עס איז אין יענער צייט געווען דער רוסישער באלשעוויזם. און אויב מען זאל וועלען, אויסקריסטאליזירען וואס אזוינס האט געצויגען צום באלשעוויזם גרויסע מאסען פון ארבייטער (איך רייד דא נישט וועגען פויערים, דעמאביליזירטע סאלדאטען, און אנדערע צופעליגע אפשפליטערונגען פון פרעמדע קלאסען, אדער דעקלאסירטע עלעמענטען), וועלען מיר נישט קענען געפינען קיין שום אנדערע דערקלערונג, און קיין שום אנדערע סיבה, ווי רעוואלוציאנערער מאקסימאליזם, וואס האט געוואלט תיכף ומיד, נישט רעכענענדיג זיך מיט קיינע שום שטערנישען, דורכפיהרען א פולשטענדיגע און קאנסעקווענטע סאציאליסטישע איבערקערעניש.

אין יענע רעוואלוציעס, אפילו אין די פויערשע רעוואלוציעס פון 16טען יאהרהונדערט, האבען זיך שטענדיג געפונען אזעלכע עלעמענטען, וואס האבען געשטרעבט צו פארווירקליכען אזעלכע פאליטישע און סאציאלע אידעאלען, וואס זיינען געגאנגען פיל ווייטער, איידער די היסטארישע גרענעצען און מעגליכקייטען פון יענער צייט און פון יענע לענדער. אבער אט די סאציאלע אידעאלען און פלענער זיינען יעמאלט, אפילו אין דער גרויסער פראנצויזישער רעוואלוציע, געווען נישט מעהר ווי די שטרעבונגען און האפנונגען, געוועהנליך זעהר אונקלארע און נעבעלהאפטע, פון קליינע גרופען, וואס האבען נישט געהאט הינטער זיך קיין שום רעאלע מאכט, קיין שום געזעלשאפטליכען קלאס, וואס זאל זיין בכח די דאזיגע פלענער צו פארשטעהן, אנצונעמען און דורכצופיהרען אין לעבען. די טרעגער פון אט די עקסטרעמע אידעאלען, די רעוואלוציאנערע פיהרער און נביאים, פלעגען דעריבער נישט קענען האבען קיין שום דויערנדיגען און פעסטען ערפאלג. אויב זיי פלעגט זיך אפילו אמאל איינגעבען (אין דער צייט פון אן אלגעמיינער צורודערונג זיינען אזעלכע זאכען שטענדיג מעגליך!) צו באגייסטערען און מיטצורייסען מיט זיך געוויסע טיילען פונ׳ם פאלק און צו שטויסען זיי פיל ווייטער, איידער די ברייטע מאסען האבען געקאנט מיטגעהן, פלעגט דאס שטענדיג זיין נאר אויף א קורצע צייט און פלעגט זיך שטענדיגען ענדיגען מיט א בלוטיגער קאטאסטראפע.

אין דער רוסישער רעוואלוציע פון 1905 און 1917 איז צום ערשטען מאל פארגעקומען אזא פאל, ווען אין אן אלגעמיינער רעוואלוציאנערער באוועגונג, וואס האט, לויט איהר היסטארישען זין, געקאנט זיין נישט מעהר, ווי א באשרענקטע בורזשואזע רעוואלוציע, איז ארויסגעטראטען א נייע קראפט, נישט פון

איינצעלנע מענשען אדער קליינע גרופען, נאָר פון א ג א נ צ ע ן ק ל א ס מ י ט מ י ל י אָ נ ע ן מ י ט ג ל י ד ע ר, וואס האָט זיך געשטעלט און האָט זיך געמוזט שטעלען, לויט דער סאָציאַלער לאגע פונ'ם דאָזיגען קלאס, גאַנץ אַנדערע צילען און אידעאַלען, — אזעלכע וואס זיינען געגאנגען ווייט איבער די גרענעצען פון א בורזשואזער קאפיטאַליסטישער אָרדנונג.

דעריבער איז פאר דעם רוסישען ארבייטער קלאס שטענדיג געווען די וויכ־טיגסטע פראגע: ווי אזוי צו באַציהען זיך צו די אַנדערע רעוואָלוציאָנערע קלאַסען אין לאנד?

דעריבער איז אין רוסלאנד די גאנצע יאָהרען פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג געווען זעהר שטארק דער נסיון צו פּרובירען באַטראַכטען די גאַנצע רעוואָלוציע נישט אַלס א בורזשואזע, נאָר אלס א פּראָלעטאַריש־סאָציאַליסטישע. אזעלכע מאַק־סימאַליסטישע שטרעמונגען זיינען ביז צום 1917טען יאהר געווען צו טרעפען אין רוסלאנד נאָר צווישען לינקע סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען אדער אַנארכיסטען, ד. ה. צווישען די אויסגעשפּראָכענע געגנער פונ'ם מאַרקסיזם. מענשען, וואָס האָבען נישט אנערקענט מארקס'עס טעאָריע פון דער קלאַסען־ענטוויקלונג, פאר וועמען דער סאָציאַליזם איז געווען ניט אַ פּראָצעס, נאָר א רעצעפּט, ווי אזוי גליקליך צו מאַכען די מענשהייט; וואָס האָבען באַטראַכט אַלע מארקסיסטישע טעאָריעס וועגען עקאָ־נאָמישער רייפקייט, וואָס פאָדערט זיך פאַר'ן סאָציאַליזם, אלס א „קאָנטר־רעוואָלי־ציאָנערע שפּיצעל פון געלע סאָציאַליסטען", וואָס האָבען זיך „פארקויפט צו דער בורזשואזיע", — אזעלכע מענשען האָבען זיך געקאָנט ערלויבען צו זיין מ א ק־מ א ל י ס ט ע ן. אָבער צווישען דיביידע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע מארקסיסטישע פּאַרטייען, סיי די מענשעוויקעס, סיי די באָלשעוויקעס, — האָט געהערשט א פול־שטענדיגע אייניגקייט אין דעם פּרט; און ביידע פּאַרטייען זיינען געווען פעסט אי־בערצייגט, אז נישט קוקענדיג אויף דעם, וואס אין רוסלאנד זיינען פאראן עטליכע מיליאָן ארבייטער, וואס זיינען פאראינטערעסירט אין א סאָציאַליסטישער איבערקע־רעניש, איז דאָך רוסלאנד מיט איהרע הונדערט מיליאָן פּויערים און א שוואכער אינ־דוסטריע, עקאָנאָמיש און קולטורעל אויף אזוי פיל אָפּגעשטאנען, אז עס קען נאָך קיין רייד נישט זיין וועגען דעם, אז די נעקסטע רעוואָלוציע, וועלכע אלע האָבען ערוואַרטעט, זאָל קענען אָננעמען א ס אָ צ י א ל י ס ט י ש ע ן כאראקטער און פאר־ענדיגען זיך מיט אויפבויען א פּראָלעטאַריש־סאָציאַליסטישע ארדנונג. עס זיינען געווען זעהר שטארקע חילוקי־דעות צווישען די באָלשעוויקעס און די מענשעוויקעס וועגען דעם, ווי אזוי צו פיהרען דעם רעוואָלוציאָנערען קאַמף; ווי אזוי צו באַציהען זיך צו דער רעוואָלוציאָנערער רעגירונג, ווען די רעוואָלוציע וועט זיגען, א. ז. וו. — אָבער איין זאך איז געווען קלאָר פאר אַלעמען: אז די רעוואָלוציע וועט אין תוך זיין א בורזשואזע, א קליינבירגערליך־פּויערשע, און אז זי וועט זיך מוזען ענדיגען מיט אויפשטעלען א דעמאָקראטישע בורזשואזע רעפּובליק, פארשטעהט זיך, ניט צוליב די בורזשואזע פּראָפעסארען, נאָר ווייל דאָס איז געווען נויטיג און ניצליך פאר דעם ארבייטער־קלאָס.

אין דער צייט פון דער שארפסטער שפּאַלטונג צווישען די ביידע פּאַרטייען אין אָנהויב 1905טען יאהר האָט דער צענטראַלער ארגאַן פון די באָלשעוויקעס, פאָדערנ־

דיג אַז די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי זאָל זיך באַטייליגען אין דער רעוואָלוציאָנערער רעגירונג און זאָל זיך סטאַרען אַריינצוכאַפּען די מאַכט אין איהרע הענט — אין דער זעלביגער צייט ערקלערט, אַז אַט די מאַכט דאַרף מען האָבען, כדי דורכצופיהרען אַ... בורזשואַזע רעוואָלוציע.

„טרעט אָפּ אָן אַ זייט, איהר, גענעראַלען און אַריסטאָקראַטען, איהר, פּראָפּעסאָרען און קאַפּיטאַליסטען! דער פּראָלעטאַריאַט געהט אַרויס, כדי אויפצובויען פאַר אייך אייער בורזשואַזע רעפּובליק...״ — אַזוי האָט געשריבען דער צענטראַל־אָרגאַן פון די באָלשעוויקעס „וופּעריאָד״ אין מערץ, 1905.

דער פּראָלעטאַריאַט וועט אויפבויען פאַר דער בורזשואַזיע אַ בורזשואַזע רעפּובליק! אַט דאָס איז געווען דאָס פּראָגראַם פון די באָלשעוויקעס. זיי האָבען דאָס געוואָלט טאָן, פאַרשטעהט זיך, ניט כדי צו טאָן אַ טובה דער בורזשואַזיע, נאָר ווען עס וועט קומען די צייט, זאָל מען פון דער בורזשואַזער רעפּובליק קענען לייכטער אַריבערגעהן צום סאָציאַליזם. אָבער דאָס איז שוין געווען אַ שפּעטערדיגע פראַגע, אַ פראַגע פון אַ צווייטער רעוואָלוציע, וואָס וועט קומען מיט אַ צייט שפּעטער. די נעקסטע רעוואָלוציע, די, צו וועלכע מען האָט זיך געגרייט, האָט געזאָלט, הייסט דאָס, לויט דער מיינונג פון די באָלשעוויקעס, זיין אַ בורזשואַזע, ניט קיין סאָציאַליסטישע.

דער פאַקט, וואָס אין רוסלאַנד איז דאָ אַן אַרבייטער קלאַס, איז, לויט זייער מיינונג, הייסט דאָס, נאָך נישט קיין גענוגענדער באַווייז, אַז די רעוואָלוציע וועט קענען זיין אַ פּראָלעטאַרישע.

נאָך אין 1915טען יאהר זיינען די באָלשעוויקעס געשטאַנען אויף דעם מאַרקסיסטישען שטאַנדפּונקט, און לענין האָט געשריבען, אַז דער, וואָס רעדט וועגען אַ סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד, באַגעהט דעם גרעסטען פאַרברעכען בנוגע צו דעם רוסישען אַרבייטער־קלאַס. ערשט אין 1917טען יאָהר, ווען רוסלאַנד איז געוואָרען אויף אַזויפיל אויפגערודערט, און אין איהר זיינען דורך דער מלחמה און דעם אַלגעמיינעם כאַאָס באַשאַפען געוואָרען אַזעלכע באַדינגונגען און שטימונגען, אַז פילע סאָציאַליסטען האָבען פאַרלאָרען יעדע פאָרשטעלונג וועגען די רעאַלע גרענעצען און מעגליכקייטען; ערשט דאַן, ווען די מלחמה און די אַלגעמיינע צורודערונג האָט אויך אין גאַנץ אייראָפּא באַשאַפען אַ פולשטענדיגע אונזיכערקייט פון דער פּאָליטישער לאַגע און פון די פּאָליטישע מעגליכקייטען, — ערשט דאַן איז באַשאַפען געוואָרען ביי די רוסישע באָלשעוויקעס די טעאָריע וועגען אַ תיכּף׳דיגער סאָציאַליסטישער איבערקערעניש אין רוסלאַנד, וואָס וועט זיך שטיצען אויף אַ סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע אין דער גאַנצער וועלט. די אידעע פון אַ וועלט־רעוואָלוציע איז געווען יענער טעאָרעטישער בריק, וואָס האָט געזאָלט אַריבערפיהרען די באָלשעוויסטישע טעאָריעס איבער דעם תהום פון ווידערשפּרוכען, אויף וועלכע זי האָט נישט געקאָנט פאַרמאַכען די אויגען. און די צופעליגע מאַכט, וועלכע די באָלשעוויקעס האָבען אַריינבאַקומען אין זייערע הענט צוליב דער באַזונדערער לאַגע פון דער צושלאָגענער רוסישער אַרמיי, איז געווען יענער פּראַקטישער נסיון, וואָס האָט זיך אַרויסגעוויזען פיל שטאַרקער איידער אַלע טעאָרעטישע באַטראַכטונגען. אין דעם מאָמענט, ווען די באָלשעוויקעס האָבען

דערפילט די מלוכה־מאַכט אין זייערע הענט, האָבען זיי נישט געפונען אין זיך די מאָראַלישע מאַכט צו באַשרענקען זייער אויפגאַבע מיט „בויען א בורזשואזע רעפּוב־ליק פאַר די בורזשואזע גענעראַלען, פאַבריקאַנטען און פּראָפעסאָרען", ווי זיי האָבען דאָס אמאָל אויסגעדריקט. זיי האָבען באַשלאָסען, נישט רעכענענדיג זיך מיט קיינע פּרינציפּיעלע און טעאָרעטישע רעיות, צו פּרובירען ג ע ה ן ו ו י י ט ע ר: אפשר וועט זיך איינגעבען! וואָר ווייס? ! דער נסיון פון מאַכט האָט זיך אַרויסגעוויזען, ווי שטענדיג, שטאַרקער, איידער דער טעאָרעטישער פאַרשטאַנד און טעאָרעטישער געוויסען. עס איז דאָך שוין אַן אַלטע באַוואוסטע זאַך: דער פאַר־שטאַנד איז א שקלאַף פון דעם ווילען, און ער איז שטענדיג גרייט אַרויסצוגעפינען די משונה'דיגסטע טעאָריעס און רעיות, כדי צו באַרעכטיגען אַזעלכע האַנדלונגען, וועלכע עס ו ו י ל ט זיך טאָן.

יענער טייל פונ'ם אַרבייטער קלאַס און פון דער סאָציאַליסטישער אינטעלי־גענץ, וואָס איז געגאַנגען מיט די באָלשעוויקעס, האָט איבערגענומען די אויפגאַבע צו טרייבען די רוסישע רעוואָלוציע א י ב ע ר די גרענעצען פון א בורזשואזער; צו פיהרען איהר ווייטער, איידער דאָס האָבען געפאָדערט די אינטערעסען פון דעם קליינבירגערליכען פּויערים־קלאַס; צו פאַרוואַנדלען איהר אין א סאָציאַליסטישע. מ'ט דעם האָבען זיי זיך געשטעלט אין דער זעלביגער לאַגע, ווי יענע עקסטרעמע פאַר־טייען, אין די פריהערדיגע רעוואָלוציעס, וועגען וועלכע ענגעלס האָט גערעדט אין זיין ציטירטער הקדמה.

אָבער די באָלשעוויקעס האָבען געהאַט די פאַרענטפערונג, אז די צייטען זיינען איצט גאַנץ אַנדערע ווי יעמאָלט; אז זיי שטיצען זיך איצט אויף א ק ל א ס, אויפ'ן פּראָלעטאַריאַט, וועלכער איז אין די פריהערדיגע רעוואָלוציעס נישט געווען; אז זיי האָבען צו אַרבייטען אין א גאַנץ אַנדערער אינטערנאַציאָנאַלער סביבה, אין דער דערבאַרער און שרעקליכער קלאָרקייט און שאַרפקייט באַוויזען, ווי אַזוי ענגעלס נבואה איז מקוים געוואָרען בנוגע אויך צו די רוסישע באָלשעוויקעס.

2

רעכענענדיג, אז מען פיהרט דורך דעם פּראָגראַם פון דעם אייגענעם קלאַס, פאַר־ווירקליכט מען אין דער אמת'ן דעם פּראָגראַם פון א צווייטען קלאַס, פון א פרעמ־דען קלאַס, — פון יענעם, וועמעס צייט עס איז געקומען צו הערשען, נישט פון דעם אייגענעם, — זאָגט ענגעלס. שוין דער ערשטער שריט, וואָס די באָלשעוויקעס האָ־בען געמאַכט אין זייער רעוואָלוציע, איז געווען א גלענצענדער באַווייז פאַר ענ־געלס'עס ווערטער. איך מיין דאָ די אַגראַרע רעוואָלוציע און די אַגראַרע געזעצען פון די ערשטע פאָלקס־קאָמיסאַרען אין נאָוועמבער, 1917. לענין האָט זיך שפּעטער עט־ליכע מאָל באַריהמט מיט דעם, ווי קונציג ער האָט אָפּגענאַרט די סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען דורך דעם, וואָס ער האָט גענומען און דורכגעפיהרט זייער אייגענע צייט פון אַן א ל ג ע מ י י ן־איירָאָפּעאישער ס אָ צ י א ל ע ר פּראָלעטאַרישער טער פונ'ם רעוואָלוציאָנערען קליינבירגערליכען פּויערים־קלאַס. זייער פּראָגראַם אין פּראָגראַם. די סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען זיינען געווען די בולט'סטע פאַרטרע־ר ע וו אָ ל ו צ י ע. א ט י י ל אמת איז אין דעם געווים געווען. אָבער ניט קוקענדיג אויף דעם, האָבען די 8 יאָהר פון דער באָלשעוויסטישער הערשאַפט מיט א וואונ־

דער אגראר־פראגע האט אם בעסטען אויסגעדריקט די ראמאנטישע און אוטאפיס־טישע (כלומר'שט־סאציאליסטישע) האפנונגען און שטרעבונגען פון די רוסישע רע־וואלוציאנערע פויערים אין דער ערד־פראגע. די מארקסיסטען און אויך לענין בתוכם האבען געהאט די שטארקסטע ארגומענטען געגען דעם פראגראם פון די סאציאליס־טען־רעוואלוציאנערען. זיי האבען געהאט ספקות, און זיינען געווען זעהר קריטיש בנוגע צו די פלענער וועגען דער „סאציאליזאציע פון דער ערד" און א. וו. זיי האבען אויסגעצייכענט פארשטאנען, אז די פשוט'ע צוטיילונג פון דער ערד צווישען די פויערים (און די גאנצע „סאציאליזאציע" איז דאך אין דער ווירקליכקייט געווען נישט מעהר, ווי אזא מין צוטיילונג פון דער פריצישער ערד) איז געווען גאר נישט גינציג פאר דער צוקינפטיגער עקאנאמישער ענטוויקלונג פון רוסלאנד. אבער זיי האבען געמוזט דורכפיהרען נישט זייערע אייגענע ריכטיגע און ניכטערע מארק־סיסטישע סאציאל־דעמאקראטישע פראגראמען אין דער אגראר־פראגע, נאר די אונקלארע און ראמאנטישע סאציאל־רעוואלוציאנערע. געמוזט, כדי נישט צו־צוקריגען זיך מיט דעם פויער. געמוזט, כדי נישט צו פארלירען די אונטערשטי־צונג פונ'ם פויערים־קלאס. געווען געצוואונגען, כדי איינצוהאלטען די מאכט אין זייע־רע הענט נישט דורכצופיהרען קאנסעקוועטע פראלעטארישע פלענער, נאר פאר־טיידיגען און דורכפיהרען די אינטערעסען און די פלענער פונ'ם פויערים־קלאס.

אמת, דערפאר האבען זיי זיך כלומר'שט דערשלאגען אויך ביי דעם פויער א גרויסען געווינס פאר דעם ארבייטער־קלאס. דער פויער האט נישט געשטערט די ארבייטער צו פארניכטען די שטאדטישע בורזשואזיע — די פאבריקאנטען און די קאפיטאליסטען, — אפצונעמען ביי זיי די פאבריקען, ווארשטאטען און געשעפטען און צו „סאציאליזירען" די גאנצע אינדוסטריע און דעם האנדעל. עס איז געווען א מין צוטיילונג פון דער ארבייט: איהר וועט זיך נישט מישען אין אונזערע פויערשע ענינים און לאזען אונז דורכפיהרען אונזערע פראגראמען אין דארף, און מיר וועלען דערפאר נישט מישען זיך אין אייערע שטאדטישע ענינים און לאזען אייך טאן מיט דער שטאטישער בורזשואזיע וואס איהר ווילט.

אבער אט דער „געווינס" פונ'ם ארבייטער־קלאס איז געווען נאר א שיינ־בארער און א גאנץ צייטווייליגער. דער פויער האט זעהר גיך דערפיהלט, אז די סאציאליזאציע אין שטאדט איז פאר איהם גאר נישט קיין זייטיגע זאך, וואס דארף איהם נישט הארען; ער האט זעהר באלד דערפיהלט, אז צווישען דער לאנדווירט־שאפט און דער אינדוסטריע, צווישען דער שטאדט און דעם דארף באשטעהט א גאנץ ענגע פארבינדונג. ער האט זעהר גיך דערשפירט, אז פאר איהם איז גאר נישט גלייך, ווי אזוי דער האנדעל וועט געפיהרט, און ווי אזוי עס איז ארגאניזירט די פראדוקציאן און דער אויסטויש פון פראדוקטען אין דער גאנצער מלוכה. און ער האט אויפגעהויבען זיין קול און האט געפאדערט, נישט נאר די שטאדט זאל אויפ־הערען אריינצומישען זיך אין זיין בעל־הביתישקייט מיט איהרע דעקרעטען, נאציא־נאליזאציעס און רעקוויזיציעס, נאר אויך אז די שטאדט גופא מיט איר ווירט־שאפט זאל ווערען אויפגעבויט אזוי, ווי פאר איהם, דעם פויער, איז נויטיג. און דאן איז געקומען דער גרויסער קלאפ. ווי קארטען־הייזלאך, האט דער פויערשער שטורם־ווינד צושטערט און צוואוארפען אלע שעהנע פלענער פון די באלשעוויסטישע „סאציאליזאציעס" און „נאציאנאליזאציעס". עס איז געקומען דער „נעפ",

דאָס הייסט, די צווייטע גרויסע נידערלאגע פון דעם פּראָלעטארישען מאַקסימאַליזם, און דער צווייטער נצחון פון דער קליינבירגערליכער פּויערשער סטיכיע.

עס זיינען איצט פאראן געגוג באַלשעוויסטישע שרייבער, וואָס פּרובירען פאַר־צושטעלען די גאנצע ענטוויקלונג פון „מיליטערישען קאָמוניזם" ביז צום נ ע פּ, אלס א מין קאָנסעקווענט אויסגעארבייטען און קלאָר אויסגערעכענטען געניאלען פּלאן, וואָס עס איז דורכגעפיהרט געווארען ווי אויף א שנירעל. זיי לייקענען אינגאנצען, אז דאָס איז געווען א נידערלאגע און א קאטאסטראָפע, אז דאָס איז געווען אַן איבער־ברוך און א צוריקגאנג. אָבער לענין אליין האָט שטארק אויסגעלאכט יענעם מין טעאָרעטיקער, וואָס ווילען אלץ פארגלעטען און פארדעקען, און פעלשען די ווירק־ליכע ענטוויקלונג פון דער געשיכטע.

„עס זיינען דאָ חברים, — זאָגט לענין אין איינעם פון זיינע אַרטיקלען, — וואָס לייקענען אינגאנצען, אז ביים מיליטערישען קאָמוניזם האָבען מיר געמאכט א פעהלער און אז דער „נעפּ" איז א נידערלאגע. אָט די חברים האנדלען אינגאנצען פאַלש. מיר מוזען פארשטעהן און אָפען צוגעבען אונזער פעהלער."

„מען מוז צוגעבען, — שרייבט ער אין אן אנדער אָרט, — („געזאמעלטע שריפטען", 18טער באנד, 2טער טייל, זייט 90), אז דער אונמיטעלבארער איבער־גאנג צו ריין סאָציאליסטישע פאָרמען, צו א ריין סאָציאליסטישער פארטיילונג פון סחורות שטייגט אריבער אונזערע קרעפטען און אז ווען מיר וועלען נישט זיין בכח אָ פּ צ ו ט ר ע ט ע ן צ ו ר י ק און באַשרענקען זיך מיט לייכטערע אויפגאבען, וועלען מיר געהן פארלאָרען".

און נאָך ווייטער זאָגט ער (אין 1טען טייל פון'ם זעלביגען באנד, זייט 380):

„ביי אונזערער נ י ד ר י ג ע ר ק ו ל ט ו ר קענען מיר נישט פארניכטען דעם קאַפּיטאַליזם מיט א דירעקטען אָנפאל. ביי אַן אנדער צושטאנד פון דער קולטור וואָלט מען אפשר קענען געהן מיט א קירצערען וועג... אָבער מיר קענען מיט דעם ק ו ר צ ע ן ו ו ע ג נישט געהן."

ווי אזוי איז דאָס לענין מיט אמאָל דערגאנגען, אז דער „נידעריגער צושטאנד פון אונזער קולטור" ערלויבט אונז נישט איינצופיהרען אין רוסלאנד א דירעקטע סאָ־ציאליסטישע אָרדענונג? נישט־שוין האָט ער, דער עכטער רוס, דער געלערנטער מארקסיסט פון רוסישער עקאָנאָמיק, פריהער נישט געוואוסט, אז דער קולטורעלער צושטאנד פון רוסלאנד און פון'ם רוסישען פאלק איז א גאנץ נידעריגער? און ווער האָט איהם דאָס ארויסגעזאָגט אָט דעם שרעקליכען סוד? ער ענטפערט אויף דעם אליין:

„מיר האָבען זיך אָנגעשטויסען אויף א ש א ר פ ע ן א י נ ע ר ל י כ ע ן פּ אָ ל י ט י ש ע ן ק ר י ז י ס... אָט דער אינערליכער קריזיס האָט באוויזען, אז גרויסע טיילען ניט נאָר פון'ם פּויערים־קלאס, נאָר אויך פון'ם ארבייטער־קלאס זיי־נען מיט אונז נ י ש ט צ ו פ ר י ד ע ן. דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל אין דער געשיכטע פון סאוועט־רוסלאנד, ווען גרויסע מאסען פון'ם פּויערים־קלאס זיינען נישט באוואוסטזיניג, נאָר אינסטינקטיוו, לויט זייער שטימונג, געווען ג ע־ג ע ן א ו נ ז."

אָט די „אינסטינקטיווע שטימונג" האָט זיך אויסגעדריקט נישט נאָר אין הונ־דערטער קליינע און גרויסע אויפשטאנדען פון די פּויערים אין גאנץ רוסלאנד, נישט

נאר אין דעם געפעהרליכען קראנשטאטער אויפשטאנד פון די פויערים-זיהן אנגע-טאנענע אין מאטראזקע קליידער, — נאר נאך פיל מעהר אין דעם אומגעהויערען עקאנאמישען סאבאטאזש, וועלכען דער רוסישער פויערים-קלאס האט אינסטינקטיוו דורכגעפיהרט, פארקלענערענדיג זייער לאנדווירטשאפט, אלס ענטפער אויף די רעקוויזיציעס און נאציאנאליזאציעס פון דער סאציאליסטישער רעגירונג. און דאס האט שיער נישט דערשטיקט דעם גאנצען עקאנא-מישען לעבען אין רוסלאנד.

די סאוועט-רעגירונג האט נאכגעגעבען דעם פויער. דער „נעפ" איז געוועזען א נידערלאגע פון קאמוניזם און א זיג פון דעם פויערים-קלאס. דער הערשענדער פראלעטארישער מאקסימאליזם האט נאך אמאל געמוזט דורכפיהרען נישט זיין אייגענעם ווילען, נאר דעם ווילען פון א צווייטען קלאס. און דאס באשטעטיגט זינאוויעוו אין זיינע אונטערזוכונגען וועגען „לעניניזם" און „נעפ":

„אויב איהר ווילט פארשטעהן — זאגט ער — ווי אזוי דער „נעפ" איז גע-קומען, טראכט זיך אריין אין די פראגע וועגען די באציהונגען צווישען דעם ארבייטער קלאס און דעם פויערים-קלאס."

אבער דער „נעפ" איז נישט געוועזען נאר א קליינע הנחה, א צייטווייליגער נאכ-געבען פון דעם „קלוגען פראלעטאריער" צו דעם „נארישען פויער", ווי איינער זאגט: מילא, זאל מיינע אריבערגעהן, זאל זיך דער פויער שפילען מיט'ן „נעפ", וועמען ארט דאס?

ניין, דער „נעפ" איז געוועזען א היסטארישער איבערברוך אין דער ענטוויקלונג פון דער רוסישער באלשעוויסטישער רעוואלוציע, א קאלאסאלע קאטאסטראפע פון דעם מאקסימאליזם, וועמעס רעזולטאטען עס הויבען זיך אן ריכטיג צו באווייזען ערשט איצט.

לענין און זיינע תלמידים האבען דאס, אייגענטליך, פארשטאנען. אבער זיי האבען דאס אפגעשאצט צו לייכט.

„נעפ" הייסט פרייהייט פון האנדעל און פרייהייט פון האנדעל הייסט פריי-הייט פון קאפיטאליזם," — האט געשריבען לענין גלייך אין אנהויב פון „נעפ" (18טער באנד, 1טער טייל, זייט 331). „דער נעפ באדייט דעם איבערגאנג צום אויפשטעלען פון דאס ניי דעם קאפיטאליזם אין א גרויסער מאס. די פויערים זיינען אן אומגעהוירערער טייל פון דער גאנצער באפעלקערונג און פון דער גאנצער עקאנאמיק, און דעריבער מוז די פרייהייט פון האנדעל ברענגען צו דעם וואקסען פון קאפיטאליזם"...

דאס וואקסען פון קאפיטאליזם באדייט דאס וואקסען פון א נייער בורזשואזיע אין דארף און אין דער שטאדט. אנשטאט א געזעלשאפט אהן קלאסען, ווי דאס פאדערט זיך, לויט דער סאציאליסטישער טעאריע אין דער צייט נאך א סאציאליסטישער רעוואלוציע, האבען מיר מיט מזל באקומען אין רוסלאנד ווידער א געזעלשאפט מיט פארשידענע קלאסען, מיט קלאסען-קאמף, קלאסען-צוטיילונג א. א. וו. לענין און זיינע תלמידים האבען דאס פארשטאנען. אבער זיי האבען גע-האפט, אז די דאזיגע נייע קאפיטאליסטישע ענטוויקלונג וועט זיך באשרענקען הויפט-זעכליך מיט'ן דארף, און וועגען דארף גופא האבען זיי גערעכענט, אז זיי, אלס הערשענדע מאכט, וואס האט אין די הענט נישט נאר די פאליטישע און מיליטערישע

געוואלט, נאָר אויך די פאבריקען און דעם גרויסען האנדעל, וועלען זיין בכח איינ־צוהאמערען אַט די ענטוויקלונג פון דער נייער בורזשואזיע און פון די נייע באַציהונגען אזוי, אז אין דאָרף זאָל זיך נישט אויסארבייטען קיין שארפע צוטיילונג פון קלאסען און אז דער דאָרף וועט בלייבען באשטעהן פון מיטעלע קליינבירגער („סערעדניאַקעס"), אָהן זעהר רייכע און אָהן זעהר אָרימע פויערים. דערלאָזענדיג אין דאָרף בורזשואזע באציהונגען און די עקזיסטענץ פון א דאָרפישער בורזשואזיע, האָבען זיי אין דער זעלבער צייט געהאָפט אזוי צו קאָנטראָלירען די נייע בורזשואזע ענטוויקלונג, אז זי זאָל בלייבען פולשטענדיג אין זייערע הענט און זיי זאָלען האָבען די מעגליכקייט מיט אַ שערל אין האנט אָפּצושערען און אָפּצושניידען די קאַפּיטאַליסטישע גרעזלעך, וואָס וואקסען צו שטארק.

אָבער דער ווירקליכער לעבען האָט אומברוחמנותדיג צושטערט אויך אָט די האָפענונג פון די באָלשעוויקעס. עס זיינען פארגאַנגען אינגאנצען 3־4 יאָהר פון דער נייער עקאָנאָמישער פּאָליטיק, און קאַמענעוו מוז צוגעבען (אין זיין באַריכט אויף דער פּארטיי־פּארזאמלונג אין מאָסקווע), אז 12 פּראָצענט פון אלע פויערישע הייפען (און אינגאנצען האָבען מיר ביי 22 מיליאָן אזעלכע הייפען) ארבייטען אוים מעהר ווי 60 פּראָצענט פון דער גאנצער תבואה, וואס ווערט פארקויפט אין גאנץ רוסלאַנד. 12 פּראצענט פּויערים ארבייטען אוים 60 פּראצענט, און 88 פּראָצענט ארבייטען אוים די איבעריגע 40 פּראצענט. מיט אנדערע ווערטער: א רייכער פּויער ווארפט אַרויס אויפ'ן מארק דורכשניטליך 10 מאָל מעהר איידער דער ארימער. דאָס אַליין באַווייזט שוין א גאנץ שטארקע דיפערענצירונג פון דער פויערשער מאסע, וואָס איז נאָך מיט 5 יאָהר צוריק, אין אָנהויב פון „נעפּ", געווען כמעט פולשטענדיג ניוועלירט, און איז באשטאנען אין דער הויפּט־מאסע פון גלייך־אָרימע און גלייך־רייכע פויערים, רואינירטע דורך דעם „מיליטערישען קאָמוניזם".

אָבער אין דער אמת'ן איז די קלאסען־דיפערענצירונג אין דאָרף נאָך פיל שטארקער, איידער עס קומט ארוים פון אָט די דורכשניטליכע ציפערען. קאמענעיעוו אליין גיט אָן, אז צווישען די 88 פראצענט אָרימערע פויערים איז כמעט א העלפט (40 פּראצענט פון דער אלגעמיינער צאָל) אינגאנצען אָרים, נישט האָבענדיג אפילו קיין פערד אויף צו פיהרען די בעלי־הבית'שקייט. פארקערט, צווישען די 12 פּראצענט רייכערע זיינען פאראַן, לויט קאמעניעוו'ס רעכענונג, 4 מיט א צעהנטעל פּראצענט גאָר רייכע, וואס ברענגען ארוים אויפ'ן מארק 30 פּראצענט פון דער גאנצער תבואה. דאָס הייסט, אז גאָר דער רייכער פויער איז עטליכע צעהנדליג מאָל רייכער (בנוגע צו תבואה) איידער דער גאָר אָרימער. וואו דער ארבייט אוים 10 אדער 20 פּור, ארבייט יענער אוים עטליכע הונדערט.

די סאָוועט רעגירונג זעהט דאָס. די באָלשעוויקעס גיבען דאָס אַליין צו אין שרייבען וועגען דעם אין זייערע ביכער און ארטיקלען. דער פּלאַן איינצוהאלטען די קאַפּיטאליסטישע ענטוויקלונג אין דאָרף (איך רייד שוין דאָ נישט וועגען דער שטאָדט) אין געוויסע, גאַנץ שמאָלע גרענעצען, אזוי, אז דאָס דאָרף זאָל בלייבען ניוועלירט, האָט זיך נישט איינגעגעבען. נאָך מעהר, די באָלשעוויקעס אליין, אלס רעגירונג, וואס וויל אויפהייבען דעם אלגעמיינעם עקאָנאָמישען מצב פונ'ם לאַנד, זיינען פאראינטערעסירט אין דעם, אז אָט די ניוועלירונג זאָל זיך נישט איינגעבען.

ריקאָוו און בוכאַרין האָבען אין זייערע באַרימטע ארטיקלען, וועלכע מיר איז שוין אויסגעקומען צו דערמאָנען אין מיינע „פאָרווערטס"־ארטיקלען, אָפען צוגעגעבען, אז דער עקאָנאָמישער פראגרעס פון דאָרף קען נישט פאָרקומען אזוי, אז אלע 22 מיליאָן פויערשע הייפען זאָלען זיך אויפהייבען אין דער זעלבער מאָס, גאנץ גלייכגילטיק, איינער, ווי דער אנדערער. עס איז אונפארמיידליך, — זאָגען זיי, — אז געוויסע טיילען פונ'ם פויערים־קלאס זאָלען זיך אראָפלאָזען טיפער, דאָס הייסט, ווערען פאראָרימט און פראָלעטאַריזירט, און אנדערע, ווידער, זאלען זיך אויפהייבען אין דער הויך, ווערען רייכער, און פארוואנדלען זיך אין „קולאקעס" (בורזשואזיע). און בוכאַרין, וואָס האָט האַלט שארפע ווערטלעך, האָט זאָגאר קאָקעטירט מיט דעם, אז די סאָוועט־רעגירונג מוז זיך אין איהר עקאָנאָמישער פאָליטיק אָריענטירען אויפ'ן „קולאק"! ווילען די באָלשעוויקעס איינהאַלטען די פאָליטישע מאכט אין זייערע הענט, ווילען זיי באקומען שטייערען, פארבעסערען די פינאַנצען, א. אַ. וו., מוזען זיי זאָרגען דערפאר, אז די עקאָנאָמישע ענטוויקלונג זאָל געהן ווייטער און ווייטער, מוזען זיי זאָרגען דערפאר, אז דער פויער, וואס „מאַכט אויס א גוואלטיגען טייל פון דער רוסישער עקאָנאָמיק", אויף וועלכען עס ווערט אויפגעבויט דערוויילע די גאנצע ווירטשאפט פונ'ם לאנד, זאָל ווערען רייכער און שטאַרקער. און דערצו מוז מען איהם ערלויבען צו ענטוויקלען זיך קאפיטאליסטיש, אויסצוטיילען פון זיך אלץ א שטאַרקערען און שטאַרקערען בורזשואזען קלאָס, וואס האָט דאָס רעכט צו רענטען מעהר ערד, צו דינגען ארבייטער, א. אַ. וו. און די ווירקונג פון פויער ווארפט זיך אַריבער אויך אין שטאָדט. די קאַפיטאליסטישע ענטוויקלונג אינ'ם דאָרף, וואו 22 מיליאָן פויערשע הייפען פיהרען א בורזשואזע ווירטשאַפטליכע בעלי־הבית'שקייט, באשאפט דורך דעם אויסטויש צווישען דאָרף און שטאָדט, סטיכיש און אונפארמיידליך, מיט דעם אימפעט פון א נאַטור־פראצעס, א קאַפיטאליסטישע ענטוויקלונג אויך אין דער שטאָדט. די באָלשעוויקעס זעהען דאָס און פארשטעהען די געפאהרען, אָבער זיי קענען נישט אָפשטעלען אָט דעם פראצעס. זיי זיינען געצוואונגען צו פיהרען די פאָליטיק, וואָס עס פאָדערט פון זיי דער פויערים־קלאַס. — יענער קלאַס, אין וועמעס ווירקליכען אינטערעס עס איז געמאכט געווארען די רוסישע רעוואלוציע.

אָבער דורכפיהרענדיג דעם ווילען פון דעם פרעמדען קלאס „פטר'ן זיי אָפּ דעם אייגענעם קלאס מיט פראזען, מיט ערקלעהרונגען און פארזיכערונגען, אז דאָ ווערען פארווירקליכט זיינע אינטערעסען". דורכפיהרענדיג דעם פראָגראם פון א קליינבירגערליכער, בורזשואזער, פויערישער רעוואלוציע, טרייסטען די באָלשעוויקעס דעם ארבייטער קלאס, אין וועמעס נאָמען עס איז געמאכט געווארען די סאָציאליסטישע רעוואלוציע, מיט דעם, אז דאָ ווערט דורכגעפיהרט זיין פראגראם!

3

אין וואָס באַשטעהט דער טרייסט? אויף וואס האָפען די פיהרער פון די באָלשעוויקעס, ווען זיי ערקלעהרען דעם ארבייטער־קלאס, אז די גאנצע ענטוויקלונג, וואס קומט פאָר אין רוסלאנד, איז, נישט קוקענדיג אויף אלץ, אן ענטוויקלונג נישט פון קאפיטאליזם, נאָר פון סאָציאליזם?

אין די פריהערדיגע יאהרען, ווען מען האָט געשטעלט אזעלכע פראגען, איז דער ענטפער געווען שטענדיג: די וועלט רעוואָלוציע! זאָל זיין, אז אין רוסלאַנד איז שלעכט, זאָל זיין, אז רוסלאַנד איז א קליינבירגערליך פויערים־לאַנד; זאָל זיין, אז רוסלאַנד, אלס אן איינצעלנע לאַנד, קען טאקע ביי זיך נישט דורכפיהרען קיין סאָציאַליסטישע אָרדענונג. אָבער די וועלט רעוואָלוציע! א נאַציאָנאַלע סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע, ד. ה. אין רוסלאַנד אַליין, קען טאקע נישט דורכגעפיהרט ווערען, אָבער אלס א טייל פון דער גרויסער וועלט רעוואָלוציע, וואס מוז יעדען מאָמענט קומען, וואס האָט זיך שוין אנגעהויבען, קען די סאָציאַלע איבערקערעניש אין רוסלאַנד זעהר גוט פאַרווירקליכט ווערען.

אָט די מיינונג איז געווען אויף אזוי פיל פעסט איינגעוואָרצעלט, אז טראָצקי האָט זאָגאר אָפען ערקלערט, אז ווען די וועלט רעוואָלוציע זאָל נישט קומען (עס פאַרשטעהט זיך, אז ער האָט דאָס געהאַלטען פאַר אונמעגליך!) וועט טאקע די רוסישע סאָציאַלע רעוואָלוציע מוזען פאַרלאָרען געהן.

אָבער וואס מעהר די וועלט רעוואָלוציע „פאַרשפּעטיגט זיך", וואס וועניגער די באָלשעוויקעס קענען אויף איהר האָפען, אַלץ מעהר און מעהר ווערען באַשאַפען נייע טעאָריעס, וואס באַווייזען שווארץ אויף ווייס, אז אין רוסלאַנד קען זיך איינהאַלטען די איצטיגע האַלב־סאָציאַליסטישע אָרדענונג און זאָגאר פאַרוואַנדעלט ווערען אַלץ מעהר און מעהר אין א פולשטענדיגע סאָציאַליסטישע אָרדענונג, אפילו דאַן, ווען די סאָציאַלע רעוואָלוציע אין אַנדערע לענדער זאָל בכלל נישט קומען, און די גאַנצע וועלט זאָל בלייבען א קאַפּיטאַליסטישע.

ווי אזוי ווילען דאָס די באָלשעוויקעס באַווייזען?

„די לאַגע איז א שווערע, — גיט צו קאָמעניעוו אין זיין רעדע, וועלכע איך האָב ציטירט פריהער, — פון איין זייט האָבען מיר זעהר א שטאַרקע פעסטונג, — די סאָציאַליסטישע פּראָלעטאַרישע אינדוסטריע. פון דער אַנדערער זייט, — האָבען מיר אָבער 22 מיליאָן צוזייטע, אָפּגעזונדערטע איינער פון דער אַנדערער, פויערשע בעלי־הבית׳ישקייטען, וועלכע אַרבייטען פאַר׳ן מאַרק, וועלכע לעבען מיט דער שטרעבונג צו פּראָפיט, — צו א קליינינקען, אָבער דאָך א פּראָפיט, — אָרימע לייט, אביונים, אָבער דאָך בעלי־הביתים, אייגענטימער, וואס פיהרען זייער אונטערנעמונג נאָר צוליב פּראָפיט. עס איז קלאָר, אז ביי אזא מין לאַגע מוז ביי אונז די ענטוויקלונג געהן אין פאָרם פון ווידערשפּרוכען."

וואָס קען אַרויסקומען פון די ווידערשפּרוכען?

„פילע טענה׳ן — זאָגט קאָמעניעוו, — אז דאָס וועט ברענגען צו א פולשטענדיגען חורבן פון סאָציאַליזם. זיי זאָגען אונז: אויף׳ן פּאַפּיר בויט איהר כלומר׳שט א סאָציאַליזם, אָבער אין דער אמת׳ן וועט איהר אויפבויען א גאַנץ אַנדערע זאַך: איהר וועט אויפבויען א רייכע, קליינבירגערליכע פויערישע לאַנד".

דאָס ווילען אָבער די קאָמוניסטען נישט, בשום אופן נישט. און דעריבער געפינען זיך אזעלכע, ווי דער באַוואוסטער קאָמוניסט לאַרין, וואס ערקלערען: יא, מיר געהען טאקע צו א נייער קאַפּיטאַליסטישער ענטוויקלונג, מיר ווילען טאקע באַקומען א נייע בורזשואזיע, באַזונדערס אין דאָרף, דעריבער וועט אונז אויסקומען שפּעטער צו מאַכען געגען איהר א צווייטע פּראָלעטאַרישע

ר ע װ ו אַ ל ו צ י ע און פארניכטען איהר דורך אַ צווייטער, נייער ב י ר ג ע ר־מ ל ח מ ה.

אַבער קאַמעניעוו איז נישט מסכים מיט לאַרינ׳ען. ער וויל נישט קיין צווייטען בירגער־קריג, ער וויל נישט קיין צווייטע רעוואלוציע, ער וויל אַננעמען אנדערע מיטלען.

דאַס הייסט נישט, אז ער זעהט נישט דעם אמת׳ן פּנים פונ׳ם היינטיגען דאָרף. ער ווייס, אז עס איז אונפארמיידליך, אז אין דאָרף זאָל פּאַרקומען די ענטוויקלונג פונ׳ם „קולאַק״, „אלס א נאַטירליכער און אומפארמיידליכער רעזולטאַט פון דער ענטוויקלונג פון האנדעל, א. אַ. וו.״ ער פארשטעהט נאָך מעהר: „עס איז אונפארמיידליך אויך, אז דער „קולאַק״ זאָל אַנהויבען דערהויבען זיין קאָפּ נ י ש ט נאָ ר ע ק אָ נ אָ מ י ש, מיר ווייסען, ווי אזוי עס זיינען פּאַרגעקומען די וואהלען צו די סאָוועטען אין אַ גאַנצע רייהע ערטער; ווי אזוי דער „קולאַק״, אויסנוצנדיג זיין עקאָנאָמישע לאגע, ווארפט אראָפּ דעם אָרימאַן און לאָזט זיך אויסקלייבען אין אלע פיהרענדע אָרגאַנען פון דער לאָקאלער דאָרפישער מאכט. מיר ווייסען, ווי אזוי דער „קולאַק״, שטיצענדיג זיך אויף די שוואכקייט פון אונזערע דאָרפישע פּאַרטיי־אָרגאַניזאציעס, פּרובירט פארנעמען פּאָזיציעס אין די קאָאָפּעראַטיווען און אין אנדערע געזעלשאַפטליכע אָרגאַניזאציעס פונ׳ם דאָרף... אַבער צי איז דאָס שרעקליך פאר אונז? ניין, דאָס איז נישט שרעקליך״.

קאמעניעוו שרעקט זיך נישט פאר אָט די אלע זאכען; ער וויל נישט קעמפּען געגען דעם „קולאַק״ מיט געוואלט, אָדער, ריכטיגער, ער ק ע ן דאָס נישט טאָן, ווייל דאָס וואָלט, ווי ער זאָגט אַליין, „ברענגען אונז צו א נייער קאַטאַסטראָפע״. אַבער ער האָט אנדערע מיטלען, — ריכטיגע צויבער־מיטלען. און די מיטלען זיינען: ערשטענס ענטוויקלונג פון דער גרויסער אינדוסטריע; און צווייטענס, די ענטוויקלונג פון דער קאָאָפּעראציע.

די אינדוסטריע, די נאַציאָנאַליזירטע גרויסע אינדוסטריע, וואָס וועט זיך ענטוויקלען אַלץ מעהר און מעהר (לענין האָט דאָס גערופען „עלעקטראָפיקאציע״, זאָגט קאַמעניעוו)*), וועט געבען דעם פּויער ביליגע און גוטע סחורה און אַזוי ארום איבערציינגען דעם פּויער, אַז איהם לוינט זיך מעהר צו האָבען אין שטאָדט אַ „סאָציאַליזירטע אינדוסטריע״ איידער אַ פּריוואַט־קאַפּיטאַליסטישע. און אין דער זעלביגער צייט וועט די קאָאָפּעראציע אַרומנעהמען אַלץ אַ גרעסערען און גרעסערען טייל פון די 22 מיליאָן פּויערשע הויפען, וואָס זיינען איצט צושפּרייט און אָפּגעזונדערט איינער פון דעם אַנדערען די פּאַרשידענע פאָרמען פון קאָאָפּעראַטיווע געזעלשאַפטען — פּראָדוקטיווע, האַנדעלס־קאָאָפּעראַציע א. א. וו. — וועלען צוזאַמענעהמען און צוזאַמענהעלפען איינע די אנדערע. די קליינע אייגענטימער, די פּויערים, וועלען זיי פאַרוואַנדלען אין מיטגלידער פון קאָלעקטיווע אונטערנעהמונגען און אזוי אָרום אַלץ מעהר און מעהר פארוואַנדלען דעם אינדיווידואַליסטישען קליינבירגער, וואָס ארבייט נאָר צוליב פּערזענליכען פּראָפיט, אין אַ מיטגליד פון קאָלעקטיווע ווירטשאַפטליכע פאַר־

---

*) דאָס איז, פאַרבייגעהענדיג, אינגאַנצען פאַלש. לענין האָט געמיינט ניט סתם אינדוסטריע, נאָר טאַקע ב ו כ ש ט ע ב ל י ך די עלעקטראָפיקאַציע, ד. ה. אַזאַ מין אויפבוי פון גרויסע עלעקטרישע סטאַנציעס, וואָס זאָל פאַרזאָרגען די גאַנצע אינדוסטריע און ד י ג אַ נ צ ע ד ע ר פ ע ר.

באַנדרען, וועלכע וועלען בילדען דעם פונדאַמענט פאַר א סאָציאַליסטישער ענטוויקלונג אין דאָרף.

„עלעקטראָפיקאַציע" און קאָאָפּעראַציע — דאָס זיינען די צוויי צויבער־מיטלען, מיט וועלכע קאַמעניעוו האָפט אריינצונעהמען אין די הענט פון דער סאָוועט־מאכט די מיליאָנען פויערשע „סערעדניאַקעס" (מיטעלע בעלי־בתים), און מאַכען זיי, אַז זיי זאָלען אונטערשטיצען ניט די וואַקסענדע קאַפּיטאַליסטישע בורזשואַזיע, נאָר דעם סאָציאַליסטישען פּראָלעטאַריאַט, וואָס הערשט אין דער אינדוסטריע.

מיר איז שוין אויסגעקומען צו רעדען וועגען דעם, אַז ריין פּרינציפּיעל קען מען קיין זאַך ניט האָבען געגען אַזאַ פּלאַן. אַז די דאָרפישע קליינע אייגענטימער זאָלען זיך צופרידענשטעלען מיט דעם, אַז אין דער שטאָט זאָל הערשען ניט א פּריוואַט־קאַפּיטאַליסטישע, נאָר א נאַציאָנאַליזירטע אינדוסטריע.*) אַזאַ מין צוזאַמענלעבען פון נאַציאָנאַליזירטער אינדוסטריע מיט א פּריוואַט־קאַפּיטאַליסטישער לאַנדווירטשאַפט איז טעאָרעטיש געוויס מעגליך. דער פּויער איז גאָר ניט אַזאַ פּרינציפּיעלער און באַוואוסטזיניגער אָנהענגער פון אינדיווידועלען קאַפּיטאַליזם, אַז ער זאָל ניט אַנדערש ערקלערען: ניין, איך וויל בשום אופן ניט קיין מלוכה׳שע פאַבריקען, איך וויל ניט אַנדערש, אַז די פאַבריקען זאָלען געהערען צו פּריוואַטע פאַבריקאַנטען! אָבער וואָס דער פּויער וויל אומבאַדינגט, און אויף וואָס ער וועט באַשטעהן מיט אַלע זיינע כחות (און זיינע כחות אין רוסלאַנד זיינען זעהר שטאַרק, — דאָס האָבען מיר שוין געזעהן), איז — אַז די אינדוסטריע זאָל דינען איהם, דעם פּויער, אַז די סחורות זאָלען זיין גוט, צוגעפּאַסט צו זיין געשמאַק און זיינע באַדערפנישען, און דערביי ביליג; אַז די סחורות, וועלכע ער ברויכט, זאָלען געליפערט ווערען צו דער ריכטיגער צייט און דערביי באַקוועם, דורך מענשען, וואָס פּאַסען זיך צו צו זיינע מנהגים און צו זיינע באַקוועמליכקייטען, — מיט איין וואָרט, אַז די אינדוסטריע פון דער מלוכה זאָל איהם באַדינען ניט ערגער און טייערער, נאָר בעסער און ביליגער, איידער דאָס קען טאָן די פּריוואַטע אינדוסטריע.

אויב דאָס אַלץ, וואָס איך האָב אויסגערעכענט, וואָלט געווען מעגליך ביי דער היינטיגער באָלשעוויסטישער ממשלה אין רוסלאַנד, וואָלטען אפשר זייערע פּלענער געקאָנט דורכגעפיהרט ווערען. ווען דער באָלשעוויסטישער רעזשים אין דער עקאָנאָמיק און אין דער פּאָליטיק וואָלט געפונען אין זיך די מעגליכקייט און די כחות צו צופּאַסען זיך צו דעם ווילען און צו די אינטערעסען פון דעם פּויערים־קלאַס, אַזוי, אַז דער פּויער זאָל זיין באַפרידיגט, וואָלט דער פּויער לאָזען עקזיסטירען די היינטיגע אָרדנונג מיט איהר גאַנצען עקאָנאָמישען אויפבוי.

צי איז דאָס אָבער מעגליך?

קוקט דורך קאַמעניעוו׳ס אַרטיקלען און רעדעס; קוקט דורך די עקאָנאָמישע צייטונגען, באַזונדערס די ערנסטערע, מעהר וויסענשאַפטליכערע און געשעפטליכערע, וואו מען שרייבט ניט פאַר די ברייטע מאַסען, נאָר פאַר זיך אַליין; שטודירט דורך די טרוקענע סטאַטיסטיקס און רעפּאָרטען, — ניט די פּאַראַדנע, יום־טוב׳דיגע, וואָס מען מאַכט פאַר דער וועלט און פאַר נאַאיווע אויסלענדער, נאָר די אייגענע, די היי־

*) ס׳פאַרשטעהט זיך, אַז ניט יעדע מלוכה׳שע פאַבריק איז דורך דעם שוין סאָציאַליזירט. נאַציאָנאַליזירען און סאָציאַליזירען זיינען צוויי גאַנץ פאַרשידענע זאַכען.

מישע, די אמת'ע (אויף וויפיל זיי זיינען דא!); רעדט זיך דורך פריוואט, אונטער פיר אויגען, מיט מענשען, וואס ארבייטען אין די פארשידענע ווירטשאפטליכע אינ־סטיטוציעס, — דעמאלט וועט איהר באקומען א קלארען באגריף וועגען דעם, ווי אזוי די רוסישע נאציאנאליזירטע אינדוסטריע ארבייט.

עס איז ניט אמת, אז די צרה ליגט אין דעם, וואס דער רוסישער ארבייטער ארבייט שלעכט; עס איז א רכילות, אז דער רוסישער פראלעטאריער איז א „פוליאק". די סאוועטישע סטאטיסטיקס גופא באווייזען, אז דער ארבייטער ארבייט אויס (יעדער פערזענליך) ניט וועניגער פראדוקטען, ווי פאר דער מלחמה. אבער שלעכט איז די ארגאניזאציע, שלעכט איז די פיהרונג, שלעכט איז די גאנצע מאשין, וואס פיהרט אן די ארבייט. די פאבריקען באקומען פון די אנדערע שלעכטע רוי־מאטעריאלען; זיי ליפערען איינע די אנדערע ניט צו דער צייט די באשטעלונגען; די פלענער, לויט וועלכע זיי ארבייטען, זיינען זעהר אפט שלעכט און פאלש. עס הערשט אומ־ארדנונג און קארופציע. געוויס, א טייל קומט פון דעם, וואס דער גאנצער פלאן וועגען מלוכה'שער פארוואלטונג פון דער גאנצער רוסלענדישער אינדוסטריע איז א פאלשער. ער איז צו שווער און צו קאמפליצירט פאר די שוואכע פלייצעס פון דער רוסישער קולטור, וואס איז נידעריג, ווי דאס האט באמערקט שוין לענין גופא. א טייל שטאמט פון דעם, וואס אין רוסלאנד איז ניטא גענוג מענשען־מאטעריאל פאר אזא מין ארבייט פון באוועלטיגען אן אומגעהויערע אינדוסטריע פון אן אומגעהויערען לאנד. דאס איז אויך א פועל־יוצא פון דער זעלביגער עקאנאמישער און קולטורעלער אפגעשטאנענקייט, און דאס לאזט זיך ניט ענדערען אין א פאר יאהר. אבער אויסער אט די אלגעמיינע סיבות (וועלכע א קלוגע רעגירונג מוז אויך נעהמען אין אכט), זיינען דא נאך ספעציעלע סיבות, וואס זיינען פארבונדען דירעקט מיט דער פאלשער פאליטיק פון דער באלשעוויסטישער דיקטאטור, וואס ליגען אין דעם עצם פון דער היינטיגער ארדנונג.

וואס איז די הויפט־פעולה פון דעמאקראטיע פאר דער ווירטשאפטליכער אינ־דוסטריעלע ענטוויקלונג? פארוואס ווערען דאס די הויך־ענטוויקעלטע אינדוסטריעלע לענדער אלץ מעהר און מעהר פרייע דעמאקראטיעס אין הינזיכט פון פערזענליכער פרייהייט?

דערפאר, וואס די ארדנונג פון דעמאקראטיע גיט די מעגליכקייט אם בעסטען צו העבערען די קולטור און אויסצוארבייטען דעם מענשליכען מאטעריאל, וואס פאר־דערט זיך פאר א הויכער אינדוסטריעלער ענטוויקלונג. און ניט נאר אויסצוארבייטען בכלל, נאר אויך אויסצוגעפינען די בעסטע קרעפטען אין דעם אומגעהויערען פאלקס־ים, ארויסצושעפען און אויסצוקלייבען זיי פון טויזנטער אנדערע, וואס זיינען ניט אזוי גוט צוגעפאסט פאר דער ארבייט.

אין דעם פרט איז די באלשעוויסטישע דיקטאטור פונקט דער היפוך פון דעם, וואס רוסלאנד דארף האבען, כדי איהר אינדוסטריע זאל זיך קענען טאקע אין דער אמת'ן ענטוויקלען און פראגרעסירען. לענינ'ס „עלעקטראפיקאציע" פאדערט יענע ליפט פון פאליטישער און אינדיווידועלער פרייהייט, פון וועלכער מ'ור האבען איצטער אין רוסלאנד קיין שום זכר ניט. די קאמוניסטישע דיקטאטור דערלאזט ניט, אז דאס פאלק גופא, דורך זיין פרייער זעלבסט־טעטיגקייט זאל זיך ארויפארבייטען אויף א העכערער מדרגה פון קולטור. זי וויל, אז דאס פאלק זאל ווארטען, ביז די קאמוניס־

טישע פּאַרטיי וועט דאָס טאָן פאַר איהם, ווייל זי האָט מורא, אַז אויב דאָס פאָלק וועט דאָס טאָן אַליין, וועט ער דאָס טאָן אויף זיין פּויערשען קליינבירגערליכען אופן, און ניט אויפ׳ן קאָמוניסטישען. זי גיט ניט קיין פרייען וועג דעם בעסטען, דעם טיכטיגסטען, דעם פעהיגסטען צו די בעסטע פּלעצער און צו די בעסטע ארבייט. זי קלייבט אויס די טוער, די באַאַמטע, די דירעקטאָרען און פאַרוואַלטער, די פּראָפעסאָרען און סטודענטען, ניט לויט דעם פּרינציפּ פון פעהיגקייט און טיכטיגקייט, נאָר פריער פאַר אַלץ לויט דעם פּרינציפּ פון קאָמוניסטישער פעסטקייט און סאָוועטישער טריייהייט. זי בויט די רעדלאַך פון דער מלוכה־ און פון דער ווירטשאַפטס־מאַשין, ניט לויט דעם טעכנישען פּרינציפּ פון בעסערער ארבייט, נאָר לויט דעם פּאָליציייאישען פּרינציפּ פון „פּאָליטישער זיכערהייט”, פון „בלאַגאָנאַדיאָזשנאָסט”.

מיר קענען אין דער געשיכטע פון אייראָפּעאישע פעלקער גענוג אַזעלכע ביישפּילען, וואו עס זיינען אויפגעבויט געוואָרען פּאָליטישע און אַדמיניסטראַטיווע מאַשינעס לויט דעם פּאָליצייאישען און ניט לויט דעם טעכנישען פּרינציפּ. אַזעלכע מאַשינעס האָבען זיך אומעטום ארויסגעוויזען אַלס שלעכט און געפערליך פאַר דעם פּראָגרעס פון לאַנד.

מען קען, פאַרשטעהט זיך, ניט זאָגען, אַז אַזא מאַשין מוז אינגאַנצען אָפּהאַלטען און צושטערען דעם עקאָנאָמישען און פּאָליטישען לעבען. די באַדערפנישען פונ׳ם פאָלק און זיינע כחות זיינען אומעטום אַזוי שטאַרק, אַז זיי קענען בייקומען יעדע פּאָליטישע אָרדנונג. ווירטשאַפט און אינדוסטריע וואַקסען אומאויפהערליך, ניט קוקענדיג אויף דעם רעזשים, אין כינע און אין טערקיי, אין אינדיע און אין מעקסיקאָ, אין מוסאָליני׳ס איטאַליע, אין האָרטי׳ס אונגארן, פונקט אַזוי, ווי זיי האָבען ניט אויפגעהערט צו וואַקסען אין קייזערליכען עסטרייך אָדער אין דער צאַרישער רוסלאַנד. אָבער אין די לענדער, וואו עס איז ניטאָ קיין עקאָנאָמישע פרייהייט און עס פעהלען די נויטיגע באַדינגונגען פאַר אַ הויכער עקאָנאָמישער ענטוויקלונג, קומט פאָר אָט דער עקאָנאָמישער פּראָגרעס לאַנגזאַמער און שווערער; ער קאָסט אָפּ דעם פאָלק און דעם לאַנד פיל טייערער, רופט אַרויס ביי דעם אַרבייטער־קלאַס פיל מעהר ליידען, איידער דאָ, ווען דאָס קומט פאָר אין אַנדערע, אין פרייערע באַדינגונגען. זינט דער „מיליטערישער קאָמוניזם” איז געוואָרען אָפּגעשאַפט, לויט דער פאָדערונג פונ׳ם פויערים־קלאַס, איז אין רוסלאַנד ווידער געוואָרען מעגליך אַן עקאָנאָמישער לעבען און אַן עקאָנאָמישע ענטוויקלונג. דער באַנקראָט פון פּראָלעטאַרישען אוטאָפּיזם און מאַקסימאַליזם און דער נצחון פון דעם פויערים־קלאַס האָט ווידער געשאַפען אין רוסלאַנד די מעגליכקייט פון אַ ווירטשאַפטליכער אויפלעבונג. דאָס לאַנד האָט זיך אָפּגעכאַפּט און איז אַוועק פאָרווערטס.*) און עס וועט געוויס אויך געהן ווייטער פאָרווערטס, — אויב אַפילו דער באָלשעוויזם זאָל בלייבען ווייטער אַזוי, ווי ער איז היינט. אָבער עס איז די גרעסטע אוטאָפּיע און די גרעסטע פאַנטאַזיע צו מיינען, אַז אָט די ענטוויקלונג וועט פאָרקומען אַזוי, אַז די אינטערעסען פונ׳ם פויערטום־קלאַס זאָלען ווערען באַפרידיגט און ער זאָל ווערען דורך דעם אַן אָנהענגער פון סאָ־

*) ס׳איז נאָר קאָמיש, וואָס די קאָמוניסטען באַריהמען זיך מיט דעם. אַ גרויסער כבוד טאַקע פאַר דעם קאָמוניזם, אַז דורך זיין דורכפאַל איז דאָס לאַנד געראַטעוועט געוואָרען!

ציאַליזם. אויב מען זאָל געבען די באָלשעוויקעס נאָך 25-30 יאָהר פריי צו אַרביי־טען, לויט זייערע פּלענער און זייער ווילען, און אויב דער פּויערים־קלאַס וואָלט מסכים זיין צו ליידען אַט די גאַנצע 30 יאָהר פון דער שלעכטער באָלשעוויסטישער הערשאַפט און דער שלעכטער און טייערער באָלשעוויסטישער אינדוסטריע, — וואָל־טען זיך די באָלשעוויקעס אפשר ווען ניט איז אויף אַזוי ווייט אויסלערנען, אַז זיי וואָלטען קענען פאַרבעסערען זייער אַפּאַראַט. אָבער ווער קען גלויבען, אַז דער רוסי־שער פּויער וועט זיך פאַרהאַלטען רוהיג די גאַנצע צייט, וועט געדולדיג איבערצאָלען פאַר די שלעכטע אינדוסטריע־סחורות, וועלכע טראָצקי מיט דזשערזשינסקי׳ן פאַבריי־צירען, און וועט מיט אַ שמייכעלע פאַרקויפען צו קראַסינען און פרומקינען זיין תבואה פאַר אַ שמעק טאַבאַק? עס איז ניטאָ קיין גרעסערע פאַנטאַזיע, ווי פאָרצו־שטעלען זיך אַזאַ מין לאַגע.

און צו וואָס דאַרפט איהר נאָך באַווייזען?

אָט האָט איהר איין קליינעם ביישפּיל. דעם 18טען סעפּטעמבער איז געווען אָפּגעדרוקט אַ קאָלאָסאַלער באַריכט פון קאַמעניעוו׳ן וועגען די פּערספּעקטיוועו פון דער רוסישער ווירטשאַפט. ער בויט דאָרטען אויף אַ קאָלאָסאַלען פּלאַן, וועלכען די סאָוועטישע מאַכט האָט אויסגעאַרבייט, שטיצענדיג זיך אויף דער היי־יאָהריגער גרויסער גערעטעניש. דער פּלאַן איז געווען אויסגעאַרבייט אין אַלע דעטאַלען און איז געווען אויפגעבויט אויף דעם געדאַנק, אַז דורך דער גערעטעניש וועלען די פרייזען אויף תבואה זיין אַזוי נידעריג, אַז די רעגירונג וועט מוזען אָננעהמען ספּעציעלע מיטלען, כדי מען זאָל דעם פּויער נעבאַך ניט קריוודען, און ער זאָל ניט ווערען אין כעס אויף דער רעגירונג, וואָס נעהמט ביי איהם אָפּ די תבואה פאַר אַ שמעק טאַבאַק. אין 5 וואָכען אַרום, דעם 25טען אָקטאָבער, דרוקט קאַמעניעוו ווידער אַ קאָלאָסאַלען באַריכט, וועלכען ער האָט אָפּגעגעבען אין דעם צענטראַלען קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, און אין וועלכען ער מוז אָפען צוגעבען, אַז דער גאַנצער אויסגעאַרבייטער פּלאַן איז פּולשטענדיג צושטערט געוואָרען, אַז פון איהם איז קיין שריד ופליט ניט געבליבען. ווער האָט צושטערט דעם פּלאַן? אָ, אַ קלייניגקייט — זאָגט קאַמעניעוו מיט אַ קרומען שמייכעלע, — „דאָס האָט דער פּויער אריינגעטראָגען געוויסע אָפּרעכענונגען אין אונזער פּלאַן". „דער פּויער, — זאָגט קאַמעניעוו, — האָט אַן אַנדער באַגריף וועגען זיינע אינטערעסען, איידער אונזער באַגריף וועגען דעם פּלאַן." און אַנשטאָט צו פאָדערען נידעריגע פרייזען, האָט דער פּויער דוקא אַוועקגעשטעלט אַזעלכע פרייזען פאַר ווייץ, אַז יעדער עקספּאָרט פון רוסלאַנד איז געוואָרען אונמעגליך. געוואָרען אויס פּלאַן!

אונטערזוכענדיג ווי אַזוי דאָס איז געקומען, מוז קאַמעניעוו ווייטער צוגעבען, אַז די הויפּט־אורזאַכע פון דעם איז דאָס, וואָס די סאָוועט־אינדוסטריע און דער סאָוועט־האַנדעל אַרבייטען ניט אַזוי, ווי דאָס פאָדערט זיך, לויט די פּויערשע אינ־טערעסען!

ווידער און ווידער שטויסען זיך אָן די פּלענער פון דער סאָוועט־רעגירונג, — אויף וויפיל זי וויל עהרליך פאַרווירקליכען די פּלענער פון סאָציאַליסטישען מאַקסימאַ־ליזם, און ניט פּשוט האַלטען זיך ביי דער מאַכט, — אויף דעם ווידערשטאַנד (ניט דעם באַוואוסטזיניגען, נאָר אינסטינקטיוועו) פון׳ם פּויערים־קלאַס, דעם אמת׳ן הער־שער פון רוסלאַנד. זיינע אינטערעסען פאָדערען גאָר אַן אַנדער אויפבוי פון׳ם עקאָ־

נאָמישען לעבען, און, צוזאמען מיט דעם, אן אנדער אויפבוי אויך פון דער פּאָליטישער אָרדנונג, ווייל דיביידע זאכען זיינען אין רוסלאנד ענג פארבונדען איינער מיט דער אנדערער.

און ביי אזעלכע באדינגונגען וועלען ניט העלפען אויך אלע זיסע ווערטער וועגען די „וואוילטאטען" פון דער קאָאָפּעראציע. קאָאָפּעראציע הייסט זעלבסט־טעטיגקייט. זעלבסט־טעטיגקייט אונטער א דיקטאטור איז ניט מעגליך. אזוי לאנג ווי די דיקטאַטור וויל א ל י י ן אלץ אָרגאניזירען און קאָנטראָלירען, קען די קאזיאָנע קאָאָפּעראציע זיין נאָר אַ קליינע, שוואכע, בלוט־אָרימע באשעפעניש אויף קראנקע פיסלאך. בשעת עס קומען פאָר די וואהלען צו די קאָאָפּעראטיוען אין די פאבריקען, זאָגען די אַר־בייטער (זעה „פראוודא") צו די קאָמוניסטען: „נו, געהט, קלייבט, דאָס איז דאָך א י י ע ר קאָאָפּעראציע; מיר האָבען מיט איהר גאָר ניט צו טאָן!" דער ארבייטער זאָגט דאָס, ווארום ער ווייסט און האָט דאָס הונדערט מאָל געזעהן, אז די קאָמוניסטען צווינגען מיט אלע מיטלען פון דיקטאטור, אז דער קאָאָפּעראטיוו זאָל בלייבען אין די הענט פון די קאָמוניסטען. א געזונטע קאָאָפּעראציע מוז זיין א פ ר י י ע קאָ־אָפּעראציע, און ביי היינטיגער אָרדנונג איז אזא מין געזונטע און שטארקע קאָאָפּע־ראציע פּונקט אזוי ניט מעגליך, ווי א גוטע און ביליגע אינדוסטריע.

די צוויבער־מיטלען פון קאמעניעוו'ן אויף אריינצוברענגען דעם פּויערים־קלאַס אין א סאָציאליסטישער אָרדנונג באווייזען זיך אלס פאנטאזיעס, אזוי לאנג ווי קאמע־ניעוו הערשט אין רוסלאנד אויף דעם אלטען שטייגער.

און וואָס די באָלשעוויקעס זאָלען ניט טאָן, וועלכע מיטלען זיי זאָלען ניט אָנ־נעהמען, וועלכע פּלענער זיי זאָלען ניט אויסארבייטען, — אזוי לאנג ווי זיי וועלען ניט מאכען קיין אויסגלייך מיט דעם אמת'ן הערשער פון רוסלאנד, מיט דעם פּויערים־קלאַס, וואָס האָט געזיגט אין דער רוסישער רעוואָלוציע, — אַן אמת'ן אויסגלייך, וואָס קען זיין אויפגעבויט נאָר אויף דער פּאָליטישער גלייכבארעכטיגונג און פּאָליטי־שער פרייהייט, אזוי לאנג קען אין רוסלאנד ניט דערגרייכט ווערען אפילו יענער מינימום פונ'ם פּראָלעטארישען פּראָגראם, וועלכער וואָלט יאָ געקאָנט ווערען פאר־ווירקליכט ביי א ריכטיגער פּאָליטיק.

און אזוי לאנג וועלען די באָלשעוויקעס איינרעדען דעם ארבייטער־קלאַס, אז זיי פיהרען איהם צום סאָציאליזם, אז זיי פארווירקליכען ז י י נ ע אינטערעסען, און אין דער אמת'ן וועלען זיי אלץ מעהר און מעהר זיין געצוואונגען דורכצופיהרען די אינ־טערעסען פון אַן אנדער קלאַס, ביז עס וועט זיך איין שעהנעם טאָג ניט ארויסווייזען, אז מיר האָבען אין רוסלאנד ניט אויפגעבויט קיין סאָציאליזם, נאָר אַ „שטארקע און געזונטע פּויערשע מלוכה", מיט דער הערשאפט פון „קולאקעס" און דער שקלאַ־פעריי פאר'ן פּראָלעטאריאט.

סאָציאַליסטישער אינטערנאַציאָנאַל

1.

קאַרל קאַוטסקי:

דער ערשטער אינטערנאַציאָנאַל
(1864—1876)

דער 50-יאָריגער יובילײ פון דער 1טער אינטערנאַציאָנאַלער ארבייטער ארגאַני־זאַציע איז אויסגעפאַלען אין א צייט, ווען ס'האט אויסגעוויזען, אז אינטערנאַציאָנאַלע אידעאַלען זיינען פולשטענדיג באַנקראָט. די וועלט־מלחמה האָט ניט נאָר צובראָכען יעדען מין אינטערנאַציאָנאַלע ארגאַניזאַציע, נאָר האָט אינגאַנצען צושטערט דאָס געפיהל פון אינטערנאַציאָנאַלער סאָלידאַריטעט צווישען די מאַסען און האָט אָנשטאָט דעם צופלאַקערט דעם נאַציאָנאַלען האס ביי ביידע צדדים.

היינט אָבער, זעכציג יאָהר נאָך דער גרינדונג פון דעם ערשטער אינטערנאַ־ציאָנאַל, שטעהט זיין יורש א סך מעכטיגער, איידער ווען עס איז פריהער.

דאָס איז אָבער ניט די איינציגע ענדערונג פאַר די לעצטע צעהן יאָהר. וואָלט פאַר אונז מעגליך געווען דאַן צו פייערען דעם יובילײ פון'ם אינטערנאַציאָנאַל, וואָלט די פייערונג פאָרגעקומען אין א צייט, ווען די דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פאַרטיי איז געווען א מוסטער פאַר אַלע ארבייטער פאַרטייען, און די בריטישע ארבייטער פאַרטיי האָט אויסגעהאַלב גרויס־בריטאַניע געהאַט זעהר ווייניג באַדייטונג.

היינט איז די ארבייטער פאַרטיי געוואָרען דער מעכטיגסטער עלעמענט אין דעם אינטערנאַציאָנאַל. און אָט אַזוי קומען מיר אין א געוויסען זין צום פונקט, פון וועלכען דער ערשטער אינטערנאַציאָנאַל האָט זיך אָנגעהויבען.

דער ערשטער אינטערנאַציאָנאַל האָט זיין פונדאַמענט געהאַט הויפּטזעכליך אין גרויס־בריטאַניע. ווען מען האָט דעם 28טען סעפּטעמבער 1864, באַשלאָסען צו גרינדען אַן אינטערנאַציאָנאַלע ארבייטער אָרגאַניזאַציע, זיינען נאָר אויף בריטישער ערד געווען מאַסען אָרגאַניזאַציעס פון אייראָפּעאישע ארבייטער. די אַלע ארבייטער אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבען עקזיסטירט אויפ'ן אייראָפּעאישען קאָנטינענט, זיינען געווען אינגאַנצען ניט וויכטיג, צוליב די פּאָליצײ־פאַרפאָלגונגען און צוליב דער־רעאַקציע, וואָס איז געקומען נאָך דער רעוואָלוציע פון 1848.

אויך אין ענגלאַנד איז די טשאַרטיסטישע באַוועגונג אָפּגעקיהלט געוואָרען אין משך פון דער רעאַקציע, וואָס איז געקומען נאָך איהר פּאָליטישער נידערלאַגע אין 1848 און נאָך דעם געווינס פון א צעהן־שעה'דיגען ארבייטס טאָג (1847). אָבער די טרייד יוניאָנס זיינען געוואָרען א סך שטאַרקער. דער צעהן־שעה'דיגער ארבייטסטאָג האָט ווידער אויפגעלעבט און געשטאַרקט גרויסע מאַסען ארבייטער, און נאָכדעם ווי די רעאַקציע איז געווען פאַראיבער, האָבען די ארבייטער אָנגעפאַנגען א

קאמף פאר שטימרעכט גראד אין דער צייט, ווען עס איז געגרינדעט געוואָרען דער ערשטער אינטערנאַציאָנאַל.

קיין שום עהנליכע זאַך האָט מען ניט געקאָנט געפינען אויפ'ן קאָנטינענט — ניט קיין טרייד יוניאָנס, ניט קיין ארבייטער בעוועגונג, ניט קיין ארבייטער פארטייען. אין דייטשלאַנד האָט עפּעס עהנליכעס אויף אַן ארבייטער פארטיי נאָר וואָס געהאַט גע־גרינדעט לאַסאַל.

אונטער אַזעלכע אומשטענדען, האָבען די בריטישע ארבייטער געהאַט יעדען גרונט מורא צו האָבען, אַז זייער ווייטערדיגער פּראָגרעס וועט געשטערט ווערען דורך דער קאָנקורענץ פון די ארבייטער אויפ'ן קאָנטינענט, אויב זיי וועלען בלייבען ניט אָרגאַניזירט און אָהן ארבייטער געזעצגעבונג. די בריטישע ארבייטער זיינען געווען צו שטאַרקע אָנהענגער פון פרייען האַנדעל, אַז זיי זאָלען זיך וועלען ראַטעווען פון דער געפאַהר מיט דער הילף פון שוץ טאַריפען און אימיגראַציע באַשרענקונגען. זיי האָבען אַנערקענט די סאָלידאַריטעט פון זייערע אינטערעסען מיט די אינטערעסען פון די ארבייטער אויפ'ן קאָנטינענט און האָבען זיך געמיהט אָנצוהאַלטען די פּאָזיציע, וואָס זיי האָבען געוואונען, ניט דורך אויסשליסען אַנדערע לענדער, נאָר דורך שטיצען די ארבייטער פון יענע לענדער אין זייערע פּאַרזוכען צו אָרגאַניזירען זיך און קעמפען פאר בעסערע ארבייטס באַדינגונגען.

די אידעען פון קאַרל מאַרקס זיינען געגאַנגען אין דערזעלביגער ריכטונג. אין דעם „קאָמוניסטישען מאַניפעסט", אַזוי פריה ווי אין יאָר 1847, האָבען מאַרקס און ענגעלס פּראָקלאַמירט די נויטיגקייט פאר די ארבייטער פון אַלע לענדער זיך צו פאַראייניגען אין אַ געמיינשאַפטליכען קאַמף. פון 1850 איז מאַרקס געווען אין ענגלאַנד און האָט שטודירט יענעם לאַנד, וואָס איז געווען דאָס פּראָגרעסיווסטע אויף דער וועלט פון קאַפּיטאַליסטישען שטאַנדפּונקט, און וואָס האָט אָנגעוויזען דעם וועג פאר אַנדערע לענדער אין זייער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג. ער האָט געגלויבט און אַנערקענט די דאַמאָלסדיגע בריטישע ארבייטער, אַלס די טשעמפּיאָנס פון די ארבייטער קלאַסען אויף דער וועלט. ער האָט זיי אַרויסגעשטעלט פאר די ארבייטער פון אַלע לענדער אַלס אַ מוסטער אין זייער קאַמף פאר אַ געזעצליך באַשטימטען ארבייטס־טאָג.

וואָס די בריטישע ארבייטער האָבען באַצוועקט אַרום 1864, האָט מאַרקס געוואָלט האָבען אויך אין די אינטערעסען פון דעם אַלוועלטליכען פּראָלעטאַריאַט. און עס איז דעריבער גאָר קיין וואונדער ניט, וואָס מאַרקס און די ארבייטער פון ענגלאַנד האָבען געפונען איינער דעם אַנדערען אין דעם ערשטען אינטערנאַציאָנאַל, און וואָס ער איז געוואָרען דער מאַרך, וואָס האָט אינספּירירט זייערע האַנדלונגען.

אין דעם גענעראַל ראַט פון דעם ערשטען אינטערנאַציאָנאַל האָט מאַרקס געאַרבייט אין ענגער פאַרבינדונג מיט די פיהרער פון די בריטישע טרייד יוניאָנס, וואָס האָבען צום גענעראַל ראַט אָנגעהערט. מאַרקס האָט געשריבען די באַריכטען און רעזאָלוציעס פאר דעם גענעראַל ראַט, וואָס זיינען פאָרגעבראַכט געוואָרען פאר די קאָנגרעסען פון דעם אינטערנאַציאָנאַל. די רעזאָלוציעס, וואָס האָבען געהאַט צו טאָן מיט טרייד־יוניאָנס, קאָאָפּעראַטיווע געזעלשאַפטען, ארבייטער געזעצגעבונג און ענינים פון בילדונג, האָבען נאָך היינט אויך ניט פאַרלאָרען זייער ווערט. אפילו נאָך היינט ווייזען זיי אָן דעם וועג. און אַ סך מעהר נאָך זיינען זיי געווען וועגווייזער מיט 60־50 יאָהר

צוריק. די קמעפענדיגע ארבייטער באוועגונגען אויפ'ן קאנטינענט האבען זיך מיט זיי זעהר שטארק באנוצט.

אבער דער ערשטער אינטערנאציאנאל האט זיך ניט באשרענקט נאר אויף טעאריע. ער האט זיך פארנומען מיט פראקטיק אויך. א דאנק דער אינטימער פארבינדונג פון דעם אינטערנאציאנאל מיט די בריטישע טרייד יוניאנס, איז זייער קאמף פאר שטימ־רעכט געווען אויך זיין קאמף, מיט דריי יאהר נאך דער גרינדונג פון דעם ערשטען אינטערנאציאנאל האט דער קאמף געפיהרט, — אמת, ניט צו אלגעמיינעם שטימרעכט, אבער יעדענפאלס צו שטימרעכט פאר די בעסער באצאהלטע ארבייטער.

אויפ'ן קאנטינענט האבען די „אינטערנאציאנאליסטען" אויפגעהויבען דאס שלאגווארט פון אלגעמיינעם שטימרעכט אין פרייסען און האבען אויפגענומען א קאמף מיט ביסמארק'ען. און אין פראנקרייך האבען זיי געקעמפט אנטקעגען דער נאפא־לעאנישער אימפעריע. זיי האבען זיך אנגעכאפט אן יעדער געלעגענהייט צו גרינד'ען טרייד־יוניאנס, אויף ווי ווייט דאס געזעץ האט דאס ערלויבט, און צווישען די ארבייטער האבען זיי אויפגעהויבען דעם גייסט פון אפאזיציע.

דאס האט געפיהרט צו אהן א צאהל סטרייקס. די סטרייקס זיינען אפטמאל געווען געלונגענע, א דאנק דער פיהרערשאפט פון די אינטערנאציאנאליסטען. אמת, דער ערפאלג איז אפטמאל אין א גרויסער מאס געווען דער רעזולטאט פון דעם, וואס די ארבייטגעבער אויפ'ן קאנטינענט זיינען ניט געווען צוגעגרייט צו אן אפאזיציע מצד די ארבייטער, און דאס האט זיי איבערראשט. אין א גרויסער מאס האבען די ארבייטס־געבער צוגעשריבען דעם ערפאלג פון די סטרייקס צו די אומגעהויערע פאנדען, וואס מען האט געזאגט, אז דער אינטערנאציאנאל פארמאגט. אט די לעגענדע האט, פאר־שטעהט זיך, געהויבען דעם רעספעקט פון די בעלי בתים פאר'ן אינטערנאציאנאל, אבער דערפאר האבען זיי איהם אויך מעהר געהאסט.

די רעגירונגען האבען זיך אויך שטארק דערשראקען פאר'ן אינטערנאציאנאל. אזוי ווי זיי האבען וועגען איהם זעהר ווייניג געוואוסט, האבען זיי אנגענומען, אז דאס איז א נייע געהיימע געזעלשאפט, לויט'ן מוסטער פון די, וואס האבען עקזיסטירט אין איטאליע און פראנקרייך.

דאס אלץ איז אבער געווען ניט אמת. אמת, דער אינטערנאציאנאל האט ארויס־גערופען אלגעמיינע באגייסטערונג. אבער די ארבייטער האבען זיך ערשט געדארפט צוגעוואוינען צו רעגעלמעסיגע צאהלונגען. דער אינטערנאציאנאל איז דעריבער געבלי־בען איינע פון די ארעמסטע ארגאניזאציעס, וואס האבען ווען עס איז עקזיסטירט. ער איז אפטמאל אפילו ניט געווען אימשטאנד צו באצאהלען פאר'ן דרוקען די קאנגרעס באריכטען. דער גענעראל־ראט האט קיינמאל ניט געקאנט דרוקען אן אייגענעם בולעטין. אין צייט פון סטרייקס האט ער נאר געקאנט בייטראגען קלענערע סומען, פון צופעליגע זאמלונגען.

און פונקט אזויפיל אמת איז געווען אין די מעשיות וועגען פארשווערונגען פון ערשטען אינטערנאציאנאל, ווי עס איז געווען אין די מעשיות וועגען זיין עשירות. מאדזיני האט איהם געוואלט פארוואנדלען אין א געהיימע געזעלשאפט, אבער מארקס איז דורכאויס געווען געגען דעם, און זיין מיינונג איז געווען שטארקער.

צוליב דעם זיינען די קאמוניסטען אין פראנקרייך א לאנגע צייט געווען פיינטליך צום אינטערנאציאנאל, ביז צו דעם אנהויב פון דער פאריזער קאמונע, אין מערץ, 1871.

אַט דער אויפשטאַנד איז געווען אַ קאַטאַסטראָפע פאַר'ן ערשטען אינטערנאַציאָ־נאַל. די אינטערנאַציאָנאַליסטען זיינען געווען געגען דעם אויפשטאַנד. אויך די פאַריזער מיטגלידער פון אינטערנאַציאָנאַל זיינען געווען געגען דעם. און זיי האָבען אויף איהם געוואַרט מיט שרעק, ווייל זיי האָבען מורא געהאַט, און מיט רעכט, אַז די אונטער־נעמונג וועט זיין איבער די כחות פון די רעוואָלוציאָנערען. דאָס איז אויך געווען די מיינונג פון קאַרל מאַרקס. ער האָט געהאַלטען, אַז דער פראַנצויזישער פּראָלעטאַריאַט דאַרף זיך באַנוצען מיט דער פרייהייט, וואָס די רעפּובליק האָט געוואונען, כדי זיך צו אָרגאַניזירען און דיסציפּלינירען און געווינען דאָס, וואָס מען האָט ניט געקאָנט געווינען אין דער אימפּעריע.

ווען אָבער די רעוואָלוציע האָט אויסגעבראָכען, האָבען די מיטגלידער פון דעם אינטערנאַציאָנאַל געהאַלטען פאַר זייער חוב צום אַרבייטער קלאַס זיך צו באַטיי־ליגען אין איהם, אַפילו ריזיקירענדיג מיט'ן לעבען.

אין פאַרלויף פון דער רעוואָלוציע האָבען זיך די אינטערנאַציאָנאַליסטען אויסגע־צייכענט מיט זייער פּראַקטישען געזונטען פאַרשטאַנד אַלס פיהרער. זיי האָבען דערוי־בער געבראַכט די מעהרסטע נוצען און האָבען אַרויסגערופען דעם גרעסטען דרך ארץ. גראַד צוליב דעם זיינען זיי מעהר אַרויסגעקומען צום פאָדערגרונט, און נאָכ'ן צוזאַמענ־ברוך האָבען זיי אַרויסגערופען מעהר האַס ביי זייערע געגנער.

די רעגירונגען און קאַפּיטאַליסטישע פּאַרטייען פון אַלע לענדער האָבען זיך גע־נומען פאַרפאָלגען די איבערגעבליבענע קאָמונאַרען, און די פאַרפאָלגונגען האָבען זיך פאַרשפּרייט אויך אויפ'ן אינטערנאַציאָנאַל. אַפילו אין ענגלאַנד, כאָטש דאָ איז קיין פּאָליטישע פאַרפאָלגונג ניט פאָרגעקומען, איז דער אינטערנאַציאָנאַל אויסגעשלאָסען געוואָרען געזעלשאַפטליך.

דער אינטערנאַציאָנאַל האָט ניט געקאָנט ביישטעהן אַט דעם שטורם. עס האָבען איהם פאַרלאָזען אַ סך אַזעלכע, וואָס האָבען איבערגעשאַצט זיין מאַכט.

אין אַט דעם קריטישען מאָמענט איז פאָרגעקומען אַ באַדויערנסווערטע שפּאַלטונג. אין די ראָמאַנישע לענדער — אין פראַנקרייך, איטאַליע און שפּאַניע — האָבען די אַרבייטער קלאַסען שוין לאַנג געהאַט ווייניג צוטרוי צו פּאַרלאַמענטאַרישע מעטאָדען. אין יענע לענדער זיינען די וואַהלען אַנגעפיהרט געוואָרען פון די רעגירונגען, און די פּאַרלאַמענטען זיינען געווען הילפלאָז.

אין דער צייט פון רעאַקציע, האָט דער אַנטי־פּאַרלאַמענטאַריזם אָנגענומען די פרידליכע פאָרם פון פּרודאָניזם, וואָס האָט געפאָדערט, אַז די אַרבייטער זאָלען אויס־מיידען פּאָליטיק און זיך אָפּגעבען מיט עקאָנאָמישער טעטיגקייט, מיט געגענזייטיגע קרעדיט באַנקען, קאָאָפּעראַטיווע געזעלשאַפטען, פאַרזיכערונגס געזעלשאַפטען און טרייד יוניאָנס.

ווען די אַרבייטער באַוועגונג איז געוואָרען שטאַרקער, און נאַפּאָלעאָנ'ס פאַלען האָט באַפליגעלט די רעוואָלוציאָנערע שטרעבונגען און זיי געגעבען אַ געהעריגע געלעגענהייט, האָט דער אַנטי־פּאַרלאַמענטאַריזם אָנגענומען אַ געוואַלטזאַמערע פאָרם, און די טעאָרעטישע וואָפען האָט פאַר איהם געשאַפען דער רוס באַקונין. זיין ציל איז געווען צו צושטערען די מאַכט פון דעם שטאַט דורך באַוואָפענטע אויפשטאַנדען, וואָס דאַרפען צוגעגרייט ווערען דורך פאַרשווערונגען.

גלייכצייטיג איז פארגעקומען אן ענדערונג אין דער געגענזייטיגער ריכטונג צווישען די בריטישע ארבייטער. די צוויי גרויסע צילען פון דער טשארטיסטישער באוועגונג (כאטש איינער איז טיילווייז דערפילט געווארען) זיינען געווען: דער צעהן־שטונדיגער ארבייטסטאג — ווענינסטענס פאר פרויען און מינדעריאהריגע — און וואהל־רעכט — ווענינסטענס פאר די בעסער באצאהלטע ארבייטער פון די שטעדט.

אלע אנדערע זאכען, האט מען געמיינט, קאנען איבערגעלאזען ווערען צו די טרייד־יוניאנס, וואס זיינען זעהר פארשטארקט געווארען. און אזוי ווי דער אינטערנאציאנאל האט איצט געטאן זיין פליכט אויפ'ן קאנטינענט, האט מען מעהר ניט געדארפט מורא האבען פאר די אויסלענדישע ארבייטער.

דאס מיינט ניט, אז די טרייד יוניאנס זיינען געווארען אנטי־פארלאמענטאריש און אפאליטיש, אדער זיי האבען פארלארען יעדען אינטערעס אין אומאפהענגיגער ארבייטער פאליטיק. אלץ, וואס מען האט אין יענעם מאמענט געפאדערט, האט מען געפונען ביי די עלעמענטען איןביידע בורזשואזע פארטייען, וואס האבען סימפאטיזירט מיט די ארבייטער, באזונדערס ביי די ליבעראלען.

חוץ דעם אינטערנאציאנאל, וואס איז נאך אלץ געווען אונטער'ן שאטען פון דער פאריזער קאמונע, האבען די פיהרער פון די טרייד יוניאנס גענומען קוקען, ווי אויף אן אומבאקוועמע זאך פאר זיי, ווייל זיי האבען זיך געיאגט נאך בורזשואזער אנערקענונג. אויף אזא אופן איז מארקס אלץ מעהר און מעהר איזאלירט געווארען אין דעם אינטער־נאציאנאל, סיי פון דעם רעכטען פליגעל און סיי פון דעם לינקען. זיין ריכטונג איז געווען פארשידען פון דער ריכטונג פון די באקוניסטען, ווייל ער האט פולשטענדיג אנערקענט די וויכטיגקייט פון פארלאמענטארישע מעטאדען און פון וואהל רעכט אין דעם קאמף פאר דער עמאנסיפאציע פון דעם פראלעטאריאט.

זיין ריכטונג האט זיך אויך אונטערשיידט פון דער ריכטונג פון די טרייד־יוניאנס מיט דעם, וואס ער האט געהאלטען, אז דער פארלאמענטאריזם און דעמאקראטיע זיינען א הילף אין דעם קאמף נאר דעמאלט, ווען די ארבייטער טרעטען ארויס אויף דער פאליטישער ארענא אלס א באזונדערע פאליטישע ארגאניזאציע, אומאפהענגיג פון די בורזשואזע פארטייען.

אט די ריכטונג פון מארקס איז צוערשט אנגענומען געווארען פון דער דייטשער סאציאל־דעמאקראטיע. די ארבייטער מאסען פון די לאטיינישע אזוי גוט ווי פון די אנגלא־זאקסישע פעלקער האבען זי ניט געוואלט אננעמען. און דאס האט געפיהרט צום אונטערגאנג פון דעם ערשטען אינטערנאציאנאל.

אבער די ריכטונג פאר וועלכע מארקס האט געקעמפט, איז געבליבען לעבען. און היינט ווערט זי אנערקענט פון אלע ארבייטער פארטייען איבער דער גאנצער וועלט. זי האט בייגעקומען דעם אנארכיזם פון באקונין, אזוי גוט ווי די פאליטישע אפהענגיג־קייט פון די אלטע בריטישע טרייד יוניאנס.

2

עמיל וואַנדערוועלדע:

דער צווייטער אינטערנאַציאָנאַל

(1914—1889)

צווישען דעם מאָמענט, ווען מאַרקס האָט באַשלאָסען, אַז דער אינטערנאַציאָנאַל מוז זיך אויפלעזען (1872), און דער צייט, ווען ער איז ווידער אויפגעשטעלט געוואָרען אין אַ נייער פאָרם, זיינען פאַראיבער זיבעצעהן יאָהר. פאַר דעם סאָציאַליזם איז די צייט בשום אופן ניט געווען קיין פאַרלאָרענע.

דער ערשטער אינטערנאַציאָנאַל איז פאָרמירט געוואָרען פון אויבען, ניט פון אונטען. געגרינדעט האָט איהם אַ קליינע גרופּע פון קאָסמאָפּאָליטישע קעמפער, און ער איז בכלל געקומען איידער עס האָבען זיך געגרינדעט די צאָהלרייכע, כאָטש ניט לאַנג דויערענדיגע, ארבייטער גרופּעס.

און גראָד נאָך דער אויפלעזונג פון דעם ערשטען אינטערנאַציאָנאַל האָבען אין אייניגע לענדער זיך געגומען פאָרמירען נאַציאָנאַלע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען מעהר אָדער וועניגער שנעל: צוערשט אין דייטשלאַנד, דערנאָך אין עסטרייך, אין האָלאַנד, אין בעלגיע, אין דענעמארק און אין שוועדען.

אין פאַרלויף פון דערזעלביגער צייט האָבען די בריטישע טרייד יוניאָנס אָנגע־הויבען צו פאַרשפּרייטען זייער טעטיגקייט סיי אויף דעם פּאָליטישען פעלד און סיי אין פּאַרלאַמענט. דער פראַנצויזישער סאָציאַליזם, וואָס איז געווען דערדריקט ביי דעם פאַלען פון דער קאָמונע, האָט אין 1880 פאָרמירט אַן ארבייטער פּאַרטיי.

נאָכמעהר, די וועטעראַנען פון דעם אינטערנאַציאָנאַל און זייערע ערשטע נאָכפאָלגער, ווי בעבעל, זשול געד, פּאָול לאַפאַרג און אַנסעלע, האָבען געטאָן אַלץ, וואָס איז געווען אין זייער מאַכט, כדי צו פאַרבינדען די פאַרשידענע פּאָליטישע און טרייד־יוניאָן אָרגאַניזאַציעס. קאָנפערענצען זיינען פאָרגעקומען צווישען פראַנצויזישע און בריטישע קעמפער.

אין 1887, אויף אַ קאָנגרעס, וואָס איז אָפּגעהאַלטען געוואָרען אין סט. גאַל, אין דער שווייץ, האָבען די דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטען גענומען די ערשטע שריט, אויף בעבעל'ס פאָרשלאַג, צונויפצורופען דעם ערשטען אינטערנאַציאָנאַלען קאָנגרעס, וואָס האָט געזאָלט האָבען אויף דער טאָג־אָרדנונג דורכצופיהרען אינטערנאַציאָנאַלע ארבייטער געזעצגעבונג.

ענדליך האָבען די סאָציאַליסטען פון פאַרשידענע לענדער זיך פאַרזאַמעלט אין פּאַריז אויף אַן אינטערנאַציאָנאַלען קאָנגרעס, דעם 14טען יולי, 1889, דעם טאָג, ווען די באַסטיליע איז איינגענומען געוואָרען מיט הונדערט יאָהר צוריק.

דאָס האָט נאָך ניט געמיינט, אַז עס זיינען שוין פאַראייניגט געוואָרען אַלע כחות פון ארבייט. בעת 400 דעלעגאַטען פון די וויכטיגסטע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען זיינען געווען פאַרזאַמעלט אין די פעטרעל, האָבען די פראַנצויזישע „פּאָסיביליסטען" אָפּגעהאַלטען אַ באַראַטונג מיט די בריטישע טרייד־יוניאָניסטען אין רי דע לאַקרי. אָבער דער „פּאָסיביליסטישער" קאָנגרעס איז געווען נאָר אַן

עפיזאָד, וואָס האָט צו קיין רעזולטאַטען ניט געפיהרט. דער אינטערנאַציאָנאַל איז אַנטשטאַנען פון דעם אנדערען קאָנגרעס.

דער שרייבער פון אָט די שורות איז געווען אנוועזענד אויף דער פארזאמלונג אין רי פעטרעל, צווישען דער מאַסע דעלעגאַטען. די מאַיאָריטעט פון די, וואָס האָבען שפּעטער געזאָלט שפּילען אַ וויכטיגע ראָל אין דער אינטערנאַציאָנאַלער באַוועגונג, זיינען געווען אדער אין ביוראָ, אָדער זיי האָבען זיך, איינער נאָכ׳ן אנדערען, באַוויזען אויף דער פּלאַטפאָרם אַלס רעדנער. זיי זיינען געווען: ליבקנעכט, פאָלמאר, בערנ־שטיין, און מאַרקס׳עס טאָכטער עלעאָנאָרע מאַרקס־עוועלינג (טוסי), פון דייטשלאַנד; וויליאַם מאָריס און קיר האַרדי, פון ענגלאַנד; זשול געד און פּאָל לאַפאַרג, פון פראַנקרייך; צעזאַר דע־פּאַפ, פאָלדער און אנסעל, פון בעלגיע.

חוץ זיי, זיינען נאָך געווען דער שפּאַניער איגלעזיאַס, די רוסען לאַווראָוו און פּלעכאַנאָוו, דער האָלענדער דאָמעלאַ ניווענהאוז, די איטאַליענער אַנדרעאָ קאָסטאַ און טשיפּריאַני, און דער יונגער וויקטאָר אדלער אין דער עסטרייכישער גרופּע. פון דער אַנדער זייט, האָט בעבעל געפעהלט, און זשאָרעס איז נאָך ניט געווען מיט אונז!

אָט דער ערשטער קאָנגרעס, וואָס איז געווען אביסעל כאַאָטיש, און וואו אנארכיסטען און אנטי־פּאַרלאַמענטאַריער זיינען נאָך געזעסען זייט ביי זייט מיט די סאָציאַל־דעמאָקראַטען, איז כמעט אינגאַנצען פאַרנומען געווען מיט באַריכטען וועגען דער לאַגע אין די פאַרשידענע לענדער, באַזונדערס וועגען דער ארבייטער־געזעצגעבונג.

אָבער נאָך איהם זיינען געקומען רעגעלמעסיג אנדערע קאָנגרעסען. עס זיינען געווען אינגאַנצען 9, ביז 1914: פּאַריז, 1889; בריסעל, 1891; ציריך, 1893; לאָנדאָן, 1896; פּאַריז. 1900; אַמסטערדאַם, 1904; שטוטגאַרט, 1907; קאָפּענ־האַגען, 1910; און באַזעל, 1912, וואָס איז געווען אַ ספּעציעל איינגערופענער קאָנגרעס.

אין לאָנדאָן, אין 1896, איז באַשלאָסען געוואָרען צו גרינדען אַן אויספאָרשונגס קאָמיסיע וועגען גרינדען אַן אינטערנאַציאָנאַלען סעקרעטאַריאַט. אָט דער סעקרע־טאַריאַט, צוזאַמען מיט דער ביוראָ, וואו עס זיינען געווען דעלעגאַטען פון פאַרשיידענע נאַציאָנאַלע פּאַרטייען, איז ענדליך געגרינדעט געוואָרען אין פּאַריז אין 1900. זיין אָרט איז געווען אין בריסעל. וואַנדערוועלדע איז געווען פּאָרזיצער, און ק. הויסמאַנס, סעקרעטאַר פון דער ביוראָ.

אזוי איז ביסלעכווייז געגרינדעט געוואָרען, אזוי צו זאָגען, אַן איבער־פּאַרטיי, אין דער פאָרם פון אַן ארבייטער און אַ סאָציאַליסטישען אינטערנאַציאָנאַל, וואָס האָט מעהר ווי איין מאָל אויסגעאיבט אַ גרויסען איינפלוס אויף דער סאָציאַליסטישער פּאָליטיק פון די נאַציאָנאַלע פּאַרטייען, וואס זיינען מיט איהם געווען פאַרבונדען. באַזונדערס איז דאָס געווען דער פאַל אין די דריי פראַגען: וועגען ארבייטער־געזעצגעבונג, וועגען דער פאַראייניגונג פון די סאָציאַליסטישע קרעפטען און אין דער פראַגע וועגען מלחמה און שלום.

אין פאַרלויף פון די ערשטע קאָנגרעסען באַזונדערס איז די פראַגע וועגען ארבייטער געזעצגעבונג געווען איינער פון די הויפּט פּונקטען, וואס זיינען דיסקוטירט געוואָרען.

אין פּאַריז, אין 1889, איז דעם פּראָלעטאַריאַט רעקאָמענדירט געוואָרען אַלס אַ באַלדיגער ציל דער אכט־שטונדיגער ארבייטסטאָג. אין פארלויף פון די נעקסטע 25 יאָהר האָט די בורזשואַזיע אָהן אויפהער פאַרדאַמט אַלס אַ געפעהרליכע און ניט דורכפיהרבאַרע אונטערנעהמונג די איינשטעלונג פון אן איינהייטליכען ארבייטס טאָג, אָדער, יעדענפאַלס, פון אַ געזעצליכען מאַקסימום פון ארבייטס שטונדען אין אַלע אינדוסטריעלע לענדער. צווישען די אַרבייטער אָבער האָט אַזאַ אינטערנאַציאָנאַליזאַציע פון ארבייטס באַדינגונגען ארויסגערופען דעם גרעסטען ענטוזיאַזם.

ביים שלוס פון דעם פּאַריזער קאָנגרעס האָט אַ פראַנצויזישער סינדיקאַליסט (לאַווין), פאָרגעשלאָגען, אַז דעם 1טען מאַי, 1890, זאָל אָפּגעהאַלטען ווערען אַן אינטערנאַציאָנאַלע דעמאָנסטראַציע פאַר אַן אכט־שטונדיגען ארבייטס־טאָג. דער פאָרשלאַג איז אָנגענומען געוואָרען אָהן דיסקוסיעס, מען האָט איהם כמעט איינגאַנצען ניט באַמערקט, אבער נעקסטען יאָהר זיינען מאַסען־דעמאָנסטראַציעס אָפּגעהאַלטען געוואָרען איבער דער גאַנצער וועלט, און פון דעמאָלט אָן איז דער 1טער מאַי געוועזען דער טאָג, אין וועלכען די ארבייטער, פון פּאַריז ביז מאָסקווע, פון בערלין ביז רוים, האָבען באַשטעטיגט די געמיינשאַפטליכקייט פון זייערע האָפענונגען און די איינהייטליכקייט פון זייערע שטרעבונגען, ניט קוקענדיג אויף אַלע קאָנפליקטען און אונטערשיידען.

נאָכמעהר אין יעדען לאַנד האָט די פּאָליטישע און טרייד־יוניאָן טעטיגקייט פון דעם פּראָלעטאַריאַט געפיהרט צו ארבייטער געזעצגעבונג אין דער ליניע פון דעם 8־שטונדיגען ארבייטס־טאָג. דאָס פּראָגראַם פון דעם קאָנגרעס פון 1889 איז פאַרווירקליכט געוואָרען מיט 30 יאָהר שפּעטער אויף דער וואַשינגטאָנער קאָנווענשאָן.

ערשט אויף דעם לאָנדאָנער קאָנגרעס (1896) האָט דער אינטערנאַציאָנאַל צום ערשטען מאָל גענומען באַטראַכטען די נויטיגקייט פון באַשרענקען זיינע רייהען. די אַנאַרכיסטען און אַנטי־פּאַרלאַמענטאַריער זיינען אויסגעשלאָסען געוואָרען נאָך שטורמישע סצענעס, און מיט 4 יאָהר שפּעטער, אין 1900, זיינען פאָרמולירט געוואָרען באַדינגונגען פון אנשליסען זיך אָן דעם אינטערנאַציאָנאַל.

די טירען זיינען געבליבען אָפען פאַר די טרייד יוניאָנס, אָבער פאַרמאַכט פאַר די אַנאַרכיסטען און די אַנטי־פּאַרלאַמענטאַריער, ווי דאָמעלא ניווענהאוז און זיינע חברים.

עס זיינען אבער צו יענער צייט אנטשטאַנען אנדערע פּראָבלעמען און אַנדערע דיספּוטען, וואָס זיינען ארויסגעקומען צוליב די פאַרשידענע טענדענצען, וואָס זיינען געוועזען אַ שטערונג פאַר דער פאַראייניגונג פון די ארבייטער און סאָציאַליסטישע כחות. אמת, אין דייטשלאַנד איז אָט די איינינקייט געווען אַ פאַרווירקליכטער פאַקט. אין ענגלאַנד זיינען די אינדעפּענדענט לייבאָר פּאַרטיי און די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פעדעראַציע געווען נאָך זעהר שוואַך.

אין פראַנקרייך, אָבער, האָט דער סאָציאַליזם זיך געגוינט אַלץ מעהר און מעהר אויפצולעזען זיך אין אַ צאָהל באַזונדערע גרופּעס: די „פּאָסיבּיליסטען", די „בלאַנקיסטען", די „געדיסטען", פון דער ארבייטער פּאַרטיי, און, שפּעטער, די „אומאָפּהענגיגע סאָציאַליסטען", צווישען וועלכע עס איז געווען זשאָרעס.

ארום 1898 האָבען אָט די אַלע פאַרשידענע גרופּעס פּרובירט קומען צו א פאַרשטענדיגונג, און אין איין צייט האָבען זיי געהאַט א געמיינשאַפטליכען צענטראַל קאָמיטעט.

אָבער דעם 23טען יוני, 1899, האָט אַלעקסאַנדער מילעראַן, וואָס איז דעמאָלט געווען א מיטגליד פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, אנגענומען א מיניסטער־שטעלע, אינאיינעם מיט גענעראַל גאַליפע, אין דעם קאַבינעט פון וואַלדעק־רוסאָ. די אומאָפּהענגיגע סאָציאַליסטען האָבען איהם געשטיצט, אָבער די אַנדערע גרופּעס האָבען איהם פאַרדאַמט. דער צענטראַל קאָמיטעט האָט זיך אויפגעלעזט, און די פראַגע וועגען באַטייליגען זיך אין א בורזשואַזען מיניסטעריום איז צום ערשטען מאָל אויפגעהויבען געוואָרען אויפ׳ן אינטערנאַציאָנאַלען קאָנגרעס אין פּאַריז, אין 1900.

נאָך א לאַנגער דיסקוסיע, אין וועלכער דער מילעראַניזם האָט געפונען ווייניג שטיצע, האָט דער קאָנגרעס אנגענומען דעם באַריהמטען פאַרשלאַג פון קאַוטסקי, וואָס האָט פאַרדאַמט אין פּרינציפּ די באַטייליגונג פון א סאָציאַליסט אין א ניט־סאָציאַליסטישען מיניסטעריום, וואָס האָט דאָס אבער דערלויבט אין אויסנאַמס־פאַלען.

די טערמינען פון דעם פאַרשלאַג זיינען געווען צו עלאַסטיש — בכיונ׳דיגע, כדי צו מאַכען א סוף צום דיספּוט, וואָס האָט צוריסען דעם פראַנצויזישען סאָציאַליזם אין צוויי פיינטליכע גרופּעס.

אין די שפּעטערדיגע יאָהרען איז די שפּאַלטונג געבליבען, און אונטער אלערליי פאָרמען זיינען אנגעגאַנגען קריגערייען צווישען די פאַרשיידענע ריכטונגען.

מילעראַן איז שוין מעהר ניט געווען קיין מיניסטער. נאָך וואַלדעק־רוסאָ׳ס קאַבינעט איז געקומען קאָמב׳ס. די אומאָפּהענגיגע סאָציאַליסטען האָבען פאָרמירט א טייל פון דעם לינקען בלאָק. זשאָרעס איז געווען וויצע־פּאַרזיצער פון דעפּוטאַטען קאַמער. נאָך דער שליכטונג פון דער דרייפוס־אַפּערע איז ער געוואָרען דער אמת׳ער פיהרער פון דער רעפּובליקאַנער מאַיאָריטעט. פון דער אַנדער זייט, האָבען די נאָכפאָלגער פון געד און וואַיאַן אונטערגעשטראָכען זייער אָפּאָזיציאָנעלע שטעלונג.

און אין דייטשלאַנד האָט דער גרויסער שטרייט צווישען קאַוטסקי און בערנשטיין וועגען רעוויזיאָניזם ארויסגעבראַכט ערנסטע פּראָבלעמען. א קורצע צייט פאַר דעם אַמסטערדאַמער סאָציאַליסטישען קאָנגרעס (1904) האָט דער שטרייט דערגרייכט דעם העכסטען פּונקט. פאַר דעם קאָנגרעס האָבען שוין די דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטען אין דרעזדען פאַרדאַמט דעם רעוויזיאָניזם, רעפאָרמיזם און די מיט־ארבייטערשאַפט מיט די בורזשואַזע פּאַרטייען.

די דרעזדענער רעזאָלוציע, וואָס איז געווען געצילט אין בערנשטיינ׳ען און זשאָרעס׳ן, איז איבערגעגעבען געוואָרען צום אינטערנאַציאָנאַלען קאָנגרעס. זשאָרעס האָט זיך העפטיג פאַרטיידיגט. אַדלער און וואַנדערוועלדע האָבען צוגעגעבען אַן אַמענדמענט, וואָס באַריהרט ניט דעם פּרינציפּ פון דער דרעזדענער רעזאָלוציע, אָבער וואָס האַלט זיך אָפּ פון „א פאַרדאַמונג קעגען זשאָרעס׳ען, וואָס זאָל ניט קאָנען רעווידירט ווערען ביז אין דריי יאָהר ארום".

דער אַמענדמענט איז אבער דורכגעפאַלען, ווייל עס איז געווען א גלייכע צאָהל שטימען פאַר און געגען. זשאָרעס און זיינע חברים האָבען ניט געהאַט קיין אַנדער ברירה, אויסער אונטערוואַרפען זיך אָדער ארויסטרעטען פון אינטערנאַציאָנאַל.

זשאָרעס האָט ניט לאַנג געקלערט. ער האָט תיכף אָפּגעבראָכען די באַציהונגען מיט דעם רעפּובליקאַנער בלאָק. ער איז אַליין געוואָרען דער בויער פון סאָציאַליסטישער איינינקייט, און אינאיינעם מיט גער, וואיאַן און סעמבאַ האָט ער זיך אין משך פון צעהן יאָהר צייט אָפּגעגעבען מיט פּראָפּאַגאַנדע, אויפקלערונג און רעוואָלוציאָנערער אָפּאָזיציע, וואָס האָט איהם סוף כל סוף געפיהרט צום טויט און אומשטערבליכקייט.

ווען די מלחמה האָט אויסגעבראָכען, איז די סאָציאַליסטישע איינינקייט געווען א פאַרווירקליכטער פאַקט איבער גאַנץ מערב אייראָפּע. עס איז גאַר קיין ספק ניט, אַז דער אַמסטערדאַמער קאָנגרעס האָט א סך געהאָלפען אין דעם.

אין לאָנדאָן, פאַריז און אַמסטערדאַם האָט מען א סך אויפמערקזאַמקייט געשאָנקען דער פאַראייניגונג פון די סאָציאַליסטישע כחות און דער באַזייטיגונג פון די עלעמענטען, וואָס האָבען ניט געוואָלט אָננעמען די גרונט־פּרינציפּען פון דעם אינטערנאַציאָנאַל.

אויף די שפּעטערדיגע קאָנגרעסען האָט אַן אַנדער פראַגע גענומען שפּילען אַלץ א גרעסערע ראָל, און דאָס איז געווען די פראַגע וועגען מלחמה און שלום.

שוין אין אַמסטערדאַם האָט מען די פראַגע פאַרהאַנדעלט, און פון יענער צייט שטאַמען דאָס די ספקות און די מורא׳ס, וואָס האָבען באַוואויגען זשאָרעס׳ען צו שרייבען זיין בוך „די נייע אַרמיי“.

די פראַגע איז נאָך אַמאָל נאָך ברייטער דיסקוטירט געוואָרען אין שטוטגאַרט, וואו הערווע׳ס אַרויסטרעטונגען האָבען געצוואונגען בעבעל׳ען און פאָלמאַר׳ען צו ערקלערען אַנטשידען, אַז דעם טאָג, ווען דייטשלאַנד וועט אַטאַקירט ווערען, וועט די גאַנצע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אויפשטעהן ווי איין מאַן זי צו פאַרטיידיגען.

אומזיסט האָבען קיר האַרדי און וואיאַן געפּרואווט זיי באַוועגען צוצוגעבען, אַז די אַרבייטער קאָנען שטענדיג אַנווענדען דעם גענעראַל־סטרייק אַלס מיטעל געגען מלחמה. ביידע צדדים האָבען זיך באַנוגענט מיט דורכפיהרען רעזאָלוציעס געגען מלחמה און מיליטאַריזם.

אָבער וואָס מעהר דער האָריזאָנט איז פאַרוואָלקענט געוואָרען, אַלץ מעהר האָבען די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען געשטרעבט צו טאָן אַלץ, כדי צו פאַרמיידען די קאַטאַסטראָפע. דער העכסטער פּונקט איז דערגרייכט געוואָרען אין 1912, ביים ספּעציעלען קאָנגרעס אין באַזעל. בעבעל איז דאָרטען ניט געווען, אָבער האַזע, וויקטאָר אַדלער, קיר האַרדי, דאַשינסקי און זשאָרעס האָבען איינער נאָכן אַנדערען אויסגערופען: „קיין מלחמה טאָר מעהר ניט זיין!“

דיזעלבינע פראַגע, — וואָס איז געוואָרען אַלוויכטיג, ווייל פון איהר איז אָפּגעהאַנגען דאָס איבעריגע, — האָט אויך געזאָלט דיסקוטירט ווערען אין צוויי יאָהר אַרום, אין אויגוסט, 1914, אויף דעם אינטערנאַציאָנאַלען קאָנגרעס אין ווין.

אַלץ איז געווען צוגעגרייט צו פייערען אויף א געהעריגען אופן דעם 50סטען געבורטסטאָג פון אינטערנאַציאָנאַל. די עסטרייכישע גענאָסען האָבען אָפּגעדרוקט אַן אַלבום, מיט א סך אילוסטראַציעס און מיט אַרטיקלען פון קאַוטסקי, אַדלער, און אַנדערע, וועגען דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג פאַר די 50 יאָהר.

דער דאָקומענט איז צווישען אונז פאַרטיילט געוואָרען מיט צעהן יאָהר שפּעטער ווען די עקזעקוטיווע פון דעם אינטערנאַציאָנאַל האָט זיך דאָ ניט לאַנג פאַרזאַמעלט

אין ווין. דער סואווענירט ליגט איצט פאר מיינע אויגען. ער אנטהאלט די פאָטאָגראפיעס פון די מיטגלידער פון דער אינטערנאציאָנאלער סאָציאַליסטישער ביוראָ אין יוני, 1914. זיי זיינען 66 אין צאָהל. א סך פון זיי זיינען טויט, — דערמאָרדעט אָדער געשטאָרבען פון עגמת נפש צוליב דער מלחמה. זשאָרעס, האַזע, ראָזא לוקסעמבורג, און אויך קיר האַרדי, וויקטאָר אדלער, עדוואַרד וואַיאַן, זשול געד, מאַרסעל סעמבאָ.

אנדערע פון זיי זיינען איצט, אָדער זיינען געווען פּרעמיערען אָדער הויפּטען פון מלוכות, — רעמסיי מעקדאָנאלד, סטאונינג, בראַנטינג, און עבערט.

נאָר צוויי פון זיי זיינען אריבער צום באָלשעוויזם, — אנדזשעליקא באלאבאַנאָווא, וואָס איז דאָ ניט לאַנג אויסגעשלאָסען געוואָרען פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, און ראַקאָווסקי, דער הויפּט פון דער סאָוועט דעלעגאַציע אין לאָנדאָן, וואָס האָט רעפּרעזענטירט רומעניע אין דער ביוראָ פון סאָציאַליסטישען אינטערנאַציאָנאַל אין 1914.

לעניןן איז מעהר ניטאָ צווישען אונז, לעבעדיגע. אבער יאָהרענלאַנג איז ער געווען מיט אונז אין ביוראָ. געשטאָרבען זיינען אויך אין פאַרלויף פון לעצטען יאָהר בראַנטינג, עבערט, וואַן־קאָל, גרייליך און איגלעזיאַס. מיר האָבען אָבער אקסעלראָד'ען און, צווישען די אנדערע וועטעראַנען, דעם האָלענדער טרעלסטרא, דעם פּאָליאַק דיאַמאַנד, די דייטשען קאַוטסקי און מאָלקענבור, די טשעכען ניעמעץ און סוקופּ, דעם בולגאַר זאַקאַזאָוו און א סך אנדערע.

דאָס איז געווען א פאַרזאַמלונג, וואָס האָט רעפּרעזענטירט די אַלע נאַציאָנאַלע קרעפטען פון סאָציאַליזם, און וואָס האָבען זיך צום לעצטען מאָל פאַרזאַמעלט אין „מעזאָן דיו פּעפּל" אין בריסעל, דעם 29טען און 30טען יולי, 1914. אפילו דעמאָלט נאָך, ווען דער שאָטען פון מלחמה איז שוין איבער אונז געהאַנגען, האָט נאָך אַלץ געהערשט צווישען אונז אפּטימיזם.

אדלער האָט געהאַלטען, אז א מלחמה צווישען דייטשלאַנד און פראַנקרייך איז מאָראַליש אונמעגליך. האַזע האָט זיך פאַרלאָזען, ניט אויף דעם קייזער'ס מענשליכקייט, נאָר אויף זיין פייגהייט אין דעם לעצטען מאָמענט.

זשאָרעס האָט צום לעצטען מאָל גערעדט דעם אָווענט פון 30טען יולי. ער האָט ווידער דערקלערט, אז ער גלויבט אין א פרידליכען אויסוועג. „אָבער אויב די רעגירער פון דער וועלט ווילען דאָך לויז לאָזען די האַנט פון מלחמה, — האָט ער נביאות געזאָגט מיט א פּראָפעטישען טאָן, — וועט צום סוף פון דער מלחמה יעדע נאַציע אויפשטעהן אנטקעגען דעם שולדיגען אין איהרע צרות און וועט זאָגען צו איהם: „געה און בעט מחילה ביי גאָט און ביי מענשען".

די נבואה איז מקוים געוואָרען. די מלחמה האָט געבאָרען רעוואָלוציעס. דער רוהם פון די קייסאָרים איז פאַרשוואונדען. זשאָרעס איז אין פּאַנטעאָן. די זעלבסטהערשאַפטען זיינען טויט. דער אינטערנאַציאָנאַל לעבט.

3

פרידריך אַדלער:

דער נייער אינטערנאַציאָנאַל

דער פונדאַמענט פון דעם נייעם אינטערנאַציאָנאַל איז געלעגט געוואָרען אין האַמבורג, דעם 27טען מאי, 1923.

דער ערפאָלג פון דעם קאָנגרעס האָט איבערטראָפען אַלע ערוואַרטונגען. זעקס הונדערט און צוואַנציג דעלעגאַטען פון 30 לענדער זיינען געווען אַנוועזענד.

דער קאָנגרעס האָט אָנגעהאַלטען פינף טעג, און עס זיינען אויפגענומען געוואָרען צו דיסקוסיע די פאָלגענדע פראַגען: „אינטערנאַציאָנאַלע אַקציע קעגען אינטערנאַציאָנאַלער רעאַקציע", „דער אימפּעריאַליסטישער שלום און די טאַקטיק פון דעם אַרבייטער קלאַס", „דער אַכט־שטונדיגער אַרבייטס־טאָג און די אינטערנאַציאָנאַלע געזעצגעבונג פאַר סאָציאַלער רעפאָרם".

די וויכטיגסטע פראַגע איז אָבער געווען, צי מען קאָן האָבען ערפאָלג אין פאַראייניגען די אינטערנאַציאָנאַלע פּראָלעטאַרישע אָרגאַניזאַציעס. צום גליק, איז מען נאָך פאַר דעם קאָנגרעס געווען זיכער, אַז די פאַראייניגונג וועט דורכגעפיהרט ווערען.

ערב דעם קאָנגרעס האָט דער „ווינער פאַרבאַנד" אָפּגעהאַלטען אַ קאָנפערענץ און האָט אָנגענומען די פאָלגענדע רעזאָלוציע:

„אויב דער פונדאַמענט פון דעם אַרבייטער און סאָציאַליסטישען אינטערנאַציאָנאַל וועט געלעגט ווערען, און דער צווייטער אינטערנאַציאָנאַל וועט זיך דערקלערען אויפגעלעזט, זאָל די פונקציאָנירונג פון דעם „ווינער פאַרבאַנד" אויפהערען, און די אָרגאַניזאַציע זאָל אויפגעלעזט ווערען."

און די עקזעקוטיווע פון דעם צווייטען אינטערנאַציאָנאַל האָט באַשלאָסען:

„אַז דער „ווינער פאַרבאַנד" און דער צווייטער אינטערנאַציאָנאַל זאָלען תיכף אויפגעלעזט ווערען, ווי נאָר די קאָמיסיע וועגען רעגלען וועט אַריינטראָגען איהר באַריכט, און דער קאָנגרעס וועט קומען צו אַ באַשלוס. דאָס וועט אויטאָמאַטיש באַזייטיגען יעדע געפאַהר, אַז איינע פון די קערפּערשאַפטען זאָל בלייבען עקזיסטירען."

מיט אַ שטורמישען בייפאַל האָט דער האַמבורגער קאָנגרעס אָנגענומען די רעגלען פון דעם נייעם אַרבייטער און סאָציאַליסטישען אינטערנאַציאָנאַל. די פאַראייניגונג איז געוואָרען אַ ווירקליכקייט.

עס איז נאָר פאַראַן איין חסרון. דער אינטערנאַציאָנאַל האָט ניט קיין נומער, ווייל ער איז ניט דער צווייטער, ניט דער דריטהאַלבער, ניט דער דריטער, און ניט דער פערטער. ער איז און וועט ניט זיין עפּעס אַנדערש, ווי דער אַרבייטער און סאָציאַליסטישער אינטערנאַציאָנאַל.

דאָס קאָן אפשר זיין אַ שוועריגקייט פאַר די, וואָס קאָנען נאָר אומגעהן מיט קליינע צאָהלען. די אָבער, וואָס האָבען צו טאָן מיט גרויסע ציפערען, וועלען וויסען, אַז מיר האָבען צוזאַמענגעבראַכט אין דעם אַרבייטער און סאָציאַליסטישען אינטערנאַציאָנאַל **איבער זיבען מיליאָן אָרגאַניזירטע אַרבייטער.**

פארקערט, דער מאָסקווער אינטערנאַציאָנאַל, לויט זיין אייגענער סטאַטיסטיק, וואָס ער האָט לעצטענס פארעפענטליכט, פאַר דעם יאָהר 1924, האָט אַ סך ווענינגער ווי איין מיליאָן מיטגלידער, און דיזע ציפער שליסט שוין אויך איין די קאַנדידאַטען, וואָס האַלטען אין לייטערען זיך.

איינינע קלענערע פּארטייען שטעהען נאָך מחוץ יעדען אינטערנאַציאָנאַל, אבער זיי זיינען קליין אין צאָהל. די גרויסע מאַסען פון די סאָציאַליסטישע ארבייטער פון אלע לענדער זיינען פאראייניגט אין דעם ארבייטער און סאָציאַליסטישען אינטערנאַציאָנאַל.

* * *

די רעגלען פון דעם ארבייטער און סאָציאַליסטישען אינטערנאַציאָנאַל הויבען זיך אָן מיט אזא דעקלאַראַציע:

„דער ארבייטער און סאָציאַליסטישער אינטערנאַציאָנאַל איז אַ בונד פון אזעלכע פּארטייען, וואָס נעמען אָן דעם פּרינציפּ פון דער עקאָנאָמישער באַפרייאונג פון דעם ארבייטער קלאַס פון אונטער דער קאַפּיטאַליסטישער הערשאַפט, און די גרינדונג פון אַ סאָציאַליסטישען שטאַט — אלס זייער ציל, און דעם קלאַסענקאַמף, וואָס געפינט זיין אויסדרוק אין דער אומאָפּהענגיגער פּאָליטישער און אינדוסטריעלער אקציע פון די ארבייטער אָרגאַניזאַציעס — אלס דעם מיטעל צו דערגרייכען זייער ציל.

„דער ציל פון דעם ארבייטער און סאָציאַליסטישען אינטערנאַציאָנאַל איז צו פאראייניגען די טעטיגקייטען פון די אָנגעשלאָסענע פּארטייען, צו אראַנזשירען געמיינשאַפטליכע אקציעס און צו פאַרווירקליכען די פולשטענדיגע פאראייניגונג פון דער אינטערנאַציאָנאַלער ארבייטער און סאָציאַליסטישער באַוועגונג אויפ׳ן באַזיס פון אָט דער קאָנסטיטוציע.״

דער ציל פון דעם ארבייטער און סאָציאַליסטישען אינטערנאַציאָנאַל איז צו פאראייניגען די טעטיגקייט פון די אָנגעשלאָסענע פּארטייען. עס וואָלט געווען אַ פּוסטע זעלבסט-נאַרעריי צו באַהויפּטען, אז אָט דער ציל איז שוין דערגרייכט געוואָרען. אָבער דער ארבייטער און סאָציאַליסטישער אינטערנאַציאָנאַל איז די אָרגאַניזאַציע, וואָס קאָן אזא פאראייניגונג דורכפיהרען.

ניט דורך געגענזייטיגע שטרייטען פון פארשידענע ארגאַניזאַציעס איינע קעגען דער אַנדערער, נאָר דורך אַ געדאַנקען-קאַמף אין דער אָרגאַניזאַציע גופא קאָן אַ פּארטיי דערגרייכען אַ פארשטענדיגונג און פאראייניגטע טעטיגקייט.

דער גרונט פּרינציפּ פון דעם ארבייטער און סאָציאַליסטישען אינטערנאַציאָנאַל איז, אז די ארבייטער קלאַסען האַלטען אין זייערע הענט זייער שיקזאַל, אז עס דאַרף הערשען אַבסאָלוטע דעמאָקראַטיע אין דעם אינטערנאַציאָנאַל, דאָס הייסט, אז אנטשיידען וועלען ניט די באַפעלען פון אַ מינאָריטעט, מעג זי האָבען אפילו די בעסטע כונות, נאָר די אנטשיידונג פון דער מאַיאָריטעט פון דעם ארבייטער קלאַס. און כאָטש אָט די מאַיאָריטעט קאָן אמאָל מאַכען טעות׳ען, איז וויכטיג, אז די ארבייטער קלאַסען פאָלגען נאָך דעם וועג, וואָס זיי האָבען אליין אויסגעקליבען.

אין אַט דעם מעטאָד פון זעלבסטבאַשטימונג פון די ארביי־טער קלאַסען זעהען מיר פאָראויס אלע האָפנונגען פון צוקונפטיגען זיג. ביז וואנען עס וועט ניט דערגרייכט ווערען א צוזאַמענשמעלצונג פון ארגאניזאציע, איז מעגליך א קאָאָפּעראַציע מיט יעדער ארבייטער אָרגאַניזאַציע, וואס נעמט אָן אַט דעם פּרינציפּ.

אין אַט דעם זין אפּעלירען די רעגלען פון ארבייטער און סאָציאַליסטישען אינטער־נאַציאָנאַל צו די ארבייטער פון דער וועלט צו ברענגען צו אייניגקייט אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג פון יעדען לאַנד און אין דעם אינטערנאַציאָנאַל. ער איז פעסט אנטשלאָסען צו ארבייטען ענערגיש פאַר אַט דער אייניגקייט אויפ'ן באַזיס פון די באַשלוסען און רעזאָלוציעס, וואָס ער פיהרט דורך.

דער באַריכט, וואָס דער אַרבייטער און סאָציאַליסטישער אינטערנאַציאָנאַל האָט געבראַכט צום מארסעלער קאָנגרעס, גיט א צופרידענשטעלענדיג בילד פון זיין אָרגאַניזירענדער מאַכט. פיר און פערציג פּאַרטייען זיינען אנגעשלאָסען אָן דעם ארבייטער און סאָציאַליסטישען אינטערנאַציאָנאַל. די אָנשליסונג אָפּצאָהלען זיינען אריינגעטראָגען געווארען פון מעהר ווי 6,250,000 מיטגלידער, און חוץ דעם זיינען נאָך פאַראַן די מיטגלידער פון אַזעלכע פּאַרטייען, וואָס קאָנען ניט ארבייטען אלס עפענטליכע אָרגאַניזאַציעס, צוליב די רעפּרעסיעס פון די רעגירונגען אין זייערע לענדער.

די צאָהל שטימען וואָס זיינען אפּגעגעבען געווארען פאַר די פּאַרטייען פון דעם ארבייטער און סאָציאַליסטישען אינטערנאַציאָנאַל, שטייגט אריבער 25,000,000. אין די פּאַרלאַמענטען האָבען אַט די פּאַרטייען 1,022 דעפּוטאַטען. דריי הונדערט און צוועלף טעגליכע צייטונגען גיבען זיי אַרויס, און חוץ דעם נאָך טויזענטער אנדערע צייטונגען און זשורנאַלען, וואָס געהען אַרויס רעגעלמעסיג ניט טעגליך.

צום אַרבייטער און סאָציאַליסטישען אינטערנאַציאָנאַל געהערען פּאַרטייען אין כמעט אַלע לענדער פון אייראָפּע. דאָך, ווי גרויס עס זאָל ניט זיין דער רעזולטאַט, וואָס איז ביז איצט דערגרייכט געווארען ,איז די אויפגאַבע פאַר דער צוקונפט נאָך גרעסער. און דאָ רעדען מיר ניט נאָר וועגען אייראָפּע אליין, נאָר באַזונדערס וועגען די אנדערע קאָנטינענטען, וואו די ארגאַניזאַציעס האָבען זיך ערשט אָנגעהויבען אנטוויקלען.

דער באַריכט פון אַרבייטער און סאָציאַליסטישען אינטערנאַציאָנאַל, — וואָס פאַרנעמט איבער 200 זייטען, און וואָס איז געדרוקט אין דריי שפּראַכען, — פּרואווט צום ערשטען מאָל געבען א פולשטענדיג בילד פון די טעטיגקייטען פון די פאַרשידענע פּאַרטייען.

אָבער חוץ די רעזולטאַטען פון אָרגאַניזאַציע פאַר די ערשטע צוויי יאָהר פון דער טעטיגקייט פון אינטערנאַציאָנאַל, איז נאָך א גרעסערער חידוש צו געפינען אין דעם באַריכט די גרויסע מאַסע פּאָליטישע ארבייט, וואָס איז אויפגעטאָן געווארען און וואָס איז צום ערשטען מאָל געזאַמעלט און פאַרעפענטליכט געווארען.

דער נייער אינטערנאַציאָנאַל האָט שוין אַרויסגעוויזען זיין מאַכט. די באַציהונגען צווישען די אָנגעשלאָסענע פּאַרטייען זיינען געוואָרען ענגער. די אינטערנאַציאָנאַלע עקזעקוטיווע, וואָס האָט זיך פאַרזאַמעלט אַלע דריי חדשים, האָט בייגעטראָגען אין א גרויסער מאָס צו דער איינשטעלונג פון א האַרמאָנישער אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטיק און טאַקטיק פון דעם אַרבייטער קלאַס.

דער סאָציאַליזם און דער קאָמוניזם אין ציפערן

די צאָהל מיטגלידער פון די סאָציאַליסטישע און קאָמוניסטישע פאַרטייען, די צאָהל שטימען וואָס זיי האָבען באַקומען אין די לעצטע וואַהלען און די צאָהל דעפּוטאַטען וואָס זיי האָבען אין די פאַרשידענע פאַרלאַמענטען.

אַרגענטינע.

סאָציאַליסטישע פאַרטיי. — געגרינדעט אין 1892, צאָהל מיטגלידער 9692. פאַרמאָגט צוויי טעגליכע צייטונגען, 32 וואָכענשריפטען און איין זשורנאַל. אָפיציעלער אָרגאַן פון דער פאַרטיי „לא וואַנגאַרדיאַ“ (אַ טעגליכע צייטונג) ערשיינט אין בוינעס-אַיירעס. האָט 18 דעפּוטאַטען אין פאַרלאַמענט (פון דער אַלגעמיינער צאָהל 156), און צוויי דעפּוטאַטען אין סענאַט. אין די לעצטע פּרעזידענט וואַהלען פון 1922 האָט די ס. פּ.. געצויגען 78,479 שטימען. דער סעקרעטאר פון דער פאַרטיי איז גאָנזאַלעס מאַסעדא.

קאָמוניסטישע פאַרטיי. — צעהלט 3500 מיטגלידער און האָט קיין איינציגען דעפּוטאַט ניט אין פאַרלאַמענט. די קאָמוניסטען האָבען געהאַט איין פאָרשטעהער אין דער שטאַדט־פאַרוואַלטונג פון בוינעס-אַיירעס, אָבער אין די לעצטע וואַהלען איז ער אויך דורכגעפאַלען.

אַרמעניען.

אַרמענישע רעוואָלוציאָנערע פעדעראַציע — „דאַשנאַקציון“. — געגרינדעט אין יאָהר 1890. צעהלט 58,000 מיטגלידער (אַריינגערעכענט די אימיגראַנטען). פאַרמאָגט פיער טעגליכע צייטונגען, צוויי וואָכענשריפטען, דריי צייטונגען וואָס ערשיינען דריי מאָל אַ וואָך, צוויי וואָס ערשיינען צוויי מאָל אַ וואָך און צוויי מאָנאַט־שריפטען. אַלע צייטונגען ערשיינען אין אויסלאַנד. דער אָפיציעלער אָרגאַן פון דער פאַרטיי „דראָשאַק“ ערשיינט אין זשענעווא, שווייץ. איידער אַרמעניע איז פאַרנומען געוואָרען פון דער באָלשעוויסטישער און פון דער טערקישער אַרמייען האָט די פאַרטיי אין 1920 געהאַט 87 דעפּוטאַטען אין פאַרלאַמענט (פון דער אַלגעמיינער צאָהל 82), אין די וואַהלען פון 1920 האָט זי באַקומען 196,000 שטימען. דער פיהרער פון דער פאַרטיי איז א. אישאַקיאַנץ.

קאָמוניסטישע פאַרטיי. — צעהלט 1900 מיטגלידער. דאָס איז די צאָהל וואָס ווערט אָנגעגעבען פון דעם קאָמוניסטישען אינטערנאַציאָנאל. אַט די קאַרגע 2,000 מיטגלידער האַלטען דאָס אָן די דיקטאַטור איבער אַרמעניע.

עסטרייך.

סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פאַרטיי. — געגרינדעט אין 1899. צאָהל מיטגלידער 576,107 (צווישען זיי 165,190 פרויען) כמעט אַ העלפט פון זיי (301,744) געפינען זיך אין דער שטאָדט וויען. די פאַרטיי פאַרמאָגט זעקס טעגליכע צייטונגען, 15 וואָכענטליכע און 9 מאָנאַטשריפטען. די הויפּט צייטונג פון דער פאַרטיי איז די וויענער „ארבייטער צייטונג“. די פאַרטיי האָט 68 דעפּוטאַטען אין פאַרלאַמענט (פון דער אַלגעמיינער צאָהל 165) און אין דעם פעדעראל־ראַט, 21 פאָרשטעהער (פון דער אַלגעמיינער צאָהל 50). אין די וואהלען פון יאָהר 1923, האָט די פאַרטיי געקראָגען 1,311.870 שטימען. (39 און האלב פּראָצענט פון דער אלגעמיינער צאָל אָפּגעגעבענע שטימען). פּאָרזיצענדער פון דער פאַרטיי איז קאַרל זייעטץ. אין דער עקזעקוטיוו קאָמיטע געהן אריין: פרידריך אַדלער, פרידריך אויסטערליץ, אָטאָ באוער, מאטיעס עלדערש, ווילהעלם עלענבאגען, אדעלהייד פּאָפּ, קאַרל רענער, יאקאָוו רייגמאַן, יאָזעף טאָמשיק. די פאַרטיי האָט אַ מאַיאָריטעט אין דער ווינער שטאָדט־פארוואלטונג.

קאָמוניסטישע פאַרטיי. — די צאָהל מיטגלידער ווערט נישט אָנגעגעבען אין די

באַריכטען פון דעם קאָמוניסטישען אינטער־נאַציאָנאַל. אין די לעצטע וואהלען פון יאָהר 1923, האָט זי באַקומען 22,164 שטימען און האָט נישט ערוועהלט קיין איין איינציגען דעפוטאַט.

טשעכאָ־סלאָוואקישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פאַרטיי פון עסטרייך. — געגרינדעט אין 1876. צאָהל מיטגלידער 14,200. פאַרמאָגט איין טעגליכע צייטונג און צוויי מאָנאַטשריפטען. אָפיציעלער אָרגאַן פון דער פאַרטיי „דעלניצקע ליסטי", א טעגליכע צייטונג, וואָס ערשיינט אין וויען. האָט ניט קיין איין פאַרשטעהער אין פאַרלאַמענט. איהרע צוויי פאַרשטעהער אין וויענער שטאַט־פאַרוואלטונג זיינען ערוועהלט געוואָרען אויפ'ן טיקעט פון דער עסטרייכישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פאַרטיי. אין די וואהלען צום פאַרלאַמענט זיינען זיי ארויסגעטראָטען צוזאַמען מיט דער עסטרייכישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. פאָרזיצענדער פון דער פאַרטיי — לעסאַק.

בעלגיען.

אַרבייטער־פאַרטיי. — געגרינדעט אין 1885. צאָהל מיטגלידער, 621,559 (פון וועלכע 88,960 זיינען פרויען). פאַרמאָגט אַכט טעגליכע צייטונגען, 29 וועכענטליכע, 29 מאָנאַטשריפטען און 14 פאַרשידענע אַנדערע פעריאָדישע אויסגאַבען. אָפיציעלע אָרגאַן פון דער פאַרטיי, „לאָ פעפל", א טעגליכע צייטונג, ערשיינט אין ברוסעל. די פאַרטיי האָט 79 דעפוטאַטען אין פאַרלאַמענט (פון דער אַלגעמיינער צאָהל 178) און 59 פאַרשטעהער אין סענאַט (פון דער אלגעמיינער צאָהל 153). אין די לעצטע וואהלען (אַפּריל, 1925) האָט זי באַקומען 820,650 שטימען. די פיהרער פון דער פאַרטיי זיינען וואַנדערוועלדע, דע־ברוקער, דזש. וואַטערס, און אַנדערע.

בולגאַריע.

סאָציאַל דעמאָקראַטישע פאַרטיי. — געגרינדעט אין 1893. צאָהל מיטגלידער, 26,562. פאַרמאָגט צוויי טעגליכע צייטונגען, 9 וועכענטליכע און איין מאָנאַטליכען זשורנאַל. אָפיציעלער אָרגאַן, „נאַראָד" — אַ טעגליכע צייטונג, ערשיינט אין סאָפיע. די פאַרטיי האָט 29 דעפוטאַטען אין פאַרלאַמענט (פון דער אלגעמיינער צאָהל 245). די פיהרער פון דער פאַרטיי, „לאָ פעפל", אַ טעגליכע צוי־
ד. קאַסאַזאוו.

קאָמוניסטישע פאַרטיי. — די צאָהל מיטגלידער וואָס זי ציילט איצט איז נישט באַוואוסט, ווייל זינט דעם קאָמוניסטישען אויפשטאַנד פון 1923, איז די פאַרטיי אויפגעלייזט און עקזיסטירט אונלעגאַל. אין 1925 נאָך דעם קאָמוניסטישען אויפשטאַנד, זיינען די עטליכע קאָמוניסטישע דעפוטאַטען אויסגעשלאָסען געוואָרען פון פאַרלאַמענט פאר באַטייליגען זיך אין אויפשטאַנד.

טשעכאָ־סלאָוואקיע.

טשעכאָ־סלאָוואקישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אַרבייטער פאַרטיי. — געגרינדעט אין 1872. צעהלט 116,062 מיטגלידער (אַריינגערעכענט 19,671 פרויען). פאַרמאָגט פינף טעגליכע צייטונגען, 28 וואָכענטליכע, צוויי צייטונגען וואָס ערשיינען דריי מאָל אַ וואָך, דריי וואָס ערשיינען צוויי מאָל אַ וואָך און צוויי זשורנאַלען. אָפיציעלער אָרגאַן, „פראַווא לידו", אַ טעגליכע צייטונג, וואָס ערשיינט אין פראַג. עהרען פאָרזיצענדער פון דער פאַרטיי, א. נעמעץ. אין די לעצטע וואַלען פון 1925 האָט די פאַרטיי אַקומען 631,113 שטימען און האָט ערוועהלט 29 דעפוטאַטען.

דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פאַרטיי פון טשעכאָ־סלאָוואקיע. — צאָל מיטגלידער 72,209, אַריינגערעכענדיג 19,305 פרויען. פאַרמאָגט זיבען טעגליכע צייטונגען, איין צייטונג וואָס ערשיינט דריי מאָל אַ וואָך, 5 צוויי מאָל אַ וואָך, דריי וואָכענשריפטען און צוויי זשורנאַלען. אָפיציעלער אָרגאַן „סאָציאַל־דעמאָקראַט", טעגליכע צייטונג ערשיינט אין פראַג. אין די לעצטע וואהלען האָט זי געקראָגען 411,040 שטימען און האָט ערוועהלט 17 דעפוטאַטען. פאָרזיצענדער פון דער פאַרטיי, דר. טשעך.

קאָמוניסטישע פאַרטיי. — לויט איהר אייגענעם באַריכט האָט זי אין נאָוועמבער 1924 פאַרמאָגט אַרום 130,000 מיטגלידער, פון וועלכע 69 פּראָצענט זיינען געווען טשעכען און 21 פּראָצענט דייטשען. אין די לעצטע וואהלען פון 1925 האָט זי באַקומען 933,711 שטימען און האָט ערוועהלט 41 דעפוטאַטען.

אונגאַרישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אַרבייטער פאַרטיי. — געגרינדעט אין 1921 צאָהל מיטגלידער 3060. פאַרמאָגט איין וועד־

בענטליכע ציימונג „מונקאַסיוסאַג“ וואָס ער־שיינט אין בראַטיסלאַווא.

פוילישע סאָציאַליסטישע ארבייטער פּאַרטיי. — געגרינדעט אין 1921. צאָהל מיט־גלידער 2000. פּאַרמאָגט איין טעגליכע ציימונג, איין וועכענטליכע און איין מאָנאַטליכען זשורנאַל. אָפּיציעלער אָרגאַן פון דער פּאַרטיי „ראַבאָטניק סלאַסקי“ אַ טעגליכע ציימונג וואָס ערשיינט אין פּריהשטאַט. פּרעזידענט פון דער פּאַרטיי א. סטעפעק.

סאָציאַל דעמאָקראַטישע ארבייטער פּאַרטיי פון קאַרפּאַטען־רוסלאַנד. — געגרינדעט אין 1920. צאָהל מיטגלידער 6420 פּאַרמאָגט צוויי וועכענטליכע ציימונגען און איין זשורנאַל. אָפּיציעלער אָרגאַן „ווּפּערעד“ אַ וועכענטליכע ציימונג וואָס ערשיינט אין אושהאָראָד. סעקרעטאר פון דער פּאַרטיי וו. פּיטשא.

דאַנציג.

סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי. — געגרינדעט אין 1919. צאָהל מיטגלידער 3514 אָפּיציעלער אָרגאַן „דאַנציגער פאָלקס־שטימע“, (אַ טעגליכע ציימונג). האָט 30 פּאַרשטעהער אין פּאַרלאַמענט (פון דער אַלגעמיינער צאָהל 120). אין די וואַהלען פון יאָהר 1923 האָט די פּאַרטיי געקראָגען 39,755שטימען, סעקרע־טאר פון דער פּאַרטיי דזשיי. מאו.

קאָמוניסטישע פּאַרטיי. — צאָהל מיט־גלידער ווערט ניט אָנגעגעבען אין דעם באַריכט פון דעם קאָמוניסטישען אינטערנאַציאָנאַל. אין די וואַהלען פון 1923 האָט זי באַקומען 14,901 שטימען און האָט ערוועהלט 11 דעפּו־טאַטען.

דענמארק.

סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי. — געגרינדעט אין 1871. צאָהל מיטגלידער 143,203 (פון וועלכע 44,406 זיינען פרויען). פּאַרמאָגט 61 טעגליכע ציימונגען און 2 מאָנאַט־שריפטען. אָפּיציעלער אָרגאַן „סאָציאַל־דעמאָקראַטען“, אַ טעגליכע ציימונג, וואָס ערשיינט אין קאָפּענהאַגען. אין די פּאַרלאַ־מענט־וואַהלען פון 1924 האָט די פּאַרטיי באַ־קומען 469,949 שטימען און האָט ערוועהלט 55 דעפּוטאַטען (פון דער אַלגעמיינער צאָהל 149.) דער פּרעזידענט פון דער פּאַרטיי — ט. סטאונינג, איז איצט אויך דער פּרעמיער־מי־ניסטער פון דענמאַרק.

קאָמוניסטישע פּאַרטיי. — צאָהל מיט־גלידער נישט אָנגעגעבען אין דעם באַריכט פון דעם קאָמוניסטישען אינטערנאַציאָנאַל. אין די לעצטע וואַהלען האָט זי באַקומען 6219 שטי־מען און האָט נישט ערוועהלט קיין איינציגען דעפּוטאַט.

עסטאָניע.

סאָציאַליסטישע ארבייטער פּארטיי — געגרינדעט אין 1917. האָט 42,000 מיטגלי־דער. פּאַרמאָגט איין וועכענטליכע ציימונג „אוהענדוס“, וואָס ערשיינט אין רעוועל. אין די וואהלען פון 1923, האָט זי באקומען 86 טויזענט שטימען און האָט ערוועהלט 22 דעפּוטאַטען (פון דער אלגעמיינער צאָהל הונ־דערט). פּרעזידענט פון דער פּארטיי — א. ריי.

קאָמוניסטישע פּאַרטיי. — לויט דעם באַריכט פון דעם קאָמוניסטישען אינטערנאַ־ציאָנאַל, צעהלט די פּאַרטיי 3250 מיטגלידער. אין די וואהלען פון 1923 האָט זי ערוועהלט 10 מיטגלידער אין פּאַרלאַמענט, אָבער פון זיי זיינען 4 אריבער צו די סאָציאַליסטען, 2 האָבען זיך ערקלערט פאר אונאָפּהענגיגע און די איבעריגע 4, וואָס זיינען געווען פארבונ־דען מיט׳ן קאָמוניסטישען אויפשטאַנד אין 1925, האָבען פאַרלאָרען זייערע פּלעצער אין פּאַרלאַמענט.

פינלאנד.

סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי. — געגרינדעט אין 1899. צאָהל מיטגלידער 28,000, פּאַרמאָגט פינף טעגליכע ציימונגען, זעקס וואָס ערשיינען דריי מאָל אַ וואָך און צוויי וואָכענשריפטען. אָפּיציעלער אָרגאַן „סיואָמען סאָציאַל דעמאָקראַטי“, אַ טעגליכע ציימונג וואָס ערשיינט אין העלסינגפאָרס. אין די וואַלען פון 1924 האָט די פּאַרטיי באַקו־מען 254,672 שטימען און האָט ערוועהלט זעכציג דעפּוטאַטען אין פּאַרלאַמענט (פון דער אַלגעמיינער צאָהל 200). פּאַרזיצענדער פון דער פּאַרטיי איז וו. טאַנער.

קאָמוניסטישע פּאַרטיי. — צאָהל מיט־גלידער ווערט נישט אָנגעגעבען פון קאָמו־ניסטישען אינטערנאַציאָנאַל. אין די לעצטע וואַהלען האָט די פּאַרטיי באַקומען 91,664 שטימען און האָט ערוועהלט 18 דעפּוטאַטען.

פראַנקרייך.

סאָציאַליסטישע פאַרטיי. — געגרינדעט אין 1905. צאָהל מיטגלידער 110,000. פאַרמאָגט פינף טעגליכע צייטונגען און 47 וועכענטליכע. אָפיציעלער אָרגאַן „פאָפולער" ערשיינט אַלע צוויי וואָכען. אין די לעצטע וואַהלען האָט די פאַרטיי געקראָגען 1,700,000 שטימען און האָט ערוועהלט 105 דעפוטאַטען אין פאַרלאַמענט (פון דער אַלגעמיינער צאָהל 600.) זי האָט אויך זעקס פאָרשטעהער אין סענאַט, (פון דער אַלגעמיינער צאָהל 300.) גענ. סעקרעטאַר פון דער פאַרטיי פאול פאַוור.

קאָמוניסטישע פאַרטיי. — פאַרמאָגט לויט דעם באַריכט פון קאָמוניסטישען אינטערנאַציאָנאַל 50,000 מיטגלידער. אין די לעצטע וואַהלען האָט זי באַקומען 800,000 שטימען און האָט ערוועהלט 27 דעפוטאַטען אין פאַרלאַמענט. אין דער צייט פון דער שפּאַלטונג פון דער סאָציאַליסטישער פאַרטיי האָבען די קאָמוניסטען פאַרכאַפּט די הויפּט צייטונג די „לאַ יומאַניטע", די אַיינפלוסרייכסטע טעגליכע סאָציאַליסטישע צייטונג פון פראַנקרייך און די צייטונג געפינט זיך עד היום אין זייערע הענט.

גרוזיען.

סאָציאַל-דעמאָקראַטישע אַרבייטער פאַרטיי. — געגרינדעט אין 1899. זייט די באָלשעוויקעס האָבען פאַרכאַפּט גרוזיען עקזיסטירט די פאַרטיי אונלעגאַל. זי צעהלט איצט אַרום 8000 מיטגלידער. ניט לאַנג איז דאָרטען פאָרגעקומען אן אונלעגאַלער צוזאַמענפאַהר פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער פאַרטיי, אויף וועלכען עס זיינען געווען פאַרטרעטער פון גאַנצען לאַנד. די פאַרטיי גיט אַרויס אן אונלעגאַלע צייטונג „אונזער איינהייט" דער צענטראַל קאָמיטעט געפינט זיך אין גרוזיען. די אויסלענדישע דעלעגאַציע פון דער פאַרטיי באַשטעהט פון נ. זשאָרדאניא און י. צערעטעלי.

קאָמוניסטישע פאַרטיי. — לויט דעם באַריכט פון דעם קאָמוניסטישען אינטערנאַציאָנאַל צעהלט זיך איצט 11,000 מיטגלידער. דאָס איז די איינציגע פאַרטיי וואָס עקזיסטירט לעגאַל אין לאַנד און וואָס רעגירט איבער דער גאַנצער באַפעלקערונג.

דייטשלאַנד.

סאָציאַל-דעמאָקראַטישע פאַרטיי. — געגרינדעט אין יאָהר 1875. צאָהל מיטגלידער 868,914 (פון וועלכע 144,328 זיינען פרויען). פאַרמאָגט 167 טעגליכע צייטונגען, פילע וועכענטליכע און מאָנאַטליכע זשורנאַלען. הויפּט צייטונג „פאָרווערטס" טעגליכע צייטונג, ערשיינט אין בערלין. אין די וואַהלען פון 1924 האָט זי באַקומען 7,880,963 שטימען און האָט ערוועהלט 131 דעפוטאַטען. (פון דער אַלגעמיינער צאָהל 493.) דער פּרעזידיאום פון דער פאַרטיי באַשטעהט פון הערמאַן מיולער, אָטאָ וועלס און אַרטור קריספּיען.

קאָמוניסטישע פאַרטיי. — צאָהל מיטגלידער ווערט אָנגעגעבען פון קאָמוניסטישען אינטערנאַציאָנאַל אַלס 350,000. צוליב די רייסערייען וואָס זיינען אין די לעצטע פאַר יאָהר פאָרגעקומען אין דער פאַרטיי האָט זיך די צאָהל מיטגלידער זעהר פאַרקלענערט. אין די וואַהלען פון דעצעמבער, 1924, האָט די פאַרטיי באַקומען 2,708,345 שטימען און האָט ערוועהלט 45 דעפוטאַטען, אָבער אין די וואַהלען פון מאַרטש 1925 האָט די קאָמוניסטישע פאַרטיי באַקומען שוין נישט מעהר ווי 1,871,207 שטימען. די קאָמוניסטען האָבען איצט ניט קיין מאַיאָריטעט איז קיין וויכטיגע אַרבייטער אָרגאַניזאַציע אין דייטשלאַנד.

די אונאַפּהענגיגע סאָציאַל-דעמאָקראַטישע פאַרטיי. — די צאָהל מיטגלידער איהרע איז נישט באַוואוסט. אין די לעצטע וואַהלען האָט זי באַקומען 99,126 שטימען און האָט נישט ערוועהלט קיין איין איינציגען דעפוטאַט אין פאַרלאַמענט. דיזע פאַרטיי איז געגרינדעט געוואָרען פון געאָרג לעדעבור, פון דער קליינער מינאָריטעט, וואָס איז געווען געגען דעם אַז די „אונאַפּהענגיגע סאָציאַליסטישע פאַרטיי" זאָל זיך פאַראייניגען מיט דער אַלטער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער פאַרטיי, אָבער די לעצטע צייט האָט לעדעבור אַליין אויך פאַרלאָזען די פאַרטיי און זי האָט איצט נישט קיין שום פּאָליטישען איינפלוס. דער פיהרער פון דער גרופּע איז טעאָדאָר ליבקנעכט, אַ ברודער פון קאַרל ליבקנעכט.

ענגלאַנד.

לייבאָר פאַרטיי. — געגרינדעט אין 1900, צאָהל מיטגלידער 3,155,911. די פאַרטיי איז צוזאַמענגעשטעלט פון טרייד יוניאָנס און פון אַנדערע אַרבייטער אָרגאַניזאַציעס, פאַרמאָגט איין טעגליכע צייטונג, 22 וועכענטליכע און 50 מאָנאַטליכע. אָפיציעלער אָרגאַן

„דיילי העראלד" ערשיינט אין לאנדאן. אין די לעצטע וואהלען פון אקטאבער 1924 האט די פארטיי באקומען 5,551,549 שטימען און האט ערוועהלט 151 דעפוטאטען (פון דער אלגעמיינער צאהל 650). פארזיצענדער ס. ט. קרעמפ, פיהרער פון דער לייבאר פראקציע אין פארלאמענט רעמזי מעקדאנאלד.

אינדעפענדענט לייבאר פארטיי. — געגרינדעט אין 1893. איז פארטראטען אין דער לייבאר פארטיי, צעהלט 65,000 מיטגלידער (אריינגערעכענט 20,000 פרויען.) פארמאגט 2 וועכענטליכע צייטונגען, א מאנאטליכען זשורנאל און א רייהע אנדערע נישט פעריאדישע צייטשריפטען. אפיציעלער ארגאן „די ניו לידער" ערשיינט אין לאנדאן. פון די 151 ארבייטער-דעפוטאטען, אין פארלאמענט זיינען 106 מיטגלידער פון דער אינדעפענדענט לייבאר פארטיי. פארזיצענדער קליפארד עלען.

קאמוניסטישע פארטיי. — לויט דעם אפיציעלען באריכט פון דעם קאמוניסטישען אינטערנאציאנאל צעהלט די ענגלישע קאמוניסטישע פארטיי 3,700 מיטגלידער. אין לעצטע וואהלען האט זי באקומען 555,436 שטימען. זי האט איין דעפוטאט אין פארלאמענט.

גריכענלאנד.

סאציאליסטישע פארטיי. — געגרינדעט אין 1911. צאהל מיטגלידער 3,480. אין די פארלאמענט וואהלען פון 1923 האט זי באקומען 8,600 שטימען.

קאמוניסטישע פארטיי. — לויט דעם באריכט פון דעם קאמוניסטישען אינטערנאציאנאל צעהלט זי 2200 מיטגלידער. אין די לעצטע וואהלען האט זי באקומען 25,000 שטימען.

האלאנד.

סאציאל דעמאקראטישע ארבייטער פארטיי. — געגרינדעט אין 1924. צעהלט 43,000 מיטגלידער. (פון זיי 9,273 פרויען). פארמאגט צוויי טעגליכע צייטונגען, פיר וועכענטליכע און איין מאנאטליכען זשורנאל. אפיציעלער ארגאן „העט פאלק". טעגליכע צייטונג ערשיינט אין אמסטערדאם. אין די וואהלען פון 1925 האט זי באקומען 706,317 שטימען און האט ערוועהלט 24 דעפוטאטען (פון דער אלגעמיינער צאהל 100). פארזיצענדער פון דער פארטיי וו. ווליגען.

קאמוניסטישע פארטיי. — צעהלט 1,700 מיטגלידער לויט דעם באריכט פון דעם קאמוניסטישען אינטערנאציאנאל. אין די וואהלען פון 1922 האט זי באקומען 63,664 שטימען און האט ערוועהלט צוויי דעפוטאטען. מיט דריי יאהר שפעטער, אין די וואהלען פון 1925 איז די צאהל שטימען פון דער קאמוניסטישער פארטיי געפאלען אויף 36,786 שטימען. זי האט איצט נאר איין דעפוטאט אין פארלאמענט.

אונגארן.

סאציאל-דעמאקראטישע פארטיי. — געגרינדעט אין 1894. צאהל מיטגלידער 190,000 (אריינגערעכענט 20,000 פרויען). פארמאגט איין טעגליכע צייטונג און דריי מאנאטליכע זשורנאלען. אפיציעלער ארגאן „נעפשאוואַ", ערשיינט אין בודאפעסט. אין די וואהלען פון 1922 האט זי באקומען 272,356 שטימען און ערוועהלט 24 דעפוטאטען (פון דער אלגעמיינער צאהל 245). סעקרעטאר פון דער פארטיי סטעפאן פארקאס.

קאמוניסטישע פארטיי. — צאהל מיטגלידער ווערט נישט אנגעגעבען אין דעם באריכט פון קאמוניסטישען אינטערנאציאנאל. די פארטיי עקזיסטירט אונלעגאל און זי האט נישט ארויסגעשטעלט קיין קאנדידאטען אין די פאריגע וואהלען.

איטאליען.

פאראייניגטע סאציאליסטישע פארטיי. געגרינדעט אין 1922. צאהל מיטגלידער 31,000. אין די וואהלען פון 1924 האט זי באקומען 422,957 שטימען. און האט ערוועהלט 24 דעפוטאטען (פון דער אלגעמיינער צאהל 535.) די פארטיי האט ביז נישט לאנג פארמאגט צוויי טעגליכע צייטונגען, 9 וועכענטליכע, און איין מאנאטליכען זשורנאל. אפיציעלער ארגאן „זשוסטיציא", טעגליכע צייטונג ערשיינט אין מילאן. לעצטענס איז די צייטונג אונטערדריקט געווארען פון דער פאשיסטישער רעגירונג. הויפט פיהרער פון דער פארטיי — פיליפא טוראטי און טרעוועס, גענעראל סעקרעטאר — לואידזשי באסא.

די מאקסימאליסטישע פארטיי. — אין די לעצטע וואהלען האט זי באקומען 360,694 שטימען און האט ערוועהלט 22 דעפוטאטען.

די דאָזיגע פּאַרטיי איז פריהער געווען אָנגעשלאָסען אָן דעם קאָמוניסטישען אינטערנאַציאָנאַל. לעצטענס אָבער האָט זי אָפּגעבראָכען אַלע איהרע באַציהונגען מיט מאָסקווע, און זי האָט זיך שטאַרק דערנעהענטערט צו דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. דער אָפיציעלער אָרגאַן פון דיזער פּאַרטיי איז די „אוואַנטי“, אַ טעגליכע ציימונג, וועלכע ערשיינט אין רוים.

קאָמוניסטישע פּאַרטיי. — צאָהל מיטגלידער 12,000. אין די לעצטע וואַהלען האָט זי באַקומען 268,192 שטימען און האָט ערוועהלט 18 דעפּוטאַטען.

לאַטוויע.

סאָציאַל-דעמאָקראַטישע ארבייטער פּאַרטיי. — געגרינדעט אין 1904. צאָהל מיטגלידער 4,600. פּאַרמאָגט צוויי טעגליכע צייטונגען, פיר וועכענטליכע און פיר מאָנאַטשריפטען. אָפיציעלער אָרגאַן „סאָציאַל-דעמאָקראַט“, טעגליכע צייטונג ערשיינט אין ריגע. אין די וואַהלען פון יאָהר 1922 האָט די פּאַרטיי באַקומען 242,000 און האָט ערוועהלט 33 דעפּוטאַטען (פון דער אַלגעמיינער צאָהל הונדערט) פּאָרזיצענדער א. רודעוויץ. סעקרעטאר ברונאָ קאַלנין.

סאָציאַל דעמאָקראַטישע מענשעוויסטישע פּאַרטיי. — האָט באַקומען אין די לעצטע וואַהלען 40,000 שטימען און האָט ערוועהלט 7 דעפּוטאַטען.

קאָמוניסטישע פּאַרטיי. — צעהלט לויט דעם באַריכט פון דעם קאָמוניסטישען אינטערנאַציאָנאַל 1000 מיטגלידער. די פּאַרטיי איז אונלעגאַל און האָט נישט קיין איין פאָרשטעהער אין פּאַרלאַמענט.

„בונד“. — (אַלגעמיינער אידישער אַרבייטער „בונד“ פון לאַטוויע.) איז אָנגעשלאָסען אן דער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, האָט איין דעפּוטאַט אין פּאַרלאַמענט (דר. מייזעל פון דווינסק).

ליטע.

סאָציאַל-דעמאָקראַטישע פּאַרטיי. — געגרינדעט אין 1896. צאָהל מיטגלידער 2000. פּאַרמאָגט איין וועכענטליכע צייטונג און צוויי מאָנאַטליכע זשורנאַלען. אָפיציעלער אָרגאַן „סאָציאַל דעמאָקראַטאס“, ערשיינט אין קאָוונאָ. אין די וואַהלען פון 1923 האָט די פּאַרטיי באַקומען 102,000 שטימען און האָט ערוועהלט אַכט דעפּוטאַטען (פון דער אַלגעמיינער צאָהל 78). פּאָרזיצענדער פון דער פּאַרטיי ב. בעליגיס.

קאָמוניסטישע פּאַרטיי. — צאָהל מיטגלידער ווערט נישט אָנגעגעבען אין באַריכט פון קאָמוניסטישען אינטערנאַציאָנאַל. פּאַרטיי איז אונלעגאַל און האָט נישט קיין איין פאָרשטעהער אין פּאַרלאַמענט.

לוקסעמבורג.

ארבייטער פּאַרטיי. — געגרינדעט אין 1903 אַלס אַ סאָציאַליסטישע פּאַרטיי און רעאָרגאַניזירט זיך אלס א לייבאָר פּארטיי אין 1924. צאָהל מיטגלידער 1055. אָפיציעלער אָרגאַן „אַרבייטער צייטונג“, טעגליכע צייטונג, ערשיינט אין לוקסעמבורג. אין די וואלען פון 1925 האָט זי באַקומען 17,379 שטימען און האָט ערוועהלט 8 דעפּוטאַטען (פון דער אַלגעמיינער צאָהל 47). פּאָרזיצענדער פון דער פּאַרטיי — יאָזעף טאָרן.

קאָמוניסטישע פּאַרטיי. — צעהלט 210 מיטגלידער. האָט אין די לעצטע וואַהלען באַקומען 965 שטימען. האָט נישט קיין איין פאָרשטעהער אין פּאַרלאַמענט.

נאָרוועגיען.

סאָציאַל-דעמאָקראַטישע ארבייטער פּאַרטיי. — געגרינדעט אין 1921. פּאַרמאָגט פיר טעגליכע צייטונגען, 15 וועכענטליכע און עטליכע וואָס ערשיינען אַ פּאָר מאָל אַ וואָך. אָפיציעלער אָרגאַן „דען נייע סאָציאַלדעמאָקראַטען“ אין די וואַהלען פון 1924 האָט זי באַקומען 87,000 שטימען און האָט ערוועהלט 8 דעפּוטאַטען (פון דער אַלגעמיינער צאָהל 159).

ארבייטער פּאַרטיי. — אין דער צייט פון דער שפּאַלטונג אין 1923 האָט די פּאַרטיי געצעהלט 30,000 מיטגלידער. אין די וואַהלען פון 1924 האָט זי באַקומען 178,000 שטימען און האָט ערוועהלט 24 דעפּוטאַטען. זי איז ביז נים לאַנג געווען אָנגעשלאָסען אָן דעם מאָסקווער קאָמוניסטישען אינטערנאַציאָנאַל. לעצטענס אָבער, האָט זי איבערגעריסען איהרע פּאַרבינדונגען מיט מאָסקווע.

קאָמוניסטישע פּאַרטיי. — די קאָמוניסטישע פּאַרטיי האָט זיך געגרינדעט נאָך דעם ווי די אַרבייטער פּאַרטיי האָט איבערגעריסען איהרע פּאַרבינדונגען מיט מאָסקווע. לויט דעם באַריכט פון דעם קאָמוניסטישען

אינטערנאַציאָנאַל צעהלט די נאָרוועגישע פּאַרטיי 16,000 מיטגלידער. אין די וואַהלען פון 1924 האָבען די קאָמוניסטען באַקומען 58,000 שטימען און ערוועהלט 6 דעפּוטאַטען.

פּאַלעסטינע.

אידישער סאָציאַליסטישער ארבייטער פאַרבאַנד „פּועלי ציון“. — געגרינדעט אין 1909. צעהלט 13,200 מיטגלידער. די פּועלי ציון פּאַרטיי איז אַ פאַרבאַנד פון באַזונדערע פּועלי ציון אָרגאַניזאַציעס וואָס עקזיסטירען אין פאַרשיידענע לענדער. די צאָהל מיטגלידער אין די פאַרשיידענע פּועלי ציון אָרגאַניזאַציעס זיינען ווי פאָלגט: פּאַלעסטינא, 3,500 מיטגלידער; פאַראייניגטע שטאַטען, 3000; פּוילען, 3200; רומעניען, 1300; אַרגענטינע, 1100; ענגלאַנד, דויטשלאַנד, עסטרייך און אַנדערע לענדער 1,200. די פּועלי ציון פאַרמאָגען 4 וועכענטליכע צייטונגען וואָס ערשיינען אין פּאַלעסטינע, רומעניען, מזרח־גאַליציע און פּוילען. אויסער דעם אַ רייע אַנדערע פּעריאָדישע שריפטען אין די פאַראייניגטע שטאַטען, ארגענטינע און עסטרייך. אין פּאַלעסטינא ערשיינט אויך אַ העברעאישע טעגליכע צייטונג, וואָס ווערט אָפיציעל אַרויסגעגעבען פון די דאָרטיגע טרייד יוניאָנס. דער סעקרעטאר פון דעם פּועלי־ציון וועלט־פאַרבאַנד איז ב. לאָקער.

קאָמוניסטישע פּועלי ציון. — זיינען אָנגעשלאָסען אָן דעם קאָמוניסטישען אינטערנאַציאָנאַל. צאָהל מיטגלידער נישט באַוואוסט.

פּוילען.

סאָציאַליסטישע פּאַרטיי. — (פּ. פּ. ס.) געגרינדעט אין 1892. צאָהל מיטגלידער 59,600 פאַרמאָגט 4 טעגליכע צייטונגען, 5 וועכענטליכע און 1 מאָנאַט שריפט. אָפיציעלער אָרגאַן „ראַבאָטניק“, טעגליכע צייטונג ערשיינט אין וואַרשע. אין די וואַהלען פון 1922 האָט די פּאַרטיי באַקומען 911,067 שטימען און האָט ערוועהלט 41 דעפּוטאַטען, (פון דער אַלגעמיינער צאָהל 444.) זי האָט אויך 7 פּאַרטרעטער אין סענאַט (פון דער אַלגעמיינער צאָהל 111). פּאָרזיצענדער פון דער פּאַרטיי פּעליקס פּערל.

אונאַפּהענגיגע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי. — געגרינדעט אין 1922. צעהלט 2500 מיטגלידער, פאַרמאָגט 2 וועכענטליכע צייטונגען און איין מאָנאַטשריפט. אָפיציעלער אָרגאַן „סאָציאַליסטאַ“ אַ וואָכענבלאַט ערשיינט אין וואַרשע. אין די וואַהלען פון 1922 האָט זי באַקומען 5000 שטימען. זי האָט נישט קיין איין פאַרטרעטער אין פּאַרלאַמענט. פּאָרזיצענדער פון דער פּאַרטיי דר. באָגעסלאוו דראבנער.

דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי. — האָט דריי טויזענט מיטגלידער, פאַרמאָגט 1 טעגליכע צייטונג און 2 וועכענטליכע. אָפיציעלער אָרגאַן „פאָלקסווילע“, טעגליכע צייטונג, ערשיינט אין קאַטאָוויץ. אין די וואַהלען פון 1922 האָט זי באַקומען 1800 שטימען און האָט ערוועהלט 1 דעפּוטאַט אין סיים.

„בונד“ (אַלגעמיינער אידישער אַרבייטער בונד פון פּוילען). — צעהלט 6000 מיטגלידער. אין די לעצטע וואַהלען באַקומען 81 טויזענט 473 שטימען און האָט ניט ערוועהלט קיין איין דעפּוטאַט אין סיים. אָפיציעלער אָרגאַן „אונזער פאָלקס־צייטונג“, אַ טעגליכע צייטונג אין אידיש, ערשיינט אין וואַרשע.

קאָמוניסטישע פּאַרטיי. — צעהלט, לויט דעם באַריכט פון דעם קאָמוניסטישען אינטערנאַציאָנאַל, 5000 מיטגלידער. אין די לעצטע וואַהלען האָט זי באַקומען 128,000 שטימען און האָט ערוועהלט צוויי דעפּוטאַטען. די פּאַרטיי איז אומלעגאַל.

לינקע פּועלי־ציון. — צאָהל מיטגלידער ניט באַוואוסט. אין די לעצטע וואַהלען האָבען זיי באַקומען 14,000 שטימען.

פּאָרטוגאַל.

סאָציאַליסטישע פּאַרטיי. — געגרינדעט אין 1875. צאָל מיטגלידער 2,500. פּאַרמאָגט 2 וועכענטליכע צייטונגען, 2, וואָס ערשיינען צוויי מאָל אַ מאָנאַט, און 1 מאָנאַטליכען זשורנאַל. אָפיציעלער אָרגאַן „העראַלדאָ“ ערשיינט אין ליסאַבאָן.

רומעניע.

פעדעראַציע פון די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען. — געגרינדעט אין 1921. צאָל מיטגלידער 12,660. פּאַרמאָגט 2 טעגליכע צייטונגען (אין דייטש), 5 וועכענטליכע (2 אין רומעניש, 1 אין אידיש, 1 אין אונגאַריש און 1 אין רוטעניש). אָפיציעלער אָרגאַן „סאָציאַליזמו“, אַ וואָכענבלאַט, וואָס ערשיינט אין בוכאַרעסט. אין די וואַהלען פון 1922 האָט זי

באַקומען 25,000 שטימען און האָט ערוועהלט 1 דעפּוטאַט.

קאָמוניסטישע פּאַרטיי. — צעהלט, לויט דעם באַריכט פון קאָמוניסטישען אינטערנאַציאָנאַל, 2,500 מיטגלידער. די פּאַרטיי עקזיסטירט אומלעגאַל און זי האָט ניט אַרויסגעשטעלט קיין קאַנדידאַטען אין די וואַהלען.

„בונד" (אַלגעמיינער אידישער אַרבייטער בונד פון רומעניע). — איז אַנגעשלאָסען אַן דער רומענישער פעדעראַציע. דער איינציגער סאָציאַליסטישער דעפּוטאַט אין רומענישען פּאַרלאַמענט, דר. פּיסטינער, איז אַ מיטגליד פון „בונד".

רוסלאַנד.

סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אַרבייטער־פּאַרטיי. — געגרינדעט אין 1898. זייט די באָלשעוויקעס האָבען פאַרכאַפּט די מאַכט, עקזיסטירט די פּאַרטיי אומלעגאַל. די מעהרסטע טוער און אַקטיווע פיהרער זיינען אָדער פאַרשפּאַרט אין די באָלשעוויסטישע טורמעס, אָדער פאַרשיקט אין די ווייטע מקומות, אָדער זיי געפינען זיך אין אויסלאַנד. די פּאַרטיי גיט אַרויס עטליכע אומלעגאַלע צייט־שריפטען אין רוסלאַנד גופא. אָפיציעלער אָרגאַן „סאָציאַליסטישעסקי וועסטניק" ערשיינט אין בערלין צוויי מאָל אַ מאָנאַט, אונטער דער רעדאַקציע פון פ. דאַן, ר. אַבראַמאָוויטש און ד. דאַלין.

פּאַרטיי סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען. — געגרינדעט אין 1900. זייט נאָוועמבער, 1917, ווען די באָלשעוויקעס האָבען פאַרכאַפּט די מאַכט, עקזיסטירט די פּאַרטיי אומלעגאַל. די מיטגלידער פון איהר צענטראַל קאָמיטעט זיינען פאַרשפּאַרט אין די טורמעס. די פּאַרטיי גיט אַרויס עטליכע אומלעגאַלע צייטונגען און ביולעטינען אין רוסלאַנד. דער אָפיציעלער אָרגאַן „רעוואָלוציאָנאַיאַ ראָסיאַ" (אַ מאָנאַט־שריפט) ערשיינט אין פּראַג, טשעכאָ־סלאָוואַקיע, אונטער דער רעדאַקציע פון וו. טשערנאָוו.

קאָמוניסטישע פּאַרטיי.—אָפיציעלע רעגירונגס פּאַרטיי פון רוסלאַנד. די איינציגע פּאַרטיי, וואָס עקזיסטירט לעגאַל. לויט דעם באַריכט פון קאָמוניסטישען אינטערנאַציאָנאַל, צעהלט זי 244,466 מיטגלידער און 209,753 קאַנדידאַטען. (דאָ געהען ניט אַריין די קאָמוניסטישע פּאַרטייען פון גרוזיען, אַרמעניען און אוקראַינע, וועלכע ווערען אָנגעגעבען באַזונדער).

שפּאַניע.

סאָציאַליסטישע אַרבייטער־פּאַרטיי. — געגרינדעט אין 1879. צאָל מיטגלידער 8555. פאַרמאָגט 1 טעגליכע צייטונג און 5 וועכענטליכע. אָפיציעלער אָרגאַן „על סאָציאַליסטאַ". ערשיינט אין מאַדריד. אין די וואַהלען פון 1923 האָט זי באַקומען 50 טויזענט שטימען און האָט ערוועהלט 7 דעפּוטאַטען (פון דער אַלגעמיינער צאָל 400). פּאַרזיצענדער פון דער פּאַרטיי יוליאַן בעסטיירא.

קאָמוניסטישע פּאַרטיי. — צעהלט, לויט דעם באַריכט פון קאָמוניסטישען אינטערנאַציאָנאַל, 5000 מיטגלידער. לויט דעם באַריכט פון דער שפּאַנישער־קאָמוניסטישער פּרעסע, נאָר 1000 מיטגלידער. אין די לעצטע וואַהלען האָט די פּאַרטיי באַקומען בלויז צוויי טויזענט שטימען און האָט ניט ערוועהלט קיין איין דעפּוטאַט.

שוועדען.

סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אַרבייטער־פּאַרטיי. — געגרינדעט אין 1889. צעהלט 149 טויזענט 429 מיטגלידער (אַריינגערעכענט 19 טויזענט 582 פרויען). פּאַרמאָגט 15 טעגליכע צייטונגען. איין צייטונג ערשיינט אין פיר באַזונדערע אויסגאַבען, 6 צייטונגען, וואָס ערשיינען דריי מאָל אַ וואָך, און 6 מאָנאַטשריפטען. אָפיציעלער אָרגאַן „סאָציאַלדעמאָקראַטען", טעגליכע צייטונג, ערשיינט אין שטאָקהאָלם. אין די וואַהלען פון 1924 האָט די פּאַרטיי באַקומען 725,844 שטימען און האָט ערוועהלט 104 דעפּוטאַטען (פון דער אַלגעמיינער צאָל 230). די פּאַרטיי האָט אויך 52 פאָרשטעהער אין סענאַט (פון דער אַלגעמיינער צאָל 150). פּאַרזיצענדער פון דער פּאַרטיי אַלבין האַנסאָן. די רעגירונג געפינט זיך איצט אין די הענט פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטען.

אוקריינע.

סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אַרבייטער־פּאַרטיי. — געגרינדעט אין 1900. אין 1919 האָט די פּאַרטיי פאַרמאָגט 35,000 מיטגלידער. זייט די באָלשעוויקעס האָבען פאַרנומען אוקריינע, איז די פּאַרטיי אונטערדריקט. אָפיציעלער אָרגאַן „סאָציאַליסטישנאַ דומקא"

ערשיינט אין אויסלאנד. די פארשטעהער פון דער פארטיי אין רוסלאנד זיינען: י. בעז-פאלקא, א. מערקלינג.

קאמוניסטישע פארטיי. — אפיציעלע רעגירונגס-פארטיי, צעהלט, לויט דעם באריכט פון קאמוניסטישען אינטערנאציאנאל, 39,000 מיטגלידער.

יוגא־סלאוויע.

סאציאליסטישע פארטיי. — געגרינדעט אין 1921. צאל מיטגלידער 4000. פארמאגט 4 וועכענטליכע צייטונגען און 1, וואס ערשיינט אלע צוויי וואכען. אפיציעלער ארגאן „ראדניצקע נאווינע”, וואכענבלאט, ערשיינט אין בעלגראד. אין די וואהלען פון 1925 האט די פארטיי באקומען 25,000 שטימען און זי האט ניט קיין איין פארטרעטער אין פארלאמענט. פיהרער פון דער פארטיי דר. ז. טאפאלאוויטש.

קאמוניסטישע פארטיי. — צעהלט צוויי טויזענט מיטגלידער. אין די ערשטע וואהלען גלייך נאך דער מלחמה האבען די קאמוניסטען ערוועהלט 58 דעפוטאטען אין פארלאמענט. אין די לעצטע וואהלען אבער פון 1925 האט די קאמוניסטישע פארטיי באקומען בלויז 13 טויזענט שטימען און האט ניט ערוועהלט קיין איין איינציגען דעפוטאט.

שווייץ.

סאציאל־דעמאקראטישע פארטיי.—געגרינדעט אין יאהר 1888. צאל מיטגלידער 45 טויזענט. צאל דעפוטאטען אין פארלאמענט 49 (פון דער אלגעמיינער צאל 198). פארמאגט א רייהע טעגליכע און וועכענטליכע צייטונגען אין דייטש, פראנצויזיש און איטאליעניש. הויפט צייטונגען „בערנער טאגוואכט”, „ציוריכער פאלקס-רעכט”. פארזיצענדער פון דער פארטיי רוינהארד.

קאמוניסטישע פארטיי.—האט אין 1922 געצעהלט 5,400 מיטגלידער, אין 1924—1,400 און אין 1925 איז די צאל מיטגלידער נאכמעהר ארונטערגעפאלען.

וואס קאסטען מלחמה־פארבערייטונגען?

די סטאטיסטישע ביורא פון דעם קריגס דעפארטמענט פון די פאראייניגטע שטאטען האט געזאמעלט די גענויע ציפערען פון די קאסטען פון מלחמה פארבארייטונגען אין פארשידענע לענדער. אט זיינען די ציפערען (פאר אינדיע, רוסלאנד, מעקסיקא און טשילי — פאר'ן יאר 1923, פאר די אנדערע לענדער — פאר'ן יאר 1924):

די ערשטע קומט ענגלאנד מיט מלחמה הוצאות פון $652,696,789. דעם צווייטען ארט פארנעהמט די פאראייניגטע שטאטען — $554,372,018. דערנאך קומען: פראנקרייך מיט $220,403,601, אינדיע מיט $128,500,000, איטאליע מיט $117,093.411, דייטשלאנד מיט $107,000,000, און רוסלאנד מיט $150,752,070.

לענדער מיט מלחמה הוצאות איבער פופציג מיליאן זיינען: פוילען מיט $85,102,964, שפאניע מיט $76,610,243 און מעקסיקא מיט $63,32,095.

ווייטער קומען די איבעריגע לענדער אין דער ארדנונג לויט די אויסגעגעבענע סומען:

האלאנד, $42,405,500; גריכעלנאד, $40,567,814; שוועדען, $40,012,400; ארגענטינע, $39,826,318; יוגאסלאוויע, $39,120,020; בראזיליע, $26,878,347; בעלגיע, $24,562,629; טערקיי, $24,340,880; רומעניע, $17,783,503; אויסטראליע, $16,150,770; טשילי, $16,125,439; די שווייץ, $15,733,361; קענעדע, $12,801,737; קובא, $10,959,799; דענעמארק, $10,680,000, און פינלאנד, $10,395,000.

די איבעריגע לענדער האבען אויסגעגעבען ווייניגער ווי צעהן מיליאן דאלאר.

די צאָהל פון אָרגאַניזירטע אַרבייטער אין פאַרשידענע לענדער

(לויט די ידיעות פון אַמסטערדאַמער טרייד-יוניאָן אינטערנאַציאָנאַל)

דער נאָמען פון לאַנד	די צאָהל מיטגלידער פון די יוניאָנס 1טען יאַנואַר 1922	די צאָהל מיטגלידער פון די יוניאָנס 1טען יאַנואַר 1923 אין טויזענטער
רוסלאַנד (ס. ס. ס. ר.)	6,875	4,494
דייטשלאַנד — — —	12,596	11,264
ענגלאַנד — — — —	6,560	5,580
פראַנקרייך — — —	1,047	1,396
איטאַליע — — — —	2,100	3,443
פוילען — — — —	823	1,233
שפּאַניע — — — —	1,305	582
רומעניע — — — —	170	82
טשעכאָ-סלאָוואַקיע —	2,000	1,505
יוגאָ-סלאַוויע — —	250	76
אונגאַרן — — — —	343	249
בעלגיע — — — —	920	781
האָלאַנד — — — —	664	640
פּאָרטוגאַל — — —	100	150
עסטרייך — — — —	1,128	1,128
שוועדען — — — —	381	325
גריכענלאַנד — — —	170	170
בולגאַריע — — —	36	54
שווייץ — — — —	349	239
פינלאַנד — — — —	49	48

דער נאָמען פון לאַנד	די צאָהל מיטגלידער פון די יוניאָנס 1טען יאַנואַר 1922	די צאָהל מיטגלידער פון די יוניאָנס 1טען יאַנואַר 1923 אין טויזענטער
דענעמאַרק — — —	351	308
נאָרוועגיע — — —	96	84
ליטע — — — — —	——	40
לאַטוויע — — — —	50	25
עסטאָניע — — — —	——	20
ליוקסעמבורג — —	26	13
פאַראייניגטע שטאַטען	5,179	3,821
קאַנאַדע — — — —	271	277
אַרגענטינא — — —	248	143
מעקסיקא — — — —	710	1,030
פּערו — — — — —	25	25
טשילי — — — —	——	200
כינע — — — — —	——	300
יאַפּאַן — — — —	111	100
אינדיע — — — —	500	220
פּאַלעסטינא — — —	——	8
דרום אַפריקא — —	91	90
אויסטראַליע — — —	684	703
נייו-זעלאַנד — — —	83	83
סך הכל — —	46.273	40,929

כחות פאַרהעלטנים פון די פאַרשידענע ריכטונגען אין די יוניאָנס

דעם 1טען יאַנואַר, 1922 און דעם 1טען יאַנואַר, 1923

די ריכטונגען	די צאָהל מיטגלידער אין טויזענטער פון 1טען יאַנואַר 1922	די צאָהל מיטגלידער אין טויזענטער פון 1טען יאַנואַר 1923	די ענדערונגען אין דער צאָהל מיטגלידער: אין טויזענטער	די ענדערונגען אין דער צאָהל מיטגלידער: אין פּראָצ.
אַמסטערדאַמער אינטערנאַציאָנאַל — —	22,412	18.574	3,838—	12,7—
קריסטליכע יוניאָנס — — — — — — —	3,579	3,026	733—	19,2—
אַנאַרכאָ-סינדיקאַליסטישע יוניאָנס — —	1,254	826	428—	34,3—
מאָסקווער פּראָפינטערן — — — — —	7,069	5,358	1,711—	24,2—
נייטראַלע יוניאָנס — — — — — — —	6,578	3.965	2 613—	40,0—
פאַרשידענע אַנדערע יוניאָנס — — — —	**5,201**	**9,180**	**3,979+**	**76,5+**
אַלע יוניאָנס — — — — — — —	**46,273**	**40,929**	**5,344—**	**11,5—**

די צאָהל פון אָרגאַניזירטע אַרבייטער אין פאַרשידענע לענדער

(לויט די ידיעות פון דער אינטערנאַציאָנאַלער ביוראָ פון אַרבייט אין זשענעווע)

דער נאָמען פון לאַנד	אין די יאָהרען:			
	1906	1913	1919	1920
	אין טויזענטער			
רוסלאַנד (ס. ס. ס. ר.)	250	———	3,639	5,220
דייטשלאַנד	2,200	4,513	11,900	13,000
ענגלאַנד	2,110	4,173	8,024	8,024
פראַנקרייך	900	1,027	2,500	2,500
איטאַליע	640	972	1,800	3,100
פוילען	———	———	350	947
שפּאַניע	170	———	876	876
רומעניע	———	10	75	90
טשעכאָ-סלאָוואַקיע	———	———	1,301	2,000
יוגאָ-סלאַוויע	———	9	80	20
אונגאַרן	———	115	212	343
בעלגיע	155	200	715	920
האָלאַנד	130	198	457	683
פּאָרטוגאַל	———	———	100	100
עסטרייך	450	260	803	830
שוועדען	201	136	338	400
גריכענלאַנד	———	———	170	170
בולגאַריע	5	30	36	36
שווייץ	90	95	200	292
פינלאַנד	———	28	41	59
דענעמאַרק	98	152	360	400
נאָרוועגיע	25	64	144	142
יאַפּאַן	———	———	247	247
אינדיע	———	———	500	500
פאַראייניגטע שטאַטען פון אַמעריקא	1,970	2,722	5,607	5,179
קאַנאַדאַ	———	176	378	374
אַרגענטינע	———	———	476	750
דרום-אַפריקא	———	———	60	60
אויסטראַליע	110	498	628	684
ניו-זעלאַנד	30	72	83	83
סך-הכל אין אַלע 30 לענדער	9,534	16,152	42,040	48,020

די פאַנאַנדערטיילונג פון די אָרגאַניזירטע אַרבייטער לויט די יוניאָנס פון פאַרשידענע ריכטונגען

(לויט די ידיעות פון אַמסטערדאַמער אינטערנאַציאָנאַל)

א. צום 1טען יאַנואַר, 1922

דער נאָמען פון לאַנד	אַמסטערדאַמער אינטערנאַציאָנאַל	קריסטליכע יוניאָנס	אַנאַרכאָ-סינדיקאַליסטישע יוניאָנס	מאָסקווער אינטערנאַציאָנאַל פראָפינטערן	ניטראַלע יוניאָנס	פאַרשידענע אַנדערע יוניאָנס
			אין טויזענטער			
רוסלאַנד	—	—	—	6,875	—	—
דייטשלאַנד	8,417	1,820	247	—	1,767	347
ענגלאַנד	6,560	—	—	—	—	—
פראַנקרייך	756	143	—	—	148	—
איטאַליע	1,200	400	100	—	—	400
פוילען	365	158	—	—	300	—
שפּאַניע	240	400	665	—	—	—
רומעניע	—	—	—	—	—	170
טשעכאָ-סלאָוואַקיע	1,231	84	2	—	348	334
יוגאָ-סלאַוויע	50	—	—	200	—	—
אונגאַרן	153	190	—	—	—	—
בעלגיע	698	200	—	—	—	22
האָלאַנד	224	226	37	—	52	125
פּאָרטוגאַל	—	—	—	—	—	100
עסטרייך	1,080	48	—	—	—	—
שוועדען	313	—	20	—	—	48
גריכענלאַנד	170	—	—	—	—	—
בולגאַריע	15	—	—	12	—	9
שווייץ	226	17	—	—	55	51
פינלאַנד	—	—	—	—	—	49
דענעמאַרק	243	3	5	—	—	100
נאָרוועגיע	96	—	—	—	—	—
לאַטוויע	23	—	—	—	—	27
לוקסעמבורג	21	5	—	—	—	—
פאַראייניגטע שטאַטען	—	—	20	—	3,907	1,253
קאַנאַדאַ	165	45	5	—	—	57
אַרגענטינאַ	75	20	153	—	—	—
מעקסיקאַ	—	—	—	—	—	710
פּערו	25	—	—	—	—	—
יאַפּאַן	—	—	—	—	—	111
אינדיע	17	—	—	—	—	483
דרום אַפריקאַ	50	—	—	—	—	42
אויסטראַליע	—	—	—	—	—	684
ניי-זעלאַנד	—	—	—	—	—	83
סך הכל	22,412	3,759	1,254	7,069	6,578	5,201

ב. צום 1טען יאַנואַר, 1923

דער נאָמען פון לאַנד	אַמסטערדאַמער אינטערנאַציאָנאַל	קריסטליכע יוניאָנס	אַנאַרכאָ־סינדיקאַליסטישע יוניאָנס	מאָסקווער אינטערנאַציאָנאַל פּראָפינטערן	נייטראַלע יוניאָנס	פאַרשידענע אַנדערע יוניאָנס
			אין טויזענטער			
רוסלאַנד	—	—	—	4,494	—	—
דײַטשלאַנד	8,576	1,034	62	—	600	992
ענגלאַנד	4,369	—	—	—	300	911
פראַנקרייך	758	125	100	150	93	170
איטאַליע	401	992	50	—	—	2,000
פּוילען	411	193	—	—	—	628
שפּאַניע	240	42	300	—	—	—
רומעניע	28	—	—	24	—	30
טשעכאָ־סלאָוואַקיע	674	93	7	319	—	413
יוגאָ־סלאַוויע	66	10	—	—	—	—
אונגאַרן	203	46	—	—	—	—
בעלגיע	619	162	—	—	—	—
האָלאַנד	201	185	22	—	46	186
פּאָרטוגאַל	—	—	—	—	—	150
עסטרייך	1,050	78	—	—	—	—
שוועדען	293	—	32	—	—	—
גריכענלאַנד	—	—	—	—	—	170
בולגאַריע	15	—	—	34	—	5
שווייץ	162	25	—	—	—	41
פינלאַנד	—	—	—	48	—	—
דענעמאַרק	308	—	—	—	—	—
נאָרוועגיע	—	—	—	84	—	—
ליטע	—	—	—	—	—	40
לאַטוויע	12	—	—	5	—	8
עסטאָניע	—	—	—	—	—	20
לוקסעמבורג	12	0,5	—	—	—	—
פאַראייניגטע שטאַטען	—	—	80	—	2,926	815
קאַנאַדאַ	118	38	—	—	—	120
אַרגענטינא	—	—	143	—	—	—
מעקסיקאַ	—	—	30	—	—	1,000
פּערו	—	—	—	—	—	25
טשילי	—	—	—	200	—	—
כינאַ	—	—	—	—	—	300
יאַפּאַן	—	—	—	—	—	100
אינדיע	—	—	—	—	—	220
פּאַלעסטינא	8	—	—	—	—	—
דרום אַפריקאַ	50	—	—	—	—	40
אויסטראַליע	—	—	—	—	—	703
ניו־זעלאַנד	—	—	—	—	—	83
סך הכל	18,574	3,026	826	5,358	3,965	9,180

די אַמעריקאַן פעדערײשאַן אָװ לײבאָר אין ציפערן

די אַמעריקען פעדערײשאָן אָװ לײבאָר איז געגרינדעט געװאָרען װען די ניטס אָװ לײבאָר האָט נאָך עקזיסטירט. אָבער די ניטס אָװ לײבאָר האָט אַלץ פאַרלאָרען איהר מאַכט, בעת די אַמעריקען פעדערײשאָן האָט געהאַלטען אײן שטײגען.

אין 1886 איז פאָרגעקומען אַ רעאָרגאַני־זאַציע אין דער קערפּערשאַפט, און עס איז אָנגענומען געװאָרען איהר איצטיגער נאָמען דעמאָלט איז איהר מיטגלידערשאַפט געװען 150.000. ביז 1898 איז דער װאוקס פ ן דער צאָהל מיטגלידער צוגעגאַנגען לאַנגזאַם. פון יענעם יאָהר אָן אָבער װאַקסט די מיטגלידער־שאַפט זעהר שנעל. מיר גיבען דאָ אונטען די ציפערען, װאָס װײזען, װי שנעל עס איז צו־געגאַנגען דער װאוקס פון דער צאָהל מיטגלי־דער זינט 1898.

כדי צו קאָנען פאַרגלײכען און זעהן דעם אמת׳ען װאוקס, ברענגען מיר דאָ אויך די צאָהלען מיטגלידער און די אָנגעגעבענע יאָהרען אין אַלע אַרבײטער יוניאָנס אין לאַנד. די ציפערען װעגען דעם זײנען גענו־מען געװאָרען פון לעאָ װאָלמאַנ׳ס בוך „דער װאוקס פון די אַמעריקאַנער טרײד יוניאָנס פאַר 1880—1923, װאָס איז אַרויסגעגעבען געװאָרען פון דער נעשאָנאַל ביוראָ אָװ עקאָ־נאָמיק ריסוירטש. זײ זײנען די פאַרלעס־ליכסטע ציפערען, װאָס מיר האָבען װעגען דעם. דאָ װערען ניט אײנגעשלאָסען די מיט־גלידער פון אַזעלכע יוניאָנס, װאָס די קאָמפּאַניעס האָבען בײ זיך געגרינדעט.

די צאָהלען פון דער אַמעריקען פעדערײ־שאָן אָװ לײבאָר זײנען לויט דער אָפיציעלער סטאַטיסטיק פון דער פעדערײשאָן. מען דאַרף דערבײ נאָך אין זינען האָבען, אַז עס װערען אין זײ ניט אַרײנגערעכענט די ניט־גוט־שטעהענדע מיטגלידער, און די גרויסע צאָהלען מיטגלידער, װאָס האָבען צו יענער צײט געסטרײקט, װײל אַזעלכע זײנען געװען פרײ פון צאָהלען דיוס. אַזוי זעהען מיר, למשל, אַז אין 1925 האָבען געסטרײקט 500.000 מיטגלידער פון דער א. פ. אָװ ל.

װען מיר גיבען צו אָט די צאָהל, האָבען מיר אַ מיטגלידערשאַפט פון 3.378.297 פאַר דעם פאַרגאַנגענעם יאָהר.

אין 1898 איז די צאָהל מיטגלידער אין אַלע יוניאָנס אין די פאַראײניגטע שטאַטען געװען 500.700; די אַמעריקען פעדערײשאָן האָט געהאַט 278.016 מיטגלידער.

אין די װײטערדיגע יאָהרען זײנען די ציפערען געװען:

אין אַלע יוניאָנס — אין דער א. פ. אָװ ל.

אין 1900 — 868.500 און 548.321;
אין 1902 — 1.375.900 און 1.024.399;
אין 1904 — 2.072.700 און 1.676.200;
אין 1910 — 2.184.200 און 1.562.112;
אין 1914 — 2.716.900 און 2.020.671;
אין 1915 — 2.607.700 און 1.946.347;
אין 1916 — 2.808.000 און 2.072.702;
אין 1917 — 3.104.600 און 2.371.434;
אין 1918 — 3.508.400 און 2.736.478;
אין 1919 — 4.169.100 און 3.260.068;
אין 1920 — 5.110.800 און 4.078.740;
אין 1921 — 4.815.000 און 3.906.528;
אין 1922 — 4.059.400 און 3.195.635;
אין 1923 — 3.780.000 און 2.926.468.

אין 1924 איז די צאָהל גוטשטעהענדע מיטגלידער פון דער אַמעריקען פעדערײשאָן געװען 2.865.979, און אין 1925 איז די צאָהל געװען 2.878.297.

פון די אָנגעגעבענע צאָהלען קאָן מען לײכט זעהן, אַז פון זינט 1898 איז געשטיגען די פּראָפּאָרציע פון די יוניאָנס פון דער אַ. פ. אָװ ל. און דער אַלגעמײנער צאָהל יוניאָנס אין לאַנד. מיר האָבען דאָ אַזאַ פּראָצענט פאַרהעלטניש:

אין 1898 איז דער פּראָצענט געװען 55; אין 1910 — 71 פּראָצענט; אין 1920 — 79 פּראָצענט, און אין 1923 — 77 פּראָצענט.

די אַ. פ. אָװ ל. איז אַ פעדעראַציע פון יוניאָנס. דער נאָמען „פעדעראַציע" איז אויסגעקליבען געװאָרען מיט אַ מײן. די אויטאָנאָמיע, אָדער דאָס רעכט אויף זעלבסט־באַשטימונג, פון יעדער אָנגעשלאָסענער יוניאָן

איז אַ גרונט פּרינציפּ אין דעם בוי פון דער פעדעראַציע. די פעדעראַציע האָט קיין רעכט ניט זיך אַריינצומישען אין דער אינוועניגסטער אָרגאַניזאַציע אָדער פּאָליסים פון דער אָנגעשלאָסענער יוניאָן. זי האָט אָבער יע אַ רעכט אויסצושליסען געוויסע יוניאָנס, און זי האָט זיך מיט אָט דעם רעכט אָפט באַנוצט.

אָט דאָס רעכט איז באַזונדערס וויכטיג, ספּעציעל פאַר די קליינע יוניאָנס, ווייל די אמת'ע מאַכט פון דער א. פ. אָוו ל. ליגט אין איהר מאָראַלען איינפלוס איבער דער אַרבייטער באַוועגונג. נאָך אַלעמען איז דער שטאַרקסטער צובונד אין אַן אָרגאַניזאַציע די עפענטליכע מיינונג צווישען איהר מיטגלידערשאַפט.

די פונקציעס פון דער אַ. פ. אָוו ל. באַשטעהען אין העלפען די אַלגעמיינע אינטערעסען פון אַרבייט, אויף ווי ווייט דאָס קאָן געטאָן ווערען דורך באַאיינפלוסען די עפענטליכע מיינונג; צו העלפען אָרגאַניזירען נייע לאָקאַלע און אינטערנאַציאָנאַלע יוניאָנס; צו העלפען דורכפיהרען געזעצען, וואָס זיינען פּרוינדליך צו אַרבייט; און אויסגלייכען טרייד דיספּיוטען צווישען די יוניאָנס, אויף ווי ווייט דאָס קען געטאָן ווערען, ניט אַריינמישענדיג זיך אין די אינערליכע געשעפטען פון יעדער יוניאָן.

די פעדעראַציע קאָן האָבען אַ מעכטיגען איינפלוס דורך איהר פּראָפּאַגאַנדא פאַר די אינטערעסען פון אַרבייט, ווי, למשל, באַקעמפּענדיג „אָפּען־שאָפּס", אַגיטירענדיג פאַר אַ קורצערען אַרבייטס־טאָג, אָדער אָנפיהרענדיג אַ סטרייק.

די פּאָליסים פון דער פעדעראַציע ווערען באַשלאָסען אויף די יעהרליכע קאָנווענשאָנס. אין 1924 האָבען די דעלעגאַטען צו דער קאָנווענשאָן רעפּרעזענטירט 107 יוניאָנס, נאַציאָנאַלע און אינטערנאַציאָנאַלע, 458 לאָקאַלע און פעדעראַלע יוניאָנס, 49 סטייט פעדעראַציעס, 855 שטאָדטישע צענטראַלע אַרבייטער קערפּערשאַפטען, און פיר דעפּאַרטמענטס.

די אַלע אָרגאַניזאַציעס האָבען רעפּרעזענטירט איבער 32.000 לאָקאַלען.

די אַ. פ. אָוו ל. איז קודם כל אַן עקאָנאָמישע אָרגאַניזאַציע, דאָס מיינט, אַז זי איז הויפּטזעכליך באַשעפטיגט מיט פראַגען פון שכירות, אַרבייט שטונדען און אַרבייט באַדינגונגען אין אַמעריקאַנער ווערקשטאַטען און פאַבריקען.

זי איז אָבער אויך געצוואונגען דערביי צו פאַרהאַנדלען סאָציאַלע און פּאָליטישע פראַגען, אויף ווי ווייט זיי באַריהרען דאָס עקאָנאָמישע וואוילזיין פון איהר מיטגלידערשאַפט. זי אַרבייט, למשל, פלייסיג דורכצופיהרען געזעצען, וואָס זאָלען רעגולירען קינדער און פרויען אַרבייט. די קאָנטראָלירונג פון אימיגראַציע, סאַניטאַרישע רעגולירונג אין די פאַבריקען, א. אז. וו. א. אז. וו.

די איבערגעבליבענע אינדיאַנער אין אַמעריקא

די אינדיאַנער באַפעלקערונג אין די פאַראייניגטע שטאַטען איז פאָריגען יאָהר געווען 344,303, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר אַ געווינס פון 1144 אַנטקעגען לעצטען יאָהר.

די גאַנצע אינדיאַנער באַפעלקערונג, אין דער צייט ווען קאָלומבוס האָט געלאַנדעט, איז געווען אַרום 346,000.

די ביקסען פון די ווייסע מענשען האָבען אויסגעה'רג'עט די מעהרסטע מיטגלידער פון איניגע שבטים. קראַנקהייטען, אויסגעלאַסענקייט און עפּידעמיעס, וואָס זיינען געקומען צוזאַמען מיט די ווייסע מענשען, האָבען נאָך מעהר פאַרשפּרייט טויט. פּאָקען־עפּידעמיעס האָבען באַזוכט די מערב'דיגע שבטים דריי מאָל צווישען 1781 און 1837.

אַ באַזונדער מין פיבער האָט אויסגעה'רג'עט 70,000 אינדיאַנער אין קאַליפאָרניע און אָרעגאָן אין משך פון איין יאָהר צייט.

אַרום 1880 איז די אינדיאַנער באַפעלקערונג רעדוצירט געוואָרען ביז צו 256,127. דאַריבער שטעלט מיט זיך פאָר די איצטיגע באַפעלקערונג אַ געווינס פון אַרום 100 טויזענט אין פאַרלויף פון 30 יאָהר.

איין אינדיאַנער שבט אין אַמעריקע איז איצט דאָס רייכסטע פאָלק אויף דער גאַנצער ערד. אונטער דעם באָדען, וואָס דער אינדיאַנער שבט, אסיידזש, פאַרנעהמט אין אָקלאַהאָמאַ, האָט מען געפונען אויל. די קוואַלען גיבען אַרויס אויל אויף 50 מיליאָן דאָל. יעהרליך; און אָנקעל סעם, וואָס פיהרט אָן דעם געשעפט פאַר זיינע רויטע ברידער, פאַרטיילט צו יעדען מיטגליד פון דעם שבט פון 10,000 ביז 12,000 דאלאַר יעדען יאָהר. אין 1922 האָט מען אויף דער אסיידזש־טעריטאָריע פּראָדוצירט איבער 29 מיליאָן באַרעלס אויל.

די קאָאָפּעראַטיווע באַוועגונג

פון ק. אָבערוטשעוו.

1
אין אייראָפּא

די קאָאָפּעראַטיווע באוועגונג, ווי זי איז געפּערדיגט געווארען אין אָנהויב פון פאָריגען יאָהרהונדערט פון די פּאַטערס פון קאָאָפּעראַטיווען געדאנק, ראָבערט אָוען און שארל פוריע, האָט ארומגענומען אלע אייראָפּעאישע לענדער און האָט זיך ברייט אנטוויקעלט אין א סך פון זיי.

אָנגעהויבען האָט זיך די באַוועגונג אין דער פאָרם פון פּראָדוקציאָנס געזעלשאפטען און לאנדווירטשאפטליכע קאָמונעס, וואָס זיינען אלע דורכגעפאלען. שפּעטער איז די באוועגונג אריבערגעגאנגען צו קאָנסום קאָאָפּעראַטיווען, וואס האבען זיך מיט דער צייט פאראייניגט אין גרויסע פארבאנדען, און די פארבאנדען האבען געגרינדעט אייגענע פאבריקען, ווערשטאטען, פארמס. אזוי ווי אָט די פּראָדוציר קאָאָפּעראטיווען האבען געארבייט ניט פאר דעם צופעליגען מארק, נאר פאר'ן אָרגאניזירטען געברויכער, זיינען די אונטערנעמונגען געוואָרען דעריבער זעהר שטאנדהאפטיג.

אָפּטמאָל האָבען די קאפּיטאַליסטישע בענק ניט געוואָלט געבען די קאָאָפּעראַטיווען קיין קרעדיט, ווייל זיי האבען געזעהן אין די קאָאָפּעראַטיווען אַ ערנסטען קאָנקורענט פאר דער קאפּיטאליסטישער פּראָדוקציע און פארטיילונג. האבען די קאָאָפּעראַטיווען געמוזט גרינדען אייגענע קאָאָפּעראַטיווע קרעדיט אנשטאלטען.

די קאָנסום פארבאנדען האבען געעפענט זייערע פאבריקען. קאָאָפּעראַטאָרען האבען אָבער אויך געגרינדעט פּראָדוציר קאָאָפּעראטיווען זעלבסטשטענדיג, ניט דורך קאָנסום געזעלשאפטען.

צוליב דעם, וואס דירה געלט האָט געשטיגען אהן אויפהער, האבען די קאָאָפּעראַטיווען געמוזט א קלער טאָן וועגען בויען קאָאָפּעראטיווע הייזער, וואו די דירות ווערען דאָס אייגענטום פון די איינוואוינער, וואָס צאָהלען ניט קיין סך דירה־געלט, און או א קאָמיטע פארוואלטעט דאָס הויז, און דער קאָמיטעט ווערט אויסגעקליבען פון די שכנים־קאָאָפּעראַטאָרען גופא.

אָט אזוי האָט די קאָאָפּעראציע פארכאפּט ביסלאכוויוז אלערליי געביטען פון לעבען און זי איז געוואָקסען און האָט זיך געשטארקט אין אלע לענדער. און אומעטום, אין אלע לענדער האבען איינצעלנע קאָאָפּעראטיווען זיך פאראייניגט אין אָרטיגע פאר־באנדען, און שפּעטער אין פארבאנדען, וואָס האבען ארומגענומען דאָס גאנצע לאנד.

אָבער דער אויפבוי פון דער קאָאָפּעראטיווער באוועגונג וואָלט ניט געווען פול־שטענדיג, ווען עס וואָלט ניט פארגעקומען קיין פאראייניגונג אויף אן אינטערנאציאָ־נאלע מאסשטאב. און אָט אזא מין פאראייניגונג איז פארגעקומען אין יאָהר 1892, ווען עס איז געגרינדעט געוואָרען דער אינטערנאציאָנאלער קאָאָפּעראַטיווער פארבאנד.

אין אָנהויב האָבען אלס מיטגלידער פון דעם פארבאנד געקאָנט אריינגענומען ווערען סיי פאָרשטעהער פון קאָאָפּעראטיווע אָרגאניזאציעס פון באזונדערע לענדער,

סאַי איינצעלנע פּערזאָנען, וואָס האָבען זיך באַטייליגט אין דער קאָאָפּעראַטיווער באַוועגונג.

אָבער שוין אין יאָהר 1902, נאָכ'ן מאַנטשעסטער קאָנגרעס, איז די פראַגע וועגען דער באַטייליגונג פון איינצעלנע פּערזאָנען אין אָט דעם פאַרבאַנד רעווידערט געוואָרען, און מען האָט זי געלעזט אין דעם זין, אַז איינצעלנע פּערזאָנען מעגען בלייבען מיטגלידער פון דעם פאַרבאַנד נאָר אין דעם פאַל„ ווען די קאָאָפּעראַציע האָט אין יענעם לאַנד ניט אָנגענומען קיין אָרגאַניזירטען כאַראַקטער.

ניין קאָנגרעסען האָט געהאַט דער אינטערנאַציאָנאַלער קאָאָפּעראַטיווער פאַרבאַנד פאַר דער מלחמה: אין לאָנדאָן (1895), אין פּאַריז (1896), אין דעלפט (1897), אין פּאַריז (1900), אין מאַנטשעסטער (1902), אין בודאַפּעסט (1904), אין קרעמאָן (1907), אין האַמבורג (1910) און אין גלאַזגאָוו (1913).

אויף דעם גלאַזגאָווער קאָנגרעס איז באַשלאָסען געוואָרען צו רופען דעם נעקסטען קאָנגרעס אין באַזעל אין 1916. האָט זיך אָבער באַלד צופלאַקערט די וועלט מלחמה, וואָס האָט איבערגעריסען אַלע אינטערנאַציאָנאַלע באַציהונגען און האָט צושטערט אַלע פאַרבינדונגען, און עס איז געוואָרען אוממעגליך צונויפצורופען אַן איטערנאַציאָנאַלען קאָאָפּעראַטיווען קאָנגרעס. און צונויפרופען ווידער אַ באַזונדערע באַראַטונג נאָר פון די אַליאירטע לענדער איז געווען אוממעגליך, ווייל די קאָנסטיטוציע פון דעם פאַרבאַנד האָט ניט דערלויבט אַזעלכע באַראַטונגען אָהן דער באַטייליגונג פון די פאַרטרעטער פון אַלע לענדער, און אַז. וו. דער געדאַנק גופא פון אַן אינטערנאַציאָנאַלען קאָאָפּעראַטיווען פאַרבאַנד מיינט די באַפעסטיגונג גראָד פון די אינטערנאַציאָנאַלע פאַרבינדונגען און די מיטווירקונג פאַר אַן איטערנאַציאָנאַלע פאַרבינדונג און פאַר שלום.

און אויף אַזאַ אופן איז די טעטיגקייט פון קאָאָפּעראַציע אויף אַן אינטערנאַציאָנאַלען מאַסשטאַב אָפּגעשטעלט געוואָרען פאַר דער צייט פון דער מלחמה, און דער פאַרבאַנד האָט ניט אַרויסגעוויזען קיין שום סימנים פון לעבען.

דערפאַר אָבער, ווי נאָר עס איז ערקלעהרט געוואָרען אַ וואָפענשטילשטאַנד, און מען האָט אָנגעהויבען פיהרען פרידענס פאַרהאַנדלונגען, האָט דער עקזעקוטיוו קאָמיטעט באַשלאָסען צונויפצורופען, אויב ניט אַ קאָנגרעס, איז, ווייניגסטענס, אַ קאָנפערענץ.

אַזאַ אינטער-אַליאירטע קאָנפערענץ איז צונויפגערופען געוואָרען אין 1919. עס זיינען דאַ געווען פאַרטרעטער פון בעלגיע, טשעכאָסלאָוואַקיע, פראַנקרייך, גריכענלאַנד, איטאַליע, ליטע, רוסלאַנד, ענגלאַנד, פאַראייניגטע שטאַטען, און עס האָבען זיך באַטייליגט צוויי מיטגלידער פון דעם איטערנאַציאָנאַלען קאָאָפּעראַטיווען פאַרבאַנד, זיין פּרעזידענט און זיין גענעראַל סעקרעטאַר.

די קאָנפערענץ האָט אויסגעאַרבייט אַ מעמאָראַנדום פאַר דער פרידענס-קאָנפערענץ. אין זייער רעזאָלוציע האָבען די קאָאָפּעראַטאָרען באַשטימט אונטערגעשטראָכען, אַז די אורזאַכען פון קריג זיינען ניט אַלעמאָל ריין-פּאָליטישע, נאָר זיי זיינען מעהרסטענס ריין עקאָנאָמישע. און דעריבער איז דער שווערפּונקט פון זייער מעמאָראַנדום באַשטאַנען אין די פּונקטען וועגען אויסגלייכען די עקאָנאָמישע צוויישענבאַציהונגען פון די פאַרשיידענע לענדער.

וועניגער ווי אין אַ האַלב יאָהר אַרום, אין יוני, 1919, איז אין פּאַריז צונויפ־גערופען געוואָרען אַ קאָאָפּעראַטיווע קאָנפערענץ פון די אַליאירטע און נייטראַלע לענדער, וועלכע האָט באַשלאָסען באַלד צונויפצורופען (אין אויגוסט) דעם עקזע־קוטיווען קאָמיטעט פון דעם אינטערנאַציאָנאַלען קאָאָפּעראַטיווען פאַרבאַנד.

דערנאָך איז צונויפגערופען געוואָרען אַ קאָנגרעס אין באַזעל, אין אויגוסט, 1921. דער לעצטער (עלפטער) קאָנגרעס איז פאָרגעקומען אין גענט, אין סעפּ־טעמבער, 1924.

עס איז דערביי אינטערעסאַנט צו באַמערקען, אַז אויף דעם ערשטען קאָנגרעס נאָך דער מלחמה, צום ערשטען מאָל אין דער געשיכטע פון דער אינטערנאַציאָנאַלער קאָאָפּעראַטיווער באַוועגונג, זיינען אָנגענומען געוואָרען פּאָליטישע רעזאָלוציעס, ווי, למשל, די רעזאָלוציע וועגען „פּאָליטישע פאַרפאָלגונגען אין אונגאַרן“, „פּוילישע פאַרפאָלגונגען אין אוקראַינע“, און „פאַשיסטישע גוואַלדטאַטען אין איטאַליע“.

נאָך דער מלחמה איז באַשטימט געוואָרען אַ באַזונדערער אינטערנאַציאָנאַלער קאָאָפּעראַטיווער טאָג, דעם 5טען יולי, וואָס איז צום ערשטען מאָל געפייערט גע־וואָרען אין 1924.

ווי ברייט עס האָט זיך אַנטוויקעלט דער אינטערנאַציאָנאַלער קאָאָפּעראַטיווער קאָנגרעס, קאָן מען זעהן פון דעם, וואָס אין דעם איצטיגען מאָמענט געהען אריין אין פאַרבאַנד קאָאָפּעראַטיווען פון 30 מלוכות. דער פאַרבאַנד נעמט אריין 100,000 קאָאָפּעראַטיווע אָרגאַניזאַציעס מיט כמעט 40,000,000 מיטגלידער.

נאָך אָט די קורצע ידיעות וועגען דער קאָאָפּעראַטיווער באַוועגונג בכלל, וועל איך דאָ ברענגען אייניגע סטאַטיסטישע דאַטען פון באַזונדערע מלוכות. די ציפערען זיינען די לעצטע, וואָס זיינען פאַרעפענטליכט געוואָרען, פון יאָהר 1923.

דעם ערשטען אָרט פאַרנעמט ענגלאַנד מיט איהר ברייט אַנטוויקעלטער קאָ־אָפּעראַציע.

אין ענגלאַנד (גרויס בריטאַניע) זיינען געווען: 1314 קאָנסום געזעלשאַפטען, מיט 4,569,265 מיטגלידער און 182,734 אַרבייטער און אָנגעשטעלטע; 9 קאָנסום פאַרבאַנדען, מיט 75 מיטגלידער און 40 אַרבייטער און אָנגעשטעלטע; 105 פּראָ־דוצירער קאָאָפּעראַטיוון, מיט 37,868 מיטגלידער און 10,828 אַרבייטער און אָנ־געשטעלטע; 4 פאַרטיילס געזעלשאַפטען, מיט 8,457 מיטגלידער און 1,445 אַרביי־טער און אָנגעשטעלטע; 6 ספּעציעלע געזעלשאַפטען, מיט 1,024 מיטגלידער און 2,560 אַרבייטער און אָנגעשטעלטע, און 3 געזעלשאַפטען פאַר איינקויפען, מיט 2,139 מיטגלידער און 42,893 אַרבייטער און אָנגעשטעלטע.

צוזאַמען זיינען אין ענגלאַנד געווען: 1,441 קאָאָפּעראַטיוון, מיט 4,618,819 מיטגלידער און 186,500 אַרבייטער און אָנגעשטעלטע.

אין עסטרייך זיינען געווען: 113 קאָנסום־געזעלשאַפטען, מיט 408,222 מיט־גלידער, און 1 געזעלשאַפט פאַר איינקויפען.

אין בעלגיע זיינען געווען 256 קאָאָפּעראַטיוון. דער גרעסטער טייל פון זיי, מיט זייער גאַנצער מיטגלידערשאַפט, געהערט צו דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי.

אין בולגאַריע זיינען געווען: 409 קאָנסום־געזעלשאַפטען, מיט 120,519 מיטגלידער; 146 פאַר פּראָדוקציע און פאַרקויף, מיט 37,053 מיטגלידער; 977 קרעדיט געזעלשאַפטען, מיט 119,352 מיטגלידער; 32 פאַרזיכערונג קאָאָפּעראַטיוון,

מיט 64,149 מיטגלידער; 102 פראדוציר קאאפעראטיוועו מיט 3,389 מיטגלידער; 39 פארשיידענע קאאפעראטיוועז, מיט 3,791 מיטגלידער, און 13 ארטיגע און צענטראלע פארבאנדען, מיט 50,070 מיטגלידער.

אינגאנצען זיינען אין בולגאריע געווען 1,718 קאאפעראטיוועז מיט 398,323 מיטגלידער.

אין אונגארן זיינען געווען: 1,962 פארשיידענע געזעלשאפטען, מיט 840,000 מיטגלידער און 18 ארבייטער געזעלשאפטען, מיט 191,000 מיטגלידער.

אין דייטשלאנד זיינען געווען 1,275 קאנסום געזעלשאפטען, מיט 3,637,286 מיטגלידער, און 1 געזעלשאפט פאר איינקויף, מיט 1,049 מיטגלידער.

אין האלאנד זיינען געווען: 135 קאנסום געזעלשאפטען, מיט 126,725 מיט-גלידער, און 1 איינקויף געזעלשאפט.

אין דענעמארק זיינען געווען: 1,806 אלערליי געזעלשאפטען, מיט 337,700 מיטגלידער און 2,259 ארבייטער און אנגעשטעלטע, און 1,700 קרעדיט קאאפערא-טיוועז, מיט 22,267 מיטגלידער.

אין שפאניע זיינען געווען 196 אלערליי געזעלשאפטען, מיט 52,752 מיט-גלידער.

אין איטאליע זיינען געווען: 2,300 אלערליי געזעלשאפטען פון דער נאציא-נאלער ליגע פון קאאפעראציעס; 1,466 געזעלשאפטען, מיט 348,270 מיטגלידער, פון דעם פאשיסטישען איטאליענישען פארבאנד פון קאאפעראטיווע געזעלשאפטען; און 2,900 קאנסום געזעלשאפטען, פון דער נאציאנאלער פעדעראציע פון קאנסום געזעלשאפטען.

אין לאטוויע זיינען געווען: 198 קאנסום געזעלשאפטען, 88 אגריקולטורעלע, 20 קרעדיט קאאפעראטיוועז, און 44 מילך קאאפעראטיוועז. אינגאנצען — 332 קאאפעראטיוועז, מיט 75,000 מיטגלידער.

אין ליטע זיינען געווען: 255 פארשיידענע געזעלשאפטען, מיט 59,358 מיט-גלידער, געהערען צום ליטווישען פארבאנד פון קאאפעראציעס; און אלע קאאפערא-טיוועז צוזאמען זיינען צונויפגערעכענט געווארען 872.

אין נארוועגיע זיינען געווען 416 פארשיידענע געזעלשאפטען, מיט 96,401 מיטגלידער, געהערען צו דער נארוועגישער איינקויף געזעלשאפט.

אין פוילען זיינען געווען 5,000 אלערליי געזעלשאפטען, מיט 1,500,000 מיטגלידער.

אין פארטוגאל זיינען געווען 200 קאנסום געזעלשאפטען, געהערען צו דער נאציאנאלער פעדעראציע פון קאנסום פאראיינען.

אין פראנקרייך זיינען געווען 4,300 פארשיידענע געזעלשאפטען, מיט 2,329,869 מיטגלידער (1922).

אין טשעכאסלאוואקיע זיינען געווען: 7,864 אגריקולטורעלע קאאפעראטיוועז, 1,467 קרעדיט-קאאפעראטיוועז (שולצע-דעליטש), 2,261 קאנסום-קאאפעראטיוועז, 1,825 פראדוציר קאאפעראטיוועז, 1,326 בוי קאאפעראטיוועז, 199 פארשיידענע.

אין דער שווייץ זיינען געווען: 516 קאנסום-קאאפעראטיוועז, מיט 357,208 מיטגלידער; זיי געהערען צום פארבאנד פון שווייצערישע קאנסום-געזעלשאפטען.

אין שוועדען זיינען געווען: 886 פארברויך געזעלשאפטען, מיט 274,269 מיט-גלידער; געהערען צום שוועדישען קאאפעראטיוועז פארבאנד.

אין יוגאָסלאַוויע זיינען געווען 4,579 פאַרשיידענע געזעלשאַפטען, 16 פאַר־באַנדען, 1,931 אַגריקולטורעלע קאָאָפּעראַטיוון, מיט 164,000 מיטגלידער.

אין עסטאָניע זיינען געווען 263 קאָנסום געזעלשאַפטען מיט 105,000 מיט־גלידער; געהערען צו דער עסטאָנישער איינקויף געזעלשאַפט.

אין רוסלאַנד זיינען געווען (ביז 1טען אָקטאָבער, 1924): 20,532 קאָנסום געזעלשאַפטען, מיט 6,501,474 מיטגלידער; 39 עלעקטרישע געזעלשאַפטען, מיט 6,956 מיטגלידער; 7,223 האַנדעלס קאָאָפּעראַטיוון, מיט 250,700 מיטגלידער; 2,643 אינוואַלידען קאָאָפּעראַטיוון, מיט 34,625 מיטגלידער; 35,468 אַגריקול־טורעלע קאָאָפּעראַטיוון, מיט 2,468,737 מיטגלידער; 1,813 קרעדיט קאָאָפּעראַ־טיוון, מיט 332,403 מיטגלידער; און 2,561 געמישטע קאָאָפּעראַטיוון, מיט 655,373 מיטגלידער.

אינגאַנצען זיינען געווען 70,072 קאָאָפּעראַטיוון מיט 10,250,238 מיטגלידער.

חוץ דעם זיינען אין רוסלאַנד געווען: 13,450 דירה קאָאָפּעראַטיוון, 92 הויז אויפבוי קאָאָפּעראַטיוון, 191 פאַרברויך קאָאָפּעראַטיוון, 107 האַנדעלס קאָאָפּע־ראַטיוון, 270 אַגריקולטורעלע קאָאָפּעראַטיוון, קרעדיט קאָאָפּעראַטיוון, 39 גע־מישטע קאָאָפּעראַטיוון, 8 דירה קאָאָפּעראַטיוון. אינגאַנצען זיינען געווען נאָך 615 פאַרבאַנדען.

רעדענדיג וועגען דער קאָאָפּעראַציע אין רוסלאַנד, מוז מען באַמערקען, אַז זי האָט דורכגעלעבט אויסערגעוועהנליכע צייטען. אויב אין די צאַרישע צייטען איז די קאָ־אָפּעראַציע געשטאַנען אונטער פאַרדאַכט און איז געדריקט און פאַרפאָלגט געוואָ־רען אויף אַלערליי אופנים, איז זי נאָך דער באָלשעוויסטישער איבערקערעניש גע־וואָרען אַ מלוכה־אינסטיטוציע און האָט אויפגעהערט צו זיין אַ פרייע אָרגאַניזאַציע פון פרייוויליגע מיטגלידער.

דערנאָך, שוין אין 1922, האָט מען דער קאָאָפּעראַציע ווידער געגעבען אַ שטיקעל אויטאָנאָמיע.

2

אין די פאַראייניגטע שטאַטען

די קאָאָפּעראַטיווע אונטערנעמונגען אין אַמעריקע האָבען זיך אָנגעהויבען זעהר לאַנג, נאָך צום סוף פון 18טען יאָהרהונדערט. אָבער ערשט אינמיטען פון פאָריגען יאָהרהונדערט האָט די קאָאָפּעראַציע גענומען פעסטער זיך אַנטוויקלען.

איך וויל דאָ ניט געבען קיין בילד פון דער היסטאָרישער אַנטוויקלונג פון אָט דעם מין קאָאָפּעראַציע. מיר איז נאָר וויכטיג אָנצואווייזען אויף איהר מאָדערנער אַנטוויקלונג.

פאַר אָט דעם צוועק וועלען מיר זיך באַנוצען מיט די סטאַטיסטישע דאַטען, וואָס דאָס מיניסטעריום פון ארבייט האָט פאַרעפענטליכט. די מאַטעריאַלען זיינען געזאַמעלט געוואָרען פון דעם דעפּאַרטמענט אָוו לייבאָר פון אַן אַנקעטע נאָך אין יאָהר 1915.

ענטפערס זיינען אָנגעקומען ניט פון אַלע אָרגאַניזאַציעס, און דעריבער האָבען די דאַטען, וואָס ווערען דאָ געבראַכט, נאָר אַ רעלאַטיווע באַדייטונג און גיבען נאָר

ניט קיין בילד פון דער אמת'ער לאגע פון קאאפעראציע אין די פאראייניגטע שטאטען.

כדי צו פארלייכטערן די באדינגונגען פון ארבייט און פון פארקויף אין די פארמס און לאנדווירטשאפטען, איז געשאפען געווארען א רייהע פארשידענע ארגאניזאציעס, וואס זיינען אין די פארשידענע צווייגען פון לאנד-ווירטשאפט א הילף פאר'ן פארמער. אין יעדען צווייג זיינען אויך פאראן אקציע געזעלשאפטען און קאאפעראטיווע ארגאניזאציעס, וואס ארבייטען צוזאמען.

לאמיר זעהן, וואס זיי זיינען.

דעם ערשטען ארט פארנעמען די תבואה עלעווייטארס.

עלעווייטארס און אלערליי וועהר-הייזער זיינען געווען 1677, און זיי זיינען געווען צואווארפען אין 23 שטאטען. דעם ערשטען ארט פארנעמט דא נארד-דאקאטא, מיט 264 עלעווייטארס. דערנאך קומען מינעסאטא, מיט 241, אייאווא מיט 228, אילינאי מיט 192, און אז. וו. מען מוז אבער באמערקען, אז פון דער צאהל עלעווייטארס זיינען נאר 496 געווען קאאפעראטיווע געזעלשאפטען, און די איבעריגע שטעלען מיט זיך פאר אקציען געזעלשאפטען. דאס פארקלענערט אין א גרויסער מאס די ראל פון קאאפעראציע אין אט דער זאך.

די קאאפעראטיווע עלעווייטארס האבען אויסגעמאכט נאר 30% פון אלע עלעווייטארס. מען מוז אבער באמערקען, אז אין די שטאטען, וואו די עלעווייטארס זיינען מעהר אנטוויקעלט איז דער פראצענט פון קאאפערטיווען העכער פון דעם דורכשניט. אזוי, זעהען מיר, אין אין נארד דאקאטא מאכען זיי אויס 38%, אין מינעסאטא — 43%, און אין אייאווא — אפילו העכער 50%.

דעירים, וואו מען האט געמאכט מילך-פראדוקטען און קעז, זיינען אין 1915 געווען ארום 9,000. ידיעות האט מען באקומען נאר פון 1,708. אויך דא פארנעמען דעם ערשטען ארט די שטאטען מינעסאטא, אייאווא און וויסקאנסין.

דערנאך קומען די געזעלשאפטען פאר'ן פארקויף פון פרוכט. זעלבסט-פארשטענדליך, געפינען זיך די מעהרסטע פון זיי אין קאליפארניע, ארקענסאס און פלארידא.

די ווייניג ציפערען, וואס זיינען דא געבראכט געווארען, ווייזען, אז די קאאפעראטיווע באוועגונג איז אין די לאנדווירטשאפטען נאך ניט געווארען קיין באדייטענדיגער פאקטאר אין דעם לעבען פון די אמעריקאנער פארמערס, און אז אין אט דער הינזיכט גיבען אונז דענמארק און אירלאנד גרעסערע ביישפילען פון קאאפעראטיווען בויען.

אמת, עס צו צו מערקען א וואוקס אין אט דער באוועגונג.

לויט די שפעטערדיגע אויספארשונגען פון אגריקולטור דעפארטמענט שטעלט זיך ארויס, אז אין דער איצטיגער צייט זיינען פאראן איבער 12,000 אגריקולטור קאאפעראטיווען, מיט אן אלגעמיינער צאהל מיטגלידער פון ארום 2,000,000. זיבעציג פראצענט פון אט די קאאפעראטיווען געפינען זיך אין 12 שטאטען פון דעם נארד-צענטראלען ראיאן. נאר דריי פראצענט געפינען זיך אין דריי פאציפישע שטאטען.

עס איז אינטערעסאנט צו באמערקען, אז די צאהל לאנדווירטשאפטליכע קאאפעראטיווען אין די פאראייניגטע שטאטען איז פון 1915 אויסגעוואקסען אויף

200%, און די צאָהל מיטגלידער האָט זיך פאַרגרעסערט אפילו אויף 300%, אָדער 4 מאָל אַזוי פיל.

מען רעכענט אַז עס געפינען איצט אַרום 50 פאַרבאַנדען.

אַריבערגעהענדיג צו דער פאַבריק קאָאָפּעראַציע, מוזען מיר באַמערקען, אַז דער ערשטער קאָנסום קאָאָפּעראַטיווע איז געווען דער קויף קלוב", וואָס איז אָרגאַניזירט געוואָרען אין באָסטאָן, אין 1844, פּונקט אין דעם יאָהר, ווען די ראָטשדיילער וועבער האָבען געעפענט זייער קראָם, וואָס איז געווען דער ערשטער שטויס פאַר דער פאַרשפּרייטונג פון קאָאָפּעראַציע אין ענגלאַנד.

ניט אַזוי ערפאָלגרייך איז געווען די אונטערנעמונג פון די באָסטאָנער. נאָך אַ רייהע דורכפאַלען און ענדערונגען, איז זי זיך צופאַלען.

לויט פאָרד'ס מיינונג, איז איינע פון די אורזאַכען, פאַרוואָס די קאָאָפּעראַציע אין ניו ענגלאַנד איז דורכגעפאַלען, געווען דער גרויסער צופלוס פון אימיגראַנטען־אַרבייטער. אָט דער צופלוס האָט געפיהרט צו דעם, אַז די אַמעריקאַנער זיינען געוואָרען אָדער אונטערנעמער, אָדער הויפּט אויפזעהער, און דאָס האָט זיי אָפּגעצויגען פון קאָאָפּעראַציע.

דער איינגעבאָרענער אַמעריקאַנער. — זאָגט פאָרד, — האָט אין די אינדוסט־ריעלע ראַיאָנען אויפגעהערט צו גרינדען קאָאָפּעראַטיווען, ווייל ער האָט געקאָנט מעהר פאַרדינען, עקספּלואַטירענדיג אויסלענדישע אַרבייט, איידער אויף די קאָ־אָפּעראַטיווע אָפּשפּאָרונגען.

די אירלענדער וואָס האָבען מיט זיך ניט געבראַכט קיין שום קאָאָפּעראַטיווע ערפאַהרונג, זיינען באַלד צוגעשטאַנען צו דער עקספּלואַטאַציע פון אויסלענדער.

אַן אַנדער שרייבער וועגען קאָאָפּעראַציע, פּערני, גיט אָן אַן אַנדער אורזאַך פאַר דעם דורכפאַל פון דער קאָאָפּעראַטיווער קאָנסום באַוועגונג אין אָט דער צייט.

ער זאָגט, אַז דער קאַמף פאַר אַן אַכט־שטונדיגען אַרבייטס־טאָג האָט אָפּגע־צויגען די גאַנצע אויפמערקזאַמקייט פון די אַרבייטער פון דער קאָאָפּעראַציע.

דערפאַר אָבער האָבען די אויסלענדישע אימיגראַנטען גענומען שטאַרק אַנט־וויקלען די קאָאָפּעראַציע.

די אורזאַכען, פאַרוואָס גראַד די אויסלענדער באַשאַפען אָפטמאָל קאָאָפּעראַ־טיווען, זיינען אַזעלכע: דאָס איז פאַר זיי קודם כל אַ מיטעל צו פאַרטיידיגען זיך געגען עקספּלואַטאַציע. ווייטער קאָנען זיי ניט די שפּראַך, און דאָס צווינגט זיי אויך צו עפענען זייערע קראָמען, כדי צו האָבען, וואו איינצוקויפען. אָפטמאָל ווערט אויך דער קאָאָפּעראַטיווער נאַציאָנאַלער צענטער אַ מין אינפאָרמאַציע ביוראָ.

קאָאָפּעראַציעס ווערען געגרינדעט צוערשט פון דייטשען, דערנאָך קומען ענגלענדער, פראַנצויזען, בעלגיער און אַנדערע נאַציאָנאַליטעטען. די פינען זיינען דאָ געווען באַזונדערס אַקטיוו. אין יאָהר 1917 האָבען זיי געהאַט 141 קאָאָפּעראַטיווע אָרגאַניזאַציעס מיט אַ יעהרליכען אומזאַץ פון 4,000,000 דאָלאַר.

עס איז אינטערעסאַנט אַנצומערקען דאָ די גרופּירונג פון די קאָנסום קאָאָפּעראַטיווען, וואָס פּערני ברענגט:

1) קאָאָפּעראַטיווען, וואָס זיינען אָרגאַניזירט געוואָרען פון אַרבייטער־אָרגאַניזאַציעס און סאָציאַליסטישע גרופּעס;

2) קאָאָפּעראַטיווען, וואָס זיינען אָרגאַניזירט געוואָרען פון ליגעס און יחידים:
3) קאָאָפּעראַטיווען, וואָס זיינען ניט פארבונדען מיט וועלכע עס איז ספּעציעלע גרופּעס פון קאָנסומערס;
4) פּארמערשע קראָמען, וואָס ווערען געשטיצט פון רעגירונגס און אנדערע אָרגאַניזאַציעס.

די קאָנסום געזעלשאַפטען אין אמעריקע, ווי אומעטום, אין אַנדערע לענדער, ווערען געבויט אויף פּרינציפּען, וואָס זיינען דער באזיס פון דער באוועגונג פון די ראָטשדיילער וועבער.

נעמענדיג די געאָגראַפישע פארטיילונג פון די קאָנסום קאָאָפּעראַטיווען אין די פאראייניגטע שטאַטען, מוזען מיר באמערקען, אז דעם ערשטען אָרט פארנעמט דער צפון־מערב'דיגער ראַיאָן, וואו עס געפינען זיך 36.9% פון אַלע קאָנסום־געזעלשאַפטען.

עטליכע ווערטער וועגען דער קרעדיט־קאָאָפּעראַציע:

אזא קאָאָפּעראַציע איז אויך פאראַן אין אמעריקע. וועגען דעם, ווי אזוי זי אנטוויקעלט זיך, קאָן מען זעהן פון איין ביישפּיל, וואָס ווערט געבראַכט פון א ספּעציאַליסט, בערגערמאַן.

מיט אכט יאָהר צוריק, — שרייבט ער, — האָבען 15 אַנגעשטעלטע פון דער טעלעפאָן און טעלעגראַף קאָמפּאַניע פון ניו ענגלאַנד געגרינדעט א קרעדיט יוניאָן מיט וויינינגער פון 20 דאָלאַר. איצט זיינען פאראַן אן אכט קרעדיט יוניאָנס פון אַנגעשטעלטע פון אָט דער קאָמפּאַניע מיט 13,000 מיטגלידער.

די קרעדיט קאָאָפּעראַציע אין די פאראייניגטע שטאַטען האָט אָנגענומען די פאָרם פון פאָלקס בענק, קרעדיט פארבאַנדען, בוי און לייה געזעלשאַפטען.

אין דער איצטיגער צייט רעכענט מען ארום א הונדערט קרעדיט פארבאַנדען אין אַלמאַנאַך — די קאָאָפּעראַטיווע באוועגונג אין די פאראייניגטע שטאַטען — 2 — דעם שטאַט ניו יאָרק. ארום נייַנציג אין מאַסאַטשוזעטס, און 22 לאַנדווירטשאַפטליכע קרעדיט פארבאַנדען אין נאָרד קאַראָליינא.

די באַדייטונג פון אָט די פאַקטען וועט קלאָרער ווערען, ווען מיר וועלען דאָ דערמאָנען, אז אין איין דייטשלאַנד זיינען פאַר דער מלחמה געווען ביז 17,000 קרעדיט פארבאַנדען.

מען דאַרף באמערקען, אז קרעדיט פארבאַנדען זיינען ניט פּאָפּולער צווישען די אמעריקאַנער, נאָר זיי ווערען געגרינדעט צווישען די אויסלענדער.

אַלערליי בוי קאָאָפּעראַטיווען זיינען ביז דעם 30טען יוני, 1921 געווען פאר־צייכענט 8,633, מיט א מיטגלידערשאַפט פון 4,962,919. ביז צום 1טען אָקטאָבער, 1922, איז די צאָהל מיטגלידער שוין געווען 5,809,888. דאָס ווייזט, ווי אזוי עס וואַקסט אָט דער מין קאָאָפּעראַציע.

צום שלום דאַרף מען זאָגען נאָך עטליכע ווערטער וועגען דער קאָאָפּעראַטיווער ליגע אין די פאראייניגטע שטאַטען.

די אָרגאַניזאַציע האָט זיך באוויזען פארהעלטניסמעסיג ניט לאַנג.

ביז צום יאָהר 1915 איז אין די פאראייניגטע שטאַטען ניט געווען קיין איין נאַציאָנאַלע ארגאַניזאַציע, וואָס זאָל פאראייניגען אַלע קאָאָפּעראַטיווע ארגאַניזאַציעס, וועלכע זיינען צוזאַמענגעוואַרפען איבער'ן לאַנד.

ערשט דעם יאָהר איז געלונגען צו אָרגאַניזירען די „קאָאָפּעראַטיווע ליגע פון אמעריקע" מיט'ן דעוויז „יעדער פאר אלע און אלע פאר יעדערען".

דער אָרגאַניזאַטאָר פון דער ליגע איז געווען דאָקטאָר וואַראַס, איהרער אַן איבערגעבענער טוער און ערשטער פּרעזידענט.

דער ערשטער קאָנגרעס פון דער ליגע איז פאָרגעקומען אין ספּרינגפילד, אילינאָי, אין יאָהר 1918. דער צווייטער קאָנגרעס איז געווען אין סינסינעטי, אָ., דער דריטער — אין שיקאַגאָ, אין 1922, און דער לעצטער — אין ניו יאָרק, אין 1924.

א דאנק אָט דער ליגע, אנטוויקעלט זיך די קאָאָפּעראַטיווע באַוועגונג אין די פאראייניקטע שטאַטען און זי הויבט אָן אָנצוגעהן מיט איהר ארבייט פּלאַנמעסיג.

אין 1924 זיינען אין דער ליגע געווען ארום 500 אינדיווידועלע מיטגלידער און 337 קאָאָפּעראַטיווע געזעלשאַפטען.

צייט אונטערשייד

ווען אין ניו יאָרק איז 12 אזייגער מיטאָג צייט, איז אין

אַנטווערפּען, בעלגיען	5	אזייגער	13	מינוט	נאָכמיטאָג.
אַמסטערדאַם, האָלאַנד	5	„	20	„	נאָכמיטאָג
בערלין, דייטשלאַנד	5	„	53	„	נאָכמיטאָג
בערן, שווייץ	″	„	29	„	נאָכמיטאָג
ברעמען, דייטשלאַנד	5	„	33	„	נאָכמיטאָג
בריסעל, בעלגיען	5	„	17	„	נאָכמיטאָג
דענווער, קאָלאָראַדאָ	10	„	00	„	פאַרמיטאָג
דובלין, אירלאַנד	4	„	34	„	נאָכמיטאָג
האַמבורג, דייטשלאַנד	5	„	10	„	נאָכמיטאָג
האַוואַנאַ, קיובאַ	11	„	30	„	פאַרמיטאָג
האָנאָלולו, האַוואַי	6	„	29	„	פאַרמיטאָג
האַאַג, האָלאַנד	5	„	17	„	נאָכמיטאָג
וויען, עסטרייך	6	„	5	„	נאָכמיטאָג
טאָקיאָ, יאַפּאַן	2	„	18	„	פאַרמיטאָג מאָרגען
סיטקאַ, אַלאַסקאַ	5	„	42	„	נאָכמיטאָג
ליסאַבאָן, פּאָרטוגאַל	5	„	00	„	נאָכמיטאָג
לאָנדאָן, ענגלאַנד	5	„	00	„	נאָכמיטאָג
מעקסיקאָ סיטי	10	„	24	„	פאַרמיטאָג
מאַדריד, שפּאַניען,	4	„	45	„	פאַרמיטאָג
מאַנילאַ, פיליפּינען	1	„	3	„	פאַרמיטאָג מאָרגען
מעלבאָורן, אויסטראַליען	2	„	39	„	פאַרמיטאָג מאָרגען
סאַן פראַנציסקאָ, קאַליפאָרניאַ	9	„	00	„	פאַרמיטאָג מאָרגען
בריסטיאַנאַ, נאָרוועגיען	7	„	58	„	פאַרמיטאָג מאָרגען
פּאַריז, פראַנקרייך	5	„	9	„	נאָכמיטאָג
פּעקינג, כינא	12	„	45	„	פאַרמיטאָג מאָרגען
פּעטראָגראַד, רוסלאַנד	7	„	1	„	נאָכמיטאָג
פּרעטאָריאַ, סאוט אַפריקאַ	6	„	55	„	נאָכמיטאָג
רוים, איטאַליען	5	„	49	„	נאָכמיטאָג
שטאָקהאָלם, שוועדען	6	„	12	„	נאָכמיטאָג
שיקאַגאָ, אילינאָי	11	„	00	„	פאַרמיטאָג
קאָלאָן, פּאַנאַמאַ	11	„	40	„	פאַרמיטאָג
קאָנסטאַנטינאָפּאָל, טערקיי	6	„	56	„	נאָכמיטאָג
קאָפּענהאַגען, דענמארק	5	„	40	„	נאָכמיטאָג

די צאָהל אידען אין דער גאַנצער וועלט אין 1925

די צאָהל אידען איבער דער גאַנצער וועלט, אין די פינף וועלט-טיילען און איבער זעכציג מלוכות, איז אין 1925 געווען, לויט די גענויסטע אָפּשאַצונגען — 14,830,832. דאָס באַטרעפט ווייניגער פון איין פּראָצענט פון דער גאַנצער מענשליכער באַפעלקערונג פון דער ערד, וואָס איז אָפּגעשאַצט געוואָרען לויט די בעסטע ידיעות—1,748,000,000.

פאַר די לעצטע 27 יאָהר, דאָס הייסט פון דער רוסישער פאָלקס-צעהלונג אין 1897, ווען מעהר פון אַ העלפט פון אַלע אידען האָבען געלעבט אין דער רוסישער אימפּעריע, איז אַ גרויסע מאַסע אידען אריבערגעטראָגען געוואָרען קיין אַמעריקאַ. אייראָפּאַ האָט נאָך אָבער אַלץ כמעט צוויי-דריטעל אידען.

די ציפערען פאַר די וועלט-טיילען און די באַזונדערע לענדער זיינען:

אייראָפּאַ	9,343,882
פּוילען	2,850,000
אייראָפּעאישע רוסלאַנד	2,525,000
אוקראַינאַ	1,625,000
אַנדערע טיילען רוסלאַנד	900,000
רומעניע	870,000
דייטשלאַנד	610,000
אונגאַרן	490,000
טשעכאָסלאָוואַקיא	360;000
ענגלאַנד און אירלאַנד	300,000
עסטרייך	300,000
ליטאַ	160,000
פראַנקרייך	165,000
האָלאַנד	120,000
גריכענלאַנד	115,000
לעטלאַנד	105,000
אייראָפּעאישע טערקיי	87.500
יוגאָסלאַוויא	67,000
בעלגיע	60,000
בולגאַריע	50,000
איטאַליע	46,000
שווייץ	22,000
שוועדען	6,500
דענעמאַרק	6,000
עסטלאַנד	5,000
שפּאַניע	4,500
דאַנציג	7,282
פּאָרטוגאַל	6,000
פינלאַנד	1,700
נאָרוועגיע	1,500
גיבראַלטאַר	1,400
לוקסעמבורג	1,500
אַזיע	662,000
אַזיאַטישע רוסלאַנד	190,000
מעסאָפּאָטאַמיע	92,000
פּאַלעסטינאַ	110,000
אַזיאַטישע טערקיי	72,000
פּערסיע	60,000

סיריע און לבנון	37.500
אַראַביע	26,500
אינדיע	23,000
בוכאַראַ און כיווע	21,000
אַפגאַניסטאַן	18,000
כינאַ און יאַפּאַן	8,000
אַדען און פּערים	4,000
אַפריקאַ	448,500
בריטישע דרום אַפריקאַ	65,000
טראַנסוואַל	35,000
קאַפּלאַנד	22,500
פראַנצויזישע מאַראָקאָ	90,000
שפּאַנישע מאַראָקאָ	19,000
אַלזשיר	77,000
עגיפּטען	65,000
אַבעסיניע	50,000
טוניס	50,000
טריפּאָליס	20,000
טאַנזשער	12,500
אַמעריקאַ	4.351,000
פאַראייניגטע שטאַטען	4,000,000
קאַנאַדאַ	140,000
אַרגענטינאַ	140,000
מעקסיקאָ	25,000
קובאַ	8,000
טשילי	5,000
בראַזיליע	30,000
סורינאַם און קוראַסאַאָ	1,500
יאַמאַיקאַ	1,500
אויסטראַליא	25,450
ניי-דרום וויילס	11,000
וויקטאָריאַ	8,000
ניי-זעלאַנד	2,500
מערב-אויסטראַליע	2,000
קווינסלאַנד	1,000
דרום-אויסטראַליע	800
טאַסמאַניע	150
די גאַנצע וועלט	14,830,832

די געשיכטע פון דער אידישער קאָלאָ־ניזאַציע אין רוסלאַנד

פון דר. יעקב שאַצקי

די אידישע קאָלאָניזאַציע אין רוסלאַנד האָט שוין הינטער זיך א לאַנגע, אינ־טערעסאַנטע געשיכטע. די דאָזיגע קאָלאָניזאַציע איז דורכגעגאַנגען פיר עטאַפּען פון אנטוויקלונג.

דער ערשטער עטאַפּ פון דער אידישער קאָלאָניזאַציע אין רוסלאַנד איז געווען אין דער צייט, ווען רוסלאַנד האָט גע'ירשנ'ט א גרויסען טייל פון די פּוילישע טעריטאָריעס, און ווען די רוסישע רעגירונג איז אוועקגעשטעלט געוואָרען פאַר א הארבען פּראָבלעם צו לינדערען דעם דלות און דעם הונגער אין די ענגע שטעדט־לאַך פון „טשערטאַ אָסעדלאָסטי" (תחום המושב), וועלכע איז באַלד געשאַפען געוואָרען, כדי דער פּוילישער איד זאָל נישט פאַרפלייצען די אמת־רוסישע גו־בערניעס. דאַמאָלס באַוויזען זיך פאַרשידענע פּראָיעקטען און פּלענער בנוגע קאָ־לאָניזירען די אידען אויף די גרויסע שטחים פון רוסלאַנד, וועלכע ברענגען דער מלוכה קיין שום נוצען ניט, ווייל זיי שטעהען ליידיג.

דער צווייטער עטאַפּ אין דער ענטוויקלונג פון דער אידישער קאָלאָניזאַציע פאַלט אויס אין צייט, ווען קאָלאָניזירען די אידען איז געווען א רעגירונגס־פּראָ־גראַם. די רעגירונג האָט געבויט אויף קאָלאָניזאַציע, ווי אויף א מיטעל צו „מאַ־כען פון אידען לייט", דאָס איז שוין געווען ניט קיין ריין עקאָנאָמישע פראַגע, נאָר א מין „פּעדאַגאָגיע". די מלוכה האָט געוואָלט ערציהען די אידען, אָפּ־רייסען זיי פון האַנדעל און מעקלעריי. די דאָזיגע צייט הייבט זיך אָן מיט דער רעגירונג פון ניקאָלאַי דעם ערשטען.

דער דריטער פּעריאָד, דאָס איז די עפּאָכע פון די לעצטע דריי ראָמאַנאָווס (פון אַלעקסאַנדער דעם צווייטען ביז ניקאָלאַי דעם צווייטען) און פון אָט דער צייט איז שוין נישט די רעגירונג דער איניציאַטאָר פון באַזעצען אידען אויף ערד, נישט פון מלוכה־ספערען קומט דער סטימול און באַפעהל — נאָר די ליבעראַלע בורזשואַזיע, סיי אידישע, סיי נישט אידישע, איז פאַראינטערעסירט אין דער דאָזיגער אידעע. ערד אַרבייט ווערט א געזעלשאַפטליכער אידעאַל. קאָלאָניזאַציע ווערט א פּאָליטיש־עקאָנאָמישער פּראָגראַם, וועלכער האָט געזאָלט לייזען אַלע אָנגעווענ־טיגטע אידישע עקאָנאָמישע אוננאָרמאַליטעטען, ממילא האָט מען געוואָלט אדער געהאָפט, אז די קאָלאָניזאַציע וועט אפשר האָבען אַן איינפלוס אויף די ענדערונג אין דער רוסישער געזעצגעבונג בנוגע צו די אידען.

דער פערטער און לעצטער עטאַפּ אין דער ענטוויקלונג פון דער אידישער קאָ־לאָניזאַציע איז די איצטיגע צייט, ווען די סאָוועט רעגירונג, צוזאַמען מיט געוויסע אידישע געזעלשאַפטליכע קרייזען אין רוסלאַנד, האָבען אָנגעפאַנגען דורכצוברעכען די אַלטע פאָרמען פון דער אידישער, עקאָנאָמישער טעטיגקייט און זיך **גענומען** אריבערצופיהרען דעם אידישען לופט־מענש פון קליין שטעדטעל אין דאָרף אריין.

עס איז שווער צו זאגען, ווען עס האָבען זיך באוויזען די ערשטע אידישע קאָלאָניסטען אין רוסלאנד. אין „רויט-רוסלאנד" (טשערוואָנאיא רוס) זיינען דאָ שפורען, אז אין מיטעלאלטער האָבען זיך דאָרט געפונען אידישע קאָלאָניסטען.

די אמת'ע קאָלאָניזאציע פון אידען איז אָבער צונויפגעבונדען מיט דער עפּאָכע, ווען רוסלאנד האָט זיך בכלל באשעפטיגט מיט קאָלאָניזירען די פוסטע שטרעקעס ערד.

אין יאָהר 1776 האָט מען אָנגעהויבען קאָלאָניזירען נייַ-רוסלאנד (נאָוואָ ראסיא). דעמאָלט האָט מען איינגעלאדען יעדען, וואָס האָט געוואָלט זיך באַזעצען אויף לאנד.

עס זיינען געקומען דייטשען, פראנצויזען, טשעכען, און אין א באדייטענדער צאָל אויך אידען.

די קייזערין האָט געשטיצט די קאָלאָניזאציע און האָט אפילו אגיטירט אויף א געהיימען אופן, אז פוילישע אידען זאָלען זיך באזעצען אין נאָוואָ-ראָסיא.

די דאָזיגע אידען האָבען געלעבט אין א לאנד, וואס איהר אונטערגאנג האָט זיך שוין אָנגעהויבען. רוסלאנד האָט באקומען צוויי חלקים און זיך שוין געגרייט צו נעמען נאָך א חלק. די פוילישע אידען האָבען זיך געוואָלט ראטעווען פון דעם פּייער און דעריבער האָבען זיי אנגעהויבען זיך באזעצען אויף לאנד. די וויים-רוסישע אידען, וועלכע זיינען אייגענטליך אויך געווען פוילישע אידען, האָבען ביסלעכוויין אויך איינגעזעהן א תכלית אין דעם איבערבייטען סיי פון דעם וואוין-אָרט, סיי פון זייער פרנסה.

די פוילישע פריצים האָבען אויפגעהויבען א פּראָטעסט. דער פירשט פּאָנגושקא האָט געשריבען, אז מען נעהמט אוועק „זיינע" אידען און דאָס רואינירט איהם, ווי אויך א סך אנדערע פון די פוילישע פריצים.

פּאָטיאָמקין, דער גובערנאטאָר פון דער ניי קאָלאָניזירטער טעריטאָריע, האָט נישט געוואָלט, אז נאָר אידען זאָלען קאָלאָניזירען נאָוואָ-ראסיע. ער האָט געוואָלט זעהן ביי זיך מעהר פוילישע פויערים, וועלכע האָבען געהאט א שם פון גוטע, געהאָרכזאמע און ביליגע ארבייטער. ער האָט דעריבער געשטעלט א באַדינגונג, אז יעדער איד זאָל מיט זיך ברענגען זעקס פוילישע פויערים.

די דאָזיגע קאָלאָניזאציע האָט אָבער קיין באדייטענדע רעזולטאטען נישט געבראכט.

לויט דעם געזעץ פון 1784 האָט א נישט-קריסט ניט געקענט האָבען קיין קריסטליכע פויערים-אונטערטאנען. דאָס איז געווען א שווערער קלאפּ פאר'ן אידישען ארענדאטאָר. דאָך איז דאָס לעבען געווען שטארקער פון געזעץ. עס איז פעסטגעשטעלט געוואָרען, אז אידישע ארענדאטאָרס האָבען זיך פארנומען מיט ערד-ארבייט און זיך באנוצט מיט דער ארבייט פון פארשקלאפטע פויערים. עס זיינען אויך באקאנט פאקטען, אז אידען האָבען באארבייט אייגענע שטיקער ערד. אָבער דאָס האָבען געטאָן נאָר איינצעלנע.

אָבער די גרויסע נויט אין ליטע און אין וויים רוסלאנד האָט געפאָדערט אז די פראגע פון קאָלאָניזירען די אידען זאָל אוועקגעשטעלט ווערען אויף א ברייטען, געזעלשאפטליכען באזיס. מען זאָל אפשאפען די באגרעניצונגען אדער שווע-

רע באַדינגונגען, וועלכע פּאַראַליזירען דעם עקזיסטירענדען ווילען זיך צו באַזע־צען אויף לאַנד.

אין יאָהר 1797 האָט נאָטע בן חיים נאָטקין, אַ רייכער סוחר פון מאָהילאָוו און אויך אַ מין שתדלן, דערלאַנגט אַ פּעטיציע צו דעם מינסקער גענעראַל גובערנאַטאָר, אַז מען זאָל די אידען צולאָזען צו אַ פּראָדוקטיווער אַרבייט.

נאָטקין האָט פאָרגעשלאָגען, מען זאָל ערלויבען די אידען צו קאָלאָניזירען די ברעגעס פון שווארצען ים אויף די קאָסטען פון דער מלוכה. די קאָלאָניסטען וועלען זיך קענען פאַרנעמען מיט וויינגערטנערייַ, מיט פאַרמערייַ א. א. וו.

„אויף אַזאַ אופן — זאָגט נאָטקין — וועט מען אויסלערנען די אידען צו פאַרדינען אויף ברויט מיט ערד־אַרבייט און צו פיהרען אַן אַנגענעהם און רייכען לעבען אַ דאַנק דער דאָרפס־אַרבייט.”

אויסערדעם האָט נאָטקין פּראָיעקטירט צו עפענען גרויסע פאַבריקען, וואו אידען זאָלען קענען אַרבייטען. פאַר דער קאָלאָניזאַציע האָט נאָטקין געוואָלט אויסנוצען די אידישע באַפעלקערונג פון ווייס־רוסלאַנד, ווייל דאָרט איז געווען אַן איבערפלוס פון אַרבייטסלאָזע אידען.

נאָטקין׳ס געדאַנק האָט משמעות געהאַט אַ געוויסע ווירקונג. ווען דער רו־סישער פּאָעט דערזשאַווין איז געוואָרען אַ הויכער רעגירונגס־באַאַמטער און מען האָט איהם געשיקט אויספאָרשען די אידישע לאַגע אין ווייס רוסלאַנד, האָט ער צווישען אַנדערע מיינונגען אויך אַרויסגעזאָגט זיין אייגענע מיינונג איבער דער פראַגע פון קאָלאָניזירען די אידען.

דערזשאַווין האָט דערקלערט, אַז די רבנים און די קהלות זיינען געגען דער אידישער קאָלאָניזאַציע און דאָס מוז אָפּקיהלען דעם הייסעסטען וואונש צו זעהן אידען אַלס ערד־אַרבייטער. אויסער דעם דאַרף מען זיך רעכענען אויך דערמיט, וואָס אידען זיינען בכלל נישט פעהיג צו ערד אַרבייט און דעריבער דאַרף די רעגירונג נישט ריזיקירען מיט אַזאַ מין עקספּערימענט. צו יענער צייט, אין יאָהר 1802, האָט זיך אין רוסלאַנד געגרינדעט אַ קאָמיטעט פאַר דער אידען־פראַגע. די דאָזיגע פראַגע איז געווען נישט נאָר אַ פּאָליטישע, נאָר אויך אַן עקאָנאָמישע. די עקאָנאָמישע זייט פון דער פראַגע האָט געשפּילט אפשר אַ גרעסערע ראָלע, ווי די פּאָליטישע. עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען דעם, וואָס צו טאָן מיט די אידען אין די דערפער, וואו זיי וואוינען פון דורות לאַנג, נאָך פון די אַלטע פּוילישע צייטען.

די פּריצים האָבען גע׳טענה׳ט, אַז די אָרעמקייט פון דעם פּויער נעמט זיך דערפון, וואָס דער איד איז דער אַרענדאַר און דער שענקער און ער רואינירט דעם פּויער, פאַרקויפענדיג איהם בראַנפען אויף קרעדיט. פאַרשטעהט זיך, אַז מען האָט זיך מעהר צוגעהערט צו די מיינונגען פון די פּריצים, ווי צו די נישט פילע — וועלכע האָבען אַרויסגעבראַכט גאָר אַנדערע סיבות און אורזאַכען פון דער פּויער׳שער אָרעמקייט.

דער דאָזיגער קאָמיטעט האָט אָנגענומען אַ באַשלוס אַרויסצוטרייבען די אידען פון די דערפער. וואָס אָבער צו טאָן מיט די אַרויסגעטריבענע אידען, וואו מען זאָל זיי באַזעצען — וועגען דעם האָט מען נישט געטראַכט.

איינער פון די מיטגלידער פון דער קאָמיטעט פאַר דער אידען־פראַגע, גראַף סעווערין פּאָטאָצקי, איז געווען פאַר דעם, אַז מען זאָל די אידען צוציהען צו ערד־

ארבייט. נאַטקין, וועלכער איז אויך געווען א מיטגליד פון דער קאָמיטעט (דער איינציגער איד!) האָט געהאַלטען, אז ערד ארבייט איז זעהר וויכטיג פאַר אידען, נאָר ער גיט אן עצה, אז מען זאָל די אידען געבען מוט צו לאַנדווירטשאַפט און נישט ארויפצווינגען אויף זיי, ווייל זיי וואָלטען געקוקט אויף דעם, ווי אויף א גזירה.

דער קאָמיטעט האָט אָבער געהאַט גאָר אן אנדער מיינונג וועגען זיינע צילען און אויפגאַבען. ער האָט געוואָלט א סך פארבאָטען און ווייניג ערלויבען. דאָס, וואָס דער קאָמיטעט האָט געוואָלט ערלויבען, איז געווען א מין פּרואוו-שטיין פאַר אידען: וועלען זיי זיך פארבעסערען מיט דער איבערבייטען פון זייערע פּרנסות צי נישט; וועלען זיי ווערען פּראָדוקטיוו, אָבער בלייבען די זעלבע לופט-מענשען, וואָס לעבען פון שכור מאַכען דעם פּויער א. אז. וו.?

נאָך צוויי יאָהר פון בלויזע זיצונגען און באַראַטונגען איז אויסגעאַרבייט געוואָרען א געזעץ וועגען די אידען (דעם 9טען דעצעמבער, 1804).

דער דאָזיגער געזעץ (אָדער „פּאָלאָזשענע" — אויף רוסיש) פאַרטיילט די אידען אין רוסלאַנד אויף פיר קלאַסען: 1) אַקערבויער. 2) פאַבריקאַנטען און בעלי־מלאכות. 3) סוחרים און 4) שטאָט-בירגער (מיעשטשאַנסטוואָ).

די אידען האָבען דאָס רעכט צו קויפען זיך ערד אָדער נעמען ערד אין ארענדא ביי די פּריצים, שליסען מיט זיי קאָנטראַקטען א. א. וו. זיי האָבען דאָס רעכט צו באַארבייטען די ערד מיט געדונגענע ארבייטער.

פאַר די אידען, וועלכע ווילען זיך פאַרנעמען מיט ערד ארבייט, אָבער זיי האָבען נישט קיין געלד אויף צו קויפען אָדער ארענדירען ערד, איז אויסגעטיילט געוואָרען אין א פּאָר גובערניעס ביז דרייסיג טויזענט דעסיאַטין, ספּעציעל פאַר דער אומזיסטער קאָלאָניזאַציע.

וועלענדיג צוגעבען מוט די אידען, האָט מען ערקלעהרט, אז דער איד, וואָס באַזעצט זיך אויף לאַנד, קען אונטער קיין שום אומשטאַנד נישט זיין צוגעבונדען צו דער ערד. די אידען ווערען באַפרייט פון צאָהלען שטייערען, אויף פינף יאָהר — אויב זיי באַזעצען זיך אויף פּריצישע ערד, און אויף צעהן יאָהר מיט א הלואה, אויב זיי באַזעצען זיך אויף לאַנד, וואָס געהערט צו דער מלוכה.

פון די דערפער מוזען די אידען ארויסגעהן אין משך פון דריי יאָהר און ליקווידי-רען דאָרט זייערע געשעפטען. אין דער צוקונפט טאָרען זיי זיך דאָרטען נישט באַזע־צען און האַלטען שענקען אין ארענדא. נישט וועלענדיג וואַרטען ביז דער מאָמענט, ווען די גזירה וועט דורכגעפיהרט ווערען, האָבען שוין די אידען זיך אָנגעהויבען משתדל צו זיין, אז מען זאָל זיי פאַרטיילען ערד, ווייל זיי ווילען זיך באַזעצען אַלס קאָלאָניסטען.

אין יאָהר 1805 האָבען 125 גראָדנער אידישע משפּחות זיך געווענדעט צום גובערנאַטאָר מיט דער בקשה, מען זאָל זיי געבען ערד. די ערד האָבען זיי געוואָלט אין זייערע געגענדען, קיינער האָט נישט געהאַט קיין חשק זיך צו באַזעצען אין די מדבריות פון נאָוואָ־ראָסיע.

אָבער די רעגירונג האָט באַשלאָסען, אז ערד פאַר אידען וועט זיין וואו זי האָט אויסגעקליבען, און נישט וואו די אידען ווילען.

דעריבער האָט מען אין משך פון צוויי יאָהר כמעט גאָרנישט נישט אויפגעטאָן פאַר דער קאָלאָניזאַציע פון די אידען.

איצט אונטער'ן צוואַנג פון דער גזירה, וועלכע איז שוין געהאַנגען איבער די קעפּ פון די דאָרפס־אידען, האָט מען זיך אָנגעהויבען בעטען אויף דעם לאַנד אין נאָוואָראָסיע.

די מאָהילעווער און שפּעטער די מסטיסלאַוולער אידען בעטען דורך ספּעציעל־אַרויסגעשיקטע שתדלנים און דעלעגאַטען ערד אין נאָוואָראָסיע.

אין משך פון אַ קורצער צייט האָבען זיך געווענדעט צו דער רעגירונג מיט דער בקשה צו פאַרטיילען זיי ערד 911 משפּחות, אַן ערך 4295 נפשות.

דער גובערנאַטאָר אין נאָוואָראָסיע, רישעליע, איז אַליין געווען אַ צושטערונגס־קראַפט אין דער קאָלאָניזאַציע באַוועגונג. ער האָט גע'טענה'ט, אַז מען דאַרף נישט לאָזען, אַז אידען זאָלען זיך באַזעצען מאַסענווייז, ווייל אין פאַל פון אַ הונגער — וועט אויף דער רעגירונג פאַלען אַ לאַסט אויסצוהאַלטען די אידען.

מען האָט באַשלאָסען צו באַזעצען יעדען יאָהר צווישען צוויי און דריי הונדערט אידישע משפּחות.

אין יאָהר 1809 האָט מען שוין געהאַט אין נאָוואָראָסיע 728 משפּחות אויף מלוכה ערד און 237 אויף פּריוואַטען לאַנד. און אין אַ יאָהר אַרום (1810) האָט שוין די צאָהל פון די אידישע קאָלאָניסטען דערגרייכט ביז 1691 משפּחות (פון זיי 1415 אויף מלוכה ערד, און 276 אויף פּריוואַטע). פון דעם איז צו זעהן, אַז די צאָהל פון אידישע ערד באַזיצער אויף אייגענעם לאַנד — ווערט קלענער — צוליב די גרויסע פינאַנציעלע שוועריגקייטען פון דער קאָלאָניזאַציע.

די דאָזיגע ערד־אַרבייטער אָבער האָבען זיך לאַנג נישט געהאַלטען.

„נישט זייענדיג צוגעוואוינט צו ערד־אַרבייט, — האָט געשריבען דער כערסאָנער גענעראַל־גובערנאַטאָר, — און צוליב אונסאַניטאַרישע באַדינגונגען פון זייער לעבען, איז די שטערבליכקייט צווישען די אידען זעהר גרויס. דעריבער דאַרף מען אָפּשטעלען די קאָלאָניזאַציע און אָפּוואַרטען אַ צוויי דריי יאָהר ביז דער עקספּערימענט וועט באַווייזען, אַז די אידען זיינען געוואוינט צו דעם אָרט לעבען".

ווען מען האָט אָפּגעהאַלטען אין יאָהר 1812 די אידישע קאָלאָניזאַציע אין נאָוואָ־ראָסיע — האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז די צאָהל פון אידישע קאָלאָניסטען אין נאָוואָ־ראָסיע באַטרעפען אינגאַנצען 600 משפּחות, (3640 נפשות).

די רעגירונג איז געווען איינשטימיג מיט דער מיינונג פון דעם גובערנאַטאָר און אין יאָהר 1812 האָט מען אָפּגעשטעלט די קאָלאָניזאַציע פון די אידען אין נאָוואָראָסיע.

אין 1814 האָט מען אָנגעהויבען אויפסניי קאָלאָניזירען טויזענדע משפּחות.

דער וואוקס פון דער צאָהל משפּחות אין די קאָלאָניעס אין נאָוואָראָסיע איז אַזאַ: (לויט ניקיטין) די אידען ערד־אַרבייטער:

1814 — 610	אידישע	משפּחות	1819 — 635	אידישע	משפּחות
1815 — 612	"	"	1820 — 635	"	"
1816 — 619	"	"	1822 — 695	"	"
1817 — 624	"	"	1823 — 714	"	"
1818 — 627	"	"			

אין די יאָהרען 1822 און 1823 איז געווען אַ אונגערעטעניש אין ווייס־רוסלאַנד. דער דאָזיגער אונגליק האָט געצוואונגען אַ סך אידען צו באַזעצען זיך אויף די טעריטאָריעס וואָס זיינען געווען ספּעציעל באַשטימט פאַר קאָלאָניזאַציע.

אין יאהר 1826 זיינען אין איין כערסאָנער גובערניע געווען 714 אידישע משפחות, 4393 נפשות.

דער נייער שטראָם פון אידישע קאָלאָניסטען פון וויים רוסלאַנד איז שוין גע־גאנגען אויף די קאָסטען פון די קהלות. די קהלות אָבער זיינען נישט געווען אימשטאַנד צו צאָהלען די גרויסע שטייערען, וואָס מען האָט אויף זיי ארויפגעלעגט, דעריבער איז דער פּראָצעס געגאַנגען מיט אַ סך אַ לאַנגזאַמערען טעמפּאָ, ווי עס האָבען געוואָלט, סיי די רעגירונג, סיי די אידען.

אין משך פון 15 יאָהר (1810-1895) זיינען אוועק פון וויים־רוסלאַנד 321 משפחות.

דאָס לאַנדווירטשאַפט־מיניסטעריום איז אַלץ מעהר און מעהר געווען געצווינגען אָפּצו־שטעלען די קאָלאָניזאַציע טעטיגקייט צוליב דעם, וואָס עס קאָסט אַ סך געלט און די רעזולטאַטען זיינען זעהר מאָגערע. אין יאָהר 1823 האָט דער הויפּט־אינספּעקטאָר פון די אידישע קאָלאָניעס אין דרום-רוסלאַנד געמאָלדען דעם אינער'ן מיניסטער, אַז די אידישע קאָלאָניעס געפינען זיך אין אַ קלעגליכען צושטאַנד, און עס וואָלט געווען כדאי אויפצוגעבען די גאַנצע אונטערנעהמונג.

דער אינערען מיניסטער האָט אָבער געהאַט אַן אַנדער מיינונג וועגען דער פראַגע.

„דאָס פאָלק — האָט ער געשריבען — וועט דורך אַ לאַנגזאַמען צוואַנג זיך צוגעוואוינען צו די דאָרפישע אָרדנונגען, צו אַרבייטזאַמקייט און עס איז מעג־ליך, אַז אין צווייטען דור וועט ער מיט זיך פאָרשטעלען אַ נייעם און זעהר אַ וויכטיגען ביישפּיל פון גוטע אידישע דאָרפסמענשען".

די רעגירונג האָט אָבער איינגעזעהן, אַז די קאָלאָניזאַציע פון די אידען איז אַ טייערער עקספּערימענט און עס ווערט בכלל אָפּגעשטעלט יעדער מין טעטיגקייט אויף דעם געביט.

דערווייל איז געשטאָרבען אַלעקסאַנדער דער ערשטער. זיין נאָכפאָלגער, ניקאָלאַי דער ערשטער, האָט שוין אַנדערש געקוקט אויף די אויפגאַבען, צילען און מעטאָ־דען פון דער אידישער קאָלאָניזאַציע.

קאָלאָניזירען אידען הייסט ביי ניקאָלאַי דעם ערשטען „ערציהען" די אידען מיט צוואַנגס־מיטלען, מאַכען זיי פאַר אַ פּראָדוקטיווען, „נוצליכען" עלעמענט אין לאַנד.

די השכלה באוועגונג, וועלכע ענטוויקעלט זיך אין יענער צייט, זעהט אויך אין דעם באזעצען זיך אויף לאַנד איינע פון די נישט פילע ישועות פאַר'ן אידישען פאָלק אין רוסלאַנד.

דער קרעמעניצער משכיל, יצחק בער לעווענזאָן (1788-1860), וועלכען מען האָט גערופען „דער מענדעלסאָן פון די רוסישע אידען", האָט אַפּעלירט צו די אי־דען, אַז זיי זאָלען זיך נעמען צו ערד אַרבייט.

אין זיין „תעודה בישראל" (ווילנע 1828) האָט ער אָנגעוויזען — אַז עס איז בעסער זיך צו פאַרנעמען מיט אַ פּאָזיטיווער מלאכה איידער צו זיין אַ סוחר.

אויף די „סאָכע" האָט ער און אויך כמעט אַלע משכילים געקוקט ווי אויף דעם גרעסטען אידעאַל.

אויב די משכילים האָבען אין דעם אידישען ערד־אַרבייטער געזעהן דעם אי־דעאַל — האָט ניקאָלאַי דער ערשטער געזעהן אין ערד־אַרבייט דעם איינציגען מיטעל צו מאַכען פון די אידען „עהרלאַכע" מענשען.

קודם כל האָט ער אין יאָהר 1826 ארויסגעגעבען א באַפעהל אז די, וועלכע זיינען נישט פעהיג צו דער ארבייט, דארפען אפּגעגעבען ווערען אין מיליטערישע ארבייטער באַטאַליאָנען. ער האָט געוואָלט דערמיט באוואָרענען, אז די אידען, וועלכע האָבען זיך אוים נויט באַזעצט אויף לאנד, זאָלען נישט קאָנען ביי דער ערשטער געלעגענהייט אוועקגעהן פון ערד־ארבייט.

דריי יאהר שפּעטער האָט מען ארויסגעגעבען א פאראָרדנונג, אז די, וועלכע האָבען זיך שוין באזעצט אלס ערד־ארבייטער און האָבען איצט חרטה און ווילען זיך דערפון באפרייען, דארפען אפּגעגעבען ווערען פאר סאָלדאטען און פארשיקט ווערען אין סיביר. גלייכצייטיג האָט מען פארבאָטען די אידען ארויסצוגעהן פון ערד־ארבייט אין אן אנדער סאָציאַלען קלאַס, למשל צו די סוחרים.

כדי אָבער צו פארגרעסערען די צאָל פון קאנדידאטען אויף ערד־ארבייט, האָט ניקאָלאַי דער ערשטער ארויסגעגעבען אין יאהר 1835 (דעם 13טען אפּריל) א דע־קרעט, אין וועלכען עס ווערט געגעבען די אידען וויכטיגע הנחות, אבי זיי זאָלען ווערען ערד־ארבייטער. מען האָט זיי באפרייט פון מיליטער דינסט אויף 25 און 50 יאָהר. דער הויפּט־ציל פון דעם דאָזיגען דעקרעט (פּאָלאָזשעניע") איז געווען „איינאָרדנען די אידען אויף אזעלכע פּרינציפּען, אז האָבענדיג אָפען א פרייען וועג פאר ציהען א געניגענדע חיונה פון ערד־ארבייט און אינדוסטריע און פאר א סיסטעמאטישע בילדונג פון זייער יוגענד" — זאָל מען די אידען פארבאטען צו זיין פּוסט און פּאַסניקעס און זיך פארנעהמען מיט נישט־געזעצליכע פּרנסות.

די מיליטער דינסט אין יענע צייטען איז געווען א שרעקליכע קאטאסטראָפע פאר די אידען. דעריבער זיינען א סך אידען גערן געגאנגען אויף לאנד — איידער אין קאזארמע. גראָד דאמאלס זוכט מען פאר אידען נייע קאָלאָניזאציע טעריטאָ־ריעס. מען האָט באשלאָסען די אידען קאָלאָניזירען אין סיביר.

דער דאמאלסדיקער שעף פון פערטען קאָרפּוס פון זשאנדארמען, גענעראל דרעבוש, איז געווען איינער פון די ענערגישסטע און הייסעסטע אָנהענגער פון דער דאָזיגער סיבירער קאָלאָניזאציע.

דעם 12טען נאָוועמבער, 1835, האָט מען באשטימט פאר אן אָנפאנג 55 שטיקער ערד אין אמסקער און טאָמסקער קרייזען. דער דאמאלסדיגער פינאנץ־מיניסטער קאָנקרין האָט מאָטיווירט דערמיט דאָס אויסקלייבען פון סיביר, וואָס אין די מערב־דיגע גובערניעס איז נישטאָ מעהר קיין מלוכה־ערד, און אין אנדערע, „הגם עס איז יא דאָ, איז זי נאָך פריהער געווען באשטימט פאר רוסישע איבערוואנדערער, כדי צו פארגרעסערען אין יענע געגענטען דעם פּראוואָסלאווגעם עלעמענט". הונדערטער אידישער משפחות האָבען זיך א וואָרף געטאָן מיט ביטעס צו די מלוכה בעאמטע, מען זאָל זיי שיקען קיין סיביר אלס קאָלאָניסטען.

אין מאָהילעוו זיינען צו יענער צייט געווען איבער 600 שניידער, פון וועלכע נאָר 100 האָבען געהאט פון וואָס צו לעבען. די אנדערע האָבען באשלאָסען צו פארבייטען די נאָדעל אויף א סאָכע אין דעם קאלטען סיביר.

„עס איז ניט געווען קיין איין שטעדטעל אין ליטע און וויים־רוסלאנד, — זאָגט דער היסטאָריקער ניקיטין — פון וואנען מען זאָל זיך נישט בעטען קיין סיביר."

די ערשטע האָבען זיך געוועגדעט די ווילנער אידען אין א צאָהל פון 286

משפחות. אין דעפארטאמענט פאר מלוכה־ווירטשאפט האט מען אונטערזוכט די אלע בקשות און פעטיציעס און באשלאסען אז „עס פארדינען אהין געשיקט צו ווערען” פאלגענדע צאהל אידען:

פון ווילנער גובערניע — — — — — 41 משפחות
פון מאהילעווער גובערניע — — — 935 ”
פון גראדנער גובערניע — — — — — 41 ”
פון מינסקער גובערניע — — — — 300 ”

די אידען זיינען שוין געווען גרייט אהין צו פאהרען. פלוצלונג איז אבער געקומען א באפעהל אז מען זאל אפשטעלען דאס אריבערשיקען פון די אידען קיין סיביר. די וועלכע זיינען שוין געווען אין וועג האט מען פארהאלטען און צוריקגעשיקט. די סיבה פון דעם אונערווארטעטען אפשטעל איז ביז איצט ניט קלאר.

אפשטעלען דעם גרויסען שטראם פון אידישער קאלאניזאציע האט מען נישט געקענט. דעריבער האט מען זיך צוריק גענומען צו דער קאלאניזאציע אין נאוואראסיע.

אין נאווא־ראסיע זיינען שוין געווען פאזיטיווע רעזולטאטען פון דער אידישער ערד־ארבייט, וועלכע האבען צופרידענגעשטעלט אפילו די אפיציעלע טוער.

די יאהרען 1835־1380 זיינען געווען די יאהרען פון גרויסע רעזולטאטען אין דער אידישער קאלאניזאציע אין נאווא־ראסיע. אין יאהר 1839 האט מען אפיציעל פעסטגעשטעלט ווער עס הייסט אן ערד ארבייטער. מען האט ערקלערט אז יעדער איד, וואס וועט האבען נישט ווינציקער ווי פינף דיעסיאטין ערד, סיי אייגענע, סיי ארענדירטע, ווערט פאררעכענט צו דער קאטעגאריע פון ערד־אר־בייטער. די ערד דארף מען האבען אין פאלגענדע גובערניעס: וויטעבסקער, מא־הילעווער, גראדנער, מינסקער, קיעווער, ווילנער, פאדאלער און וואלינער, ווי אויך אין ביאליסטאקער געגענט.

אויפסניי איז רעגולירט געווארען די לאגע פון די אידישע ערד־ארבייטער אין יאהר 1847.

לויט'ן אוסטאוו פון 26טען דעצעמבער, 1847, ווערען אפגעשאפט די שטע־רונגען וועלכע האבען נאך עקזיסטירט פאר אידען ערד־ארבייטער.

עס ווערט ערלויבט אלע אידען אריינצוטרעטען אין „אקערבויער שטאנד אין אלע גובערניעס וואו זיי האבען וואוינרעכט, און זיך צו באזעצען אויף דער מלוכה־שער ערד אין אזא צאהל פון נפשות, וויפיל עס וועלען זיין קאנדידאטען, אפילו נישט מעהר ווי איין משפחה.”

מען האט זיי געגעבען א גאנצע רייהע הנחות (לגאטעס). זיי ווערען בא־פרייט אויף 10 יאהר פון צאהלען שטייערען, אויף 25 יאהר פון מיליטער דינסט און פון שטייערען־חובות („ניעדאאימקי”).

דער דאזיגער דעקרעט גיט אן אימפולס פאר א פרישער קאלאניזאציע בא־וועגונג.

אין יעקאטערינאסלאווער גובערניע ווערען געגרינדעט נייע אידישע קאלאניעס.

אין משך פון 9 יאהר (1853 — 1844) ווערט דארט אויסגעבויט און איינגע־ארדענט 33 קאלאניעס און דער גרויסער ערפאלג פון די דאזיגע קאלאניעס עפענט נייע פערספעקטיווען. אין בעסאראביער גובערניע באווייזט זיך דער אידישער קאלא־

ניזאַטאָר. אידען באַזעצען זיך אפילו אויף פּריוואַט לאַנד און אויף ארענדירטען.
דאָס זעלבע איז געשעהן אין גראָדנער און אין פּאָדאָלער גובערניע.

אין יאָהר 1847 האָבען זיך 1487 משפּחות פון וויטעבסקער גובערניע געבעטען קיין דרום־רוסלאַנד. די רעגירונג האָט געקענט צופרידענשטעלען נאָר 468 משפּחות, וויל עס האָט שוין דאָרט געפעהלט ערד פון דער „קוואָטא" וועלכער איז געווען באַשטימט פאַר דער אידישער קאָלאָניזאַציע.

לויט דער אָפיציעלער סטאַטיסטיק זיינען אין יאָהר 1845 געוועזען אין נאָוואָ־ראָסיע 15 גרויסע אידישע קאָלאָניעס מיט 1668 משפּחות.

ניקאָלאַי דער ערשטער האָט אָבער לאַנג נישט געקענט איבערלאָזען די אידישע קאָלאָניסטען אין דער אַטמאָספערע פון דער אַזוי אויך רעלאַטיווער פרייהייט.

עס איז אַרויסגעגעבען געוואָרען אַ פאַראָרדנונג, אַז דער אידישער קאָלאָניסט, וועלכער וועט אין משך פון 6 יאָהר נישט אַנטוויקלען זיין ווירטשאַפט, ווי עס דאַרף צו זיין, וועט אָפּגעגעבען ווערען פאַר אַ סאָלדאַט.

די דאָזיגע גזירה האָט ווייטער פאַראַליזירט דעם ווילען פון דעם סענסיטיווען אידישען פאָלקס מענש. די אינטענסיוויטעט פון דער ארבייט פאַלט, די צאָהל פון די קאַנדידאַטען פאַרקלענערט זיך. און אָט קומט אָן דער נייער פּעריאָד, די צייט פון האָפנונגען, די צייט פון אַלעקסאַנדער דעם צווייטען.

אין זיין צייט וואַקסט אויפסניי אויף דער קאָלאָניזאַציע־שטראָם, עס לעבען אויף דרעמלענדיגע האָפנונגען. אין דער פּרעסע פיהלט זיך אַ נייער טאָן, אַ ליבעראַלער. די אידען ווילען אַליין ענדערען זייער עקאָנאָמיש לעבען, כדי צו באַווייזען, אַז זיי זיינען נישט קיין עקאָנאָמישע פּאַראַזיטען און פאַרדינען בירגער־רעכט.

די אידעע פון קאָלאָניזאַציע, פון באַזעצען אידען אויף לאַנד ווערט אַ מין סאָציאַל־פּאָליטישער כלי־זיין אין די הענט פון דעם אידישען פּראָגרעסיסט.

דער שווער־פּונקט אין דער פראַגע טראָגט זיך איבער פון מלוכה צו דער געזעל־שאַפט. דאָס ווערט שוין אויס מלוכה־פראַגע, נאָר אַ ריין געזעלשאַפטליכע.

אין יאָהר 1856 האָט מען אָנגעציילט אַן ערך 65,000 אידען וועלכע האָבען זיך פאַרנומען מיט ערד אַרבייט. דאַמאָלסט זיינען די צאָהלען אין די גובערניעס געווען:

בערסאָנער גובערניע, 19 קאָלאָניעס.
יעקאַטערינאָסלאַווער גובערניע, 14 קאָלאָניעס.
קיעווער גובערניע, 45 דאָרפס־צענטערען, (סעליעני).
קאָוונער גובערניע, 8 דאָרפס־צענטערען.
גראָדנער גובערניע, 20 דאָרפס־צענטערען.
ווילנער גובערניע, 24 דאָרפס־צענטערען.
וואָלינער גובערניע, 28 דאָרפס־צענטערען.
וויטעבסקער גובערניע, 33 דאָרפס־צענטערען.
מאָהילעווער גובערניע, 215 דאָרפס־צענטערען.
פּאָדאָליער גובערניע, 14 קאָלאָניעס.

אויסער דעם זיינען געווען קאָלאָניעס אין בעסאַראַביער געגענד און אין קעניגרייך פּוילען.

פּלוצלונג האָט אַלעקסאַנדער דער צווייטער אָפּגעשטעלט די קאָלאָניזאַציע טעטיגקייט אין די מערב גובערניעס און אויך אין נאָוואָראָסיע (1859 — 1858).

עס געהט איין גזירה נאָך דער צווייטער. אין יאָהר 1864 ווערט באַגרענניצט דאָס באַזעצען זיך פון די אידען אויף פּריוואַטע שטיקער לאַנד.

גלייכצייטיק ווערען אָבער בטול אַ סך גזירות פון ניקאָלאַי'ס צייטען.

אין יאָהר 1865 ערלויבט מען די אידען איבערצוגעהן פון דעם אַקערבויער קלאַס אין אַנדערע קלאַסען (סוחרים, בעלי-מלאכות).

עס ווערט אָפּגעשאַפט די פּריווילעגיע פון מיליטער דינסט. אין יאָהר 1874 מוזען שוין די קאָלאָניסטען אָפּגעבען זייערע זיהן פאַר סאָלדאַטען.

אין משך פון 10 יאָהר 1869 — 1879 איז די צאָהל פון די אידישע קאָלאָניסטען קלענער געוואָרען מיט 10354 מענשען.

די אידישע געזעלשאַפט האָט ארומגעכאַפּט אַ שרעק, די ליבעראַלע בורזשואַזיע האָט געקוקט אויף ערד אַרבייט ווי אויף אן איבערגאַנג פון „פּאַראַזיטען" צושטאַנד צו אַ פּראָדוקטיווען.

די אידישע בורזשואַזיע אין רוסלאַנד נעמט אין איהרע הענט די איניציאַטיווע פון קאָלאָניזירען די אידען, פון וועלכע די מלוכה האָט זיך אזוי האַסטיק אָפּגעזאָגט. נאָך אין יאָהר 1856 האָט דער שפּעטערדיגער באַראָן גינזבורג געשאָנקען צעהן טויזענד רובעל אויף פּרעמיעס פאַר די בעסטע אידישע ערד-ארבייטער.

אין יאָהר 1866 האָט דער קיעווער גענעראַל-גובערנאַטאָר אָפיציעל ערקלערט, אז די קאָלאָניזאַציע האָט נישט דערגרייכט דעם ציל, ווייל די אידען האָבען געקוקט אויף איהר ווי אויף אַ מיטעל „זיך צו באַפרייען פון מיליטער-דינסט און זי (די קאָלאָניזאַציע) האָט נישט געהאַט קיין שום איינפלוס, אז עס זאָל זיך אַנטוויקלען אַ שטרעבונג צו ערד אַרבייט".

דאָס האָט אָבער ניט אָפּגעשטעלט די אידישע געזעלשאַפט, אז זי זאָל זיך פאַרנעמען מיט דער זעלבער אידעע.

אין יאָהר 1880 ווערט געגרינדעט פון די אידישע בורזשואַזע עלעמענטען אין רוסלאַנד די „געזעלשאַפט צו פאַרשפּרייטען ערד ארבייט צווישען די אידען".

די „צייטווייליגע געזעצען" פון 3טען מאַי 1882 האָבען אָבער אינגאַנצען פּאַראַליזירט די טעטיגקייט אויפ'ן געביט פון קאָלאָניזאַציע.

צוריק אויפגעלעבט זיינען געוואָרען די האָפנונגען אין יאָהר 1899, ווען באַראָן גינזבורג האָט באַקומען פון דער רעגירונג אן ערלויבניש צו באַזעצען אידישע קאָלאָניסטען ביי זיך אין גוט.

דער דאָזיגער עקספּערימענט האָט זיך אָבער נישט איינגעגעבען, די אַלטע קאָלאָניעס האָבען זיך אַנטוויקעלט, אָבער קיין נייע זיינען נישט צוגעקומען.

דאָך האָט די פאָלקס-צעהלונג פון 1897 באַוויזען אז אין רוסלאַנד איז געווען אַ גרעסערע צאָהל אידישע ערד-ארבייטער ווי מען האָט געמיינט.

עס איז פעסטגעשטעלט געוואָרען, אז 3½ פּראָצענט פון דער אידישער באַפעלקערונג אין רוסלאַנד האָט זיך באַשעפטיגט מיט ערד ארבייט. די גרעסטע צאָהל האָט זיך געפונען אין כערסאָנער גובערניע; די קלענסטע — אין טאַווריטשעסקער (פּוילען ווערט דאָ נישט אריינגערעכענט).

אין קאַווקאַז האָבען זיך געפונען אידען-קאָלאָניסטען אין דער דאַגעסטאַנער געגענט.

אין יאָהר 1897 האָט די צאָהל אידישע ערד־ארבייטער אין קאווקאז באטראָפען 19 פראָצענט פון דער גאנצער דאָרטיגער אידישער באפעלקערונג.

אין סיביר זיינען אין יאָהר 1899 געווען 291 קאָלאָניעס מיט אידישע ערד־ארבייטער. (לויט דער רוסיש־אידישער ענציקלאָפּעדיע).

אין משך פון 50 יאָהר איז די צאָהל פון דער באפעלקערונג אין די קאָלאָניעס פארגרעסערט געוואָרען אויף 250 פראָצענט.

עס קומט די צייט פון דיפערענציאציע אין דער קאָלאָניזאטאָרישער טעטיגקייט.

די בעסאראביער קאָלאָניעס, למשל, פארלירען זייער ריין־אגריקולטורעלען כאראקטער.

אין טייל פארנעמט זיך מיט ערד־ארבייט און א צווייטע טייל — מיט וויין־גערטנעריי, טאבאק פלאנטאציעס און אזוי ווייטער.

לויט דער נייעסטער סטאטיסטיק זיינען אין אָנפאנג פון יאהר 1925 געווען אין רוסלאנד איינגאנצען 100,000 אידען אויפ'ן לאנד.

אזוי ווי לויט דער סטאטיסטיק פון 1897 האָבען זיך אין גאנץ רוסלאנד פאר־נומען מיט ערד־ארבייט אן ערך 200,000 אידען, איז דערפון געדרונגען, אז דער אונטערשיד אין חשבון דארף צוגערעכענט ווערען צו דעם פארלוסט פון די טע־ריטאריעס, וועלכע זיינען נאָך דער מלחמה אפגעריסען געווארען פון רוסלאנד (בע־סאראביען, פוילען, ליטע א. א. וו.

דער פערטער פעריאָד אין דער געשיכטע פון דער אידישער קאָלאָניזאציע אין רוסלאנד דארף דאטירט ווערען פון אויגוסט, 1924, ווען אין סאָוועט רוסלאנד איז געגרינדעט געוואָרען א ספעציעלער קאָמיטעט „פאר איינאָרדענען אויף לאנד די ארבייטענדע אידען”. דער דאָזיגער קאָמיטעט איז געגרינדעט ביים פּרעזידיום פון נאציאָנאַליטעטען סאָוועט פון דעם צענטראלען אויספיהר־קאָמיטעט פון דעם פאר־באנד פון סאָוועטישע סאָציאַליסטישע רעפּובּליקען (קאָמזעט). דעם 28טען אויגוסט, 1924, איז אָנגענומען געוואָרען דער פּראָגראם פון דער ארבייט פון דעם דאָזיגען קאָמיטעט.

מען האָט דורכגעפיהרט א רעגיסטראציע פון אידען, וועלכע ווילען זיך באַ־זעצען אויפ'ן לאנד. איבער 30,000 אידען האָבען זיך פארשריבען אין די רע־גיסטראציע ביוראָס. לויט זייער פּראָפעסיאָנעלער צוגלידערונג זיינען 40 פּראָצענט סוחרים, 40 פראצענט קוסטארען און 20 פּראצענט ארבייטער און אינטעליגענטען. מען האָט זיי אָפּגעגעבען 36,000 דעסיאטין ערד אין כערסאנער קרייז און 12,000 אין קריוואראג. נאָך 5,000 דעסיאטין האָט מען בדעה זיי צו געבען אין אדעסער ראיאָן.

אין קרים האָט מען אָפּגעגעבען ביז יעצט פאר קאָלאָניזאטאָרישע צוועקען 8,000 דעסיאטין און ביז דעם 1טען יולי, 1926, דארף אָפּגעגעבען ווערען נאָך 32,000 דעסיאטין.

אין ווייס־רוסלאנד האָט מען אָפּגעגעבען פאר קאָלאָניזאטאָרישע צוועקען 13,000 דעסיאטין. פון דעם פאר אינדיווידועלער ווירטשאפט, 8,000 דעסיאטין און פאר קאָלעקטיווער ווירטשאפט 5,000 דעסיאטין.

דאגעגען אין האָמליער גובערניע איז ביז איצט אָפּגעגעבען געוואָרען 2,000 דעסיאטין.

די גרעסטע צאהל פון רעגיסטרירטע האט געגעבען ווייס־רוסלאנד. דארט האבען זיך פארשריבען 6,836 אידישע משפחות. 80 פראצענט פון זיי זיינען איינוואוינער פון קליינע שטעדטלאך. פאר אבסאלוט פעהיג צו ערד ארבייט האט מען אנערקענט נאר 59.5 פראצענט פון אלע רעגיסטרירטע.

וואס איז שייך דעם לאנד — פאלט אויס לויט דער רוסישער אפיציעלער סטאטיסטיק 1.9 דעסיאטין אויף יעדער משפחה.

ביז דעם 1טען יולי, 1925, האט די טעטיגקייט פון „קאמזעט" ארומגענומען פאלגענדע ראיאנען מיט אידישע קאלאניעס:

1) אוקראינע — 75 דארפס־פונקטען (פאסיעלעני) מיט 66,422 דעסיאטין און 4,110 משפחות.

2) קרים — 28 דארפס־פונקטען מיט 28,500 דעסיאטין און 931 משפחות.

3) ווייס רוסלאנד — 85 דארפס־פוקטען מיט 10,000 דעסיאטין און 900 משפחות.

פארענדיגט איז אבער ביז איצט דער פראצעס פון באזעצען אויף לאנד אין 323 קאלעקטיוען מיט 5,027 משפחות, וועלכע באשטעהען פון 26,788 נפשות.

אויסער דעם זיינען פאראן אין האמלער גובערניע 15 דארפס־פונקטען מיט 2,411 דעסיאטין און 246 משפחות. לויט דעם לעצטען סך־הכל פארעפענטליכט אין דעם זאמעל־בוך „יעווריעסקי קרעסטיאנין" (נומער 1) איז אין סאוועט רוסלאנד איצט באזעצט:

אין 203 דארפס־פונקטען אויף 67333 דעסיאטען — 6187 משפחות.

אין 339 קאלעקטיוען (די צאהל פון דעסיאטין אונבאקאנט) — 5273 משפחות, וועלכע באשטעהען פון 27,988 נפשות. אזוי ווי ביז דעם 1טען יולי 1925 האבען זיך רעגיסטרירט 22857 משפחות (112001 נפשות) — איז נאך געבליבען צו באזעצען אויף לאנד — 16966 משפחות.

פון דעם פלאן פון ארבייט פאר דעם יאהר 1926 איז צו זעהן אז דער אידישער קאלאניזאציאנס קאמיסאריאט האט באשלאסען איינצופיהרען אין זיין סיסטעם גרויסע ענדערונגען. אנשטאט וואס ביז איצט זיינען אלע קאלאניסטען געווען אין איין קאטעגאריע פון קאלאניסטען, וועלען איצט זיין פיר קאטעגאריעס פון די וואס האבען 500 רובעל, 300 רובעל, 150 רובעל און 100 רובעל.

30 פראצענט פון די נייע קאלאניסטען וועלען קומען פון לעצטען קלאס, און בלויז 5 פראצענט — פון ערשטען.

די נייע קאלאניעס וועלען באשטעהן פון בלויז זיבען ביז צוואנציג משפחות, אנשטאט פערציג — ווי עס איז געווען אין די אלטע קאלאניעס.

דאס איז געטאן געווארען דערפאר ווייל מען האט זיך איבערצייגט, אז גרויסע קאלאניעס זיינען א דורכפאל.

ווייטער האט מען באשלאסען גרופירען די קאלאניסטען לויט זייערע באשעפטיגונגען און מעהר נישט מישען בעלי מלאכות מיט קרעמער.

דער קאמיסאריאט פאר אידישער קאלאניזאציע וויל קודם כל פארשטארקען די פאזיציע פון די 5000 אלטע קאלאניסטען, און ער האט בדעה צו באזעצען נאך 10400 משפחות.

די גרעסטע שוועריגקייט, לויט די רעפּאָרטען פון דר. י. ראָזען, ווי אויך פון דעם קאָלאָניזאַציע־קאָמיסאַריאַט, זיינען די פינאַנסען.

לויט דר. י. ראָזענס באַריכט האָבען כמעט 50 פּראָצענט פון די משפחות וועלכע האָבען זיך רעגיסטרירט פאַר קאָלאָניזאַציע אינגאַנצען ניט קיין געלד.

אַן ערך 27 פּראָצענט האָבען געהאַט ווייניגער — ווי 100 רובעל.

אַן ערך 13.3 פּראָצענט האָבען געהאַט צווישען 100 און 200 רובעל.

נאָר 4 פּראָצענט האָבען געהאַט צווישען 300 און 200 רובעל.

נאָר 1.3 פּראָצענט האָבען געהאַט צווישען 500 און 300 רובעל.

און נאָר 0.3 פּראָצענט מעהר ווי 500 רובעל. (פון 4 פּראָצענט האָבען מיר ניט קיין שום ידיעות).

פון דעם איז צו זעהן אַז דער פינאַנציעלער מאָטיוו איז אַ גרויסער שטערונג אין פאַרווירקליכען די פּראָיעקטען, וואָס מען האָט באַשלאָסען דורכצופיהרען.

מאַטעריאַלען פאַר דעם דאָזיגען אַרטיקעל זיינען געשעפּט געוואָרען פון פאָלגענדע קוועלען:

1) ניקיטין, אידען־פּויערים, 1886. (רוסיש).
2) ניקיטין, אידישע קאָלאָניעס אין מערב און דרום רוסלאַנד, (רוסיש).
3) לעוואַנדא, זאַמלונג פון געזעצען וועגען די אידען אין רוסלאַנד, 1874. (רוסיש).
4) אָרשאַנסקי, רוסישע געזעצגעבונג וועגען אידען, 1877. (רוסיש).
5) דער אידישער פּויער, נומער 1, מאָסקווע 1925. (אָפיציעלע אויסגאַבע — רוסיש).
7) באַריכטען אין דער אידישער פּרעסע.

דאָס אידישע שול־וועזען אין אייראָפּא

פון דוד מייער.

אַ פּאָר באַמערקונגען.

אין דער צייט פון דער לעצטער אייראָפּעאישער גרויסער מלחמה, און נאָך איהר, האָבען זיך אין די גרעסערע אידישע צענטרען אָנגעהויבען גרינדען און אַנטוויקלען מאָדערנע, וועלטליכע פאָלקס־שולען פאַר אידישע קינדער מיט דער אידישער אונטערריכטס־שפּראַך און אויך אַ גאַנצע רייהע אַנדערע שול־אַנשטאַלטען (קינדער־גערטנער, קינדער קלובען, לעהרער סעמינאַר, גימנאַזיעס א. ד. גל.). נישט אומעטום איז זייער טעטיגקייט און אַנטוויקלונג געגאַנגען אין איינער און דער זעלבער ריכטונג, געהאַט דעם זעלבען פאַרנעם און אַנטוויקלונגס־מעגליכקייטען. זייער עקזיסטענץ, אַנטוויקלונג און פאַרשריט איז אָפּהענגיג פון אַ גאַנצע רייהע עקאָנאָמישע און הויפּטזעכליך פּאָליטישע סיבות פון געגעבענעם לאַנד. ווען צ. ב. אין רוסלאַנד, אין לאַטוויע, און אויך אין ליטע ווערט דאָס אידישע שול־וועזען טיילווייז אָדער אינגאַנצען אויסגעהאַלטען פון דער מלוכה, ווערען די אידישע שולען אין פּוילען און אין רומעניע שטאַרק פאַרפאָלגט און פאַרשטענדליך מאַטעריעל נישט געשטיצט.

אין דעם אַרטיקעל וועלען מיר געבען אַ קורצען איבערזיכט וועגען איצטיגען צושטאַנד פון נייעם אידישען שול־וועזען. אויף וויפיל מיר ווייסען איז דאָס די ערשטע פּראָבע אויף דעם געביט. אונז פעהלען פאָרלויפיג אויספיהרליכע און פּינקטליכע מאַטעריאַלען פון איינינע לענדער. דאָך מיינען מיר, אַז עס איז כדאי דעם

שוין איצט באזיצענדען מאטעריאל צו פארעפענטליכען. אויב אפילו דאס זאל נישט זיין קיין פולער איבערזיכט, וועט דאס אפשר באוועגען אנדערע דעם שוין פאר־עפנטליכטען מאטעריאל צו פארפאלקאמען און דערגענצען. חוץ דעם, וואס דאס איז אין אלגעמיין א נייע און זעהר אינטערעסאנטע געזעלשאפטליכע ערשיינונג וועט אזא ארבייט זיכער ברענגען גרויסע נוצען דער וייטערדיגער אנטוויקלונג פון אידישען שול־וועזען.

1. פוילען

דאס אידישע שול־וועזען אין פוילען האט מיט א יאהר צוריק געפייערט איהר 10־יעהריגע עקזיסטענץ.

אין 1914—15 איז, ביי דער שטארקער מיטווירקונג פון י. ל. פרץ און יעקב דינענזאן, געלעגט געווארען דער ערשטער פונדאמענט פאר דעם נייעם שול־בנין. שווער, גאר שווער איז דאמאלס געווען די לאגע פון די נאר־וואס געגרינדעטע שולען און קינדער־היימען. פון אלע זייטען איז אויסגעקומען צו באקעמפען קאלאסאלע שוועריגקייטען. אינערליכע און אויסערליכע. די שפראך איז נאך נישט געווען גענוג אנטוויקעלט. ס'האט געפעלט די אנטשפרעכענדע טערמינאלאגיע פון די געגענשטאנדען, וואס ווערען געוועהנליך געלערענט אין דער פאלקס־שול. ס'זיינען נישט געווען קיין פעסטגעשטעלטע ארטאגראפישע און גראמאטיקאלישע כללים. ס'זיינען נישט געווען קיין אנטשפרעכענדע לעהרער און לערען־ביכער. די שול האט נישט געהאט קיין געזיכערטען מאטעריעלען גרונד, וועלכן זי האט נאך אגב נישט ביז היינטיגען טאג. פון אלע זייטען איז זי געווען ארומגערינגעלט מיט שונאים. די רעגירונג, די פוילישע געזעלשאפט, די אידישע־אסימילאטארישע בור־זשואזיע, די ציוניסטישע אינטעליגענץ, די ארטאדאקסישע אידען — אלע, אלע זיינען געווען געגען איהר.

און דאך האט די אידישע פאלקס־שול גלענצענד אויסגעהאלטען דעם קאמף און ענדליך געזיגט.

פון דעם באריכט, וואס די אידישע שול־ארגאניזאציע אין פוילען האט ארויס־געגעבען צו איהר 2טען צוזאמענפאהר אין ווארשא פון 19—22 אפריל 1925 זעהען מיר, אז צו דער צייט האט זי געהאט אין פוילען: 91 פאלקס־שולען מיט 455 אפטיילונגען און 16,364 קינדער; 63 אוונט־שולען מיט 176 אפטיילונגען, וואו ס'לערנען זיך 4,500 יוגענטליכע ארבייטער; 20 קינדער־היימען מיט 450 קינדער; 3 גימנאזיעס מיט 780 שילער; 2 לעהרער־סעמינארען מיט 124 תלמידים; איין אינטערנאט (אן אנשטאלט, וואו די קינדער פארברענגען זייער גאנצע צייט, באקומענדיג דארט חוץ בילדונג אויך עסען און שלאפען) מיט 28 קינדער; 2 האנט־ווערקער־שולען מיט 5 אפטיילונגען, וואו 130 בחורים לערנען זיך פארשיידענע מלאכות (טריידס).

צוזאמען פארוואלטעט די אידישע שול־ארגאניזאציע אין פוילען מיט 182 פארשיידענע טיפען לעהר־אנשטאלטען וואו ס'געפינען זיך 22,376 תלמידים.

גלייכצייטיג מיט דער טאבעלע פון די עקזיסטירענדע שול־אנשטאלטען גיט דער אויבענדערמאנטער באריכט אן נאך א טאבעלע פון די פארמאכטע, פאר די לעצטע 3 יאהר, שולען. זייער צאהל איז גאר נישט קיין קליינע: 105 לעהר־אנשטאלטען מיט 274 קלאסען זיינען פארמאכט געווארען הויפטזעכליך צוליב פאליציייאישע

רדיפות און צוליב פינאַנציעלען קריזיס. פון באריכט איז צו זעהן, אז כמעט א העלפט פון די אונטערגעגאַנגענע שולען זיינען פאַרמאַכט געוואָרען צוליב די פאַר־פאָלגונגען פון דער פּאָליציי־אישער מאַכט.

די רעכטליכע לאַגע פון די שולען איז אין גאַנצען נישט קיין זיכערע און אונ־באַשטימטע. דעריבער טאַקע זיינען די רדיפות אויף די שולען מצד דער רעגירונג א טאָג־טעגליכע ערשיינונג. פאַרלויפיג עקזיסטירען די אידישע פאָלקס-שולען אויפ׳ן גרונד פון א געזעץ, וואָס ערלויבט, לויט׳ן איינזעהן פון דער אָרטיגער אדמיני־סטראַציע, צו גרינדען פּריוואַטע שולען. זיי זיינען אָבער אין גאַנצען אָפּהענגיג פון דער אָרטיגער, געוועהנליך אַנטיסעמיטיש-געשטימטער פּוילישער אדמיניסטראַציע.

די אידישע שולען אין פּוילען ווערען נאָך איצט שאַרף באַקעמפט כמעט פון אַלע בירגערליכע עלעמענטען פון לאַנד, סיי אידישע און סיי פּוילישע. דעם פאַר־ביטערטסטען קאַמף געגען די אידישע שולען פיהרען די ציוניסטען, וועלכע ווילען איינפיהרען אידישע שולען מיט דער העברעאישער אונטעררי‎כטס-שפּראַך. דער דאָזיגער קאַמף רופט זיך שטאַרק אָפּ אויף דער יורידישער און מאַטעריעלער זייט פון די שולען. די פּוילישע רעגירונג, וועלכע ווייס, אַז די אידישע שולען האָבען צווישען די אידען אליין פאַרביסענע געגנער, פיהרט איהר קאַמף געגען זיי מיט נאָך מעהר אכזריות׳דיגקייט און ברוטאַליטעט. די אידישע „קאָלאָ“ (פּאַרלאַמענט פראַקציע) האָט אין דעצעמבער 1924 אין סיים געשטימט געגען דער אַנערקענונג פון די אידישע שולען, וואָס האָט פאַרשטענדליך ארויסגערופען א שרעקליכען פּראָ־טעסט צווישען די ברייטע אידישע פאָלקס-מאַסען.

אין דער פּוילישער געזעלשאַפט, איבערהויפּט צווישען די ארבייטער-קרייזען און דעמאָקראַטישע אינטעליגענץ באַמערקט זיך לעצטענס א פאַרבעסערונג אין זייער באַציהונג צו די אידישע שולען. אויפ׳ן לעצטען שול-צוזאַמענפאָהר האָבען א רייהע פאָרשטעהער פון די פּוילישע אַרבייטער און פּויערטום וואַרים באַגריסט די אידישע שולען און צוגעזאָגט זייער שטיצע. מיט גרויס סימפּאַטיע באַציהען זיך צו די אידישע שולען די פאָרשטעהער פון די איבעריגע נאַציאָנאַלע מינדערהייטען, וועלכע וואוינען אין פּוילען.

אינטערעסאַנט איז, אַז די אידישע שולען ווערען באַקעמפט פון די אָרטיגע אידישע קאָמוניסטען. מיט א פּאָר יאָהר צוריק האָבען די אידישע קאָמוניסטען אין פּוילען מיט געוואָלט זיך געוואָלט אריינשטופּען אין דער אידישער שול-אָרגאַ־ניזאַציע. זיי האָבען געהאַט גרויס פאַרדרוס, וואָס מ׳לאָזט זיי דאָרט נישט אריין. זיי האָבען אַלץ גע׳טענה׳ט, אַז זיי ווילען אויך „בויען“ די „רעוואָלוציאָנערע“ אידישע שול.

אין דער אידישער שול-אָרגאַניזאַציע זיינען אָבער געווען פאַרטראָטען נישט גלאַט ריכטונגען און פּאָליטישע פּלאַטפאָרמען, נאָר שולען. די קאָמוניסטען האָבען אונטער זייער ווירקונג נישט געהאַט קיין איין לערען-אַנשטאַלט. האָבען זיי דעריבער אין דער שול-אָרגאַניזאַציע קיין פאַרטרעטערשאַפט נישט געהאַט. זיי האָבען זיך אָבער דאַמאָלס נישט אויפגעהערט צו ערקלערען אין ליבע צו דער אידישער פאָלקס־שול און פאַרשפּראָכען זייער מיטהילף. איצט איז ביי זיי א נייער קורס. די אידישע קאָמוניסטען אין פּוילען האָבען זיך פּלוצלונג ארומגעזעהן, אַז אין דער שול־אָרגאַניזאַציע זיצען „קאָנטער-רעוואָלוציאָנערען“ און „קליינבירגער“ און האָבען באַ־

שלאסען פיהרען נעגען איהר „אן אונאויפהערליכען קאמף“. — קיין גרויסען שאדען דערפון האט די שול-ארגאניזאציע נישט.

מיט אלע אידישע פאלקס-שולען אין פוילען פיהרט אן די צענטראלע פארוואלטונג פון דער אידישער שול-ארגאניזאציע, געוועהלט אויפ'ן לעצטען שול צוזאמענפאהר פון אפריל 1925, אין וועלכער ס'געהען אריין: 9 בונדיסטען, 7 פון די לינקע פועלי-ציון, 4 פון די ראדיקאלע טיילווייז סאציאליסטיש-געשטימטע אידישע לעהרער און איינער פון די אידישע אומאפהענגיגע סאציאליסטען. די צענטראלע פארוואלטונג טיילט פאנאנדער די באקומענע פון אויסלאנד סובסידיעס, באזארגט די שולען מיט לעהרער, שול-מכשירים, לעהר-ביכער א. ז. וו. זי פיהרט אן מיט די לעהרער-סעמינארס און בכלל פארנעמט זיך מיט די אלגעמיינע פעדאגאגישע פראגען פון די שולען. גלייכצייטיג פיהרט זי אויך דעם פאליטישען קאמף צו זיכערען די יורידישע און מאטעריעלע עקזיסטענץ פון די שולען.

פינאנציעל געפינען זיך די שולען אין א קאטאסטראפאלער לאגע. די שטיצע פון אמעריקע, וואס פלעגט פריהער זיין די גרעסטע פאזיציע פון שול-בודזשעט, איז לעצטענס דערפיהרט געווארען ביז'ן קלענסטען מינימום. ס'האבען זיך אבער באדייטענד פארגרעסערט די סומען, וואס ווערען געזאמעלט אויפ'ן ארט פון איינצלנע פערזאנען און גרופען, פון שכר-לימוד פון די קינדער און פון די פארשיידענע קאמונאלע איינריכטונגען — אן ערשיינונג זעהר א דערפרעהענדע. אין באריכט צום לעצטען צוזאמענפאהר געפינען מיר אויסגערעכנט 20 שטאדט-פארוואלטונגען, וועלכע סובסידירען שוין איצט, מיט גרעסערע אדער קלענערע סומען, די אידישע שולען פון זייערע שטעדט. פון שפעטערדיגע ידיעות ווייסען מיר אז די דאזיגע צאהל האט זיך לעצטענס פארגרעסערט. דאס זיינען נאך אבער פארלויפיג זעהר קליינע סומען. די עקאנאמיש לאגע פון לאנד, דער שרעקליכער קריזיס אין ארימקייט, וואס הערשט דארט איצט, מאכט אונמעגליך דאס שאפען די גרויסע סומען, וואס זיינען נויטיג אויסצוהאלטען אזעלכע קאסטבארע אנשטאלטען ווי מאדערנע פאלקס-שולען.

אין פעדאגאגישען און ערציהערישען הינזיכט שטעהען די שולען אויף א קאלאסאלער הויך. זיי זיינען פאקטיש די מוסטער-שולען אין לאנד. דאס שטעלען פעסט אלע, וואס האבען זיך מיט זיי באקאנט: סיי די פריינט און סיי די געגנער.

ווען צ. ב. די ווארשעווער שטאדט-פארוואלטונג, וועלכע ליגט אין גאנצען אין די הענט פון די פארביסענסטע און רעאקציאנערסטע אנטיסעמיטען, האט, אונטער דעם שטארקען דרוק פון די אידישע סאציאליסטישע פארשטעהער, באשטימט א קאמיסיע אלזייטיג צו אונטערזוכען די לאגע פון די אידישע שולען אין ווארשע, האט די קאמיסיע אלס רעזולטאט פון איהר ארבייט געמוזט אין דער רעזאלוציע צו דער שטאדט-פארוואלטונג פעסטשטעלען, אז: „די אידישע וועלטליכע שולען שטעהען אויף א גרויסער ראציאנעל-פעדאגאגישער הויך. זיי זיינען די בעסטע פון אלע אידישע פריוואטע און געזעלשאפטליכע שולען. זיי פארדינען סובסידירט צו ווערען“. דער רעאקציאנערער מאגיסטראט האט טאקע צוליב דעם באשטימט א סובסידיע פאר די ווארשעווער שולען.

2. די אידישע שולען אין סאָוועט־רוסלאַנד

אין אַ גאַנץ אַנדער לאַגע געפינען זיך די אידישע שולען אין סאָוועט־רוסלאַנד. דאָס גאַנצע עפענטליכע געזעלשאַפטליך־פּאָליטישע לעבען געפינט זיך דאָרט אונטער דעם שטרענגען און דירעקטען קאָנטראָל פון דער רוסישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. נאָך די רעזאָלוציעס פון 12טען און 13טען צוזאַמענפאָהר פון דער רוסישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי וועגען דער נאַציאָנאַלער פראַגע, לויט וועלכער מ׳דאַרף מעהר אַנטקעגענקומען די נאַציאָנאַלע פאָדערונגען פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטען אין סאָוועט־רוסלאַנד האָט די טעטיגקייט פון די אידישע שולען אָנגענומען אַ פיל ברייטערען כאַראַקטער ווי פריהער. אין די שולען האָט מען אָנגעהויבען איינצופיהרען די למודים לויט דער מוטער־שפּראַך פון די קינדער. אַ גאַנצע רייהע שולען מיט דער רוסישער אָדער אוקראַינישער אונטעררייכטס־שפּראַך, וועלכע זיינען באַזוכט געוואָרען פון אידישע קינדער, האָבען זיך פאַרוואַנדעלט אין שולען מיט דער אידישער אונטעררייכטס־שפּראַך. דער דאָזיגער פּראָצעס, וועלכער האָט זיך אָנגעהויבען מיט 2—3 יאָהר צוריק, איז נאָך איצט ווייט נישט פאַרענדיגט. ער טרעפט אָן אויף קאָלאָסאַלע שוועריגקייטען.

קודם כל דער גרויסער מאַנגעל אין אידישע לעהרער. די סאָוועטען־מאַכט האָט פאַריאָגט פון רוסלאַנד די גרעסטע צאָהל פון דער אידישער אינטעליגענץ. אַ גרויסע טייל פון זיי איז געווען געצוואונגען צו עמיגרירען אין אויסלאַנד. אַנדערע זיינען פאַרשפּאַרט אין די פאַרשיידענע רוסישע טורמעס אָדער געפינען זיך אין די ווייטע געגענדען פון סיביר. ס׳איז נישטאָ קיין גענוגענדע צאָהל אידישע לעהרער־סעמינאַרס, וועלכע זאָלען אין אַ שנעלען טעמפּ צוגרייטען נייע סאָוועטישקאָמוניסטישע פאָלקס־לעהרער, ווי מ׳האָט עס צ. ב. ש. געמאַכט מיט די רויטע ארמיי אָפיצערען.

ביי דעם דאַרף מען נאָך געדענקען פאָלגענדעס: ס׳איז נישטאָ קיין איין לאַנד אין דער וועלט, וואו דער פאָלקס־לעהרער זאָל זיך אַזוי שטרענג מוזען צופּאַסען צום בעל־הבית פון דער שול, אַזוי היים און שטאַרק פרעדיגען פאַר די קינדער די רעגירונגס־אידעען ווי אין רוסלאַנד. ס׳איז דעריבער קיין וואונדער נישט, וואָס דאָרט פיהלט זיך אַזאַ שרעקליכער מאַנגעל אין פאָלקס־לעהרער, ווי בכלל אין ערנסטע קולטור־טוער. פאַר יעדען עהרליך דענקענדען מענש, וואָס באַזיצט אייגענע מיינונגען און פּרינציפּען, איז זיכער פיל לייכטער צו פאַרנעמען דעם פּאָסטען פון אַ „ספּעץ" אין אַ רעגירונגס־פאַבריק איידער צו זיין אַ פאָלקס־לעהרער און לערנען מיט 7—8 יעהריגע קינדער קאָמוניזם לויט לענינ׳ס אויסטייטשונג, און דערצו נאָך מיט זינאָוויעוו׳ס פּרושים.

ס׳איז אָבער פאַראַן נאָך אַ זעהר וויכטיגע מניעה פאַר וואָס דאָס איבערפיהרען די שולען פון די אידישע קינדער אויף דער אידישער אונטעררייכטס־שפּראַך געהט דאָרט צו אַזוי לאַנגזאַם.

אין פּעדאַגאָגישען חודש־זשורנאַל „אויף די וועגען צו דער נייער שול", נומער 6—7 פון 1924, וואָס ערשיינט אין מאָסקווע, אויף דער 112טער זייט, שטעלט ה׳ מאַקאַגאָן, אין זיין איבערזיכט איבער די שולען פון פּאָדאָליער געגענד, פעסט, אַז נישט נאָר „דאָס רייכע בעל־הבית׳ל, דער אויפגעקומענער נעפּמאַן און קרעמער, פאַבריקאַנטעל און בעל גוף" שיקען נישט זייערע קינדער אין דער אידישער שול

און שיקען זיי בעסער אין דער רוסישער אָדער אוקראַינישער. דער שווערפּונקט באַשטעהט אין דעם, וואָס ניט אַלע קינדער פון דעם אַרבייטער, קוסטאַר געפינען זיך אין דער אידישער שול". ביי די עלטערען פון די אידישע קינדער, אפילו ביי די אַרבייטער, איז פאַראַן אַ ווידערשטאַנד געגען דער אידישער שול. ה' מאַקאַגאָן ערקלערט דאָס מיט דער קליינבירגערליכער פּסיכאָלאָגיע, וואָס שטעקט נאָך אין אידישען אַרבייטער, מיט זיין באַציהונג צום „זשאַרגאָן" און צום „תכלית", קאַריערע, וואָס ער האָפט צו מאַכען פאַר זיין קינד אין דער רוסישער אָדער אוקראַינישער שול. ער גיט אָבער אויך צו, אַז אַ גרעסערע שולד אין דעם האָט די אָרימקייט פון דער אידישער שול, דאָס וואָס עס פעהלט איהר דירות, ביכער, לעהרער און „דער פאַרנעם פון די קענטעניסען, וואָס די שול גיט א. ד. ג.".

יעדענפאַלס דער פּראָצעס פון איבערגעהן צו אַ פאָלקס־שול מיט דער אידישער אונטערריכטס־שפּראַך איז נאָך אין רוסלאַנד ווייט נישט דורכגעפיהרט.

וויפיל אידישע שולען געפינען זיך איצט אין דער סאָוועטען־רעפּובליק און ווי גרויס איז די צאָהל קינדער, וואָס באַזוכען זיי, איז שווער פעסטצושטעלען. אין די סטאַטיסטישע ידיעות, וואָס די סאָוועטען־רעגירונג פאַרעפענטליכט וועגען דער שול־באַוועגונג צווישען די פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטען ווערען, געוועהנליך, די אידישע שולען אַריינגעפּאַקט אין דער רובריק „אַנדערע", ד. ה. די איבעריגע קלענערע נאַציאָנאַליטעטען. געוויסע ידיעות וועגען דעם האָבען מיר אָבער יאָ.

אין באַריכט, וואָס מאַץ, דער פאָרשטעהער פון אוקראַינע, האָט אָפּגעגעבען אויפ׳ן אַלפאַרבאַנדישען אידישען קולטור־צוזאַמענפאָהר (זעה „אויף די וועגען צו דער נייער שול, נומער 8 פון 1924, זייט 23) קומט אויס, אַז אין אוקראַינע איז צום 1טען יאַנואר 1924 די צאָהל אידישע פאָלקס־שולען פון דער ערשטער שטופע געווען 268 מיט 42,000 קינדער. די דאָזיגע שולען האָבען געהאַט אַ לעהרער־פּערסאָנאַל פון 1562 פּערזאָן. קינדער־היימען זיינען געווען 494 מיט 10,015 קינדער. 18 קינדער־גערטנער מיט 613 קינדער און 9 קינדער־קלובען מיט 610 קינדער. ביז יולי איז די צאָהל פאַרגרעסערט געוואָרען אויף אַן ערך 35—30 פּראָצ.

מישקאָווסקי, דער דעלעגאַט פון ווייס־רוסלאַנד, האָט אויפ׳ן זעלבען צוזאַמענ־פאָהר פאַר ווייס־רוסלאַנד אָנגעגעבען פאָלגענדע ציפערען: 18 שולען, וואו דער לערען־פּראָגראַם איז אויסגערעכענט אויף 7 יאָהר; ניט פילע 7־יעהריגע שולען געפינען זיך 28; פּרימיטיווע (אַ טיפּ פון דאָרפס־שולען) — 98. אין די אַלע שולען לערנען זיך ביז 18 טויזענט קינדער.

פון 1924 האָבען זיך די צאָהל אידישע שולען וואַרשיינליך באַדייטענד פאַר־גרעסערט. ס'איז צוגעקומען אַ גאַנצע רייהע נייע שולען אין די ערטער, וואו ס'זיינען קאָלאָניזירט געוואָרען אַ גרעסערע צאָהל שטאָדטישע אידען. אַ געוויסע צאָהל שולען געפינען זיך אויך אין געוועזענעם צענטראַל־רוסלאַנד. פון פּריוואַטע קוועלען ווייסען מיר זאָגאַר פון איינצעלנע אידישע שולען, מיט אַ קליינער צאָהל קינדער, וואָס האָבען זיך געגרינדעט אין די ווייטסטע פּאַרוואָרפענסטע ווינקעלאַך פון אַזיאַטיש־רוסלאַנד.

די שולען זיינען אומעטום מלוכה־אָרגאַנען און ווערען שטאַרק אויסגענוצט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי כדי צו פאַרשטאַרקען איהר מאַכט־פּאָזיציע אין לאַנד און ערציהען אַ דור פון געטרייע און געהאָרכזאַמע קאָמוניסטישע דינער.

אין די טעזיסען פון „די נייע פּראָגראַמען און מעטאָדען און זייער אָנווענדונג אין דער אידישער שול", וואָס איז אָנגענומען געוואָרען אויפ'ן פריהער־דערמאָנטען קולטור־צוזאַמענפאָהר ווערט אין פונקט 2 פון 1טען אַרטיקעל געזאָגט, אַז די גרונט־אויפגאַבע פון דער ראַטען־שול איז: „אויסאַרבייטען ביי איהם (ביים קינד — ד. מ.) די פעהיגקייט צום אַקטיווען קאַמף געגען די שונאים פון קאָמוניזם".

פּאַראַלעל מיט די שולען עקזיסטירט אין סאָוועט־רוסלאַנד אַ קאָמוניסטישע אָרגאַניזאַציע פון שול־קינדער אונטער'ן נאָמען „די יונגע פּיאָנערען". די אָרגאַ־ניזאַציע נעמט ארום אַלע שולען פון סאָוועט־רוסלאַנד.

לויט'ן פּונקט 19 פון די טעזיסען צום רעפעראַט „די פּיאָנעריין באַוועגונג, די שול און די לעהרערשאַפט", געלייענט אויפ'ן קולטור־צוזאַמענפאָהר און דורך איהם באַשטעטיגט, ווערט „אין יעדער שול, וואו ס'איז פאַראַן ניט ווייניגער פון 3 פּיאָ־נערען, אָרגאַניזירט אַ „פּאַרפּאַסט" (אַזאַ מין „יאַטשייקע"). „זיין אַרבייט באַ־שטעהט אין אָנפיהרען דאָס אינערליכע לעבען פון די שולען און די זעלבסט־פאַר־וואַלטונג". „ער דאַרף אָנמערקען פאַרשטעהער אין אַלע קאָמיסיעס און אין שול־קאָמיטעט". — מיט איין וואָרט, קליינע קאָמוניסטלאַך, 7—8 יעהריגע, וועלכע דאַרפען אין טאָג־טעגליכען לעבען פון זייער שול, דורכפיהרען זינאָוויעוו'ס טאַקטיק ביי די גרויסע: „באַלשעוויזירען" די שול.

אין ערשטען פּונקט פון די זעלבע טעזען ווערט טאַקע געזאָגט, אַז „די פּיאָנערען באַוועגונג איז ניט נאָר אַן אָביעקט פון אונזער דערציהערישער ווירקונג, נאָר אויך אַ סוביעקט, אַ זעלבסטשטענדיגער סאָציאַלער פאַקטאָר, וואָס ווירקט אַליין אויף דער געזעלשאַפט". „אַזאַ צוגאַנג צו דער פּיאָנערען־אָרגאַניזאַציע פיהרט אונז דירעקט צו דעם הויפּט־מעטאָד פון איהר אַרבייט — אריינציהען די פּיאָנערען אין קאָנקרעטער געזעלשאַפטליכער אַרבייט, אין קאַמף פון פּראָלעטאַריאַט".

אין די טעזען צום פאָרטראָג פון מאַנינען וועגען „לענינשע דערציהונג פון די אידישע אַרבייטער־יוגענט" ווערט אין פּונקט 22 געזאָגט: „אין דער לענינשער דער־ציהונג פון דער אידישער יוגענט דאַרף פאַרנעמען אַ בכבודיגען אָרט די מ י ל י ־ ט ע ר י ש ע פּ ר אָ פּ אַ ג אַ נ ד ע (אונטערגעשטראָכען פון מיר — ד. מ.), פּאָפּו־לאַריזירען דעם באַדייט און די ראָל פון דער רויטער אַרמיי. דערצעהלען וועגען איהר העלדישען קאַמף מיט אַלע שונאים פון דער ראַטען־מאַכט, דערציהען די גרייטקייט זיך צו נעמען פאַר'ן געוועהר צו פאַרטיידיגען דאָס פאָטערלאַנד".

צום אָנהויב, ווען די פּיאָנערען־אָרגאַניזאַציע איז אַנטשטאַנען, האָבען די לעה־רער, די קאָמוניסטישע לעהרער, פּראָטעסטירט געגען אריינשלעפּען די שול־קינדער אין קאַמף פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. אין סאָוועטען־רוסלאַנד ווערט אָבער נישט געדולדעט קיין שום אָפּאָזיציע צו דער הערשענדער מאַכט. אַלעס מוז ווערען שטרענג דורכגעפיהרט לויט'ן לעצטען צירקולאַר. און די לעהרער האָבען דעם „לעצ־טען צירקולאַר" געמוזט דורכפיהרען.

די ערציהערישע טעטיגקייט פון די אידישע שולען אין סאָוועט־רוסלאַנד איז דעריבער דורכאויס אַ נעגאַטיווע און שעדליכע. די שולען ערציהען נישט קיין זעלבסטשטענדיג־דענקענדע און פאַרשענדע קינדער. זיי אַנטוויקלען נישט אין קינד דעם גייסט פון זעלבסט־קריטיק און פריההייט פון געדאַנק ווי צ. ב. ש. די אידישע שולען אין פּוילען. אומבאַגרענצטע געטריישאַפט צו דער איצטיגער הערשאַפט

פון רוסלאנד, צו דער קאמוניסטישער פארטיי — דאס ווערט אריינגעפלאנצט אין יונגען מוח פון 8—7 יעהריגען קינד. זיינע יוגענטליכע אייגענשאפטען, זיין נישט רייפקייט און פעהיגקייט צו טיפערע אנאליזען, זיין לייכטקייט צו באגייסטערען זיך מיט יעדען שעהנעם און הויכען ווארט, מיט יעדער עפעקטועלער באוועגונג ווערט עקספלואטירט לטובת דער קאמוניסטישער פארטיי, געגען וועלכער דאס קליינע קינד איז הילפלאז.

פאר דער צוקונפט פון דער אידישער שול אין אלגעמיין געגומען האבען אבער דאך די אידישע שולען אין רוסלאנד א קאלאסאלען ווערט און באדייטונג. ס'איז, פארלויפיג, פארט דאס איינציגע לאנד וואו די אידישע שולען ווערען אוועקגעשטעלט אויף א ברייטען פארנעם, אין מלוכה-מאסשטאב. ס'ווערען אויסגעבילדעט אידישע פאך-לעהרער פון דער אידישער שפראך. ס'אנטוויקעלט זיך א אידישע פעדאגאגישע ליטעראטור, טערמינאלאגיע, לערען-ביכער און אז. וו.

מיר זיינען זיכער, אז די איצטיגע קאמוניסטישע הערשאפט אין רוסלאנד איז א פאראיבערגעהענדע ערשיינונג. ווען ס'וועט פארשווינדען די הערשאפט פון דער קאמוניסטישער פארטיי, וועט אויך דאן אוועקגעהן די איצטיגע שעדליכע טענדענץ אין די שולען. די שולען גופא וועלען איבערבלייבען.

3. אין די קלענערע לענדער

אין א גוטער לאגע געפינען זיך די אידישע שולען אין לאטוויע. ה' ראדאק, וועלכער איז, אלס פארשטעהער פון לאטוויע, געווען אנוועזענד אויפ'ן 11טען אידישען שול-צוזאמענפאהר אין פוילען, האט דארט באריכטעט וועגען די שולען אין לאטוויע פאלגענדעס: „מיט 6 יאהר צוריק האט זיך די ארבייט ביי אונז סטיכיש אנגעהויבען. אנגעהויבען האט א קליינע גרופע פראלעטאריער, אינטעליגענטען און לעהרער. היינט פארמאגען מיר א גרויסע שול-נעץ — פראפארציאנעל צו אונזער לאנד און מיטלען. מיר האבען איינציגע צעהנדליג שולען, מיר האבען אן ארגאניזירטע לעהרערשאפט. מיר האבען אן ארגאניזירטע געזעלשאפט און עלטערען-פארבאנד“.

„רעכטליך איז אונזער שול געזיכערט. אונזער שול ווערט אויסגעהאלטען פון דער מלוכה און קאמונאלע פארוואלטונגען“.

ביים היינטיגען טאג ווערט דארט אין עטליכע זעכציג פראצענט שולען פאר אידישע קינדער געלערענט אין אידיש. אין ריגע עקזיסטירט א אידישע גימנאזיע מיט אידיש אלס אונטערריכטס-שפראך. די אידישע צענטראלע שול-ארגאניזאציע פון לעטלאנד האלט אויס פון פריוואטע געלדער א גאנצע רייהע שול-אנשטאלטען ווי למשל 2 יאהריגע פעדאגאגישע קורסען, א קינדערגארטען, אוונט-שולען א. ד. ג.

נישט ערגער איז פארלויפיג די לאגע פון די אידישע שולען אין ליטע. נישט געקוקט אויף דער פינסטערער רעאקציע, וואס הערשט דארט, עקזיסטירען נאך ביז איצט 15 אידישע פאלקס-שולען מיט דער אונטערריכטס-שפראך אויף אידיש, וועלכע ווערען אויסגעהאלטען פון די רעגירונגס-פאנדען, א אידישע רעאל-גימנאזיום אין ווילקאמיר מיט 250 שילער, וועלכע ווערט נאר טיילוויז סובסידירט פון דער רעגירונג. די גימנאזיע עקזיסטירט שוין 6 יאהר און האט שוין ארויסגעלאזט 45 שילער. די אידישע פאלקס-שולען ווערען דארט אריינגענומען אין שול-נעץ פון דער רעגירונג. דער קאמף מיט די ציוניסטען, וואס פיהרען דארט א שטארקע

אגיטאציע פאר די העברעאישע און געגען די אידישע שולען, איז זעהר א פאר־ביסענער.

אין עסטאניע עקזיסטירט א אידישע גימנאזיע.

אין ניי־רומעניע, איבערהויפט אין בעסאראביע, האבען מיט א פאר יאהר צוריק עקזיסטירט א גאנצע רייהע גוט־אוועקגעשטעלטע אידישע שולען. די שולען זיינען אנטשטאנען פון די פריער עקזיסטירענדע רוסישע שולען פאר די אידישע קינדער. די רומענישע רעאקציאנערע רעגירונג האט זיי שוין כמעט אין גאנצען ליקווידירט. איצט פיהרט זיך דארט א ביטערער קאמף געגען א שול־געזעץ, וואס די רעגירונג האלט ביים אריינטראגען אין פארלאמענט, לויט וועלכען די שול־שפראך אין אלע שולען, אפילו פריוואטע, וועט מוזען זיין רומעניש. דער דאזיגער געזעץ וואלט אין גאנצען פארניכטעט די רעשטלאך פון די נאך עקזיסטירענדע שולען און געמאכט אונמעגליך צו בויען נייע. ער איז אויך אייגענטליך געווענדעט געגען די העברעאישע שולען. די אידישע באפעלקערונג פיהרט דארט געגען דעם א שטארקע קאמפאניע. אלע אידישע פארטייען, אנהויבענדיג פון די סאציאליסטען און ענדי־גענדיג מיט מזרחי, האבען געגען דעם געזעץ־פראיעקט פארעפענטליכט א געמיינ־זאמען, גענוג שארפען פראטעסט.

די טשערנאוויצער אידישע סאציאליסטישע צייטונג „דאס נייע לעבען" פון 13טען נאוועמבער ה. י. ברענגט די מיינונג פון רעפערענט פון דעם נייעם שול־געזעץ־פראיעקט, לויט וועלכען ס'איז מעגליך, אז אין פריוואטע אידישע שולען זאל ערלויבט ווערען צו לערנען העברעאיש. אבער אלס אונטעררריכטס־שפראך וועט אין די שולען צוגעלאזען ווערען נאר רומעניש. אידיש וועט אין קיין פאל נישט גע־לערענט ווערען.

אידישע ערציהונג אין אמעריקא

פון חיים קאנטאראוויטש

1. מלמדים און תלמוד תורות.

לערנען אידישע קינדער דאווגען און קדיש זאגען איז אלע מאל געווען ביי אידען איינע פון די וויכטיגסטע זאכען. אויב מען זאל אט דעם „לערנען דאווגען" אריינ־רעכנען אין „אידישער ערציהונג", דאן מוז מען זאגען, אז די אידישע ערציהונג אין אמעריקא איז אזוי אלט ווי די אידישע אימיגראציע. דער ערשטער חדר, פון וועלכען עס איז דא א היסטארישער רעקארד, איז ערעפענט געווארען אין 1730. עס איז אבער זיכער, אז פריהער האט מען אויך געלערענט קינדער אידישקייט, אויב ניט אין ארגאניזירטע חדרים, איז אויף וועלכען עס איז אנדער אופן. דעם אויבענאן האט נאטירליך פארנומען דער הויז־מלמד. אט די דאזיגע הויז־מלמדים, מעהרסטענס אלטע אידען, געוועזענע מלמדים, שמשים אדער גלאט פרומע אידען וואס האבען ניט וואס צו טאן, זיינען נאך היינט אויך פאראן אין די הונדערטער אין אמעריקא. נאך היינט ווערען טויזענטער אידישע קינדער „ערצויגען אין אידישקייט" פון אט די דאזיגע מלמדים. מען דארף ניט מאכען קיין טעות און ניט מיינען, אז אט די מלמדים

ווערען באשעפטיגט בלויז פון דעם אפגעשטאנענסטען עלעמענט. מענשען, וואס זיינען גאנץ מאדערן, און אפט פראגרעסיוו מענשען, וואס זיינען ניט נאר ניט פרום, נאר אפט אויסגעשפראכענע אפיקורסים, דינגען פונדעסטוועגען אט די מלמדים, אז זיי זאלען אויסלערנען א ביסעל אידישקייט זייערע קינדער. עס זיינען נאטירליך ניטא קיין סטאטיסטיקס פון וועלכע מיר זאלען האבען א קלארען באגריף וועגען דער צאהל מלמדים און קינדער, וואס לערנען ביי זיי — זיכער אבער איז, אז זייער צאהל איז זעהר גרויס.

די תלמוד תורות באווייזען זיך אין אמעריקא ערשט שפעט אין 19טען יאהר-הונדערט. זייער וואוקס איז אבער א שטענדיגער. אויך וועגען די תלמוד תורות זיינען קיין זיכערע סטאטיסטיקס ניטא. אבער אפילו אהן סטאטיסטיקס איז זיכער, אז די תלמוד תורות צעהלען זיך אין אמעריקא אין די טויזענטער, און די קינדער וואס באזוכען אט די תלמוד תורות צעהלען זיך זיכער אין די צעהנדליגער טויזענטער. צווישען די קינדער, וואס באזוכען די תלמוד תורות, זיינען דא קינדער פון רייכע אידען, קליין-בירגער און פראלעטאריער. די תלמוד תורה אין אמעריקא איז ניט דער צדקה-אנשטאלט, וואו „ארימע קינדער נעבאך" לערנען זיך א אידיש ווארט. אין אמעריקא איז די תלמוד תורה געווארען א נאציאנאלע אינסטיטוציע, דאס איז די העברעאישע שולע. אין דער תלמוד תורה דארפען די קינדער אפט צאהלען א גאנץ הויכען שכר-לימוד. בלויז אין זעלטענע פאלען לערענט מען אין תלמוד תורה אומזיסט. נאטירליך זיינען דא אין די תלמוד תורות א גרויסע צאהל קינדער, וואס צאהלען ניט, אבער דאס איז דער פאל אין דער אידישער וועלטליכער שולע אויך. יעדענפאלס ווערט דא די תלמוד תורה ניט באטראכט ווי א צדקה-אנשטאלט, און שיקען די קינדער אין תלמוד תורה ווערט זיכער פון קיינעם ניט באטראכט פאר א שאנדע.

אין אנהויב איז די תלמוד תורה געבויט געווארען אויפ'ן מוסטער פון דעם אלטען אידישען חדר. זי האט אבער דורכגעמאכט א גוואלדיגע עוואלוציע. אין די גרעסערע שטעט, און לעצטענס אויך אין א סך קליינע שטעטלאך, ווערען די תלמוד תורות געבויט לויט'ן מוסטער פון דער אמעריקאנער פאבליק סקול. דעם פלאץ פון די אלטע חדרים פארנעהמען מאדערנע שעהנע צימערען, אפט ספעציעל געבויט פאר קלאס-צימערען. א סך תלמוד תורות האבען „פלעי-גראונדס", זאלען פאר גימנאסטיק, אט-לעטיקס א. א. וו. דעם פלאץ פון דעם אלטען מלמד האט אליץ מעהר און מעהר אנגעהויבען פארנעהמען דער מאדערנער העברעאישער לעהרער, וואס רעדט וועגען „חנוך" און ציטירט דיואי'ן, און לערענט נאטירליך „עברית בעברית".

דער מאדערניזם אבער פון דער תלמוד תורה איז א ריין אויסערליכער. אינווייניג, אין דעם מאדערנעם קלאס-צימער, איז אן אלט-מאדישער חדר. דער מעכאנישער סיסטעם פון לערנען הערשט דא פונקט ווי אין חדר. אויך דא לערנען זיך די קינדער אוים לייענען א שפראך, וואס זיי פארשטעהען ניט, זיצען אין יארמולקעס, חזר'ן אויף אויסווייניג ברכות. אנדערש קאן דאס אויך ניט זיין. די אויפגאבע פון דער תלמוד תורה איז צו מאכען פון דאס קינד א ר ע ל י ג י ע ז ע ן א י ד ע ן, אויסלערנען איהם דאווענען און זאגען קדיש. דער אמת'ער אונטערשיד צווישען דעם אלטען חדר און דער מאדערנער תלמוד תורה איז פאלגענדער: אין דעם אלטען חדר האט א פרומער איד געלערענט פרומקייט די קינדער. מיט זיין אייגענער פרומקייט האט ער אויף זיי געווירקט, און דערגרייכט זיין ציל. אין דער מאדערנער תלמוד תורה

לערנט אַן אַפּיקורס פרומקייט די קינדער. גלויבען זיי איהם ניט, און ער האָט אויף זיי קיין ברעקעל ווירקונג ניט.

די וויכטיגסטע אויפגאַבע פון דער תלמוד תורה, נאָך רעליגיע, איז אויסלערנען די קינדער העברעאיש. די תלמוד תורה טוער און לעהרער האַלטען, אַז אויסלערנען אַן אַמעריקאַנעם קינד העברעאיש מיינט צובינדען איהם צום אידישען פאָלק, אָפּהיטען איהם פון די געפאַהרען פון אַסימילאַציע. באמת אָבער איז די העברעאישע שולע אין אַמעריקא, לויט איהרע פּראַקטישע אויפטואונגען אַן אַגענטור פאַר אַסימילאַציע. אויסלערנען אַמעריקאַנער קינדער גענוג העברעאיש כדי זיי זאָלען זיך דערמיט אין די שפּעטערע יאָהרען קענען באַנוצען איז כמעט ווי אונמעגליך. אין דער אַמעריקאַנער סביבה, וואו דאָס קינד הערט קיין מאָל קיין העברעאישען וואָרט ניט, קוקט ניט אַן אין די אויגען קיין העברעאיש בוך אָדער צייטונג, קענען די קינדער אין די פּאָר שעה אַ וואָך וואָס זיי לערנען, העכסטענס זיך אויסלערנען איבערלייענען אַ לייכט קינדערשע מעשה'לע, און דאָס אויך בלויז אַ קליינע צאָהל פון זיי. די מעהרסטע לערנען זיך ניט אויס ניט קיין העברעאיש און ניט קיין אידישקייט. דערפאַר אָבער שלאָגט מען זיי אַריין אין קאָפּ, אַז אידיש, די שפּראַך פון זייערע עלטערען, איז אַ גלות-שפּראַך, מיט וועלכער מען דאַרף זיך שעהמען, און אַז בכלל הויבט זיך אָן די אידישע געשיכטע מיט אָדם און חוה און ענדיגט זיך מיט'ן צווייטען חורבן, און וועט זיך אם ירצה השם אָנהויבען נאָכאַמאָל ווען מיר וועלען זיין אין ציון. אונזער גלות-געשיכטע, דאָס איז דאָך אַ שוואַרצע בלאַט, איהר דאַרף מען אויסמעקען.

ווען דאָס קינד געהט אַרויס פון דער תלמוד תורה, פאַרגעסט ער גאַנץ שנעל דאָס ביסעל העברעאיש, און אַלץ וואָס עס בלייבט איהם איז אַ גרינגשעצונג פון אידיש, אַ ביסעל נאַציאָנאַל-שאָוועניסטישער שטאָלץ און... אַסימילאַציע.

די לעצטע צייט באַווייזט זיך אַ נייע טענדענץ אין די תלמוד תורות: מען הויבט אָן ביסלאַכווייז אַריינפיהרען די אידישע שפּראַך. דאָס איז אָבער בלויז אַ מיטעל צו קאָנקורירען מיט דער אידיש-וועלטליכער שולע, אַ מיטעל אָבער ניט קיין זעלבסט-צוועק.

פּעדאַגאָגיש איז די תלמוד תורה אַ שעדליכע איבערבלייבאַכץ פון אַלטע צייטען, סאָציאַל איז זי רעאַקציאָנער און נאַציאָנאַל איז זי — אַסימילאַטאָריש.

2. פאָלקס שולען און שלום עליכם שולען.

די גוואַלדיגע חסרונות פון דער תלמוד תורה האָבען געמוזט צווינגען דעם מאָדערנערען און ראַדיקאַלערען טייל פון דעם אַמעריקאַנער אידענטום, און איבערהויפּט די אַרבייטער, צו שאַפען זייערע אייגענע שולען. די ערשטע צו טאָן אָט די אַרבייט זיינען געוועזען די אַזוי-גערופענע נאַציאָנאַל-סאָציאַליסטען (די פּועלי-ציון, ס. ט. און נאַציאָנאַלער אַרבייטער פאַרבאַנד). זיי האָבען אָנגעהויבען גרינדען אידיש-וועלטליכע שולען נאָך אַזוי פריה ווי אין 1910. קלאָר וואָס זיי ווילען, האָבען זיי נאָך אַליין ניט געוואוסט. די שולען האָבען ניט קיין קלאָרען פּנים. אין איינער האָט מען דעם אויבענאָן אָפּגעגעבען אידיש, אין אַן אַנדערער העברעאיש; אין איינער האָט געהערשט דער נאַציאָנאַליזם איבער אַלעס, אין אַ צווייטער — אַ געמיש פון נאַציאָנאַליזם און ראַדיקאַליזם. עס האָט געמוזט נעהמען אַ לאַנגע צייט, אַ סך טעות'ן האָבען פריהער געמוזט געמאַכט ווערען, ביז עס האָבען זיך פון אָט די ערשטע שולען

(די נאַציאָנאַל-ראַדיקאַלע שולען פלעגט מען זיי רופען) אַרויסגעקריסטאַליזירט אַט די דריי באַשטימטע באַזונדערע שול-טיפען, וואָס מיר האָבען איצט: די פאָלקס-שולען (געוועזענע נאַציאָנאַל-ראַדיקאַלע), די שלום-עליכם שולען און די אַרבייטער רינג שולען.

די פאָלקס שולען שטעהען אונטער דער דירעקטער אויפזיכט פון נאַציאָנאַלען אַרבייטער פאַרבאַנד. הגם דער פאַרבאַנד איז געווען פון די ערשטע זיך צו נעמען צו שול אַרבייט, איז אָבער די צאָל פון זיינע שולען גאַנץ קליין, איינגאַנצען אַרום 30. זיי זיינען אינטענסיוו נאַציאָנאַל, און די העברעאישע שפּראַך פאַרנעמט אַן אָנגעזעהענעם פּלאַץ אפילו אין דער עלעמענטאַרער שול.

דער אידישער לעהרער סעמינאַר, הגם ניט דירעקט אונטער'ן אויפזיכט פון נאַציאָנאַלען אַרבייטער פאַרבאַנד, האָט אָבער אין דעם לעצטען אַ זעהר וויכטיגען אונטערשטיצער און איז איבער'ן לאַנד באַקאַנט אַלס דער נאַציאָנאַלער סעמינאַר (להיפוך צו די אַרבייטער רינג לעהרער קורסען). דער אידישער לעהרער סעמינאַר איז ניט בלויז אַ לעהרער סעמינאַר, אונטער דער פיהרערשאַפט פון דר. יהודה קויפמאַן איז ער פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין אונזער וויכטיגסטער קולטור אינסטיטוציע. יונגע מענער און פרויען וואָס טראַכטען אפילו ניט וועגען ווערען לעהרער, געהען אין סעמינאַר ווייל דאָס איז דער איינציגער פּלאַץ וואו זיי קענען באַקומען אַ סיסטעמאַטישע און אַלזייטיגע אידישע בילדונג.

אַ גאַנץ באַזונדערען פּלאַץ פאַרנעמען די שלום עליכם שולען. זיי האָבען הינטער זיך ניט קיין אָרגאַניזאַציע וואָס זאָל זיי שטיצען. דערפאַר אָבער האָבען זיי די פולסטע סימפּאַטיע פון דער בעסטער טייל פון דער אידישער אינטעליגענץ. אַרום די שלום עליכם שולען האָבען זיך צוזאַמענגעקליבען יונגע לייט, מעהרסטענס אַנטוישטע פּאַרטיי טוער, ביי וועמען „קולטור” פאַרנעמט דעם פּלאַץ פון אַלע זייערע אַמאָליגע אידעאַלען, און די קינדער דערציהונג איז פאַר זיי דער וויכטיגסטער טייל פון זייער קולטור אַרבייט. אין אַ גאַנץ קורצער צייט האָט זיך זיי איינגעגעבען, מיט אייגענע כחות אויפצובויען אַ גאַנצען נעץ פון שלום עליכם שולען, פריהער אין ניו יאָרק און לעצטענס אויך אין אַנדערע שטעדט. זיי האָבען איצט 36 שולען איבער'ן לאַנד און איין מיטעל שול אין ניו יאָרק.

די שלום עליכם שולען זיינען שטרענג אידישיסטיש — אידיש ווערט פון זיי באַטראַכט אַלס אַ זעלבסט צוועק. דער נאַציאָנאַלער מאָטיוו פאַרנעמט דעם אויבענאַן, אָבער דער שאָוועניזם האָט דאָרט קיין פּלאַץ ניט. זיי זיינען אין פולסטען זין מאָדערנע אידיש-וועלטלאַכע שולען. די לעהרערשאַפט פון די שלום עליכם שולען ווערט מעהרסטענס רעקרוטירט צווישען די אידישע ראַדיקאַלען און סאָציאַליסטען, און עס איז נאַטירליך אוממפאַרמיידליך, אַז די לעהרער זאָלען אין די שולען אויך אַריינטראָגען זייער ראַדיקאַלען און סאָציאַליסטישען גייסט. ראַדיקאַליזם און סאָציאַליזם איז אָבער ניט דער ציל פון די שולען. פאַרקעהרט, גאַנץ אָפט ערקלעהרען די שלום עליכם טוער אַז זיי זיינען אומפּאַרטייאישע אידישע שולען, און קריטיקירען שאַרף די אַרבייטער רינג שולען פאַר זייער סאָציאַליסטישקייט.

דער שלום עליכם אינסטיטוט, די אָנפיהרענדיקע קערפּערשאַפט פון די שולען האָט זיך לעצטענס גענומען אויסברייטען זיין אַרבייטס פעלד. ער האָט אַרויס-

גענעבען א גאנצע רייהע קינדער ביכלאך און לעצטענס אויך צוויי גרויסע ביכער (חבר־פאווערס קינדער מעשה'לאך). אויסער דעם גיבען זיי ארויס שוין עט־ליכע יאהר רעגעלמעסיג א חודש זשורנאל פאר קינדער, דעם „קנידער־זשורנאל".

וואס פאר א טענות מ'זאל צו די שלום עליכם שולען ניט האבען, מוז מען אבער צוגעבען, אז זיי טוען זייער ארבייט מיט ערנסטקייט, מיט ליבע און איבער־געבענהייט.

3. די ארבייטער רינג שולען.

דעם וויכטיגסטען פלאץ צווישען די אידיש וועלטליכע שולען אין אמערי־קע פארנעמען די ארבייטער רינג שולען. כראנאלאגיש קומען די ארבייטער רינג שולען די לעצטע. ווען די נאציאנאלע סאציאליסטען האבען אנגעהויבען גרינדען אידישע שולען האבען זיי פון ארבייטער רינג קיין שטיצע ניט באקומען. די גרעס־טע טייל פון דער ארבייטער רינג מיטגלידערשאפט איז געווען געשטימט געגנעריש צו אט די שולען. זיי האבען אין די נייע שולען געזעהן בלויז א נעסט פון רעאקציע און שאוויניזם. בלויז געצעהלטע איינצעלנע ארבייטער רינג מיטגלידער האבען זיך אין דער שול ארבייט באטייליגט.

לאנגזאם האט אנגעהויבען וואקסען די איבערצייגונג ביי די ארבייטער רינג פיהרער און טוער אז זיי האבען פארנאכלעסיגט דעם יונגען דור. די אסימילאציע־שטימונג האט זיך ביסלאכווייז אויסגעוועפט; מ'האט זיך ארומגעקוקט אז די גרוי־סע צאל ארבייטער רינג מיטגלידער, מעגען זיך האבען טענות, אז די נאציאנאל־ראד־דיקאלע שול איז צו נאציאנאליסטיש, אבער זייערע קינדער האבען זיי אהין גראד געשיקט, און א גרויסע צאל האבען געשיקט (און שיקען נאך איצט) זייערע קינדער אין תלמוד תורה. ווי אזוי צו צוציהען דעם יונגען דור צו דער סאציאליסטישער און ארבייטער באוועגונג איז שטענדיג געווען א פראגע מיט וועלכער די אידישע סא־ציאליסטען האבען זיך באשעפטיגט. עס איז אפילו געשאפען געווארען א גאנצע־נעץ פון סאציאליסטישע זונטאג־שולען (אין ענגליש, נאטירליך). זיי זיינען אבער אלע געווען א דורכפאל, שוין אפגערעדט דערפון וואס די אידישע סאציאליסטישע טאטעס האבען זיך ניט געוואלט צופרידענשטעלען בלויז מיט דער סאציאליסטישקייט פון דער שול. זיי האבען אויך געוואלט אז זייערע קינדער זאלען באקומען א אידישע דערציהונג, זאלען זיין באקאנט מיט דער שפראך, קולטור און געשיכטע פון זייער פאלק. עס האט זיך געפיהלט א נויט אין אזא שול, וואס זאל מאכען א סינטעז צווישען דעם פראגרעסיווען נאציאנאליזם און סאציאליזם; וואס זאל זיין א אידישע ארבייטער שול. די רעזולטאטען זיינען די ארבייטער־רינג שולען.

אין דער ערשטער צייט האבען די ארבייטער רינג שולען ארויסגערופען זעהר א שטארקע געגנערשאפט צו זיך. מ'קען מיט זיכערהייט זאגען, אז בלויז א מינא־ריטעט פון די ארבייטער רינג מיטגלידער זיינען געווען פאר שולען. אין די 7־6 יאהר אבער פון זייער עקזיסטענץ האבען די שולען זיך אזוי באליבט געמאכט ביי אלע מיטגלידער, אז די גרויסע מעהרהייט פון ארבייטער רינג זיינען איצט הייסע און איבערגעגעבענע פריינד פון די שולען.

דער ארבייטער רינג פארמאגט איצט 96 שולען, אין וועלכע עס לערנען 5,827 קינדער, און עס זיינען באשעפטיגט 112 לעהרער. אויסער דעם האט דער ארבייטער רינג א מיטעל שול, א מוזיק שול און א לעהרער סעמינאר (די ארבייטער רינג לעהרער קורסען) אין וועלכען ארום 60 יונגע מענער און פרויען לערנען זיך צו זיין לעהרער. די ארבייטער רינג שול באוועגונג איז נאך זעהר יונג, און האלט זיך ערשט אין ענטוויקלען. נייע שולען קומען צו יעדע וואך.

ווייל די ארבייטער רינג שולען זיינען נאך אזוי יונג, איז נאטירליך אז ארום זייער וועזען זאלען נאך אלץ געפיהרט ווערען הייסע דיסקוסיעס. עס זיינען נאך ביז איצט פאראן צוויי קלאהר אויסגעשפראכענע ריכטונגען אין די ארבייטער רינג שולען, איינע וואס האלט אז די שול דארף זיין א אידישע ארבייטער שול, און די צווייטע — אז זי דארף זיין אן אויסגעשפראכען סאציאליסטישע. די וואס זיי־נען פאר א אידישער ארבייטער שול, זיינען ניט קעגען דעם, אז אין שול זאל הער־שען א סאציאליסטישער גייסט. פארקעהרט, די מעהרסטע פון זיי זיינען אקטיוו אין דער שול באוועגונג, ווייל זיי באטראכטען דאס פאר א וויכטיגען טייל פון זייער סאציאליסטישער טעטיגקייט. זיי האלטען אבער, אז „לערנען „סאציאליזם" מיט קינדער איז ניט מעגליך. זייער שטאנדפונקט איז אז עס דארף ביים קינד אנטוויי־קעלט ווערען אכטונג צו ארבייט און צום ארבייטער קלאס, דער געפיהל פון סאציאלען יושר און אידעאליזם. דאס וועט דעם קינד צוגרייטען צו זיין פעהיג אויפצונעמען סאציאליסטישע געדאנקען ווען ער וועט אויפוואקסען. די צווייטע ריכטונג, די וואס פארלאנגט נ א ר סאציאליזם אין די שולען, האט אייגענטליך ביז איצט ניט ערקלעהרט וואס זי שלאגט פאר פראקטיש. באמת איז אין דער שול פראקטיק ניטא אזא צוטיילונג. די שולען זיינען, אויף ווי ווייט מעגליך, איינ־הייטליך אין זייער פראקטיק און מעטאדען. דער וויכטיגסטער אונטערשיד אפשר איז דער, וואס די נאר-סאציאליסטישע ריכטונג שטעלט דעם אידישען אינהאלט פון דער שול און דער אידישער שפראך נידעריגער ווי דעם אלגעמיין סאציאלען. אין דער פראקטיק אבער איז דאס ניט מעגליך. אזוי לאנג ווי די אידישען שולען זיינען אי־דישע, אזוי לאנג ווי די אידישע שפראך, ליטעראטור און געשיכטע זיינען די וויכ־טיגסטע לעהר-געגענשטאנדען פון דער שול, מוזען זיי נאטירליך פארנעמען דעם אויבענאן און געבען דער שול איהר פנים און כאראקטער. די אויפגאבע פון דעם ארבייטער רינג לעהרער, אן אויפגאבע וואס איז דערווייל טיילווייז בלויז גע־לייזט געווארען, איז, צו מאכען אן אומצוטיילבארען סינטעז פון דער אידישקייט און סאציאליסטישקייט אין דער שול. אין דער אידישער פארמע דארף א סאציא־ליסטישער אינהאלט אריינגעגאסען ווערען.

4. שול ביכער.

די אידיש וועלטליכע שול אין אמעריקא איז נאך יונג, זי האט ניט געהאט קיין פארלויפער; זי האט ניט געהאט פון וועמען צו לערנען. דאס זעלבע איז אויך מיט'ן אידישען שול בוך. די ערשטע שול ביכער וואס זיינען אין אמעריקע ארויס־געגעבען געווארען (לעאן עלבע, יעקב לעווין, יואל ענטין), זיינען אייגענטליך גע־ווען פראבען, מעהרסטענס ניט קיין איינגעגעבענע. אויב ענטין'ס „פון אידישען קוואל" איז געווען שטארק נאציאנאליסטיש, זיינען י. לעווין'ס ביכער געווען גלאט

אזוי זיך אידישליך. מ'קען זיי בכלל ניט געבען קיין וועלכען עס איז באשטימטען נאמען, ווייל זיי זיינען באמת געווען „גלאט אזוי זיך לייען ביכער". זיינע נייע ביכער וואס ער גיט לעצטענס ארויס, זיינען אין דעם הינזיכט א סך בעסער, אבער אויך זיי האבען קיין באשטימטען פנים ניט. אנדערש זיינען די לייען ביכער פון י. שטיינבוים. וואס מ'זאל וועגען זיי ניט זאגען, מוז מען אבער צוגעבען, אז ער ווייס וואס ער וויל, און זיינע לייען ביכער האבען א גאנץ באשטימטען כאראקטער. שטיינבוים וויל אימיטירען דעם בעסערען טיפ פון דער אמעריקאנער פאבליק סקול, ער וויל צופאסען די מאדערנע פעדאגאגישע טעאריעס, איבערהויפט פון די אמע־ריקאנער פעדאגאגען, צו דער אידישער שול. ער פארגעסט אבער, אז דער אמעריקא־נער פעדאגאג שלאגט פאר מעטאדען פאר א שול וואס האט גרויסע מאדערנע גע־ביידעס, גערוימע שפיל־פלעצער, אהן א שיער פינאנציעלע מעגלאכקייטען, און וואס איז נאך וויכטיגער, זיי האבען די קינדער אויף 5-6 שעה יעדען טאג. די אידישע שול איז פונקט דער היפוך דערפון. דער שול־צימער איז קליין און ענג, די פינאנ־ציעלע לאגע פון דער שול איז אלע מאל א שווערע, קיין געלט פאר עקספערימענטען קען זיך אונזער שול ניט ערלויבען אויסצוגעבען, און די הויפטזאך, די קינדער הא־רען ניט מעהר ווי 4-5 שעה א וואך. און אין שול קומען זיי שוין אויסגעמאטערטע, נאכדעם ווי זיי האבען שוין אפגעגעבען עטליכע שעה אין פאבליק סקול. צוליב דעם איז נויטיג גאנץ ספעציעלע מעטאדען אין אונזערע שולען. פשוט אימיטירען די מעטאדען, אפילו די בעסטע וואס ווערען פארגעשלאגען פאר דער פאבליק סקול, איז ניט מעגליך. דעריבער טאקע זיינען שטיינבוים'ס ביכלעך, וואס זיינען צוזאמ־מענגעשטעלט געווארען און ארויסגעגעבען געווארען אזוי פיין און מיט גרויס מיה — פאר אונזער שול ניט איינגאנצען צוגעפאסט.

צווישען די נייע לייען ביכער וועט אהן ספק פארנעמען א זעהר אנגעזעהענעם פלאץ דאס בוך „אידיש", צוזאמענגעשטעלט פון ב. אסטראווסקי און ש. הורוויץ. די צוזאמענשטעלער פון דעם נייעם בוך, האבען, ווייזט אויס, גוט געלערנט פון ער־פאהרונג פון פריהערדיגע ביכער, און פארשטעהען זעהר גוט די נויטען און דעם כא־ראקטער פון אונזער שול. זייער בוך (דערווייל איז ארוים בלויז איינער, פאר'ן דריטען לערען־יאהר, אנדערע וועלען נאכפאלגען), איז דערווייל די בעסטע פראבע וואס איז ביז איצט געמאכט געווארען.

אויפ'ן געביט פון קינדער ליטעראטור איז שוין פריהער דערמאנט געווארען די קינדער אויסגאבען („מתנות") וואס דער שלום עליכם אינסטיטוט גיט ארויס. דער ארבייטער רינג איז אבער דערין אויך ניט הינטערשטעליג. אויב די „אומפארטיי־אישע" שלום עליכם שולען באגרענעצען זיך מיט ארויסגעבען קינדער מעשות, האט זיך די עדיוקיישאנעל קאמיטע פון ארבייטער רינג געשטעלט אלס אויפגאבע צו שא־פען א גאנצע רייהע ביאגראפיעס, פון גרויסע אידישע פערזענליכקייטען, פון סא־ציאליסטען און ארבייטער פיהרער און בכלל פון קעמפער פאר פרייהייט און סא־ציאלער גערעכטיגקייט.

די ביאגראפיעס וואס זיינען געשריבען קורץ און פאפולער האבען זעהר א גרויסען ווערט פאר די ארבייטער רינג שולען. ביאגראפיעס פון רעוואלוציאנערען און פרייהייט קעמפער פארנעמען אין דער ארבייטער רינג שול א זעהר אנגעזע־העגעם ארט. ביז איצט האט מען זיך געמוזט באנוגענען מיט דערצעהלען די ביא־

גראַפיעס. די „ביאָגראַפיעס ביבליאָטעק" פון ארבייטער רינג גיט אבער א מעג־ליכקייט אַט די ארבייט אויסצוברייטערען. די קינדער קויפען די ביאָגראַפיעס, אָדער לייענען זיי אין דער קינדער ביבליאָטעק, וואס יעדע שול פארמאָגט. נאָכדעם ווי זיי לייענען דאָס אליין איבער, ווערט אין קלאַס וועגען דעם גערעדט, און דער לעהרער האָט א געלעגענהייט ניט בלויז צו געבען איינצעלהייטען וואס זיינען אין דער ביאָגראַפיע ניטאָ, נאָר אויך אָנצואווייזען די קינדער פארשידענע אַנאַלאָגיעס צווישען דעם אמאָל און היינט.

דאָס מיינט ניט נאַטירליך אז דער ארבייטער רינג גיט ארויס בלויז ביאָגראַפיעס. אויך אויפ'ן פעלד פון דער שעהנער ליטעראַטור ווערט א סך אויפגעטאָן. דערווייל האָט דער ארבייטער רינג ארויסגעגעבען בלויז דריי ביכלאך אזעלכע. גארשין'ס „סיגנאַל", אפּאטאשו'ס „שרה'קע" און אסתר שומיאַטינער'ס קינדער־שפּיל „פּאַסען ליכט". א סך אַנדערע אויסגאַבען ווערען איצט פּראָיעקטירט.

5. זומער קאָלאָניעס.

א גרויסער און לויבענסווערטער אויפטו זיינען די זומער קאָלאָניעס פאר קינדער. זומער, ווען די קינדער זיינען פריי אויף גאַנצע 10 וואכען פון פּאַבליק סקול, איז די איינציגע צייט, ווען די אידישע שול קען מאָנאָפּאָליזירען זייער גאַנצע צייט. עס פארשטעהט זיך, אז אין דער היץ פון שטאָדט, אין די פארשטיקטע שול־צימערען, קען דאָס ניט געטאָן ווערען. עס איז דערפאר שוין לאַנג געוועז דער טרוים פון די מעהרסטע שול־טוער צו האָבען זומער קאָלאָניעס, וואוהין אויב ניט אלע, איז כאָטש א טייל קינדער זאָל קענען אוועקפאָהרען אויפ'ן גאַנצען זומער. די ערשטע צו פאר־ווירקליכען אָט דעם פּלאַן זיינען געווען די שלום עליכם שולען, מיט דער ערעפענונג פון דעם קעמפּ „בויבעריק". דער ערפאָלג איז געווען אזוי גרויס אז לעצטען זומער האָבען זיי געמוזט ערעפענען א צווייטע קאָלאָניע, „ניי בויבעריק". עס פארשטעהט זיך, אז אין דער קאָלאָניע הערשט דער זעלבער גייסט (נאָך אין א גרעסערער מאָס) ווי אין די שולען.

דער ארבייטער רינג, אדער בעסער געזאָגט, די ניו יארקער שולען, האָבען אויך ערעפענט אן אייגענע קינדער קאָלאָניע, „קינדערלאנד", וואס האָט זיך ארויסגעוויזען פאר זעהר א גרויסען ערפאָלג.

די פאראייניגטע שטאַטען קענען ערנעהרען א סך א גרעסערע באַפעלקערונג.

די פאראייניגטע שטאַטען זיינען רייך אין אַלערליי פּראָדוקטען און נאַטור רעסורסען און קאָנען לייכט ערנעהרען אַ סך אַ גרעסערע באַפעלקערונג, אוידער די איצטיגע 110 מי־ליאָן.

די היינטיגע לאַנד רעסורסען אַליין זיינען אַזוי גרויס, אַז עס קאָן לייכט ערנעהרט ווערען אַ באַפעלקערונג פון 300,000,000, און מען וועט דערביי קאָנען אויסקומען אָהן אויסלענדישער שפּייז, וועניגסטענס וועט מען ניט דאַרפען באַציהען פון אויסלאַנד מעהר שפּייז פּראָדוקטען און רויהע מאַטעריאַלען, אוידער מען באַציהט היינט.

אַלץ וואָס עס וואָלט זיך געפאָדערט, איז אַז מען זאָל מאַכען פּראָדוקטיווער דאָס לאַנד און וואַלד לאַנד, און מען זאָל אַביסעל וועני־גער פאַרשווענדעריש זיין אין לעבען, ווי מען איז דאָ איצט.

וואָס די אמעריקאַנער אידען האָבען געטאָן פאַר די מילאָנען נויטליידענדע אידען פון אייראָפּע און פּאַלעסטינע

די דזשאָינט דיסטריביושאָן קאָמיטע איז אָרגאַניזירט געוואָרען אין אָקטאָבער 1914, מיט'ן צוועק צו העלפען די אידישע מלחמה געליטענע אין די פאַרשיידענע לענדער. זי איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרען פון דער דזשאָינט רעליף קאָמיטע, סענטראַל רעליף קאָמיטע און פּיפּעלס רעליף קאָמיטע. איהר פּאָרזיצער איז געווען פעליקס מ. וואַרבורג.

זינט איהר גרינדונג האָט די דזש. ד. ק. צוטיילט אַ סומע פון 58,000,000 דאָלאַר ביז 1921, ד. ה. אין דער צייט ווען די מלחמה איז נאָך געפיהרט געוואָרען, איז איהר טעטיגקייט איבערהויפּט באַשרענקט געווען אויף מאָמענטאַלע הילף פאַר די ליידענדע. אין פּוילען וואו די וואָס האָבען געליטען אַממעהרסטען און אַמשטאַרקסטען, האָבען זיך געפונען אין אַ גרעסערע צאָהל ווי אומעטום, האָט די דזשאָינט דיסטריביוטאָן קאָמיטע אויף שפּייז, קליידער און מעדיצינישער הילף אויסגעגעבען 12,200,000 דאָלאַר, אָבער אַלע אַנדערע לענדער זיינען אויך ניט פאַרזעהן געוואָרען.

נאָכ'ן קריג הויבט די דזש. ד. ק. אָן מעהר אַכטונג געבען אַז איהר הילף זאָל טראָגען אַ מעהר קאָנסטרוקטיווען כאַראַקטער, אַזוי צ. ב. האָט זי אויסגעגעבען מעהר ווי 4,300,000 דאָלאַר אַלס הלוואות צו "קאָאָפּעראַטיווע פאַראיינען, לייה און שפּאָר קאַסעס, און עהנליכע גרופּען. דאָס האָט פאַר די דאָזיגע גרופּען געגעבען אַ מעגליכקייט צו באַזאָרגען זיך מיט מאַשינען, געציייג און רויהע מאַטעריאַלען, אַז זיי זאָלען קענען זיך אַליין העלפען דורך אַרבייט. אַ באַדייטענדע סומע פון אָט די געלט איז אויסגעגעבען געוואָרען אויף ווידער אויפצובויען די צושטערטע שולען, איבערהויפּט טעכנישע שולען. עס ווערט אָפּגעשאַצט אַז מעהר ווי אַ מיליאָן אידען, (אין מזרח און מעריב אייראָפּאַ און פּאַלעסטינא) זיינען געהאָלפען געוואָרען דורך די אַרבייט פון דזש. ד. ק.

כדי אויסצוברייטען איהר אַרבייט, האָט די דזש. ד. ק. אין 1924 אָרגאַניזירט „אַמעריקען דזשאָינט ריקאָנסטראָקשאָן פאַונדיישאָן". די נייע אינסטיטוציע האָט איהר אָפיס אין בערלין, פאַרטראָטען זיינען אין איהר די דזש. ד. ק. די אידישע קאָלאָניזאַציאָנס־געזעלשאַפט („איקאַ") און אָנגעזעהענע יחידים כלל־טוער. איהר אויפגאַבע איז צו שאַפען קרעדיט פאַר די אידישע קאָאָפּעראַטיווע פאַראיינען אין מזרח־ און מערב־אייראָפּאַ.

לויט דער איניציאַטיוו פון דר. ראָזען איז אין זומער 1922 אָנגעהויבען געוואָרען אַ נייע רעקאָנסטרוקטיווע פּראָגראַם פאַר רוסלאַנד. דער הויפּט צוועק פון אָט דער אַרבייט איז צו העלפען אין דער אַנטוויקלונג פון די אידישע ערד אַרבייטערשע קאָלאָניעס, די דערעפענונג פון טעכנישע שולען און העלפען אָרגאַניזירע קאָאָפּעראַטיווע פאַראיינען.

כדי בעסער צו פאַרזיכערען די עקזיסטענץ פון די אידישע לאַנד אַרבייטער אין רוסלאַנד איז אין יולי 1924 אָרגאַניזירט געוואָרען די „דזשואיש דזשאָינט אַגריקולטשורעל קאָרפּאָריישאָן" וואָס איז געוועהנליך באַקאַנט אונטער'ן נאָמען אַגראַ־דזשאָינט. די געלט פאַר דער קאָרפּאָריישאָן שטעלט צו די דזש. ד. ק. ביז אָקטאָבער 1925 האָט די דזש. ד. ק. איבערגעגעבען דער אגרא־דזשאָינט אַרום 768,000 דאָלאַר. די דאָזיגע געלט האָט דר. ראָזען אויסגעגעבען אויף צו העלפען אַרום 25,000 אידישע נפשות צו באַזעצען זיך אויפ'ן לאַנד.

די פּראָבלעמע פון די מלחמה יתומים האָט פיל באַשעפטיגט דער דזש. ד. ק. — זי האָט אָרגאַניזירט אַ ספּעציעלען דעפּאַרטמענט „די טשיילד קער דעפּאַרטמענט" פאַר דעם צוועק.

די מלחמה יתומים זיינען צעהנדליגער טויזענדער. די דזש. ד. ק. האָט ביז ענדע 1925 אויסגעגעבען פאַר זייער באַזאָרגונג 2,192,000 מעהר ווי 1,300,000 אין פּוילען אַליין, דאָס איבעריגע אין אַנדערע לענדער. די הויפּט דאגה פון דזש. ד. ק. בנוגע צו די יתומים איז געווען אויסלערנען זיי אַ מלאכה כדי זיי זאָלען אין דער צוקונפט אַליין קענען פאַרדינען זייער ברויט. אין די קליינע פאַרוואָרפענע שטעדטלאַך, וואו אַ סך פון די יתומים האָבען זיך געפונען זיינען אָבער ניטאָ קיינע טעכנישע שולען, דאריבער האָט די דזש. ד. ק. זיי אַריבערגעפירט אין גרעסערע שטעדט און דאָרט זיי אויסגעהאַלטען ביז זיי וועלען זיך אויסלערנען עפּעס אַ מלאכה. די

דזש. ד. ק. האָט אָרגאַניזירט ספּעציעלע קינ־
דער היימען, אין דייטשלאַנד, אין פּוילען,
אין רומעניע, טשעכאָ־סלאָוואַקיע און עסט־
רייך.

אַ צווייטע וויכטיגע אַרבייט וואָס די דזש.
ד. ק. האָט אויף זיך גענומען איז געווען צו
העלפען די טויזענטער וואָס זיינען אַנטלאָפען
אָדער אַרויסגעטריבען געוואָרען פון זייערע
היימען. אין דורכשניט האָבען אַרום 13,000
מענשען אַ חודש באַקומען הילף. פון יולי,
1921 ביז'ן סוף 1923, זיינען אַזעלכע
300,000 געהאָלפען געוואָרען, דאָ איז געווען
ניט בלויז אַ פראַגע פון צדקה, נאָר איבער־
הויפּט צו העלפען די מענשען זיך צוריק־
קעהרען צו זייערע היימען אָדער אויף שטענ־
דיג זיך באַזעצען אין אַנדערע פּלעצער.

אויפ'ן געביט פון פאָלקס־געזונטהייט איז
אויך זעהר פיל אויפגעטאָן געוואָרען. ביז
1923 האָט די ד. ד. ק. אין פּוילען געהאָלפען
אויפבויען און פאַרריכטען 216 בעדער, 60
שפּיטאָלען און אַ סך אַנדערע סאַניטאַרע און
מעדיצינישע אינסטיטוציעס. 100 טויזענט
דאָלאר איז אויסגעגעבען געוואָרען צו עטאַב־
לירען 7 עקס־רעי סטאַנציעס אין פּוילען.
נאַטירליך, איז אויף אַ קלענערען מאַסשטאַב
דאָס זעלבע געטאָן געוואָרען אויך אין אַנדע־
רע לענדער. די מעדיצינישע קאָמיסיע פון
דזש. ד. ק. האָט געהאָלפען צו אָרגאַניזירען
די ט. א. ז. (די נאַציאָנאַלע געזונדהייט אָר־
גאַניזאַציע אין פּוילען). אין פּאַלעסטינע
האָט די דזשאָינט דיסטריביושאָן קאָמיטע גע־
האָלפען פינאַנסירען דעם „ציוניסט מעדיקאל
יוניט" און די הדסה שפּיטאָלען.

די דזש. ד. ק. האָט אויך ניט פאַרנאַכלע־
סיגט די קולטור־אַרבייט. אויסער דעם, וואָס
אַ סך געלטער, וואָס זיינען געגעבען געוואָרען
פאַר אַנדערע צוועקען, זיינען אָהן ספק אַוועק
אויף קולטור־אַרבייטען, האָבען די דריי קאָ־
מיסיעס, וואָס שטעלען צוזאַמען די דזש. ד.
ק., אויסגעגעבען איבער 1,237,000 דאָלאַר
דירעקט פאַר קולטור־צוועקען. חוץ דעם, האָט
די „דזשואיש רעליעף קאָמיטע" געגעבען פאַר
דעם זעלבען צוועק באַזונדער 355,150 דאָלאַר.

ענדע 1923 זיינען אין פּוילען געווען
280 אידישע וועלטליכע שולען, 728 אָרטאָ־
דאָקסישע און 226 העברעאישע, וואָס האָבען
באַקומען שטיצע פון דער דזש. ד. ק. אין
לאַטוויא זיינען געשטיצט געוואָרען 37 תרבות
שולען, 115 אָרטאָדאָקסישע יבנה שולען און
50 אידישע. אין ליטע 145 שולען. דר.
קאַהן, דער אייראָפּעאישער דירעקטאָר פון
דער דזש. דיסט. קאָמ., האָט אויסגערעכענט,
אַז אַ דאַנק אָט דער הילף האָבען אין מיטעל
אייראָפּע מעהר פון 295,000 קינדער באַקו־
מען אַ אידישע ערציהונג.

אין פּאַלעסטינע איז דורך דער דזש. דיסט.
קאָמ. אויסגעגעבען געוואָרען פאַר פאַרשידענע
צוועקען 7,382,000 דאלאר. פון דער דאָזי־
גער סומע איז אַרום 5,440,000 דאָל. אַוועק
אויף צדקה, 585,440 דאָל. אויף קאָנסטרוק־
טיווער אַרבייט, 908,777 דאָל. אויף קינדער־
הילף און 12,236 דאָל. אויף קולטור־אַרבייט.
אויסער די אויסגערעכענטע סומען האָט נאָך
די סענטראַל רעליעף בייגעשטייערט 10 און
אַ האַלב מיליאָן דאלאר און די פּיפּעלס רע־
ליעף — 26,846 דאָל.

ביז אויגוסט, 1925, האָט די דזש. דיסט.
קאָמיטע אויסגעגעבען אין רוסלאַנד אַרום
13,500,000 דאלאר. צווישען 1914—1921
אַרום 5,700,000 דאָל. אויף פּשוט'ער הילף.
שפּעטער איז די אַרבייט פאָרטגעזעצט געוואָ־
רען אין פאַרבינדונג מיט דער אַרבייט פון
הערבערט הואווער, בשעת דעם הונגער. אי־
בער אַ מיליאָן מענשען האָבען אין דער הונ־
גער־צייט באַקומען עסען דורך דער דזש. ד.
ק. ווען די צייט איז בעסער געוואָרען, אַרום
1922, איז די צאָל קלענער געוואָרען. פונ־
דעסטוועגען זיינען דורך דער דזש. דיסט.
קאָמ. אויסגעהאַלטען געוואָרען אין אוקראַינע
און ווייס רוסלאַנד אַרום 3,800,000 קינדער.

חוץ די געלדער, וואָס די דזשאָינט האָט
איבערגעשיקט אין רוסלאַנד, איז אויך דורך
איהר הילף איבערגעשיקט געוואָרען איבער
10 מיליאָן דאלאר פּעקלאַך שפּייז און קליי־
דער, דורך דער אַמעריקאַן רעליעף אַדמיני־
סטריישאָן.

די אידישע אַרבייטער־באַוועגונג אין פּאַלעסטינא

ארבייטער־פּארטייען זיינען פאראַן איצט אין פּאַלעסטינא זעקס: אחדות העבודה (די ארבייט־אייניגקייט), פּאַקטיש די רעכטע פּועלי ציון; „הפּועל הצעיר" (דער יונגער ארבייטער); לינקע פּועלי ציון; קאָמוניסטען, וועלכע ווערען גערופען מאָפּסען (די ערשטע בוכשטאַבען פון מפלגת פּועלים סאָציאַליסטים, פּארטיי פון סאָציאַליסטישע ארבייטער); „הפּועל המזרחי" (מזרחי־ארבייטער, רעכטע און לינקע) און „פּועלי אמוני ישראל (אָרטאָדאָקסישע ארבייטער).

די עלטסטע פּארטיי, אָבוואָל ניט די גרעסטע, איז די „מפלגת הפּועלים העברים בארץ ישראל הפּועלי הצעיר" (אָדער ווי זי ווערט גערופען בקיצור „הפּועל הצעיר"). דיזע פּארטיי איז געגרינדעט געוואָרען מיט 21 יאהר צוריק אין דער פּאַלעסטינער קאָלאָניע פּתח תקוה, דורך די אימיגראַנטען פון דעם צווייטען אימיגראַציע־פּעריאָד.

די גרינדער פון דער פּארטיי זיינען געווען די אידישע סאָציאַליסטען פון רוסלאַנד, אליעזר שוחט, יוסף אראַנאָוויטש, נחום טווערסקי און יוסף וויטקין. זייענדיג אַליין סאָציאַליסטען, האָבען זיי אָבער באַשלאָסען, אַז מ'טאָר דער פּארטיי ניט געבען קיין ריין סאציאליסטישע פּארב, פּארקעהרט, די פּארטיי טאָר אין אָנהויב ניט האָבען קיין באַשטימטען פּראָגראַם, זי דארף זיך בלויז שטיצען אויפ'ן פּרינציפּ פון אידישער ארבייט, בויען אידישע קאָלאָניעס דורך אידישע ארבייטער, שאַפען אַ אידישען לאַנדווירטשאַפטליכען ארבייטער, אָהן וועלכען זיי האָבען ניט געזעהן קיין עקזיסטענץ פאר פּאַלעסטינא. די פּארטיי איז מעהר געווען פאר דער אגיטאַציע, אַז ס'איז מעגליך אידען זאָלען זיין ארבייטער, איידער פאר אָפּהיטען די אינטערעסען פון די ארבייטער און זיי ערקלערען דעם קלאַסען־שטאַנדפּונקט.

דער צווייטער פּרינציפּ פון דיזער פּארטיי איז געווען די שטעלונג צו דער העברעאישער שפּראַך און קולטור. אין דער צייט, וואָס די אידעאַליסטישע איינוואַנדערער פונ'ם ערשטען פּעריאָד, די „בילויצעס", האָבען זיך ניט געזאָרגט פאר העברעאיש, און ווייטער גערעדט אידיש אָדער רוסיש, האָט דער „הפּועל הצעיר" אָנערקענט דעם פּרינציפּ, אַז די איינציגע אידישע שפּראַך אין פּאַלעסטינא איז העברעאיש, און די גאַנצע קולטורעלע ארבייט דאַרף געטאָן ווערען נאָר אויף העברעאיש.

דער „הפּועל הצעיר" איז אַ מין פאָלקס־סאָציאַליסטישע פּארטיי, צו וועלכער עס געהערען היינט דאָרפישע און שטאָטישע ארבייטער, און אויך באַאמטע און אָנגעשטעלטע אין אָפיסעס. ערשט די קאָנפערענצען פון דער פּארטיי האָבען כסדר געשליפען די פּרינציפּען און ס'איז צונויפגעשטעלט געוואָרען אַ פּארטיי־פּראָגראַם.

די פּארטיי איז אויך געווען די ערשטע, וואָס האָט אָנגעהויבען ארויסצוגעבען ארבייטער־צייטונגען. איהר וואָכענבלאַט אונטער'ן זעלבען נאָמען ווי די פּארטיי, „הפּועל הצעיר", האָט מיט 19 יאָהר צוריק אָנגעהויבען ארויסצוגעהן העקטאָגראַפירט אין ירושלים. היינט צו טאָג ערשיינט עס אין תל־אביב יעדע וואָך אין 16 זייטען פון גרויסען פאָרמאַט, אין אַן אייגענער דרוקעריי. דער גייסטיגער פיהרער

פון דער פארטיי איז געווען דער באקאנטער ארבייטער-פיהרער א. ז. גארדאן, וועלכער איז געשטארבען אין פאלעסטינא און האט איבערגעלאזט איינינגע פילאזאפיש-סאציאליסטישע ווערק; אויך דער באקאנטער העברעאישער שריפטשטעלער י. ח. ברענער, וועלכער איז טראגיש ערמארדעט געווארען אין דער צייט פון פאגראם אין יפו, איז געשטאנען נאהענט צו דער פארטיי, און אין דער קריגס-צייט האט ער רעדאגירט איהר ארגאן „מעברות" (איבערגאנגען).

די פארטיי צעהלט ביז 2000 גוטשטעהענדע מעמבערס. זי באטייליגט זיך אין ציוניסטישען קאנגרעס דורך פארקויפען אן אייגענעם „שקל". זי איז געווען פארטראטען אין דער ציוניסטישער באנק, אין נאציאנאל-פאנד דירעקטאירום, אין דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע און אין ווירטשאפטס-ראט פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע. ערשט אויפ'ן לעצטען ציוניסטישען קאנגרעס איז די פארטיי מעהר ניט אריינגעטראטען אין דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע.

אין מוניציפאליטעט (שטאט-פערוואלטונג, סיטי האל) אין תל-אביב, האט זי 5 מיטגלידער.

די צווייטע ארבייטער-פארטיי אין פאלעסטינא איז „אחדות העבודה" (ארבייטס-אייניגקייט). זי איז די גרעסטע ארבייטער ארגאניזאציע און צעהלט היינט ביז 3000 מיטגלידער. איהרע גרינדער זיינען די באקאנטע ארבייטער-פיהרער בערל קאצענעלזאהן, רמז, בן-צבי, בן-גוריון, יבניאלי, וועלכע זיינען אויך היינט איהרע פיהרער. די פארטיי איז געגרינדעט געווארען מיט 6 און א האלב יאהר צוריק, ערב דער דריטער „עליה" (איינוואנדערונג).

די ערשטע גרויסע טעטיגקייט פון דער פארטיי איז געווען, וואס נאכ'ן פאגראם אין פאלעסטינא האט זי אנגעהויבען פיהרען א שטארקע אגיטאציע געגען דער פאלעסטינער רעגירונג. זי האט פארעפענטליכט א דאקומענט: „מיר באשולדיגען", אין וועלכען די פארטיי האט עפענטליך געשטעמפעלט די פאלעסטינער רעגירונג, אז זי איז שולדיג אין פאגראם אויף אידען. דאן האט די פארטיי געשיקט א דעלעגאציע קיין ענגלאנד, וואו זי האט געווירקט ביי דער דארטיגער לייבאר פארטיי, אז מ'זאל פיהרען א פראפאגאנדע געגען דער פאלעסטינער רעגירונג. און ווירקליך איז דיזע רעגירונג באלד געפאלען, און עס איז געקומען הערבערט סעמועל אלס האי-קאמישאנער. „אחדות-העבודה" שפילט די גרעסטע ראלע אין דער אלגעמיינער ארבייטער-ארגאניזאציע אין פאלעסטינא, און זי האט אויך געשפילט א גרויסע ראלע אין ערשטען אידישען „פארלאמענט" אין יענעם לאנד.

אין דער שפראכען-פראגע שטעהט „אחדות-העבודה" אויפ'ן שטאנדפונקט, אז אין פאלעסטינא מוז די איינציגע שפראך זיין העברעאיש; דאגעגען, אין די גלות-לענדער טאלערירט זי אידיש, אלס די שפראך פונ'ם פאלק אין איצטיגען מאמענט. אין דער עקזעקוטיווע פון דער אלגעמיינער ארבייטער ארגאניזאציע האט זי צוויידריטעל שטימען, אין דער מוניציפאליטעט פון תל-אביב האט זי 8 מיטגלידער.

אין ווינטער 1921 איז אין חיפה צונויפגערופען געווארען אן אלגעמיינער צוזאמענפאהר פון אלע אידישע ארבייטער אין פאלעסטינא. יעדע 50 ארבייטער האבען געשיקט צו 1 דעלעגאט. צוזאמען זיינען דעמאלט אין גאנץ פאלעסטינא געווען 4,480 אידישע ארבייטער. פון דער דאזיגער צאהל זיינען די לאנדווירטשאפטליכע (פארם-) ארבייטער אלע געווען פארטראטען אויפ'ן צוזאמענפאר. ניט געקומען איז נאך

א טייל פון די ארבייטער אין חיפה און טבריה, וואס זיינען ניט געווען גענוג באוואוסטזיניג צו פארשטעהן די וויכטיגקייט פון ארגאניזירטער ארבייטער־מאכט. אין דער קאנפערענץ האבען זיך זאגאר באטייליגט 6 דעלעגאטען פון די „מאפסען" (פאלעסטינער קאמוניסטען). דער צוזאמענפאהר האט באשלאסען צו גרינדען די הסתדרות הפועלים הכללית:: „די אלגעמיינע ארגאניזאציע פון די אידישע ארבייטער" אין דארף און שטאדט אין פאלעסטינא (א מין לייבאר־פארטיי), ארגאניזירען צו דעם צוועק פראפעסיאנעלע סעקציעס, און ארונטערנעמען אונטער די פליגלען פון דער הסתדרות אלע ארבייטער אינסטיטוציעס, וואס האבען ביז דעמאלט עקזיסטירט, און די נייע, וואס וועלען זיך ערשט גרינדען.

די גרעסטע סעקציעס אין דער הסתדרות זיינען די פאלגענדע דריי: דער פארבאנד פון די בוי־ארבייטער, וואס וואקסט פון טאג צו טאג אין צוזאמענהאנג מיט דער פארגרעסערטער בוי־באוועגונג אין גאנצען לאנד; דאן געהט די סעקציע פון די באהן־ארבייטער, וואס צעהלט ביז 600 מאן, דארונטער א גרויסער טייל אראבער, וועלכע זיינען ארגאניזירט געווארען דורך די אידישע גענאסען; די דריטע גרעסטע ארבייטער־סעקציע איז פון די דרוקעריי־ארבייטער.

אויף דעם צווייטען צוזאמענפאהר, וואס די הסתדרות האט אפגעהאלטען אין 1923 איז באשלאסען געווארען אריינצוטרעטען אין אמסטערדאמער אינטערנאציאנאל.

די הסתדרות האט געגרינדעט א קולטור קאמיסיע (ועד התרבות). דיזע קאמיסיע האט געעפענט שולען אין די גרעסערע קאלאניעס, אין די קלענערע שיקט זי ארום וואנדערענדע שולען, דאס מיינט לעהרער, וואס גיבען לעקציעס היינט אין איין קאלאניע און מארגען אין א צווייטער. די קאמיסיע מאכט זעהר אפט פארשידענע פארלעזונגען איבער פראגען, וואס קאנען אינטערעסירען א מאדערנעם מענשען. די קאמיסיע גיט אויך ארויס ליטעראטור פון וועלכע דער לעזער באקומט א בילד ווי די וועלט דארף אויסזעהן, וואס דער ארבייטער שאפט, און ווי אזוי ער ווערט באלוינט פון דער בורזשואזער וועלט. איינס פון דיזע ביכער פון דעם פארלאג איז די כרעסטאמאטיע „מסילה" („דער וועג"), אין וועלכער עס ווערט גענוי געשילדערט אלץ וואס דער אידישער ארבייטער האט געשאפען אין פאלעסטינא.

פארשטעהט זיך, אז דאס אלץ ווערט געטאן אין העברעאיש. אידיש איז פאר דער הסתדרות טריף און דורכאויס רעבטלאז.

די הסתדרות (היסטאדרוט) גיט זייט אייניגע מאנאטען אויך ארויס א גרויסע טעגליכע צייטונג, „דבר" („דאס ווארט"). די צייטונג האט א גרעסערע צירקולאציע ווי די צוויי אנדערע טעגליכע צייטונגען אין פאלעסטינא. די הסתדרות גיט אויך די לעצטע צייט ארויס א צוויי־וואכען־בלאט אויף אראביש אונטער'ן נאמען „אתאחאדעלאמאל" (די פאראייניגונג פון די ארבייטער). אין דיזען בלאט, וואס ברענגט די פארשידענסטע נייעס פון ארבייטער־לעבען אין פאלעסטינא און אין דער גאנצער וועלט, ווערט איצט אויך געדרוקט אויף אראביש דאס באריהמטע ווערק פון פערדינאנד לאסאל, „דאס פראגראם פון די ארבייטער".

פאר דער מלחמה האבען זיך די פועלי ציון אין פאלעסטינא ארגאניזירט אין א באזונדערער פארטיי, וועלכע איז געווען א טייל פון פועלי־ציוניסטישען וועלט־פארבאנד. אין יאהר 1919 האט די פארטיי באשלאסען זיך אויפצולעזען, און עס איז

פון איהר געשאפען געווארען די איצטיגע פארטיי „אחדות־העבודה", וואס איז ווייטער פארבליבען אין דעם פועלי־ציוניסטישען וועלט־פארבאנד, אבער די פועלי־ציון אין דער גאנצער וועלט האבען דעם פאקט ניט גוט אויפגענומען; באזונדערס זיינען דערפון געווען אומצופרידען די פועלי־ציון אין פוילען, און זיי האבען אויפגעפאדערט די רעשטלאך „געטרייע" פועלי ציון, זיי זאלען ארויסטרעטען פון דער אחדות־העבודה און באנייען די אלטע פארטיי. דיזער רוף האט אין די רייהען פון די פאלעסטינער פועלי ציון ניט געפונען קיין גרויסען אפקלאנג. דאך איז אין פאלעסטינא געשאפען געווארען די סאציאל־דעמאקראטישע ארבייטער פארטיי פועלי ציון. דערווייל האט זיך די פועלי ציוניסטישע פארטיי אין פוילען געשפאלטען: א נישטיגע מינדערהייט איז פארבליבען ביים אלטען פראגראם, די מערהייט איז געווארען לינק, אין אלגעמיינע פראגען אין גאנצען קאמוניסטיש. די לינקע פועלי ציון אין פוילען האלטען זיך די גאנצע צייט אין ברעקלען; אפט רייסט זיך פון זיי אפ א גרעסערע אדער א קלענערע גרופע און געהט איבער צו די קאמוניסטען. ווען אין פאלעסטינע איז אנגעקומען א גרעסערע צאהל פועלי ציון האט זיך אין דער פאלעסטינער פועלי־ציוניסטישער פארטיי אנגעהויבען א שטארקער קאמף, און געענדיגט האט זיך דיזער קאמף דערמיט, אז דער גרעסטער טייל מיטגלידער זיינען פון איהר אפגעפאלען און האבען געבילדעט אן אייגענע אידיש ארבייטער־פראקציע אין „פ. ק. פ." (פאלעסטינער קאמוניסטישע פארטיי).

דערווייל איז אין אויסלאנד פארגעקומען די שפאלטונג פון דעם אלטען סאציאליסטישען וועלט־פארבאנד, און גלייכצייטיג איז פון דעם ניי־געשאפענעם קאמוניסטישען וועלט־פארבאנד אויסגעשלאסען געווארען איינע פון די צוויי פועלי־ציוניסטישע פארטייען (די י. ס. ד. א. פ. פועלי־ציון), וועלכע האט געשאפען אן אייגענעם ארגאניזאציאנס־קאמיטעט אין בערלין.

אזוי האט זיך אנגעהויבען ארגאניזירען די פועלי־ציוניסטישע באוועגונג אין פאלעסטינא פון 2 צענטרען אויס: פון ארגאניזאציאנס־קאמיטעט און פון פארבאנדס־ביורא פון די קאמוניסטישע פועלי־ציון. די ערשטע האבען געגרינדעט די „פארטיי פועלי־ציון" און די אנדערע — די אזוי־גערופענע מארקסיסטישע פועלי־ציון גרופען. אין יאהר 1924 איז פארגעקומען די ווידער־פאראייניגונג פון א. ק. מיט דעם פארבאנדס־ביורא, און די צוויי ארגאניזאציעס אין פאלעסטינא האבען זיך אויך פאראייניגט אונטער'ן נאמען „ארץ־ישראל'דיגע ארבייטער־פארטיי פועלי־ציון". די פארטיי, וועלכע ווערט ניט אפיציעל גערופען די „לינקע פועלי־ציון", איז לויט איהר פראגראם א קאמוניסטישע. זי שטרעבט צו ווערען די איינציגע קאמוניסטישע פארטיי אין פאלעסטינא, און פיהרט א שארפען קאמף געגען דער אגיטאציע פון די אידישע קאמוניסטען אין רוסלאנד (יעווסעקצעס), און גלייכצייטיג געגען דער איצטיגער מעהרהייט אין דער אלגעמיינער אידישער ארבייטער־ארגאניזאציע, וועלכע זי ווארפט פאר דאס וואס זי איז פארבונדען מיט דער קאפיטאליסטישער ציוניסטישער ארגאניזאציע, און אז דורכדעם ליידען די אינטערעסען פון די ארבייטער, וועלכע זיינען ארגאניזירט אין דער אלגעמיינער ארבייטער־ארגאניזאציע.

דעם גרעסטען ברענטש האט די פארטיי אין חיפה, וואו א גרויסער טייל פון די באהן־ארבייטער געהערען צו איהר; ווייטער געהען ברענטשעס אין תל־אביב און אין ירושלים. די פארטיי האט אין דער מוניציפאליטעט פון תל־אביב 2 מעמבערס. די

שטעלונג פון דער פּאַרטיי צו דער שפּראַכען־פּראַגע איז, אַז אידיש איז די שפּראַך פון אידישען פאָלק, און דעריבער איז די פּאַרטיי דערפאַר, אַז אויך אין פּאַלעסטינא זאָל אידיש זיין די אָפיציעלע שפּראַך פון די אידען, אָבער אין דערזעלבער צייט איז די פּאַרטיי געגען דעם צו פיהרען אַ קאַמף געגען העברעאיש אין פּאַלעסטינא.

די אידישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי אין פּאַלעסטינא (מאָפּסען) איז אַ רעגולערע אָפּטיילונג פון דער יעווסעקציע אין מאָסקווע, און זי איז אין פּאַלעסטינא טעטיג נאָר אויף צו פיהרען אַ קאַמף געגען ציוניזם און געגען דעם אויפבוי פון פּאַלעסטינא אַלס אידיש לאַנד אין דעם ענג־נאַציאָנאַלען זין פון וואָרט. די פּאַרטיי איז אין פּרינ־ציפּ און אין דער פּראַקטיק געגען דער העברעאישער שפּראַך, און אין אַלע פּראָקלאַ־מאַציעס און אַנדערע שריפטליכע דאָקומענטען באַנוצט זי זיך נאָר מיט אידיש. אין הסתדרות איז די קאָמוניסטישע פּאַרטיי ניט באַטייליגט, ווייל מען האָט זי פון דאָרט אויסגעשלאָסען נאָכדעם ווי איהרע מיטגלידער, האָבען פון אינוועניג געפיהרט אַ שעדליכע פּאָליטיק. יעדע זאַך טוט די פּאַרטיי אויף אָנווייזונגען פון מאָסקווע, און זעהר אָפט קומען אהער זייערע מענשען פון רוסלאַנד. פון דאַנען ווילען זיי עס פיהרען דעם גרויסען קאַמף „פאַר דער באַפרייאונג פון די אָריענט־פעלקער". די פּאַלעסטינער רעגירונג אַרעסטירט זיי און שיקט זיי ארויס פון פּאַלעסטינא. אזעלכע אַרויסגעשיקטע ווערען אין מאָסקווע אויפגענומען ווי העלדען. איצט ווילען די מאָפּסען שלאָגען די אַנדערע פּאַרטייען דורכדעם וואָס זיי אַגיטירען, אַז מען זאָל פאָהרען קיין רוסלאַנד אָנפיהרען די קרים־קאָלאָניזאַציע.

אויסער עקסטרעם־לינקע, זיינען אין פּאַלעסטינא אויך פאַראַן עקסטרעם־רעכטע אַרבייטער־פּאַרטייען: „הפּועל המזרחי", וואָס האָט זיך צושפּאָלטען אויף צוויי פּאַר־טייען, לינקע און רעכטע, און די נאָך רעכטערע „פּועלי אמוני ישראל".

דער ארבייטער רינג אין 1925

דער ארבייטער רינג איז א אידישע ארבייטער ארגאניזאציע, וועלכע האט אין פארלויף פון די לעצטע 25 יאהר געהאלטען אין ארגאניזירען די אידישע ארבייטער פאר דעם צוועק געמיינשאפטליך צו העלפען איינע די צווייטע אין צייט פון א נויט.

די גרינדער פון ארבייטער רינג האט זיך קיינמאל ניט גע'חלומ'ט, אז זייער אונטערנעהמונג זאל באגלייט ווערען מיט אזא ריזיגען ערפאלג. אנגעפאנגען האט מען מיט א פאר לאנדסמאנשאפט פאראיינען, מיט א מיטגלידערשאפט פון א פאר טויזענט און היינט צו טאג איז די מעמבערשיפ פון ארבייטער רינג 84,000. דער ארבייטער רינג האט זיך ענטוויקעלט די גאנצע צייט אלס א אידישע אימיגראנטען באוועגונג. מיט דעם אפשטעל פון אימיגראציע קיין אמעריקא איז די צאהל מיט־גלידער פון אנדערע הילפס־ארגאניזאציעס זעהר שטארק געפאלען; דער ארבייטער רינג איז די איינציגע ארגאניזאציע, וועלכע האט אפילו אין דעם שטילשטאנד פעריאדע געקאנט באווייזען זיין מיטגלידערשאפט צו פארגרעסערען.

דער פארמעגען פון ארבייטער רינג איז היינט צו טאג $3,025,000. קראנקען בענעפיט האט דער נאציאנאלער אפיס אויסגעצאהלט אין יאהר 1925 צו די מיטגלידער, $325,000. בענעפיט פאר די וועלכע זיינען נישט צוגעפאסט פאר'ן ארבייטער רינג סאניטאריום האט מען אויס־געצאהלט $40,000; אויסהאלטען דעם אייגענעם סאניטאריום, וועלכער עקזיסטירט שוין 17 יאהר האט דעם יאהר געקאסט $150,000.

דער ארבייטער רינג האט א פארצווייגטע שול־באוועגונג איבער'ן לאנד, וועלכע קאסט דעם נאציאנאלען אפיס צוזאמען מיט די ברענטשעס איבער'ן לאנד, $400,000. אין יאהר 1925 האט דער ארבייטער רינג דורך א ספעציעלען טעקס געשטיצט די וועלטליכע ארבייטער שולען פון אייראפע מיט $25,000. ער האט ארויסגעגעבען א גאנצע רייהע קינדער־ליטעראטור, גיט אויך ארויס א מאנאטליכען זשורנאל, „דער פריינד".

דער ארבייטער רינג איז א פארצווייגטע ארגאניזאציע, האט איבער 700 ברענטשעס, וועלכער ווערט מיט רעכט באצייכענט אלס „דער רויטער קרייץ" פון דער אידישער ארבייטער באוועגונג אין אמעריקא און אייראפא.

פאַקטען און ציפערן וועגען אַמעריקא

ווער האָט אנטדעקט אמעריקע?

וואָס איז עס פאַר אַ פראַגע? יעדעס שולקינד ווייס, אַז קריסטאָפער קאָלומבוס האָט אַנטדעקט אַמעריקאַ. דאָס איז געשעהען דעם צוועלפטען אָקטאָבער 1492טען יאָהר, ווען ער האָט זיך געלאָזט זוכען אין אַטלאַנטישען אָקעאַן דעם וועג נאָך אינדיע.

די נייע וועלט האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר איהם אויף איינעם פון די באַהאַמאַ אינזלען, אָדער ווי די איינגעבאָרענע האָבען עס גערופען גוואַנאַהאַני. קאָלומבוס האָט דעם אינזעל אַ נאָמען געגעבען סאַן סאַלוואַדאָר. ער האָט נאָכדעם נאָך דריי ים-רייזעס געמאַכט, און האָט ביז'ן טויט געגלויבט, אַז ער האָט געפונען דעם וועג קיין אינדיע. דאָס זיינען אַלץ אַלטע, אַלעמען באַקאַנטע פאַקטען.

אָבער אַרום דער גרויסער היסטאָרישער געשעהעניש איז דאָך ניט אַלץ קלאָר. ווען מיר שטעלען די פראַגע, ווער האָט אַנטדעקט אַמעריקע? באַקומען מיר דעם ענטפער פון די דיקע בענדער שריפטען, אָפּהאַנדלונגען, אַלטע מאַנוסקריפּטען, עראָינערונגען, וואָס באַהאַנדלען דעם ענין. פאַרשידענע מיינונגען און סברות זיינען פאַראַן וועגען די ערשטע „אַנטדעקער" פון אַמעריקע.

אַמעריקע, זאָגט מען, האָבען נאָך לאַנג פאַר'ן 1492 יאָהר אַנטדעקט די כינעזער, פעניציאַנער, פּאָלינעזיער, אירלענדער, נאָרמאַנען, אַראַבער, איטאַליענער, פראַנצויזען, שפּאַניער, פּאָרטוגעזער און נאָך אַ סך אַנדערע.

אַרום קאָלומבוסען און זיינע אַנטדעקונגען האָט די לעגענדע אויסגעשפּינט אַ דיקען שלייער, וועלכער האָט פאַרהילט פון אונז ביז דער לעצטער צייט דעם אמת. די פּראָבלעם פון דער אַנטדעקונג פון אַמעריקע, איינע פון די וויכטיגסטע היסטאָרישע געשעהענישען, וועט ענדליך געלייזט ווערען.

שוין אין אַנהויב פון דער מענשליכער ציוויליזאַציע האָבען די מענשען גענומען באַנוצען די טייכען און ימים אַלס אַ וואַסער וועג. דער אָקעאַן אָבער איז אין די אַלטע צייטען פאַרבליבען אַ געהיימניס, אַן אומבאַקאַנטע וועלט פול מיט סודות.

פון דעם דריטען יאָהרהונדערט פאַר קריסטוסען ביז דעם לעצטען יאָהרצעהנדליג פון פופצעהנטען יאָהר הונדערט איז דער צענטער פון דער קולטור געשיכטע געווען ביי די ברעגען פון מיטעללענדישען ים.

די פעניציאַנער זיינען געווען די ערשטע, וועלכע האָבען גענומען אַנטוויקלען דעם האַנדעל אין זייערע קאָלאָניעס ביי די ברעגען פון מיטעללאַנדישען ים. אין זייער אַפריקאַנישער קאָלאָניע, קאַרטאַגען, האָבען זיי נאָך אין ניינטען יאָהר הונדערט געשאַפען די שטאַרקסטע ים מאַכט אויף דער וועלט. און ווען מען זאָל גלויבען דעם גריכישען געשיכטע שרייבער הערעדאָט האָבען די פעניציאַנער לויט'ן אויפטראַג פון עגיפּטישען פרעה נעכאָ נאָך אין זיבעטען יאָהרהונדערט אַרומגערייזט אפריקע.

ווען קאַרטאַגען איז אין 146 יאָהר פאַר קריסטוסען צושטערט געוואָרען, איז רוים געוואָרען די גרעסטע מיטעללענדישע מאַכט. פון דעמאָלט אָן האָט די אייראָפּעאישע ציוויליזאַציע פאַרנומען דעם אויבענאָן אין דער געשיכטע פון דער וועלט.

די אַראַבער האָבען זעהר פיל בייגעטראָגען פאַר דער אויסשפרייטונג פון דער מענשליכער ציוויליזאַציע. נאָך מאַהאָמעדס טויט זיינען זיי דורך סיריע און עגיפּטען אַריינגעדרונגען אין די בערבערישע לענדער אין צפון אפריקע ביז דער שכנה'שער שפּאַניע. זייער ציוויליזאַציע איז אין אַלגעמיין געשטאַנען פיל העכער פון די קריסטליכע פעלקער פון יענער צייט.

ווען די טערקען האָבען אין 1453 יאָהר עראָבערט קאָנסטאַנטינאָפּעל און באַפעסטיגט זיך אין איינציגע פונקטען ביים מיטעללענדישען ים איז דער פאַרקעהר איבער דעם ים גע-

וואָרען אַזוי אומזיכער, אַז דער האַנדעל צווי־
שען איירָאָפּאַ און אַזיע און אויך מיט אינדיע
איז כמעט אינגאַנצען אונטערגעגאַנגען.

מ'האָט גענומען זוכען נייע וועגען פאַר'ן
האַנדעל מיט די ווייטע מזרח לענדער. אין
פופצעהנטען יאָהר הונדערט איז דער אַטלאַנ־
טישער אָקעאַן געוואָרען דער הויפּט וועג, וואָס
האָט געפיהרט נאָך נייע לענדער און ימים,
דער אַלטער האַנדעלס וועג דורכ'ן מיטעללענ־
דישען ים האָט פאַרלאָרען זיין באַדייטונג.

אין פופצעהנטען יאָהרהונדערט האָבען די
פּאָרטוגעזער די ערשטע גענומען זוכען אַ
נייעם ים וועג קיין אינדיע און, ענדליך, האָט
דער באַריהמטער רייזענדער וואַסקאָ דע־גאַמא
געפונען דעם נייעם וועג קיין אינדיע (אין
1498טען יאָהר).

מאַרקאָ פּאָלאָ האָט אין דער צווייטער
העלפט פון דרייצעהנטען יאָהרהונדערט גע־
מאַכט אַ ווייטע רייזע אין אַזיע, און איז אָנ־
געקומען, אין דער דעמאָלט ווייניג באַקאַנטער
כינע. דאָרטען האָט ער געהערט פון אַ רייכען
גרויסען אינזעל ציפּאַנגו (יאַפּאַן). קאָלומ־
בוס האָט באַקומען אַן עקזעמפּליאַר פון דעם
אויבענדערמאָנטען פּאָלאָ'ס רייזע באַשרייבונ־
גען, וואָס זיינען אָפּגעדרוקט געוואָרען אין
1480 יאָהר. דער דאָזיגער בוך האָט געהאַט
אויף קאָלומבוסען זעהר אַ גרויסע ווירקונג.

אַ סך ים רייזער האָבען געוואָלט געפינען
דעם אינזעל ציפּאַנגו. אין אַטלאַנטישען
אָקעאַן ווידער האָט מען אַרומגעזוכט די אַנטי־
לער אינזלען וועגען וועלכע מ'האָט זיך דער־
צעהלט אויסטערלישע וואונדער. אין צפון
אַטלאַנטיק האָט מען געזוכט אַ וואונדערלאַנד,
ווינלאַנד. אין יאָהר 1000 האָבען די דרייסטע
נאָרמאַנען געפונען דעם וואונדערלאַנד. מעגליך,
אַז אַ שטורם האָט זיי אַהין פאַרטריבען. ווינ־
לאַנד איז געווען דאָרטען, וואו ס'געפינט זיך
איצט דער סטייט מאַסאַטשוזעטס.

אַמעריקע איז שפּעטער אַנטדעקט געוואָ־
רען דורך די אַפריקאַנער. דאָס איז געשעהן
אין דרייצעהנטען אָדער אין פערצעהנטען
יאָהר הונדערט, דעמאָלט האָבען די פראַנצויזי־
שע סוחרים געשיקט זייערע שיפען צו די ברע־
גען פון גווינעאַ. פון מערב אפריקע פלעגט
מען דעמאָלט ברענגען העלפאַנט ביין, גאָלד,
דימענטען, פאַרשידענע געווירצען. די רייזעס
פלעגען געמאַכט ווערען אין געהיים, קיינער
האָט פון דעם ניט געוואוסט. די סוחרים האָ־
בען זיך מיט קיינעם ניט געוואָלט טיילען מיט
די גרויסע פּראָפיטען.

דער האַנדעל איז געווען זעהר גוט אָרגאַ־
ניזירט, אין דיעפּפּע איז געווען זייער הויפּט
קוואַרטיר, דאָרטען פלעגען די קאַפּיטאַנען אָפּ־
געבען זייערע באַריכטען פון די רייזעס. פון
די דאָקומענטען, וואָס זיינען דאָ ניט לאַנג
געפונען געוואָרען, ווייס מען, אַז די פראַנ־
צויזען זיינען שוין לאַנג באַקאַנט געווען מיט
די ברעגען פון גווינעאַ, נאָך איידער די פּאָרטו־
געזער האָבען זיי „אַנטדעקט" אין יאָהר 1419.

דיזעלבע סוחרים האָבען געהאַט אין אַפרי־
קע זייערע גרויסע פּלאַנטאַציעס. די אַגענטען
זייערע פלעגען הייראַטען מיט נעגערטעס, און
האָבען געהאַט אַ גרויסען איינפלוס אויף די
אָרטיגע איינוואוינער. די אינטעליגענטע זיהן
פון די געמישטע הייראַטען פלעגען אָפט מאַ־
כען ווייטע רייזעס צו די מערב'דיגע ברעגען
פון אַטלאַנטישען אָקעאַן, און פלעגען אָנשפּאַ־
רען אַזש קיין בראַזיליע און מעקסיקאָ.

מען קאָן מיט זיכערקייט פעסטשטעלען,
אַז אין דער ערשטער העלפט פון פופצעהנטען
יאָהרהונדערט האָבען די שפּאַניער און פּאָרטו־
געזער ניט איין מאָל באַזוכט די אַנטילער
אינזלען. די קאַנאַרישע אינזלען, מאַדעראַ און
אַזאָרער אינזלען זיינען אויך באַקאַנט געווען.
עס איז גאַנץ פאַרשטענדליך, אַז פיל ים רייזער
האָבען פאַרשטאַנען, אַז ווייטער צו מערב גע־
פינען זיך נאָך פיל אינזלען. די פאַנטאַסטישע
מעשות וועגען די וואונדערבאַרע לענדער, די
אויסטערלישע מענשען און חיות, וואָס האַל־
טען זיך אויף אויף די ווייטע אינזלען, האָבען
אויך שטאַרק באַאיינפלוסט קאָלומבוס'ען.

ווער־זשע האָט פאַרט אַנטדעקט אַמעריקע?
האָט קאָלומבוס אין זיין ערשטער רייזע גע־
זוכט דעם וועג צו אינדיע?

לאָמיר טאַקע נעהענטער באַטראַכטען די
פּראָבלעם. אין פופצעהנטען יאָהר הונדערט
איז די פּטאָלאָמעאישע סיסטעם וועגען דער
רוהענדער ערד, אַרום וועלכער עס באַוועגען
זיך די פּלאַנעטען, געווען די הערשענדע. דאָס
איז געווען דער גרונט יסוד פון דער אַסטראָ־
נאָמיע. אין דער צייט, ווען אין אַלטערטום
איז די קוגעל געשטאַלט פון דער ערד שוין
אָנגענומען געוואָרען, האָבען די קירכענ־
פאַטערס צום אָנהויב פון מיטעלאַלטער צוריק־
געקעהרט זיך צו דער אַלטער גריכישער טעאָ־
ריע, אמת, די געלערנטע פון פופצעהנטען
יאָהרהונדערט האָבען שוין ניט געגלויבט אין

דער טעאָריע, אָבער אין פאָלק האָט די פאָרשטעלונג, אַז די ערד איז קיילעכדיג נאָך ניט אַריינגעדרונגען. מ'האָט נאָך באַדאַרפט האָבען קלאָרע באַווייזע, פאַקטען.

די קלאָרע באַווייזע האָט אונז געגעבען מאַגאַלהאַעס דרייסטע רייזע אַרום דער וועלט. דאָס איז געווען די ערשטע רייזע אין דער מענשליכער געשיכטע. די דאָזיגע רייזע איז געשיכטליך פיל באַדייטענדער, ווי קאָלומבוסעס „אַנטדעקונג" פון אַמעריקע. אין אויגוסט פון יאָהר 1519 האָט מאַגאַלהאַמעס אונטערגענומען די געפעהרליכע רייזע. ער האָט געהאַט פינף שיפען מיט 280 מאַן. דער דרייסטער רייזענדער איז אין קאַמף מיט די איינגעבאָרענע געטויטעט געוואָרען אויף די פיליפינער אינזלען. נאָר די שיף „וויטטאָריא" האָט זיך אין סעפטעמבער 1522 מיט די איבערגעבליבענע 31 מאַטראָזען צוריקגעקערט קיין שפאַניע.

איצט האָבען שוין די פרומע פאָטערס פון דער קירכע מעהר ניט געקאָנט אָפּלייקענען די נייע טעאָריע פון דער קוגעל געשטאַלט פון דער ערד. מ'דאַרף נאָך דערמאָנען, אַז די שיף „וויטאָריא" האָט אויף צוריקוועגס באַזוכט די מאָלוקקען אינזלען, וואו זי האָט אַרויפגענומען אַ גרויסע לאַדונג פון פאַרשידענע געווירצען, וואָס האָט זיך דעמאָלט גערעכענט פאַר איינע פון די טייערסטע האַנדעלס אַרטיקלען. דאָס האָט נאָך מעהר אונטערגעגעבען חשק צו זוכען דעם נייעם וועג צו דעם ווייטען וואונדערלאַנד, צו אינדיע.

און ווען אַפילו די טרייב קראַפט צו די אַלע געפעהרליכע ווייטע רייזעס איז געווען דער באַגעהר נאָך רייכטימער און רייכטום, האָבען זיי אָבער גלייכצייטיג געוועקט דעם ערפינדונגס גייסט, געעפענט נייע מעגליכקייטען, פיל נוצען געבראַכט דער מענשהייט.

אין פופצעהנטען יאָהרהונדערט האָבען די געלערענטע ווידער אָנגענומען פּאָמפּאָניאוס מעלאס טעאָריע. (150 יאָהר נאָך קריסטוסען). דיזע טעאָריע האָט באַהויפּטעט, אַז די ערד באַשטעהט פון קאָנטינענטען, וועלכע זיינען אַרומגערינגעלט מיט וואַסער. אַזוי אַרום קאָן מען אַרומרייזענדיג אַפריקע דערגרייכען צו אינדיע. דער פלאָרענטינער אסטראָנאָם פּאַאָלאָ טאָסקאַנעלי, וועלכער האָט געהאַט אַ גרויסען איינפלוס אויף די ים רייזענדע, האָט געגלויבט אַז מען קאָן צוקומען צו אינדיע דורכ'ן אַטלאַנטישען אָקעאן אין דער מערב'דיגער ריכטונג. טאָסקאַנעלי האָט איבערהויפּט געהאַט אַ גרויסען איינפלוס אויף קאָלומבוסען. קאָלומבוס האָט זיך בעת זיין ערשטער רייזע באַנוצט מיט טאָסקאַנעלים ים־מאַפּע, די זעלבע מאַפּע, וועלכע דער געלערענטער מאַרטין בעהאַם האָט באַנוצט פאַר זיין גלאָבוס. מ'דערצעהלט, אַז קאָלומבוס האָט באַקומען פון טאָסקאַנעלען אַ בריף, אין וועלכען ער שלאָגט איהם פאָר צו זוכען דעם נייעם וועג קיין אינדיע אין דער מערב'דיגער ריכטונג.

קריסטאָפער קאָלומבוס איז געבוירען געוואָרען אין יאָהר 1451 ביי אַן אָרימען וועבער אין דער שטאָדט גענואַ. ער האָט אַ געוויסע צייט געלערענט אין דער שול, וואָס די אָרטיגע צעכען האָבען אויסגעהאַלטען. שפּעטער האָט ער זיך געלערענט די מלאכה פון זיין פאָטער, די וועבעריי. ביז דעם צוויי און צוואַנציגסטען יאָהר פון זיין לעבען איז ער געווען אַ וועבער. שפּעטער האָט ער געמאַכט עטליכע קליינע רייזעס איבער'ן ים. אין יאָהר 1479 איז ער אָנגעקומען קיין פּאָרטוגאל, וואו ער האָט חתונה געהאַט.

עס איז געווען גראַדע די צייט, ווען די פּאָרטוגעזער האָבען ביי די ברעגען פון מערב אפריקע אַנטדעקט נייע לענדער. קאָלומבוס איז געווען זיכער, אַז אין דער מערב'דיגער ריכטונג אין אַטלאַנטישען אָקעאַן מוזען זיך געפינען פיל נייע לענדער. ער האָט זיך מיט זיינע פּלענער געווענדעט צום פּאָרטוגעזישען קעניג. דעם פּאָרטוגעזישען קעניג זיינען די פּלענער געפעהלען געוואָרען, און ער האָט אין געהיים אַוועקגעשיקט אַ שיף אויפזוכען די אינזלען, וואָס זיינען געווען באַצייכענט אויף קאלומבוסעס פלענער. דער קעניג האָט דעם גרויסען געווינס געוואָלט האָבען פאַר זיך אַליין. די שיף אָבער האָט זיך צוריקגעקעהרט מיט גאָרנישט. קאלומבוס האָט זיך דערוואוסט, אַז דער קעניג האָט איהם געוואָלט באַשווינדלען, ער איז אין כעס געוואָרען און האָט באַלד פאַרלאָזען פּאָרטוגאַל. מיט זיין קליינעם זון, דיעגאָ — די פרוי זיינע איז יונגערהייט געשטאָרבען — איז ער אַוועק קיין פּאָלאָס, אין אַנדאלוזיע. קאלומבוס האָט געהאָפּט, אַז די שפּאַנישע קעניגליכע פּאָאָר, וועלכע איז געווען דעמאָלט צוקריגט מיט'ן פּאָרטוגעזישען קעניג, וועט אונטערשטיצען זיינע פּלענער.

אין יאָהר 1483 האָט קאלומבוס געמאַכט אַ קורצע רייזע צום אַפריקאַנישען מערב'דיגען

ברעג. אין שפּאַניע האָט ער זיך פאַרבונדען מיט אַ יונגער אָרימער שפּאַנישער מיידעל, וועלכע האָט איהם געבוירען אַ זוהן, פערנאַנדאָ.

קאָלומבוס האָט פלייסיג גענומען זוכען מאַטעריאַל וועגען די אינזלען אין דער מערב'דיגער ריכטונג פון אַטלאַנטישען אָקעאַן. אַ מאַן מיט'ן נאָמען לאָטסע הועלפאַ האָט איהם דערצעהלט פון די אַנטילער אינזלען.

אין זונטאָג'דיגען נומער פון דער ניו-יאָרקער „טיימס", פון דריטען מאַי, 1925, האָט דער מאַרקיז דע דאָספּוענטעס באַקאַנט געמאַכט, אַז ער האָט אָנגעשריבען אַ בוך וועגען דער אַנטדעקונג פון אַמעריקע. אין דעם בוך באַמיהט זיך דער אויבענדערמאָנטער מאַרקיז צו באַווייזען, אַז דער ריכטיגער אַנטדעקער פון דער נייער וועלט איז ניט קאָלומבוס, נאָר לאָטסע הועלפאַ.

יעדענפאַלס האָט קאָלומבוס פון דעמאָלט אָן באַהויפּטעט, אַז ער איז איבערציוגט אין דער עקזיסטענץ פון דעם נייעם לאַנד, דעם גרויסען אינזעל אין מערב'דיגען טייל פון אַטלאַנטישען אָקעאַן. ער איז אין דעם געווען אַזוי זיכער, שרייבט זיין פריינד לאַס קאַזאַס, ווי ער וואָלט שוין דאָרטען געוועזן.

ענדליך האָט קאָלומבוס נאָך לאַנגע מאַטערנישען גענומען זיך אויספיהרען זיינע פּלענער. אין יאָהר 1492 האָט ער באַקומען די נויטיגע שיפען. די שטאָדט פּאַלאָס האָט געמוזט צושטעלען צוויי שיפען. עס איז אָבער געווען שווער צו קריגען מאַטראָזען פאַר די שיפען. אפילו קרימינעלע פאַרברעכער האָבען בעסער געוואָלט פאַרבלייבען אין געפענגעניש איידער צו לאָזען זיך אויף דער געפעהרליכער רייזע. ערשט מיט דער הילף פון די צוויי ברידער פּינזאָן, אָנגעזעהענע סוחרים פון פּאַלאָס, איז איהם געלונגען צו באַקומען די נויטיגע צאָהל מאַטראָזען. די פּינזאָנס אַליין האָבען אויך אַנטייל גענומען אין דער רייזע. פון די דאָקומענטען, וואָס זיינען פאַרבליבען ביז צו היינטיגען טאָג וועגען קאָלומבוסעס ערשטע רייזע איז דאָך ניט קלאָר די ראָליע, וואָס דער שפּאַנישער קעניג פערדינאַנד און זיין פרוי איזאַבעלא האָבען געשפּילט אין דער אויסשטאַטונג פון דער ערשטער עקספּעדיציע, אין די דאָקומענטען ווערט מיט קיין איין וואָרט ניט דערמאָנט, אַז קאָלומבוס האָט געוואָלט אויסגעפינען דעם נייעם וועג קיין אינדיע. קאָלומבוס האָט בלויז פאָרגעשלאָגען צו אָרגאַניזירען די עקספּעדיציע, כדי צו געפינען אַ נייע לאַנד אין אַטלאַנטישען אָקעאַן, און האָט דערמיט געמיינט אַ באַשטימטען אינזעל.

קאָלומבוס האָט באַקומען דעם טיטול פון אַדמיראַל. די פלעג-שיף, אויף וועלכער ער אַליין איז געפאָהרען האָט געהייסען „סאַנטאַ מאַריאַ", דאָס איז געווען די גרעסטע שיף, די אַנדערע צוויי שיפען: „פּינטא" און „נינא" זיינען געווען אַלטע קליינע שיפען. די צאָהל פון די מאַטראָזען איז גענוי ניט באַקאַנט. יעדענפאַלס איז די צאָל געווען פון אַכציג ביז הונדערט און צוואַנציג פּערזאָן. די הוצאות פון דער עקספּעדיציע האָבען באַטראָפען אַן ערך פיר טויזענד דאָלאַר, לויט זייער איצטיגען ווערט אַן ערך פון פופציג טויזענט דאָלאַר.

דעם דריטען אויגוסט האָבען זיך די שיפען געלאָזען אין וועג. ווען אין אָנפאַנג אָקטאָבער, די צייט וואָס קאָלומבוס אַליין האָט באַשטימט, איז די געוואונשטע לאַנד נאָך ניט דערגרייכט געוואָרען, האָבען די מאַטראָזען גענומען בונטעווען. דער קאַפּיטאַן אַלאָנזאָ פּינזאָן, וואָס איז געפאָהרען אויף דער „פּינטא", האָט פאָרגעשלאָגען קאָלומבוסען, אַז ער זאָל ענדערען די ריכטונג, אַנשטאָט צו מערב, זאָלען די שיפען זיך ווענדען צו דרום-מערב. אַזוי אַרום, האָט פּינזאָן געזאָגט, וועלען מיר דערגרייכען דעם אינזעל ציפּאַנגו. פריהער האָט קאָלומבוס בשום אופן ניט געוואָלט ענדערען די ריכטונג, ערשט שפּעטער, ווען קאָלומבוס האָט דערזעהן, אַז די לאַגע ווערט אַלץ ערגער, די שטימונג פון די מאַטראָזען ווערט אַלץ אויפגערעגטער, האָט ער זיך אונטערגעגעבען, און האָט זיך געלאָזט אין דרום-מערב'דיגער ריכטונג. דאָס איז געשעהן דעם זיבעטען אָקטאָבער.

אין 5 טעג אַרום האָט מען דערזעהן פון די שיפען יבשה: דאָס איז געווען דער אינזעל גוואַנאַהאַני. מ'קאָן גענוי ניט פעסטשטעלען, וואָס פאַר אַ אינזעל פון דער באַהאַמאַ גרופּע איז עס. דער באַקאַנטער דייטש-אַמעריקאַנער שריפטשטעלער און מאַלער, גראָנאו, מיינט, אַז דאָס איז דער וואַטלינג אינזעל.

קאָלומבוס איז געווען זיכער, אַז ער דערנעהנטערט זיך צו אינדיע, און דעריבער האָט ער דעם אינזעל אַ נאָמען געגעבען וועסט-אינדיע.

ווען די עקספּעדיציע האָט דעם 28טען אָקטאָבער דערגרייכט קובאַ, האָט קאָלומבוס גע-

מיינט, אז דאס איז שוין דער אזיאטישער קאנטינענט, שפעטער האט ער געמיינט אז דאס זיינען די אנטיליער אינזלען. און דעריבער טאקע האט מען די גרופע וועסט אינדישע אינזלען אנגערופען מיט'ן נאמען די גרויסע און קליינע אנטיליער אינזלען.

דעם 6טען דעצעמבער האט מען דערגרייכט האאיטי. קאלומבוס און פינזאן זיינען געוועזן זיכער, אז דאס איז דער אינזעל ציפאנגו. ביי די ברעגען פון האאיטי איז די פלאג שיף „סאנטא מאריא" צוזאמענגעבראכען, פינזאן האט, ביז זאגענדיג קיין ווארט קאלומבוסען, געלאזט זיך אליין ווייטער פאהרען. ער האט א פנים געוואלט „צופאהרען" קיין בראזיליע, דער ריזיגער דרומדיגער לאנד, פון וועלכער ער האט א סך געהערט. שפעטער אבער האט ער זיך צוריקגעקעהרט און איז פארבליבען אויף דער „נינא" צוזאמען מיט קאלומבוסען.

דעם 16טען יאנואר 1493 האט זיך קאלומבוס געלאזט צוריק. דעם 4טען מערץ איז ער אנגעקומען קיין ליסאבאן און פון דארטען קיין בארצעלאנא, וואו ס'האט זיך דעמאלט אויפגעהאלטען דער שפאנישער קעניגליכער הויף. קאלומבוס האט פארזיכערט, אז ער האט געזוכט און געפונען דעם נייעם וועג קיין אינדיע. מיט דער מיינונג איז ער געבליבען ביז זיין טויט אין יאהר 1506.

עס איז דעמאלט פארשפרייט געווען א בריף, אין וועלכען קאלומבוס שילדערט זיין ערשטע רייזע. ער זאל, הייסט, געווען געשריבען וועגען 15טען פעברואר 1493, בעת ער האט זיך אויפגעהאלטען לעבען די קאנארער אינזלען. דער שפאנישער אריגינאל פון בריף איז פארפאלען געווארען, דער בריף איז איבערגעזעצט געווארען אין לאטייניש פון לעאנדרא די קאזגא און איז פארשפרייט געווען אין פיל לענדער. אן אומבאקאנטער דייטשער איבערזעצער פון אולם האט דיזען בריף אפגעדרוקט אין שטראסבורג אין יאהר 1497.

א סך איינצעלהייטען וועגען קאלומבוסעס ערשטער רייזע דערוויסען מיר זיך פון די דאקומענטען, וואס זיינען פארבליבען ביי זיינע זיהן און קרובים. דער שיף־„זשורנאל", וואס קאלומבוס האט געפיהרט בעת זיין רייזע, איז זעהר שלעכט רעדאגירט געווארען. דעם אריגינעלען טעקסט פון שיף זשורנאל האט געהאט לאס קאזאס, וועלכער האט איבערגעשריבען א גרויסען טייל פון שיף זשורנאל.

קאלומבוסעס זוהן, פערנאנדא האט אנגעשריבען די ביאגראפיע פון זיין פאטער. דער שפאנישער אריגינאל איז פארפאלען געווארען. קאלומבוסעס לעבענס באשרייבונג איז צום ערשטען מאל פארעפענטליכט געווארען אין דער איטאליענישער שפראך אין יאהר 1571, פינף און זעכציג יאהר נאך קאלומבוסעס טויט.

עס איז אבער איצט שוין פעסטגעשטעלט געווארען, אז דער גרעסטער טייל פון בוך באשטעהט פון געפעלשטע דאקומענטען. דאס זעלבע קאן מען אויך זאגען וועגען דער באריהמטער קארעספאנדענץ מיט'ן אסטראנאם טאסקאנעלי. די דאקומענטען האט געפעלשט בארטאלאמיי, קאלומבוסעס ברודער, כדי צו פארטיידיגען זיין ברודער געגען דער „אומגערעכטער פארלוימדונג". זיי האבען געדארפט באווייזען, אז דער אסטראנאם טאסקאנעלי, און ניט דער אומבאקאנטער לאטסע הועלפא, האט עס אויפגעמונטערט קאלומבוסען צו זוכען דעם נייעם וועג קיין אינדיע.

פערנאנדא האט די דאקומענטען געפונען צווישען זיין פאטערס פאפירען. קאלומבוס'עס פריינד, לאס קאזאס האט די דאקומענטען פארעפענטליכט. אזוי ארום האט זיך אין פארלויף פון יאהרהונדערטער פארשפרייט די אומריכטיגע פארשטעלונג וועגען קאלומבוסען און זיינע אנטדעקונגען.

קאלומבוס אליין האט ביז זיין טויט ניט געוואוסט, אז ער האט אנטדעקט א גרויסען קאנטינענט. דאס זעלבע איז אויך מיט די אנדערע רייזענדע פאר קאלומבוסען, וועלכע זיינען געווען אין אמעריקע און האבען ניט געוואוסט, אז זיי האבען אנטדעקט א נייע וועלט.

קאלומבוס איז איינער פון די מוטיגע פיאנירען, וועלכע האבען גרויסע פארדינסטען פאר דער מענשהייט. די טראדיציע אבער און די פאטריאטישע געשיכטע שרייבער האבען איהם אזוי אידעאליזירט, אז ער וועט נאך לאנג בלייבען שטעהן אויף זיין הויכען פעדעסטאל.

מיר וועלען נאך לאנג פייערען דעם 12טען אקטאבער, אלס דעם טאג, ווען קריסטאפער קאלומבוס האט „אנטדעקט" אמעריקע.

יעדע טראדיציע איז אן אייזערנע פעסטונג, וואס קאן ניט אזוי גרינג איינפאלען.

די פאַראייניגטע שטאַטען

די פאַראייניגטע שטאַטען זיינען א רעפובליק, וואס באשטעהט פון 48 שטאַ־טען און דעם דיסטריקט אָוו קאָלאָמביא (וואו די הויפט שטאָט, וואשינגטאָן, גע־פינט זיך). דאָס זיינען די אזוי־גערופענע „קאָנטינענטאל יונייטעד סטייטס".

חוץ דעם געהערען נאָך צו די פאַראייניגטע שטאַטען די טעריטאָריעס אלאַס־קא און האוואַאי־אינזלען, די פיליפינען, פּאָרטאָ ריקא, וואוירדזשין איילענדס, די אמעריקאנער סאַמאָא, גואם, וועיק, די מידוועי איילענדס אין פאַסיפישען אָקעאַן און דער פאנאמא קאנאל ראַיאָן.

דער שטח פון די אלע באזיצונגען און טעריטאָריעס איז 716,721 קוואדראַט מייל, און די באַפעלקערונג ווערט געשעצט ארום 12,148,875.

דער שטח פון די פאַראייניגטע שטאַטען איז, אין קוואדראד מייל: יבשה 3,026,789; צוזאמען — 3,743 ,510.

די באַפעלקערונג פון די פאַראייניגטע שטאַטען איז (לויט דעם צענזוס פון 1920): אין די שטאַטען — 105,710,620; צוזאמען — 117,859,495.

דער שטח און די באַפעלקערונג (אלגעמיינע און אידישע) פון די באַזונדערע שטאַטען, און די נעמען פון זייערע הויפטשטעדט

נאָמען פון שטאַט		שטח אין סקווער מייל	באַפעלקערונג לויט'ן צענזוס פון 1920	אידישע באַפעלקערונג	קעפּיטאל
אַלאַבאַמאַ	Alabama	51,998	2,348,174	11,086	מאָנטגאָמערי
אַריזאָנאַ	Arizona	113,956	334,162	1,013	פעניקס
אַרקענסאָ	Arkansas	53,335	1,752,204	5,012	ליטל ראָק
קאַליפאָרניא	California	158,297	3,426,861	63,652	סאַקראַמענטאָ
קאָלאָראַדאָ	Colorado	103,948	939,629	14,565	דענווער
קאָנעטיקוט	Connecticut	4,965	1,380,631	66,862	האַרטפאָרד
דעלאַווער	Delaware	2,390	223,003	3,805	דאָווער
וואַשינגטאָן, ד. ק.	Dist. of Columbia	70	437,571	4,900	וואַשינגטאָן
דזשאָרדזשיאַ	Georgia	59,265	2,895,832	22,414	אַטלאַנטאַ
פלאָרידאַ	Florida	58,666	968,470	6,451	טאלאהעסי
איידאהאָ	Idaho	83,888	431,866	1,078	בּאָיז
איליגאָי	Illinois	56,665	6,485,280	246,637	ספּרינגפילד
אינדיאַנאַ	Indiana	36,354	2,930,390	25,833	אינדיאַנאַפּאָליס
איִאָוואַ	Iowa	56,147	2,404,021	15,555	דעמאָין
קענזעס	Kansas	82,158	1,769,257	9,450	טאָפּיקאָ
קענטאָקי	Kentucky	40,598	2,416,630	13,362	פרענקפאָרט
לואיזיאַנאַ	Louisiana	48,506	1,798,509	12,723	בּייטאָן רוזש
מעין	Maine	33,040	768,014	7,387	אגוסטא

קעפּיטאל	אידישע באַפעלקערונג	אַלגעמיינע באַפעלקערונג אין 1920	שטח אין סקווער מייל		נאָמען פון שטאַט
אַנאַפּאָליס	63,642	1,449,661	12,327	Maryland	מעריילענד
באָסטאָן	189,671	3,852,356	8,266	Massachusetts	מעסעטשוזעטס
לענסינג	63,254	3,668,412	57,980	Michigan	מישיגען
סט. פּאול	31,462	2,387,125	84,682	Minnesota	מינעסאָטאַ
דזשעפערסאָן סיטי	80,807	3,404,055	69,420	Missouri	מיזורי
דזשעקסאָן	3,881	1,790,618	46,865	Mississippi	מיסיסיפּי
העלענאַ	2,518	548,899	146,997	Montana	מאָנטאַנאַ
לינקאָלן	13,547	1,296,370	77,520	Nebraska	נעבראַסקאַ
קארסאָן סיטי	503	77,407	110,690	Nevada	נעוואַדאַ
קאָנקאָרד	3,257	443,083	9,341	New Hampshire	ניו העמפּשיר
טרענטאָן	149,476	3,155,900	8,224	New Jersey	ניו דזשוירזי
סאַנטאַ־פעי	858	360,350	122,634	New Mexico	ניו מעקסיקאָ
אָלבעני	1,603,923	10,385,277	49,204	New York	ניו יאָרק
רעלעי	4,915	2,559,123	52,426	North Carolina	נאָרטה קאַראָליינא
ביסמארק	1,492	646,872	70,837	North Dakota	נאָרטה דאַקאָטאַ
קאָלאָמבוס	166,361	5,759,394	41,040	Ohio	אָהייאָ
אָקלאַהאָמאַ סיטי	5,186	2,028,283	70,057	Oklahoma	אָקלאַהאָמאַ
סיילעם	9,767	783,389	96,699	Oregon	אָרעגאָן
העריסבורג	322,406	8,720,017	45,126	Pennsylvania	פּענסילווייניאַ
פּראָווידענס	20,502	604,397	1,248	Rhode Island	רהאוד אוילענד
קאָלאָמביא	4,816	1,683,724	30,989	South Carolina	סאוטה קאַראָליינא
פּיערע	1,262	636,547	77,615	South Dakota	סאוטה דאַקאָטאַ
נעשוויל	14,034	2,337,885	42,022	Tennessee	טענעסי
יוסטאָן	35,889	4,663,228	265,896	Texas	טעקסעס
סאָלט לייק סיטי	3,737	449,396	84,990	Utah	יוטאַ
מאָנטפּעליע	2,221	352,428	9,564	Vermont	וואוירמאָנט
ריטשמאָנד	35,455	2,309,187	42,627	Virginia	ווירדזשיניא
אָלימפּיא	9,117	1,356,621	69,127	Washington	וואַשינגטאָן
טשאַרלסטאָן	5,127	1,463,701	24,170	West Virginia	וועסט־ווירדזשיניאַ
מעדיסאָן	28,531	2,632,067	56,066	Wisconsin	וויסקאָנסין
שייען	498	194,402	97,914	Wyoming	ווייאָמינג

אמעריקאנישע טעריטאָריעס

דזשונאַ	500	54,899	590,884	Alaska	אַלאַסקאַ
האָנאָלולו	150	255,912	6,499	Hawaii	האַוואַי־אינזלען

אמעריקאנישע דעפּענדענסים

מאַנילא	500	10,350,730	114,400	Philippine Is.	פיליפּינישע אינזלען
סאַן זשואַן	200	1,299,809	3,453	Porto Rico	פּאָרטאָ ריקאָ
שאַרלאָט אַמאַליע		26,051	132	Virgin Islands	וואוירדזשין אינזלען
פּאַגאַ פּאַגא		8,324	57.9	Amer. Samoa	אַמעריקאַנישע סאַמאָאַ
אַגאַנזאַ		14,246	210	Guama	גואַם
					מידוועי אינזלען

די באַפעלקערונג פון די גרויסע אמעריקאנער שטעדט לויט דעם צענזוס פון 1925

אָלבאַני, נ. י.	117,820
אַטלאַנטאַ, דזש.	227,710
באַלטימאָר, מד.	796,296
בוירמינגהעם, אלא.	205,670
באָסטאָן ,מאַס.	781,529
באָפאַלאָ, נ. י.	538,016
קעמרבידזש, מאַס.	120,053
קעמדען, נ. דזש.	128,642
קענטאָן, אָ.	106,260
שיקאַגאָ, איל.	2,995,239
סינסינעטי, אָ.	409,333
קליוולאַנד, אָ.	936,485
קאָלומבוס, אָ.	279,836
דאלאַס, טעק.	194,450
דייטאָן, אָ.	172,942
דענווער, קאָל.	289,911
דעטרויט, מיש.	1,242,044
דולוט, מינ.	110,502
על פאַזאָ, טעק.	104,929
עליזאַבעט, נ. דזש.	103,947
אירי, פא.	112,571
פאָל ריווער, מאַס.	129,662
פלינט, מיש.	130,316
פאָרט וואָרט, טעק.	154,847
גרענד רעפידס, מיש.	153,698
האַרטפאָרד, קאָנ.	160,197
האַוסטאָן, טעק.	164,954
אינדיאַנאַפאָליס, אינד.	358,819
דזשעקסאָנוויל, פלאָ.	95,206
דזשוירזי סיטי, נ. דזש.	315,280
קענזעס סיטי, מאָ.	367,481
לאָס אַנדזשעלעס, קאַל.	1,222,500
לואיזוויל, קענטאָקי	259,259
לאָועל, מאַס.	110,542
לין, מאַס.	103,147
מעמפיס, טענ.	174,533
מילוואָקי, וויס.	509,192
מינעאַפאָליס, מינ.	425,435
נעשוויל, טענ.	136,220
ניו בעדפאָרד, מאַס.	120,494
ניו הייווען, קאָנ.	178,927
ניו אָרלינס, לואיזיאַנאַ	414,493
נואַרק, נ. דזש.	452,513
נאָרפאָלק, ווירדזשיניאַ	164,105
אָקלאַנד, קאַל.	253,700
אָקלאַהאָמאַ סיטי, אָקל.	104,080
אָמאַהאָ, נעב.	211,768
פעטערסאָן, נ. דזש.	141,695
פילאַדעלפיא, פא.	1,979,364
פיטסבורג, פא.	631,563
פאָרטלאַנד, אָרעגאַן	282,383
פראָווידענס, ר. א.	287,918
רעדינג, פאַ.	112,707
ריטשמאָנד, ווירדזשיניאַ	186,403
ראָטשעסטער, נ. י.	316,786
סט. לואיס, מיז.	821,543
סט. פאול, מינ.	246,401
סאלט לייק סיטי, יוטא	130,948
סאַן אַנטאָניאַ, טעק.	198.069
סאַן דיעגאָ, קאַל.	106,047
סאַן פראַנציסקאָ, קאַל.	557,530
סקענעקטעדי, נ. י.	92,786
סקרענטאָן, פאַ.	142,266
סאָמערוויל, מאַס.	99,206
ספאָקיין, וואַש.	108,897
ספרינגפילד, מאַס.	142,324
סיראַקיוז, נ. י.	182,003
טאַקאָמאַ, וואַש.	104,455
טאָלידאָ, אָ.	287,380
טרענטאָן, נ. דזש.	132,020
טולסאַ, אָקל.	124,478
יוטיקאַ, נ. י.	101,604
וואַשינגטאָן, ד. ק.	497,906
ווילמינגטאָן, דעל.	122,049
וואוסטער, מאַס.	192,242
יאָנקערס, נ. י.	113,647
יאָנגסטאָן, אָ.	159,970

פיר שטעדט אין די פאַראייניגטע שטאַטען האָבען אַ באַפעלקערונג פון איבער אַ מיליאָן: ניו יאָרק, שיקאַגאָ, פילאַדעלפיא, דעטראָיט.

עס זיינען פאַראַן אין לאַנד 12 שטעדט מיט אַ באַפעלקערונג פון איבער אַ האַלבען מיליאָן, 21 שטעדט מיט איבער 300,000, און 31 שטעדט מיט איבער 200,000 אַיינוואוינער.

ווייטקייט צווישען אמעריקאנער גרויסע שטעדט

די טאבעלע צייגט וויפיל מייל עס איז צווישען די שטעדט, וועלכע זיינען דא אויסגערעכענט.

פון / ביז	ניו יארק	שיקאגא	פילאדעלפיא	סיינט לואיס	באסטאן	באלטימאר	קלעוולאנד	סאן פראנציסקא	פיטסבורג	סינסינעטי
אלבאני	145	832	236	1028	202	333	480	3106	567	724
אטלאנטא	876	733	785	611	1106	688	736	2805	805	492
באלטימאר	188	802	97	934	418	—	474	3076	334	593
באסטאן	217	1034	321	1230	—	418	682	3308	674	926
באפאלא	442	525	416	731	499	398	183	2799	270	427
שיקאגא	912	—	821	284	1034	802	357	2274	468	298
סינסינעטי	757	298	666	341	926	593	244	2572	313	—
קליוולאנד	584	357	493	548	682	474	—	2631	135	244
קאלאמבוס	637	314	546	428	820	511	138	2588	193	116
דענווער	1934	1022	1843	916	2056	1850	1379	1371	1490	1257
דיטראיט	693	272	669	488	750	649	173	2546	321	263
גאלוועסטאן	1792	1144	1691	860	2012	1594	1408	2157	1481	1157
גרענד רעפידס, מיש.	821	178	815	462	878	796	332	2452	462	308
אינדיאנאפאליס	825	183	734	240	965	704	283	2457	381	111
דזשעקסאנוויל, פלא.	983	1097	892	975	1213	795	1085	3098	1057	841
קענזעס סיטי	1342	458	1251	277	1466	1211	755	1981	898	618
לאס אנדזשעלאס	3149	2265	3058	2084	3273	3018	2562	475	2705	2425
לואיזוויל	871	304	780	274	1040	703	358	2468	427	114
מילוואקי	997	85	906	369	1119	778	442	2359	553	383
מיניאפאליס	1332	420	1241	586	1454	1222	777	2096	888	718
אמאהא	1405	493	1314	413	1527	1295	1750	1781	961	791
נוארק, נ. דזש.	9	903	82	1056	226	179	575	3177	435	748
ניו הייווען, קאנ.	76	980	167	1141	140	264	628	3254	520	833
ניו ארליאנס	1372	912	1281	699	1602	1184	1073	2482	1142	829
ניו יארק	—	912	91	1065	217	183	584	3186	444	757
פילאדעלפיא	91	821	—	974	321	97	493	3095	353	666
פיטסבורג	444	468	353	621	674	334	135	2742	—	313
פארטלאנד, מעין	332	1149	436	1345	115	533	797	3423	789	1041
פארטלאנד, ארעגאן	3204	2292	3113	2212	3326	3094	2649	772	2760	2590
פראווידענס	190	1034	281	1230	45	378	682	3308	634	926
ריטשמאנד, ווא.	343	879	252	918	573	155	553	3153	417	581
ראטשעסטער, נ. י.	373	603	361	799	430	354	251	2877	338	495
סיינט לואיס	1065	284	974	—	1230	934	548	2194	621	341
סיינט פאול	1322	410	1231	576	1444	1212	767	2086	878	708
סאן אנטאניא	1943	1240	1852	920	2150	1755	1468	1911	1541	1217
סאן פראנציסקא	3186	2274	3095	2194	3308	3076	2631	—	2742	2572
סיאטעל	3151	2239	3060	2332	3273	2941	2596	957	2707	2537
ספרינגפיעלד, מאס.	139	935	230	1131	99	327	583	3209	583	827
וואשינגטאן	228	790	137	894	458	40	437	3064	302	553

די פרעזידענטען פון די פאראייניגטע שטאטען

דער נאמען פון יעדען פרעזידענט, ווען ער איז געבוירען, ווען ער איז ערוועהלט געווארען, ווי לאנג ער איז געווען אין אמט, וויפיל יאהר ער האט געלעבט און ווען ער איז געשטארבען.

די צאהל	נאמען	געבוירען			אינויגורירט אין אמט	געווען פרעזידענט			געלעבט יאהרען	געשטארבען		
		טאג	מאנאט	יאהר		טאג	מאנאט	יאהר		טאג	מאנאט	יאהר
1	דזשארדזש וואשינגטאן	22	פעב.	1732	1789	4	10	7	67	14	דעצ.	1799
2	דזשאן עדעמס	30	אקט.	1735	1797	—	—	4	90	4	יולי	1826
3	טהאמאס דזשעפערסאן	13	אפר.	1743	1801	—	—	8	83	4	יולי	1826
4	דזשיימס מעדיסאן	16	מאר.	1751	1809	—	—	8	85	28	יוני	1836
5	דזשיימס מאנראו	28	אפר.	1758	1817	—	—	8	73	4	יולי	1831
6	דזשאהן קווינסי עדעמס	11	יולי	1767	1825	—	—	4	80	23	פעב.	1848
7	ענדריו דזשעקסאן	15	מאר.	1767	1829	—	—	8	78	8	יוני	1845
8	מארטין וואן ביורען	5	דעצ.	1782	1873	—	—	4	79	24	יולי	1862
9	וויליאם ה. העריסאן	9	פעב.	1773	1841	—	1	—	68	4	אפר.	1841
10	דזשאהן טיילאר	29	מאר.	1790	1841	—	11	3	71	17	יאנ.	1862
11	דזשיימס נאקס פאלק	2	נאוו.	1785	1845	—	4	—	53	15	יוני	1849
12	זאכארי טעילאר	24	נאוו.	1784	1849	5	4	1	65	9	יולי	1850
13	מיללארד פילמאר	7	יאנ.	1800	1850	26	7	2	74	8	מאר.	1874
14	פריינקלין פיערס	23	נאוו.	1804	1853	—	—	4	64	8	אקט.	1869
15	דזשיימס בוקהענען	23	אפר.	1791	1857	—	—	4	77	1	יוני	1868
16	אייברעהעם לינקאלן	12	פעב.	1809	1861	11	1	4	56	15	אפר.	1865
17	ענדריו דזשאנסאן	29	דעצ.	1898	1865	19	10	3	66	31	יולי	1875
18	יוליסעס סימפסאן גרענט	27	אפר.	1822	1869	—	—	8	63	23	יולי	1885
19	רוטערפארד ב. העיס	4	אקט.	1822	1877	—	—	4	70	17	יאנ.	1893
20	דזשיימס א. גארפיעלד	19	נאוו.	1831	1881	15	6	—	49	19	סעפ.	1881
21	טשעסטער אלען ארטהור	5	אקט.	1830	1881	15	5	3	56	18	נאוו.	1886
22	גראווער קליוולאנד	18	מאר.	1837	1885	—	—	4	71	24	יוני	1908
23	בענדזשאמין העריסאן	20	אויג.	1833	1889	—	—	4	67	13	מאר.	1901
24	גראווער קליוולאנד	18	מאר.	1837	1893	—	—	4	71	24	יוני	1908
25	וויליאם מעקינלי	29	יאנ.	1843	1897	10	6	4	58	14	סעפ.	1901
26	טהעאדאר רוזוועלט	27	אקט.	1858	1901	18	5	7	61	6	יאנ.	1919
27	וויליאם האווארד טעפט	15	סעפ.	1857	1989	—	—	4	—	—	—	——
28	וואודראו ווילסאן	28	דעצ.	1856	1913	—	—	8	—	3	פעב.	1924
29	ווארען ג. הארדינג	2	נאוו.	1865	1921	29	4	2	58	2	אויג.	1923
30	קאלווין קולידזש	4	דעצ.	1865	1923	—	—	—	—	—	—	——

די פּרעזידענט וואַהלען אין די פאַראייניגטע שטאַטען

דער פּרעזידענט פון די פאַראייניגטע שטאַטען ווערט אויסגעקליבען אַלע פיר יאָהר.

צוזאַמען מיט דעם פּרעזידענט ווערט אויך אויסגעקליבען דער וויצע־פּרעזידענט, אָבער ער האָט אַזוי ווייניג צו טאָן מיט דער רעגירונג, אַז זיינע וואַהלען האָט מען ווייניג אין זינען. דער וויצע־פּרעזידענט איז דער פאָרזיצער פון דעם סענאַט. ער ווערט אויסגעקליבען נאָר כדי מען זאָל האָבען גרייט אַן אַנדער באַאַמטען, אין פאַל דער פּרעזידענט שטאַרבט, אָדער ווערט אומפעהיג צו דערפילען זיינע פליכטען.

דער פּרעזידענט און דער וויצע־פּרעזידענט ווערען ניט ערוועהלט פון די וועהלער דירעקט. זיי ווערען ערוועהלט פון אַ ספּעציעלער קערפּערשאַפט פון מענשען, וועלכע מען רופט „פּרעזידענט עלעקטאָראַל קאַלעדזש”, און יעדער שטאַט איז באַרעכטיגט צו אַזאַ צאָהל עלעקטאָרס, וואָס איז גלייך צו דער צאָהל קאָנגרעסלייט און סענאַטאָרען, וואָס ער האָט אין וואַשינגטאָן.

אַזוי, למשל, אויב אַ שטאַט האָט צעהן מיטגלידער אין רעפּרעזענטאַנטען הויז און צוויי סענאַטאָרען (דאָס איז די צאָהל סענאַטאָרען, וואָס יעדער שטאַט האָט), וועט דער באַטרעפענדער שטאַט האָבען צוועלף פּרעזידענט עלעקטאָרס.

אין יעדען שטאַט ווערען די פּרעזידענט־עלעקטאָרס ערוועהלט פון די וועהלער אויף אַן אַלגעמיינעם טיקעט. יעדע איינע פון די פּאָליטישע פּאַרטייען אין יעדען שטאַט קליבט אויס אַ פולשטענדיגע ליסט פון עלעקטאָרס פאַר יענעם שטאַט, און די שטים אָפּגעבער, שטימענדיג דעם פּאַרטיי טיקעט, זיינען איינפאַך די גוטהייסער פון דער גאַנצער ליסט, וואָס איז צוגעגרייט געוואָרען.

אין דעם טאָג פון די פּרעזידענט וואַהלען (דינסטאָג נאָך דעם ערשטען מאָנטאָג אין נאָוועמבער אַלע פיר יאָהר, 1924, 1928, און אַז. וו.) ווערט נאָך דער פּרעזידענט ניט געוועהלט. דער וועהלער שטימט נאָך ניט פאַר פּרעזידענט און וויצע־פּרעזידענט, כאָטש זייערע נעמען שטעהען אויפ׳ן באַלאָט אונטער׳ן עמבלעם פון דער פּאַרטיי. ער וועהלט נאָר אויס צווישען די קאַנדידאַטען פאַר פּרעזידענט עלעקטאָרס, וועמענס נעמען די באַטרעפענדע פּאַרטייען האָבען אַרויפגעשטעלט אויף דעם באַלאָט.

די פּאַרטיי, וואָס באַקומט די גרעסטע צאָהל שטימען, געווינט אַלע עלעקטאָרס, ווייל געוועהנליך שטימט דער וואוטער פאַר אַלע עלעקטאָר קאַנדידאַטען, וואָס זיין פּאַרטיי האָט אַרויסגעשטעלט.

די עלעקטאָרס פון יעדען שטאַט פאַרזאַמלען זיך נאָכדעם אין דעם סטייט קעפּיטאָל דעם צווייטען מאָנטאָג אין יאַנואַר נאָך די נאָוועמבער וואַהלען, און זיי וואַרפען אַריין זייערע באַלאָטס פאַר פּרעזידענט און וויצע־פּרעזידענט, וואָס זייער פּאַרטיי האָט נאָמינירט.

די קאָפּיעס פון די באַלאָטס, וואָס די עלעקטאָרס האָבען אויף אַזאַ אופן אַריינגעוואָרפען, ווערען דעמאָלט אָפּגעשיקט צום פאָרזיצער פון דעם סענאַט פון די פאַראייניגטע שטאַטען.

דעם צווייטען מיטוואָך אין פעברואַר דאַרף דער פּרעזידענט פון סענאַט אין דער אנוועזענהייט פון די רעפּרעזענטאַנטען אין אַ געמיינשאַפטליכער זיצונג עפענען די באַלאָטס, וועלכע ווערען דעמאָלט איבערגעצהלט.

די צוויי קאַנדידאַטען פאַר פּרעזידענט און וויצע־פּרעזידענט, וואָס האָבען באַקומען אַ מאַיאָריטעט שטימען, ווערען ערקלערט ערוועהלט. זייער אינאָגוראַציע קומט פאָר דעם 4טען מערץ.

אין פאַל קיין קאַנדידאַט באַקומט ניט קיין מאַיאָריטעט פון די עלעקטאָר שטימען, וואָס זיינען אָפּגעגעבען געוואָרען פאַר פּרעזידענט, מוז דאָס רעפּרעזענטאַנטען הויז מיט אַ מאַיאָריטעט שטימען אויסקלייבען אַ פּרעזידענט צווישען די דריי קאַנדידאַטען, וואָס שטעהען העכער אין די וואַהלען. און אין פאַל פון אַזעלכע וואַהלען אין רעפּרעזענטאַנטען הויז, האָבען די רעפּרעזענטאַנטען פון יעדען שטאַט נאָר איין שטים.

דאָס מיינט, אַז אונטער אַזעלכע אומשטענדען ווערט דער פּרעזידענט ערוועהלט פון אַ רעפּרעזענטאַנטען הויז, וואָס איז אויסגעקליבען געוואָרען מיט צוויי יאָהר צוריק.

אין דעם פאַל, ווען קיין קאַנדידאַט פאַר וויצע־פּרעזידענט באַקומט ניט קיין מאַיאָריטעט, ווערט ער ערוועהלט אין דעם סענאַט,

צווישען די צוויי העכסטע אויף דער ליסט, און יעדער סענאַטאָר האָט דערביי איין שטים.

עס זיינען געווען צוויי פאַלען פון אַזעלכע וואַהלען פאַר פרעזידענט: אין 1800, ווען עס האָט ניט געקענט אַנטשיידען ווערען צווישען דזשעפערסאָן און ווער, און אין 1842, ווען עלעקטאָר שטימען זיינען אָפּגעגעבען געוואָרען פאַר פיר קאַנדידאַטען, און דאָס הויז האָט אויסגעקליבען דזשאָן קוי. עדעמס.

דער פרעזידענט מוז זיין ניט ווענינער פון 35 יאָהר אַלט, מוז זיין אַ הי־געבאָרענער בירגער פון לאַנד און האָבען געוואוינט אין די פאַראייניגטע שטאַטען ווענינסטענס די לעצטע פערצעהן יאָהר.

דער טערמין פון דעם פרעזידענט'ס אַמט איז פיר יאָהר, און ער קאָן ווידער ערוועהלט ווערען וויפיל מאָל מען וויל, כאָטש דער מנהג איז, ניט צו האַלטען קיין פרעזידענט אין אַמט מעהר ווי צוויי טערמינען, ווענינסטענס ניט כסדר.

דעם פרעזידענט'ס געהאַלט איז 75,000 דאָלאַר אַ יאָהר, און חוץ דעם באַקומט ער נאָך דאָס עקזעקוטיוו הויז, אָדער ווי מען רופט עס „דאָס ווייסע הויז", און באַדייטענדיגע סומען אויף אַרומפאָהרען און אַנדערע הוצאות.

דעם וויצע־פרעזידענט'ס געהאַלט איז 12,000 דאָלאַר, און ער באַקומט ניט קיין פריי הויז.

געזעצליכע יום־טובים פון די פאַראייניגטע שטאַטען

יאַנואַר 1. ניי יאָהר. — ווערט געהאַלטען אין אַלע שטאַטען, טעריטאָריעס און קאָלאָניעס.

פעברואַר 12. לינקאָלנ'ס געבורטס־טאָג. — ווערט געהאַלטען אין די פאָלגענדע טיילען פון לאַנד: אַלאַסקאַ, קאַליפאָרניא, קאָלאָראַדאָ, דעלאַווער, אילינאָי, אינדיאַנאַ, לואיזיאַנאַ, קענזעס, קענטאָקי, מישיגען, מינעסאָטאַ, מיזורי, מאָנטאַנאַ, נעבראַסקאַ, נעוואַדאַ, ניו־דזשוירזי, ניו יאָרק, נאָרד דאַקאָטאַ, אָהיאָ, אָרעגאָן, פענסילווייניא, פאָרטאָ ריקא, סאַוטה דאַקאָטאַ, יוטאַה, וואַשינגטאָן, וועסט ווירדזשיניא, ווייאָמינג.

פעברואַר 22. וואַשינגטאָנ'ס געבורטס־טאָג. — ווערט געהאַלטען אין אַלע שטאַטען, טעריטאָריעס און קאָלאָניעס.

מאַי 30. דעקאָריישאָן דעי אָדער מעמאָריעל דעי. — (צום אָנדענק פון די געפאַלענע סאָלדאַטען פון בירגער־קריג און אויך פון די שפּעטערע מלחמות). ווערט געהאַלטען אין געפייערט אין אַלע שטאַטען, טעריטאָריעס און באַזיצונגען.

יולי 4. אומאָפּהענגיגקייט־טאָג. — ווערט אַלע שטאַטען, אַ חוץ די דאָזיגע זידליכע שטאַטען: אַלאַבאַמאַ, פלאָרידאַ, דזשאָרדזשיא, לואיזיאַנאַ, מיסיסיפּי, נאָרטה קאַראָליינאַ, סאַוטה קאַראָליינא, טענעסי און טעקסעס.

ערשטער מאָנטאָג אין סעפּטעמבער. לייבאָר דעי. — ווערט געהאַלטען אין אַלע טיילען פון לאַנד, אַ חוץ ווייאָמינג און די פיליפּינען־אינזלען.

אָקטאָבער 12. קאָלומבוס־טאָג. — ווערט געהאַלטען אומעטום, אַחוץ: אַלאַסקאַ, אַרקענסאַ, דיסטריקט אָוו קאָלאָמביא, פלאָרידאַ, דזשאָרדזשיא, האַוואַאי, לואיזיאַנאַ, מעין, מינעסאָטאַ, מיסיסיפּי, נאָטה קאַראָליינאַ, אָקלאַהאָמאַ, פיליפּינען, סאַוטה קאַראָליינאַ, סאַוטה דאַקאָטאַ, טענעסי, יוטאַה, ווירדזשיניא, וויסקאָנסין און ווייאָמינג. אין קענזעס איז עס אַ האַלבער יום טוב. די געריכטען זיינען אָפען.

ערשטער דינסטאָג נאָכ'ן ערשטען מאָנטאָג אין נאָוועמבער. וואַהל־טאָג. — עס איז אַ געזעצליכער רוה־טאָג אומעטום, אַ חוץ אַלאַסקאַ, דיסטריקט אָוו קאָלאָמביא (די שטאָדט וואַשינגטאָן), האַוואַאי, אילינאָי, מאַסאַטשוזעטס, מיסיסיפּי, אָהייאָ, פיליפּינען און ווערמאָנט. אין אילינאָי איז עס אַ געזעצליכער יום־טוב נאָר אין איינינע שטעדט. אין אָהייאָ איז עס אַ האַלבער יום־טוב. אין מעין זיינען נאָר די געריכטען געשלאָסען.

לעצטער דאָנערשטאָג אין נאָוועמבער. דאַנקזאָגונג־טאָג. — ווערט געהאַלטען אומעטום. אין יוטאַה איז עס ניט קיין אָפיציעלער געזעצליכער יום־טוב, ווערט אָבער געהאַלטען.

דעצעמבער 25. קריסטמעס. — ווערט געהאַלטען אומעטום.

באַזונדערע שטאַטען האָבען נאָך אייגענע

אַנדערע געזעצליכע ימים טובים.

יאַנואַר 8. יאַהרעספעסט פון דער שלאַכט אין ניו אָרלינס. — אין לואיזיאַנאַ.

יאַנואַר 19. ליע'ס געבורטסטאָג. — אין אַלאַבאַמאַ, אַרקענסאַ, פלאָרידאַ, דזשאָרדזשיאַ, מיסיסיפּי, נאָרטה קאַראָלינאַ, סאוטה קאַראָליינאַ, טענעסי און ווירדזשינאַא.

פעברואַר 14. אַדמישאָן דעי. — אין אַריזאָנאַ.

פעברואַר 28. מאַרדי גראַ. — אין אַלאַבאַמאַ, פלאָרידאַ, לואיזיאַנאַ.

מערץ 2. סעם האָוסטאָן מעמאָריאַל דעי.— אין טעקסעס.

מערץ 22. עמענסיפּיישאָן דעי. — אין פּאָרטאָ ריקאָ.

מערץ 25. מערילענד דעי. — אין מערילענד.

מערץ 30. סיוערד דעי. — אין אַלאַסקאַ.

אַפּריל 12. טהאָמאַס דזשעפערסאָנ'ס געבורטס־טאָג. — אין אַלאַבאַמאַ.

אַפּריל 14. גוד פריידעי. — אין קאָנעקטיקוט, דעלאַווער, פלאָרידאַ, לואיזיאַנאַ, מערילענד, מינעסאָטאַ, ניו דזשוירזי, פענסילווייניא, פיליפינען, פּאָרטאָ ריקאָ און טענעסי.

אַפּריל 19. פּייטריאָט'ס דעי. — אין מעין און מאַסאַטשוזעטס.

אַפּריל 21. יאָהרעספעסט פון דער שלאַכט אין סאַן זשאַקינטאָ. — אין טעקסעס.

אַפּריל 26. מעמאָריאַל דעי. — אין אַלאַבאַמאַ, פלאָרידאַ, דזשאָרדזשיא און מיסיסיפּי.

אַפּריל 27. פעסט דעי. — אין ניו העמפּשיר.

מאַי 1. לייבאָר דעי. — אויף די פיליפינען־אינזלען.

מאַי 10. קאָנפעדערייט מעמאָריאַל דעי.— אין נאָרטה קאַראָליינאַ און סאוטה קאַראָליינאַ.

מאַי 20. יאָהרעספעסט פון דעם אונטערשרייבען פון די מעקלענבורג דעקלערעישאָן אָוו אינדעפּענדענס. — אין נאָרטה קאַראָליינאַ

יוני 3. דזשעפערסאָן דייווי'ס געבורטס־טאָג. — אין אַלאַבאַמאַ, אַרקענסאַ, פלאָרידאַ, דזשאָרדזשיא, מיסיסיפּי, סאוטה קאַראָליינאַ, טענעסי און טעקסעס.

יוני 3. קאָנפעדערייט מעמאָריאַל דעי. — אין לואיזיאַנאַ און טענעסי.

יוני 11. קאַמעהאַמעהא דעי. — אין האַוואַי.

יוני 15. פּיאָניר דעי. — אין אַדאַהאָ.

יוני 17. באַנקער היל דעי. — אין באָסטאָן (ניט קיין געזעצליכער יום טוב, אָבער אַלע באַנקען זיינען געשלאָסען).

יולי 12. מיונאָז ריווערא דעי. — אין פּאָרטאָ ריקאָ.

יולי 24. פּיאָניר דעי. — אין יוטאַה.

יולי 25. אָקיופּיישאָן דעי. — אין פּאָרטאָ ריקאָ.

אויגוסט 1. קאָלאָראַדאָ דעי. — אין קאָלאָראַדאָ.

אויגוסט 13. אָקיופּיישאָן דעי. — אויף די פיליפינען־אינזלען.

אויגוסט 16. בענינגטאָן באַטל דעי. — אין ווערמאָנט.

סעפּטעמבער 9. אַדמישאָן דעי. — אין קאַליפאָרניע.

סעפּטעמבער 12. דיפענדערס דעי. — אין מערילענד.

דריטער שבת אין סעפּטעמבער. ריגאַטאַ דעי. — אין האַוואַי.

צווייטער דאָנערשטאָג אין אָקטאָבער. פּראָטאָוירנאַל דעי. — אין אַלאַבאַמאַ.

אָקטאָבער 18. אַלאַסקאַ דעי. — אין אַלאַסקאַ.

אָקטאָבער 31. אַדמישאָן דעי. — אין נעוואַדאַ.

נאָוועמבער 1. אָל סיינט'ס דעי. — אין לואיזיאַנאַ.

נאָוועמבער 11. וויקטאָרי דעי. — אין אַלאַבאַמאַ, קאַליפאָרניא, קאָלאָראַדאָ, פלאָרידאַ, האַוואַי, נאָרטה קאַראָליינאַ און טענעסי.

דעצעמבער 30. רייזעל דעי. — אין פיליפּין אַיילאַנדס.

ווען אַ יום טוב פאַלט אויס אום זונטאָג, ווערט דער נעקסטער טאָג געפייערט.

דער עקאנאמישער צושטאנד פון די פאראייניגטע שטאטען

פון מ. איוועגסקי

דער יאהר 1925 איז געווען א יאהר פון אויסערגעוועהנליכער פראספעריטי אין די פאראייניגטע שטאטען פון אמעריקא. אמעריקא האט געמאכט פארטשריט אויף יעדען געביט. די ציפערען, וואס מען קען ארויסנעמען פון טרוקענער סטאטיסטיק, דעקען אויף א געוואלדיגען בילד פון הצלחה אין יעדען היגזיכט. איינער האט אבער אמאל געזאגט, אז עס איז אמת, אז ציפערען קענען קיין ליגען ניט זאגען; די צרה איז אבער, וואס די ליגנער אליין מאכען די ציפערען. אז מען זאל באטראכטען די סטאטיסטישע צאהלען, וואס יעדער דעפארטמענט פון אונזער פעדעראלער רעגירונג האט פארעפענטליכט פאר'ן יאהר 1925, קען זיך אויסדוכטען, אז אמעריקא איז אן אמת'ער גן־עדן פאר אלעמען. אין אמעריקא איז טאקע אויך אמת דא א גרויסע צאהל גליקלאכע מענשען, אבער עס איז דא אויך א פארקערטע זייט פון דעם מעדאל. אמעריקא און רוסלאנד זיינען די צוויי רייכסטע לענדער אויף דער וועלט. רוסלאנד האט פאטענציעלע נאטירלאכע רייכטימער, וואס ווערען ניט אנטוויקעלט צוליב די פאליטישע באדינגונגען פון לאנד — פריהער צוליב דעם צאריסטישען רעזשים און איצט צוליב דעם באלשעוויסטישען. אין אמעריקא זיינען די רייכטימער יע אנט־וויקעלט. די נאציאנאלע רייכטימער פון אמעריקא זיינען אומגעהויערע. דער ארבײ־טער קריגט אויך צוגעווארפען ברעקלאך פון די גרויסע רייכטימער. אין אמעריקא לעבען טאקע די ארבייטער פיל בעסער ווי אין אנדערע לענדער, אבער דער אונ־טערשייד צווישען רייכען קלאס און דעם ארימען ווערט אלץ טיפער און טיפער. דער אונטערשייד צווישען קאפיטאליסטען און ארבייטער איז אפשר נאך טיפער ווי אין די אייראפעאישע לענדער.

לויט די אפשאצונגען פון דעם נאציאנאלען ביורא פון עקאנאמישע אונטערזו־כונגען, איז ביים ענדע פון יאהר 1925 די באפעלקערונג פון די פאראייניגטע שטאטען פון צפון אמעריקא באשטאנען פון קרוב צו 115 מיליאן מענשען.

דער נאַציאָנאַלער רייכטום פון אַמעריקאַ, לויט דעם צענזוס פון די יאָהרען

	1922	1912	פּראָצ. פאַרגרעסערט אין צעהן יאָהר.	פּראָצענט פאַרקלענערט
גרויסער סך הכל — — — — —	$320,803,862,000	$186,229,664,000	72.2	—
ריעל עסטייט, וואָס ווערט באַלאַסטעט מיט שטייערן —	155,908,625,000	96,923,406,000	60.9	—
ריעל עסטייט פריי פון שטייערן	20,505,819,000	12,313,520,000	66.5	—
שאָף, רינדער און פערד — —	5,807,104,000	6,238,389,000	6.9	—
פאַרם געציַיג און מאַשינען —	2,604,638,000	1,368,225,000	90.4	—
פעקטאָרי מאַשינען און געציַיג	15,783,260,000	6,091,451,000	159.1	—
אַייזענבאַהנען, וואַגאָנען א. ז. וו.	19,950,800,000	16,148,532,000	23.5	—
אויטאָמאָבילס און טראָקס —	4,567,407,000	———	——	—
שטראַסען אַייזענבאַנען פון באַזונדערע גרויסע שטעדט ——	15,414,447,000	10,265,207,000	50.2	—
	245,542,100,000	149,348,730,000	——	—
גאַסען־אַייזענבאַהנען און זייערע מכשירים — — — —	4,877,596,000	4,596,563,000	6.1	—
טעלעגראַפען — — — — — —	203,896,000	223,253,000	——	1.8
טעלעפאָנען — — — — — — —	1,745,774,000	1,081,433,000	61.4	—
פולמאַן קאַרס, וואָס געהערען ניט צו די אַייזענבאַהנען —	545,415,000	123,363,000	——	—
פּייפּס ליניעס — — — — — —	500,000,000	———	——	—
קאַנאַלען — — — — — — —	2,951,484,000	1,491,117,000	——	—
באַוואַסערונג פון וויסטע לענדער	———	360,885,000	——	—
פאַבריקען געטריבען ביי וואַסער	360,885,000	290,000,000	24.4	—
צענטראַלע עלעקטריק סטיישאָנס	429,357,000	290,000,000	——	—
אַנדערע זאַכען — — — — —	80,281,762,000	36,950,934,000	117.2	—
סחורות — — — — — — — —	36,367,566,000	21,576,046,000		—
גאָלד און זילבער (פאַר געלט)	4,278,155,000	2,616,643,000	63.5	—
פערזענליכע צירונג א. ז. וו. —	39,816,001,000	12,758,225,000	212.1	—

דער נאַציאָנאַלער איינקונפט פאַר'ן יאָהר איז געווען אַרום 70 ביליאָן דאָלאַר. גראַנדיעזע ציפערען, מיט וועלכע אַמעריקא וואָלט זיך זיכער געקענט איבערנעמען. די פראַגע איז, ווי דער איינקונפט ווערט פאַרטיילט.

וואָס אַנבאַטרעפט די פינאַנציעלע לאַגע פון אַמעריקא, איז אַמעריקא איצט אין אַ גלענצענדען צושטאַנד. די אינקאַם טעקסעס, פון וועלכע אַ העלפט פון אַלע רעגירונגס הכנסות קומען, זיינען שוין אַ פּאָר מאָל פאַרקלענערט געוואָרען, און לויט דעם געזעץ־פּראָיעקט, איבער וועלכען דער קאָנגרעס האַנדעלט איצט, וועלען זיי נאָך מעהר פאַרקלענערט ווערען. אין דער צייט, וואָס אַלע אייראָפּעאישע לענדער

שמאַכטען אונטער די שווערע לאַסטען פון טעקסעס, קען זיך אַמעריקא פאַרגינען אַלץ ווייטער צו שניידען די טעקסעס. טראָץ דעם, וואָס די טעקסעס ווערען קלענער, האָט נאָך אַלץ די רעגירונג אַ גאַנץ גוטען סוירפּלוס, דאָס הייסט, אַן איבערפלוס פון הכנסות איבער הוצאות. אַז מען מאַכט אַלע נויטיגע הוצאות, שטעלט זיך נאָך אַלץ אָפּ אין דער קאַסע פון דער רעגירונג אַ גאַנץ נישקשה'דיגע סומע. שוין נאָך דעם, ווי די טעקסעס וועלען ווידער געשניטען ווערען, איז דאָ אַן אויסזיכט, אַז פאַר דעם יאָהר 1926—27 וועט זיין אַ סוירפּלוס פון 330 מיליאָן דאָלאַר. ווידער, איז דער נאַציאָ־נאַלער חוב באַדייטענד פאַרקלענערט געוואָרען. אין יאָהר 1919 איז דער נאַציאָנאַלער חוב געווען איבער 26 טויזענט מיליאָן, און איצט איז ער קלענער אויף גאַנצע זעקס ביליאָן (זעקס טויזענט מיליאָן). די פינאַנציעלע לאַגע פון אַמעריקא איז אָהן צווייפעל אין אַ גלענצענדען צושטאַנד. עס באַווייזט אָבער בלויז, אַז די אַמעריקאַנער נאַציאָ־נאַלע רייכטימער זיינען געוואַלדיג גרויס. קולידזש באַריהמט זיך אפילו, אַז צוליב שפּאָרזאַמקייט זיינען דערגרייכט געוואָרען די גלענצענדע רעזולטאַטען. אַז מען זאָל אָבער גענוי באַטראַכטען דעם גאַנצען בודזשעט, קען מען לייכט זעהן, אַז געשפּאָרט זיינען געוואָרען גאַנץ קליינע סומען, וואָס מאַכען אויס אַ לעכערליכען טייל פון די ריזיגע הוצאות, וואָס אָנקעל סעם גיט אויס.

לויט די אָפיציעלע ציפערען, ווערט דער בודזשעט צוזאַמענגעשטעלט אויף דעם פאָלגענדען אופן. יעדע הונדערט דאָלאַר, וואָס אָנקעל סעם קאָלעקטירט, קומט פון פאָלגענדע קוועלען:

די איינאַהמען און אויסגאַבען פון דער רעגירונג

הכנסה:

אינקאָם טעקסעס	49.16 $
פאַרשיידענע אינערליכע הכנסות	22.85
טאַריף אָפּצאָהלונגען	14.43
שטראָפען	.84
פאַרשיידענע רעגירונגס אינוועסטמענטס	1.62
פאַרשיידענעס	3.99
אינטערעסטס	4.95
פאַרשיידענע פאָנדס	2.16
טאָטאַל	$100.00

די הכנסות ווערען אויסגעגעבען אויף פאָלגענדען אופן: פון יעדע הונדערט דאָלאַר, וואָס די רעגירונג ספּענדט, געהט אוועק אויף:

הוצאה:

מיליטער און נייווי	16.32 $
פענסיעס פאַר סאָלדאַטען, וואָס זיינען געווען אין מלחמות	16.55
פּראָצענטען אויף די נאַציאָנאַלע חובות	22.75
רעגירונגס הוצאות	3.35
פאַרקלענערונג פון נאַציאָנאַלען חוב	14.76
אָפּצאָהלונגען פאַר איבערגענומענע געלט	4.91
סובסידיע צו קאָמערציעלע שיפען	1.88
פאַרשיידענעס	19.48
טאָטאַל	$100.00

מען זעהט קלאָר פון די הוצאות־טאַבעלען, אַז די מייסטע הוצאות געהען אוועק פאַר זאַכען, וואָס האָבען אַ שייכות מיט פריהערדיגע און צוקונפטיגע מלחמות. ווייל סיי די פּראָצענטען, וואָס מען צאָהלט אויפ׳ן נאַציאָנאַלען חוב, און סיי דער קרן, וואָס מען צאָהלט צוריק, האָבען מייסטענס צו טאָן מיט די גרויסע הלואות, וואָס די רעגירונג האָט געמאַכט צו פינאַנסירען די גרויסע וועלט־מלחמה. דאָס געלט פאַר פּענסיעס און פאַר אויפהאַלטען די נייווי, האָט דאָך געוויס אַ דירעקטען שייכות מיט מלחמה. עס איז אויסגערעכענט געוואָרען, אַז גאַנצע 80 פּראָצענט פון די רעגירונגס־הוצאות געהט אוועק אויף צוועקען, וואָס האָבען צו טאָן מיט מיליטערישע ענינים. אויף קולטורעלע צוועקען געהט אוועק גאַנץ ווייניג. אויף צו פאַרזיכערען ארבייטער און פאַרזאָרגען זיי אויף דער עלטער, ווי אויף אַנדערע צוועקען, וואָס הויבען אויף דעם צושטאַנד פון פאָלק, אויף דעם איז ניטאָ קיין געלט. אמת טאַקע, אַז אויסער די פּעדעראַלע בודזשעטען האָט יעדער סטייט אַ באַזונדער בודזשעט. נאָר סאַי די איינ־צעלנע סטייטס און סאַי די פּעדעראַלע רעגירונג קימערען זיך ניט וועגען די ארבייטער.

אין זיין יעהרליכען באַריכט זאָגט דער סעקרעטערי אָף די טרעזשורי מעלאָן אָט וואָס וועגען דעם עקאָנאָמישען לעבען פון יאָהר 1925:

„דער פאָריגער יאָהר איז געווען אַ יאָהר פון אמת׳ער פּראָספּעריטי פאַר אַלע קלאַסען. די פּראָפיטען פון קאָרפּאָריישאָנס זיינען געווען העכער, ווי יעדען יאָהר אין דעם פּעריאָד זייט 1919. באַשעפטיגונג איז געווען גוט, פּרייזען — פעסט, און מסחר איז געווען אויף אַ הויכער שטופע, ווי מען קען זעהן פון דעם פאַקט, וואָס די אַלע וואַגאָנען פון די אייזענבאַנען זיינען געווען געלאַדען מיט סחורות און באַנקען האָבען געטאָן גרויסע געשעפטען. באַזונדערס זיינען געווען אויף אַ הויכער שטופע די אינדוסטריעס פון אויטאָמאָבילס און די קאָנסטרוקציע פון נייע געביידעס. אונזער אויסלענדישער האַנדעל האָט זיך פאַרמערט אין פאַרגלייך מיט פריהערדיגע יאָהרען״.

אין אַלגעמיין דריקט מעלאָן אויס אַ ריכטיגען בליק אויף דער לאַגע. די ציפערען פון סטאַטיסטיק באַשטעטיגען זיינע ווערטער. די פראַגע איז נאָר, ווי דאַרפען די ציפערען פאַרטייטשט ווערען.

עס זיינען געווען פּעסימיסטען, וואָס האָבען מורא געהאַט, אַז אַמעריקאַ וועט פאַרלירען איהר עקספּאָרט טרייד צוליב דער קאָנקורענץ פון אייראָפּעאישע לענדער. די פאָלגענדע פאַרגלייכונגס טאַבעלע באַווייזט, אַז די פּעסימיסטען זיינען ניט געווען גערעכט. אַמעריקאַנער עקספּאָרט פאַרגרעסערט זיך פון יאָהר צו יאָהר.

עקספּאָרט און אימפּאָרט

(די ציפערן זיינען גענומען געוואָרען פון די אָפיציעלע מאָנאַטליכע באַריכטען ביז אָקטאָבער)

	1925	1924	1923
עקספּאָרטירטע סחורות	$3,503,167,000	$3,124,451,000	$2,540,145,000
אימפּאָרטירטע סחורות	3,079,555,000	2,669,871,000	2,904,137,000
עקספּאָרט גרעסער ווי אימפּאָרט	423,612,000	454,620,000	36,008,000
עקספּאָרטירט גאָלד	204,273,000	11,159,000	25,878,000
אימפּאָרטירט גאָלד	59,860,000	269,883,000	220,522,000
עקספּאָרט גרעסער	144,413,000		
אימפּאָרט גרעסער		258,724,000	194,644,000
טאַריף צאָהלונגען איינגעמאָנט	423,194,000	415,203,000	443,540,000
פרייע סחורות אימפּאָרטירט לויט פּראָצענטען	61.07	55.17	55

פון דיזער פארגלייכונגס טאבעלע איז צו זעהן, אז אין די יאהרען 1924 און 1925 האט דער עקספארט פון סחורות איבערשטיגען דעם אימפארט אויף 4 הונדערט און 50 מיליאן דאלאר, אין דער צייט, וואס אין יאהר 1923 האט דער איבערפלוס באטראפען בלויז 36 מיליאן דאלאר מיט עפעס. פון דער טאבעלע זעהט מען אויך, אז אמעריקא האט פאר די יאהרען 1924 און 1925 אריינגעקראגען פיל מעהר גאלד, ווי זי האט ארויסגעפירט. אבער אין יאהר 1925 האט אמעריקא ארויסגעפירט מעהר גאלד פאר אזא ריזיגער סומע, ווי 144,413,000 דאלאר. דאס קומט ניט דערפון, נאטירליך, וואס דער האנדעלס באלאנס איז ניט גינסטיג פאר אמעריקא. עס איז גראדע פארקערט, נאר אמעריקא איז געווארען דער מלוה פאר דער וועלט. געלט ווערט דעריבער ארויסגעפיהרט מעהר ווי אריינגעפיהרט. אויך זוכט אמעריקא מיט אלע מעגליכקייטען צו סטאביליזירען די אייראפעאישע געלדער. פאר דעם צוועק צו סטאביליזירען דעם ענגלישען פונט, האט די פעדעראל רעזורווו באנק, צוזאמען מיט מארגאנ'ס הויז, געעפענט קרעדיטען אויף דער סומע פון דריי הונדערט מיליאן דאלאר.

עס איז דא א מיינונג, אז אמעריקא פארלירט איהר עקספארט אין פאבריצירטע ארטיקלען, צוליב דער קאנקורענץ פון ענגלאנד און דייטשלאנד. פאלגענדע טאבעלע צייגט, ווי אויבערפלעכליך דיזע מיינונג איז.

אריינגעפיהרטע און ארויסגעפיהרטע סחורות פאר די יאהרען 1924 און 1925

	אימפארט 1925	אימפארט 1924	עקספארט 1925	עקספארט 1924
דער גרויסער סך הכל	$3,579,555,000	$2,669,871,000	$3,503,167,000	$3,124,491,000
בהמות און זייערע פראדוקטען — —	291,548,000	227,269,000	345,308,000	349,966,000
תבואות — — — — —	713,502,000	736,770,000	434,528,000	350,256,000
פארשיידענע תבואות און פרוכטען —	383,673,000	237,646,000	179,230,000	193,463,000
טעקסטיל ארטיקלען —	779,127,000	627,941,000	800,693,000	669,055,000
האלץ און פאפיר —	269,168,000	246,542,000	146,309,000	145,876,000
פאבריצירטע ארטיקלען	193,675,000	134,667,000	476,624,000	460,773,000
מעטאל און אייזען —	237,279,000	217,354,000	362,250,000	328,253,000
מאשינען — — — — —	13,028,000	12,423,000	530,484,000	413,815,000
כעמישע פראדוקטען—	110,337,000	90,197,000	91,897,000	83,817,000
פארשיידענעס — —	88,218,000	88,747,000	69,668,000	66,121,000

די צאהלען רעדען פאר זיך אליין. אין מאשינען און פאבריצירטע ארטיקלען עקספארטירט אמעריקא פיל מעהר ווי זי אימפארטירט. אפילו אין כעמישע פראדוקטען, וואס ביז דער מלחמה האט דייטשלאנד געהאט כמעט די מאנאפאל אויף דעם, גלייכט זיך אויך כמעט אויס דער עקספארט און דער אימפארט פון אמעריקא.

נאך א בילד פון דעם אינדוסטריעלען לעבען פון לאנד קען מען זעהן פון דער פאלגענדער פארגלייכונגס טאבעלע, וואס איז פארעפענטליכט געווארען אין קאמערס

רעפּאָרט. אויב מיר וועלען אָננעמען דעם אינדעקס פון 1919 אַלס הונדערט (100), קען מען זעהן, ווי די אינדוסטריע איז געוואקסען פאַר די לעצטע דריי יאָהר.

	1925 פּראָצ.	1924 פּראָצ.	1923 פּראָצ.
פאַבריקאַציע — — — — —	118	128	115
מינעראַלע פּראָדוקטען — —	120	122	117
פראַכט — — — — — — —	110	110	109
עלעקטרישע קראַפט — — — —	158	148	136
בילדינג קאָנסטרוקציע —	111	108	107
באַשעפטיגונג — — — — —	82	81	77
דעפּאַרטמענט סטאָר לייזונג	126	125	118
מייל אָרדער הייזער — —	110	100	91

פון דער טאַבעלע קען מען זעהן, ווי עס איז געוואקסען די פּראָספּעריטי אין לאַנד. אָבער צו דער זעלבער צייט האָט זיך פאַרגרעסערט די ארבייטסלאָזיגקייט גראַדע אין די אומגעוועהנליכע לעצטע דריי הצלחה יאָהרען.

די ווידזשעס פון ארבייטער האָבען לויט דעם באריכט פון קאָמערס דעפּאַרטמענט זיך פאַרבעסערט אי אין נאָמינעלע ווידזשעס, אי אין אמת'ע ווידזשעס, דאָס הייסט, די צאָהל פּראָדוקטען, וואָס מען קען קריגען פאַר די ווידזשעס. דיזע צאָהלען זיינען אָבער ניט ריכטיג. דער דעפּאַרטמענט, לויט דער מיינונג פון דער ליבעראַלער „ניו יאָרק וואָירלד", האָט בלויז אונטערזוכט 7 הונדערט טויזענט קוואַליפיצירטע ארבייטער און לאָזט אויס די אַנדערע ארבייטער, וועמעס אמת'ער לוין האָט זיך גאָר פאַרקלענערט. און אויך האָט היינטיגס יאָהר געהערשט אין פילע סטייטס גאָר גרעסערע ארבייטס-לאָזיגקייט ווי פריהער. אין ניו יאָרק סטייט האָט זיך די באַשעפטיגונג פאַרקלענערט אויף 18 פּראָצענט אין פאַרגלייך מיט'ן יאָהר 1920. אין מאַסאַטשוזעטס — אויף גאַנצע 22 פּראָצענט. אַזאַ ציימונג ווי די „ניו יאָרק וואָירלד" וועט, נאַטירליך, ניט מאָהלען די לאַגע ערגער ווי זי איז.

לויט די טאַבעלע פון דעפּאַרטמענט אָף קאָמערס, באַקומען מיר פאָלגענדען בילד, נעמענדיג אַלס אינדעקס פון 100 דעם יאָהר 1913, סיי אין ענגלאַנד און סיי אין אַמעריקא.

ווידזשעס און קאָסטען פון לעבענסמיטעל

ענגלאַנד: יאָהר	ענגלאַנד: ווידזשעס פּראָצענט	ענגלאַנד: פּרייזן פּראָצענט	פאַראייניגטע שטאַטען: יאָהר	פאַראייניגטע שטאַטען: ווידזשעס פּראָצענט	פאַראייניגטע שטאַטען: פּרייזן פּראָצענט
1920	230	283	1920	199	226
1921	181	260	1921	205	147
1922	159	200	1922	193	149
1923	162	170	1923	211	154
1924	174	170	1924	228	150

לויט דיזער פארגלייכונגס טאבעלע קומט אויס, אז אין דער צייט וואס אין ענגלאנד האבען די ווירדזשעס ניט געקענט אניאגען די הויכע פרייזען, זיינען אין אמעריקא געוואקסען אי ווידזשעס, אי עס ווערט אלץ ביליגער לעבענסמיטעל. אין פארגלייך מיט'ן יאהר 1920 האט זיך ווידזשעס פארגרעסערט אויף דעם אינדעקס 114 און לעבענסמיטעל זיינען ביליגער געווארען ביז דעם אינדעקס 66. ס'וואלט געווען נישקשה, ווען אנשטאט נאר אויף די קוואליפיצירטע וואלט זיך דאס באצויגען אויף אלע ארבייטער און אנשטאט האלסייל פרייזען, וואלטען אנגעגעבען געווארען ריטייל פרייזען. אפילו נאך די ציפערען, וואס הואווער האט צוזאמענגעשטעלט, איז נאך אויך ניט אזוי פרעהלאך מיט די ארבייטער. פון די אומגעהויערע פראספעריטי קריגט דער ארבייטער צוגעווארפען ברעקלאך, אין דער צייט וואס די פראפיטען פון די קארפארייזשאנס וואקסען אומגעהויער.

ווי עס לעבט א פאמיליע מיט 3 קינדער פון פארדינסטען פון

נויטיגע לעבענסמיטלען.	$1000	פר.	$2262	פר.	$5000	פר.	$10000	פר.	$50000	פר.
שפייז	$450	45	$774	34.21	$1000	20	$1200	12	$3500	7
קליידער פאר דער גאנצער פאמיליע	140	14	514	22.72	650	13	1200	12	3400	6 8
רענט פאר וואוינונג	240	24	300	13.26	1100	22	1800	18	10000	20
אויפהאלטען וואוינונג	65	6.5	335	14.83	600	12	980	9.08	2400	4.8
געזונטהייטס פלעגע	10	1.0	80	3.54	100	2	250	2.05	1200	2.4
פארשיידענעס	80	8.0	97	4.29	100	2	125	1.25	200	.04
סך הכל	985	98.5	2100	92.85	3550	71	5555	55.55	20700	41.04

קאמפארט.

לעבענס און פייער פארזיכערונג	—	—	111	4.91	115	2.03	160	1.6	525	1.05
פארשייד. אמיוזמענטס	15	1.5	28	1.23	138	2.76	315	3.15	1500	3
קלאבס און טשאריטי	—	—	—	—	—	—	360	3.6	1340	2.68
בילדונג	—	—	—	—	55	1.01	200	2	400	0.80
שפארען	—	—	—	—	100	2	300	3	5000	10
וואקיישאן	—	—	—	—	100	2	100	1	950	1.9
פארשיידענעס	—	—	23	1.01	95	1.09	400	4	8500	17
סך הכל	15	1 5	162	7.15	603	12.06	1835	18.35	18215	36.43

לוקסוס.

אויטאמאבילס	—	—	—	—	110	2.02	200	8	3500	7
באדינונג	—	—	—	—	600	12	2300	23	5400	10.8
אנדערע לוקסוס	—	—	—	—	137	2.74	110	1.10	2185	4.37
סך הכל	—	—	—	—	847	16.94	2610	26.10	11085	21.17
גרויסער סך הכל	1000	100	2262	100	5000	100	10000	100	50000	100

די ביוראָ פון לייבאָר סטאַטיסטיק האָט אויסגעפונען, אַז די ווײדזשעס פון מײנערס פון ווייכע קוילען זיינען געווען פון 110 ביז 180 דאָלאַר א מאָנאַט; אין דער געהילץ אינדוסטריע איז שוין געווען פון 675 ביז 956 דאָלאַר א יאָהר. די פּאָסט אָפיס קלוירקס האָבען באַקומען אַ דורכשניטליכען געהאַלט פון 1,554 דאָלאַר אַ יאָהר. איצט האָבען זיי קוים מיט צרות געהעכערט זייערע סאַלאַרים אויף אַ פּאָר הונדערט דאָלאַר. 1,830,000 אַייזענבאַן אָנגעשטעלטע האָבען באַקומען פון $3.24 ביז $7.43 אַ טאָג אין יאָהר 1923. פון דיזע אַייזענבאַנען אָנגעשטעלטע באַקומען 608,198 ווענינגער ווי 4 דאָלאַר אַ טאָג און אַרום 4 הונדערט טויזענט באַקומען אין גאַנצען 900 דאָלאַר יעהרליך.

אפילו, אַז מיר זאָלען אָננעמען, אַז די ווײדזשעס פון אַלע ארבייטער האָבען זיך פאַרגרעסערט אויף 14 פּראָצענט, ווי הואווער וויל האָבען, איז נאָך אויך ניטאָ וואָס צו מקנא זיין דעם ארבייטער׳ס לאַגע.

די טאַבעלע, וועלכע מיר גיבען אויף זייט 248 איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרען אין דעם דעפּאַרטמענט אָף לייבאָר, און זי איז ציטירט אין דעם נייעם בוך „סאָשיאַל פּראָגרעס״, אויסגאַבע פון „אַרביטרייטאָר״, זייט 7. די ציפערען האָב איך קלאַסיפיצירט אין די אָפּטיילונגען און אויך האָב איך באַרעכענט די פּראָצענטען, וויפיל יעדער גיט אויס פון זיינע פאַרדינסטען.

דיזע טאַבעלע לערענט אונז זעהר פיל. ניט נאָר זעהען מיר, אַז מיט טויזענט דאָלאַר אַ יאָהר קאָן קיין אַרבייטער ביי איצטיגע באַדינגונגען קיין לעבען ניט מאַכען, מיר זעהען אויך, אַז אפילו מיט 2262 דאָלאַר קומט אַן אַרבייטער קוים דורך. מיר זעהען ווידער, אַז אפילו אויף נויטיגע זאַכען, ווי רענט, שפּייז און קליידונג און נאָך אַזוינע נויטווענדיגקייטען, קען מען אויסגעבען פיל מעהר ווי אַן אַרבייטער פאַמיליע גיט אויס. מיט פינף טויזנט דאָלאַר אַ יאָהר קען מען זיך שוין פאַרגינען אַ ביסעל קאָמפּאָרט און אויך לוקסוס, אָבער קיין סך געלט בלייבט ניט אויף צו שפּאָרען. היינט אַז דער דעפּאַרטמענט אָף לייבאָר רעכענט אַ דורכשניטליכען געהאַלט פאַר אַן אַרבייטער פאַר דעם יאָהר 1924 — 13 הונדערט דאָלאַר, און פאַר אַ פאַרם אַרבייטער פאַר׳ן זעלבען יאָהר — 563 דאָלאַר אָהן עסען מיט קוואַרטיר, קען מען זיך פאָרשטעלען, ווי עס לעבען אין דער רייכער אַמעריקא פילע אַרבייטער. ס׳זיינען, אמת, דאָ אייניגע טריידס, אין וועלכע אַן אַרבייטער מאַכט אַן אַנשטענדיגען לעבען, אָבער דערפאַר איז דאָ אַרבייטער, מיט וועמעס ווײדזשעס מען קען קיין וואַסער אויף קאַשע ניט האָבען. עס זיינען דאָ מיידלאַך און באָיעס, וועמעס ווײדזשעס זיינען ווענינגער ווי 16 דאָלאַר אַ וואָך און זיי לעבען אין גרויסע שטעדט. די גליקלאַכע אַמעריקא איז פאַר פילע אַרבייטער ווייט־ווייט ניט קיין גן־עדן, ווי אַנדערע ווילען דאָס פאָרשטעלען.

מיט יאָהרען צוריק, ווען אין אַמעריקא האָבען געבלאָזען ליבעראַלע ווינטען, האָט זיך אַ קאָמיסיע אָפּגעגעבען אויסצוגעפינען די אורזאַכען פון אומצופרידענהייט אין אַמעריקא. די קאָמיסיע איז געקומען צום באַשלוס, אַז אַלע רייכטימער, וואָס אַמעריקא פאַרמאָגט, זיינען צוטיילט אויף פאָלגענדען אופן:

2 פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג פאַרמאָגט 60 פּראָצענט רייכטימער.
33 פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג פאַרמאָגט 35 פּראָצענט רייכטימער.
65 פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג פאַרמאָגט 5 פּראָצענט רייכטימער.

די ציפערען זיינען געוועז געוואלדיגע. זיי האבען אויפגעטרייסעלט אמעריקא. איצט איז די לאגע ניט פיל אנדערש. מען וויל אבער איינריידען דער וועלט, אז אמעריקא איז א גליקלאך לאנד פאר אלעמען. די צרה איז, וואס פילע גלויבען אין דעם. עס איז דא אין אמעריקא אן ארבייטער אריסטאקראטיע, און עס זיינען אויך פאראן גוט באצאהלטע טריידס. אין פילע טריידס קען אבער א פאמיליע ניט אויסקומען, סיידען די ווייב אדער די קינדער ארבייטען. עס ארבייטען אין גרויסע צאהלען ניט־דערוואקסענע קינדער. אין דער פרייער אמעריקא איז דורכגעפאלען דער אמענדמענט, וואס האט געזאלט פארווערען קינדער־ארבייט.

אין דער צייט אבער וואס די לאגע פון די ארבייטער און אויך פון פארמער איז געבליבען די זעלבע, ווי אין פריהערדיגע יאהרען, אנטוויקעלט זיך דא דער קאפיטאליזם אויף אזא שטופע, פון וועלכע קיינער האט ניט גע'חלומ'ט. צו זיין א מיליאנער איז שוין גאר ניט אזא גרויסער אויפטו. עס זיינען דא ביליאנערען. טראסטס אנטוויקלען זיך אויף אן אומגעהויער ריזיגען מאסשטאב. דער פארמעגען פון טראסטס ווערט אלץ גרעסער און גרעסער.

דער נעטער אינקאם פון די אייזענבאנען פאר'ן יאהר 1924 איז געוועזן — 987,133,650 דאלאר. די סטענדארד אויל קאמפאני איז, דוכט זיך, אויפגעלעזט געווארען, אבער דער ווערט פון די שערס פון דעם צופאלענעם טראסט איז געוועזן 35 מאל מעהר, ווי אין יאהר 1911. די פראפיטען פון דעם שטאל טראסט האבען זיך, א דאנק דעם רבונו של עולם, פארגרעסערט פון 143 מיליאן דאלאר אין יאהר 1914 ביז 532 מיליאן דאלאר אין יאהר 1919. איצט זיינען די פראפיטען ניט קלענער. די ארבייטער פון דעם שטאל טראסט האבען ביז ניט לאנג געארבייט 12 שטונדען א טאג. זיי האבען געארבייט אונטער די שרעקליכסטע באדינגונגען, וואס האט אויפגערודערט אפילו ארגאניזאציעס פון פרומע גלחים.

די פראפיטען, וואס די גרויסע קארפאריישאנס מאכען, מאכען זיי ניט אפילו אויף דעם אינוועסטעטען קאפיטאל; זיי לאזען ארוים וואסערדיגע סטאק, וואס איז געבויט אויף ווינט, און ווילען האבען פראפיטען אויך אויף דעם געבלאפטען סטאק. דער טראנספארטיישאן אקט פון יאהר 1920 מאכט מעגליך פאר אייזענבאנען צו רעכענען אויף פראכט און אויף פאסאזשירען לויט א געוויסען פראפיט פון דעם אינ־וועסטעטען קאפיטאל. אז דער ווערט פון די אייזענבאנען איז א געבלאפטער, האט באוויזען דער פארשטארבענער סענאטאר לאפאלעט, אן עקספערט אין אייזענבאן פראגען. די אמעריקאנער קאמיסיעס רעכענען זיך אבער ניט מיט די אינטערעסען פון דער באפעלקערונג. די בעלי־בתים פון אמעריקא זיינען איצט די גרויסע קאפיטאליסטען.

ווי ווייט דער קאפיטאל פון טראסטס וואקסט, קען מען זעהן פון די פאלגענדע פאקטען: ארמאר און קאמפאני האבען זיך געגרינדעט אין יאהר 1864 מיט א קאפיטאל פון 160 טויזענט דאלאר. איצט באטרעפט זייער נעט קאפיטאל ביז 200 מיליאן דאלאר. די אלומינום קאמפאני פון אמעריקא, פון וועלכער אונזער פינאנס מיניסטער מעלאן איז א שותף, האט זיך געגרינדעט אין יאהר 1882 מיט א קאפיטאל פון 20 טויזענט דאלאר. מען האט נאך געמאכט קליינע אינוועסטמענטס; איצט אבער באטרעפט דער נעט קאפיטאל פון דער קאמפאני 110 מיליאן דאלאר. פאר קאפיטאל איז אמעריקא ווירקליך א גאלדענע לאנד. דיזע ביישפילען זיינען ווי א

טראָפּען אין אַן עמער וואַסער. גרעסערע רעזולטאַטען האָבען דערגרייכט פּאָרד, דער צוקער טראָסט און נאָך און נאָך.

ווי וויים קאַפּיטאַל איז קאָנצענטרירט אין אַמעריקא, קען מען זעהן פון די פאָלגענדע פאַקטען, וואָס עס ברענגט אַלעקסאַנדער פון נייִשאָנאַל אינדאָסטריאַל באָארד אין „קאָרענט היסטאָרי‟, סעפּטעמבער, 1925. ער מאַכט דאָרטען אַ פאַרגלייך צווישען דער קאָנצענטרירונג פון קאַפּיטאַל אין יאָהר 1904 און 1919:

אין 1904 איז די צאָהל פאַבריקען געווען 216,180; 70.6 פּראָצענט קאָרפּאָ-רייִשאָנס האָבען באַשעפטיגט 5,468,383 ארבייטער. אין 1919 איז די צאָהל פאַב-ריקען געווען 290,105; 86.5 פּראָצענט קאָרפּאָרייִשאָנס האָבען באַשעפטיגט — 9,096,372 אַרבייטער.

אין יאָהר 1919 האָבען 31.5 פּראָצענט פון אַלע קאָרפּאָרייִשאָנס באַשעפטיגט 86.5 פּראָצענט אַרבייטער. די זעלבע האָבען קאָנטראָלירט 87.7 פּראָצענט פון דער נאַציאָנאַלער פּראָדוקציע. אַזוי וויים איז דער אַמעריקאַנער קאַפּיטאַליזם קאָנצענט-רירט. דער מרחק פון געוויסע קאַפּיטאַליסטען ביז אַרבייטער ווערט גרעסער און גרעסער.

דער גרויסער פאַרמער קלאַס פון אַמעריקא איז אויך ניט שטאַרק באַגייסטערט פון דער פּראָספּעריטי. צווישען פאַרמער בראָדזשעט אַ שטאַרקע ראַדיקאַלע באַוועגונג. צייטווייליג איז די באַוועגונג שוואַכער געוואָרען צוליב די העכערע פּרייזען, וואָס זיי האָבען היינטיגס יאָהר געקראָגען פאַר זייערע תבואות. די פאַרמס זיינען אָבער פאַר-מאָרטגיידזשט. 75 טויזענט פאַרמס זיינען פאַרלאָזען געוואָרען פון יאָהר 1920, באַריכטעט דער אַגריקולטוראַל ביוראָ. איבערהויפּט מערקט זיך צווישען פאַרמער אַ קלאַסען צוטיילונג, ווי מען קען זעהן פון דער פאָלגענדער טאַבעלע:

פאַרמער זיינען צוטיילט לויט נאָך די 3 צענזוס יאָהרען אין פאָלגענדע גרופּען:

	1900	1910	1920	פּר. 1920
גאַנצע אייגענטימער — — — — —	3,201,947	3,354,897	3,366,510	52.02
פּאַכטער פון טייל פון לאַנד — —	451,376	593,825	558,580	8.07
אייגענטימער — — — — — — —	3,653,323	3,948,722	3,925,090	60.09
מענעדזשערס — — — — — — —	59,085	58,104	68,449	1.00
טענענטס גאַנצע פּאַכטער — — — —	2,024,964	2,354,676	2,454,804	38.10
סך הכל פאַרמער — — — — —	5,737,372	6,361,502	6,448,343	100.00
פון די פאַרמער פּאַכטער זיינען				
געווען ניט קלאַסיפיצירט —	———	113,993	63,165	1.00
פאַר אַ טייל תבואה — — — — —	1,273,299	1,399,923	1,678,812	26.00
העלפט קעש, העלפט תבואה — —	———	128,466	127,822	2.00
קעש פּאַכטער — — — — — — —	751,665	712,294	585,005	9.01
סך הכל פּאַכטער — — — — —	2,024,964	2,354,676	2,454,804	38.10

(די טאַבעלע איז צונויפגעשטעלט געוואָרען לויט'ן צענזוס פון יאָר 1920)

אין אמעריקא אנטוויקעלט זיך א גרויסער צאָהל פון פאַכטער (טענענטס) אין דער ערגסטער פאָרם. זיי צאָהלען ניט זייער ארענדע מיט קעש, נאָר מיט פּראָדוקטען. די עקספּלואַטאַציע פון מאַנכע פאַכטער, באַזונדערס נעגערס, איז שוידערליך.

די לאַגע פון פאַרם ארבייטער (פאַרם הענד) קען מען זעהן פון פאָלגענדע ציפערען: די שכירות פון פאַרם ארבייטער פער מאָנאַט אָהן באָרד זיינען געווען:

אין יאָהר 1913 — 30.31 דאָלאַר פער מאָנאַט.
אין יאָהר 1917 — 40.43 דאָלאַר פער מאָנאַט.
אין יאָהר 1920 — 64.95 דאָלאַר פער מאָנאַט.
אין יאָהר 1923 — 46.91 דאָלאַר פער מאָנאַט.

א פאַרם ארבייטער דאַרף זיך באַנוגענען קוים מיט 12 דאָלאַר א וואָך. די פּרייזען אָבער זיינען פאַר די יאָהרען געשטיגען.

קיין גרויסע גליקען מאַכען אויך ניט די אמעריקאַנער פאַרמער.

אין אמעריקא איז דאָך דער יאָהר 1925 געווען א יאָהר פון פּראָספּעריטי פאַר פילע. עס זיינען דאָ רייכע פאַרמער, גוט באַצאָהלטע ארבייטער. מען קען זיך אָנשטויסען אין אמעריקא אויף פילע פרעהליכע פאַקטען. אז מען נעמט אָבער דעם דורכשניט, דעמאָלט באַקומט זיך א גאַנץ אַנדער בילד.

דער נאַציאָנאַלער רייכטום פון אמעריקא איז אומגעהייער גרויס. די לאַגע פון די ארבייטענדע מאַסען ווערט אָבער ניט קיין סך בעסער. יעדענפאַלס ווערט דער קלאַס פון פּראָדוצירער אַלץ מעהר דערוייטערט פון דעם קלאַס עקספּלואַטאַטאָרס.

אין די פאַראייניגטע שטאַטען איז נאָך פאַראַן א סך אומבאַארבייטע ערד וואס מען קען קאָלאָניזירען

אין די פאַראייניגטע שטאַטען זיינען נאָך פאַראַן כמעט אַזוי פיל אַקערס ניט-קאָלאָניזירטע ערד, ווי קאָלאָניזירטע. דיזע רויע אָדער אומאַנטוויקעלטע ערד איז ווייט פאַנאַנדערגעשפּרייט איבער די פאַראייניגטע שטאַטען און איז פאַרשידענאַרטיג, לויט דעם סאָרט לאַנדווירטשאַפט, וואָס מען קען האָרט איינפיהרען און לויט דער לייכטקייט, מיט וועלכער דאָס קען געטאָן ווערען.

א גרויסער שטח רויע ערד ליגט אין נאָרד-מישיגען, וויסקאָנסין און מינעסאָטא און ווערט אָנגערופען: „די געגענד פון די גרייט-לייקס". אין דיזער געגענד האָבען זיך באַזעצט אַלס פאַרמערס פיל מענשען, וואָס זיינען ניט לאַנג געקומען אין די פאַראייניגטע שטאַטען פון פרעמדע לענדער. דאָס איז וואַלד-ערד אָדער ערד נאָך אָפּגעשניטענע בוימער, וועלכע מוז אָפּגערייניגט ווערען פון וואַלד, בוים-וואָרצלען און קוסטעס, איידער דער קאָלאָניסט קען זי באַארבייטען. די ערפאַרונג האָט געצייגט, דאָס אין דיזער געגענד עקזיסטירען פאַר מילך-פּראָדוקציע די בעסטע און זיכערסטע אַנטוויקלונגס-אויסזיכטען; אָבער אין אָנפאַנג איז דאָרט, געוועהנליך, די וויכטיגסטע הכנסה פון פּאַטייטאָס. עס געדויערט אומגעפעהר דריי יאָהר, ביז די מייסטע פאַרמערס רייניגען דאָרט אָפּ א שטיקעל לאַנד און אָרדנען זיך איין אויף אַזוי פיל, אום צו קענען פאַרדינען אויפ'ן לעבען און צאָלען די חובות. אין פאַרלויף פון דיזע דריי יאָהר איז דער קאָלאָניסט מאַנכע מאָל געצוואונגען צו פאַרדינען פון אַנדערע ארבייט, וועהן נאָר ער קען אָפּשפּאָרען צייט פון זיין פאַרם-באַשעפטיגונג. ארבייט געפינט ער, געוועהנליך, אין די שכנות'דיגע געהילץ-לאַגערס און אין די האָלץ-פאַבריקען.

דער „דזשענעראַל לאַנד אָפיס", וואַשינגטאָן, ד. ק., גיט אַלע אינפאָרמאַציעס וועגען רעגירונגס-לאַנד, וואָס איז פריי צו נעהמען אין באַזיץ און אויך נויטיגע עצות.

קונסט אין די פאַראייניגטע שטאַטען

פון א. פעלדמאַן.

אַמעריקאַנער מאַלער

ניו יאָרק איז געוואָרען איינער פון דער וועלט'ס גרעסטע קונסט צענטערס. און דער פאקט אליין, וואס אַט די אַלע אויסשטעלונגען ווערען באזוכט פון גרויסע מאסען מענשען, און וואס עס געלינגט די מאַלער צו פארקויפען זייערע ווערק, איז א באווייז, אַז די נייע אַנטוויקלונג איז א שטענדיגע און ניט א פאראיבערגעהענדיגע זאך, א צופעליגע דערשיינונג. עס איז געווען א צייט, ווען קינסטלער האָבען אין די פאראייניגטע שטאַטען געמוזט אַנפיהרען א זעהר שווערען קאַמף. מען האָט געמוזט אָפּגעבען אַלע כחות אויף באוועלטיגען די נאטור און מאכען דעם קאָנטינענט פאסיג פאר א ציוויליזירטען פאָלק צו לעבען, איז ווייניג ענערגיע געבליבען פאַר די שעהנערע זייטען פון לעבען. דאָך האָט דאָס אמעריקאנער פאָלק נאָך גאָר אין אָנהויב פון זיין געשיכטע ארויסגעגעבען גרויסע קינסטלער. די מעהרסטע פון זיי אָבער האָבען פאר־לאָזען זייערע ארטיסטישע שטרעבונגען און זיך גענומען צו פראַקטישערע באַ־שעפטיגונגען. אַן אינטערעסאנטער ביישפּיל זיינען צוויי גרויסע אַמעריקאנער ערפינדער, וואָס האָבען אָנגעהויבען ווי מאַלער, האָבען אָבער געוואָרפען דעם פּענזעל און האָבען זיך אָפּגעגעבען מיט מעכאנישע ערפינדונגען. די צוויי מענער זיינען: פולטאָן און מאָרס. פולטאָן האָט ערפונדען דעם ערשטען פּראַקטישען דאמפער; מאָרס איז דער ערפינדער פון טעלעגראַף.

דער ערשטער באריהמטער אַמעריקאנער מאַלער איז געווען בענדזשאמין וועסט. וועסט איז געבאָרען געוואָרען אין 1738 אין פענסילווייניא. זיינע אָרומיגע זיינען געווען קוויקערס און האָבען ניט זעהר פיל סימפּאַטיזירט מיט די ארטיסטישע שטרע־בונגען פון דעם קליינעם בענדזשאמין. אין דעם עלטער פון 23 יאָהר האָט דעם יונגען מאַלער אָפּגעגליקט: ער האָט געקאָנט אָפּפאָהרען קיין איטאַליע, די מעקא פון קינסטלער. דאָ האָט מען איהם עמפּפאנגען מיט נייגעריגקייט, ווי א זעלטענע בריאה: א קינסטלער פון א רעפּובליק, וואָס מען האָט געהאַלטען כמעט פאר א ווילד לאַנד. וועסט האָט אין אייראָפּא געמאכט א שנעלען פּראָגרעס. ער איז אוועק קיין ענגלאַנד און איז דאָרטען געוואָרען איינער פון די גרינדער פון דער קעניגליכער אקאדעמיע און שפּעטער — איהר פּרעזידענט. ביי זיין לעבען איז בענדזשאמין וועסט געווען פאררעכענט פאר איינעם פון די גרעסטע מאַלער פון אַלע צייטען. מען פלעגט איהם דערמאָנען צוזאמען מיט ראפאעל און מיקעל אנדזשעלאָ. די שפּעטערדיגע דורות האָבען ניט באשטעטיגט דעם ווערדיקט פון זיינע צייטגענאָסען. פונדעסטוועגען איז וועסט געווען א גאָר פיינער און אָריגינעלער מאַלער.

אַן אַנדער באריהמטער אַמעריקאנער מאַלער איז געווען גילבערט סטיוארט, וואָס האָט געמאָלען וואשינגטאָן. ווי וועסט, האָט ער אויך געפונען זיין רוהם און זיין גליק אין לאָנדאָן. ער איז געווען דער טראַדיציאָנעלער אימפולסיווער, קאפּריז־נער, פארשווענדערישער זוהן פון די מוזען. ער האָט זיך שפּעטער באזעצט צוריק אין די פאראייניגטע שטאַטען. צו דער צייט פון בירגער קריג איז אויפגעקומען אַן

אנדער גרויסער מאלער מיט'ן נאמען ווינסלאו האמער. ער האט ליב געהאט די פעלזיגע ברעגען און דעם ים, און קיין קינסטלער האט ניט געפיהלט אזוי שטארק דאס געוויכט פון וואסער, זיין דערהויבענקייט און זיין קראפט. אבער דער פאפולערסטער אמעריקאנער מאלער ביי די אייראפעער איז דזשיימס איי. מעקניעל וויסלער. וויסלער האט באקומען זיין ערשטע קונסט בילדונג אין פעטערבורג, און דעם גרעסטען טייל פון זיין לעבען האט ער פארבראכט אין פאריז און אין ענגלאנד. ביים ברייטען עולם איז זעהר פאפולער זיין בילד פון זיין מוטער, וואס ווייזט א ליבע עלטערע פרוי אין פראפיל. דאס איז איינער פון די גרעסטע פארטרעטען, און דאס האט געמוזט רעפראדוצירט ווערען אויף פאפיר אין מיליאנען קאפיעס.

דער לעצטער מאלער מיט אן אנערקענטער רעפוטאציע איז דער ניט לאנג פארשטארבענער דזשאן ס. סארדזשענט, א ברילאנטענער פארטרעט-מאלער. אין דעם פרט איז ער זעהר ענהליך צום גרויסען שפאנישען רעאליסטישען מאלער וועלאסקעז. זייערע פארטרעטען ווייזען אייך אויס רעאלער פון דעם געמאלענעם מענשען.

נאך א גרויסע פיגור אין דער אמעריקאנער קונסט איז וויליאם מעריט טשייז. זיין רעפוטאציע איז מייסטענס פון א זעהר וויכטיגען לעהרער. טשייז האט אנגעהויבען שטודירען קונסט, ווען די אמעריקאנער קונסט סטודענטען האבען פארוואָרפען די פראנצויזישע טראדיציע, וואס האט געהערשט ארום 1870. טשייז און אנדערע זיינען געפאהרען שטודירען אין מינכען. ער האט שטודירט אונטער קארל פאן פילאטי. און אט וואס פילאטי האט אמאל געזאגט דעם אמעריקאנער סטודענט: „אייער לאנד וועט נאך ווערען דאס גרעסטע לאנד פון קינסטלער און קונסט ליבהאבער. אלצדינג ווייזט אויף דעם אן. איהר האט די געגענשטאנדען, און איהר האט די אינספיראציע. איהר האט דעם פלאץ, וואו לעבען ווערט געלעבט. איטאליע, פראנקרייך, דייטשלאנד, שפאניע, ענגלאנד האבען שוין געהאט זייער צייט. די צוקונפט געהערט צו אמעריקע. ניט נאר ווייל זי איז דאס לאנד פון מעגליכקייטען, נאר אויך ווייל דארטען ווערען די געלעגענהייטען גוט באנוצט. נאכמעהר, דער אמעריקאנער קינסטלער באנעמט אזוי שנעל, אז איך וואונדער זיך אפטמאל ביי זיך אין קלאס, ווי אזוי די אמעריקאנער סטודענטען כאפען וואס איך מיין, נאך איידער איך האב געענדיגט רעדען אפילו".

עס איז אוממעגליך איבערצוצעהלען אלע טאלאנטפולע אמעריקאנער קינסטלער. עס איז שווער פון די פיל אויסצוקלייבען איינעם, אבער דער טיפישסטער פארטרעטער פון דער נייער אמעריקאנער מאלעריי איז אפשר טשיילד העסעם, דער אימפרעסיאניסט, וואס שטרעבט אלץ אויפצוכאפען אויפ'ן לייוואנט וואלד-סצענעס מיט בליסטשענדיגען זונליכט, און זעהר אפט געלינגט דאס איהם אויך. אויף א סך אויסשטעלונגען וועט איהר זיך מוזען אפשטעלען פאר זיינע לייוואנטען, וואס גליהען מיט זונליכט און פארב.

די צוקונפט פון אמעריקאנער קונסט איז פארזיכערט. די קינסטלער דארפען שוין מעהר ניט פאהרען אין אויסלאנד שטודירען, כאטש א סך פון זיי וועלען דאס נאך אלץ טאן, כדי אנצוהאלטען די באריהרונג מיט דער ארבייט, וואס ווערט אויפגעטאן אין אנדערע לענדער און כדי זיך צו דערפרישען ביי דעם ערשטען קונסט קוואל פון דער ווייסער ראסע.

סקולפטור אין אמעריקא

די ערשטע זאך, וואס דעם אימיגראנט'ס אויג כאפט אויף, ווען ער קומט אן אין האפען פון ניו יארק, איז די קאלאסאלע בראנזענע סטאטוע פון פרייהייט, אויף בעדלאוז איילענד. דאס איז די ארבייט פון דעם פראנצויזישען סקולפטאר באר־טאלדי. די געטין פון פרייהייט איז דא פארגעשטעלט אלס א פרוי אנגעטאן אין א קלאסישען קלייד און וואס באלויכט די וועלט. די סטאטוע סימבאליזירט דעם גייסט פון אמעריקע, ניט נאר פאר די אימיגראנטען, נאר אויך פאר די אמעריקאנער. קונסט איז אן אינטערנאציאנאלע שפראך. דורך קונסט קאנען די פארשידענע פעלקער געבראכט ווערען אין נאהענטער באריהרונג.

די פאראייניגטע שטאטען זיינען א יונג לאנד, ערשט אינגאנצען איבער דריי הונדערט יאהר אלט. עס איז גאר קיין וואונדער ניט, וואס נאר אין אנהויב פון נייגצעהנטען יאהרהונדערט האט זיך אנגעהויבען דא אנטוויקלען די קונסט בכלל און די קונסט פון סקולפטור בפרט. די ערשטע אמעריקאנער סקולפטארען האבען בא־קומען זייער בילדונג אין איטאליע, און זייער ארבייט איז דעריבער אין דעם גייסט און סטיל פון דער אלטער סקולפטור. ארום מיטען פון פארגאנגענעם יאהרהונדערט הויבען אן אמעריקאנער סקולפטארען זוכען זייערע אינספיראציעס אין דער היים, און זייער קונסט נעמט אן א נאציאנאלע ווענדונג. צו דער זעלביגער צייט זיינען צו די קינסטלער פון צווישען די היגע געבארענע אלץ צוגעקומען מעהר און מעהר קינסטלער פון אימיגראנטען. ניט ווייניג קינסטלער, מיט וועלכע אמעריקע שטאלצירט, זיינען אדער געקומען אהער אלס אימיגראנטען, אדער זייערע עלטערען זיינען געקומען פון אויסלאנד.

דער גרעסטער פון אט דער לעצטער קאטעגאריע אמעריקאנער קינסטלער איז אגאסטוס סט. גאודענס, אמעריקע'ס גרעסטער סקולפטאר. נאך א סך אנדערע נעמען קאן מען דא צוגעבען פון סקולפטארען אימיגראנטען.

מען דארף דא דערמאנען די פיטשירילי ברידער. פון דייטשער אפ־שטאמונג זיינען אדאלף ווינמאן און אלבערט יעגערס. זיי האבען ביידע פראדוצירט מאנומענטאלע ווערק, וואס זיינען א צירונג פאר א סך אמעריקאנער שטעט. איזי־דאר קאנטי איז א ווינער א געבארענער. צווישען די אנדערע איינגערע קינסטלער פון אויסלענדישער אפשטאמונג זיינען לעא קאנטעלי, פון באלאניא, איטאליע, און אלבין פאלשעק, א מאראוויער.

אבער ניט די גאנצע אמעריקאנער סקולפטור איז געשאפען געווארען דורכאויס פון אימיגראנטען. דער ערשטער אמעריקאנער סקולפטאר איז גראד געווען אן עכטער אמעריקאנער. דאס איז דעניעל טשעסטער פרענטש. ער איז געבארען געווארען מיט פינף און זיבעציג יאהר צוריק אין ניי ענגלאנד. זיין ערשטע וויכטיגע ווערק איז געווען דער „מינוט־מאן". דאס איז אן אנדענק אן דער שלאכט פון קאנקארד און לעקסטינגטאן. דאס איז נאך אלץ דער בעסטער מוסטער פון א מלחמה מאנומענט: א ווירדיגע, באלעבטע פיגור פון א יונגען סאלדאט, וואס איז גרייט צו שלאגען זיך פאר היים און פרייהייט.

די שטאט וואשינגטאן האט מעהר סטאטועס אויף פערד, איידער וועלכע עס איז אנדערע שטאט אויף דער וועלט. דאס זיינען מעהרסטענס גענעראלען, וואס

זיינען געווען פראמינענט אין דער אמעריקאנער ארמיי. איינינע פון די סטאטועס זיינען זעהר גוט. אנדערע זיינען ניט אזוי גוט. אבער זיי אלע גיבען צו א סך שעהנ־קייט און קינסטלערישען אויסזעהן די אמעריקאנער שטעט. איינע פון זיי איז א סטאטוע פון גענעראל דזשעקסאן, רייטענדיג אויף א פייערדיגען פערד, וואס באַלאנסירט אויף די הינטערשטע פיס. מען קאן די סטאטוע ניט אנרופען א גרויס קונסטווערק, אבער עס איז געווען די ערשטע סטאטוע אין אמעריקע, וואו א מענש זיצט רייטענדיג אויף א פערד, געמאכט פון קלארק מילס. די סטאטוע פון גענעראל טאמאס האט דעמזעלביגען קינסטלערישען ווערט, וואס די גרויסע סטאטוע פון קאַלעאני אין ווענעדיג. זי איז די ארבייט פון י. ק. א. ווארד, וואס איז, אגב, געווען איינער פון די ערשטע צווישען די אמעריקאנער סקולפטארען צו נעמען זיך פאר אמעריקאנער סוזשעטען, ווי, למשל, דער אמעריקאנער אינדיאנער.

אין כמעט יעדער באדייטענדיגער שטאט פון די פאראייניגטע שטאטען קאן מען געפינען מאנומענטאלע סקולפטור ווערק. א זעהר שעהנער באי־סקאוט פאנטאן געפינט זיך אין איינעם פון די גרעסטע פארקס פון שיקאגא. דאס איז א גרופע באי־סקאוטס. די סטאטוע איז געמאכט געווארען פון ענדריו א'קאנער. אין שיקאגא קאן מען אויך געפינען אן אויסערגעוועהנליך שעהנעם סקולפטור מאנומענט צום אנדענק פון דזשיימס ווהיטקאם ריילי, אן אמעריקאנער פאעט. דער מאנומענט רעפרעזענטירט א מעשה'לע און דערמאנט אן דער פיטער פען סטאטוע פון לאנדאן, אין גייסט אויב ניט אין פארם.

אין דעם מעקמילאן פארק פון וואשינגטאן געפינען מיר אן אויסגעצייכענטען פאנטאן פון הוירבערט ערעמס, א באוואוסטער סקולפטאר פון ניי־ענגלאנד. דער־זעלביגער סקולפטאר האט אויך געמאכט די סטאטוע פון דעם אמעריקאנער שרייבער ברייענט. די סטאטוע שטעהט אין ברייענט פארק, הינטער דער צענטראלע ביבליאטעק אין ניו יארק. ער האט אויך געמאכט א סך פרויען פארטרעטען, אין דעם רענעסאנס סטיל און קאליר, ווי עס איז דעמאלט געווען די מאדע.

אויף דער קאלומביער אויסשטעלונג, וואס איז אין אנהויב פון די נייגציגער יאהרען געמאכט געווארען אין שיקאגא לכבוד דעם 400־יאהריגען יובילייי פון דער אנטדעקונג פון אמעריקא, איז דאס גרעסטע סקולפטור ווערק געווען א גרויסער פאנ־טאן. דער פאנטאן איז געווען א גרויסער ערפאלג, און מר. מעקמאנים איז באלד געווארען באריהמט. ער האט אויך געמאכט די ארבייט אויף דער „סאלדזשערס ענד סיילארס מעמאריעל ארטש", ביי אן אריינגאנג צו פראספעקט פארק, ברוקלין, די שעקספיר סטאטוע אין דער ראטאנדא פון דער קאנגרעס ביבליאטעק, אין וואשינג־טאן, און די פרעהליכע באכאנטין אונטער דעם גרויסען טרעפ פון דעם מעטראפא־ליטען מוזעאום, אין ניו יארק. זיין בעסטע ארבייט איז די סטאטוע פון נייטען הייל, אן אמעריקאנער פאטריאט, וואס שטעהט אין סיטי האל פארק, אין ניו יארק. רע־דענדיג וועגען איהר, האט דער סקולפטאר געזאגט: „איך האב געוואלט מאכען עפעס אזוינס, וואס זאל אריינגעבען אין די אלערליי שיך־פוצער און קליינע קלוירקס פון דער געגענט דעם פארלאנג צו זיין עפעס און געפינען א זין אין זייער לעבען". ער האט אין דעם זיכער געהאט ערפאלג.

א מעכטיג קונסטווערק איז „די היזער" פון דזשארדזש גרעי בארנארד. די סטאטוע איז אביסעל אינספירירט פון מיקעל אנדזשעלא. אן אנדער סטאטוע באר־

נארד'ס, וואס געפינט זיך אין מעטראפאליטען מוזעאום אין ניו יארק, רעפרעזענ־טירט צוויי מענער, וואס ראנגלען זיך, און רופט זיך: „איך פיהל אין מיר צוויי נאטורען".

דער ניקעלנער פינף־סענט שטיק, מיט דעם אינדיאנער קאפ און בופעלאקס, וואס איז נאך אלץ אין דער אלגעמיינער געלט צירקולאציע, איז די ארבייט פון דזשיימס אוירל פרייזער, א תלמיד פון אגאסטוס סענט גאודענס. ביי דער גרויסער פאנאמא־פאסיפיק אויסשטעלונג, וואס איז פארגעקומען מיט צעהן יאהר צוריק, האט פרייזער געהאט א סטאטוע, „די ענד אוו די טרייל". דערזעלביגער באגאבטער סקולפטאר האט אויך געמאכט די סטאטוע פון אלעקסאנדער העמילטאן, דעם גרויסען פינאנסיט פון די ערשטע טעג פון דער רעפובליק. די סטאטוע שטעהט ביי די טרעפ פון דער טרעזשורי געביידע אין וואשינגטאן.

זעהר אינטערעסאנטע סטאטועס פון ארבייטער זיינען געמאכט געווארען פון מ. מ. יאנג, פון יוטא: „די מען וויד פיק", „עי לייבארער", „די ריגער". סימיסטער פראקטאר האט פאראייביגט דעם פיאנער אין א סטאטוע מיט דעם זעלביגען נאמען, וואס איז אויפגעשטעלט געווארען אין ארעגאן.

אמעריקא בארגט נאך אלץ ביי דער אלטער וועלט. אבער זי הויבט שוין אן אפצוצאהלען איהר חוב. אין לאנדאן האבען מיר צוויי גוטע סטאטועס פון אמערי־קאנער סקולפטארען: א רעפליקע פון סט. גאודענ'ס סטאטוע פון לינקאלן שטעהט אין דעם שאטען פון וועסטמינסטער לאבי, און א סטאטוע פון פלעקסטאן, דעם גרויסען אדוואקאט און אויטאר, פון פאול בארטלעט, שטעהט אין די לאא קאורטס. אין דער שטאדט פאריז האבען מיר צוויי סטאטועס אויף פערד, איינע פון וואשינגטאן און א צווייטע פון לאפאיעט. די ערשטע איז די ארבייט פון דעניעל טשעסטער פרענטש און די אנדערע — פון פאול בארטלעט.

ארכיטעקטור אין אמעריקא

דער הימעלקראצער איז אן אמעריקאנער פראדוקט. געגומען האט ער זיך דער־פון, וואס עס האט אויסגעפעהלט פלאץ פאר אפיסעס, און עס איז ניט געווען קיין ארט וואו צו בויען. די שטאדט ניו יארק פארנעמט א לאנגען שמאלען פאס לאנד צווישען צוויי וואסערען, דעם האדסאן, אדער נארט ריווער, און דעם אזוי גערופענעם איסט ריווער, וואס פאראייניגט דעם ניו יארקער האפען מיט דעם לאנג איילענד סאונד. אויף אזא באגרענעצטען פלאץ איז דער וואוקס מעגליך נאר אין איין ריכטונג, אבער כדי אנצופיהרען די אלע גרויסע געשעפטען, באזונדערס די קאמערציעלע אונטערנע־מונגען, פון דער איצטיגער גרויסער וועלט־שטאדט, איז געווען וויכטיג, אז די אלע אפיסעס זאלען זיך געפינען נאהענט, אויף א באשרענקטען שטח. האט מען דאס פראבלעם געקענט לייזען נאר אויף איין וועג: בויען הויכע געביידעס. ביסלאכוויז האט זיך די אינזשענעריע פארפאלקאמט, אזוי גוט ווי די בוי־קונסט גופא. מען האט איצט בעסער געוואוסט, ווי אזוי צו באנוצען זיך מיט קאנקריט און שטאל. דער רעזולטאט איז געווען, אז די געביידעס האבען געשטיגען אלץ העכער און העכער, און דאס איז געווען דער אנהויב פון דעם הימעלקראצער.

ווען איהר וועט קוקען מעהר אויפמערקזאם אויף אט די הויכע, אימפאזאנטע געביידעס, וועט איהר געפינען, אז זיי זיינען ניט מעהר און ניט ווייניגער, ווי פאר־

גרעסערטע טורעמס. א סך פון זיי ווייזען אין זייערע צייכנונגען און אינספיראציע פון די אלטע אייראפעאישע טורעמס.

מיט פופציג יאהר צוריק האט דער שפיץ פון טרינטי טשוירטש ביים אנהויב וואל סטריט, דעם גרויסען קאמערציעלען צענטער פון ניו יארק, זיך ווייט ארום־געזעהן איבער אלע ארומיגע געביידעס. איצט אבער קוקט די קירך אויס ניט מעהר ווי א שפילכעל, פארדרענגט צווישען הימעל־קראצער פון אלע זייטען.

איינער פון די ערשטע און בעסטע הימעלקראצערס, וואס זיינען אויפגעבויט געווארען אין ניו יארק, האט זיך גערופען די וועסט סטריט בילדינג, און איז געצייכענט געווארען פון קעס גילבערט. די געביידע איז זעהר איינפאך אין צייכנונג, אבער זי האט פיינע דעטאלען און ארנאמענטיק אויף די העכערע גארענס. מיסטער גילבערט איז אויך געווען דער ארכיטעקט פון דעם גרויסען וואולוואָרט בילדינג, איינעם פון די העכסטע און פיינסטע פון אלע הימעלקראצערס ,וואס זיינען ביז איצט אויסגעבויט געווארען. דאס איז א טעראקאטא און שטאל געביידע, 56 שטאק די הויך, איינשליסענדיג דעם טורעם, און די צייכנונג איז לויט גאטישע טראדיציעס.

ווען מען קוקט אויף דער געביידע פון דער ווייט, גיט זי דעם איינדרוק פון איינפאכקייט און שטארקייט. ווען אבער מען קוקט זיך צו נאהענט, געפינט מען אין דער געביידע א סך שעהנקייט אין דעטאלען פון דער ארנאמענטאציע. מעהר ניט, דאס, וואס וואלט אין א גאטישער געביידע אין אייראפא געווען האנט שניצעריי, איז דא א געפורעמטער ארנאמענט, אן אמת'ער טריאומף פון מאדערנער קונסט.

די מיוניסיפאל בילדינג, וואס געפינט זיך ניט ווייט פון וואלווארט, איז נאך א מוסטער פון פיינער צייכנונג. עס איז די ארבייט פון מעק־קים, מיד און ווהייט. דער ערשטער עטאזש האט א קאלאנאדע, וואס ווידערהאלט זיך אין די העכערע עטא־זשען, און דער הויפט טייל האט אויף זיך א פיינעם טורעם מיט פיר קליינע טורעמס ביי דער באזע. דא האבען מיר נאך א מוסטער פון קלאסישער צייכנונג, וואס איז צוגעפאסט געווארען צו מאדערנע קאמערציעלע באדערפנישען.

פאר דער ארכיטעקטור פון אונזערע אוניווערזיטעטען האט מען אויסגעקליבען דעם סטיל, וואס איז באקאנט אונטער'ן נאמען טיודאר אדער קאלידזשיאייט גאטיק. יעל אין ניו הייווען, קאנעקטיקוט, און פרינסטאן, ניו דזשורזי, האבען א סך געביי־דעס אין אט דעם סטיל. זיי האבען אין זייערע גרופעס עטליכע פיינע טורעמס, וואס גיבען דעם איינדרוק פון דערהויבענער שטרעבונג, און וואס זעהען אויס, ווי זיי וואל־טען זיך פארטראכט איבער די געביידעס אויף וועלכע זיי קוקען אראפ.

אן אויסנאהם זיינען די געביידעס פון אוניווערזיטעט פון ווירדזשיניע, אין שאר־לאטוויל. זיי זיינען געצייכענט געווארען פון טאמאס דזשעפערסאן, וואס האט אלע־מאל נאכגעפאלגט קלאסישע מוסטערען.

די ערשטע קירכען פון אמעריקא זיינען געבויט געווארען אין די קאלאניאלע צייטען, דאס הייסט, פאר 1776. זיי זיינען מעהרסטענס געווען פארזאמלונגס פלע־צער און איינפאך אין צייכנונג, ווי עס פאסט פאר א פאלק פון ערד ארבייטער און פיאנערען; זיי האבען אבער געהאט שעהנע גלאקענטורעמס, עהנליך צו די טורעמס פון לאנדאן. אין אונזערע צייטען האבען די אמעריקאנער מעהר ליב קאטעדראל געביידעס. אין די מעהרסטע פאלען זיינען די שפעטסטע פון זיי גאטיש אין דער צייכנונג, און האבען פאר מוסטערן די גאטישע קאטעדראלען פון דער אלטער וועלט.

אזא קאטעדראל ווערט איצט אויפגעבויט אויף מארנינגסייד הייטס אין ניו יארק. אן אנדערער געפינט זיך אויף מאונט סיינט אלבאנס, ביי וואשינגטאן.

אין דער הויז ארכיטעקטור האבען שוין די אמעריקאנער גענומען א סך מעהר פון אויסלאנד. דא און דארט וועט איהר באגעגענען א רעפראדוקציע פון א פראנצויזישער שאטא, אן איטאליענישען פאלאץ, אן ענגלישען מענאר הויז. עס האט זיך אבער אויך ענטוויקעלט אן אייגענער סטיל, וואס האט זיין אנהויב באקומען אין דעם לאג קעבין פון דעם קאלאניסט, אין דעם פלאנטאטאר'ס ציגעלנעם הויז און אין דעם פארם־הויז פון דעם פיאנער. דער רעזולטאט איז, אז, כאטש מען וואוינט דא מעהרסטענס אין אפארטמענט הייזער, אין שיכטען, אזוי־צו־זאגען, איינער איבער'ן אנדערען, איז אמעריקא דאך א לאנד פון היימען, וואו עס ווערט פריהער פאר אלץ גענומען אין באטראכט די באקוועמליכקייט פון דער הויז־פרוי.

וואו עס איז פאראן א' סך לאנד, און עס קאסט ניט טייער, איז זעהר שטארק פאפולער געווארען די באנגאלאו, וואס איז איינגאנצען אן אמעריקאנער טיפ. אויף אזא אופן קאן דער ארבייטער גלייך האבען זיין אייגענע היים און אויסצאהלען פאר איהר מאנאטליך.

דאס לעבען אין אמעריקא באוועגט זיך זעהר שנעל, און פארענדערט זיך אין גאר א קורצע צייט. אט פאר וואס די מעהרסטע בוי־ארבייט, וואס איז דא אויפגעטאן געווארען, איז געוועזען צייטווייליג: היינט באשאפען געווארען און מארגען שוין ניטא, פארגעסען. אבער די אמעריקאנער ארכיטעקטען זיינען מענשען מיט הויכע אידעאלען און מיט אמת'ן טאלאנט, און זיינען דורכגענומען מיט די אייראפעאישע אידעאלען פון שעהנקייט. אמעריקאנער ארכיטעקטען ווערען אלץ מעהר פראמינענט אין אייראפא. א גרויסע געביידע, וואס ווערט איצט געבויט אין דעם הארץ פון לאנדאן, איז געצייכענט געווארען פון אן אמעריקאנער. אן אמעריקאנער ארכיטעקט איז באשטימט געווארען צו זיין דער אויפזעהער איבער דער רעסטאווירונג פון דעם ריימסער קאטעדראל אין פראנקרייך.

מוזיק אין אמעריקא

אין אנהויב איז אמעריקאנער מוזיק (ניט ריידענדיג וועגען דער מוזיק פון די אינדיאנער) געוועזען דורכאויס אייראפעאיש. די הימנעס פון די פוריטאנער קאלאניסטען פון ניי ענגלאנד, און די ענגלישע וועלטליכע לידער, און די ערשטע „באלאדען אפעראס", — אזעלכע שוישפילען מיט געזאנג, — דאס אלץ האבען די קאלאניסטען אריבערגעבראכט פון דער אלטער היים, אזוי פריה ווי אין 1731. צום ערשטען מאל זיינען די קערנער פון אמעריקאנער פאלקס־ליד פארזייהט געווארען אין דעם פאר־רעוואלוציאנערען פעריאד. דאס איז אבער געוועזען א געמיש פון אלערליי עלעמענטען. דער רעזולטאט פון דער רעוואלוציאנערער אדער אומאפהענגיגקייטס מלחמה אויף דער היגער מוזיק איז געוועזען גאר א קנאפער. אלץ וואס די מלחמה האט געבראכט, איז געוועזען נאר דאס, וואס מען האט „יענקי דודעל" אנגענומען פאר א נאציאנאל־ליד. די נאציאנאלע פאראייניגונג פון די פריהערדיגע קאלאניסטען האט אבער אויפגעעפענט א וועג פאר ברייטערע מוזיקאלישע טעטיגקייטען. די צייט פון דער אומאפהענגיגקייטס מלחמה און ביז צום בירגער־

קריג איז געווען א צייט פון מוזיקאלישען, אזוי גוט ווי נאציאנאלען, וואוקס און ענטוויקלונג. ניו יארק האט געהערט די ערשטע אמעריקאנער אפערע, „ריפ וואן ווינקעל", פון בריסטאן, אין 1845, און „לעאנארע", פון וו. ק. פריי, אין דעם יאהר 1848. עס האט זיך גענומען פיהלען אן אריגינעלער שאפערישער אימפולס אין מוזיק, אזוי גוט ווי אין וויסענשאפט, ליטעראטור און די אנדערע קונסטען.

אין 1854 איז ארגאניזירט געווארען די ניו יארקער „פילהארמאניק", וואס איז געווען דער ערשטער וויכטיגער אמעריקאנישער ארקעסטער, און ער האט גלייך אויפגעפיהרט וואגנער'ן. דזשאהן ק. הײן איז געווען דער ערשטער אמעריקאנער קאמפאניסט, וואס האט געקאנט שרייבען גרעסערע זאכען, אפערעס און סימפאניס. אין דער צייט פון דעם בירגער קריג איז מוזיק באנוצט געווארען נאר פאר מיליטערישע צוועקען. נאך דעם בירגער קריג איז שטארק געוואקסען דער אינטערעס אין רעליגיעזער און וועלטליכער מוזיק

דער דיריגענט טעאדאר טאמאס און לעאפאלד דאמראש, דער דירעקטאר פון אראטאריא און סימפאני געזעלשאפטען און פון דער מעטראפאליטאן אפערא הויז, האבען דא פאפולער געמאכט דעם ארקעסטער קאנצערט און די סימפאני מוזיק פון די גרויסע מייסטער. באלד איז אויך געווארען פראמינענט דער באסטאנער סימפאנישער ארקעסטער. אפערא, צוערשט אין דער „אקאדעמי אוו מיוזיק", און דערנאך אין מעטראפאליטען אפערא הויז (1883), האט זיך ענטוויקעלט שנעל און איז געווארען א גלענצענדער געזעלשאפטליכער און מוזיקאלישער „פיטשור" פון ניו יארקער לעבען.

אלערליי פראפעסיאנעלע קאמער־מוזיק אנסאמבעלס, באזונדערס דער באריהמטער קנייזעל קווארטעט, האבען געלעגט דעם פונדאמענט פאר דעם איצטיגען וויטפארשפרייטען קולט פון קאמער־מוזיק אין דער איסט און אין דער וועסט. כאר־געזעלשאפטען זיינען ארגאניזירט געווארען. עס האבען זיך גענומען באווייזען אמעריקאנער זינגער, פיאניסטען און פידעל שפילער. מיט דער צייט האבען זיך גענומען באווייזען אייגענע אמעריקאנער קאמפאניסטען. ארטור פוט, ג. וו. טשאדוויק, ה. וו. פארקער, סטילמאן־קעללי און הענרי העדלי — דאס זיינען די הויפטנעמען. ערנסטע אריגינעלע אמעריקאנער אפערע איז געשריבען געווארען פון וויקטאר הערבערט, וואלטער דאמראש, עטעלבערט נעווין. דער פראמינענטסטער פון אלעמען איז געווען עדווארד מעקדאועל, וואס איז געשטארבען אין 1903. פאר זיינע סימפאנישע קאמפאזיציעס, פיאנא פיעסען און לידער איז ער אנערקענט געווארען פאר איינעם פון די געניאלסטע און אריגינעלסטע אמעריקאנער מוזיק שאפער. אלע זיינע קאמפאזיציעס זיינען געשריבען אין א זעהר אינדיווידועלען סטיל, ווי ביי קיין אנדערען ניט פון די אמעריקאנער.

אויב מיר ווילען געפינען עפעס, וואס איז כאראקטעריסטיש אמעריקאניש, מוזען מיר עס זוכען אין דער פאפולערער מוזיק, וואס ווערט געשאפען יעדען טאג. די אמעריקאנער פאלקס טעמעס שטאמען אפ פון צוויי גרויסע קוואלען: פון דעם נעגערשען און דעם אינדיאנישען מוזיקאלישען פאלקלאר. זייער איינפלוס אויף דער אריגינעלער אמעריקאנער קאמפאזיציע איז געווען זעהר גרויס. אין זיין בעסטען ארקעסטער שטיק, דער „אינדיאנער סויאיטע", האט מעקדאועל באנוצט די אלטע מעלאדיעס פון די נארד־אמעריקאנער אינדיאנער. נאך א סך

וויכטיגער זיינען געוועזן די נעגערשע מעלאָדיעס אין דער ענטוויקלונג פון מוזיק פון די קוואלען פון פאָלקסליד. פון זינט דוואָראק האָט אויף זיין באזוך אין אמע־ריקאַ אָנגעשריבען זיין בארימטע „נייע וועלט סימפאָניע“, זיינען די זאמלונגען פון אפראָ־(נעגרא)־אמעריקאנישע פאָלקס־געזאנגען געווען אַ פרוכטבארער קוואל פון אינספּיראציע. דוואָראַק האָט אגב זיין באַריהמטע „הומאָרעסק“ אויך ענט־וויקעלט פון דעם גוט באַקאַנטען ליד „דאַון ביי דהי סוואַווני ריווער“.

אַן אַנדער מוזיקאַלישער פּראָדוקט פון אמעריקאַ איז דער וואָקאַלער און אינ־סטרומענטאלער רעגטיים און דזשעז, — עקסטרעמע ריטמישע בעאַרבייטונגען פון אורשפּרינגליכע אַפריקאַנישע טעמעס. דאָס איז די באַזונדערע אמעריקאַנער פּאָ־פּולערע מוזיק היינט צו טאָג, און די דזשעז משוגעת האָט זיך פארשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט.

וואס אַנבאַטרעפט דעם ריין־מוזיקאַלישען ווערט פון דזשעז, איז פאַראַן אַ גרויסע חילוקי דעות. אַ סך האַלטען, אַז דזשעז איז אַן אומקעהר צו באַרבאַריזם אין מוזיק. אַנדערע ווידער געפינען אין דזשעז אַ מוזיקאַלישען אויסדרוק פון דער איצטיגער אמעריקע. עס איז גאָר קיין ספק ניט, אַז עס איז פאַראַן אין דזשעז אביסעל דער גייסט פון דעם היינטיגען אמעריקאַנער: קראַפט, נערוועזיטעט, אומ־רוהיגקייט, און אַ באַרוישונג מיט דער ליאַרעמדיגער, עלעמענטארער ליבע צו פּול־סירענדיגע ריטמען, וואס זיינען אביסעל נאַאיוו, אָבער פרעהליך און גוטמוטיג.

חוץ די מאָדערנע אמעריקאַנער קאָמפּאָניסטען, וואס האָבען אין אַ גרעסערער אָדער קלענערער מאָס געצויגען זייער אינספּיראציע פון אינדיאַנער און אמריקאַנער־פּאָלקס מוזיק, איז נאָך פאַראַן אַ היבשע גרופּע אַנדערע אמעריקאַנער מוזיקער, וואס האָבען, יעדער אויף זיין באַזונדערען שטייגער, רעאַגירט אויף די פאַרשידענע מאָ־דערניסטישע געדאַנקען־שטרעמונגען, וואס האָבען זיך ענטוויקעלט אין אייראָפּע פון די לעצטע יאָהרען פון נייַנצעהנטען יאָהרהונדערט, און די וואס האָבען געפונען זיי־ערע באַזונדערע אינדיווידועלע וועגען אין דער קונסט פון מוזיק.

מיר זעהען אויף אַזאַ אופן, אַז פון זינט דעם בירגער קריג איז דאָ פאָרגעקו־מען אַ מערקווירדיג שנעלע און גרויסע ענטוויקלונג פון דער מוזיקאַלישער קונסט, דער קרעאַטיווער אזוי גוט ווי דער אינטערפּרעטאַטיווער. דער אמעריקאַנער עולם האָט ליב מוזיק. און וואָס ווייטער, אַלץ מעהר און מעהר געוועהנט ער זיך צו אַ בעסערער מוזיק און לערענט זיך דאָס צו פארשטעהן און געהעריג אָפּצושאַצען.

דער אַמעריקאַנער טעאַטער

כאָטש נאָך ערשט אין די צייטען פון בירגער קריג זיינען די אמעריקאַנער געווען אין דעם פּרט פון דראַמאַטישער קונסט אינגאַנצען אָפּהענגיג פון די ענגלענ־דער, ווערען שוין איצט אמעריקאַנער דראַמען געשפּילט אין אייראָפּע. די אמע־ריקאַנער אליין ווערען וואס ווייטער אַלץ מעהר פּראָמינענט סיי אין פּראָדוצירען אייגענע געזונטע היימישע דראַמען, סיי אויך אין אנערקענען אייניגע אייראָפּעאישע דראַמען שרייבער, וואס זיינען ניט גענוג אָפּגעשאַצט געוואָרען אין דער היים.

פון סטאַטיסטישע ציפערען איז צו זעהן, ווי עס הויבט זיך אַלץ דער גע־שמאַק ביי די אמעריקאַנער אין באַצוג צו דער ביהנע. מיר געפינען, אַז לעצ־טענס האָט מען אויף בראָדוויי אויפגעפיהרט ביי 600 פּיעסען, צווישען וועלכע

עס איז געשפּילט געווארען: „האמלעט”, מיט דזשאן באַרימאָר און בלענטש יורקא, 101 מאָל; „ראָמעא און דזשוליעט”, מיט דזיין קאָול, 157 מאָל; די זעלביגע פּיעסע מיט עטעל באַרימאָר, 29 מאָל; „שיילאָק”, מיט דייוויד וואָרפילד, 92 מאָל; חוץ אויפפיהרונגען פון „קעניג ליר” און „עז יו לייק איט”. און דאָך זיי־נען ביי אונז פאראן איינראָפּעער, וואס באהויפּטען, אז די אמעריקאנער האָבען ניט קיין געשמאַק פאר די קלאסיקער!

אָבער ניט נאָר מיט שפּילען שעקספּיר׳ן אליין ווייזט אמעריקע, ווי איהר גע־שמאק אין דראמע הויבט זיך כסדר. זי ענטוויקעלט איהר אייגענע דראמע וואס מעג אויפמערקזאם שטודירט ווערען פון די וואס ווילען דערפיהלען דעם פּולס פון דער לעבעדיגער, אָטעמדיגער אמעריקא. דער אמעריקאנער טעאטער האָט פאר־העלטניסמעסיג לאנגזאם פּראָגרעסירט אין די יאהרען פאר דעם בירגער קריג. דאָס לאנד האָט געמוזט דורכמאכען א פּיאנירען צייט מיט די אַלע שוועריגקייטען, וואס קומען ביים אָפּרייניגען ווילדערנישען און איינשטעלען אינסטיטוציעס און אינדוסטריען.

צום טעאטער האָבען זיך באצויגען זעהר פיינדליך די פּוריטאנישע נייע־ענג־לאנד, די הוגענאָטישע ניו יארק און די קוויקערישע פילאדעלפיע.

נאָך אין יאהר 1870 האָט א גלח פון א ניו יארקער קירך ניט געגעבען קיין ערלויבניש אָפּצוהאלטען אין דער קירך א גאָטעסדינסט ביי דער לויה פון דעם דעמאָלט באריהמטען קאָמיקער דזשאָו האָלאנד, ווייל דער געשטאָרבענער איז געווען א „פּליי־עקטאָר”.

אָבער גראָד די עפּיסקאָפּאלישע ווירדזשיניא און סאוט קאראָליינא און די קאָטוילישע מערילענד האָבען זעהר גוט אויפגענומען די ערשטע וואנדערענדיגע קאָמפּאניעס אקטיאָרען.

דייוויד דאָגלאס האָט אויפגעבויט דעם ערשטען שטענדיגען טעאטער אין אמע־ריקא, „דהי סאוטוואַרק טהיעטער”, אין פילאדעלפיא. דער אינטערעסאנטסטער שטריך ביי דעם עפענונג סעזאן פון אָט דעם טעאטער איז געווען די אויפפיהרונג פון טהאָמאס גאָדפרי׳ס „דהי פּרינס אָוו פּארטהיא”, דעם 24טען אַפּריל, 1767. דאָס איז געווען די ערשטע פּיעסע, וואס איז געשריבען געווארען פון אַן אמעריאנער און איז אויפגעפיהרט געווארען אויף אַן אמעריאנער ביהנע פון א פּראָפעסיאנעלע־טרופּע אקטיאָרען.

קיין דורכאוים אמעריקאנער זאכען זיינען אָבער ניט אויפגעפיהרט געווארען דאָ אויף דער ביהנע ביז צווישען 1825 און 1860, ווען מען האָט דאָ געגעבען איבער פערציג אינדיאנער פּיעסען.

אין א משך פון צוואנציג יאהר ביז 1839 האָט וויליאם דאָנלאפּ אָנגעשרי־בען אדער אדאפּטירט אדער אַראנזשירט איבער פופציג פּיעסען.

וואשינגטאָן אירווינג׳ס דערצעהלונג וועגען ריפּ וואן ווינקעל איז פּארעפּענט־ליכט געווארען אין 1819. דעם 26טען מאי, 1828, איז אויף דער ביהנע פון סאוט פּוירל סטריט טעאטער אין אלבאני, נוי יארק, געגעבען געווארען די ערשטע דראַ־מאטיזאציע אין אמעריקא פון דער ליטעראַרישער פיגור, וועלכער עס איז שפּע־טער באַשערט געווען צו ווערען אזוי באריהמט. די פּאָפּולאַריטעט פון „ריפּ” איז געוואקסטען צוזאמען מיט די מערקווירדיגע אויפפיהרונגען, וואס די דזשעפערסאָנס

האבען געגעבען, באזונדערס דזשאזעף דזשעפערסאן דער דריטער, פאר וועלכען דער ענגלישער דראמאטורג דזשאן בוסיקאלט האט אין 1865 איבערגעשריבען די פיעסע.

דער ערשטער אמעריקאנער אויטאר, וואס האט פארדינט אויף א לעבען פון שרייבען דראמען, און וועמען עס איז געלונגען צו מאכען פון דעם דראמען שריי־בער'ס ארבייט א פראפעסיע, איז געוועזען בראנסאן האוארד.

אין דעם דור נאך דעם בירגער־קריג זיינען די פראמינענסטע אקטיארען אויף דער אמעריקאנער ביהנע געוועזען: עדווין פארעסט, א פילאדעלפיער, וואס איז אין זיין צייט באטראכט געווארען אלס דער גרעסטער טראגיגער אין לאנד, מיט זיינע מערקווירדיגע פארשטעלונגען פון אטעלא און קעניג ליר; שארלאט קושמאן, דער עלטערער דזשאן דריו און סאדהערן, מעגי מיטשעל און לאורא קין.

שפעטער זיינען באריהמט געווארען: עדווין בוטה, דזשאזעף דזשעפערסאן, לעסטער וואלאק, דזשאן גילבערט, לאורענס בארעט, דזשאן מעקקולאה, ראוז קאפ־לען, מערי ענדערסאן, אדא ריהען, קלארא מאריס, פעני דייווענפארט און ריטשארד מענספילד.

די פראמינענסטע נעמען פון דער אמעריקאנער ביהנע פון אונזער צייט זיי־נען: ע. ה. סאדהערן און זיין פרוי, דזשוליא מארלאו, וואס האבען יאהרען לאנג געשפילט שעקספיר ראלען; דזשאן דריו, ווייאלא עלען, וויליאם ה. ריין, דייוויד ווארפילד, מיני מעדערן פיסק, אטיס סקינער, הענרי מילער, מרס. לעסלי ארטער, מאוד עדעמס, בלענטש בייטס, די דריי בערימארס: עטעל דזשאן און לייאנעל, דזשיין קאול, פרענסיס ווילסאן, וואלער העמפדען.

אמעריקא האט לעצטענס פראפיטירט פון די טאלאנטען פון אייראפעאישע געסט, סיי קאמפאניעס, צווישען וועלכע די פראמינענטסטע זיינען אין די לעצטע יאהרען געוועזען די פראנצויזישע שוישפילער און דער מאסקווער קונסט טעאטער, און רעזשיסארען און דעקאראטארען, ווי מאקס ריינהארד און דזשאזעף אורבאן, וואס האבען א סך צוגעגעבען צו די אויפטוען פון אמעריקאנער דעקאראטארען, אזעלכע ווי ראבערט עדמאנד דזשאונס, לי סימאנסאן, נארמאן בעל־געדינגס.

א גרויסען איינפלוס אויף'ן געשמאק פון אמעריקאנער עולם האבען אהן ספק געהאט די וויזיטען אין אמעריקא פון אזעלכע גרויסע אקטיארען, ווי סער הענרי אווירווינג, עלען טערי, פארבז ראבערטסאן, פעטריק קעמפבעל, פון ענגלאנד, סארא בערנארד, מאדאם רעזשאן, קאנסטאן קאקלען, פון פראנקרייך, באן און פרוי סארמא, פון דייטשלאנד, סאלוויני, ראסי און די וואונדערליכע עלענארע דוזע פון איטאליע.

זעהר שנעל איז צוגעגאנגען די ענטוויקלונג פון דער אמעריקאנער געשרי־בענער דראמע אין די לעצטע דריי אדער פיר צעהנדליגע יאהר. דאס איז שוין אין א גאר הויכער מאס יענע דראמע, וואס האט קריסטאליזירט א סך אמעריקא־נער אידעען.

די פאפולערע דראמאטורגען מיט אן עכט־אמעריקאנער נאטע זיינען גע־ווען: האווארד, אוגוסטוס טהאמאס, וואס שטעהט איצט אין דער שפיץ פון דער אקטיארען אסאציאציע; וויליאם דזשילעט, קלייד פיטש, דייוויד בעלאסקא, וואס איז איינער פון פארשפרייטער פון קונסט אויף דער אמעריקאנער ביהנע (אנ־דערע זיינען: ארטור האפקינס, ווינטראפ איימס און מאריס געסט), און טשארלז

קלאַין, אויטאָר פון „מיוזיק מעסטער“, אין וועלכער פיעסע דייוויד וואָרפיל האָט געמאכט א רושם.

פון די איבער פופציג דראמען שרייבער, וואס בעארבייטען מעהר אדער ווענינ ערערפאָלגרייך אמעריקאנער מאַטעריאל אויף אן אמעריקאנעם שטייגער, איז קיינער ניט אזוי פראָמינענט, ווי יודזשין אָניל, וועמען מען האָט אָנגערופען „דער פערזענליכער סימבאָל פון אונזער אויפוואכענדיגער אמעריקאנער דראמע“. זיינע פיעסען ווערען היינט צו טאָג געזוכט און גערן אויפגעפיהרט אין ענגלאנד, פראנקרייך, נאָרוועגיע, שוועדען, דענמארק, טשעכאסלאָוואקיע, דייטשלאנד. אָניל איז געבוירען געווארען אין ניו יארק אויף דער 43טער סטריט און בראָדוויי, אין 1889. ער איז אומעטום ארומגעפאָהרען מיט זיין פאָטער, וואס האָט יאהרענלאַנג געשפּילט „מאָנטע קריסטאָ“. מען האָט איהם צוגעגרייט פּריוואט צו פּרינסטאָן קאָלעדזש, אָבער שוין דעם ערשטען יאהר האָט מען איהם פון דארטען אויסגעשלאָסען. אין זיינע וואנדערונגען איבער דער גאנצער וועלט האָט ער זיך אַליין אויסגעבילדעט.

זיין ערשטע פיעסע איז אויפגעפיהרט געווארען ערשט מיט צעהן יאהר צוריק, און מיט יעדער שפּעטערדיגער פיעסע וואקסט זיין קראפט אין מאָלען זאכען ווי זיי זיינען.

דער בעסטער ביישפּיל פון די אמעריאַנער פארזוכען צו מאכען פון דעם טעאָטער אַן אינסטיטוציע איז „די טעאטער גילד“ פון ניו יארק, וואס האָט שוין איצט איבער זעקס טויזענד סובסקרייבער, וואס פארזיכערט די אויפפיהרונג פון וועניגסטענס זעקס אריגינעלע גוטע פיעסען יעדען סעזאָן. די אָרגאניזאציע האָט אין וועניגער ווי פינף יאָהר אויפגעפיהרט פיר אמעריקאנער פיעסען און 21 אויסלענדישע. די וויכטיגסטע פון די פרעמדע פיעסען זיינען געוועזן דעם אונגארישען איד, פראנץ מאָלנאר׳ס „ליליאָם“, דעם טשעך ארעל טשאַפּעק׳ס „ר. או. ר.“, דעם רוס אַנדרעיעוו׳ס „דער וואָס קריגט פּעטש“, דעם אירלענדער סט. דזשאָן אויווינג׳ס „דזשאָן פּוירגיוסאָן“ און „מיקסד מערידזש“, און דעם ענגלענדער בערנארד שאָו׳ס „בעק טו מעטהוזעלאה“, „דזשאָון“, און אנדערע.

די וויכטיגסטע אימיגראַנטען־גרופּען אין די פאַראייניגטע שטאַטען

אידען אין די פאַראייניגטע שטאַטען.

געשיכטע פון אידישער אימיגראַציע אין אַמעריקא.

ביי דער רעגירונג פון די פאַראייניגטע שטאַטען ווערט אַ צענזוס פון דער באַפעלקערונג צונויפגעשטעלט אַזוי, אַז עס ווערט אינגאַנצען אויסגעלאָזען פון וועלכער רעליגיע אָדער ראַסע די מענשען זיינען. עס איז דאָ אין לאַנד ניטאָ קיין שום אָפיציעלע סטאַטיסטיק פון דער אידישער באַפעלקערונג, און די גאַנצע אינפאָרמאַציע וועגען דעם קען נאָר זיין באַזירט אויף אָפּשאַצונגען.

עס זיינען פאַראַן זעהר וועניג סטאַטיסטישע דאַטען וועגען דער פריהערדיגער אימיגראַציע פון שפּאַנישע, פּאָרטוגעזישע, האָלענדישע און דייטשע אידען. מעהר אָדער וועניגער צופרידענשטעלענדיגע חשבונות האָט מען אָנגעהויבען פיהרען ערשט אין 1881.

די שפּאַנישע אידען האָבען געשפּילט זעהר אַ וויכטיגע ראָל אין דער אָרגאַניזירונג פון קאָלאָמבוס'עס ערשטער רייזע קיין אַמעריקא. לואי דע סאַנטאַגול, דער ליבלינג פון קעניג פערדינאַנד און דער הויפּט פון שפּאַניע'ס פינאַנציעלען סיסטעם, איז געווען איינער פון די פּראָמינענטסטע ליוט, וואָס האָבען געהאָלפען אָט דער ערשטער עקספּעדיציע פון קריסטאָפער קאָלאָמבוס. פון זיין אייגענעם פאַרמעגען האָט ער געגעבען אויף די הוצאות אויסצושטאַטען דעם קליינעם פלאָט, וואָס קאָלאָמבוס האָט אָנגעפיהרט. אויף די דריי קליינע שיפען, וואָס זיינען געפאָהרען אונטער קאָלאָמבוס'ן, האָבען זיך געפונען אַ סך מאַראַנען. איינער פון זיי איז געווען לואי דע שארעס, קאָלאָמבוס'עס הויפּט דאָלמעטשער. לואי דע שארעס איז געווען דער ערשטער אַרויסצוטרעטען פון שיף אויף דער יבשה, ווען די עקספּעדיציע האָט דערגרייכט די וועסט אינדיעס.

די ערשטע אַלגעמיינע מאַסען אימיגראַציע פון אידען האָט זיך אָנגעהויבען נאָך 1881. לויט דעם „אַמעריקאַן דזשואיש יער בוק", פון 1926, איז דער נעטער צואוואוקס פון אידישער אימיגראַציע פון 1881 ביז 1925 געווען 2,319,014.

אידישע באַפעלקערונג אין אַמעריקא.

די גאַנצע צאָהל אידען אין די פאַראייניגטע שטאַטען ווערט געשאַצט אַרום 4,000,000. פון דער גאַנצער צאָהל אידען אין לאַנד געפינען זיך אין דעם שטאַט ניו יאָרק אַרום 1,700,000, אין פּענסילווייניא — 340,000, אין אילינאָי — 258,000, אין מאַסאַטשוסעטס — 200,000, אין אָהייאָ — אַרום 180,000, און 165,000 אין ניו דזשוירזי, וואָס מאַכט אויס צוזאַמען איבער 2,800,000 אין די זעקס שטאַטען. פון די איבעריגע שטאַטען זיינען, אין מיזורי פאַראַן אַרום 28,000 אידען, אין קאַליפאָרניאַ, קאָנעקטיקוט און מישיגען האָבען יעדערער אַ אידישע באַפעלקערונג פון אַרום 70,000. דער איבעריגער 1,000,000 אידען זיינען צושפּרייט איבער די אַנדערע שטאַטען פון לאַנד.

באַשעפטיגונגען.

אונזערע אידישע אימיגראַנטען זיינען זעהר שטאַרק פאַרטראָטען אין האַנדעל און אינדוסטריע. די מעהרסטע אימיגראַנטען אונזערע פון מזרח אייראָפּא זיינען בעלי־מלאכות. אַ גרויסער טייל פון זיי זיינען שניידער.

אין דעם איצטיגען מאָמענט זיינען נאָר אַרום 75,000 אידען, מענער, פרויען און קינדער, באַשעפטיגט ביי פאַרמעריי און אַנדערע אַגריקולטורעלע אַרבייטען. די צאָהל האַלט אָבער אין איין וואַקסען.

אידישע אָרגאַניזאַציעס.

די גרעסטע אידישע אָרגאַניזאַציעס אין אַמעריקא זיינען, חוץ די גרויסע אידישע יוניאָנס (די גרעסטע זיינען „די אינטערנײשאָנאַל לײדיס גאַרמענט וואָרקערס יוניאָן אָף אַמעריקא" און „די אַמאַלגאַמייטעד קלאָדינג וואָרקערס אָף אַמעריקא") די פאַראיי־

ניגטע אידישע געווערקשאַפטען און די „פאָרווערטס" אַסאָסיאיישאָן, דער אַמעריקאַנער אידישער קאָנגרעס, דער אַרבייטער רינג, דער אינדעפּענדענט אָרדער ברית אַברהם, דער אינדעפּענדענט אָרדער בני ברית, די דזשאָינט דיסטריביושאָן קאָמיטע, דער האַיאַס (היברו שעלטערינג ענד אימיגראַנט אייד סאָסייטי), די אַמעריקאַן דזשואיש קאָמיטע, די אידישע אַגריקולטור געזעלשאַפט, דער קאָנסיל אָף דזשואיש ווימען.

פּאָליטישער און סאָציאַלער מצב פון די אידען אין אַמעריקאַ.

אין 1925 זיינען צעהן אַמעריקאַנער אידען געווען אין דעם 69טען קאָנגרעס: פיר רעפּובליקאַנער, פינף דעמאָקראַטען און איין סאָציאַליסט. אין די פאָריגע קאָנגרעסען זיינען געווען זעקס אידישע סענאַטאָרען און איין און דרייסיג רעפּרעזענטאַנטען. איינער פון די נײַן דזשאַסטיסעס פון דעם סופּרים קאָורט אָף די יונייטעד סטייטס איז אַ איד — לואי ד. בראַנדייס.

א סך אמעריקאנער אידען זיינען געווארען וועלט באריהמט אין דער וויסענשאַפט, אין רעליגיע, בילדונג, מוזיק, ליטעראַטור, דראַמע, און אין בירגערליכען און ע פ ע נ ט ל י כ ע ן לעבען. אַ ליסט אין דעם אַמעריקען דזשואיש יאָהר־בוך שליסט איין ארום הונדערט און פינף־און־צוואנציג וויסענשאפטסלייט, אויטאָריטעטען אין אנטראָפּאָלאָגיע, זאָאָלאָגיע, באַקטעריאָלאָגיע, היגינע, גערטנעריי, פילאָלאָגיע, א. אַז. וו. ניינצעהן מיטגלידער פון פריהערדיגע קאָנגרעסען, א האלבען טוץ אידישע דיפּלאָמאַטען, אכט שאך גאונים, צוויי אידען וועלכע האָבען באקומען דעם קאָנגרעשאַנעל מעדאל אָוו אָנאָר, איין ריר־אדמיראל און אַ גאנצע רייה אידישע ארמיי אפיצירען איבער דעם ראנג פון קאפּיטאן. אין דער ליסט געפינען זיך ארום 1500 נעמען. ארום אַ העלפט פון זיי זיינען הי־געבאָרענע, צוויי הונדערט און צוויי־און־צוואנציג האָבען וועגען דעם ניט אָנגעגעבען קיין ידיעות, ארום פיר הונדערט, אָדער איבער אַ פערטעל פון דער גאנצער ליסט, זיינען געבאַרען געווארען אין סלאווישע לענדער, הונדערט און זעכציג זיינען געקומען פון דייטשלאנד, עסטרייך און אונגאַרן, דריי און צוואנציג זיינען געבאָרען געווארען אין ענגלאנד, פופ־

גראציע איז פאָרגעקומען מיט 20־25 יאהר צוויי אין ארץ ישראל, און צו איינעם אין אויסטראליע, כינע און סיביר.

דייטשען

צווישען די קאָלאָניסטען פון דעם ערשטען טייל פון 17טען יאָהרהונדערט זיינען געווען א סך דייטשען. אָבער די ערשטע סיסטעמאַטישע דייטשע אימיגראציע האָט זיך אָנגעהויבען אין 1683. אין יענעם יאהר האַט אַ קאָמפּאַניע מענאָניטען, פון דער דייטשער שטאָט קרעפעלד, געלאַנדעט לעבען פילאדעלפיע, אויף דער איינלאדונג פון וויליאם פען, און געגרינדעט די שטאָט דזשוירמענטאַון, זעקס מייל פון פילאַדעלפיע. נאָך זיי זיינען אָנגעקומען אנדערע, און האָבען זיך באזעצט אין פארשידענע טיילען פון פענסילווייניא. אנאנדער דייטשע מאסען־אימיגראַציע איז געקומען פון פּאַלאַטינאַט, שפּעטער אין פאַרוויסט נאָך אַ מלחמה. זיי האָבען זיך באזעצט אין פארשידענע טיילען פון די פאראייניגטע שטאַטען. צווישען אנדערע פּלעצער האָבען זיי אויך געגרינדעט די שעהנע שטאָדט נייבודג (ניובורג) אויפ׳ן האָדסאָן.

צעהן אין רומעניע, זיבען אין פראנקרייך, שפּעטער און איז געקומען פון פּאַלאַטינאַט, וואס איז דעמאָלט געווען פאַרוויסט נאָך אַ מלחמה. זיי האָבען זיך באזעצט אין פארשידענע טיילען פון די פאראייניגטע שטאַטען. צווישען אנדערע פּלעצער האָבען זיי אויך געגרינדעט די שעהנע שטאָדט נייבודג (ניובורג) אויפ׳ן האָדסאָן.

די דייטשע קאָלאָניסטען האָבען געשפּילט א וויכטיגע ראָלע אין דער רעוואלוציאנערער מלחמה. זיי האָבען צוגעשטעלט א סך רעגימענטען און וואשינגטאָן׳ס לייב־גווארדיע איז באַשטאַנען מעהרסטענס פון דייטשען. פון דייטשער אַפּשטאַמונג איז אויך געווען גענעראל הוירקימער (הערשהיימער). דער מאן, וואס האָט געלערנט די אמעריקאנער רעקרוטען, איז געווען באראָן פאָן סטייבען, וואס איז געקומען פון דייטשלאנד כדי צו העלפען די קאָלאָניסטען. עס ווערט געשאצט, אז ווען די אומאָפּהענגיגקייט מלחמה האָט אויסגעבראכען, זיינען אין די קאָלאָניעס געווען אַרום 250,000 מענשען פון דייטשער אָפּשטאַמונג. שפּעטער האָבען דייטשען אויך געשפּילט א וויכטיגע ראָלע אין בירגער קריג.

אין דעם ניינצעהנטען יאהרהונדערט און שפּעטער זיינען אהער אנגעקומען גרויסע מאסען אימיגראנטען. לויט די ציפערען פון דער יונייטעד סטייטס ביוראָ אוו אימיגרוישאָן, זיינען צווישען 1820 און 1919 אָנגעקומען אהער 5,494,539 דייטשען, ניט רע־

בענענדיג די דויטש־רײדענדיגע אימיגראַנטען פון אנדערע לענדער. די גרויסע דויטשע אימיגראַציע האָט זיך אפּגעשטעלט מיט ארום דרייסיג יאָהר צוריק, ביז זי איז איצט ניט העכער פון 30,000. איצט אָבער האָבען גענומען ווידער אָנקומען אהער גרויסע מאַסען דויטשען.

לויט דעם צענזוס פון 1920 זיינען דאָ אין לאַנד געווען 1,696,108 מענשען פון דויטשער אָפּשטאַמונג, מעהרסטענס אין די פאָלגענדיגע שטאַטען: ניו יאָרק, אילינאָי, וויסקאָנסין, פּענסילוויניע, אָהייאָ, ניו דזשוירזי, מישיגען, מינעסאָטא, אייאָווא, קאַליפאָרניאַ, מיזורי, נעבראַסקא. דויטשע אימיגראַנטען געפינט מען דאָ אין יעדען פאַך און באַרוף. אַרום אַ העלפט פון די פרעמדגעבאָרענע פאַרמערס אין די פאַראייניגטע שטאַטען זיינען אימיגראַנטען, וואָס רעדען דויטש. אין די טריידס געפינען זיך דויטשען מעהרסטענס צווישען די בעקערס, בוטשערס, מוזיקאַלישע אינסטרומענטען־מאַכער, ליטאָגראַפערס, מעטאַל און טעקסטיל אַרבייטער און בוי אַרבייטער.

צייטונגען אין דער דויטשער שפּראַך זיינען צווישען די עלטסטע אין די פאַראייניגטע שטאַטען. די ערשטע דויטשע צייטונג איז אַרויסגעגעבען געוואָרען אין דזשוירמענטאון, אין פּענסילוויניע. איינע פון די עלטסטע צייטונגען אין לאַנד איז אַ דויטשע צייטונג, וואָס איז אַרויסגעגעבען געוואָרען אָהן אונטערברעכונג פאַר די לעצטע 112 יאָהר. די בעסטע צייט פון די דויטשע צייטונגען איז געווען סוף ניינצעהנטען יאָהרהונדערט, ווען עס זיינען געווען אין לאַנד 800 דויטשע צייטונגען. דאָס איז געווען באַלד נאָך דעם ערשטען שטראָם פון דויטשע אימיגראַנטען. איצט איז די צאָהל געפאַלען ביז צו 219: 22 טעגליכע, 197 וועכענטליכע און אַנדערע צייטשריפטען.

די טיפּישע דויטשע אָרגאַניזאַציעס אונטערשיידען זיך ניט פון די אָרגאַניזאַציעס פון אַנדערע אימיגראַנטען. די זעהר צאָהלרייכע געזאַנג־געזעלשאַפטען זיינען אָרגאַניזירט אין פאַרשידענע סעקציאָנעלע אָרגאַניזאַציעס. די כאַראַקטעריסטישע אָרגאַניזאַציע פון דויטשע קאָלאָניסטען איז דער טורן פאַראיין. די דויטשע גימנאַסטען האָבען געשפּילט א זעהר וויכטיגע ראָל אין דער געשיכטע פון די פאַראייניגטע שטאַטען. די דויטשע אימיגראַנטען האָבען אויך אָרגאַנירט די ערשטע ליגעל אייד סאָסייעטי אין ניו יאָרק, נאָך דעם מוסטער פון וועלכער עס זיינען שפּעטער געגרינדעט געוואָרען אַזוי פיעל אַנדערע ליגעל אייד סאָסייעטיס איבער׳ן לאַנד.

איניגע דויטשע נעמען זיינען אזוי פּאָפּולער געוואָרען ביי די אַמעריקאַנער, אַז מענשען פאַרגעסען גאָר, אַז זיי זיינען געוועזען פון דויטשער אָפּשטאַמונג. די ראָקפעלערס זיינען געקומען פון דויטשלאַנד ארום 1733. די אַסטאָרס זיינען אויך געקומען פון דויטשלאַנד. דערנאָך האָבען מיר אַזעלכע נעמען ווי וואַנאַמייקער, שוואַב, פריק, רעבלינג, סטודעבייקער, שפּרעקעלס, סטיינוויי, וואָס שטאַמען אַלע פון דויטשלאַנד, אָבער זיינען איצט טיפּישע אַמעריקאַנער נעמען.

אין די דריי יאָהר ביז סוף 1924 זיינען אין די פאַראייניגטע שטאַטען אָנגעקומען אַרום צוויי הונדערט טויזענד נייע דויטשע אימיגראַנטען. די נייע דויטשע איינוואַנדערער האָבען אַהער געבראַכט אַ נייעם נאָךמלחמה גייסט, וואָס האָט גאָר ניט האַרמאָנירט מיט דעם גייסט פון די היגע דויטשע תושבים. אזוי וויט פארשידען זיינען די נייע דויטשע אימיגראַנטען פון די אַלטע. אַז זיי קאָנען זיך ניט איינלעבען, קאָנען ניט הויזען אין די זעלביגע דויטשע געזעלשאַפטען, און עס וועט מוזען נעמען צייט, ביז וואַנען זיי וועלען זיך בכלל קאָנען צונויפרעדען.

טשעכאָ־סלאָוואַקען

אויגוסטין הערמאַן, אַ פּראָטעסטאַנישער אַדעלמאַן, וואָס איז אַנטלאָפען אַהער נאָך דער גרויסער שלאַכט פון דעם ווייסען באַרג אין 1621, איז געווען דער ערשטער טשעכישער בירגער פון אַמעריקא. ער איז געלאָפען פון די רעליגיעזע פאַרפאָלגונגען אין פאַרלויף פון דעם דרייסיג־יאָהריגען קריג, וואָס האָט פאַרוויסט זיין לאַנד בעהמען.

אן אַנדער פּראָמינענטער רעליגיעזער פליכטלינג פון יענער צייט איז געווען פרעדעריק פיליפּ אָדער פיליפּס, וואָס האָט חתונה געהאַט מיט קעטהערין וואַן קאָרטלאַנד. ניט נאָר איז ער געווען דער גרינדער פון יאָנקערס, נאָר ער איז אויך געווען איינער פון די גרינדער פון קאָמערציעלען ניו־יאָרק. דיזעל־

ביגע אידעאַלען זיינען געוועזן די אורזאַך פון דער שפּעטערדיגער אימיגראַציע פון בעהמישע און מעהרישע פליכטלינגען, וואָס האָבען זיך צייטווייליג דאָ באַזעצט אין 1740. שפּעטער האָבען זיי אין בעטלעהעם געגרינדעט די ערשטע אַמעריקאַנער סעמינאַר פאַר מיידלאַך.

די אימיגראַציע פון די פּראַגער טשעכישע ליבעראַלען נאָך 1848 און די שפּעטערדיגע שטענדיגע אימיגראַציע נאָך 1866 זיינען אויך אינספּירירט געוואָרען פון אידעאַלען פון פּאָליטישער און רעליגיעזער פרייהייט.

די סלאָוואַקען האָבען אָנגעהויבען צו עמיגרירען נאָך 1870, זייערע הויפּט צענטערען זיינען צוערשט געוועזן די קוילען און שטאָל געגענטען פון פּענסילווייניע, אָהייאָ, אינדיאַנאַ און אילינאָי.

די מעהרסטע טשעכאָסלאָוואַקען פלעגען דאָ רעגיסטרירט ווערען אַלס „עסטרייכער". אין 1920 האָבען 622796 פּערזאָנען אָנגעגעבען טשעכיש פאַר זייער מוטער שפּראַך, און 619866 פּערזאָנען האָבען פאַר זייער מוטער־שפּראַך אָנגעגעבען סלאָוואַקיש. דאָס אַליין גיט די צאָהל טשעכאָסלאָוואַקען 1242662, און די צאָהל איז נאָך ווייט ניט קיין גענויע. די גרעסטע צאָהלען טשעכאָסלאָוואַקען געפינען זיך אין פּענסילווייניע, אילינאָי, אָהייאָ, ניו יאָרק, וויסקאָנסין, ניו דזשוירזי, נעבראַסקאַ, טעקסאַס, מינעסאָטאָ, מישיגען, אייאָווא, מיזורי, קענזעס. די טשעכאָסלאָוואַקען מיידען אויס די גרויסע אינדוסטריעלע צענטערס, נאָר זיי באַזעצען זיך אין די קלענערע געמיינדעס. די גרעסטע טשעכאָסלאָוואַקישע צענטערס זיינען: שיקאַגאָ, 50,392; קליוולאַנד, 23,907; און ניו יאָרק, 26,437. די איבעריגע טשעכאָסלאָוואַקישע שטאַדטישע באַפעלקערונגען זיינען ניט העכער פון 4,000.

איבער פופציג פּראָצענט פון די טשעכען וואוינען אויף פאַרמס אָדער אין אַגריקולטורעלע געגענדען. נאָך אַגריקולטור קומען ביי די היגע טשעכאָסלאָוואַקען אַלערליי קוואַליפיצירטע אַרבייטען, אין וועלכע זיי זיינען זעהר געניט. זיי זיינען ספּעציאַליסטען דימענט שליפער, גלאָז אויסבלאָזער און עטשערס, ביד אַרבייטער קעראַמישע דעקאָראַטאָרען, האָלץ שניצער, מאַרצעל קאַטערס, קעבינעט מייקערס, בעקער, בוטשערס, שניידער, לעדער און מעטאַל אַרבייטער, האַנדשוה און ציגאַרען אַפּרייטאָרס. די טשעכאָסלאָוואַקען זיינען געוועזן די גרינדער פון דער אינדוסטריע פון פּערלמוטערנע קנעפּ און אָרנאַמענטען אין די פאַראייניגטע שטאַטען און האָבען אַהער געבראַכט זייערע אייגענע מאַשינען און געניטקייט. די סלאָוואַקען זיינען דאָ די גרעסטע עקספּערטען אין דראָט און בלעך אַרבייטען, און זייער קאַפּיטאַל קאָנטראָלירט אַ סך וויכטיגע פאַבריקען.

צווישען די פּראָמינענטע טשעכען אין אַמעריקא געפינען זיך: דר. אַלעש האָרדליצקא, דער קוראַטאָר פון סמיטסאָניאַן און באַריהמטער אַנטראָפּאָלאָג, אַנטאָנין דוואָראַק, דער קאָמפּאָניסט פון „הומאָרעסק" און פון דער „נייע וועלט" סימפאָניע, דער גרעסטער סימפאָניע פון אַמעריקא און מאַריא יעריצא, די פּרימאַדאָנע פון מעטראָפּאָליטען. מיראָסלאָוו טירש איז געוועזן דער גרינדער פון דעם טשעכישען „סאָקאָל סיסטעם פאַר פיזישע איבונגען פאַר דער גאַנצער געמיינדע", די איבער 10,000 לאָקאַלע לאָדזשען פון טשעכאָסלאָוואַקישע בענעפיט און רעליגיעזע אָרגאַניזאַציעס צעהלען איבער אַ מיליאָן מיטגלידער. עס זיינען איצט פאַראַן אין לאַנד 15 טעגליכע טשעכאָסלאָוואַקישע צייטונגען, 67 דריי מאָל אַ וואָך, האַלב וועכענטליכע און וועכענטליכע און 39 מאָנאַטליכע אויסגאַבען, — איינגאַנצען 81 טשעכישע און 40 סלאָוואַקישע אויסגאַבען אין די פאַראייניגטע שטאַטען. פון זיי זיינען 47 אַלגעמיינע צייטונגען.

מאַדיאַרען (אונגאַרען)

די רעוואָלוציע אין אונגארן אין 1848-1849, האָט געגעבען דעם ערשטען גרויסען שטויס צו עמיגרירען אין די פאַראייניגטע שטאַטען. דער ערשטער אונגאַרישער פליכטלינג דאָ איז, ווייזט אויס, געוועזן לאַס לאָצאויהאַזי, וואָס האָט דאָ געלאַנדעט אין 1849 מיט זיין פאַמיליע און פריינד. זיי האָבען זיך צוערשט באַזעצט אין אייאָוואַ. באַלד איז אין דעם געגענט אויסגעוואַקסען אַ היבשע קאָלאָניע, און זי איז אָנגערופען געוואָרען נייע בודא, נאָך אונגאַרן'ס הויפּטשטאָדט בודאַפּעסט. אין הערבסט 1851 איז אַהער אָנגעקומען אַן אַנדער אונגאַרישער עמיגראַנט, לואי קאָסוט, דער פאָטער פון דער ניט געלונגענער אונגאַרישער רעוואָלוציע פון 1848-1849. די אָפיציעלע אַמעריקע האָט מיט כבוד באַגעגנט דעם גרויסען אונגאַרישען פּאַטריאָט. און דאָס האָט אין אַ גרויסער מאָס גינסטיג באַאיינפלוסט די

שפּעטערדיגע גרויסע אונגאַרישע אימיגראַציע, צווישען 1880 און 1890.

דער אָפּיציעלער צענזוס פון 1920 גיט אָן די צאָהל מאַריאַרען אין די פאַראייניגטע שטאַטען 397,282. די צאָהל איינוואוינער, וואָס זיינען דאָ געבאָרען געוואָרען פון אונגאַרישע עלטערען, ווערט אָנגעגעבען 713,623. דאָס מאַכט אויס צוזאַמען 1,110,905 מאַדיאַרען אין די פאַראייניגטע שטאַטען. מען מוז געדענקען, אַז אַט די צאָהלען ווערען אָנגעגעבען אויפ'ן באַזיס פון אונגאַרנס נאָך־מלחמה גרענעצען. די אַמת'ע צאָהל איז אַ סך גרעסער.

ניו יאָרק, אָהייאָ, פּענסילווייניע, ניו דזשוירזי, אילינאָי, מישיגען, קאָנעקטיקוט, וויסקאָנסין און אינדיאַנאַ זיינען די שטאַטען, וואָס זיינען אַממעהרסטען באַפעלקערט פון מאַדיאַרען, מיט דער אויסנאַהם פון ניו יאָרק, אָהייאָ און פּענסילווייניא, האָט די שטאַט ניו יאָרק אַליין מעהר אונגאַרען, איידער עדער שטאַט אין לאַנד. אַ גאַנצע צעהנטעל פון אַלע אונגאַרען דאָ וואוינען אין דער שטאָדט ניו יאָרק. און עס איז אינטערעסאַנט, אַז נאָך בודאַפּעסט, דער אונגאַרישער הויפּטשטאָדט, האָט ניו יאָרק די גרעסטע אונגאַרישע באַפעלקערונג.

די אונגאַרען זיינען זעהר געניטע בעלי־מלאכות און אויסגעצייכענטע אַרבייטער. דעריבער זעהען זיי זיך זעהר שטאַרק אָן אין אַלע אינדוסטריעלע צענטערען פון די פאַראייניגטע שטאַטען. אין די אַלערליי בוי פאַכען איז זייער צאָהל זעהר גרויס. אין די שטאָל געגענדען און מינען דיסטריקטען הערשען די מאַדיאַרישע אַרבייטער. אַ גרויסע צאָהל אונגאַרען געפינט זיך אויך אין דער זייד און טעקסטיל אינדוסטריע.

עס זיינען פאַראַן איצט אין די פאַראייניגטע שטאַטען 46 אונגאַרישע צייטונגען. צווישען זיי זיינען דריי טעגליכע, דריי האַלב־וועכענטליכע, דריי און דרייסיג וועכענטליכע, צוויי האַלב־מאָנאַטליכע און פינף מאָנאַטליכע. דאָס שליסט נאָך ניט איין די פאַרשידענע קירכליכע צייטונגען, וואָס ווערען אַרויסגעגעבען פון די מאַדיאַרישע גלחים. עס זיינען אין לאַנד פאַראַן פינף נאַציאָנאַלע אונגאַרישע אָרגאַניזאַציעס מיט זעקס הונדערט לאָקאַלע אָפּטיילונגען און 450 לאָקאַלע אָרגאַניזאַציעס. דער גרינדער פון איינער פון די גרעסטע אַמעריקאַנער צייטונגען, דער „ניו יאָרק וואָרלד”, און פון דער ערשטער גוטער שול פון זשורנאַ־ליזם אין קאָלאָמביא אוניווערזיטעט, איז געווען דער פאַרשטאָרבענער דזשאָזעף פּוליצער, אַן אונגאַרישער איד. נאָך אַ וויכטיגער אַמעריקאַנער, וואָס די אונגאַרען האָבען געגעבען, איז דער פאַרשטאָרבענער פּראָפעסאָר ארפּאַד גערשטער, וועמעס מעדיצינישע טעקסטביכער ווערען באַנוצט אין די הויפּט אוניווערזיטעטען.

באַלד נאָך דער לעצטער מלחמה האָט זיך אָנגעהויבען נאָך אַ שטאַרקערע נייע אימיגראַציע, וועלכע איז אָבער באַלד אָפּגעשטעלט געוואָרען דורך דעם לעצטען געזעץ, וואָס באַשרענקט שטאַרק די אימיגראַציע אַהער בכלל. דאָס אימיגראַציע געזעץ פון 1924 האָט דערפיהרט די אונגאַרישע אימיגראַציע ביז צו אַ מינימום.

יוגאָ־סלאַווען

(סערבען, קראָאַטען, סלאָווענען און בולגאַרען)

די יוגאָסלאַווען (סערבען, קראָאַטען און סלאָווענען) זיינען זעהר אַ וויכטיגער עלעמענט צווישען די אַמעריקאַנער נאַציאָנאַלע גרופּען. דער צענזוס פון 1920 רעכענט 408,973 יוגאָסלאַווען (228,588 פרעמד געבאָרענע). אָבער די קאָנסערוואַטיווסטע פּריוואַטע אָפּשאַצונגען גיבען אָן די ציפער 650,000 ; איבער 300,000 קראָאַטען, עטוואָס ווייניגער פון אַ פערטעל מיליאָן סלאָווענען און 90,000 סערבען.

ערשט אין די ניינציגער יאָהרען פון פאַריגען יאָהרהונדערט האָבען די יוגאָסלאַווען גענומען אימיגרירען אַהער אין גרויסע צאָהלען. די יוגאָסלאַווישע אימיגראַנטען זיינען מעהרסטענס פּויערים. עס זיינען אויך געווען צווישען זיי געניטע מעכאַניקער, וואָס האָבען זיך דאָ פאַרנומען מיט זייער ספּעציאַליטעט. די מאַטראָזען און פישערלייט פון דאַלמאַציע זיינען דאָ געבליבען ביי זייער באַרוף. קיין אַמעריקאַנער שיפעל איז ניט געפאָהרען אָהן אַ דאַלמאַטישען מאַטראָז. און אַפילו איצט געפינט מען זיי אויך אומעטום אין דער אַמעריקאַנער האַנדעלס פלאָט.. אָבער די גרויסע מאַסע יוגאָסלאַווישע אימיגראַנטען איז אַוועק אין די פאַבריקען און אין די מינען. פאַקטיש דריי פערטעל פון דער היגער יוגאָסלאַווישער באַפעלקערונג זיינען פאַרבונדען מיט דער מעטאַל און קוילען אינדוסטריע,

פון די מינען און ביז צו דעם פאַרענדיגטען פּראָדוקט. דער פּיטסבורגער קוילען און אייזען דיסטריקט, קליוולאַנד, דעטראָיט, דער שיקאַגאָער אינדוסטריעלער דיסטריקט און מילוואָקי, דער מינעסאָטער אייזען רענדזש, דער קוילען באַסיין פון קענזעס, די קאָלאָראַדאָער מינען און אינדוסטריעלע צענטערס, די מינען דיסטריקטען פון וויאָמינג, דער קופּער מינען דיסטריקט פון אַריזאָנאַ, — אַזוי זיינען דאָ די יוגאָסלאַווען פאַרשפּרייט געאָגראַפיש.

דער גייסט פון קאָאָפּעראַציע איז זעהר שטאַרק אַנטוויקעלט צווישען די יוגאָסלאַווען. עס איז פּאַקטיש ניטאָ קיין איין יוגאָסלאַווישע קאָלאָניע אָהן אַ וועלכער ניט איז אָרגאַניזירטער טעטיגקייט.

די יוגאָסלאַווישע פּרעסע איז געוואַקסען צוזאַמען מיט דער באַפעלקערונג. די ערשטע אויסגאַבע איז ערשינען אין 1884. איצט האָבען די יוגאָסלאַווען 36 צייטשריפטען, פון וועלכע זעקס זיינען טעגליכע, און די איבעריגע זיינען מעהרסטענס וועכענטליכע. די צייטונגען זיינען 19 קראָאַטישע, 14 סלאָווענישע און 13 סערבישע.

די בולגאַרישע אימיגראַציע אין די פאַראייניגטע שטאַטען איז קיינמאָל ניט געווען גרויס. נאָך דער מלחמה האָט זיך אָנגעהויבען ביי זיי אַן עמיגראַציע צוריק, און איצט איז זייער צאָהל אַ העלפט פון וואָס זי איז געווען פריהער. לויט זייערע אָפּשאַצונגען, זיינען איצט פאַראַן נאָר אַרום 20,000 (דער צענזוס גיט אָן די ציפער 14,420) בולגאַרען אין די פאַראייניגטע שטאַטען. פון זיי קומען נאָר פינף ביז זיבען טויזענט פון בולגאַריע גופא. זיי זיינען מעהרסטענס לייבאָרערס, אָבער אַ סך פון זיי זיינען אויך פאַרטראָטען אין דער געשעפטליכער וועלט.

אוקראַינער

די גרויסע מאַסע פון די אוקראַינישע אימיגראַנטען דאָ אין לאַנד זיינען אָהער געקומען שוין אין צוואַנציגסטען יאָהרהונדערט. פינף הונדערט טויזענט וועט אפשר זיין אַ ריכטיגע אָפּשאַצונג פון דער צאָהל אוקראַינער אין אַמעריקע. עס איז פאַר דער צענזוס ביוראָ אַליין שווער צו זאָגען, ווי אַזוי מען האָט דאָ די אָנגעקומענע אוקראַינישע אימיגראַנטען פאַרטיילט צווישען אַלערליי פעלקער און ווי אַזוי מען האָט זיי באַצייכענט: רוסען, עסטרייכער, פּאָליאַקען, אונגאַרען, גאַליציאַנער, רוטענער, סלאַווען, אָדער „אַנדערע".

פון פיר וועכענטליכע צייטונגען, וואָס זיינען אַרויסגעגאַנגען אין 1910, איז די אוקראַינער פּרעסע אויסגעוואַקסען ביז דריי טעגליכע צייטונגען, צוויי דריי־מאָל־א־וואָכיגע, דריי וועכענטליכע און עטליכע האַלבמאָנאַטליכע צייטשריפטען אין 1924. די צאָל אוקראַינער דאָ אין לאַנד פאַרגרעסערט זיך, ניט קוקענדיג אויף די אַלע אימיגראַציע־באַשרענקונגען, און וואָס עס קומען ניט אַריין קיין נייע אימיגראַנטען. מען קאָן אָננעמען, אַז ניינציג פּראָצענט פון אַלע אוקראַינער אימיגראַנטען זיינען אין זייער אַלטער היים געווען אָדער קליינע פאַרמער, אָדער פאַרם־אַרבייטער. פון איין עק לאַנד ביז צום צווייטען איז אוקראַינע אַן אַגריקולטור לאַנד. זי איז דער שייער פון אייראָפּע. האָט אָבער די תבואה דאָרטען ניט געהערט צום ערד אַרבייטער. צוליעב פרעמדע עראָבערונגען האָט דאָס אוקראַינער פאָלק פאַרלאָרען ניט נאָר זיין פּאָליטישע אומאָפּהענגיגקייט, נאָר אויך זיין לאַנד. לענדלאָרדיזם האָט זיך אַנטוויקעלט ביז צו אַ מדרגה, ווען עס איז געוואָרען עהנליך צום פעאָדאַליזם. און מיט דער פאַרגרעסערונג פון דער באַפעלקערונג, האָט דאָס פּאַראַרימטע פּויערטום געמוזט אַרויסגעבען אַ זעהר גרויסע צאָהל אימיגראַנטען. דערפון האָט זיך גענומען די גרויסע אוקראַינער עמיגראַציע קיין סיביר און דעם ווייטען מזרח, און פון די מערב'דיגע טיילען פון אוקראַינע — אין די פאַראייניגטע שטאַטען און קענעדע. ניין־צעהנטעל פון די אוקראַינער אימיגראַנטען נעמען זיך דאָ צוערשט צו אַרבייט אין די מינען, מילס און פאַבריקען.

די שפּעטערדיגע אימיגראַנטען, אַן אינגערער דור, האָבען זיך אַוועקגעלאָזען פּאַקטיש אין אַלע אַמעריקאַנער אינדוסטריען: אייזען און שטאָל מילס אין פּענסילווייניע און אין מיטעל־וועסט, אויטאָמאָביל און מעבעל פאַבריקען אין מישיגען, טעקסטיל מילס אין ניו־ענגלאַנד און ניו דזשוירזי, לעדער פאַבריקען און גומי פאַבריקען, בריקלייאינג, פּלאָמבינג, קאַרפּענטערינג, שניידעריי און בעקעריי. אין די מזרח־שטאַטען האָבען מיר אַ גאַנץ היבשע צאָהל אוקראַינער פאַרמערס.

פולע ניינציג פּראָצענט פון דער אוקראַינער באַפעלקערונג דאָ אין לאַנד זיינען אָבער אינדוסטריעלע אַרבייטער.

שוועדען

די ערשטע שוועדען זיינען אַהער אָנגעקומען מיט אַכצעהן יאָהר נאָך דעם היסטאָרישען „מייפלאַוער", אין דעם יאָהר 1638. זיי האָבען געלאַנדעט אויפ'ן אָרט, וואָס איז איצט ווילמינגטאָן, דעלעווער. אין דעם נייעם לאַנד האָט מען באַלד געגרינדעט אַ קאָלאָניע. מען האָט ביי די אינדיאַנער אָפּגעקויפט לאַנד און דאָס באַאַרבייט. די קאָלאָניע האָט זיך גערופען „נאָווא סוועדיא", ניי־שוועדען. זי האָט זיך ענדליך צואוואַקסען אין די פיר שטאַטען: מערילענד, פּענסילווייניע, דעלעווער און ניו דזשוירזי. אין 1655 האָט די קאָלאָניע זיך געמוזט אונטערגעבען צו די האָלענדער, און אין ניין יאָהר ארום — צו די ענגלענדער, אָבער די כאַראַקטעריסטישע שוועדישע שטריכען פון דער קאָלאָניע זיינען פאַרבליבען.

פון דעם יאָהר 1738 האָט די שוועדישע אימיגראַציע ניט אויפגעהערט צו שטראָמען קיין אַמעריקע. נאָך דער רעוואָלוציע איז דאָ דער שוועדישער עלעמענט געווען אזוי גרויס, אַז אַ שוועדישער גייסטליכער האָט געמוזט שרייבען אַהיים און װאַרנען זיינע לאַנדסלייט ניט צו קומען אַהער, „ווייל דאָ זיינען שוין פאַראַן צופיל שוועדען". די אמת'ע מאַסען אימיגראַציע אָבער האָט דערגרייכט איהר העכסטען פּונקט אין די זיבעציגער און אַכציגער יאָהרען פון פאָריגען יאָהרהונדערט, ווען די מאַיאָריטעט פון די שוועדישע אימיגראַנטען האָבען זיך אַוועקגעלאָזען אין די ווילדערנישען פון דער וועסט, וואו עס איז געווען אזויפיל ניט־באַאַרבייט לאַנד.

לויט דעם צענזוס פון 1920, זיינען צו יענער צייט דאָ געווען 625,000 שוועדישגעבאָרענע אימיגראַנטען. דאָס ברענגט די צאָהל שוועדיש־געבאָרענע און קינדער פון שוועדיש־געבאָרענע צו אַרום אַ מיליאָן און אַ האַלב. די מעהרסטע שוועדישע אימיגראַנטען געפינען זיך אין מיטעל־וועסט: מינעסאָטא ,מישיגען, וויסקאָנסין, אייאָוואַ, נעבראַסקא, די דאַקאָטאַס. א גרויסע צאָהל שוועדען האָבען זיך אויך באַזעצט אין די מזרח שטאַטען, און אין די לעצטע עטליכע צעהנדליג יאָהר אויך אויף דעם פּאַציפישען ים־ברעג: אין קאַליפאָרניע, וואַשינגטאָן און אָרעגאָן. פאַרמינג איז, ווייזט אויס, די באַליבטסטע באַשעפטיגונג ביי די שוועדען. אין 1920 זיינען געווען 60,000 שוועדיש־געבאָרענע פאַרם אַרבייטער אין לאַנד. דאָס איז דער העכסטער פּראָצענט פון אַלע פרעמד־געבאָרענע גרופּען, חוץ די דייטשען. חוץ פאַרמערס, האָט שוועדען אַהער געשיקט א גרויסע צאָהל געניטע אַרבייטער: קאַרפּענטערס, מעטאַל אַרבייטער, אינזשינערען, עלעקטריקער, א. א. וו. יעדער אימיגראַנט פון שוועדען האָט פּאַקטיש געהאַט אַ באַשעפטיגונג. צווישען די שוועדען האָבען די אימיגראַנטען, וואָס קענען ניט קיין שום מלאכה, אויסגעמאַכט 16 פּראָצענט, בעת ביי אַלע אַנדערע אימיגראַנטען גרופּען איז דער דורכשניטליכער פּראָצענט געווען 37.

די שוועדישע פּרעסע דאָ אין לאַנד רעכענט איצט אַרום פופציג צייטשריפטען. אַ גרויסער טייל פון זיי זיינען רעליגיעזע צייטונגען. אַ זאָנדערבאַרע זאַך וועגען דער שוועדישער פּרעסע איז דאָס, וואָס עס זיינען גאָר ניטאָ קיין טעגליכע צייטונגען, ווי ביי א סך אַנדערע, אַפילו קלענערע אימיגראַנטען גרופּען. דאָס קאָן מען ערקלערען מיט דעם, וואָס א גרויסע צאָהל פון דער היגער שוועדישער באַפעלקערונג זיינען פאַרמערס, וואָס האָבען נאָר איין פרייען טאָג פאַר לייענען — זונטאָג.

די שוועדישע אָרגאַניזאַציעס אונטערשיידען זיך מיט קיין זאַך ניט פון די אָרגאַניזאַציעס ביי די אַנדערע פרעמדשפּראַכיגע גרופּען.

איטאַליענער

דער ערשטער איטאַליענער אויף די אמעריקאַנער ברעגען איז געווען קריסטאָפער קאָלומבוס. אין 1497 האָט דזשיאָוואַני קאַבאָטאָ דערזעהען קייפ ברעטאָן און נאָווא סקאָשיע. סעבאַסטיאַנא קאַבאטא, דער זוהן פון דזשיאָוואַני, האָט שפּעטער אויסגעפאָרשט דעם ברעג ארונטער ביז טשעזאַפּיק בעי. דער ערשטער צו דערזעהן דעם ניו יאָרקער בעי און צו פאָהרען אויפ'ן האָדסאָן איז געווען אַן איטאַליענער מיט'ן נאָמען דזשיאָוואַני דאַ וועראַצאַנא. אַמעריגאָ וועספּוטשי איז

נאָך אַן איטאַליענער פאָרשער, נאָך וועמען
מען האָט אַ נאָמען געגעבען אַמעריקע. עס זיי־
נען געווען נאָך אַנדערע וועניגער באַקאַנטע
איטאַליענער: אַלפאָנזאָ טאָנטי, וואָס האָט
באַגלייט לאַסאַל'ען אין זיינע אויספאָרשונ־
גען און האָט געגרינדעט דעטראָיט; פּאַאָלאָ
בוסטי האָט געגרינדעט באָפאַלאָ און האָט
אַוועקגעשאָנקען דער געמיינדע א סך לאַנד,
וואָס איז באַנוצט געוואָרען פאַר קהל'שע
אינסטיטוציעס ,אזוי ווי די באָפאַלאָ פּאָבליק
לייברערי. שוין אין אָנהויב פון 18טען
יאָהרהונדערט האָבען זיך א סך איטאַליענער
אין די פאַראייניגטע שטאַאַטען אויסגעציי־
כענט אין די פארשידענסטע מלאכות און
קונסטען. די איטאַליענער האָבען געהאָלפען
איינפיהרען אָפּערא מוזיק אין אַמעריקע.
דער ערשטער אָרקעסטער אין אַמעריקע איז
אָרגאַניזירט געוואָרען פון אַן איטאַליענער.
די ערשטע אָפּערא־הויז האָט זיך באַוויזען
אין אַמעריקע אין 1833 און איז געגרינדעט
געוואָרען פון אַן איטאַליענער. גענעראַל דע
טשעזנאָלא איז געווען דער גרינדער פון דעם
מעטראָפּאַליטען מוזעאום־אָוו־אַרט.

דער ערשטער קלאַס איטאַליענישע אימי־
גראַנטען איז געווען זעהר פארשידען פון
דעם שפּעטערדיגען מין. ווייל אין יענע
ערשטע צייטען פון איטאַליענישער אימי־
גראַציע פלעגען קומען אַהער פּאָליטישע
פליכטלינגען. איצט שטעלט זיך יעדערער
פאָר דעם איטאַליענישען אימיגראַנט קודם
כל ווי אַ „לייבאָרער".

די איטאַליענישע מאַסען־אימיגראַציע האָט
זיך אָנגעהויבען ערשט ניט לאַנג, נאָך 1900.
אָבער פיל טויזענטער איטאַליענער זיינען
אַהער אָנגעקומען אין די יאָהרען 1870־1880.
לויט דעם צענזוס פון 1920, זיינען דאָ פאַראַן
1,610,113 פרעמדגעבאָרענע איטאַליענער. און
אויב מיר וועלען צו אָט דער צאָהל נאָך צו־
געבען די קינדער, וואָס זיינען געבאָרען גע־
וואָרען אין די פאַראייניגטע שטאַטען פון
איטאַליענישע עלטערען, 1,721,761, וועלען
מיר האָבען די צאָהל איטאַליענער 3,331,874.
ווייניגסטענס 70 פּראָצענט פון דער איטאַליע־
נישער באַפעלקערונג אין די פאַראייניגטע
שטאַטען וואוינען אויף דעם אַטלאַנטישען
ים־ברעג, כאָטש עס זיינען אויך פאַראַן א
סך וויכטיגע איטאַליענישע צענטערס אין
אָהייאָ, אילינאָי און אַנדערע צענטראַלע
שטאַטען, פּונקט ווי אין קאַליפאָרניע. נאָך

ניו יאָרק, איז פּענסילווייניע דער שטאַט
מיט דער גרעסטער איטאַליענישער באַפעלקע־
רונג. פולע 85 פּראָצענט פון די איטאַליע־
נישע אימיגראַנטען זיינען אין איטאַליע גע־
ווען באַשעפטיגט ביי ערד ארבייט, און נאָר
אַרום 15 פּראָצענט פון זיי זיינען געווען באַ־
שעפטיגט אין אינדוסטריע. דאָ איז דאָס
פּונקט פאַרקערט, ווייל נאָר 15 פּראָצענט פון
די איטאַליענער אימיגראַנטען האָבען זיך
פארנומען מיט אגריקולטור.

א סך אינדוסטריען דאָ זיינען דער רעזול־
טאַט פון איטאַליענישען אונטערנעמונגס־
גייסט און איניציאַטיוו. די זייד־אינדוסטריע
איז צוערשט איינגעפיהרט געוואָרען פון אי־
טאַליענער, און אפילו איצט ליגט זי אויך
כמעט אינגאַנצען אין איטאַליענישע הענט.
דער אימפּאָרט פון באַנאַנעס און אַנדערע טראָ־
פּישע פרוכטען ווערט קאָנטראָלירט פון אי־
טאַליענער. די בוי־אינדוסטריע און קאָנ־
טראַקטינג אין דער איסט ווערט אין אַ גרוי־
סער מאָס אָנגעפיהרט פון איטאַליענער. די
איטאַליענער זיינען אויך פּראָמינענט אין
אויפבּרענגען פרוכטען און אין די קענערים
אין קאַליפאָרניע. אין ניו יאָרק זיינען פאַ־
ראַן 80,000 איטאַליענער, וואָס זיינען באַ־
שעפטיגט אין די „נאָדעל" אינדוסטריען אַלס
שניידער, קאַטערס, דעזיינער, א. אַז. וו. עס
זיינען פאַראַן א סך איטאַליענישע בעקער
און קיכער, זעהר פיל בריקלייערס און קאַר־
פּענטערס און לייבאָרערס פון כל המינים.

די איטאַליענישע פּרעסע איז בכלל נאָך
גאַנץ נייַ דאָ אין לאַנד, דאָך איז שוין אין
1849 אַרויסגעגעבען געוואָרען אַן איטאַליע־
נישע צייטונג אין דער שטאָדט ניו יאָרק.
די ערשטע איטאַליענישע טעגליכע צייטונג
איז אַרויסגעגעבען געוואָרען אין סאַן פראַנ־
ציסקאָ אין 1880, און אין דעמזעלביגען
יאָהר האָט אין ניו יאָרק אָנגעהויבען ערשיי־
נען די „איל פּראָגרעסאָ איטאַלאָ־אַמעריקאַ־
נאָ". איצט זיינען אין דער שטאָדט ניו־
יאָרק פאַראַן דריי טעגליכע צייטונגען מיט א
צירקולאַציע פון 225,000 קאָפּיעס. אַלע גרוי־
סע שטעדט האָבען איטאַליענישע טעגליכע
צייטונגען. איבער'ן גאַנצען לאַנד זיינען
איצט פאַראַן 148 איטאַליענישע צייטונגען.
צעהן פון זיי זיינען טעגליכע, און די אי־
בעריגע זיינען האַלב־וועכענטליכע, וועכענט־
ליכע, האַלב־מאָנאַטליכע און מאָנאַטליכע.

דער „אָרדער אָוו דהי סאָנס אָוו איטאַלי",

וואָס איז געגרינדעט געוואָרען אין 1804, איז די גרעסטע איטאַליענישע אָרגאַניזאַציע דאָ אין לאַנד און איז פאַרשפּרייט איבער דרייסיג שטאַטען, און איהר גאַנצע מיטגלידערשאַפט איז 200,000.

אין דער פינאַנץ־וועלט זיינען עטליכע איטאַליענער באַקאַנט אַלס באַנקירען, אין דער זייד־אינדוסטריע ווייס יעדער איינער דזשורילי בראָדערס, די עלטסטע זייד־אימפּאָרטעס. און די פאַמיליע די־דזשאָרדזשיא איז צווישען די רייכסטע פרוכט־אימפּאָרטער. דזשוליאָ גאַטי־גאזאזא, דער דירעקטאָר פון מעטראָפּאָליטען אָפּערא הויז, און אַטיליא פּיטשירילי, דער סקולפּטאָר, האָבען געגעבען אַמעריקע מוזיק און קונסט.

פינען

די ערשטע פינען זיינען אָנגעקומען אין די פאַראייניגטע שטאַטען אין די דרייסיגער יאָהרען פון 17טען יאָהרהונדערט, אינאיינעם מיט די שוועדישע קאָלאָניסטען. דער ערשטער דאטום פון זייער אָנקומען איז, אפשר, געווען דער יאָהר 1638. די ערשטע אַלגעמיינע אימיגראַציע פון פינען אין די פאַראייניגטע שטאַטען האָט זיך ניט אָנגעהויבען ביז שפּעט אין 19טען יאָהרהונדערט, אין די אַכציגער און ניינציגער יאָהרען. עס איז שווער צו באַשטימען זייער צאָהל דאָ אין לאַנד פאַר 1900, ווייל אין 19טען יאָהרהונדערט האָט מען זיי גערעכענט פאַר רוסען. לויט דעם צענזוס פון 1920, איז די צאָהל פינען דאָ אין לאַנד, איינשליסענדיג דעם ערשטען דור, 296,276.

די הויפּט באַשעפטיגונג פון דער פינישער באַפעלקערונג איז פאַרמינג. די פינען זיינען באַקאַנט אַלס פּיאָנערען אין פאַרמינג אין צפון מישיגען און צפון מינעסאָטא. אין פאַרלויף פון ווינטער פלעגען אָט די פּיאָנערען געוועהנליך אַרבייטען אַלס לאָמבערדזשעקס אָדער מיינערס. אין די שטעדט איז די הויפּט באַשעפטיגונג פון די פינען — סטאָלעריי. זעהר א סך פינען זיינען אויך פאַרטראָטען אין אַנדערע פאַכען: זיי זיינען מעכאַניקער, מאַשיניסטען, קעבינעט־מייקערס, שניידער. א היבשע צאָהל פינען אַרבייטען אַלס מאַטראָזען, און אין מעין און אין די פּאַציפישע שטאַטען אָרעגאָן און וואַשינגטאָן זיינען אַ גרויסע צאָהל פישערלייט פינען.

די פינישע פּרעסע אין די פאַראייניגטע שטאַטען באַשטעהט נאָר פון 15 צייטונגען, אחוץ א קליינער צאָהל זשורנאַלען און רעליגיעזע צייטשריפטען. ניט קוקענדיג אָבער אויף דער קליינער צאָהל פינישע פּעריאָדישע אויסגאַבען, האָבען די פינען ניט ווייניגער פון זעקס טעגליכע צייטונגען, און, מיט דער אויסנאַם פון צוויי, ווערען אַלע פינישע צייטונגען מעהר ווי איינמאָל א וואָך געדרוקט.

די גרעסטע פינישע אָרגאַניזאַציע דאָ אין לאַנד איז א רעליגיעזע. „די ריטער פון קאַלעוואַ" און „די דאַמען פון קאַלעוואַ" איז אַ נאַציאָנאַלע בענעפיט־און־געזעלשאַפט אָרגאַניזאַציע. זי האָט לאדזשען אין יעדער געמיינדע, ווי קליין די צאָהל פינען אין איהר זאָל ניט זיין. צווישען די טיפּישע אָרגאַניזאַציעס, וואָס די פינען אין די פאַראייניגטע שטאַטען האָבען געגרינדעט, זיינען די צאָהלרייכע קאָאָפּעראַטיווע געזעלשאַפטען און אַסאָציאַציעס. קאָאָפּעראַציע איז זעהר שטאַרק פאַרשפּרייט צווישען די פינען, און דער געדאַנק וועגען קאָאָפּעראַציע איז אָנגעווענדט אין זעהר פיל געביטען: עס זיינען פאַראַן פינישע קאָאָפּעראַציעס פון געבוידעס, בעקעריען, רעסטאָראַנען, טעלעפאָן־קאָמפּאַניעס, עלעוואַטאָרען, קענערים, און אפילו פון פאַרמעריי.

רוסען

די רוסען האָבען געפּרואווט קאָלאָניזירען קאַליפאָרניע נאָך פאַר דער רעוואָלוציאָנערער מלחמה, אין מיטען פון אַכטצעהנטען יאָהרהונדערט, אָבער עס איז פון די קאָלאָניעס גאָרניט געוואָרען. די גרויסע רוסישע אימיגראַציע האָט זיך אָנגעהויבען אין די לעצטע יאָהרען. אַ לאַנגע צייט האָט די רוסישע רעגירונג געמאַכט די עמיגראַנטען אַלערליי שוועריגקייטען. די עמיגראַציע באַשרענקונגען זיינען שטרענג דורכגעפיהרט געוואָרען ביז אַרום 1860. דעמאָלט האָט מען טיילווייז אַראָפּגענומען דעם פאַרבאָט. הונדערטער רוסישע אינטעליגענטען האָבען זיך דעמאָלט אַרויסגעלאָזען קיין אייראָפּא. אַ טייל פון זיי, מעהרסטענס פּאָליטישע פּליטים, זיינען אָנגעקומען אין די פאַראייניגטע שטאַטען.

די עמיגראַציע פון די רוסישע פּויערים האָט זיך אָנגעהויבען אין 1890, ווען אַרום 10,000 רוסען האָבען זיך באַזעצט אין די

דאַקאָטאָס אויף רעגירונגס לאַנד. דאָס זיינען געווען סעקטאַנטען, וואָס זיינען געקומען אַהער זוכען רעליגיעזע פרייהייט. אַן אַנדער גרופּע סעקטאַנטען, די אַזוי גערופענע „מאָלאָקאנער״ (וואָס האָבען אָנגעהאַלטען אַ מילך דיעטע), האָבען זיך באַזעצט אין קאַליפאָרניע אין די יאָהרען 1909 — 1906. נאָך זיי זיינען געקומען פויערים און אַרבייטער פון די מערב און דרום פּראָווינצען פון רוסלאַנד. דעם העכסטען פונקט האָט די רוסישע אימיגראַציע דערגרייכט אין די יאָהרען 1914—1910. דער אָפיציעלער צענזוס פון 1920 גיט אָן די צאָהל געבאָרען אין רוסלאַנד, אָדער פון רוסיש-געבאָרענע עלטערען, 2,715,842, און פון רוסישע סלאַווען — 731,949. די לעצטע צאָהל איז, ווייזט אויס, איבערטריבען. דאָ זיינען מסתמא צוגערעכענט געוואָרען אַ סך רוסישע אידען, רוסישע פּאָליאַקען און די פיל טויזענטער קארפּאטא-רוסען, אונטערטאַנען פון דער פריהערדיגער עסטרייך-אונגאַרישער אימפּעריע, וואָס האָבען זיך געלאָזט רעגיסטרירען אַלס רוסען. די גרעסטע צענטערס, וואו די רוסען זיינען צונויפגעזאַמעלט, זיינען די אינדוסטריעלע צענטערס פון דער איסט און פון דער מיטעל-וועסט. די מעהרסטע פון די נייע אָנגעקומענע אין די לעצטע יאָהרען זיינען געווען פליכטלינגען פון סאָוויעט רוסלאַנד: געוועזענע לאַנדבאַזיצער, סוחרים, באַאַמטע א. אַז. וו.

אפשר אַכציג פּראָצענט פון די רוסען הויבען אָן זייער קאַריערע אין אַמעריקע אַלס אַרבייטער. רוסען זיינען צושפּרייט איבער פאַרשידענע ערטער אין פּענסילווייניע, וואו זיי אַרבייטען אין די קוילען מינען. אַ סך זיינען באַשעפטיגט אין די שטאָל פאַבריקען און אין דער געהילץ אינדוסטריע אין מישיגען און וואַשינגטאָן. איינגע זיינען לאָנגשאָרמען אָדער דאַק אַרבייטער אין ניו יאָרק און אין אַנדערע אַמעריקאַנער פּאָרטען. די קוואַליפיצירטע רוסישע אַרבייטער האָבען געפונען באַשעפטיגונג אין דער אויטאָמאָביל אינדוסטריע, אין פּאַפּיר און גלאָז פאַבריקען, אין דער קליידער אינדוסטריע פון ניו יאָרק, פילאַדעלפיע און שיקאַגאָ, אין דער פויד דרעסינג און בריסל דרעסינג אינדוסטריע. די מאַיאָריטעט געהערען צו אַרבייטער יוניאָנס און באַקומען יוניאָן שכירות.

די פליכטלינגען, וואָס זיינען ערשט ניט לאַנג אָנגעקומען, נעמען לייכטערע אַרבייט: אין קענדי און ביסקאַט פאַבריקען, אין האָטעלען, רעסטאָראַנען א. אַז. וו. איבער 30,000 רוסען אַרבייטען אויף פאַרמס. די רוסישע פאַרמערס האָבען אַהער אַריבערגעבראַכט מיט זיך אַ סך אַגריקולטורעלע פּראָדוקטען, אַזוי ווי די „קובאַנקא״ און „אַרנאַוטקא״ ווייץ, רוסישע קאָרן און די זון בלום. אָט די פּראָדוקטען פון די רוסישע סטעפּעס ווערען איצט קולטיווירט פון אַמעריקאַנער פאַרמערס אין די מערב'דיגע שטאַטען.

עס איז אַן אינטערעסאַנטער פאַקט, אַז די ערשטע רוסישע וועכענטליכע צייטונג אין די פאַראייניגטע שטאַטען איז פינאַנסירט געוואָרען פון דער היגער רעגירונג, כדי צו אַמעריקאַניזירען די אַלאַסקער „אָפּגעקויפטע בירגער״, און דער רעווערענד אגאַפּי גאָנטשאַרענקאָ, אַ ראַדיקאַל און אַ רעפּובליקאַנער, איז אָפּגעפאָהרען קיין סאַן פראַנציסקאָ אויסצופיהרען אָט די מיסיע. יענע צייטונג איז אַרויסגעגעבען געוואָרען האַלב אין רוסיש און האַלב אין ענגליש. רעווערענד גאָנטשאַרענקאָ האָט זיך אָבער אַזוי ענערגיש אַריינגעוואָרפען אין דער אַרבייט אָפּצורייסען די סענטימענטען פון די אָרטיגע רוסען פון צאַריזם, אַז איינפאַך אויס דיפּלאָמאַטישער העפליכקייט האָט די רעגירונג געמוזט צוריקציהען איהר סובסידיע. איצט ווערען אין די פאַראייניגטע שטאַטען אַרויסגעגעבען 26 רוסישע צייטונגען, אַיינשליסענדיג פינף טעגליכע: איינע אין שיקאַגאָ און פיר אין ניו יאָרק.

מען זאָגט, אַז אַ רוסישער אַרכיטעקט האָט צוגעגרייט דעם פּלאַן פון קאַרנעגיע האָל. אין אָט דעם און אין אַנדערע אַמעריקאַנער קונסט טעמפּלען האָט מען אין די לעצטע יאָהרען ענטוזיאַסטיש אויפגענומען צעהנדליגער רוסישע אַרטיסטען, און זיי האָבען גאָר אָהן ספק שטאַרק באַאיינפלוסט דאָס גייסטיגע און עסטעטישע לעבען אין אַמעריקא. פּיעסען פון דעם מאָסקווער קונסט טעאַטער, געזאַנג פון שאַליאַפּין, טענץ פון אַננאַ פּאַוולאָווא און מוזיק פון צעהנדליגער רוסישע באַרימטהייטען זיינען דאָ געוואָרען אַ געוועהנליכע ערשיינונג.

פּאָליאַקען

פּוילישע עמיגראַציע קיין אַמעריקע האָט זיך אָנגעהויבען נאָך אין מיטען פון זיבעצעהנטען יאָהרהונדערט. דעמאָלט איז דאָס

אָנגעקומען אַהער מאַרטין זבאָראָווסקי (זאַבריסקי), פון וועמען עס האָט זיך אָנגעהויבען די עלטסטע פוילישע פאַמיליע דאָ אין לאַנד. ער האָט זיך באַזעצט אין העקענסעק, ניו דזשורזי. די ערשטע באַוועגונג קיין אַמעריקע האָט זיך אָנגעהויבען ערשט נאָך די ניט געלונגענע אויפשטאַנדען פון 1830 און 1863. פון יענער צייט אָן האַלט די פוילישע אימיגראַציע אין איין וואַקסען און זי דערגרייכט איהר העכסטען פונקט אין 1912 — 1913, ווען 174,365 פּאָליאַקען זיינען אַריינגעלאָזען געוואָרען אין די פאַראייניגטע שטאַטען. אַרום דרייסיג פּראָצענט פון אָט די אימיגראַנטען האָבען זיך באַזעצט אויף פאַרמס.

די גרעסטע צאָהל פּאָליאַקען זיינען אין די טעקסטיל פאַבריקען פון ניו ענגלאַנד און אין די מינען און שטאָל פאַבריקען פון פענסילווייניע און אַרום פענסילווייניע, אין שניידער שעפּער און שוך פאַבריקען. אויך אין געשעפטען און אין די פּראָפעסיעס געפינען מיר אַ סך פּאָליאַקען.

לויט דעם צענזוס פון 1920, געפינען זיך אין די פאַראייניגטע שטאַטען 1,139,979 פּוילישע אימיגראַנטען. עס ווערט געשאַצט, אַז אין אַמעריקע געפינען זיך אַרום דריי מיליאָן פּאָליאַקען. די גרעסטע פּוילישע צענטערס זיינען שיקאַגאָ, דעטראָיט, באָפאַלאָ, מילוואָקי, קליוולאַנד, פּיטסבורג, און די אומגעגענט, פילאַדעלפיא, באָסטאָן און באַלטימאָר.

שיקאַגאָ איז דער גרעסטער פּוילישער צענטער אין אַמעריקע, מיט העדקוואָרטערס פון אַזעלכע פּוילישע אָרגאַניזאַציעס, ווי דער פּוילישער נאַציאָנאַלער פאַרבאַנד מיט 170.000 מיטגלידער, דער פּוילישער רוימיש־קאַטוילישער בונד, און דער פּוילישער פרויען פאַרבאַנד, די גרעסטע פרויען אָרגאַניזאַציע דאָ אין לאַנד. אַרום און אַרום זיינען פאַראַן ביי אַ 10,000 פּוילישע אָרגאַניזאַציעס, געזעלשאַפטען און קלובען אין די שטאַטען.

די פּוילישע פּרעסע אין אַמעריקע איז גאַנץ גרויס. עס זיינען פאַראַן 21 טעגליכע צייטונגען, און 55 וועכענטליכע און צוויי־וועכענטליכע צייטשריפטען. די צירקולאַציע פון דער גאַנצער פּוילישער פּרעסע דאָ איז אַרום אַ מיליאָן און אַ האַלב.

נאָרוועגיער

ליף עריקסאָן האָט אין דעם יאָהר 1,000 אַנטדעקט אַמעריקע. דער ערשטער פּערזון צו באַזעצען זיך דאָ איז געמאַכט געוואָרען פון טאָרפין קאַרלסעפני און אַ קאָמפּאַניע פון 160 מענשען לעבען איצטיגען באָסטאָן, און די קאָלאָניע האָט עקזיסטירט דריי יאָהר, פון 1003 ביז 1006. זיי האָבען ניט געקאָנט באַשטעהן אַנטקעגען די ווילדע, וואָס האָבען זיי אַטאַקירט מיט פאַר׳סמ׳טע פיילען. קיין פייער געוועהר זיינען נאָך דעמאָלט ניט געווען, האָט מען די נאָרסמען גיך פאַרטריבען. די „צווייטע אַנטדעקונג“, איז פאָרגעקומען, ווען דער נאָרוועגישער קאַפּיטאַן יאָהאַנעס סקאָלוואוס האָט געלאַנדעט אויף דעם ברעג פון לאַבראַדאָר אין יאָהר 1467. די עקספּעדיציע איז אויסגעשטאַטעט געוואָרען פון דעם קעניג פון דענמאַרק אויף דער בקשה פון דעם פּאָרטוגעזישען קעניג, וועלכער האָט באַקומען אַ פולשטענדיגען באַריכט פון דער רייזע אין 1463.

אין די קאָלאָניאַלע צייטען זיינען אַ סך נאָרוועגיער אָנגעקומען צוזאַמען מיט די האָלענדער קיין ניו אַמסטערדאַם און מיט די שוועדען אויפ׳ן דעלעווער. זיי האָבען זיך שנעל אַסימילירט, און אַ סך פון זיי האָבען אָנגענומען האָלענדישע נעמען. די נייע נאָרוועגישע אימיגראַציע האָט זיך אָנגעהויבען אין 1825. פון 1825 אָן ווערט די נאָרוועגישע אימיגראַציע געשאַצט צווישען 800,000 און אַ מיליאָן. נאָרוועגיע האָט געגעבען די פאַראייניגטע שטאַטען מעהר אימיגראַנטען, אין פּראָפּאָרציע צו איהר באַפעלקערונג, איידער יעדער אַנדער לאַנד, חוץ אירלאַנד. עס ווערט געשאַצט, אַז עס געפינען זיך איצט אין די פאַראייניגטע שטאַטען איבער צוויי מיליאָן מענשען פון נאָרוועגישער אָפּשטאַמונג. די צאָהל נאָרוועגיש געבאָרענע פּערזאָנען דאָ אין לאַנד איז, לויט דעם צענזוס פון 1920, געווען 363,863.

עס זיינען געווען צוויי מינים אימיגראַציעס פון נאָרוועגיער, אַ שטאָטישע און אַ דאָרפישע. פולע אַכציג פּראָצענט פון אַלע נאָרוועגיער דאָ אין לאַנד זיינען פאַרנומען מיט אַגריקולטור, ביי געהילץ און וואַלד אַרבייטען, פישערייען און די הירשען אינדוסטריע פון אַלאַסקאַ.

די נאָרוועגיער זיינען טיף רעליגיעז אין דעם זין, וואָס זיי האָבען אַ טיפע אַכטונג פאַר אַלע גייסטיגע זאַכען און אַן איינגעוואָרצעלטען דרך ארץ פאַר דער קירך פון זייערע אבות, דער לוטעראַנישער. דער קירכליכער באָארד און עדיוקיישאָן האַלט אויס איבער צוואַנציג שו־

לען, אקאדעמיעס און קאלעדזשעס פאר ביידע געשלעכטער. די גרעסטע בילדונג אינסטיטוציעס זיינען לוטער קאלעדזש, אין דעקארא, איאווא, און סט. אלאף קאלעדזש, אין נארטפילד, מינעסאטא. די מיטגלידערשאפט פון דער נארוועגישער קירך איז 700,000. נמאר איין ניט רעליגיעזע ארגאניזאציע איז פאראן, וואס נעמט ארום דאס גאנצע לאנד, — דער פראטוירנאל ארדער „ברידער פון נארוועגיע" און „שוועסטער פון נארוועגיע", וואס האט ארום צוויי הונדערט לאדזשעס פון ניו יארק ביז אלאסקא און א מיטגלידערשאפט פון ארום .15,000

דער שטאדטישער מין אימיגראציע האט אנגעהויבען ווערען גרוים אין סוף זיבעציגער און אנהויב אכציגער יאהרען. דא געהען אריין געניטע בעלי מלאכות, קארפענטערס, פיינטערס ,עלעקטריק ארביטער, מאשיניסטען, דרוקער, בוכבינדער, קעבינעט מייקערס און א סך אנדערע מינים קוואליפיצירטע בעלי מלאכות. אין די לעצטע יאהרען זיינען אהער אנגעקומען א סך נארוועגיער מיט א הויכער טעכנישער בילדונג, ווי למשל, בריק אינזשיניערען, עלעקטרישע אינזשענערען און עקספערטען אין דער אנטוויקלונג פון וואסערוועגען. די היגע נארוועגישע פרעסע באשטעהט פון צוויי טעגליכע און ארום דרייסיג אנדערע צייטונגען, האלב וועכענטליכע און מאנאטליכע, טרייד זשורנאלען און אלגעמיינע פאמיליען, רעליגיעזע און ליטערארישע צייטשריפטען. די פרעסע איז בכלל קאנסערוואטיוו, נאר אין פאליטישע ענינים איז זי פראגרעסיוו. די גרעסטע נארוועגישע שטעדט דא אין לאנד זיינען ניו יארק, שיקאגא, מינעאפאליס, פארגא און סעאטעל.

דענער

דער דענישער קעניג האט געהערט די באריכטען פון האדסאנ'ס רייזע אין 1609 און האט ארויסגעשיקט שיפען אונטער קאפיטאן יענס מונק קיין אמעריקע, צו פרואווען געפינען א דורכגאנג, וואס זאל זיין א קורצער וועג קיין אינדיע. מונק האט געלאנדעט אין האדסאן בעי און האט פארנומען דאס לאנד אין נאמען פון דעם קעניג פון דענעמארק. ער האט אויפגעבויט א נייע קאלאניע, וועלכע ער האט א נאמען געגעבען נאווא דאניא, אדער ניי־דענמארק, אבער אלערליי שווערקייטען און קראנקהייטען האבען באלד געמאכט א סוף צו דעם פארזוך צו גרינדען א דענישע קאלאניע אין אמעריקע. אין 1639 האבען יאנאס בראנק און זיינער א פריינד באשלאסען צו באזעצען זיך אין דעם לאנד, וואס הענרי האדסאן האט געפונען, די צוויי פאמיליעס, זיינען אפגעפאהרען נאך ניי אמסטערדאם און האבען גענומען לאנד אין יענעם טייל פון דער שפעטערדיגער שטאדט ניו יארק, וואס איז איצט באקאנט מיט'ן נאמען בראנקס, נאכ'ן נאמען פון די צוויי קאלאניסטען. נאך זיי זיינען געקומען אנדערע דענישע פאמיליעס, און דערמאלט, פונקט ווי איצט, פלעגען דענישע מאטראזען פארלאזען פריוואטע פראכט שיפען און זיך באזעצען אין אמעריקע.

פון יאהר 1820 אן הויבט זיך אן די אימיגראציע פון דענישע פארמערס. פאר יענער צייט זיינען די אימיגראנטען געווען מעהרסטענס מאטראזען אדער אוואנטוריסטען. אין פארלויף פון אט די צעהן יאהר זיינען געגרינדעט געווארען די ערשטע דענישע געזעלשאפט, די ערשטע דענישע צייטונג און די ערשטע דענישע קאלאניע. די גאנצע צאהל דעניש־אמעריקאנער אימיגראנטען איז ארום ,325,000 און פון זיי וואוינען דא איצט .190,000 צוזאמען מיט די קינדער, וואס זיינען דא געבארען געווארען פון דענישע עלטערען איז זייער צאהל .467,000 די מעהרסטע פון זיי, ארום ,105,000 זיינען אין דער מיטעל וועסט. די צאהל פארמערס דענישע אדער פון קינדער פון דענער איז .40,000

דייריאינג (מילך פראדוקציע) איז אנאנדער גרויסער געביט, וואו דענער הערשען. די ערפינדונג און עקספערימענטען פון דענישע וויסענשאפטסלייט און די ערפינדונג פון דעם קרים סעפערייטאר האבען איינגאנצען רעוואלוציאניזירט די מילך, פוטער און קעז אינדוסטריע. און די דענישע דייריליים, וואס האבען אהער אימיגרירט און האבען דא געפונען א פארם אינדוסטריע, האבען זיך באלד גענומען גרינדען דייריס נאך דעם דענישען מוסטער. נאך איצט זיינען די דייריס אין א סך געגענטען פון לאנד אין דענישע הענט.

ליטווינער

לויט דעם ליטווישען היסטאריקער סימאנאס דאוקאנטאס, זיינען די ערשטע ליטווינער אנגעקומען אין אמעריקע אין 1688. צו יענער צייט זיינען די ארעמע אין ליטע גע־

ווען זעהר געדריקט פון די רייכע, און כדי צו אנטלויפען פון קנעכטשאפט, האבען זיי פארלאזען זייער פאטערלאנד. אין 1850, ווען אין ליטע איז אויסגעפאלען א הונגער יאהר, איז געקומען קיין אמעריקא א גרויסע ליטווישע אימיגראציע. נאך 1863, דעם יאהר פון דעם צווייטען פ ו י ל י ש ע ן אויפשטאנד געגען רוסלאנד, האבען א סך ליטווינער גענומען לויפען פון די פארפאלגונגען פון דער רוסישער רעגירונג, און נאטירליך האבען זיי זיך געקעהרט צו דער נייער וועלט. אין יאהר 1867-8, איז געווען אין ליטע א צווייטער הונגער יאהר. זיינען די ענערגישע יונגעלייט געלאפען גרופענווייז פון דער ארמעע אין אמעריקע. אט די ערשטע אימיגראנטען האבען זיך באזעצט אויף פארמס ביי דער שטאדט ניו יארק און אין דער ארומיגער געגענט. באלד, אבער, זיינען זיי צוגעצויגען געווארען צו דער ארבייט ביים בויען וועגען אין פענסילווייניע און שפעטער צו דער מינען אינדוסטריע.

דער אפיציעלער צענזוס וועגען ליטווינער גיט אן די צאהל: 135139. 450000 ליטוויש געבארענע וואלט געווען א ריכטיגערע צאהל. די צאהל ליטווינער אין אמעריקע ווערט געוועהנליך געשאצט פון 700,000 ביז 800,000, און פון אט דער צאהל זיינען ווייניגסטענס 30 פראצענט אמעריקאנער געבארענע.

די גרעסטע קאלאניע, מיט ארום 75,000 ליטווינער, איז שיקאגא, אילינאי. אין אילינאי זיינען פאראן 150,000 ליטווינער, די מעהרסטע ליטווינער זיינען לייבארערס און קליינע ביזנעסלייט. זיי זיינען באשעפטיגט אין גרויסע צאהלען אין די סטאק-יארדס, די מינען און אין די אייזען און שטאל פאבריקען. זיי זיינען אויך טעקסטיל וועבער, זייד וועבער, דאק ארבייטער, שניידער, און א סך זיינען באשעפטיגט אין די אויל און צוקער רעפיינעריס און אין די שוך פאבריקען. ארום 25,000 ליטווינער זיינען פארמערס, און ארום 3000 געפינען זיך אין די געהילץ אינדוסטריען.

עס זיינען פאראן 11 מאנאטליכע, 1 האלב מאנאטליכע, 9 וועכענטליכע, 1 דריי מאל א וואך, 2 האלב וועכענטליכע און 3 טעגליכע ליטווישע צייטונגען, און 1 מאנאטליכע אויסגאבע אין ענגליש. עטליכע פון די גרויסע נאציאנאלע ארגאניזאציעס האבען זייערע אייגענע צייטונגען.

עס זיינען פאראן ארום 21 צענטראלע ליטווישע ארגאניזאציעס אין אמעריקע מיט א מיטגלידערשאפט פון 473,000. חוץ דעם זיינען פאראן 125 רעליגיעזע געמיינדעס, יעדער איינע מיט ארום 10 לאקאלע געזעלשאפטען ,פון וועלכע אייניגע זיינען פארבונדען מיט דער קירך און אנדערע ניט. אלע ליטווישע רעליגיעזע געמיינדעס און קריסטליךדעמאקראטישע נאציאנאלע ארגאניזאציעס זיינען מיטגלידער פון דער ליטווישער פעדעראציע פון אמעריקע, וועלכע איז די צענטראלע קערפערשאפט פון אלע ליטוויש-קאטוילישע ארגאניזאציעס. די פעדעראציע רעכענט, אז זי האט 500,000 מיטגליער.

אידישע אימיגראציע קיין אמעריקע פון 1881 ביז 1925

אין די יאהרען 1881—1898 זיינען אנגעקומען אין די פאראייניגטע טאטען 533,478 אידישע אימיגראנטען.

אין די יאהרען 1889—1907 איז די צאהל, אידישע אימיגראנטען (אראפרעכענענדיג די ,וואס זיינען צוריק ארויסגעפאהרען) געווען 829,244.

אין די יאהרען 1908—1295 איז די צאהל צוגעקומענע אידישע אימיגראנטען געווען 956,292.

דער סך הכל פון די צוגעקומענע אידישע אימיגראנטען פאר די יאהרען 1881—1925 איז 2,319,104.

דאס נייע געזעץ פון 1924, וואס באשרענקט די צאהל אימיגראנטען, ערלויבענדיג נאר א קוואטא פון 2 פראצענט אויפ'ן באזיס פון די צאהלען פון 1890, האט שוין אין דער צווייטער העלפט פון 1924 שטארק פארקלענערט די צאהל אידישע אימיגראנטען אין די פאראייניגטע שטאטען.

די וויכטיגסטע אַמעריקאַנער אינדוסטריען

וואו געפינען זיך די אַמעריקאַנער אינדוסטריען?

מיר וועלען דאָ בקיצור איבערגעבען די געאָגראַפישע קאַרטען פון די וויכטיגסטע אַמעריקאַנער אינדוסטריען. די אינדוסטריען זיינען דאָ אַראַנזשירט אין אַלפאַבעטישער אָרדנונג לויט זייערע נעמען.

די שטאַט, וואָס פּראָדוצירט די גרעסטע מאַסע אַגריקולטורעלע אינסטרומענטען, איז ראַסין, וויסקאָנסין. דער צווייטער וויכטיגער פּלאַץ איז מאָלין, אילינאָי, און ספּרינגפילד, מאַסאַטשוזעטס, פאַרנעמט דעם דריטען אָרט.

דער גרעסטער אויטאָמאָביל צענטער איז דעטראָיט, מישיגען. דערנאָך קומען אין דער אָרדנונג פון וויכטיגקייט קליוולאַנד, אָהייאָ, אינדיאַנאַפּאָליס, אינדיאַנא, און שיקאַגאָ, אילינאָי.

די וויכטיגסטע שטאָט אין דער שוך פּראָדוקציע איז בראָקטאָן, מאַסאַטשוזעטס. דערנאָך קומען: לין, מאַס., סט. לואיס, מיזורי, הייווערהיל, מאַס., די שטאָט ניו יארק, באָסטאָן, מאַס., און מאַנטשעסטער, ניו העמפּשייר.

גומענע שטיוועל ווערען פּראָדוצירט הויפּטזעכליך אין די שטאַטען מאַסאַטשוזעטס און קאָנעטיקוט.

צווישען די שטעט, וואָס פאַבריצירען מעש, בראָנז און קופּער, איז די ערשטע וואָטערבורי, קאָנעטיקוט, און נאָך וואָטערבורי קומען דעטראָיט, מישיגען, די שטאָט ניו יארק און שיקאַגאָ, אילינאָי.

די פּראָדוקציע פון פּוטער, קעז און קאָנדענסירטע מילך, געהט אָן צום גרעסטען טייל אין די שטאַטען וויסקאָנסין און ניו יארק. עס זיינען אָבער אויך פאַראַן גרויסע אונטערנעמונגען אַזעלכע אין מינעסאָטא, מישיגען, אָהייאָ, אילינאָי, אייאָווא און קאַליפאָרניע.

קעונינג און פּריזורווינג ווערט אָנגעפיהרט אין אַ סך שטאַטען, אָבער הויפּטזאכליך אין קאַליפאָרניע, ניו יאָרק, מערילענד, ניו דזשוירזי, פּענסילוויינייע, אילינאָי, אינדיאַנא, וואשינגטאָן, מעין און אָרעגאָן.

די וויכטיגסטע אינדוסטריעלע פירמעס, וואָס פּראָדוצירען מענער קליידער, אייגשליסענדיג העמדער, געפינען זיך אין דער שטאָט ניו יארק, אין שיקאַגאָ, אין באַלטימאָר, אין פילאַדעלפיע און אין ראָטשעסטער.

פרויען קליידער ווערען געמאַכט הויפּטזעכליך אין דער שטאָט ניו יארק, אין פילאַדעלפיע און אין שיקאַגאָ.

ניו בעדפאָרד, מאַס., איז דער גרויסער צענטער פון דער קאַטאַן (באַוועל) אינדוסטריע אין די פאַראייניגטע שטאַטען. דערנאָך קומען אין דער אָרדנונג פון וויכטיגקייט: פאָל ריווער, מאַס., פּאַטאַקעט, ראָוד איילענד, לאָועל, מאַס., פילאַדעלפיע, לאָורענס, מאַס., פּאַסעיק, נ. דזש., יוטיקאַ, נ. י., באַלטימאָר, מערילאַנד און גאַסטאָניע, נאָרטה קאַראָליינאַ.

סיגארען און סיגארעטען ווערען הויפּטזעכליך פאַבריצירט אין דער שטאַט ניו יארק, אין ריטשמאָנד, ווירדזשיניא, טאמפּא, פלאָרידא און פילאדעלפיע.

קוילען ווערען געגראָבען אין מעהר ווי א העלפט שטאַטען פון לאַנד. אנטראציט, וואָס ווערט אין דער איסט באַנוצט פאר היימישע צוועקען, ווערט אויסגעגראָבען אין פענסילווייניא, ארום סקרענטאָן און ווילקעסבאר. ווייכע קוילען מינען געפינען זיך הויפּטזעכליך אין פענסילווייניע, ועסט ווירדזשיניע, אילינאָי, אָהייאָ, קענטאָקי, אינדיאנא, אלאַבאמא, קאָלאָראדאָ, ווירדזשיניא, ווייאָמינג און אייאָווא.

עס איז דאָ איין שטאָט אין די פאראייניגטע שטאַטען, וואָס באַריהמט זיך מיט פּראָדוצירען מעהר קעלנער פון יעדער אנדער שטאָט. דאָס איז די שטאָט טראָי, ניו יאָרק, וואָס ווערט אויך אָנגערופען „קאלער טאַון”, די קאָלנער־שטאָט.

קופּער ווערט אויסגעגראָבען אין א סך שטאַטען, באַזונדערס אין מאָנטאנא, אַריזאָנאַ, מישיגען, יוטאַ, קאַליפאָרניע, טענעסי, קאָלאָראדאָ, איידעהאָ, ניו מעקסיקאָ, ווייאָמינג און נעוואדא.

פאבריקען, וואָס פּראָדוצירען עלעקטרישע מאַשינעריע, געפינען זיך מעהרסטענס אין שיקאַגאָ, קליוולאנד, ניו יארק, פילאדעלפיע, לין, מאס., און אין נוארק, נ. דזש.

די פישעריי אינדוסטריען ווערען אָנגעפיהרט ביי די צפון ברעגען, אין מעין, מאַסאַטשוזעטס און ניו יארק, אין דער איסט, און אין אָרעגאן, וואשינגטאָן און קאַ־ ליפאָרניע, אין דער וועסט.

גלאָז פאבריקען באַגעגענט מען הויפּטזעכליך אין פילאדעלפיע און פּיטסבורג און אין קעמדען, נוארק, מילוויל און ווינלאנד, נ. דזש.

היט ווערען פאַבריצירט הויפּטזעכליך אין דענבורי, קאָנעטיקוט, און אין פילא־ דעלפיע און ניו יארק.

די שטאַטען וואָס פּראָדוצירען דעם גרעסטען טייל פון אונזער אייזען און שטאָל, זיינען פענסילווייניע, אָהייאָ, אינדיאנא, אילינאָי און ניו יארק. פּיטסבורג, פענסילווייניע, און קליוולאנד, אָהייאָ, זיינען די צוויי וועלט־באַרימטע צענטרען פון אייזען און שטאָל.

די פירמעס, וואָס פּראָדוצירען געשטריקטע אַרטיקלען געפינען זיך מעהרסטענס אין פילאדעלפיע, ניו יארק, אין רעדינג, פּא., מילוואָקי, וויס., יוטיקא און אמסטער־ דאַם, נ. י., און אין לאָועל, מאס.

לעדער ווערט פּראָדוצירט הויפּטזאכליך אין פילאָדעלפיע, מילוואָקי, שיקאַגאָ, נוארק, פּיבאָדי, מאס., און קעמדען, נ. דזש.

די הויפּט צענטערן פאר געהילץ און געהילץ פּראָדוקטען זיינען ווייט פאנאנדער־ געווארפען. אין דער נאָרד געפינען זיי זיך אין די שטאַטען וואשינגטאָן, אָרעגאָן און וויסקאָנסין, און אין סאוט זיינען זיי אין לואיזיאנא, מיסיסיפּי, ארקאנסא, אלאבאמא און נאָרטה קאראָליינא.

די מעהרסטע פּאַפּיר און האָלץ מאַסע ווערט פּראָדוצירט אין ניו יארק, מעין, מאַסאַטשוזעטס, וויסקאָנסין, מישיגען, פענסילווייניע, אָהייאָ און ניו העמפּשיר.

פּעטראָלעאום ווערט ראַפינירט הויפּטזעכליך אין ניו דזשוירזי, ווייטער אין טעקסאַס, קאַליפאָרניע, פענסילווייניע, אָקלאהאָמא און לואיזיאנאַ.

וויכטיגע פּאַטערים (מעפּערייען) געפינען זיך אין טרענטאָן, ניו דזשוירזי, און אין קעמדען, נוי דזשוירזי.

גומי ארטיקלען ווערען פראדוצירט הויפּטזעכליך אין אייקראן, אייהא, און אין טרענטאן, ניו דזשוירזי.

די מעהרסטע אמעריקאנער שיפּבוי יארדס געפינען זיך אין ניו דזשוירזי, פּענ־סילווייניע, וואשינגטאן און ניו יארק.

זיידנעס ווערט פראדוצירט מעהר ווי אומעטום אין פּענסילווייניע, ניו דזשוירזי, ניו יארק און קאנעקטיקוט. פּעטערסאן, נ. דזש., איז די שטאט, וואס איז באריהמט מיט איהר זיידענס פאבריקאציע. די שטאט ניו יארק איז די צווייטע, און דערנאך קומט אלענטאון, פּא.

שלאכטהייזער און פלייש פאקערייען געפינען זיך הויפּטזעכליך אין שיקאגא, קענזעס סיטי, אמאהא, נעב., ניו יארק, סיו סיטי, אינדיאנאפּאליס און סט. לואיס.

די צענטערן פון דער וואל און וואוסטער מאנופאקטור זיינען אין לאורענס, מאס., פילאדעלפיע, פּראווידענס, ראוד איילענד, און פּאסעיק, נ. דזש.

די פּאפּיר אינדוסטריע.

די פאראייניגטע שטאטען זיינען ניט נאר דער גרעסטער פּראדוצירער, נאר אויך דער גרעסטער קאנסומער פון פּאפּיר אויף דער וועלט. אין 1922 האט מען דא אין לאנד פּראדוצירט איבער 7,000,000 טאן פון פאר־שידענע מינים פּאפּיר, וואס באטרעפט פּונקט ארום א העלפט פון דער גאנצער אלוועלטלי־כער פּראדוקציע. כאטש אין 1922 איז די צאהל פּאפּיר פאבריקען, 726, געפאלען אויף 51, אנטקעגען 1909, דעם יאהר פון דעם לעצטען צענזוס פאר דער מלחמה, איז אבער די צאהל באשעפטיגטע ארבייטער געשטיגען כמעט אויף 40 פּראצענט. פאר דער זעלביגער צייט האט די סומע, וואס איז אויסגעצאהלט געווארען אין שכירות, זיך כמעט פארדריי־פאכט, און דער ווערט פון דעם פּראדוקט האט זיך פארגרעסערט צוויי און א האלב מאל.

אלערליי מינים האלץ, אזוי גוט ווי שמא־טעס, אלטע שטריק, גראזען און אפּפאל פּאפּיר ווערען פארוואנדעלט אין טייג, פון וועלכען מען מאכט פארשידענע סארטען פּאפּיר.

לויט דעם אינדוסטריעלען צענזוס פון 1921, וואס איז גענומען געווארען אין די פאראייניגטע שטאטען, פארנעמען די פּאפּיר און די דרוקעריי אינדוסטריען איינאיינעם דעם זעקסטען ארט צווישען די פערצעהן גרעסטע אינדוסטריען לויט דעם ווערט פון די ארויסגעגעבענע פּראדוקטען. די גרופּע שליסט איין די פּראדוקציע פון פּאפּירענע קעסטלאך און זעקלאך, אזוי גוט ווי דרוקע־רייען און צייטונגס־פארלאגען. דער צענזוס פון 1921 גיט ניט אן דעם קאפּיטאל, וואס איז אריינגעלעגט געווארען, אבער לויט דעם צענזוס פון 1919 באטרעפט דער גאנצער קא־פּיטאל, וואס איז אריינגעלעגט געווארען אין פּאפּיר אין דרוקעריי 2,382,111 דאלאר, און א העלפט פון אט דער סומע ליגט נאר אין די פּאפּיר און פּאפּיר־טייג פאבריקען אליין. אין 1921 האבען אט די פאבריקען באשעפטיגט איבער 105,000 ארבייטער, וואס האבען צוזא־מען באקומען שכירות 127,000,000 דאלאר, בעת 445,000,000 דאלאר איז ארויסגעגעבען געווארען אין פארטיגע פּראדוקטען אויף 667,000,000 דאלאר.

אין 1922 זיינען פּראדוצירט געווארען אין די פאראייניגטע שטאטען 7,000,000 טאן פּאפּיר פון 1691 מאשינען, אנטקעגען די 1545 מאשינען אין 1919 און די 1480 אין 1909. אין די 1691 האבען פּראדוצירט כמעט 75 פּראצענט פון דער אפּגעשאצטער פּראדו־ציר־פעהיגקייט פון 9,560,000 טאנס. מעהר פון אלץ האט מען פּראדוצירט קארדאן, ווייל אלערליי פּאפּיר קעסטלאך ווערען באנוצט אין פּאקען סיריעלס, צוקער, א. ז. וו. די פאדע־רונג אויף פּאפּיר איז אבער אזוי גרויס, אז א סך פּאפּיר מוז אימפּארטירט ווערען. אזוי האט מען אין 1922 אימפּארטירט פּאפּיר אויף 85,000,000 דאלאר, פון וועלכער סומע 72,000,000 דאלאר האט רעפּרעזענטירט דעם קאסט פון איבער א מיליאן טאן צייטונג פּאפּיר. דערנאך קומען פּאק פּאפּיר און בוך פּאפּיר, בעת די אנדערע מינים פּאפּירען האבען אויך זעהר פיל באטראפען.

אַייזען און שטאָל אינדוסטריע.

אמעריקע איז דאָס ערשטע לאַנד אויף דער וועלט אין דער פאַבריצירונג פון אייזען און שטאָל. זי פּראָדוצירט ביז פופציג פּראָצענט און מעהר פון דעם גאַנצען אייזען און שטאָל, וואָס ווערט פּראָדוצירט. די אמעריקאַנער אַייזען אינדוסטריע קאָן איצט אַרויסגעבען איבער פופציג מיליאָן טאָן פיג־אייראָן יעהרליך און כמעט זעכציג מיליאָן טאָן שטאָל אינגאָט. פון דעם לעצטען קומט ארויס יעדער מין פון שטאָל און אייזען פּראָדוקטען. די גרויסע וואָלקענקראַצערס פון די אמעריקאַנער שטעט און די געביידעס פון פערציג און פופציג שטאָק ווערען אויפגעשטעלט פון אַ זעהר הויכען און ווערטפולען מין אייזערנע פאַלקענס און שטאַנגען. אויטאָמאָבילען, וואָס ווערען איצט פּראָדוצירט אין די טויזענטער יעדע וואָך, פון וועלכע מען צעהלט איצט שוין איבער זיבעצעהן און א האַלב מיליאָן אין די פאַראייניגטע שטאַטען, באַשטעהן אין זייערע הויפּט טיילען פון שטאָל און וואָלטען אָהן דער שטאָל אינדוסטריע ניט געקאָנט פּראָדוצירט ווערען אינגאַנצען. די ארום 15 מיליאָן טעלעפאָנען, וואָס געפינען זיך איצט אין אמעריקע, זיינען טיילוויז געמאַכט פון שטאָל. און אָט אזוי זעהן מיר, ווי פון די גרעסטע מאָנסטער מאַשינען און ביז צו דער קלענסטער שפּילקע איז דאָס אמעריקאַנער געשעפטליכע לעבען באַזירט און ווערט אויפגעהאַלטען פון דער אמעריקאַנער מעטאַל אינדוסטריע, וואָס איז די גרעסטע אויף דער וועלט. דעם ערשטען אָרט אין דער אייזען און שטאָל אינדוסטריע פאַרנעמט די פאַראייניגטע שטאַטען, ווייל דאָס לאַנד איז זעהר רייך אין קוילען מיט וועלכע מען באַהייצט די גרויסע אויוועגס וואו מען שמעלצט מעטאַל, און עס איז דאָ אויך פאַראַן זעהר א סך אייזען ערץ, קאַלך און אַנדערע מאַטעריאַלען פאַר די גרויסע שמעלצאויוועגס.

פּיטסבורג, וואָס איז זעהר נאָהענט צו די קוילען מינען אין דעם אָסטליכען שטאַט פּענסילווייניע, איז געוועזן דער ערשטער גרויסער אייזען און שטאָל צענטער און איז נאָך אַלץ די ערשטע שטאָדט אין דער אינדוסטריע. אַנדערע צענטערען זיינען אויסגעוואַקסען אביסעל ווייטער אין מערב, אין קליוולאַנד, אָהייאָ, און אין שיקאַגאָ, אילינאָי, וואָס געפינען זיך גענוג נאָהענט און צווישען די קוילען מינען פון מזרח און די ערץ מינען אין דער מיטעלוועסטליכער מינעסאָטאַ. נאָך אַנדערע קלענערע צענטערס פון דער מעטאַל אינדוסטריע זיינען צושפּרייט אין די דרומ׳דיגע און וועסטליכע שטאַטען אויך, אַ דאַנק די צופעליגע גינסטיגע לאָקאַלע באַדינגונגען.

ארום און ארום זיינען פאַראַן איבער דריי טויזענט דריי הונדערט באַזונדערע שטאָל פּלענטס, פון וועלכע ארום 140 האָבען די נויטיגע אויסשטאַטונגען פאַר בלעסט פּורנעסעס און כמעט 500, וואָס האָבען ראָלינג־מילס. די אַנדערע 2600 פאַבריקען גיבען ארויס ספּעציעלע פּראָדוקטען, אַזעלכע דראַט, רעהרען, פאָרדזשינגס, קייסטינגס, באָלטס, נאַטס, א. ז. וו. די 3300 פּלענטס באַשעפטיגען איבער 400,000 ארבייטער פון די אומגעניטסטע אַרבייטער ביז די העכסט קוואַליפיצירטע מעכאַניקער און מעטאַלורגישע אינזשענירען. די פּראָדוקטען פון אַלע פּלענטס זיינען אינאיינעם ווערט ארום 2,750,000 דאָלאַר יעהרליך. צורעכענענדיג יעדע פאַבריק, וואָס מאַכט פון אייזען און שטאָל פּוינערע פאַרענדיגטע אַרטיקלען, אזוי ווי מאַשינען און זייערע טיילען, זיינען ביי היינטיגען טאָג פאַראַן אין די פאַראייניגטע שטאַטען מעהר פון פופצעהן טויזענט פאַרשידענע פאַבריקען, וואָס האָבען א נאָהענטע שייכות מיט דער אייזען און שטאָל אינדוסטריע, און וואָס באַשעפטיגען ארום א מיליאָן מיט דרייסיג טויזענט ארבייטער. זיי גיבען יעהרליך ארויס פּראָדוקטען וואָס ווערען געשאַצט ארום 6,000,000,000 דאָלאַר.

די ארבייטער וואָס זיינען באַשעפטיגט אין דער אמעריקאַנער מעטאַל אינדוסטריע, זיינען מעהרסטענס פרעמד־געבאָרענע. א סך פון זיי קומען פון דרום לענדער פון אייראָפּע. אייניגע קומען פון מעקסיקאָ, חוץ דעם ווערען צו דער מעטאַל אינדוסטריע צוגעצויגען אויך נעגערן פון די דרום שטאַטען. די פאַרדינסטען פון די ארבייטער אין אָט דער אינדוסטריע זיינען א סך העכער פון די פאַרדינסטען פון ארבייטער אין אַנדערע לענדער. למשל, אין דעם יאָהר 1923 האָבען ארבייטער באַקומען פון 40 ביז 60 סענט א שעה, און די מעהר קוואַליפיצירטע ארבייטער האָבען פאַרדינט ביז 1.25 דאָלאַר אַ שעה.

די אמעריקאַנער אייזען און שטאָל אינדוסטריע האָט אַ טאָפּעלטע באַדייטונג. ערשטענס, איז זי דער ערשטער באַזיס פון פאַב־

ריקאַציע און פאַרקער אין די פאַראייניגטע שטאַטען. זי גיט די וויכטיגסטע מאַטעריאַלען און מאַשינען אויף צוזאַמענשטעלען פּלענטס און פאַר פאַבריצירונג פּראָצעסען. זי שטעלט צו רעלסען פאַר די שטאָלענע וואַגאָנען פאַר די 260,000 מייל אייזענבאַן אין די פאַראייניגטע שטאַטען. צוליב איהר ווערען אויך יעהרליך אריבערגעשיקט פיל מיליאָנען טאָן מאַטעריאַלען אויף די אייזענבאַנען. צוויי־טענס, גיט די מעטאַל אינדוסטריע באַשעפטיגונג אויף פאַרהעלטניסמעסיג גוטע שכירות איבער אַ מיליאָן ארבייטער, דאָס הייסט, איבער פינף מיליאָן נפשות, רעכענענדיג זייערע פאַמיליעס. מיט איין וואָרט, די מעטאַל אינדוסטריע איז איינע פון די הויפּט פאַקטאָרען, וואָס מאַכען אַמעריקע פאַר דאָס פאָרגעשריטענסטע און רייכסטע קאָמערציעלע לאַנד.

די אייזענבאַהן אינדוסטריע.

די גרעסטע איינצעלנע אינדוסטריע אין די פאַראייניגטע שטאַטען זיינען די אייזענבאַנען. דער קאַפּיטאַל אליין, וואָס איז אין זיי אריינגעלעגט געוואָרען, באַטרעפט צעהנדליגע ביליאָנען דאָלאַר. באַשעפטיגט זיינען ביי די פאַרשידענע אייזענבאַן אַרבייטען אַ פּאָר מיליאָן מענשען, און די יעהרליכע סומע פון זייערע שכירות באַטרעפט ארום דריי ביליאָן דאָלאַר. אין די רייהען פון דער אייזענבאַן ארמיי זיינען פאַראַן צעהן מאָל אזוי פיל מענשען ווי אין דער ארמיי, וואָס טראָגט אין צייט פון פרידען די יוניפאָרמס פון אָנקעל סעם. און זייער ארבייט איז יעדענפאַלס פונקט אזוי וויכטיג, ווי די ארבייט פון די, וואָס טראָגען געוועהר.

רעכענענדיג אלע דאָפּעלטע, דרייפאַכיגע און פירפאַכיגע הויפּט טרעקס, האָט דאָס לאַנד 379,000 מייל פון אייזענבאַן ליניעס. דאָס וואָלט געווען גענוג צו מאַכען פופצעהן מאָל ארום דער ערד ביים עקוואַטאָר אייזענבאַן ליניעס.

אין 1921 האָבען די אַמעריקאַנער אייזענבאַנען געפיהרט 1,690,700,000 טאָנס פראַכט, חוץ 1,034,000,000 פּאַסאַזשירען, לויט דעם באַריכט פון דער אינטערסטייט קאָמוירס קאָמישאָן. פאַר דעם האָבען זיך געפאָדערט 2,316,000 פראַכט וואַגאָנען און 54,000 וואַגאָנען פאַר פּאַסאַזשירען און 64,500 דאַמף לאָקאָמאָטיווען צו שלעפּען די צוגען. ווען אָט די ריזיגע באַוועגונג זאָל זיך אָפּשטעלען כאָטש נאָר אויף איין טאָג, וואָלט דאָס געמוזט פיהרען צו אַ קאַטאַסטראָפע. און ווען מען זאָל זי אינגאַנצען אָפּשטעלען איז גאָר אוממעגליך זיך פאָרצושטעלען דעם כאַאָס, וואָס דאָס וואָלט פאַראורזאַכט.

אָט די גאַנצע וואונדערליכע נעץ פון אייזענבאַנען, וואָס דערגרייכט אין יעדען ווינקעל פון לאַנד, איז אויפגעבויט געוואָרען אין משך פון זעכציג יאָהר. פאַר דעם בירגער קריג האָט אַמעריקע געהאַט ניט מעהר ווי 31,000 מייל ליניע, כמעט דורכאויס אין איסט. די ערשטע טראַנס־קאָנטינענטאַלע אייזענבאַן איז ניט אָנגעהויבען געוואָרען פאַר 1863 און איז ניט געענדיגט געוואָרען פאַר 1869.

די אייזען מינעס פון מינעסאָטא זיינען פאַראייניגט מיט די קוילען מינען פון פּען־מיטעל וועסט און די פרוכט גערטנער פון מיטעל וועסט און די פרעכט גערטנער פון קאַליפאָרניא זיינען פאַראייניגט מיט די גרויסע מאַרקעטס פון ניו יאָרק און אַנדערע אינדוסטריעלע און קאָמערציעלע צענטערס. היינט צו טאָג קאָן מען אויסטוישען סחורות צווישען צוויי פונקטען אויף דער גאַנצער ברייט פון די פאַראייניגטע שטאַטען, און דאָס זאָל קאָסטען נאָך ווייניגער, איידער עס האָט געקאָסט צווישען צוויי פאַרהעלטניסמעסיג נאָהענטע פונקטען מיט הונדערט יאָהר צוריק.

איצט ווערען די נויטען און באַדערפנישען פון די 106 מיליאָן אַמעריקאַנער אזוי גוט באַזאָרגט, אַ דאַנק די אַמעריקאַנער אייזענבאַנען, אַז וואַשינגטאָנער בירגער עסען ווינטער צייט סטראָבעריס, וואָס זיינען ערשט מיט פיר טעג צוריק געוואַקסען אין פלאָרידא, און פלאָרידא בירגער קאָנען אין דער זעלביגער צייט לייענען ניו יאָרקער צייטונגען, וואָס זיינען נאָך ניט אַלט קיין 48 שעה; און מענשען קאָנען פאָהרען פון איין ברעג ים צום צווייטען אין זעהר באַקוועמע וואַגאָנען אין פיר און אַ האַלב טעג. אָבער דאָס איז נאָך ניט אַלץ. אַ דאַנק די אייזענבאַנען ווערען יעהרליך געבראַכט אַמעריקאַנער שפּייזען און אַנדערע סחורות, אין ווערט פון פיר ביליאָן דאָלאַר, אין די פּאָרטען, כדי אריבערגעשיקט צו ווערען מיט שיפען אין אויסלאַנד.

דער גרויסער עקספּאָרט טרייד פון לאַנד איז אין גאַנצען באַזירט אויף די אייזענבאַ־

נען. אָהן זיי וואָלט דאָס לאַנד געווען פונקט אַזאַ קליינער פאַקטאָר אין אינטערנאַציאָנאַלער קאָמערץ, ווי ווען אַלע שיפען פון אַלע זיבען ימים וואָלטען געזונקען געוואָרען.

די אויטאָמאָביל אינדוסטריע.

די אויטאָמאָביל אינדוסטריע פאַרנעהמט דעם דריטען אָרט אין די פאַראייניגטע שטאַטען. יעדעס יאָהר ווערט דאָ אין לאַנד פאַרקויפט מאָטאָר־קאַרס און מאָטאָר־טראָקס פאַר מעהר ווי אַנדערטהאַלבען ביליאָן דאָלאַר. דאָס איז אַ גרעסערע סומע, ווי דאָס געלד, וואָס ווערט יעהרליך אויסגעגעבען אויף באַוועלסחורות, אויף מעהל, אויף שיך, אָדער אויף יעדען אַנדערען אַרטיקעל, אויסער פלייש, אייזען און שטאָל. פלייש־פעקלונג איז די גרעסטע אַמעריקאַנער אינדוסטריע, נאָך איהר די באַוועל און וואָול אינדוסטריע און די פראָדוקציע פון אייזען און שטאָל און אַרטיקלען, וואָס ווערען געמאַכט פון אייזען און שטאָל. די אויטאָמאָביל אינדוסטריע איז אַזוי גרויס, אַז זי נעמט אין זיך אריין אויך אַנדערע געשעפטס־צווייגען. די פאַבריקאַנטען פון אויטאָמאָבילען פאַרברויכען 22 פראָצענט פון אַלומיניום, 12 פראָצענט פון קופער און 40 פראָצענט פון שפּיגעל־גלאָז, וואָס ווערט פראָדוצירט אין די פאַראייניגטע שטאַטען, און אויך 80 פראָצענט פון דער וועלט׳ס קויטשוק־פראָדוקציע. עס איז באַרעכענט געוואָרען, אַז 2,431.400 פערזאָנען זיינען דירעקט באַשעפטיגט אין דער אויטאָמאָביל־אינדוסטריע. 256,000 פון זיי אַרבייטען אין אויטאָמאָביל־פאַבריקען, 250,000 אין פעקטאָריס, וואָס מאַכען אויטאָמאָביל־טיילען און 236,000 אין גאַראַזשעס. די איבעריגע זיינען סיילסליים, שאָפערס און אַרבייטער אין אינדוסטריעס, וואָס שטעלען צו מאַטעריאַלען פאַר די אויטאָמאָביל־פאַבריקען.

צוליעב דעם וואוקס פון אויטאָמאָביל־געשעפטען זיינען פאָרגעקומען גרויסע ענדערונגען אין די וואוינונגס־ערטער פון דער באַפעלקערונג אין די פאַראייניגטע שטאַטען. מיט צעהן יאָהר צוריק פלעגען די מייסטע מענשען אין לאַנד וואוינען ביי באַהן־ליניעס אָדער נאָהענט פון באַהן־ליניעס. איצט ציהען זיי איבער אין וויטערע געגענדען, און באַנוצען זיך מיט מאָטאָר־קאַרס. אַכט און צוואַנציג עלעקטרישע אייזענבאַהנען געברויכען אויטאָמאָביל־באָסעס אַלס אַ פאַרלענגערונג פון זייערע ליניעס. מערילענד האָט נײַנציג אַזעלכע באָס־ליניעס. זעקס און צוואַנציג קלענערע אייזענבאַהנען באַנוצען מאָטאָר־באָסעס, וואָס לויפען אויף שינעס. אין דער נאַכבאַרשאַפט פון ניו יאָרק אַנטשטעהען נייע וואוינונגס־הייזער אַלץ ווייטער און ווייטער, און די רעגיסטראַציע פון מאָטאָר־קאַרס אין די פאַרשטעטישע באַצירקען האַלט אין איין וואַקסען. פאַמיליעס, וואָס פלעגען צאָהלען הויכע רענט אין שטאָט, האָבען אַ מעגליכקייט צו נעהמען ביליגע וואוינונגען ווייט אין די פאָרשטעט, און צו קויפען אויטאָמאָבילען פאַר דעם אָפּגעשפּאָרטען געלט.

דער אויטאָמאָביל האָט אויך פאַראורזאַכט אַ גרויסע ענדערונג אין אַמעריקאַנער דאָרפישען לעבען. דער היינטיגער פאַרמער האָט אַלע פאָרצוגען פון אַ פאַרהעלטניסמעסיג פרייען לעבען אויף דער אָפענער לופט, און אויסערדעם, קען ער אויך געניסען פון דעם שטאָטישען לעבען, ווייל דער אויטאָמאָביל מאַכט פאַר איהם מעגליך צו באַזוכען די גרויסע שטעט, וואָס געפינען זיך אין דער אומגעגענט, אַזוי אָפט ווי ער וויל נאָר. ער קאָן בעסער פיהרען זיינע געשעפטען אַרום־פאָהרענדיג מיט דער קאַר, ער קען פאָהרען אין שטאָדטישע טעאַטערס, זיין אין שטאָדט אויף לעקציעס און אַנדערע פאַרוויילונגען. ער האָט אַ בעסערע מעגליכקייט צו בילדען זיינע קינדער, ווי עס האָבען געהאַט זיינע עלטערען און זיידעס. פריהער פלעגען פאַרם־קינדער מוזען געהן אין קליינע דאָרפישע שולען, וואָס האָבען געהאַט ווייניג שילער און נאָר איין לעהרער, ווייל די שטרעקעס צווישען די דערפער זיינען געווען צו גרויס, אַז קינדער פון פאַרשידענע פאַרמס זאָלען זיך קענען צוזאַמענקומען. היינט אָבער, אַ דאנק דעם אויטאָמאָביל, ווערען אָרגאַניזירט גרויסע סקולס אין צענטראַל־פלעצער, און דאָרט ווערען געבראַכט קינדער פון נאָהענט און פון ווייט. די צענטראַלע סקוהלס, וואָס ווערען אויסגעהאַלטען פון פיעל פאַרמערס, זיינען אין דער לאַגע צו האָבען גרויסע און באַקוועמע געביידעס, און אַזוי פיעל לעהרער, ווי עס פאָדערט די צאָהל קינדער.

די פאַרמערס געברויכען מעהר אויטאָמאָבילען, ווי יעדער אַנדער קלאַס פון דער אַמעריקאַנער באַפעלקערונג. אין די שטאַטען,

וואו לאַנדווירטשאַפט איז אַם מייסטענס אַנטוויקעלט, ווי צום ביישפיל אין איאָוואַ, סאוטה דאַקאָטא און נעבראַסקא, קומט אויס איין אויטאָמאָביל־אייגענטימער אויף יעדע פינף פערזאָן. איין דריטעל פון אַלע קאַרס אין די פאַראייניגטע שטאַטען געפינט זיך אין די פאַרם־געגענטען.

די עקאָנאָמישע און אינדוסטריעלע רעזולטאַטען פון דער אַנטוויקלונג פון דער אויטאָמאָביל־אינדוסטריע אין דעם לעצטען פערטעל יאָהרהונדערט איז שווער אפילו פאָרצושטעלען זיך. פון זינט 1898 איז די צאָהל אויטאָמאָבילען אין פּראָפּאָרציע צו דער באַפעלקערונג געשטיגען פון איין קאַר אויף יעדע 18,000 פערזאָנען ביז איין קאַר אויף יעדע 8 פערזאָן. אויף יעדען פּראַכט־קאַר און פּאַסאַזשיר־וואַגאָן אין די פאַראייניגטע שטאַטען זיינען פאַראַן פינף אויטאָמאָבילען.

די אויטאָמאָביל־אינדוסטריע באַשעפטיגט דירעקט איבער אַ מיליאָן מענשען און אומדירעקט נאָך צוויי אָדער דריי מאָל אזוי פיל. זי קויפט דעם גרעסטען טייל פּלייט־גלאָז, וואָס ווערט פּראָדוצירט אין לאַנד, אַ גרויסע מאַסע אייזען און שטאָל, דעם גרעסטען טייל אַלומיניום און אַ גרויסע מאַסע לעדער, און די אייזענבאַהנען גיט זי מעהר פראַכט צו פיהרען, איידער זי נעמט פון זיי אַוועק.

די לייכטקייט, מיט וועלכער די אויטאָמאָבילען פאָהרען גרויסע שטרעקען, האָט פאַראורזאַכט גרויסע ענדערונגען אין לעבען פון פאָלק. די שטעט צוואוואקסען זיך, און עס איז געוואָרען מעגליך פאַר אַרבייטער אין די גרויסע שטעט צו לעבען אויפ׳ן לאַנד און זיך באַנוצען מיט אַלע פארטיילען פון לעבען אויפ׳ן לאַנד און ווינטערען אין שטאָט, אַזוי ווי ביליגערע רענט און בעסערע לעבענס־באַדינגונגען בכלל. אַן עהנליכע ענדערונג איז צו מערקען אויף די פאַרמס. 65 פּראָצענט פון די פאַרמערס אין פּענסילוויינא האָבען זייערע אייגענע אויטאָמאָבילען, און אין אַנדערע שטאַטען איז דער פּראָצענט אומגעפעהר דערזעלביגער.

די טעקסטיל אינדוסטריע.

די טעקסטיל־אינדוסטריע איז די צווייטע פון די אינדוסטריעס אין יונייטעד־סטייטס. גרעסער פון איהר איז די שפּייז־אינדוסטריע, און נאָך איהר קומט די אייזען און שטאָהל־אינדוסטריע.

דער גאַנצער ווערט פון טעקסטיל־פּראָדוקטען אין די יונייטעד־סטייטס איז אַרום זיבען ביליאָן דאָלאר, און אין 1919 איז זי געווען איבער ניין ביליאָן דאָלאר, און מעהר ווי אַ נייִנטער טייל פון דעם ווערט געשאַפען פון די וואָהל־מאַנופעקטשורס.

דאָס לעצטע יאָהר האָבען די פאַבריקען פון יונייטעד־סטייטס פאַרברויכט 625 מיליאָן פונט וואָהל. די פאַראייניגטע שטאַטען האָבען 36 מיליאָן שאָף, די גרעסטע צאָהל פון אַלע לענדער, מיט דער אויסנאַם פון אויסטראַליע. די פאַראייניגטע שטאַטען פּראָדוצירען אָבער ווייניגער פון אַ העלפט וואָהל, וואָס מיר דארפען האָבען. אין 1922 איז אונזער וואָהל־פּראָדוקציע געווען 261 מיליאָן פונט. דער רעשט פון דעם נויטיגען וואָהל פאַר אונזערע פאַבריקען איז געוואָרען אימפּאָרטירט פון אויסטראַליע, ניו זעלאַנד און אַרגענטינע. דער גרעסטער טייל פון דעם פיינעם וואָהל, וואָס מיר אימפּאָרטירען, קומט פון יענע לענדער, הגם מיר באַקומען וואָהל אויך פון בריטיש סאוטה אַפריקע און פון אַנדערע ערטער. מיר אימפּאָרטירען אויך א געוויסען טייל גראָבע וואָהל פון אויסטראַליע, ניו זעלאַנד און אַרגענטינע, אום עס צו פאַרמישען מיט דעם פיינעם וואָהל און צו פּראָדוצירען די ביליגסטע וואָהל־פּראָדוקטען. מיר באַקומען אויך אַ גרעבערען וואָהל פון אַזיע, קליין־אַזיע אַריינגערעכענט. די אַזיאַטישע שעפּסען זיינען מעהר עהנליך צו אַ באָק ווי די שעפּסען פון נאָרד אָדער סאוטה אַמעריקע, אָדער אייראָפּע, און זייער וואָהל ווערט הויפּטזעכליך געברויכט פאַר טעפּיכער און דעקעס.

דיזעלבע פאַקטאָרען, וואָס האָבען פאַרמינדערט די וואָהל־פּראָדוקציע אין אייראָפּע (שפּאַניע האָט פריהער געהאַט 40 מיליאָן שאָף און האָט איצט נאָר 20 מיליאָן), איז די אורזאַך, וואָס ברענגט מעהר און מעהר די שאָף פון איסט נאָך וועסט דאָ אין לאַנד. כאָטש מען האָט שאָף היינט אויך אין די מזרח שטאַטען, ווערען זיי אָבער מעהר קולטיווירט פאַר פלייש ווי פאַר וואָהל. נאַטירליך, אויך אַ פלייש־שאָף פּראָדוצירט וואָהל. אָבער ווען די שאָף ווערט דערצויגען פאַר פלייש, פּראָדוצירט זי ניט אזא רייכען וואָהל

און אַזוי פּיעל וואָהל, ווי די „מעדינאַ" און „טיילוויז מעדינאַ" שאָף, וואָס ווערען קולטיווירט הויפּטזעכליך פאַר וואָהל. דער מעדינאַ־שאָף געדייהט אַם בעסטען אויף ברייטע פעלדער, אַזעלכע ווי עס זיינען פאַראַן אין אויסטראַליע און אין איניגע מערב־שטאַטען. עס קאָסט אָבער צופיל צו קולטיווירען זיי אויף די טייערע פעלדער פון די מזרח שטאַטען.

די קלענערע צאָהל שאָף אין די פּאַראייניגטע שטאַטען קומט הויפּטזעכליך צוליעב דעם, דאָס ווען אַ באַפעלקערונג ווערט געדיכטער, ווערען אַנדערע פּראָדוקציעס מעהר פּראָפיט־ווערט, ווי שאָף קולטיווירונג. די וואָהל פאַבריקאַנטען באַמיהען זיך צו געפינען מיטלען, ווי אַזוי צו דערמונטערען שאָף־קולטיווירונג אויף קליינע פאַרמס אין קאָנקורענץ מיט דער גרויסער פּראָדוקציע פון די נייערע און ווענינער באַפעלקערטע לענדער, ווי אויסטראַליע, ניו זעלאַנד, אַרגענטינע און זיד־אַפריקע. אין אַמעריקע האָט זיך פאַר די לעצטע צוואַנציג יאָהר פאַרקלענערט די צאָהל שאָף אויף צוואַנציג מיליאָן.

די פּאַראייניגטע שטאַטען אימפּאָרטירען וואָהל־פּראָדוקטען פון אַנדערע לענדער אויף אַן ערך 20 מיליאָן דאָלאַר יעהרליך, און עקספּאָרטירען אומגעפעהר אויף דערזעלביגער סומע.

קאַטאָן (באַוועל) אינדוסטריע.

די סאוטה פון די פּאַראייניגטע שטאַטען האָט אין משך פון צוואַנציג יאָהר צוגעשטעלט אומגעפעהר דריי און זעכציג פּראָצענט פון דער וועלט'ס קאַטען. דער קאַטען וואַקסט אין טעקסאס, דזשאָרדזשיע, מיסיסיפּי, אַלאַבאַמאַ, ארקענסאַ, אָקלאָהאַמאַ, סאוטה־קאַראָליינע, נאָרטה קאַראָליינע און לואיזיאַנא, אויסגערעכענט אין דער רייהע לויט זייער גרעסטער פּראָדוקציע. אַ קלענערע קוואַנטיטעט וואַקסט אין טענעסי, מיזורי, פלאָרידא און ווירדזשיניע. אין די פּאַראייניגטע שטאַטען ווערט קאַטאָן זעהר ברייט קולטיווירט דורך דער אַרבייט פון נעגערס. די קולטיווירונג ווערט אַלץ וויסענשאַפטליכער און אינטענסיווער. מיט יאָהרען צוריק איז דער זאָט געזעעט געוואָרען מיט'ן האַנט, היינט ווערט די גאַנצע אַרבייט אויף'ן פעלד געטאָן דורך מאַשינערי. אַמאָל פלעגט דער אַרבייטער טאָן זיין אַרבייט געהענדיג, אָבער היינט קאָן די גאַנצע אַרבייט געטאָן ווערען פון אַ רייטענדען פלאַנצער.

ביז צום היינטיגען טאָג אָבער איז דאָס זאַמלען פון דעם קאַטאָן נאָך כמעט אינגאַנצען אָפּהענגיג פון האַנט־אַרבייט. דאָס איז נאַטירליך אַ לאַנגזאַמער פּראָצעס, וואָס פאָדערט אַ סך הענט. איניגע מינים מאַשינען „קאַטאָן־קלייבער" זיינען ערפונדען געוואָרען און מען הויבט זיי אָן צו באַנוצען.

אונטער דעם איצטיגען סיסטעם פון קאַטאָן־פאַרקויף, פיהרט דער פאַרמער זיין קאַטאָן צום שפּינען אין אַ מין נעץ אויף אַ וואָגען מיט צוויי פערד. דער לאָקאַלער „נעץ" טיילט אָפּ דעם פלאַקס צום שפּינען פון דעם זאָט, וואָס ווערט געברויכט פאַר דעם בוים־אויל און פּאַקט איהם אין קופּעס צו 500 פונט יעדערע. די פּעק ווערען אָפטמאָל פאַרקויפט צו דעם לאָקאַלען קויפער צום שפּינען, אָדער דער פאַרמער פיהרט איהם אַוועק אין אַ נאָהענטען לאָקאַלען מאַרקעט און פאַרקויפט איהם. דער לאָקאַלער אויפקויפער פון זיין זייט פאַרקויפט דעם קאַטאָן צו אַ גרעסערען אויפקויפער אין אַ גרעסער שטאָט און שיקט עס צו איהם מיט דער באַהן. דער גרעסערער אויפקויפער זאַמעלט אָן די קליינע פּעק קאַטאָן פון די פאַרשידענע לאָקאַלע פונקטען און פאַרקויפט עס צו די קאַטאָן־פאַבריקען אין דעם לאַנד אָדער צו אַן עקספּאָרטירער, וואָס שיקט עס אַוועק נאָך אויסלאַנד. ווען דער קאַטאָן איז פאַרקויפט צו אַן עקספּאָרטירער, ווערען די פּעק אַזוי געפּרעסט, אַז ווען זיי קומען אָן אין האַפען, פאַרנעהמען זיי אַ העלפט פון דעם פּלאַץ, וואָס זיי וואָלטען פאַרנומען ניט געפּרעסטערהייט. ווען דער קאַטאָן קומט אָן אין אויסלאַנד, ווערט ער פאַרקויפט צו שפּינערס, וועלכע אַרבייטען פון דעם אויס וואָהל־פאָדים און פאַרקויפען עס צו וועבער. די לעצטע מאַכען פון דעם שטאָף, וועלכער ווערט פאַרקויפט צו קליידער־פאַבריקאַנטען, וואָס אַרבייטען שוין אויס פאַרשידענע קליידער.

ניט נאָר פּראָדוצירט אַמעריקע מעהר קאַטאָן פון אַלע אַנדערע לענדער צוזאַמענגענומען, נאָר דער אַמעריקאַנער קאַטאָן איז בעסער פאַר אַלגעמיינע שפּינערייען, איידער דער קאַטאָן, וואָס וואַקסט אין וועלכען־ניט־איז אַנדער לאַנד. די לענג, פאָרם און כאַראַק־

טער פון דעם פאָדים איז פּונקט אזוי, ווי עס פאָדערט זיך צו מאַכען די סאָרטען פון קאַטאָן־שטאָף, וועלכע מען פאַרלאַנגט מעהר פון אַלץ, און דערפאַר ווערט דער אַמעריקאַנער קאַטאָן געברויכט אין אַלע לענדער פון דער וועלט.

די קליידער אינדוסטריע.

אין אַ סך אַמעריקאַנער אינדוסטריען זיינען אידען זעהר שטאַרק פאַרטראַטען, און אין איניגע זיינען זיי אפילו דער הערשענדיגער עלעמענט. אזא אינדוסטריע איז, קודם כל, די אינדוסטריע פון מענער און פרויען קליידער. חוץ וואָס די איבערוועגענדיגע מעהרהייט פון די אַרבייטער זיינען אידישע, ליגען די מעהרסטע אונטערנעמונגען אויך אין די הענט פון אידישע בעלי־בתים. אזוי, אז די קליידער־אינדוסטריע ווערט מיט רעכט באַטראַכט פאַר אַ אידישע.

אין דער אַמעריקאַנער קליידער־אינדוסטריע האָבען מיר צוויי גרויסע אידישע סאָציאַליסטישע יוניאָנס, די אינטערנעשאָנאַל גאַרמענט וואָירקערס יוניאָן (פרויען קליידער) און די אַמאַלגאַמייטעד קלאָדינג וואָירקערס אָוו אַמעריקא (מענער קליידער), וואָס זיינען דער שטאָלץ סיי פון דער אידישער אַמעריקע און סיי פון דער גאַנצער אַמעריקאַנער אַרבייטער־באַוועגונג.

1) די מענער קליידער אינדוסטריע.

די מענער קליידער אינדוסטריע האָט, לויט די צענזוס־ציפערען, געהאַט אין 1921 — 4.539 אונטערנעמונגען. די צאָהל פאַבריקען אין 1919 איז געווען 5,258, און אין 1914 — 4,830.

עס זיינען אין דער אינדוסטריע געווען באַשעפטיגט: אין 1921 — 165,206 אַרבייטער, אין 1919 — 175,270, און אין 1914 — 173,747.

שכירות איז צו די ארבייטער אויסגעצאָהלט געוואָרען: אין 1921 — 881,511־201 דאָלאַר, אין 1919 — 197,821,990 דאָל., און אין 1914 — 86,828,077 דאָלאַר.

דער גאַנצער קאָסט פון די מאַטעריאַלען אין דער מענער קליידער־אינדוסטריע איז געווען: אין 1921 — 447,544,615 דאָלאַר, אין 1919 — 605,752,176 דאָל., און אין 1914 — 230,031,690 דאָלאַר.

דער ווערט פון די פאַרטיגע פּראָדוקטען איז געווען: אין 1921 — 934,776,275 דאָלאַר, אין 1919 — 1,162,985,633 דאָלאַר, און אין 1914 — 458,210,985 דאָלאַר.

2) די פרויען קליידער אינדוסטריע.

די פרויען קליידער אינדוסטריע האָט, לויט די זיזעלביגע צענזוס ציפערען, געצעהלט אין 1921 — 1,061 פאַבריקען, אין 1919 — 1,711, און אין 1914 — 5,564.

אַרבייטער זיינען אין דער אינדוסטריע געווען באַשעפטיגט: אין 1921 — 144,865, אין 1919 — 165,640, און אין 1914 — 168,907.

די שכירות פון די אַרבייטער האָט באַטראָפען: אין 1921 — 185,082,108 דאָל., אין 1919 — 195,295,834 דאָלאַר, און אין 1914 — 92,573,642 דאָלאַר.

דער קאָסט פון די מאַטעריאַלען אין דער אינדוסטריע האָט באַטראָפען: אין 1921 — 567,810,452 דאָל., אין 1919 — 406,844־680 דאָל., און אין 1914 — 252,345,040 דאָל.

דער ווערט פון די פאַרטיגע פּראָדוקטען האָט באַטראָפען: אין 1921 — 742,796־1,022 דאָל., אין 1919 — 1,208,543,128 דאָל., און אין 1914 — 473,888,354 דאָל.

צו דער קליידער אינדוסטריע דאַרף נאָך צוגערעכענט ווערען די בוים־וואָהל אינדוסטריע, וועגען וועלכער דער צענזוס גיט אָן די פאָלגענדע ציפערען:

אין 1921 זיינען אין דער אינדוסטריע געווען 37 פאַבריקען, אין 1919 — 107 פאַבריקען, און אין 1914 — 139.

אַרבייטער זיינען דאָ געווען באַשעפטיגט: אין 1921 — 329, אין 1919 — 484, און אין 1914 — 672.

שכירות זיינען אויסגעצאָהלט געוואָרען: אין 1921 — 347,978 דאָל., אין 1919 — 514,600 דאָל., און אין 1914 — 90,012 דאָל.

דער ווערט פון די פאַרטיגע פּראָדוקטען האָט באַטראָפען: אין 1921 — 646,047 דאָלאַר, אין 1919 — 1,040,049 דאָל., און אין 1914 — 637,728 דאָלאַר.

די שוך אינדוסטריע.

שוך־פאַבריקען זיינען צעוואָרפען אומעטום, פון מיין ביז קאַליפאָרניע, אָבער דאָס הארץ פון דער שוך־אינדוסטריע איז אין ניו ענגלאַנד. פון דעם אָנהויב אָן פון דער שוך

אינדוסטריע האָט די איסט, באַזונדערס מאַסאַטשוזעטס, געהערשט אין דער פּראָדוקציע פון שטיוועל, שיך און מעשטעס. לויט דעם לעצטען אינדוסטריעלען צענזוס פון 1919, זיינען אין לאַנד געווען 1,449 שוך־פאַבּריקען, וואָס האָבען פּראָדוצירט לעדערנע שטיוועל און שיך. זיי האָבען אַרויסגעגעבען 330,593,974 פּאָר פון אַלערליי מינים, וואָס זיינען געווען ווערט 1,128,286,743 דאָלאַר. די אינדוסטריע האָט באַשעפטיגט 211,049 אַרבייטער, וואָס האָבען צוזאַמען באַקומען שכירות 210,734,610 דאָלאַר. די מאַטעריאַלען, וואָס זיינען פאַרנוצט געוואָרען אין דער פאַבּריצירונג פון די 300,593,974 פּאָר, האָבען געקאָסט 715,269,315 דאָלאַר.

די ניו־ענגלענדער שטאַטען מיין, ניו־העמפּשייר, ווערמאָנט, מאַסאַטשוזעטס, קאָנעטיקוט און ראָוד־איילענד האָבען פון דער גאַנצער סומע 1,128,286,743 דאָלאַר, וואָס די גאַנצע פּראָדוקציע אין לאַנד האָט באַטראָפען, אַליין פּראָדוצירט אויף 568,380,400 דאָל. שטיוועל, שיך און מעשטעס אין יענעם יאָהר 1919.

די הויפּט צענטערען פון דער אינדוסטריע זיינען די פאָלגענדיגע שטעט: ניו יאָרק — 50 פאַבּריקען; הייווערוויל, אמסאַטשוזעטס —137 פאַבּריקען; לין — 105 פאַבּריקען; סינסינעטי, אָהייאָ — 60 פאַבּריקען; ראָטשעסטער — 48 פאַבּריקען; פילאַדעלפיא — 41 פאַבּריקען; בראָקטאָן, מאַס. — 39 פאַבּריקען; שיקאַגאָ — 31 פאַבּריקען; סט. לואיס — 27 פאַבּריקען; מילוואָקי — 6 פאַבּריקען; באָסטאָן — 14 פאַבּריקען; מאַנטשעסטער, ניו העמפּשייר — 13 פאַבּריקען; און אובורן, מיין — 8 פאַבּריקען.

דער איבעריגער טייל פון דער אינדוסטריע איז צוטיילט אין די פאַרשידענע שטעט און שטעטלאַך פון קאַליפאָרניע, דזשאָרדזשיא, אינדיאַנא, איאָוואַ, קענטאַקי, לואיזיאַנא, מערילענד, מישיגען, מינעסאָטא, ניו דזשוירזי, טענעסי, ווירדזשיניא און וועסט־ווירדזשיניא.

די פעלען, וואָס ווערען געגאַרבט און דער לעדער פאַר דער שטיוועל און שיך אינדוסטריע ווערען אין גרעסטען טייל אימפּאָרטירט, מיט דער אויסנאַם פון רינדערנע פעלען. כדי צופרידענצושטעלען אַט דעם נאָכפרעג, איז נויטיג צו אימפּאָרטירען 45 פּראָצענט פון די רינדערנע פעלען, וועלכע מען זאָל דאָ גאַרבען און מאַכען פון זיי לעדער. אַט די רינדערנע פעלען קומען מייסטענס פון אַרגענטינע, אורוגוואַי און בראַזיליע. פאַקטיש, אַלע ציגענע פעלען און דער גאַנצער זאַמש, וואָס ווערען באַנוצט אין דער אינדוסטריע, מוזען אימפּאָרטירט ווערען, און זיי קומען פון אומגעפעהר 70 לענדער אויף דער וועלט, מעהרסטענס אָבער פון כינע, אינדיע, דרום־אַפריקע, בראַזיליע און די צפון׳דיגע לענדער פון דרום־אַמעריקע, אַזוי גוט ווי פון די וועסט־אינדישע אינזלען. שעפּסענע פעלען פון אויסטראַליע און ניי־זעלאַנד ווערען אויך מעהרסטענס אימפּאָרטירט, אַזוי גוט ווי קענגורען פעלען פון אויסטראַליע און בופעלאָקס פעלען פון אינדיע און יאַוואַ.

שלאַכטהייזער און די פלייש אינדוסטריע.

די אַמעריקאַנער פלייש־אינדוסטריע איז איינע פון די גרעסטע אין לאַנד, און דער פלייש־טראַסט פון אַמעריקע איז איינער פון די שטאַרקסטע. שיקאַגאָ איז דער צענטער פון דער אינדוסטריע. דאָ געפינען זיך די ריזיגע „פלייש־פּעקערייען” און שלאַכט־הייזער פון אַרמאָר, סוויפט, און אַנדערע. „אַ חזיר־יאַטקע פאַר דער וועלט” — האָט דער אַמעריקאַנער פּאָעט קאַרל סאַנדבורג אָנגערופען די שטאָט שיקאַגאָ. אַט די „וועלט־יאַטקע” איז מיט יאָהרען צוריק נאָך געוואָרען וועלט־באַריהמט צוליעב דעם בוך „די דזשאַנגעל” פון אַפּטאָן סינקלעיר, אין וועלכען דער אַמעריקאַנער שרייבער האָט געמאַכט סענסאַציאָנעלע אויפדעקונגען וועגען די סקאַנדאַלעזע באַדינגונגען אין די שיקאַגער שלאַכט הייזער.

אין 1921 האָט די פלייש־אינדוסטריע געצעהלט 1,184 אונטערנעמונגען. די צאָהל אַרבייטער און אָנגעשטעלטע איז געווען — 117,042. שכירות איז אויסגעצאָהלט געוואָרען — 152,902,633 דאָלאַר. די קאָסט פון די מאַטעריאַלען האָט באַטראָפען—1,868,798,302 דאָל. דער פּרייז פון די פאַרטיגע פּראָדוקטען האָט באַטראָפען—2,200,942,072 דאָלאַר.

אין 1919 זיינען די ציפערען, לויט דעם אָפיציעלען צענזוס, געווען: אונטערנעמונ־

גען — 1,304; אַרבייטער — 160,996; אויסגעצאָהלטע שכירות — 209,489,263 דאָלאַר; דער קאָסט פון מאַטעריאַלען — 929,533,-3,782 דאָלאַר, און דער פּרייז פון די פאַרטיגע פּראָדוקטען — 4,246,290,614 דאָלאַר.

אין 1919 זיינען די ציפערען אָנגעגעבען געוואָרען: צאָהל אונטערנעמונגען — 7279, צאָהל אַרבייטער — 98,832, אויסגעצאָהלטע שכירות — 62,135,722 דאָלאַר, קאָסט פון מאַטעריאַלען — 1,441,662,658 דאָלאַר, דער פּרייז פון פאַרטיגע פּראָדוקטען — 965,424,-1,651 דאָלאַר.

די אייער אינדוסטריע.

איבער פינף מיליאָן פאַרמס פּראָדוצירען יעהרליך אייער, וואָס ווערען געשאַצט אויף איבער אַ האַלבען ביליאָן דאָלאַר. עס זיינען פאַראַן אַ סך ספּעציאַליזירטע אייער פאַרמס ביי די אַטלאַנטישע און פּאַסיפישע ברעגען, און זיי זיינען שוין גראָד ניט אזוי צואוואָרפען איבער׳ן לאַנד. אָבער די גרויסע מאַסע מאַרקעט אייער, וואָס ווערען פאַרקויפט אויף די גרויסע מזרח-מאַרקעטס, קומען פון די מיטעל-וועסטליכע שטאַטען, וואו אייער ווערען פּראָדוצירט מעהרסטענס ווי אַ „סייד-ליין" אויף אַלגעמיינע פאַרמס. אין דעם געוועהנליכען פּראָצעס פון „מאַרקעטען" געהען די אייער דורך אַ סך הענט און אָפטמאָל מאַכען זיי אַ רייזע פון אַ טויזענט מייל, איידער דער ריטיילער פאַרקויפט זיי ענדליך צום קאָנסומער.

איבער 47,000 קאַרס אייער אליין ווערען יעהרליך טראַנספּאָרטירט מיט די באַהנען. די שטאָט ניו יאָרק איז דער גרעסטער מאַרקעט פאַר אייער. נאָך ניו יאָרק קומען שיקאַגאָ, באָסטאָן, פילאַדעלפיע און סאַן פראַנציסקאָ. די אייער פּראָדוקציע געהט ניט אָן גלייך אין פאַרלויף פון דעם יאָהר. זי איז זעהר אינטענסיוו אין פריהלינג און זומער, און אין הערבסט און ווינטער איז זי קליין.

די פישעריי אינדוסטריע.

עס זיינען אין דעם איצטיגען מאָמענט פאַראַן אַרום 200,000 פּערזאָן, וואָס זיינען אַקטיוו באַטייליגט אין די פישערייען פון די פאַראייניגטע שטאַטען און אַלאַסקאַ. די דאָזיגע פישערייען באַנוצען אַלע צוזאַמען אומגעפעהר ביי 6,500 שיפען פון פינף טאָנען און מעהר, און 75,000 קליינע שיפלאַך אויף צו פאַנגען און טראַנספּאָרטירען פישעריי פּראָדוקטען. דער קאַפּיטאַל, וואָס איז אריינגעלעגט אין די פישערייען, באַטרעפט אומגעפעהר 170,000,000 דאָלאַר, און דער יעהרליכער באַטרעף פון די אומגעפעהר 2,500,000,000 פונט פיש-פּראָדוקטען איז אומגעפיהר 85,000,000 דאָלאַר פאַר די פישערלייט און איז אַ סך גרעסער, נאָכדעם ווי די פּראָדוקטען זיינען גרייט פאַר דעם מאַרק.

פון דעם גאַנצען פאַנג, באַשטעהט אַרום 68 פּראָצענט פון ים-פּראָדוקטען, ארום 20 פּראָצענט פון געמישטע ים און טייך מינים, און אַרום 12 פּראָצענט פרישוואַסער פּראָדוקטען. דער אַטלאַנטישער ים-ברעג שטעלט צו אַרום 64 פּראָצענט פון דעם גאַנצען פאַנג, און די שטאַטען פון דעם פּאַציפישען ים-ברעג, אלאַסקא און די אַנדערע אינלענדישע וואַסערען שטעלען צו אַרום 12 פּראָצענט פון דעם גאַנצען פאַנג.

די וויכטיגסטע פישערייען זיינען אין די פאַרהעלטניסמעסיג-פלאַכע וואַסערען ביי די מזרח ברעגען פון נאָרד אַמעריקע, פון ניופאונדלענד ביז מאַסאַטשוזעטס. יענע פישערייען פאַרנעמען אַ שטח פון אַרום 70,000 סקווער מייל, און זיי האָבען זעהר וויכטיגע פישערייען פון קאָד, הערדאָק, האַליבאַט, פּאָלאַק, הייק און אַנדערע מינים פיש. אויף די מערב-ברעגען ווידער געפינען זיך זעהר וויכטיגע פישערייען פון אָרעגאָן ביז צו אַלאַסקאַ, און דאָרטען געפינען זיך זעהר וויכטיגע פישערייען פון האַליבאַט, קאָד, סייבעלפיש און אַנדערע מינים. אויף די איבעריגע ים ברעגען געפינען זיך וועניגער וויכטיגע פישערייען. עס זיינען אָבער אויך דאָ פאַראַן וויכטיגע פישערייען פון שעלפיש, אָיסטערס, קלעמס, לאָבסטערס, קרעבס א. אַ. וו., מאַקערעל, טונאַס און מענהאַדען, און געמישטע ים און טייך מינים, ווי סעמאָן, שעד און טייך הערינג, און אזוי ווייטער.

פון די אינלענדישע וואַסערען זיינען די וויכטיגסטע — די גרויסע לייקס אויף דער צפון׳דיגער גרענעץ-ליניע. אין 1922 האָבען די קאָמערציעלע פישערייען פון יענעם געגענט געגעבען איבער 100,000,000 פונט פון פּראָדוקטען, וואָס האָבען באַטראָפען איבער 6,450,000 דאָלאַר. ארום 85 פּראָצענט פון

דער גאַנצער קוואַנטיטעט איז באַשטאַנען פון סיסקאס (35 פראָצ.), פייק פוירטשעס (24 פראָצ.), לייק־טראוט (35 פראָצ.), קארפּ, (80 פראָצענט), און ווהייט פיש (4,5 פראָצ.)

די פּאַציפישע סעמאָן פישעריי קאָן באַטראַכט ווערען פאַר דער ווײכטיגסטער קאָמערציעלער פישעריי אין די פאַראייניגטע שטאַטען. דער יעהרליכער פאַנג דאָ שטייגט אריבער 300,000,000 פונט.

די צייטונג, פאַרלאַג און דרוקעריי אינדוסטריען.

דער צענזוס פון די פאַראייניגטע שטאַטען גיט אָן באַזונדערע ציפערען פאַר: 1) דער צייטונג און זשורנאַלען אינדוסטריע; 2) דער פאַרלאַג און דרוקעריי אינדוסטריע.

1) די צייטונגען און זשורנאַלען אינדוסטריע.

אין 1921 זיינען אין דער אינדוסטריע געווען 10,453 פאַרשידענע אונטערנעמונגען, אין 1919 — 17,362, און אין 1914 — 19,317.

אַרבייטער און אַנגעשטעלטע זיינען אין אַט די אַלע אונטערנעמונגען געווען: אין 1921 — 107,534, אין 1919 — 120,381, און אין 1914 — 164,375.

שכירות זיינען אויסגעצאָהלט געוואָרען: אין 1921 — 174,358,525 דאָלאר, אין 1919 — 144,348,173 דאָל., און אין 1914 — 129,082,218 דאָלאר.

דער ווערט פון די פאַרטיגע פּראָדוקטען איז געווען: אין 1921 — 123,709,828 דאָלאר, אין 1919 — 924,152,878 דאָלאר, און אין 1914 — 495,905,948 דאָלאר.

2) פאַרלאַג און דרוקעריי אינדוסטריע.

אין 1921 האָט מען דאָ געצעהלט 9,758 אונטערנעמונגען, אין 1919 — 13,089, און אין 1914 — 12,115.

אַרבייטער און אַנגעשטעלטע זיינען דאָ געווען: אין 1921 — 121,055, אין 1919 — 123,005, און אין 1914 — 113,121.

שכירות זיינען דאָ אויסגעצאָהלט געוואָרען: אין 1921 — 181,065,572 דאָלאר, אין 1919 — 141,476,243 דאָלאר, און אין 1914 — 216,138,568 דאָלאר.

דער קאָסט פון מאַטעריאַלען איז געווען: אין 1921 — 216,138,568 דאָל., אין 1919 — 211,067,174 דאָל., און אין 1914 — 232,-96,453 דאָלאר.

דער ווערט פון פאַרטיגע פּראָדוקטען איז געווען: אין 1921 — 690,074,975 דאָלאר, אין 1919 — 507,663,228 דאָל., און אין 1914 — 307,330,861 דאָלאר.

די מוזיק פאַרלאַג אינדוסטריע האָט אין 1921 געצעהלט 107 אונטערנעמונגען, אין 1919 — 160, און אין 1914 — 180.

אַרבייטער און אַנגעשטעלטע זיינען דאָ געווען: אין 1921 — 900, אין 1919 — 899 און אין 1914 — 873.

שכירות זיינען אויסגעצאָהלט געוואָרען: אין 1921 — 1,246,863 דאָל., אין 1919 — 926,988 דאָל., און אין 1914 — 572,985 דאָלאר.

דער קאָסט פון מאַטעריאַלען איז געווען: אין 1921 — 2,016,311 דאָל., אין 1919 — 2,123,781 דאָל., און אין 914 — 1,046,630 דאלאר.

דער ווערט פון פאַרטיגע פּראָדוקטען איז געווען: אין 1921 — 14,024,672 דאָלאר, אין 1919 — 14,592,177 דאָלאר, און אין 1914 — 7,271,266 דאָלאר.

די לאַגע פון דער פרוי אין די פאַראייניגטע שטאַטען

דער קאַמף פאַר פרויען שטימרעכט.

אונטער דעם „פּאָליטישען סטאַטוס" פון פרויען מיינען מיר ניט די בירגערליכע רעכט זייערע אין אַלגעמיין, נאָר זייער לאַגע אין באַצוג צו דער רעגירונג, אַלס שטים־אָפּגעבער ביי די וואַהלען. פאַר אויגוסט, 1920 איז געווען אונמעגליך צו רעדען גאָר וועגען דעם פּאָליטישען סטאַטוס פון די פרויען אין אַמעריקע, מען וואָלט געדאַרפט רעדען וועגען זייער פּאָליטישער לאַגע אין יעדען איינעם פון די אַכט און פערציג שטאַטען באַזונדער. דעם 26טען אויגוסט, 1920, האָט מען דאָ דורכגעפיהרט דעם ניינצעהנטען אַמענדמענט צו דער קאָנסטיטוציע, וואָס האָט די פרויען גאַראַנטירט דאָס רעכט צו שטימען איבער'ן גאַנצען לאַנד, און אין אָנהויב 1922 האָט דער סופּרים קאָורט פון די פאַראייניגטע שטאַטען באַשטעטיגט, אַז דער נייער אַמענדמענט איז קאָנסטיטוציאָנעל.

אין די ערשטע טעג פון דער רעפּובליק האָבען פרויען אין ערגעץ ניט געקאָנט שטימען. אָבער נאָך פאַר דער אַמעריקאַנער רעוואָלוציע האָבען שוין פרויען דאָ אָנגעפיהרט וועגען דעם אַן אַגיטאַציע. אַן אָרגאַניזירטע באַוועגונג פאַר פרויען שטימרעכט האָט זיך דאָ אַנטוויקעלט אין איניגע שטאַטען נאָך אין אָנהויב פון די פופציגער יאָהרען. די אַגיטאַציע האָט זיך אַלץ געשטאַרקט, כאָטש זי איז געוואַקסען לאַנגזאַם, אָבער זי האָט זיך אָפּגעשטעלט אין דער צייט פון בירגער קריג, אין 1861-1865. נאָך דער מלחמה האָט די פרויען באַוועגונג זיך ווידער אָנגעהויבען. די פרויען זיינען געווען שטאַרק אויפגעבראַכט, פאַרוואָס מען האָט דורכגעפיהרט אַ נייעם אַמענדמענט, וואָס גיט שטימרעכט צו נעגערען, אַ זאַך, וואָס איז געווים געווען נויטיג, אָבער מען האָט נאָך אַלץ ניט געענדערט די קאָנסטיטוציע איינצושליסען שטימרעכט פאַר פרויען.

גראָד זיינען די פיהרערינס פון דער פרויען באַוועגונג געווען הייסע „אבאָלישיאָניסטס", דאָס הייסט, אָנהענגער פון דער באַפרייאונג פון די נעגערען. זיי זיינען געווען די הויפּט זאַמלער פון דריי הונדערט טויזענט אונטערשריפטען אויף אַ פּעטיציע באַלד צו באַפרייען די נעגערען. און אַז מען האָט אָפּגעשאַפט דעם דרייצעהנטען אַמענדמענט, וואָס האָט אָפּגעשאַפט אין לאַנד שקלאַפעריי און צוואַנג דינסט, האָט מען אָבער אויך גלייכצייטיג איינגעפיהרט דעם פערצעהנטען אַמענדמענט, וואָס דערמאָנט צום ערשטען מאָל דאָס וואָרט „מענליך" אין פאַרבינדונג מיט רעכט פון בירגערשאַפט.

אומזיסט האָבען די פרויען גע'טענה'ט, אַז דער זאַץ וועגען בירגער רעכט פאַר מענער נעגערען קאָן און דאַרף אָנגעווענדעט ווערען אויף פרויען. אומזיסט האָבען זיי געאַרבייט, אַז מען זאָל דאָס וואָרט „מענליך" אויסלאָזען פון דעם פערצעהנטען אַמענדמענט. מען האָט די פרויען אָנגעוויזען, אַז זיי וועלען מוזען וואַרטען, ווייל „איצט איז דעם נעגער'ס שעה".

פאַר די פרויען זיינען געבליבען צוויי וועגען צו דערגרייכען גלייכע רעכט. אויב מען האָט געקאָנט אַמענדירען די קאָנסטיטוציע און געבען שטימרעכט די נעגערען, קאָן מען דאַך אויך אַמענדירען די קאָנסטיטוציע און געבען רעכט צו שטימען אויך צו די פרויען. דאָס איז געווען דער פעדעראַלער וועג. אָבער פרויען שטימרעכט קאָן אויך געגעבען ווערען פון די באַזונדערע שטאַטען, אומגעאַכט אויף די פעדעראַלע רעגירונג. און דאָס איז געווען דער צווייטער וועג צו געווינען שטימרעכט פאַר פרויען אין די באַזונדערע שטאַטען.

אין 1869 זיינען געגרינדעט געוואָרען צוויי נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס. אין פאַרלויף פון צוואַנציג יאָהר האָבען זיי עקזיסטירט באַזונדער. צו יענער צייט איז שוין פאַר אַלעמען קלאָר געוואָרען, אַז מען וועט ניט קאָנען דורכפיהרען קיין פרויען שטימרעכט אין לאַנד דורך דער פעדעראַלער רעגירונג, ביז וואַנען מען וועט ניט געווינען אין גענוג שטאַטען, אַז דאָס אַליין זאָל קאָנען אויסאיבען גענוג דרוק אויף די פעדעראַלע

רעגירונג אין וואַשינגטאָן. אין 1890 האָבען זיך די נעשאָנאַל סאָפרידזש אַסאָסיאיישאָן און די אַמעריקען ווימענס סאָפרידזש אַסאָסיאיישאָן פאַראייניגט אין איין נעשאָנאַל אַמעריקען ווימענס סאָפרידזש אַסאָסיאיישאָן, וואָס האָט געזאָלט אויסקעמפען שטימרעכט פאַר פרויען פעדעראַל און דורך די באַזונדערע שטאַטען.

אין דעם זעלביגען יאָהר איז אויפגעקומען דער ערשטער שטאַט מיט פרויען שטימרעכט, ווייאָמינג, וואו פרויען האָבען געשטימט נאָך אין דער צייט, ווען ווייאָמינג איז געווען אַ טעריטאָריע. אין דריי יאָהר אַרום האָבען נאָך דריי מעריב'דיגע שטאַטען מיט אַ שיטערער באַפעלקערונג, קאָלאָראַדא, איידעהא און יוטאַ, געגעבען שטימרעכט צו פרויען.

די באַוועגונג האָט ניט געמאַכט קיין וויכטיגען פאָרשריט ביז דעם יאָהר 1911, ווען די שטאַטען קאַליפאָרניע און וואַשינגטאָן האָבען מיט אַ מאַיאָריטעט מענער שטימען איינגעפיהרט שטימרעכט אין זייערע קאָנסטיטוציעס. אין 1912 האָט די פרויען באַוועגונג געוואונען נאָך די שטאַטען אַריזאָנא, קענזעס און אָרעגאָן. אין אַ יאָהר אַרום איז געקומען דער וויכטיגסטער זיג ביז יענער צייט, ווען דער גרויסער שטאַט אילינאָי האָט געגעבען די פרויען טיילווייזע שטימרעכט.. דער רעזולטאַט איז געווען, אַז עס האָט זיך אָנגעהויבען אַ באַוועגונג צו געווינען פרויען שטימרעכט אין די פרעזידענט וואַהלען אין אַ סך אַנדערע שטאַטען. אין 1913 האָט די טעריטאָריע אַלאַסקאַ געגעבען די פרויען פולע שטימרעכט און גאָר אָהן קיין שום קאַמף. אַלאַסקא און ווייאָמינג זיינען געווען די איינציגע צוויי שטאַטען, וואָס האָבען געגעבען פרויען שטימרעכט אָהן אַ קאַמפיין. אין אַלע אַנדערע ערטער האָבען זיך געפאָדערט יאָהרען און יאָהרען פון אַגיטאַציע, בילדונג און אָרגאַניזאַציע, איידער מען האָט דאָרטען געזיגט.

מאָנטאַנאַ און נעוואַדאַ זיינען געוואונען געוואָרען אין 1914. דער „עמפייער סטייט" פון דעם לאַנד, ניו יאָרק, איז געקומען אין 1917. אין 1918 זיינען צוגעקומען מישיגען, סאַוט דאַקאָטא און אָקלאַהאָמא. אַרקענסאָ און טעקסעס האָבען די פרויען געגעבען „פריימערי סאָפרידזש" אין 1918, און דאָס מיינט אייגענטליך וואַהל רעכט אומעטום אין אַזעלכע שטאַטען, וואו איין פּאַרטיי דאָמינירט. צו יענער צייט האָבען שוין פרויען געקאָנט שטימען פאַר פרעזידענט אין 26 שטאַטען.

ווען ניו יאָרק איז געוואונען געוואָרען, האָבען די פיהרער געוואוסט, אַז זיי האָבען שוין גענוג שטאַטען.

פערציג יאָהר כסדר האָט מען פאָרגעשלאָגען דעם „ווימען'ס סאָפרידזש אַמענדמענט" אין יעדען קאָנגרעס. אַ סך אומזיסטע אָנשטרענגונגען זיינען געמאַכט געוואָרען צו ברענגען די רעזאָלוציע צו אַן אָפשטימונג אין הויז אָדער אין סענאַט. און אפילו נאָכדעם ווי ניו יאָרק איז געוואונען געוואָרען, האָט נאָך גענומען גאַנצע דריי יאָהר פון אָנגעשטרענגטער אַרבייט, אונטער דער פעהיגסטער פיהרערשאַפט, וואָס דאָ איז ווען עס איז געווען, איידער מען האָט ענדליך באַקומען די נויטיגע צוויי דריטעל מאַיאָריטעט. דערנאָך האָט מען נאָך געדאַרפט איבערגעבען דעם אַמענדמענט צו די באַזונדערע שטאַטען, אַז זיי זאָלען איהם ראַטיפיצירען מיט אַ מאַיאָריטעט פון דריי פערטעל לעגיסלאַטורען, איידער מען האָט זיך געקאָנט גראַטולירען מיט אַ פולשטענדיגען זיג.

די פרויען האָבען איצט פולע שטימרעכט, גלייך מיט די מענער, איבער'ן גאַנצען לאַנד. און זיי זיינען באַרעכטיגט צו פאַרנעמען עמטער דורך באַשטימונג און דורך וואַהלען, אונטער דער נאַציאָנאַלער רעגירונג. מען גלויבט אַז דאָס מיינט אויך, אַז זיי זיינען באַרעכטיגט צו פאַרנעמען אַלע עמטער אויך אין די שטאַטען. אין איניגע שטאַטען האָט מען וועגען דעם דורכגעפיהרט ספעציעלע געזעצען. אין אַנדערע שטאַטען ווערט דאָס אָנגענומען פאַר זעלבסטפאַרשטענדליך, און פרויען פאַרנעהמען עמטער אָהן ספעציעלע געזעצען וועגען דעם.

זינט דער קאָנגרעס האָט געגעבען די פרויען שטימרעכט, איז דורכגעפיהרט געוואָרען איין געזעץ, וואָס באַריהרט דעם פּאָליטישען סטאַטוס פון דער פרוי. דאָס איז דאָס געזעץ וועגען בירגערשאַפט פאַר פאַרהייראַטע פרויען. דאָס געזעץ איז דורכגעפיהרט און גע'חתמ'עט געוואָרען פון פרעזידענט אין סעפטעמבער 1922. אַן אַמעריקאַנער פרוי בירגערין, וואָס האָט חתונה געהאַט מיט אַ פרעמדען פאַרלירט מיט דעם ניט איהר בירגערשאַפט, ווי דאָס איז געווען פריהער. און אַ פרעמדע פרוי, וואָס האָט חתונה געהאַט מיט אַן אַמעריקאַנער בירגער ווערט נאָך ניט מיט דעם אויטאָמאַטיש אַ בירגערין, ווי דאָס איז

געוועזן לויט דעם פריהערדיגען געזעץ. איצט האָט יעדע אינדיווידועלע פרוי, פונקט ווי יעדער אינדיווידועלער מאַן, דאָס רעכט זיך אויסצוקלייבען זיין בירגערשאַפט.

ווען אַ פרעמדע פרוי האָט חתונה געהאַט מיט אַן אַמעריקאַנער בירגער קאָן זי זיך נאַטוראַליזירען, ווען זי גיט אַריין די נאַטוראַליזאַציע פעטיציע און קומט נאָך די אַנדערע פאָדערונגען פון די נאַטוראַליזאַציע געזעצען, מיט די פאָלגענדע אויסנאַמען: א) עס ווערט ניט געפאָדערט קיין ערשטע פאַפירען. ב) די פרוי דאַרף נאָר האָבען געוואוינט איין יאָהר כסדר אין די פאַראייניגטע שטאַטען, האַוואַי, אַלאַסקאַ אָדער פאָרטאָ ריקאָ, איידער זי האָט אַריינגעגעבען איהר פעטיציע.

אַ פרוי, וואָס האָט דורך דער חתונה פאַרלאָרען איהר בירגערשאַפט, קאָן צוריק נאַטוראַליזירט ווערען, ווען זי קומט נאָך די געוועהנליכע פאָדערונגען פון דעם נאַטוראַליזאַציע געזעץ, מיט די פאָלגענדע אויסנאַמען: א) זי דאַרף ניט אַרויסנעמען קיין ערשטע פאַפירען. ב) זי דאַרף נאָר האָבען געוואוינט איין יאָהר אין די פאַראייניגטע שטאַטען, האַוואַי, אַלאַסקא אָדער פאָרטאָ ריקאָ, איידער זי האָט אַריינגעגעבען איהר פעטיציע. ג) אויב זי האָט, זייענדיג פאַרהייראַט, געוואוינט אין די פאַראייניגטע שטאַטען, דאַרף זי ניט אַריינגעבען קיין „סערטיפיקייט אָוו עריוועל“.

אַ פרעמדע פרוי, וואָס האָט חתונה געהאַט מיט אַ פרעמדען, ווען דאָס נייע געזעץ איז דורכגעפירט געוואָרען, אָדער שפּעטער, קאָן ווערען נאַטוראַליזירט, ווען זי וועט נאָכקומען די געוועהנליכע פאָדערונגען פון דעם נאַטוראַליזאַציע געזעץ, איינשליסענדיג די ערשטע פאַפירען, פינף יאָהר שטענדיגע רעזידענץ אין די פאַראייניגטע שטאַטען. איין יאָהר שטענדיגע רעזידענץ אין דעם באַטרעפענדען שטאַט, אַ „סוירטיפיקייט אָוו עריוועל“, אויב זי איז אָנגעקומען פאַר דעם 29טען יוני, 1906, קענען רעדען ענגליש און חתמ׳ענען איהר נאָמען מיט דער אייגענער האַנט. דאָס געזעץ באַריהרט ניט די איינצעלנע פרעמדע פרויען, וואָס קאָנען זיך נאַטוראַליזירען פונקט ווי פריהער.

פרויען אין אינדוסטריע און פראָפעסיעס.

די אַמעריקאַנער פרויען נעמען זיך אַלץ מעהר און מעהר צו אַלערליי אַרבייטען און בראַנפען, וואָס זיינען מיט דער היים ניט פאַרבונדען. עס וואַקסט אַלץ די צאָהל פרויען אין פאַרשידענע צווייגען פון אינדוסטריע און אין די פאַרשידענע פראָפעסיעס. אין 1920 זיינען ביי אַלערליי אַרבייטען געווען באַשעפטיגט איבער אַכט און אַ האַלב מיליאָן פרויען און מיידלאַך. די גרעסטע איינציגע צאָהל איז געווען פון פרויען וואָס זיינען באַשעפטיגט אַלס דינסטען און אַזוי ביי פערזענליכער באַדינונג, אַזעלכע פרויען זיינען געווען איבער צוויי מיליאָן. אין דער אינדוסטריע זיינען געווען באַשעפטיגט כמעט 2 מיליאָן פרויען, איינשליסענדיג די, וואָס זיינען געווען באַשעפטיגט ביי קוואַליפיצירטע האַנט אַרבייטען, און די, וואָס האָבען געאַרבייט אין פאַבריקען אַלס איינפאַכע הענט. דער נעקסטער גרעסטער קלאַס פרויען זיינען געווען די אָפיס אַרבייטערינס. זייער צאָהל איז געווען אַרום אַ מיליאָן און אַ האַלב. נאָך די אָפיס אָנגעשטעלטע קומען די פרויען, וואָס זיינען געווען באַשעפטיגט ביי אַגריקולטור. זייער צאָהל איז געווען כמעט אַ מיליאָן.

אין די פראָפעסיעס האָבען זיך געצעהלט אומגעפעהר אַ מיליאָן פרויען. דאָ האָבען פאַרנומען דעם אויבנאָן לעהרערינס און נוירסעס. פרויען זיינען אָבער אויך געווען פאַרטראָטען פאַקטיש אין אַלע אַנדערע פראָפעסיעס. עס זיינען געווען פרויען דאָקטוירים, אַדוואָקאַטען, אויטאָרען, רעדאַקטאָרען און אַזוי ווייטער. די פרויען האָבען זיך אָנגעזעהן בכלל אין אַלע פראָפעסיעס, וואָס זיינען פריהער געווען אין גאַנצען „באַהערשט“ פון מענער. אָט זיינען די גענויע ציפערען: אין 232 פאַרשידענע באַרופען זיינען געווען באַשעפטיגט מעהר אָדער ווייניגער ערפאָלגרייך איבער אַ טויזענט פרויען.

ווען מען קוקט זיך צו אַ ביסעל נעהענטער צו די ענדערונגען, וואָס זיינען פאָרגעקומען ביים באַשעפטיגען פרויען, קאָן מען באַמערקען געוויסע זעהר וויכטיגע טענדענצען, וואָס באַריהרען די עקזיסטירענדע און צוקונפטיגע געלעגענהייטען פאַר די אַמעריקאַנער פרויען. די וויכטיגסטע טענדענצען אַזעלכע קאָן מען אַרויסזעהן, ווען מען באַקענט זיך מיט אַזעלכע אַרבייטען, וואו גרויסע צאָהלען פרויען זיינען באַשעפטיגט. אַרום אַ העלפט פון אָט די גרופען האָט מען אין פאַרלויף פון צעהנדליגער יאָהרען באַטראַכט ווי ריינע פרויען באַרופען: דינסטען, דרעסמייקערס, מילינערס, סקול-

טוטשערס, באַרדינג הויז קיפּערס, סטענאָגראַפערס און טייפּיסטס, מוזיקאַנטינס, וועשערינס, אַרבייטערינס אין קליידער פאַבריקען. אין געוויסע אַנדערע באַשעפטיגונגען ווידער האָט מען ערשט אין די לעצטע צעהן־צוואַנציג יאָהר גענומען אַיינזעהן, אַז עס זיינען אין זיי פאַראַן געלעגענהייטען וואָס זיינען פּונקט אַזוי פּאַסיג פאַר פרויען ווי פאַר מענער. אַזעלכע נייע פרויען אָנגעשטעלטע זיינען: סיילספרויען, בוכהאַלטערינס און קאַסירערינס, ריטייל דילערס (קרעמערינס), אַרבייטערינס אין ציגאַר פאַבריקען, אַרבייטערינס אין שוך פאַבריקען, קלוירקס אין סטאָרס און קלוירקס אין אָפּיסעס.

די צוויי גרופּען, וואו די צאָהל פרויען האָט דערגרייכט אין 1920 צום ערשטען מאָל די ציפער 50,000, זיינען די אַרבייטערינס אין די שטאָל און אַייזען אינדוסטריען, און אין די שפּייז אינדוסטריען. פון אַלע פאַבריק אינדוסטריען האָבען מיר געהאַט דעם גרעסטען צואוואוקס פון פרויען אין די אויטאָמאָביל פאַבריקען, די צאָהל פרויען, וואָס זיינען געווען אָנגעשטעלט אין בלעסט פּוירנעסעס און אין סטיל ראָלינג מילס, איז געווען איבער 4,000. דאָס איז צוויי מאָל אַזוי פיל, ווי עס איז געווען אין 1910.

עס זיינען פאַר דערזעלביגער צייט פאַרגעקומען אויך באַדייטענדיגע צואוואוקסען פון דער צאָהל פרויען פאַרוואַלטערינס, אויפזעהערינס און אַזוינע, וואָס פאַרנעהמען אַלערליי אָפיציעלע עמטער. מען האָט געצעהלט אין 1920 דריי און אַ האַלב מאָל אַזוי פיל פרויען פאַרוואַלטערינס און אויפזעהערינס פון פאַבריקען, ווי אין 1910. עס איז פאַרדאָפּעלט געוואָרען די צאָהל פרויען אינשורענס אַגענטען און פרויען ריעל עסטייט אַגענטען און אָנגעשטעלטע האָבען זיך מעהר ווי פאַרדרייפאַכט אין צאָהל.

אין געוויסע באַרופען זיינען פאָרגעקומען גרינדליכע ענדערונגען אין דער באַשעפטיגונג פון פרויען פאַר דעם לעצטען יאָהרצעהנדליג. די ענדערונגען זיינען געקומען אַלס אַ רעזולטאַט פון די אומגעוועהנליכע באַדינגונגען, וואָס די מלחמה האָט פאַראורזאַכט. די באַרוף געלעגענהייטען פאַר פרויען אין אַמעריקא זיינען פאַקטיש אומבאַשרענקט, די ענדערונגען וואָס קומען פאָר אין די פאַרשידענע געביטען פון אַרבייט, גיבען באַשעפטיגונג צו אַלץ גרעסערע צאָהלען פרויען, פּונקט ווי צו מענער.

די גרענעצען צווישען מענער אַרבייט און פרויען אַרבייט פאַרענדערן זיך כסדר און פאַרשווינדען זעהר אָפט אינגאַנצען. דער רעזולטאַט פון אָט דער מערקווירדיגער אַנטוויקלונג איז, אַז עס שטעהען אויף אין לאַנד נייע פּראָבלעמען, ווי, למשל, ווי אַזוי צו באַשוצען די פרוי אין דער אינדוסטריע, ווי אַזוי צו געבען דער פרוי אַ בעסערע בילדונג, באַזונדערס אַ באַרוף בילדונג, און אַזוי ווייטער.

שוץ פאַר אַרבייטערינס אין די פאַראייניגטע שטאַטען.

יעדען פריהמאָרגען, ווען די פאַבריק פייפלאַך גיבען זייערע סיגנאַלען, אַז עס האָט זיך אָנגעהויבען דער אַרבייטסטאָג, פאַרנעמען אַרום צוויי מיליאָן פרויען זייערע פּלעצער ביי די מאַשינען, שפּינדלאַך אָדער אַרבייטסטישען אין די פאַבריקען פון די פאַראייניגטע שטאַטען. דאָס שליסט נים אַיין די פרויען, וואָס אַרבייטען אויף פאַרמס, אָדער וואָס זיינען סטענאָגראַפיסטינס, טייפּיסטס, קלוירקס, דינסטען אָדער פרויען אין פּראָפעסיעס. דאָ ווערען נאָר גערעכענט פרויען, וואָס אַרבייטען אין די פאַבריקען פון דער מאָדערנער אינדוסטריע. איבער אַ פערטעל מיליאָן פרויען אַרבייטען אין די קליידער פאַבריקען, און איבער 150,000 פרויען זיינען באַשעפטיגט אין די קאַטאָן מילס. די ציגאַרען און טאַבאַק פאַבריקען, ניטינג מילס, שוך פאַבריקען, סילק מילס, שפּייז פאַבריקען, וואָהל און וואוסטער מילס, און די אַייזען און שטאָל אינדוסטריען באַשעפטיגען אויך זעהר גרויסע צאָהלען פרויען.

אָבער אינדוסטריעלע אַרבייט איז נאָך ווייט נים די איינציגע אַרבייט, וואָס אָט די הונדערטער טויזענטער פרויען טוען. ווער זיינען זיי? זיי זיינען אין דער גרויסער מעהרהייט יונגע פרויען. אַרום אַ העלפט פון זיי זיינען אונטער פינף און צוואַנציג יאָהר אַלט, און אַרום אַ דריטעל זיינען צווישען 25 און 45 יאָהר אַלט. אַרום אַ פערטעל פון דער גאַנצער צאָהל זיינען פאַרהייראַט, און אַ גאַר באַדייטענדע צאָהל פון זיי זיינען אלמנות. די פרויען זיינען נים אָרגאַניזירט, און אָפטמאָל ווערען זיי צו זייער אַרבייט געטריבען פון נויט. דעריבער זיינען זיי הילפלאָז, און עס פאַרשטעהט זיך, אַז זיי קאָנען נים דיקטירען די באַדינגונגען, אונטער וועלכע זיי זאָלען אַרבייטען.

מיט יאָהרען צוריק האָט מען שוין אין פאַרשידענע שטאַטען זיך אונטערגענומען קודם כל צו רעגולירען די אַרבייטס שטונדען פאַר פרויען. אין אַ גאַנצער רייה שטאַטען האָט מען אינגאַנצען פאַרבאָטען נאַכט אַרבייט פון פרויען.

אין אַ סך שטאַטען איז אויך אַיינגעפיהרט געוואָרען אַ מעהר אָדער ווייניגער פאָרזיכטיגע אינספעקציע און רעגולירונג פון די באַדינגונגען, אונטער וועלכע די פרויען אַרבייטען. איניגע שטאַטען האָבען ספעציעלע פרויען ביוראָס וועלכע מוזען דורכפיהרען אַן אינספעקציע פון די פלעצער, וואו פרויען אַרבייטען און זעהן אַיינפיהרען אַזעלכע באַדינגונגען וואָס זאָלען דאָס געזונט און די באַקוועמליכקייט פון די אַרבייטערינס באַשיצען.

אַ סך יאָהרען נאָך דעם, ווי מען האָט רעגולירט די אַרבייטס שטונדען און אַרבייטס באַדינגונגען פאַר פרויען, האָט מען אָנגעהויבען קלערען וועגען רעגולירען אויך די שכירות פון פרויען. ערשט אין 1912 איז אין דעם שטאַט מאַסאַטשוזעטס דורכגעפיהרט געוואָרען דאָס ערשטע געזעץ וועגען מינימום שכירות פאַר פרויען. פון דעמאָלט אָן האָבען אַ סך שטאַטען דורכגעפיהרט געזעצען צו רעגולירען די שכירות פון פרויען. איניגע שטאַטען האָבען איינפאַך באַשטימט אַ געוויסע סומע און פאַרבאָטען צו צאָהלען די פרויען ווייניגער פון יענער סומע פאַר אַ געוויסע אַרבייט. אַנדערע שטאַטען האָבען באַשטימט קאָמיסיעס, וואָס זאָלען שטודירען דעם גאַנצען ענין, נעמענדיג ספעציעל אין אַכט די לעבענסקאָסטען, און וואָס זאָלען אַיינשטעלען אַזעלכע שכירות, וואָס זאָלען זיין דער מינימום פאַר די פאַרשידענע אינדוסטריען. דער רעזולטאַט איז געווען, אַז די שכירות פון די פרויען זיינען געהעכערט געוואָרען, ביז זיי האָבען זיך ווי עס איז אויסגעגליכען מיט די לעבענסקאָסטען. לעצטענס אָבער האָט דער סופרים קאָורט אָוו דהי יונייטעד סטייטס ערקלעהרט, אַז אַזאַ געזעץ איז ניט קאָנסטיטוציאָנעל. ניט קוקענדיג אויף אַזאַ אומגינסטיגע אַנטשיידונג פון דעם יונייטעד סטייטס סופרים קאָורט, ווערט דאָס געזעץ וועגען מינימום שכירות נאָך אַלץ אָפּגעהיט אין די שטאַטען, וואָס האָבען דאָס דורכגעפיהרט. מען קאָן אָבער ווייט ניט זיין זיכער, צי אַזאַ אַנטשיידונג וועט אַמאָל ניט פיהרען דערצו, אַז אָט די פאָרם פון רעגולירען שכירות זאָל אָפּגעשאַפט ווערען אינגאַנצען.

אָט זיינען די וויכטיגסטע געזעצען, וואָס באַשיצען די פרויען אין דער אינדוסטריע אין די פאַרשידענע שטאַטען: ערשטענס, די באַשרענקונג פון די אַרבייטס שטונדען, אַיינשליסענדיג דעם פאַרבאָט פון נאַכט אַרבייט. צווייטענס, דער פאַרבאָט אָדער די רעגולירונג פון נאַכט אַרבייט. דריטענס, די רעגולירונג פון אַרבייטס באַדינגונגען אין די פאַבריקען. פערטענס, די רעגולירונג פון די שכירות. עס זיינען פאַראַן וועגען דעם פאַרשידענע סטאַטוטען אין די באַזונדערע שטאַטען.

די אַרבייטס - שטונדען פון פרויען אין דער אינדוסטריע.

ניט קוקענדיג אויף די שטענדיגע אָנשטרענגונגען, וואָס ווערען געמאַכט פון די אַרבייטער, פון פראָגרעסיווע אַרבייט געבער און פון שטאַטליכע באַאַמטע, זיינען נאָך אַלץ פאַראַן ערטער אין די פאַראייניגטע שטאַטען, וואו פרויען הויבען אָן אַרבייטען זעקס אַזייגער אין דער פריה, און לעגען אַוועק די אַרבייט פינף אָדער זעקס אַזייגער ביינאַכט.

די ערשטע געזעצגעבונג וועגען אַרבייטס־שטונדען געפינען מיר מיט פופציג יאָהר צוריק, ווען מען האָט אין מאַסאַטשוזעטס דורכגעפיהרט אַ צעהן־שטונדיגען אַרבייטס געזעץ, וואָס האָט באמת אויף אַזויפיל פאַרקירצט די אַרבייטס שטונדען פון די פרויען. איצט, פאַרשטעהט זיך, ווערט דער צעהן־שטונדיגער אַרבייטס טאָג באַטראַכט פאַר אַ צו לאַנגען. אַנשטאַט דעם האָט מען אַיינגעפיהרט אַן אַכט שטונדיגען אַרבייטס טאָג. אין אַכט שטאַטען: אין קאָלאָראַדאָ, קאַליפאָרניע, אַריזאָנאַ, קענזעס, מאָנטאַנאַ, נעוואַדאַ, ניו מעקסיקאָ, יוטאַ און וואַשינגטאָן. דאָס מיינט נאָך אָבער ניט, אַז אין יענע שטאַטען זיינען ניטאָ קיין פרויען, וואָס קאָנען אַרבייטען מעהר ווי אַכט שטונדען אַ טאָג. אין איינעם אָדער אין צוויי פאַלען, שליסט דאָס געזעץ אַיין אַלע פרויען אין דער אינדוסטריע. אָפטער אָבער ווערט אין דעם געזעץ דערמאָנט נאָר אַ באַשרענקטע צאָהל פרויען.

אין דעם שטאַט קאַליפאָרניע, למשל, איז דאָס געזעץ וועגען אַן אַכט־שטונדיגען אַרבייטס טאָג אָנווענדבאַר אויף אַלע פרויען, וואָס אַרבייטען אין פאַבריקען, ביי מעכאַנישע אָדער האַנדעלס אַיינריכטונגען, אין וועשעריי־

ען, האָטעלען, פּאָבליק לאָדזשינג הייזער, אַפּאַרטמענט הייזער, שפּיטאָלען, אַמוזירונגס פּלעצער אָדער רעסטאָראַנען, אָדער טעלעפאָן און טעלעגראַף קאָנטאָרען, אָדער ביי עלעווייטאָרס אין געביידעס, אָדער ביי עקספּרעס און טראַנספּאָרטאַציע קאָמפּאַניעס. אין קאַליפאָרניע לאָזט דאָס געזעץ ניט דורך קיין פרויען חוץ גראַדואירטע נוירסעס און פרויען, וואָס אַרבייטען אין פּלענטס, וואו מען פּרעזערווירט אָדער מען טריקענט פּרוכט, פיש אָדער גרינס, און וואו מען אַרבייט לענגערע שטונדען, כדי די אַרטיקלען זאָלען ניט פאַרדאָרבען ווערען. אן עקסטרעם פון אַזאַ געזעץ האָבען מיר אין דעם שטאַט דזשאָרדזשיא, וואו עס איז איינגעפיהרט געוואָרען א צעהן שטונדען געזעץ, אָבער דאָס געזעץ איז אַנווענדבאר נאָר אויף פרויען, וואָס ארבייטען אין קאטאן אָדער וואָל פאבריקען. אין 13 שטאַטען גילטען געזעצען וועגען א ניין שטונדיגען ארבייטס־טאָג פאר פרויען אין געוויסע אינדוסטריען אָדער ביי געוויסע באשעפטיגונגען. אין 15 שטאַטען איז אין קראַפט אַ געזעץ וועגען אַ צעהן שטונדיגען טאָג פאר פרויען. אין דריי שטאַטען: ניו העמפּשיר, טענעסי און ווערמאָנט, איז איינגעשטעלט געוואָרען א סטענדערד וועגען אן ארבייטס־טאָג פון א ביסעל איבער צעהן שטונדען. נאָרט קאַראָליינא האָט אַ געזעץ וועגען אַ עלף שטונדיגען ארבייטס־טאָג פאר אַלע פרויען וואָס ארבייטען אין פאבריקען. אין סאוט קאראָליינא ערלויבט דאָס געזעץ, אַז פרויען, וואָס זיינען באשעפטיגט אין האנדעלס איינריכטונגען, זאָלען ארבייטען צוועלף שעה א טאָג.

אָבער די לענג פון דעם ארבייטס־טאָג זאָגט נאָך ניט אַלץ וועגען דער אמת'ער באשרענקונג פון די ארבייטס שטונדען. כדי דאָס צו רעגולירען, האָבען פארשידענע שטאַטען איינגעשטעלט א מאקסימום שטונדען פון ארבייט אין פארלויף פון א וואָך. פינף שטאַטען: מאַסאַטשוזעטס, נאָרט דאקאָטאַ, יוטאַ, אָרעגאן, און קאליפאָרניע, האָבען איינגעשטעלט אן אַכט און פערציג שטונדיגע ארבייטס וואָך פאר אַ געזעצליכען סטאנדארד פאר פרויען אין געוויסע אינדוסטריען אָדער באשעפטיגונגען. אָהייאָ און וויסקאנסין האָבען א פופצי־שטונדיגע ארבייטס־וואָך, און אנדערע צוועלף שטאַטען האָבען א סטענדערט פון פיר און פופציג שעה אַ וואָך. אין צוועלף שטאַטען איז אומגעזעצליך צו האלטען פרויען ביי געוויסע באשעפטיגונגען מעהר ווי זעקס טעג אַ וואָך. דאָס איז אַ גאַראַנטיע, אַז זיי זאָלען האָבען כאָטש איין טאָג רוה אַ וואָך. אין אַ סך שטאַטען ווערען די בעלי בתים געצוואונגען אַרויסצוהענגען אויף אן אָנזעהעדיגען אָרט אַ מודעה, אַז אין זייער פאבריק אָדער געשעפט איז פרויען דערלויבט צו ארבייטען נאָר אַזויפיל און אזויפיל שטונדען. שטאַטליכע פאַבריק אינספּעקטאָרען דארפען זעהן, אַז אַלע פרויען זאָלען קאָאפּערירען מיט דעם שטאַט און ניט ארבייטען מעהר שטונדען, איידער עס איז דערלויבט לויט דעם געזעץ — צוליב אייגענער אומוויסענהייט אָדער צוליב דער ביינוויליגקייט פון די בעלי בתים.

אידישע אימיגראציע קיין קענעדע, פון 1901 ביז 1925

אין פארלויף פון די יאָהרען 1901—1924 זיינען אין קענעדע אריינגעלאָזען געוואָרען 94,329 אידישע אימיגראנטען, וואָס מאכט אויס 1.9% פון דער גאנצער אימיגראציע אין קענעדע פאר דער צייט. דאָס שליסט ניט איין די צאָהל אידען, וואָס האָבען אימיגרירט פון די שטאַטען, ענגלאנד און אירלאנד.

אין דעם יאָהר 1924 באזונדער, האָט די אידישע אימיגראציע אין קענעדע אויסגעמאכט 2.8% פון דער אַלגעמיינער אימיגראציע אין קענעדע פאר'ן יאָהר.

די גרעסטע צאָהל אידישע אימיגראנטען אין איין יאָהר איז אָנגעקומען אין 1914 — 11,252.

די נייע קוואָטאס

פאַר׳ן יאָהר, וואָס ענדיגט זיך דעם 30טען יוני, 1926.

פון די 67 לענדער, פון וועלכע עס זיי־נען אריינגעגעבען געוואָרען קוואָטא באַ־ריכטען ביז נאָוועמבער, 1925, האָבען 40 געהאַט די קוואָטא 100 פאר יעדען לאַנד. די לענדער זיינען: אפגאניסטאַן, אלבאַ־ניע, אנדאָרא, אראַבישער האלב־אינזעל, בוטאַן, בולגאַריע, בריטישער קאַמערון, פראַנצויזישער קאַמערון, כינע, מצרים, עטיאָפּיע, גריכענלאַנד, אייסלאַנד, אינ־דיע, איראַק, יאַפּאַן, ליבעריע, ליכטענ־שטיין, לוקסעמבורג, מאַנאַקאָ, מאראָקאָ, מוסקאַט, נאורו, נעפּאַל, ניי זעלאַנד, ניי־גוויניע, פּאַלעסטינא, פּערסיע, רואַנדא און אורונדי, סאַמאָא, סאַן מארינא, סיאַם, יוניאָן אָוו סאַוט אפריקא, זיד־וועסט אפ־ריקא, סיריע און לבנון, טאַגאַנייקא, ברי־טישע טאגאלאנד, פראנצויזישע טאגאַ־לאַנד, טערקיי און יאַפּ.

די איבעריגע 27 לענדער האָבען די פאָלגענדע קוואָטאס: ארמעניע 124, אויסטראַליע 121, עסטרייך 785, בעלגיע 512, טשעכאָסלאָוואַקיע 3,073, פרייע שטאָט דאַנציג 228, דענמארק 2,789, עסטאָניע 124, פינלאַנד 471, פראַנקרייך 3,954, דייטשלאַנד 51,227, גרויס ברי־טאַניע און נאָרד אירלאַנד 34,007, אונ־גאַרן 473, פרייער איירישער שטאַט 28,567, איטאַליע 3845, לאַטוויע 142, ליטע 344, האָלאַנד 1,648, נאָרוועגיע 6,453, פּוילען 5,982, פּאָרטוגאַל 503, רומעניע, 603, רוסלאַנד (אייראָפּעאיש און אזיאַטיש) 2,248, שפּאַניע 131, שוועדען 9,561, די שווייץ 2,081, יוגאָסלאַוויע 671.

אַ שטיקעל איבעררעשונג איז פאַר אַלעמען געווען דער פאַקט, וואָס פון די מזרח־אייראָפּעאישע לענדער, פון וועלכע עס איז תמיד געקומען אַהער אזא שטאַרקע אימיגראַציע, זיינען די קוואָטאס ביז נאָ־וועמבער 1925 נאָך אין גרויסען טייל גע־בליבען ניט אויסגענוצט. מען דערקלערט דאָס דערמיט, וואָס די מזרח־אייראָפּעאי־שע רעגירונגען מאַכען אַלערליי שטערונ־גען די עמיגראַנטען מיט פאַרשידענע פאַ־דערונגען און רעגעלען וועגען פּאַספּאָרטען און אַנדערע אייגנצעלהייטען פון דער פּראָ־צעדור.

רוסלאַנד (אייראָפּא און אזיע): קוואָ־טא — 2248, געבליבען ניט אויסגענוצט ביז נאָוועמבער — 1365; דייטשלאַנד: קוואָטא — 51,227, געבליבען—31,488; ענגלאַנד און צפון אירלאַנד: קוואָטא — 51,227, געבליבען 21,496; אירלאַנד: קוואָטא — 28,567, געבליבען—17,792; פּוילען: קוואָטא — 5982, געבליבען — 3591; איטאַליע: קוואָטא — 3845, געבליבען — 2471; פראַנקרייך: קוואָ־טא — 3954, געבליבען 3493; טשעכאָ־סלאָוואַקיע: קוואָטא — 3073, געבליבען — 1907; דענעמארק: קוואָטא — 2789, געבליבען — 1722; נאָרוועגיע: קוואָטא — 6453, געבליבען — 3990; שוועדען: קוואָטא — 9561, געבליבען — 5885; די שווייץ: קוואָטא — 2081, געבליבען — 1256; יוגאָסלאַוויע: קוואָ־טא — 671, געבליבען — 454; רומע־ניע: קוואָטא — 603, געבליבען—424; עסטרייך: קוואָטא — 785, געבליבען — 487; ליטע: קוואָטא — 344, געבלי־בען — 219; אונגאַרן: קוואָטא — 473, געבליבען — 286; לאַטוויע: קוואָטא — 142, געבליבען—71. פון די 100 פּאַלעסטינער וויזאַס זיינען ביז נאָ־וועמבער אויסגענוצט געוואָרען נאָר 5.

ווי אזוי אראָפּצוברענגען קרובים אין אמעריקא

די וויכטיגסטע פונקטען פון דעם אימיגראציאָנס געזעץ פארעפענטליכט פון דעם יונייטעד סטייטס דעפּארטמענט אָוו אימיגריישאָן.

1) אימיגראַנטען.

אַן עמיגראַנט וועלכער וויל פאָהרען נאָך אַמעריקע מוז זיך פּערזענליך ווענדען צום אַמעריקאַנער קאָנסול אין ראַיאָן וואו ער וואוינט צו קריגען אן אימיגראַציע וויזע וואָס ער מוז אָפּגעבען צו די אימיגראַציע אינספּעקטאָרען אין דעם אַמעריקאַנער האַפען וואו ער קומט אָן. בלויז אַ באַשרענקטע צאָהל אימיגראַציע וויזעס קענען אַרויסגעגעבען ווערען פון אַמעריקאַנער קאָנסולען צו אימיגראַנטען פון יעדער נאַציאָנאַליטעט. די נאַציאָנאַליטעט פאַר דיזען צוועק ווערט באַשטימט לויט דעם לאַנד וואו דער אימיגראַנט איז געבאָרען געוואָרען, אָהן אונטערשייד אין וועלכען לאַנד ער איז אַ בירגער אָדער אַן אונטערטאַן. אַ יעהרליכע קוואָטאָ איז באַשטימט פאַר יעדער נאַציאָנאַליטעט, און ניט מעהר ווי 10 פּראָצענט אימיגראַציע וויזעס פון דער יעהרליכער קוואָטאָ פאַר יעדער נאַציאָנאַליטעט קענען אַרויסגעגעבען ווערען פון די קאָנסולס אין אירגענד וועלכען קאַלענדאַר מאָנאַט.

אַפּליקאַציעס פאַר וויזעס מוזען געמאַכט ווערען דירעקט צו די אַמעריקאַנער קאָנסולס.

אַלע אָנפראַגען וועגען די קוואָטאָס פון די פאַרשידענע נאַציאָנאַליטעטען אָדער וועגען די אויסזיכטען צו קריגען אימיגראַציע וויזעס, דאַרפען אַדרעסירט ווערען צום סעקרעטערי אָוו סטייט.

2) וועלכע אימיגראַנטען זיינען פריי פון דער קוואָטאָ.

אימיגראַציע וויזעס וואָס זיינען ניט באַשרענקט דורך דער קוואָטאָ קענען אַרויסגעגעבען ווערען פון אַמעריקאַנער קאָנסולען צו :

א) אן אימיגראַנט וואָס איז דאָס אומפאַרהייראַטע קינד, אונטער 18 יאָהר אַלט, אָדער די ווייב, פון אַן אַמעריקאַנער בירגער וועלכער וואוינט אין די פאַראייניגטע שטאַטען און האָט דערלאַנגט אַ פּעטיציע אין דער אימיגראַציע ביוראָ פאַר אַזאַ וויזע (זעהט פּאַראַגראַף 3).

ב) אן אימיגראַנט וועלכער איז פריהער אַריינגעלאָזען געוואָרען אין די פאַראייניגטע שטאַטען זיך דאָרט צו באַזעצען אויף שטענדיג און וועלכער קעהרט זיך אום פון אַ צייטווייליגען באַזוך אין אויסלאַנד, און וועלכער האָט פאַר זיין פאַרלאָזען די פאַראייניגטע שטאַטען ניט באַזאָרגט זיך מיט אַן ערלויבניש צוריקצוקומען, (זעהט פּאַראַגראַף 6).

ג) אַן אימיגראַנט וועלכער איז אַ געבאָרענער פון קענעדע, ניו־פאונדלער, מעקסיקאָ, קיובא, האַיטי, דאָמיניקאַנישע רעפּובליק, קאַנעל זאָון, אָדער אן אומאָפּהענגיגע לאַנד פון צענטראַל אָדער זיד אַמעריקא. און זיין ווייב, און זיינע אומפאַרהייראַטע קינדער אונטער 18 יאָהר, וועלכע באַגלייטען איהם אָדער קומען שפּעטער צו איהם.

ד) אן אימיגראַנט וועלכער איז געווען אַ גייסטליכער (אָדער אַ רב) אָדער אַ פּראָפעסאָר פאַר צוויי יאָהר איידער ער האָט געמאַכט זיין אַפּליקאַציע אַריינגעלאָזען צו ווערען אין די פאַראייניגטע שטאַטען, און וועלכער וויל דאָ קומען פאָרטזעצען דיזע באַשעפטיגונג ; און זיין ווייב און אומפאַרהייראַטע קינדער אונטער 18 יאָהר, וועלכע באַגלייטען איהם אָדער קומען שפּעטער צו איהם.

ה) אן אימיגראַנט וועלכער איז וועניגסטענס 15 יאָהר אַלט און קומט אַהער צייטווייליג בלויז מיט דעם צוועק צו שטודירען אין אַ שולע וואָס איז אַנערקענט פון דעם סעקרעטערי אָוו לעיבאָר (אַרבייטס מיניסטער) פאַר אימיגראַנטען־סטודענטען.

וועלכע אימיגראַנטען קריגען אַ פאָרצוג אין דער קוואָטאָ.

אַ פאָרצוג ביים קריגען אימיגראַציע וויזעס קאָן געגעבען ווערען פון אַמעריקאַנער קאָנסולען צו :

א) אַן אימיגראַנט וועלכער איז דער פאָטער, די מוטער, דער מאַן, דאָס אומפאַרהייראַטע קינד אונטער 21 יאָהר, אָדער די ווייב, פון אַן אַמעריקאַנער בירגער 21 יאָהר אַלט אָדער עלטער, וועלכער האָט דערלאַנגט אַ פּעטיציע אין דער אימיגראַציע ביוראָ פאַר אַזאַ פאָרצוג (זעהט פּאַראַגראַף 3).

ב) אַן אימיגראַנט וועלכער איז אַ פאַךמאַן אין אַגריקולטור (ערד־אַרבייט), און זיין ווייב און אָפּהענגיגע קינדער אונטער 16 יאָהר.

וועלכע אימיגראַנטען דאַרפען ניט האָבען קיין אימיגראַציע וויזעם.

פאָלגענדע קלאַסען אימיגראַנטען דאַרפען ניט האָבען קיין אימיגראַציע וויזעס:

א) אימיגראַנטען וועלכע זיינען פריהער געזעצליך אַריינגעלאָזען געוואָרען אין די פאַראייניגטע שטאַטען און וועלכע קומען צוריק פון אַ צייטוויילינען באַזוך פון ניט מעהר ווי זעקס מאָנאַטען נאָך קענעדע, ניו־פאונדלעד, בערמיודא, מעקסיקאָ, סט. פּיער, מיקעלאָן, אָדער די אינזלען וואָס זיינען אַריינגערעכענט אין די באַהאַמאַ און גרעיטער אַנטילעס גרופּען.

ב) די וואָס האָבען ניט־אויסגעגאַנגענע ערלויבנישען צוריקצוקומען (זעהט פּאַראַגראַף 6).

ג) אַ קינד וואָס איז געבאָרען געוואָרען נאָכדעם ווי דער פאָטער אָדער די מוטער וואָס באַגלייט עס האָט געקראָגען די אימיגראַציע וויזע.

ניט אימיגראַנטען.

אַן אויסלענדער וועלכער באַזוכט די פאַראייניגטע שטאַטען צייטווייליג אַלס טוריסט, אָדער צייטווייליג פאַר געשעפט אָדער פאַרגעניגען, אָדער אַלס דורכרייזענדער, ווערט קלאַסיפיצירט אַלס ניט־עמיגראַנט.

ניט אימיגראַנטען דאַרפען ניט האָבען קיין אימיגראַציע וויזעס, אָבער זיי דאַרפען זיך מעלדען צום אַמעריקאַנער קאָנסול.

בירגער פון קענעדע, ניו־פאונדלענד, בערמודא, די באַהאַמאַס, און ענגלישע באַזיצונגען אין די גרעיטער אַנטילעס אינזלען, אָדער בירגער פון סט. פּיער אָדער מיקעלאָן, אָדער פראַנצויזישע בירגער וועלכע וואוינען דאָרט; אָדער בירגער פון מעקסיקאָ, קיובא, סאַנטאָ דאָמינגאָ, אָדער האַאיטי, אויב זיי זיינען ניט אויסגעשלאָסען צוליב אַנדערע אורזאַכען, קאָנען אַריינקומען אין די פאַראייניגטע שטאַטען צייטווייליג אָהן אירגענד וועלכע דאָקומענטען.

אַ פּערזאָן וועלכע קומט נאָך אַמעריקאַ צייטווייליג פאַר געשעפט אָדער פאַרגעניגען קען אַריינגעלאָזען ווערען פאַר אַ באַשטימטער פּעריאָדע, די לענג פון וועלכער איז אָפּהענגיג אָן יעדען פאַל באַזונדער, אונטער דער באַדינגונג אַז דער אויסלענדער וועט אָנהאַלטען אַ ניט־אימיגראַנט שטאַנד און וועט פּרייוויליג אָפּפאָהרען ווען עס ענדיגט זיך די פּעריאָדע פאַר וועלכער ער איז דאָ אַריינגעלאָזען געוואָרען.

אַפּליקאַציעס צו פאַרלענגערען די פּעריאָדע פאַר וועלכער אַן אויסלענדער איז ערלויבט געוואָרען דאָ צו זיין צייטווייליג, קענען געמאַכט ווערען אויף צוגעגרייטע פאָרמעס (פאָרמע 639), אונטער אַ שבועה, ביי דעם באַאַמטען וואָס האָט די אויפזיכט אויף דעם אָריגינעלען האַפען דורך וועלכען דער אויסלענדער איז אַריינגעקומען אַהער, ניט מעהר ווי 30 טעג און ניט ווייניגער ווי 15 טעג בעפאָר די צייטווייליגע ערלויבניש ענדיגט זיך.

וואו דעם אויסלענדער׳ס שטאַנד אַלס ניט אימיגראַנט איז אין צווייפעל, קען פאַרלאַנגט ווערען אַ באַנד (אַן ערבות) אויף דער סומע פון 500 דאָלאַר פאַר זיין צייטווייליגען אַריינלאָז אָדער פאַר דער פאַרלענגערונג דערפון.

אַן אויסלענדער וועלכער קומט אַלס ניט־אימיגראַנט קען ניט פאַרבלייבען אין די פאַראייניגטע שטאַטען אויף שטענדיג אָדער מעהר ווי ביז די צייט ווען ער ענדערט זיין ניט־אימיגראַנט שטאַנד. צו קענען אַריינגעלאָזען ווערען דאָ אויף שטענדיג מוז אַ ניט־אימיגראַנט אָפּפאָהרען נאָך אַן אַנדער לאַנד און דאָרטען באַקומען אַן אימיגראַציע וויזע פון אַן אַמעריקאַנער קאָנסול אַלס אַן אימיגראַנט.

3) פּעטיציעס פון אַמעריקאַנער בירגער אַרויסצוגעבען אימיגראַציע וויזעס צו געוויסע קלאַסען קרובים.

אַן אַמעריקאַנער בירגער, וועלכער וואוינט אין די פאַראייניגטע שטאַטען קאָן דערלאַנגען אַ פּעטיציע צום קאָמישאָנער דזשענעראַל אָוו אימיגריישאָן (הויפּט אימיגראַציע קאָמישאָנער), אויף פאָרמעס וואָס וועלען צוגעשיקט ווערען אויף פאַרלאַנג, אַרויסצוגעבען אַן אי־

מיגראַציע וויזע ניט אויף דעם חשבון פון דער קוואָטאָ, צו זיין ווייב; אָדער אַן אַמעריקאַנער בירגער (מאַן אָדער פרוי) קען דערלאַנגען אַזאַ פּעטיציע אַרויסצוגעבן אַ קוואָטאָ־פרייע אימיגראַציע וויזע צו זיינע (אָדער איהרע) אומפאַרהייראַטע קינדער אונטער 18 יאָהר.

אַן אַמעריקאַנער בירגער (מאַן אָדער פרוי) איבער 21 יאָהר אַלט, קען דערלאַנגען אַזאַ פּעטיציע צום קאָמישאָנער דזשענעראַל אָוו אימיגריישאָן אַרויסצוגעבן אַ פּאָרצוגליכע אימיגראַציע וויזע צו זיין (אָדער איהר) פּאָטער, מוטער, אומפאַרהייראַטעס קינד אונטער 21 יאָהר, ווייב אָדער מאַן.

אַן אַמעריקאַנער בירגער וועלכער וויל פאָהרען נאָך אויסלאַנד הייראַטען זיין אויסלענדישע כלה, קען פאַר זיין אָפּפאָהרען דערלאַנגען אַ פּעטיציע, אָנגעבענדיג דעם פּלאַץ פון דער ערוואַרטעטער חתונה, און דעם אַמעריקאַנער קאָנסולאַט וואו זיין ווייב וועט זיך ווענדען נאָך אַ קוואָטאָ־פרייע אימיגראַציע וויזע. באַווייזען פון דער חתונה מוזען צוגעשטעלט ווערען צום קאָנסול. אַזעלכע פּעטיציעס קענען ניט דערלאַנגט ווערען סיידען דער בירגער פּלאַנט צו פאָהרען נאָך אויסלאַנד מיט דעם צוועק צו הייראַטען.

אַ בירגער קען דערלאַנגען אַזאַ פּעטיציע פאַר זיין אַדאָפּטירטען פאָטער, מוטער אָדער קינד נאָר דאַן ווען די אַדאָפּטירונג איז פאָרגעקומען בעפאָר דעם 1טען יאַנואַר, 1914. שטיף־עלטערען אָדער שטיף־קינדער ווערען ניט אַריינגערעכענט אין די פריהער־דערמאָנטע קלאַסען. אַ בירגער קען ניט דערלאַנגען אַ פּעטיציע פאַר אַן אימיגראַציע וויזע צו זיין (אָדער איהר) שווער אָדער שוויגער.

אויסלענדישע איינוואוינער אין די פאַראייניגטע שטאַטען, כאָטש זיי האָבען אַרויסגענומען זייערע „ערשטע פּייפּערס", קענען ניט קריגען אַ קוואָטאָ־פרייע אימיגראַציע וויזע אָדער אַ פאָרצוג אין דער קוואָטאָ פאַר זייערע קרובים, און פּעטיציעס פון אַזעלכע פּערזאָנען קענען ניט אויפגענומען ווערען.

4) אויסגעשלאָסענע קלאַסען.

פאָלגענדע קלאַסען אויסלענדער זיינען אויסגעשלאָסען פון אַריינגעלאָזען ווערען אין די פאַראייניגטע שטאַטען:

אידיאָטען, פאַרשטאַנד־שוואַכע, שוואַכזיניגע, עפּילעפּטיקער (וואָס ליידען פון די פאַליגע, חולי נופלים), משוגעים אָדער אַזעלכע וואָס האָבען ווען עס איז געליטען פון משוגעת, פּערזאָנען פון קערפּערליכען פּסיכאָפּאַטישען נידריגען שטאַנד, פּערזאָנען וואָס ליידען פון כראָנישען אַלקאָהאָליזם (שיכרות), בעטלערס, פּראָפעסיאָנעלע שנאָרערס, היימלאָזע פּערזאָנען וועלכע ליידען פון שווינדזוכט אין אירגענד וועלכע פאָרמע אָדער פון אַ העסליכע אדער געפעהרליכע אַנשטעקענדיגע קראַנקהייט, פּערזאָנען וועלכע ווערען באַשטעטיגט פון די עקזאַמינירענדע דאָקטוירים אַלס גייסטיג אָדער פיזיש געפעהלערטע, און דער פיזישער פעהלער איז פון אַזאַ סאָרט וואָס קען שטערען דעם אימיגראַנט צו מאַכען אַ לעבען, פּערזאָנען וועלכע זיינען פאַראורטיילט געוואָרען פאַר אַ פאַרברעכען אָדער וועלכע גיבען צו אַז זיי זיינען באַגאַנגען אַ פאַרברעכען וואָס קומט פון מאָראַלישער געזונקענקייט, פּאָליגאַמיסטען (וועלכע האָבען מעהר ווי איין ווייב), אָדער פּערזאָנען וועלכע פּראַקטיצירען, גלויבען, אָדער אַגיטירען פאַר פּאָליגאַמי, אַנאַרכיסטען און עהנליכע קלאַסען, אוממאָראַלישע פּערזאָנען און פּערזאָנען וועלכע קומען פאַר אוממאָראַלישע צוועקען, קאָנטראַקט אַרבייטער, פּערזאָנען וועלכע קענען פאַלען צו לאַסט אויף דער געזעלשאַפט, פּערזאָנען וועלכע ווילען אַריינקומען אַהער אין פאַרלויף פון אַ יאָהר זינט זיי זיינען אויסגעשלאָסען אָדער צוריקגעשיקט געוואָרען, פּערזאָנען וועמעס שיפסקאַרטע אָדער רייזע איז באַצאָהלט געוואָרען מיט דאָס געלד פון אַן אַנדערען, אָדער וועלכע ווערען געהאָלפען פון אַנדערע צו קומען אַהער, סיידען עס ווערט איבערצייגענד באַוויזען אַז אַזעלכע פּערזאָנען באַלאַנגען ניט צו איינע פון די דערמאָנטע אויסגעשלאָסענע קלאַסען, פּערזאָנען וועמעס שיפסקאַרטע אָדער רייזע איז באַצאָהלט געוואָרען פון אירגענד וועלכער קאָרפּאָראַציע, געזעלשאַפט, חברה, שטאָדט אָדער אויסלענדישע רעגירונג, סאַי דירעקט און סאַי אינדירעקט, „בלינדע פּאַסאַזשירען" (אַזעלכע וואָס גנב'ענען זיך אַרויף אויף אַ שיף), קינדער אונטער 16 יאָהר וועלכע זיינען אומבאַגלייט און פאָהרען ניט צו אַ פאָטער אָדער מוטער אָדער צו זיי ביידע, פּערזאָנען וועלכע זיינען איינגעבאָרענע פון אַ געוויסע געאָגראַפיש באַשטימטע טעריטאָריע (אַזיאַטען), פּערזאָנען איבער 16 יאָהר וועלכע קענען ניט לעזען (אידיש און העברעאיש זיינען אַנערקענט אַלס שפּראַכען פאַר דיזען צוועק),

געוויסע אויסלענדער וועלכע קומען צוזאַמען מיט אַן אַנדער אימיגראַנט (וועלכער ווערט ניט אַריינגעלאָזען אַהער און קאָן ניט צוריקפאָהרען אָהן דעם באַגלייטער). פערזאָנען וועלכע ווילען קומען פון מעקסיקאָ אין פאַרלויף פון 2 יאָהר זינט זיי זיינען אָנגעקומען אַהין אויף געוויסע שיפס־ליניעס, אויסלענדער וועלכע קאָנען ניט ווערען אַמעריקאַנער בירגער, און אויסלענדער וועלכע זיינען ניט נאָכגעקומען די וויזע־פאָדערונגען.

די פראַגע פון אַריינלאָזען אַן אויסלענדער וועלכער ליידט פון אַ מעהר אָדער וועניגער ערנסטען פעהלער, אַזוי ווי אַ בלינדער אויף איין אויג, אַזעלכער וועמען עס פעהלט אַ טייל פון אַ גליד, אַ טויבער, אַ שטומער, קען ניט באַשטימט ווערען איידער דער אימיגראַנט קומט אָן אין האַפען. פיזישע פעהלערען זיינען ניט אַן און פאַר זיך קיין גענוג גרונד צו שטעלען דעם אימיגראַנט אין די אויסגעשלאָסענע קלאַסען, און ווערען באַטראַכט אין פאַרבינדונג מיט זיין באַשעפטיגונג און די מעגליכקייט אַז ער זאָל דורך דעם פאַלען צו לאַסט אויף דער געזעלשאַפט. עס ווענדעט זיך אָן די שיפס קאָמפּאַניעס אויב אַזעלכע אויסלענדער זאָלען אַרויפגענומען ווערען אויף די שיפען, אָבער די שיפס קאָמפּאַניס זיינען אונטערוואָרפען צו שטראָף פאַר ברענגען אַהער אויסלענדער וואָס געהערען צו געוויסע אויסגעשלאָסענע קלאַסען.

אַפּידייוויטס אָדער אַנדערע באַווייזע אין פאַרבינדונג מיט דעם פאַל פון ערוואַרטעטע אימיגראַנטען דאַרפען ניט צוגעשטעלט ווערען צו דער אימיגראַציע ביוראָ אָדער צום לעיבאָר דעפּאַרטמענט, נאָר צום עמיגראַנט אַליין כדי ער זאָל זיי האָבען אין זיין באַזיץ אין דער צייט ווען ער ווענדעט זיך נאָך אַ וויזע און ווערט עקזאַמינירט פון די אימיגראַציע באַאַמטע אין דעם האַפען וואו ער קומט אָן.

עס איז ניט באַשטימט וויפיל געלד אַן אימיגראַנט מוז האָבען כדי אַריינגעלאָזען צו ווערען אין די פאַראייניגטע שטאַטען, אָבער ער דאַרף באַזיצען גענוג געלד צום באַפרידיגען זיינע מעסיגע באַדערפנישע און די יעניגע וועלכע פאָהרען מיט איהם און זיינען אָנגעוויזען אויף אים ביז דער צייט ווען ער קען וואַהרשיינליך קריגען באַשעפטיגונג; אויך, ווען ער פאָהרט נאָך אַן אַנדער שטאָדט ווי די האַפען־שטאָדט אין וועלכע ער איז אָנגעקומען. מוז ער האָבען אַ באַהן־בילעט אַהין אָדער גענוג געלד עס צו קויפען. מיט געוויסע אויסנאַהמען, מוזען אימיגראַנטען וועלכע ווערען אַריינגעלאָזען אין די פאַראייניגטע שטאַטען צאָהלען אַ קאָפּ־שטייער פון 8 דאָלאַר.

5) אַפּילס און רע־אַפּליקאַציעס.

א) דאָס געזעץ באַשטימט אַז יעדער אויסלענדער וועלכער זעהט ניט אויס ביים עקזאַמינירענדען אינספּעקטאָר צו זיין „זיכער און אָהן צווייפעל“ באַרעכטיגט אַריינצוקומען אין די פאַראייניגטע שטאַטען זאָל פאַרהאַלטען ווערען צו אַ פאַרהער פאַר אַ „באָארד אָוו ספּעשעל אינקוואירי“ (קאָמיסיע פאַר ספּעציעלע נאָכפאָרשונג). דיזע „באָארד“ קען אַריינלאָזען אָדער אויסשליסען דעם פאַרהאַלטענעם אויסלענדער, אָבער אויב ער ווערט אויסגעשלאָסען ווערט ער אין געוויסע פעלע אויפמערקזאַם געמאַכט אַז ער האָט אַ רעכט צו אַפּעלירען צום סעקרעטערי אָוו לעיבאָר (אַרבייטס מיניסטער). קיין אַפּיל קען ניט געמאַכט ווערען וואו די ענטשיידונג פון אַ באָארד אָוו ספּעשעל אינקוואירי, געבויט אויף דער באַשטעטיגונג פון דעם עקזאַמינירענדען דאָקטאָר, ווייזט צוריק אַן אויסלענדער דערפאַר וואָס ער ליידט פון שווינדזוכט אין אירגענד וועלכע פאָרמע, אָדער אַ העסליכע אָנשטעקענדע אָדער געפעהרליכע אָנשטעקענדע קראַנקהייט, אָדער איז אַן אידיאָט, אַ שוואַכזיניגער, אַן עפּילעפּטיקער, אָדער משוגע, אָדער גייסטיג־שוואַך, אָדער זיין קערפּערליכער פּסיכאָפּאַטישער צושטאַנד איז אַ נידריגער, אָדער ער ליידעט פון אַ גייסטיגען פעהלער, אָדער ער איז אַ כראָנישער שיכור. אויב אַן אַפּיל ווערט געמאַכט און אָנגענומען, ווערט די צוריקשיקונג אָפּגעהאַלטען און דער פאָלשטענדיגער רעקאָרד ווערט איבערגעשיקט צום סעקרעטערי אָוו לעיבאָר פאַר אַן איבערזיכט און ענטשיידונג. אַזעלכע אַפּילס מוזען געמאַכט ווערען אין דעם האַפען און קענען ניט אָנגענומען ווערען אויב זיי ווערען דערלאַנגט אין דער ביוראָ אָדער אין דעם דעפּאַרטמענט. דער באַאַמטער וואָס האָט די אויפזיכט איבער דעם האַפען קען זיך אַנטזאַגען אָנצונעמען אַן אַפּיל וואָס ווערט געמאַכט פון דעם אויסלענדער (אָדער אירגענד וועלכע אָרגאַניזאַציע, לאָיער (אַדוואָקאַט), קרוב, פריינד, מיט זיין וויסען און צושטימונג) מעהר ווי 48 שטונדען נאָכדעם ווי ער ווערט אויסגעשלאָסען דורך דער „באָארד“, אָדער אויב דער אויסלענדער איז שוין אַוועקגעפיהרט געוואָ־

רען פון דער אימיגראציע סטאנציע פאר צוריקשיקונג. די אימיגראציע געזעצען ערלויבען ניט צו געבען א „באנד" (ערבות) אדער אן אנדער גאראנטיע אידער דער אפיל גריכט דעם סעקרעטערי אוו לעיבאר, און דער אויסלענדער קען ניט באפרייט ווערען אונטער באנדס אדער אויף אן אנדער אופן אידער דער סעקרעטערי גיט ארויס די ענטשיידונג.

ב) אויסלענדער וועלכע ווערען אויסגעשלאסען אדער צוריקגעשיקט אונטער די אימיגראציע געזעצע איז פארבאטען צו מאכען א נייע אפליקאציע אריינגעלאזען צו ווערען אין לאנד אין פארלויף פון א יאהר נאך זייער אויסשליסונג אדער צוריקשיקונג, סיידען אן ערלויבעניש צו מאכען א נייע אפליקאציע איז געקראגען געווארען דורך אן אפליקאציע צום סעקרעטערי אוו לעיבאר וואס איז דערלאנגט געווארען צום באאמטען וועלכער האט די אויפזיכט איבער דעם האפען אין וועלכען די אויסשליסונג אדער צוריקשיקונג איז פארגעקומען. פערזאנען וועלכע זיינען אויסגעשלאסען געווארן בלויז אלס באגלייטער פון אנדערע צוריקגעשיקטע אויסלענדער, אדער בלויז ווייל זיי זיינען געקומען אהן געהעריגע וויזעס, אדער ווייל זיי זיינען אונטער 16 יאהר און געקומען אהן באגלייטער קענען מאכען נייע אפליקאציעס אין פארלויף פון יאהר אהן די אויסדריקליכע ערלויבניש פון דעם סעקרעטאר, אבער אין דעם לעצט־דערמאנטען פאל (וועגען קינדער) מוז די אפליקאציע געמאכט ווערען ווען זיי זיינען איבער 16 יאהר, אדער באגלייט פון פאטער אדער מוטער.

6) ערלויבניש צוריקצוקומען אין די פאראייניגטע שטאטען.

אן אויסלענדער וועלכער פלאנט א צייטווייליגען באזוך אין אויסלאנד, און וועלכער איז אין דער צייט פון זיין קומען אהער אריינגעלאזען געווארען זיך דא צו באזעצען אויף שטענדיג, קען בעפאר זיין אפפאהרען נאך אויסלאנד, מאכען אן אפליקאציע אויף א צוגעגרייטע פארמע (פארמע 631) צום קאמישאנער דזשענעראל אוו אימיגרוישאן (הויפט אימיגראציע־קאמיסאר) פאר אן ערלויבניש צוריק צוקומען. אזא ערלויבניש האט ניט קיין ווירקונג אויף די אימיגראציע געזעצע, אויסער צו צייגען אז דער אויסלענדער וואס באזיצט עס קעהרט זיך אום פון א צייטווייליגען באזוך אין אויסלאנד. אזא ערלויבניש מאכט ניט מעגליך צוריק אריינצולאזען אן אויסלענדער וועלכער איז אויסדריקליך אויסגעשלאסען דורכ'ן געזעץ.

ערלויבנישען זיינען אין קראפט פאר א יאהר, אבער קענען פארלענגערט ווערען. 3 דאלאר ווערט גערעכענט פאר דער ערלויבניש און פאר יעדער פארלענגערונג דערפון.

דער ריכטיגער באזיצער פון א ניט־אויסגעגאנגענע ערלויבניש צוריקצוקומען נויטיגט זיך ניט אין אן אימיגראציע וויזע פון אן אמעריקאנער קאנסול ביים צוריקקעהרען זיך

7) דערקענונגס קארטען ביי גרענעצען.

אויסלענדער און בירגער וועלכע וואוינען אויף אירגענד וועלכע זייט פון אן אינטערנאציאנאלע גרענעץ וועלכער זיי דארפען אפט אריבערגעהן פאר געזעצליכע אנגעלעגענהייטען, קענען זיך ווענדען צום אימיגראציע באאמטען וואס האט די אויפזיכט איבער דעם איינטריטס־האפען, צו באקומען א דערקענונגס־קארט. דאס ארויסגעבען א דערקענונגס־קארט איז אפהענגיג אן דעם ווילען פון דעם אימיגראציע באאמטען און אזא קארטע קען צוגענומען ווערען אדער בטל געמאכט ווערען צו יעדער צייט.

די אפילס וועלכע זיינען אויבען דערמאנט געווארען וועגען פארהאלטענע אידישע אימיגראנטען ווערען געמאכט דורך דער הכנסת אורחים און אימיגראנט עיד סאסייעטי (האיאס), וועלכע האט א ספעציעלע ביורא אויף עליס איילאנד, און אפיסעס אין אנדערע האפען־שטעדט פון לאנד. די אפילס ווערען אין וואשינגטאן פארטיידיגט דורך לאיער איזידאר הירשפיעלד, וואשינגטאנער פארטרעטער פון האיאס.

די פארשידענע אפידייוויטס און פעטיציעס פון אמעריקאנער קרובים וואס זיינען דא דערמאנט געווארען ווערען אויסגעפיהלט אין אפיס פון האיאס, 425 לאפאיעט סטריט, נעבען אסטאר פלייס, ניו יארק, און אויך אין די אפיסעס פון האיאס אין פילאדעלפיא, באסטאן, באלטימאר, שיקאגא, סאן פראנציסקא און סיאטעל.

מעהר אינפארמאציע.

די יעניגע, וואס ווילען מעהר אינפארמאציע וועגען דעם נייעם געזעץ קענען זיך ווענדען פערזענליך אדער שריפטליך אין אפיס פון האיאס.

ווי צו ווערען אַן אַמעריקאַנער בירגער

פון ס. פּ. קרעמער.

1.

עס איז פיל לייכטער צו ווערען א סיטיזען ווי מען מיינט.

דער ניט-בירגער שטעלט זיך געוועהנ-ליך פאָר, אז צו ווערן א בירגער איז זעהר, זעהר שווער. ער ווייס, אז מען מוז קענען ענטפערען אויף געוויסע פראגען, שטעלט ער זיך פאָר: א שווערען עקזאמען! און אזוי ווי צו שווערע זאכען כאפּט מען זיך ניט, ווערט ער ניט קיין בירגער; לייגט ער אָפּ פון מאָנאט צו מאָנאט, פון יאָהר צו יאָהר. עס זיינען פאראן אין דער אי-דישער גאס פילע, פילע צענדליגע טויזענ-דע מענשען, וואָס וואָלטען געקענט ווערען בירגער, און וואָס זיינען דאָס ניט, ווייל זיי האָבען מורא, אז עס איז שווער. זיי ווילען ווערען בירגער פון לאנד. זיי ווילען ניט זיין קיין פרעמדע. זיי ווילען זיין אייגענע, ווילען קענען זאָגען א דעה. זיי האָבען אָבער מורא, אז ס'איז שווער צו ווערען א בירגער.

אין דער אמת'ן איז ניט שווער צו ווע-רען א בירגער.

איהר מוזט וואוינען אין לאנד און אין סטייט א געוויסע צאָהל יאָהרען.

איהר מוזט האָבען צוויי עדות, וואָס זיינען אליין בירגער, און וואָס זאָלען שווערען, אז זיי קענען אייך פאר דער צייט, און אז איהר זיינט א פיינער מאַן, און מען קען אייך אריינגעהמען אין דער סאָסייעטי „די פאראייניגטע שטאטען".

איהר מוזט זיין באקאנט מיט דער דעקלערייש אָן אוו אינדעפּענדענס און מיט דער אמעריקאנער קאנסטיטושאָן, כדי, ווען איהר וועט ווערען א בירגער, זאָלט איהר וויסען אייערע רעכטע, און זיי קענען אויסנוצען ווי געהעריג איז.

און איהר דארפט זיך ניט שרעקען, ווען מען זאָגט אייך, אז איהר דארפט זיין באקאנט מיט דער קאנסטיטושאָן. איהר דארפט ניט מורא האָבען פאר קיין שווערען עקזאמען. די קאנסטיטושאָן דערצעהלט, ווי אזוי דאָס לאנד פיהרט זיך, ווער עס מאכט די געזעצען, וועם עס פיהרט אוים די געזעצע, א. אז. וו. לייענט איבער די קאנסטיטושאָן א פּאָר מאָל, וועט איהר מיט איהר זיין באקאנט.

דער פאקט איז, אז מען נעהמט קיי-נעם ניט אויף קיין קרייץ-פארהער. מען שטעלט דעם קאנדידאט בלויז צוויי אָדער דריי פראגען, וואָס יעדער פארנינפטיגער מענש קאָן זעהר לייכט ענטפערען. און ווען יענער ענטפערט ריכטיג, לאָזט מען איהם דורך. ווען ער קען ניט ענטפערען, שטעלט מען איהם אָפּט אנדערע פראגען, און ווען ער ענטפערט יענע פראגען געהט ער דורך.

ווי אזוי ווערט מען א בירגער? וואָס דארף מען טאָן, און וואָס דארף מען קע-נען אום צו קריגען די סיטיזען פּייפּערס?

דאָס ווען מיר אייך איצט ערקלע-רען.

2.

וואָס מען דארף טאָן ווען מען וויל ווערען א סיטיזען.

1) די ערשטע פּייפּערס.

איהר הערט אָפט ווי מען רעדט וועגען ערשטע סיטיזען פּייפּערס און צווייטע סי-טיזען פּייפּערס. וואָס מיינט דאָס? וואָס באדייט עס?

מיר וועלען אייך דא דערצעהלען.

יעדער איינער וואס וויל ווערען א בירגער דארף דאס מעלדען אין קאורט, אדער צום קלוירק פון קאורט, און דער קלוירק גיט ארויס א פייפער, אז דער און דער האט ערקלעהרט, אז ער וויל ווערען א בירגער. דיזער פאפיר ווערט אנגערופען ערשטע פייפערס. דאס זיינען אבער ניט קיין סיטיזען־פייפערס. עס איז פונקט ווי ווען איהר ווילט זיך פארשלאגען אין א סאסייעטי. איהר שרייבט אונטער אן אפליקיישאן, אין וועלכען איהר ערקלערט אז איהר ווילט ווערען א מעמבער. דאס הייסט ניט, אז איהר זייט א מעמבער. די סאסייעטי דארף פריהער באשליסען, צו זי וויל אייך ארייננעהמען. ווען זי באשליסט אויף יא, גיט זי אייך ארויס א מעמבער־קארד. און איהר זיינט א מעמבער. פונקט אזוי איז מיט דער גרויסער סאסייעטי „די פאראייניגטע שטאטען". ווען זי באשליסט אייך ארייננצונעהמען אלס א סיטיזען, גיט זי אייך דעמאלסט ארויס די סיטיזען־פייפערס.

אבער איידער די פאראייניגטע שטאטען קען באשליסען אייך ארייננצונעהמען אלס א בירגער, מוזט איהר פריהער ערקלעהרען, אז איהר ווילט ווערען א בירגער; מוזט פריהער אונטערשרייבען אן אפליקיישאן, און די ערשטע פייפערס איז א באשטעטיגונג, אז איהר האט אריינגעגעבען אזא אפליקיישאן.

און אזוי ווי די ערשטע פייפערס איז ניט מעהר ווי אן ערקלעהרונג, אז איינער וויל ווערען א סיטיזען, און אזוי ווי יעדער איינער קען וועלען ווערען א סיטיזען אפילו איינער וואס איז ערשט היינט געקומען קיין אמעריקא, פיהרט זיך טאקע, אז מען שטעלט דעם קאנדידאט קיין איין פראגע ניט, וועלכע ער זאל ניט קענען ענטפערען.

מען פרעגט איהם בלויז:

זיין נאמען; זיין עלטער; די באשעפטיגונג; וואו ער איז געבוירען געווארען; ווען ער איז געקומען אהער, א. אז. וו.

דער קאנדידאט דארף ניט קענען ריידען קיין ענגליש, דארף ניט קענען שרייבען קיין ענגליש, דארף ניט האבען קיין עדות, מוז קענען בלויז אונטערשרייבען זיין נאמען.

דער פרייז פאר די ערשטע פייפערס איז איין דאלאר.

די פראגען (וועגען נאמען, עלטער, א. אז. וו.) זיינען אויסגעשריבען אויף א פאפיר וועלכער הייסט אפליקיישאן־בלענק. ווען איהר ווילט, קענט איהר דיזען פאפיר נעהמען אהיים. און אן אנדערער זאל איהם פאר אייך אויספילען, אדער איהר קענט מיטברייגנען עמיצען אין קאורט, וואס זאל איהם פאר אייך אויספילען. ווען איהר דערלאנגט דאן דעם פאפיר דעם קלוירק, דארף ער אייך גאר ניט פרעגען. ער שרייבט איבער די אנטווארטען פון דעם בלענק, און ער דערלאנגט אייך די ערשטע פייפערס.

קאורטס וואס גיבען ארויס פייפערס זיינען דא אין יעדער שטאדט, און איהר קענט זעהר גרינג אויסגעפינען די אדרעסען.

אלזא, איהר ווייסט איצט אלעס וואס איהר דארפט וויסען וועגען ערשטע פייפערס. ארויסנעהמען די ערשטע פייפערס איז דער ערשטער שריט צו ווערען א בירגער. אויב איהר האט נאך ניט קיין ערשטע פייפערס, נעהמט זיי ארויס איצט; היינט נאך.

אין ניו יארק איז זייט פילע יאהרען פאראן א נאטוראליזיישאן ליעג, וועמעס הויפט אפיס איז אין „פארווערטס" בילדינג, אין ניו יארק און וועמעס אויפגאבע איז צו מאכען אונזערע מאסען פאר בירגער. די וואס וואוינען אלזא אין ניו יארק (אדער בראנקס,

ברוקלין, א. ז. וו.) דארפען ניט געהן אין קאורט נאך אן אפליקיישאן-בלאנק. זיי קענען קריגען אפליקיישאן-בלאנקס אין די אפיסעס פון דער „נאטוראליזיישאן אייד ליעג". דארט וועט מען טאקע אויספילען די בלענקס, און מען וועט אייך זאגען אין וועלכען קאורט איהר דארפט געהן.

2) די צווייטע פייפערס.

ביים ארויסנעהמען די ערשטע פייפערס פיהרען זיך אלע גלייך. דאס געזעץ איז דאס זעלבע פאר אלעמען. ביי די צווייטע פייפערס איז שוין אבער אנדערש. דער קאנגרעס, די קערפערשאפט וואס מאכט די געזעצע אין די פאראייניגטע שטאאטען, האט אנגענומען א געזעץ, אז די וואס קומען קיין אמעריקא נאך דעם 29טען דזשון, 1906 מוזען צושטעלען א צייגניס, ווען זיי ווילען ווערען בירגער, ווען זיי זיינען געקומען קיין אמעריקא. דער קאנגרעס, האט נאטירליך ניט געקענט פאדערען, אז דער געזעץ זאל זיך באציהען אויך אויף די וואס זיינען געקומען אהער פאר 1906, דאס הייסט, איידער עס איז געווארען אזא געזעץ, און אזוי ווי עס זיינען אין אמעריקא נאך דא אסך מענשען, וואס זיינען אהער געקומען פאר 1906, און וואס זיינען נאך ניט קיין סיטיזענס, זיינען דארום פאראן צוויי וועגען ווי מען קען ארויסנעהמען סיטיזען-פייפערס: איין וועג פאר די וואס זיינען אהער געקומען פאר דעם 29טען דזשון. א צווייטער וועג, פאר די וואס זיינען אהער געקומען נאך דעם 29טען דזשון, 1906. די ערשטע דארפען ניט צושטעלען קיין צייגניס, ווען זיי זיינען געקומען אין די פאראייניגטע שטאאטען. די צווייטע דארפען יא צושטעלען א צייגניס ווען זיי זיינען אנגעקומען אין די פאראייניגטע שטאאטען.

מיר וועלען דא ערקלעהרען ביידע געזעצע, און ווי מען דארף זיך פיהרען. נאר איידער מיר טהוען דאס ווילען מיר זאגען, אז קיין מענש קען ניט ווערען קיין סיטיזען, עס מאכט ניט ווען ער אדער זי איז געקומען קיין אמעריקא, סיידען:

מען איז 21 יאהר אלט, אדער מעהר.

מען האט די ערשטע פייפערס 2 יאהר.

מען האט געוואהנט אין לאנד 5 יאהר.

אין סטייט וואו מען וויל ארויסנעהמען די פייפערס 1 יאהר.

און מען האט 2 עדות, וואס זאלען שווערען אז זיי קענען איהם אדער איהר 5 יאהר.

ווי מען זאל זיך פיהרען.

א) די וואס זיינען אהער געקומען פאר דעם 29טען יוני, 1906.

די וואס זיינען אהער געקומען פאר דעם 29טען יוני, 1906, דארפען געהן מיט זייערע עדות אין קאורט און ערקלעהרען אז זיי ווילען ארויסנעהמען צווייטע פייפערס. דער קלוירק וועט באקוקען די ערשטע פייפערס, וועלכע איהר דארפט מיטברענגען, און ער וועט אייך שטעלען געוויסע פראגען: דיזעלבע פראגען וועלכע ער האט אייך געפרעגט ביים ארויסנעהמען די ערשטע פייפערס, און אויך אנדערע, וועלכע וועלען זיין עהנליך אויף יענע. ער וועט אויך אויספרעגען אייערע עדות.

מיט דריי מאנאטען שפעטער, אדער ארום יענער צייט, וועט איהר ערהאלטען א פאסטעל-קארד, און איהר וועט ווידער מוזען קומען מיט אייערע צוויי עדות.

דאָס מאָהל וועט איהר ערשיינען פאר'ן דזשאָדזש, און א בעאַמטער וועט אייך עקזאַמינירען, אין דער אנוועזענהייט פון דזשאָדזש. ווי מיר האָבען שוין געזאָגט, איז דער „עקזאַמען" זעהר א לייכטער. מען וועט אייך שטעלען א פּאָר פראַגען, און ווען איהר וועט אויף זיי ענטפערען ריכטיג, וועט מען אייך איינשווערען אלס בירגער.

די פראַגען וועלכע מען שטעלט ווען מען קומט ארויסנעהמען די צווייטע פּייפּערס זיינען אויך אָפּגעדרוקט אויף אַן אַפּליקיישאַן־בלענק, און איהר קענט דעם אַפּליקיישאַן־בלענק אהיימנעמען און אַן אַנדערער זאָל איהם פאר אייך אויספילען. איהר דאַרפט בלויז אונטערשרייבען דעם נאָמען מיט אייער אייגענער האַנד.

די וואָס וואוינען אין ניו יארק אדער אין ברוקלין, אדער אין בראָנקס קענען קריגען אַפּליקיישאַן בלענקס אין די אָפיסעס פון דער „נאַטשוראַליזיישאַן אייד ליג". דאָרט וועט מען שוין פאר אייך אויספילען די בלענקס.

ב) די וואָס זיינען געקומען נאָך דעם 29טען יוני, 1906.

די וואָס זיינען געקומען נאָך דעם 29טען דזשון, 1906, מוזען פריהער פאר אלעם קריגען א רעקוועסט פאר א „סערטיפיקייט אוו ערייוועל", דאָס הייסט א צייגניס ווען איהר זייט אהער אָנגעקומען.

דאָס קענט איהר באקומען ענטוועדער דורך דעם קאָורט וואו איהר האָט ארויסגענומען די ערשטע פּייפּערס, אָדער דורך אונזער נאַטשוראַליזיישאַן אייד ליג, אָדער דירעקט פון דער נאַטשוראַליזיישאַן ביוראָ, ווען איהר ווענדעט זיך אהין שריפטליך. וועלכען וועג איהר זאָלט אָבער ניט אויסקלייבען, קומט דער ענטפער אַן אין דעם קאָורט וואו איהר דאַרפט ארויסנעהמען די פּייפּערס. דער קלוירק פון יעדען קאָורט שרייבט אייך א פּאָסטעל־קאַרד, איהר קומט מיט אייערע עדות און מאַכט דורך אַלע פאָרמאַליטעטען, ווי מיר האָבען שוין פריהער אָנגעוויזען, און איהר קריגט די פּייפּערס.

3) פרויען וואָס מוזען אַרויסנעהמען סיטיזען פּייפּערס.

פרויען וועמעס מענער עס זיינען שוין פון לאַנג בירגער, ווערען פאררעכנט אלס בירגערינס. אַנדערש איז אָבער מיט יענע פרויען, וואָס זייערע מענער זיינען געוואָרען בירגער נאָך דעם 22טען סעפּטעמבער, 1922. לויט א נייעם געזעץ, וואָס איז אריין אין קראַפט יענעם דאַטום, קען קיין פרוי ניט ווערען קיין בירגערין פון די פאראייניגטע שטאַטען, סיידען זי נעמט אליין ארויס פּייפּערס. ס'איז ווייניג וואָס דער מאַן מיט וועמען זי הייראַט איז א היגער בירגער אדער ער ווערט שפּעטער א בירגער. זי מוז, אויב זי וויל ווערען א בירגערין, אליין ארויסנעמען סיטיזען פּייפּערס. דערפאַר אָבער איז איהר גרינגער צו באַקומען פּייפּערס ווי א דורכאויס פרעמדען: זי דאַרף ניט ארויסנעהמען קיין ערשטע פּייפּערס, און זי דאַרף זיין אין לאַנד בלויז איין יאָהר פון דער צייט אַן ווען זי ערקלערט, אַז זי וויל ווערען א בירגערין.

4) וואָס צו לעזען.

מיר האָבען געזאָגט, אַז די וואָס ווילען ווערען בירגער מוזען קענען רייידען ענגליש. עס מיינט אָבער ניט, אַז זיי מוזען זיך קענען גוט צונויפרייידען

אין ענגליש. ווען זיי פארשטעהען נאר וואס מען פרעגט זיי, און זיי קענען ענטפערען — אפילו אין א שלעכטען ענגליש, גיט מען זיי די פּייפּערס.

די ריכטער ווילען ניט זיין שטרענג. אויב דער קאנדידאט איז נאר אן אינטעליגענטער מענש, און ער פארשטעהט דאס לאנד פון וועלכען ער וויל ווערען א בירגער, מאכט איהם דער דזשאַדזש קיין שוועריגקייטען ניט.

פארשטעהט זיך. מען דארף האָבען א באגריף וועגען לאנד. מען דארף קענען ענטפערען אויף די פּאָר פראַגען. מען קאָן דאס אָבער אויסלערנען אין דיד ריי מאָנאטען וואס מען דארף ווארטען ביז מען ווערט גערופען אין קאורט אריין.

וואס צו לערנען, וואס מען דארף וויסען ווען מען וויל ווערען א סיטיזען — דאס וועלען מיר אייך ערקלערען אין דעם נעקסטען קאפּיטעל.

3

וואס מ'דאַרף וויסען ווען מען וויל ווערען א סיטיזען.

1) דעקלאריישאָן אָוו אינדעפּענדענס.

די ערשטע פראגע וואס דער ריכטער שטעלט איז זעהר אָפט די פאלגענדע: „דיד יו ריעד דהי דעקלעריישאָן אָוו אינדעפּענדענס"? (האט איהר געלעזען די דעקלעריישאָן אָוו אינדעפּענדענס?) איהר דארפט נאטירליך ענטפערען אז יא. אָבער דאס אליין איז ניט גענוג. איהר דארפט טאקע לעזען די דעקלעריישאָן, איהר דארפט וויסען וואס זי איז.

די פאראייניגטע שטאַטען, ווי איהר ווייסט, האט זיך געגרינדעט פון עטליכע קאלאָניעס, וועלכע האָבען פריהער באלאנגט צו ענגלאנד, און וועלכע האָבען זיך שפּעטער פון איהר באפרייט דורך א רעוואלוציע.

ווען די רעוואלוציאנס־מלחמה האט זיך אָנגעהויבען, האָבען די קאלאָניעס זיך ערקלעהרט פריי פון ענגלאנד. דאס הייסט זיי האָבען ארויסגעגעבען אן ערקלעהרונג אז זיי זיינען אונאפּהענגיג (ע דעקלאריישאָן אוו אינדעפּענדענס). ענגלאנד האט נאטירליך ניט געוואָלט אפּלאָזען די קאלאָניעס. די מלחמה איז געווען א ביטערע, אבער די קאלאָניעס האָבען געוואונען. זיי זיינען געווארען פריי, האָבען זיך פאראייניגט און זיינען געווארען די „פאראייניגטע שטאַטען פון אמעריקא".

וואס האָבען די קאלאָניעס געזאָגט אין דעם דעקלאריישאָן אוו אינדעפּענדענס?

זיי האָבען געזאָגט, אז יעדער מענש איז געבוירען געווארען פריי, און האט א רעכט צו זיין פריי; אז רעגירונגען ווערען געגרינדעט צו ערפילען דעם מענשען'ס באדערפענישען און אז קיין רעגירונג קען ניט רעגירען אָהן דער צושטימונג פון דעם פאלק. זיי האָבען אויך ערקלעהרט, אז די ענגלישע רעגירונג האט זיי מיסהאנדעלט, אז זי רעגירט איבער זיי אָהן זייער צושטימונג, און זיי ערקלעהרען זיך דארום פריי פון ענגלאנד.

2) די קאָנסטיטושאָן.

א צווייטע פראגע איז:

האט איהר געלעזען די קאָנסטיטושאָן, וואס איז די קאָנסטיטושאָן, א. אז. וו.?

די קאנסטיטושאן פון די פאראייניגטע שטאטען איז פונקט ווי די קאנסטיטושאן פון אייער סאסייעטי, דארט ווערט ערקלעהרט די הויפט געזעצע פון לאנד: ווי אזוי דאס לאנד איז ארגאניזירט; ווי אזוי דאס לאנד ווערט רעגירט, וואס פאר א בעאמטע מען ערוועהלט, וואס די פליכטען פון יעדען בעאמטען זיינען, א. אז. וו.

3) די לאנד־רעגירונג, די סטייט־רעגירונג און די שטאדט־רעגירונג.

איהר הערט אפט ווי מען רעדט וועגען א יונייטעד סטייטס סענאטאר און א סטייטס־סענאטאר.

ווארום זיינען פאראן צוויערליי סענאטארם?

ווייל די ערשטע זיינען סענאטארם פון די יונייטעד־סטייטס, פון דעם גאנצען לאנד, און די צווייטע זיינען געזעץ־מאכער בלויז פון דעם סטייט אין וועלכען זיי וואוינען.

עס איז וויכטיג, אז איהר זאלט דאס פארשטעהן. עס איז וויכטיג, אז איהר זאלט פארשטעהן, אז אין אמעריקא זיינען דא א לאנד־רעגירונג, א סטייט־רעגירונג און א שטאדט־רעגירונג.

איהר ווייסט שוין, אז דאס לאנד איז צונויפגעשטעלט געווארען פון עטליכע קאלאניעס, וועלכע האבען זיך אנגעהויבען רופען שטאטען. אלע צוזאמען זיינען זיי א י י ן לאנד, אין רופען זיך „די פאראייניגטע שטאטען פון אמעריקא". דאס לאנד האט איהר רעגירונג, מיט א פרעזידענט, א קאנגרעס, דזשאדזשעס, א. אז. וו.

יעדער סטייט באזונדער האט זיך אבער זיין רעגירונג, מיט זיין אייגענעם הויפט, וועלכער הייסט גאווערנאר, מיט זיינע אייגענע דזשאדזשעס און זיין אייגענע געזעץ־געבונג.

אין יעדען סטייט זיינען פאראן א סך שטעדט, און די שטעדט האבען זייערע אייגענע רעגירונגען. זיי האבען מעיארס אדער קאמישאנערס וואס זאלען זעהן אז די געזעצע זאלען אפגעהיט ווערען און דורכגעפיהרט ווערען, זיי האבען באארדס אוו אלדערמען, וואס זאלען מאכען געזעצע. זיי האבען סיטי דזשאדזשעס וואס זאלען אויסטייטשען די געזעצע.

די שטאדט־רעגירונג איז א רעגירונג פאר זיך. די סטייט רעגירונג איז א רעגירונג פאר זיך. אלע צוזאמען שטעהען אבער אונטער דער פעדעראלער רעגירונג, וועלכע האט די הויפט דעה אין אנגעלעגענהייטען וואס באריהרען דאס גאנצע לאנד.

4. די פראגען און אנטווארטען.

די פראגען וואס עס שטעלט דער דזשאדזש און אמאל אויך דער יונייטעד סטייטס אטארני — זיינען באזירט אויף דעם וואס מיר האבען דא ערקלערט: דאס זיינען פראגען וועגען דער דעקלערײשאן אוו אינדעפענדענס, וועגען דער יונייטעד סטייטס קאנסטיטושאן, און וועגען די סטייט און שטאדט רעגירונגען.

מיר דרוקען דא די פראגען, אי אויף אידיש, אי אויף ענגליש. שטודירט די פראגען, און איהר וועט קיין שוועריגקייטען ניט האבען.

לעזט אויך איבער דעם נעקסטען קאפיטעל אין דיזען בוך, „די אמעריקאנער רעגירונג".

אט זיינען די פראגען און אנטווארטען:

די פראַגען און אַנטוואָרטען

1. פראגען וועגען דער לאנד-רעגירונג.

האָט איהר געלעזען די דעקלערײשאָן אָוו אינדעפּענדענס? — יאָ.	Q. Did you read the Declaration of Independence? A. Yes, Sir.	דיד יו ריעד דהי דעקלערײשאָן אָוו אינדעפּענדענס? — יעס, סער.
וואָס איז די דעקלערײשאָן אָוו אינדעפּענדענס, און ווען און וואו איז זי אונטערגעשריבען געוואָרען? — דאָס איז אַ פּראָקלאַמאַציאָן אין װעלכער אונזער לאַנד האָט צוערשט ערקלעהרט איהר אונאַבהענגיגקייט פון ענגלאַנד; זי איז אונטערגעשריבען געוואָרען דזשולײ 4, 1776, אין פילאדעלפיע.	Q. What is the Declaration of Independence, and when and where was it signed? A. It is a proclamation in which our country first declared its independence from England; it was signed on July 4, 1776, in Philadelphia.	ווהאַט איז דהי דעקלערײשאָן אָוו אינדעפּענדענס, ענד ווהען ענד ווהער וואָז איט סײנד? — איט איז עי פּראָקלעמײשאָן אין ווהיטש אור קאָונטרי פּוירסט דיקלערד איטס אינדעפּענדענס פראם אינגלענד, איט וואָז סײנד אָן דזשולײ פאָורטה, סעווענטין-סעווענטי-סיקס, אין פילאדעלפיע.
האָט איהר געלעזען די קאָנסטיטוציאָן פון די פאַראײניגטע שטאַטען? — יאָ.	Q. Did you read the Constitution of the United States? A. Yes, Sir.	דיד יו ריעד דהי קאָנסטיטושאָן אָוו דהי יונײטעד סטײטס? — יעס, סער.
וואָס איז אַזוינס די קאָנסטיטוציאָן? — די קאָנסטיטוציאָן איז דאָס העכסטע געזעץ פון די פאַראײניגטע שטאַטען.	Q. What is the Constitution? A. The Constitution is the highest law of the United States.	ווהאַט איז דהי קאָנסטיטושאָן? — דהי קאָנסטיטושאָן איז דהי הײעסט לאָ אָוו דהי יונײטעד סטײטס.
גלױבט איהר אין די פּרינציפּען פון דער קאָנסטיטוציאָן פון די פאַראײניגטע שטאַטען? — יאָ.	Q. Do you believe in the principles of the Constitution of the United States? A. Yes, Sir.	דו יו ביליעוו אין דהי פּרינסיפּלז אָו דהי קאָנסטיטושאָן אָוו דהי יונײטעד סטײטס? — יעס, סער.
דורך וועמען, ווען, און וואו איז די קאָנסטיטוציאָן אָנגענומען געוואָרען? — די קאָנסטיטוציאָן איז אָנגענומען געוואָרען דורך די דרײצעהן אָריגינעלע שטאַטען, סעפּטעמבער 17, 1787, אין פילאדעלפיא.	Q. By whom, when, and where was the Constitution adopted? A. The Constitution was adopted by the thirteen original States, September 17, 1787, in Philadelphia.	ביי הום, הווען, ענד הווער וואָז דהי קאָנסטיטושאָן עדאָפּטעד? — דהי קאָנסטיטושאָן וואָז עדאפּטעד ביי דהי טהוירטין אָרידזשינעל סטײטס, סעפּטעמבער סעווענטין, סעווענטין-עיטי-סעווען, אין פילאדעלפיע.
וואָס גאַראַנטירט די קאָנסטיטוציאָן פון די פאַראײניגטע שטאַטען? — פרײהײט פון רעדע, פון פּרעסע און פון רעליגיאָן.	Q. What does the Constitution of the United States guarantee? A. Freedom of speech, of press, and of religion.	הוואַט דאָז דהי קאָנסטיטושאָן אָוו דהי יונײטעד סטײטס גערענטי? — פרידאָם אָוו ספּיטש, אָוו פּרעס, ענד אָוו רעלידזשאָן.
ווי אַזוי קען די קאָנסטיטוציאָן אַמענדירט (געענדערט) ווערען? — דורך צוויי־דריטעל מאַיאָריטעט פון בײדע הײזער פון קאָנגרעס*) און מיט דער צושטימונג פון דרײ פערטעל פון די שטאַטען.	Q. How may the Constitution be amended? A. By a two-thirds majority of both Houses of Congress and approved by three -quarter of the States.	האַו מעי דהי קאָנסטיטושאָן בי עמענדעד? — ביי עי טו-טהוירדז מײדזשאָריטי אָוו באוטה האַוזעס אָוו קאָנגרעס ענד עפּרואוּוד ביי טהרי קוואָטערז אָוו דהי סטײטס.

*) קאָנגרעס, די געזעצגעבענדע קערפּערשאַפט פון אונזער לאַנד, באַשטעהט פון צוויי הײזער, ווי איהר וועט עס זעהן פון אַ שפּעטערער פראַגע.

הוואַט איז דהי פאָרם אָוו גאָווערנמענט אָוו דהי יונויטעד סטייטס? — דהי יונייטעד סטייטס איז עי רעפּאָבליק.	Q. What is the form of Government of the United States? A. The United States is a Republic.	וואָס פאַר אַ פאָרם רעגירונג האָט די פאַראייניגטע שטאַטען? — די פאַראייניגטע שטאַטען איז אַ רעפּובליק.
הוואַט איז עי רעפּאָבליק? — עי קאָונטרי הויז אָפּיסערס אַר עלעקטעד ביי דהי פּיפּל אָר עפּאָינטעד ביי דהעיר עלעקטעד אָפּיסערז, ענד הוז לאָאָז אַר מייד ביי דהעיר רעפּרעזענטאַטיווז.	Q. What is a Republic? A. A country whose officers are elected by the people or appointed by their elected officers, and whose laws are made by their representatives.	וואָס הייסט אַ רעפּובליק? — אַ לאַנד וועמעס באַאַמטע ווערען ערוועהלט פונ׳ם פאָלק אָדער באַשטימט דורך זיינע ערוועהלטע באַאַמטע, און וועמענס געזעצע ווערען געמאַכט פון זייערע פאַרטרעטער.
הוואַט איז עי מאָנאַרקי? — עי קאָונטרי גאָווערנד ביי עי קינג, עמפּעראָר, זאַר, אָר סאָטש אַדהער רולער נאָט עלעקטעד ביי דהי פּיפּל.	Q. What is a Monarchy? A. A country governed by a king, emperor, czar, or such other ruler not elected by the people.	וואָס איז אַ מאָנאַרכי? — אַ לאַנד וואָס ווערט רעגירט פון אַ קעניג, אַן אימפּעראַטאָר, אַ צאַר, אָדער אַן אַנדער הערשער וואָס ווערט ניט ערוועהלט פון דעם פאָלק.
הוועער איז דהי קעפּיטעל, אָר סיעט אָוו גאָווערנמענט, אָוו דהי יונייטעד סטייטס? — עט וואַשינגטאָן, דיסטריקט אָוו קאָלאָמביע. (ד. ק.)	Q. Where is the Capital, or seat of government, of the United States? A. At Washington, District of Columbia (D. C.)	וואו איז די הויפּט־שטאָדט, אָדער רעגירונגס־זיץ, פון די פאַראייניגטע שטאַטען? — אין וואַשינגטאָן, דיסטריקט פון קאָלאָמביע (ד. ק.)
אינטו האַו מעני ברענטשעז איז דהי גאָווערנמענט אָוו דהי יונייטעד סטייטס דיווידעד? — אינטו טהרי ברענטשעז.	Q. Into how many branches is the Government of the United States divided? A. Into three branches.	אויף וויפיל צווייגען איז די רעגירונג פון די פאַראייניגטע שטאַטען איינגעטיילט? — אויף דריי צווייגען.
הוואַט אַר דהי טהרי ברענטשעז? — דהי לעדזשיסלייטיוו, דהי עקזעקוטיוו ענד דהי דזשודישעל.	Q. What are the three branches of the Government? A. The Legislative, the Executive and Judicial.	וואָס זיינען די דריי צווייגען פון דער רעגירונג? — די געזעצמאַכענדע, די געזעצדורכפיהרענדע, און די געזעצפאַרטייטשענדע.
עקספּלעין בריפלי דהי פּוירפּאָז אָוו איטש וואַן אָוו דהי טהרי ברענטשעז אָוו דהי יונייטעד סטייטס גאָווערנמענט. — דהי לעדזשיסלייטיוו ברענטש, אָר קאָנגרעס, מייקס דהי לאָאָז; דהי עקזעקוטיוו ברענטש, אָר דהי פּרעזידענט, ענד היז קעבינעט, עקזעקיוטס דהי לאָאָז; ענד דהי דזשודישעל ברענטש, אָר דהי סופּרים קאָורט אָוו דהי יונייטעד סטייטס, אינטערפּרעטס דהי לאָאָז.	Q. Explain briefly the purpose of each one of the three branches of the United States Government. A. The Legislative branch, or Congress, makes the laws; the Executive branch, or the President and his Cabinet, executes the laws; and the Judicial branch, or the Supreme Court of the United States, interprets the laws.	ערקלעהרט, בקיצור, דעם צוועק פון יעדען איינעם פון די צווייגען פון דער רעגירונג פון די פאַראייניגטע שטאַטען. — דער געזעצמאַכענדער צווייג, אָדער קאָנגרעס, מאַכט די געזעצען; דער געזעצדורכפיהרענדער צווייג, אָדער דער פּרעזידענט מיט זיין קאַבינעט (מיניסטעריום) פיהרט דורך די געזעצען; און דער געזעצפאַרטייטשענדער צווייג, אָדער דער סופּרים קאָורט פון די פאַראייניגטע שטאַטען, פאַרטייטשט די געזעצען.
הו מייקס דהי לאָאָז אָוו דהי יונייטעד סטייטס? — דהי קאָנגרעס עט וואַשינגטאָן.	Q. Who makes the laws of the United States? A. The Congress at Washington.	ווער מאַכט די געזעצען פון די פאַראייניגטע שטאַטען? — דער קאָנגרעס אין וואַשינגטאָן.

פון וואָס באַשטעהט דער קאָנגרעס?

— פון צוויי הייזער, דער סענאַט און דאָס רעפּרעזענטאַנטען הויז.

Q. What does the Congress consist of?

A. Of two Houses — the Senate and the House of Representatives.

הוואַט דאָז דהי קאָנגרעס קאָנסיסט אָוו?

— אָוו טו האַוזעס, דהי סענאַט ענד דהי האָוז אָוו רעפּרעזענטאַטיווס.

ווי אָפט מוז זיך דער קאָנגרעס צוזאַמענקומען?

— וועניגסטענס איינמאָל אַ יאָהר, דעם ערשטען מאָנטאַג אין דעצעמבער.

Q. How often must Congress meet?

A. At least once a year, on the first Monday in December.

האַו אָפטען מאַסט קאָנגרעס מיעט?

— עטליעסט וואַנס עי ייר, אַן דהי פוירסט מאָנדעי אין דיסעמבער.

ווי ווערען די געזעצען פון די פאַראייניגטע שטאַטען געמאַכט?

— אַ ביל ווערט פאָרגעשלאָגען אין רעפּרעזענטאַטען הויז אָדער אין סענאַט. דיזער ביל ווערט אַ געזעץ אויף דריי וועגען: 1. ווען ער קריגט אַ מאַיאָריטעט שטימען אין „הויז" (קאָנגרעס) און אין סענאַט, און אויך דעם פּרעזידענט'ס אונטערשריפט; 2. ווען ער קריגט צוויי דריטעל מאַיאָריטעט אינ'ם „הויז" און אין סענאַט; אין פאַל דער פּרעזידענט וועטירט דעם ביל (שרייבט איהם ניט אונטער), אָדער 3, ווען ער קריגט אַ מאַיאָריטעט שטימען אין „הויז" און אין סענאַט, אויב דער ביל ווערט פאַרהאַלטען פונ'ם פּרעזידענט אויף צעהן טעג אָהן אונטערשרייבען אָדער וועטירען איהם.

Q. How are the laws of the United States made?

A. A bill is proposed in the House of Representatives or in the Senate. This bill becomes a law in three ways: 1. By receiving a majority vote in the House and in the Senate, and also the signature of the President; 2. By receiving a two-thirds majority vote in the House and in the Senate, in case the President vetoes the bill; or 3. By receiving a majority vote in the House and in the Senate, if the bill is retained by the President for ten days without signing or vetoing it.

האַו אַר דהי לאָאָז אָוו דהי יונייטעד סטייטס מייד?

— עי ביל איז פּראָפּאָוזד אין דהי האָוז אַוו רעפּרעזענטאַטיווס אָר אין דהי סענעט. **דהיס ביל ביקאָמז עי לאָא אין** טהרי וועיז: 1. ביי ריסיעווינג עי מיידזשאַריטי וואָוט אין דהי האַוז ענד אין דהי סענעט ענד אָלסאָ דהי סיגנעטשור אַוו דהי פּרעזידענט; 2. ביי רעסיעווינג עי טו־טהוירדז מיידזשאַריטי וואוט אין דהי האָוז ענד אין דהי סענעט, אין קיים דהי פּרעזידענט וויטאָוז דהי ביל; אָר 3. ביי ריסיעווינג עי מיידזשאַריטי וואָוט אין דהי האַוז ענד אין דהי סענעט, איף דהי ביל איז ריטיינד ביי דהי פּרעזידענט פאָר טען דעיז ווידהאַוט סיינינג אָר וויטאָואינג איט.

ווי אַזוי, און אויף ווי לאַנג ווערען די יונייטעד סטייטס סענאַטאָרס ערוועהלט?

— דורך דעם דירעקטען וואוט פונ'ם פאָלק, פאַר אַ טערמין פון זעקס יאָהר.

Q. How, and for how long, are United States Senators elected?

A. By the direct vote of the people, for a term of six years.

האַו, ענד פאָר האַו לאָנג אַר יונייטעד סטייטס סענאַטאָרז עלעקטעד?

— ביי דהי דיירעקט וואָוט אַוו דהי פּיפּל פאָר עי טוירם אָוו סיקס יירז.

וויפיל יונייטעד סטייטס סענאַטאָרס זיינען דאָ?

— 96.

Q. How many United States Senators are there?

A. Ninety-six.

האַו מעני יונייטעד סטייטס סענאַטאָרז אַר דהער?

— נויינטי־סיקס.

וויפיל יונייטעד סטייטס סענאַטאָרס ווערען ערוועהלט פון יעדען שטאַאט?

— צוויי.

Q. How many United States Senators are elected from each State?

A. Two.

האַו מעני יונייטעד סטייטס סענעטערז אַר עלעקטעד פראַם איטש סטייט?

— טו.

ווי אַזוי, און אויף ווי לאַנג, ווערען רעפּרעזענטאַנטען, אָדער קאָנגרעסלייט, ערוועהלט?

— דורכ'ן דירעקטען וואוט פונ'ם פאָלק, פאַר אַ טערמין פון צוויי יאָהר.

Q. How, and for how long, are Representatives, or Congressmen elected?

A. By the direct vote of the people, for a term of two years.

האַו, ענד פאָר האַו לאָנג אַר רעפּרעזענטיטיווז, אָר קאָנגרעסמען עלעקטעד?

— ביי דהי דיירעקט וואָוט אַוו דהי פּיפּל פאָר עי טוירם אָוו טו יירז.

האַו מעני רעפּרעזענטטיוו־טיווס, אָר קאָנגרעסמען, אַר דהער? — דהער אַר נאַו (אַנטיל ניינטין־טווענטי) פאָר־האַנ־דרעד־טהוירטי־פייוו רעפּרע־זענטייטיווז, אָר קאָנגרעסמען.	Q. How many Representa-tives, or Congressmen, are there? A. There are now (until 1920) 435 Representa-tives, or Congressmen.	וויפיל רעפּרעזענטאַנטען, אָדער קאָנגרעסלייט, זיינען דאָ? — ס'זיינען איצט דאָ 435 רעפּרעזענטאַנטען אָדער קאָנ־גרעסלייט.
האַו מעני רעפּרעזענטטיוו־טיווס, אָר קאָנגרעסמען, אַר עלעקטעד פראָם איטש סטייט? — דהי נאַמבער דיפּענדז אַפּאַן איטס פּאָפּיולישאַן — דהי לאַרדזשער דהי פּאָפּיולי־שאַן דהי גרעיטער דהי נאַמ־בער אָוו קאָנגרעסמען.	Q. How many Representa-tives, or Congressmen, are elected from each State? A. The number depends upon its population — the larger the population the greater the number of Congressmen	וויפיל רעפּערעזענטאַנטען, אָדער קאָנגרעסלייט, ווערען ערוועהלט פון יעדען שטאַאט? — די צאָהל ווענדעט זיך אין דער באַפעלקערונג — וואָס גרעסער די באַפעלקערונג אַלץ גרעסער די צאָהל קאָנגרעס־לייט.
האַו מעני רעפּרעזענטטיוו־טיווס אָר קאָנגרעסמען העז ניו יאָרק סטייט? — פאָרטי טהרי.	Q. How many Representa-tives or Congressmen has New York State? A. Forty-three.	וויפיל רעפּרעזענטאַנטען, אָדער קאָנגרעסלייט האָט ניו־יאָרק סטייט? — 43.
הו איז דהי טשיעף עקזע־קיוטיוו אָוו דהי יונייטעד סטייטס? — דהי פּרעזידענט.	Q. Who is the Chief Ex-ecutive of the United States? A. The President.	ווער איז דער הויפּט באַ־אַמטער פון די פאַראייניגטע שטאַטען? — דער פּרעזידענט.
האַו אַר דהי פּרעזידענט ענד דהי וויס־פּרעזידענט אָוו דהי יונייטעד סטייטס עלעק־טעד? — ביי דהי פּיפּל, אינדיי־רעקטלי, טהרו דהער עלעק־טאָרז, הו דיירעקטלי עלעקט דהי פּרעזידענט ענד דהי וויס פּרעזידענט.	Q. How are the President and the Vice-President of the United States elected? A. By the people, indirect-ly through their elect-ors, who directly elect the President and the Vice-President.	ווי אַזוי ווערען דער פּרע־זידענט און דער וויס־פּרעזי־דענט פון די פאַראייניגטע שטאַטען ערוועהלט? — פונ'ם פאָלק, אינדירעקט, דורך זיינע עלעקטאָרס, וואָס ערוועהלען דעם פּרעזידענט און דעם וויס פּרעזידענט דירעקט.
פאָר האַו לאָנג אַר דהי פּרע־זידענט ענד דהי וויס־פּרעזי־דענט עלעקטעד? — פאָר עי טוירם אָוו פאָור יירז.	Q. For how long are the President and the Vice-President elected? A. For a term of four years.	אויף ווי לאַנג ווערען דער פּרעזידענט און דער וויס פּרעזידענט ערוועהלט? — אויף אַ טערמין פון פיר־יאָהר.
— הו מעי ביקאַם פּרעזי־דענט אָוו דהי יונייטעד סטייטס? — עני נייטיוו־באָרן פּויר־סאָן, מען אָר וואומען, טהויר־טי־פייוו יירז אָוו איידזש.	Q. Who may become Pres-ident of the United States? A. Any native-born per-son, man or woman, 35 years of age	ווער מעג ווערען פּרעזידענט פון די פאַראייניגטע שטאַטען? — יעדע היי־געבאָרענע פּער־זאָן, מאַן אָדער פרוי, 35 יאָהר אַלט.
הוואַט אַר דהי דיוטיז ענד פּאַוערז אָוו דהי פּרעזידענט?	Q. What are the duties and powers of the President?	וואָס זיינען די פליכטען און מאַכטען פון דעם פּרעזי־דענט?

— דער פּרעזידענט (1) פיהרט אויס די געזעצע, (2) שרייבט אונטער בילס, (3) וועטירט (אַנטזאַגט זיך אונ־טערצושרייבען) בילס. (4) איז דער עלטסטער פון דער אַרמעע און פלאָטע, (5) פילט אָן דערוויילינע וואַקאַנסעס (פּלאַץ - ערלעדיגונגען) אין סענאַט, (6) רופט צוזאַמען עקסטרא סעשאָנס, (7) שליסט דעם קאָנגרעס אין פאַל פון אַ ניטאיינשטימענים (8) שענקט באַגנאַדיגונגען; און מיט דער ראַט און צושטימונג פון סע־נאַט, (9) באַשטימט ער קאַ־בינעט באַאַמטע, פעדעראַלע ריכטער, אַמבאַסאַדאָרען, און אַנדערע, (10) שליסט אָפּמאַ־כען (טריטים), און האָט אַנ־דערע פליכטען און מאַכטען.

A. The President (1) enforces the laws, (2) signs bills, (3) vetoes bills, (4) is head of army and navy, (5) fills temporary vacancies in Senate, (6) calls extra sessions, (7) adjourns Congress in case of disagreement, (8) grants pardons; and with the advice and consent of the Senate (9) appoints Cabinet officers, Federal Judges, Ambassadors and others; (10) makes treaties, and has other duties and powers.

— דהי פּרעזידענט (1) ענ־פאָרסעז דהי לאָז (2) סיינז בילס (3) וויטאָוז בילז (4) איז העד אָוו אַרמי ענד נייווי (5) פילז טעמפּאָרערי וויי־קענסיז אין סענאַט (6) קאָלז עקסטרע סעשאָנז (7) עד־דזשאָירנז קאָנגרעס אין קיים אָוו דיסעגרימענט (8) גרענטס פּאַרדאָנז; ענד ווידה דהי עדוויים ענד קאָנסענט אַוו דהי סענעט (9) עפּאָינטס קעבי־נעט אָפּיסערז, פעדעראַל דזשאָדזשעז, עמבעסעדאַרז, ענד אָדהערז (10) מייקס טריטיז, ענד העז אָדהער דיוטיז ענד פּאַוערז.

אין פאַל פון טויט אָדער אונפעהיגקייט פון דעם פּרע־זידענט ווער נעהמט איבער זיינע פליכטען?

—דער וויים פּרעזידענט.

Q. In case of death or disability of the President, who assumes his duties?

A. The Vice-President.

אין קיים אָוו דעטה אָר דיס־עבילִיטי אַוו דהי פּרעזידענט הו עסיומז היז דיוטי?

— דהי וויים-פּרעזידענט.

וויפיל סעקרעטערע (מי־ניסטאָרען), אָדער עלטסטע פון רעגירונגס אבטיילונגען, זיי־נען דאָ?

— צעהן.

Q. How many Secretaries, or heads of Government Departments are there?

A. Ten.

האַו מעני סעקרעטעריז אָר העדז אַוו גאָווערנמענט דע־פּאַרטמענטס אַר דהער?

— טען.

רעכענט אויס איניגע סעק־רעטערע, אָדער קאַבינעט מי־ניסטאַרען, דורך זייערע אָפּי־ציעלע עמטער.

— פּרעמיער. קריגס מי־ניסטער. פלאָטען מיניסטער. פינאַנס מיניסטער.

Q. Name some of the Secretaries, or Cabinet ministers by their official positions.

A. Secretary of State.
Secretary of War.
Secretary of Navy.
Secretary of the Treasur

נוים סאַם אָוו דהי סעק־רעטעריז, אָר קעבינעט מי־ניסטערז, ביי דהער אָפּישעל פּאָזישאָנז.

— סעקרעטערי אַוו סטייט, סעקרעטערי אַוו וואָר, סעקרע־טערי אַוו דהי נייווי, סעקרע־טערי אָוו דהי טרעזשורי.

וואַס שטעלען די צעהן מי־ניסטאָרען צונויף?

— דעם פּרעזידענט'ס קאַ־בינעט.

Q. What do the ten Secretaries constitute?

A. The President's Cabinet.

הוואַט דו דהי טעז סעקרע־טעריז קאָנסטיטיוט?

— דהי פּרעזידענט'ס קע־בינעט.

וואָס איז דאָס העכסטע גע־ריכט אין די פאַראייניגטע שטאַטען?

— דער יונייטעד סטייטס סופּרים קאָורט.

Q. What is the highest court in the United States?

A. The United States Supreme Court.

הוואַט איז דהי הייעסט קאָורט אין דהי יונייטעד סטייטס?

— דהי סופּרים קאָורט.

וויפיל דזשאָדזשעס זיינען דאָ אין דעם יונייטעד סטייטס סופּרים קאָורט?

— ניין — איין טשיף דזשאַסטים און אַכט אַסאָשי־איט דזשאָסטיסעס.

Q. How many judges are there in the United States Supreme Court?

A. Nine—one Chief Justice and eight Associate Justices.

האַו מעני דזשאָדזשעס אַר דהער אין דהי יונייטעד סטייטס סופּרים קאָירט?

— ניין — וואַן טשיף דזשאַסטים ענד עיט עסאָשי־איט דזשאָסטיסעז.

הו עפּאָינטס דהי דזשאַסטיסעז אָוו דהי סופּרי'ם קאָורט ענד אָדהער דזשאַדזשעז אָוו דהי יונייטעד סטייטס קאָורטס? — דהעי אַר עפּאָינטעד פאָר לייף, דיורינג גוד ביהייוויאָר, ביי דהי פּרעזידענט, ווידה דהי עדוויים ענד קאָנסענט אָוו דהי סענעט.	Q. Who appoints the Justices of the Supreme Court and other judges of the United States courts? A. They are appointed for life, during good behavior, by the President, with the advice and consent of the Senate.	ווער באַשטימט די דזשאַסטיסעס פון דעם סופּרים קאָורט און אַנדערע דזשאַדזשעס פון די יונייטעד סטייטס געריכטען? — זיי ווערען באַשטימט אויפ'ן גאַנצען לעבען, דורך גוטער אויפפיהרונג, פונ'ם פּרעזידענט, מיט'ן ראטה און צושטימונג פונ'ם סענאַט.
הוואַט מאַסט בי דהי אײדזשעז אָוו דהי פּרעזידענט, אָוו עי סענעטאָר, ענד אָוו עי קאָנגרעסמען? — דהי פּרעזידענט מאַסט בי עט ליסט טהירטי־פייוו, עי סענעטער טהירטי, ענד עי קאָנגרעסמען טווענטי־פייוו יירז אָוו אײדזש.	Q. What must be the ages of the President, of a Senator, and of a Congressman? A. The President must be at least 35, a Senator 30, and a Congressman 25 years of age.	ווי אַלט מוז זיין דער פּרעזידענט, אַ סענאַטאָר, און אַ קאָנגרעסמאַן? — דער פּרעזידענט מוז זיין װעניגסטענס 35, אַ סענאַטאָר 30 און אַ קאָנגרעסמאַן 25 יאָהר אַלט.

2. פראגען וועגען דער סטייט רעגירונג.

הוואַט איז דהי הייעסט לאָא אָוו דהי סטייט? — דהי סטייט קאָנסטיטושאָן.	Q. What is the highest law of the State? A. The State Constitution.	וואָס איז דאָס העכסטע געזעץ פון דער סטייט? — די סטייט קאָנסטיטוציאָן.
הוואַט אַר דהי טהרי ברענטשעז אָוו דהי סטייט גאָווערנמענט? — דהי לעדזשיסליטיוו, דהי עקזעקיוטיוו, ענד דהי דזשודישעל.	Q. What are the three branches of the State Government? A. The Legislative, the Executive, and the Judicial.	וואָס זיינען די דריי צווייגען פון דער סטייט רעגירונג? — די געזעצמאַכענדע, די געזעצדורכפיהרענדע, און די געזעץ־פּאַרטייטשענדע.
הו איז דהי טשיעף עקזעקיוטיוו אָוו דהי סטייט? — דהי גאָווערנאָר.	Q. Who is the Chief Executive of the State? A. The Governor.	ווער איז דער הויפּט באַאַמטער פון דער שטאַאט? — דער גאָווערנאָר.
הוואַט איז דהי קעפּיטעל אָוו ניואָרק סטייט? — אָלבעני.	Q. What is the Capital of New York State? A. Albany.	וואָס איז די הויפּט־שטאָדט פון דער סטייט ניו יאָרק? — אָלבעני.
הו מייקס דהי לאָאז אָוו דהי סטייט אָוו ניו יאָרק? — דהי לעדזשיסליטשור עט אָלבעני.	Q. Who makes the laws of the State of New York? A. The Legislature at Albany.	ווער מאַכט די געזעצע פאַר דעם שטאַט ניו יאָרק? — די לעדזשיסליטשור (געזעץ־אָבטיילונג) אין אָלבעני.
הוואַט דאַס דהי לעדזשיסליטשור קאָנסיסט אָוו? — אָוו דהי סטייט סענעט ענד סטייט עסעמבלי.	Q. What does the Legislature consist of? A. Of the State Senate and the State Assembly.	פון וואָס באַשטעהט די לעדזשיסליטשור? — פונ'ם סטייט סענאַט און דער סטייט אַסעמבלי.
האַו ענד פאָר האַו לאָנג אַר סטייט סענעטאָרז ענד עסעמבלימען עלעקטעד? — ביי דהי דיירעקט וואוט אָוו דהי פּיפּל, סטייט סענעטארז פאָר טו יירז ענד אַסעמבלימען פאָר וואָן ייר.	Q. How and for how long are State Senators and Assemblymen elected? A. By the direct vote of the people, State Senators for two years and Assemblymen for one year.	ווי אַזוי און אויף ווי לאַנג ווערען סטייט סענאַטאָרס און אַסעמבלי־לייט ערוועהלט? — דורך דעם דירעקטען אָפּשטימען פון דעם פאָלק, סטייט סענאַטאָרס אויף צוויי יאָהר און אַסעמבלי־לייט אויף 1 יאָהר.

אויף ווי לאַנג ווערט דער גאָווערנאָר ערוועהלט? — אויף צוויי יאָהר.	Q. For how long is the Governor elected? A. For two years.	פאָר האַו לאָנג איז דהי גאָ־ווערנאָר עלעקטעד? — פאָר טו יירז.
וואָס זיינען די פליכטען און מאַכטען פונ'ם גאָווער־נאָר? — דער גאָווערנאָר (1) פיהרט אויס די געזעצע, (2) שרייבט אונטער בילס, (3) וועטירט (ענטזאַגט זיך אונ־טערצושרייבען) בילס, (4) רופט ספּעציעלע זיצונגען פון דער לעדזשיסלייטשור, (5) איז מוחל באַשטראָפטע, (6) ערנאַנט איניגע סטייט באַ־אַמטע.	Q. What are the duties and powers of the Governor? A. The Governor (1) enforces the laws, (2) signs bills, (3) vetoes bills, (4) calls extra sessions of the Legislature, (5) grants pardons, (6) appoints some State officers, and has other duties and powers.	הוואַט אַר דהי דיוטיז ענד פּאַוערז אָוו דהי גאָווערנאָר? דהי גאָווערנאָר (1) ענפאָר־סעז דהי לאָאָז, (2) סיינז בילז, (3) וויטאָוז בילז, (4) קאָלז עקסטרע סעשאָנס אָוו דהי לעדזשיסלייטשור, (5) גרענטס פּאַרדאָנז (6) עפּאָינטס סאָם סטייט אָפיסערז, ענד העז אָטהער דיוטיז ענד פּאַוערז.

3. פראגען וועגען דער שטאָדט-רעגירונג.

וואָס זיינען די דריי צווייגען פון דער שטאָדט (מוניצי־פּאַלער רעגירונג? — די געזעצמאַכענדע, די געזעץ־דורכפיהרענדע, און די געזעץ־פּאַרטייטשענדע	Q. What are the three branches of the City (Municipal) Government? A. The Legislative, the Executive, and Judicial.	הוואַט אַר דהי טהרי ברענ־טשעז אָוו דהי סיטי (מיו־ניסיפּעל) גאָווערנמענט? — דהי לעדזשיסלייטיוו, דהי עקזעקיוטיוו ענד דהי דזשודישעל.
ווער איז דער הויפּט באַ־אַמטער פון דער שטאָדט? — דער מעיאָר.	Q. Who is the Chief Executive of the City? A. The Mayor.	הו איז דהי טשיעף עקזע־קיוטיוו אָוו דהי סיטי? — דהי מעיאָר.
ווי אַזוי ווערט דער מעיאָר ערוועהלט? — דורכ'ן דירעקטען וואוט פונ'ם פאָלק.	Q. How is the Mayor elected? A. By the direct vote of the people.	האַו איז דהי מעיאָר עלעק־טעד? —ביי דהי דיירעקט וואָוט אָוו דהי פּיפּל.
אויף ווי לאַנג ווערט דער מעיאָר פון ניו יאָרק ער־וועהלט? — אויף 4 יאָהר.	Q. For how long is the Mayor of New York elected? A. For four years.	פאָר האַו לאָנג איז דהי מעיאָר אָוו ניו יאָרק עלעק־טעד? —פאָר פאָור יירז.
וואָס זיינען די פליכטען און מאַכטען פונ'ם מעיאָר? — דער מעיאָר (1) פיהרט אויס די געזעצען, (2) שרייבט אונטער בילס, (3) וועטירט (ענטזאַגט זיך אונטערצושרייבען) בילס, (4) ערנאַנט איניגע שטאָדט באַמטע, און האָט נאָך פליכטען און מאַכטען.	Q. What are the duties and powers of the Mayor? A. The Mayor (1) enforces the laws, (2) signs bills, (3) vetoes bills, (4) appoints some city officials, and has other duties and powers.	הוואַט אַר דהי דיוטיז ענד פּאַוערז אָוו דהי מעיאָר? — דהי מעיאָר (1) ענפאָר־סעז דהי לאָאָז, (2) סיינס בילז. (3) וויטאָוז בילז, (4) עפּאָינטס סאָם סיטי אָפישעלז ענד העז אָדהער דיוטיז ענד פּאַערז.
ווער מאַכט די געזעצען פאַר דער שטאָדט ניו יאָרק? — די באָארד אָוו אָלדער־מען.	Q. Who makes the laws for New York City? A. The Board of Aldermen.	הו מייקס דהי לאָאָז פאָר ניו יאָרק סיטי? — דהי באָארד אָוו אָלדער־מען.
אויף ווי לאַנג ווערט אַן אָלדערמען ערוועהלט? — אויף צוויי יאָהר.	Q. How and for how long is an Alderman elected? A. By direct vote of the people, for a term of two years.	פאָר האַו לאָנג איזען אָלדערמען עלעקטעד? — פאָר טו יירז.

קליינער ענציקלאָפּעדישער ווערטערבוך

אַבאָליציאָניסטען. — די קעמפער געגען שקלאַפעריי אין די פאַראייניגטע שטאַטען. די באַוועגונג געגען נעגער־שקלאַפעריי אין די נאָרד־שטאַאַטען האָט זיך אָנגעפאַנגען נאָך צום ענדע פון 18טען יאָהרהונדערט, נאָר ביז די 30־ער יאָהרען פון 19טען יאָהרהונדערט האָט זי געטראָגען אַ ריין פילאַנטראָפישען כאַראַקטער און האָט זיך אויסגעדריקט בלויז אין מונדליכער און שריפטליכער פראָפּאַגאַנדאַ. אין יאָהר 1840 האָט זיך אויסגעבילדעט די „ליבערטי פאַרטי" און די באַוועגונג געגען נעגער־שקלאַפעריי האָט אָנגענומען דעם כאַראַקטער פון אַ העפטיגען פּאָליטישען קאַמף. נאָך דער בירגער קריג אין די יאָהרען 1861-65, וועלכער האָט זיך פאַרענדיגט מיט דער נעגער־באַפרייאונג אין די פאַראייניגטע שטאַאַטען, איז די אַבאָליציאָניסטישע באַוועגונג אונטערגעגאַנגען.

אַבסאָלוטיזם. — זעלבסטהערשונג, אַזאַ רעגירונגס־סיסטעם, וואו דער קעניג אָדער הערשער איז העכער פון אַלע געזעצען און זיין מאַכט איז אומבאַשרענקט. די אידעע פון אַבסאָלוטיזם איז אַם דייטליכסטען אויסגעדריקט געוואָרען אין דער הערשונג פון פראַנצויזישען קעניג לודוויג דעם 14טען (1638—1715), וועלכער פלעגט שטענדיג זאָגען: „די מלוכה דאָס בין איך", און האָט געוועלטיגט מיט אַן אייזערנער האַנד פון אַ דעספּאָטישען זעלבסטהערשער.

אַגרימענט (קאָלעקטיווער אַגרימענט). — אַן אָפּמאַך, וואָס א יוניאָן שליסט מיט אַ מאַנופעקטשורער, אָדער אַסאָסיאיישאָן פון מאַנופעקטשורערס, וועגען די אַרבייטס־קאָנדישאָנס אין טרייד, ווי די סקייל פון ווידזשעס, אַרבייטס־שטונדען, סאַניטאַרען צושטאַנד אין שאַפּ און אַז. וו.

אַמעריקאַן פעדערײשאָן אָוו לייבאָר („עי עף אָוו על"). — די נאַציאָנאַלע צענטראַלע אָרגאַניזאַציע פון די טרייד יוניאָנס אין אַמעריקא און קענעדע, וואָס פאַראייניגט אַרום זיך דעם גרעסטען טייל אָרגאַניזירטע אַרבייטער אין די פאַראייניגטע שטאַאַטען פון אַמעריקא (אַן ערך פיער מיליאָן). צווישען די יוניאָנס, וואָס זיינען אָנגעשלאָסען אָן דער אַמעריקאַן פעדערײשאָן אָוו לייבאָר זיינען אַמבעסטען אָרגאַניזירט די מיינערס, די קאַרפּענטערס און די מאַשיניסטען. אַ באַדייטענדער טייל פון די באַהן־אַרבייטער, די פרויען־קליידער אַרבייטער, די קאַרפּענטערס, (סטאָליאַרעס). אַנדערע טריידס זיינען נית אָנגעשלאָסען אָן דער „עי עף אָוו על". זיי זיינען אָרגאַניזירט אין אונאָפּהענגיגע טרייד יוניאָנס. די מעהרהייט פון אינדוסטריעלע און פאַרם־אַרבייטער אין אַמעריקא זיינען אינגאַנצען נית אָרגאַניזירט.

אוטאָפּיסטען. — טרוימער, מענשען וואָס טראָגען זיך אַרום מיט אידעאַלען וואָס קענען נית פאַרווירקליכט ווערען — אָדער ווייל די אידעאַלען אַליין זיינען אומפאַרווירקליכבאַר, אָדער ווייל די מעטאָדען צו פאַרווירקליכען זיי זיינען נית קיין ריכטיגע. אין דער סאָציאַליסטישער ליטעראַטור ווערען מיט דעם וואָרט „אוטאָפּיסטען" באַצייכענט יענע סאָציאַליסטען, וועלכע גלויבען, אַז דער סאָציאַליזם קען פאַרווירקליכט ווערען דורך אַזעלכע וועגען און מעטאָדען, וועלכע קענען אין דער ווירקליכקייט דעם סאָציאַליזם נית ברענגען. די באַריהמטעסטע סאָציאַליסטישע אוטאָפּיסטען פון 19טען יאָהרהונדערט זיינען געווען: סען־סימאָן, פוריע און ראָבערט אָוען.

אויטאָנאָמיע. — זעלבסטשטענדיגקייט אין באַצוג צו אינערליכע אַנגעלעגענהייטען. דאָס רעכט פון אַ טייל פון אַ מלוכה אָדער פון אַן אָרגאַניזאַציע צו פאַרוואַלטען זיך נית לויט די אַלגעמיינע געזעצען פון דיזער מלוכה אָדער אָרגאַניזאַציע, נאָר לויט זיינע אייגענע געזעצען.

אימיגראַציע. — איינוואַנדערונג פון אַנדערע לענדער. אין די פאַראייניגטע שטאַאַטען האָבען פאַר די לעצטע 25 יאָהר איינגעוואַנדערט פון פאַרשידענע לענדער כמעט 18 מיליאָן מענשען, און דיזער פאַקט האָט

אַרויסגערופען אַ ברענענדע פראַגע: צי איז די איינוואַנדערונג אַ ברכה אָדער אַ קללה פאַר'ן לאַנד. איבער דיזער פראַגע קומט פאָר אַ העפטיגער שטרייט צווישען די געגנער און אָנהענגער פון אימיגראַציע. אין 1924טען יאָהר האָבען די געגנער פון אימיגראַציע געזיגט און אין קאָנגרעס איז אָנגענומען געוואָרען אַ געזעץ, וועלכער האָט שטאַרק באַגרעניצט די איינוואנדערונג, הויפּטזעכליך פון די מזרח־אייראָפּעאישע לענדער.

אימפּעריאַליזם. — די פּאָליטיק וואָס שטרעבט צו פאַרשפּרייטען די מאַכט און איינפלוס פון דער אייגענער מלוכה אויף אַנדערע לענדער און מלוכות. די פּאָליטיק פון די ענגלישע אימפּעריאַליסטען, למשל, דריקט זיך אויס אין דעם, וואָס ערשטענס שטרעבען זיי צו פאַרשפּרייטען די ענגלישע מאַכט און איינפלוס אויף נייע קאָלאָניעס און האַנדעלס־פּונקטען און צווייטענס פאַרלאַנגען זיי אַ בעהענטערע און מעהר צענטראַליזירטע פאַרבינדונג צווישען ענגלאַנד גופא און די טיילען פון דער ענגלישער מלוכה, וועלכע האָבען אייגענע רעגירונגען, ווי קענעדע, אויסטראַליען און ד. ג.

אינדיווידואַליזם. — די סאָציאַל־פילאָזאָפישע לעהרע, אַז יעדער איינצעלנער מענש איז אַן אַבסאָלוטע ווערט אַן און פאַר־זיך און זיין עקזיסטענץ איז באַרעכטיגט ניט צוליב אַן אַנדער זאַך (ווי למשל צוליב דער ג ע ז ע ל ש אַ פ ט), נאָר צוליב איהם אליין. יעדער אינדיווידואום איז אַליין פאַראַנטוואָרטליך פאַר אַלע זיינע טאַטען, און דעריבער דאַרף זיין דער אויבערהאַר איבער איהם נאָר ער אַליין, זיין אייגענער באַוואוסטזיין און געוויסען. אַזוי ווי דער ש ט אַ אַ ט, ד. ה. די פּאָליטישע איינאָרדנונג פון דער געזעלשאַפט, לעגט אַרויף פאַרשידענע באַגרעניצונגען אויף די אינדיווידואומען און צווינגט זיי צו ערפילען געוויסע פליכטען, וועלכע זיינען אָפט געגען זייער אייגענעם ווילען, דעריבער פאָדערען די פּאָליטיקער־אינדיווידואַליסטען, אַז דער שטאַאַט אָדער די געזעלשאַפטליכע אָרגאַניזאַציע זאָל זיך וואָס ווייניגער אַריינמישען אין די פאַרשידענע באַציהונגען צווישען די אינדיווידואומען (איינצעלנע פּערזאָנען), און די עקסטרעמע אינדיווידואַליסטען, ווי למשל די אַנאַרכיסטען פאָדערען די פאַרניכטונג פון שטאַאַט.

אינטערנאַציאָנאַל. — די „אינטערנאַציאָנאַלע אַרבייטער אַסאָציאַציאָן", אַן אַלוועלטליכע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציע, געגרינדעט פון קאַרל מאַרקס און זיינע אָנהענגער אין 1864 יאָהר, מיט דעם צוועק צו פאַראייניגען אַלע רעוואָלוציאָנערע אַרבייטער אָרגאַניזאַציעס פון דער גאַנצער וועלט און אָנצופיהרען אַ געמיינשאַפטליכען קאַמף פאַר די באַפרייאונג פון אַרבייטער קלאַס אין אַלע קאַפּיטאַליסטישע לענדער. באַלד אָבער ווי דיזע אָרגאַניזאַציע האָט זיך געגרינדעט, האָבען זיך אָנגעהויבען אינערליכע רייסערייען איבער די פראַגען פון פּראָגראַם, אָרגאַניזאַציע און טאַקטיק. צוערשט האָבען זיך אָפּגעשאָלטען פון אינטערנאַציאָנאַל די אַנאַרכיסטישע גרופּען אונטער דער פיהרערשאַפט פון באַקונין. שפּעטער זיינען פאָרגעקומען נאָך אייניגע שפּאַלטונגען, און אין די 70־ער יאָהרען איז דיזע אָרגאַניזאַציע אינגאַנצען פאַנאַנדערגעפאַלען. אָבער די אידעע פון אינטערנאַציאָנאַל און זיינע גרונד־פּרינציפּען זיינען געבליבען פעסט איינגעוואָרצעלט אין דער אַלוועלטליכער אַרבייטער־באַוועגונג. זיי דריקען זיך אויס אין די אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַליסטישע קאָנגרעסען, וואָס פלעגען זיך צונויפקלייבען פּעריאָדיש ביז דעם אויסברוך פון דעם וועלט־קריג. דער וועלט־קריג האָט שטאַרק אָפּגעשוואַכט דעם אינטערנאַציאָנאַל. ערשט נאָך דער מלחמה, ווען די סאָציאַליסטישע אַרבייטער־באַוועגונג איז געקומען צו זיך, האָט ווידער אויפגעלעבט די אידעע פון פאַראייניגען אַלע סאָציאַליסטישע אַרבייטער־אָרגאַניזאַציעס און פּאַרטייען אין אינטערנאַציאָנאַלען פאַרנעהם. דער לעצטער קאָנגרעס פון סאָציאַליסטישען אינטערנאַציאָנאַל, וואָס איז אָפּגעהאַלטען געוואָרען אין מאַרסעל, פראַנקרייך, אין אויגוסט, 1925טען יאָהר, האָט באַוויזען דעם גרויסען פאָרשריט פון דער סאָציאַליסטישער אַרבייטער־באַוועגונג אין דער גאַנצער וועלט. מעהר ווי זיבען מיליאָן אַרבייטער זיינען פאַראייניגט אין דיזער אָרגאַניזאַציע, הונדערטער דעפּוטאַטען אין די פּאַרלאַמענטען פון פאַרשידענע לענדער. דער אַזוי גערופענער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל, וואו די רוסישע באָלשעוויקעס שפּילען די ערשטע פידעל, איז די איינציגע שטערונג צו אויפבויען אַ ווירקליך קאַמפּס־פעהיגען אינטערנאַציאָנאַל.

אינקוויזיציע. — אַ קירכליך געריכט, וואָס איז געגרינדעט געוואָרען אין 12טען יאָהרהונדערט מיט׳ן צוועק צו פֿאַרפֿאָלגען אַפּיקורסים און געגנער פֿון דער הערשענדער קאַטוילישער קירכע. די אכזריות און גוואַלד־טאַטען פֿון דער אינקוויזיציע זיינען אַלעמען באוואוסט. אין איין שפּאַניען, פֿון 1481 ביז 1498 יאָהר, אונטער דער פֿיהרערשאַפֿט פֿון גרויסען אינקוויזיטאָר טאָרקוועמאַדאַ, זיינען פֿאַרברענט געוואָרען אויף די פֿייערען פֿון דער אינקוויזיציע 8,800 מענשען און 6,500 פּאָרטרעטען פֿון אַנטלאָפֿענע, וועלכע האָבען געזאָלט פֿאַרברענט ווערען. די לעצטע אָפּפֿער פֿון דער אינקוויזיציע זיינען פֿאַרברענט געוואָרען אין שפּאַניען אין ערשטען העלפֿט פֿון 19טען יאָהרהונדערט.

אָליגאַרכיע. — די הערשאַפֿט פֿון ווענִיגע. אַזאַ רעגירונגס־סיסטעם, וואו די הערשענדע מאַכט פֿאַלט אַריין אין די הענט פֿון אַ באַשרענקטער גרופּע מענשען, וועלכע פֿיהרען די רעגירונג לויט זייערע פּערזענליכע אינטערעסען. אָליגאַרכיען פֿלעגען אָפֿט טרעפֿען אין אַלט־גריכענלאַנד, וואו איניגע אַריסטאָקראַטישע פֿאַמיליעס פֿלעגען אַריינכאַפּען די רעגירונג אין זייערע הענט, נאָר באַזונדערס דויערענד האָט זי אָנגעהאַלטען צום ענדע פֿון מיטעלאַלטער אין דער קליינער אַריסטאָקראַטישער רעפּובליק ווענעציע (ווענעדיג).

אַנאַרכיזם. — אַ סאָציאַלע לעהרע, וואָס שטרעבט צו אַזאַ געזעלשאַפֿטס־צושטאַנד, וואו יעדער איינצעלנער מענש זאָל זיין אַבסאָלוט פֿריי, ד. ה. אָהן קיינע רעכטליכע, סאָציאַלע און עקאָנאָמישע באַגרענעצונגען. די אַנאַרכיסטישע באַוועגונג האָט זיך פֿון אָנפֿאַנג אָן צוטיילט אין פֿאַרשידענע ריכטונגען, פֿון וועלכע עס צייכענען זיך אויס באַזונדערס צווי: דער אינדיווידואַליסטישער און דער קאָמוניסטישער אַנאַרכיזם. ביידע דיזע ריכטונגען זיינען געגען יעדער מלוכה־אָרדנונג און פֿאָדערען די פֿאַרניכטונג פֿון שטאַאַט, נאָר די אַנאַרכיסטען ־ אינדיווידואַליסטען שטעהען אויפֿ׳ן פּרינציפּ פֿון אינדיווידואַליזם (זעה אינדיווידואַליזם) און פֿיל פֿון זיי זיינען אַפֿילו ניט געגען פּריוואַט־אייגענטום; פֿאַרקעהרט, די אַנאַרכיסטען־קאָמוניסטען שטעהען אויפֿ׳ן פּרינציפּ פֿון קאָמוניזם, ד. ה. זיי שטרעבען איבערצובויען די געזעלשאַפֿט אויפֿ׳ן גרונד פֿון פֿרייע קאָמוניסטישע פּראָדוקציאָנס־פֿאַראיינען. אויסער דעם שיידען זיך אונטער דיזע ביידע ריכטונגען אויך אין דער פֿראַגע וועגען טאַקטיק. די מעהרהייט פֿון די אַנאַרכיסטען־אינדיווידואַליסטען איז געגען גוואַלד־טאַטען און שטעהט פֿאַר פֿרידליכער פּראָפּאַגאַנדאַ; פֿאַרקעהרט די מעהרהייט פֿון די אַנאַרכיסטען־קאָמוניסטען אַנערקענט די נויטיגקייט פֿון שאַרפֿסטע רעוואָלוציאָנערע אַרויסטרעטונגען.

אַנטיסעמיטיזם. — אידענפֿיינדשאַפֿט. אַ סאָציאַל־פּאָליטישע באַוועגונג, וואָס איז געווענדעט געגען די אידען מיט דעם צוועק צו באַרויבען זיי פֿון זייערע בירגערליכע, פּאָליטישע און אַפֿילו מענשליכע רעכטען. די אַנטיסעמיטען באַהויפּטען, אַז דער ראַסען־כאַראַקטער פֿון די אידען און זייערע נאַציאָנאַלע און רעליגיעזע באַזונדערהייטען ווירקען זעהר שעדליך אויף די קריסטליכע פֿעלקער און טראָגען אַריין אַ צופֿוילטקייט און פֿאַרדאָרבענקייט אין דער קריסטליך־אייראָפּעאישער קולטור. די ערשטע אַנטיסעמיטישע אַגיטאַציע האָט אָנגעפֿאַנגען אין דייטשלאַנד דער גלח אדאָלף שטעקער, וועלכער האָט אין 1878 יאָהר געגרינדעט די דייטשע קריסטליך־סאָציאַלע פּאַרטיי.

אַסימילאַציע. — פֿאַרשמעלצונג. אין סאָציאַל־פּאָליטישען זינען באַדייטעט דאָס וואָרט „אַסימילאַציע” — די שטרעבונג פֿון אַ פֿאָלק אָדער פֿון אַ געוויסען טייל פֿון איהם אָפּצוזאָגען זיך פֿון די אייגענע נאַציאָנאַלע באַזונדערהייטען און אָנצונעהמען די שפּראַך, די זיטען און דעם גאַנצען לעבענס־אַרט פֿון אַן אַנדער פֿאָלק.

אָפּאָרטוניזם. — דאָס צופּאַסען זיך צו די אומשטענדען. אָפּאָרטוניסטען הייסען אַזעלכע פּאָליטיקער, וואָס אָפּפֿערען אָפֿט מיט די אַלגעמיינע פּרינציפּען פֿון זייער פּאַרטיי צוליב אַ געוויסען נוצען, וואָס די באַוועגונג אָדער פּאַרטיי קען באַקומען (ווי למשל, ווען סאָציאַליסטישע פּאַרטרעטער אין פּאַרלאַמענט שטימען פֿאַר דעם בודזשעט פֿון דער רעגירונג, און דערפֿאַר ערוואַרטען זיי פֿון איהר געוויסע הנחות, וואָס קענען ברייגען אַ נוצען פֿאַר די אַרבייטער).

אַריסטאָקראַטיע. — אַדעליגע, דער פּריווילעגירטער קלאַס פֿון דער געזעלשאַפֿט, וואָס

באַנוצט זיך מיט באַזונדערע יורידישע אָדער פּאַקטישע רעכטען צוליב זיין רייכטום אָדער צוליב זיין יחוס'דיגער אָפּשטאַמונג. אין סאָציאַל-פּאָליטישען זינען איז „אַריסטאָקראַטיע" דער געגענזאַץ פון „דעמאָקראַטיע" און באַדייטעט אַזאַ געזעלשאַפטליכע אָרדנונג, וואו די הערשענדע מאַכט ליגט ניט אין די הענט פון פאָלק, נאָר אין די הענט פון די רייכע און יחוס'דיגע פאַמיליעס.

אַקאַדעמיע (גריכיש). — אין אָנהויב האָט עס באַדייט דער וועלדעל פון פּלאַטאָנ'ס שילער אקאדעם (427—347 יאָר פאַר קריסטוס) וואו ער פלעגט פאַרזאַמלען די אָנהענגער פון זיין לעהרע. דערנאָך האָט מען מיט'ן נאָמען אַקאַדעם גענומען באַצייכענען די שוהלע פון פּלאַטאָנ'ס פילאָזאָפיע בכלל. היינט ווערט מיט דעם באַצייכענט אַ שוהלע פון וויסענשאַפטען, אַ פאַראיין פון געלעהרטע.

אַקסיאָמאַ. — אַ זעלבסטפאַרשטענדליכער אמת, וואָס דאַרף ניט קיין באַווייז.

אַטאָם. — דאָס וואָרט שטאַמט פון צוויי גריכישע ווערטער: „אַ" — ניט, און „טאָמ'ען" — צוברעכען, ס'הייסט, אַ זאַך, וואָס קאָן ניט געטיילט ווערען, וואָס קאָן ניט צושפּאָלטען ווערען. אין פיזיקע ווערט מיט דעם וואָרט באַצייכענט דער קלענסטער טייל פון מאַטעריע, וואָס קאָן שוין ווייטער ניט געטיילט ווערען.

אַפּאָסטאָל.—אַ שליח, אַ לעהרער פון אַ גייסטיגער באַקענונג, ווי פון אַ רעליגיע: ספּעציעל די ערשטע 12 לעהרער פון דער קריסטליכער רעליגיע, וואָס זיינען געשיקט געוואָרען פון קריסטוס'ן צו פאַרשפּרייטען דעם קריסטענטום.

אָלימפּוס. — דער באַרג אָלימפּוס, וואו עס האָבען, לויט דעם גלויבען פון די אַמאָליגע גריכען, זיך געפונען זייערע 12 הויפּט-געטער.

אַטראָפירען. — אָפּדאַרען, אָפּצעהרען, מאַכען געלעהמט.

אַטעאיזם. — דאָס לייקענען אין גאָט.

אַנאַלאָגיע. — עהנליכקייט, גלייכפאָרמקייט.

אַנקעטע. — אַ שריפטליכע פראַגען-ליסט.

אַנימיזם. — דער גלויבען אין דער עקזיסטענץ פון גייסטער; דער גלויבען אין אַ גייסטיגער וועלט; דער גלויבען אין דער זעלבסטשטענדיגער עקזיסטענץ פון אַ נשמה; דער גלויבען אין ספּיריטיזם.

אבסטראַקט. — אַ באַגריף, וואָס לאָזט זיך משיג זיין נאָר מיט'ן שכל; אַ באַגריף זאַך.

אַנטראָפּאָלאָגיע. — די לעהרע וועגען דעם מענשען בכלל, ווי בנוגע צום קערפּער, אַזוי אויך בנוגע צו דער נשמה; די אַנטראָפּאָלאָגיע באַשעפטיגט זיך אויך מיט דער אויספאָרשונג פון מענשליכע ראַסען און פאַרבינדונג מיט זייער קולטורעלער ענטוויקלונג און וועגען דעם, וואָסער אָרט דער מענש פאַרנעמט אין דער נאַטור.

אָביעקט. — אַ געגענשטאַנד, אַ זאַך; אַ ציל, אַ צוועק.

אימּמאָראַליזם. — די אָפּלייקענונג פון מאָראַל. אימּמאָראַליזם ווערט אָנגערופען ניטשע'ס לעהרע.

אינדיווידואום, אינדיוויד. — אַ באַזונדערס, אומטיילבאַרס וועזען; אַ באַזונדערע פּערזענליכקייט; אַ יחיד.

אָליגאַרכיע. — אַ מלוכה-אָרדנונג, ביי וועלכער די העכערע מאַכט געפינט זיך אין די הענט פון עטליכע אַריסטאָקראַטען.

אָרעאָל. — גלאַנץ, שטראַהלונג, וואָס ווערט געצייכענט אַרום די פּנים'ער פון די הייליגע.

אינטעלעקט. — דער פאַרשטאַנד, די אורטיילסקראַפט, דער גייסט.

אידענטיפיצירען. — ערקלערען פאַר איינס און דאָס זעלביגע.

אינטענסיוויטעט. — שטאַרקייט, אָנגעשטרענגקייט, אַן אימפּעט.

אימפּעראַטיוו. — באַפעהלענד, בינדענד, וואָס איז אַ מוז. אין גראַמאַטיק — דער אימפּעראַטיוו אָדער די באַפעהלס-פאָרמע, די פאָרמע פון ווערטער, וואָס דריקען אויס אַ באַפעהל, ווי למשל: געה, שטעה, שרייב, א. ד. גל. אין פילאָזאָפיע — אַן אינערליכער באַפעהל, אַ געוויסענס-באַפעהל.

איראַציאָנאַל. — ניט פאַרנינפטיג, געגען דעם שכל, אונלאָגיש, אַבסורד, זינלאָז.

אָביעקטיוויזם. — די שילדערונג פון אַ זאַך ווי זי איז, ניט רעכענענדיג זיך מיט די אייגענע סימפּאַטיעס און אַנטיפּאַטיעס; אין

דער פילאָזאָפיע — די ריכטונג, וועלכע האַלט, אַז דאָס אמת'ע וויסען קאָן זיך באַקומען נאָר אויפ'ן גרונד פון די וואַהרנעמונגען פון אונזערע חושים און ניט אויפ'ן גרונד פון ספּעקולאַטיווען דענקען.

אַפּריאָרי. — אַ מיינונג, וואָס איז ניט באַגרינדעט מיט פאַקטען, נאָר דער שכל איז מחייב, אַז עס איז אַזוי.

אַנטראָפּאָצענטריזם. — די אַנשויאונג, אַז די וועלט עקזיסטירט נאָר צוליב די אינטערעסען פון דעם מענשען, אַז דער מענש איז דער צענטראַלער פונקט פון דעם באַשאַף, פון דער גאַנצער בריאה.

אַריער. —איינער, וואָס געהערט צו דעם אינדאָ־גערמאַנישען שפּראַכשטאַם.

אַסקעטיזם. — די לעהרע און דאָס לעבען פון אַסקעטען, פון נזירים, וועלכע פּרעדיגען, אַז מען דאַרף זיך אָפּשיידען פון אַלע וועלטליכע תאוות און פאַרגעניגענס.

אַטריבוט. — כאַראַקטעריסטישער צייכען, גרונד־אייגענשאַפט; קענ־צייכען.

אַלטרואיזם. — מענשענליבע אָהן אייגענ־נוצען, אַלס געגענזאַץ צו עגאָאיזם.

אידעאָלאָגיע. — די לעהרע וועגען דער ענטשטעהונג און אויסבילדונג פון אידעען. די פילאָזאָפישע באַגרינדונג פון אַ וועלכען עס איז סיסטעם פון דענקען אָדער פון פּאָליטיק.

אידעאָלאָג. — איינער, וועלכער גיט זיך אָפּ מיט אידעען אָדער אידעאַלען, וועלכע האָבען ניט קיין ווירקליכען ווערט; איינער וועלכער בויט אַן אידעאַלען פּלאַן פון צוקונפטיגען לעבען, ניט רעכענענדיג זיך מיט די פאַקטען פון לעבען, אויף וויפיל זיי גיבען אַ מעגליכקייט צו פאַרווירקליכען אַזאַ פּלאַן; דער פילאָזאָפישער באַגרינדער פון אַ באַוועגונג אָדער פון אַ קלאַס.

ב.

באָלשעוויזם. — דער אורשפּרונג פון באָלשעוויזם איז די באַקוניסטיש־אַנאַרכיסטישע אידעאָלאָגיע פון אַ טייל רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטען, וועלכע האָבען אין 1903טען יאָהר אונטער דער פיהרערשאַפט פון וולאַדימיר לענין געשטעלט זיך אין אָפּאָזיציע צו דער צווייטער טייל פון דער פּאַרטיי, צו די מענשעוויקעס. אין 1917טען יאָהר נאָכ'ן פאַלען פון קערענסקי'ס רעגירונג האָבען די באָלשעוויקעס פאַרכאַפּט די מאַכט, פּראָקלאַמירט די רוסישע סאָוועטישע סאָציאַליסטישע רעפּובליק. די באָלשעוויסטישע פּאַרטיי, — די איצטיגע רוסישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי — איז אַ געגנערין פון די עלעמענטאַרע דעמאָקראַטישע פרייהייטען, פּאַרלאַמענטאַריזם און אַזוי ווייטער. נאָר די דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט, קאָן לויט איהר מיינונג, אין דעם איבערגאַנגס פּעריאָד פון קאַפּיטאַליזם צו סאָציאַליזם, אויפבויען די סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט.

בונד. — דער „אַלגעמיינער אידישער אַרבייטער בונד אין ליטא, פּוילען און רוסלאַנד", אַ סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אידישע אַרבייטער־אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט זיך געגרינדעט אין 1897 יאָר און איז געווען אַ טייל פון דער רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבייטער פּאַרטיי. אין בעצוג צו דער אידען־פראַגע שטעלט דער „בונד" אַרויס אויסער דער אַלגעמיינער פאָדערונג פון בירגערליכע און פּאָליטישע גלייכבאַרעכטיגונג פאַר די אידען, אויך די פאָדערונג פון „נאַציאָנאַל קולטורעלער אַטאָנאָמיע", ד. ה. אַז אַלע פראַגען, וואָס זיינען שייך צו אידישע קולטורעלע אַנגעלעגענהייטען, זאָלען באַשטימט און דורכגעפיהרט ווערען דורך די אידען אַליין אַלס אַ באַזונדערע נאַציאָנאַלע קערפּערשאַפט.

די באָלשעוויסטישע רעוואָלוציע אין אָקטאָבער, 1917טען יאָהר, וואָס האָט צעשפּליטערט און צובראָכען די סאָציאַליסטישע באַוועגונג אין דער גאַנצער וועלט, האָט אויך צושפּאָלטען דעם בונד. אין רוסלאַנד איז דער בונד געצוואונגען, ווי אַלע אַנדערע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען צו פיהרען אַן אומלעגאַלע אונטערערדישע אַרבייט, ווי אין די צייטען פון צאַרישען רעזשים. אין פּוילען איז דער בונד געבליבען די שטאַרקסטע און איינפלוסרייכסטע אָרגאַניזאַציע, וואָס פיהרט אָן דעם פּאָליטישען און עקאָנאָמישען קאַמף פון די אידישע אַרבייטער. אומגעהויער גרויס איז די קולטורעלע ראָלע פון בונד אין אידישען לעבען. עס עקזיסטירט איצט אויך אַ „בונד" אין לאַטוויאַ און אין רומעניע.

בורזשואַזיע. — דאָס בירגערטום, דער מיטעלקלאַס פון דער געזעלשאַפט, וואָס שטעהט צווישען דעם אַדעל און גייסטליכע פון איין זייט און דעם אַרבייטער קלאַס און פּויערטום פון דער אַנדער זייט. צו דיזען קלאַס געהער־

רען די פֿאַבריקאַנטען, סוחרים, געלד־קאַפּיטאַליסטען און ז. וו. אין דער סאָציאַליסטישער ליטעראַטור בעצייכענט מען אָפט מיט דעם וואָרט „בורזשואַזיע" אַלע באַזיצענדע קלאַסען פון דער היינטיגער געזעלשאַפט אין געגענזאַץ צום „פּראָלעטאַריאַט" אָדער אַרבייטער קלאַס.

ביוראָקראַטיזם. — אַזאַ רעגירונגס־סיסטעם, וואו אַלע וויכטיגסטע אַנגעלעגענהייטען, וואָס זיינען שייך צו דער מלוכה און צום פאָלק, ווערען באַשלאָסען און דורכגעפיהרט פון טשינאָווניקעס (באַאַמטע) אין די קאַנצעלאַריעס, ניט רעכענענדיג זיך מיט דעם ווילען פון פאָלק אָדער מיט דער מיינונג פון זיינע פאָרשטעהער. אַזאַ סיסטעם כאַראַקטעריזירט זיך מיט דעם ווילקיר און אונפאַראַנטוואָרטליכקייט פון העכערע און נידריגערע נאַטשאַלניקעס, אונטער וועלכע דאָס פאָלק איז אונטערגעוואָרפען.

ג.

גילדען, — צעכען, די מיטעלאַלטערליכע חברות פון סוחרים און באַזונדערס פון בעלי־מלאכות. אין מיטעלאַלטער האָט קיינער ניט געטאָרט זיך באַשעפטיגען מיט קיין מלאכה, אויב ער האָט ניט באַלאַנגט צו אַ געוויסער גילדע אָדער צעך, און באַלאַנגען צום צעך האָט געקענט נאָר אַ בעל־מלאכה, וועלכער האָט אין דער יוגענד געאַרבייט אַלס פּועל ביי אַ מייסטער.

דירעקטע אַקציאָן. — די קאַמפּפס־מעטאָדע פון געוויסע אַנאַרכיסטישע און סינדיקאַליסטישע אָרגאַניזאַציאָנען, וועלכע באַהויפּטען, אַז דער קאַמף פון די אַרבייטער געגען דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג דאַרף געפיהרט ווערען ניט דורך פּאַרלאַמענטאַריזם און געזעצגעבונג, נאָר דורך דירעקטע פּאַרניכטונגס־מיטלען, ווי גענעראַל־סטרייקס, סאַבאָטאַזש, באָמבעס, עקספּראָפּריאַציעס און ז. וו.

דעמאָקראַטיע. — פאָלקסהערשונג, אַזאַ רעגירונגס־סיסטעם, וואו דאָס פאָלק פּערוואַלטעט זיך אַליין און די געזעצגעבערישע מאַכט באַלאַנגט ניט צו קיין אויבער־הערשער. אַ דעמאָקראַטישע רעגירונגס־סיסטעם קען זיך אויסדריקען אין צוויי באַזונדערע פאָרמען: 1) די ריינע אָדער אונמיטעלבאַרע דעמאָקראַטיע, ווען אַלע אַנגעלעגענהייטען וואָס זיינען שייך צו דער מלוכה און געזעלשאַפט ווערען באַטראַכט און באַשלאָסען אויף אַלגעמיינע פאַרזאַמלונגען פון גאַנצען פאָלק און 2) די רעפּרעזענטיווע דעמאָקראַטיע, ווען אַלע שטאַטס־אַנגעלעגענהייטען ווערען באַשלאָסען אין פּאַרלאַמענטען דורך די פאָרשטעהער פון פאָלק.

ד.

דעמאָקראַטישע פּאַרטיי. — די „דעמאָקראַטישע פּאַרטיי" פון די פאַראייניגטע שטאַטען פון אַמעריקא האָט זיך געגרינדעט אונטער פאַרשידענע נעמען כמעט באַלד ווי עס איז אָנגענומען געוואָרען די קאָנסטיטוציאָן פון דער ניי־געגרינדעטער רעפּובליק אין 1789 יאָהר. אַ גרויסער טייל פון דער באַפעלקערונג איז געווען אונצופרידען מיט דיזער קאָנסטיטוציאָן, וועלכע האָט געגעבען צופיל מאַכט דער צענטראַלער רעגירונג און אויף אַזאַ אופן געמאַכט צו נישט די אַלע טרוימעריען פון די דאַמאַלסדיגע דעמאָקראַטישע עלעמענטען וועגען די פרייהייט און אָטאָנאָמיע פון די באַזונדערע שטאַטען. דיזע עלעמענטען, אונטער דער אָנפיהרונג פון טאָמאַס דזשעפערסאָן, האָבען אויסגעבילדעט די „דעמאָקראַטישע פּאַרטיי", וועלכע איז אַרויסגעטראָטען מיט דער פאָדערונג פון מעהר זעלבסטשטענדיגקייט פאַר די באַזונדערע שטאַטען. — אין היינטיגער צייט רעפּרעזענטירט די דעמאָקראַטישע פּאַרטיי די אינטערעסען פון אַמעריקאַנעם מיטעל קלאַס.

דעספּאָטיזם. — טיראַניי, די האַנדלונגען און אויפפיהרונג פון אַ זעלבסטהערשער, וועלכער קוקט אויף זיינע אונטערטאַנען ווי אויף קנעכט, מיט וועלכע ער קען טאָן וואָס ער וויל. אַ דעספּאָט אַנערקענט ניט קיינע פליכטען אין באַצוג צו אַנדערע, רעכענט זיך ניט מיט קיינעמס רעכטען און פיהרט די גאַנצע ממשלה לויט זיין אייגענעם ווילען און קאַפּריז.

דעקאַבריסטען. — די רוסישע רעוואָלוציאָנערען, וועלכע האָבען גענומען אַנטייל אין דעם ערשטען אָפענעם אַרויסטריט געגען דער רוסישער זעלבסטהערשונג דעם 14טען דעצעמבער 1825 יאָהר, דעם טאָג, ווען ניקאָלאַי דער ערשטער איז געוואָרען קייזער. די „דעקאַבריסטען" זיינען געווען יונגע אָפיצירען פון די פאָרנעהמסטע אַריסטאָקראַטישע פאַמיליעס פון רוסלאַנד, און זיי האָבען געפאָדערט אַ קאָנסטיטוציאָנעלע רעגירונג און די אָבשאַפונג פון פאַנשטשיזנע (לייב־אייגענ־

שאַפט). 5 פון זיי האָט מען געהאַנגען און אַלע אַנדערע זיינען פאַרשיקט געוואָרען אין סיביר אויף קאַטאָרזשנע אַרבייט.

דאָגמאַ, דאָגמאַט. — אַ גרונד פּרינציפּ פון רעליגיע; אַ פעסטגעשטעלטער פּרינציפּ; אַן אָנגענומענער לעהר־זאַץ פון אַן אָטאָריטעט אָהן אַליין עס צו קאָנען באַווייזען אָדער באַגרינדען (ווי ביי אידען הלכה למשה מסיני).

דיפערענצירען. — מאַכען אַן אונטערשייד; ווערען פאַרשידען; געפינען דעם אונטערשייד.

דעטערמיניזם. — די לעהרע, לויט וועלכער דער מענשליכער ווילען און אַלע זיינע אַנטפלעקונגען איז באַשטימט פון אורזאַכען, אינערליכע און אויסערליכע. פאָלגליך, אַז דער דעטערמיניזם לייקענט אָפּ די פרייהייט פון ווילען.

דואַליזם. — צווייהייט; די פילאָזאָפישע סיסטעמע, וואָס אַנערקענט אין דער וועלט צוויי התחלות; למשל גייסט און מאַטעריע, גוטס און שלעכטס. פּאָליטישער דואַליזם, — אַ רעגירונגס סיסטעמע, וואו צוויי לענדער זיינען פאַראייניגט דורך איין פיהרער, אָבער ווערען רעגירט פון זעלבסטשטענדיגע פּאַרלאַמענטען און רעגירונגען.

ה׳

האָום־רול. — אייגענע פאַרוואַלטונג. אַ פּאָליטישע פּראָגראַם, לויט וועלכער אַ געוויסער טייל פון אַ מלוכה — ווי אַ שטאָדט, אַ פּראָווינץ און ד. ג. — באַנוצט זיך מיט זעלבסטפאַרוואַלטונג און מיט אַן אייגענער געזעצגעבונג.

הומאַניזם. — אַ גייסטיגע באַוועגונג, וואָס האָט זיך אָנגעפאַנגען אין אייראָפּאַ צום ענדע פון מיטעל־אַלטער און האָט זיך באַזונדערס אַרויסגעוויזען אין 15טען און 16־טען יאָהרהונדערט. די פאָרשטעהער פון דיזער באַוועגונג — די „הומאַניסטען", ווי עראַזמוס פון ראָטערדאַם, אולריך פון הוטען און ז. וו. — זיינען אַרויסגעטראָטען מיט דער שאַרפסטער קריטיק געגען די פאַרגליווערטע דאָגמען פון דער מיטעלאַלטערליכער רעליגיאָן, פילאָזאָפיע און וויסענשאַפט און האָבען דורכגעבראָכען אַ וועג פאַר דעם נייעם פּראָגרעסיווען אַרט דענקען.

היסטאָרישער מאַטעריאַליזם. — די לעהרע פון מאַרקס און ענגעלס וועגען די „פאַקטאָרען" אָדער קרעפטען, וועלכע ווירקען אויף דער היסטאָרישער ענטוויקלונג פון דער מענשהייט. דיזע לעהרע באַהויפּטעט, אַז די הויפּט טרייב־קראַפט אין דער געשיכטע פון יעדער געזעלשאַפט זיינען די מאַטעריעלע נויטען און באַדערפנישען פון די מענשען. די ענטוויקלונג פון דער מאַטעריעלער קולטור, און באַזונדערס די שטענדיגע אומבייטונגען און ענדערונגען, וואָס קומען פאָר אין דער אַרט און וויזע פון דער געזעלשאַפטליכער פּראָדוקציאָן, רופען אַרויס ענטשפּרעכענדע אומבייטונגען און ענדערונגען אין דעם סאָציאַלען און פּאָליטישען געבוי פון דער געזעלשאַפט, אין די עקזיסטירענדע מאָראַל און רעכט, אין דער הערשענדער רעליגיאָן און פילאָזאָפיע, אין דער וויסענשאַפט און קונסט און בכלל אין דער גאַנצער דענקונגס־אַרט פון די מענשען. ווי אַזוי דיזע ענדערונגען קומען פאָר, ווערט ערקלערט דורך דער טעאָריע פון קלאַסענקאַמף, וועלכע איז אַ טייל פון דער לעהרע פון היסטאָרישען מאַטעריאַליזם (זעה „קלאַסענקאַמף").

היפּאָטעזע. — השערה; אַ טעאָריע, וואָס איז נאָך ניט דערוויזען געוואָרען שטרענג וויסענשאַפטליך.

העקאַטאָמבען. — העקאַטאָמב, אַן אָפּפער פון הונדערט אָקסען ביי די אַלטע גריכען. אַ גרויסע שחיטה פון מענשען אָדער בהמות.

העלעניזם.—גריכענטום, דער גייסט, דער כאַראַקטער און די קולטור פון די פאַרצייטיגע גריכען.

וו.

וואַהלרעכט. — שטימרעכט, דאָס רעכט צו נעהמען אַנטייל אין די וואַהלען פון פאָלקס־פאַרטרעטער אין די געזעצגעבערישע קערפּערשאַפט, ווי דער פּאַרלאַמענט, די שטאָדט פאַרוואַלטונג א. ד. ג. די דעמאָקראַטישע פאָדערונג אין באַצוג צו וואַהלרעכט באַשטעהט אין דעם, אַז די וואַהלען זאָלען זיין: 1) אַלגעמיינע, ד. ה. אַלע דערוואַקסענע מענשען פון דעם אָדער יענעם אָרט, אָהן אונטערשייד פון געשלעכט, ראַסע און רעליגיע, זאָלען קענען זיך באַטייליגען אין וואַהלען; 2) גלייכע, ד. ה. יעדער וועהלער זאָל האָבען בלויז איין שטימע; 3) דירעקטע, ד. ה. יעדער וועהלער זאָל שטימען דירעקט פאַר דעם קאַנדידאַט וואָס לויפט פאַר'ן אַמט, און ניט פאַר „עלעקטאָרס", וועלכע קלייבען אויס

דערנאָך דעם דעפּוטאַט, און 4) *געהיימע*, ד. ה. יעדער וועהלער זאָל אָפּגעבען זיין שטימע אין געהיים, כדי ער זאָל ניט קענען פאַרפאָלגט ווערען פון דעם, פאַר וועלכען ער האָט ניט געשטימט.

ווערט. — די פראַגע: פון וואַנען שטאַמט דער „ווערט"? פאַר וואָס שאַצט מען אָפּ איין זאַך טייער און אַן אַנדערע ביליג, האָט שוין פון לאַנג באַשעפטיגט דעם מענשליכען געדאַנק. אין דיזער פראַגע עקזיסטירען פאַרשידענע לעהרען. די וויכטיגסטע פון דיזע לעהרען זיינען צוויי: די *אַרבייטס־טעאָריע* און די *נוצען־טעאָריע*. די פאָרשטעהער פון דער אַרבייטס-טעאָריע באַהויפּטען, אַז דער יסוד פון ווערט איז די *אַרבייט*: וואָס מעהר געזעלשאַפטליך־נויטיגע אַרבייט עס איז אַריינגעלעגט געוואָרען אין דער באַשאַפונג פון דעם אָדער יענעם פּראָדוקט, אַלץ העכער איז זיין ווערט; פאַרקעהרט, וואָס וועניגער געזעלשאַפטליך־נויטיגע אַרבייט עס איז אין איהם אריינגעלעגט געוואָרען, אַלץ וועניגער איז זיין ווערט. די פאָרשטעהער פון דער נוצען־טעאָריע באַהויפּטען, אַז דער יסוד פון ווערט איז די *נוצליכקייט*, ד. ה. די פעהיגקייט פון פּראָדוקט צו באַפרידיגען אַ געוויסע מענשליכע באַדערפניש. וואָס גרעסער עס איז דער זאַפּאַס פון דעם אָדער יענעם נוצליכען אַרטיקעל, אַלץ וועניגער טייער פאַר דעם מענשען איז יעדער קליינער טייל פון איהם, און דעריבער איז אַלץ קלענער דער ווערט פון דיזען טייל; פאַרקעהרט, וואָס קלענער עס איז דער זאַפּאַס פון אַרטיקעל, אַלץ טייערער פאַר דעם מענשען איז יעדער קליינער טייל פון איהם, און דעריבער איז דער ווערט פון דיזען טייל אַלץ העכער.

ח.

חובבי ציון. — פּאַלעסטינאָפילען, ליבהאָבער פון פּאַלעסטינא. אַ באַוועגונג וואָס האָט זיך אָנגעהויבען צווישען די רוסישע אידען, באַזונדערס נאָך די פּאָגראָמען פון 1881-82 יאָהר, מיט דעם צוועק צו גרינדען קאָלאָניעס אין פּאַלעסטינא און אויפבויען דאָרטען אַ קולטורעלען צענטער פאַר דעם אידישען פאָלק. פון די חובבי ציון האָט זיך שפּעטער אַנטוויקעלט דער פּאָליטישער און קולטורעלער ציוניזם (זעה „ציוניזם").

ט.

טעמעני האָל. — אַ געזעלשאַפט, וועלכע האָט זיך געגרינדעט אין ניו יאָרק אין 1789 יאָהר און האָט אָנגענומען דעם נאָמען פון אַן אינדיאַנער „טעמעני", וועלכען די אַמעריקאַנער פּאַטריאָטען אין דער צייט פון דער רעוואָלוציע האָבען אין שפּאַס פאַרהייליגט אַלס דעם באַשיצער פון דער ניי־געגרינדעטער רעפּובליק. די געזעלשאַפט האָט זיך געגרינדעט מיט דעם צוועק פון געגענזייטיגער שטיצע, נאָר שפּעטער האָט זי זיך פאַרוואַנדעלט אין אַ ריין פּאָליטישער אָרגאַניזאַציע פון דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי.

טעראָר. — שרעקענס ־ הערשאַפט. די טאַקטיק פון אַ פּאַרטיי אָדער אָרגאַניזאַציע אַרויפצואוואַרפען דורך פאַרשידענע גוואַלדטאַטען אַ שרעק אויף איהרע געגנער, כדי צו צווינגען זיי נאָכצוגעבען געוויסע פאָדערונגען. אין דער געשיכטע איז באַקאַנט: דער טעראָר אין פראַנקרייך אין די יאָהרען 1792—93, ווען די דאַמאָלסדיגע רעוואָלוציאָנערע רעגירונג (דער „נאַציאָנאַלער קאָנווענט") האָט פאַרפאָלגט מיט די גרעסטע אכזריות איהרע געגנער; דער *ווייסער טעראָר*, ווען די פינסטערע רעאַקציע אין פראַנקרייך נאָך דעם יאָהר 1815 האָט שרעקליך פאַרפאָלגט יעדען אָנדענקען פון דער געוועזענער רעוואָלוציע, און דער *רעוואָלוציאָנערער טעראָר* — די טאַקטיק פון די רוסישע רעוואָלוציאָנערע פּאַרטען „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ" און „סאָציאַליסטען-רעוואָלוציאָנערען", וועלכע האָט זיך אויסגעדריקט אין עמאָרדען פאַרשידענע פאָרשטעהער פון דער רוסישער רעגירונג. אין די יאָהרען 1905-6 זיינען אין רוסלאַנד ערמאָרדעט געוואָרען איבער 2,000 פאָרשטעהער פון דער רוסישער ביוראָקראַטיע, אָנהויבענדיג פון מיניסטאָרען, גובערנאַטאָרען און גענעראַלען און ענדיגענדיג מיט אויספאַכע פּאָליציאַנטען און סטראַזשניקעס. דער *באָלשעוויסטישער רויטער טעראָר* אין סאָוועט רוסלאַנד געגען די אַלע געגנער פון דער קאָמוניסטישער דיקטאַטור, ווען הונדערטער טויזענטער מענשען זיינען אויסגעשאָסען געוואָרען פון דער „טשעקא". (אויסעראָרדענטליכע קאָמיסיע צו באַקעמפען די קאָנטר־רעוואָלוציע).

טעריטאָריאַליזם. — די שטרעבונג פון געוויסע אידישע פּאַרטייען צו שאַפן אַן אייגען לאַנד פאַר'ן אידישען פאָלק. די טעריטאָריאַליסטען באַהויפּטען, אַז די אידען־פראַגע קען ניט געלייזט ווערען אין די גלות־לענדער און דעריבער דאַרפען די אידען אָדער אַ גרויסער טייל פון זיי אויסוואַנדערען פון דיזע לענדער און זיך באַזעצען אויף אַן אייגענער טעריטאָריע.

טראָסט. — אַ פאַראייניגונג פון קאַפּיטאַליסטען פון אַ געוויסער אינדוסטריע מיט דעם צוועק צו קאָנטראָלירען און רעגולירען די אַלגעמיינע פּראָדוקציע און אויף אַזאַ אופן אָפּשאַפען די קאָנקורענץ צווישען די באַזונדערע אונטערנעהמער. דיזער צוועק ווערט דערגרייכט דורך דעם, וואָס אַלע פאַבריקען און געשעפטען, וואָס באַלאַנגען צו אַ רייהע אונטערנעהמער, ווערען געשטעלט אונטער דער אָנפיהרונג פון אַ גרופּע „טראָסטים" (נאמנים), וועלכע פאַרוואַלטען מיט דיזע אַלע אונטערנעהמונגען, ווי זיי וואָלטען געווען דאָס אייגענטום פון איין באַלעבאָס. דער „אָיל טראָסט", למשל, האָט פאַראייניגט אַלע פאַרשידענאַרטיגע אויל־אינדוסטריען פון לאַנד און פיהרט אָן געשעפטען אויף טויזענדער מיליאָנען דאָלאַר. פאַקטיש איז דיזער טראָסט איין קאָמפּאַניע. אויף אַזאַ אופן זיינען אָרגאַניזירט אַ רייהע אינדוסטריען, וואָס בילדען אַ גרויסען טייל פון דעם רייכטום פון לאַנד.

טרייד יוניאָן. — אַ פּראָפעסיאָנעלער פאַראיין. אַ פאַראייניגונג פון אַרבייטער פון אַ געוויסען פאַך אָדער אינדוסטריע מיט דעם צוועק צו פאַרבעסערען זייער עקאָנאָמישע לאַגע. די צאָהל מיטגלידער פון די יוניאָנס אין אַמעריקא דערגרייכט אין 1925 יאָהר ביז פינף מיליאָן. (פיר מיליאָן אין „עי עף אָוו על" און איין מיליאָן אין די אַנדערע אונאַפּהענגיגע יוניאָנס ווי אַמאַלגאַמייטער און אַנדערע). אין אַלע ציוויליזירטע לענדער איז די צאָל מיטגלידער פון די טרייד־יוניאָנס אין 1921 יאָהר דערגאַנגען ביז 27 מיליאָן. דער אַזוי גערופענער „רויטער טרייד יוניאָניסטישער אינטערנאַציאָנאַל", וואָס ווערט רעגירט פון מאָסקווער באָלשעוויקעס, האָט אַ סך געשטערט דער נאָרמאַלער אַנטוויקלונג פון דער טרייד־יוניאָניסטישער באַוועגונג.

טערמינאָלאָגיע. — די סיסטעם פון טערמינען. אויסדרוקען און ווערטער וואָס ווערען באַנוצט אין אַ באַשטימטען פאַך פון דער וויסענשאַפט, טעכניק אָדער קונסט; די לעהרע וועגען טעכנישע טערמינען אָדער ווערטער.

טערמין. — 1) אַ באַגריף בכלל; 2) אַ ספּעציעלער באַגריף, וואָס איז געאייגענט אַ וועלכער עס איז באַזונדערער וויסענשאַפט.

טעאָלאָגיע. — רעליגיאָנס־וויסענשאַפט.

טעזיס. — אַ זאַץ, אַ באַהויפּטונג; אַ באַהויפּטונג אָדער אַ זאַץ, וואָס דאַרף באַוויזען ווערען; אַ דיסערטאַציע, אַ וויסענשאַפטליכע אָפּהאַנדלונג איבער וועלכער עס איז טעמע, וואָס ווערט צוגעשטעלט פון אַ קאַנדידאַט אויף אַ געלעהרטען טיטעל, ווי מאַגיסטער, דאָקטאָר און ד. גל.

טאַטואירונג. — די קונסט פון אויסשטעכען פאַרביגע פיגורען אויפ'ן לייב.

טענדענץ. — נייגונג, ריכטונג.

טעאָקראַטיע. — פּריסטער־הערשאַפט, וואו דער פּריסטער קלאַס ווערט דער רעגירענדער עלעמענט פון פאָלק.

טראַנסצעדענטאַל. — אין פילאָזאָפיע— טראַנסצענדענטאַל, וואָס קומט ניט פון ערפאַהרונג, אָבער ליגט אין דער ערפאַהרונג און איז ניט נויטיג פאַר איהר (ווי די אידעע פון אָרט און צייט); זעהר אַבסטראַקט, וואָס קאָן ניט באַגריפען ווערען דורך דעם געוועהנליכען דענקען.

טראַנסצענדענט. — וואָס שטייגט אַריבער די גרעניץ פון ערפאַהרונג, וואָס איז למעלה מן השכל.

טשאַרטיזם. — די גרויסע פּאָליטישע באַוועגונג פון ענגלישען אַרבייטער קלאַס אין די יאָהרען 1837-48. אין דער ערשטער העלפט פון 19טען יאָהרהונדערט האָט דער אַרבייטער־קלאַס אין ענגלאַנד נאָך ניט געהאַט כמעט קיינע פּאָליטישע רעכטען און איז געווען עקספּלואַטירט אויף דעם שוידערליכסטען אופן. שטרעבענדיג צו פאַרבעסערען זיין אונטערטרעגליכע לאַגע, האָט ער געפאָדערט גרינדליכע פּאָליטישע און סאָציאַלע רעפאָרמען. אין די יאָהרען 1838, 1842 און 1848 זיינען דערלאַנגט געוואָרען אין פּאַרלאַמענט פּעטיציעס מיט דיזע פאָדערונגען. דער פּאַרלאַמענט האָט יעדעס מאָל אַנטזאַגט, און דאָס האָט געפיהרט צו אומגעהויערע אומרוהען איבער'ן גאַנצען לאַנד.

י.

יאַקאָבינער. — די עקסטרעם־ראַדיקאַלע פּאַרטיי אין פראַנקרייך אין די צייטען פון דער גרויסער רעוואָלוציע. צו דיזער פּאַרטיי האָבען בּאַלאַנגט אַזעלכע רעוואָלוציאָנערען, ווי ראָבעספּיער, דאַנטאָן און מאַראַט. די יאַקאָבינער האָבען געשטרעבט איינצופיהרען אין פראַנקרייך אַ דעמאָקראַטישע רעפּובליק און האָבען ביטער געקעמפט געגען די „זשיראָנדיסטען“, וועלכע זיינען געווען מעסיגע ליבעראַלען דורך טעראָר און דיקטאַטור. די הויפּט־פיהרער פון די יאַקאָבינער זיינען שפּעטער אַליין אויך הינגעריכטעט געוואָרען.

יעזואיטען. — אַ קאַטוילישער אָרדען, וועלכער איז געגרינדעט געוואָרען אין יאָהר 1539 מיט דעם צוועק צו באַקעמפען די פּראָטעסטאַנטען און פאַרשטאַרקען די מאַכט און איינפלוס פון דער קאַטוילישער רעליגיע. די יעזואיטען האָבען זיך ניט אָפּגעשטעלט פאַר קיינע גוואַלדטאַטען און קיינע שענדליכע מיטלען, אויב דאָס האָט געבראַכט אַ נוצען דער קאַטוילישער קירך. צוליב זייערע אינטריגען האָט מען זיי אין לעצטען יאָהרהונדערט אַרויסגעטריבען פון פיל לענדער, אָבער זיי עקזיסטירען ביז איצט.

ל.

לאַטיפונדיען. — אומגעהויער גרויסע מאַיאָנטקעס, וואָס האָבען אין אַלטערטום באַלאַנגט צו איניגע רייכע פאַמיליעס אין דער רוימישער מלוכה. דיזע רייכע פאַמיליעס האָבען אין דעם משך פון דורות דורך רויבעריי, שווינדעל און אומגעהויער הויכע פּראָצענטען פאַר חובות פאַרכאַפּט כמעט דאָס גאַנצע לאַנד פון רוימישען פּויערטום. אין דער צייט פון קייזער אויגוסט האָט כמעט גאַנץ איטאַליען פאַקטיש באַלאַנגט צו 8-10 רייכע פאַמיליעס, און אין דער צייט פון נעראָן האָט דער גרעסטער טייל פון צפון־אפריקא, די איצטיגע לענדער אַלזשיר, טונים און טריפּאָלי, באַלאַנגט בלויז צו 6 מענשען.

לוין־אַרבייט. — „לוין־אַרבייט“ ווערט געוועהנליך געברויכט אין אונטערשיד פון „שקלאַפען־אַרבייט“. אין אַלטערטום איז דער אַרבייטער געווען אַ שקלאַף, אין מיטעל־אַלטער איז ער געווען אַ ליבאייגענער. אין דיזע ביידע צייטען האָט די אַרבייטס־קראַפט באַלאַנגט ניט צום אַרבייטער, נאָר צו זיין האַרר אָדער פּריץ. בלויז אין היינטיגער צייט איז דער אַרבייטער אַ באַלעבאָס איבער זיין אַרבייטס־קראַפט און ער קען איהר פאַרקויפען וועמען ער וויל. אָט די אַרבייטס־קראַפט, וואָס די אַרבייטער פון היינטיגער צייט פאַרקויפען צו די קאַפּיטאַליסטען, רופט זיך **לוין־אַרבייט.**

ליבעראַליזם. — די סאָציאַל־פּאָליטישע באַוועגונג פון ענדע פון 18טען יאָהרהונדערט, וועלכע איז אַרויסגעטראָטען מיט דער פאָדערונג אָפּצושאַפען די מיטעלאַלטערליכע פּריווילעגיעס פון דעם אַדעל און גייסטליכע און איבערצובויען די געזעלשאַפט אויף דעם גרונד פון פּאָליטישער פרייהייט און בירגערליכער גלייכבאַרעכטיגונג. די לעהרע פון ליבעראַליזם איז באַשטאַנען אין דעם, אַז די האַרמאָניע אין דער געזעלשאַפט באַקומט זיך דורך דער פרייער קאָנקורענץ צווישען די פּערזאָנען, ווי צווישען די קאַפּיטאַליסטען אַזוי אויך צווישען די אַרבייטער, און דעריבער דאַרף יעדער מענש זיין פריי אין זיין דענקען און אין זיינע האַנדלונגען און עס דאַרפען ניט דערלאָזען ווערען קיינע געזעצען און קיינע איינריכטונגען, וועלכע זאָלען באַשרענקען די פרייע קאָנקורענץ צווישען די מענשען. דיזע לעהרע איז געווען אין די אינטערעסען פון דער דאַמאָלסדיגער בורזשואַזיע, און דאָרטען וואו זי האָט געזיגט, ווי אין די צייטען פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, און שפּעטער אין ענגלאַנד, זיינען דורכגעפיהרט געוואָרען פאַרשידענע פּאָליטישע פרייהייטען, אָבער עס זיינען ניט דערלאָזען געוואָרען קיינע יוניאָנס און קיינע געזעצען וואָס זאָלען באַשיצען די אַרבייטער געגען די קאַפּיטאַליסטען.

לייב־אייגענטום. — פּאַנשטשיזנע, אַזאַ געזעלשאַפטליכע אָרדנונג, וואו די פּויערים זיינען אונפריי און געפינען זיך אונטער דעם רשות פון די פּריצים, צו וועלכע זיי באַלאַנגען. די פּויערים־פּאַנשטשיזניקעס זיינען געווען פאַרפליכטעט צו באַאַרבייטען אומזיסט דעם פּריץ׳ס פעלדער און צושטעלען איהם אומזיסט אַלץ וואָס איהם איז געווען נויטיג און אַלץ וואָס איהם האָט זיך געוואָלט.

מ.

מאַלטוזיאַניזם. — די לעהרע פון ענגלישען עקאָנאָמיסט טאָמאַס מאַלטוס (1766—1834), אַז די מענשליכע באַפעלקערונג

וואַקסט אַלע מאָל אין אַ פיל גרעסערע פּראָפּאָרציע, איידער די אַלגעמיינע סומע פון לעבענס־מיטלען. און וויל די צאָהל מענשען איז פיל גרעסער איידער די צאָהל פּראָדוקטען, וואָס מען באַקומט פון דער נאַטור, דעריבער הערשט אָרימקייט און אַלע אַנדערע צרות, פון וועלכע די געזעלשאַפט ליידט. כדי צו פאַרמיידען דיזע צרות איז נויטיג, אַז דער וואוקס פון דער באַפעלקערונג זאָל ווערען פיל קלענער, און צוליב דעם מוזען מענשען אויפהערען פריה צו הייראַטען און דאַרפען זיך סטאַרען, אַז ביי זיי זאָלען געבאָרען ווערען וואָס ווענ׳יגער קינדער.

מאָנאַרכיזם. — אַ פּאָליטישע אָרדנונג, וואו די אויבערשטע מאַכט ליגט אין די הענט פון אַ מאָנאַרך אָדער קעניג. אַ מאָנאַרכיע קען זיין אַן אומבאַגרענעצטע, וואו עס הערשט דער פּרינציפּ פון אַבסאָלוטיזם (זעה „אַבסאָלוטיזם") און אַ קאָנסטיטוציאָנעלע, וואו די מאַכט פון קעניג איז באַשרענקט דורך אַ פּאַרלאַמענט.

מאָנראָו־דאָקטרין. — אַ פּאָליטישער פּרינציפּ פון די פאַראייניגטע שטאַאַטען פון אַמעריקא, וועלכער איז פאָרמולירט געוואָרען פון דעם אַמעריקאַנער פּרעזידענט דזשיימס מאָנראָו ((1825—1817 יאָהר) מיט די ווערטער: „אַמעריקא פאַר אַמעריקאַנער". דאָס מיינט, אַז קיין אייראָפּעאישע רעגירונג דאַרף זיך ניט אריינמישען אין די אינערליכע אנגעלעגענהייטען פון די אַמעריקאַנער מלוכות; זי דאַרף אויך קיין דעה ניט זאָגען אין דער פראַגע וועגען די באַציהונגען צווישען זיי און טאָר בכלל ניט פאַרשפּרייטען איהר הערשאַפט אין אַמעריקא.

מאַנטשעסטער שולע. — די פּאָליטיש־עקאָנאָמישע לעהרע, וועלכע האָט געהערשט אין ענגלאַנד און אין אַנדערע לענדער אין דער ערשטער העלפט פון 19טען יאָהרהונדערט אין דער צייט פון אויפבליהונג פון דער גרויסער אינדוסטריע. די פאָרשטעהער פון דיזער שולע זיינען געווען די טעאָרעטיקער פון ליבעראַליזם (זעה „ליבעראַליזם").

מאַרקסיזם. — די היסטאָרישע, סאָציאָלאָגישע און עקאָנאָמישע לעהרען פון דעם גרינדער פון וויסענשאַפטליכען סאָציאַליזם קאַרל מאַרקס (געב. 1818, געשט. 1883). דיזע לעהרען, און באַזונדערס די לעהרע וועגען קלאַסענקאַמף און די לעהרע וועגען מעהרווערט, האָבען ניט נאָר געגעבען אַ נייע ריכטונג דער אַנטוויקלונג פון סאָציאַליסטישען געדאַנק, נאָר זיי האָבען אויך פאַראורזאַכט אַ גאַנצע איבערקעהרעניש אין דער סאָציאַלער וויסענשאַפט בכלל. (זעה „מעהרווערט" און „קלאַסענקאַמף„).

מוניציפּאַל־סאָציאַליזם. — די סיסטעם פון שטאָדט־ווירטשאַפט, וואו פאַרשידענע אונטערנעהמונגען, ווי די וואַסער־ליטונג, שטאָדט־באַלייכטונג, טראַמוויי־ען און ד. ג., ליגען ניט אין די הענט פון פּריוואַטע אונטערנעהמער, נאָר באַלאַנגען צו דער שטאָדט און ווערען פאַרוואַלטעט דורכ׳ן מוניציפּאַליטעט (די שטאָדט־פאַרוואַלטונג).

מיטעלאַלטער. — די צייט אין דער געשיכטע, וועלכע רעכענט זיך פון דעם אונטערגאַנג פון דער אַלט־רוימישער מלוכה אין 476 יאָהר ביז דעם 15טען יאָהרהונדערט, ווען עס האָט זיך אָנגעפאַנגען די צייט פון רענעסאַנס (זעה „רענעסאַנס"). די צייט פון מיטעלאַלטער כאַראַקטעריזירט זיך מיט באַזונדערע און אייגענאַרטיגע פאָרמען פון געזעלשאַפטליכען לעבען, ווי די פעאָדאַלע אָרדנונג, די סיסטעם פון לייב־אייגענשאַפט, די אומגעהויערע מאַכט פון דער קירכע און ז. וו.

מיליטאַריזם. — אַ מיליטערישער גייסט, וואָס באַהערשט די רעגירענדע עלעמענטען פון לאַנד און ווירקט, אַז די אינטערעסען פון דער אַרמעע זאָלען שטעהן העכער איידער אַלע אַנדערע אינטערעסען פון דער מלוכה. אַ דאַנק דיזען גייסט, ווערען די גרעסטע כחות פון לאַנד אָנגעווענדעט אויף דער אויפהאַלטונג פון אַ גרויסער אַרמעע און פלאָטע.

מעהרווערט. — די עקאָנאָמישע לעהרע פון קאַרל מאַרקס, וועלכע וויקעלט פאַנאַנדער די פאַרפלאָנטערטע באַציהונגען פון דער מאָדערנער געזעלשאַפט און באַווייזט ווי אַזוי דער אַרבייטער קלאַס ווערט עקספּלואַטירט פון די אונטערנעהמער. ווי אַזוי באַקומען זיך פּראָפיטען? ווי אַזוי איז מעגליך, דאָס די קאַפּיטאַליסטען, וועלכע שאַפען אַליין גאָרניט, באַקומען אומגעהויערע יעהרליכע איינקינפטע? מאַרקס ערקלעהרט אונז, אַז די ניט־באַצאָהלטע אַרבייט שאַפט דעם „מעהרווערט".

מאָניזם. — אַ ריכטונג פון פילאָזאָפישען געדאַנק, וועלכע, אין געגענזאַץ צו דואַליזם, שטרעבט צו ערקלעהרען אַלע ערשיינונגען

פון דער וועלט, אַרויסגעהענדיג פון איין פּרינציפּ. (זעה „דואַליזם”).

מעטאָד. — אַ סיסטעמאַטישער, פּלאַנמעסיגער וועג אויף צו דערגרייכען אַ וועלכען עס איז טעאָרעטישען אָדער פּראַקטישען ציל.

מיטאָלאָגיע. — די זאַמלונג אָדער די סיסטעמע פון זאַגען, פאַבלען און לעגענדען פון אַ פאָלק וועגען זיין אָפּשטאַמונג, זיינע העלדען, געטער א. ד. גל.; די וויסענשאַפט, וואָס פאַרנעהמט זיך מיט אויספאָרשען די זאַגען און לעגענדען פון די אַלטע פעלקער.

מיטהוס. — אַ מיף, אַ מיטה, אַ זאַגע, אַ לעגענדע, אַן אויסגעטראַכט מעשה.

מעטעאָראָלאָגיע. — די וויסענשאַפט וועגען די ערשיינונגען אין דער אַטמאָספערע, באַזונדערס וועגען וועטער.

מעטאַפיזיקע. — די וויסענשאַפט איבער זאַכען און פּרינציפּען אין דער פּיזישער און גייסטיגער וועלט, וועלכע קאָנען באַגריפען ווערען נאָר מיט'ן שכל, אָבער ניט דורך די חושים און ערפאַהרונג; די לעהרע וועגען זאַכען, וואָס זיינען למעלה מן הטבע.

מיסטיציזם. — די שטרעבונג צו באַגרייפען די העכסטע געהיימניסען פון מענשליכען וויסען (ווי דעם עצם פון געטליכקייט, די אורזאַכען פון זיין א. ד. ג.) ניט דורך דעם געוועהנליכען אַרט דענקען, נאָר דורך אַ באַזונדערען אינערליכען צושטאַנד פון גייסט, ווי דורך עקסטאַז, השפעה, באַגייסטערונג, א. אַ. וו.; דאָס מיסטישע, דאָס געהיימניספולע.

מיסטיפיקאַציע. — אָפּנאַרעריי, אַ פאַרבלענדעניש.

מאַטריאַרכאַט. — פרויען־הערשאַפט. די געזעלשאַפטליכע אָרדנונג ביי די פּרימיטיווע פעלקער, ביי וועלכע די פרוי איז געווען דער הויפּט פון דער פאַמיליע און די קרובהשאַפט און ירושה רעכט האָט זיך גערעכענט פון דער מוטער'ס צד.

מאָנאָגראַפיע. — אַן אָפּהאַנדלונג איבער אַ געוויסען איינצעלנעם ענין.

מאַגיזם. — צויבער־קראַפט, כשוף־מאַכעריי.

מאַניפּולאַציעס. — האַנדלונגען מיט די הענט; באַאַרבייטונגען מיט די הענט; צוגרייטונגען; צופּאַרטיגונגען; דאָס שווינדלען אָדער אַגווענדען המצאות.

מעסיאַניזם. — די משיח־אידעע, די אידעע וועגען רעטען דעם מענשליכען מין.

מעטאַפאָרע. — אַ בילדליכע רעדענס־אַרט, אַ מליצה, אַזאַ רעדענס־אַרט, וואו מען גיט צו דער זאַך אַן אייגענשאַפט, וועלכע זי האָט געוועהנליך ניט און וועלכע מען קאָן איהר געבען נאָר אויפ'ן גרונט פון איהר עהנליכקייט צו אַן אַנדער זאַך. למשל: קריסטאָלענע וואַסער; בריליאַנטענע פעהיגקייטען; די זון שיסט מיט גליהענדע פיילען, א. אַז. וו.

מאַנו. — 1) דער אורפאָטער פון מענשליכען מין, לויט די אינדישע לעגענדען; 2) דער לעגענדאַרישער פאַרפאַסער פון דעם אינדישען געזעץ־בוך „מאַנו”.

מאָנאָטעאיזם. — דער גלויבען אין איין איינציגען גאָט.

מאָנאָטעאיסט. — איינער וואָס גלויבט אין איין איינציגען גאָט.

מאָראַליזם. — דער גלויבען אין אַ וועלטליכער מאָראַל; מאָראַליזירונג, דאָס נעהמען זיך אַ מוסר, דאָס אַרויסברענגען אַ מוסר השכל.

נ.

נאַטוראַלע ווירטשאַפט.—אַזאַ צושטאַנד פון געזעלשאַפטליכען לעבען, ווען האַנדעל און פאַרקעהר איז זעהר וועניג ענטוויקעלט און יעדע עקאָנאָמישע גרופּע (אַ פאַמיליע אָדער געמיינדע) פּראָדוצירט אַליין פאַר זיך כמעט אַלץ וואָס עס איז נויטיג פאַר איהר עקזיסטענץ. אַזאַ צושטאַנד האָט מעהרסטענטיילס געהערט אין אַלטערטום און מיטעלאַלטער.

נאַציאָנאַליזם. — די שטרעבונג אויפצוהאַלטען דאָס אייגענע פאָלק און באַשאַפען פאַר איהם אַזעלכע באַדינגונגען, אין וועלכע עס זאָלען אונגעשטערט זיך קענען ענטוויקלען זיינע נאַציאָנאַלע אייגענטימליכקייטען, ד. ה. זיין שפּראַך, זיינע זיטען און בכלל זיין נאַציאָנאַלע קולטור. אַלס אַ פּ אָ ל י ט י שע באַוועגונג דריקט זיך אויס דער נאַציאָנאַליזם אין צווייערליי פאָרמען: 1) די שטרעבונג פון געוויסע עלעמענטען פון אַ הערשענדער נאַציאָן אונטערצואוואַרפען אונטער זיך און אַסימילירען די אַרומיגע קלענערע פעלקער, און 2) דער קאַמף פון די אונטערדריקטע פעלקער פאַר דעם רעכט אויף זעלבסטשטענדיגער נאַציאָנאַלער ענטוויקלונג.

נירוואַנאַ. — אין בודיזם — נירוואַנאַ, אַ צושטאַנד פון פאָלשטענדיגער גייסטיגער רוה, ווען דער מענש האָט ניט קיין שום פאַרלאַנגען, געפיהלען און געדאַנקען.

נאָוואַטאָר. — אַ מענש וואָס פיהרט דורך אין לעבען נייע וועזענטליכע רעפאָרמען אָדער אידעען.

ס.

סאַבאָטאַזש. — אַזאַ פאָרם פון אַרבייטער קאַמף, וואָס דריקט זיך אויס אין פאַרורזאַכען שאָדען און הזיקות דעם בעל הבית. „סאַבאָטאַזש" באַשטעהט אין ברעכען די מאַשינען, פאַרניכטען די וואַארע, אַרויסגעבען שלעכטע אַרבייט, מאַכען וועניג אַרבייט און ז. וו.

סאַלווישאָן אַרמי. — אַ קריסטליך־סאָציאַלע געזעלשאַפט אין דער פאָרם פון אַ מיליטערישער אָרגאַניזאַציע (ד. ה. מיט „אָפיצערען", „פאָלקאָווניקעס", „גענעראַלען" און ז. וו.) געגרינדעט אין ענגלאַנד אין יאָהר 1865 מיט דעם צוועק צו העלפען געזונקענע און געפאַלענע און פאַרשטאַרקען ביי זיי דעם גלויבען אין יעזוס קריסטוס. אין היינטיגער צייט איז דיזע אָרגאַניזאַציע פאַרשפּרייט איבער 58 לענדער און קאָלאָניעס. אין יאָהר 1913 איז די סאַלווישאָן אַרמי פון אַלע לענדער באַשטאַנען פון 9,415 „קאָרפּוסען" מיט אַ מיטגלידערשאַפט פון איבער 2 מיליאָן מענשען.

סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. — די סאָציאַליסטישע פאַרטיי פון אַרבייטער קלאַס. דאָס פאַרטיי פראָגראַם פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע באַשטעהט געוועהנליך פון צוויי טיילען: פראָגראַם מאַקסימום און פראָגראַם מינימום. דאָס „פראָגראַם מאַקסימום" דריקט אויס דעם ענד־ציל פון דער פאַרטיי, ד. ה. די באַפרייאונג פון אַרבייטער קלאַס דורך דער איינפיהרונג פון סאָציאַליזם (זעה „סאָציאַליזם"). דאָס „פראָגראַם מינימום" שטעלט מיט זיך פאָר אַ רייהע פאָדערונגען, וועלכע די פאַרטיי שטעלט אַרויס מיט דעם צוועק צו פאַרבעסערען די לאַגע פון אַרבייטער־קלאַס אין איצטיגער צייט, ווי די פאַרקירצונג פון אַרבייטס־טאָג, די איינפיהרונג פון מינימום־וויידזשעס, די אָפשאַפונג פון קינדער־אַרבייט, פאָלשטענדיגע פאָליטישע פרייהייט און ז. וו.

די ערשטע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פאַרטיי האָט זיך געגרינדעט אין דייטשלאַנד אין 1869טען יאָהר, און איצט עקזיסטירען סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פאַרטייען כמעט אין אַלע ציוויליזירטע לענדער.

סאָציאַליזם. — די לעהרע וועגען דער נויטווענדיגקייט איבערצובויען די איצטיגע געזעלשאַפטליכע אָרדנונג אַזוי, אַז אַלע פראָדוקציאָנס־מיטלען, ווי לאַנד, פאַבריקען, אייזענבאַהנען און ד. ג., זאָלען ניט באַלאַנגען צו איינצעלנע פערזאָנען אַלס זייער פריוואַט־אייגענטום, נאָר זאָלען זיין דאָס געמיינשאַפטליכע אייגענטום פון דער גאַנצער געזעלשאַפט, און די גאַנצע פראָדוקציאָן און פאַרטיילונג זאָל רעגולירט און פאַרוואַלטעט ווערען דורכ'ן פאָלק, ד. ה. דורך דעם שטאַאַט און די געמיינדען. אין באַצוג צו דער פראַגע וועגען דער פאַרווירקליכונג פון דיזען געזעלשאַפטליכען אידעאַל שיידען זיך אונטער דער אוטאָפישער און דער וויסענשאַפטליכער סאָציאַליזם. דער אוטאָפישער סאָציאַליזם ווענדעט זיך צו אַזעלכע עלעמענטען פון דער געזעלשאַפט און באַנוצט זיך מיט אַזעלכע וועגען און מעטאָדען, וועלכע קענען בשום אופן ניט ברענגען צום סאָציאַליזם. פאַרקעהרט, דער וויסענשאַפטליכער סאָציאַליזם האָט אויפגעדעקט יענע היסטאָרישע באַדינגונגען און יענע געזעלשאַפטליכע עלעמענטען, וועלכע מאַכען דעם סאָציאַליזם אומפאַרמיידליך.

ס. פ. — די „סאָציאַליסטישע פאַרטיי פון די פאַראייניגטע שטאַטען פון אַמעריקא. די ס. פ. האָט זיך אויסגעבילדעט צום ענדע פון די 90־גער יאָהרען נאָך אַ שפּאַלטונג, וואָס איז פאָרגעקומען אין די רייהען פון דער ס. ל. פ. (זעה „ס. ל. פ."). דיזע שפּאַלטונג איז פאָרגעקומען טיילווייז צוליב מיינונגס־פאַרשידענהייטען אין בעצוג צו דער פראַגע וועגען דער פראָגראַם און טאַקטיק פון דער פאַרטיי, באַזונדערס אין באַצוג צו דער פראַגע וועגען דער שטעלונג פון דער פאַרטיי צו די עקזיסטירענדע יוניאָנס, און טיילווייז צוליב אונצופרידענהייטען, וואָס זיינען אַרויסגערופען געוואָרען געגען געוויסע אָנפיהרער פון דער פאַרטיי אַ דאַנק זייער דיקטאַטאָרישער האַלטונג. אין יאָהר 1919 האָט זיך די פאַרטיי געשפּאָלטען. אַ טייל מיטגלידער האָבען געבילדעט די קאָמוניסטישע פאַרטיי.

ס. ל. פּ. — די „סאָציאַליסטישע אַרבייטער פּאַרטיי". אַ סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי פון די פאַראייניגטע שטאַטען, וועלכע האָט זיך געגרינדעט אין יאָהר 1877. כאַראַקטעריזירט זיך מיט איהר אונקאָמפּראָמיסליכער טאַקטיק און מיט איהר פיינדליכע שטעלונג צו דער אָרגאַניזאַציאָן און טאַקטיק פון די יוניאָנס פון דער „אַמעריקאַן פעדערײשאָן אָוו לייבאָר". אין געגענזאַץ צו דיזע יוניאָנס האָט זי אָרגאַניזירט די „סאָשיעליסט טרייד ענד לייבאָר עלייענס", — אַ פאַראייניגונג פון סאָציאַליסטישע יוניאָנס, אָבער דיזע אָרגאַניזאַציע האָט געהאַט אַ קנאַפּען ערפאָלג און איז שפּעטער פאַנאַנדערגעפאַלען.

סוועטינג סיסטעם. — די שוויץ־סיסטעם, אַזאַ סיסטעם פון דער אַרבייט, באַזונדערס אין די פריהעריגע צייטען אין דער קליידער־אינדוסטריע, ווען די גרויסע פאַבריקאַנטען און סוחרים פלעגען אָבגעבען די אַרבייט צו קליינע קאָנטראַקטאָרס און דיזע פלעגען אָנזעצען אַרבייטער אין ענגע, פינסטערע און שמוציגע צימערלאַך און דאָרטען פלעגען זיי צווינגען די אַרבייטער צו אַרבייטען אונגעהויער לאַנגע שטונדען פאַר אונגעהויער קליינע וויידזשעס.

סינגעל טעקס.—איין איינציגער שטייער, די פאָדערונג פון אַמעריקאַנער עקאָנאָמיסט הענרי דזשאָרדזש (1839—97) און זיינע נאָכפאָלגער (די „סינגל טעקסער"), אַז דאָס פאָלק זאָל באַפרייט ווערען פון אַלע דירעקטע און אונדירעקטע שטייערען, און אַלע הוצאות פון דער מלוכה און די געמיינדען זאָלען געדעקט ווערען בלויז פון איין איינציגען שטייער, וואָס זאָל אַרויפגעלעגט ווערען אויף לאַנד־אייגענטום. די לעהרע פון די סינגל טעקסער באַשטעהט אין פאָלגענדען: דאָס רעכט אויף אייגענטום איז אַ נאַטור־רעכט און טאָר פון קיינעם ניט אָבגענומען ווערען. אָבער פּריוואַט־אייגענטום איז נאָר דאַן אַ נאַטור־רעכט, ווען די פּערזאָן אַליין האָט עס באַשאַפען. דאָס לאַנד איז פון קיינעם ניט באַשאַפען געוואָרען, און אויב — למשל — אַן אַקער לאַנד אין ניו יאָרק ווערט אָנגעשאַצט אין מיליאָנען דאָלאַר, איז דאָס ניט דערפאַר, ווייל דער אייגענטימער פון דיזען אַקער לאַנד האָט אין איהם אַריינגעלעגט פיל אַרבייט, נאָר דערפאַר, ווייל אויף איהם געפינט זיך אַ געדיכטע באַפעלקערונג. דער ווערטה פון לאַנד ווערט אַלזאָ באַשאַפען ניט פון איינצעלנע פּערזאָנען, נאָר פון דער גאַנצער געזעלשאַפט, און דעריבער דאַרף דאָס לאַנד „נאַציאָנאַליזירט" ווערען, ד. ה. עס דאַרף באַלאַנגען צו . ער גאַנצער געזעלשאַפט. און דער „סינגעל טעקס" איז דאָס בעסטע מיטעל צו נאַציאָנאַליזירען דאָס לאַנד.

סינדיקאַליזם. — אַ ריכטונג אין דער אַרבייטער־באַוועגונג, וועלכע האָט זיך ענטוויקעלט אין פראַנקרייך און דערנאָך אין אַנדערע לענדער. דער גרונד־פּרינציפּ פון סינדיקאַליזם באַשטעהט אין דעם, וואָס דער אָרגאַניזירטער אַרבייטער־קלאַס דאַרף פיהרען אַ שטענדיגען רעוואָלוציאָנערען קאַמף געגען דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג ניט דורכ'ן פּאַרלאַמענט און געזעצגעבונג, נאָר דורך דירעקטע אַקציאָן, ווי גענעראַל־סטרייקס, סאַבאָטאַזש און ז. וו.

סען־סימאָניזם. — די סאָציאַליסטישע לעהרע פון סען־סימאָן (1760—1825) און זיינע נאָכפאָלגער. די סען־סימאָניסטען זיינען געווען די ערשטע, וועלכע זיינען אַרויסגעטראָטען מיט אַ שאַרפער קריטיק פון דער ערשט איינגעפונדעוועטער בורזשואַזער אָרדנונג, וואָס בויט זיך אויף דער סיסטעם פון פּריוואַט־אייגענטום. זיי האָבען געפאָדערט די אָפּשאַפונג פון דיזער סיסטעם און די איינפיהרונג פון סאָציאַליזם. אַרויסגעהענדיג פון דעם פּרינציפּ, אַז מענשען זיינען בטבע ניט גלייך, האָבען זיי געפאָדערט, אַז די רעגירונג זאָל באַלוינען יעדערען לויט זיינע פאַרדינסטען. אָבער ירושה־רעכט דאַרף אָפּגעשאַפט ווערען, כדי יעדערער זאָל האָבען אַ גלייכע מעגליכקייט מיט אַלע אַנדערע אָנצוהויבען זיין קאַריערע און דערשלאָגען זיך צו אַ בעסערע באַלוינונג פון דער רעגירונג.

סאַנקציע. — אַ פייערליכע באַשטעטיגונג, אַ באַקרעפטיגונג; אַ הסכמה; אַ באַפעהל, אַ געזעץ; באַשטעטיגען, באַקרעפטיגען, מסכים זיין, סאַנקציאָנירען, גוטהייסען.

סוביעקט. — 1) אַן אונטערטאַן, אַ פּערזאָן, וואָס איז אונטערוואָרפען אונטער איינעמס הערשאַפט אָדער אויטאָריטעט. 2) דער געגענשטאַנד, דער שטאָף, די טעמע. 3) אין גראַמאַטיק אָדער לאָגיק — דער סוביעקט, די הויפּט זאַך, וועגען וועלכער עס רעדט זיך אין אַ זאַץ. 4) אין פילאָזאָפיע — דער סוביעקט, דער „איך", די דענקענדע פּערזאָן.

סוביעקטיוויזם. — די פילאָזאָפישע לעהרע, אַז יעדע וואַרהייט איז סוביעקטיוו, דאָס הייסט, זי איז ריכטיג בלויז אין באַ־

צוג צו אונזער אייגענער ערפאַהרונג אָדער פאַרשטאַנד.

סוראָגאַט. — אַן ערזאַץ־מיטעל (דאָס, וואָס ווערט באַנוצט צו פאַרבייטען עפּעס וואָס, למשל, ציקאָריע אַנשטאָט קאָפע, א. ד. ג.). אַ במקום, אַ שטעלפאַרטרעטער, אַ ריכ־טער, וואָס האָט צו טאָן מיט צוואות און זיסטירט אין זיך גופא און דאַרף קיין זאַך ירושות.

סובסטאַנץ. — עפּעס אַזוינס, וואָס עק־ניט צו זיין עקזיסטענץ; דער עצם, דאָס אומבאַוואוסטע „עפּעס”, וואָס איז דער אומ־פאַרענדערליכער יסוד פון יעדער פאַרענדער־ליכער ערשיינונג; די עסענץ, דער תמצית.

סינאָפּטיש. — קורץ געפאַסט, אויף אַ קורץ־געפאַסטען אופן, בקיצור.

סטיכיש. — עלעמענטיש, וואָס איז שייך צום עלעמענט אָדער צום גרונד־פּרינציפּ פון עפּעס; וואָס איז שייך צו די יסודות פון דער וועלט. אין פילאָזאָפיע פון אַלטערטום: סטיכיע, אָדער עלעמענט — איינער פון די פיר יסודות (ערד, וואַסער, לופט און פייער), פון וועלכע עס באַשטעהט די גאַנצע וועלט. סטיכיע — אַ נאַטור־קראַפט; סטיכיש — מיט דער מאַכט פון אַ נאַטור־קראַפט.

ספּיריטואַליזם, ספּיריטיזם. — דאָס גלויבען אין דעם פאַרקעהר פון גייסטער מיט מענשען.

סכאָלאַסטיק. — די מיטעלאַלטערליכע עקלעקטישע פילאָזאָפיע, וועלכע איז געווען אַ מין פאַראייניגונג פון אַריסטאָטעל'ס פי־לאָזאָפיע מיט די רעליגיאָנס־לעהרען פון די קירך־פאָטערס; אַ טרוקענער, אינהאַלטסלאָזער און נוצלאָזער פּלפּול.

סאָציאָלאָגיע. — די לעהרע וועגען די געזעצען, לויט וועלכע עס קומט פאָר דאָס לעבען און די אַנטוויקלונג פון דער געזעל־שאַפט אין איהר גאַנצער ווידער־פאַראייני־גונג, אין איהר באַנייטער האַרמאָניע.

ע.

עמיגראַציע. — אויסוואַנדערונג פון פאָטערלאַנד אין אַן אַנדער לאַנד. די אויס־וואַנדערונגען פון די אייראָפּעאישע לענדער האָבען זיך אָנגעפאַנגען נאָך אין 15טען און 16טען יאָהרהונדערט, נאָר ביז דעם 19טען יאָהרהונדערט זיינען זיי געווען מעהר אָדער ווייניגער צופעליג און ניט רעגעלמעסיג. אין היינטיגער צייט וואַנדערט אויס פון יעדען אייראָפּעאישען לאַנד אַ באַשטימטער פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג, און דיזער פּראָצענט וואַקסט פון יאָהר צו יאָהר. פון יאָהר 1870 ביז'ן יאָהר 1892 האָבען עמיגרירט פון אייראָפּא 18½ מיליאָן מענשען, פון וועלכע 15½ מיליאָן האָבען זיך באַזעצט אין די פאַראייניגטע שטאַאַטען און קענעדע. (זעה „אימיגראַציע”).

עפּיגראַף. — אַן אײַנגעקריצטע אויפ־שריפט אין מעטאַל אָדער שטיין; אַן אויפ־שריפט אויף אַ מאָנומענט, סטאַטוע, מצבה און ד. גל.; אַן אויפשריפט ביים אָנפאַנג פון אַ בוך אָדער פון אַן אָפּהאַנדלונג; אַ ציטאַטע, וואָס ווערט געברויכט אַלס מאָטאָ פאַר אַ ווערק.

עפּיגראַפיש. — וואָס איז שייך צו אַן עפּיגראַף, וואָס האָט דעם כאַראַקטער פון אַן עפּיגראַף.

עקסטאַז. — אַ צושטאַנד פון העכסטער באַגייסטערונג אָדער ענטציקונג.

עמאָציע.—אויפרעגונג פון געמיט, אויפ־רעגונג פון געפיהלען, **ריהרונגען.**

עמאָציאָנעל. — וואָס ריהרט, וואָס וועקט די געפיהלען, וואָסווירקט אויף די גע־פיהלען; וואָס איז שייך צו אויפרעגונג פון געמיטה; וואָס דריקט אוים געמיטה'ס אויפ־רעגונג.

עקלעקטיק. — איינער וואָס נעמט ניט אָן קיין פעסטבאַשטימטע סיסטעם אין דער פילאָזאָפיע אָדער וויסענשאַפט, נאָר ער נעמט אַרויס פאַרשידענע טיילען פון פאַרשידענע סיסטעמען, אַנערקענענדיג זיי פאַר ריכטיג; אַן אָנהענגער פון דער אַלטער עקלעקטישער פילאָזאָפיע, וועלכע האָט פאָרגעשטעלט אַ גע־מיש פון פּלאַטאָנישע, סטאָאישע און עפּיקורע־אישע לערען. אין מעדיצין: אַ דאָקטאָר, וואָס באַנוצט באַזונדערע טיילען פון פאַרשי־דענע הייל־סיסטעמען.

עקספּאַנסיוויטעט. — די אויסציהונג, די אויסשפּרייטונג; עקספּאַנסיווע קראַפט, די קראַפט פון פאַנאַנדערשפּרייטען אָדער אויס־ציהען זיך; עקספּאַנסיווע פעהיגקייט, די פעהיגקייט זיך אויסצושפּרייטען אָדער זיך אויסצוציהען; אַן עקספּאַנסיווער מענש, אַ מענש, וואָס קאָן זיך ניט באַהערשען, וואָס ווייזט געשווינד אַרוים זיינע געפיהלען.

עקזאַלטאַציע. — הויכע באַגייסטערונג, אַ צושטאַנד פון הויכער באַגייסטערונג.

עראָטיק. — וואָס איז שייך צו ליבע.

עמפּיריקער. — איינער וואָס האַלט זיך

פאר'ן פרינציפ פון עמפיריזם, ס'הייסט, אז די ערפאהרונג שטעהט העכער פון דער טעאריע, אז נאר דאס וואס איז באוואוסט פון ערפאה־רונג, איז ריכטיג, עמפיריש — וואס איז בא־גרינדעט אויף ערפאהרונג.

ענציקלאפעדיסטען. — די אזוי גערופענע בכלל גרינדער און מיטארבייטער פון דער באוואוסטער פראנצויזישער ענציקלאפעדיע, וועלכע איז ארויסגעגעבען געווארען אין 1751-72 אונטער דער רעדאקציע פון דידרא און דעלאמבער. (דידרא, דעלאמבער, וואלטער, העלוועצי, האלבאך, קאנדיליאק, לאמעטרי, מאנטעקסיע, רוסא און אנדערע).

פ.

פסיכאלאגיע. — די לעהרע וועגען זעעלען־ערשיינונגען.

פאסטולאט. — א באהויפטונג, וואס פא־דערט ניט קיין באוויז, א זעלבסט־פארשטענד־ליכער אמת.

פריזמע. — א קאנטיגע פיגור (א דריי־קאנטיגע, פיר־קאנטיגע, פינף־קאנטיגע א. אז. וו., ביי וועלכע די ענד־פלאכען זיינען פארא־לעל): א דריי־קאנטיג שטיקעל געשליפענע גלאז אדער אנדער דורכזיכטיגער מאטעריאל מיט פאראלעלע ענדען, וואס ווערט באנוצט פאר אפטישע צוועקען.

פראגנאז. — א פארקענטניס, א פאראויס־זאגונג וועגען דעם גאנג פון א קראנקהייט לויט געוויסע סמנים.

פאטרימאניאל. — ערבליך, וואס איז גע־קומען בירושה פון עלטערען.

פאופעריזם. — ארימקייט, בעטלער־שטאנד. די לאגע פון א גרויסען טייל פון דער באפעלקערונג, וואס האט ניט מיט וואס א טאג איבערצולעבען און דארף אנקומען צו שטיצע פון דער געזעלשאפט און פריוואטע פערזאנען. אין 1890 יאהר האט זיך אין די פאראייניגטע שטאאטען געצעהלט אומגעפעהר 3 מיליאן „פאופערס", ד. ה. אביונים, וואס האבען געדארפט אנקומען נאך פרעמדער הילף. אין די צדקה־אנשטאלטען האבען אין יענעם יאהר זיך אויפגעהאלטען 73,045 „פאופערס". אין יאהר 1910 איז די צאהל פאופערס, וואס האבען זיך אויפגעהאלטען אין פארשידענע צדקה־אנשטאלטען, געווען — 84,198.

פאן־גערמאניזם. — די שטרעבונג צו פאראייניגען אלע פעלקער פון גערמאנישער אבשטאמונג (ווי למשל: די דייטשען, סקאנ־דינאווען, האלענדער, ענגלענדער און אנד.) אין איין פאליטישען פארבאנד. אין דער רעאלער פאליטיק האט די אידעע פון „פאנגער־מאניזם" זיך אויסגעדריקט אין דער שטרע־בונג צו פאראייניגען פאליטיש אלע דייטשע לענדער מיט אלע פעלקער וואס געפינען זיך אין זיי (ווי למשל די סלאווען פון עסטרייך) אונטער דער הערשונג פון איין דייטשער רעגירונג.

פאנסלאוויזם. — די אידעע פון פאראיי־ניגען אלע סלאווישע פעלקער (ווי די רוסען, פאליאקען, טשעכען, באלגארען און ז. וו.) אין איין בונד אונטער דער אויבערהערשאפט פון רוסלאנד.

פארלאמענטאריזם. — אזא רעגירונגס־סיסטעם, וואו די מיניסטארען זיינען פאר־אנטווארטליך ניט פאר'ן קעניג, נאר פאר'ן פארלאמענט, און ווען די מעהרהייט פון פארלאמענט דריקט אויס אונצוטרויען צו דער רעגירונג אדער נעהמט ניט אן איהרע פלענער, דארפען די מיניסטארען רעזיגנירען. אין דער סאציאליסטישער ליטעראטור באצייכענט מען אפט מיט דעם ווארט „פארלאמענטא־ריזם" די טאקטיק פון די סאציאליסטישע פארטייען צו באטייליגען זיך אין די וואה־לען צום פארלאמענט, כדי אויסצוקעמפען דארטען געזעצען, וועלכע זיינען גינסטיג פאר'ן ארבייטער קלאס.

פלוטאקראטיע. — די הערשונג פון ריי־כע. אזא רעגירונגס־ארדנונג, וואו די גע־זעצגעבערישע מאכט ליגט אין די הענט פון דער געלד־אריסטאקראטיע. אין די פאראייניג־טע שטאטען, למשל, באשטעהט די גרעסטע מעהרהייט פון סענאט און קאנגרעס פון ריי־כע באנקירען און פאבריקאנטען און פון א גרויסער צאהל לאיערס, וועלכע זיינען די פארטרעטער פון די „טראסט" און „קארפא־ריישאנס".

פלעבעער. — דער נידעריגער קלאס אין דער אלט־רוימישער מלוכה, וועלכער האט אין דעם משך פון פיל דורות געפיהרט א קאמף געגען דער דאמאלסדיגער אריסטאקראטיע אדער „פאטריציער" און האט זיך סוף־כל־סוף דערשלאגען צו בירגערליכע און פאליטישע גלייכבארעכטיגונג. אין היינטיגער צייט בא־דייטעט דאס ווארט „פלעבעער" — דער המון, דאס פראסטע פאלק.

פראהיבישאן. — פארבאטונג. די בא־וועגונג אין די פאראייניגטע שטאטען און

אין אַנדערע לענדער צו פאַרבאָטען די פּראָדוקציאָן און פאַרקויף פון אַלקאָהאָלישע געטראַנקען אויסער פאַר מעדיצינישע און רעליגיעזע צוועקען.

פּראָטעקשאָן. — פּראָטעקציאָניזם, שוץ געגען אויסלענדישער קאָנקורענץ. אַ סיסטעם פון אַרויפלעגען אַ הויכען טאַריף אָדער הויכע צאָלונגען אויף אויסלענדישע סחורות, כדי זיי זאָלען ניט קענען קאָנקורירען מיט די סחורות, וואָס ווערען פּראָדוצירט גופא אין לאַנד. די אָנהענגער פון פּראָטעקציאָניזם באַהויפּטען, אַז דאָס איז דאָס איינציגע מיטעל אָנצוהאַלטען און צו ענטוויקלען די אייגענע אינדוסטריע און דערמיט פאַרזיכערען די אייגענע אַרבייטער מיט אַרבייט. פאַרקעהרט, די געגנער פון דיזער סיסטעם באַהויפּטען, אַז דער פּראָטעקציאָניזם שוואַכט אָפּ די אַנטוויקלונג פון דער אייגענער אינדוסטריע. די אָרטיגע פאַבריקאַנטען, ניט מורא האָבענדיג פאַר קאָנקורענץ, פיהרען ניט איין קיין נייע מאַשינען, קיין בעסערע סיסטעמען פון דער אַרבייט, גיבען אַרויס שלעכטע וואַרע, און סוף כל סוף ווערט דאָס לאַנד אָבגעשטאַנען אין פאַרגלייך מיט אַנדערע לענדער.

פּראָלעטאַריאַט. — דער אַרבייטער קלאַס. דער קלאַס פון דער מאָדערנער געזעלשאַפט, וועלכער באַזיצט ניט קיין לאַנד־אייגענטום און קיין קאַפּיטאַל און לעבט בלויז פון אַרבייטס־לוין, ד. ה. פון די שכירות, וואָס ער באַקומט, פאַרקויפענדיג זיין אַרבייטס קראַפט.

פּראָפּאָרציאָנעלע וואַהל־סיסטעם. — אַזאַ סיסטעם פון וואַהלען אין די געזעצגעבערישע קערפּערשאַפטען (אין פּאַרלאַמענט, שטאָדט־פאַרוואַלטונג א. ז. וו.) וואו יעדער טייל פון דער באַפעלקערונג, יעדע פּאַרטיי אַפילו די סאַמע קלענסטע, קען זיין פאַרטראָטען מיט אַ געוויסער צאָל דעפּוטאַטען לויט דער צאָל מיטגלידער פון דער אָדער יענער פּאַרטיי.

פּאָזיטיוויזם. — די פילאָזאָפישע לעהרע, וועלכע אַנערקענט, אַז קיין אַנדער וויסען עקזיסטירט ניט אויסער דאָס וויסען וועגען ערשיינונגען, וואָס מיר באַגרייפען מיט אונזערע חושים, וואָס מען קען דערגעהן דורך וויסענשאַפטליכע ערפאַהרונג.

פּסיכיק. — די גייסטיגע קרעפטען, דער גייסטיגער צושטאַנד.

פּאַנטעאיזם. — די לעהרע, אַז גאָט און די וועלט איז איינס און דאָסזעלבע, אָדער אַז גאָט איז דאָס איינציגע עקזיסטירענדע וועזען און די גאַנצע וועלט איז איינע פון זיינע ערשיינונגס פאָרמען און דעריבער איז אַלץ אין דער וועלט געטליך.

פאַביאַנער. — די פאַביאַנישע געזעלשאַפט, אַ סאָציאַליסטישער פאַראיין, וועלכער האָט זיך געגרינדעט אין ענגלאַנד אין יאָהר 1884 מיט דעם צוועק צו העלפען דער פאַרווירקליכונג פון סאָציאַליזם דורך פרידליכער פּראָפּאַגאַנדא. די פאַביאַנער האַלטען ניט פון קלאַסען־קאַמף און גלויבען ניט אין דער מעגליכקייט פון אַ סאָציאַלער רעוואָלוציע. דער סאָציאַליזם, לויט זייער מיינונג, וועט איינגעפיהרט ווערען לאַנגזאַם און שטופענווייז, דורך גרעסערע און קלענערע סאָציאַלע רעפאָרמען, אָבער כדי דורכצופיהרען אַזעלכע רעפאָרמען, איז נויטיג אַ שטענדיגע אונערמידליכע פּראָפּאַגאַנדא פון סאָציאַליזם.

פוריעריזם. — די סאָציאַליסטישע לעהרען פון שאַרל פוריע (1772—1837) און זיינע נאָכפאָלגער. פוריע באַהויפּטעט, אַז האַרמאָניע און גליק אין דער געזעלשאַפט איז מעגליך נאָר דאַן, ווען יעדער איינער האָט די פולע פרייהייט און מעגליכקייטען צו ענטוויקלען און אַרויסצואווייזען אַלע זיינע פעהיגקייטען.

פיזיאָקראַטען. — אַ שולע פון עקאָנאָמיסטען אין דער צווייטער העלפט פון 18טען יאָהרהונדערט, וועלכע זיינען אַרויסגעטראָטען מיט דער טעאָריע, אַז דאָס רייכטום פון אַ נאַציאָן באַשטעהט בלויז אין לאַנד און לאַנד־פּראָדוקטען, אין געגענזאַץ צו די מערקאַנטיליסטען, וועלכע האָבען באַהויפּטעט, אַז דאָס רייכטום פון אַ נאַציאָן באַשטעהט אין גאָלד און זילבער (זעה „מערקאַנטיל סיסטעם”). אַרויסגעהענדיג פון דיזער לעהרע, האָבען די פיזיאָקראַטען געפאָדערט, אַז דער בודזשעט, ד. ה. אַלע הוצאות פון דער מלוכה דאַרפען געדעקט ווערען דורך אַ דירעקטען שטייער, וואָס דאַרף אַרויפגעלעגט ווערען אויף לאַנד־אייגענטום. וואָס אַנבאַלאַנגט אינדוסטריע און האַנדעל, דאַרפען זיי זיין פריי פון שטייערען און צאָהלונגען.

פעאָדאַליזם. — די פעאָדאַלע סיסטעם, אַזאַ געזעלשאַפטליכע אָרדנונג, וועלכע האָט געהערשט אין אייראָפּא כמעט די גאַנצע צייט פון מיטעלאַלטער. די כאַראַקטעריסטישע אייגענשאַפט פון דיזער אָרדנונג איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס די מאַכט פון דער צענטראַ־

לער רעגירונג איז געווען זעהר אָבגעשוואַכט, און דערפון האָט יעדע מלוכה מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ גרויסע צאָהל פון גרעסערע און קלענערע מאַיאָנטקעס, וועלכע זיינען געווען מעהר אָדער ווייניגער אונאבהענגיג איינע פון די אַנדערע ניט נאָר עקאָנאָמיש, נאָר אויך פּאָליטיש. די אייגענטימער פון די מאַיאָנטקעס זיינען געווען די פּריצים אָדער פעאָדאַלען. יעדער פעאָדאַל איז געווען אין פּרינציפּ פאַרפליכטעט מיט פאַרשידענע דינסטען צו אַ העכערען פעאָדאל, אָבער אין באַצוג צו זיין אייגענעם מאַיאָנטעק און צו די דאָרטיגע איינוואָהנער איז ער פאַר קיינעם ניט געווען פאַראַנטוואָרטליך. דאָרטען איז ער געווען אַן אַבסאָלוטער זעלבסטהערשער און די פּויערים־ערד אַרבייטער זיינען געווען זיינע לייב־אייגענע (זעה „לייב־אייגענשאַפט”).

פריי־האַנדעל. — האַנדעל, וואָס איז פריי פון באַזונדערע שטייערען און צאָהלונגען אויף אויסלענדישע וואַרען. די פאָדערונג פון פריי־האַנדעל ווערט אַרויסגעשטעלט אין געגענזאַץ צו דער פאָדערונג פון פּראָטעקציאָניזם (זעה „פּראָטעקשאָן”).

פעטישיזם. — די פאַרגעטערונג פון פאַרשידענע ערדישע געגענשטאַנדען.

פיליסטער. — אַ מענש מיט אַ באַשרענקטער וועלט אַנשויאונג, וואָס באַנעמט אַלץ אויבערפלעכליך.

פאַזע. — דער צושטאַנד פון אַ זאַך אָדער וועלכע עס איז ערשיינונג אין אַ געוויסער צייט. אין אַסטראָנאָמיע — אַ באַזונדער אויסזעהן פון דער לבנה אָדער פון אַנדערע פּלאַנעטען אין דער אָדער יענער צייט.

צ.

ציוויל ליסט. — די ספּעציעלע הוצאה אין בודזשעט פון אַ מאָנאַרכישער רעגירונג אויף אויסצוהאַלטען די קעניגליכע פאַמיליע. דאָס יעהרליכע געהאַלט פון ענגלישען קעניג מיט זיין פאַמיליע איז 3,780,000 דאָלאַר אָדער 75,600 דאָלאַר אַ וואָך. דאָס יעהרליכע געהאַלט פון רוסישען צאַר איז געווען אונגעפעהר 9 און אַ האַלב מיליאָן דאָלאַר אַ יאָהר אָדער 190 טויזענד דאָלאַר אַ וואָך.

ציוניזם. — די באַוועגונג אין געוויסע שיכטען פון אידישען פאָלק מיט דעם צוועק ווידער אויפצובויען דאָס נאַציאָנאַלע אידישע לעבען אין פּאַלעסטינא. צווישען די פאַרשידענע ריכטונגען, וועלכע הערשען אין דער ציוניסטישער באַוועגונג, שיידען זיך אונטער באַזונדערס צוויי: דער פּאָליטישער און דער קולטורעלער ציוניזם. די אָנהענגער פון פּאָליטישען ציוניזם שטרעבען אויפצובויען אין פּאַלעסטינא אַ אידישע מלוכה; פאַרקעהרט, די אָנהענגער פון קולטורעלען ציוניזם שטרעבען, אַז פּאַלעסטינא זאָל ווערען בלויז דער גייסטיגער צענטער פון דער אידישער נאַציאָנאַלער קולטור.

ק.

קאַטהעדער־סאָציאַליסטען. — אַ שפּאָטנאָמען פאַר אַ גרופּע פּראָפעסאָרען און אַקאַדעמיקער, וועלכע האָבען אין יאָהר 1872 געגרינדעט אין דייטשלאַנד דעם „פאַראיין פאַר סאָציאַלע געזעצגעבונג”. די קאַטהעדער־סאָציאַליסטען באַקעמפען דעם סאָציאַליזם און די סאָציאַליסטישע באַוועגונג פון פּראָלעטאַריאַט, נאָר זיי פאָדערען אַ רייהע פאַבריק־געזעצען, וועלכע זאָלען פאַרבעסערען די לאַגע פון די אַרבייטער.

קאַפּיטאַליזם. — די קאַפּיטאַליסטישע אָרדנונג. די היינטיגע פּעריאָדע אין דער געשיכטע פון עקאָנאָמישער ענטוויקלונג, וועלכע כאַראַקטעריזירט זיך מיט דעם הויכען וואוקס פון דער געזעלשאַפטליכער פּראָדוקציאָן, מיט׳ן ברייטען אַלוועלטליכען פאַרקעהר און האַנדעל, מיט דער הערשאַפט פון געלד־ווירטשאַפט און מיט דעם קאַמף צווישען קאַפּיטאַל און אַרבייט.

קאָאָפּעראַטיווע געזעלשאַפטען. — פרייוויליגע פאַראייניגען פון פּערזאָנען, ספּעציעל פון אַרבייטער, מיט דעם צוועק צו באַקומען נוצען אָדער פּראָפיט דורך געמיינשאַפטליכע אַרבייט אָדער דורך געגענזייטיגער שטיצע. אַזעלכע פאַראייניגען, וואָס טראָגען דעם נאָמען „קאָאָפּעראַטיווען”, זיינען פאַראַן פאַרשידענאַרטיגע, נאָר זיי אַלע קענען זיין איינגעטיילט אין דריי הויפּט־גרופּען: „געווערב־פאַראיינען”, „קאָנסום־פאַראיינען” און „קרעדיט־פאַראיינען”. אַ געווערב־פאַראיין שטעלט זיך דעם צוועק צו פּראָדוצירען אַ געוויסען אַרטיקעל און דעם פּראָפיט טיילען צווישען די מיטגלידער פּראָפּאָרציאָנעל לויט דער אַרבייט און קאַפּיטאַל וואָס יעדער איינער לייגט אַריין אין דער אונטערנעהמונג. אַ קאָנסום־פאַראיין שטעלט זיך דעם צוועק צו פאַרקויפען צו זיינע מיטגלידער פאַרשידענע פּראָדוקטען אויף האַל-

סיול־פּרייז און אויף אַזאַ אופן מאַכען פאַר זיי ביליג די לעבענס־מיטעל: אַ *קרעדיט פאַראיין* שטעלט זיך די אויפגאַבע צו שאַפען קרעדיט פאַר די מיטגלידער אין דער צייט פון אַ נויט.

קאָלעקטיוויזם. — סאָציאַליזם (זעה „סאָציאַליזם"). אין פראַנקרייך ווערט דאָס וואָרט „קאָלעקטיוויזם" אָפט געברויכט צום אונטערשייד פון „קאָמוניזם". אונטער „קאַלעקטיוויזם" ווערט פאַרשטאַנען אַזאַ סאָציאַליסטישע אָרדנונג, וואו יעדער איינער באַקומט לעבענס־מיטעל פון דער געזעלשאַפט לויט זיינע *פאַרדינסטען*; פאַרקעהרט, אונטער „קאָמוניזם" ווערט פאַרשטאַנען אַזאַ סאָציאַליסטישע אָרדנונג, וואו יעדער איינער באַקומט לויט זיינע *באַדערפנישען*.

קאָמוניזם. — געמיינשאַפטליכס אייגענטום, די סאָציאַלע לעהרע, וועלכע פאָדערט די אָבשאַפונג פון פּריוואַט־אייגענטום. אין אַמאַליגע צייטען האָט מען אונטער „קאָמוניזם" פאַרשטאַנען ניט נאָר געמיינשאַפטליכע פּראָדוקציאָן, נאָר אויך *געמיינשאַפטליכען פאַרברויך*, ד. ה. אַז אַלע מענשען פון דער געמיינדע זאָלען וואַהנען צוזאַמען, עסען צוזאַמען, און בכלל קיינער זאָל ניט פיהרען קיין פּריוואַטען לעבען. אין היינטיגע צייטען איז „קאָמוניזם" דאָס זעלבע ווי „סאָציאַליזם" (זעה „סאָציאַליזם").

קאָמונע. — דער אויפשטאַנד פון פראַנצויזישען פּראָלעטאַריאַט אין 1870־טען יאָהר. דיזער אויפשטאַנד האָט געפיהרט צו דער אויסבילדונג פון אַ רעוואָלוציאָנערער פּראָלעקאָמונאַרען האָבען געהאַט איינע און דיזעלבע צוועקען: איניגע האָבען געפאָדערט די אַיינהערשט פון מאָנאַט מערץ ביז מאַי. ניט אַלע טאַרישער רעגירונג, וועלכע האָט אַריינגעבאַפט פאַריז אין איהרע הענד און האָט געפיהרונג פון סאָציאַליזם; די אַנדערע, פאַרקעהרט, האָבען געשטרעבט קודם כל צו „דעצענטראַליזירען דעם שטאַט", ד. ה. אָבצושאַפען די צענטראַלע רעגירונג און איינפיהרען זעלבסטשטענדיגע געמיינדען (קאָמונעס). אָבער דיזער אויפשטאַנד איז באַלד באַזיגט געוואָרען פון די הערשענדע קלאַסען. טויזענדער קאָמונאַרען זיינען פאַראורטיילט געוואָרען צו שיסען, הענגען און אויף אייביגע קאַטאָרגע.

קאָנסטיטוציע. — די גרונד געזעצען, וועלכע באַשטימען די מלוכה־פאָרם פון אַ לאַנד. אין דער קאָנסטיטוציע ווערען גענוי באַשטימט די מאַכט און די קאָמפּעטענץ פון די באַזונדערע עלעמענטען, וועלכע האָבען אַ דעה אין דער געזעצגעבונג און רעגירונג פון לאַנד (ווי למשל אין אַ רעפּובליק — די מאַכט און קאָמפּעטענץ פון פּרעזידענט פון איין זייט און פון „קאָנגרעס" אָדער פּאַרלאַמענט פון דער אַנדער זייט).

קלאַסענקאַמף. — דער קאַמף צווישען די געזעלשאַפטליכע קלאַסען פאַר עקאָנאָמישער און פּאָליטישער הערשונג. די לעהרע וועגען קלאַסענקאַמף איז באַגרינדעט געוואָרען פון קאַרל מאַרקס און איז געוואָרען דער גרונדפּרינציפּ פון וויסענשאַפטליכען סאָציאַליזם. דיזע לעהרע באַשטעהט אין פאָלגענדען: יעדע געזעלשאַפטליכע אָרדנונג בויט זיך אויף אַ באַשטימטער פאָרם פון *מאַטעריעלער קולטור*, ד. ה. אויף דער אַרט און וויזע ווי אַזוי מענשען פּראָדוצירען פאַרשידענע לעבענסמיטלען און ווי אַזוי דיזע לעבענסמיטלען ווערען פאַרטיילט צווישען דער באַפעלקערונג. אין פּראָצעס פון *פּראָדוקציאָן און פאַרטיילונג* ווערען באַשאַפען פאַרשידענע עקאָנאָמישע באַציהונגען צווישען די מענשען, און דיזע באַציהונגען ווירקען אַזוי, דאָס די געזעלשאַפט ווערט צושפּאָלטען אויף באַזונדערע קלאַסען, וועלכע טרעטען אַרויס איינע געגען די אַנדערע מיט געגענזעצליכע אינטערעסען און שטרעבונגען.

קאַסטע. — אַ שטאַנד, אַ קלאַס מענשען, וואָס האַלטען זיך אָפּגעזונדערט פון אַנדערע, אָדער וואָס האָבען זיך אויסגעטיילט פון אַנדערע צוליב זייער רייכקייט, יחוס, פּראָפעסיע און באַזונדערע פּריווילעגיעס.

קאַנאָניזירען. — הייליג מאַכען, ערקלערען איינעם צווישען די הייליגע פון דער קירכע.

קאָסמאָס. — די גאַנצע וועלט מיט די הימלען און פּלאַנעטען אַלס האַרמאָניש גאַנצע.

קולט. — רעליגיעזע פאָרמען, מנהגים. פאַרגעטערען אַ מענשען, אַ אידעע.

קאָנצעפּציע. — אַ באַגריף, אַ אידעע, אַ מיינונג, אַ פּלאַן.

קריטעריאום. — אַ צייכען לויט וועלכען מ'קאָן אונטערשיידען דאָס ווירקליכע, אמת'דיגע פון פאַלשען ניט ריכטיגען.

ר.

רעוויזיאניסטען. — א טייל פון דער סאציאל־דעמאקראטישער פארטיי (באזונדערס אין דייטשלאנד), וואס טרעט ארויס געגען די אנגענומענע פראגראם און טאקטיק פון דער פארטיי. די רעוויזיאניסטען האלטען, אז די סאציאליסטישע ארדנונג קען פארווירקליכט ווערען ניט דורך א סאציאלע רעוואלוציאן, נאר שטופענווייז דורך סאציאלע רעפארמען.

רענעסאנס. — די אויפלעבונג פון דער קלאסישער קולטור פון אלטערטום. די עפאכע אין דער געשיכטע פון די אייראפעאישע פעלקער, וועלכע ליגט צווישען מיטעלאלטער און די נייע צייט (אונגעפעהר דער 15טער און 16טער יאהרהונדערט). דיזע צייט כאראקטעריזירט זיך מיט א זעלטענער אויפבליהונג פון ליטעראטור און קונסט.

רעפובליקאנישע פארטיי. — די פאליטישע פארטיי פון די פאראייניגטע שטאטען, וועלכע האט זיך געגרינדעט אין יאהר 1854 מיט דעם הויפט־צוועק ניט צו דערלאזען די פארשפרייטונג פון דער נעגער־שקלאפעריי אין די טעריטאריעס. אין היינטיגער צייט איז זי איינע פון די הערשענדע פארטייען און פארטרעט איבערהויפט די אינטערעסען פון גרויסען קאפיטאל.

רעפערענדום. — די אלגעמיינע אבשטימונג פון פאלק וועגען א געוויסען געזעץ אדער תקנה, וואס איז פריהער אנגענומען געווארען פון די געזעצגעבערישע קערפערשאפטען. אין דער שווייץ און אין איניגע שטאטען פון די פאראייניגטע שטאטען פון אמעריקא קען קיין וויכטיגער געזעץ ניט האבען קיין מאכט אויב ער ווערט ניט אנגענומען דורך א רעפערענדום.

רעלאטיוו. — ניט אבסאלוט, וואס עס עקזיסטירט ניט אן און פאר זיך, וואס הענגט אפ פון עפעס, וואס באציהט זיך אויף עפעס, וואס האט א שייכות צו עפעס, וואס ווערט באטראכט אין שייכות מיט אן אנדער זאך.

ראציאנאליזם. — דאס שטעלען העכער דעם שכל איידער א וועלכע עס איז אויטאריטעט אין די פראגען פון גלויבען און אויפפיהרונג. די פילאזאפישע שיטה, אז דער ווירקליכער קוואל פון קענטניש איז ניט די ערפאהרונג דורך די חושים נאר דער שכל, די „ריינע פארנונפט", ס'הייסט די אונמיטעלבארע דענקונגס־פעהיגקייט פון מענשען. אין טעאלאגיע — דאס אפלייקענען אין די רעליגיעזע לעהרען און דאגמען אלץ, וואס לעגט זיך ניט אויפ'ן שכל.

רעזיומירען. — ווידערהאלען אין קורצען, מאכען דעם סך הכל.

רעאביליטירען. — הערשטעלען, אומקעהרען צו דער פריהערדיגער לאגע, באשטעטיגען אין די פריהערדיגע רעכטען, ריינוואשען.

ש.

שטייערען. — טאקסע, די צאהלונגען וואס ווערען ארויפגעלעגט אויף יעדען איינוואהנער פון לאנד צו דעקען די הוצאות פון דער מלוכה אדער פון דער געמיינדע. שטייערען זיינען פאראן צווייערליי: ד י ר ע ק ט ע און א ו נ ד י ר ע ק ט ע. „דירעקטע" הייסען אזעלכע שטייערען, וועלכע ווערען דירעקט גענומען פון פערזאן, פון די איינקינפטע אדער פון פארמעגען (ווי די שטייערען, וואס ווערען ארויפגעלעגט אויף ערד־אייגענטום, אויף הייזער, אויף יעהרליכע איינקינפטע, אויף ירושות און ז.וו.). „אונדירעקטע" הייסען אזעלכע שטייערען, וואס ווערען ארויפגעלעגט אויף דער פראדוקציאן און פארקויף פון געוויסע סחורות און די איינוואהנער צאהלען דיזען שטייער אין דעם פרייז פון דער סחורה (ווי למשל פארשידענע א ק צ י ז ע ן, צאהלונגען אויף אויסלענדישע וואַרען און אז. וו.).

אידישע אימיגראציע קיין ארגענטינא, פאר די יארען 1915־1913 און 1924־1919.

די גאנצע צאהל אידען, וואס האבען אויסגעוואנדערט אין ארגענטינע אין די יאהרען 1913—1924 האט באטראפען 50,303. די גרעסטע צאהל אין דעם ערשטען פעריאד איז אנגעקומען אין 1913 — 10,860. די גרעסטע צאהל אין דעם צווייטען פעריאד איז אנגעקומען אין 1923 — 13,701.

אידישע אָרגאַניזאַציעס אין אַמעריקאַ, מיט אָפּטיילונגען איבער'ן לאַנד

1) אַמעריקען אַקאַדעמי פאָר דזשואיש ריסוירטש. אָרגאַניזירט אין 1920. אָפיס, אין פילאַדעלפיא.

2) אַמעריקען דזשואיש קאָמיטע. אָרגאַניזירט אין 1906. אָפיס, 171 מעדיסאָן עוועניו, ניו יאָרק.

3) אַמעריקען דזשואיש קאָנגרעס. אָרגאַניזירט אין 1916. אָפיס, 1 מעדיסאָן עוועניו, ניו יאָרק.

4) אַמעריקען דזשואיש היסטאָריקעל סאָסייעטי. אָרגאַניזירט אין 1892. אָפיס, 531 איסט 123טע סטריט, ניו יאָרק.

5) אַמעריקען זייאָן קאָמאָנוועלט. אָרגאַניזירט 1914. אָפיס, 114 פינפטע עוועניו, ניו יאָרק.

6) באַראָן דע הירש פאָנד. אָרגאַניזירט אין 1891. אָפיס, 233 בראָדוויי, ניו יאָרק.

7) ביוראָ אָוו דזשואיש סאָשעל ריסוירטש. אָרגאַניזירט אין 1919. אָפיס, 114 פינפטע עוועניו, ניו יאָרק.

8) סענטראַל קאָנפערענס אָוו אַמעריקען ראַביים. אָרגאַניזירט אין 1899. אָפיס, ראָטשעסטער, ניו יאָרק.

9) נעשאָנאַל קאָונסיל אָוו דזשואיש ווימען. אָרגאַניזירט אין 1893. אָפיס, 2109 בראָדוויי, ניו יאָרק. 228 סעקשאָנס, 7 דזשוניאָר אָוקזילערים.

10) דראָפּסי קאָלעדזש. אָרגאַניזירט אין 1905. בראָד און יאָרק, פילאַדעלפיא, פּאַ.

11) עדיוקיישאָנאַל ליג פאָר דהי ריער עדיוקיישאָן אָוו אָרפענס. אָרגאַניזירט אין 1908. אָפיס, 8000 מאָונטוויו נירס בילדינג, קליוולאַנד, אָהייאָ.

12) עקס-פּיישענטס טובערקולאָז האָום אָוו דענווער, קאָלאָראַדאָ. אָרגאַניזירטאין 1908. אָפיס, 8000 מאונטוויו בולוואַרד, דענווער, קאָלאָראַדאָ.

13) פעדעריישאָן אָוו האָנגעריען דזשוס אין אַמעריקאַ. אָרגאַניזירט אין 1919. אָפיס, 1 יוניאָן סקווער, ניו יאָרק.

14) פעדעריישאָן אָוו פּאָליש היברוס אָוו אַמעריקאַ. אָרגאַניזירט אין 1908. אָפיס, 55 וועסט 113טע סטריט, ניו יאָרק.

15) היברו שעלטערינג ענד אימיגראַנט אייד סאָסייעטי אָוו אַמעריקאַ („האיאַס”). די „היברו שעלטערינג האוז אַסאָסיאיישאָן” איז אָרגאַניזירט געוואָרען אין 1888. די „היברו אימיגראַנט אייד סאָסייעטי” איז אָרגאַניזירט געוואָרען אין 1901. אָפיס, 425 לאַפאַיעט סטריט, ניו יאָרק.

16) היברו טעאָלאָדזשיקעל קאָלעדזש. אָרגאַניזירט אין 1921. אָפיס, 3446-52 דאָגלאַס בולוואַרד, שיקאַגאָ.

17) היברו יוניאָן קאָלעדזש. סינסינעטי, אָהייאָ. ווערט אויסגעהאַלטען פון דער „יוניאָן אָוו אַמעריקאַן היברו קאָנגרעגיישאָנס”, אָרגאַניזירט אין 1873, אָפיס, סינסינעטי, אָהייאָ. דער פאַרבאַנד באַשטעהט פון 278 קאָנגרעגיישאָנס.

18) הסתדרות עברית. אָרגאַניזירט אין 1916. אָפיס, 114 פינפטע עוועניו, ניו יאָרק.

19) אינדעפּענדענט אָרדער בני ברית. אָרגאַניזירט אין 1843. אָפיס,

9 וועסט 4טע סטריט, סינסינעטי, אָהייאָ. 85,000 מיטגלידער, 500 לאָדזשעס אין 14 דיסטריקטען, (פון זיי 7 אין די פאַראייניגטע שטאַטען).

20) אינדעפּענדענט אָרדער ברית אברהם. אָרגאַניזירט אין 1887. אָפיס, 37 7טע סטריט, ניו יאָרק. 142.555 מיטגלידער, 600 לאָדזשעס.

21) אינדעפּענדענט אָרדער ברית שלום. אָרגאַניזירט אין 1850. אָפיס, 506 פיין סטריט, פילאַדעלפיא, 26,000 מיטגלידער, 214 לאָדזשעס.

22) אינדעפּענדענט אָרדער פרי סאָנס אָוו איזראַעל. אָרגאַניזירט אין 1849. אָפיס, 3109 בראָדוויי, ניו יאָרק. מיטגלידער 8,427, לאָדזשעס 81, אין 2 דיסטריקטס.

23) אינדעפּענדענט אָרדער סאָנס אָוו דייוויד. אָרגאַניזירט אין 1905. אָפיס, 218 רובען בילדינג, מעקינספּאָרט, פּענסילווייניע. 915 מיטגלידער.

24) אינדעפּענדענט וועסטערען סטאַר אָרדער. אָרגאַניזירט אין 1894. אָפיס, 1127 בליו איילאַנד עוועניו, שיקאַגאָ. 17.924 מיטגלידער, 128 לאָדזשעס.

25) אינדעפּענדענט וואָירקמענס סוירקעל, אינק. (אינדעפּענדענט אַרבייטער רינג), אָרגאַניזירט אין 1906. אָפיס, 86 לעווערעט סטריט, באָסטאָן, 5.576 מיטגלידער.

26) דזשואיש אַגריקולטשור עקספּערימענט סטיישאָן. אָרגאַניזירט אין 1910. אָפיס, 356 צווייטע עוועניו, נ. י.

27) דזשואיש אַגריקולטשורעל סאָסייעטי, אינקאָרפּאָרייטעד. אָרגאַניזירט אין 1900. אָפיס, 301 איסט 14טע סטריט, ניו יאָרק.

28) דזשואיש קאָנסאָמפּטיוו רעליף אַסאָסיאיישאָן אָוו קאַליפאָרניא. אָרגאַניזירט אין 1912. אָפיס, 404 יוניאָן ליג בילדינג, לאָס אַנדזשעלעס, קאַל. מיטגלידער 75.000, מיט צוויי אוקזילערי סאָסייעטיס, האָט אַ סאַנאַטאריום אין דוארטי, קאַל.

29) דזשואיש קאָנסאָמפּטיוו רעליף סאָסייעטי אָוו דענווער. אָרגאַניזירט אין 1904. אָפיס, דענווער, קאָלאָראַדאָ. 100,000 ביישטייערער, 11 אוקזילערי סאָסייעטיס, 9 אָרגאַניזירטע דיסטריקטס, סאַנאַטאריום האָט 280 בעטען. גיט אַרויס צוויי צייטונגען.

30) דזשואיש אינסטיטוט אָוו רעלידזשאָן. אָרגאַניזירט אין 1922, אָפיס, וועסט 68טע סטריט, לעבען סענטראַל פּאַרק, ניו יאָרק.

31) דזשואיש מיניסטערס אַסאָסיאיישאָן אָוו אַמעריקא. אָרגאַניזירט אין 1917. אָפיס, 74 איסט 118טע סט. ניו יאָרק.

32) דזשואיש מיניסטערס קענטאָרס אַסאָסיאיישאָן אָוו אַמעריקאָ. אָרגאַניזירט אין 1918. אָפיס, 40 צווייטע עוועניו, ניו יאָרק.

33) דזשואיש מאָטהערס עלייענס אָוו די יונייטעד סטייטס אָוו אַמעריקאָ. אינקאָרפּאָרירט אין 1916, אין לאָס אַנדזשעלעס, קאַל.

34) אידיש נאַציאָנאַלער אַרבייטער פאַרבאַנד (דזשואיש וואָירקערס עלייענס), אָרגאַניזירט אין 1912. אָפיס, 228 איסט בראָדוויי, ניו יאָרק. 6,100 מיטגלידער, 112 בראַנטשעס. גיט אַרויס אַ מאָנאַטליכען זשורנאַל „די אידישע אַרבייטער שטימע".

35) דזשואיש פּאָבליקיישאָן סאָסייעטי אָוו אַמעריקא. אָרגאַניזירט אין 1888. אָפיס, 1291 נאָרד בראָד סטריט, פילאַדעלפיא.

36) אידישע סאָציאַליסטישע אַרבייטער פּאַרטיי פּועלי ציון פון די פאַראייניגטע שטאַטען און קענעדע.

אָרגאַניזירט 1905. אָפּיס, 133 צווייטע עוועניו, ניו יאָרק. 3.000 מיטגלידער.

37) אידישער סאָציאַליסטישער פאַרבאַנד. אָרגאַניזירט אין 1921. אָפּיס, 175 איסט בראָדוויי, ניו יאָרק. נייטען כּאַנין, סעקרעטאַר, אַלעקסאַנדער קאַהן, טרעזשורער. י. וויינבערג, טשערמאַן. גיט אַרויס אַ וועכענטליכען אָרגאַן, „דער וועקער", ד. שוב, רעדאַקטאָר.

38) אידישער לערער סעמינאַר. אָרגאַניזירט אין 1917. אָפּיס, 228 איסט בראָדוויי, ניו יאָרק, 4,000 מיטגלידער. אָפּיסערס: יואל ענטין, פּנחס גינגאָלד, דר. יהודה קויפמאַן.

39) דזשואיש טעאַטריקעל גילד אָוו אַמעריקא. אָרגאַניזירט אין 1924. אָפּיס, 1607 בראָדוויי, ניו יאָרק. 2000 מיטגלידער.

40) דזשואיש טעאָלאָדזשיקעל סעמינארי אָוו אַמעריקא. אָרגאַניזירט אין 1886. אָפּיס, 531 וועסט 123טע סט., ביבליאָטעק האָט 70.000 בענד און 6.000 מאַנוסקריפּטען. באַאמטע: לואי מאַר־שאַל, סאָל. מ. שטרוק, לואיס ס. שטראוס, דעניעל גוגענהיים, אַדאָלף גוגענהיים, פע־ליקס מ. ווארבורג, סיירוס אדלער און אנדערע.

41) דזשואש טעאָלאָדזשיקעל סע־מינאַרי. אָרגאַניזירט אין 1901. 158 מיטגלידער.

42) דזשואיש וועלפעיר באָארד. אָרגאַניזירט אין 1917. אָפּיס, 352 פערטע עוועניו, ניו יאָרק. פאַראייניגט אין 1921 מיט יאַנג מענס היברו און ענליכע אַסאָ־סיאַציעס.

43) דזשאָינט דיסטריביושאָן קאָ־מיטע אָוו די אַמעריקען פאָנדס פאַר דזשואיש וואָר סאָפערערס (דער „דזשאָינט"). אָרגאַניזירט אין 1914. אָפּיס 40 עקסטשיינדזש פּליים, ניו יאָרק. 65 מיטגלידער. אָפּיסערס: פעליקס מ. ווארבורג, הערעט ה. לעהמאַן, דזשיימס נ. ראָזענבערג, פּאול בערוואַלד, דזשאָרדזש וו. נאומבורג, מרס. ה. ב. ל. גאָלדשטיין, וויליאַם דזש. מעק.

44) די מענאָרא מאָוומענט. אָר־גאַניזירט אין 1913. אָפּיס, 167 וועסט 13טע סטריט, ניו יאָרק. 5.000 מיטגלי־דער, 73 געזעלשאַפטען. גיט אַרויס דעם „מענאָרא זשורנאַל" מאָנאַטליך, און נאָך צוויי פּעריאָדישע אויסגאַבען.

45) די מזרחי אָרגאַניזיישאָן אָוו אַמעריקא. אָרגאַניזירט אין 1912. אָפּיס, 140 איסט 12טע סטריט,ניו יאָרק. 20,000 מיטגלידער, 298 אָרגאַניזאַציעס.

46) מזרחי הצעיר. אָרגאַניזירט אין 1920. אָפּיס, 140 איסט 2טע סטריט, ניו יאָרק. 3,000 מיטגלידער.

47) נעשאָנאַל קאָנפערענס אָוו דזשואיש סאָשעל סורוויס. אָרגאַניזירט אין 1899 אַלס נעשאָנאַל קאָנפערענס אָוו דזשואיש טשאַריטיס אין די יונייטעד סטייטס. אָפּיס, 114 פינפטע עוועניו, ניו יאָרק. 1.400 מיטגלידער, 215 געזעל־שאַפטען.

48) די נעשאָנאַל פאַרם סקול. אָרגאַניזירט אין 1896. אָפּיס, 1101 מאַר־קעט סטריט, פילאַדעלפיא. 10,000 מיט־גלידער.

49) נעשאָנאַל פעדעריישאָן אָוו אוקראַיניען דזשוס אָוו אַמעריקא. רעאָרגאַניזירט אין 1920. אָפּיס 1 יוניאָן סקוועער, ניו יאָרק. פאַרבונדען מיט 110 אָרגאַניזאַציעס.

50) נעשאָנאַל דזשואיש האָספּי־טאַל פאַר קאָנסאָמפּטיוום. אָרגאַניזירט אין 1899. אָפּיס, 3800 איסט קאָלפעקס עוועניו, דענווער, קאָלאָרעדאָ.

51) אָרדער ברית אברהם. אָרגאַ־ניזירט אין 1859. אָפּיס, 266 גרענד סט., ניו יאָרק. 32,000 מיטגלידער, 185 לאָדזשעס.

52) אָרדער נייטס אָוו דזשאָזעף. אָרגאַניזירט אין 1896. אָפיס, 310 סאָ־סייעטי פאָר סייווינג בילדינג, קליוולאַנד, אָהייאָ. 10.587 מיטגלידער, 68 לאָדזשעס.

53) אָרדער אָוו דהי יונייטעד היברו בראָדערס. אָרגאַניזירט אין 1915. אָפיס, וואָירלד עקסטשיינדזש בענק ביל־דינג, 174 צוויטע עווענו, ניו יאָרק.

54) אָרדער בני ציון. אָרגאַניזירט אין 1908. אָפיס, 44 איסט 23טע סטריט, ניו יאָרק. 7.000 מיטגלידער, 101 קעמפס.

55) „אָרט". אָרגאַניזירט אין 1922. אָפיס 103 פּאַרק עווענו, ניו יאָרק. אָפי־סערס אדאָלף לואיסאָן, דזשאָדזש דזשוי־קאָב פענקין, דזשאָדזש אָטאָ ראָזאַלסקי, ב. וולאַדעק און אַנדערע.

56) פּאַלעסטיין דעוועלאָפּמענט קאונסיל. אָרגאַניזירט אין 1921. אָפיס, 15 וויליאַם סטריט, ניו יאָרק.

57) פּראָגרעסיוו אָרדער אָוו די אידישע אָרגאַניזאַציעס —3— מאַש.3 ק. וועסט. אָרגאַניזירט אין 1896. אָפיס, 406 פּריסקאָ בילדינג, 9טע און אָליוו סט. סט. לואיס, מיזורי. 19.721 מיטגלידער.

58) ישיבת ר' יצחק אלחנן. אָר־גאַניזירט אין 1896. אָפיס, 301 איסט בראָדוויי, ניו יאָרק. ביבליאָטעק האָט 8.000 בענד און אייניגע מאַנוסקריפּטען.

59) סעפאַרדיק בראָדערהוד אָוו אַמעריקאַ, אינק. אָרגאַניזירט אין 1921. אָפיס, 81 ריווינגטאָן סט., ניו יאָרק.

60) טריינינג סקול פאָר דזשואיש סאָשעל וואָירק. אָרגאַניזירט אין 1925. אָפיס, 210 וועסט 91טע סטריט, ניו יאָרק, 25 מיטגלידער.

61) יוניאָן אָוו אָרטאָדאָקס דזשו־איש קאָנגרעגיישאָנס אָוו אַמעריקאַ. אָרגאַניזירט אין 1898. אָפיס, 131 וועסט 86טע סטריט, ניו יאָרק.

62) ווימענס בראַנטש אָוו די יו־ניאָן אָוו אָרטאָדאָקס דזשואיש קאָנג־רעגיישאָנס אָוו אַמעריקאַ. אָרגאַניזירט אין 1920. אָפיס, 131 וועסט 86טע סט..

63) יוניאָן אָוו אָרטאָדאָקס ראַביים אָוו יונייטעד סטייטס ענד קענעדע. אָרגאַניזירט אין 1902. אָפיס, 140 איסט 2טע סטריט, ניו יאָרק, 225 מיטגלידער.

64) יונייטעד אָרדער „טרו סיס־טערס". אָרגאַניזירט אין 1846, אַלס „אינדעפּענדענט אָרדער אָוו טרו סיס־טערס". אָפיס, 918 וועסט ענד עווענו, ניו יאָרק. 10.400 מיטגלידער, 27 לאָדזשעס. גיט ארויס אַ מאָנאַטליכען זשורנאַל „די עקאָ".

65) יונייטעד רומעניען דזשוּם אָוו אַמעריקאַ. אַ פאַראייניגונג פון דער פעדערייישאָן אָוו רומעניען דזשוּס אָוו אַמעריקאַ און דער אַמעריקאַן יוניאָן אָוו רומעניען דזשוּס. אָפיס, 44 7טע סטריט, ניו יאָרק.

66) יונייטעד סינאַגאָג אָוו אַמע־ריקאַ. אָרגאַניזירט אין 1913. אָפיס, 3 וועסט 123טע סטריט, ניו יאָרק.

67) דער אַרבייטער רינג (וואָירק־מענס סוירקעל). אָרגאַניזירט אין 1900. אָפיס 175 איסט בראָדוויי, ניו יאָרק. 84.477 מיטגלידער. אָפיסערס: נ. פיינערמאַן, פּרעז., י. באַסקין, סעקרע־טאַר. גיט ארויס אַ מאָנאַטליכען זשור־נאַל, „דער פריינד".

68) צעירי ציון התאחדות אָוו אַמעריקאַ. אָרגאַניזירט אין 1921. אָפיס 425 לאַפאַיעט סטריט, ניו יאָרק, 2000 מיטגלידער.

69) די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע פון אַמעריקאַ. אָרגאַניזירט אין 1897. אָפיס 114 פינפטע עווענו, ניו יאָרק. 40.000 מיטגלידער. גיט ארויס צוויי מאָ־נאַטליכע און צוויי וועכענטליכע צייט־שריפטען. אָפיסערס: לואי ליפּסקי, בערנאַרד אַ. ראָזענבלאַט און אַנדערע.

70) הדסה (די ווימענס זייאָניסט אָרגאַניזיישאָן). אָרגאַניזירט אין 1912. אָפיס, 114 פינפטע עווענו, ניו יאָרק.

מעדיקאל דעפאַרטמענט פון אַרב. רינג

דער מעדיקאל דעפארטמענט פון ארבייטער רינג איז א גרויסע קאָאָפּעראַטיווע מעדיצינישע אינסטיטוציע, וועלכע גיט מעדיצינישע הילף יעדען איינציגען מיטגליד פון ארבייטער רינג, וועלכע איז אָן דער אינסטיטוציע אָנגעשלאָסען. זי איז פרייוויליג פאר די ברענטשעס פון ניו יארק. יעדער ברענטש פון ניו יארק, וועלכער באַגרייפט די נויטווענדיגקייט פון סיסטעמאטישע מעדיצינישע הילף פאר זיינע מיטגלידער שליסט זיך אָן אָן דעם מעדיקאל דעפּארטמענט. יעדער מעמבער צאָהלט 70 סענט א קווארטאל, אדער $1.20 פאר איהם און זיין פאמיליע. דער מעדיקאל דעפארטמענט האָט זיך ארגאניזירט דעם ערשטען אָקטאָבער, 1919. אָבער די באוועגונג צו עפענען אזא דעפארטמענט האָט זיך אָנגעפאנגען א סך בעפאר דעם טאָג פון זיין גרינדונג. ביי דער גרינדונג פון מעדיקאל דעפארטמענט זיינען געווען אָנגעשלאָסען 83 ברענטשעס פון ניו יארק, מיט אַ מעמבערשיפ פון 7266. אָבער פאר דער קורצער צייט איז די מעמבערשיפ פון די ברענטשעס וועלכע זיינען אָנגעשלאָסען אָן דעם דעפארטמנט זעהר שטארק געוואקסען. היינט צו טאָג זיינען אָנגעשלאָסען אָן דעם מעדיקאל דעפארטמענט 241 ברענטש מיט א מעמבערשיפ פון 18,884.

גאַנץ ניו יארק איז ביי דער גרינדונג געווען פאנאנדערגעטיילט אין 24 דיסטריקטען. יעדער דיסטריקט האָט געהאט איין דאָקטאָר. היינט זיינען דאָ 38 דיסטריקטען מיט 38 דאָקטוירים. אויסער דעם געפינט זיך אונטער דעם אויפזיכט פון מעדיקאל דעפארטמענט אַ גרופע דאָקטוירים־ספעציאליסטען איבער פארשידענע קראנקהייטען. די דיסטריקט־דאָקטוירים מאכען אונגעפעהר 75,000 וויזיטען אַ יאָהר. די ארבייט פון די ספעציאליסטען האָט זיך אָנגעהויבען אין סעפטעמבער, 1925, און פון יענער צייט זיינען זיי באשעפטיגט ביז היינט צו טאָג.

10,000 וויזיטען זיינען געמאכט געווארען פון די מיטגלידער וועלכע דער מעדיקאל דעפארטמענט האָט אָפּגעשיקט אין די פארשידענע אָפיסעס פון די פארשידענע ספעציאליסטען.

419 פאציענטען זיינען באזוכט געווארען פון די ספעציאליסטען אין זייערע היימען פאר ספעציעלע קאָנסיליאומס. אין פארלויף פון דער צייט זיינען אָפּערירט געווארען אויף פארשידענע קראנקהייטען דורך דעם מעדיקאל דעפארטמענט 581 מיטגלידער פון ארבייטער רינג.

1779 עקס־רייס זיינען גענומען געווארען און 1115 פּאָר גלעזער זיינען געמאכט געווארען פאר מעמבערס פון מעדיקאל דעפארטמענט פאר די לעצטע פּאָר יאהר.

לויט די אראנזשמענט פון מעדיקאל דעפּארטמענט זיינען די אויגען־גלעזער פארקויפט געווארען פאר די מיטגלידער פאר ספעציעלע פרייזען.

דעם 16טען אָקטאָבער, 1922, איז אָרגאניזירט געווארען דער ארבייטער רינג קליניק אין 55 אורווינג פּליים, ניו יארק סיטי. שפּעטער איז דאָס געווארען א קליניק דיאגנאָזיס. די דיסטריקט דאָקטוירים, וועלכע פלעגען צווייפלען אין זייער אייגענעם דיאגנאָז, פלעגען שיקען אהין די פאציענטען פאר אן אלגעמיינער אונ־

טערזוכונג. ווען דער דיאגנאָז פלעגט געמאכט ווערען פלעגט דער רעפּאָרט צוגעשיקט ווערען צום דיסטריקט־דאָקטאָר מיט אינסטרוקשאָנס ווי אזוי דעם פּאציענט ווייטער באהאנדלען.

אין מאי, 1925, האָט זיך דער כאראקטער פון קליניק געענדערט. ער איז איצט פארוואנדעלט געווארען אין א „טעראַפּאַטיק קליניק" פאר פארשידענע באַ־האנדלונגען. עס איז אויך געבליבען די דזשענעראַל מעדיצינישע אונטערזוכונג. טריטמענטס ווערען דארטען אויך געמאכט אויף דזשעניטאָ־יורינערי קראַנקהייטען, אויגען, נאָז, אויערען, מויל, הויט־קראנקהייטען און אויך עלעקטריק טריטמענטס.

יעדער דעפּארטמענט ווערט געפיהרט פון זיין ספּעציעלען ספּעציאַליסט. דער קליניק האָט אויך א דענטאַל־דעפּארטמענט, וואו ס'ווערען געריינינגט און געהיילט ציין.

דורך א פּעריאָד פון דריי יאהר (יאנואר, 1923 — דעצעמבער, 1925) איז דיזער קליניק באזוכט געווארען פון 9128 פּאציענטען. דיזע 9128 פּאציענטען האָ־בען געמאכט 20,427 וויזיטען אין דער מעדיצינישער אָפּטיילונג און 15,227 אין דער דענטאַל אָפּטיילונג פונ'ם קליניק. צוזאמען, הייסט עס, זיינען דורך די דריי יאָהר געמאכט געווארען 35,654 וויזיטען.

דער מעדיקאַל דעפּארטמענט איז איצט געווארען איינער פון די וויכטיגסטע און ניצליכסטע אינסטיטוציעס אין דעם ארבייטער רינג. די גרינדער, וועלכע זיי־נען אין 1919 באטראכט געווארען פאר טרוימער, מעגען איצט שטאָלץ זיין מיט דער וויכטיגער ארבייט און מיט דער גרויסער עקזיסטירענדער און ניצליכער אינ־סטיטוציע פאר די מיטגלידער פון ארבייטער רינג.

אין דיזען אלמאנאך זאָל עס פארשריבען ווערען,
אז די פּראָדוקטען פון
די קאָנסאָלידייטעט טי קאָמפּאַני
אזוי ווי:
קאָלאָמביא טהעע   ווהייט ליילאַק קאָפע
ווהייט ליילאַק טהעע   דאַטש קאָקאָ
צוועטאָטשני טשאַי   און
דאָרמא טהעע   ווהייט ליילאַק
זיינען פעסטגעשטעלט אלס די בעסטע פּראָדוקטען פון זייער סאָרט
וועלכע געפינען זיך אויפ'ן מארקעט
אין אַלע שטעט און שטעטלאַך קריגט איהר די פּראָדוקטען
פרעגט אייער גראָסער.
CONSOLIDATED TEA COMPANY
185 Division Street, New York, N. Y.

דירעקטארי פון ארבייטער רינג ברענטשעס

ברענטש 1 — געגרינדעט אין 1892 מיט 18 מיטגלידער, צעהלט איצט 261. מיטעט יעדען 2טען און 4טען פרייטאג. טשערמאן: נ. ניקעלסבערג; סעקרעטאר: סאל. נעזין, 720 טינטאן עוועניו.

ברענטש 3 — געגרינדעט 3טען דזשון, 1899, מיט 5 1מיטגלידער. צעהלט יעצט 650. מיטעט יעדען פרייטאג, אין 76 טרופ עוועניו. סעקרעטאר: א. טעפפער, 226 טרופ עוועניו, ברוקלין.

ברענטש 4 — געגרינדעט אין יאהר 1900 מיט 75 מיטגלידער. צעהלט 750 מיטגלידער. מיטעט יעדען מיטוואך אין 76 טרופ עוועניו, ברוקלין. ד. דובנא, טשערמאן; מ. סקולמאן, סעקרעטאר.

ברענטש 11 — געגרינדעט אין יאהר 1900. צעהלט 366 מיטגלידער. מיטעט אין 219 סעקמאן סט., לייבאר ליסעאום, בראנזוויל. סעקרעטאר: ישראל קריפפע, 350 קריסטאפער עוועניו, ברוקלין.

האמלער פראגרעסיוו ברענטש 20 — געגרינדעט דעם 13טען יולי, 1902, מיט 12 מיטגלידער, צעהלט איצט 450 מיטגלידער. מיטעט דעם 2טען, 4טען און 5טען שבת אין „פארווערטס" האל. סעקרעטאר: מ. קושניר, 356 קרימינס עוו. נ. י.

מאזירער רעוואלוציאנערער בעגון ברענטש 64 — געגרינדעט 2טען דזשון, 1907, מיט 25 מיטגלידער. צעהלט יעצט 260. מיטעט דעם 1טען און 3טען שבת, אין 57 סט. מאקס פלייס. סעקרעטאר: ה. בארנשטיין, 2866 איסט 3טע סט., ברוקלין.

דווינסקער בונדיסטישער ברענטש 75 — געגרינדעט דזשון דעם 22טען, 1904, מיט 22 מיטגלידער, צעהלט איצט 300. מיטעט 1טען, 3טען און 5טען פרייטאג, אין 175 איסט בראדוויי. טשערמאן: סאלאמאן וואלאס, 335 קרימינס עוו., בראנקס; סעקרעטאר: א. גורשאן.

ביאלעסטאקער ראיאנער ברענטש 88 — געגרינדעט פעברואר 15טען, 1905, צעהלט איצט 468 מיטגלידער. מיטעט 2טען און 4טען פרייטאג אין 151 קלינטאן סטריט. סעקרעטאר: ד. דרימאן, 85 יוניאן עוו. ברוקלין; טשערמאן: ל. קאהען 1068 סימפסאן עוו. בראנקס.

דווינסקער יאנג מען ברענטש 96 — געגרינדעט אין יאהר 1920 מיט 28 מיטגלידער. צעהלט 175 מיטגלידער. מיטעט דעם 1טען און 3טען פרייטאג אין 79 דילענסי סט. סעקרעטאר: א. מייעראף, 676 בעק סטריט, בראנקס.

מינסקער פראגרעסיוו ברענטש 99 — געגרינדעט נאוועמבער 9טען, 1906, מיט 26 מיטגלידער. צעהלט איצט 500. מיטעט אין „פארווערטס" האל, 175 איסט בראדוויי. טשערמאן: ר. בלאק, סעקרעטאר: רוסיאנאף.

חאלאפעניצער פראגרעסיוו ברענטש 133 — געגרינדעט 18טען מאי, 1907 מיט 25 מיטגלידער, צעהלט איצט 230. מיטעט יעדען 2טען און 4טען שבת אין 77 דילענסי סטריט. סעקרעטאר: סעם עלענסאן, 868 איסט 172טע סטריט.

ברענטש 136 — קרימער פראגרעסיוו אסאסיאיישאן. געגרינדעט 17טען דזשון, 1907. צעהלט 145 מיטגלידער. מיטעט אין „פארווערטס" האל דעם 2טען און 4טען שבת. סעקרעטאר : ל. קראסנאשטיין, 123 איסט 102טע סטריט.

ברענטש 164. — געגרינדעט 23טען יוני, 1924, מיט 150 מיטגלידער. צעהלט יעצט 258. מיטעט דעם 1טען און 3טען פרייטאג, אין קלארמאנט קאסינא, 3875 דריטע עוועניו. סעקרעטאר : י. ניומאן, 1324 פארספעקט עוועניו.

פרוזינער ברענטש 244 — געגרינדעט 8טען דעצעמבער, 1908. צעהלט 400 מיטגלידער. מיטעט דעם ערשטען און דריטען פרייטאג, אין 151 קלינטאן סטריט, רום 34. סעקרעטאר : מ. דובינסקי, 67 איסט 4טע סטריט.

פוראוויטש-ראסאווער ראדיקאלער ברענטש 259 — געגרינדעט פעברואר דעם 4טען, 1909, מיט 24 מיטגלידער, צעהלט איצט 156. מיטעט 1טען און 3טען פרייטאג אין 77 דילענסי סטריט. סעקרעטאר : דזשייקאב גאלדמאן, 560 בעק סטריט, בראנקס.

לאמזער פראגרעסיווער ברענטש 216 — האט 370 מיטגלידער. טשערמאן : י. פינקעלשטיין ; נ. ע. פינקעלשטיין, סעקרעטאר, 10 וועסט 115טע סטריט. מיטעט אין 151 קלינטאן סטריט יעדען 1טען און 3טען דאנערשטאג.

לאסאל קלאב ברענטש 251 — געגרינדעט 22טען דעצעמבער, 1908. צעהלט 140 מיטגלידער. מיטעט דעם 2טען און 4טען זונטאג, אין 141 בענעפיט סטריט. סעקרעטאר : ל. פאלאק, 242 ווילארד עוועניו, פראווידענס, ר. א.

סמארגאנער ברענטש 285 — געגרינדעט 3טען אפריל, 1909. צעהלט 95 מיטגלידער. מיטעט דעם 1טען און 3טען דינסטאג, אין „פארווערטס" בילדינג. סעקרעטאר : א. ציפקין, 1852 בעי רידזש עוועניו, ברוקלין.

האמליער סאציאליסטישער ברענטש 352 — געגרינדעט געווארען אין 1911. האט א מיטגלידערשאפט פון 352. מיטעט 1טען און 3טען שבת אין מאנאט אין 62 איסט 106טע סטריט. פינ. סעק. : סעם סאק ; רעק. סעק. : סעם פארבמאן ; האספיטאלער : סעם שאר ; טרעזשורער : ה. דזשייקאווסקי.

ווילנער יאנג מען ברענטש 367 — געגרינדעט 2טען נאוועמבער, 1909, מיט 15 מיטגלידער. צעהלט 400 מיטגלידער. מיטעט דעם ערשטען און דריטען דינסטאג, אין „פארווערטס" האל. סעקרעטאר : א. שאפירא, 181 מעקדוגאל סטריט, ברוקלין. טשערמאן : מ. גאלדינג, 1532 — 39טע סטריט, ברוקלין.

ברענטש 200 — געגרינדעט 14טען דזשון, 1912. צעהלט 175 מיטגלידער. מיטעט דעם ערשטען און דריטען פרייטאג, אין 175 איסט בראדוויי, „פארווערטס" האל. סעקרעטאר : יעפים ישורון, 175 איסט בראדוויי, ניו יארק.

ברענטש 315 בארא-פארק — געגרינדעט 1טען דזשון, 1909, מיט 25 מיטגלידער. צעהלט יעצט 361. מיטעט דעם 1טען און 3טען פרייטאג, אין 42טע סטריט און 14טען עוועניו, ברוקלין. סעקרעטאר : ה. ל. האנאלעס, 159 סמיט סט., ברוקלין.

ברענטש 416 — האט זיך געגרינדעט אין דעצעמבער, 1910. סעקרעטאר : דוראן קריגמאן, 62 איסט 16טע סטריט.

קראקאווער ברענטש 515 — געגרינדעט 7טען מאי, 1923, מיט 25 מיטגלידער. צעהלט 70 מיטגלידער. מיטעט דעם 1טען און 3טען פרייטאג אין אסטאריא האל, 62 איסט 4טע סטריט. סעקרעטאר: הענרי גאלדבערג, 911 פארעסט עוועניו, בראנקס.

מילינערי קלאב ברענטש 600 — געגרינדעט יאנואר 14טען, 1917, מיט 25 מיטגלידער, צעהלט איצט 375. מיטעט ערשטען און דריטען מאנטאג אין בעטהאווען האלל, 210 איסט 5טע סטריט. סעקרעטאר: ב. לעוויטאן, 67 מעזעראל סט., ברוקלין.

ברענטש 486, וועסט ניו-יארק, נ. דזש. — געגרינדעט אין יאהר 1913 מיט 25 מיט-גלידער, צעהלט איצט 164. מיטעט יעדען צווייטען און פערטען דינסטאג אין אייגענעם לייבאר לייסעאום. טשערמאן: מ. מאנספילד; סעקרעטאר: יוסף פאזנער.

ברענטש 493, ניו-הייווען — געגרינדעט אפריל 28טען, 1923, מיט 25 מיטגלידער, צעהלט איצט 100. מיטעט אין לייבאר לייסעאום. סעקרעטאר: ה. טשארין, 25 דעווענפארט עוועניו.

ווילנער ברענטש 178, שיקאגא, איל. — געגרינדעט יאנואר 8טען, 1908, צעהלט 175 מיטגלידער. מיטעט אין לייבאר לייסעאום דעם 2טען און 4טען דאנערשטאג. סעקרעטאר: מ. סלאווין, 3237 ביטש עוו.

ברענטש 48, ברידשפארט, קאנ. — געגרינדעט יאנואר 31טען, 1904, מיט 15 מיט-גלידער, צעהלט איצט 187, מיטגלידער. מיטעט 1טען און 3טען פרייטאג אין 300 סטייט סטריט. סעקרעטאר: פ. שניידער 263 לינען עוו.

יאקאב גארדין ברענטש 370, פילאדעלפיא, פא. — געגרינדעט 4טען אקטאבער, 1909, מיט 25 מיטגלידער, צעהלט איצט 140, מיטעט אין לייבאר אינסטיטוט, 808 לאקוסט סט., פילאדעלפיא. סעקרעטאר: ב. וויינגארטען; טשערמאן: יצחק טאמאר.

פרעזנא ברענטש 619, פרעזנא, קאליפארניא — געגרינדעט אין נאוועמבער, 1919, צעהלט 98 מיטגלידער. סעקרעטאר: דזש. פארטאן, 1833 קוירן סטריט, פרעזנא, קאליפארניא.

יודזשין וו. דעבס ברענטש 590, לאס אנדזשעלעס, קאליפארניא — געגרינדעט אקטאבער 28טען מיט 25 מיטגלידער, צעהלט איצט 200, מיטעט אין סאציאליסטי-שען צענטער, 126 נ. סט. לואיס סטריט. דזש. לעווין, טשערמאן; א. ראטבלאט, סעקרעטאר, 806 וו. 8טע סטריט.

ברענטש 17, ניו-הייווען, קאנ. — געגרינדעט דעצעמבער 8טען, 1901, מיט 20 מיט-גלידער. מיטעט 2טען און 4טען פרייטאג אין לייבאר לייסעאום. סעקרעטאר: מארים רייס, 23 טשווירטש סטריט.

ברענטש 45, פיטסבורג, פא. — געגרינדעט אין 1904, מיט 25 מיטגלידער. מיטעט אין לייבאר-לייסעאום יעדען דאנערשטאג. סעקרעטאר: ד. קעלמער, 1740 טשיסלעט סטריט.

ברענטש 62, פאסייק, נ. דזש. — געגרינדעט מארטש 20טען, 1904, מיט 19 מיטגלי-דער. צעהלט איצט 268. מיטעט צווייטען און פערטען דינסטאג אין האו עווע., פאסייק, נ. דזש. סעקרעטאר: נ. קאהען, 115 האו עוועניו.

בּרענטש 706, דארטשעסטער, מאסס. — געגרינדעט אין דזשולײ, 1910. צעהלט איצט 84 מיטגלידער. מיטעט אין וואודרא עוו. שול. סעקרעטאר: א. גראסמאן, 16 גרימאק סטריט, דארטשעסטער, מאסס.

ברענטש 207, אטלאנטא דזשארדזשיא — געגרינדעט 28טען יולי, 1908, מיט 15 מיטגלידער, צעהלט איצט 105. מיטעט 1טען און 3טען זונטאג אין ארבייטער רינג לייסעאום, 207 קאפּיטאל עוו. סעקרעטאר: י. סילווער, 420 פּרייזער סטריט.

סטעמפארדער ליטערארישער ברענטש 537, סטעמפארד, קאנן. — געגרינדעט 31טען יאנואר, 1924, מיט 35 מיטגלידער, צעהלט איצט 75. מיטעט יעדען 1טען און 3טען מיטוואך אין היברו אינסטיטוט. סעקרעטאר: פ. שאכט, 35 ברוק סט.

מאהילעווער פּראגרעסיוו אסס'ן ברענטש 204, מאנטרעאל, קענעדע — געגרינדעט יולי 28טען, 1908, מיט 30 מיטגלידער. צעהלט איצט 140. מיטעט יעדען דאנערשטאג אין 839 מעין סטריט, מאנטרעאל, קענעדע. סעקרעטאר: יעקב קליין, 286 קאלאניאל עווענױ. מאנטרעאל, קענעדע.

ראדיקאל לייברערי ברענטש 273, פילאדעלפיא, פּא. — געגרינדעט 21טען פעברואר, 1908, צעהלט איצט 87 מיטגלידער. מיטעט אין דער ראדיקאלער לייברערי, 942 נארט פרענקלין סטריט. סעקרעטאר: י. מור; טשערמאן: אלעק בראון.

ביאלעסטאקער ברענטש 256, נוארק, נ. דזש. — געגרינדעט יאנואר 1919, מיט 25 מיטגלידער, צעהלט איצט 329. מיטעט 2טען און 4טען פרייטאג אין לייבאר לייסעאום. סעקרעטאר: ד. אשין, בוויטמאן סטריט, נוארק, נ. דזש.

ברענטש 384, האמילטאן, קענעדע — געגרינדעט 18טען נאוועמבער, 1909, מיט 15 מיטגלידער. צעהלט איצט 40. מיטעט אין לייבאר האל, 110 קעטרין סטריט, נארט. סעקרעטאר: ת. סמיט, 109 קעטרין סטריט סאוט.

פּאסאדענא ברענטש 654, פאסאדענא, קאליפ. — געגרינדעט אין 1901, מיט 15 מיטגלידער, צעהלט איצט 40. מיטעט יעדען ערשטען און דריטען פרייטאג אין לייבאר טעמפּעל. סעקרעטאר: וויינשיין, 207 ס. פייר אאקס.

ברענטש 59, דזשוויזי סיטי, נ. דזש. — געגרינדעט אין 1908 מיט 25 מיטגלידער, צעהלט איצט 210. מיטעט ערשטען און דריטען מיטוואך. סעקרעטאר: ה. פאגעל, 270 3טע סטריט, דזשוירזי סיטי, נ. דזש.

ברענטש 127, שיקאגא, איל. — געגרינדעט אין 1906, צעהלט איצט 280 מיטגלידער. מיטעט יעדען 2טען און 4טען פרייטאג אין האמבאלדט האל, 2229 וו. דיוויזשיאן סטריט. סעקרעטאר: ס. וואלמאן, 3808 נ. אלבאני עווענױ.

ברענטש 173, אמאהא, נעב. — געגרינדעט אין 1907, מיט 19 מיטגלידער, צעהלט איצט 130. מיטעט אין לייבאר לייסעאום. סעקרעטאר: דזשוליאוס שניידער.

ברענטש 667, פאל ריווער, מאסס. — געגרינדעט מארטש 10טען, 1920, מיט 15 מיטגלידער, צעהלט איצט 50. מיטעט 2טען און 4טען זונטאג אין פּיינטערס האלל, 17 גרענעט סטריט. סעקרעטאר: א. ראזמאוו, 176 פרענקלין סטריט.

ברענטש 114. סאן-פראנציסקא, קאליפארניא — מיטעט יעדען 1טען און 3טען מאנטאג אין קאליפארניא האל. סעקרעטאר: ה. קאבליק, 1010 פילמאר סט.

יאנג אמעריקאן ברענטש 227, שיקאגא, איל. — געגרינדעט אין 1915 מיט 25 מיטגלידער, צעהלט איצט 40. מיטעט 2טען און 4טען פרייטאג אין דיוויזשאן האל, 2441 וו. דיוויזשאן סט. סעקרעטאר: ב. גאלדבערג, 3317 פאטאמאק עוו., שיקאגא.

ברענטש 156, דעטראיט, מישיגען — געגרינדעט אקטאבער 1907, מיט 43 מיטגלידער, צעהלט איצט 300. סעקרעטאר: א. רובינשטיין, 1604 טיילאר סט., דעטראיט, מיש.

בונדיסטישער ברענטש 397, ברידזשפארט, קאנג. — צעהלט 52 מיטגלידער. מיטעט יעדען 2טען און 4טען פרייטאג אין 30 סטייט סטריט, ברידזשפארט, קאנג. סעקרעטאר: ב. קאפלאן, 92 וויליאמס סטריט.

קארל מארקס ברענטש 559, קליוולאנד, א. — געגרינדעט אין 1920. פינ. סעק.: מ. וויינטרויב; האספיטאלער, וו. בערקערמאן; טרעזש.: מאקס סאפערשטיין; פראט. סעק.: דזש. פאלאק. מיטעט אלע צוויי וואכען, מיטוואך, אין אידישען קארפענטער האל.

יצחק אייזיק הורוויטש ברענטש 357, דענווער, קאל. — 63 מיטגלידער. געגרינדעט אין 1924. סעק.: ס. גראף. דער ברענטש פיהרט דורך אלע יאהר לעקציעס און פארלעזונגען.

טאקאמא ברענטש 578, טאקאמא — געגרינדעט 22טען מארטש, 1919, מיט 35 מיטגלידער, צעהלט איצט 75. מיטעט 1טען און 3טען מיטוואך אין 1117 ס. טאקאמא עוועניו. סעקרעטאר: ס. פארבער, 514 ס. שערידאן עוועניו.

בען העננפארד ברענטש 430, קליוולאנד, אהייא — געגרינדעט אפריל 16טען, 1910, מיט 25 מיטגלידער, צעהלט איצט 125. מיטעט אין אידישען ארבייטער אינסטיטוט. סעקרעטאר: ל. ראבינאוויטץ, 3532 איסט 118טע סטריט.

ברענטש 615, מאנטרעאל, קענעדע — געגרינדעט מיט 25 מיטגלידער, צעהלט איצט 40. מיטעט יעדען 2טען דאנערשטאג אין 37 פרינץ ארטור איסט. סעקרעטאר: דזש. רייך 1492 קעדזא.

ברענטש 169, וויניפעג, קענעדע — געגרינדעט אין דעצעמבער 1907, מיט 24 מיטגלידער, צעהלט איצט 103. מיטעט אין פרייהייטס טעמפעל. סעקרעטאר: ב. זאַרעצקי, 610 סטעלא עוועניו.

ברענטש 711, ספרינגפילד, מאסס. — געגרינדעט סעפטעמבער 17טען, 1922, מיט 85 מיטגלידער, צעהלט איצט 160. מיטעט יעדען 2טען און 4טען זונטאג אין האטעל קול. סעקרעטאר: פיליפ דאנציג, 55 אלגאנקווין סטריט; טשערמאן: נ. שאפירא, 165 ווהיט סטריט.

ראדיקאלע געזעלשאפט ברענטש 443, לאס אנדזשעלעס קאליפארניא — געגרינדעט אקטאבער 24טען, 1912, מיט 70 מיטגלידער, צעהלט איצט 365. מיטעט 2טען און 4טען פרייטאג אין וואקערס אודיטאריום, 730 ס. גרענד עוו. טשערמאן: מאקס לאפין; סעקרעטאר: לואיס סאגער, 2541 גאהאל סטריט.

וולאדימיר מעדעם ברענטש 124, פילאדעלפיא, פא. — געגרינדעט 3טען אפריל, 1923, מיט 25 מיטגלידער. צעהלט איצט 200. מיטעט אין לייבאר אינסטיטוט, 808 לאקוסט סט. סעקרעטאר: מ. שאפירא, 1916 נארט מארשאל סט.; טשערמאן: דזשו בויש, 2 טשאפעל עוועניו.

לײדים ברענטש 104, פיטסבורג, פא. — געגרינדעט אין 1906, מיט 18 מיטגלידער, צעהלט איצט 38. מיטעט אין לײבאר לײסעאום, מילע רסטריט. סעקרעטאר: מרס. דארא גיללמאן, 2928 וועבסטער עוו. פיטסבורג, פא.

ברענטש 79, קליוולאנד, אהיא — געגרינדעט אין אויגוסט, 1905, מיט 31 מיטגלידער, צעהלט איצט 345. מיטעט מיטוואך אין קארפענטערס האל. סעקרעטאר: ס. יעלין, 799 עדדי ראוד.

עדיוקײשאנאל ברענטש 250, פיטסבורג, פא. — געגרינדעט אין 1905. צעהלט איצט 113 מיטגלידער. מיטעט 2טען און 4טען מיטוואך אין לײבאר לײסעאום.

ברענטש 723 — געגרינדעט אין 1910 מיט 15 מיטגלידער, צעהלט איצט 153. מיטעט יעדען 1טען און 3טען זונטאג. טשערמאן: א. לאסאוו; סעקרעטאר: רובין, מילער.

ברענטש 457, גרענד רעפידס, מיש. — 50 מיטגלידער. יוסף װײנער, סעק., 1101 װידיקאמב עװעניו. האט אן אײגענע הײם אין 347 מאונט װערנאן עװעניו.

ברענטש 15, הארטפארד, קאנ. — האט 450 מיטגלידער. איז דער גרעסטער ברענטש אין קאנעקטיקוט סטײט. טשערמאן: קיווארסקי; סעקרעטאר: ל. גאלדבערג, 232 װײן סטריט. מיטעט יעדען 1טען און 3טען זונטאג אין מאנאט אין לײבאר עדיוקײשאנאל לײסעאום.

יונײטעד סמאלװיצער אסס'ן. — געגרינדעט 15טען פעברואר, 1920, מיטעט אין „פארווערטס" בילדינג, 175 איסט בראדוױי. טשערמאן: א. בארקין, 210 איסט 21טע סטריט; סעקרעטאר: הערי ראבינאוויץ, 218 מאר סטריט, ברוקלין.

אפיס שטונדען: פון 12 ביז 3 בײטאג און פון 7 ביז 9 אווענט.

דער איסט רײווער האספיטאל

307 איסט בראדוױי, ניו יארק

געפינט זיך אונטער דער אויפזיכט פון דאקטאר בענדזשאמין.

יוסף גארעליק

אונדערטײקער

קאנטראקטען מיט ארגאניזאציעס אויף ספעציעלע באדינגונגען.

אפיס: 42 נארפאלק סטריט, ניו יארק

טעלעפאן: דרײ דאק 2878

דירעקטאָרי פון אידישע אַקטיאָרען און קינסטלער

מאַקס געביל

מאַקס געביל

געבוירען אין גארליץ, גאליציע. געקומען אין אמעריקע אין יאהר 1882. אויסער דעם וואָס ער איז אליין אן אקטיאר וואָס שפּילט ביז איצט אויף דער ביהנע, איז ער אויך א פארפאסער פון פּיעסען. די ערשטע פּיעסע האָט ער אנגעשריבען ווען ער איז נאָך געווען א באָי פון 19 יאהר. די פּיעסע האָט געהייסען „טאטע-מאמעס צרות.” ער האָט ביז איצט אנגעשריבען 114 פּיעסען.

מאקס געביל איז איצט איינער פון די אָנגעזעהענסטע דראמאטישע שוישפּילער, וועלכער האָט זיך ערווארבען גרויס פּאָפּולאריטעט און אנהענגערשאפט צווישען די אידישע ברייטע מאסען.

ער האָט איצט אן אייגענעם טעאטער, וועלכער הייסט טאקע דער „מאקס געביל טעאטער”. אלס טעאטער בעל-הבית ווערט ער איצט פאררעכענט איינער פון די גרעסטע. ער קאָן דעם געשמאק פון די ברייטע אידישע פאָלקס-מאסען און אלעמאָל ווען ער שרייבט אן א פּיעסע איז זי א גרויסער ערפאָלג.

אין 1924-1925 האָט אין מאקס געביל'ס טעאטער געשפּילט „דער גרויסער מאָמענט”, וועלכער האָט איבערשטיגען אלע ערווארטונגען. עס איז געווען די ערפאָלגרייכסטע פּיעסע פאר די לעצטע עטליכע יאהר, נישט נאָר אין זיין טעאטער, נאָר אין פארגלייך אויך מיט אנדערע ערפאָלגען אין אלע אנדערע טעאטערן.

דזשעני גאָלדשטיין

דזשעני גאָלדשטיין.

דזשעני גאָלדשטיין איז געבוירען געוואָרען אין יאהר 1895 אין דעם הארץ פון דער איסט סייד, אין 90 אטוירני סטריט. זי האָט אָנגעפאנגען צו שפּילען טעאטער אלס קינד פון זעקס יאהר אין גאָרדינ'ס פּיעסען אין ווינדזאָר טעאטער. זי האָט אָנגעפאנגען צו שפּילען אין ענגלישע ראָלען און אין דיזע ראָלען האָט זי זיך גרויס געמאכט.

אלס שוישפּילערין האָט זי געצויגען די אויפמערקזאמקייט פון מאקס געביל, וועלכער האָט איהר אָנגעפאנגען צו געבען ראָלען אין זיינע פּיעסען. און איצט איז זי גוט באקאנט צום אידישען טעאטער-באזוכער אלס איינע פון די זעהר אָנגעזעהענע שוישפּילערינס און דראמאטישע קינסטלערינס. אין דער אידישער טעאטער-וועלט פארנעהמט זי זעהר א בכבוד'יגען פּלאַץ.

לעאָן בלאַנק

לעאָן בלאַנק.

אזוי ווי א לייב איז לעאָן בלאַנק ארויס־געוואקסען פון א דור אידישע ביהנע ארטיס־טען פון זיין צייט.

ווען בלאַנק איז צוגעקומען צו דער אידי־שער ביהנע האָבען אנדערע געשפּילט די הויפּט ראָלען און ער איז געווע־זען נישט מעהר ווי א כאָר־דיריגענט. ער איז געוועזען א כאָר־דיריגענט דערפאר ווייל ער האָט געקאָנט מו־זיק און טאקע שעהן זינגען אויך.

אין איהם איז אָבער אויך געווע־זען דער גרויסער דראמאטישער אר־טיסט, דער גרויסער כאראקטער שוי־שפּילער, דער גרויסער קענער פון דעם אמת אידישען טיפּ.

עס האָבען אָבער דאן געקעניגט אויף דער ביהנע אנדערע און כאָטש בלאַנק האָט געהאַט א לייבען־שטי־מע, איז ער אָבער אימער געווען באַ־שיידען און נישט געקאָנט אריבער־שרייען דעם „יאריד פון בארימער".

דער אמת'ער גרויסער טאלאנט איז אָבער ווי א שטראָם פריש קוואל־וואסער, וועלכער קאָן פאר־האַלטען ווערען אויף א געוויסער צייט אָבער סוף כל סוף מוז ער דורכ־ברעכען זיין וועג און ארויסרייסען זיך פריי אויף די פעלדער און אונ־טערשווענקען די ריזיגע בערג.

דאָס האָט פּאסירט מיט בלאַנק'ען. אמאָליגע ארענדע־האַלטער פון דער אידישער ביהנע זיינען פארשווענקט געוואָרען פון בלאַנק'ס ריזיגען טא־לאנט און ערפאָלג אלס ביהנע אר־טיסט. היינט צו טאָג שטעהט בלאַנק אויף דער ביהנע אלס איינער פון די וויכטיגסטע דראמאטישע כאראקטער שוישפּילער. זיינע כאראקטערען וואס ער האָט געשפּילט זיינען נישט אפּ־געשפּילט. די כאראקטערען זיינען דאָ און וועלען פארבלייבען אויף אייביג, ווי רעמבראנד'ס מאלערייען. רעמב־ראנד'ס מאלערייען זיינען אן אייביג־קייט, ווייל זיי אָטעמען מיט לעבען, און בלאַנק'ס כאראקטער מאלערייען אויף דער ביהנע זיינען אן אייביג־קייט, ווייל זיי זיינען דער לעבען אליין.

ווען בלאַנק דאַרף פאָרשטעלען א אידישען כאראקטער טוט ער עס ניט בלויז מיט דעם וואס ער קלעפּט ארויף א באָרד, נאָר ער מאכט א גענויעם שטודיום פון דעם מענשען וואס ער דאַרף שפּילען און די סאָ־ציאַלע לאַגע אין וועלכער זיין העלד לעבט און קעמפּט.

ווען בלאַנק שפּילט דאַרף מען נישט פרעגען צי ער שפּילט א לי־טעראַרישע פּיעסע, אדער א שונד־פּיעסע, עס איז זיכער, אז וואס די פּיעסע זאָל נישט זיין, די ראָלע וואס בלאַנק שפּילט איז ליטעראַריש, מעג זי זיין געשריבען פון דעם גרעסטען שונד־פּיעסען שרייבער.

ליטעראַטור איז לעבען, באַהויכט מיט קונסט און דאָס איז בלאַנק דורך און דורך.

אָט דאָס איז דער סוד פאַרוואָס בלאַנק איז ווי א לייב ארויסגעוואק־

סען צווישען א דור אידישע ביהנע־ארטיסטען פון זיין צייט.

בלאנק האט געשפילט זיבען יאהר נאכאנאנד אין די קאונטרי שטעדט און ניו יארק האט איהם נישט גע־קאנט פארגעסען. ניו יארק האט זיך אין איהם געגנויטיגט, און עס איז געוועזען די פרייד פון אלע ניו יאר־קער טעאטער ליבהאבער, ווען בלאנק האט זיך פארבונדען מיט דעם נע־שאנאל טעאטער אין ניו יארק מיט א פאר יאהר צוריק, וואו ער שפילט אויך היינטיגען סעזאן און ווארשיינ־ליך וועט ער אויך שפילען דארטען דעם נעקסטען סעזאן.

סעם קעסטין

סעם קעסטין.

סעם קעסטין איז היינט דער אינגסטער און עלטסטער פון די אידישע קאמיקער אויף דער ביה־נע.

מאגולעסקא אין זיין צייט איז געוועזען דער קא־מיקער צווישען קאמיקער, און קעסטין איז אין זיין צייט דער קאמיקער צווישען קא־מיקער.

קעסטין איז דער אמת'ער אידיש־אמעריקאנישער קאמיקער. ער איז געבוירען אין דער אייראפייאישער שטעדטעל און איז ערצויגען געווא־רען אין דער אמת אמעריקאניש־אי־דישער אטמאספערע.

ווען קעסטין גהט ארויף אויף דער ביהנע איז ער א אידעלע, א וואוילער, טייערער אידעלע מיט אלע פיטשעווקעס; און דער אידעלע, וועל־כען קעסטין שטעלט פאר איז אויף ספרוזשינעס. ער איז פלינק, ער איז לעבהאפט און איהר מוזט איהם ליב האבען נישט אכטענדיג צי ער איז דער אינטריגאנט פון דער פיעסע, צי דער ליבהאבער פון דער פיעסע.

עס זיינען דא פילע קאמיקער אויף דער אידישער ביהנע וואס ווילען זיין ווי קעסטין.

עס זיינען דא קאמיקער, וואס מא־כען אייך צום לאכען דערמיט וואס זיי שמירען זיך אוים אין סאזשע, אדער זיי טוען אן שמוציגע הויזען, אדער זיי שטעלען ארויס א צונג, אדער זיי כאפען זיך ארויף אויף דער ביהנע אין גאטקעס. עס זיינען דא קאמיקער וואס מאכען אייך צום לא־כען דערמיט וואס זיי זיינען שלימזל־דיג, וואס מען שלאגט זיי, וואס די ווייב מאכט זיי בלויע אויגען.

קעסטין באלאנגט נישט צו קיינע פון די קאמיקער. קעסטין מאכט אייך לאכען דערפאר וואס ער קומט ארויף אויף דער ביהנע. אז ער קומט ארויף אויף דער ביהנע, ווערט אייך גוט און פרעהלאך אויפ'ן הארצען און איהר וואלט וועלען, אז ער זאל פון אייך קיינמאל נישט אוועקגעהן. ער איז ליב, ער איז „קיוט".

א שלעכטען אקטיאר וועט נישט העלפען א גוטע פיעסע מיט א גוטער ראלע. א גוטען אקטיאר איז אנגע־נעם צו זעהן אפילו אהן א פיעסע און אהן א ראלע. קעסטין איז פון יענע טאלאנטען, וואס זיינען אמוזאנט אהן א פיעסע און אהן א ראלע אויך.

קעסטין אליין איז א פיעסע. ווען

איהר באגעגענט זיך מיט קעסטינען פריוואט און איהר פארברענגט מיט איהם א שטונדע צייט דוכט זיך אייך אז איהר האט געזעהן אן אינטערע־סאנטע פיעסע.

ער איז א קאמיקער, ער שפילט קאמישע ראלען אויף אן ערנסטען אופן, אבער אימער לעבעדיג, פרעה־לאך. קעסטין איז א טיף־ערנסטער מענש, וואס אמבאלאנגט זיין קונסט און די אידישע ביהנע אין אלגעמיין.

סעם קעסטין איז א אינסטיטוציע אין דער אידישער טעאטער וועלט.

אין דער שטאט וואו קעסטין שפילט איז פרעהליך און אנגענעהם דער לעבען פון דער אידישער יוגענט.

דעם סיזאן שפילט סעם קעסטין אין פיפעלס טעאטער.

אהרן לעבעדעוו



אהרן לעבעדעוו

אהרן לעבע־דעוו האט אונ־טער זיך א גע־שיכטע וואס איז עהנליך צו א שפאנענדען רא־מאן. אבער זעל־טען ווען ער דערצעהלט עס פאר עמיצען. וועגען איהם געהט ארום א שפריך־ווארט, אז אין זיין באשיידענהייט איז ער גאר קיין „אקטיאר" נישט, נאר ער איז א רע־געלער מענש.

לעבעדעוו'ס עלטערן האבען גע־האט גרויסע האפנונגען צו מאכען איהם פאר א רב ערגעץ אין א קליין שטעדטעל אין דער ליטע, און געוואר־רען איז ער דער גרעסטער אפערעטע־אקטיאר אין דער גרעסטער שטאדט פון דער וועלט — אין ניו יארק. זיי־נע געזאנג און טענץ האבען א שם צווישען די אידישע טעאטער־באזו־כער.

לעבעדעוו איז אנטלאפען פון זיי־נע עלטערן אלס קינד און האט אנ־געפאנגען צו שפילען רוסיש טעאטער אין באברויסק, מינסק, און אנדערע שטעדט. אין מינסק איז דער טעא־טער וואו ער האט געשפילט צוגעמאכט געווארען און ער איז צוריקגעקומען קיין האמעל צו זיי־נע עלטערן און האט געעפענט א טאנץ־זאל און געגעבען טאנץ־אונטעריכטונגען, ביז עס איז געקו־מען א אידישער טעאטער־דירעקטאר מיט'ן נאמען בערענשטיין און האט איהם אנגעשטעלט אלס כאריסט. אבער געוועזען איז ער נישט בלויז א כאריסט; ער האט געטאן אלעס: געטראגען פעקלאך, אנגעטאן די אר־טיסטען, סופלירט געכאפט פעטש און געשוויגען, אוים ליבע צום אידישען טעאטער. אט אזוי האט ער זיך גע־פלאגט כמעט א האלב יאהר ביז דאס טעאטער איז אויך צופאלען.

א רוסישער טעאטער דירעקטאר, מיט'ן נאמען ניוכלין, פון ניקאלאיעוו, האט איהם דערנאך אנגאזשירט, נאר דארט איז ער אויך לאנג נישט געווען. איהם האט געצויגען צו דער אידישער ביהנע. שפעטער האט ער געשפילט אין טערקיי און אין רומעניע. פון רומעניע צוריק קיין ווארשע, אין קא־מינסקי'ס טעאטער, וואו מען האט איהם אנגאזשירט אלס „ליטווישער קאמיקער". זינט דאן רופט מען איהב

טאַקע אזוי. שפּעטער האָט ער געשפּילט אין ראָסטאָוו, באַקו, כאַרקאָוו, לאָדז און אַנדערע שטעדט. אין כאַרקאָוו האָט ער זיך באַהאַלטען אַלס אנטלאָפענער סאָלדאַט. מען האָט איהם דאָרטען גע'מסר'ט און זיין ארעסט האָט געשמעקט מיט'ן טויט, נאָר א דאַנק דער אַקטריסע באַגינסקי־פּישזאָהן, וועלע איז איצט אין אמעריקע, איז ער נצול געווארען פון טויט.

אין אמעריקע איז ער איצט שוין זעקס יאָהר. איהם האָט געצויגען קיין אמעריקא, דערפאַר, ווייל דאָ זיינען דאָ די גרעסטע אידישע ארטיסטען און די גרעסטע אידישע טעאַטערען. ער איז איצט איינער פון די אָנגעזעהענסטע ארטיסטען פון דער מוזיקאַלישער אפּערעטע. זיין נאָמען איז אויף די ליפּען פון טויזענטער און טויזענטער אידישע טעאטער־באַזוכער. ער איז דעם יאָהר אויך אַנגאַזשירט אין נעשאַנאַל טעאטער.

ווערא לעבעדעוו

ווערא לעבעדעוו

ווערא לעבעדעוו איז די פרוי פון אהרן לעבעדעוו. איהר נאָמען איז געוועזען ראָזעטא שעכטער, געבאָרען אין ניקאָלאַיעוו. איז געקומען אין אמעריקא אין יאהר 1920 — מיט זעקס מאָנאַטען שפּעטער פון לעבעדעוו'ען. זי האָט פאַר א לענגערער צייט אויף דער ביהנע ניט געשפּילט. איצט שפּילט זי אין רודאָלף שילדקרויט'ס טעאטער אין די בראָנקס.

מיכל מיכאַלעסקאַ


מיכל מיכאַלעסקאַ.

מיכל מאכאַלעסקא איז נישט דער אמת'ר נאָמען. זיין אמת'ער נאָמען איז ווייסבלאַט, געבאָרען אין קאַוואַליפקא, כערסאָנער גובערניע, אין 1887. אָנגעפאַנגען שפּילען טעאטער אין זיין אייגענער שטאָט ביי שאפער'ען אין טעאטער, אַלס ליוביטעל, אין 1904. פון 1912 ביז 1920 האָט ער געשפּילט אין ווארשע.

פון ווארשע קומט מיכאַלעסקא צופאָהרען קיין אמעריקא און פאַנגט אָן צו שפּילען אין טאָמעשעווסקי'ס טעאטער, איצט דער „נעשאַנאַל", אין דער פּיעסע „דאס אונגארישע מיידעל". ער ווערט גלייך באַקאַנט דעם אידישען טעאטער באַזוכער, שפּילט מיט ערפאָלג אין ראָמאַנטישע ראָלען, און ער געהט שפּעטער אריבער אין סעקאָנד עוועניו טעאטער. איצט שפּילט ער אין בראָנזווילער ליבערטי טעאטער מיט'ן גרעסטען ערפאָלג.

מיכאַלעסקא איז היינט נישט נאָר דער הויפּט סטאַר אין טעאטער, נאָר אויך דער פּאַרטנער פון געשעפט. ער איז געוועזען דער ערשטער, וועלכער האָט אָנגעפאַנגען אין בראָנזוויל צו שפּילען פאַר געפּאַקטע הייזער.

אין דער פּיעסע „סטודענטען לי־

בע" האָט ער געשפּילט מיט'ן גרעסטען ערפאָלג. ווי די גרעסטע צאָהל אידישע ארטיסטען, אזוי האָט אויך ער פאַר זיך אליין אויסגעטראָטען זיין וועג. זיינע עלטערן האָבען קיינמאָל נישט גע'חלומ'ט צו מאַכען איהם פאַר א אידישען אַקטיאָר. אָנפאַנגענדיג אין זיין שטעדטעל אלס ליובּיטעל (ליבּהאָבּער) האָט ער זיך דערהויבען צו איינעם פון די פּאָפּולערסטע אידישע ארטיסטען אין דער גרעסטער שטאָדט פון דער וועלט — ניו יאָרק.

מאָריס שוואַרץ

מאָריס שוואַרץ.

מאָריס שוואַרץ.

מאָריס שוואַרץ'ן איז באַשערט אז זיין נאָמען זאָל אין באַרימטהייט אריבערגעהן די גרעניצען פון דער אידישער בינע און אויך די גרעניצען פון אמעריקע. איבער דער גאַנצער וועלט וואו אידען וואוינען און אפילו אויך דאָרטען וואו עס זיינען קיין אידען נישטאָ איז שוואַרץ'ס נאָמען באַרימט. זוכה געווען איז שוואַרץ דערצו, ווייל ער איז א מענש וואָס פיהרט א קאַמף פאַר דער וויכטיגקייט פון זיין קונסט.

ווען שוואַרץ איז געוועזען זעהר יונג האָט ער אָנגעפיהרט א מערקווירדיגען ענערגישען קאַמף אז מען זאָל איהם אנערקענען אלס אַקטיאָר אויף דער אידישער בינע. ער האָט דעם קאַמף געוואונען. אזוי שנעל ווי ער איז אנערקענט געווארען אלס אַקטיאָר האָט ער אָנגעהויבען מיט זיך אליין צו פיהרען א קאַמף אום צו ווערען א וויכטיגער אַקטיאָר. סתם צו זיין אַן אַקטיאָר איז איהם נישט געפעלען געוואָרען. ער האָט געוואָלט זיין א וויכטיגער אַקטיאָר וואָס זאָל זיך ארויסזעהן צווישען אלע טיפּען פון דער דראַמע אין וועלכער ער האָט געשפּילט. דאָס איז איהם אויך געלונגען. דער עולם און אויך די קריטיקער און נאַטירליך שוין אויך די מענעדזשערס האָבען געזעהן אין שוואַרץ'ן א זעהר באַדייטענדעם טאַלאַנט און ער האָט אָנגעהויבען צו שפּילען א גרויסע ראָלע אין דעם אידישען טעאַטער ווען ער איז נאָך געוועזען זעהר יונג, ערשט א פּאָר יאָהר אויף דער ביהנע.

אָבער דערביי האָט זיך שוואַרץ נישט אָפּגעשטעלט. ער האָט אַן אומרוהיגע נשמה וואָס רייסט זיך אויפצוטאָן, שאַפען. ווען איהם איז געלונגען זיך אליין אוועקצושטעלען אויף א הויכער שטופע אלס אַקטיאָר האָט ער זיך גענומען צו דער אידישער ביהנע אין אלגעמיין. ער האָט זיך פאַרמאָסטען אויפצוהויבען די אידישע ביהנע אויף א פּאָר שטאַפּלען העכער און איהם איז געלונגען אויפצוהויבען די אידישע ביהנע אויף צעהנדליגע שטאַפּלען העכער. ער איז דער ערשטער אידישער שוישפּילער וועמען עס איז געלונגען צו עטאַבלירען א בעסערען אידישען טעאַטער און צוציהען צום טעאַטער דעם אינטעליגענטען אידישען עולם וועמען דער אַלטמאָדישער טעאַטער האָט כמעט ווי פאַרלאָרען אלס פּאַטראָ־

נייזערס. מיט דעם עקזיסטענץ פון זיין אידישען קונסט טעאטער פאר זיבען יאהר צייט האָט שווארץ באַוויזען אייניגע זאכען וואס פילען אָן די הערצער פון די אידישע קולטור טרעגער מיט האָפנונג אז עס זיינען נאָך דאָ א סך קרעפטען און א סך מאטעריאלען פאר א ברייט פארצווייגטער אידישער קולטור. שווארץ האָט באוויזען אז אידישע אקטיארען האָבען א ווילען צו שפילען ריינע קונסט און אז אין דעם אידישען עולם איז דאָ א גענוג גרויסע צאָל וואס איז גרייט צו העלפען צו ווערען אָנהענגער פון אמת'ע, ריינע קונסט.

דאָס וואס שווארץ האָט געשאפען אלס אקטיאר מיט זיין שפילען באַלאַנגט צו די קונסט קריטיקער. דאָס וואס שווארץ האָט געשאפען מיט זיין אָרגאַניזאַטארישען און קינסטלערישען טאלאַנט, מיט זיין גרויסען ים ענערגיע וואס ער האָט אין זיך, מיט זיין מקריב זיין זיך צו שפילען און פיהרען די אידישע ביהנע אויף א העכערער מדרגה, דערצו דארף מען נישט האָבען קיין קריטיקער אויף אפצושעצען עס. עס קאָנען קיין צוויי מיינונגען נישט זיין, אז שווארץ'ס פארדינסטען פאר דער אידישער ביהנע איז אונפארגעסבאר און אין דער געשיכטע פון אידישער טעאטער וועט זיין קאריערע זיין דער ערשטער ליכטיגער קאפיטעל, וואס באלייכט דעם וועג צו דער פיינער, ערהאבענער אידישער ביהנע קונסט.

יעדער איינער וועמען עס איז טייער די פארבעסערונג פון דעם אידישען טעאטער, מוז באגריסען די אונטערנעהמונג פון בויען א טעאטער ספעציעל פאר שווארץ'ן וואו ער וועט קאָנען ווייטער אָנגעהן מיט זיין קאמף פאר דער בעסערער אידישער ביהנע.

פאר שווארץ'ן ווערט איצט געבויט א טעאטער אין דעם סאמע הארץ פון אידישען קווארטאל, אויף דער טעאטראלנער סעקאָנד עווניו.

רודאָלף שילדקרויט

רודאָלף שילדקרויט.

עס געהט ארום א ווערטעל, „רודאָלף שילדקרויט און מעהר גיבט עס ניכט". דער ווערטעל כאַראקטעריזירט אמבעסטען וואס רודאָלף שילדקרויט און מעהר גיבט עס ניכט, אדער ווי מיר וואלטען געזאָגט אויפ'ן אמעריקאנישען לשון, רודאָלף שילדקרויט און דהאטס אָל.

עס איז דער דעמבענער בוים פון דער דייטשער ביהנע, און ווען אָט דער דאָזיגער דובאָוער בוים קומט אויף דער אידישער ביהנע, מאכט ער דעם איינדרוק פון א גרויסען, וואונדערבארען גאָרטען פון קונסט. אויף שילדקרויט'ן זאָגט מען אז ווען ער געהט ארויף אויף דער ביהנע איז ער נישט קיין אקטיאר. ער איז א מענש. איהר פארגעסט אז איהר זיינט אין טעאטער, ווייל שילדקרויט שפילט נישט קיין טעאטער. שילדקרויט אויף דער ביהנע איז א מענש וואס האנדעלט לויט ווי דער מענש וועלכען ער שטעלט פאָר דארף האנדלען,

און דער מענש אין שילדקרויט'ן האנדעלט און רעדט מיט אזוי פיל חן, אז עס ווערט אייך גוט אויפ'ן הארצען. ווען שילדקרויט ערשיינט אויף דער ביהנע אין דעם געשטאלט פון א כאראקטער וואס ער שטעלט פאַר מוזט איהר דעם כאראקטער ליב קריגען, מאכט נישט אוים צי ער שטעלט פאַר דעם גענגסטער אייקעלע מזיק, אָדער א באַריהמטען אידעאליסט, מאכט נישט אוים צי ער שטעלט פאַר שיילאַק'ן מיט'ן מעסער וואס וויל שניידען א פונט פלייש, צי דעם בראָנקסער ביגלער פון „בראָנקס עקספרעס". יעדער שילדקרויט טיפ איז געוועבט פון ריינעם גאָלד מיט די פיינסטע אָרנאַמענטען וואס עס איז דאָ אין א מענשליכער נשמה.

א לעבען לאנג האט שילדקרויט געשפילט אויף דער דייטשער ביהנע. אין אידישען טעאטער איז ער געקומען צופעליג, ער איז געקומען צו אונז אין אידישען טעאטער, ווי די מלאכים וואס זיינען אין דער ביבלישער צייט אַרונטער פון הימעל און אויסגעמישט זיך מיט די שטערבליכע מענשען. און פונקט ווי די מלאכים ווען זיי זיינען געקומען אויף דער ערד האָבען זיי זיך נישט געבלאָזען, נאָר געהאַלטען זיך ווי מענשען מיט זייערע מיטמענשען, אזוי איז שילדקרויט'ס באציהונג צום אידישען טעאטער און צו דער אידישער שפראך. אין לעבען רעדט שילדקרויט דייטש, ווייל דייטש איז זיין מוטער־שפראך, אָבער ווען ער קומט אויף דער ביהנע צו שפּילען א אידישע דראמע ווערט ער פלוצלונג אוים דייטש און רעדט א געשמאַקען אידישען אידיש.

שילדקרויט שפּילט איצט אין זיין קליינעם טעאטערעל אין די בראָנקס, ווי א כהן גדול פון דער ביהנע־קונסט האָט ער זיך זיין אייגענעם טעמפּעל, זיין מזבח און ער דינט געטריי און פרום דער קונסט ווי נאָר שילדקרויט קען.

אינטעליגענטע מענשען פון ניו יארק ווען זיי ווילען פארברענגען אן אָוונט אין דער אַטמאָספערע פון א פיינעם קינסטלער, אין דער אַטמאָספערע פון א מעכטיגען ביהנע־טאַלאַנט, קומען זיך צוזאמען פון אַלע עקען פון גרייטער ניו יארק אין דעם שילדקרויט טעאטער.

עס איז רודאָלף שילדקרויט, און מעהר גיבט עס נישט.

סעמיועל גאָלדינבורג

גאָלדינבורג
סעמיועל

סעמועל גאָלדינבורג איז איינער פון די אָנגעזעהענסטע אקטיארען אין אמעריקא אין דראַמאַטישע כאראקטער־ראָלען. אין יאהרען איז ער נאָך גאנץ יונג און דאָך האָט ער ביז איצט זיך געשאפען אויף דער אידישער ביהנע א גרויסע פּאָפולאריטעט.

סעמיועל גאָלדינבורג איז א ליטוואק, געבאָרען אין ברעסט־ליטאָווסק, גראָדנער גובערניע, אין 1886. אָנגעפאנגען שפּילען טעאטער האָט ער אין ריגע, אין 1912. דאָס מיינט, אז

ער איז אינגאַנצען אויף דער ביהנע 14 יאהר.

אין אמעריקא איז גאָלדינבורג געקומען אין יאהר 1917. ער האָט ביז אמעריקע אויך געשפּילט אין ווארשע, אין קאַמינסקי'ס טעאַטער. ער האָט אויך געענדיגט די ווארשעווער קאָנסערוואַטאָריע.

אין אמעריקע האָט ער געשפּילט אין ניו יארק און אין דער פּראָווינץ אין פארשידענע שטעדט און אומעטום איז ער אויפגענומען געוואָרען פון דער פּרעסע און פון די טעאַטער-באזוכער זעהר ווארים.

דעם יאהר שפּילט ער אין עמפּיאַן טעאַטער, ברוקלין.

סיליאַ אַדלער



סיליאַ אַדלער.

סיליאַ אַדלער איז די טאָכטער פון דעם גרויסען אידישען ארטיסט יעקב אַדלער. זי איז נישט נאָר אַ קינד פון אַן ארטיסט, זי איז אַליין אויך אַן אַנערקענטע, באריהמטע, טאַלאַנטפולע אידישע אַקטריסע. זי איז געבוירען געוואָרען אין ניו יאָרק, אין 1891. אָנגעפאַנגען שפּילען אַלס קינד פון פיער יאָהר, אין „קעניג ליר". דער טאַטע האָט איהר שטענדיג ערמוטיגט און געגעבען איהר אַ סך האָפנונגען, און די האָפנונגען זיינען מקוים געוואָרען. זי איז געווען די ערשטע, וועלכע האָט מעגליך געמאַכט די עקזיסטענץ פון דעם איצטיגען קונסט-טעאַטער. ווען שווארץ האָט גענומען צוזאַמענשטעלען טער, איז איהם געווען אוממעגליך צו קריגען ארטיסטען, ווייל קיינער האָט ניט געגלויבט אין דער מעגליכקייט, אַז אַזאַ טעאַטער זאָל עקזיסטירען; און זי איז געווען די ערשטע, וועלכע האָט מיט שווארצ'ען געמאַכט אַ קאָנטראַקט, און קוקענדיג אויף איהר, דאָס הייסט, אַז אַזאַ באַרהמטער ארטיסטען לוינט צו פאַרבינדען זיך מיט זיין קונסט-טעאַטער, האָבען שוין אַלע אַנדערע אַקטיאָרען אויך געסיינט קאָנטראַקטען.

אַמשטאַרקסטען האָט זי ליב די ראָלען פון פּרץ הירשביינ'ס פּיעסען. איהר נאָמען אַלס גרויסע ארטיסטען איז באַקאַנט איבער דער גאַנצער וועלט. איהר קונסט איז באַקאַנט אפילו אין די לענדער, וואו זי האָט נאָך ניט געשפּילט.

מוני ווייזענפריינד

מוני ווייזענפריינד.

דער יונגער מוני ווייזענפריינד האָט שוין אַ גאָר אַלטע שוין גאָר נישט אדער בעסער געזאָגט, ווייטע טעאַטער געשיכטע; זיין גרויסער ערפאָלג איז געקומען איבער נאַכט אדער דורך עפּעס אַ צופאַל. אמת, זיינע עלטערען, סאַלטשיע און פיליפ ווייזענפריינד, זיינען אין דער יוגענד אויך געוועזען אידישע אַקטיאָרען אין אַ רייזענדען אידישען

„טעאטער", אבער מוני האט געקראגען זיין ערציהונג אין דעם אמעריקאנער פאבליק סקוהל, אין אן אטמאספערע פון לייכטזיניגען ספארט און צייט פארטרייב.

געבוירען אין לעמבערג, דאן גאליציען, עסטרייך, אין יאהר 1897, איז ער אבער צוזאמען מיט זיינע עלטערען און פאמיליע געווארען אן עמיגראנט. צו פיר-און-א-האלב יאהר איז ער שוין געבראכט געווארען קיין לאנדאן, ענגלאנד. דארט איז ער בלויז געוועזען אנדערהאלבען יאהר און האט ווייטער גענומען דעם וואנדערשטאק. צוזאמען מיט זיינע עלטערען, איז ער צו 6 יאהר אנגעקומען אין אמעריקא.

צו 12 יאהר האט ער שוין געענדיגט פאבליק סקוהל און אליין געמאכט א שטרייך צו זיינע קינדערשע טרוימען צו ווערען א וויאלין ווירטואז. ווי עס זעהט אויס, האט דער קליינער מוני, וועלכער איז אין פאבליק סקוהל געוועזען א גוטער באל שפילער און פארברענט אין ספארט; אויך געטרוימט וועגען ווערען א גרויסער מענש.

צו 12 יאהר פאנגט מוני גלייך אן צו שפילען אין אידישען וואדעוויל און אין צוויי עקסטרים געגענזעצליכע ראלען, ער נעמט ראלען פון אלטע מענשען און פרויען. זיין יונגקייט האט געמאכט מעגליך אז ער זאל קענען פארנעמען א פרויען ראלע ווען עס איז נויטיג געוועזען און זיין איינגעבארענער טאלאנט האט איהם געהאלפען שפילען די ראלען פון אלטע מענער, כאטש ער איז בלויז געוועזען א קינד.

מיט ארום 8 יאהר צוריק איז מוני וויזענפריינד דערהויבען געווארען צו שפילען וואדעוויל אין דעם רוף-גארדען טעאטער. דאן איז ער ווידער ארומגעפאהרען, ער איז נאך דאן געוועזען אומבאקאנט צום ברייטען עולם און אויך צו די אידישע טעאטער קינסטלער. אבער, איינינע, וועלכע האבען געזעהן איהם שפילען, האבען באלד אין איהם באמערקט א גרויסען טאלאנט. און ווען ער האט זיך אפגעשטעלט אין פילאדעלפיע, איז מארים שווארץ, דאן פון אירווינג פליים טעאטער, געקומען און האט איהם אנגאזשירט צו שפילען „רעגעלע טעאטער" אנשטאט וואדעוויל.

מוני וויזענפריינד האט זיך געווענדעט צו מר. שווארץ און איהם געבעטען ער זאל איהם געבען קליינע ראלען, ווייל ער האט זיך נאך געפיהלט נישט זיכער צי וועט ער קאנען שפילען ערנסטע ראלען אויף דער דראמאטישער ביהנע. אבער עס האט זיך באלד ארויסגעצייגט אז וויזענפריינד האט אונטערשעצט זיינע פעהיגקייטען. זיין ערשטע ראלע אלס „איוואן איוואנאוויטש" אין שלום עליכם'ס „שווער צו זיין א איד" האט איהם באלד אוועקגעשטעלט צווישען די טאלאנטפולע אידישע שוישפילער. ער האט זיך נאכהער אויסגעצייכענט אין גאגאל'ס פיעסע „רעוויזאר" אלס אסיפ, און אין דער ראלע פון דעם קאמיקער אין ניקאלאי יעווריאנאוו'ס פיעסע „די הויפטזאך", וואס איז געשפילט געווארען אין אירווינג פליים טעאטער, אין מ. אשראוויטש'ס אידישער איבערזעצונג.

וועגן אב. קאהאן, דער רעדאקטאר

פון „פאָרווערטס“, האָט איהם געזעהן שפּילען האָט ער זיך אויסגעדריקט: אז מוני ווייזענפריינד ווערט פאַרשריבען אין דער גאָלדענער געשיכטע פון די ערשטע רייהע אידישע קינסטלער.

בעלאַ פינקעל

בעלאַ פינקעל

בעלאַ פינקעל איז די טאָכטער פון טאָמאַשעווסקי'ס א שוועסטער עמאַ, פינקעל, וועלכע איז געווען די בארימטע סובּרעטין ווען זי איז געווען געזונט און האָט געשפּילט. אנשטאָט דער טאַלאַנטפולער מוטער שפּילען איצט איהרע צוויי טאַלאַנטפולע טעכטער לוסי פינקעל אלס די בארימטע פּרימאַדאָנע און בעלאַ פינקעל וועלכע איז איינע פון אונזערע יונגע באדייטענדע כאראקטער שוישפּילערינס.

די יונגע בעלאַ פינקעל מאַכט ערפאָלג, אמת ליטעראריש־דראמאַטישען ערפאָלג, אין אלע ראָלען וואס זי טרעט אויף. זי האָט אויך א גוטען פּארטנער, מיט וועלכען עס קומט איהר אפילו אויס זעלטען צו שפּילען צוזאמען, אָבער זי קאָן זיך טיילען איהרע קינסטלערישע אינטערעסען מיט איהר פּאַרטנער. דער פּאַרטנער איז איהר מאַן, דער באַריהמטער מוני ווייזענפריינד.

מוני ווייזענפריינד איז טאקע א גרויסער טאַלאַנט, אָבער זיין ווייב, בעלאַ פינקעל האָט איהר אייגענעם פּאַספּאָרט אלס יונגע קינסטלערין וואס פאַרשפּרעכט זעהר פיל דער אידישער דראַמע.

בעלאַ פינקעל האָט געשפּילט אין נעשאָנאַל, סעקאָנד עוועניו טעאַטער, און אין אירווינג פּליים טעאַטער, וואו זי איז היינטיגען סעזאָן אנגאַזשירט.

לוסי פינקעל

לוסי פינקעל

פון די פיינע פּראָדוקטען וואס אמעריקע האָט געשאפען פאַר דער אידישער ביהנע, איז לוסי פינקעל, איינע פון זיי. לוסי פינקעל איז די טאָכטער פון א בארימטער אקטריסע, פון עמאַ פינקעל, די שוועסטער פון בארים טאָמאַשעווסקי. לוסי פינקעל איז געבאָרען אין אמעריקא, ערצויגען געווארען אין אמעריקע און איז אן אמת אידישער טאַלאַנט אלס איינע פון די הויפּט פּרימאַדאָנעס אויף דער אידישער ביהנע. זי איז יונג, אינטעליגענט, איהר שטימע איז יונג און פריש און געשולט. זי איז נישט בלויז א זינגערין, זי איז א סטודענטקע פון מוזיק און זי קאָן מוזיק.

אמבעסטען איז זי אין די ראָלען פון צנעות'דיגע אידישע טעכטער, וואס זי דאַרף שפּילען אויף דער ביהנע. דיזע ראָלען שפּילט זי פון אמת'ן טיפען הארצען און זינגט מיט

א הייליגען ציטער, ווייל זי איז אייגענטליך אין איהר פּערזענליכען לעבען אליין א צנועה'דיגע, באשיידענע אידישע מיידעל.

זי איז געווען פארבונדען מיט דעם נעשאנעל טעאטער, סעקאנד עוועניו טעאטער און גרענד טעאטער, און זי האט געשפּילט די הויפּט פּרימאדאנע ראלען.

מאָלי פּיקאָן

מאָלי פּיקאָן.

מאָלי פּיקאָן איז געבוירען געוואָרען אין ניו־יארק אין דער באַרימטער העסטער סטריט. אָרימקייט, ענגשאפט און פינסטערע בייבי־טעג — דאָס איז געווען איהר קינדהייט.

ווען זי איז נאָך א קינד געווען, האָבען זיך איהרע עלטערן איבערגעצויגען קיין פילאדעלפיע. איהר פאָטער איז געווען א שווירט־מאכער און א גרויסער קבצן. איהר מאמע האט אויך געאָרבייט. און א דאנק דער מאמען איז מאָלי פּיקאָן געוואָרען אן אַקטריסע. די מוטער, קלאַרא פּיקאָן, איז געווען א דרעסמאכערין. זי פלעגט אריינקריגען טעאטער־טרייד. זי האָט גענייט קליידער פאר אידישע אַקטריסעס און דורך דעם איז זי געוואָרען א גאַרדעראָבקע און פלעגט העלפען די אַקטריסעס זיך צופּוצען.

די מאמע פלעגט שטענדיג ארומגעהן פאַרזאָרגט: „וואס וועט זיין, וואס וועט זיין? פון וואנען נעמט מען צום לעבען? די קינדער וואַקסען אונטער, וואס וועט זיין?" אין זייער הויז איז געקומען די אַקטריסע פעני טאמאשעווסקי, פון דער טאמאשעווסקי פאמיליע. מאָלי איז דאן געווען א קינד פון א יאָהר פינף און פעני טאמאשעווסקי האט איינגערעדט דער מאמען אז מאָלי זאל געהן אויף דער ביהנע פאר קינדער־ראלען און עפּעס באצאָהלט וועט זי דאָך קריגען, וועט זיין אביסעל מעהר פרנסה. דער טאטע איז אָבער מיט דעם געווען זעהר שטארק אונצופרידען. אזא מיאוס'ע פרנסה, ווי צו זיין אן אַקטריסע האָט ער פאר זיין טאָכטער נישט געוואָלט.

מאָלי האָט זיך גענומען האָדעווען אויפ'ן סטיידזש. זי האָט נאָך דאן אליין נישט פארשטאַנען וואס זי טוט. די מאמע פלעגט זי ברענגען אין טעאַטער און אָפּנעמען נאָכ'ן שפּילען.

ווען מאָלי פּיקאָן איז אביסעל עלטער געוואָרען האָט זי גענומען ציהען צו דעם ענגלישען וואָדעוויל, וואו זי האָט געהאט א סך באַקאַנטע סקול־קינדער. שפּעטער האָט זי געשפּילט אין דייטשען וואָדעוויל. צו 14 יאָהר האָט זי געשפּילט מיט יעקב אַדלער אין א מוטער־ראָלע.

צופעליגערווייזע האָט זי אויפ'ן סטיידזש געזעהן יעקב קאַליך, איהר איצטיגען מאַן, און ער האָט אין איהר דערזעהן א גרויסען טאַלאַנט. ער איז דאן געווען דער מענעדזשער פון א באָסטאָנער טעאַטער. ער האָט זי ענגיידזשט פאר זיין טעאַטער און שפּעטער איז ער מיט איהר אוועקגעפאָהרען קיין איירָאפּא וואו זי האָט גע־

שפּילט מיט'ן גרעסטען ערפאָלג אין פאַרשידענע שטעדט. אין אויסלאַנד האָט זי זיך געטראָפען מיט עדעל־שטיינען און זיין זוהן, און ווען זיי האָבען זי דערזעהן שפּילען, האָבען זיי געפיהלט אז זיי מוזען זי האָבען פאַר'ן סעקאָנד עוועניו טעאַטער. דער קאָנטראַקט איז דאָרטען געשלאָסען געוואָרען און מאַלי פּיקאָן און יעקב קאַליך זיינען געקומען קיין ניו יאָרק.

היינט צוטאָג איז זי דאָס ליבלינג פון דער אידישער ביהנע. יוסף רומשינסקי, דער באַקאַנטער אידישער קאָמפּאָזיטאָר, האָט פאַר איהר ספּעציעלע מוזיק און ראָלען געשאַפען. די גאַנצע צייט שפּילט זי אין סעקאָנד עוועניו טעאַטער און קומענדיגען יאָהר באַלאַנגט דער סעקאָנד עוועניו טעאַטער צו איהר מאַן, יעקב קאַליך, און נאָך פּיער פּערזאָנען.

יעקב קאַליך


יעקב קאַליך.

געבוירען אין יאָהר 1895, אין סימענאָוו, גאַליציע. אָנגעפאַנגען שפּילען טעאַטער אין בוקאַרעסט אין 1903. געקומען קיין אמעריקא אין יאָהר 1914.

אין זיינע זעהר יונגע יאָהרען איז ער געווען א ישיבה־בחור. אלס ישיבה בחור זיינען אָרימקייט און נויט געוועזען זיינע פּאַרטנערס אין לעבען. ווען מען פרעגט ביי איהם וועגען יענע יאָהרען, זאָגט ער, אז דאָס זיינען געווען יאָהרען ווען ער האָט געגעסען טעג און געשלונגען טרערען.

פאַר דער קורצער צייט, וואָס ער איז אין אמעריקא איז אויסער דעם וואָס ער איז א שוישפּילער, האָט ער זיך ערוואָרבען א נאָמען אלס זעהר גוטער רעזשיסאָר. ער איז געווען דער ערשטער, וועלכער האָט אין מאַלי פּיקאָן ענטדעקט טאַלאַנט און זי צוגעצויגען צו דער אידישער ביהנע. ער האָט מיט איהר געמאַכט א רייזע איבער אמעריקא און אייראָפּא און וואו זיי האָבען געשפּילט האָבען זיי געהאַט גרויס ערפאָלג.

ער איז פאַרהייראַט צו מאַלי פּיקאָן, און זיי צוזאַמען האָבען אויפגעבויט זייער טעאַטער קאַריערע און אין דער אידישער טעאַטער וועלט פאַרנעמען זיי ביידע זעהר אַן אָנגעזעהענעם פּלאַץ.

יעקם קאַליך איז ביז איצט געווען אָנגעשטעלט אלס אַקטיאָר און רעזשיסאָר אין סעקאָנד עוועניו טעאַטער. דעם קומענדען יאָהר וועט ער שוין זיין א פּאַרטנער אין זיין טעאַטער. אָבער ווי ער זאָגט אַליין, וועט ער נישט נאָר זיין דער בעל־הבית פאַר שרייבען קופּאָנעס, נאָר ער וועט זעהן אַרבייטען פאַר'ן טעאַטער פּונקט אזוי געטריי ווי ער האָט דאָס געטאָן ווען אנדערע זיינען געווען די בעלי הבתים.

יוסף רומשינסקי



יוסף רומשינסקי.

געבארען אין ווילנע אין יאהר 1881. אין דער גאר פריהער יוגענט האט ער געזונגען ביים שטאטישען חזן קאהען אין ווילנע. צו 14 יאהר דירידזשירט ער שוין א כאר. האט געקראגען זיין מוזיקאלישע שול-ערציהונג אין ווילנע אין טרעסקעס מוזיק-שוהלע. צו 17 יאהר האט ער שוין געגרינדעט אין לאדז די „הזמרה", פארגעזעצט אין דער זעלבער צייט זיין מוזיקאלישע בילדונג ביי פראפעסאר מעלצער. געקומען אין אמעריקע איז ער אין יאהר 1904. פארבונדען זיך מיט דעם אידישען טעאטער האט ער אין יאהר 1905 אין באסטאן. די ערשטע אידישע מוזיק וועלכע ער האט געשריבען פאר דער אידישער אפערעטע איז געוועזען „שיר השירים". פון דאן אן איז ער געווען ערפאלגרייך אלס אידישער קאמפאזיטאר. דעם גרעסטען ערפאלג האט ער געמאכט מיט די מוזיק פאר דעם „רבינ'ס נגון", די אפערעטע, וועלכע איז אזוי פאפולער געווען און איז געשפילט געווארען מיט א מערקווירדיגען ערפאלג דרייסיג וואכען נאכאנאנד, און ווערט נאך איצט אפט געשפילט.

דעם מאטיוו פאר „דעם רבינ'ס נגון" האט רומשינסקי גענומען ביי דעם פארשטארבענעם י. ל. פרץ, מיט וועמען ער איז געווען זעהר גוט באקאנט, און וועמעס הויז ער פלעגט אריינקומען און וואו עס פלעגען שטענדיג געזונגען ווערען די מעלאדיעס פון חסיד'ישע רבייאים.

היינט צו טאג איז יוסף רומשינסקי דער ערפאלגרייכסטער קאמפאזיטאר אין דער אידישער טעאטערוועלט. ער איז ביז איצט געווען פארבונדען מיט'ן גרויסען אידישען טעאטער פון סעקאנד עווענין, וואו די בעלי-בתים זיינען געוועזען דער אלטער און יונגער עדעלשטיין.

לעצטען יאהר איז ער געווארען מאלי פיקאנ'ס און יעקב קאליך'ס פארטנער און אפגעקויפט מיט נאך דריי אנגעשטעלטע פון עדעלשטיין'ס טעאטער דעם סעקאנד עווענין טעאטער. אין 1926 וועט ער שוין שפילען אין זיין אייגענעם טעאטער.

די לעצטע פאר יאהר האט ער געשריבען אפערעטעס אין וועלכע מאלי פיקאן איז גרויס און פאפולער געווארען ביים אידישען עולם.

וויליאם שווארץ



וויליאם שווארץ.

וויליאם שווארץ איז איינער פון די אנגעזעהענסטע אקטיארען. ער שפילט שטענדיג אין דער ראלע פון א פארליבטען. זיין שעהנע שטימע העלפט איהם זעהר א סך אין זיין קאריערע.

ער האט אנגעפאנגען צו שפילען טעאטער אין דער שטאט וואו ער איז געבארען געווארען

אַלס דילעטאַנט. געבאָרען געוואָרען איז ער אין יאהר 1894, אין דער שטאָדט יאסע, רומעניען. געקומען קיין אמעריקא אין יאהר 1903, און האָט אָנגעפאנגען שפּילען טעאַטער אין פּיטסבורג אין דעם זעלבען יאהר.

שווארץ שפּילט יעצט אין דעם גרויסען סעקאָנד עוועניו טעאַטער.

מישאַ גערמאַן

מישע גערמאַן.

מישא גערמאן איז געבוירען געווארען אין באַלשוי טאַק-מאק, טאַוו. גובערניע, רוסלאַנד. אָנגעפאַנגען שפּילען אין סימפעראַפאַל, אין 1903, אין רוסיש. געוועזען דירעקטאָר אין ווארשע פון א „קאָמפּאַניע ליוביטעלעם". א גרופּע טעאַטער-ליבהאָבער.

אין 1904 פאנגט ער אָן צו שפּילען אין אָדעס אין בענדער טעאַטער. געקומען אין אמעריקא אין 1908. פון יענער צייט אָן האָט מישע גערמאן געשפּילט אין א גאנצער רייהע טעאַטערען אין ניו יארק און אין דער פּראָווינץ.

אין יאהר 1925 האָט ער זיין אייגען טעאַטער אין בראַנזוויל, וואו ער שפּילט מערסטענטייל פּיעסען פון בעסערען סארט.

אמנעהנטטען זיינען איהם די ראָלען פון א פּארליבטען. ער איז אויף דער ביהנע שוין 23 יאהר און האָט זיך געשאַפען א נאָמען אַלס ערנסטער און גוטער ארטיסט.

לוסי גערמאַן

לוסי גערמאַן.

לוסי גערמאן איז געבאָרען געוואָרען אין ווארשע אין דעם יאהר 1898. זי האָט אָנגעפאַנגען שפּילען טעאַטער אין ביאַלעסטאָק, אין יאהר 1906. געקומען קיין אמעריקא אין יאהר 1909. האָט געשפּילט אין א גאַנצע רייהע אידישע טעאַטערען צוזאמען מיט איהר מאַן, מישא גערמאן. זי האָט אויך געשפּילט אייניגע סיזאנען באזונדער פון מר. גערמאַן.

פון דעם יאהר 1925 שפּילט זי צוזאמען מיט מישא גערמאן אין בראַנזוויל, אין זייער אייגען טעאַטער. זי שפּילט דראמאטישע ראָלען און אויך הומאָריסטיש-כאראקטער ראָלען.

אליהו טענענהאָלץ

אליהו טענענהאָלץ.

געבוירען אין א קליין שטעדטעל, אזיראָן, וואָלינער גובערניע, רוס-לאַנד, ביי בעלי-בית'ישע עלטערען. אלס אינגעל געלערענט אין חדר, געזונגען ביי די אָרטיגע חזנים און געהאט א פּריוואַטען לעהרער אין רוסיש און העברעאיש. אין 1901 קומט ער קיין ניו יאָרק און געהט אין פּאָב-

ליק־סקול און מיט אויסצייכענונג טרעט ער דערנאָך אריין אין איווינינג היי־סקול. אָבער עס ציהט איהם צום טעאַטער. ער גיט זיך אָפּ מיט לייענען אידישע ליטעראַטור און ער טרעט אריין אין אַ דראַמאַטישען קלוב „פּראָגרעסיוו דראַמאַטיק קלאַב".

זיין ערשטער אויפטריט אויף דער בינע איז געווען אין פעברואַר, 1906, אין ז. ליבינ'ס אַ שטיק מיט'ן נאָמען „דוד און זיין טאָכטער".

זיין ליבע צו דער בינע האָט איהם געבראַכט אין אַ פּריוואַטער דראַמאַטישער שולע פון אַ דייטשער לערערין, מאַדאַם מאָרגענראַט, און די סצענישע בילדונג, וואָס ער האָט געקראָגען, איז געווען: רעציטאַציע, פּלאַסטיק, עלאָקיושאָן.

אין „פּראָגרעסיוו דראַמאַטיק קלאַב" ציהט ער גרויס אויפמערקזאַמקייט צו זיין פּאַרלייענען, און אויך זיין פּעריאָדיש ערשיינען אין ראָלען ברענגט איהם אָנערקענונג.

אין 1916 ווערט טענענהאָלץ אריינגענומען אין דער אַקטיאָרען־יוניאָן לאָקאַל 1 און קריגט דעם „אַטעסטאַט" צו זיין אַ „לעדזשיטימייט" אַקטיאָר. אין זעלבען יאָהר טרעט ער אויף מיט דוד קעסלער און צייכענט זיך אויס אין טער אַלס קינד פון זעקס יאָהר אין פאַרשידענע ראָלען, וועלכע קעסלער אָנפאַרטרויט איהם. אין 1917 שפּילט ער אין פּיפּעלס טעאַטער מיט בעסי טאָמאַשעווסקי. דעם נעקסטען סעזאָן ווערט ער אַנגאַזשירט אין גרענד טעאַטער דורך יעקב פּ. אַדלער. זיין ערשטע אָנגעזעהענע ראָלע קריגט ער פון אַדלער'ען אין גאָרדינ'ס „אלישע בן אבויה", די ראָלע פון שמעון הנגיד.

אינ'ם סעזאָן 1918־19 טרעט ער אריין אין אירווינג פּלייס טעאַטער אין מאָרים שוואַרצ'ס טרופּע, פון וועלכער עס האָט זיך שפּעטער ארויסגעשיילט „דאָס אידישע קונסט־טעאַטער", מיט וועלכען ער איז דורך דער צייט געווען פאַרבונדען זעקס יאָהר.

היינטיגען סעזאָן, 1925-26, שפּילט ער אין אָמפּיאָן־טעאַטער, אין ברוקלין, און ער איז איינער פון די דריי ערשטע שוישפּילער און צווייטער רעזשיסאָר פון טעאַטער. ער האָט מיט זיין שפּילען זיך באַליבט געמאַכט ביי אַלע קלאַסען טעאַטער־באַזוכער.

אליהו טענענהאָלץ האָט שוין אויך געמאַכט געלונגענע פּאַרזוכען אויף אַנדערע קינסטלערישע געביטען. ער האָט ערפאָלגרייך פּאָזירט אין עטליכע מואווינג־פּיקטשורס.

אליהו טענענהאָלץ איז פאַרהעלטניסמעסיג נאָך גאָר אַ יונגער שוישפּילער — קוים צעהן יאָהר אויף דער בינע, אָבער ער האָט אין דער קורצער צייט זיך געשאַפען אַ באַדייטענ־ען נאָמען אויף דער אידישער בינע.

מאַקס ווילנער



מאַקס ווילנער.

געבוירען דעצעמבער דעם 18טען, 1894, אין ברעידעוו, גאַליציען. געקומען אין אמעריקע אין יאָהר 1909. צו שפּילען טעאַטער, צו מאַכען די ביהנע אַלס זיין קאַריערע האָט ער קיין מאָל ניט געטראַכט. אין דעם יאָהר 1911 איז ער אריין אַלס מיטגליד אין אַ דראַ־

מאטישען פאראיין. דאָרטען האָט ער זיך באטייליגט אין „אַנקעל טאָם'ס קעבין". דאָס איז געשפּילט געווארען אין א מואווינג פּיקטשור; ער האָט געשפּילט די ראָלע פון א פּאָליסמאַן, און האָט שטארק אויסגענומען.

שפּעטער האָט ער אָנגעהויבען שפּילען אויף דער אידישער ביהנע. ער שפּילט איצט אַלס א קאָמיקער אין דעם סעקאָנד עוועניו טעאַטער.

אַלעקסאַנדער אָלשאַנעצקי

אלעקסאנדער אלשעניצקי

אַלעקסאַנדער אָלשאַנעצקי איז אין אמעריקע געקומען מיט אַ פּאָר יאהר צוריק און ער האָט שוין ערוואָרבען א נאָמען צווישען די אידישע טעאַטער־קאָמפּאָזיטאָרס. ער האָט שוין געשאַפען מוזיק פאר עטליכע פרעהליכע אידישע אפּערעטעס, ווי אויך די מוזיק פון „שבתי צבי", און שווארץ'ס „קונסט טעאַטער." יעצט איז ער פארבונדען מיט ליבערטי טעאַטער.

געבארען געווארען אין אדעס, וואו ער האָט דארטען געענדיגט די קייזערליכע מוזיקאלישע שולע, האָט אלשענעצקי אין זיין קורצער און יונגער קאָריערע קאָנצערטירט אין רוסלאנד, דייטשלאנד, האָלאנד, כינא, יאפּאן, אינדיען, מעקסיקא און איצט אין אמעריקע.

אין אמעריקא איז אלשענעצקי שוין אויף צו בלייבען און אויך ווארשיינליך, שטענדיג בלייבען פארבונדען מיט די אידישע טעאַטערע.

בעלאַ מייזעל



בעלא מייזעל.

בעלא מייזעל איז די טאָכטער פון אונזער אַלטען באליבטען אקטיאָר, היימאַן מייזעל. זי האָט זיך אויסגעהאָדעוועט ארום דער אידישער ביהנע. פון קינדווייז אָן האָט זי געצויגען צום שפּילען טעאַטער. דער טאַטע, מייזעל, איז פאר דער טעאַטער־פּראָפעסיע נישט געוועזען באגייסטערט און ער האָט אויך נישט געוואָלט אז זיין טאָכטער זאָל ווערען א אידישע אקטריסע.

אין 1924 באשליסט אָבער בעלא מייזעל צו פארבינדען זיך מיט'ן אידישען טעאַטער און זי פאנגט אָן צו שפּילען אין נעשאנאל טעאַטער אין דער פּיעסע „מענדעל אין יאפּאן". זי זאָגט אז מיט דעם שפּילען אין דער פּיעסע האָט זי איבערצייגט דעם טאַטען, אז די אידישע ביהנע נויטיגט זיך אין איהר.

זי איז געבוירען אין ניו יארק, דעם 5טען אפּריל, 1902. זי איז יונג אין יאהרען, יונג אויף דער אידישער ביהנע און פארשפּרעכט א סך. מיט איהר פּיינעם, געשוהלטען זינגען נעמט זי אלע מאָל שטאַרק אויס ביי די טעאַטער־באזוכער און ביי מבינים פון מוזיק.

לוסי לעווין

לוסי לעווין.

לוסי לעווין איז די טאָכטער פון א אידישען כאָריסט, וועלכע איז געקומען צוזאמען מיט איהרע עלטערן קיין אמעריקא אלס א קינד. זי איז געבאָרען אין ווילנע, אין יאהר 1906, האָט אלעמאָל געבענקט נאָכ'ן סטייטדזש, אָבער האָט מורא געהאט איהר בענקשאפט צו פארטרויען דעם טאַטען, ווייל דער טאַטע איז נישט געווען באגייסטערט זיין איינציג קינד אריינצוציהען אין דער אקטיארען פראפעסיע. צופעליג האָט סעמיועל גאָלדינבורג איהר געהערט זינגען און ער איז פון איר שטימע באגייסטערט געווארען. און אזוי ווי אין יענער צייט האָט סעמיועל גאָלדינבורג געעפענט זיין אייגענעם טעאַטער אין פילאדעלפיע האָט ער איהר אָנגעבאָטען א שטעלע אין זיין טעאַטער.

אין איהרע ערשטע ארויסטרעטונגען איז לוסי לעווין געווארען די פּאָפּולערסטע ארטיסטין אין זיין טרופּע. איהר פּאָפּולאריטעט איז דערגאַנגען צו די „בערען" פון סעקאָנד עווענין, און די עדעלשטיינס האָבען איהר צוגענומען פאר זייער טעאַטער. דעם יאָהר שפּילט זי מיט ערפאלג אין סעקאָנד עוועניו טעאַטער און מיט איהר זינגען און שפּילען פארשפּרעכט זי זעהר א סך פאַר דער צוקונפט.

פסח בורשטיין



פסח בורשטיין.

פסח בורשטיין איז געבאָרען אין דער שטאָדט פּאָלטוסק, אין יאהר 1896. אָנגעפאנגען שפּילען טעאַטער אין גראדנא, אין יאהר 1911. ער איז שוין אויף דער ביהנע 15 יאָהר. פינף יאהר האָט ער געשפּילט אין דער שטאָדט ווילנע. אין אמעריקע איז ער געקומען אין יאהר 1923 און האָט אָנגעפאנגען צו שפּילען אין טאָמאשעווסקי'ס טעאטער אויף בראָדוויי, אין דער פּיעסע „די פרעהליכע שניידער."

זיין קומען צו דער אידישער ביהנע איז פארבונדען מיט זעהר אן אינטערעסאנטען עפּיזאד. זיצענדיג ביי א חזן מיט דעם נאָמען ביאלין אין דער שטאָדט בערדיאנסק, האָט איהם דער דיריזשאָר, פּאָדליובנע, איינגערעדט ער זאָל אנטלויפען מיט איהם אין ארעכא, א שטעדטעל נישט ווייט פון בערדיאנסק, און דארטען האָט ער איהם איינגערעדט צו ווערען א אידישער אקטיאר. זיינע עלטערען האָבען זיך ארויסגעלאָזט איהם זוכען און האָבען איהם נישט געפונען ביז מיט א צייט שפּעטער האָבען זיי זיך דערוואוסט, אז ער איז געווארען אן אקטיאר. עס איז שוין אבער געוועז צו שפּעט, אז זיין פאַטער זאָל אויף איהם ווירקען, ווייל דער ווילען צו שפּילען טעאַטער איז

ביי איהם געוועזן אזוי גרויס, אז ער האָט באשלאָסען צו בלייבען ביי דער ביהנע. פון דעם יאהר 1914 שפּילט ער טעאטער אין רוסלאנד אין פאר־שידענע שטעדט ווי יעקאטערינאס־לאוו, סימפערנאפאל, קערטש.

דזשאָזעף קעסלער

דזשאָ. קעסלער.

דזשא. קעסלער איז געבאָרען געווארען אין בודאפּעסט, אונ־גארן, אין יאהר 1881. ער האָט אָנגעפאנגען שפּילען אין אמעריקע אין יאהר 1898, אין ווינדזאָר טעא־טער. ער איז שוין אויף דער ביהנע 28 יאהר. ער האָט זיך ערווארבען א נאָמען שפּילענדיג אין „אַטלעאַ". זיינע הויפּט ראלען זיינען אלעמאָל געוועזען כאראקטער ראלען אין גאָר־דין'ס פּיעסען.

קעסלער האָט געשפּילט מיט יעקב פּ. אדלער א לאנגע צייט אין גרענד טעאָטער. שפּעטער האָט ער געמאכט א רייזע איבער אייראָפּע און גע־שפּילט אין לאָנדאָן, פּאריז און סאוט אפריקע, און אין פארשידענע אנדע־רע לענדער.

זינט 1925 שפּילט ער אין די בראָנקס, אין מעקינלי סקווער טעא־טער, וואו ער האָט אויך א חלק אין דער געשעפטס־זייט פון טעאטער.

דזשוליוס נאַטאַנזאָן

דזשוליוס נאַטאַנזאָן.

דזשוליוס נא־טאנזאָן איז געבוי־רען געווארען אין קיעוו, רוסלאנד. ער האָט אָנגעפאנגען שפּילען) טעאָטער אין ניו יארק מיט ניין יאהר צוריק. זיין זשאנר איז — קאָמיקער. ער מאכט איצט צו לאכען גאנץ באָס־טאָן. ער ווערט פאררעכענט פאר איינעם צווישען די פרעהליכסטע אקטיאָרען אויף דער אידישער ביה־נע. די ערפאָלגרייכסטע כאראקטער־ראָלען זיינען: דער איטאליענער, אין דער „חזנ'טע", דער שייגעץ, אין „צוריק צו זיין פאָלק", איזי, אין „סוזי ברען" „וועלוועל כוואט", אין דער פּיעסע מיט דעם זעלבען נאָמען. ער איז איצט אויך דער דירעקטאָר פון אידישען טעאטער אין באסטאָן.

בערטאַ גוטענטאַג

בערטע גוטענטאג.

בערטע גו־טענטאג איז גע־בוירען געוואר־רען אין באָטי־שאן, רומעניע. געשפּילט טעא־טער אין וויען, גאליציע, רומע־ניע, ענגלאנד, פראנקרייך, זיד אמעריקא, ניו יארק און שיקאגאָ. איהר זשאנר איז אין דראמאטישע ראלען.

איהרע ערפאָלגרייכע כאַראַקטערען, וואָס זי האָט פאַרגעשטעלט אויף דער בינע, זיינען געווען אין: „מירעלע אפרת", „די יתומה", „קרייצער סאָנאטא", „די שחיטה" און אַנדערע. זי שפּילט איצט אין באָסטאָנער אידישען טעאַטער.

איהר פאָטער, אברהם אַקסעלראָד, איז געווען אַ שוישפּילער און טעאַטער-דירעקטאָר אין בוקאָווינע און אין גאַליציען, און זיין טאָכטער, בערטאַ גוטענטאַג, האָט אָנגעפאַנגען צו שפּילען אויף דער אידישער בינע אַלס קינד פון פיער יאָהר.

מישע בודקין


מישע בודקין.

געבוירען אין נאָווי-בורג (כערסאָנער גובערניע). אָנגעפאַנגען שפּילען אידיש טעאַטער אין יאהר 1907 אין מישאראַט'ס טרופּע. אין יאהר יאהר 1912 אָנגעקומען אין פישזאָהן'ס טרופּע מיט וועלכער ער האָט צוזאמען געשפּילט כמעט ביז דער רעוואָלוציע. דאן איז ער, צוליב מיליטערישע אנגעלעגענהייטען אוועק קיין כארבין. ער האָט געשפּילט אין כארבין כמעט פיר יאהר. דאן איז ער אוועק אין שאנכיי (כינע). פון דאָרט אין יאפּאן, און דערנאָך קיין קאנאדע. איבעראל געשפּילט אידיש טעאטער. אין 1923 איז ער געקומען אין די פאראייניגטע שטאַטען, וואו ער געפינט זיך ביז איצט.

ציליע בודקין

ציליע בודקין.

געבוירען אין באָברויסק, מינסקער גובערניע. ערצויגען אין ווארשע. אנגעפאנגען שפּילען אידיש טעאטער אין יאהר 1908 מיט יונגע, טאַלאַנטפולע אַקטיארען. דאן איז זי אנגעקומען אין סאָבסיים טרופּע און צוליב אַ העברעען אידעאַל איז זי אוועק פון סאָבסיים טרופּע און איז אנגעקומען אין הירשביין'ס טעאטער. שפּעטער איז זי אנגעקומען אין פישזאָהן'ס טרופּע און האָט דארטען פארנומען זעהר אַן אנגעזעהענעם פּלאַץ. צוליב דער מלחמה האָט זי פארלאזען צענטראל רוסלאנד און געפאָהרען קיין כארבין, דערנאָך אין שאנכיי, יאפּאן, דערנאָך אין קאנאדע און אין 1923 גע-

ראובן גאָלדבערג


ראובן גאָלדבערג.

געבוירען געוואָרען אפּריל דעם 15, 1893, אין אַ קליין שטעדטעל אין פּאָדאָליער גובערניע. צו צעהן יאהר האָט ער שוין געלערענט אין אומאן, קיעווער גובערניע, אין יאָהר 1910 איז ער געקומען קיין אמעריקא. ער איז גלייך באקאנט געווארען אין די

ליטעראַרישע קרייזען. אויך געווען א מיטגליד אין פאַרשידענע דראַמאַ־טישע קלובען.

פון אַלע אידישע שרייבער איז איהם אַם נעהנטסטען דער פאַרשטאַר־בענער הומאָריסט, שלום עליכם. זיי־נע ווערק האָט ער געלערענט און נישט געלעזען. זייענדיג אַליין גע־בענשט פון גאָט מיט א סך הומאָר האָט ער אָנגעפאַנגען שלום עליכם'ס הומאָריסטישע ווערק פאַרלייענען און איז באַקאַנט אויף דער איסט סייד אַלס דער גלענצענדסטער און בעסטער שלום עליכם פאַרלעזער.

ער איז איצט פאַרבליבען אויף דער אידישער גאַס אַלס איינער פון די אָנגעזעהענסטע הומאָריסטישע פאַרלעזער און אין זיין רעפּערטואַר געהט אריין א חוץ שלום עליכם, אויך משה נאַדיר און ב. קאָוונער.

חזן יצחק גליקשטיין


יצחק גליקשטיין.
חזן פון טעמפּעל „משכן תפלה" אין באָסטאָן, מאַסס.

געבאָרען אין קישינעוו, רוס־לאַנד. א גראַדו־אירטער פון דער בודאַפּעסטער, אונגאַרי־שער, קעניגלי־כער מוזיק אַקאַ־דעמיע.

יצחק גליק־שטיין איז נישט נאָר א חזן; ער איז אויך א גע־שולטער זינגער פון קלאַסישע מוזיק; ער האָט קאָנ־צערטירט אין עסטרייך, אונגאַרן, דייטשלאַנד און אמעריקא. ער ווערט פאַררעכענט צווישען די אָנ־געזעהענסטע חזנים אין אמעריקא.

די נייע אייגענטימער פון „סעקאָנד עוועניו" טעאַטער.


פון לינקס צו רעכטס: נייטען פאַרנעס, יעקב קאַליך, ווילי פּאַס־טערנאַק, יאָזעף רומשינסקי, מאַקס זאַגער.

דזשאָרדזש דזשעסעל

דער יונגער אידישער ארטיסט, וועלכער איז געוואָרען באַריהמט אויף דער ענגלישער ביהנע אין דער הויפּט-ראָלע פון „דהי דזשעז סינגער".

פונקט ווי אַלע גרויסע טאַלאַנטען האָט ער דורכגעמאַכט זעהר שווערע צייטען ביז ער האָט דערגרייכט דעם אויבערשטען שטאַפּעל אויף דעם לייטער פון ערפאָלג.

דזשאָרדזש דזשעסעל

דזשאָרדזש דזשעסעל האָט אָנגע-פאַנגען זיין קאַריערע אלס זינגער פון פּאָפּולערע פאָלקס-לידלאַך, ווען ער איז געוועזען צעהן יאָהר אלט. דאָס איז געוועזען מיט 17 יאָהר צוריק אין דעם „אימפּיריעל טעאטער", אויף דער 116טער סטריט. ער האָט אויך גע-זונגען אין פארשידענע מוזיק האָלס. אָבער שוין דאַן ווען ער האָט נאָך געזונגען ביליגע וואָדעוויל לידלאַך האָט זיך באמערקט, אז ער ברענגט ארויס דיזע לידלאַך אויף אן אייגענ-אַרטיגען שטייגער. א געניט אויג האָט שוין דאַן געקאָנט זעהן, אז ביים זינ-גער קלאַפּט א ווארים הארץ, אן איידעלער געפיהל און א שטאַרקער ווילען פאַר עטוואס בעסערס און שעהנערס. אָט דיזער שטאַרקער ווי-לען און זיינע איינגעבאָרענע אייגענשאַפטען פון א קינסטלער האָבען איהם געבראַכט צו ווערען דער סטאַר אין „דהי דזשעז סינגער".

מרס. דזשעסעל, די ליבע מוטער, האָט צו זיין פריהער יוגענד פארלוירען איהר שפּייזער. זייער לאַגע איז דאַן געוועזען זעהר א טרויעריגע און דזשאָרדזש דזשעסעל'ס מוטער האָט איהם נישט געשטערט אין זיין נייגונג צום סטיידזש. נישט קוקענדיג וואס זי האָט אין אָנפאַנג נישט געהאַט צופיל פארגעניגען פון דעם וואס איהר איינציגער קינד זינגט אין מוזיק האָלס, האָט זי איהם נאָך ערמוטיגט צו ערפאָלג.

זיין מוטער'ס פרייהייט און איבערגעגעסהייט האט איהם געמאכט אזוי נאהענט צו איהר, אז אלע זיינע לידלאך אין וועלכע ער האט געמאכט דעם גרעסטען ערפאלג, זיינען געווען געווידמעט דער מוטער, ווי: „מאמא עט דהי טעלעפאן", „מאמע עט א פרענטש פלעי" און „טאקינג טו מאמא".

דזשארדזש דזשעסעל איז געבארען געווארען אין יאהר 1898 אין הארלעם. ווען ער איז דאס ערשטע מאל ארויסגעטראטען זינגען האט ער געהאט אזא ערפאלג, אז דריי טעג שפעטער האט מען איהם גלייך געמאכט אלס דער געהילף צו עדדי קענטאר, אין א וואדעוויל אקט ביים נאמען „גאס עדווארד'ס סקול באיעס ענד גירלס". צו זעכצעהן יאהר האט זיך זיין יונגע שטימע געענדערט און ער האט מעהר נישט געקאנט שפילען אלס סקוהל באי. דאן האט איהם צופעליג געהערט אן ענגלישער מענעדזשער און ער האט איהם געגעבען א צעהן-וואכען ענגיידזשמענט אין "וויקטאריא טעאטער", אין לאנדאן, ענגלאנד.

דזשעסעל האט דאן פארבראכט א יאהר צייט אין לאנדאן, זיך ווארפענדיג אויף אלע זייטען אום צו קענען מאכען גענוג געלט אויף דער צוריק-רייזע.

קומענדיג צוריק האט ער פארבראכט א לענגערע צייט אין וואדעוויל. ער איז ערפאלגרייך אויפגעטראטען אין א זאך, וואס ער האט אליין אנגעשריבען, מיט'ן נאמען „טאקינג צו מאמא".

אום צו באשרייבען אלע ליידען און שוועריגקייטען וואס דער באגאבטער דזשארדזש דזשעסעל האט דורכגעמאכט וואלט מען געקאנט אנשרייבען א גאנצען בוך.

איצט איז ער דזשעק ראבען אין „דהי דזשעז סינגער" און נעמט די בראדווייער טעאטער גייער מיט שטורם. די לויב געזאנגען וואס די ענגלישע אזוי גוט ווי די אידישע פרעסע האט איהם געגעבען קענען קריגען בלויז געצעהלטע טאלאנטען, וועלכע קענען דערגרייכען די העכסטע שטופע פון ערפאלג.

די פיעסע „דהי דזשעז סינגער" איז פון אידישען לעבען און שפיגעלט אפ א מערקווירדיגען קאמף אין א אידישען יונגענמאן, דעם זוהן פון א חזן-„קאנטאר", וועלכער ווערט צוריסען צווישען דעם געפיהל פון פליכט צו זיינע עלטערען און די מעגליכקייט צו ווערען גרויס און באריהמט אלס א ביהנען-קינסטלער.

דזשארדזש דזשעסעל באווייזט מיט זיין שפילען צו מאכען יעדען אנוועזענדען אין טעאטער איבערצולעבען צוזאמען מיט איהם די טראגישע מאמענטען אין דעם לעבען פון דעם הויפט העלד פון דער פיעסע.

דזשארדזש דזשעסעל איז אהן צווייפעל נאך א שטערען אויף דעם גרויסען הימעל פון אידישע קינסטלער.

דירעקטאָרי פון אידישע יוניאָנס

בעקערס יוניאָן לאָקאַל 87 — געגרינדעט אפּריל דעם 24טען 1909. צעהלט 350 מיט־גלידער. מיטעט אין לייבאָר לייסעאום, 219 סעקמאַן סטריט, ברוקלין. סעקרעטאר: י ראָוז; רעקאָרדינג סעקרעטאר: מ. גראָס.

לאָקאַל 2 אַמאַלגאַמייטעד קלאָדינג וואָירקערס אָף אַמעריקא — געגרינדעט אין 1886. צעהלט 5000 מיטגלידער. מיטעט אין אַמאַלגאַמייטעד טעמפּעל, ברוקלין. טשערמאַן: דזשאָו גודמאַן.

בעקערס יוניאָן לאָקאַל 305 — געגרינדעט אין 1903 מיט 80 מיטגלידער, צעהלט איצט 535. מיטעט יעדען פּריוואַג בייטאָג אין 7 וועסט 110טע סטריט. סעקרעטאר מ. יאַנאָווסקי, 7 וועסט 110טע סטריט.

יונייטעד נעקווער מייקערס יוניאָן — געגרינדעט אין 1903, צעהלט 1500 מיטגלידער, פאַרבונדען מיט דער אַמעריקען פעדערײשאָן אָוו לייבאָר. מיטעט אין 7 איסט 15טע סטריט. באַאַמטע: ל. בעקער — מענעדזשער; עדמונד גאָטעסמאַן — סעק־רעטאַר; ל. פוקס — איידזשענט.

אַמאַלגאַמייטעד לײדיס גאַרמענט קאַטערס יוניאָן לאָקאַל 10 א. ל. ג. וו. י. — געגרינדעט אין סעפּטעמבער, 1906. צעהלט 4500 מיטגלידער. דייוויד דובינסקי — דזשענעראַל מענעדזשער, 231 איסט 14טע סטריט.

אינטערנעשאָנאַל פּאָקעט בוק וואָירקעס יוניאָן

געגרינדעט געווארען דעם 24טען סעפּטעמבער, 1917.

פארבונדען מיט דער אמעריקאן פעדערײשאָן אוו לייבאָר.
די יוניאָן איז צוטיילט אין 9 סעקשאָן לאָקאַל יוניאָנס, אין ניו יאָרק, ניו דזשוירזי און פילאדעלפיע.
די יוניאָן צעהלט 6,000 מיטגלידער.
די הויפּט־צענטרען פון טרייד זיינען: די סטייטס פון ניו יאָרק, ניו דזשוירזי, פענסילווייניא, מאסאטשוזעטס און אילינאָי.
ארבייטס־שטונדען — 44 א וואך. סאניטארע קאנדיציאָנען.
אידען, דייטשען און אמעריקאנער זיינען מעהרסטענטיילס באשעפטיגט אין דעם טרייד.
דיום—30, 40 און 45 סענט א וואך; איינטריטס געלט—פון 5 ביז 50 דאָלאר.
די יוניאָן איז אָפען פאר אלע אפּליקאנטען, וועלכע ווערען אויפגענומען דורך א מעמבערשיפּ קאָמיטע.
די יוניאָן איז אנגעשלאָסען אין דער אינטערנעשאָנאל יוניאָן באנק.

די באַאַמטע:

ה. סאנדערסאָן, טשערמאַן.

ט. קליינמאַן, טרעזשורער.

א. י. שיפּליאַקאָף מענעדזשער.

פאַריערס אינטערנעשאָנאַל

די פאַריערס אינטערנעשאָנאַל האָט אַ מעמבערשיפּ אין די פאַראייניגטע שטאַטען און קענעדע פון 15,000. דער הויפט טרייד געפינט זיך אין ניו יאָרק, וואו עס געפינען זיך עטליכע גרויסע און וויכטיגע לאָקאַלען. די ניו יאָרקער לאָקאַלס זיינען פאַראייניגט אין איין דזשאָינט באָארד. די ארבייטס-שטונדען אין דעם פאַריערס טרייד זיינען 44. דער אינטערנעשאָנאַל אָפיס געפינט זיך אין 9 דזשעקסאָן עוו., לאָנג איילענד, ניו יאָרק.

דער פּרעזידענט פון דער אינטערנעשאָנאַל איז א. שאַכטמאַן; סעקרעטאַר טרעזשורער איזידאָר וואָל.

אין יאָהר 1925, אין נאָוועמבער האָבען זיי אָפּגעהאַלטען א ספּעציעלע קאָנפערענץ אין באָסטאָן. די ספּעציעלע קאָנפערענץ איז גערופען געוואָרען פאר דעם צוועק אויסצוגלייכען די צווייסטיגקייטען, וועלכע זיינען געשאַפען געוואָרען צווישען דער ברייטער מעמבערשיפּ מיט די פריהערדיגע בעאמטע פון דער אינטערנעשאָנאַל.

היברו-אַמעריקאַן טיפּאָגראַפיקאַל יוניאָן 83

אי. טי. יו., נומ.

געגרינדעט אין יאָהר 1887 מיט צוועלף מיטגלידער. באַשטעהט איצט פון 258 מיטגלידער.

האַלט אָפּ איהרע זיצונגען יעדען צווייטען פרייטאָג פון חודש, אין קלינטאָן האָל, 151 קלינטאָן סטריט, ניו יאָרק.

ALLIED PRINTING TRADES UNION LABEL COUNCIL NEW YORK CITY 20

ה. ראָזענסאָן, פּרעזידענט.
דזש. דזש. גורעוויטש, סעק.-טרעזש.

ניו יאָרק דזשאָינט באָארד א. ק. וו. אָוו א.

621 בראָדוויי, ניו יאָרק, נ. י.

טעלעפאָן ספּרינג 7600.

אב. בעקערמאַן,
דזשענ. מענעדזשער.

אברהם מילער,
סעק.-טרעזשורער.

אינטערנעשאַנאַל לײדיס

געגרינדעט אין יאַנואר, 1899.

די יוניאָן איז פארבונדען מיט דער אמעריקאַן פעדערײשאָן אָוו לײבאָר און מיט דעם אינטער־נאַציאָנאַלען באַקלײדונגס ארבײטער פאַרבאַנד.

די אינטערנעשאָנאַל פארמאָגט 113 לאָקאַלס אין 26 שטעדט.

צעהלט 90,000 גוט-שטעהענדע מיטגלידער.

די הויפט צענטרען פון דער אינדוסטריע זײנען: ניו יאָרק, פילאדעלפיע, שיקאגא, באָסטאָן, סט. לואיס, קליװלאנד און טאָראָנטאָ.

די ארבײטס-באַדינגונגען זײנען: 40 און 44 שטונדען א וואך; מינימום וויידזש פון 45 דאָלאר ביז 55 דאָלאר א וואָך. דורכשניטליכע וויידזש 60 דאָלאר אַ וואך

די יוניאָן האָט אַ ספעציעלע סאַניטאַרי באָארד.

דער מעדיצינישער צענטער פון דער אינטער־נעשאָנאַל גיט מעדיצינישע באַהאַנדלונג צו טויזענטער מעמבערס און ארבײטער פון אַנדערע יוניאָנס.

אײגענע בילדינג — 3 וועסט 16טע סטריט, ניו יאָרק.

פרעזידענט
מאָריס זיגמאַן.

גאַרמענט וואָירקערס יוניאָן

נעגרינדעט אין יאנואר, 1899.

די נאַציאָנאַליטעטען, וואָס ארבייטען אין דער אינדוסטריע זיינען: 70 פּראָצענט אידען; 25 פּראָצענט איטאליענער און אַנדערע נאַציאָנאַליטעטען.

דיוס — 35 און 50 סענט א וואך.

איינטריט געלט — פון 15 ביז 50 דאָלאר.

פאר עדיוקיישאָנאל ארבייט עקזיסטירט א ספּעציעלער עדיוקיישאָנאל דעפּארטמענט.

גיט אַרויס צוויי וואָכענבלעטער, וואָס ווערען געשיקט צו אַלע מיטגלידער, אין אידיש — „די גערעכטיגקייט", אין ענגליש — „דזשאָסטיס".

אָרגאַניזירט די אינטערנעשאָנאַל יוניאָן באַנק, וואָס געפינט זיך אויף 5טער עווע. און 21טע סט.

INTERNATIONAL BUILDING, 3 WEST 16th STREET

דזשענעראל סעקרעטאר-טרעזשורער
אברהם באַראָף.

דער איינציגער וועג ווי איהר קאָנט העלפען די סעלצער ארבייטער

צו פארבעסערען זייער לאגע איז — ווען איהר וועט זיך
אנטזאגען צו נעמען סעלצער אָהן דיזען יוניאָן לייבעל

פארבונדען מיט די פאראייניגטע אידישע געווערקשאפטען.

פארבונדען מיט דער אינטערנע־שאָנאל ברויערי וואָירק. יוניאָן

סעלצער אַרבייטער, יוניאָן לאָקאל 311

פיליפ רויז, פרעזידענט. מ. ג. וואָלפערט, מענעדזשער.

אינטערנעשאָנאל קלאָט העט, קעפ און מילינערי

וואָירקערס יוניאָן.

די קעפ מילינערי אינטערנעשאָנאל האָט איהר יורידיקציע איבער די קעפ־מייקערס און דער מילינערי אינדוסטריע אין די פאראייניגטע שטאטען און אין קענעדע. זיי האָבען א מיטגלידערשאפט פון 15,000 אין אלע וויכטיגע צענטערן פון לאנד. זיי גיבען ארויס א צוויי־וועכענטליכע צייטונג אין אידיש און אין ענגליש, אונטער דעם נאָמען „דער העדגיער ארבייטער". זייער דזשענעראל סעקרעטאר איז מאַקס צוקערמאַן.

אָפיס פון דער אינטערנעשאָנאל: 621 בראָדוויי, ניו יאָרק.

פרעסערס יוניאָן, לאָקאל 3 א. ק. וו. אָוו א.

27־11 אריאָן פליים, ברוקלין, נ. י.

לואיס קאַנטאָר, טשערמאַן. לעאָן באַך, פינ.־סעק. ה. טיילאָר, רעק. סעק.

דזשאָינט אָרגאַניזיישאָן קאָמיטע
בעקערס יוניאָן

בעאַמטע:

פישעל בערמאַן
פינאַנס-
סעקרעטאר.

סעם פיין
רעקאָרדינג
סעקרעטאר.

פארבונדען מיט דער בעקערי און קאָנפעקשיאָנערי וואָירקערס אינטערנעשאָנאל יוניאָן אוו אמעריקא.

לאָקאלס — 87, 100, 163, 305.

צעהלט 2400 מיטגלידער.

דער צענטער פון דער אינדוסטריע איז אין ניו יאָרק.

די דורכשניטליכע וויידזשעס זיינען — 48$, 63$ און 66$ א וואָך, — ביי אן אכט-שטונדיגען ארבייטס טאָג.

איינטריטס געלט איז 25$.

די נאַטשורעליזיישאַן איד ליעג

די נאַטשורעליזיישאָן אייד ליג איז געגרינדעט געווארען אין 1909 מיט דעם צוועק צו מאכען אונזערע אימיגראנטען פאר בירגער.

די ליעג באשטעהט פון פּראָגרעסיווע ארגאניזאציעס און יוניאָנס. צווישען אַנדערע זיינען אין איהר פארטראָטען: די סאָציאליסטישע פּארטיי, די אינ־טערנעשאָנאל ליידיס גארמענט וואָירקערס יוניאָן, די פּאראייניגטע אידישע געווערקשאפטען, די אמאלגאמייטעד קלאָדינג וואָירקערס אוו אמעריקא, דער ארבייטער רינג, „פאָרווערטס" אסס'ן, וואומענס טרייד יוניאָן ליעג, קאָנסיומערס ליעג, מאָטהערס קלאָבס און אז. וו.

די „ליעג" נעמט ניט קיין געלט פון קיין קאַנדידאטען. אַלעס ווערט געטאָן פריי. זעהט דאָס אַייער אָרגאַניזאַציע זאָל שטיצען די „ליעג" און שטיצט איהר זי אויך. פּאטראָניזירט די אונטערנעמונגען וואָס די „נאַטשורעליזיישאָן אייד ליעג" אַראַנזשירט.

הויפּט־אָפיס:

„פאָרווערטס" בילדינג, 175 איסט בראָדוויי, ניו יאָרק

ברענטשעס אין הארלעם, ברוקלין, בראָנזוויל און בראָנקס.

גרייטער נ. י. אפּרייטאָרס לאָק. 5 א. ק. וו. אָוו א.

11־27 אריאָן פּליים, ברוקלין, נ. י.

ס. ליווי, רעק.־סעק. ס. קופּער, טשערמאן. מ. נעמזער, פינ.סעק.

איזידאָר קאָהן

אָרגאנייזער בוטשערס יוניאָן, לאָקאל 232

באגריסט די ערשיינונג פון דעם „אידישען וועלט־אלמאנאך".

אַלע ווערק פון שלום־עליכם

צו באַקומען אויף לייכטע באדינגונגען

טעלעפאָנירט סטייוועסענט 4479, אָדער שרייבט:

SHOLOM ALEICHEM FOUNDATION

31 Union Square, New York, N. Y.

דירעקטאָרי פון די ברענטשעס פון אידישען סאָציאַליסטישען פאַרבאַנד

אַלבאַני, נ. י.
ד. אַסאָפּסקי, סעק., 218 עלם סטריט.

אַטלאַנטאַ, דזשאַ.
ס. ווײנטראוב, סעק., 527 וועסט האַנ־טער סטריט.

עקראָן, אָ.
מ. ליפּשיץ, סעק., 641 יוקליד עווענױ.

באַלטימאָר, מד.
נ. פלעשמאַן, סעק., 2042 וואַלברוק עווענױ.

בעיאָן, נ. דזש.
מ. אײבראַמסאָן, סעק., 37 וועסט 48טע סטריט.

בירמינגהעם, אַלאַ.
מרס. דאָרפמאַן, סעק., 1615 נ. 11טע עווענױ.

באָסטאָן, מאַס.
ווּם. שוגאַר, סעק., 12 א. טרימאָנט ראָוד

ברידזשפּאָרט, קאָנ.
נ. ווײנער, סעק., 36 גורסעל סטריט.

בראָקטאָן, מאַס.
א. ליפּשיץ, סעק., 107 לינקאָלן סטריט.

באָפאַלאָ, נ. י.
ס. בראָדי, סעק., 237 ספּרינג סטריט.

שיקאַגאָ, איל.
דאָגלאַס פּאַרק ברענטש
לעאָן הענאָק, סעק., ק־אָ „פאָרווערטס״, 13טע און קעדזי סטס.
נארטוועסטערן ברענטש
קאַרל טשאַנסאָ, סעק., 1040 נ. וואַשינג־טאָן עווענױ.

קליוולאַנד, אָ.
מ. ווײנטראוב, סעק., 5008 וואודלענד עווענױ.

דענווער, קאָלאָ.
ה. פּיטשערסקי, סעק., 2935 וויליאַם סטריט.

דעטרויט, מיש.
א. רובינשטײן, סעקרעטאַר, 1604 טײלאָר עווענױ.

דאָרטשעסטער, מאַסס.
מרס. ס. בריקמאַן, סעק., 130 קעלענ־דאַר סטריט.

דולוט, מיננ.
ל. טולמאַן, סעקרעטאַר, 25 נ. 5טע עווענױ וועסט.

דאָנמאָר, פּאַ.
ס. נידענבערג, סעקרעטאַר, 201 א. דרינקער סטריט.

עליזאבעטה, נ. ד.
ס. גאָלדענבערג, סעקרעטאַר, 600 קאָרט סטריט.

הארטפאָרד, קאָנג.
מ. טאַגער, סעק., 175 באָרבור סטריט.

האָבאָקען, נ. דזש.
ס. באַסקין, סעקרעטאַר, 514 בלומפילד.

דזשעקסאָנוויל, פלאַ.
א. דיוואָסקין, סעק., 807 דייווים סט.

דזשוירזי סיטי
י. סעדלעצקי, סעק., 772 נוּאַרק עווע.

קענזעס סיטי, מיזורי.
ה. אַמערמאַן, סעקרעטאַר, 2705 איסט 18טע סטריט.

לאָרענס, מאַסס.
הערמאַן לעשין, סעק., 111 קראָס סט.

לין, מאַסס.
ס. גאָלדמאַן, סעק., 813 וועסטערן עווע.

לאָס אנדזשעלעס, קאַל.
מ. בוזין, סעקרעטאַר, פּ. אָ. באָקס 1292, אַרקייד סטיישאָן.

מאָנטרעאל, קענ.
ס. ברעגמאַן, סעקרעטאַר, 49 מעריען סטריט, וועסט.

מיננעאפאליס, מינ.
י. קאהען, סעקרעטאר, 321 אוירווינג עוועניו, נארט.

מילוואקי, ווים.
י. יולעוויטש, סעקרעטאר, 920 וואל-נאט סטריט.

ניו יארק סיטי
גרייטער ניו יארק סיטי קאמיטע.
העדקוואדערם: 204 איסט בראדוויי.
דוד מייער, ארגאניזער; מ. ביין, טשערמאן; ה. פאלעץ, סעקרעטאר.

קוני איילענד
ה. ווילדסטיין, סעקרעטאר, 2841 וו. 29טע סטריט, ברוקלין, נ. י.

בענסאהורסט ברענטש
מר. ב. באטווינניק, סעקרעטאר, 41 ביי 35טע סטריט, ברוקלין, נ. י.

22טען אסעמבלי דיסטריקט
מר. טשא. שושאן, סעקרעטאר, 218 ווען סיקלען עוועניו, ברוקלין, נ. י.

בארא פארק ברענטש
י. סקלאר, סעקרעטאר, 1566 41טע סטריט, ברוקלין, נ. י.

פאריערם ברענטש
מאקס סארטשין, סעקרעטאר, 1804 בעלמאנט עוועניו, ברוקלין, נ. י.

13טער און 19טער א. ד.
ווט. שאפירא, סעקרעטאר, 47 ווארעט סטריט, ברוקלין, נ. י.

בראנקס ברענטש
ס. וועקסלער, סעקרעטאר, 1113 גרענט עוועניו.

לאוער בראנקס ברענטש
א. ראבין, סעק., 639 איסט 137טע סט.

קלאוקמייקער ברענטש
פראפשטיין, סעקרעטאר, 73 איסט 104טע סטריט.

הארלעם ברענטש
מ. וואסיליעוו, סעקרעטאר, 58 איסט 99טע סטריט.

4טער אסעמבלי דיסטריקט
י. גרין סעקרעטאר, 182 ברום סטריט.

דאון טאון ברענטש
מר. דעניעל פעדער, סעקרעטאר, 238 איסט בראדוויי.

2טער אסעמבלי דיסטריקט
מר. זייביק, סעקרעטאר, 420 הינדסדייל סטריט.

ניו הייווען, קאנ.
מ. טאווראוו, סעק., 2 פרענק סטריט.

ניו בעדפארד, מאס.
א. לאסאוו, סעקרעטאר, 15 פענימען סטריט.

נארפאלק, ווא.
מ. ל. מילער, סעקרעטאר, 152 וועסט 10טע סטריט.

נוארק, נ. ד.
מאקס מינדלין, סעקרעטאר, 201 ס. ראוז סטריט.

אמאהא, נעב.
ס. ליפ, סעקרעטאר, 3406 דעווענפארט סטריט.

פאסייק, נ. דזש.
פ. סטיינערג, סעקרעטאר, 111 העמאנד עוועניו.

פעטערסאן, נ דזש.
ד. ראזען, סעקרעטאר, 214 גאווערנאר סטריט.

פילאדעלפיא, פא.
סענטראל ברענטש
איי. טאמאר, סעקרעטאר, 510 פערנאן סטריט.

סטראבערי מענשאן ברענטש
י. קייזער, סעקרעטאר, 3115 פאונטיין סטריט.

פראווידענס, ר. א.
י. פאוולאוו, סעקרעטאר, 42 קערינג-טאן סטריט.

פיטסבורג, פא.
י. פאלסבאום, סעקרעטאר, 2819 ברע-קערידזש סטריט.

ריוויער, מאס.
לואיס וויקטאָר, סעקרעטאַר, 112 שורלי עוועניו.

סאן פראנציסקא, קאל.
ה. קאָבליק, סעקרעטאר, 1010 פילמאר סטריט.

סיו סיטי, אייאָווא
י. שאפראַן, סעקרעטאר, באָקס 827.

סאוט בענד, אינד.
וו. ראבין, סעקרעטאר, 1035 וועסט דיווישאָן סטריט.

ספרינגפילד, מאס.
י. פרידמאָן, סעקרעטאר, 24 מאָנטגאָמערי סטריט.

סטעמפאָרד, קאָנ.
מאַקס וואָל, סעקרעטאַר, 40 האָלי עווע.

סט. לואיס, מיזורא
ל. פרידמאָן, סעקרעטאַר, 4127 מערי־לענד עוועניו.

סיראקיוז, נ. י.
י. שניידער, סעק., 1001 ארענדזש סט.

טאָלידא, אָהייאָ
י. מארמאר, סעק., 612½ טשערי סט.

טרענטאָן, נ. דזש.
א. פרידמאָן, סעקרעטאַר, 505 ס. וואָרען סטריט.

טאָראָנטאָ, קענ.
מ. סקורקאָ, סעקרעטאַר, 43 וואזלסלי סטריט.

יוניאן סיטי, נ. דזש.
ב. פיינגאָלד, סעקרעטאַר, 418 קאָלאָמבוס עוועניו.

וועסט ניו יארק, נ. דזש.
מ. ראָנטש, סעקרעטאַר, 320 12טע סט.

וואשינגטאָן, ד. ק
י. טיישאָף, סעקרעטאַר, 627 פרינסטאָן פּליים.

וואוסטער, מאס
ס. זאַלאַראָף, סעקרעטאר, 49 אייטנא סטריט.

ווילקעסבאר, פא.
י. טאַמאָוויץ, סעקרעטאַר, 12 לינקאָלן סטריט.

יאָנגסטאָן, אָהייאָ.
י. פרעסמאָן, סעקרעטאַר, 1361 ריגבי סטריט.

דער אידישער היים־אוניווערסיטעט

קורסען פאר זעלבסטבילדונג. אונטער דער דירעקציע פון אברהם קאָטיק.

לערנט דערוואקסענע פארשידענע לימודים דורך קאָרעספאָנדענץ

מעןקען לערנען:

שפּראַכען: ענגליש און אידיש — מאלעריי
מאטעמאטיק — טעכניק
נאטור־וויסענשאפט — בוכפיהרונג
הומאניטארע וויסענשאפטען — צייכענען
ליטעראטור — אידישע סטענאָגראפיע
טעאטער־קונסט; מוזיק — און אנדערע לימודים

מיט די לימודים פיהרען אן: מ. איוואנסקי, ח. בורגין, א. גודעלמאָן, מ. דוואָרקין, אַלקסנדר האַרקאַווי, דר. ב. האָפמאָן, דר. וויקסעל, י. וואָל, א. ש. זאקס, חיים ליבערמאָן, יעקב לעווין, ניגא מעדעם, דר. י. א. מעריסאָן, דר. מוקדוני, י. מעסטעל, מענדעל עלקין, אַדוואָקאַט ל. סאַווידזש, אברהם קאָטיק, דר. א. קאַראַלניק, יהודית קאַפּף, דר. אב. קאַספּע, אַדעלע קין, ח. שוים.

פאָדערט פראָספּעקטען! פאָדערט אויספירליכע פראָגראַמען!
אַדרעסירט:

YIDDISH HOME UNIVERSITY

154 Nassau Street, Tel. Beekman 1552 **New York**

קעמפ גן־עדן

קעמפ גן־עדן איז דער סאָציאַליסטישער ארבייטער קעמפ, וועלכער איז געגרינדעט געווארען אין יאָהר 1925. ער באשטעהט פון 119 אַקער לאנד, א גרויסען און שעהנעם לייק. פראכטפולע בערג אין דעם שעהנסטען געגענד פון ניו יאָרק סטייט, לעבען קאָלד ספּרינג, אין רעכטען הארץ פון האָדסאָן ריווער.

דער קעמפ איז אויפגעבויט געווארען דורך פארקויפטע שערס פון אנהענגער פון דיזער קעמפ אידעע, ווי יעדע איינציגע נייע זאך פאָדערט זיך נאָך א סך געלט צו מאַכען דעם פּלאַץ שעהנער און באקוועמער.

שערס ווערען נאָך איצט אויך פארקויפט

אַ שער קאָסט 5 דאלאר

דער פּרעזידענט פון קעמפ גן־עדן איז דר. קאלמאן, וויים-פּרעזידענט נ. כאנין, טרעזשורער, דר. קארל גאָטפריד.

אין 1926 וועט דער קעמפ געעפענט ווערען אין מאי.

זייט איהר שוין א חבר
פון דעם

אידיש-נאציאנאלע ארב. פארבאנד

דער פאַרבאַנד
איז דער אָרדען פון דער ראדיקאלער אידישער יוגענד אין אמעריקא.

דער פאַרבאַנד
גיט די זיכערסטע אינשורענס, די בעסטע פריווילעגיעס זיינע מיטגלידער.

דער פאַרבאַנד
איז דער איניצאַטאָר פון א מאָדערנער אידישער שול אין אמעריקא, פון א קולטורעלער אויפקלעהרונג.

יעדער פאָרגעשריטענער איד דארף באַלאַנגען צום פארבאַנד

מיטגלידער פון יוניאָנס, פּראָגרעסיווע אָרגאניזאציעס און קולטורעלע קלובען דארפען באלאנגען צום פארבאנד.

נאָך אינפאָרמאציע ווענדעט זיך צו:

JEWISH NATIONAL WORKERS' ALLIANCE

228 East Broadway, New York, N. Y.

מושב זקנים דהארלעם

דיזע אינסטיטוציע איז געגרינדעט געוואָרען דורך דעם בית־המדרש הגדול ד'האַר־לעם, דעם 10טען מאַי, 1917, און ווערט פאַרוואַלטעט פון אַ באָארד אָוו דירעקטאָרס פון 70 פערזאָן. די מעמבערשיפ גרייכט איבער 4,000, און די דיוס, וואָס זיי צאָלען יעהרליך, איז פון 3 דאלאר און העכער.

96 זקנים און זקנות האָבען יעצט אַ באַקוועמע היים אין דיזער נאָבעלער אינ־סטיטוציע, וועלכע באַשטעהט פון פיער הייזער, וואָס זיינען פאַרבונדען איינע מיט די אַנדערע, אָבער דאָס איז ניט גענוג אַריינצונעהמען אַלע אַפּליקאַנטען, וואָס ווענדען זיך טאָג־טעגליך. די פיהרער פון דיזער אינסטיטוציע אַרבייטען יעצט פאַר אַ נייער גרויסער היים. מיר ערוואַרטען, אַז די גרויסע אידישע באַפעלקערונג וועט אונז העל־פען אין דיזער הייליגער אַרבייט.

בעדזשאמין לואין, פרעזידענט

דזשייקאָב קעניגסבערג, עקס-פרעזידענט

אברהם ה. סאַנקען,
עליאם ריעמער
דזשאָזעף ראשקאָלם
בערנארד דובען
} וויים-פרעזידענטען

איזראעל ספיטאלניק, טרעזשורער

יצחק כהנא שפירא, סופעראינטענדענט

HEBREW HOME FOR THE AGED OF HARLEM
Organized by Beth Hamedrosh Hagodol of Harlem

114-120 East 105th Street, New York, N. Y.
Telephone: Lehigh 2671-7055

די אינטערנעשאָנאַל יוניטי הויז

אין פאָרעסט פּאַרק, פּא.

דער שעהנער פּלאַץ איז אָפען פאר די מיטגלידער פון אלע לאָקאַלס פון אונזער אינטערנעשאָנאַל און זייערע פאַמיליעס און פריינד.



ווי די יוניטי אימעניע זעהט אויס ווען מען קוקט אַרונטער פון אַן עראָפּלאַן.

אַ חוץ מעמבערס פון דער אינטערנעשאָנאַל ווערען אין דער יוניטי הויז אויפגענומען מעמבערס אויך פון אַנדערע אָרגאַניזאַציעס, און זאָנסט אינטעליגענטע מענשען און פריינד פון דער אַרבייטער-באַוועגונג.

אין יוניטי הויז לעבט זיך ווי אין אַ אמת'ן גן־עדן

עס איז דאָ א גרויסער טייך צו באָדען און זיך צו שיפען; פארשיידענע גיימס און טעגליכע גימנאסטיקס; קאָנצערטען, לעקטשורס און פארשיידענע געזעלשאפטליכע אונטערהאלטונגען. עסען און טרינקען פון די סאמע בעסטע. טענים און בעיז־באָל, גיימס, באולינג עלים, בעסקעט באָל און וואָס ניט? יעדען אָווענט שפּילט אַן אָרקעסטער צום טאַנצען.

אָפּיס: 3 וועסט 16טע סטריט ניו יאָרק

טעלעפאָן טשעלסי, 2148.

דער גן ילדים ובית יתומים

א גרויסע אינסטיטושאָן מיט א היילינגען צוועק

מר. מ. אבראמאָוויץ
פרעזידענט פון גן ילדים ובית יתומים.

איינע פון די וויכטיגסטע אינסטיטושאָנס אין ניו יאָרק איז, אָהן צווייפעל, דער גן ילדים ובית יתומים פון 35—37 מאָנטגאָמערי סטריט, וואו אומגליקליכע יתומים'לאך און קינדערלאך פון עלטערען, וועלכע זיינען צושיידט, אָדער וועמעס מוטערס זיינען פארלאָזען פון זייערע מענער, ווערען אויפגעהאלטען בהרחבה.

אין דעם גן ילדים ובית יתומים געפינען זיך איצט ארום צוויי הונדערט און פופציג קינדער. דריי פלאָרס פון דעם אַנשטאַלט זיינען געווידמעט צו די קינדער, וועלכע האָבען דאָרט א פערמאנענטע היים און צוויי פלאָרס צו די קינדערלאנך, וועלכע ווערען דאָרט צייטווייליג אויפגעהאלטען. די קינדערלאך, וועלכע ווערען דאָרט אויפגעהאלטען זיינען אין עלטער פון איין טאָג אלט ביז ווי לאנג זיי דארפען דעם אַנשטאַלט.

דער גן ילדים ובית יתומים האָט אן אייגענעם קינדער־גארטען, וואו די יונגוואַרג פארברענגט זייער צייט ביי פארשידענע גיימס און אונטערהאלטונגען, וואו אלעס ווערט געטאָן אום זיי זאָלען זיך פיהלען ווי אין דער היים. די קינדער וואס זיינען איבער זעקס יאָהר, ווערען געשיקט צו די דערביי־איגע פאָבליק סקולס און תלמוד תורה"ס, אום זיי זאָלען קריגען א גוטע אלגעמיינע און אידישע ערציהונג.

אין דעם יתומים אפטיילונג פון דיזען אנשטאַלט ווערען אריינגענומען קינדער־לאך אין עלטער פון דעם ערשטען טאָג, וואָס זיי ווערען געבוירען. פארצוג ווערט געגעבען צו קינדערלאך וואס האָבען פארלאָרען זייער מוטער.

די אויסגאבען אויפצוהאלטען דיזען אנשטאַלט זיינען גרויס — אומגעפעהר פופצעהן הונדערט דאָלאר א וואָך.

פיל קרעדיט פאר דעם ערפאָלג פון דיזען אַנשטאַלט קומט דעם פרעזידענט, דעם באַוואוסטען כלל־טוער, מר. מאָריס אַבראַמאָוויץ, און דעם מענעדזשער, מר. יוסף דייטש, וועלכע ארבייטען איבער די כוחות פאר דיזען אַנשטאַלט, אויך די דירעקטאָרען ארבייטען מיט גרויס איבערגעגעבענהייט און טריי־הייט צו דיזען אַנשטאַלט.

5 טויזענט מאָהלצייטען מוז דער אנשטאַלט שאַפען וועכענטליך פאר די יתומים, און דער געלט־מאנגעל איז זעהר גרויס.

און עס איז ניט מעהר ווי רעכט, אז אזא אנשטאַלט זאָל געשטיצט ווערען מיט א ברייטער האנט פון אידען אידישען מאן און פרוי. עס איז די פליכט פון יעדען איינעם, וועלכער פיהלט נאָר דעם אומגליק פון יתום, דעם צער פון דער אָרימער מוטער, וועלכע מוז איבערלאָזען איהר ליבען קינד אין אן אנשטאַלט און אליין געהן פארדינען אויף א שטיקעל ברויט פאר זיך; די פיין פון די עלטערע יתומים'לאך, וועלכע פאר־שטעהען שוין, אז זיי האָבען ניט קיין טאַטען און ניט קיין מאמען, — צו שיקען יעדער לויט זיין מעגליכקייט צו דיזען העכסט נאָבעלען אַנשטאַלט.

ביישטייערגע פאַר דיזען וויכטיגען אינסטיטושאָן זאָלען געשיקט ווערען צום אַנ־שטאַלט, 35—37 מאָנטגאָמערי סטריט, ניו יאָרק.

HEBREW KINDERGARTEN AND INFANTS' HOUSE

35-37 Montgomery Street, New York, N. Y.

די „האָום אָוו דהי דאָוהטערס אָוו דזשייקאָב“

איז אָרגאַניזירט געוואָרען דעם 3טען נאָוועמבער, 1896. די ערשטע היים, וואָס האָט באַזאָרגט 30 אונוואוינער, האָט זיך געפונען אויף 40 גאָווערנער סטריט פאַר דער צייט פון 1898 ביז 1905. די צווייטע פאַרגרעסערטע היים, וועלכע האָט שוין געקענט אַריינגעהמען 185 איינוואוינער, האָט זיך געפונען אויף 3-2-301 איסט בראָדוויי, אין דער צייט פון 1905 ביז 1920.

אין דזשון, 1920, איז געעפענט געוואָרען די יעצטיגע היים, וואָס האָט געקאָסט אַ מיליאָן מיט אַ פערטעל און איז אנערקענט געוואָרען פון דער ניו יאָרקער סטייט באָארד אָוו טשאַריטיס אַלס די שענסטע אינסטיטוציע־געביידע אין דער וועלט.

500 אַלטע לייט, פרויען און מענער, געפינען יעצט זייער היים אין דיזער אינ־סטיטושאָן. צווישען זיי געפינען זיך 200, וועלכע מוזען שטענדיג זיין אין בעט און ווערען געהאַלטען אין די צעהן האָספּיטאַל־וואָרדס, וועלכע געפינען זיך אונטער שטענדיגער, פעהיגער אויפזיכט און באַהאַנדלונג פון אַ גוט אָרגאַניזירטען סטעף פון דאָקטוירים און נוירסעס, וועלכע קאַרגען ניט קיין אָנשטרענגונג צו מאַכען די אומ־גליקליכע פיהלען גוט און באַקוועם.

די יעהרליכע אויסגאַבען אויפצוהאַלטען די אינסטיטוציע גרייכט 200,000 דאלאַר, וואָס ווערט געזאַמעלט פון מיטגלידער־אָפּצאָלונגען און פרייוויליגע ביישטייערע. ווען איינער וויל פאַראייביגען זיין נאָמען אויף אַ בעט, מאַכט ער אַ דאָנייטשאָן פון 1000 דאלאַר. אַ יעהרליכע סובסקריבשאָן פאַר אַ טאָג אויפהאַלטונג פון דער היים איז 500 דאלאַר. פאַר פאַראייביגען דעם נאָמען פון אַ פאַרשטאָרבענעם קרוב אויף אַ ספּעציעלען אָנדענקונג־טאָוועל, וואָס הענגט אין בית־המדרש פון האָספּיטאַל,—500 דאלאַר, און פאַרשידענע אַנדערע פאַראייביגונגס־ אָן אָנדענקונגס־פאַרצייכענונגען ברענגען אַריין גרויסע סומען.

וועגען אַלע אנגעלעגענהייטען פון דיזער גרויסער נאָבעלער אינסטיטוציע דאַרף מען זיך ווענדען צו

אַדאָלף לוריע, סופּעראינטענדענט.

בעאמטע פאר דעם יאָהר 1926 :

מרס. פּיטער דזשיי. שווייצער
פּרעזידענט

מרס. דזשאָזעף זעלעקסאָן
מרס. בעסיע בערנשטיין
מרס. י. קאַמינסקי
מרס. אַ. י. פּערלסטיין
וויים־פּרעזידענטינס

מרס. מאַלי סקלאַמבערג
טרעזשורער

מרס. הערי פישעל
טשערליידי פון קאָמיטע צו זאָרגען פאַר דער אינסטיטוציע.

מר. וויליאַם דזש. וואָלפּערט, מ. ד.
האָנ. סעקרעטאַר

מר. אַדאָלף לוריע
סופּעראינטענדענט

HOME OF THE DAUGHTERS OF JACOB

167th Street, Teller & Findlay Avenues, Bronx, N. Y.

Telephone: Jerome 1200

בית העורים (אידישע כשר'ע היים פאר בלינדע)

אמעריקאנער אידישע אסאסיאיישאן פאר די בלינדע, אינק.



אידען, רחמנים בני רחמנים, גיט אונז א אידישע כשר'ע היים!

די אמעריקאנער אידישע אסאסיאיישאן פאר בלינדע האט זיך אונטער־גענומען צו העלפען דעם הילפלאזען בלינדען. וואס וועט איהר טאן פאר זיי? ווייל ווער איז נאך אזוי האפנונגסלאז ווי א בלינדער? הארצרייסענד און פארצווייפעלט איז זיין לאגע, און אויב מיר קענען איהם ניט געבען די ליכ־טיגקייט, די טייערסטע מתנה פון גאט צום מענשען, דאן זאלען מיר איהם אריינגעמען אין א אידישער היים, וואס וועט איהם דינען אלס אויגען.

אין נאמען פון די, וועמענס לעבען איז א לאנגע און פינסטערע נאכט,
אין נאמען פון די, וועלכע קענען קיינמאל הנאה האבען פון דער וועלט,
אין נאמען פון מענשליכקייט, אפעלירען מיר צו אייך:

נעמט אונז אריין אין א אידישער כשר'ער היים!

האפענדיג, דאס איהר וועט ערפילען אונזער וואונש, ווינשען מיר אייך און דאס גאנצע אידישע פאלק גליק, געזונט און זונענשטראלען צו אייך און אייער פאמיליע.

האנ. לואיס דזש. וורא‏נקער, פרעזידענט.
שעפטעל נידעלמאן, עקזעקוטיוו דירעקטאר.

שיקט אייערע נדבות אויף דיזען אדרעס:

American Jewish Ass'n for the Blind, Inc., 71 East 2nd St., New York.

DEBORAH JEWISH CONSUMPTIVE RELIEF SOCIETY

"He who saves one life is considered as if
he had preserved the whole world."—Talmud

Sanatorium: Browns Mills-In-The-Pines, N. J.
New York Office: 111 W. 110th St. Tel. Monument 2035

די וויכטיגקייט פונ׳ם דעבאָראָ קאָנסאָמפּטיוו סאַניטאַריום אין דער איסט

אין די ערשטע אויסגאַבען פונ׳ם אידישען אַלמאַנאַך האָבען מיר בלויז אָנגעוויזען, ווי אַזוי דער דעבאָרא קאָנסאָמפּטיוו סאַניטאַריום איז געבאָרען געוואָרען, און דעם צוועק פון זיין פאַרצווייגטער און פּראָדוקטיווער טעטיגקייט אין די איסטערן סטייטס; ווייל דיזער קאָנסאָמפּטיוו סאַניטאַריום איז דער איינציגער אידישער פרייער סאַניטאַריום אין די איסט.

אָבער איצט, נאָך דריי יאָהר גוטע ענערגישע ארבייט פאַר די געשטראָפטע פון דער שרעקליכער קראַנקהייט, האָט זיך ארויסגעוויזען, אַז דער סאַניטאַריום איז ארויסגעוואַקסען פון זיינע וויקעלאַך, און איז געוואָרען אַ נאַציאָנאַלע קערפערשאַפט אין אַלע פּרטים, און מעג זיין שטאָלץ מיט דער ביז איצטיגער אַקטיוויטעט, ווי אויך מיט דער צוקונפט וואָס ערוואַרטעט דעם סאַניטאַריום מיט זיין ברייטער פּראָגראַם פאַר׳ן יאָהר 1926.

אין די ערשטע באַריכטען פונ׳ם סאַניטאַריום אין די פאָריגע יאָהרען, איז איז געווען די קאַפּאַסיטי פון די קראַנקע עטליכע און דרייסיג. איצט האָט זיך עס פאַרגרעסערט און עטליכע און פופציג, ניט אריינרעכנענדיג די נייע בילדינג, וועלכע וועט זיין אַ מאָדערנע און וועט האָבען פּלאַץ פאַר נאָך הונדערט פּאַציענטען; צוזאַמען וועט דער סאַניטאַריום האָבען הונדערט און פופציג קראַנקע, און אַ פּלאַץ, וואָס איז געבענשט מיט די וואונדערבארע פיין בוימער, נעבען לייקוואוד, נ. דזש, וואָס ראַטעוועט די צופליקטע לונגען פון די אומגליקליכע.

די אַטמאָספערע אין סאַניטאַריום איז אַ הייליגע, אַ פריינדליכע, און ווערט פאַרוואַלטעט ווי איין פאַמיליע.

איבערהויפּט ווייזט זיך ארויס, אַז דער פאַקט וואָס דער סאַניטאַריום איז אַזוי נאָהענט צו ניו יאָרק, ניו ענגלאַנד, פּענסילווייניאַ, ניו דזשוירזי, פון וואַנען אַם מעהרסטען עס שוויבעלט טובערקולאָזיס, דאָס די נאָהענטקייט אַליין איז אַ וויכטיגער פאַקטאָר צו ראַטעווען דעם קראַנקען אין צייט. די נאָהענטקייט האַלט דעם קראַנקען אין אַ היימישער שטימונג דורך די אָפטע וויזיטען פון זיינע ליבסטע, און עס גיט איהם גענוג מוט צו קעמפען געגען דער שרעקליכער מגפה.

אויך אויסערהאַלב די איסטערן סטייטס, ווי דיטראָיט, מיש, און אַנדערע וויטע שטעדט, ליפערען קראַנקע צום סאַניטאַריום. די אויבענדערמאָנטע פאַק־

טען האבען איבערצייגט די נויטיגקייט פון דעם סאניטאריום דא אין די איסט, און זיין נאציאנאלע שעהנע ארבייט.

די דירעקטארען האבען זיך ניט געוואלט באנוצען מיט א געוועהנליכען רעפארט צום פאלק מיט דער אקטיוויטעט פון דער אניסטיטוציע, נאר האבען אויסגעארבייט א פראגראם, פאר וועלכען זיי זיינען ווערט געלויבט צו ווערען.

1) עס איז באשלאסען געווארען, אז אין דעם זומער פון 1926 זאל א קאנווענשאן גערופען ווערען אין ניו יארק פון אלע קערפערשאפטען, ווי דער ארבייטער רינג, נאציאנאלער ארבייטער פארבאנד, אינדעפענדענט ארדער ברית אברהם, אינדעפענדענט ארדער ברית שלום און אלע יוניאנס און אינטערנעשאנאלס, שולען און סאסייטיס, און די אלע דעלעגאציעס, פון אלע שטעדט און שטעדטלאך פון אלע איסטערן סטייטס זאלען באטראכטען די וויכטיגקייט פון זייער אייגענעם סאניטאריום, און באשליסען דעם ווייטערען גאנג פון דעם אינסטיטושאן.

2) עס איז אויך באשלאסען געווארען צו בילדען א באזונדער בילדינג פאר די שטארק אנגעגריפענע פון דער מגפה, וואס דאס מיינט—נייע פאנדען פאר'ן טעגליכען בודזשעט און אויך פאנדען פאר'ן קאמפיין, וועלכער וועט באטרעפען 250,000 דאלאר פאר די בילדינגס אליין.

3) עס איז אויך באשלאסען געווארען צו האבען א בילדינג פאר עקס-פאציענטען, וועלכע קאנען ניט פארלאזען דעם סאניטאריום צוליב די שטענדיגע מעדיצינישע קאנטראל וואס זיי מוזען האבען איבער זיך, אום ניט צו קריגען קיין נייעם רילעפס.

4) עס מוזען ערוועהלט ווערען דירעקטארען פון פאלק צו די, וועלכע זיינען שוין דא; און דאס וועט העלפען צו מאכען פון דעם סאניטאריום אן אידיאלע וויכטיגקייט אין דער איסט.

נאך איין פאקט ווילען מיר אנווייזען און מיר זיינען פארטיג.

ביז מיט 4 יאהר צוריק, איידער דער דעבארא קאנסאמפטיוו סאניטאריום איז געבארען געווארען, פלעגט דער קראנקער מוזען טרעוולען טויזענטער מייל צו א וועסטערן סאניטאריום. די שווערע פראבלעם, צו ווארטען לאנגע מאנאטען אויף א נעקסט און די גרויסע הוצאות, און דאס איבערלאזען די ליבסטע, פלעגט זיין די ערקסטע שטערונג אין זייו היילונג.

איצט, האבענדיג דעם סאניטאריום אזוי נאהענט, פארמיידעט עס אם די אלע איבלען, און די סטאטיסטיק ווייזט, אז מעהר ווי דריי וואכען ווארט א קראנקער ניט, און מעהר ווי ניינציג פראצענט פון די קראנקע ווערען פאלקאם געזונט.

מיר רופען דעריבער צו אלע אידען צו העלפען אונז אויפצוהאלטען דעם אידעאלען איינציגען אידישען סאניטאריום.

ה. יעלים, מענעדזשער.

דאָס לעבען אויף די פּלאַנעטען

זיינען טאַקע פאַראַן אויף די הימעלשע פּלאַנעטען מענשען? איז מעגליך אַן אָרגאַנישער לעבען אויף די פּלאַנעטען, וואָס באַוועגען זיך אַרום דער זון?

אַזוינע פראַגען שטעלט מען אָפט די אַסטראָנאָמען. מ'איז זיכער, אַז זיי, די געלערנטע אַסטראָנאָמען, האַלטען נאָר אין איין זוכען די איינוואוינער פון די ווייטע וועלטען.

די אַלטע קלאַסישע אַסטראָנאָמיע, וואָס האָט זיך פאַרנומען בלויז מיט'ן שטודירען די „באַוועגונג פון די הימעלשע פּלאַנעטען", האָט זיך מיט די אַלע פראַגען ווייניג וואָס אינטערעסירט. די נייע וויסענשאַפט — אַ ס ט ר אָ פ י ז י ק — שטודירט דעם פיזישען געבוי פון די פּלאַנעטען. דאָס איז שוין ענג פאַרבונדען מיט דער פראַגע וועגען דער מעגליכקייט פון אַן אָרגאַנישען לעבען אויף די פּלאַנעטען.

ד י ע ר ד.

כדי זיך פאָרשטעלען, ווי אַזוי עס אַנטוויקעלט זיך דאָס לעבען אויף אַ פּלאַנעטע, לאָמיר טאַקע נעהמען, אַלס אַ ביישפּיל, אונזער ערד און זעהן, ווי אַזוי דאָס איז פאָרגעקומען.

אונזער ערד איז אַנטשטאַנען שוין לאַנג, זעהר לאַנג, אפשר מיט אַ מיליאַרד יאָהרען צוריק און אפשר נאָך מעהר. פון די שיטערע גאַזען און דאַמף, וועלכע האָבען זיך גענומען צוזאַמענפּרעסען, האָט זיך אויסגעבילדעט אַ ריזיגער גאַזען-קוגעל. אין צענטער פון דער קויל איז אַנטשטאַנען אַ קערן פון אַ זעהר הויכער טעמפּעראַטור — די צוקונפטיגע פּלאַנעט.

עס זיינען אַוועק מיליאָנען יאָהרען, דער קערן פון דעם פּלאַנעט האָט זיך אַלץ מעהר און מעהר אָפּגעקיהלט, און אויף די דרויסענדיגע טיילען האָבען זיך גענומען אויסבילדען וואָלקענס פון די אָנגעגליהטע דאַמפען.

און ווידער זיינען פאַרשוואונדען געוואָרען אין דער אייביגקייט מיליאָנען יאָהרען — דאָס שיטערע הייטעל האָט זיך אָפּגעקיהלט, און איבער איהר האָבען זיך גענומען צונויפקלייבען ריזיגע מאַסען אָנגעגליהטע דאַמפען און גאַזען. זיי פלעגען זיך צונויפשטויסען, צונויפגיסען זיך, פלעגען פאַרוואַנדעלט ווערען אין שווימענדיגע אינזלען, קאָנטינענטען...

נים איינמאָל האָט זיך די קאָרע פון דער ערד-אויבערפלאַכע געבראָכען אונטער דעם דרוק פון די צוזאַמענגעפּרעסטע גאַזען און דאַמפען. אין די עפענונגען פלעגען זיך מיט אַ שרעקליכער קראַפט אַריינרייסען גליהענדע שטראָמען לאַווע. דאָס זיינען געווען אַזוינע אומגעהויערע מעכטיגע אויסברוכען, וואָס עס איז זיך שווער גאָר פאָרצושטעלען.

צו דער צייט האָט זיך דאָס לופט-הייטעל אָפּגעטיילט פון דער פאַרהאַרטעוועטער קאָרע פון דער ערד-אויבערפלאַכע; זי איז געווען אָנגעפילט מיט רויך און שטיקענדע גאַזען פון די אויסברוכען. דורך דעם געדיכטען הייטעל קענען קוים דורכדרינגען די זון-שטראַלען.

ווי לאַנג צוריק איז דאָס געווען? ניט ווייניגער, ווי א האַלבער מיליאַרד יאָהרען נאָכדעם, ווי די ערד איז אַנטשטאַנען.

און איצט לאָמיר זיך שטעלען די פראַגע, וואָס וואָלטען געזאָגט וועגען דער מעגליכקייט פון אַן אָרגאַנישען לעבען אויף אונזער פּלאַנעט די אַסטראָנאָמען פון אַנדערע וועלטען, וועלכע וואָלטען באָאָבאַכטעט איהר אין פאַרלויף פון די ערשטע פינף הונדערט מיליאָן יאָהרען? געוויס וואָלטען זיי באַשלאָסען, אַז אויף אונזער פּלאַנעט איז אוממעגליך וועלכער עס איז אָרגאַנישער לעבען.

און נאָך פיל מיליאָנען יאָהרען זיינען אוועק, ביז אונזער ערד האָט באַקומען דעם צושטאַנד, וואָס איז עהנליך צום איצטיגען צושטאַנד. די קאָרע פון דער ערד־אויבערפלאַכע האָט זיך אַלץ מעהר צוזאַמענגעפּרעסט, ערטערווייז זיינען געשאַפען געוואָרען פאַלדען, טיפקייטען, וועלכע האָבען אין זיך אריינגענומען די אוראַלטע אָקעאַנען און ימים, די אַטמאָספערע האָט אין פאַרלויף פון דער צייט זיך אָפּגערייניגט, אויסטיילענדיג פון זיך די וואַסער־אָפּזעצונגען. ס'זיינען אַנטשטאַנען די גרויסע וואַסערען —ימים, טייכען. די זון־שטראַלען האָבען פרייער גענומען אריינדרינגען, די קאָרע פון דער ערד־אויבערפלאַכע איז אָפּגעקיהלט געוואָרען.

ס'זיינען געשאַפען געוואָרען די באַדינגונגען, ביי וועלכע עס איז מעגליך געוואָרען אַן אָרגאַנישער לעבען אויף דער ערד.

מיט הונדערטער מיליאָנען יאָהרען איז אָפּגעטיילט פון אונז דער פּעריאָד, אין פאַרלויף פון וועלכען עס זיינען אויפגעקומען אויף דער ערד אונזערע אור־עלטערן. מיליאָנען יאָהרען האָבען זיי געלעבט און אַנטוויקעלט זיך אין וואַסער.

נאָכדעם האָט זיך דאָס אָרגאַנישע לעבען אריבערגעטראָגען אויף דער יבשה. עס האָבען זיך באַוויזען פאַרשידענע געוויקסען אויפ'ן דעק פון די ימים און אויף דער ערד־אויבערפלאַכע.

רייך און מעכטיג האָט זיך צובליהט די געוויקסען־וועלט אין דער שטיין־קוילען עפּאָכע. שפּעטער זיינען אַנטשטאַנען אויף דער ערד די ריזיגע בעלי־חיים, וואָס האָבען אָנגעפילט די וואַסערען, די יבשה, די לופט.

און ערשט מיט א מיליאָן יאָהר צוריק האָט זיך באַוויזען אויף דער ערד די מענשען־עהנליכע באַשעפעניש, וואָס איז אראָפּגעקראָכען פון בוים און האָט גענומען ארומקריכען אויף די הינטערשטע פיס. דאָס זיינען געווען אינזערע עלטער־זיידעס. און ערשט מיט עטליכע טויזענט יאָהר צוריק האָבען זיי זיך דערנעהנטערט צום אויסזעהן פון איצטיגען מענשען...

אויף אַזאַ אופן איז אַנטשטאַנען און האָט זיך אַנטוויקעלט דאָס אָרגאַנישע לעבען אויף דער ערד. און עס איז מעגליך, אַז אויך אויף די אַנדערע פּלאַנעטען קען זיך אַנטוויקלען אַן אָרגאַניש לעבען ביי די זעלבע באַדינגונגען.

מיר וועלען אָבער ניט פאַנטאַזירען וועגען דער מעגליכקייט פון אַן אָרגאַנישען לעבען אויף די אַנדערע פּלאַנעטען. מיר זעהען זיי ניט און מיר וויסען פון זיי גאָרניט!

מיר וועלען זיך דאריבער באַגרעניצען בלויז מיט דער פּלאַנעטען־משפחה, וואָס רינגעלט ארום די זון.

די דאָזיגע משפחה באַשטעהט פון אַכט גרויסע פּלאַנעטען, זיבען־און־צוואַנציג באַגלייטער־לבנות און אַן ערך א טויזענט קלענערע פּלאַנעטען.

זיבער איז אויף דער פייערדיג־פליסיגער אויבערפלאַכע פון דער זון קיין לעבען

ניטא. מיר קאנען אויך ניט נעמען אין באטראכטונג די פלאנעטען-באגלייטער, נישט קוקענדיג אויף דעם, וואס איינינע פון זיי זיינען פיל גרעסער אפילו פון דער מערקורי. מיר ווייסען אבער זעהר וועניג וועגען דעם פיזישען געבוי פון די באגלייטער. און דעריבער וועלען מיר אויך אויסשליסען פון אונזער באשרייבונג די גאנצע מחנה פון די קליינינקע פלאנעטען, כאטש איינינע פון זיי זיינען באדייטענד גרויס; זיי האבען אין דיאמעטער צו עטליכע הונדערט קילאמעטער, און אויף זיי איז פאראן גענוג ארט, וואו דאס לעבען זאל זיך צובליהען און אנטוויקלען.

אזוי האבען מיר אונזער נאענטסטע שכנה, די לבנה, און די זיבען גרויסע פלא-נעטען, אויסער אונזער ערד. די אכט פלאנעטען צוטיילען מיר אין צוויי גרופען.

אין דער ערשטער גרופע געהען אריין די פיר פלאנעטען, וואס זיינען נאהענט צו דער זון: מערקורי, ווענוס, די ערד און דער מארס. אין דער צווייטער גרופע געהען אריין די פיר ריזיגע פלאנעטען: יופיטער, סאטורן, אוראן און נעפטון.

מיר וועלען אנהויבען אונזער באשרייבונג פון די ריזיגע פלאנעטען.

יופיטער.

יופיטער איז די גרעסטע פלאנעטע. ער איז 1300 מאל גרעסער פאר דער ערד, דיזע פלאנעטע איז אבער באדעקט מיט אזוינע געדיכטע וואלקענס, אז דעם קערן פון דעם הימעלשען קערפער זעהען מיר ניט.

מיר ווייסען, אז די שווערע שטאפען אויף די הימעלשע קערפערס געפינען זיך זעהר טיף, די דרויסענדיגע טיילען פון די פלאנעטען זיינען באדייטענד גרינגער. אזוי ווי אבער די געדיכטקייט און וואגיגקייט פון יופיטער איז דורכשניטליך 1,4 מאל גרעסער פאר וואסער, איז געדרונגען, אז די דרויסענדיגע טיילען פון דער פלאנעטע זיינען נאך גרינגער פאר וואסער: זיי געפינען זיך אין דעם איבערגאנגס צושטאנד פון פליסיגקייטען צו גאזען.

די שנעלע ענדערונגען פון די פלעקען אויפ'ן יופיטער באווייזען, אז די אטמאספערע האט זיך נאך ניט אפגעטיילט פון די דרויסענדיגע טיילען פון דער פלאנעטע. פאר אזוינע מעכטיגע פראצעסען פאדערט זיך צו פארברויכען אן אומ-געהייער גרויסען סכום ווארימקייט.

פון וואנען-זשע קאן זיך באקומען די נויטיגע ווארימקייט? די זון, וועלכע געפינט זיך זעהר ווייט פון יופיטער, קאן ניט געבען גענוג ווארימקייט. די ווירקונג פון די זון שטראהלען זיינען אויפ'ן יופיטער דרייסיג מאל שוואכער, ווי אויף אונזער ערד. אזוינע פראצעסען קאנען פארקומען אויפ'ן יופיטער נאר אויפ'ן חשבון פון זיין אייגענער אינערליכער ווארימקייט.

אזוי ארום זעהען מיר, אז אויפ'ן יופיטער איז אונמעגליך וועלכער עס איז ארגאנישער לעבען.

סאטורן.

אין דערזעלבער לאגע געפינט זיך די צווייטע ריזיגע פלאנעטע: דער סאטורן. די דאזיגע פלאנעטע פארמאגט נאר צוויי דריטעל וואגיגקייט פון וואסער. ווען מיר וואלטען דעם סאטורן אראפגעלאזט אין וואסער וואלט ער ארויפגעשוואומען אויבען, ווי א פענבער. די אינוועניגסטע טיילען פון דער פלאנעטע זיינען וואגיגער, מעהר צוזאמענגעפרעסט, די אויבערשטע ווידער באשטעהען בלויז פון גאזען און דאמפף, די ווארימקייט, וואס סאטורן באקומט פון דער זון, איז נייצעהן מאל וועניגער ווי די

וואַרימקייט, וואָס אונזער ערד באַקומט. אַזוי אַרום זעהען מיר, אַז אויפ'ן סאַטורן איז אונמעגליך אַן אָרגאַנישער לעבען.

אוראַן און נעפּטון.

די צוויי ריזיגע פּלאַנעטען אוראַן און נעפּטון זיינען לויט זייער פיזישער געביי זעהר ענליך צום יופּיטער. אין פאַרגלייך מיט דער ערד איז די וואַרימקייט אויפ'ן אוראַן שוואַכער 370 און אויפ'ן נעפּטון — 900 מאָל. מיר קאָנען זיך גאָר ניט פאָרשטעלען אַ לעבען אויף די צוויי פּלאַנעטען.

אויף אַזאַ אופן זעהען מיר, אַז די גרופּע גרויסע פּלאַנעטען קאָנען ניט זיין די באַגרינדער פון לעבען. וועגען די פיר און צוואַנציג באַגלייטער פון די ריזיגע פּלאַנעטען קאָנען מיר גאָרנישט זאָגען, ווייל מיר ווייסען פון זיי כמעט גאָרנישט.

מערקורי.

פון דער גרופּע קלענערע פּלאַנעטען איז מערקורי דער נאָהענטסטער צו דער זון. די לאַגע זיינע איז זעהר אומבאַקוועם פאַר אַסטראָנאָמישע פאָרשונגען און דעריבער ווייסען מיר זעהר ווייניג וועגען איהם. עס איז דאָ אַ סברה, וואָס איז נאָך ניט פעסט־געשטעלט געוואָרען, אַז מערקורי איז שטענדיג אומגעקעהרט צו דער זון נאָר מיט איין זייט, אַזוי ווי די לבנה צו דער ערד. אויב דאָס איז ריכטיג, הייסט עס, אַז אויף איין זייט פון מערקורי הערשט אייביגער טאָג, און אויף דער צווייטער זייט — אייביגע נאַכט.

דער טייל פון דער פּלאַנעטע, וואָס איז גערינכטעט צו דער זון וואַרעמט זיך אָן זעהר שטאַרק. דאָרטען, וואו די שטראַהלען פון דער זון פאַלען גראַד, דערגרייכט די היץ ביז 300-400 גראַד און אפשר נאָך מעהר. אויף דער צווייטער זייט ווידער הערשט אַ שרעקליכע קעלט, וואָס דערגרייכט ביז 270 גראַד. אין די מיטעלדיגע טיילען איז די טעמפּעראַטור אַ מעהר מיטעלמעסיגע.

די אויבערפלאַכע פון מערקורי איז אַ האַרטע, האַרטער, ווי די אויבערפלאַכע פון דער ערד. עס זיינען דאָרטען פאַראַן בערג און טאָלען. וואַסער איז דאָרטען אויך דאָ, כאָטש קיין געדיכטע וואָלקענס האָט מען ניט באַמערקט.

דאָס אַלץ צוזאַמען באַווייזט, אַז אויפ'ן קליינעם מערקורי איז מעגליך אַן אָרגאַנישער לעבען. צי עס איז טאַקע אַזוי אין דער ווירקליכקייט, ווייסען מיר ניט, ווייל מיר האָבען ניט וועגען דעם קיינע פאַקטען.

ווענוס.

די צווייטע פון דער קליינער גרופּע פּלאַנעטען איז ווענוס — די צויבערפולע שעהנהייט פון פריהמאָרגענדיגען און אָוונטדיגען הימעל. ווענוס איז פאַרהעלטניס־מעסיג נאָהענט צו דער ערד, און דעריבער איז זי מעהר ווי אַלע אַנדערע פּלאַנעטען צוטריטליך פאַר פאָרשונגען און באַאָבאַכטונגען. די שעהנהייט אָבער איז פאַרדעקט מיט אַזאַ געדיכטען שלייער, אַז מ'זעהט ניט אַרום איהר געשטאַלט. און דאָס וואָס מיר זעהען יאָ, זיינען געדיכטע וואָלקענס, וואָס רינגלען אַרום פון אַלע זייטען די צויבערפולע ווענוס. מיר ווייסען נאָך ניט ביז היינטיגען טאָג, צי איז ווענוס גערינכטעט צו דער זון שטענדיג מיט איין און דערזעלבער זייט, צי זי באַוועגט זיך אַרום איהר אַקס, אַזוי ווי דאָס טוט אונזער ערד.

אָבער דאָך זיינען אייניגע סודות פון דעם געהיימניספולען לעבען פון דער פּלאַנעטע אַנטדעקט געוואָרען.

די אויבערפלאכע פון ווענוס איז זיכער א פארהארטעוועטע, אמת, נים אזוי פעסט, ווי די אויבערפלאכע פון דער ערד, דאס באווייזט, אז ווענוס איז פיל אינגער פאר אונזער ערד. א דאנק דעם, וואס די ווענוס איז נאהענט צו דער זון, איז די דורכשניטליכע טעמפעטראטור אויף דער ווענוס מיט ניין גראד העכער, ווי די דורכשניטליכע טעמפעראטור אויף דער ערד. דער באדען איז דארטען גוט באשיצט פון דער נאכטיגער קיהלקייט דורך דער געדיכטער אטמאספער; די לופט איז דארטען א פייכטע.

אין דעמזעלביגען צושטאנד האט זיך געפונען אונזער ערד, ווען אויף איהר איז נאך נים געוועזען קיין לעבען, אדער ווען זי איז נאר וואס אנטשטאנען צום לעבען.

און ס'איז מעגליך, אז אויב ווענוס וועט אין איהר לעבענס אנטוויקלונג געהן אין די פוס טריט פון איהר עלטערער שוועסטער, דער ערד, וועט זי צוגעגרייט ווערען צו אויפנעמען דאס געבורט פון אן ארגאנישען לעבען, אויב אזוינער האט זיך אויף איהר נאך נים אנטוויקעלט.

מ א ר ם.

אויף דער צווייטער זייט פון אונזער ערד געפינט זיך דער מארס. דיזע פלאנעטע איז זעהר צוטריטליך צו באאבאכטען און אויספארשען: די אטמאספערע ארום איהר איז שיטער און ריין.

מארס האט אויף זיך וואסער, אמת, פיל ווייניגער ווי אויף דער ערד. אז אויפ'ן מארס איז פאראן וואסער באווייזען די שנייאיגע בערג אויף די פאלויסען, וואס הויבען אן צושמאלצען ווערען און פארשווינדען מיט'ן אנקומען פון די ווארימע טעג. אין פארשידענע פונקטען אויפ'ן מארס באווייזען זיך ווייסליכע פלעקען — דאס זיינען די וואלקענס און נעפלען; די שפיצען פון די בערג זיינען באדעקט מיט שניי און אזוי ווייטער.

די אטמאספערע אויפ'ן מארס איז פיר מאל שיטערער ווי אויף דער ערד. אזא לופט האבען מיר ביי אונז אויף די העכסטע שפיצען פון די בערג. כאטש דער הימעל אויפ'ן מארס איז שטענדיג א ריינער, א לויטערער, דאך באמערקט מען דארטען אפט וואלקענס וואסער אויסדאמפונגען, א שטויביגער נעפעל, וואס ווערט געטריבען פון שטורם אויף די וויסטע שטרעקעס.

מארס איז באדייטענד ווייטער פון דער זון, ווי די ערד, אנדערטהאלבען מאל ווייטער, און דארטען איז פיל קעלטער. און דאך ווייסען מיר, אז אויפ'ן דרום'דיגען פאלוס פון מארס ווערט צושמאלצען דער גאנצער שניי, הייסט עס, אז די טעמפעראטור איז דארטען אפט העכער ווי 0.

וויכטיג איז דאס, וואס אויפ'ן מארס זעהען מיר גרויסע טונקעלע פלעקען, וועלכע ווערען אלץ גרעסער און גרעסער מיט'ן אנקומען פון די ווארימע טעג, מיט'ן צושמעלצען פון שניי. די פארבען פון אט די שטרעקעס ענדערען זיך אין פארלויף פון יאהר צוזאמען מיט דער ענדערונג פון די פארבען פון דער געוויקסען וועלט לויט די צייטען פון יאהר.

דאס באווייזט אונז, אז אויפ'ן מארס האט זיך שוין אנטוויקעלט אן ארגאנישער לעבען: דאס לעבען פון געוויקסען און פלאנצונגען.

זיינען פאראן אויפ'ן מארס אויך לעבעדיגע באשעפענישען? פון דעם ווייסען מיר גארנישט. די באבע מעשות וועגען די קאנאלען, וואס זיינען דורכגעגראבען

געוואָרען אויפ'ן מאַרס דורך די מאַרסיאַנער אינזשעניערען, האָבען, נאַטירליך, קיין שום וויסענשאַפטליכען ווערט ניט. קיין אַנדערע באַווייזען וועגען דער עקזיסטענץ פון לעבעדיגע באַשעפענישען אויפ'ן מאַרס האָבען מיר ניט.

און ס'איז כמעט אונמעגליך צו באַקומען די באַווייזען, ווייל די סאַמע קלענסטע געגענשטאַנדען, וועלכע מיר קאָנען זעהן אויפ'ן מאַרס, דאַרפען זיין ניט קלענער ווי א דרייסיג קילאָמעטער... אָבער די באַדינגונגען אויפ'ן מאַרס זיינען אַזוינע, אַז דאָרטען קאָנען לעבען און אַנטוויקלען זיך לעבעדיגע באַשעפענישען. צי זיי זיינען ווירקליך דאָרטען פאַראַן — וועגען דעם וועלען זיך אפשר דערוויסען אונזערע קינדער.

די לבנה.

און איצט איז אונז געבליבען צו באַטראַכטען די לבנה. די לבנה איז די נאָהענטסטע צו דער ערד, נאָהענטער הונדערט מאָל ווי ווענוס און פערציג מאָל נאָהענטער פון מאַרס.

די קלענסטע געגענשטאַנדען, וועלכע מיר קענען זעהן אויף דער לבנה, זיינען אַן ערך 150200 מעטער.

ביז איצט האָבען מיר געהאַט די פאָרשטעלונג, אַז די לבנה איז טויט, אַז אויף איהר איז אונמעגליך וועלכער עס איז אָרגאַנישער לעבען.

און אין דער ווירקליכקייט איז טאַקע די אַטמאָספערע אויף דער לבנה צוויי טויזענט מאָל שיטערער ווי די ערדישע. דער הימעל איז שטענדיג א לויטערער, די זון וואַרימט שטאַרק בייטאָג, און דער טאָג אויף דער לבנה, אויך די נאַכט איז פערצעהן מאָל לענגער, ווי אויף דער ערד. די ברענענדיגע היץ ווערט דאָרטען ניט געמילדערט דורך די וואָלקענס און ווינדען, די טעמפּעראַטור קאָן דאָרטען דערגרייכען ביז הונדערט גראַד היץ. די קעלט דערגעהט דאָרטען ביינאַכט ביז צוויי הונדערט גראַד.

קיינע סימנים פון וואַסער האָט מען אויף דער לבנה ניט באַמערקט, ניט קיין ימים, טייכען, אָזיערעס, עס זיינען אויך ניט באַמערקט געוואָרען קיינע שפּורען פון לעבען.

אַזוי אַרום האָט זיך געשאַפען די פאָרשטעלונג וועגען דער לבנה, ווי פון א טויטען קערפּער.

אָבער אין דער לעצטער צייט האָט מען גענומען באַמערקען אויף דער לבנה ערשיינונגען, וואָס באַווייזען, אַז דאָרטען איז יאָ פאַראַן וואַסער.

לאָמיר זשע איצט אונטערפיהרען דעם סך־הכל.

אויף די פיר ריזיגע פּלאַנעטען: יופּיטער, סאַטורן, אוראַן און נעפּטון איז אונמעגליך וועלכער עס איז אָרגאַנישער לעבען.

אויפ'ן מערקורי און אויף דער לבנה האָבען מיר ניט קיין באַווייזען, אַז דאָרטען איז מעגליך אַן אָרגאַנישער לעבען, און מיר קאָנען עס ניט קאַטעגאָריש פעסטשטעלען.

אויף דער ווענוס איז מעגליך א לעבען, עס איז ניט אויסגעשלאָסען, אַז דאָס לעבען איז דאָרטען שוין לאַנג אַנטשטאַנען און אַנטוויקעלט זיך.

אויפ'ן מאַרס איז א פּנים פאַראַן אַן אָרגאַנישער לעבען — א געוויקסען וועלט, וועגען לעבעדיגע באַשעפענישען האָבען מיר קיין שום פאַקטען ניט.

טוט ביזנעס מיט דער

מאָדערן אינוועסטמענט און לאָאן

קאָרפּאָריישאָן

די פּאָפּולערסטע אינדוסטריעלע בענקינג אינסטיטוציע פון ניו יאָרק און ברוקלין

אונזער פּאָליסי איז:
עהרליכקייט,
פּינקטליכקייט
און פריינדליכקייט

מיר צאָהלען טעגליכע אינטערעסט

5½%

מיר צאָהלען טעגליכע אינטערעסט

אויף אונזערע אינוועסטמענט סערטיפיקייטס

איהר קענט ביי אונז באָרגען פון $50 ביז $5,000

אויף וועכענטליכע אויסצאָהלונגען.
אונזער פארמעגען איז שוין איבער

$2,000,000.00

באַזוכט אונזער אינסטיטוציע און בעראַט זיך מיט אונז וועגען אייערע פינאַנציעלע פּראָבלעמען.

אונטער דער אויפזיכט פון סטייט בענקינג דעפּארטמענט.

MODERN INVESTMENT and LOAN

Corporation

INDUSTRIAL BANKING

1697 PITKIN AVENUE Cor. Rockaway Ave. BROOKLYN, N. Y.

Phone Dickens 1392 Phone Dickens 1390

מיר שיקען אריין צו אייך אהיים

צו די לייכטסטע באדינגונגען

ראדיאס און פיאנאס

און פאנאגראפס פון די בארימטעסטע
מאנופעקטשורערס אין אמעריקא

פאלקאמענע צופרידענהייט גאראנטירט.

BAIM BROS. & FRIEDBERG

„די פירמע מיט א רעפוטיישאן"

59 צווייטע עוועניו, ניו יארק
1658 פיטקין עוועניו, ברוקלין, נ. י.

1430 סט. דזשאנס פליים, ברוקלין
1525 פיטקין עוועניו, ברוקלין, נ. י.

בען פרישוואסער

ניו יארק לייף אינשורענס קאמפאניע

אפיס:
110 EAST 23rd STREET
Phone: Gramercy 4224

רעזידענס:
1242 EAST NEW YORK AVE.
Brooklyn, N. Y.
Phone: Dickens 3118

Luxor

HOTEL AND BATHS
Russian, Turkish and Medicinal
121-127 West 46th Street, New York, N. Y.
Phone Reservations: Bryant 3620

מיר ווילען, אז איהר זאלט וויסען, אז די נייע לוקסאר
טערקיש־רוסישע באד און האטעל איז ניט נאר א רוסישע און
טערקישע באד, נאר איז ווירקליך א גן־עדן פאר יעדען באזוכער.

געסט פון האטעל זיינען בארעכטיגט צו די בעטהס פריי!

לוקסאר האטעל און בעטהס

121 וועסט 46טע סטריט ניער בראדוויי ניו יארק.

און יעדען טאָג פון גאַנצען
יאָהר קען די באַלעבאָסטע
צוגרייטען די פיינסטע
מאכלים פון מאנישעוויטץ
מצה, מצה-מעהל און
פאַרפעל
מאנישעוויטץ'ס מצה מעהל
כשר לפסח
מאנישעוויטץ'ס מצה פארפעל
כשר לפסח
מאנישעוויטץ'ס מצות
די מצה מיט אלע מעלות
מצה כשרה
יפה ומהודרה
מאַנישעוויטץ-מצה
ערפאַרענע הויז-ווירטינס האַלטען תמיד
אין הויז מאַנישעוויטץ מצה, מצה מעהל
און פארפעל פאַר'ן טעגליכען געברויך.
צו באקומען אין אלע גראָסערים.
„די מצה מיט אלע מעלות"

דר. בענדזשאמין ראָבערטס

דענטיסט־כירורג

184 EAST 7th STREET, S. E. Cor. Ave. B., NEW YORK, N. Y.

אָ-ען פון 9 ביז 2 נאָכמיטאָג. טעלעפאָן ארטשארד 5059

נ. פאָלאק

סטיישיאָנערי

198 איסט בראָדוויי ניו יאָרק.

סקאלפ טריטמענט אלע אייראָפעאישע מעטאָדען.

סאָניא קורמאַן

עלעקטרישע באַהאַנדלונג פאר קראנקהייט פון האָר.

בּאראטונגען פריי! ווענדעט זיך נאָך איינצעלהייטען צו

SONIA KURMAN, 11 Ridge Street, New York. Phone: Dry Dock 3697



P. WOLF & CO., Inc.

ספעציאליסט פון באנדאזשען.

א ספעציעלע פרוי פאר פרויען.



1499 THIRD AVENUE
Open Evenings 7.30 P. M.

70 AVENUE A.
Open Evenings 9 P. M.

Sundays Closed

די בעסטע באהאנדלונגען אין אינשורענס

— ביי —

A. DRAISIN

FLATIRON BLDG., 23rd ST. & BROADWAY, NEW YORK
Telephones: Lexington 1171, University 3076

Stuyvesant 5357-5358

FAMOUS TEXTILES
INC.

New York Stores:

101 WEST 42nd STREET
Near 6th Avenue

52 EAST 14th STREET
Corner Broadway

200 BROADWAY
Near John Street

Brooklyn Store:

545 FULTON STREET
Facing E. F. Albee Theatre

Bronx Store:

2861 THIRD AVENUE
Between 149th & 150th Sts.

א זעהר וווערטפולער סעט ביכער אין ענגליש

וואס יעדער פאטער דארף קויפען פאר זיך און פאר זיינע קינדער.

An OUTLINE *of* JEWISH HISTORY

By S. M. DUBNOW

3 vols. Silk Cloth, Gilt Tops
Boxed, $7.50

ד ו ב נ א ו ו איז אונזער גרעסטער היסטאריקער און האט א קינסטלערישע אויג וואס קען אויפפאסען א גאנצע עפאכע מיט איין בליק און שילדערען עס נאכדעם אין איניגע שארפע און קלארע שטריכען. ד ו ב נ א ו ו איז א לאגישער דענקער און קען אבזונדערען פאקטען פון פאנטאזיעס און היסטא־ריע פון לעגענדען. אין די דריי בענד גיט ד ו ב נ א ו ו די געשיכטע פון דעם אידישען לעבען און קעמפען אין אלע לענדער און צייטען און מאכט דעם לעזער באקאנט מיט אלע גרויסע לעהרער און דענקער, וועלכע האבען באלויכטען דעם אידענ׳ס שווערען וועג אין די אלע יאהרען. די ענגלישע אי־בערזעצונג איז אזא גוטע און פאפו־לערע, אז ניט נאר ערוואקסענע האבען גרויסע נוצען פון איהר זאנדערן מען קען אויך פאראינטערעסירען קינדער פון 12-13 יאהר מיט דעם שעהנעם סטיל און אינטערעסאנטער פארם. יעדע אידישע הויז אין אמעריקא דארף באזיצען א סעט פון

דובנאוו׳ס
אידישע געשיכטע
אין ענגליש

עס איז דער בעסטער סעט ביכער און אויך דער ניצליכ־סטער צו געבען אלס געשאנק ביי י ע ד ע ר. געלעגענהייט.

צו באקומען אין אלע בוכהאנדלונגען און ביים פארלעגער:

MAX N. MAISEL
424 Grand St., New York

באַזאָרגט זיך מיט אַ ביבליאָטעק

פאָלגענדע ביכער קאָנט איהר באַקומען אין

פאַרלאַג „וועקער“

175 איסט בראָדוויי

וועראַ פיגנער: מעמואַרען (3 בענדער), שעהן געבונדען — — — — —	$6.00
די זעלבע דע־לוקס אויסגאַבע — — — — — — — — — — — —	8.00
קאַרל קאַוטסקי: אַנטוויקלונג פון סאָציאַליסטישען געדאַנק (2 בענדער)	4.00
קאַרל קאַוטסקקי: עטיק — — — — — — — — — — — —	2.00
מאָרים הילקוויט: געשיכטע פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין אַמעריקא (2 בענדער) — — — — — — — — — — — — —	6.00
מאָרים הילקוויט: פון מאַרקס ביז לענין — — — — — — — —	.50
א. באָגדאַנאָוו: פּאָליטישע עקאָנאָמיע (2 בענדער) — — — — —	4.00
פּעטער קראָפּאָטקין: מעמואַרען פון אַ רעוואָלוציאָנער — — — — —	1 50
בראַדער קריסטיאַנסען: קונסט (2 בענדער) — — — — — — —	3.50
דר. גאָלדענווייזער: אַנטראָפּאָלאָגיע — — — — — — — — —	2.00
ס. הערבערט: עוואָלוציע — — — — — — — — — — —	2.00
ווילהעלם ירוזאַלעם: פילאָזאָפיע — — — — — — — — — —	2.00
ב. וויינשטיין: פערציג יאָהר אין דער אידישער אַרבייטער באַוועגונג —	1.25
ה. לאַנג: אויף אַמעריקאַנער וועגען — — — — — — — — — —	1.25
דר. ב. האָפמאַן (צביון): „מיין רייזע אין ארץ־ישראל“ — — —	1.00
א. ראָזבערי: געשיכטע פון דער ענגלישער אַרבייטער פּאַרטיי — —	1.25
י. אַדלער: לידער (2 בענדער) — — — — — — — — — — —	2.25
לעוו דייטש: פופציג יאָהר רוסישע רעוואָלוציע — — — — — —	.50
וועבסטער: ענגלישער ווערטערבוך, לעדער אײַנבאַנד — — — — —	1.75
וולאַדימיר מעדעם: עראינערונגען (2 בענדער) — — — — — —	2.50
ב. באָטווינִיק: ערצעהלונגען — — — — — — — — — — —	1.25
מענדעלי מוכר ספרים: אַלע ווערק (8 בענדער), אייראָפּעאישע פּראַכט־אויסגאַבע — — — — — — — — — — — — — — —	14 00
ש. אַנ־סקי: אַלע ווערק (6 בענדער) — — — — — — — — —	12.00
יצחק אַייזיק הורוויטש: די אַנטוויקלונג פון אַמעריקאַנער דעמאָקראַטיע	2.50
גאָנטשאַראָוו: אָבלאָמאָוו (ראָמאַן) אין 3 בענדער — — — — — —	5.00
א. ליטווין: אידישע נשמות (6 בענדער) — — — — — — — —	7.00
י. ש. פּרענאָוויץ: ערצעהלונגען און לידער (2 בענדער) — — — —	2.00
דער טעראָר געגען סאָציאַליסטען אין סאָוועט רוסלאַנד און גרוזיען —	.50
דזשיימס אָ׳ניעל: געשיכטע פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין אַמעריקא — — — — — — — — — — — — — — — —	.10
נחום י.: פאַבלען און לידער (2 בענדער) — — — — — — — —	2.00

דאָס זיינען די ביכער, וואָס איהר קענט קריגען אין פאַרלאַג „וועקער“. אויב אייער באַשטעלונג איז העכער פון 5 דאָל., קריגט איר זיי ביליגער מיט 30 פּראָצ. (דאָס באַציהט זיך ניט אויף וועראַ פיגנער׳ס מעמואַרען).

FARLAG WECKER

175 EAST BROADWAY NEW YORK

דער „אידישער וועלט-אַלמאַנאַך״ פאַר דעם יאָהר 1926 און אונזער פאַרבאַרייטונג פאַר דעם יאָהר 1927.

דער „אידישער וועלט-אַלמאַנאַך״ איז דער ערשטער פארזוך צו געבען דעם אידישען לעזער א ווערק פון פארשידענארטיגער אינפאָרמאציע אויף אלע געביטען פון אידישען און אלגעמיינעם געזעלשאפטליכען לעבען.

ניט קוקענדיג אויף דעם, וואס אונז איז געלונגען צונויפצוזאמלען אין דעם אלמאַנאַך אזא וויכטיגען און רייכען מאטעריאל זיינען מיר אָבער נאָך אלץ ניט צופרידען. ווייל פילע פלענער, וועלכע מיר האָבען געהאט ביים אָנפאנג פון אונזער ארבייט, האָבען מיר געמוזט אָפּלעגען פאר דער צווייטער אויסגאבע פון אלמאַנאַך, וואָס וועט ערשיינען אָנפאנג יאָהר 1927.

די אָפּטיילונג פון אידישען טעאטער און קונסט האָט געקאָנט זיין פיל גרעסער. און ווען די צייט וואָלט ערלויבט, וואָלטען מיר זיכער קיין זאך ניט אויסגעלאָזט, וואָס זאָל דיזע אָפּטיילונג מאכען פאָלקאָם. דאָס זאמלען דעם נויטיגען מאטעריאל האָט ביי אונז אוועקגענומען פיל צייט און גרויס אָנשטרענגונג. די פארוואלטונג פון דעם „אידישען וועלט-אלמאַנאַך״ האָט געטאָן דאָס בעסטע אונטער די אומשטענדען, אָבער מיר שטעלען זיך מיט דעם ניט צופרידען. מיר האָפען, אז פאר דער קומענדער אויס-גאבע פון יאהר 1927 וועלען מיר קריגען די מיטהילף פון אלע פאראינטערעסירטע אינסטיטוציעס און פערזאָנען; שוין צוליב דעם אליין, וואָס די יעצטיגע אויסגאבע וועט זיך זעלבסט רעקאָמענדירען אלס א נויטיגע אינסטיטוציע אין אידישען לעבען.

„די אמעריקאנער שטעדט און שטעדטלאך״ וועלען אין אונזער צווייטער אויסגאבע פארנעמען א פיל גרעסערען און אָנגעזעהענעם פּלאץ. די הונדערטער שטעט און שטעט-לאך, וואו עס לעבען און שאפען די אידישע מאסען אין אמעריקא, דארפען געפינען דעם געהעריגען פּלאץ אין „אידישען וועלט-אלמאַנאַך״; זייער טעטיגקייט, אינדיווידועל און געזעלשאפטליך, וועט זיך דאָרט גענוי אָפּשפּיגלען.

די דירעקטאָרי פון אידישע ארבייטער, אלגעמיינע אָרגאַניזאַציאָנען און אינסטי-טוציעס וועט באדייטענד פארגרעסערט ווערען און וועט ארומנעמען די וויכטיגסטע אידישע צענטרען.

די אידישע ליטעראטור און פרעסע אין אמעריקא, ווי אויך אין אנדערע לענדער, די פארשידענע קולטורעלע אינסטיטוציעס, וועלען גענוי באהאנדעלט ווערען אין דער קומענדער אויסגאבע פון „אידישען וועלט-אלמאַנאַך״.

ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס דער אלמאַנאַך איז דער בעסטער וואָס איז ווען געשאַ-פען געוואָרען אויף דיזען געביט, האָבען אָבער די ארויסגעבער די אמביציע צו שאפען נאָך א גרעסערען, שעהנערען און מעהר אינהאלטסרייכען אלמאנאך פאר דעם קו-מענדען יאָהר 1927.

מיר באדאַנקען אלע אָרגאַניזאציעס, אינסטיטוציעס, פּריוואטע אונטערנעמונגען און איינצעלנע פּערזאָנען פאר דער הילף, וואָס זיי האָבען אונז געגעבען פאר דיזער אויסגאבע און ערווארטען, אז זיי וועלען אונז אויך געבען זייער הילף אין אונזער צוקונפטיגער אונטערנעמונג.

די אַרויסגעבער פון „אידישען וועלט-אַלמאַנאַך״.